בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 1

פר' בהר

כ"א אייר תש"פ

May 15, 2020

## על פרשת השבוע

**וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ, שַׁבָּת לַה'** (ויקרא כה, ב)

...ויש לפרש על פי מה דאיתא בזוהר הקדוש על פסוק (תהלים לז, ג) בטח בה' ועשה טוב שכן ארץ וגו', בטח בה' ועשה טוב כדי שיהיה לך משכן בארץ, עד כאן. פירש על ידי בטחון דווקא יהיה לך קיום ומשכן בארץ, כי זה היה כוונת הבורא ברוך הוא שהכניסנו לארץ ישראל בכדי שתחול עליהם קדושת הארץ, ובמה היה לנו קיום ושייכות עם ארץ ישראל רק במדת הבטחון, כמאמר הכתוב (ויקרא כה, יח) וישבתם על הארץ לבטח, פירוש אימתי **וישבתם על הארץ רק כשיהיה לכם בחינת לבט"ח**, פירוש מדת בטחון, ועל ידי הבטחון ואמונה בה' שאנחנו מאמינים בה' שהכל בא רק ברצונו ית' וכמאמר הכתוב (תהלים קמה, טז) פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון, ר"ל שרק ברצונו ית' הוא משביע לכל חי, ואין אנחנו עושים כלום, ולכן אנחנו בטוחים בהשי"ת שתמיד יתן לנו שפע וקדושה ברצונו הטוב (אף על פי שאין אנו כדאי) ובזאת הבחינה יהיה לנו קיום בא"י הקדושה...

(בת עין, פרשת בהר)

**כִּי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם**
**וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה'** (ויקרא כה, ב)

...אך עדיין לא היה לה הזדככות כל כך שתוציא תבואתה בלי חרישה וזריעה, עד שיבואו לארץ ישראל, ואוירא לארץ ישראל מחכים (בבא בתרא קנ"ח ע"ב), ויוכל האדם לשלוט ביצרו ולתקן מעשיו, **וגם הארצות של ארץ ישראל אינו מגושם כל כך כמו בשארי ארצות, שהיא מקודשת** משאר ארצות, ושם יזרעו שש שנים לשם

המשך בדף ב'

**הרב ישכר שלמה טייכטאל זצ"ל הי"ד**
**רב ואב"ד וראש ישיבה בפישטיאן, סלאוואקיי,**
**בעהמ"ס שו"ת משנה שכיר**

נולד בשנת תרמ"ה - נהרג על קידוש השם בחודש שבט תש"ה

דעם ספר איז געשריבען געווארן אינמיטן דעם שרעקליכן צווייטן וועלט קריג אין די שטאט בודאפעסט ווי ער האט זיך אויסבאהאלטן אין א בונקער. די ווערטער זענען געשריבן מיט טרערן און בלוט פיל מיט ווייטאג, צוזעהנדיג דעם שרעקליכען חורבן פון דאס אייראפעאישן אידנטוהם, די נאצישע רוצחים וואס האט נישט געשוינט קיין אינג אדער אלט האבן געפלינדערט און גערויבט, דערמארדערט מיליאנען אידען על קידוש שם יתברך. האט דאן דער הייליגער מחבר זיך אונטערגענומען אלס א נדר צו שרייבן א ספר כדי צו מבאר זיין דעם חוב פון א יעדן איד צו ארויפגיין און זיך באזעצן אין ארץ ישראל.

נאכ'ן זיין בגיא ההרוגה אוישוויץ איז ער גרויזאם אומגעקומען

ביי די שרעקליכע טויט-מארש, דורך אן אוקראיינישער נאצישער רוצח צוליב וואס ער האט זיך דרייסט אנגענומען פאר א צווייטן איד.

## אם הבנים שמחה

הרה"ג ר' ישכר שלמה טייכטל זצ"ל הי"ד, בע"מ שו"ת משנה שכיר
איבערגעטייטשט אין אידיש

---

### הקדמה ראשונה

איך האב געזעהן אין א בריוו וואס רבינו בעל התניא האט עס געשריבן צו רבינו מברדיטשוב זכותם תגן עלינו, אינעם יאר תקס"ב, ווען מען האט אים מבשר געווען אז ער גייט ארויס פריי פון תפיסה אין פעטערבורג'[1], וז"ל: אגידה ואדברה עצמו מספר, כי הפליא והגדיל ה' לעשות בארץ, ומי אנכי, שפל אנשים כמוני שהביאני ה' עד הלום, שנתגדל ונתקדש שם שמים על ידי וכו', אך מאת ה' היתה זאת, לגלגל זכות על ידינו[2] אין דעם זכות פונעם הייליגן לאנד און אירע איינוואוינער, וואס דאס איז אונז בייגעשטאנען און העלפט אונז ארויס אין יעדע צייט, להרחיב לנו בצר ולחלצינו ממיצר", עכ"ד וואס אונז ברויכען צו אונזער ענין.

און איך האב ארויס געלערנט פון זיינע הייליגע ווערטער ממש א נייע זאך וואס איך האב נישט געוויסט ביז יעצט, און איך האב ביז יעצט נאכנישט געזעהן אין קיין שום ספר - אז אין דער צייט וואס א איד איז אין א צרה, ר"ל, קען ער ניצל ווערן פון די צרה אין די זכות פון ארץ ישראל און אירע איינוואוינער, ווי ער שרייבט בפירוש "אז די **זכות ארץ ישראל ויושביה - היא שעמדה לנו ותעזור לנו בכל עת, להרחיב לנו מצר ולחלצינו ממיצר**", עכ"ל. דאס הייסט אז דאס איז אים בייגעשטאנען. און אויך שרייבט ער אז דאס וועט אונז העלפען אין יעדער זמן וואס מיר זענען אין א צרה, ר"ל, להרחיב לנו מצר ולחלצינו ממיצר.

און דער רבי פונעם בעל התניא ז"ל, רבינו הקדוש ר' בער ממעזיבוז ז"ל[3] האט שוין מעיד געווען אין זיין צוואה וואס ער האט געשריבן צו זיין זוהן ז"ל, אז זיין חכמה, (פונעם בעל התניא) זיין פארשטאנד און זיין דעת איז עד אין חקר, ושקול דעתו הראשון הוא נביאה קטנה. אבער עס איז איבעריג ארויסצוברענגן און פארציילען די גרויסקייט פון רבינו בעל התניא וויל ווער ווייסט דען נישט זיין שאצונג און זיין גרויסקייט אין די אלע דורות. און איך האב דא נישט דערמאנט זיין גרויסקייט נאר צוליב די נייע זאך וואס איך האב געלערנט פון זיינע הייליגע ווערטער. און אויב איך וואלט נישט געזעהן נאך בחז"ל און אנדערע ספרים הקדושים אין דעם ענין, אז די זכות פון ארץ ישראל טוט אויף אונז שיצן אונז צו באפרייען פון ענגשאפט, איז אונז אבער זייער באגלייבט דברי רבינו. ווייל אלע זיינע ווערטער זענען געזאגט געווארן ברוח הקודש.

און נאכן ארייננקוקען אין ספרים, האט דער אייבישטער באלויכטען מיינע אויגן און מיין שכל צו טרעפן א מקור נאמן לדברי רבינו הנ"ל, און פון תורת משה רבינו אליין האב איך דאס געלערנט. עס שטייט אין פרשת בחקותי "וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור והארץ אזכור"[4]. און רבותינו אין מדרש רבה (שם)[5] האבן שוין געפרעגט מה ענין הארץ לכאן, ווי קומט אהער דעם הארץ אזכור. עיי"ש וואס מען ענטפערט דארט. אבער לדברי רבינו ז"ל פארשטייט מען זייער גוט. ווייל קוקט אריין אין רש"י דארט וואס ער פרעגט "למה נמנו אחורנית," פארוואס רעכנט די פסוק אויס די אבות פארקערט אנגעהויבן מיט יעקב - פארוואס נישט אויף די סדר פון אברהם, יצחק און יעקב, נאר די פסוק זאגט אז די זכות פון יעקב אליין איז כדאי צו געדענקן, און אויב נישט איז די זכות פון יצחק מיט אים, און אויב איז דאס אויך נישט גענוג איז די זכות פון אברהם מיט זיי אלע, עיי"ש. איז לויט דעם קען מען מוסיף זיין, אז אויב איז אלע דריי נישט כדאי, דאס הייסט אז עס האט זיך געענדיגט די זכות אבות ח"ו, זאגט אונז דער פסוק אבער, "והארץ אזכור" - אז די זכות פון ארץ ישראל תחלצם ממיצר. קומט אויס אז עס איז דא א ריינע מקור לדברי רבינו ז"ל אין די הייליגע תורה אליינס, אז די **זכות פון ארץ ישראל שטייט העכער אלע זכותים וואס מיר האבן, און עס איז אפילו גרעסער פון זכות אבות**, און אפילו אויב זייערע זכותים וועט אונז נישט העלפן, וועט די זכות פון ארץ ישראל אונז מגין זיין ממיצר אין א יעדע צייט וואס מיר געפינען זיך אין א צרה, ר"ל.

> "א ספר וואס איז נוגע צו די כבוד פון ארץ ישראל, צו זוכן איר זכות, לרומם קרנה בכבוד, און צו ווייזן פאר א יעדן ביז ווי ליגט אויף אונז די חיוב איר צו אויפבויען"

דערנאך האב איך געטראפן אין א מכילתא פרשת בשלח[6], אין דעם פסוק "מה תצעק עלי, דבר אל בני ישראל ויסעו"[7] - "רבי ישמעאל אומר: **בזכות ירושלים אני קורע להם את הים** שנאמר" וכו'. עיי"ש. זעהן מיר אז די אידן זענען געווען אין אן עת צרה, און די זכות פון ירושלים איז זיי בייגעשטאנען. והוא פלא. וואס האט ירושלים צו יענעם זמן, אבער דאס איז וואס דער בעל התניא האט אונז געזאגט, אז די זכות פון ארץ ישראל שטייט אונז דערביי צו יעדער צייט וואס מיר זענען אין א צרה לחלצינו ממיצר. און מיר ווייסן פון חז"ל אין מדרש[8] אז צומאהל ווערט ארץ ישראל אנגערופען מיטן נאמען "ירושלים" וואס איז אינעם צענטער פון גאנץ ארץ ישראל. אזוי ווערט געברענגט במדרש הנעלם בזוהר[9] פרשת וירא, דכל ארץ ישראל בכלל ירושלים היא, עיי"ש. זעהן מיר אז דברי רבינו הבעל התניא זענען מבואר בתורה במקרא מפורש ובמדרש חז"ל. און זיינע ווערטער זענען אמת כמשה מפי הגבורה.

און וויבאלד עס איז יעצט אזוי, אז מיר בני ישראל געפינען זיך אין א צרה גדולה, רחמנה לצלן במהרה, און די צרות שטארקט זיך אויף אונזער האלז און עס באנייט זיך נישט נאר פון טאג צו טאג, נאר פון שעה צו שעה. אויב וואלט איך געטראכט צו פארציילן - וואלט נישט גענוג געווען די העפטן, און איך לאז איבער דעם פארציילונג פאר די היסטאריע שרייבער, דער עיקר איז פאר מיר צו וויסן אז מיר זענען אין א צרה גדולה ר"ל, ואין לנו יום שאין קללתו מרובה

המשך בדף ב'

[1] נאכן ווערן באפרייט ביום י"ט כסליו

[2] דער הייליגער בעל התניא האט אסאך עוסק געווען אין מחזק זיין דעם ישוב אין ארץ ישראל

[3] דער הייליגער מגיד פון מעזריטש, תלמיד הבעש"ט הקדוש

[4] ויקרא כו, מב

[5] ויקרא רבא פרשה לו, אות ד

[6] פרשה ג'

[7] שמות יד, טו

[8] אסתר רבא, פרשה א', אות ט

[9] זוהר הק' ח"א דף קיד א'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
**הרוצה בעילום שמו**, מאנסי, ניו יארק
לזכות התנא אלוקי **רבי שמעון בר יוחאי**
יברכך ה' מציון, וראה בטוב ירושלים, וראה בנים לבניך

**עורך:** שלום ברוך יהודה לעבאוויטש, ירושלים עיה"ק

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצובערענגן שבח ארץ ישראל

**על פרשת השבוע** - המשך מדף א'

קדושה, דהיינו רק לקיום גופם שיוכלו לעסוק בתורה ועבודה, ולא לשם תאות עולם הזה, ולא להרבות הון, ובזה מקדשין הארץ, ובאה הארץ על ידי זה לידי זיכוך יותר ומתחרטת יותר על השינה של ימי בראשית, ותוכל להוציא תבואתה בשנה השביעית אף אם לא יחרשו ולא יזרעו, ויספיק תבואה די והותר בשפע רב לאין שיעור.

שכן מצינו ביצחק אבינו, שכתוב אצלו (בראשית כו, יב) ויזרע יצחק בארץ ההיא וימצא בשנה ההיא מאה שערים וכו', ודרשו ז"ל (בראשית רבה סד, ו) כמה שאמדוהו היה מאה פעמים כן, וזאת הברכה היה מחמת שיצחק זרע שדותיו לשם קדושה ולא לשם תאות עולם הזה לכן נתקדשה הארץ ונזדככה והוציאה גם מכחה בלי זריעה מאה פעמים ככה...

(מאור ושמש, פרשת בהר)

**וְנָתְנָה הָאָרֶץ פִּרְיָהּ וַאֲכַלְתֶּם לָשֹׂבַע וִישַׁבְתֶּם לָבֶטַח עָלֶיהָ** (ויקרא כה, יט)

והגם שכבר אמר בפסוק שלפני זה וישבתם על הארץ לבטח, חזר לומר כן, להבטיח שלא יסובב הפלגת שבח הפרות לבוא עליהם שודד, ולזה דקדק לומר בפסוק ראשון וישבתם על הארץ, לומר שהבטחה זו היא על חמוד הארץ, והבטחה שניה על חמוד פרותיה, ובזה נמצאו בטוחים על הארץ ועל פרותיה.

(אור החיים הק', פרשת בהר, פרק כה)



משכנות שאננים - ימין משה, ירושלים

Credit @ruchyl_photography

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

מחבירו, וועגן דעם איז זיכער אז מיר ברויכן יעצט דעם זכות פון ארצינו הקדושה אונז צו באשיצען און אונז אפהיטען ולהרחיב לנו מצר און אונז ראטעווען פון ענגשאפט. און די הייליגע תורה האט אונז שוין פארציילט פון יעקב אבינו ע"ה, בשעת ווען ער איז געווען אין א צרה האט ער געמאכט א גרויסן נדר צום באשעפער, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: "וידר יעקב נדר לאמר, אם יהי' אלוקים עמדי, ושמרני בדרך הזה אשר אני הולך, ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש, ושבתי בשלום אל בית אבי" וכו'[10]. און חז"ל זאגן אויף דעם, וואס איז דאס "לאמר", נאר פון דא לערנען מיר ארויס אז מיר מאכן א נדר ווען מען איז אין א צרה[11]. אזוי אויך איך, וואס בשעת כלל ישראל איז אין א צרה ר"ל, און דער אייבישטער האט מיר דערוועקט צו זעהן דברי רבינו הקדוש בעל התניא הנ"ל, אז די זכות פון ארץ ישראל וועט אונז מרחיב זיין פון אונזערע צרות און אונז ארויסנעמען פון ענגשאפט, בין איך יעצט מקיים אין מיר דברי חז"ל הנ"ל, וואס לערנען ארויס פון די ווערטער פון יעקב אבינו וואס האט געמאכט א נדר בעת צרה - אז די זעלבע זאל טוהן א יעדער איד צו מאכן א נדר בעת צרה, און איך אויך וועל מאכן א גרויסע נדר לאלוקי ישראל, און איך וועל מתפלל זיין אזוי ווי די תפילת אבינו הזקן הנ"ל בשם כל ישראל: אויב דער אייבישטער וועט זיין מיט מיר אין די צייטען פון די שווערע גזרות, און וועט מיר אפהיטען אז מען זאל מיר נישט קענען מזיק זיין, און ער וועט מיר אויך געבן לחם לאכול ובגד ללבוש, און עס זאל ביישטיין די זכות פון ארץ ישראל, מיר צו באשיצען און מיין הויז געזונד, אז עס זאל נישט פאסירן צו מיר און מיין הויז געזונד קיין שום שאדן, קיין שום נגע ופגע זאל זיך נישט דערנענטערן צו אונז ביז די צייט ווען עס וועט קומען די ישועה צו אידן בכלל און צו מיר בכללם בקרוב.

און איך בעט בשם כל ישראל עס זאל זיך דערוועקן אויף אונז די זכות פון ארץ ישראל אונז צו ראטעווען, ויאמר לצרותינו די, און עס זאל מקויים ווערן במהרה בימינו די פסוק "שבע יפול צדיק וקם"[12], ורשע באחת תפול[13], און **אונזער הייליג לאנד זאל מעורר זיין א זכות אויף אונז לפקדנו שנעל בדבר ישועה ורחמים**, ווייל מען קען שוין מער נישט אויסהאלטן, הלוואי אז די יסורים וואס מיר זענען פאראיבער במשך די לעצטע יארן זאל זיין יסורים פון חבלי משיח, און משיח צדקינו זאל שוין קומען און אונז אויסלייזן פון זייערע הענט. אבער מיר ווייסן נישט וואס איז דער רצון הבורא בביאת המשיח, כי ליבא לפומא לא גליא[14], דער אייבישטער האט דאס צו קיינעם נישט מגלה געווען, און די אופן פון זיין קומען ווי אזוי עס וועט זיין איז באהאלטען מכל חי, ווי עס ווערט געברענגט בדרשות הר"ן[15], אז פונקט אזוי ווי מיר ווייסן נישט ווען ער וועט קומען, אזוי אויך קענען מיר נישט וויסן ווי אזוי ער וועט קומען, צו וועט ער קומען בדרך נס נגלה אדער בדרך נס נסתר באהאלטען אין טבע. עכ"פ, צו ח"ו נאך דעם וואס די צרות וועלן זיך שוין ענדיגן, ואף ירחיב לנו ה', עס קען זיך נאך אויפהאלטען ביאת משיח ביז עס וועט זיין רצונו יתברך אים צו שיקן צו אונז - נעם איך מיר אונטער בנדר אזוי ווי די נדר פון יעקב אבינו ע"ה, צו מחבר זיין א ספר תיכף נאך דעם וואס דער אייבישטער וועט מיר גרינגער מאכן די צרות, א ספר וואס איז נוגע צו די כבוד פון ארץ ישראל, צו זוכן איר זכות, לרומם קרנה בכבוד, און צו ווייזן פאר א יעדן ווי עס ליגט אויף אונז די חיוב איר צו אויפבויען, צו פארשענערן און פעסטשטעלן, איר אויפהייבן פון איר שטויב, און אז א יעדער איד זאל זיך משתדל זיין מיטן בויען פון ארצינו הקדושה, און אין דעם ווענדט זיך אונזער גאנצע גאולה. און ארץ ישראל, וואס זי איז די מאמע פון דאס אידישע פאלק, ווי עס ווערט געברענגט אין ירושלמי[16], **זי בענקט זיך און ווארט אויס אויף אונז בכליון עינים, אז אונז זאל מיר שוין משים לב זיין צו איר**, איר צו אהערשטעלן, איר צו באפעסטיגן און דערהייבן אירע מויערן מיט א פאן פון כבוד, אונז אלע - פון די גרויסע ביז די קליינע.

דאס אלעס וועל איך מבאר זיין בעזהשי"ת אין מיין ספר הנ"ל, לכבוד קודשא בריך הוא ושכינתיה. און אין דעם זכות וועט דער אייבישטער באשיצן אונז און אלע אידן הנתונים בצרה, און אויך מיר בכללם, און איך האף צום אייבירשטען דער שומר ישראל, אז ער זאל מיר אפהיטן פון די מזיקים און מיר דערשטארקען בבריאות שלמה, און זיי זאלן נישט האבן קיין שליטה אויף מיר און אויף מיין שטוב בכלל כל ישראל, און אז איך זאל קענען מקיים זיין מיין נדר וואס איך האב געמאכט. און די זכות פון ארץ ישראל וואס איך וועל זיך אננעמען אין איר כבוד, זאל מיר ביישטיין להרחיב לנו מצר ולחלצינו ממיצר, און אז איך זאל קענען מקיים זיין מיין נדר הנ"ל מיט הרחבת הלב ובדעת שלימה ב"ב אמן, כן יאמר ה'.

המשך בגליון הבא אי"ה

[10] בראשית כח, כ-כא

[11] בראשית רבה פרשה ע', אות א

[12] משלי כד, טו

[13] עפ"י משלי כח, יח "ונעקש דרכים יפול באחת"

[14] שו"ט, תהלים פרשה ט, ד"ה למנצח, קה"ר פרשה יב, י

[15] סוף דרוש י"א

[16] ברכות פ"ב, יח ע"ב

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרי ראשונים ואחרונים וואס ברענגן ארויס די מעלת פון א"י

### מצות ישוב ארץ ישראל

דאס וואוינען אין ארץ ישראל איז א גרויסע מצוה, וכבר מנו אותה ז"ל מכלל תרי"ג מצות, און אין ספרי (ראה פ') שטייט אז מצות ישוב ארץ ישראל איז שקול אנטקעגן אלע מצות שנאמר וירשת וישבת בה, און רז"ל האבן שוין אויסגעליבט (כתובות קי ע"ב) אז ווער עס וואוינט אין ארץ ישראל איז גלייך אז ער האט א באשעפער וכו', און ווער עס וואוינט אין ארץ ישראל רוהט אן א זינד וכו', און ווער עס איז נקבר אין ארץ ישראל איז כאלו קבור תחת המזבח, און וויפיל אידן האבן זיך אריינגעשטעלט אין א סכנה אריבער צו גיין נהרות כדי אריינצוגיין קיין ארץ ישראל און האבן געקושט די שטיינער און זיך געוואלגערט אין איר שטויב וכו'...

ווער עס איז בעת תשובה און האט חרטה אויף זיינע זינד און וויל ארויפגיין לא"י מיט זיין תשובה וואס איז מכפר, איז דאס ארויפגיין קיין א"י נאך א זכות פאר אים און וועט אים ראטעווען פון א חטא כל ימיו...

(תשב"ץ ח"ג סי' רפח)

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים און ארץ ישראל

### מערת רבי שמעון בר יוחאי

פקיעין, גליל העליון

לויט די אנגענומענע מסורה, האבן זיך באהאלטען אין דעם הייל דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי פאר א סך הכל פון דרייצן יאר, צוזאמען מיט זיין זוהן רבי אלעזר, און דארט מחבר געווען דעם זוהר הקדוש. אין יאר ג' תתצ"ח איז געקומען אליהו הנביא און געשטאנען ביים פסח המערה און זיי מודיע געווען אז דער רוימישער קייזער אדריאנוס איז געשטארבען און זיי קענען שוין ארויסקומען פון דארט. אבער דערנאך זענען זיי צוריק פאר נאך א יאר.

לעבן דעם הייל איז דא א גרויסן באקסער בוים וואס איז ארויסגעוואקסן לכבודם בדרך נס, פון וואס זיי האבן זיך דערפון געשפייזט דורך די אלע יארן.

דאס פלאץ איז אויך פארהייליגט ביי די דארטיגע דרוזישע איינוואוינער און האלטן דאס פלאץ בכבוד.

יארן צוריק האט פאסירט אן ערד ציטערניש און א גרויס חלק פון די מערה איז איינגעפאלן. יעצט איז די עפענונג זייער שמאל מיט פלאץ פאר צוויי מענטשען.

היינט צוטאגס איז דא דארט שטיינערנע טרעפ וואס פירט אראפ צום מערה, און א באקוועם פלאץ פאר די פולע באזוכער.

דער אור החיים הק' האט דארט געלערנט פאר צוויי חדשים, ווי ער שרייבט אין א בריוו "וקדשנו עצמנו שם, ולמדנו שם ב' חדשים סיון ותמוז".

פון דעם מהר"ל מפראג ווערט געברענגט אז דאס פלאץ איז א מקום מיוחד און שטארק מסוגל לתפילה, ווי ער שרייבט "דע שאין ספק שיש מקומות בעולם מיוחדים לדברים קדושים אלוקיים ביותר, ובפרט המערה שהיה שם רשב"י נטמן ראוי לזה, ואין ספק שהי' נגלה אליהו והקב"ה לרשב"י כמה פעמים במערה והי' גלוי של אליהו נמצא שם בפעל כבר, גם אתה נגלה שם אליהו".

דער רייזענדער ר' שמחה ב"ר יהושע מזאלאזיץ וואס האט באזוכט דעם פלאץ אין יאר תקכ"ד שרייבט: "...עיר פקיעין, ויש שם יהודים חמשים בעלי בתים... ופקיעין מלאה כל טוב הארץ לא יחסר כל בה... ושם אילן החרובין של רשב"י והוא זקן ואינו עושה פירות והנכרים נוהגין בו קדושה... וסיפר לי ר' ראובן מסאטנוב שכל כך הוא גדול עד שעל צמרות האילן ישב שם עם כמה אנשים ולמדו זהר בחבורה".



בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצובריינגען שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָ͏ִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

**פר' בהעלותך**
פר' שלח באה"ק
כ"א סיון תש"פ
June 13, 2020
גליון מס' 5

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### מצות ליושבי ארץ ישראל

והנה, הכתוב שאמר (דברים יא יח) "ואבדתם מהרה ושמתם את דברי אלה וגו'" אינו מחייב בגלות אלא בחובת הגוף כתפילין ומזוזות, ופירשו בהן כדי שלא יהו חדשים עלינו כשנחזור לארץ, כי עיקר כל המצות ליושבים בארץ ה'. ולפיכך אמרו בספרי (ראה פ) "וירשתם אותה וישבתם בה ושמרתם לעשות (דברים יא לא לב) - ישיבת ארץ ישראל שקולה כנגד כל המצות שבתורה". וכך הוא בתוספתא דע"ז (פ"ה ה"ב).

(רמב"ן, ויקרא יח, כה)

### חלק בארץ ישראל

להודיע כי מעלה גדולה יש לארץ ישראל. מי שיש לו בה חלק, חשוב הוא כחלק עולם הבא.

(ראב"ע, בראשית ל"ג, י"ט)

### ספרים בארץ ישראל

ספרים שזכת בהן ארץ ישראל אין מוציאין אותם חוצה לארץ.

(ירושלמי סנהדרין, הלכה ט')

### מת בארץ ישראל

א"ר לוי: כל הדר בארץ ישראל אפילו שעה אחת ומת בתוכה, מובטח לו שהוא בן עולם הבא. ומה טעם, "וכפר אדמתו עמו" (דברים ל"ב, ל"ג), א"ר נחמיה, ארץ ישראל שהיא מכפרת על עוונות מתיה.

(מדרש משלי, פרק י"ז)

### קבוע בארץ ישראל

תנא בשם ר"מ כל מי שקבוע בארץ ישראל ומדבר בלשון הקודש ואוכל פירותיו בטהרה וקורא ק"ש בבוקר ובערב יהא מבושר שכן עולם הבא הוא.

(ירושלמי, שקלים הלכה ג')

המשך בדף ב'



פירות הארץ - שוק מחנה יהודה, ירושלים
Credit: EL

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הר"ר **זלמן לייב שטוהל** הי"ו, ברוקלין נ.י.
לע"נ **איטא** בת **מנחם מנדל** ע"ה
בזכות זה יזכה לעלות עם ב"ב לארץ חמדה טובה ורחבה, לאכול מפריה ולשבוע מטובה, ולברך עליה בקדושה ובטהרה

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### הקדמה שניה - המשך...

צו אזעלכע מענטשען, אפילו די וועסט זיי ברענגען טויזענטער ראיות פון די תורה וועט גארנישט העלפען להטות לבם אל האמת, אזוי ווי עס איז שוין געשעהן צו יהושע און כלב מיט די מרגלים. וועגן דעם זענען מיינע ווערטער אין מיין ספר נאר פאר איינעם וואס וויל וויסן דעם אמת אזוי ווי עס איז, און זיי וועלן צו לייגן אן אויער צו וואס איך שרייב דא. איך זאג נישט זייטס מקבל מיין דעת, איך קום נאר מיט א משא ומתן של הלכה און ווער עס וויל אפפרעגן מיינע ווערטער, זאל ער מיר אפפרעגן. אבער אויב קומט ער צו מיר מיט פאלשע טענות אן ראיות פון חז"ל - אין שומעין להם, כמבואר במבי"ט הנ"ל.

און אמת'ן די תנועה פון עלייה ארויפצוגיין און זיך באזעצן אין ארץ ישראל, איז נישט ניי, עס איז שוין נתעורר געווארן אין דעם גדולי וצדיקי עולם אין די פריערדיגע יארן, וויבאלד דעמאלטס איז אבער געווען א תקופה פון רואיגקייט ביי אידן, מען איז געזעצן בשלום ובשלווה בארצות הגולה, האט מען נישט צוגעלייגט אן אויער צו זייערע פייערדיגע ווערטער. עיין רש"י אין מס' קידושין[52], אז אין די צייטן פון עזרא זענען די אידן וואס האבן גוט געלעבט בגולה נישט מיט געגאנגען מיט אים, נאר די ארעמעלייט און צוקלאפטע מענטשען. עיין בסדר הדורות[53] וואס ער ברענגט אראפ פון רבינו הסמ"ע, אז ער האט געזעהן אינעם ספר "מעשה נסים" לרבינו אליעזר מגרמייזא בעל הרוקח, אז עזרא האט געשיקט בריוון צו אלע גלות שטעט אז די אידן זאלן ארויפגיין מיט אים קיין ארץ ישראל, אזא בריוו איז אויך אנגעקומען צו מדינת אשכנז[54] צו די שטאט ווארמס ווי אידן האבן דעמאלטס געוואוינט, און זיי האבן געענטפערט "קערט אייך צוריק צו ירושלים הגדולה, און אונז וועלן בלייבן דא אין ירושלים הקטנה", די אידן זענען דעמאלטס געווען זייער חשוב אין די אויגן פון די שרים און די גוים, און געווען גרויסע עשירים און געוואוינט דארט בשלום ובשלווה, ברענגט ער בשם דעם סמ"ע, אז וועגן דעם איז שטענדיג דא אין ארץ אשכנז און קהילת ווירמייזא גרויסע און שווערע גזירות מער ווי אין אנדערע קהילות, ווייל ביים חורבן בית ראשון זענען אידן זיך געקומען דארט באזעצן און ווען די זיבעציג יאר האט זיך געענדיגט, האט עזרא געשריבן צו זיי אז זיי זאלן ארויפקומען מיט אים אבער זיי האבן נישט געוואלט, עיי"ש. באמת, אז אונז באטראכטען די היסטאריע פון אונזער פאלק, זעהן מיר אז אלע גזירות און צרות הייבען זיך אן אין אין אשכנז אזוי ווי מיר זעהן אין די יעצטיגע טעג. אלעס שטאמט פון די חטא, וואס מען האט נישט געוואלט ארויפגיין מיט עזרא, צוליב זיי זענען געזעצן אזוי רואיג בשלום ובשלווה, כדברי רש"י הנ"ל, און אזוי איז שטענדיג געווען, מתוך די רואיגקייט אין די ארצות הגולה, האבן אונז נישט געוואלט הערן פון עלייה קיין ארץ ישראל.

אזוי איז אין אונזערע טעג, פון די גרויסע עצה, פונעם גדול העצה ונורא עלילות[55], עילת כל העילות וסבת כל הסיבות, האט דער אייבישטער אזוי אנגעדרייט אז אלע אונזערע גוי'שע שכנים זאלן אונז רודפ'ן מיט גזירות קשות אז מען קען מער נישט בלייבן צווישן זיי, ווי גליקלעך וואלט דער איד געווען אויב וואלט ער נאך געקענט זיך אויפהייבן און צוריקגיין צו ארצינו הקדושה, לעת עתה זאל מען צוהערן צום קול וואס רופט צו עליית לארץ ישראל מיט אהבה און חיבה, זעהט אויס אז דאס איז דער פירוש אין שיר השירים אויפן פסוק[56] "משכני אחריך נרוצה", זאגן אויף דעם חז"ל אין מדרש[57], "ממה שגרית בי שכני הרעים, אחריך נרוצה", דער פשט איז, עס איז שוין אסאך יארן אדורך וואס מיר לעבן אזוי גוט און מיט ליבשאפט מיט די גוי'שע שכנים, און פלוצלונג ווערן זיי אונזערע פיינט, שלעכטע שכנים וואס רודפ'ן אונז, און דאס פאסירט נישט סתם אזוי, נאר אלעס ווערט געטוהן און אזוי צוגעשטעלט דורך די טיפע עצה מה' יתברך, אז עס זאל זיין "אחריך נרוצה", מיר זאלן וועלן ארויפגיין קיין ארץ ישראל, ווייל ארץ ישראל קומט תיכף נאך הקב"ה, כמבואר בספר הקדוש "צרור המור" למרן חותנו זקינו של רבינו הבית יוסף[58], און דאס זאגט דער מדרש, מיט דעם וואס די האסט אנגערייצט מיינע שכנים, פארשטיי איך אז איך דארף נאכלויפען נאך דיר, צו ארץ ישראל וואס איז אחריך, והבן הדברים ווייל דאס איז אמת לאמיתה של תורה.

אין די זמן, איז זיכער אז יעדער זאל צוהערן לקול קריאתינו ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל, כמש"כ רבינו הרא"ש בתשובה[59] בזה"ל, "אמר לי לבי, עתה הגיע העת לתקן מה שנתאויתי זה ימים רבים, כי בודאי ישמעו לי בעת הצרה כזאת", עכ"ל, עיי"ש בדבר הנוגע לענינו. אזוי אויך זאג איך בנוגע לענינו. דער נביא חגי[60] שרייט צו די אידן אז זיי זאלן זיך נעמען בויען דעם בית המקדש, "ועתה כה אמר ה' צבאות, שימו לבבכם על דרכיכם, זרעתם הרבה והבא מעט, אכול ואין לשבעה... לבוש ואין לחום לו, והמשתכר משתכר אל צרור נקוב, כה אמר ה' צבאות, שימו לבבכם על דרכיכם", איז רש"י מפרש " שימו לבבכם על דרכיכם - על עסקיכם, עטס זעטס אז עס איז נישטא קיין ברכה במעשה ידיכם, אזוי ווי דער פסוק זאגט " זרעתם הרבה והבא מעט... והמשתכר משתכר אל צרור נקוב..." די גאנצע ריווח וואס איר מאכט גייט צוגרינד, אזוי ווי איינער וואס לייגט אריין זיין געלט אין א געלעכערטן קלייד, עכ"ל. אויף דעם שרייט דער נביא אז מען זאל צולייגן קאפ, און ער דאפעלט זיין לשון, ווי ער ווארנט אז מען זאל נישט צומאכן די אויגן פון צו זעהן אז אונזער גאנצע פלאג גייט לטמיון אין די הענט פון אונזערע פיינט. אין מדרש תנחומא[61] שרייבט ער, "וועסט געפינען אז ווען מען איז געווען אין גלות בבל, וואס זאגט זיי עזרא - גייט ארויף קיין ארץ ישראל, די אידן אליין האבען עס נישט געבעטן, זאגט זיי עזרא " זרעתם הרבה והבא מעט, אכול ואין לשבעה... לבוש ואין לחום לו, והמשתכר משתכר אל צרור נקוב", עכ"ל. דאס אלעס איז געזאגט געווארן אויף די וואס האבן זיך אפגעזאגט פון ארויפגיין קיין ארץ ישראל. אין צפניה[62] שטייט, "ופקדתי על האנשים הקופאים על שמריהם, האומרים בלבבם לא ייטיב ה' ולא ירע, והיו חילם למשיסה ובתיהם לשממה, ובנו בתים ולא ישבו, ונטעו כרמים ולא ישתו את יינם". ממש דאס אלעס איז מקויים געווארן אין אונזערע טעג כמעט אין אלע אייראפעאישע לענדער, אלעס צוליב דעם היסח הדעת וואס מען האט מסיח געווען פון ארויפגיין קיין ארץ ישראל,

המשך בדף ב'

---

[52] קידושין סט, ע"ב
[53] ח"א, ערך ה"א שנת ש"פ
[54] דייטשלאנד
[55] ע"פ ירמיה לב, יט
[56] שיר השירים א, ד
[57] שיר השירים רבה א, ד
[58] סדר מסעי
[59] כלל ד' סימן י'
[60] פסוק ה-ז
[61] פר' תצוה, אות יג
[62] פרק א, פסוק יב-יג

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל


**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## חיבת ארץ ישראל

רבי אבא מנשק כיפי דעכו, רבי חנינא מתקן מתקליה, רבי אמי ורבי אסי קיימי משמשא לטולא ומטולא לשמשא, רבי חייא בר גמדא מיגנדר בעפרה, שנאמר (תהלים קב טו) כי רצו עבדיך את אבניה ואת עפרה יחוננו.

(כתובות קיב, ע"א-ע"ב)

## ועת כנוס אבנים

עת להשליך אבנים – תשתפכנה אבני קדש (איכה ד, א), 'ועת כנוס אבנים' – 'בונה ירושלים ה". (שמו"ר מו, ב)

"יש לפרש בדרך מוסר, דמקודם לא עלה בדעת אחד לבוא לארץ ישראל, וכל שכן בעלי נכסים שלא עלה אפילו על רעיונם איזה הרהור מארץ ישראל, ואפשר שעל זה בא בעווה"ר עתה כל כך צרות, כדי שעל ידי זה נתעוררו מארץ ישראל. ואפילו אותם שהתפללו תפילות 'ירושלים עירך' בדמעות שליש עד עתה, מכל מקום לא חשבו להניח שם אפילו פרוטה אחת, ולעלות לארץ ישראל. וזה שאמר, מקודם צריך להיות 'תשתפכנה אבני קודש בראש כל חוצות' (איכה ד, א) – היה לישראל קדושים צריכים להשתפך בראש כל חוצות, ורק על ידי זה 'נדחי ישראל יכנס'".

(כתבי הגרי"צ דושינסקי זצ"ל, משנת תש"ה)

## וישבתם לבטח

"וישבתם לבטח בארצכם", בארצכם אתם יושבים לבטח, ואי אתם יושבים לבטח חוצה לה.

(ספרא, ויקרא כו ה)

## עלייה לארץ ישראל

רבי זירא, כי הוה סליק לארץ ישראל - לא אשכח מברא למעבר, נקט במצרא וקעבר. אמר ליה ההוא צדוקי, עמא פזיזא דקדמיתו פומייכו לאודנייכו אכתי בפזיזותייכו קיימיתו, אמר ליה, דוכתא דמשה ואהרן לא זכו לה - אנא מי יימר דזכינא לה.

(כתובות קיב, ע"א)

## מובטח שהוא בן עוה"ב

"טוב פת חרבה ושלוה בה מבית מלא זבחי ריב (משלי י"ז) אמר ר' יוחנן "טוב פת חרבה" זו ארץ ישראל שאפילו אדם אוכל בה פת ומלח בכל יום ודר בתוכה מובטח לו שהוא בן עוה"ב, מבית מלא זבחי ריב, זה חוץ לארץ שהיא מלאה חמסים וגזלות".

(מדרש משלי י"ז)

## חיבת הארץ

גדולי החכמים היו מנשקין על תחומי ארץ ישראל ומנשקין אבניה ומתגלגלין על עפרה וכן הוא אומר כי רצו עבדיך את אבניה ואת עפרה יחוננו.

(רמב"ם הל' מלכים, הלכה י')

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

כמבואר במדרש תנחומא הנ"ל.

הגאון יעב"ץ[63] האט זיך אויך אויף דעם אפגערעדט, אז מיר האבן מסיח דעת געווען פון זיך צוריקצוקערן און וואוינען אין ארץ ישראל, וויבאלד מיר וואוינען אין חוץ לארץ רואיג און צופרידען, דאכט זיך אונז אז מיר האבן שוין געפינען ארץ ישראל און אן אנדערען ירושלים, וועגן דעם קומט אויף אונז די אלע שלעכטס, ווען אידן זענען געזיצן אין שפאניע און אין אנדערע לענדער בשלוה, דערנאך זענען זיי פארטריבן געווארן פון איר[64] אז עס איז נישט געבליבן א שארית ישראל אין יענעם לאנד. צדיק ה', ווייל עס איז זיי אינגאנצען ארויס פון קאפ דעם געדאנק פון גלות, און זיי האבן זיך געמישט מיט די גוים, אלעס ווייל מיר האבן פארגעסן פון דעם ארץ הצבי, זיך צוריק קערן לארץ מולדתינו, עיי"ש ווי ער איז מאריך אין די מוסר ווערטער. דאס איז די זעלבע זאך וואס פאסירט יעצט אין אונזערע טעג אין די לענדער, כי קול דודי דופק[65], אונז צו וועקן אונז זאלן גליסטן נאכאמאהל לשוב לארצינו. נאך אלעס וואס עס פאסירט מיט אונז אין די שווערע טעג, איז נישט קיין ספק אז אונזערע ווערטער וועט טרעפן א פריש פעלד מעורר צו זיין בלבות אחינו בני ישראל בגולה, צו גליסטן און בענקן לשוב לארץ חמדה של אבותינו, און מען זאל צולייגן קאפ אז עס איז דא נישט דא קיין ברכה אין זייערע געשעפטען, פון זייער גאנצע פלאג - קומט דער עשיו און נעמט דאס אלעס אוועק פון זיי, נישט נאר דאס אז ער גזל'ט אוועק זייער געלט און פארמעגן, גזל'ט ער אויך פון זיי זייער גוף און לעבן, ווי מיר זעהן וואס געשעהט מיט אונז אין די אייראפעאישע לענדער, בעת הזאת וועלן זיי אוודאי זיך צוהערן צו מיר, כדברי הרא"ש הנ"ל.

נאך האב איך געזעהן אינעם ספר "הון עשיר" לרבינו "משנת חסידים", וואס ער שרייבט אויף די משנה אין סוף מס' סוטה[66] "והגליל יחרב", "יחרב מבתים, כדכתיב 'ועריכם יהיו חרבה'[67], און אזוי ווי דער אייבישטער האט מיר מזכה געווען לעלות לארץ ישראל, פה צפת תוב"ב, וואס איז אין די גליל, בשנת תע"ח, עיני ראו ולא זר איך בעוונותינו הרבים כן היה, די גאנצע שטאט איז פיל מיט חרוב'ע הייזער, אבער תהילה לא-ל, איך האב מיר זייער געפרייט צו זעהן אין די לעצטע צוויי יאר וואס איך האב דא געוואוינט, אז טאג צו טאג בויט מען זיי אויף, און איך זאג אז דאס איז א סימן צו ביאת הגואל במהרה בימינו, ווייל אויב משיח וואלט געקומען צו א חרוב'ע פלאץ וואלט נישט געווען ווי צו וואוינען פאר די קיבוץ גליות, אזוי זעהן מיר אויך ביי די ביאה ראשונה, שאמרו חז"ל[68], אז דער אייבישטער האט צוריקגעהאלטען די אידן אינעם מדבר פאר פערציג יאר, כדי אז אין די צייט זאל די לאנד זיך צוריק קערן צו איר שיינקייט פון די ביימער און די הייזער וואס די אמוריים האבן חרוב געמאכט ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים, ווייל זיי האבן געמיינט אז די אידן קומען תיכף אריין קיין ארץ ישראל, זאלען זיי עס טרעפן פיסט און וויסט, און אזוי ווי דאס לאנד איז צוריק געווארן אזוי ווי עס איז געווען, האט מען אריינגעברענגט די אידן אין לאנד, און אזוי וועט זיין בעהשי"ת ווען משיח וועט קומען שיבא במהרה בימינו, שיתגלא תחילה בארץ הזאת כדאיתא בזוהר", עכ"ל הקדוש.

איך בין געבליבן שטיין געפלעפט מיט די מציאה, ווייל איך האב אין דעם געזעהן א תשובה מן השמים אויף די שאלה וואס איך האב געפרעגט אין אנהייב פון די הקדמה, ביז ווי לאנג איז די קץ הפלאות וואס דער אייבישטער איז מעכב אויף אונז דעם גלות - ביז דאס בויען פון ארץ ישראל, לדברי הקדוש הנ"ל, שהי' בעל רוח הקודש, והי' לו מדרגת גילוי אליהו כידוע. זעה וואס עס שרייבט אויף אים דער "דברי חיים"[69], "וראוי משנת חסידים לסמוך עליו, ובפרט איז באוויסט אז די ווערטער פון די משנת חסידים איז פון אריה"ק ותלמידיו, אדער מדברי גדולי המקובלים הראשונים בבירור בלא טעות, וועגן דעם רוקט אייך נישט פון זיינע ווערטער וואס איז ידוע שכל דבריו כסולת ברורה וממנה אין להסיר", עכ"ד, עס איז אונז גענוג די ווערטער פון הייליגן צאנזער רב אויף זיין גרויסקייט, און ער שרייבט בפירוש אז אזוי וועט זיין בביאת משיח שיבא במהרה, אז דער אייבישטער ווארט מיט די גאולה אויף בנין ארצינו מיט הייזער און ביימער, **און אז מיר זעהן אז דאס לאנד בויט זיך, דארף מען דערקענען אין דעם א גוטע סימן פון גאולה**, כדברי ראש המקובלים הראשונים, וואס כל דבריו ברוח הקודש נאמרו, און ווער אין די צייטען, קען זיך אויף אים קריגן. אין די לעצטע יארן ווערט געבויט א גרויס חלק פון לאנד, איז גאר וואונדערליך אז עס זענען דא חרדים וואס זענען זיך מתנגד צו דעם, עס איז זיי ממש פארמואס'ט אין זייערע אויגן, דאס קען נאר זיין כדברי הק' רבי אליהו מגריידיץ שהבאתי לעיל, אז דאס איז מצד הקליפה וואס איז זיך גובר אויף זיי לעכב הדבר, אדער צוליב די נגיעה פון בלייבן דא, אזוי ווי עס איז געווען מיט די מרגלים.

המשך בגליון הבא אי"ה

[63] הקדמת סידורו, בסולם בית אל
[64] גירוש שפאניע, ט' אב רנ"ב
[65] עפ"י שיר השירים ה, ב
[66] פרק ט', משנה ט"ו
[67] ויקרא כו, לג
[68] שמות רבה פר' כ, אות טז
[69] אה"ע סי' ק"א

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### עכו

צפון ארץ ישראל, חוף הים

עכו ווערט דערמאנט אן תנ"ך אינעם פסוק "אָשֵׁר, לֹא הוֹרִישׁ אֶת יֹשְׁבֵי עַכּוֹ, וְאֶת יוֹשְׁבֵי, צִידוֹן" (שופטים א ל"א). ווען עכו איז געווארן איינגענומען דורך דעם מלך תלמי השני, האט זיך געטוישט די נאמען פון שטאט צו פטולמאיס.

יונתן חשמונאי איז געהרג'ט געווארן אין עכו דורך דעם גריכישען גענעראל דיוטוס טריפון, בשעת ער איז געקומען פארהאנדלען דאס איבערגעבן די שטאט אונטער זיין הערשאפט.

אין די צייט פונעם רוימישען קיסר קאליגולא, זענען געקומען קיין עכו אידישע שתדלנים צו בעטן זיין גאווערנאר אז דער קיסר זאל נישט לייגן זיין געטשקע אינעם בית המקדש.

די פילע מלחמות וואס איז אלס אדורך אין שטאט האט שטענדיג געטוישט די סכום פון די אידישע איינוואוינער. אספסיאנוס קיסר האט פון דארט אנגעהויבן זיין כיבוש פון די גליל אין ארץ ישראל, און אין די צייט פון דעם אויפשטאנד פון בר כוכבא, האבן די רוימער דורכגעפירט א שרעקליכע שחיטה אויף די אידן פון עכו.

לגבי עכו איז דא א מחלוקה אין די גמרא צו עכו איז א חלק פון די גבולי ארץ ישראל, צו אפשר נאר האלב פון די שטאט, צוליב וואס די עולה ארץ ישראל האבען עס נישט איינגענומען.

אין עכו האבן געוואוינט פילע תנאים, ווי צב"ש רבי שמעון בן יהודה א תלמיד פון רשב"י, רבי יהודה בן אגרא אין נאך, ווי אויך אמוראים ווי צב"ש רבי תנחום, רבי אבא דמן עכו ועוד.

אין יאר ד' תתס"ד (1104) ווען די שטאט איז געפאלען צי די קרייצצוגלער, איז די אידישע קהילה אונטער די פירערשאפט פון רבי אביתר גאון חרוב געווארן. די שטאט איז געבליבן א לאנגע צייט צוטיילט צווישן די איטאליענער קריסטען, און אידן זענען צוביסלעך צוריק געקומען אין שטאט. דער רמב"ם האט געוואוינט אין יענע צייט אין עכו פאר א האלב יאר. אין יאר ד' תתקע"א (1211) זענען קיין עכו ארויפגעקומען די בעלי תוספות ווי רבי יהונתן מלוניל, רבי יחיאל מפאריז, רבי שמשון משאנץ, ווי אויך דער רמב"ן. די קהילה האט אנגעהאלטען ביז ה' נ"א.

דער אוה"ח הק' האט דארט געוואוינט פאר א יאר, ווי אויך דער רמח"ל האט דארט געוואוינט ביז ער איז נפטר געווארן בשנת תק"ז.

די פעסטונג אין עכו איז באנוצט געווארן דורך די ענגלישע אלס א תפיסה פאר פאליטישע ארעסטאנטען, און אין תש"ז האט די אצ"ל אויפגעבראכן די תפיסה און באפרייט 27 אידישע געפאנגענע. היינט דינט עס ווי א מיוזעאם.





טובה הארץ מאד מאד (במדבר יד, ז)

בעזהשי"ת

# בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלִָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.
"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

פר' שלח
פר' קרח באה"ק
כ"ח סיון תש"פ
June 20, 2020
גליון מס' 6

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### דיבת הארץ

ומכאן ילמוד האדם מוסר השכל, לשמור פיו ולשונו, לבל יוציא מפיו שום דיבור לא טוב, לגנות אפילו אמה אחת מארץ ישראל, הן מצד האויר, הן מצד קור וחום, הן מצד הפירות, והן בענין הבנין וכיוצא, ואפילו בעת חורבנה שהיא ביד הגוים, והבתים הם של הגויים, כדי שלא יהיה בכלל מוציא דיבה על ארץ ישראל.

(בניהו בן יהוידע כתובות קיב, ב)

### דרישת ציון

צִיּוֹן הִיא דֹּרֵשׁ אֵין לָהּ (ירמיה ל, יז), מכלל דבעי דרישה.

(סוכה מא ע"א)

### להשוות חו"ל לארץ הקודש

אבל ישראל ספרו בגנותה של ארץ ישראל כי מטו שוש, אמרי שויא כי ארעין, כי מטו עלמין, אמרו כעלמין, וכו' - רש"י: אבל ישראל - כי אגלינהו סנחריב ספרו בגנותה של א"י דכי מטו לאותו מקום ששמו שוש אמרו שויא לארעין, זאת הארץ שויא לארצנו, וכשבאו למקום ששמו עלמין אמרו כי עלמין זה המקום שוה לירושלים שנקראת בית עולמים.

(סנהדרין צא, ע"א)

### התישבות ארץ ישראל

כמה רחב ליבו למראה א"י ההולכת ונבנית, מושבות חדשות.. שדות שוממים מוריקות מלא העין, ויעוד דברי הנביא יחזקאל "וְאַתֶּם הָרֵי יִשְׂרָאֵל עַנְפְּכֶם תִּתֵּנוּ וּפֶרְיְכֶם תִּשְׂאוּ לְעַמִּי יִשְׂרָאֵל כִּי קֵרְבוּ לָבוֹא" (ל"ו ח') הולך ומתגשם לנגד עינינו, והלא כבר אמר רבי אבא (סנהדרין צח א) כי בהתגשמות של נבואה זו, "אין לך קץ מגולה מזה.

(איש על החומה - רבי יוסף חיים זוננפלד זצ"ל)

המשך בדף ב'



יְלָדִים וִילָדוֹת מְשַׂחֲקִים - אלט-שטאט ירושלים Credit @ruchyl_photography

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הר"ר **אברהם דאווידאוויטש** הי"ו, מושב מעון
לזכות כל בני הגולה שיעלו ארצה במהרה
צו באזוכען מעון פאר א שבת, צו שפאצירען אין אומגעגנט פון הר חברון, אדער צו וואוינען אין מעון. ביטע רופט **+972586472448**

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### הקדמה שניה - המשך...

עכ"פ, איך וויל מודיע זיין לכל אחינו בני ישראל בגולה, אז יעצט איז די מערסטע ריכטיגע צייט צו משתדל זיין מיט אלע אונזערע כוחות איבערצולאזן ארץ העמים, און זיך צוריקקערן לארצינו הקדושה און עוסק זיין אין איר אויפבויען, מיט דעם וועלן מיר מקרב זיין ביאת משיח בב"א.

איך רוף אן דעם ספר "אם הבנים שמחה", עפ"י ירושלמי אין מס' ברכות[70], וואס באטיטלט ארץ ישראל אלס "אם דישראל" - די מאמע פון עם ישראל, און די גלות לענדער אלס די שטיף מאמע, עיי"ש. און עס איז באוויסט די מאמר חז"ל אז אונזער מאמע ציון וויינט און קלאגט אויף אונז ווען מיר זענען אין גלות, זיווארט אויף אונז זיך צוריקצוקערן צו איר שויס.

"וּמִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלוֹק"[71] איך האב דאס אנערקענט אויף מיין אייגענע לייב, ווען פאר פסח בשנת תש"ב, איז ארויס א שרעקליכע גזירה אין סלאוואקיע דורך די רשעים ארורים, צו פארכאפען אידישע טעכטער פון זעכצען יאר און העכער און זיי פארפירן לארץ גזירה, צו אומבאקאנטע פלעצער, וואס ביז יעצט ווייסט נישט קיינער ווי עס איז אהינגעקומען די טויזענטער ריינע נשמות וואס מען האט דארט אוועקגעפירט, ה' ינקום נקמתינו מהם במהרה. עס איז דעמאלטס געווען א שרעקליכע בהלה צווישן אידן, האט פאסירט א מעשה מיט איינעם וואס האט געוואלט צו ראטעווען זיינע אינגע טעכטער אז זיי זאלן נישט פאלן אין דעם נעץ ר"ל, ער האט פרובירט זיך צו אריבער שווערצן דעם גרעניץ מיט זיינע טעכטער, עס איז געווען חול המועד פסח און ער האט צוגעזאגט פאר זיין פרוי אז ער וועט שיקן א טעלעגראם אזוי ווי ער וועט זיך געפונען אויף די אנדערע זייט גרעניץ בשלום. די מאמע איז געזיצן אין שטוב מיט פארוויינטע און בענקעדיגע אויגן און געהאפט אויף די גוטע בשורה, אז זיי זענען אלע אריבער דעם גרעניץ און דערגרייכט א פארזיכערטען פלאץ. אבער ליידער, האט מען געכאפט די טאטע מיט זיינע טעכטער נאך פאר זיי זענען פאראיבער דעם גרעניץ, און מען האט זיי געבראכט צום דערנעבענדיגן שטאט און פארשפארט אין תפיסה, זיי זענען דארט אפגעזעצן חול המועד און אויך די צווייטע טעג פסח, עס האט געהערשט א גרויסע סכנה זיי צו פארשיקן לארץ גזירה, ווייל אזוי האט געלויטעט דאס געזעץ פאר איינעם וואס פרובירט צו אנטלויפן, ווער עס אנטלויפט און ווערט געכאפט, ווערט פארשיקט אויף אן אכזרות'דיגן אויפן מער ווי א סתם פארברעכער, ביזדערוויל האט זיך די מאמע דערוויסט דערפון - מען קען זיך נאר פארשטעלן די ביטערע געפילן וואס האט איר אנגעכאפט, עס איז נהפך געווארן איר געפיל פון האפענונג אז אירע קינדער וועלן געראטעוועט ווערן, צו א טרויער, איר יום טוב איז געווארן א טאג פון קלאג אויף איר מאן און טעכטער, ר"ל. זי איז געזעצן א גאנץ יום טוב און געוויינט אן אויפהער, איר וועלט איז איר געווארן טינקל, מען קען זיך נישט פארשטעלן איר ביטער מצב פון ווען זי איז געוואר געווארן וואס עס האט ווירקליך פאסירט צו איר מאן און טעכטער, ווער ווייסט וואס עס ערווארט זיי.

עס איז גוט דא צו דערמאנען הרב הגאון הצדיק, עובד ה' במסירות נפש ממש במלוא מובן המלה, אויך אין די שווערע צייטן, וואס האט זיך אריינגעווארפן אין דעם מצב, אן קוקען אויף זיין אייגענע זיכערהייט, ה"ה הגאון החסיד מו"ה שמואל דוד אונגאר שליט"א אבדק"ק נייטרא, וואס האט נישט גערוהט, און נישט געשוויגן, ביז ער האט מיט אסאך געלט אויסגעלייזט די דריי געפאנגענע, און זיי באפרייט. און זיי האבן געקענט אהיימפארן לשלום אן קיין פראבלעמען. דאס איז געווען די לעצטע טאג פסח, מען האט דאס גלייך מודיע געווען פאר די צובראכענע מאמע, אז איר מאן מיט די טעכטער זענען ארויס לחירות, און מארגען אסרו חג קומען זיי שוין צוריק אהיים. מען ברויך נישט פארציילן וואס די גוטע און פרייליכע בשורה האט געווירקט אויף די צוקלאפטע פרוי, איר מאן מיט אירע טעכטער זענען ארויס בשלום פונעם לייבן גרוב, פון די רגע אן, האט זי געהאפט בכליון עינים צו די זמן ווען די טאטע מיט די טעכטער וועלן זיך שוין אומקערן אהיים, צומארגענס האט זי שוין נישט געקענט צווארטען פון אינדערהיים, נאר זי איז געזעצן בייים פתח החצר און מיט האפענדע אויגן געווארט אויף זייער אנקום. די רגע וואס זי האט זיי דערזעהן אנקומען - האט זי אויסגעבראכן בקול בכי, מיט אלע הרגשים פון איר הארץ, זי האט נישט געקענט פון גרויס התרגשות ארויסברענגן די ווערטער פון מויל צו לויבן און דאנקען דעם בורא עולם, אויף די גרויסע נס וואס האט צו זיי פאסירט. ווער עס האט נישט געזעהן די באגעגעניש פון די מאמע מיט די טעכטער וואס זענען אט וואס צוריק געקומען פון געפענגעניש, די בכיות פון א מאמע ווען זי זעהט אירע טעכטער ששבו לגבולם, די גרויסע שמחה פון אם הבנים שמחה אין אזא צייט - האט נאך נישט געזעהן א רגש של שמחה. ע"כ די מעשה וואס עס האט פאסירט בימינו[72].

**אזוי געגוי שטעל איך מיר פאר די שמחה פון אונזער מאמע ארץ ישראל, ווען אונז וועלן אלע זיך צוריקקערן צו איר שויס נאך אזא שרעקליכע געפענגעניש וואס גייט יעצט אריבער אויף אונז, און אויף די גרויסע שמחה וואס די מאמע וועט זיך פרייען מיט אירע קינדער, ארץ ישראל מיט אונז און אונז מיט איר**, ע"כ, רוף איך דעם ספר "אם הבנים שמחה". דער אייבישטער זאל מיר מזכה זיין צו פועלן מיט מיין ספר להשיב הבנים לגבולם[73] און צו די שויס פון זייער מאמע, עס זאל מקויים ווערן אין אונז "אם הבנים שמחה"[74], און מיר זאלן ארויפגיין לציון ברנה במהרה בימינו אמן, כן יאמר ה'.

איך ענדיג די הקדמה שניה, יום ה' לסדר "וגם שמעתי את נאקת בני ישראל"[75], ר"ח שבט, ביומא דהילולא דרבינו מהר"ם שיק ז"ל[76], שנת **גש"ת** אל הקודש, פה עיר הבירה בודאפעסט.

ה"ק ישכר שלמה טייכטאהל

### פתיחה

המשך בדף ב'

70 ברכות יח, ע"ב, הלכה ח'
71 ע"פ איוב יט, כו
72 די מעשה האט פאסירט מיטן מחבר אליין
73 ע"פ ירמיה לא, טז
74 ע"פ תהלים קיג, ט
75 שמות ו, ה - פרשת וארא
76 רבי משה שיק זצ"ל, נולד כ"א אדר תקס"ז, נפטר ר"ח שבט תרל"ט

הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך: שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## לא להתרעם על ישוב ארץ ישראל

ר' אמי ורבי אסי קיימי משמשא לטולא ומטולא לשמשא. - רש"י, קיימי משמשא לטולא, כשהשמש הגיע למקום שהן יושבין וגורסין וחמה מקדרת עליהן עומדין משם לישב בצל ובימי הצנה עומדין מן הצל ויושבין בחמה כדי שלא יוכלו להתרעם על ישיבת ארץ ישראל: כי רצו עבדיך את אבניה ואת עפרה יחוננו.

(כתובות קיב, ע"ב)

## שם רע על הארץ

יצאה הגזירה מלפניו יתברך, דכשם שכל האנשים הרואים את כבודי, דהיינו הדור ההוא (של המרגלים), אני גוזר עליהם שלא יהיו רואים את הארץ, כן לדורות הבאים - כל מי שיוציא שם רע על הארץ ילקה בגופו ויכנס בעונש זה, והיינו "וכל מנאצי לא יראוה" דקאי על העתיד ג"כ.

(מהר"ם חאגיז, שפת אמת פרק י)

## ארץ ישראל שייכת לה'

כי לי הארץ (ויקרא כה, כג), כי לי הארץ, הוא ארץ ה' שאינו בכלל והארץ נתן לבני האדם.

(ספורנו)

## דיבת הארץ

הקפיד השי"ת על כבוד הארץ יותר מעל כבודו כביכול, עד שבעשיית העגל, אחרי שובם מחל להם השי"ת 'וינחם ה' על הרעה אשר דבר לעשות לעמו' (שמות לב, יד), ועל הוציאם דבת הארץ, וימאסו בארץ חמדה, נשבע ה' ולא ינחם, כמו שנאמר (במדבר יד, מב) 'אל תעלו' וגו'.

(האור שמח במכתב, משנת תרפ"ב)

## ארץ חמדה

רבי אליעזר אומר, כל שלא אמר 'ארץ חמדה טובה ורחבה' בברכת הארץ, ומלכות בית דוד בבונה ירושלים, לא יצא ידי חובתו (ברכות מח, ע"ב), הואיל והזכיר את הארץ ראוי לו להזכיר בשבחה, ושבח ראשון שיצא מפי הקב"ה על הארץ היה בנוסח זה שנאמר (שמות ג, ח) "וארד להצילו מיד מצרים ולהעלותו מן הארץ ההיא, אל ארץ טובה ורחבה".

(המאירי, מס' ברכות דף מח, ע"ב)

## עבד שברח לארץ לארץ ישראל

שלא להחזיר עבד שברח מאדוניו מחוצה לארץ לארץ ישראל. משרשי המצוה, מה שזכרנו שרצה האל לכבוד הארץ שהבורח לשם ינצל מעבדות, כדי שנתן אל לבנו כבוד המקום ונקבע בלבבנו בהיותנו שם יראת השם יתעלה. וכל זה להועיל לעמו ולזכותם כי חפץ חסד הוא.

(ספר החינוך, כי תצא תקסח)

## קנין ארץ ישראל

הקונה חלק בארץ ישראל כקונה חלק לעוה"ב.

(ראב"ע, בראשית ל"ג, י"ט)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

תורה וארץ ישראל בדבור אחד נאמרו - תורה און ארץ ישראל זענען געזאגט געווארן מיט איין דיבור, והם תרי רעין דלא מתפרשין - און דאס זענען צוויי פריינט וואס מען קען נישט אפטיילען, ביי די תורה שטייט[1] "תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה", ביי ארץ ישראל שטייט[2] "וְנָתַתִּי אֹתָהּ לָכֶם מוֹרָשָׁה", ביידע ענינים ווערן דערמאנט מיט איין לשון, "מורשה, מורשה" אלס א גזירה שוה, צו וויזן אז זיי זענען גלייך ביי אונז און מען קען זיי נישט צוטיילען.

קודם וויל איך מבאר זיין דעם ענין פון "מורשה" וואס ווערט געזאגט לגבי תורה, וואס איז די כוונה, נאכדעם וועל איך מבאר זיין בעזהשי"ת דעם ענין" מורשה" וואס ווערט געזאגט לגבי ארץ ישראל, און מיר וועלן זען קלאר אז ווי די צוויי זאכן זענען געבינדען און געקניפט איינער אין די אנדערע און ווערן נישט אפגעטיילט.

ישעיה הנביא זאגט[3], "כָּל כְּלִי יוּצַר עָלַיִךְ לֹא יִצְלָח - א יעדע כלי זיין וואס ווערט געמאכט צו לוחם זיין מיט דיר, וועט נישט מצליח זיין, וְכָל לָשׁוֹן תָּקוּם אִתָּךְ לַמִּשְׁפָּט תַּרְשִׁיעִי - און יעדע לשון וואס וועט זיך שטעלן מיט דיר צו משפט, וועסטו שולדיג מאכן, זֹאת נַחֲלַת עַבְדֵי ה' וְצִדְקָתָם מֵאִתִּי נְאֻם ה' - דאס איז די נחלה פון עבדי ה' און זייער גערעכטיגקייט וועט קומען פון מיר, אזוי זאגט דער אייבישטער".

רבינו האלוקי, דער רמב"ם זי"ע, שרייבט אין זיין באוואוסטע בריוו "אגרת תימן" וואס ער האט גשריבן צו אונזערע אידישע ברודער פון תימן, ווען זיי האבן דארט געליטן געפעהרליכע צרות פון זייערע פיינט, און אסאך שלעכטע צרות האט זיי געווארגעןביים האלז, מען האט אויף זיי גוזר געווען אז זיי מוזן זיך שמד'ען ח"ו, האט זיי דער הייליגער רמב"ם, רבנו משה איש האלקים געשיקט פייערדיגע ווערטער זיי צו מחזק זיין מיט אמונה און זיי אוועקשטעלן אויף די פיס, אויסצוהאלטען די צרות השמד, זיך צו פרייען מיט וואס זיי ליידן, מיט דאס וואס זיי פארלירן זייער געלט און אלע זייערע שאדענעס, ווייל דאס אלעס לכבוד תפארת און דעם כבוד פון אונזער הייליגע בורא, אלס וואס מיר פארלירן אין דעם ענין איז גערעכנט ביים אייבירשטען ווי א קרבן עולה אויפן מזבח, מען קען אויף דעם זאגן דעם פסוק[4] "מִלְאוּ יֶדְכֶם הַיּוֹם לַה' - פילט אייך אן אייערע הענט היינט פארן אייבירשטען... וְלָתֵת עֲלֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה - און געבן אויף אייך היינט א ברכה".

ער איז דארט נאך פיל מאריך מיט וואונדערליכע דברי חיזוק, זיי צו מחזק זיין. דארט אין דעם בריוו, ברענגט דער רמב"ם אראפ דעם פריערדערמאנטען פסוק פון ישעיה און ער איז דאס מבאר. וויבאלד ער איז זייער מאריך, וועל איך דא נאר אראפברענגן בקיצור דעם תוכן הדברים וואס איז שייך לענינינו. דאס זאגט ער דארט, "איר זאלט וויסן, אז די תורה וואס איז אין אונזער הענט איז די אמת'ע תורת ה' וואס איז אונז געגעבן געווארן דורך די גרעסטע פון אונזערע נביאים... מיט די תורה האט אונז דער אייבישטער אפגעטיילט פון די פעלקער. די ווארהאפט (אמת'דיגקייט) פון אונזער תורה איז נישט געבויט אויף אותות און מופתים, נאר אויף א ריאליסטישע זעהן און הערען, מיט אונזערע אויגן האבן מיר געזעהן ווי דער אייבישטער באווייסט זיך אויף הר סיני, מיט אונזערע אוירען האבן מיר געהערט ווי ער האט גערעדט מיט משה און געזאגט דעם[5] "אנכי ה' אלוקיך" און די עשרת הדברות, ווי דער פסוק זאגט ארויס קלאר[6] "הנה אנכי בא אליך בעב הענן - אט קום איך צו דיר אינעם געדעכטעניש פונעם וואלקן, בעבור ישמע העם בדברי עמך - אז דער פאלק זאל הערן מיינע רייד מיט דיר, וגם בך יאמינו לעולם - און זיי זאלן שטענדיג אויך גלייבן אין דיר" מיר האבן געזעהן דעם אייבירשטען אויפן בארג סיני אזוי ווי משה האט אים געזעהן, אויך האבן מיר געהערט דעם דיבור ה' אזוי ווי משה האט עס געהערט, וועגן דעם גלייבן מיר אין אים מיט א פעסטע אמונה שלימה עד עולם, דאס מיינט דער פסוק מיט די ווערטער "וגם בך יאמינו לעולם". מיר זענען מיט דעם אזוי ווי צוויי עדים צוזאמען מיט משה רבינו, ווי איעדער איינער פון די עדות ווייסט קלאר אז ער האט געזעהן דאס וואס דער חבר איז מעיד, אזוי איז מיט אונז אידישע קינדער, מיר ווייסן די ווארהייט פון משה רבינו, ווייל מיר האבען צוזאמען אלעס געזעהן ביים מעמד הר סיני, בשעת דער אייבישטער האט צו אונז גערעדט, נישט וועגן דעם מופת (אזוי ווי חז"ל זאגן "גדולה ראיה משמיעה[7]"), דאס איז געווען די גדלות פון דעם מעמד. מיינע ברודער, איר זאלט מגדל זיין אייערע קינדער אויף דעם גרויסן מעמד, און פארציילט פאר איעדן איינעם בתוך קהל ועדה, וועגן די שיינקייט און וואונדערליכקייט פון יענעם מעמד, ווייל דאס איז די זייל (עמוד) אויף וואס אמונה איז געשטעלט, און ברענגט נאר צו צום אמת. איר זאלט וויסן ברודער אז עס איז געגעוי אזוי ווי איך האב אייך געזאגט.

המשך בגליון הבא אי"ה

[1] דברים לג, ד
[2] שמות ו, ח
[3] ישעיה נד, יז
[4] שמות לב, כט
[5] שמות כ, ב
[6] שמות יט, ט
[7] ראש השנה כה, ע"ב

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### מושב מעון

דרום הרי חברון

מעון איז א מושב באוואוינט מיט אידן שומרי תו"מ, און נתייסד געווארן בשנת תשמ"א, א ווארימע און פריינטליכע קהילה פון בערך 100 משפחות בליעה"ר, מיט א תלמוד תורה און א כולל ערב, און הערליכע אטעם-פארכאפענדע אויסקוק צו די בערג פון מדבר יהודה. מעון איז 45 מינוט פון ירושלים, און א האלבע שעה פון באר שבע.

די נאמען איז באזירט אויף די אריגינאלע ישוב מערי שבט יהודה, וואס געפינט זיך נאנט צום מושב, תל-מעון איז א שטאט נאך מזמן המקרא, דארט איז געפונען געווארן אן אור אלטע בית הכנסת מזמן התנאים.

אין די געגנט פון מעון און די שכינות'דיגע כרמל, איז געוועזן די מעשה פון דוד, ווען ער איז אנטלאפן פון שאול המלך האט ער געבעטן פון נבל הכרמלי צו עסן, אלס א שכר טרחה וואס זיינע מענטשען האבן אכטונג געגעבן אויף די בהמות און פעלדער פון נבל, אבער ער איז געווען כפוי טובה און זיך אנטזאגט פון צו העלפען. אויף דעם נבל פארציילט אונז דער פסוק "וְאִישׁ בְּמָעוֹן וּמַעֲשֵׂהוּ בַכַּרְמֶל" וכו'. (שמואל א', פרק כ"ה)

א חוץ אנדערע באשעפטונגען ווי מחנכים אדער קראנקען-שוועסטער, ארבעטן א גרויס חלק פון די איינוואוינער מיט פלאנצען פירות און ירקות. ווי אויך אין האדעווען קיען און הינער. די שטאל פון מעון האט איבער טויזענט קיען. אין די חדשים פון סיון און אייר, קומען צו פארן טויזענטער באזוכער פון ארץ ישראל, צו קלייבען קירשען (טשעריס).

די מושב שטאלצירט מיט זייער מכון ראשית סעמינאר, א בית חינוך פאר אידישע טעכטער, ווי מען לערנט ווי צו פירען אן עהרליך אידיש לעבן מיט ווארעמקייט.

אונזער חשוב'ע נדבן פון די וואך'ס גליון הר"ר אברהם דאווידאוויטש הי"ו, מיסודו א יליד פון מאנטריאל, איז א חסידישער אינגערמאן וואס וואוינט מיט זיין משפחה אין מעון, בעל הבית פון "טובה הארץ מאוד מאוד", ווי ער פירט ארום באזוכער אין די בערג פון הרי חברון, און שטעלט פאר לעבעדיג די ווערטער פון תנ"ך און משנה.

לעבן מעון איז דא די שטעטל חוות מעון, ווי געציילטע אידישע פארמער וואוינען און פאשענן שאף און ציגען, צווישן זיי די באקאנטע זינגער אודי דוידי און ביני לאנדא.


Credit: יצחק קדמון

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

גליון מס' 7

פר' קרח
פר' חקת באה"ק
ה' תמוז תש"פ
June 27, 2020

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### בנין ירושלים של מטה

הכי אמר רבי יוחנן, אמר הקדוש ברוך הוא, לא אבוא בירושלים של מעלה עד שאבוא לירושלים של מטה, ומי איכא ירושלים למעלה, אין, דכתיב (תהלים קכב ג) ירושלים הבנויה כעיר שחברה לה יחדו.

(תענית ה, ע"א)

### ארץ צבי

"ארץ צבי" כתיב בה. מה צבי זה אין עורו מחזיק את בשרו (שאחר שהופשט עורו, אי אפשר להשיבו שיכיל את כל בשרו), אף ארץ ישראל, בזמן שיושבין (ישראל) עליה רווחא, ובזמן שאין יושבין עליה גמדא.

(גיטין נז, ע"א)

### חלק בארץ ישראל

כי כל אחד מישראל, מגדול ועד קטן, יש לו איזה חלק בארץ ישראל, ושם חיינו, שם קדושתנו, שם ביתנו, שם ארצנו, שם אדמתנו, שם חלקנו, שם גורלנו. ובחוץ לארץ אנחנו גֵרים, כאורח נטה ללון המתגולל בחוצות ובשווקים וברחובות, כי אין זה אדמתנו וחלקנו כלל. ועל כן נקראת חוץ לארץ, 'חוץ' דייקא, כי בחוץ אנו עומדים, בחוץ ממש, ואין איש מאסף אותנו הביתה – עד אשר נבוא על אדמת הקודש.

(ימי מוהרנ"ת ח"ב, א)

### חיבוב ארץ ישראל

מצינו בגמרא דערובין (ל.) על רבי יוחנן ומאות מתלמידיו שהיו ממקום למקום כדי לאכול פירות מתוקים וטובים וכל הליכתם בשביל זה. ובוודאי הם היו מכוונים בזה בשביל חיבוב ארץ ישראל לאכול מפירות המתוקים וחשובים שלה וכוונתם לשם שמים, והנה ודאי כולם היו חסידים

המשך בדף ב'



גן וורדים - ירושלים
Credit @ruchyl_photography

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הרה"ח **חיים מאיר מיללער** הי"ו
מאנסי נ.י.
יברכך ה' מציון, וראה בטוב ירושלים, וראה בנים לבניך

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

**פתיחה** - המשך...

עס איז נישט א פשוט'ע זאך אז איין פאלק הערט דעם דיבור ה', און מען זעהט כבודו עין בעין, דאס איז אלס כדי אז אונזער אמונה זאל זיין שטארק אין אונז, א באפעסטיגטע אמונה וואס קען נישט געטוישט ווערן דורך סיי וואס, דאס ברענגט אונז צו צום אמת אונז פעסטצושטעלן אין די זמנים וואס עס שטארקט זיך אויף אונז די צרות און גזירות השמד, אדער ווען מען וויל טוישן אונזער הייליגע גלויבן - זאגן מיר צו זיי, באוויז אונז אזא מעמד ווי הר סיני, ווי עס איז געווען מחנה אלקים אנקעגן איבער מחנה ישראל, וועלן מיר הערן וואס איר זאגט. מיט דעם איז ער מפרש דעם פסוק[8] "כִּי לְבַעֲבוּר נַסּוֹת אֶתְכֶם בָּא הָאֱלֹקִים - אייך אויסצופרובירן קומט דער אייבישטער, וּבַעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ - צוליב עס זאל זיין זיין פארכט אויף אייערע פנימ'ער אז איר זאלט נישט זינדיגן", די פסוק מיינט צו זאגן אז דאס וואס דער אייבישטער האט זיך אנטפלעקט מיט אזא גילוי, איז נאר געווען אז איר זאלט קענעןביישטיין די נסיונות וואס וועט אייך אנטרעפן באחרית הימים, איר זאלט אייך נישט אוועקרירען און חלילה נישט זינדיגן.

פון דעמאלטס אן, וואס דער אייבישטער האט אונז מקרב געווען לעבודתו ביי דעם אויסדערוועלטן מעמד, און אונז באשטימט פאר זיין פאלק, און אונז דערהויבן איבער אלע פעלקער, האט זיך דערוועקט א שטארקע קנאה פון די גוים אויף אונז, כמאמר חז"ל[9], "למה נקראת שמה הר סיני - פארוואס הייסט דער בארג, הר סיני, שמשם ירדה שנאה לאוה"ע עלינו - ווייל פון דארט האט אראפגענידערט די שנאה פון די פעלקער אויף אונז", זייערע קעניגן און הערן זענען געדריקט צו מעורר זיין אויף אונז א שנאה און פיינטשאפט, "עס איז נישט דא קיין איין זמן זייט מתן תורה ביז היינט וואס די גוי'שע קעניגן האבן נישט פרובירט זיך צו מתגבר זיין, זיך שטארקען איבער אידן זיי צו טוישן פון זייער תורה און מצוות, צו באונס, בנצחון אדער דורך די שווערד, אזוי ווי עמלק, סיסרא, סנחריב, נבוכדנאצר, המן, טיטוס און אדריאנוס און נאך פיל אנדערע. דאס איז נאר איינע פון די צוויי וועגן ווי אזוי זיי ווילן איבער טוישן דעם ג-ט'ליכן ווילן. די אנדערע וועג איז מער א כיטערע וועג, זיי קומען מיט קלוגע און אונטערגעביסענע לשונות, ווי די אדומים, פרסיים און די יוונים, זיי האבן געהאט די זעלבע כוונה, די זעלבע ציל, נאר מיט אן אנדערע שפראך, זיי קומען מכלומר'שט מיט אינטעליגענטע קשיות און טענות, ווען זייער גאנצע ציל איז נאר צו צוברעכן די תורה פונקט ווי די אנדערע רשעים האבן געצילט". קומט אויס אז מיר האבן דא צוויי מיני רודפים, אזוילכע מיט שווערדן און געווער, און אזוילכע מיט פרעמדע שפראכן און געשמירטע צינגען, אבער קיינער פון זיי וועט נישט מצליח זיין, אזוי ווי די פסוק זאגט אין ישעיה, אז א יעדע פראוו זייערע וואס וויל צושטערן אונזער תורה, אונזער דת מיט כלי זיין, וועט צושטערט ווערן און זיי וועלן נישט מצליח זיין, ער זאגט עס בדרך משל[10], "כָּל כְּלִי יוּצַר עָלַיִךְ לֹא יִצְלָח - א יעדע כלי זיין וואס ווערט געמאכט צו לוחם זיין מיט דיר, וועט נישט מצליח זיין, וְכָל לָשׁוֹן תָּקוּם אִתָּךְ לַמִּשְׁפָּט תַּרְשִׁיעִי - און יעדע לשון וואס וועט זיך שטעלן מיט דיר צו משפט, וועסטו שולדיג מאכן, זֹאת נַחֲלַת עַבְדֵי ה' וְצִדְקָתָם מֵאִתִּי נְאֻם ה' - דאס איז די נחלה פון עבדי ה' און זייער גערעכטיגקייט וועט קומען פון מיר, אזוי זאגט דער אייבישטער", ער מיינט דא צו זאגן אז די ביידע וועגן פון הריסת הדת וועט נישט צושטאנד קומען, אז זיי זאלן צוברעכן יסודי הדת וואס איז איינגעפארמט אין א יעדען מאמין, אונזער בנין וועט בלייבן פעסט און דער אמת וועט לאכען פון זיי, ווייל זייער גאנצע כוונה האט נישט קיין ענטגילטיגע תכלית. אויף דעם האט דוד המלך ע"ה געזאגט ברוח קדשו, ווען ער האט צוגעזעהן זייער כוונה צו סותר זיין דעם אמת'דיגן דת, און ווי דער רבונו של עולם זיצט און לאכט פון זיי[11], "נְנַתְּקָה אֶת מוֹסְרוֹתֵימוֹ - לאמיר אפהאקן זיינע קייטן, וְנַשְׁלִיכָה מִמֶּנּוּ עֲבֹתֵימוֹ - לאמיר אוועקווארפען פון אים זיינע שטריק, יוֹשֵׁב בַּשָּׁמַיִם יִשְׂחָק - דער וואס זיצט אין הימל לאכט, ה' יִלְעַג לָמוֹ - דער אייבישטער שפעט פון זיי". און מיר ווערן נאכאלץ פרובירט דורך די צוויי גרופעס ביז היינט. ביז דא איז אראפגעברענגט דברי רבינו הרמב"ם אין זיין הייליגע בריוו הנ"ל וואס אונז ברויכן פאר אונזער ענין.

און דעם אגרת תימן וואס איז געדריקט געווארן אין פראג דורך ר' ישראל לאנדא בן רבינו הנודע ביהודה ז"ל, האב איך דארט געטראפן א הג"ה אויף די פריערדערמאנטע ווערטער פונעם רמב"ם וואס האט מיר זייער געפאלן, "ווען איך האב געזעהן די ווערטער פונעם נשר הגדול דעם רמב"ם, האב איך געטראכט אז מען קען דאס צושטעלן צו וואס אבי הגאון נר"י האט געשריבען אין זיין ספר[12] "דורש ציון", ווי ער זאגט דארט אינמיטן א דרשה "איך וואונדער מיך באמת ווי אזוי קען זיין אז די מענטשהייט וואס האט א ענדע און איז אזוי שוואך, זאל קענען משיג זיין אזוינס וואס האט נישט קיין ענדע", און דאס וואס אברהם אבינו האט דאס יא משיג געווען איז נאר געווען מיט ג-טליכע הילף, ער האט משים לב געווען און דער אייבישטער האט אים באלויכטען דעם שכל חוץ די מענטשליכע טבע, עס איז אונז גענוג די פאקט דאס וואס מיר האבן מקבל געווען דור נאך דור פון זעקס הונדערט טויזענט מענטשען וואס האבן געזעהן מיט די אויגן און מקבל געווען די תורה און געהערט פונעם אויבערשטען אליין דעם "אנכי", "לא יהי' לך".

דוד המלך ע"ה האט געזאגט צו זיין זוהן שלמה,[13] "דַּע אֶת אֱלֹקֵי אָבִיךָ" - זאלסט וויסן אז דער אייבישטער איז די ג-ט פון דיין טאטען, און אזוי פון דיינע עלטערן פון דור צו דור. אויב באמת האבן אסאך זוכה געווען צו פארשטיין דעם שורש פון אונזער אמונה פון זייער אייגענע דעת, איז די אנהייב פון אלעם איז אמונה, דאס איז דער עיקר, ווען מען איז זיך מדבק אינעם בורא, טוט דער אייבישטער ברוב חסדו זיי עפענען די רערן פון השפעה אין זייער שכל, אז זיי זאלן משיג זיין מער ווי די מענטשליכע שכל און זעהן דאס געטליכקייט, א טייל דורך א א מראה פון נבואה אזוי ווי די נביאים, א טייל דורך רוח הקודש, און אנדערע דורך א רוח חכמה אזוי ווי די תנאים און אמוראים קדושי עליונים.

המשך בדף ב'

---

[8] שמות כ, טו
[9] שבת פט, ע"א
[10] ישעיה נד, יג
[11] תהלים ב, ג ד
[12] עיין בספר "אהבת ציון" דרוש י"ב
[13] דברי הימים א, כח, ט

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לְבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצובריינגען שבח ארץ ישראל


**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

וקדושים נמצא דבר זה הוא משנת חסידים ולית ביה פקפוק. ולכן מאחר שגם אתה השואל כונתך לשם שמים בשביל חיבוב ארץ ישראל ולהודות לה' על הארץ ופירותיה הטובים, לך אכול בשמחה והכל הולך אחר כונת הלב.

(בן איש חי, שו"ת תורה לשמה סי' תיח)

## השתוקקות אליה

גם מי שמעורר בלב בני אדם אהבה למקום הקדוש הזה ראוי לשכר בלא ספק והוא מקרב עת בוא תקותנו, כמה שנאמר: 'אַתָּה תָקוּם תְּרַחֵם צִיּוֹן כִּי עֵת לְחֶנְנָהּ כִּי בָא מוֹעֵד: כִּי רָצוּ עֲבָדֶיךָ אֶת אֲבָנֶיהָ וְאֶת עֲפָרָהּ יְחֹנֵנוּ'. זאת אומרת ירושלים לא תבנה כי אם כאשר ישתוקקו אליה בני ישראל תכלית תשוקה עד אשר יחוננו את אבניה ואת עפרה.

(הכוזרי מאמר חמישי כז)

## את אבניה ואת עפרה

כִּי רָצוּ עֲבָדֶיךָ אֶת אֲבָנֶיהָ וְאֶת עֲפָרָהּ יְחֹנֵנוּ" (תהילים קב יד) פירש רש"י: "אהבו אף את אבניה ואת עפרה, ומדרש אגדה כשיצא יכניהו וגלותו נשאו עמהם מאבני ירושלים ועפרה לבנות להם בבבל בית הכנסת.

(רש"י שם)

## קרן ארצנו הקדושה

ואני תפלה לאל חיי וממעמקים קראתיך ה', אנא ה', הרם קרן ארצנו הקדושה ותן בלב אחינו בני ישראל לאהבה ולרוממה ולתתה לשם ולתהלה ולתפארת עד כי יבא שילה, ושמחת עולם על ראשנו.

(ממכתב הגאון רבי עזריאל הילדסהיימער זצ"ל)

## ישיבת א"י

מעשה בר"י בן בתירה ור' מתיא בן חרש ור"ח בן אחי ר"י ור' יונתן שהיו יוצאים לחו"ל והגיעו לפלטום (שם מקום על הגבול) וזכרו את א"י, זקפו עיניהם וזלגו דמעותיהם וקרעו בגדיהם וקראו המקרא הזה, וירשת אותם וישבת בארצם, וחזרו למקומם. אמרו ישיבת א"י שקולה כנגד כל המצות שבתורה וכו'.

(ספרי, ראה י"ג)

## קדושת א"י

גדולי החכמים היו מנשקין על תחומי ארץ ישראל ומנשקין אבניה ומתגלגלין על עפרה וכן הוא אומר כי רצו עבדיך את אבניה ואת עפרה יחוננו. אמרו חכמים כל השוכן בארץ ישראל עונותיו מחולין שנאמר ובל יאמר שכן חליתי העם היושב בה נשוא עון אפילו הלך בה ארבע אמות זוכה לחיי העולם הבא וכן הקבור בה נתכפר לו וכאילו המקום שהוא בו מזבח כפרה שנאמר וכפר אדמתו עמו ובפורענות הוא אומר על אדמה טמאה תמות ואינו דומה קולטתו מחיים לקולטתו אחר מותו ואעפ"כ גדולי החכמים היו מוליכים מתיהם לשם צא ולמד מיעקב אבינו ויוסף הצדיק.

(רמב"ם פ"ה הלכות מלכים הלכה י י"א וי"ב)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

אבער די מענטשליכע שכל איז זייער קורץ פון צו משיג זיין, און דער עיקר איז די קבלה וואס מיר זענען מקבל, מיט דעם האב איך מפרש געווען דעם פסוק[10], "כָּל כְּלִי יוּצַר עָלַיִךְ לֹא יִצְלָח, וְכָל לָשׁוֹן תָּקוּם אִתָּךְ לַמִּשְׁפָּט תַּרְשִׁיעִי, זֹאת נַחֲלַת עַבְדֵי ה' וְצִדְקָתָם מֵאִתִּי נְאֻם ה'". דער הייליגער רמב"ם זאגט אז די אנהייב פונעם פסוק איז אנטקעגן די וואס שטייען אויף אנטקעגן אונזער דת, אדער ווי נבוכדנאצר וואס האט ארייגעשטעלט א צלם אינעם היכל און באצווינגען מיט געוואלד אידישע קינדער, און ווי המן און זיין גלייכן, וואס האבן גוזר געווען שמד אין אלע דורות, אדער אזוי ווי די פילאזאפן און יוונים מיט זייערע וויכוחים, אבער זיי אלע זענען פארשוואונדען געווארן און מיר וואס מיר זענען געבינדען און דבוק אינעם רבונו של עולם, אין זיין תורה און מצוות זענען געבליבן פעסט מיט אונזער אמונה, זאגט דער רמב"ם, דאס איז די כוונה פונעם נביא "כָּל כְּלִי יוּצַר" - די וואס זענען לוחם אין דיין תורה מיט כלי זין און געווער, פונדעסטוועגן דאך "עָלַיִךְ לֹא יִצְלָח" - פאר דיינעטוועגן וועלן זיי נישט מצליח זיין, אזוי ווי ביי חנניה מישאל עזריה[13] און זייערע חברים, "וְכָל לָשׁוֹן תָּקוּם אִתָּךְ לַמִּשְׁפָּט" - אויך דעם דרך פון וויכוחים און געשפרעך ווי די פילאזאפן מיט זייערע חקירות, "תַּרְשִׁיעִי" - וועט נישט העלפן אנטקעגן אונזער הייליגע תורה, נאר די ווערסט זיי באשולדיגן. עד כאן די לשון פונעם הייליגן רמב"ם ז"ל.

האב איך געטראכט, אז דער סוף פונעם פסוק גיט אונז די עצה ווי אזוי עס זאל נישט העלפן זייערע חקירות און פאלשע טענות, "זֹאת נַחֲלַת עַבְדֵי ה'" - אונזער אמונה און די ווארהייט פון די תורה איז נישט מכח אונזער מענטשליכע שכל, וואס דערנאך קען קומען איינער מיט טענות דאס אפצופרעגן מיט זאכן וואס לייגן זיך אויפן שכל פארקערט, נאר דאס איז א נחלה, אן ארבטייל וואס מיר האבן געירש'נט פון אונזערע עלטערן, דור אחר דור צוריקוועגס ביז דעם זמן פון מתן תורה, ווען מיר האבן אלע צוזאמן געזעהן געטליכקייט מיט אונזערע פליישיגע אויגן. און עס איז טאקע אויך דא אזוילכע צדיקים וואס האבן דאס געזעהן מצד השכל, "וְצִדְקָתָם מֵאִתִּי" - דאס איז א צדקה וחסד פונעם אייבירשטען וואס העלפט די צדיקים הבא ליטהר[14] ברוב חסדיו, ער גיט זיי השפעה למעלה מן השכל. עד כאן דברי הנודע ביהודה אין דעם פריערדערמאנטען הג"ה.

וואס מיר זעהן פון דברי רבינו הנודע ביהודה הנ"ל, אז ווען נישט דעם פאקט אז מיר האבן אליין מקבל געווען די תורה, צוזאמען מיט דאס וואס מיר זענען חוקר ודורש און מיר פארשטייען דאס אויך מיט אונזער שכל, וואלט געווען א מעגליכקייט פאר איינעם צו קומען און פארדרייען דעם קאפ מיט טענות כדי אונז אוועקצוקערן פון די תורה ח"ו, אבער יעצט אז די תורה איז נישט א קנין און א פארמעגן וואס מיר האבן דאס אליינס געקויפט, נאר דאס איז א ירושה צו אונז פון אונזערע עלטערן וואס האבן צוגעזעהן ממש מיט זייערע אייגענע אויגן דעם נותן התורה, און געהערט פון הקב"ה מיט זייערע אויערן בחוש ווי דער אייבישטער רעדט מיט זיי כאיש אל רעהו, און זיי האבן דאס געירש'נט פאר אונז, קען שוין יעצט נישט קיין שום בעל דין זיך קריגן מיט אונז דערוועגן, דאס אלעס איז די תוכן פון זיינע ווערטער.

איך וועל אייך מסביר זיין: עס פירט זיך אין דער וועלט אז ווען איינער קויפט זיך איין א פעלד אדער סיי וואס, איז פארשטענדליך אז אלע תנאים פונעם קנין מוז ווערן באשטעטיגט, און אויב קומט איינער און טענ'הט אז עס פעלט איינע פון די תנאים פונעם קנין, און ער ברענגט ראיות אדער עדים דערצו, קען דאס קנין ווערן בטל, דאס אלעס איז נאר שייך ווען עס איז איינגעקויפט געווארן דורך א געווענטליכע קנין, אבער טאמער איז אים געקומען די פעלד אדער חפץ דורך א ירושה פון זיינע עלטערן און יעדער ווייסט דערפון, איז מער נישטא קיין שום כח פאר קיינעם צו קומען מיט טענות און קלאגערייען אז עס פעלט איינע פון די תנאים, ווייל יעדער ווייסט אז דאס געהערט צו אים דורך זיינע עלטערן. דאס איז פשוט די אמת אלץ מנהג העולם און די נאטור. אזוי איז אויך ממש ביי די תורה הקדושה, מיר האבן דאס נישט איינגעקויפט מיט אונזער שכל, אז איינער זאל דערנאך עס קומען אפפרעגן, נאר דאס איז א ירושה פון אונזערע עלטערן, קלאר און אמת דורך דעם וואס אונזערע עלטערן, א מספר פון זעקס הונדערט טויזענט מענטשען האבן דאס געזעהן בריש גלוי מפי הקב"ה בכבודו ובעצמו, און זיי האבן דאס געירש'נט פאר אונז דור דורות ביז היינט, און אונז טוען דאס ירש'נען פאר אונזערע קינדער עד עולם, אזוי ווי עס שטייט[15] "לָנוּ וּלְבָנֵינוּ עַד עוֹלָם לַעֲשׂוֹת אֶת כָּל דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת", און וויבאלד דאס איז מכח ירושה - קען קיינער נישט קומען מיט קיין טענות אויף דעם. דאס איז די תוכן פון דברי רבינו הנודע ביהודה אויף דעם פסוק "זֹאת נַחֲלַת עַבְדֵי ה'" - דאס איז א **ירושה** פאר עבדי ה'".

המשך בגליון הבא אי"ה

[13] דניאל ג

[14] ע"פ שבת קד, ע"א

[15] דברים כט, כח

## לאֹרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### כפר חב"ד

המרכז

די ישוב איז נתייסד געווארן בשנת תש"ט אלס "מושב העובדים של חסידי חב"ד" דורך די פריערדיגע רבי, רבי יוסף יצחק שניאורסאהן זצ"ל, און דינט אלס די צענטער פון חסידי חב"ד אין ארץ ישראל.

יעדע יאר קומט דארט פאר עטליכע גרויסע התוועדיות, י"ט כסלו לכבוד דעם חג הגאולה פונעם בעל התניא, און י"א ניסן דעם יום הולדת פון די רבי, ר' מנחם מענדל שניאורסאהן זצ"ל, ווי אויך איז גאר באקאנט די לעבעדיגע הקפות שניות וואס קומט דארט פאר יעדען מוצאי שמחת תורה מיט די באטייליגונג פון טויזענטער חסידים און ידידי חב"ד. ל"ג בעומר קומט דארט פאר א גרויסע פאראדע, מיט שיינע תורה'דיגע און אידישע אקטעוויטעטן און פאכמאנישע פארשטעלונגען פון די ארטיגע קינדער.

ביום א' אייר תשט"ז האט פאסירט א שרעקליכע טעראר אטאקע אינעם ישוב, ווען 3 אראבישע רוצחים האבן באפאלען דעם בית ספר למלאכה, ווי אסאך פון די תלמידים זענען געווען עולים חדשים, און זיך גענומען שיסן אינמיטן תפילת שמו"ע פון מעריב, און א מדריך מיט 5 תלמידים זענען אומגעקומען עק"ה, אויך איז געווען צענדליגע פארוואונדעטע ר"ל. די ליובאוויטשער רבי זצ"ל האט זיי גאר שטארק מחזק געווען, זאגענדיג "במקום שנתגלתה מידת הדין - תתגלה עתה מידת הרחמים", און זיי



בית אגודת חסידי חב"ד

געשטארקט נאך מער צו מוסיף זיין אינעם כפר.

היינט צוטאגס וואוינען דארט איבער טויזענט משפחות בליעה"ר, מיט ישיבת תומכי תמימים, תלמודי תורה, בית חינוך לבנות בית רבקה און נאך מוסדות התורה וחסידות. עטליכע בתי מדרשים, בעיקר דעם צענטראלען בית הכנסת בית מנחם. דער רב הכפר איז הרה"ג מאיר אשכנזי שליט"א.

אסאך פון די איינוואוינער ארבעטן אין לאקאלע געשעפטען אדער דערנעבענדע פאבריקן, ווי אויך אין די פעלדער וואס נעמען ארום דעם כפר. אויך איז באקאנט די גרויסע מצה בעקעריי פון חב"ד, א תפילין פאבריק, א בינען פארם "מאחורי הדבש" וואס האט טויזענטער קינדער באזוכער איבערן יאר. ווי אויך צוויי אתרוגים פעלדער.

אין יאר תשמ"ו האט מען אין א קורצע צייט פון גאנצע 44 טעג, אויפגעבויט דעם צענטראלען בנין "בית אגודת חסידי חב"ד" וואס ענדילט צום צענטראלען בנין פון 770 איסטערן פארקוויי אין ניו יורק. די נעמען פון די גאסען זענען לויט די אדמור"י חב"ד, ספרי חב"ד וחסידות.

בעזהשי"ת
# בִּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלִָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**
"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

פר' חקת-בלק
פר' בלק באה"ק
י"ב תמוז תש"פ
July 4, 2020
גליון מס'
8

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### טובה הארץ מאד מאד

...והוא הדין בענין ארץ ישראל, כדאיתא בתורת אבות (פר' שלח) ממרן הס"ק מלכוביץ זי"ע עה"פ טובה הארץ מאד מאד, שמסמיך לזה מאחז"ל (אבות ד) מאד מאד הוי שפל רוח, והיינו דזה שהוא מאד מאד שפל רוח הוא זוכה לקדושת ארץ ישראל ולאור של ארץ ישראל. וכמש"כ בניצוצי אורות על הזוה"ק (ח"ג קנט) דארץ כנען הוא מלשון הכנעה, שרק לנכנעים יש שייכות לארץ ישראל. רק אלו שמקיימים מאד מאד הוי שפל רוח והם בבחינת אין, עבורם טובה הארץ מאד מאד והם זוכים לקדושתה.

(נתיבות שלום, חוקת, אז ישיר)

### לשון הקודש בארץ הקודש

כשבאו ישראל לארץ סיחון ועוג, התחיל להתנוצץ אור קדושת ארץ ישראל עליהם והתחילו לתקן הדיבור שיהיה בשלמות, כי עיקר בחינת לשון הקודש הוא בבחינת ארץ הקודש ובזה הם יכולים לכבוש ולשלוט על כל העולם.

(בת עין, בלק)

### הקשר בין העם לארצו

לֹא יֵאָמֵר לָךְ עוֹד עֲזוּבָה, וּלְאַרְצֵךְ לֹא יֵאָמֵר עוֹד שְׁמָמָה, כִּי לָךְ יִקָּרֵא חֶפְצִי בָהּ, וּלְאַרְצֵךְ בְּעוּלָה כִּי חָפֵץ יְיָ בָּךְ, וְאַרְצֵךְ תִּבָּעֵל.

(ישעיהו סב, ד)

### המספר בשבחה

אשרי האיש המליץ טוב ומדבר בשבחה של ארץ ישראל, ונחשב כאילו מספר בשבחו של מקום, שהרי עתידה ירושלים לקרוא בשם ה' דכתיב (יחזקאל מ"ח, ל"ה) ושם העיר מיום ה' שמה, אל תקרא ה' שמה, אלא ה' שמה.

(קדושת הארץ ט' ע"א)

המשך בדף ב'



תלמוד תורה - עיר העתיקה ירושלים
Credit @ruchyl_photography

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הר"ר **יהושע באב"ד** הי"ו - מאנסי נ.י.
בזכות זה יזכה לעלות עם משפחתו לארץ אשר דרכו בה אבותינו, אִישׁ תַּחַת גַּפְנוֹ וְתַחַת תְּאֵנָתוֹ

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר
---

### פתיחה - המשך...

אחי ורעי, איר וועט זעהן אז דברי רבינו ז"ל הנ"ל זענען נכלל בדברי רש"י אינעם פסוק[16] "זֶה אֵלִי וְאַנְוֵהוּ - דאס איז מיין ג-ט און איך וועל אים שיין מאכן, אֱלֹקֵי אָבִי וַאֲרֹמְמֶנְהוּ - די ג-ט פון מיין טאטע און איך וועל אים דערהויבן", זאגט רש"י "לא אני תחילת הקדושה - איך אליין בין נישט די אנהייב פון די קדושה, אלא מוחזקת ועומדת לי מימי אבותי - עס איז מיר באשטעטיגט און שטייט מיר דערביי נאך פון די טעג פון מיינע עלטערן", עיי"ש. וואס ער מיינט צו זאגן דערמיט, אז דאס וואס איך זאג "זה אלי" זאלסטו נישט מיינען אז איך בין עס מייחס צו מיר אלס א קנין וואס איך האב מיר איינגעקויפט מיט מיין אייגענע כח, נאר "אלקי אבי" עס איז מיר מוחזק און פארירש'נט נאך פון מיינע עלטערן. דאס איז ממש די ווערטער פון רבנו "הנודע ביהודה" ז"ל.

האב איך דיר געגעבן צו פארשטיין, אז די גאנצע קיום פון אונזער הייליגע תורה וואס איז אין אונזערע הענט, איז נאר מכח אלס א ירושה פון אונזערע עלטערן.

יעצט קענען מיר גוט פארשטיין דעם ווארט "מורשה" וואס שטייט ביי די תורה, "תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה קְהִלַּת יַעֲקֹב"[17] - איז דער פשט אז די קהילות יעקב, כלל ישראל איז נישט צוגעקומען צו די תורה מכח א זכות פון א קנין, וואס דאס קען אמאהל זיין שוואך אינעם האנט פונעם קונה, נאר עס איז צו זיי אנגעקומען בתורת ירושה, און דאס מאכט עס שטארק אין אונזער הענט. דאס מיינט "מורשה" ביי תורה, צו וויזן אז עס איז באזירט אויף פעסטע יסודות און קומט זיך אונז אין אונזערע הענט מיט א נצחיות. אזוי ווי די ווערטער פונעם רמב"ם וואס איך האב אויבן אראפגעברענגט, אזא בנין קען נישט קיין שום מהרס צוברעכן, עס וועט בלייבן שטיין מיט א פעסטקייט לעולמי עולמים, און ווער עס וועט פושט זיין א האנט אנטקעגן דעם, וועט בטל ווערן און פארלענדט ווערן פון די וועלט פריער אדער שפעטער, אזוי ווי אלע מהרסי התורה זענען פארלענדט געווארן ביז היינט, און מיר וועלן פון איר נישט מבטל זיין אפילו איין קליינע נקודה, עס וועט פון אונז נישט בטל ווערן מן העולם ועד העולם. ביז דא האב איך מבאר געווען דעם ווארט "מורשה" וואס שטייט ביי די תורה.

יעצט וועל איך מבאר זיין בעזהשי"ת די ווארט "מורשה" וואס שטייט לגבי ארץ ישראל. ווען דער דער בורא עולם האט באשאפן די וועלט און דעם מענטש, וואס פון אים איז צושפרייט געווארן די פעלקער פון די וועלט און געווארן צוטיילט צו זיבעציג פעלקער, האט דער אייבישטער זיי איבער געגעבן צו שרי מעלה, ווי איעדער פאלק זאל זיין אונטער זיין שר און זיין השפעה פון אויבען, און אזוי ווי מען שטעלט אראפ דעם שר אין הימל, אזוי געפינט זיך זיין פאלק דא אויף דער ערד, אויב דערהייבט מען דעם שר אין הימל, ווערט זיין פאלק דערהויבן אויף דער וועלט, און אויב ער פאלט, פאלט זיין פאלק מיט דא אינטען, אזוי ווי דער פסוק זאגט[18] "יִפְקֹד ה' עַל צְבָא הַמָּרוֹם בַּמָּרוֹם - וועט ג-ט באפעלען אויף די מיליטער פון הימל אין הימל, וְעַל מַלְכֵי הָאֲדָמָה עַל הָאֲדָמָה - און דערנאך אויף די קעניגן פון דער ערד אויף דער ערד". אזוי האט דער אייבישטער צוטיילט די וועלט צווישן די הימלישע שרים, יעדער שר האט זיך זיין חלק אין דער וועלט און זיין פאלק, אזוי ווי רבותינו ז"ל האבן אונז אנטפלעקט[19], און זייערע ווערטער זענען אמת ויציב, אזוי ווי דער רמב"ם איז מאריך אין דעם אין זיין הקדמה צו סדר זרעים[20], ווי ווען ער דערמאנט נאר דברי חז"ל, רופט ער זיי אן רבותינו חכמי האמת, ווייל זיי האבן מכוון געווען זייערע ווערטער מיט רוח הקודש צום קלארן אמת, עיי"ש.

נאר איין איינציגסטע לאנד האט דער אייבישטער געלאזט אונטער זיין אייגענע האנט און אונטער זיין געוועלטיגונג און נישט איבערגעגעבן פאר קיין שום שר, זאגענדיג, אז דאס לאנד לאז איך איבער פאר מיר און אונטער מיין ממשלה, און ווען איך וועל טרעפן דעם ריכטיגן מענטש וואס וועט מיר געפעלן צו מיין הארץ און רצון, וועל איך אים ארייגשטעלן אין דעם לאנד, און ער וועט שטיין גלייך אונטער מיין השגחה און ממשלה אן קיין שום מיטלגאנג פון אנדערע הימלישע שרים אזוי ווי עס איז ביי די אנדערע לענדער, וואס דארט גייט די השפעות פונעם אייבירשטען אדורך די שרי מעלה. און דער מענטש איז געווען אברהם אבינו ע"ה, וואס האט געדינט דעם רבוש"ע מיטן גאנצען הארץ און רצון במלא מובן המלה, ווי דער פסוק זאגט[21] "אַתָּה הוּא ה' הָאֱלֹקִים אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ בְּאַבְרָם - די ביזט דער ג-ט וואס האט דערוועלט אין אברם, וְהוֹצֵאתוֹ מֵאוּר כַּשְׂדִּים - און די האסט אים ארויסגענומען פון די קאלך אויוון פון די כשדיים, וְשַׂמְתָּ שְּׁמוֹ אַבְרָהָם - און די האסט אים געגעבן די נאמען אברהם, וּמָצָאתָ אֶת לְבָבוֹ נֶאֱמָן לְפָנֶיךָ - און די האסט געטראפן זיין הארץ צו זיין אינגאנצען באגלייבט צו דיר". אים האט דער אייבישטער געטראפן אלס דער ריכטיגער מענטש, וואס איז ראוי צו באזעצן אין דעם לאנד וואס דער אייבישטער האט בוחר געווען פאר זיך אלס זיין חלק, אזוי ווי חז"ל זאגן אין מדרש תנחומא[22], "חביבה ארץ ישראל שבחר בה הקב"ה - ארץ ישראל וואס דער אייבישטער האט אויסדערוועלט איז אים באליבט, ווייל ווען דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט האט ער צוטיילט די לענדער צו די שרי אומות העולם און ער האט פאר זיך אויסדערוועלט ארץ ישראל, פון ווי ווייסן מיר דאס? ווייל משה האט געזאגט[23] "בְּהַנְחֵל עֶלְיוֹן גּוֹיִם וגו'" און אויסדערוועלט אידן פאר זיין חלק, אזוי ווי עס שטייט דארט ווייטער[24] "כִּי חֵלֶק ה' עַמּוֹ יַעֲקֹב חֶבֶל נַחֲלָתוֹ". זאגט דער אייבישטער "זאלן קומען די אידן וואס זענען אריינגעקומען אין מיין חלק, און זאלן ירש'נען דעם לאנד וואס איז געקומען אין מיין חלק", עכ"ד.

מען דארף צו וויסן, וואס איז געווען די זאך וואס האט מכשיר געווען אברהם אבינו ע"ה צו זוכה זיין אריינצוקומען בחלק ה', דאס איז געווען זיין מסירת נפש צום אייבירשטען, ער האט זיך מוסר נפש געווען צו מקדש זיין שמו יתברך, מיט דעם האט ער זיך דערהויבן מער פון אלע מענטשען אויף דער וועלט, ווי דער פסוק זאגט אויף אים[21] "אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ בְּאַבְרָם וְהוֹצֵאתוֹ מֵאוּר כַּשְׂדִּים", ער האט אין אים אויסגעוועלט צוליב וואס ער האט מקדש שם שמים געווען ברבים אין אור כשדים, דאס איז געווען די ערשטע נסיון פון

המשך בדף ב'

---

[16] שמות טו, ב
[17] דברים לג, ד
[18] ישעיה כד, כא
[19] זוה"ק בכמה מקומות, ספר חסידים סי' תתשס
[20] הקדמת הרמב"ם לפירוש משניות
[21] נחמיה ט, ז-ח
[22] אות ח
[23] דברים לב, ח
[24] דברים לב, ט

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצובריענגן שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

### ישיבת א"י

הלוקח עיר בא"י כופין אותו ב"ד לקחת לה דרך לד' רוחותיה משום ישוב ארץ ישראל.

(רמב"ם פ"ג מהשכה"ב ה"ב)

### ישראל בארצם

וַהֲשִׁמֹּתִי אֲנִי אֶת הָאָרֶץ וְשָׁמְמוּ עָלֶיהָ אֹיְבֵיכֶם הַיֹּשְׁבִים בָּהּ, פירש רש"י - זו מדה טובה לישראל שלא ימצאו האויבים נחת רוח בארצם שתהא שוממה מיושביה.

(ויקרא כו לב)

### נשמה חדשה

כשזוכה לכנוס לארץ ישראל בא אליו נפש חדש מיצירה, ומתלבש בנפש הישנה שלו, ובלילה הראשונה שישן בארץ ישראל יוצאים ב' הנפשות ועולים למעלה, ובחזרה אינה חוזרת כי אם החדשה.

(חסד לאברהם פרק ד' ק"ח)

### הכל מעלין

אדם שהוא בארץ ישראל אפילו שהוא בקטנות יכול להתעלות בה, ע"י שיתדבק בהעשר קדושת שבה. כי אפילו עבד שברח מחו"ל לא"י, הקדושה שבה קולטתו, שאסור להחזירו אל האדון לחו"ל. והכל מעלין לא"י אפילו מנוה היפה לנוה הרעה, ואפילו לעיר שרובה עכו"ם, וכל זה הוא אם יודע שהוא בהיכל המלך.

(בגדי ישע זמרת הארץ)

### המהלך ד' אמות

אמר רבי יוחנן כל המהלך ד' אמות בא"י מובטח לו שהוא בן עולם הבא (כתובות קי"א ע"א), לכאורה מאי כולה האי על הולך מעט בא"י יהיה בטוח, אבל לפי הנזכר יש לומר דבאמת הכוונה היא על תחילת ביאתו לארץ ישראל, דנחדש לו רוח חדשה והיא כמו בחינה חדשה וכקטן שנולד דמי ועונותיו נמחלין לו, על כרחו הוא בטוח לעולם הבא.

(נחלה לישראל ח"ב כת"י)

### שבת בארץ ישראל

ואמר רבי יוסי, יהא חלקי ממכניסי שבת בטבריה, וממוציאי שבת בציפורי. פירוש רש"י - מפני שהיא עמוקה ומחשכת מבעוד יום וסבורין שחשכה, וממוציאי שבת בציפורי, שיושבת בראש ההר ובעוד כשהחמה שוקעת נראית שם אור גדול ומאחרין לצאת.

(תשובת הרשב"ש סי' ג')

### ישוב ארץ ישראל

ישיבת ארץ ישראל הוא מצוה רבה וצורך גבוה, וכל כך גדול מעלת ישיבת ארץ ישראל, עד שלרוב שפע שגורם בעולמות עליונים נמשך גם כן מעט אל האדם היושב שם רב טוב.

(ערבי נחל פר' שלח)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

די צעהן נסיונות וואס אברהם איז זיי בייגעשטאנען, כמבואר ברע"ב[25], "פון דעמאלטס אן האט דער אייבישטער אים אויסדערוועלט און אים געגרויסט איבער אלע פעלקער, דאס מיינט דער פסוק מיט "וְשַׂמְתָּ שְׁמוֹ אַבְרָהָם", ווען מען האט אים צוגעלייגט דעם אות ה' וואס איז מרמז אויף אב המון גוים, כמו שאמרו חז"ל[26]. ער האט צו דעם אלעם זוכה געווען, ווייל דער אייבישטער האט אין אים געטראפן א הארץ וואס איז באגלייבט צו אים, מיט דעם איז ער געווארן מוכשר צו ווערן בחלקו של השי"ת, ווי אויך צו באקומען דעם לאנד וואס דער אייבישטער האט בוחר געווען פאר זיין חלק. ווי איך האב געזעהן אינעם ספר "בית אלקים" לרבינו המבי"ט[27], חבירו ומבית דינו פונעם בית יוסף, ווי ער שרייבט אז אברהם אבינו האט זוכה געווען צו ארץ ישראל אזוי ווי ער האט זיך מוסר נפש געווען למיתה על קידוש השם אין אור כשדים, דעמאלטס האט דער אייבישטער נודר געווען צו געבן פאר זיינע קינדער דעם לאנד, ווי דער פסוק זאגט[28] "אֲנִי ה' אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאוּר כַּשְׂדִּים - איך בין דער באשעפער וואס האט דיר ארויסגענומען פון אור כשדים, לָתֶת לְךָ אֶת הָאָרֶץ הַזֹּאת לְרִשְׁתָּהּ - דיר צו געבן דעם לאנד איר צו ירש'נען". אפילו די ווערטער זענען אים געזאגט געווארן ביי די ברית בין הבתרים ווען ער איז שוין אלט געווען זיבעציג יאר[29], און ביי די מעשה פון אור כשדים איז ער געווען צוויי און פופציג יאר, האט ער אים אבער יעצט מודיע געווען אז פון יענעם מאמענט וואס ער האט אים געראטעוועט פון דעם קאלך אויוון איז שוין זיין כוונה געווען אים צו געבן דאס לאנד, ווי גלייך ער האט אים שוין דעמאלטס געמאכט דעם נדר בזכות וואס ער האט זיך מוסר נפש געווען על קידוש שמו יתברך. עכ"ד.

איר וועט באמערקן אז תיכף ווען דער אייבישטער איז אים מודיע אז ער באקומט ארץ ישראל, איז ער אים מגלה אז דאס איז נישט נאר פאר אים אליינס, נאר אויך אלס א ירושה פאר זיינע קינדער און קינד'ס-קינדער, אזוי ווי ביי איעדע ירושה וואס גייט איבער דור צו דור אן א הפסק. אזוי האבן מיר קינדער פון אברהם יצחק און יעקב זוכה געווען צו ארץ ישראל, וואס איז אינעם חלק פון הקב"ה, דורך אברהם אבינו וואס האט אויך געהערט צום חלק פון הקב"ה, און אזוי ווי ער איז געווארן נכלל אינעם חלק פונעם אייבירשטען, אזוי זענען מיר זיינע קינדער אויך געווארן נכלל אינעם זעלבן חלק, ווי דער פסוק זאגט "כִּי חֵלֶק ה' עַמּוֹ יַעֲקֹב חֶבֶל נַחֲלָתוֹ".

ווי גוט האבן חז"ל[30] געזאגט "דער אייבישטער האט געזאגט פאר אידן, ארץ ישראל איז מיין חלק, כדכתיב[31] "אֶרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ דֹּרֵשׁ אֹתָהּ תָּמִיד", און עטס זענטס מיין חלק, כדכתיב "כִּי חֵלֶק ה' עַמּוֹ", עס איז שיין אז מיין טייל (כלל ישראל) זאל וואוינען אין מיין טייל (א"י)". אבער דאס אלעס קומט צו אונז נאר מכח ירושה פון אונזערע עלטערן, ווי חז"ל זאגן[32] "ארץ ישראל ירושה היא לנו מאבותינו", נאר אויף דעם איז באזירט אונזער פאדערונג אויף ארץ ישראל, מיט די טענה פון ירושה, ווי דער פסוק זאגט "לָתֶת לְךָ אֶת הָאָרֶץ הַזֹּאת לְרִשְׁתָּהּ", און נישט קיין אנדערע סיבה אדער טענה וועגן קנין אדער כיבוש, ווייל די טענה פון קנין איז שוואך וואס מען קען אויף דעם שפעטער מערער זיין, און אויף די טענה פון כיבוש קען מען אויך אפפרעגן, ווייל עס קען קומען אן אנדערע פאלק און איינעמען די וואס האבן עס געהאט פריער, עיין רמב"ם הלכות בית הבחירה[33], וכסף משנה שם, אבער צו די טענה פון ירושה איז שטערקער און די בעסטע פון אלע טענות וואס מען קען נישט מהרהר זיין אויף דעם, כמו שכתבתי לעיל. די הייליגע תורה איז אונזער שטר און ראיה צו דעם, וואס ווייזט אויף אז דער בורא עולם האט עס געגעבן פאר אברהם אבינו אויף אן אופן פון ירושה, עס זאל אונז אייביג זיין א ירושה מדור לדור, און די ראיה בלייבט אויף שטענדיג און איז באוויסט צו אלע פעלקער.

עיין בסה"ק[34] "נצח ישראל", לרבינו מהר"ל מפראג, ווי ער שרייבט אז די טבע איז די שטערקסטע פון אלע כוחות, און שטארקט זיך איבער אלעם, ער טוט זיך דאס זייניגע און לאזט נישט קיין שום שטערונג אים צו מונע זיין פון זיין נאטורליכע ארבעט, און אפילו עס פאסירט עפעס א מניעה וואס שטעלט זיך אנטקעגן אים, אים צוריקצוהאלטן פון זיין ארבעט, איז עס נאר לשעה און נישט פאר אייביג, ווייל די טבע וועט זיך איבער דעם שטארקן און אים באזיגען און אים אפטוהן פון זיין וועג, און ווייטער גיין אזוי ווי פון אנהייב ווי דער אייבישטער האט אים באפוילן. אזוי איז אויך לגבי אונזער שייכות צו ארץ ישראל, אונז קענען זיכער זיין אז ארץ ישראל וועט זיך צוריקקערן צו אונז בעזר הבורא, ווייל דער אייבישטער האט אזוי אריינגעגעבן אין די טבע פון די וועלט אז איעדער פאלק זאל זיך האבן זיין לאנד ווי צו וואוינען דארט, און אלע זאלן זיין איינגעזאמעלט אין איין לאנד און נישט צוזייעט און צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט, אזוי אויך איז עס געווען ביי אונז אידן.

המשך בגליון הבא אי"ה

[25] אבות פ"ה, משנה ג
[26] ברכות יג, ע"א
[27] שער היסודות פרק לב
[28] בראשית טו, ז
[29] סדר עולם רבה, פרק א
[30] תנחומא פר' מסעי אות ו', פר' ראה אות ח'
[31] דברים יא, יב
[32] עבודה זרה נג, ע"ב
[33] פרק ו, הלכה טז
[34] פרק א'

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר רבי יוסי בן חלפתא

כפר חנניא, גליל

רבי יוסי בן חלפתא איז געווען א תנא און א תלמיד פון רבי עקיבא און פון רבי יוחנן בן נורי, און באקומען סמיכה פון רבי יהודה בן בבא, פאר פרנסה האט ער אויסגעארבעט הויט. אין רש"י ווערט געברענגט אז סתם רבי יוסי אין ש"ס איז רבי יוסי בן חלפתא. אין די גמרא מס' ברכות זעהט מען אז ער האט געהאט גילוי אליהו איעדן טאג.

פאר א שטיק צייט האט ער געמוזט אנטלויפן פון די רומיים קיין קליין-אזיע, שפעטער האבן די רומיים אים פארטריבן קיין ציפורי, צוליב דעם וואס ווען ער האט געהערט ווי רבי שמעון בר יוחאי רעדט שלעכטס אויף די רוימער, האט רבי יוסי שטיל געשוויגן. און ציפורי האט ער געגרינדעט א גרויסע ישיבה און מעמיד געווען אסאך תלמידים, ביז מען האט געזאגט "צדק צדק תרדוף הלך אחר ב"ד יפה... אחר רבי יוסי לציפורי".

אין מדרש רבה ווערט געברענגט די באקאנטע מעשה פון רבי יוסי ווי ער האט געזאגט פאר א הערנטע אז דער אייבישטער זיצט און איז מזווג זיווגים א גאנצען טאג, און אז קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף, האט זי באשלאסן אז זי וועט ווייזן אז זי קען אויך, זי האט צוזאם געשטעלט אירע טויזענט עבדים ושפחות, אבער עס האט זיך געענדיגט מיט שלעגערייען און געפעכטען, קיינער האט זיך נישט פארשטאנען איינער מיט די אנדערע, האט זי מודה געווען צו רבי יוסי אז ער איז גערעכט.


קבר רבי יוסי ואביו רבי חלפתא — Credit: Yossi Rubinstein

אין משניות ווערט ער דערמאנט בערך דריי הונדערט מאהל, אזוי אויך אין תוספתא. ער האט געהאט גרויסע ידיעות אין חכמת הטבע. רבי יוסי האט געהאט פינף זוהן, רבי ישמעאל, רבי אלעזר, רבי חלפתא, רבי אבטילס, און רבי מנחם. זיין זוהן רבי ישמעאל האט אויף אים געזאגט, אז אזוי ווייט עס איז פון גאלד צו שטויב, אזוי ווייט איז פון אונזער דור צו זיין פאטער'ס דור.

און מדרש תהלים שטייט אז רבי יוסי האט געזאגט צו זיין זוהן רבי ישמעאל, די ווילסט זעהן די שכינה בעולם הזה? דאן זיי עוסק בתורה אין ארץ ישראל.

פון זיינע באקאנטע פתגמים זענען "לעולם אל יפתח אדם פיו לשטן", "יהא חלקי מאוכלי שלש סעודות בשבת", "יהא חלקי ממי שחושדין אותו ואין בו", "גר שנתגייר הוא כקטן שנולד", "גדול העונה אמן יותר מהמברך", "מגלגליו זכות ליום זכות וחובה ליום חובה".

ער איז נטמן געווארן לעבן זיין טאטע רבי חלפתא אין כפר חנניא.

בעזהשי"ת

# בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

**פר' מטות-מסעי**
כ"ו תמוז תש"פ
July 18, 2020
גליון מס'
10

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### מלכות שמים

עיקר בחינת ארץ ישראל היא כדי לבוא לבחינת יראת הרוממות מהבורא כל העולמים מלך מלכי המלכים הקב"ה, ולקבל עליו מלכות שמים בשלימות באשר מושל בעליונים ובתחתונים כרצונו יתברך, מחמת ששם בא"י הוא עיקר השראת השכינה והתגלות מלכות הבורא ב"ה, לכך יכול להשיג שם בחינת עול מלכות שמים בשלמות בגודל אימה ופחד ויראה ובושה והכנעה... והעיקר הוא לבא לבחינת א"י שהוא בחינת קבלת עול מלכות שמים בשלמות באימה ויראה אמיתית ולראות להתחזק תמיד בהתחזקות יותר ויותר שיתגדל ויתקדש מלכותו ושמו הגדול והקדוש והנורא.

(בת עין פר' מסעי)

### הארץ הקדושה

...וזו היא קדושתה שלטעם זה היא נחשבת הארץ הקדושה לפי שהיא לפני ה' באין רצועת חול מפסקת בינה ובין ה' שוכן הבירה.

(אוה"ח הק' במדבר לב, כב)

### נקיי הדעת בירושלים

...וכך היו נקיי הדעת בירושלים עושין (גיטין פז:) פירש"י, נוהגין שלשונן קצרה וכו'... והיינו שנקיי הדעת שמרו על דבורם ביותר עד שלא היו מוציאים מפיהם אפי' תיבה אחת מיותרת שאין בה צורך... ע"כ בש"ק צריך לצמצם הדיבור ככל האפשר, וזהו פי' שלא יהיה דיבורך של שבת כדיבורך של חול (שבת קיג:) שבש"ק צריך יהודי להיות בבחי' נקיי הדעת שבירושלים שקיצרו בדיבורם ככל שיכלו.

(נתיבות שלום, פר' מטות)

### אוצרות ארץ ישראל

בעל הטורים מביא את הספרי שהקב"ה הראה

המשך בדף ב'



שער יפו, עיר העתיקה ירושלים
Credit @ruchyl_photography

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הרה"ח **חיים מאיר מיללער** הי"ו
מאנסי נ.י.
יברכך ה' מציון, וראה בטוב ירושלים, וראה בנים לבניך

יוצא לאור ע"י מכון: **לְבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פתיחה - המשך...

ווען דער פסוק רעדט פון מיליטער און מלחמה, שטייט נישט "רַק", נאר פשוט חזק ואמץ, צו זאגן דערמיט אז די שטארקייט איז נאר א טפל צו די שטארקייט וואס איך בעט פון דיר לגבי תורה און מצוות, וואס דעמאלטס זאגט ער יא "רַק", אז נאר דאס איז דער עיקר. אזוי אויך ביי חיזוק התורה שטייט "חֲזַק וֶאֱמַץ מְאֹד", און ביי חיזוק פון די מלחמה שטייט נישט "מְאֹד". ווי מיר זעהן טאקע אז פון די טאג וואס משה רבינו איז נפטר געווארן ווען אידן האבן מקבל געווען די גאנצע תורה, ווי עס שטייט[51] "לָקֹחַ אֵת סֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה", און נאכן ענדיגן די ימי אבילות, האבן זיי זוכה געווען ארייבצוגיין מיט יהושע קיין ארץ ישראל. און דאס שטייט אין פסוק[52] "וַיְהִי אַחֲרֵי מוֹת מֹשֶׁה... וַיֹּאמֶר ה' אֶל יְהוֹשֻׁעַ... וְעַתָּה קוּם עֲבֹר" וכו', ווייל אין די זכות פון די תורה וואס איר עיקר קיום איז אין ארץ ישראל, האבן מיר גירש'נט ארץ ישראל, אזוי ווי עס שטייט[53] "כִּי אָז תַּצְלִיחַ אֶת דְּרָכֶךָ" די ווענסט מצליח זיין איר איינצונעמן, "וְאָז תַּשְׂכִּיל", עד כאן דבריו הק'.

חוץ די ווערטער פון רבינו המבי"ט הנ"ל, אז מען דארף האבן שטערקערע חיזוק אין תורה און מצות ווי די חיזוק פון מלחמה, האב איך געטראכט אזא געדאנק, אזוי ווי איך האב שוין געברענגט פריער, אז כדי צו קענען ירש'נען ארץ ישראל דארפן מיר זיין עהרליכע קינדער צו אונזערע הייליגע אבות, צו גיין אין זייערע וועגן, ווי מיר זעהן ביי די מעשה פון שרה וואס האט געזאגט לגבי ישמעאל[54] "כִּי לֹא יִירַשׁ... עִם בְּנִי עִם יִצְחָק", וויבאלד ער האט זיך נישט געהאלטען אין די וועג פון אברהם אבינו און ארויס לתרבות רעה. יעצט אז מיר ווילן גיין קיין ארץ ישראל און איר ירש'נען, ווענדט זיך דאס אויך אין דעם, צו וועלן מיר גיין בדרכי התורה אזוי ווי אונזערע עלטערן, ווייל אויב ח"ו נישט, מיר וועלן נישט היטן די תורה און מצות, האבן מיר נישט קיין חלק ונחלה אין די נחלה פון אונזערע עלטערן, מיר וועלן גארנישט אויפטוהן מיט'ן נעמען ארץ ישראל, ווייל עס קומט זיך אונז נישט. דאס וואס דער פסוק זאגט אונז קודם "חֲזַק וֶאֱמַץ" ביי מלחמה, זאגט ער נאכדעם נאכאמאהל "רַק חֲזַק וֶאֱמַץ" ביי תורה, ווי ער נעמט זיך אויס א תנאי אין דעם ענין, זאלסט וויסן אז נאר אויף דעם אופן וועט העלפן די חיזוק פון מלחמה, נאר אויב די וועסט זיך מחזק זיין און זיך שטארקן בתורה און מצות, ווייל אײן אן די אנדערע וועט נישט העלפן. די ווארט "רַק" איז ווי א תנאי, אז די וועסט מצליח זיין אין די מלחמה נאר אויב די וועסט דיך שטארקן אין תורה, צו טוהן און אפהיטן כל דברי התורה הזאת. וזה נכון ואמת בפי' הדברים.

תיכף ביים איינעמען דאס לאנד האט זיך די כיבוש געוואנדען אין דעם תנאי פון שמירת תורה ומצות, אזוי אויך זעהן מיר ביי דוד המלך ע"ה וואס ער האט געזאגט צו זיין זוהן שלמה[55], "עַתָּה בְנִי יְהִי ה' עִמָּךְ וְהִצְלַחְתָּ וגו' - יעצט מיין זוהן, זאל דער אייבשטער זיין מיט דיר און די זאלסט מצליח זיין, אַךְ יִתֶּן לְךָ ה' שֵׂכֶל וּבִינָה וִיצַוְּךָ עַל יִשְׂרָאֵל - דער אייבישטער זאל דיר נאר געבן שכל מיט פארשטאנד, און די זאלסט באפוילן פאר אידישע קינדער, וְלִשְׁמוֹר אֶת תּוֹרַת ה' אֱלֹקֶיךָ - און זיי זאלן היטן די תורה פונעם אייבירשטען, אָז תַּצְלִיחַ - דעמאלטס וועסטו מצליח זיין, אִם תִּשְׁמוֹר לַעֲשׂוֹת אֶת הַחֻקִּים וְאֶת הַמִּשְׁפָּטִים - אויב די וועסט אפהיטן און טוהן די געזעצן און דינים, אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה עַל יִשְׂרָאֵל - וואס דער אייבישטער האט באפוילן משה צו איבערגעבן די אידן, חֲזַק וֶאֱמָץ אַל תִּירָא וְאַל תֵּחָת - שטארק דיך זאלסט נישט מורה האבן", זעהן מיר אז אויך דוד המלך האט עס געמאכט אלס הויפט תנאי צו די הצלחה פון זיין זוהן שלמה, אזוי זעהן מיר אויך אין מלכים[56], "לְמַעַן יָקִים ה' אֶת דְּבָרוֹ - אז דער אייבישטער זאל באשטעטיגן זיין רייד, אֲשֶׁר דִּבֶּר עָלַי לֵאמֹר - וואס ער האט גערעדט צו מיר, אזוי צו זאגן, אִם יִשְׁמְרוּ בָנֶיךָ אֶת דַּרְכָּם - אויב דיינע קינדער וועלן אפהיטן זייערע וועגן, לָלֶכֶת לְפָנַי בֶּאֱמֶת בְּכָל לְבָבָם וּבְכָל נַפְשָׁם - צו גיין פאר מיר מיט אמת, מיט זייער גאנצען הארץ און מיט זייער גאנצע זעהל". שטייט אויף דעם פסוק אין מדרש[57] "דריי זאכן האט מען געגעבן מיט א תנאי, ארץ ישראל, בית המקדש און מלכות בית דוד". אזוי אויך זעהן מיר אין פסוק[58] "וַיַּעַזְבוּ אֶת בֵּית ה' אֱלֹקֵי אֲבוֹתֵיהֶם וכו' - זיי האבן איבערגעלאזט דעם הויז פון ה', די ג-ט פון זייערע עלטערן... וַיְהִי קֶצֶף עַל יְהוּדָה וִירוּשָׁלַםִ בְּאַשְׁמָתָם זֹאת - עס איז געווען א צארן אויף יהודה און ירושלים ווייל זיי זענען געווען שולדיג אין דעם... וְרוּחַ אֱלֹקִים לָבְשָׁה אֶת זְכַרְיָה בֶּן יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן - און א ג-ט'ליכע גייסט האט ארומגענומען דעם זכריה בן יהוידע הכהן, וַיַּעֲמֹד מֵעַל לָעָם - און ער האט זיך געשטעלט פארן פאלק, וַיֹּאמֶר לָהֶם כֹּה אָמַר הָאֱלֹקִים - און ער האט געזאגט צו זיי, אזוי האט דער אייבישטער געזאגט, לָמָּה אַתֶּם עֹבְרִים אֶת מִצְוֹת ה' - פארוואס זענט איר עובר אויף דעם באפעל פונעם אייבירשטען, וְלֹא תַצְלִיחוּ כִּי עֲזַבְתֶּם אֶת יְהוָה וַיַּעֲזֹב אֶתְכֶם - איר וועט נישט מצליח זיין ווייל איר האט איבערגעלאזט דעם אייבירשטען, וועט ער אייך איבערלאזן". ער האט צו זיי אויסגערופן, ווייל איר האט אפגעלאזט דעם אייבירשטען וועט אייך דער אייבישטער אויך אפלאזען און וועט אייך איבערגעגעבן צו אייערע פיינט. אזוי אויך יואב, ווען ער האט מלחמה געהאלטן מיט עמון און ארם, האט ער געזאגט[59] "חֲזַק וְנִתְחַזְּקָה בְּעַד עַמֵּנוּ וּבְעַד עָרֵי אֱלֹקֵינוּ - שטארקט אייך, און לאמיר זיך שטארקן וועגן אונזער פאלק און וועגן די שטעט פון אונזער באשעפער, וַה' הַטּוֹב בְּעֵינָיו יַעֲשֶׂה - און דער אייבישטער וועט טוהן וואס איז גוט אין זיינע אויגן", מיט די ווערטער "וּבְעַד עָרֵי אֱלֹקֵינוּ" ברענגט ער ארויס אז די שטעט וועלן האבן א ג-טליכע שיצונג דורך שמירת תורה ומצות, דעמאלטס וועט דער אייבישטער טוהן וואס איז גוט פאר זיי און זיי וועלן באזיגן אין די מלחמה. ווי אויך זעהן מיר אין פסוק[60] "וַיַּקְהֵל דָּוִיד אֶת כָּל שָׂרֵי יִשְׂרָאֵל וכו' - דוד האט צוזאמגעזאמעלט אלע הערן פון די אידן... וַיָּקָם דָּוִיד הַמֶּלֶךְ עַל רַגְלָיו - און דוד האט זיך אויפגעשטעלט, וַיֹּאמֶר שְׁמָעוּנִי אַחַי וְעַמִּי וכו' - און געזאגט הערט מיר אויס מיינע ברודער און מיין פאלק... וְעַתָּה לְעֵינֵי כָל יִשְׂרָאֵל קְהַל ה' - יעצט פאר די אויגן פון אלע אידן די פארזאמעלטע פארן אייבירשטען, וּבְאָזְנֵי אֱלֹקֵינוּ - און אין די אויערן פון אונזער ג-ט, שִׁמְרוּ וְדִרְשׁוּ כָּל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם - היט אפ און פארשט נאך אלע מצות פון ענקער באשעפער, לְמַעַן תִּירְשׁוּ אֶת הָאָרֶץ הַטּוֹבָה - אז איר זאלט ירש'נן דעם גוטען לאנד,

המשך בדף ב'

[51] דברים לא, כו
[52] יהושע א, א-ב
[53] יהושע א, ח
[54] בראשית כא, י
[55] דברי הימים א, כב
[56] מלכים א, ד
[57] ילקוט שמעוני ח"ב, רמז קע
[58] דברי הימים ב, פרק כד, יח-כ
[59] דברי הימים א, פרק יט, יג
[60] דברי הימים א, פרק כח, א-ט

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

למשה רבינו ע"ה את כל הארץ, המערות והמחילות ואוצרות כסף וזהב שבה... י"ל כמו שאמרו צדיקים שאוצרות אלו הם לבות בני ישראל, התשוקות והרצונות (הרמוזים בכסף וזהב), וארץ ישראל מסייעת לעבודות הש"י, וזה אוצרות כסף וזהב שבה, שהקב"ה מייחד שמו על הארץ, אלוקי הארץ, כדאיתא ברמב"ן שהקב"ה יקרא אלוקי ארץ ישראל, אבל על ארץ העמים לא יאמר בו אלוקי הארץ, ועל זה אמרו הדר בארץ ישראל דומה כמי שיש לו אלו-ה... ובמאירי איתא שתלמיד חכם יודע ומבין מה אבד לנו, שמשיג מהי ארץ ישראל ומהו בית המקדש, כ"ק אדמו"ר ז"ל היה אוהב ארץ ישראל, הם ידעו מהי ארץ ישראל, גם הפרשה של בנות צלפחד היא ענין התשוקה לארץ ישראל, ראויה היתה פרשה להיכתב על ידי משה אלא שזכו וכו' שהיו מחבבות את הארץ, כי רצו עבדיך את אבניה.

(פני מנחם, פר' פנחס)

### באש אתה עתיד לבנותה

ג' שבועות אלו של בין המצרים, בהם הוא הזמן לתיקונים של בנין ביהמ"ק, עיקר התיקונים הם בשבתות שבהם מתקיים ענין בנין ביהמ"ק, כיון שבש"ק מסוגל יהודי לעורר אש הקדושה, ולהשיג הדרגה הראויה בהשתוקקות לאלקות, ובאש הזו אתה עתיד לבנותה.

(נתיבות שלום, פר' מטות)

### ותבואו ותטמאו את ארצי (הפטרה, ירמיהו ב, ז)

איתא בילקוט שמעוני (איכה רמז תתרלח), הלוואי היו בני עמי בארץ ישראל אעפ"י שמטמאין אותה. הגאון רבי יצחק בלאזר אמר בקבלת פניו ביפו בעלותו לארץ, דלא יתכן מדרש זה שהוא כפשוטו, שהרי מקרא מלא הוא (ויקרא יח, כח) ולא תקיא הארץ אתכם בטמאכם אותה, וכן נאמר (דברים יא, יז) ואבדתם מהרה מעל הארץ. אלא הכוונה היא דהקב"ה מצטער, דהלוואי והיה יכול להיות דבר זה שישבו בניו בארץ ישראל ואפילו שמטמאין אותה. ויש להוסיף הבת קול של רבה בר בר חנה (ב"ב עד.), אוי לי שנשבעתי, ועכשיו שנשבעתי מי מפר לי. וכן איתא בסנהדרין (מו.), בשעה שהאדם בצער, שכינה מה לשון אומרת, קלני מראשי וכו'.

(הר צבי, פר' מסעי)

### יסורי ארץ ישראל

שלש מתנות טובות נתן הקדוש ברוך הוא לישראל, וכולן לא נתנן אלא על ידי ייסורים, ואלו הן: תורה, ארץ ישראל ועולם הבא.

(ברכות ה, א)

### ציון הר קדשי

אמרו למלך המשיח היכן אתה מבקש לדור, אמר אף דא צריכה שאלה, על ציון הר קדשי.

(מדרש שמואל י"ט)

טובה הארץ מאד מאד (במדבר יד, ז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

וְהִנְחַלְתֶּם לִבְנֵיכֶם אַחֲרֵיכֶם עַד עוֹלָם - און עס מאכן ירש'נן פאר אייערע קינדער ביז אייביג. זעהן מיר אז אונזער מלך הנבחר האט פאראויס געזאגט פאר גאנץ קהל ישראל, אז עס איז נישט מעגליך צו ירש'נן דעם ארץ הטובה אן היטן תורה און מצות, און ער זאגט בפירוש אז אזוי איז אויך פאר אלע זייערע קינדער נאך זיי עד עולם. עזרא הסופר האט אויך אזוי געזאגט ווען מען איז ארויף צום בית שני, ווי עס שטייט[61] "כִּי עֶזְרָא הֵכִין לְבָבוֹ לִדְרוֹשׁ אֶת תּוֹרַת ה' - עזרא האט זיך צוגעגרייט זיין הארץ צו דרש'נן תורת ה', וְלַעֲשׂת וּלְלַמֵּד בְּיִשְׂרָאֵל חֹק וּמִשְׁפָּט - ווי צו טוהן און צו אויסלערנען פאר די אידן דאס געזעץ און דין". זעהן מיר אז קיום תורה און מצות איז די ערשטע תנאי אין די הצלחה אז די אידן זאלן קענען איינעמען דאס לאנד און דארטן בלייבן, דאס אלעס איז צוליב עס איז אונז א ירושה אבער מיט דעם תנאי, אז מיר זאלן זיין בנים הגונים און זיין ראוי אז עס זאל גערופן ווערן די נאמען פון אונזערע אבות אויף אונז, ווי דער פירוש פון רבינו הרמב"ם אין די ווערטער וואס שטייט ביי ירושת אבותינו[62] "כִּי בְיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע".

יעצט נאך די גאנצע הקדמה, וועסטו שוין פארשטיין דעם ווארט "מורשה" וואס ווערט געזאגט ביי ארץ ישראל, אונז צו ווייזן אז דעם זכות וואס מיר האבן צו ארץ ישראל איז א ענין פון ירושה, און דווקא אויב מיר וועלן זיך אויפפירן ווי בנים הגונים און זיין ראוי צו די ירושה, ווי דער מאמר פון תנא דבי אליהו[63], א מענטש דארף זאגן, "ווען וועלן אנקומען מיינע מעשים צו די מעשים פון מיינע עלטערן", דעמאלטס וועלן מיר זוכה זיין צו די נחלה פון אונזערע עלטערן. אויב וועלן מיר אבער נאכלאזן אין דעם, און זיך חלילה אוועקקערן פון אונזערע אבות, וועט די ירושה נישט אנקומען צו אונז, אזוי ווי זכריה הכהן האט אונז געזאגט[64] "וְלֹא תַצְלִיחוּ כִּי עֲזַבְתֶּם אֶת ה' וַיַּעֲזֹב אֶתְכֶם".

מיט דעם קענען מיר פארשטיין דעם ירושלמי[65], עס שטייט[66] "וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל הָאָרֶץ וכו'... וְנָתַתִּי אֹתָהּ לָכֶם מוֹרָשָׁה", פרעגט רבי יוחנן, אויב איז עס א מתנה, פארוואס שטייט ירושה, און אויב איז עס א ירושה פארוואס שטייט מתנה? נאר וויבאלד ער האט עס זיי געגעבן אלס א מתנה, האט ער עס זיי נאכמאהל געגעבן אלס ירושה, עכ"ד. לכאורה איז דאס נישט פארשטענדליך, וואס איז די נפקא מינה צו עס איז א מתנה אדער אויך א ירושה? אבער מיט וואס מיר האבן פריער אויסגעשמועסט, איז דאס זייער פארשטענדליך, זאלסט נישט מיינען אז דאס איז א מתנה אויף סיי וואס פאר אן אופן, זאגט אונז די ירושלמי, אז אלס מתנה אליינס איז דאס נאכנישט געווען א גאנצע מתנה, נאר מען האט דאס נאכאמאהל געדארפט איבערגעבן אלס א ירושה, אז עס זאל האבן די תנאי וואס איז געזאגט געווארן צו אברהם אבינו ביי די ירושה "כִּי לֹא יִירַשׁ... עִם בְּנִי עִם יִצְחָק", דווקא אויף אזא אופן ווען אונז זענען ווערט צו די ירושה אזוי ווי יצחק. לויט דעם זענען די ווערטער פון די ירושלמי קלאר ווי דימאנטען.

מיט דעם קענען מיר פארשטיין די צוגעגליכענקייט פון די תורה מיט ארץ ישראל, וואס ביידע זענען געשריבן געווארן מיט דעם לשון פון "מורשה", ווייל ביי ביידע קומען מיר צי צו דעם נאר מכח ירושה וואס מיר האבן גע'ירש'נט פון אונזערע עלטערן און נישט פון אונזערע אייגענע כוחות, אזוי ווי איך האב שוין מאריך געווען און קלאר געמאכט לעיל, די צוויי זענען אזוי גלייך און געבינדען איינע אין די אנדערע אז מען קען זיי נישט צוטיילן. איך האב געזעהן אין ספר "בית אלקים" לרבינו המבי"ט[67], ווי ער שרייבט אז זייערע ענינים זענען אויך גלייך, ווי איר וועט זעהן אז פון ווען דער אייבישטער האט צוגעזאגט ירושת הארץ ביזן איינעמן, האט געדוירט פיער הונדערט אכט און אכציג יאר, ממש אזוי ווי ביי די תורה, וואס די התחלת קבלת התורה האט זיך אנגעהויבן ווען אברהם אבינו איז אלט געווען צוויי און פופציג יאר, ווייל דעמאלטס ביי די נס פון אור הכשדים האט אברהם אבינו משלים געווען מיט הכרת הבורא, און דעמאלטס האט דער אייבישטער אים צוגעזאגט דעם נדר אים צו געבן ארץ ישראל אלס א ירושה פאר אים און פאר זיינע קינדער, ווי עס שטייט[68], "אֲנִי ה' אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאוּר כַּשְׂדִּים לָתֶת לְךָ אֶת הָאָרֶץ הַזֹּאת לְרִשְׁתָּהּ", און ביז מתן תורה איז עס געווען די זעלבע סכום יארן, זעסטו אז זיי זענען גלייך, וועגן דעם האט מען זיי מייחד געווען מיט דעם זעלבן לשון "מורשה", ביי ארץ ישראל שטייט[69] "וְנָתַתִּי אֹתָהּ לָכֶם מוֹרָשָׁה" און ביי תורה שטייט[70] "תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה", ווייזט עס אונז, אז עס איז געזאגט געווארן מיט איין דיבור, איין כוונה און איין ענין, און איז מרמז, אז אויב וועט אונז די תורה זיין אלס א ירושה, וועט אונז ארץ ישראל אויך זיין אלס א ירושה.

המשך בגליון הבא אי"ה

[61] עזרא ז, י
[62] בראשית כא, י
[63] תנדב"א רבה, פרק כב, אות ב
[64] דברי הימים ב, פרק כד, כ
[65] בבא בתרא, פרק ח, דף יח. סוף הלכה ב
[66] שמות ו, ח
[67] שער היסודות פרק לב
[68] בראשית טו, ז
[69] שמות ו, ח
[70] דברים לג, ד

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר הצדיק משטפנשט

ביה"ח נחלת יצחק, תל אביב-גבעתיים

רבי אברהם מתתיהו פרידמאן זצ"ל, איז געבוירן געווארן כ"ה כסליו תר"ז (1846) צו זיין גרויסן פאטער רבי מנחם נחום פרידמאן זצ"ל אין די שטאט שטפינשט אין רומניה, ער איז געווען אן אייניקל פונעם הייליגן ריזשינער זצוק"ל און א זעקסטער דור פונעם מגיד פון מעזריטש.

רבי אברהם מתתיהו האט געפירט באדמורו"ת פאר 64 יאר, און געווען באוואוסט אלס א צדיק און קדוש, אידן און אויך גוים פלעגן קומען צו אים פאר עצות און ברכות. פון זיינע נאנסטע חסידים און תלמידים איז געווען באקאנט דער צדיק און פועל ישועות רבי חיים זאנוויל בן רבי משה, האדמו"ר מריבניץ זצ"ל.

זיין דרך איז געווען אזוי ווי זיין פאטער נישט צו זאגן צופיל דברי תורה'ס פאר די חסידים, ווי אויך נישט דאווענען אויפן קול, מען פלעגט אויף זיי זאגן "אין אומר, ואין דברים, בלי נשמע קולם, פונדעסטוועגן דאך, בכל הארץ יצא קום ובקצה תבל מליהם". ער האט געהאט א דערהויבענע חבורה פון דערוועלטע חסידים וואס מען האט גערופן "יושבים", א קבוצה פון באלד הונדערט למדנים וואס זענען געזעצן אין ביהמ"ד על התורה ועבודה א גאנצען טאג און געווארן אויסגעהאלטען דורכ'ן רבי'ן.

אברהם האט ער געהייסן נאך רבי אברהם המלאך, זיין זיידע. דער הייליגער ריזשינער האט אויף געזאגט וועגן זיין נאמען מתתיהו, "זיין נאמען איז מתתיהו, ווייל ער איז אזוי ווי מתתיהו פון חנוכה, ער וועט האבן די כוחות פאר ישועות אזוי ווי מתתיהו בעל הנס". ער איז נפטר געווארן כ"א תמוז תרצ"ג (1933), און ליידער נישט איבערגעלאזט קיין קינדער. און יאר תשכ"ט (1969) האט מען ארויפגעברענגט זיין קבר קיין ארץ ישראל ווי מען איז געווען איבערגערעש'ט אז זיין גוף איז געווען גאנץ און מען האט אים מקבר געווען אינעם ביה"ח נחלת יצחק אין גבעתיים. די קבר איז באקאנט אלס א פלאץ ווי טויזענטער אידן קומען צו מתפלל זיין און בעטען ישועות אין זכות פונעם הייליגן צדיק.




לזכרו געפינען מיר היינט צו טאג'ס מוסדות שטפנשט אין בני ברק און אלעד, און נאך בתי מדרשים צושפרייט אין עטליכע שטעט אין ארץ ישראל, ווי אין עתלית, קרית גת און גדרה, ווי אויך געפינט זיך דער שטפנשטער קלויז אין עיר העתיקה צפת. און יאר תשע"ה האט מען מקים געווען א ישיבה על קברו, אויך איז דא א גאס אינעם שכונה פון רמת שלמה אין ירושלים, וואס הייסט נאך דעם צדיק פון שטפנשט.

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

גליון מס' 11

פר' דברים
ד' אב תש"פ
July 25, 2020

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### כי מציון תצא תורה

...שעתידה ארץ ישראל להיות מרחבת ועולה מכל צדדיה כתאנה זו, שקצרה מלמטה ושערי ירושלים עתידים להיות מגיעים עד דמשק. וכן הוא אומר (שיר השירים ז, ה) אַפֵּךְ כְּמִגְדַּל הַלְּבָנוֹן צוֹפֶה פְּנֵי דַמָּשֶׂק, וגליות באות וחונות בתוכה, שנא' וְדַמֶּשֶׂק מְנֻחָתוֹ (זכריה ט, א), ואומר (ישעיהו ב, ב) וְהָיָה בְּאַחֲרִית הַיָּמִים נָכוֹן יִהְיֶה הַר בֵּית ה' בְּרֹאשׁ הֶהָרִים וְנִשָּׂא מִגְּבָעוֹת, וְנָהֲרוּ אֵלָיו כָּל הַגּוֹיִם, ואומר (שם, ג) וְהָלְכוּ עַמִּים רַבִּים וְאָמְרוּ לְכוּ וְנַעֲלֶה אֶל הַר ה' בֵּית אֱלֹהֵי יַעֲקֹב וְיֹרֵנוּ מִדְּרָכָיו וְנֵלְכָה בְּאֹרְחֹתָיו, כִּי מִצִּיּוֹן תֵּצֵא תוֹרָה וּדְבַר יְהוָה מִירוּשָׁלִָם.

(ספרי, פר' דברים א, א)

### ארץ צבי

ארץ ישראל נקראת ארץ הצבי, ואיתא בגמ' (סוף כתובות) ארץ שצביוני בה, והרי הכל נברא לרצונו, שאין לשום דבר קיום לולא רצונו, אלא ששם מתגלה רצונו ית' שכל הנבראים לצביונם נבראו כמו שדרשו חכמים וכל צבאם - לצביונם, וסגולת ארץ ישראל להטות הצביון שלהם לצביונו של השי"י, ודבר זה כתוב בתורה, ג' פעמים כתיב במשנה תורה צבי ואיל, ושנוי בנביאים, ג' פעמים כתי ביחזקאל, צבי היא לכל הארצות (כ ו, טו) צבי ארץ (כה ט) ונתתי צבי בארץ חיים (כו כ), ומשולש בכתובים, ג' פעמים כתיב בדניאל, ויעמוד בארץ הצבי (יא טז) ובא בארץ הצבי (יא טז) להר צבי קודש (יא מה).

(פני מנחם, דברים)

### אל המנוחה

...ואין מנוחה אלא ארץ ישראל, שנא' (דברים יב) כי לא באתם עד עתה אל המנוחה ואל הנחלה אשר ה' אלהיך נותן לך.

(ספרי, פר' דברים א, ב)

המשך בדף ב'



א שטילער גאס אין באר שבע
Credit @ruchyl_photography

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פתיחה - המשך...

אויב מיר ווען זיך אפקערן פון די תורה רעכטס אדער לינקס, וועט די תורה נישט זיין א מורשה פאר אונז, אזוי אויך וועט ארץ ישראל נישט קענען זיין פאר אונז א מורשה, ווי עס האט ליידער פאסירט לאבותינו ולנו בעוונותינו הרבים. אויך איז דאס אזוי, אז מיר קענען נישט משיג זיין די סודות התורה נאר אויב מיר זענען אין ארץ ישראל, ווי חז"ל זאגן[71] "אווירא דארץ ישראל מחכים". און חז"ל פארציילן אונז די מעלות פון איינער וואס לערנט תורה אין ארץ ישראל, עכ"ד הקדושים. דורך דעם קענען מיר פארשטיין דאס וואס איך האב פריער ארויסגעברענגט, אז תורה און ארץ ישראל בדיבור אחד נאמרו, און דאס זענען צוויי פריינט וואס מען קען נישט אפטיילן, אזוי שרייבט דער הייליגער איש אלקים[72] רמ"ק אין ספר "אור נערב"[73], "עס איז באוויסט אז ארץ ישראל האט גאר א שטארקע נאנטשאפט מיט די תורה, אזוי ווי דאס חיות פון א מענטש האט מיטן הארץ, ווייל דאס לעבן אין די וועלט איז נאר תורה, ווי מען זאגט[74] "וחיי עולם נטע בתוכינו", די חיות און נשמה איז אין הארץ, וואס פון דארט צושפרייט זיך עס צום גאנצן גוף, אזוי איז אויך די ענין פון תורה, וואס איר עיקר איז אין ארץ ישראל", עכ"ל.

איך האב דערנאך געזעהן אין ירושלמי[75], וואס פארגלייכט די מושג פון ירושת הארץ צו ירושת התורה, וויבאלד ביי ביידע שטייען דיווארט "מורשה", ביי ארץ ישראל שטייט "נתתי לכם מורשה" און ביי תורה שטייט "מורשה קהלת יעקב", איז דער ירושלמי מבאר, אז אזוי ווי ביי תורה ווען מען הייבט אן לערנען, פאלט איין פארן מענטש ספקות און די אנהייב איז שווער, אבער נאכדעם, ווי מער ער לערנט טרעפט ער וואס ער דארף און עס ווערט אים זיס צום סוף, אזוי אויך איז מיט ארץ ישראל, די לשון פון "מורשה" איז "דיהא" וואס מיינט שוואך און ספק'דיג, ווייל עס וועט אונז זיין פיל ספקות און די אנהייב וועט זיין זייער שווער, אבער נאכדעם וואס מיר וועלן זיך שטארקן מיט וואס נאר מעגליך, וועט אונז זיס ווערן צום סוף, און מיר וועלן אנטרעפן וואס מיר דארפן, ממש ווי ביי די תורה, עיי"ש.

ואחר כל אלה הדברים, וויל איך רעדן צו די וואס בויען אונזער לאנד אין אונזער דור, דער אייבישטער זאל זיין מיט ענק און עס זאל מצליח זיין אין אייערע הענט, עס איז קלאר ווי דער זון אז אייערע מעשים און ארבעט איז באוויליגט ביים אייבירשטן, איר בויט שטעט, און פון וויסטע פעלדער האט איר געמאכט א שפראצעדיגע פעלד, דאס אלעס איז געשעהן דורך אייער שווערע ארבעט און הארעוואניע, און אין אסאך פלעצער איז דאס מיטגעקומען מיט מסירת נפש ממש, וואס פון נאסע זומפען ווי עס האט געהערשט אלע מיני קרענק, האט איר עס באארבעט צו א שיינעם פרוכטבארן פעלד, און דאס אז דער אייבישטער האט הנאה פון די ארבעט וועל איך אויפווייזן מיט אסאך ראיות, דא וועל איך נאר אראפברענגן איין קלארע ראיה וואס דאס קען מען נישט אפפרעגן, די גמרא אין סנהדרין זאגט[76] "אמר רבי יוחנן, פארוואס האט עמרי זוכה געווען צו מלכות, ווייל ער האט פארמערט א שטאט אין ארץ ישראל". זאגט דער תנא דבי אליהו[77], "איינמאהל ווען איך בין געזעצן אין בית המדרש, האב איך זיי געזאגט, רבותי מיט וואס איז אנדערש געווען עמרי פון אלע אנדערע קעניגן וואס האבן נישט געזעצט זייערע קינדער צו קעניגן נאך זיי, ביז דער עמרי איז געקומען און געזעצט דריי קעניגן אויף זיין שטוהל, האבן זיי מיר געענטפערט, מיר האבן נישט געהערט א תירוץ אויף דעם, האב איך זיי געזאגט, רבותי, ווייל ער האט מוסיף געווען א א גרויסע שטאט אין ארץ ישראל, עמרי האט געטראכט צו זיך, אזוי ווי ירושלים איז פאר די מלכי יהודה, אזוי וועט זיין שומרון פאר די מלכי ישראל", ע"כ. זעה אויך אין ילקוט[78].

איך האב געזעהן אינעם ספר "אוצרות יוסף" להגאון המובהק רבי יוסף ענגיל זצ"ל[79], ווי ער ברענגט אראפ בשם מקובלים[80], אז לכאורה איז שווער פארוואס האט אים דער אייבישטער געגעבן דווקא די שכר פון מלוכה, און נישט קיין אנדערע שכר, שרייבן די מקובלים, אז ארץ ישראל איז לויט די עשר ספירת, מלכות דלמעלה, און וויבאלד ער האט מתקן געווען די ענין פון מלכות מיטן מוסיף זיין א שטאט אין ארץ ישראל, וועגן דעם האט ער זוכה געווען צו מלכות דווקא, עכ"ד הק'. אפילו דער עמרי איז געווען פון די שלעכטע קעניגן, ווי דער פסוק פארציילט אונז[81] "וַיִּקֶן אֶת הָהָר שֹׁמְרוֹן - און ער האט געקויפט דעם בארג שמרון... וַיִּבֶן אֶת הָהָר - און ער האט אויפגעבויט דעם בארג, וַיִּקְרָא אֶת שֵׁם הָעִיר אֲשֶׁר בָּנָה... שֹׁמְרוֹן - און ער האט אנגערופען דעם שטאט וואס ער האט געבויט, שומרון." זאגט אונז דער פסוק ווייטער "וַיַּעֲשֶׂה עָמְרִי הָרַע בְּעֵינֵי ה' - עמרי האט געטוהן וואס איז שלעכט אין די אויגן פון ה', וַיָּרַע מִכֹּל אֲשֶׁר לְפָנָיו - און ער האט שלעכט געטוהן מער פון אלע וואס האבן געקעניגט פאר אים. וַיֵּלֶךְ בְּכָל דֶּרֶךְ יָרָבְעָם בֶּן נְבָט - ער איז נאכגעגאנגען אינגאנצן וועג פון ירבעם בן נבט, וּבְחַטָּאתוֹ אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת יִשְׂרָאֵל - און מיט זיין זונד מיט וואס ער האט געמאכט זינדיגן די אידן", און אפילו די שטאט וואס ער האט אויפגעשטעלט איז נישט געווען לשם שמים, נאר פאר זיין אייגענע כבוד, ווי מיר האבן פריער דערמאנט "כשם שירושלים היא למלכי יהודה כך תהא שומרון למלכי ישראל".

מוז זיין אז אפילו עס איז געבויט געווארן מיט אזוילכע גרויסע עבירות, האט ער נאך אלס מקיים געווען דערמיט די מצות עשה פון ישוב ארץ ישראל, ווייל אויב איז דאס נישט געווען א מצוה וואלט ער נישט באקומען קיין שכר דערפאר. און מיט דעם וואס מיר זעהן אז ער האט באקומען שכר מיט מלכות דוקא, מוז זיין אז ער האט מתקן געווען ספירת מלכות עליונה, וועגן דעם איז אים געקומען אזא גרויסע שכר, אז ער האט זוכה געווען צו דריי דורות פון מלכים. זעהן מיר אז ער האט מקיים געווען די מצוה מיט אלע אירע תיקונים, און עס דערהויבן למעלה מיט דעם וואס ער האט געבויט דא למטה, אפילו דאס איז בכלל נישט געווען זיין כוונה, די ראיה איז פון דעם אז ער האט באקומען אויף דעם שכר מדה כנגד מדה. אויב אזוי זעהסטו דא א קלארע ראיה וואס האט נישט קיין תשובה אויף דעם, אז אפילו די גרעסטע בעל עבירה און כופר אין די גאנצע תורה ר"ל, אזוי ווי עמרי וואס איז געווען אן עובד עבודה זרה, און ווער עס איז מודה אין די עבודה זרה איז

המשך בדף ב'

---

[71] בבא בתרא קנח, ע"ב
[72] רבי משה קורדובירו זצ"ל, נולד רפ"ב, נפטר ש"ל, מגדולי חכמי הקבלה, תלמיד ב"י ורבי שלמה אלקבץ, חי בצפת
[73] חלק ד', פרק ה'
[74] ברכה אחר קריאת התורה
[75] בבא בתרא, פרק ח' הלכה ב'
[76] סנהדרין קב, ע"ב
[77] תנא דבי אליהו רבה פרק ט'
[78] ילקוט שמעוני מלכים א, טז
[79] נולד תרי"ט, נפטר א' חשון תר"פ
[80] מאמר הלבנה, תחילת אות ו
[81] מלכים א, פר' טז, כד-כו

**הגליון של שבוע זו נתנדב**
לעילוי נשמת הרה"ח **מרדכי ארי'** בן **רזיאל** ע"ה
**מאשקאוויטש** מאקעווע-מאנטריאל
היה מרביץ תורה יותר משישים שנה לתשב"ר

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## נהר הגדול

עד הנהר הגדול - פירוש רש"י: מפני שנזכר עם ארץ ישראל קוראו גדול משל הדיוט אומר עבד מלך מלך הדבק לשחוור וישתחוו לך (שבועות מד) קרב לגבי דהינא ואידהן.

(רש"י פר' דברים א, ז)

## שבחה של ארץ ישראל

צידונים יקראו לחרמון שריון והאמרי יקראו לו שניר. הרי שלש שמות, וכתיב (דברים ד) ועד הר שיאון הוא חרמון, הרי שנקראו לו ארבעה שמות, חרמון, שריון, שניר, שיאון. ולמה הוצרכו ליכתב, להגיד שבחה של א"י שכל אחד ואחד ממלכי האומות היה קורא שם מקומו בשם א"י, כזו שארבע מלכיות מתפארין בה, זה אומר על שמי נקראת וזה אומר על שמי נקראת.

(רבינו בחיי, פר' דברים ג)

## נקודה הפנימית

והנה בחינת שבת הוא הנקודה הפנימית של כל ימי השבוע, היינו שבו בשבת הוא השראת השכינה להשפיע לכל ימי החול, וכן ארץ ישראל הוא הנקודה הפנימית של כל העולם, ובחינת ירושלים ובית המקדש וקודש הקדשים הוא הנקודה הפנימית לארץ ישראל, שבו השראת השכינה להשפיע קדושה לכל העולם, וישראל המה הנקודה הפנימית של כל האומות, ובעבור אלו הנקודות היתה עיקר בריאת העולם.

(בת עין, פר' דברים)

## ארץ העמים

לזה אמרו בני בבל (תהלים קלז, ד) איך נשיר את שיר ה' על אדמת נכר. בהיותם בגלות בין העכו"ם א"א לומר שירה מחמת הניצוצות של בני ישראל אשר נתפזרו בין העובדי כוכבים ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם, אף שאין עמהם בחדר, ולזה ישראל שבחוץ לארץ עובדי ע"ז בטהרה, ולכך גזרו טומאה על ארץ העמים שהם מטמאים האויר.

(תפארת שלמה, פר' דברים)

## ארץ כנען

וכן מצינו בענין ארץ ישראל, שירושת הארץ הקדושה שנתן הקב"ה לישראל היא רק בכח הכנעה. כדאיתא בניצוצי אורות על הזוה"ק (ח"ג קנט) וכן בשל"ה פר' לך, שהארץ נקראת ארץ כנען גם אחרי שנתנה לישראל, לפי שהיא ארץ הניתנת רק לנכנעים, רק מי שהוא לב נשבר ונדכה זוכה להרגיש קדושת ארץ ישראל. וזה היה הפגם של המרגלים, כמש"נ כולם אנשים ראשי בני ישראל, דמשמעו שהיו אנשים גדולים מאד אבל חסרונם היה מה שהיו ראשי בני ישראל, שלא היה להם לב נשבר, ע"כ לא זכו לארץ ישראל, רק טפכם אשר אמרתם לבז יהיה, המה יבואו שמה והם יירשוה, כי ארץ ישראל ניתנת רק לנשברי לב ודכאי רוח.

(נתיבות שלום, פר' דברים)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

אם הבנים שמחה - המשך מדף א'

ווי ער לייקנט אין די גאנצע תורה, פון דעסטוועגן דאך האט ער זוכה געווען און מתקן געווען מיטן בויען א שטאט אין א"י צו אלע תיקונים וואס איז דא אין די מצוה אין די אויבערשטע וועלטן. אויב אזוי, האסטו דא א ראיה ברורה אויף דאס וואס עס ווערט געמאכט אין אונזערע צייטן, אז ליידער זענען די וואס בויען דאס לאנד פון די עוזבי התורה בעווה"ר, ר"ל. אבער זיי זענען זיכער נישט ערגער פון עמרי וואס די תורה האט אויף אים מעיד געווען אז ער האט געטוהן שלעכטס בעיני ה' מער פון אלע פאר אים, און געגאנגען אין די דרכים פון ירבעם בן נבט וואס האט מחטיא געווען אידישע קינדער, און פון דעסטוועגן דאך ווען עס איז געקומען צו בנין ארץ ישראל האט ער מקיים געווען די מצוה כתיקונה, ווי אויך דער יחוד איז געמאכט געווארן למעלה דורך אים, די זעלבע איז קלאר אז די ספירת מלכות אין די עולמות עליונים ווערן דערהויבן דורך די מעשי הבנין פון די וואס בויען יעצט דאס לאנד, יהיו מה שיהיו אפילו די גרויסע פושעים, דאך ווערט זייערע מעשים פון בויען דאס לאנד באוויליגט ביים בורא עולם, און תיקונים מיט יחודים ווערן געמאכט דורך זיי, דורך דעם וואס זיי בויען בנינים, און פארפלאנצען דאס לאנד צו זיין פרוכטבאר, וואס דאס איז דער עיקר ישוב הארץ, (ווי דער מהרש"א שרייבט[82], אז דער עיקר מצות ישוב הארץ איז דורך פעלדער און וויינגערטנער, עיי"ש). אזוי אויך שרייבט רבינו החת"ס[83], אז ארץ סיחון ועוג איז נישט געווארן אנגערופען ארץ נושבת - א באזעצטע לאנד, אפילו עס איז למעשה יא געווען באזעצט, ווייל עס איז נישט געווען פארפלאנצט דורך אידן נאר דורך גוים, האט עס צוליב דעם נישט געקענט ווערן אנגערופען ארץ נושבת ווייל עס איז געווען פוסט און נישט פארפלאנצט, וזה אמת, עכ"ד. איז דער עיקר פון ישוב הארץ דורך איינפלאנצען. מען קען זעהן א ראיה ברורה צו זיינע ווערטער פון די פסוק[84] "אֵלֶּה בְנֵי שֵׂעִיר הַחֹרִי יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ", דרש'נן חז"ל[85], ווי רש"י ברענגט דארט אראפ, "אז זיי זענען געווען בקיאים בישובה של הארץ, פיל אן דעם שטיקל ערד מיט זיתים, און דעם שטיקל מיט טרויבן, זיי האבן טועם געווען די ערד און געוויסט פון דעם, וועלכע פלאנצונג איז גוט פאר דעם ארט", זעהן מיר אז דאס מיינט עיקר ישוב הארץ, זעה אין תשובות הרשב"ש[86], ווי אויך דעם חת"ס[87] ווי ער שרייבט "אז אקערן און זייען אין ארץ ישראל איז אזוי ווי איינער איז מקיים מצות תפילין, סוכה אדער לולב, עיי"ש.

נישט נאר דאס, איך האלט אז דער פשוט'ער איד וואס בויט דאס לאנד אן קיין שום כוונה לשם שמים נאר פאר זיין אייגענע טובה, טוט מיט דעם א גרעסערע תיקון בעולמות עליונים פון וואס א צדיק טוט, אפילו פון די גרויסע צדיקים מיט זיין תיקון חצות מיט בכיות און קינות אויף די שכינה און גלות, וואס אוודאי טוט ער מיט דעם א גרויסע תיקון, אבער מיט די גאנצע תיקון וואס ער מאכט קומט דאס נישט צו צי דעם תיקון וואס עס טוט דער פשוט'ער מענטש מיט דעם וואס ער טוט בויען בפועל, אפילו אן קיין שום כוונה לשם שמים, ווי דער גמרא אין סנהדרין ווייזט אויף דעם, אזוי אויך שטייט אין[88] "ראשית חכמה" אז דער עיקר תיקון ווערט געמאכט פון דעם וואס טוט דעם מצוה לפועל, עיי"ש. דערנאך האב איך געטראפן אינעם ספר[89] "ישמח משה"[90] אז א מעשה מצוה בפועל אפילו אן קיין שום כוונה, העלפט מער ווי א מצוה אן קיין פעולה מעשית אפילו מיט גרויסע כוונות, עיי"ש. על כן, מיינע ווערטער זענען קלאר און אמת, מען קען זיך אויף דעם נישט קריגן, א חוץ דער וואס וויל זיך קריגן אויפן אמת.

אזוי איז אויך לויט די כללי הלכה, עס איז באוויסט פון פוסקים[91], אז א מצוה וואס האט א מעשה דארף נישט קיין כוונה, און די מצוה בלייבט אף בלי כוונה. עיין רשב"א[92], אז א מעשה מצוה וואס מען קען נישט איבערטוהן, אפילו אויב די מצוה איז געווען הבא בעבירה טוט עס נישט שאטן, און די מצוה איז א מצוה אפילו עס איז געטוהן געווארן דורך אן עבירה, די זעלבע דא, וויבאלד דער ישוב פארמערט זיך און ווערט פארגרעסערט דורך זייערע מעשים, און מען קען נישט איבערטוהן די מעשה אז כאילו עס איז קיינמאהל געווען, ווייל אונז האבן הנאה פון דעם, אפילו זיי וואלטן דאס געטוהן בעבירה ח"ו, איז די מצוה נאכאלץ געטוהן געווארן מיטן גאנצן שטארקייט, בנגלה ובנסתר. לויט דעם איז קלאר וואס איך האב געזאגט, אז די בויען פון אונזער לאנד אין די יעצטיגע זמנים, אפילו ח"ו עס איז געטוהן געווארן בעבירה אין די בחינה פון אין עושים רצונו של מקום מיט אנדערע מצות התורה, מכל מקום איז די מעשה הבנין באוויליגט ביים אייבערשטען און אנגענומען לפני כסא כבודו באהבה ובחיבה יתירה, וועגן דעם, איעדער איד אשר לבו נאמן לה' באמת ובתמים, און זיין אהבה צום אייבירשטען און זיין פאלק איז העכער זיין אייגענע אהבה, זאל ער מחשיב זיין און שעצן די מעשה הבנין וואס ווערט יעצט געטוהן בארצינו הק'.

המשך בגליון הבא אי"ה

[82] ברכות נח, ע"א - צ"ע שמשמע משם להיפך
[83] דרשות חת"ס, לשבה"ג שנת תקנ"ח
[84] בראשית לו, כ
[85] שבת פה, ע"א
[86] סי א, ב, ג
[87] סוכה לו
[88] בהקדמה
[89] רבי משה טייטלבוים זצ"ל מאוהעל, נולד תקי"ט, נפטר כ"ח תמוז תר"א
[90] פר' אמור
[91] תר"י סוף פרק א ברכות
[92] יבמות דף קג

# לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## קבר אר"י הקדוש

בית החיים, צפת עיה"ק

רבי יצחק בן שלמה לוריא איז געבוירן געווארן אין ירושלים, אין יאר רצ"ד (1534) דער אר"י הק' איז געווען א תלמיד פון רבי בצלאל אשכנזי, בעל שיטה מקובצת. זיין פאטער איז נפטר געווארן ווען ער איז אלט געווען אכט יאר, ער איז דאן געפארן קיין מצרים צו זיין פעטער.

ביי די פופצען יאר האט ער זיך שוין אויסגעצייכנט פון די גרעסטע תלמידי חכמים אין מצרים, ער האט זיך מתבודד געווען פאר זעקס יאר און זיך דאן דערהויבן צו גאר גרויסע מדריגות און גילוי אליהו. דער הייליגער בית יוסף וואס האט זיך משדך געווען מיט אים דורך געבן א זוהן, האט אויף מעיד געווען אז ער האט די נשמה פון איינע פון די נביאים הראשונים.




אין יאר ש"ל (1570) איז ער אנגעקומען מיט זיין משפחה קיין צפת. דער רמ"ק האט געזאגט פאר זיינע תלמידים אז ביי זיין לוויה וועט מען וויסן ווער עס איז זיין ממשיך, דער וואס וועט זעהן א זייל פון פייער גיין נאך זיין מטה, פונקט געמאלטס איז דער אר"י אנגעקומען אין צפת און געזעהן דעם זייל פון פייער, אזוי איז ער נתגלה געווארן.

זיין תלמיד רבי חיים וויטל זי"ע שרייבט אויף אים אז חוץ תורת נגלה ונסתר, איז ער געווען בקי במעשה בראשית, מעשה מרכבה, די שמועסן פון עופות, ביימער און גראז, און די שפראך פון מלאכים, מיט חכמת הפרצוף, חכמת היד, פתרון חלומות. ער האט געוויסט וואס מענטשען האבן געטוהן און וואס זיי גייען טוהן, געקענט חכמת הגלגולים, און אלע חכמות זענען געווען פאר אים אפן אן דעם וואס ער דארף דאס חוקר זיין, ער האט געזעהן נשמות בשעת זייער פטירה און אויך אין בית הקברות, געזעהן אויף די שטערן פון א מענטש זיינע מעשים און זיי געגעבן תיקונים לויט זייער שורש נשמה.

די חיד"א שרייבט, עס איז מיר קלאר אז ער איז גערייניגט געווארן מיט דעם אפר הפרה דורך אליהו הנביא ז"ל, פון דעמאלטס האט אויף אים גערוהט א וואונדערליכן רוח הקודש.

עס איז דא עטליכע פיוטים אויף שב"ק וואס דער אר"י האט פארפאסט, אזמר בשבחין, אסדר לסעודתא און בני היכלא, ווי אויך יום זה לישראל אורה ושמחה.

ווען איז אלט געווען אינגאנצן אכט און דרייסיג יאר האט ער צוריק געקערט זיין נשמה ה' אב בשנת של"ב (1572). ער ליגט אינעם אלטען בית החיים אין צפת לעבן דער רמ"ק, אויך ליגט דארט זיין פרוי און זיין מאמע.

בעזהשי"ת

# בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצובריינגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 12

**פר' ואתחנן**
י"א אב תש"פ
August 1, 2020


## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### קיום המצות תלוי בארץ

ואתם הדבקים וגו' חיים כולכם היום וסיים ראה למדתי אתכם חוקים ומשפטים לעשות כן בקרב הארץ וממנו תראו, כי עיקר קיום המצות תלוי בארץ כי שם ענין שלימות אדם ולא טרם שיעברו את הירדן.

(תפארת יהונתן, פר' ואתחנן)

### ד' אמות בארץ ישראל

עוד נתכוון בלשון אעברה, על דרך אומרם ז"ל (כתובות קיא, ע"א) כל ההולך ד' אמות בארץ ישראל יש לו חלק לעולם הבא, לזה אמר לו אעברה נא, פירוש עתה בחיים לתועלת נפשי לתענוג המקווה שהוא עולם הבא.

(אור החיים, פר' ואתחנן)

### אווירא דארץ ישראל

משה רבינו ע"ה ביקש אעברה נא ואראה, ולפי הספורנו הועיל מחצה, ביקש לעבור בתוכה וביקש לראותה, ולראותה הועיל, וזהו אווירא דארץ ישראל שנשאר עד היום, אויר ארץ העמים מטמא אויר ארץ ישראל מחכים, אי' אם היה משה רבינו ע"ה נכנס היו נשארים תמיד, ובאויר ראה, וכך מסיים בספורנו ואראה אתן עיני בה לטובה בברכתי שתהא טובה לישראל לעולם, אי' שהראה הקב"ה למשה דור דור כו', הוא רצה לראות, שיהא תמיד לבני ישראל ארץ ישראל.

(פני מנחם, ואתחנן)

### הליכה בארץ ישראל

אעברה נא ואראה וגו' וראה בעיניך כי לא תעבור הירדן הזה, כבר אמר הקב"ה למרע"ה בפ' פנחס עלה אל הר העברים הזה וראית את הארץ, כי ע"י ראיית עין קדשו הארץ הקדושה יקלוט עליו קדושת זכותא דא"י שהי' חסר לו עדיין, אך חשב מרע"ה כי כשהוא מתלבש בחלאת חו"ל לא יועיל לו כ"כ ראיית א"י, כמו שהי' צריך להתקדש בענן

המשך בדף ב'



הננו עומד אחר כתלינו

Credit @ruchyl_photography


**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הרה"ח **יחיאל טויבער** הי"ו - מאנסי נ.י.
בזכות זה יזכה לעלות עם משפחתו החשובה לארצינו הקדושה בקרוב ובניקל, לקיים "וישבת בה וירשת".


## אם הבנים שמחה


הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר


מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

**פתיחה** - המשך...

איר זאלט וויסן אחי ורעי, געדענקט די תפילה פון משה רבינו ווי ער בעהט ביים אייבירשטען[93] "וְנִפְלֵינוּ אֲנִי וְעַמְּךָ מִכָּל הָעָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה - איך מיט דיין פאלק וועלן ארויסשטיין אפגעזינדערט פון אלע פעלקער פון די וועלט", די מהות פון אונזער פאלק איז נישט געבויט אדער באזירט אויף נאציאנאליטעט אליין ווי מיר זעהן ביי אנדערע פעלקער אין דער וועלט, ווייל מיר זענען א הייליג פאלק, און די הייליגקייט ווענדט זיך אין די הייליגע תורה וואס דער אייבישטער האט אונז באפוילן, נאר דורך די תורה זענען מיר געווארן א פאלק, ווי דער פסוק זאגט[94] "הַיּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם - דעם דאזיגן טאג זענט איר געווארן א פאלק", דער אראבישער חכם האט אונז באטיטעלט[95] "עם הספר", אנדערע חכמי אומות העולם האבן אונז באטיטעלט "עם הרוח". עס איז א גרויסע טעות פון די וואס גלייבן אז אונז איז גענוג ח"ו די מושג פון נאציאנאליטעט אליין, ווייל דער געדאנק איז בכלל נישט אין אונזער מציאות, אויך טוט דאס אונז אראפנידערען פון די הויעכע מדרגה וואס דער אייבישטער האט אונז דערהויבן העכער אלע פעלקער, ווייל אנדערע פעלקער האבן אויך דעם געדאנק פון נאציאנאליטעט און נאר דורך די תורה הקדושה זענען מיר אפגעטיילט פון זיי.

און מדרש איכה שטייט[96], "אויב א מענטש וועט דיר זאגן אז עס איז דא חכמה ביי די אומות העולם, זאלסטו גלייבן, אויב זאגן זיי אז עס איז דא תורה ביי די אומות העולם, זאלסטו דאס נישט גלייבן". אין ספר "תפארת ישראל" פון מהר"ל שטייט[97], אז די תורה נעמט אונז ארויס פונעם עולם הטבע און דערהייבט אונז העכער די טבע, אויב מיר וועלן זיך שטארקן אלס עם התורה און פארעכטען אונזערע וועגן ברוח התורה - וועט אונז די תורה דערהויבן העכער די טבע, און וואס מיר קענען נישט גרייכן מצד הטבע וועלן מיר דערגרייכן בזכות התורה. אן תורה האבן מיר נישט קיין קיום אין לעבן און מיר זענען נישט קיין פאלק, אזוי ווי די משל פון רבי עקיבא מיט די פיש פון ים[98], דאס טוט אונז אפטיילן פון אנדערע פעלקער, וואס זיי קענען זיין א פאלק אפילו אן א גלויבן, מה שאין כן מיט אונז אידן. דאס האט משה אונז געזאגט "וְנִפְלֵינוּ אֲנִי וְעַמְּךָ מִכָּל הָעָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה".

נאך זאלט איר וויסן, אז די גאנצע טענה און פאדערונג וואס מיר האבן אויף ארץ ישראל איז נאר מכח וואס אונז טענה'ן אז דאס איז פון אונזערע עלטערן, אונזערע עלטערן האבן דארט שטענדיג געוואוינט, מיר האבן א היסטארישער רעכט צו ארץ ישראל, ארץ אבותינו, קלאר מפורש אין תורה נביאים און כתובים, אלע פעלקער זענען דאס מודה. מיט די טענה קומען מיר צו די גרויסע ממשלות אין די וועלט אז זיי זאלן אונז צוריק אפגעבן אונזער ירושה. און וויבאלד מיר קומען מיט די טענה פון ירושה, דארף דאס מיטקומען מיט אלע תנאים וואס קומען מיט די ירושה, די תנאי איז געווען "כִּי לֹא יִירַשׁ... עִם בְּנִי עִם יִצְחָק", ווי איך האב שוין פריער ארויסגעברענגט, אז דער וואס גייט נישט בדרך אבותינו איז נישט בכלל פון די ירושה, "כִּי בְיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע" ווי דער פסוק רעדט פון אט די ירושה. די רשב"א און דער מהרש"א אינעם ספר עין יעקב[100] האבן געפרעגט, לכאורה ביז מרדכי און אסתר, האט מען געהיטן תורה ומצוות אונטער דעם ווארענונג פון כפה עליהם הר כגיגית, קענען דאך אידן האבן א טענה אז מען האט זיי געצווינגען, פארוואס זענען זיי פארטריבן געווארן, און דער ביהמ"ק איז חרוב געווארן? ערשט נאך די נס פון פורים, האבן זיי מקבל געווען די תורה מתוך אהבה. האבן זיי געענטפערט, אז די סיבה פארוואס די אידן האבן באקומען ארץ ישראל איז געווען אז זיי זאלן קענען היטען די תורה, ווייל ארץ ישראל איז א מורשה, און מען האט עס זיי געגעבן בתנאי אפצוהיטען די תורה, אזוי ווי דוד המלך זאגט[101] "וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם - ער האט זיי געגעבן א לאנד פון די פעלקער... בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ - צוליב זיי זאלן היטן זיינע געזעצן און היטן זיין תורה", וויבאלד די אידן האבן נישט מקיים געווען דעם תנאי, איז די מתנה בטל געווארן, עכ"ד.

איך וועל צולייגן, ירמיה הנביא זאגט אין זיין קינה[102], "טָבְעוּ בָאָרֶץ שְׁעָרֶיהָ - עס האט איינגעזינקען אין דער ערד אירע טויערן, אִבַּד וְשִׁבַּר בְּרִיחֶיהָ - עס איז פארלוירן און צובראכן געווארן אירע ריגלען, מַלְכָּהּ וְשָׂרֶיהָ בַגּוֹיִם אֵין תּוֹרָה - אירע קעניגן און הערן זענען פארטריבן צווישן די פעלקער אן תורה", לכאורה וואס פאר א שייכות האט דאס וואס דער נביא קלאגט אויף די טויערן און ריגלען צו דעם אז אירע הערן זענען פארטריבן און עס איז נישטא קיין תורה? קען זיין די פשט, אז דער נביא איז מרמז אז די עיקר ריגלען פונעם לאנד איז די תורה, אויב איז דא תורה בארץ, דעמאלטס זענען דא ריגלען וואס היטן די גאנצע לאנד, און געבן א שמירה עליונה אז אירע שונאים זאלן נישט קענען אריין קומען, אויב איז נישטא קיין תורה אינעם לאנד, צוברעכן זיך אירע ריגלען און עס איז נישטא די שמירה, דאס זאגט דער פסוק, אִבַּד וְשִׁבַּר בְּרִיחֶיהָ, וויאזוי? ווייל מַלְכָּהּ וְשָׂרֶיהָ בַגּוֹיִם אֵין תּוֹרָה, וויבאלד עס איז נישטא קיין תורה אין לאנד. דאס איז אויך די כוונה פונעם מדרש אינעם פסוק[96], אז אויב זאגט מען עס איז דא חכמה ביי גוים, זאלסטו גלייבן, אויב זאגן זיי עס איז דא תורה ביי גוים זאלסטו נישט גלייבן, שנאמר "מַלְכָּהּ וְשָׂרֶיהָ בַגּוֹיִם אֵין תּוֹרָה", ביי גוים איז נישטא תורה נאר ביי די אידן. די נביא רעדט נאר פון אונזער תורה, וואס דער אייבישטער האט אונז געגעבן ביים בארג סיני, און נאר די תורה וואס מיר האבן מקבל געווען פון הקב"ה וועט זיין די ריגלען פון ארץ ישראל, נישט קיין שום אנדערע תורות פון די פעלקער, להבדיל.

נאך קען מען זאגן, לויט דעם מדרש ילקוט[103], אינעם פסוק[104] "נָבִיא מִקִּרְבְּךָ מֵאַחֶיךָ - א נביא פון צווישן אייך, פון אייערע ברודער, כָּמֹנִי - אזוי ווי מיר, יָקִים לְךָ - וועט דער אייבישטער אייך צושטעלן", דרש'נט מען, יָקִים לְךָ צו דיר אבער נישט צו די גוים, וויאזוי וועל איך אבער מקיים זיין דעם פסוק[105] "נָבִיא לַגּוֹיִם נְתַתִּיךָ - איך וועל דיר געבן א נביא צו די גוים", ווען איר וועט זיך אויפירען כמנהג גוים, עכ"ד. דאס מיינט אז ווען מען פירט זיך ווי די גוים, וועלן די נביאים ווערן גערעכנט ווי א נביא צו גוים און נישט צו אידן. דאס זאגט דער נביא מיט די ווערטער מַלְכָּהּ וְשָׂרֶיהָ בַגּוֹיִם אֵין תּוֹרָה, דאס הייסט זיי, די הערן און קעניגן האבן איבערגעלאזט דעם רוח התורה און

המשך בדף ב'

[93] שמות לג, טז
[94] דברים כז, ט
[95] אהל-אלכתאב בלשון ערבי
[96] איכה רבה פר' ב, אות יג
[97] פרק א'
[98] ברכות סא, ע"ב
[99] בראשית כא, י-יב
[100] שבת פח, א - רשב"א בפי' עין יוסף
[101] תהלים קה, מד-מה
[102] איכה ב, ט
[103] ילקוט שמעוני ח"א, רמז תתקיט
[104] דברים יח, טו
[105] ירמיה א, ה


**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

ששת ימים טרם עלה להר סיני, ה"נ צריך להתפשט תחילה לבוש צואת חו"ל, ע"כ בעברו הירדן והדריכו ברגליו אדמת קדש וכתי' **וכפר אדמתו עמו**, כל ההולך ד' אמות בא"י מוחלין לו עוונותיו. ע"כ בקש אעברה נא ואח"כ אראה, והקב"ה השיב לו, רב לך קדושה וכבוד ותוכל לקבל קדושת א"י בראייתך בלי שתדרוך אדמתה, והיינו שסיים וראה בעיניך כי לא תעבור הירדן הזה, פי' תבין בעצמך שלא תצטרך לעבור הירדן, כי בראי' שלך סגי.

(תורת משה, לרבינו החת"ס, פר' ואתחנן)

## תפילה דרך ביהמ"ק

**וזאת המצוה והחוקים והמשפטים** וגו' ללמד אתכם לעשות בארץ, והקשה הרמב"ן ז"ל דהא זה מיירי מיראת ה' והאיך שייך לומר לעשות בארץ דוקא, ע"ש. ונקדים מ"ש ובנה ירושלים עיר הקודש במהרה בימינו, דהנה כל המצות ותפילות בנ"י המה הולכים מקודם אל הצדיקים שבדור לתקן אותם... ואח"כ הם הולכים לביהמ"ק, ומזה יהי' הביהמ"ק, וז"ש **ובנה ירושלים עיר הקודש במהרה בימינו**... וז"ש **שמה תביאו את כל אשר אנכי מצוה אתכם** (דברים יב, יא), היינו כל המצות יהי' להם עלי' ע"י שתביאו שמה כל המצות מקודם... ובזה מתורץ קושית הרמב"ן הנ"ל, דאין הפי' לעשות כל המצות שם בארץ רק להביאם שם דרך ביהמ"ק להיות להם עלי' למעלה.

(תפארת שלמה, פר' ואתחנן)

## עיקר עשיית מצות

**ועשו בארץ**, הזכיר כן לפי שהיו עכשיו באין אצלה, או מפני שעיקר עשיית המצוות אינו אלא בארץ אע"פ שהם חובת הגוף בכל מקום זולתי המצוות שהם תלויות בארץ, וכבר הזכרתי זה בפסוק **לעשותכם אתם בארץ** (דברים ד, יד).

(רבינו בחיי, פר' ואתחנן)

## בחר ה' בציון

...ללמדך עד שלא נבחרה ארץ ישראל, היו כל הארצות כשרות לדבור. משנבחרה ארץ ישראל, נפסלו כל הארצות. עד שלא נבחרה ירושלים, היה כל ארץ ישראל כשרה לדבור. משנבחרה ירושלים, נסתלק הדבור מארץ ישראל. עד שלא נבחר בית העולמים, הייתה ירושלים ראויה לשכינה. משנבחר בית העולמים, יצתה ירושלים, דכתיב: **כי בחר ה' בציון, איווה למושב לו** (תהלים קלב יג). ואומר, **זאת מנוחתי עדי עד, פה אשב כי אויתיה** (שם שם יד).

(מדרש תנחומא, פר' בא, סימן ה')

## כותל המערבי

טוב ונכון לאנשי ירושלים שילכו להתפלל אצל כותל המערבי, ואפילו הדר רחוק משם, אם הוא דר תוך שיעור ע"ב מינוטין משם, יש לו לטרוח להתפלל שם.

(הליכות אפרים, הגאון רבי פישל הערשקאוויטש זצ"ל, אב"ד האליין ודומ"ץ צאנז קלויזנבורג)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

געפירט דאס לאנד מיט די גייסט און די חכמות פון די גוים, וועגן דעם אִבַּד וְשִׁבַּר בְּרִיחֶיהָ. דאס איז אונז חז"ל מרמז אין מדרש, אז חכמה קען זיין ביי גוים אבער תורה נישט, די עיקר פעסטע ריגלען פון ארץ ישראל איז נאר שמירת התורה. לויט דעם זענען מיר אלע מחויב צו זעהן אז דאס יסוד פון בויען און פירען דאס גאנצע לעבן זאל זיין נאר אין די גייסט פון אונזער הייליגע תורה, נאר דאן וועלן מיר מצליח זיין און ערשט דעמאלטס וועלן מיר קענען האבן א פאדערונג אויף די ירושה. אויב נישט חלילה, פאלט אוועק די טענה און מיר האבן נישט קיין שום זכות אין דעם. אזוי ווי מיר זעהן מיט אונזערע אויגן די אלע שטרויכלונגען וואס האבן לעצטענס פאסירט, זייט מען האט אנגעהויבן בויען דאס לאנד, וויפיל נפשות מישראל זענען ליידער אומזיסט געפאלן און אומגעקומען בארצינו הקדושה אן קיין שום שולד דורך די אראבער, אלס ווייל די טענה וועגן אונזער ירושה איז נישט בשלימות, עס איז נישט אינגאנצן ברוח תורתינו הקדושה. איך בין אייך ח"ו נישט חושד אז איר האט דאס געטוהן געטוהן געפלאנט, נאר וויבאלד ווען איר זענט ארויף צום לאנד, האט איר מיטגעברענגט מיט אייך דעם גייסט פון די פעלקער וואס האט זיך אנגעקלעבט אין אייך ווען איר האט געוויילט אין גלות לענדער, כמאמר הכתוב[106] "וַיִּתְעָרְבוּ בַגּוֹיִם וַיִּלְמְדוּ מַעֲשֵׂיהֶם - איר האט זיך געמישט מיט די פעלקער און זיך אפגעלערנט פון זייערע מעשים", און די פרעמדע גייסט שפרינגט צווישן אייך, דאס איז אייך נאר א שטעהרונג און א מכשול. די פסוק זאגט[107] "לוּ עַמִּי שֹׁמֵעַ לִי - הלוואי מיין פאלק זאל נאר צוהערן צו מיר... כִּמְעַט אוֹיְבֵיהֶם אַכְנִיעַ - און אט וועל איך זייערע פיינט אונטערבייגן", לאזט איבער דאס רוח העמים וואס איר האט מיטגעברענגט מיט אייך, זעהט צו טוהן אלעס עפ"י עצת גדולי התורה, אלעס זאל געמאכט ווערן ברוח התורה, אונזער הייליגע תורה איז רייך און קען קלאר מאכן אלע שאלות אין לעבן פון לאנדשאפט, אין די בעסטע אופן און צוגעגליכען צו יעדן זמן, אזוי אז דאס לאנד זאל שפראצן און בליען אין א יעדן ווינקל און אין יעדן וועג, עס זאל נישט פארשלאפן ווערן די לעבנסשטייגער פונעם לאנד אפילו פאר איין רגע, אלעס בדרך התורה. אזוי ווי דער מדרש זאגט אין שיר השירים[108], "בְּנוֹת יְרוּשָׁלַם - זאגן חז"ל, אל תקרא בְּנוֹת - ליין נישט בנות, נאר בונות ירושלים, דאס גייט ארויף אויף די סנהדרין גדולה וואס זיצט און בויט דאס לאנד מיט א יעדע שאלה און משפט", דאס מיינט אז איעדע שאלה פון לעבן און לאנד פירונג ווערט קלאר געמאכט דורך זיי. די ירושלמי[109] זאגט אויפן פסוק[110] "כִּי לֹא דָבָר רֵק הוּא מִכֶּם", עס איז נישט דא א בית דין וואס געבן זיך איבער אויף א זאך, וואס קען נישט אויסגעפירט ווערן דורך זיי. קומט אויס אז עס איז דא די כוחות אין די הענט פון די גדולי ישראל צו קלאר מאכען אלעס ברוח התורה.

מיר גליסטן צו זעהן די הצלחה פון ארץ הקדושה, על כן הערט מיר אויס: אויב ווילט איר זעהן א סימן ברכה במעשי ידיכם, דאן בייגט אייך אונטער צו די גדולי הדור, עקשנ'ט אייך נישט אז איר דארפט נישט צוקומען צו זיי, ווייל דעמאלטס וועט איר נישט קענען בויען, ווייל נישט מיט אייער כח אדער מיליטער אליינס וועט איר בויען דאס לאנד, "כִּי אִם בְּרוּחִי אָמַר ה' צְבָאוֹת"[111]. יעדער פארשטייט אז מען ברויך האבן פאכלייט צו בויען, ביי שלמה המלך האט מען אויך אויסדערוועלט פארשטענדליכע פאכלייט צו איעדער מלאכה, אבער איר מוזט אויך וויסן אז איר דארפט צוקומען צו די גדולי התורה, נאר דעמאלטס וועט זיין א קיום צו אייער ארבעט. ווי די גמרא זאגט[112] "ווען נישט דוד איז געזעצן אין געלערנט, וואלט יואב בן צרויה נישט געקענט מצליח זיין אין די מלחמות, און ווען נישט יואב וואלט מלחמה געהאלטן, וואלט דוד נישט געקענט זיצן אין לערנען", עיי"ש. זאל די זכות אבות מעורר זיין דעם רצון העליון אז איר זאלט קענען ענדיגן מעשי ידיכם בשלימות, אן קיין שום שטערונגען, קיינער זאל זיך ענק נישט אנטקעגן שטעלן, דער אייבישטער זאל געבן הצלחה און די לאנד זאל אנהייבן געבען אירע פירות מיט גרויסע השפעות און ברכה מרובה. ווי רש"י זאגט אויף דעם פסוק[113] "וּכְיָמֶיךָ דָּבְאֶךָ", אז די אלע טעג וואס איר וועט טוהן דעם רצון ה' זאלן אלע לענדער ברענגן זייער גאלד און זילבער צו א"י צו קויפן פון אירע פירות, די לענדער וועלן ווערן אויסגעליידיגט פון זייערע פארמעגנס, וואס זיי וועלן דאס איבערלאזן אין ארץ ישראל". ווי מיר זעהן אין די צייטן פון עזרא זענען רוב אידן געוועזן נכנע צו די ראשי בנ"י און אזוי האבן זיי געבויט דאס לאנד, אזוי אויך דארף זיין אין אונזערע צייטן, דעמאלטס וועט צוריק קומען די אריגינעלע שיינקייט וואס איז אמאהל געווען יְפֵה נוֹף מְשׂוֹשׂ כָּל הָאָרֶץ[114], ויתגדל ויתקדש שם שמים על ידינו, ביז עס וועט קומען די גאולה שלמה בביאת דוד משיח צדקינו בב"א, כן יאמר ה' אמן ואמן. **ובזה נשלמה פתיחת הספר לאל בורא עולם.**

המשך בגליון הבא אי"ה

[106] תהלים קו, לה
[107] תהלים פא, יד-טו
[108] שיר השירים רבה, פר' א, פס' ה, אות ג
[109] פאה, פרק א, הלכה א
[110] דברים לב, מז
[111] זכריה ד, ו
[112] סנהדרין מט, ע"א
[113] דברים לג, כה
[114] תהלים מח, ג

לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### מצדה

מזרח מדבר יהודה, איזור ים המלך

מצדה איז א אור-אלטע פעסטונג געבויט אויף א הויכע בארג אין מדבר יהודה, לעבן ים המלח. די אריגינאלע באניצונג פון דעם בארג איז געווען דורך די חשמונאים אלס א שמירה אבזערווירונג פון די געגנט. שפעטער האט דער מלך הורדוס דארט אויפגעבויט הערליכע זוממער פאלאצען, און באפעסטיגט דעם בארג מיט א מויער ארום און ארום, ווי אויך מאגאזינען אנגעפילט מיט עסן, תבואה, אויך האט ער געלאזט בויען אזוילכע קאנאלען וואס האבן געפירט די וואסער פון די בערג ארום, אריין אין טיפע הייִלען אינעם בארג.

יוסף בן מתתיהו שרייבט אין זיין ספר יוסיפין דעם דראמאטישן ערציילונג וואס האט דארט פאסירט. ממש פאר חורבן ירושלים האבן זיך דארט באהאלטן עטליכע אנטלאפענע אידן, אונטער די פירערשאפט פון אלעזר בן יאיר, עסן איז געווען גענוג פון די אלע אוצרות פון הורדוס, פרישע וואסער איז אויך געווען אנגעזאמעלט אין די מערות, נאכן חורבן האבן זיך דארט פארזאמעלט באלד טויזנט אידן.

בערך דריי יאר נאכן חורבן, האבן דער רוימישער גענעראל פלאוויוס סילווא געברענגט דעם צענטען לעגיאן און פרובירט איינצונעמן דעם פעסטונג, אבער וויבאלד די בארג שטייט אליין אן שייכות פון די שכינות'דיגע בערג, און די געגנט איז גאר הייס און אן פרישע וואסער צו טרינקן, איז דאס געווען גאר שווער, זיי האבן אויפגעשטעלט



אכט באלאגערונג מחנות ארום דעם בארג, און געבויט א שטיינערנעם גדר ארום און ארום.

נאך דריי יאר פון באלאגערונג, איז געלונגען פאר די רוימער צו בויען א שטיינערנעם רעמפ און איינגעבראכן אינעם מויער, באשליסענדיג אז דעם קומענדען אינדערפרי וועלן זיי שנעל צוענדיגן און איינעמען דעם בארג.

אבער די אידן האבן נאך א שווערע טרויעריגע אסיפה באשלאסן זיך צו נעמען דאס לעבן ר"ל. דעם אנדערן צופרי זענען די רוימער אריין און געווען גאר שאקירט וואספארא בילד זיי האבן אנגעטראפן, אינגאנצען צוויי פרויען מיט פינף קינדער האבן זיי געטראפן לעבעדיג.

היינט צוטאגס קומען באלד א מיליאן באזוכער א יאר צו באזוכען די מוזעאום וואס לייגט אויס הונדערטער חפצים וואס מען האט געטראפן אויפן בארג, כלים, געווער, שקלים וכדו', דערנאך גייט מען ארויף אויפן בארג מיט א רכבל אדער דורך דעם לאנגן וועג שביל הנחש, צו ארומשפאצירן אויפן בארג, באזוכן די פאלאצען, די בית המרחץ, בית הכנסת און צוריק צום זמן פון די שוידערליכע געשיכטע.

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

גליון מס' 13
פר' עקב
י"ח אב תש"פ
August 8, 2020

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### ההשגחה באופן פנימי וגלוי

תוכן ומעלת א"י מבואר בכתוב "ארץ אשר גו' עיני ה"א בה מראשית השנה ועד אחרית שנה", היינו שבה ההשגחה העליונה היא באופן פנימי וגלוי יותר מבשאר הארצות, זאת אומרת שבאה"ק גם בהגשמי שבארץ ועניניה "נרגש" אלקותו ית' בגילוי יותר. עפ"ז מובן, שהמשכת קדושה גלוי' - היינו אלקות - בענין ודבר גשמי, הרי זה בדוגמת כניסת הדבר והפעולה והאדם הפועל לא"י. זאת אומרת שקיום כל מצוה ומצוה הוא בדוגמת כניסה לא"י כי קיום המצות הוא כנ"ל, המשכת אלקות בענינים הגשמיים שייעשו עי"ז דירה לו יתברך.

(שערי ארץ ישראל, מאדמו"ר מליובאוויטש זצ"ל, פר' עקב)

### אוירא דארץ ישראל מחכים

בארץ ישראל יש זכותא דארץ ישראל, משה רבינו ראה את האויר של ארץ ישראל ועי"ז נתקדש האויר כדאיתא בגמ' (ב"ב קנח:) אוירא דארץ ישראל מחכים, מחכים משמש בכמה לשונות, מחכים הכוונה לחכמה, תורה, ואיתא אין תורה כתורת ארץ ישראל, מחכים ג"כ הכוונה שיוליד בנים, מלשון חכמה הבאה לילד (ר"ה כג:), שע"י הזכות של ארץ ישראל יכולים לזכות לבנים... מחכים הוא גם מלשון לראות ולהכיר, חכים רבי לבר פדיה (ירושלמי שבת ו:), בארץ ישראל מכירים את האמת...

(פני מנחם, פר' עקב)

### קיבוץ נדחי ישראל

נאום ה"א מקבץ נדחי ישראל עוד אקבץ עליו לנקבציו (ישעיהו נו, ח), הרה"ק משינאווא זצ"ל אמר פעם שבכתוב מרומז שטרם ביאת המשיח יהי' קיבוץ גלויות, ומשיח צדקנו יוסיף לקבץ אלו שלא באו, וז"ש עוד אקבץ עליו לנקבציו.

(אדמו"ר מקלויזנבורג זצ"ל)

### לא תחסר כל

וללמדך שאין ארץ ישראל חסרה כלום שנאמר (דברים ח, ט) ארץ אשר לא במסכנות תאכל בה לחם לא תחסר כל בה.

(ברכות לו, ב)

המשך בדף ב'



גן החיות התנכ"י, ירושלים
Credit @ruchyl_photography

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק ראשון

**הצרות וחבלי משיח - "קול דודי דופק"**

עס איז באוויסט אז די אמונה פון ביאת משיח צדקינו ביי אונז, די קינדער פון אברהם יצחק און יעקב, תלמידי משה רבינו, עבדי אדונינו המלך דוד - איז א פעסטע כלל און א יסוד, עס איז טיף איינגעגעסן אין אונזערע הערצער פון גרויס ביז קליין, אז אפילו אלע שטורם ווינטען און מהפכות וואס טוט קומען אויף דער וועלט, קענען זיי עס נישט אוועקרירן פון אונז אפילו א ברעקל. אפילו עס טוט שפעטיגן, דאך האפן מיר א יעדן טאג אז ער וועט קומען במהרה בימינו אמן, און מאכן נישט קיין זמן אויף דעם, מיר זיכן נישט קיין סברות פון פסוקים צו טרעפן דעם צייט ווען ער וועט אנקומען, ווייל דאס איז פון די פארהוילענע און פארבארגענע זאכן, באהאלטן פון א יעדן מענטש, ווי דער מדרש זאגט[1] "אויב א מענטש וועט דיר זאגן ווען משיח קומט, זאלסטו אים נישט גלייבן, כי ליבא לפימא לא גליא, דער אייבישטער האט אים נישט אנטפלעקט וואס ליגט ביי אים אין הארץ", ווי דער רמב"ם איז מאריך אין דעם, אין זיין פירוש צו משניות[2], ווי אויך אין זיין בריוו "אגרת תימן", עיי"ש. אבער אונזערע נביאים האבן אונז נביאות געזאגט[3], ווי אויך האבן אונז חז"ל פארגעזאגט אין ש"ס[4], מדרש[5] און אין די ספרי קבלה[6], וועגן די גרויסע צרות, הריגות און רדיפות וואס וועט פאסירן צו בני ישראל ביי די ענדע פון גלות פאר ביאת משיח. פון דעם אליין קענען מיר שוין דערקענען די פינקען פון די ליכטיגקייט פון משיח, ווי עס איז מבואר אין אונזערע ספרים הק', אז די שווערקייט פון דעם גלות הייבט זיך נישט אן, נאר ערשט נאכן זמן פון די שפראצונג, די צמיחת הגאולה.

אויפן פסוק[7] "כְּמוֹ הָרָה תַּקְרִיב לָלֶדֶת - אזוי ווי א טראגעדיג פרוי וואס גייט צו געבורט, תָּחִיל תִּזְעַק בַּחֲבָלֶיהָ - זי הייבט אן שרייען מיט ווייטאג, כֵּן הָיִינוּ מִפָּנֶיךָ ה' - אזוי זענען מיר געווען פאר דיינע גזירות, ג-ט", זאגט רש"י, "מיר זעהן צרות ווערן באנייט און מיר האפן אז דאס זענען סמנים פון די ישועה און גאולה, ווייל מיר זענען פארזיכערט צו ווערן אויסגעלייזט מתוך צרה וצוקה אזוי ווי די יולדת", עכ"ל. די אלע צרות און שווערע גזירות וואס קומען אויף אונז אין דעם צייט, דארפן מיר דאס מקבל זיין מיט ליבשאפט, און אננעמען מיט אלע אונזערע כוחות, ווייל דאס ווערט פאררעכנט ווי א קרבן עולה אינגאנצען פארברענט, אזוי ווי איך האב אויבן אראפגעברענגט אין די פתיחה פון אגרת תימן, און נישט ח"ו ארייננפאלען אין ספקות, און זאגן אזוי ווי די לעצטע נביא האט נביאות געזאגט אויף די חבלי משיח ווען די צרות וועלן זיין געפעהרליך[8], "אֲמַרְתֶּם שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים - איר האט געזאגט עס איז אומזיסט וואס מיר האבן געדינט דעם אייבירשטען, וּמַה בֶּצַע כִּי שָׁמַרְנוּ מִשְׁמַרְתּוֹ - און וואס האבן מיר פארדינט אז מיר האבן געהיטן זיינע מצות... [9]הוֹגַעְתֶּם ה' בְּדִבְרֵיכֶם - איר האט מיד געמאכט דעם אויבירשטען מיט אייערע רייד... בֶּאֱמָרְכֶם כָּל עֹשֵׂה רָע טוֹב בְּעֵינֵי ה' - ווען איר האט געזאגט אז אדער אלע וואס טוהן שלעכטס זענען גוט אין די אויגן פון ה', וּבָהֶם הוּא חָפֵץ - און אין זיי וויל דער אייבישטער, וועגן דעם גייט זיי גוט, אוֹ אַיֵּה אֱלֹקֵי הַמִּשְׁפָּט - אדער ווי איז דער ג-ט פון משפט, פארוואס שטראפט ער נישט די רשעים... [10]אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה' אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ - דעמאלטס וועלן רעדן די ג-ט פארכטיגע און זיך מחזק זיין איינער דעם צווייטן, וַיַּקְשֵׁב ה' וַיִּשְׁמָע - און דער אייבישטער הערט זיי אויס, וַיִּכָּתֵב סֵפֶר זִכָּרוֹן לְפָנָיו - און עס וועט פארשריבן ווערן פאר אים אינעם ספר הזכרון, לְיִרְאֵי ה' וּלְחֹשְׁבֵי שְׁמוֹ - פאר די יראי ה' און די וואס טראכטן זיך צו האלטן צו זיין נאמען... וְהָיוּ לִי - און די רייד וועט זיין אוועקגעלייגט מיט מיר, אָמַר ה' צְבָאוֹת - זאגט דער ג-ט פון די וועלט, לַיּוֹם אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה סְגֻלָּה - צו דעם גרויסן טאג וואס איך האב אוועקגעלייגט פאר דעם, וְחָמַלְתִּי עֲלֵיהֶם - און איך וועל מיך דערבארעמען אויף זיי, כַּאֲשֶׁר יַחְמֹל אִישׁ עַל בְּנוֹ הָעֹבֵד אֹתוֹ - אזוי ווי א מענטש שוינט זיין זוהן וואס טוט אים דינען... וְשַׁבְתֶּם - און איר וועט דעמאלטס תשובה טוהן, וּרְאִיתֶם בֵּין צַדִּיק לְרָשָׁע און איר וועט זעהן דעם חילוק צווישן דעם צדיק און רשע, בֵּין עֹבֵד אֱלֹקִים לַאֲשֶׁר לֹא עֲבָדוֹ - צווישן דעם וואס דינט ג-ט און דעם וואס דינט אים נישט", זאגט דארט רש"י, "אָז נִדְבְּרוּ וגו' - דער אייבישטער זאגט, איך ענטפער אייערע ווערטער, דעמאלטס ווען די רשעים וועלן טוהן שלעכטס און די גוטע וועלן גיין מיט א געקלאפטע געמוט, נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה', וועלן די ג-ט פארכטיגע זיך אדורכרעדן זיך נישט אנצוקלעבן אין זייערע שלעכטע מעשים, און איך וועל נישט פארגעסן זייערע רייד, אפילו איך אייל זיך נישט צוריקצוצאלן זייער שכר, ווייל איך האב דערהערט און באפוילן דאס אריינצושרייבן אינעם ספר הזכרון, און איך וועל באפעסטיגן זייערע רייד, לַיּוֹם אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה סְגֻלָּה, צו דעם טאג וואס איך האב איינגעזאמעלט און אוועקגעלייגט זיי צו באצאלן זייער שכר, און דארט וועל איך אייך באווייזן וואס איז דאס א חילוק צווישן א צדיק און א רשע" עכ"ל הק'. זעהן מיר אז מלאכי, דער לעצטער נביא זאגט אונז וואס וועט פאסירן מיט אונז באחרית הימים, פון די צרות וואס וועט אונז ווערגן ביים האלז אין די זמן פון חבלי משיח, ביז עס וועט זיך טרעפן מענטשען וואס וועלן זאגן שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים, וואס האבן מיר פארדינט אז מיר האבן געהיטן זיינע מצות וכו', און דאס זענען ליידער די ווערטער וואס ווערן געהערט און די צייטן, אין די ביטערע טעג ואס האט אונז דערגרייכט.

די יראי ה', די וואס זענען דבוק אינעם אייבירשטען וועלן רעדן איינער צום צווייטן און מחזק זיין אז מען זאל נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך זייערע שלעכטע מעשים, זיי וועלן זיך שטארקן איינער דעם צווייטן אזוי ווי די פסוק[11] "וְחִכִּיתִי לַה' - איך האב געהאפט צום אייבירשטען, הַמַּסְתִּיר פָּנָיו מִבֵּית יַעֲקֹב - וואס האט באהאלטן זיין פנים מבית יעקב, וְקִוֵּיתִי לוֹ - און דאך האף איך צו אים". דער אייבישטער הערט אויס די ווערטער פון חיזוק וואס מען האט גערעדט אין א שעת פון צרה, און פארשרייבט די ווערטער אין דעם ספר הזכרון, דערנאך ווען עס וועט אנקומען די ישועה און טאג פון באצאהלונג, וועט דער אייבישטער ווייזן דעם חילוק פון די וואס האבן זיך אנגעהאלטן מיט אים און די וואס האבן זיך אפגעקערט פון אים. דאכט זיך מיר אז אויף די צדיקים וואס וועלן ווערן פארשריבן אינעם ספר הזכרון האט דניאל

המשך בדף ב'

---

[1] מדרש שו"ט, פר' ט, קוה"ר פר' יב, אות י
[2] פי"א סנהדרין, משנה א
[3] יחזקאל לח-לט, זכריה יב-יד, ועוד
[4] סנהדרין צז, ע"א - צט ע"א, ועוד
[5] איכה רבה
[6] זוה"ק ח"ב דף ז, קעב דף ב, ועוד
[7] ישעיהו כו, יז
[8] מלאכי ג, יד
[9] מלאכי ב, יז
[10] מלאכי ג, טז-יח
[11] ישעיהו ח, יז

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצובריינגען שבח ארץ ישראל

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## זבת חלב ודבש

עלינו להבין, מה טעם מתארת התורה את מעלתה ושבחה של ארץ ישראל שהיא ארץ זבת חלב ודבש, הלא ארצינו הקדושה נקראת בכינויים שונים, כמו ארץ חפץ, או ארץ אשר לא תחסר כל בה. אבל כלל בידינו, "כל המחובר לטמא טמא", מכל שכן הטמא עצמו. ואולם חלב הוא נוזל שאמנם מקורו מדם המאוס, "דם נעכר ונעשה חלב", ובכל זאת הדם המאוס שנפשו של אדם בוחלת בו הופך לנוזל מתוק, מרענן וזך. ודבש לפי הפוסקים, אפילו נפלה משקצת לתוך דבש, יש בכח הדבש ובסגלתו להוציאה מכלל נבלה ולהפכה לדבש טהור בתמציתו ובטעמו, רק שני דברים אלה סגלה מיחדת זו מועדת להם, להפוך את הטמא והמאוס לטהור ודבר חפץ. לכן נשתבחה ארץ ישראל בהם, שסגלתה גם כן להפך את הטמא לטהור, את החוטא לצדיק.

(ספר רבי מאיר אומר, אוצרות רבי מאיר שפירא מלובלין)

## לא תחסר כל בה

...אבל כיון שהעושר בארץ היא תלוי, והמעשיר מהארץ מעשיר, נתחלקה לכולם בשוה א"כ כולם עשירים, גם אין לחוש להתמוטטות כל עת היותם בארץ כי ממנה עושר ונכסים, והוא אומרו "כל בה". והזכיר ב' פרטים שהם ברזל ונחושת שהם ב' דברים הצריכים עקרים לתשמושי אדם. והזכיר אחר זה "ואכלת" וגו'... לזה אחר שאמר "ארץ חטה" וגו' גמר אומר "לא תחסר כל בה" ואין אתם צריכין להוציא משבח פירות הארץ למקום אחר להביא במקומו דברים הצריכים לתשמיש אדם ותשמיש תשמישיו, ובזה ישנם בגדר "ואכלת ושבעת".

(אוה"ח הק', פר' עקב ח, ט)

## ירושת ארץ ישראל בשלימות

ובאתם וירשתם את הארץ, דהנה מיוחדת ארץ הקדושה ארץ ישראל שיש בה ג"כ גוף ונשמה, בכל הארצות יש רק גוף אך ארץ ישראל יש בה גם נשמה, וכלשון הפייטן רבי יהודה הלוי, חיי נשמות אויר ארצך. ועוד כתב בספר הכוזרי, שההצלחה של עם ישראל בתורה ועבודת ה' היא רק כאשר הם נמצאים בארץ ישראל, כדוגמת עבודת הכרם שמצליחה בהיותו נטוע בהר, כך ישראל כאשר הם על אדמתם יש להם את הכח הסגולי להצליח בתורה ויראת שמים ובכל המצות, וזה מכח הנשמה שיש בארץ ישראל. וע"ז אומר הכתוב אם תקיימו את כל המצוה, דהיינו בכל חלקיה בגוף ובנשמה, אז ובאתם וירשתם את הארץ, בשכר זה תקבלו את הארץ המיוחדת שיש בה גוף ונשמה, ותירשו אותה בשלמות בגוף ובנשמה, שרק זו נקראת ירושת הארץ בשלמות כאשר יש את הגוף והנשמה, משא"כ מי שיושב בא"י ויש לו רק את הגוף של ארץ ישראל בלי הנשמה.

(נתיבות שלום, פר' עקב)

אם הבנים שמחה - המשך מדף א'

אונזין געהאט ווען ער האט געזאגט[12] "וּבָעֵת הַהִיא יִמָּלֵט עַמְּךָ - און אין יענע צייט וועט געראטעוועט ווערן דיין פאלק, כָּל הַנִּמְצָא כָּתוּב בַּסֵּפֶר - און די אלע וואס זענען פארשריבן אינעם ספר", דאס מיינט די אלע וואס האבן זיך געהאלטן מיט'ן אייבירשטען אפילו אין צייטן פון הסתר פנים, און זיי זענען פארשריבן געווארן אינעם ספר הזכרון, די וועלן ווערן געראטעוועט בשעת די צרות פון חבלי משיח. שפעטער האב איך געזעהן אז איינע פון די מפרשי התנ"ך[13] האט אויך אזוי אריינגעטייטשט, אז דניאל האט מיט דעם אונזין געהאט דעם פסוק פון מלאכי הנ"ל. יעצט בשעת מסדר זיין מיין ספר צום דרוק, האב איך נישט קיין שום ספר צו די האנט, קען איך דעריבער נישט אנצייכענען פונקטליך ווי אין תנ"ך, על כן, זיכער זאל זיך יעדער איד מחזק זיין אין די שווערע זמנים, און נישט פאלן פון די פיס, ווייל עס וועט נאך קומען דער צייט וואס עס וועט נתגלה ווערן דעם חילוק פון אן עובד ה' און א רשע, ווי דער נביא האט אונז געזאגט, און מקיים זיין אין זיך דאס וואס מיר דאווענען[14] "וּבְכָל זֹאת שִׁמְךָ לֹא שָׁכָחְנוּ - מיט דעם אלעמען האבן מיר נישט פארגעסן דיין נאמען", עס איז כדאי צו טראגן אויף אונז דעם עול הגלות מיט אלע אירע שוועריקייטן, וועגן די גרויסע באצאהלונג וואס דער אייבישטער וועט מיט אונז טוהן אין דעם גרויסן טאג, צו באצאלן יעדן איינעם לויט זיין ארבעט[15].

אבער לכאורה איז דאס זייער וואונדערליך, פארוואס טוט דער אייבישטער אזוי, אז ער מוז אונז ברענגן משיח נאר דורך גרויסע צרות, איז דען שווער פארן אייבירשטען אונז צו העלפן אן די אלע צרות, משיח צדקינו קען דאך קומען מתוך רוב טוב וואס דער אייבישטער וועט אויף אונז משפיע זיין.

האט אונז שוין דער אור החיים הק'[16] מגלה געווען דעם טעם ברוח קודשו אין פר' בהר[17], ווייל אין אמת'ן איז דא צוויי בחינות בביאת משיח, די ערשטע בחינה איז, א בחינה פון דערהויבענקייט און גדלות, דאס מיינט "זכה" וואס חז"ל האבן געזאגט[18], די צווייטע בחינה איז פון דחקות און ארעמקייט, וואס דאס האט דער נביא מרמז געווען[19] "הִנֵּה מַלְכֵּךְ יָבוֹא לָךְ וכו' - אט דיין קעניג קומט דיר צו גיין, הוּא עָנִי וְרֹכֵב עַל חֲמוֹר - ער איז אן ארעמאן און רייט אויף אן אייזל", דאס איז די בחינה פון "לא זכה". וואלטן מיר ווען געטוהן דעם רצון ה' און געהיט זיינע מצות, וואלט די גאולה געקומען מיט גרויס עשירות און גדולה, אבער אז מיר זענען אין די בחינה פון אין עושין רצונו של מקום, וועט די גאולה מוזען קומען דורך צרות, דחקות און ארעמקייט, ר"ל. ווייל די צרות וועט משלים זיין דעם זכות וואס וואלט ווען געווען אויב מיר וואלטן געהיט די תורה און מצות, עיי"ש. אזוי שרייבט רש"י אויף די גמרא אין סנהדרין[20], "רב האט געזאגט, עס וועט זיך ענדיגן אלע זמנים פון קץ, און ביאת המשיח ווענדט זיך נאר אין תשובה און מעשים טובים, שמואל זאגט, עס איז גענוג פאר'ן אבל אז ער שטייט מיט זיין אבילות", זאגט רש"י, "עס איז גענוג פאר די אידן דעם צער פון גלות אז אפילו אן תשובה וועלן זיי אויך אויסגעלייזט ווערן", עכ"ל.

אין דעם ספר "נצח ישראל" לרבינו מהר"ל מפראג[21], זאגט ער אז די טעם פון די צרות, די חבלי משיח איז א בחינה פון א חסרון פאר עס ווערט נתגלה כבוד הוי', און ווי גרויס דער חסרון איז ניכר, אלס מער וועט זיין די הכרה פון גדלות הוי' וואס דער אייבישטער וועט ווייזן בשעת די גאולה. אזוי אויך האב איך געזעהן ווי דער גאון היעב"ץ[22] שרייבט אין זיין סידור[23], "די גדולה און הצלחה, עפ"י רוב שפראצט דאס ארויס נאך א געפיל פון יאוש צוליב א נפילה אין א גאר שלעכטן מצב מתחילה, אזוי ווי מיר זעהן ביי דעם ענין פון הוי', וואס איינע פון די זאכן וואס ברענגן ארויס די גרויסקייט איז די חסרון וואס ווערט געפילט פאר דעם גילוי, ווי חז"ל זאגן[24] "אימת גדלה לכי מסרחא - ווען הייבט עס אן צו וואקסן, ווען עס ווערט מסריח", דאס איז די ענין פון אונזער ירידה, מיר וואס זענען דאס אויסדערוועלטע פאלק, פלאגן מיר זיך ביטער ארום אינעם גלות פאר מיר קומען אל המנוחה ונחלה, און ווי שפעטער אלס ווערט עס שווערער, לויט דעם שאצונג פון די ריכטיגע גוטס און וואס וועט ארויסשפראצן נאך די אלע יסורים, אויף דעם זאגט דער גמרא[25], כשהם יורדין, יורדין עד לעפר, ווען אידן טוהן נידערן, נידערן זיי ביז דער ערד, און פון דארט גייען זיי ארויף, שנאמר[26] "יַשְׁפִּילָהּ... עַד עָפָר - ער טוט איר דערנידערן ביז שטויב", אויך שטייט[27] "כִּי שָׁחָה לֶעָפָר נַפְשֵׁנוּ - אונזער זעהל איז דערנידערט ביז שטויב... קוּמָה עֶזְרָתָה לָּנוּ - שטעל אויף א הילף פאר אונז", עכ"ד. איז לויט זיי דאס אויך א ענין פון טבע, אז קודם אונזער גרויסע הצלחה, דארף קודם זיין א גרויסע חסרון.

המשך בגליון הבא אי"ה

[12] דניאל יב, א
[13] עי' רס"ג, ראב"ע, מצו"ד, מלבי"ם
[14] תחנון
[15] ויק"ר פר' כז, אות ב, תנחומא פר' אמור, אות ז
[16] רבי חיים בן עטר, נולד במורוקו תנ"ו, נפטר בירושלים ט"ו תמוז תק"ג
[17] ויקרא כה, כה-כח
[18] סנהדרין צח, ע"א
[19] זכריה ט, ט
[20] צז, ע"ב
[21] פרק כו
[22] רבי יעקב עמדין זצ"ל, נולד ט"ו ניסן תנ"ח, נפטר ר"ח אייר תקל"ו
[23] ד"ה לברך
[24] תמורה לא, ע"א
[25] מגילה טז, ע"א
[26] ישעיהו כו, ה
[27] תהלים מד, כז

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### ישוב בת עין

מערב גוש עציון

בת עין איז א ישוב קהלתי צווישן די בערג פון גוש עציון און בית שמש, דארט וואוינען בערך דריי הונדערט משפחות. רוב איינוואוינער זענען עהרליכע בעלי תשובה חסידי ברסלב, חסידי חב"ד און נאך. עס איז נתייסד געווארן מיטן נאמען "צורף" בשנת תשמ"ט מיט די מטרה צו פירן א חסידיש לעבן משולב מיט פעלד ארבעט, דערנאך איז עס געטוישט געווארן צו "בת עין" על שם דריי מעיינות-קוועלער וואס זענען דא אין די געגנט.

ביי דעם אריינגאנג צום ישוב איז דא אור-אלטע חורבות, א ווײן פרעס, א גרויסע מקוה טהרה נאך פון תקופת בית שני, די ארגאנישע ווײנגערטנער ארום דעם ישוב באנוצען זיך נאך מיט די זעלבע ווײן פרעס. די תושבים ארבעטן אין כל מיני ארבעט, פון פעלדער מיט פלאנצן ארגאנישע פרוכט און ירקות, ספרות, אידישע תשמישי קדושה, מעהלערייען און אנדערע פאכמאנישע ארבעט, ועוד.

די בתי חינוך מיט הונדערטער אינגלעך און מיידלעך ווערן געפירט ברוח חסידית, אונטערן נאמען "שלמה נתיב" ע"ש א אינגער דרייצן יעהריגער תלמיד וואס איז ל"ע אומגעקומען עקה"ש הי"ד, בשנת תשע"ט דורך די אראבישע רוצחים. דער רב פונעם ישוב איז הרב דניאל כהן.

עס איז דארט דא א ברסלב'ער ישיבה פאר בעלי תשובה מיט בערך פופציג תלמידים, דער ראש ישיבה איז הרב נתן גרינברג. ווי אויך א בית חב"ד.

עס איז גאר א שטיל פלאץ מיט איידעלע הייזער באוואקסן מיט ביימער און בלומען. די תושבים לייגן א דגוש אויף צניעות, ווי אויך נעמט מען דארט אויף נאר אידישע ארבעטער. שבת קען מען זעהן אפאר שטריימלעך אויך, ווען משפחות פון ארום ארץ ישראל קומען אויף וואקעישן, און דינגען ארויס די צימערן. מען וועט שטענדיג טרעפן אידן מבקשים זיצן אין בית המדרש און לערנען, די ביהמ"ד איז פוהל מיט ספרי ראשונים ואחרונים, און אלע ספרי חב"ד וספרי ברסלב.

עס איז נישט ווייט פון די "משאות יצחק" געגנט וואס איז חרוב געווארן דורך די ירדנ'ער לעגיאנערן אין מלחמת השחרור אין תש"ח.





בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

**פר' ראה**
כ"ה אב תש"פ
August 15, 2020

גליון מס'
14

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### ישיבת א"י

מעשה בר' יהודה בן בתירא ורבי מתיא בן חרש ורבי חנינא בן אחי, רבי יהושע ורבי יונתן שהיו יוצאים חוצה לארץ והגיעו לפלטום וזכרו את ארץ ישראל, זקפו עיניהם וזלגו דמעותיהם וקרעו בגדיהם וקראו המקרא הזה וירשת אותם וישבת בארצם (דברים יב) וחזרו ובאו למקומם, אמרו ישיבת א"י שקולה כנגד כל המצות שבתורה. ומעשה ברבי אלעזר בן שמוע ורבי יוחנן הסנדלר שהיו הולכים לנציבים אצל ר' יהודה בן בתירא ללמוד הימנו תורה והגיעו לציידן וזכרו את ארץ ישראל זקפו עיניהם וזלגו דמעותיהם וקרעו בגדיהם וקראו המקרא הזה (דברים יא) וירשתם אותה וישבתם בה, חזרו ובאו להם למקומם, אמרו ישיבת ארץ ישראל שקולה כנגד כל מצות שבתורה.

(ספרי, ראה)

### חלק בא"י

א"ר פרנך כל מלך שהיה בחו"ל אם לא היה קונה עיר אחת בא"י לא היה נקרא מלך, ראה מה כתיב גבי עכן (יהושע ז) וארא בשלל אדרת שנער אחת טובה, פורפירא בבלאה, ומנין היה ביריחו פורפירא בבלאה, אלא שהיה מלך לשם וקנה עיר בא"י, הוי ארץ שצביונה של אומות בה.

(תנחומא ראה)

### מצות התליות בארץ

ולכאורה תמוה, מה ענין השמחה (של תחית המתים) בהתחדש הגוף הגשמי והלבשת הגשמי בו, הלא טוב לו אז בעולמות עליונים בלי גוף, מעתה בגוף, אבל האמת הוא כדברינו, מגודל שמחת עבודת הגוף לבורא יתברך שמו, אין קץ. וזהו שבקש משה לכנס לארץ ישראל, וכי לאכול מפריה הוא צריך, אלא לקיים המצות התליות בארץ בעודו בגוף.

(פרי הארץ, ראה ב')

המשך בדף ב'



צוקי פארק אדמית, צפון גליל

Credit @ruchyl_photography

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**

הרה"ח ר' **אהרן נאה** הי"ו - ניו יורק

לעילו נשמת זקינו הגאון רבי **ישכר שלמה טייכטהאל** זצ"ל הי"ד
בעל המשנה שכיר

לעילו נשמת רביה"ק **יואל** בן **חנני' יו"ט ליפא** מסאטמאר זי"ע
לרגל יומא דהילולא כ"ו אב

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק ראשון

**הצרות וחבלי משיח - "קול דודי דופק"** - המשך...

איך האב געלערנט נאך א טעם פאר דעם, פארוואס דער אייבישטער שיקט אונז צרות און רדיפות פאר ביאת משיח בב"א, פונעם ג-טליכן מקובל רבינו יוסף גיקטילא[28], אין זיין ספר "צפנת פענח" על הגדה של פסח, אויפן פסוק "בָּרוּךְ שׁוֹמֵר הַבְטָחָתוֹ לְיִשְׂרָאֵל - געלויבט איז ה' וואס היט זיין צוזאג פאר די אידן", "מיר דארפן חוקר זיין מיט א חקירה גדולה דאס גלות מצרים וואס איז א גרויסע סוד, אז אזוי ווי דער אייבישטער האט אויסגעוועהלט די קינדער פון אברהם, אויב וואלט ער זיי נישט געשיקט אין גלות - וואלטן זיי נישט געקענט מקבל זיין די תורה, ווייל אויב וואלטן זיך אידישע קינדער געמערט אן א גלות, זיי וואלטן זיך געהאלטן פעסט אין ארץ ישראל און דארט מצליח געווען, אן קיין תורה מפי הגבורה, וויאזוי וואלט מען זיי דערנאך געקענט אריינטראגן אין דעם מדבר זיי צו אסר'ן מאכלות אסורות, עריות און נאך אנדערע זאכן, אויב וואלטן זיי זיך גדארפט צוריקהאלטן פון עסן פלייש אדער טרינקן ווין וואלטן זיי זיך גאר שטארק מצער געווען, וויבאלד זיי זענען אין דעם זייער שטארק געוואוינט. כ"ש די אלע תרי"ג מצות פאר דורות לאנג, איז דען דא א שווערערע זאך פאר דעם מענטש ווי דעם. האט דער אייבישטער זיי גדארפט שיקן קיין מצרים וכו', זיי האבן נישט געמעגט ארויסגיין פון דארט ווייל זיי זענען געווען אונטער א שווערן שעבוד וכו'. און ווען דער אייבישטער האט געשיקט משה רבינו ע"ה, האט ער אים געזאגט, "גיי זאג די אידן אז איר דארפט מקבל זיין תרי"ג מצות, אויב זענט איר וויליג דערויף, וועט איר ווערן אויסגעלייזט, אויב נישט, בלייבט איר ווי עטס זענטס. דאס איז געווען די הסכמה אין מצרים, ווי דער פסוק זאגט[29] "בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם וגו'", די סוד איז מרומז אינעם פסוק[30] "זֶה שְּׁמִי לְעֹלָם", וועגן דעם האט גדארפט פאסירן גלות מצרים אז זיי זאלן קענען מקבל זיין די תורה, און ווערן באצאלט מיט אלעם גוטס וואס דער אייבישטער וויל אויף זיי משפיע זיין" עכ"ד הק'. זעהן מיר פון זיינע ווערטער, אז די סוד פונעם גלות איז געווען אז די אידן זאלן ווערן ארויסגיין פון מצרים צום מדבר כדי צו מקבל זיין די תורה, ווייל אויב וואלטן זיי געהאט פון אלעם גוטס, וואלטן זיי נישט געוואלט ארויסגיין צו א וויסטן מדבר און מקבל זיין די תורה, און אננעמען נייע איסורים אויף זאכן וואס זיי זענען געווען געוואוינט דערצו פון פריער.

מיט דעם קענען מיר אויך מסביר זיין די טעם פון די צרות וואס פאסירט צו אונז פאר ביאת משיח, עס איז באקאנט אז די לעצטע גאולה וועט זיין אויף אייביג, נאכדעם וועט מער נישט זיין קיין שעבוד און גלות, דער אייבישטער וויל אז אפילו איין נפש מישראל זאל נישט פארלוירן גיין צווישן די פעלקער, ווי דער פסוק זאגט[31] "וְאַתֶּם תְּלֻקְּטוּ לְאַחַד אֶחָד - איר וועט ווערן צוזאמגעקליבט איינס ביי איינס", [32]"לְבִלְתִּי יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח - עס וועט נישט פארשטויסן ווערן פון מיר א פארשטויסענער". אויב וואלט די גאולה געקומען מתוך רואיגקייט און שטילקייט פון די פעלקער, וואלטן געווען אסאך אסאך מאחינו בני ישראל וואס וואלטן נישט געוואלט ארויסגיין, וואס פעלט זיי דען אין גלות, זיי זענען חשובים, עשירים און שרים אין די אויגן פון די פעלקער, ווי די ראהטשילדס און די באראנען וואס האבן דערגרייכט גרויסקייט און כבוד און דערהויבן געווארן צו שרים און נכבדים, וואס האבן זיי מיט משיח אדער ארץ ישראל, זיי האבן דא א משיח מיט א ירושלים און זיי דארפן נישט עפעס א בעסערע משיח פון וואס זיי האבן יעצט דא. אזוי ווי די רייכע אידן האבן געטוהן ווען זיי זענען רואיג געזעצן אין בבל בימי עזרא. ווי רש"י זאגט אין קידושין[33], אז אפילו די עהרליכע וואס זענען געזעצן אין בבל מיט רייכקייט און פרידן, זענען נישט ארויף מיט עזרא הסופר, נאר די ארעמעלייט, די געקלאפטע זענען מיט אים מיטגעגאנגען. אזוי ווערט אויך געברענגט אין ספר הדורות,[34] "ר' יוזפא שמש האט אינעם יאר ש"פ אלס בחור געלערנט אין די ישיבה פון הגאון מו"ה פנחס סג"ל ווען ער איז געווען רב אין פולדא, האט ער דעמאלטס נאכגעזאגט פון זיין רבי דער סמ"ע, "די סיבה פארוואס עס איז דא אזויפיל צרות אין ווירמייזא[35] מער ווי אין אנדערע קהילות און לענדער, ווייל ביי חורבן בית ראשון זענען אידן געקומען אין זיך באזעצט בק"ק ווירמייזא, און ווען די זיבעציג יאר האבן זיך געענדיגט און אידן האבן אנגעהויבן ארויפגיין קיין ארץ ישראל און ירושלים, האבן די אידן פון ווירמייזא נישט געוואלט מיטגיין, האבן די אנשי ירושלים זיי געשיקט א בריוו, אז זיי זאלן אויך זיך באזעצן אין ארץ ישראל, כדי זיי זאלן אויך קענען קומען עולה רגל זיין קיין ירושלים, האבן די אידן צוריק געענטפערט "קערטס אייך צוריק צו ירושלים הגדולה, און מיר וועלן בלייבן דא וואוינען אין ירושלים הקטנה", ווייל אין יענע צייט זענען די אידן געווען זייער חשוב אין די אויגן פונעם מושל און פון די גוים און זיי זענען געווען גרויסע עשירים. צוליב דעם ווערט אויף זיי באנייט שטערקערע גזירות ווי אין אנדערע פלעצער", עכ"ל. איך קען דא צולייגן, אפשר צוליב דעם איז שטענדיג ארץ אשכנז געווען שלעכט פאר אידן, אלע צרות און גזירות האבן זיך דארט אנגעהויבן, פאר דעם וואס קען די אידישע היסטאריע[36] פון די מיטלאלטער יארן ביז יעצט אין אונזער צייט. עכ"פ זעהן מיר אז וויבאלד זיי האבן זיך געפילט פארזיכערט אין זייער לאנד, איז וועגן דעם געקומען אויף זיי די אלע צרות און גזירות. אזוי איז אויך אין אלע לענדער וויבאלד מען האט מסיח דעת געווען פון זיך צוריקצוקערן און זיך באזעצן אין ארץ ישראל, איז דאס די עצה פונעם גדול העצה[37] וואס ברענגט צו דעם גלות און שעבוד קשה כדי אונז צו דערוועקן אז מיר זאלן וועלן זיך צוריקצוקערן קיין ארץ ישראל. אזוי אויך שרייבט דער יעב"ץ,[38] "וועגן די היסח הדעת פון ארץ ישראל קומט גלייך די אלע צרות אויף אידן. וזה אמת וברור, און דאס איז די סוד פונעם גלות, כמו שכתוב רבנו המקובל הנ"ל.

המשך בדף ב'

[28] בעל "שערי אורה" מובא בב"י כמה פעמים, היה חי בשנת ה"א ק'

[29] שמות ג, יב

[30] שמות ג, טו

[31] ישעיהו כז, יב

[32] שמואל ב, יד

[33] קידושין סט ע"ב

[34] ה"א ש"פ, בהשמטה בשם ספר "מעשי נסים" סי' ט'

[35] ווארמס, דייטשלאנד

[36] נאר א טייל פון די מיטלאלטער צרות אין מדינת אשכנז: חורבן קהילות אשכנז בשעת די מסעי הצלב, די קרייצוגלער ד' תתנ"ו (1096) און ד' תתקפ"ט (1229), ד' תתקמ"א (1181) פאגראם אין וויען, ד' תתקנ"ה (1195) פאגראם אין שפייער, ד' תתקפ"א (1221) פאגראם אין ערפורט, ד' תתקפ"ה (1225) פאגראם אין מקלנבורג, ה' א' (1241) פאגראם אין פראנקפורט דמיין, ה' נ"ח (1298) גזירת רינטפלייש, ה' פ"א (1321) גזירת מצורעים, ה' ק"ח-ק"ט (1348-9) די שווארצע מגיפה פאגראמס, ה' קמ"א (1381) גירוש שטראסבורג, ה' קמ"ט (1389) גזירת פראג, ה' קנ"ט (1399) עלילת דם אין פוזנא, ה' ק"פ (1420) גזירת וויען, ה' קפ"ו-רי"ג (1246-1453) גירוש קעלן, אוגסבורג, באוואריע, ברעסלאו.

[37] ירמיה לב, יט

[38] הקדמה לסולם בית אל



יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## השראת השכינה

...ע"כ נאסר לעולם הבמות, כי שכינת עוזנו לא זזה מכותל המערבי לעולם (שמות רבה ב') ושם קביעת השראת אלקינו ית"ש אע"פ שאין בית. ולזה אמר כאן הכ' והיה המקום אשר יבחר ה' אלקיכם לשכן שמו שם, כלומר המקום דייקא שנקרא ע"ש המקום ב"ה, שהוא מקומו של עולם, אשר יבחר וגו' שיבחר בו ה' להיותו מובחר הארץ זך ונקי מכל פסולת והרע, כי הלא אין הקב"ה מיחד שמו על הרעה, ואשר יבחר בו, הוא הקדוש ומזומן להשראת הקדושה לשכן שמו שם, להיותו מוסר ומובדל מכל בחינת הרע, ועל כן תביאו וגו'.

(באר מים חיים, ראה)

## מכלל דבעי דרישה

...וזהו שנאמר לשכנו תדרשו ובאת שמה, פי' אם לשכנו תדרשו ותבקשו פניו שזהו לשון דרישה, כמ"ש (תהלים קה, ד) דרשו הק ועוזו, (ישעיה נה, ו) דרשו את ה' בהמצאו, לשון בקשה, אם תבקש פניו אז תזכה ובאת שמה והבאת שמה, וכן הוא אומר (ירמיה ל, יז) ציון דורש אין לה, מכלל דבעי דרישה, הוא כמ"ש לשכנו תדרשו, ר"ל שצריך להתפלל על ציון להבנות במהרה...

(תפארת שלמה, ראה)

## דבעי דרישה

בפסוק לשכנו תדרשו. הוא גם על זמן הזה כאשר חכמים הגידו דבעי דרישה. וכמו שדרשו חז"ל לא תעשון כן שלא יגרמו עונותיכם לבהמ"ק שיחרב. כמו כן ע"י מעש"ט שדורשין השראת השכינה הוי בכלל מצות בנין בהמ"ק. ואבותינו הראשונים מרוב התשוקה שהי' להם זכו להמשיך השכינה למטה. מכ"ש עתה אשר כבר הוציאו הראשונים זאת מכח אל הפועל. בנקל לנו לעורר הראשונות בכח התשוקה.

(שפת אמת, ראה, תרמ"ד)

## מצות התלויים בארץ

ושמרתם לעשות וגו'. פירוש לפי שהמצות שבא לצוות עליהם הם תלויים בארץ לזה אמר להם שישמרו, על דרך אומרו (בראשית לז) ואביו שמר את הדבר, והכוונה שיהיו מחכים לעשותם, והכוונה בזה שהגם שבזמן שהוא מדבר עמהם אינם בידם לעשותם יהיו משמרים הדברים לעשות אותם כשיגיע העת, וגמר אומר אלה החוקים וגו' פירוש אלה הם שאני מצוה אתכם שתשמרו לעשות בארץ, פירוש לפי שהם תלוים בביאת הארץ כי שם צוה ה' לאבד כל המקומות, וכל זמן שלא באו שמה אינם בידם לעשות.

(אור החיים הק', ראה יא, לב)

## אין בו קליפות

אין שום קליפה ומלאך המות שולט בא"י אפילו בחלל שלה, וע"ז נאמר לה' הארץ ומלואה (תהלים כ"ד א').

(ילקוט חדש, מערכת ארץ ישראל וחוץ לארץ אות ע"ה)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

זעהט וואס חז"ל זענען מפרש אין מדרש[39] אויפן פסוק[40] "וַיְשַׁלַּח אֶת הַיּוֹנָה - ער האט ארויסגעשיקט דעם טויב", א יונה איז א גוטער סימן פאר אידן. פונקט אזוי ווי דאס טויבעלע האט נישט געטראפן א מנוחה פאר אירע פיסלעך, אזוי וועלן אידן נישט האבן קיין מנוחה אין גלות, שנאמר[41] "וְלֹא יִהְיֶה מָנוֹחַ לְכַף רַגְלֶךָ - עס וועט נישט זיין קיין מנוחה צו די פלאך פון אייער פיס", און אזוי ווי די יונה איז צוריק צו די תיבה, אזוי אויך וועלן אידן זיך צוריקקערן צו זייער לאנד צוליב די אלע צרות פון די גוים וואס איז נמשל צו וואסער, שנאמר[42] "הוֹי הֲמוֹן עַמִּים רַבִּים כַּהֲמוֹת יַמִּים יֶהֱמָיוּן - וויי צו די אלע פעלקער ווי די פולע ימים וועלן זיי פארשוועמט ווערן", עכ"ד. זעהן מיר קלאר אז די גלות וועט זיי צוריקשיקן צו זייער לאנד. אזוי אויך לערנען מיר דאס אין מדרש איכה[43] אינעם פסוק[44] "הִיא יָשְׁבָה בַגּוֹיִם לֹא מָצְאָה מָנוֹחַ - זי וועט זיצן צווישן די פעלקער און וועט נישט טרעפן קיין רוה-ארט", זאגט רבי שמעון בן לקיש, אויב וואלט זי געטראפן א רואיג ארט, וואלט זי זיך נישט צוריקגעקערט. אזוי אויך ווערט געברענגט אין בראשית רבה[45] "וְלֹא מָצְאָה הַיּוֹנָה מָנוֹחַ - די טויב האט נישט געטראפן א רוה-ארט"[46] - זאגט יהודה בר נחמן בשם רבי שמעון, אז אויב וואלט זי געטראפן א רואיג ארט, וואלט זי זיך נישט צוריקגעקערט. די זעלבע איז מיט די פסוק "הִיא יָשְׁבָה בַגּוֹיִם לֹא מָצְאָה מָנוֹחַ", און "וּבַגּוֹיִם הָהֵם לֹא תַרְגִּיעַ - אין מיט די פעלקער וועט זי זיך נישט בארואיגן, וְלֹא יִהְיֶה מָנוֹחַ לְכַף רַגְלֶךָ", זעהן מיר אז וואלטן זיי געטראפן א רואיג ארט, וואלטן זיי זיך נישט צוריקגעקערט, עכ"ל. אין ספר "תורה תמימה" שטייט[47], "דאס איז די פשט פונעם פסוק "זי זיצט מיטן גאנצען ווילן צווישן די גוים, זי איז נישט נותן לב זיך צוריקצוקערן קיין א"י, זי האט עס נישט געקענט אויספירן ווייל זי האט נישט געטראפן מנוחה, די דרש איז זייער טייער מיט איר קלארע השקפה, עס זאל דערהערט ווערן אין א יעדן דור, עד היום הזה", עכ"ל. עכ"פ זעהן מיר פון די אויבענדערמאנטע דברי חז"ל, די סוד פונעם גלות און די שווועריקייטן פון די אלע גזירות וואס קומט אויף אונז, איז אונז אויפצווועקן פונעם גלות שלאף. קול דודי דופק[48] - די קול פון מיין פריינט הקב"ה קלאפט אויפן טיר פון אונזער הארץ, צו דערוועקן אין אונז די חשק און בענקשאפט זיך צוריקצוקערן לארצנו הקדושה, וואס מיר האבן שוין מסיח דעת געווען דערפון פאר באלד צוויי טויזענט יאר, מיר האבן זיך באקוועם געמאכט מיט א קליינע רואיגקייט צו זיצן צווישן די פעלקער, מיט דעם חלילה אפגעלייקנט כבוד ה', די כבוד פון אונזער פאלק און די כבוד פון אונזער הייליג לאנד, מיר האבן פארקויפט אונזער בכורה וועגן א טעפעלע רויטע לינזען פון ארץ העמים.

אויף דעם וויינט דער אייבישטער, ווי די גמרא איז מבאר אין חגיגה[49], אויף די שטאלץ פון די אידן וואס איז געגעבן געווארן צו די גוים, (איך האב נישט די גמרא מיט מיר צו וויסן דעם דף אדער דעם לשון, ווייל איך שרייב יעצט אן ספרים[50]). האב איך געזעהן פון איינע פון די גדולים הקדמונים וואס האט מפרש געווען די ווערטער, אז הקב"ה וויינט אויף דאס וואס עס איז אוועקגענומען געווארן די שטאלץ אין חשיבות פון אידן, אז עס איז פון זיי אליינס פארלוירן געווארן די הרגש פון שטאלץ וואס א יעדע פאלק טוט זיך שטאלצירן מיט זייער אייגען פאלקשאפט, און אידן פילן נישט קיין שום ערך אז זיי זענען עם ישראל (ער האט פארלארען דען זעלבסט-בעוואוסטען שטאלץ פיר זיינע הייליגע נאטיאן[51]), ביז ער האט פארקויפט זיין שטאלצקייט און גרויסקייט פאר אביסל נזיד עדשים וואס מען גיט אים אין די גלות לענדער. על כן, מוז דער אייבישטער קומען און קלאפן אויף אונזער טיר, קול דודי דופק - דאס זענען די אלע צרות און גזירות קשות וואס באנייט זיך אויף אונז אין יעדע צייט, כדי מעורר צו זיין אין אונז דעם ווילן און רצון זיך צוריקצוקערן צו אונזער לאנד און אונזער כבוד.

מיט דעם קען מען מפרש זיין דעם פסוק[52] "כִּי תָבֹאוּ אֶל אֶרֶץ כְּנַעַן - ווען איר וועט אריינקומען צו ארץ כנען, אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם לַאֲחֻזָּה - וואס איך גיב אייך אלס אן ארבטייל, וְנָתַתִּי נֶגַע צָרַעַת בְּבֵית אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם - און איך וועל געבן א נגע פון צרעת אינעם הויז פון אייער לאנד", חז"ל[53] פרעגן אויף די ווערטער וְנָתַתִּי, וואס דאס ווייזט אויף א גוטע בשורה, אבער יעצט פארשטייען מיר דאס, אז השי"ת טוט אונז מבשר זיין א בשורה, אז בשעת מיר וועלן זיין צווישן די פעלקער אזוי ווייט אז מיר וועלן שוין מיינען אז מיר זיצן אין אונזער נחלה און מיר וועלן מסיח דעת זיין פון ארץ ישראל, וועט דער אייבישטער אונז שיקן א נגע אין אונזער הויז, בארצות הגולה ביז מיר וועלן עפענען די אויגן און וויסן וואס מיר זוכן דא, און צולייגן הארץ זיך צוריקצוקערן לארצנו הקדושה.

המשך בגליון הבא אי"ה

[39] מדרש אגדה, פר' נח, פר' ח, אות יא
[40] בראשית ח, ח
[41] דברים כח, סה
[42] ישעיהו יז, יב
[43] פר' א, אות כט
[44] איכה א, ג
[45] פר' לג, אות ח
[46] בראשית ח, ט
[47] איכה פר' א, אות סב
[48] עפ"י שיר השירים ה, ב
[49] חגיגה ה ע"ב
[50] דעם ספר איז געשריבן געווארן בשעת דער מחבר האט זיך באהאלטן אין בודאפעסט
[51] לשון המחבר
[52] ויקרא יד, לד
[53] הוריות י ע"א

לַאֲרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### ראש הנקרה

צפון גליל העליון

די מדרש (בראשית רבה לט, ח) פארציילט אונז אז ווען אברהם אבינו איז ארויס פון ארם נהריים אויפן וועג צו א"י, איז וויבאלד ער איז אנגעקומען צו סולם של צור, האט ער געזאגט "הלוואי יהיה חלקי בארץ הזאת", האט אים דער אייבישטער געענטפערט "לזרעך אתן את הארץ הזאת". ראש הנקרה איז ביים עק פון די גרויסע בערג וואס ווערט פיל מאהל דערמאנט אין ש"ס, ספרי חז"ל, ווי אויך אין יוסיפין, אלס סולם של צור.

דורך די בארג האט זיך געצויגן די וועג פון א"י צו די פארט שטעט פון צור און צידון, דורך דעם וועג זענען אדורך די מיליטער פון סנחריב, פון אלכסנדר מוקדון, די קרייצזוגלער, און די ענגלענדער ביי די ערשטע וועלט קריג. אין תש"א (1941) האבן די ענגלישע אדורכגעגראבן אין דעם בארג א טונעל פאר די באן וואס איז געפארן פון חיפה ביז טריפולי אין לבנון כדי צו פירן מיליטערישע טראנספארטן. היינט צוטאגס קען מען נאר זעהן א חלק פון די טונעל, עס דינט היינט פאר א זאל ווי מען ווייזט די היסטאריע פונעם פלאץ פאר די טויזענטער טעגליכע באזוכער. אין די געגנט האט מען געטראפן אור-אלטע קברים און חפצים פון די צידונים (Phoenicians), א פאלק וואס האט געוועלטיגט פון דא ביז צידון, זיי זענען געווען די וואס האבן געהאלפן שלמה המלך מיטן בויען דעם ביהמ"ק הראשון, ווי מיר זעהן אין תנ"ך (מלכים א' ה טז) "וַיִּשְׁלַח שְׁלֹמֹה אֶל חִירָם לֵאמֹר" וכו'.



פון די טיפענישן פונעם ים אין דעם געגנט האט מען אמאהל געפאנגן די חלזון פיש כדי צו נעמען פון זיי די פארב פון תכלת, ווי אויך פלעגט מען דא אויסטריקענען דורך די זון, ים וואסער כדי צו מאכן דערפון זאלץ. עס קען אויך זיין אז פון די זאלץ באסיינען רעדט די פסוק (יהושע יג ו) "כָּל יֹשְׁבֵי הָהָר מִן הַלְּבָנוֹן עַד מִשְׂרְפֹת מַיִם", די פלעצער ווי מען האט אויסגעברענט די וואסער מיט די היץ פון די זון.

ראש הנקרה איז ביים גרעניץ פון לבנון, מערב זייט פון א"י ביים ברעג פון דעם ים הגדול, די שטארקע וואסערן לעכערן די ליים-שטיינער פונעם בארג מיט די שטארקע כוואליעס, און דאס האט פאראורזאכט די הערליכע טונעלען און מערות ווי באזוכער קענען ארומשפאצירן און זיך אנזעטיגן מיט נפלאות הבורא. אנצוקומען צו די טיפע מערות דארף מען אראפקומען פון די הויעך פון 70 מעטער מיט א רכבל (Chairlift).

דארט זעהט מען צומאהל די פלעדערמויזן וואס הענגן אין די טונעלן, מאסן טוירטלען הייבן דארט אן זייער נסיעה צום ים, און צומאהל באווייזט זיך דארט די ים לייבן (Mediterranean Monk Seal) וואס עס איז דא פון זיי גאר ווייניג.

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

גליון מס' 15
פר' שופטים
ב' אלול תש"פ
August 22, 2020

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָ‍ִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### וירשת את הארץ

לְמַעַן תִּחְיֶה וְיָרַשְׁתָּ אֶת הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ, פירוש רש"י, כדאי הוא מנוי הדיינין הכשרים להחיות את ישראל ולהושיבן על אדמתן (ספרי).

(שופטים, טז, כ)

### ערי קודש

...כן בפנימיות ארץ ישראל המקום גורם ונקרא ערי קודש, כדכתיב ערי קדשיך היו מדבר. וכל עיר הי' ענין ושער מיוחד והי' מגדלת דעת ושופט כדכתי' רבתי עם, דרשו חז"ל רבתי בדיעות. וזהו לשבטיך ששורש י"ב שבטים הם שמרים מיוחדים ואח"כ מתפשטין אותן השערים לפרטים. ולא לחנם משבח הקב"ה את א"י והיא הפרדס שנתן לאוהבו ואברהם אע"ה א"ל הקב"ה לך לך כו' אשר אראך. וע"ש בזוה"ק כי לא הי' יכול להשיג דעת שלימה ואמתית עד שגילה הקב"ה אליו סודו בארץ ישראל ע"ש פ' לך לך. ולכן כתי' למען תחי' וירשת כו' פרש"י כדאי מינוי הדיינים כו' שזה הי' כל המכוון בנתינת הארץ כדכתי' מלך במשפט יעמיד ארץ. וכתי' על עזבם את תורתי ולא הלכו בה פרשנו ג"כ שהי' צריך להיות הנהגת א"י ע"פ התורה שהיא ענין תורה שבע"פ. ועמ"ש בפ' דברים מזה. וכשנשכח מאתנו עיקר המכוון ונעשה כמתנה גשמיות חלב ודבש. ניטל מאתנו המתנה.

(שפת אמת, שופטים, תרמ"ה)

### לעלות לארץ ישראל

אמר לו אביו לעבור על דברי תורה בין מצוות עשה בין מצות לא תעשה ואפילו מצוה דרבנן לא ישמע לו, לפיכך אם צוה שלא ימחול לאדם פלוני ולא ידבר עמו והבן רוצה לעשות שלום עמו לא ישמע לאביו, וכן אם צוהו לגרש את אשתו, **וכן שלא יעלה לארץ ישראל, לא ישמע לו...**

(בן איש חי, פר' שופטים, יט)

### שופטים ושוטרים תתן לך

ואומרו אשר ה' אלהיך נותן לך, אמרו ז"ל (מכות ז ע"א) שבא לומר שאין חיוב האמור בענין אלא בארץ אשר ה' אלהיך נותן לך ולא בחוץ לארץ.

(אור החיים, פר' שופטים)

המשך בדף ב'



חוף הים הגדול, נהריה

Credit @ruchyl_photography

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק ראשון

**הצרות וחבלי משיח - "קול דודי דופק"** - המשך...

אזוי ווי מיר זעהן אין אונזערע טעג, נאך די אלע צרות וואס האבן אונז דערגרייכט, אז איעדער איד גליסט און בענקט צו ארץ אבותינו, ווי גליקליך און מוצלח וואלט ער געווען אויב מען וואלט אים נאר געלאזט זיך צוריקערן צו איר. דאס אלעס איז פון די טיפע עצה פון אונזער הייליגע באשעפער וואס טראכט וועגן אונז נאר מחשבות טובות, אז מיר זאלן נישט פארשווענקט ווערן בארצות הגוים, נאר מיר זאלן זיך צוריקערן צו די לאנד וואס ער האט געשוואוירען צו אונזערע עלטערן זיי עס צו געבן און פאר זייערע קינדער נאך זיי. זעה אינעם תנא דבי אליהו, "בעלי בתים ווערן נאר יורדים, זיי זענען יורד פון זייערע פארמעגנס נאר צוליב זיי זענען פארנומען מיט עסן און טרינקען און זענען נישט עוסק אין דרך ארץ צוזאמען מיט דברי תורה[54], אויף זיי זאגט דער פסוק[55], "תַּחַת שָׁלוֹשׁ רָגְזָה אֶרֶץ וכו' - איבער דריי זאכן ציטערט די ערד... וְנָבָל כִּי יִשְׂבַּע לָחֶם - און א שלעכטער ווען ער זעט זיך מיט ברויט" עכ"ל. דעם מאמר איז נתקיים געווארן מיט די אידן וואס זענען געזעצן אין מדינות[56] בעהמן, מעהרן און דייטשלאנד, וואס זיי זענען געזעצן מיט גרויס עשירות ביז עס איז פון זיי פארגעסן געווארן אז זיי זענען אידישע קינדער, אז מען האט געמוזט שיקן איינעם זיי צו דערמאנען אז זיי זענען בני אברהם יצחק ויעקב.

אויפן פסוק[57] "וְשָׁב ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת שְׁבוּתְךָ - דער אייבישטער דיין ג-ט וועט צוריקערן דיין געפאנגענע" איז רש"י מפרש, די טאג פון קיבוץ גליות איז גרויס און מיט שוועריקייט, כאילו דער אייבישטער אליין וועט דארפן אנכאפן איעדן איינעם פון זיין פלאץ ממש מיט די האנט, אזוי ווי עס שטייט[58] "וְאַתֶּם תְּלֻקְּטוּ לְאַחַד אֶחָד בְּנֵי יִשְׂרָאֵל - איר וועט ווערן איינגעזאמעלט איינס, איינס פון די אידישע קינדער", עכ"ל. האב איך געזעהן ווי עס שטייט אינעם ספר "אוהב ישראל" לרבינו מאפטא זי"ע[59], ווי ער איז מבאר דעם פסוק אין תהלים[60] "וּמֵאֲרָצוֹת קִבְּצָם - פון זייערע לענדער וועט ער זיי איינזאמלען", אז דער מדרש[61] שרייבט "אזוי ווי דער געפאנגענעם פייגל געפינט זיך אין די הענט פונעם פאנגער, אזוי זענען די אידן געווען געפאנגען אין מצרים, אזוי ווי עס שטייט[62] "וָאֵרֵד לְהַצִּילוֹ - איך האב אראפגענידערט אים צו ראטעווען". אמר רבי אבהו ב"ר אחא בשם רבינו, די אידן זענען געווען אזוי שטארק אריינגעטוהן אין מצרים אזוי ווי א עובר א קעלבעל, איז אריינגעשטעלט במעי אמה, און דער פאסטעך דארף מיט די הענט אריינשטעקן די האנט און איר ארויסשלעפן, אזוי האט הקב"ה געטוהן, ווי עס שטייט אין פסוק[63] "לָבוֹא לָקַחַת לוֹ גוֹי מִקֶּרֶב גּוֹי - צו קומען און פאר זיך ארויסנעמען א פאלק פון א פאלק". א"ר אייבו בשם רבי יוחנן בן זכאי, אזוי ווי דער גאלד-גרעבער שטרעקט אויס די האנט ארויסצונעמען א שטיקל גאלד פון דעם גאלד-רייניגונג, אזוי האט דער אייבישטער ארויסגענומען די אידן פון מצרים, ווי עס שטייט אין פסוק[64] "וְאֶתְכֶם לָקַח ה' - אייך האט דער באשעפער ארויסגענומען... מִכּוּר הַבַּרְזֶל מִמִּצְרָיִם - פון די רייניגונג פון מעטאל פון מצרים", עכ"ל המדרש. צו פארשטיין די דריי דיעות און טעמים, און דער חילוק צווישן זיי, קען זיין אז חז"ל האבן דא גערעדט וועגן דריי כיתות וואס איז דא ביי אידן, צדיקים בינונים און רשעים, דער וואס האט גערעדט די משל פון דעם פייגל, האט גערעדט פון די צדיקים, אזוי ווי דאס פייגל ווען ער איז אינעם האנט פונעם פאנגער איז בכלל נישט דא א חיבור און באהעפטעניש, זיי זענען צוויי אנדערע זאכן נאר איז פשוט פארמאכט און פארשלאסן, די רגע דער פאנגער עפענט די הענט פליט דאס פייגל גלייך ארויס און קומט מער נישט צוריק, אזוי זענען געווען די צדיקים אין גלות מצרים, זיי האבן נישט געהאט קיין שום שייכות צו די קליפות זיי האבן פשוט נישט געקענט ארויסגיין פון דארט, און בחסדי ה' האט מען זיי געראטעוועט און ארויסגעצויגן פון דארט אן קיין שווערקייטן. דער וואס האט גערעדט די משל פון דעם עובר, האט גערעדט פון די בינונים, אזוי ווי א עובר האט מער שייכות צו די מאמע, און אויך שלעפט זי זיך נאך איר, אזוי זענען זיי געווען אין מצרים, זיי האבן געהאט אביסל שייכות צו די קליפות אבער נישט אינגאנצען ח"ו, אזוי ווי דער עובר דערקענט זיך אלס א בריה פאר זיך אליין. און דער וואס האט אראפגעברענגט דעם משל פון גאלד, רעדט פון די רשעים, וואס גאלד איז געווענטליך שטארק געמישט מיט פסולת, עס איז ממש איינס און מוז ווערן אויסגעהאקט, אזוי זענען די רשעים געווען אין מצרים, זיי זענען געווען זייער באהאפטען מיט די קליפות ר"ל, און אויך זיי האט דער רבוש"ע ארויסגענומען פון מצרים, עכ"ד רבינו.

מיר זעהט אויס אז אויף די דריטע מדרגה טוט אונז דער פסוק מרמז זיין, אז מען וועט דארפן ממש אנכאפן א יעדן איד פון זיין פלאץ, ווי עס שטייט[58] "וְאַתֶּם תְּלֻקְּטוּ לְאַחַד אֶחָד בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", דאס הייסט אז די רשעים וועלן זיין אזוי שטארק געבינדען און געקניפט צו די טיפענישן פון די קליפות, אז דער רבוש"ע וועט זיי מוזן אנכאפן מיט די האנט און זיי ארויסשלעפן פון זייערע טיפע איינזינקעניש אין גלות וואס זיי האבן זיך באהאפטען צו די גוים אין זייערע דרכים. מה שאין כן מיט די בינונים און כל שכן מיט די צדיקים, וועט דער אייבישטער נישט דארפן צוקומען צו קיין שווערקייטן, ווייל די רגע עס וועט זיך עפענען די טויערן פון גלות וועלן זיי לויפן פון זייער אייגענעם רצון אן דעם וואס דער אייבישטער וועט זיי דארפן אנכאפן ביי די הענט און ארויסשלעפן, וזה אמת וברור. מען זעהט דאס ממש מיט די אייגענע אויגן אין די טעג, אז ליידער אסאך פון אונזער פאלק זענען אזוי איינגעזינקען צווישן די גוים, זיי האבן זיך אליין באטראכט ווי נישט קיין אידן אן קיין שום קשר צום עם ישראל, איז געקומען דער רשע און געמאכט די גזירה פון ראססען-געזעטץ, און זיי טוען נאכפארשן מיט אלע ערליי זיכונגען צו טרעפען אידישע עלטערן ביז דריי דורות צוריק, ביז מען טרעפט זיי יא אלס זרע אברהם יצחק ויעקב, עס ווערט מיט זיי מקויים די נביאה פונעם נביא[65] "וְהָיָה בִּמְקוֹם אֲשֶׁר יֵאָמֵר לָהֶם לֹא עַמִּי אַתֶּם - עס וועט זיין אין דעם פלאץ וואס מען וועט זאגן צו אייך אז איר זענט נישט מיין פאלק, יֵאָמֵר לָהֶם בְּנֵי אֵ-ל חָי - וועל איך זיי זאגן אז איר זענט קינדער פונעם לעבעדיגן באשעפער", דאס הייסט אז זיי זענען צוגעקומען

המשך בדף ב'

[54] עפ"י פרקי אבות פרק ב, משנה ב
[55] משלי ל, כא-כב
[56] באהימיע, מאראוויע - טשעכיי
[57] דברים ל, ג
[58] ישעיהו כז, יב
[59] נולד תקט"ו, נפטר ה' ניסן תקפ"ה, תלמיד רבי אלימלך מליזנסק זי"ע
[60] תהלים קז, ג
[61] מדרש שו"ט פר' קז, מכילתא פר' בשלח, ו
[62] שמות ג, ח
[63] דברים ד, לד
[64] דברים ד, כ
[65] הושע ב, א

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל


בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## רק כי תשמור

ואם ירחיב וכו' כאשר נשבע לאבותיך וכו' בספרי הכל בזכות אבות, אשר דבר לתת לאבותיך הכל בזכות אבות. פירושו דמוכח דהשבועה אינה מכרחת לתת את כל הארץ להם, ורק כי תשמור את כל המצוה הזאת כו' מוכח דמה שאינו נותן להם הג' ארצות קיני, קניזי, קדמוני שזה אדום, עמון ומואב הוא ג"כ בזכות אבות כמו שדרשו ז"ל, והביאו רש"י בדברים על הפסוק עד מדרך כף רגל, שהכל בזכות אברהם, ולוט נחשב כבנו, וזה שלהם יש זכות אבות רק כי תשמר לעשות כו' אז יהא זכות אבותיך מסייעתך שתקח אותם.

(משך חכמה, פר' שופטים)

## גבוה מכל הארצות

וקמת ועלית, אחז"ל מכאן שביהמ"ק גבוה מכל הארצות (סנהדרין פז ע"א), וזה תימה דא"כ מאי מספקא לי' לדוד איזהו מקום ביהמ"ק, ותו דהרי החוש מעיד דאינו כן. ונראה לבאר, העולם הוא עגול כעין כדור וההרים וגבעות שעליו המה בולטים כמו בליטות באתרוג, ובדבר עגול לא שייך לומר גבוה יותר, דאם תתפוש אותו על צד האחר יהי' דבר ההוא גבוה, והיינו אם אין לציור מקום ההתחלה. אבל לפי קבלתנו שמקום ביהמ"ק משם הושתת העולם, והוא הנקודה האמצעית וההר העומד שם עלי' הוא הגבוה מכולם, ולכך נאמר וקמת ועלית.

(תורת משה, פר' שופטים)

## לבשי עזך ציון

עורי עורי לבשי עזך ציון לבשי בגדי וכו', כי לא יוסיף לבוא בך עוד ערל וטמא (ישעיה נב, א), להבין מה זה בנותן טעם ללבישת בגדי תפארת, מפני שלא יוסיף לבוא וכו'. אבל הוא דכנסת ישראל וירושלים עיר הקודש, כל ימי עניה ומרודיה, איהו מנוולא נפשה לגבי שבאי, בכדי שלא תיטב בעיניו כמ"ש בגמרא בשבויה (קידושין יב, ע"ב). וז"ש הנביא ברוח קדשו, שמעתה תלבש בגדי תפארת תכשיטי כלה, ויתראה יופיה לבעל נעוריה, ואין חשש עוד פן יבואו זרים להתגרות בה, כי לא יוסיף לבוא עוד ערל וטמא.

(אגרא דכלה, הפטרת לפר' שופטים, ישעיה נב, א)

## כותל המערבי

כל התפילות עולות דרך שם, וכשהתפילות צריכים להגיע ממקום אחר עד לשם, יש לחשוש שמא יחטפו אותם הקליפות, מה שאין כן בעומד מול פני השכינה תפלתו מתקבלת מיד.

(שערי אורה, גיקטלייא, סוף שער ב)

## קבוץ גליות

ומה ראו לומר קבוץ גליות לאחר ברכת השנים, דכתיב "ואתם הרי ישראל ענפכם תתנו ופריכם תשאו לעמי ישראל כי קרבו לבוא", פירש רש"י: אלמא קיבוץ גליות בעת ברכת השנים היא.

(מגילה י"ז ע"ב)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

אם הבנים שמחה - המשך מדף א'

צו אזא מדרגה אז איעדער האט געמיינט אז זיי זענען מער נישט מיין פאלק, וועט דער אייבישטער אויף זיי טראכטן א מחשבה טובה אז זיי זענען יא בני א-ל חי. אויף דעם האט דער נביא געזאגט "וְאַתֶּם תְּלֻקְּטוּ לְאַחַד אֶחָד", אזוי ווי די ווערטער פונעם הייליגן אפטער רב, אז אפילו רשעים גמורים וועלן ווערן ארויסגעקליבן און דער אייבישטער וועט זיי ארויסנעמען פון די טיפענישן פון די קליפות, ווי עס שטייט[66] "לְבִלְתִּי יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח".

איך האב געזעהן אינעם ספר[67] "מלבושי יו"ט" פון הקדוש מזידיטשוב זצ"ל[68], וואס ער ברענגט אראפ פון ר' מענדעלע מרימינוב זי"ע[69], אז דער בן שני פון די הגדה וועט אויך האבן א תיקון ביי די לעצטע גאולה. דער הייליגער רימינובער האט מיט זיין גרויס אהבת ישראל זיך נישט געוואלט באנוצן מיט די נאמען רשע, נאר אלס דעם "בן שני". קוק ווי שטארק עס דארף זיין אהבת ישראל (זאל דאס זיין אלס א מוסר השכל פאר די אלע וואס האלטן דעם מעסטען-שטעקן און רופן אזוי גרינג אן אנדערע מיט'ן טיטל "רשע"), אז אפילו דעם רשע גמור - ווי דער צווייטער זוהן פון די הגדה - האט דער צדיק נישט געוואלט אנרופן רשע. אזוי אויך האב איך געזעהן אינעם ספר[70] "בני יששכר" ווי ער ברענגט אראפ[71] פון די מקובלים אז ביי די לעצטע גאולה וועט זיין א תיקון אפילו פאר די רשעים גמורים, און אלע וועלן ווערן אויסגעלייזט. דערנאך האב איך געטראפן בפירוש אין פסיקתא רבתי[72] אז דער אייבישטער האט געזאגט פאר משיח, "וועגן זייערע זונד וועט דיין צונג זיך קלעבן צום גאמען, און די וועסט שטארק ליידן וועגן זיי... האט משיח געענטפערט, מיט פרייד און שמחה בין איך גרייט צו ליידן די אלע צרות, אלעס איז ווערט אז קיין שום איד זאל נישט פארפאלען ווערן, אפילו די וואס האבן געשפעט און געלאכט פון מיר", עיי"ש.

פון דאס אלעס קענען מיר זעהן ווי טייער עס איז אין די אויגן פון משיח און די אויגן פון השי"ת אפילו די נידעריגסטע איד, משיח איז גרייט צו ליידן אסאך צרות און פיין נאר אז עס זאל נישט פארלוירן ווערן קיין איין נפש מישראל, אפילו די ערגסטע, ווייל זיי זענען דאך מזרע אברהם יצחק ויעקב. איך האב געזעהן אין זוה"ק[73] (איך קען נישט אנצייכענען פונקטליך ווי, ווייל איך האב נישט קיין ספרים מיט מיר), אז אפילו די פושעי ישראל ווערן אנגעהאלטן בימין, און זענען נשרש בקדושה, וועגן דעם טאר מען זיי נישט מזלזל זיין און אוודאי נישט שעלטן, אדרבה עס איז א מצוה זיי ליב צו האבן און זיי מקרב זיין. זעה אינעם ספר "ליקוטי בית אפרים" להגאון רבי נפתלי סופר[74], וואס צום סוף ברענגט ער אראפ חידושים פון זיין רבי'ן מרן החת"ס, האב איך דארט געזעהן א דבר פלא, "איך האב געזאגט אין די חידושי אגדות, אז דאס וואס די גמרא זאגט אין פרק במה מדליקין[75] אז שמאי איז געווען א קפדן און הלל א אוהב שלום ורודף שלום און מקרב געווען בריות לתורה, מיינט חלילה נישט אז שמאי איז געווען א קפדן שלא מן הדין ח"ו, נאר שמאי האט מרחק געווען דעם וואס מען האט געדארפט מרחק זיין מדין, נאר הלל האט זיך געפירט מער ווי דער דין פארלאנגט און זיי יא מקרב געווען שלא מן הדין, דאס הייסט אז די דין האט פארלאנגט מען זאל זיי דערווייטערן, אבער ער האט יא מקרב געווען - והלכה כבית הלל, עכ"ל. זעהן מיר פון דעם ווי רבנו החתם סופר האט געפסק'נט בפירוש אז די הלכה איז ווי די בית הלל אז מיר דארפן מקרב זיין אפילו די וואס מען וואלט ע"פ הדין געדארפט מרחק זיין, אזוי ווי די בית הלל האבן געטוהן. אזוי האב איך געזעהן אינעם ספר[76] "נתיב מצוותיך" לרבנו המקובל רבי אייזיקל מקאמארנע זי"ע[77], ווי ער ברענגט אראפ אז רבי חיים וויטאל האט געפרעגט פון זיין רבי'ן דער אר"י ז"ל, ווי אזוי קען ער זאגן אז ער האט אזא גרויסע נשמה, ווען דער קלענסטער פון די פריערדיגע דורות איז געווען אזא צדיק וחסיד אז ער דערגרייכט נישט אפילו צו זייער פערשט, האט אים דער אר"י הק' געענטפערט, "זאלסט וויסן אז די גדלות פון א נפש ווענדט זיך נישט לויט די מעשים פונעם מענטש וואס ווערט געזעהן מיט די אויגן, ווייל דער אייבישטער איז דער וואס ווייסט די פארבארגענע אין א מענטשנ'ס הארץ, און א מעשה וואס וואלט אין די פריערדיגע דורות געווען פאררעכנט ווי א גאר קליינע זאך, קען עס ווערן פאררעכנט אין אונזערע דורות אזוי גרויס און חשוב ווי עטליכע גרויסע מצות פון די פריערדיגע דורות. ווייל אין די היינטיגע דורות שטארקן זיך די קליפות און שלעכטקייט גאר שטארק עד אין שיעור, מה שאין כן ביי די פריערדיגע דורות, ווען איך וואלט געלעבט אין זייערע צייטן וואלטן מיינע מעשים, חכמות געווען פיל גרעסער און וואונדערליכער ווי אסאך פון די תנאים און אמוראים" ע"כ בספר החזיונות הנ"ל.

המשך בגליון הבא אי"ה

[66] שמואל ב' יד, יד

[67] הגדה של פסח, ד"ה בארבעה בנים

[68] רבי יששכר בעריש אייכנשטיין, נכד רבי אייזיק מזידיטשוב זי"ע, נפטר ז' לפסח תרפ"ד

[69] נפטר י"ט אייר תקע"ה, תלמיד רבי אלימלך מליזנסק זי"ע

[70] רבי צבי אלימלך שפירא מדינוב זצ"ל, נולד תקמ"ג, נפטר ח"י טבת תר"א

[71] שבע נחמתות, מאמר ה' נחמה א

[72] פיסקא קומי אורי

[73] ח"ג דף לו-לז ועוד

[74] נולד תקע"א, נפטר תרנ"ט

[75] שבת ל ע"ב, לא ע"א

[76] נתיב אמונה, שביל ששי, אות י'

[77] רבי יצחק אייזיק סאפרין זצ"ל, נולד תקס"ו, נפטר י' אייר תרל"ד

**לארכה ולרחבה**

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## קבר נחמן קטופא דמן כפר ברעם

צפון גליל העליון, ליד אתר העתיקות ברעם

ראש השנה, אין יאר ד' רמ"ה (485) אין די צייטן פון די רבנן סבוראי, פיר הונדערט און צוואנציג יאר נאכן חורבן בית שני, איז געבוירן געווארן אן אויסגעבעטן קינד צו א צדיק פנחס בן יאיר און זיין פרוי רחל, דאס קינד האט אינעם ערשטן טאג פון געבוירן ווערן אנגעהויבן זאגן סתרי תורה צום שאק פון אלע אנוועזענדע, זיין פאטער האט אים שנעל שטיל געמאכט און גוזר געווען אויף אים מער נישט צו רעדן, ער איז אזוי געבליבן א שטומער ביז די צוועלעף יאר.

אין דעם טאג פון זיין צוועלפסטן געבורטסטאג האט זיין מאמע פארפירט ביים מאן אז זי קען עס מער נישט פארטראגן אז איר אויסגעבעטן קינד איז שטום, ער האט דאן געגעבן רשות פאר זיין זון צו רעדן אבער נאר בדרך סוד, אזוי ווי ער האט צוריק באקומען די כח פון דיבור האט ער אנגעהויבן צו רעדן אין די ארמ'ישע שפראך דברי נביאות בעיקר אויף די גאולה עתידית, אין דעם פארעם פון א פיוט לויטן סדר הא"ב, וואס מען האט תיכף פארשריבן און איז באקאנט אלס "נבואת הילד", און אזוי ווי ער האט פארענדיגט זיינע אומפארשטענדליכע ווערטער האט ער אויסגעהויכט זיין נשמה און אוועק פון די וועלט.

פון דעם שטאמט זיין נאמען קטופא אדער חטופא, וואס טייטשט פארכאפט-נפטר געווארן אינגעהייט. דעם ערשטען מאהל וואס מען האט געדריקט די נבואה איז געווען בשנת ד' תפ"ו.

רבי דוד הנגיד, דער אייניקל פונעם רמב"ם שרייבט דערוועגן, און מחרים געווען דער וואס וועט מגלה זיין די סודות פון דעם קינד פאר די אומות העולם. ער ווערט אויך אראפגעברענגט אין ספר החיד"א. דער צמח צדק דערמאנט אים אין א רשימה פון בעלי מופתים. און דער בעל שומרי אמונים האט אויף אים געשריבן "כל דבריו דברי נביאות – קודש קודשים".

זיין קבר איז לעבן דעם ישוב ברעם, לעבן דעם גרעניץ פון ארץ ישראל און לבנון. לעבן די קברים פון מר זוטרא און עובדיה הנביא. עס איז באקאנט פאר א פלאץ ווי אידן בעטן זיך אויס ישועות, ספעציעל איז מען דארט פוקד עקרות און מען בעט רפואות פאר קינדער בזכות פון דעם הייליגן צדיק.



בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

גליון מס' 17
פר' כי תבא
ט"ז אלול תש"פ
September 5, 2020

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### ישיבת הארץ

והיה כי תבא אל הארץ. אמר והיה לשון שמחה, להעיר שאין לשמוח אלא בישיבת הארץ על דרך אומרו (תהלים קכ"ו) אז ימלא שחוק פינו וגו'. אשר ה' אלהיך נותן לך נחלה וירשתה וגו'... שידע בלבו כי לא בכוחו ולא בעוצם גבורתו בא לרשת הארץ אלא מתת ה', והוא אומרו אשר ה' אלהיך נותן לך, ודקדק לומר ה' אלהיך להעיר שעל מנת שיקבל אלהותו עליו הוא נותן, ב' להוריש הארץ מיושביה הגם שיש לו דבר המספיק לו בארץ אף על פי כן יגרש אויבי ה' מארצו, והוא אומרו וירשתה שלישית ישיבת הארץ שהיא מצוה בפני עצמה כמו שמצינו כמה הפליגו רבותינו ז"ל (כתובות קי"א.) במצות ישיבת הארץ...

(אור החיים הק', כי תבא כו, א)

### מתנה מן השמים

בספרי עשה מצוה כו' שבשכרה תיכנס לארץ. וכן דרש בפסוק ויביאנו אל המקום הזה בהמ"ק, בזכות זה ויתן לנו את הארץ הזאת ע"ש. דכ' וירוממך לרשת ארץ כי בנ"י זכו אל א"י במתנה מן השמים לכן תכלית כניסת א"י היא זה התרוממות אל השורש... אבל כחן של ישראל ע"י הביטול אל השורש, ומלמעלה למטה זוכין אל הירושה של א"י למטה ואז כשזה קם זה נופל...

(שפת אמת, כי תבא תרנ"ט)

### השתוקקות שבקדושה

...והנה עיקר ההשתוקקות שבקדושה להשתוקק ולכסוף לה' בכלות הנפש ממש הוא רק בבחינת ארץ ישראל ששם הוא עיקר השתוקקות. וזהו והיה כי תבוא אל הארץ וגו', כי עיקר בחינת והיה הוא בחינת השתוקקות, הוא רק כי תבא אל הארץ הוא ארץ ישראל, שם הוא עיקר השתוקקות שבקדושה.

(בת עין, כי תבוא)

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הרה"ח ר' **יוסף זאב בראווער** הי"ו
לרגל הולדת בנו ני"ו בשעטו"מ

והרה"ח ר' **יוסף אלעזר יצחק רובינשטיין** הי"ו
לרגל הכנסת בנו הבה"ח **שמשון** ני"ו לעול תומ"צ בשעטו"מ



מזרח רוממה, ירושלים
Credit @ylshots

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק ראשון

**הצרות וחבלי משיח - "קול דודי דופק"** - המשך...

זעהט דעם פסוק[97] "כִּי רָאָה ה' אֶת עֳנִי יִשְׂרָאֵל מֹרֶה מְאֹד וְאֶפֶס עָצוּר וְאֶפֶס עָזוּב וְאֵין עֹזֵר לְיִשְׂרָאֵל, וְלֹא דִבֶּר ה' לִמְחוֹת אֶת שֵׁם יִשְׂרָאֵל מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם וַיּוֹשִׁיעֵם בְּיַד יָרָבְעָם בֶּן יוֹאָשׁ. די מדרש תנחומא[98] זאגט אויף דעם פסוק, וְלֹא דִבֶּר ה' לִמְחוֹת אֶת שֵׁם יִשְׂרָאֵל, דער אייבישטער וויל נישט אז א איד זאל פארניכטעט ווערן, ווי עס שטייט אין פסוק[99] "וְאַל יֹאמַר בֶּן הַנֵּכָר הַנִּלְוָה אֶל ה' - און עס זאל נישט זאגן דער פרעמדער וואס וויל זיך באהעפטן צו ג-ט... הַבְדֵּל יַבְדִּילַנִי ה' מֵעַל עַמּוֹ - דער אייבישטער וועט מיך געוויס אפשיידן פון זיין פאלק... אויב דעם בן נכר וויל דער אייבישטער נישט פסל'ן, איז א איד פון אייבירשטענ'ס קינדער, על אחת כמה וכמה, עכ"ל.

ענליכע ווערטער זענען ארויס מפי רבינו, איש אלקים קדוש, רבי ישכר דוב מבעלז זצוק"ל זי"ע[100] אין יאר תרע"ד, ווען די ערשטע וועלט קריג האט אויסגעבראכן, און ער האט געמוזט אנטלויפן פון זיין שטאט און ער איז אנגעקומען אין די שטאט ראצפערט אין אונגארן, איך האב נאך דעמאלטס געוואוינט אין בעסערמין וואס איז נאנט צו ראצפערט, און כמעט די גאנצע צייט וואס ער האט געוויילט דארט האב איך מיך געדרייט נאנט צו אים, איך בין געווען מקורב ביי אים און זיין משפחה, איך בין געווען א יוצא ונכנס ביי אים אין שטוב, (איך האב פלאצירט עטליכע פון זיינע קרובים אין בעסערמין, ווי אויך געשתדל'ט פאר זיי ביי די רעגירונג), פון אלע לענדער האט מען געשטראמט צו מקבל זיין פני קדשו. איינמאהל איז דארט געווען א גרויסע קיבוץ פון גדולי ישראל פון אונגארן, וואס האט נאך דעמאלטס פארמאגט גאוני וזקני הדור. קדושי עליונים זענען דארט געזעצן, בראש איז געווען דער סבא קדישא שלשלת היוחסין מו"ה משה דוד טייטלבוים אבדק"ק מאדיאר-לאפוש זיבענבערגן, אן אייניקל און תלמיד מובהק פון בעל "יטב לב" ז"ל[101] (ער האט געלאזט דריקן דעם שו"ת "השיב משה" פון זיין זיידע רבן של ישראל, דעם בעל "ישמח משה", ווי אויך אלע ספרי "יטב לב"), ער איז געווען גאר א גוטער רעדנער און דרשן, און ער האט פארגעלייגט און געטענה'ט צום בעלזער רב, אז היות אידישע קינדער זענען שרוי בצער אין כמעט די גאנצע וועלט, די צרות ערגערן זיך זייער שטארק, עס איז נישטא קיין שום מעדיצין פאר די אלע מכות, נאר אויב גאנץ כלל ישראל וועט נתעורר ווערן און תשובה טוהן, און עס וואלט געווען די מערסטע פאסיג אז אזא כרוז און פאדערונג זאל קומען פונעם צדיק הדור, וואס מען האט דעם בעלזער רב מכתיר געווען אלס צדיק פון יענעם דור, און אויב וועט אזא אויסרוף פון התעוררות קומען פון אים, וועט עס זיכער ווירקן אויפן דור זיך צוריק צוקערן לאבינו שבשמים, מיט דעם וועט קומען דאס לאנג ערווארטעטע ישועה פאר גאנץ כלל ישראל. אזוי האט ער געטענה'ט פאר כמעט א גאנצע שעה, און באשטעטיגט זיינע ווערטער מיט הערליכע און וואונדערליכע טעמים, אז נאר אויפן רב ליגט דעם חוב.

ווען ער האט געענדיגט זיינע ווערטער, האט רבינו הקדוש געענטפערט בפה קדשו מיט א שארפע און קורצע ענטפער בזה הלשון, "**לאפושער רב, זענט איר שוין פארטיג מיט אייערע טענות? אז משיח וועט קומען וועלין אידען תשובה טוהן. דער עיקר איז, דאס אידען זאלן זיך ליב האבן איינער דעם אנדערן, מען דארף ליב האבן אפילו דעם ערגסטען איד ווי דעם אייגענעם נפש, מען דארף פאראייניגן די הערצער, און מרחק זיין א יעדע זאך וואס איז גורם א פירוד לבבות, אין דעם ווענדט זיך ישועת ישראל אין א זמן פון צרה**", עכ"ד הקדושים וואס איז ארויסגעקומען פון די טיפענישן פון זיין הארץ. אלעס וואס איך האב פריער אראפגעברענגט פון מדרש, ש"ס, תנא דבי אליהו, פונעם ספר "נתיב מצוותיך" און פון רבינו החת"ס איז נכלל אין די קורצע ווערטער הנ"ל, וואס שניידט דאס הארץ פון א יעדן איד וואס פילט דעם צער פונעם דור, און האט אן אמת'ע הרגשה פון אהבת ישראל. זאלסט דאס גוט פארשטיין, זיי נישט קיין חסיד שוטה חלילה מקטרג צו זיין אויף אידן, צו מאכן א פירוד צווישן אידן, ספעציעל אין א זמן ווען די מידת הדין הענגט איבער כלל ישראל, עס איז א עת צרה ליעקב, רחמנא ליצלן.

פונקט האב איך געטראפן בפירוש אזוי ווי די ווערטער פון רבינו הק' מבעלז, אינעם ספר הק' "דברי אמת" לרבינו איש אלקים החוזה מלובלין זי"ע ועל כל ישראל, אין פר' קרח[102], ווי ער שרייבט, "עס זענען דא אזוילכע וואס זענען נאר מתפלל אז דער דור זאל תשובה טוהן, אבער דאס איז נישט ריכטיג, עס איז נאר מעורר די דינים ח"ו, די ריכטיגע וועג איז צו ממשיך זיין נסים ונפלאות לטובת ישראל, זיי וועל זיך צוריקקערן דורך אהבת הנס, אזוי ווי אין די צייטן פון מרדכי און אסתר וואס איז געווען 'קימו וקבלו מה שקבלו כבר'[103], די אידן האבן פון דאסניי מקבל געווען די תורה מתוך שמחה. אזוי האב איך אויך מפרש געווען די ווערטער פון[104] "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", עכ"ד. זעהן מיר פון זיינע ווערטער אז אויב בעהט מען נאר אז דער דור זאל תשובה טוהן איז מען ח"ו מעורר דינים, מען דארף נאר בעטן פאר נסים, דעמאלטס וועלן שוין אלע תשובה טוהן. דאס איז דער אמת, אזוי ווי א רייכער פרוי פון די שטאט טרענטשין האט געזאגט, ווען די צרות זענען דארט אנגעקומען ר"ל, "א, וואן ליעבער גאטט העטטע נור איין וואונדער געצייגט, ווערדן וויר זיך אונס אללע בעקעהרען צו איהם", יעדער ווייסט דער מצב פון אידישקייט פון די שטאט טרענטשין ווי עס האט געהאלטען, און דאך האט זי אזוי גערעדט. די ווערטער פונעם הייליגן חוזה דארף נישט קיין חיזוק, אבער איך האב געברענגט מעשה רב, וד"ל. זעה רש"י אויפן פסוק[105], "וַיֹּאמֶר אַךְ עַמִּי הֵמָּה - זאגט דער אייבישטער, זיי זענען דאך מיין פאלק, בָּנִים לֹא יְשַׁקֵּרוּ - קינדער וואס לייקענען נישט, וַיְהִי לָהֶם לְמוֹשִׁיעַ - און ער וועט זיין פאר זיי א העלפער", איז רש"י מפרש, "אַךְ עַמִּי הֵמָּה, אפילו איך ווייס אז די אידן וועלן ווידערשפעניגן אין מיר, דאך זענען זיי מיין פאלק, זיי זענען פאר מיר אזוי ווי קינדער וואס לייקענען נישט", עכ"ל הק'. אויך זעה רש"י אויפן פסוק[106] "וַיְהִי הָעָם כְּמִתְאֹנְנִים - די פאלק האט געקלאגט", איז רש"י מפרש אז דאס ווארט "הָעָם" מיינט רשעים, ווען זיי זענען עהרליך רופט מען זיי "עמי-מיין פאלק", עיי"ש. זעהן מיר בפירוש אז אפילו ווען

המשך בדף ב'

[97] מלכים ב יד, כו-כז
[98] פר' במדבר אות כה
[99] ישעיהו נו, ג
[100] רבי יששכר דוב רוקח, אדמו"ר מבעלז זצ"ל, נולד תרי"ד, נפטר כד חשון תרפ"ז
[101] רבי יקתואל יהודה טייטלבוים, נולד תקס"ח, נפטר תרמ"ג
[102] ד"ה ועוד
[103] שבת פח ע"א
[104] מיכה ז, טו
[105] ישעיהו סג, ח
[106] במדבר יא, א



יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסגעגעבן שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## כל מחשבותיכם על הנחלה

נ"ל שאעפ"י שאבותינו התהלכו מגוי אל גוי וממלכה אל עם אחר, מ"מ בכל מקום שהלכו הי' לבם ועינם וכל מחשבותם אל ארץ נחלתם אשר נתן להם השי"ת, וכן אמרו השבטים לפרעה, לגור בארץ באנו ולא להתיישב כי בכל רגע האפשרי דעתינו על נחלתינו, וכל זמן שהי' דעתם כך לא שלט בהם פרעה וגזירותיו, ולכן כתיב וימת יוסף ואחיו וכל הדור ההוא אשר לא נתיישבו אלא כגרים בעלמא, כשמתו אלו ובני ישראל פרו וישרצו וירבו, ומאותן הדורות החדשים ותמלא הארץ אותם, ומיד ויקם מלך חדש ויאמר הבה נתחכמה... ה"נ קאמר כי תבוא אל הארץ אשר ה' אלוקיך נותן לך נחלה, שתהי' א"י לך לנחלה, אז בזכות זה תירש הארץ.

(תורת משה, כי תבא)

## חלקת ה'

...וכן הארץ הקדושה בחר לחלקו בלי שליטת שום שר (זוה"ק ח"א קצה) ומבראשית בחר לחלקו עדת ישורון ומכון לשבתם ארץ הקדושה, ואוירה מחכים (ב"ב קנח) בלי נטות לדעות הכוזבות, כי אין שם קליפה סובבת את הדעת דקדושה.

(אגרא דכלה, כי תבוא)

## השתוקקות לארץ ישראל

...ועל-כן היה משה רבנו משתוקק כל כך לארץ ישראל והרבה בתפלות על זה מאד, כי משה הוא הרבי הראשון האמתי שעסק בהארת הדעת הנ"ל שהוא כלליות והתקשרות העולמות, על כן היה מתלהב כל כך לארץ ישראל ובית המקדש, כי עקר הדעת וכלליות העולמות הוא בארץ ישראל ובית המקדש וכנ"ל.

(ליקוטי הלכות, בציעת הפת, אות פא)

## ישוב א"י

נלע"ד רבי ישמעאל נמי לא אמר מקרא ואספת דגנך אלא בא"י ורוב ישראל שרויין, **שהעבודה בקרקע גופה מצוה משום ישוב א"י ולהוציא פירותי' הקדושים**, ועל זה ציותה התורה ואספת דגניך... ואפשר אפילו שארי אומניות שיש בהם יישוב העולם, הכל בכלל מצוה.

(חת"ס פרק לולב הגזול)

## ג' מתנות טובות

תניא רבי שמעון בן יוחאי אומר ג' מתנות טובות נתן הקב"ה לישראל וכולן לא נתנן אלא ע"י יסורין, אלו הן תורה, ארץ ישראל והעולם הבא, תורה מנין שנאמר אשרי הגבר אשר תיסרנו י-ה ומתורתך תלמדנו, ארץ ישראל דכתיב (דברים ח) כי כאשר ה' ייסר איש את בנו ה' אלקיך מיסרך וכתיב בתריה כי ה' אלקיך מביאך אל ארץ טובה, העולם הבא דכתיב (משלי י) כי נר מצוה, ותורה אור ודרך חיים תוכחות מוסר.

(ברכות ה)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

רשעי ישראל זענען בוגדים ח"ו, פונדעסטוועגן דאך ווערן זיי נאך אלס גערופן בנים למקום, און דער פסוק רופט זיי אן **אַךְ עַמִּי הֵמָּה**, כאילו זיי זענען כשרים, עס איז א מצוה זיי ליב צו האבן און מקרב זיין, דורך דעם וועט קומען די ישועה. ווי דער פסוק ענדיגט צו, וַיְהִי לָהֶם לְמוֹשִׁיעַ, אז דעמאלטס וועלן מיר צוקומען צו די ישועה וואס מיר ווארטן אויס בכליון עינים.

אויך זעה אין ילקוט הושע[107], דער אייבישטער האט געזאגט פאר הושע, די אידן האבן געזינדיגט, האט הושע גענטפערט, רבוש"ע, די גאנצע וועלט איז דאך דיינס, טויש זיי אויף מיט אן אנדערע פאלק, האט דער אייבישטער געזאגט, וואס קען איך טוהן צו דעם זקן וכו', די אידען זענען מיינע קינדער, אויסדערוועלטע קינדער, בני אברהם יצחק ויעקב, זיי זענען איינע פון די דריי קנינים וואס איך האב געקויפט אין מיין וועלט, תורה, ארץ ישראל און די אידן, און די זאגסט מיר איך זאל זיי טוישן מיט אן אנדערס פאלק?", עכ"ל. זעהסטו, אז אידן זענען שטענדיג א קנין פונעם רבוש"ע, אפילו אין די צייט וואס זיי האבן געזינדיגט, ווי אזוי מעג מען מזלזל זיין אין דעם אייבירשטענס קנין. אדרבה, עס איז א חוב אויף אונז צו מלמד זכות זיין אויף אידישע קינדער אפילו ווען זיי פירן זיך נישט ווי עס באדארף צו זיין, כמבואר אין די מדרש תנחומא[108] אויפן פסוק[109] "וְשָׁפְטוּ אֶת הָעָם מִשְׁפַּט צֶדֶק - זיי זאלן משפט'ן דאס פאלק מיט א גערעכטן משפט", זיי זאלן בייגן דאס פאלק צום כף הצדק. האט רבי יהודה בר שלום געזאגט, זיי זאלן מלמד זכות זיין אויף אידן פארן אייבירשטען, פון וועם לערנט מען דאס ארויס, פון גדעון בן יואש, וואס אין זיינע צייטען זענען די אידן געווען אין א צרה, האט דער אייבישטער געזוכט איינעם וואס וועט מלמד זכות זיין אויף די אידן אבער ער האט נישט געטראפן, ווייל דער דור איז געווען ארעם פון מצות און מעשים טובים, וויבאלד אבער דער גדעון האט געטראפן א זכות אויף אידן, האט זיך דער מלאך מגלה געווען צו אים, ווי דער פסוק זאגט[110], "וַיֵּרָא אֵלָיו מַלְאַךְ ה'... וַיֹּאמֶר, לֵךְ בְּכֹחֲךָ זֶה - ער האט אים געזאגט גיי מיט דיין כח", מיט דעם כח וואס די האסט מלמד געווען זכותים אויף מיינע קינדער, ווי דער פסוק זאגט וְשָׁפְטוּ אֶת הָעָם מִשְׁפַּט צֶדֶק, אז מען דארף טרעפן זכותים אויף אידן", עכ"ל המדרש. פון דעם קען מען נעמען א מוסר השכל, צו די וואס פלאפלען און בארעדן שלעכטס אויף אידן, אפילו אויף די ערגסטע גרועים פון אידן, איז אסור צו מלמד זיין א חובה, ח"ו, זיי זענען דעם אייבירשטענס דערוועלטע קינדער, בני אברהם יצחק ויעקב, זיי זענען איינגעווארצעלט און מושרש אין קדושה, ווי איך האב שוין פריער אראפגעברענגט פונעם זוהר הק', זאלסט דאס אפהיטן און גדענקען, נישט פארגעסן, זאלסט נישט פאלן אינעם נעץ פונעם שטן וואס וויל דיר צורעדן צו מקטרג זיין אויף אידן.

איר קענט אויך זעהן די גרויסקייט פון דעם ענין פון לימוד זכות אויף אידן, אפילו בשעת זיי זענען נישט ראוי, פון מדרש שיר השירים[111], "ר' סימון פתח" וכו', און ויקרא רבה[112], רש"י ספר שופטים[113], די גמרא פסחים[114], מדרש הנעלם[115], אוה"ח הק'[116], רש"י ורד"ק[117], שבת[118], תנא דבי אליהו[119], רמב"ם הל' דעות[120], אין ספר "דבש לפי"[121]. קוק נאך די אלע מראה מקומות וועסטו זעהן ווי ווייט דערגרייכט דאס ענין פון טרעפן לימודי זכותים אויף אידן בשעת זיי זענען אין א צרה, און דער חוב צו ליב האבן אפילו דעם ערגסטען איד מיט אהבת נפש, מיט דעם זכות זאל מען פועל'ן אז דער אייבישטער זאל זיך אויף זיי מרחם זיין און זיי באפרייען פון די צרות, דאס האט מכוון געווען דער בעלזער רב מיט די ווערטער וואס ער האט געזאגט, **"דער עיקר איז, דאס אידען זאלן זיך ליב האבן איינער דעם אנדערן, אין דעם זכות וועט דער אייבישטער העלפן"**.

לכאורה די ווערטער פון רבינו הק' מבעלז, וואס האט גענטפערט בפשיטות "אז משיח וועט קומען וועלן אידן תשובה טוהן", פון דעם איז משמע אז משיח וועט קומען נאך פאר די אידן וועלן תשובה טוהן, דארף מען דאס פארשטיין. פונעם רמב"ם אין הל' תשובה[122] איז משמע אז עס ווענדט זיך יא אין תשובה, ווי ער שרייבט "אין ישראל נגאלין אלא בתשובה, די אידן וועלן נישט אויסגעלייזט ווערן נאר מיט תשובה, די תורה האט שוין מבטיח געווען אז אידן וועלן תשובה טוהן ביים סוף פון גלות און גלייך וועלן זיי ווערן אויסגעלייזט". אבער לכאורה די ווערטער פונעם רמב"ם אליין זענען שווער צו פארשטיין, ווייל די גמרא אין סנהדרין[123] ווי אויך אין ירושלמי[124], ביי די מחלוקה פון רבי אליעזר און רבי יהושע, צו די אידן וועלן ווערן אויסגעלייזט אן תשובה, איז מבואר אז רבי אליעזר איז מודה צו רבי יהושע אז אפילו אן תשובה וועט מען ווערן אויסגעלייזט.

המשך בגליון הבא אי"ה

[107] ילקוט שמעוני רמז תקטו, עי' פסחים פז
[108] פר' שופטים, אות ד
[109] דברים טז, יח
[110] שופטים ו, יב-יד
[111] פסוק ו, אות א
[112] ויקרא רבה י, אות ב-ג
[113] פרק ו, יד
[114] פז, ע"א וע"ב
[115] זוהר חדש, פר' נח
[116] פר' חוקת, במדבר כ, א
[117] מלכים א יט, טז
[118] דף קיז (צ"ע)
[119] פרק טז, אות ו-ח
[120] פרק ו, הלכה ג-ה
[121] מערכת ת, אות יז, מערכת כ, אות יח
[122] פרק ז' הלכה ה
[123] דף צז, ע"ב
[124] תענית, פרק א, הלכה א

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### שכונת בתי מחסה

רובע היהודי, עיר העתיקה ירושלים

בתי מחסה איז א געגנט אין אלט-שטאט ירושלים וואס איז געבויט געווארן צווישן די יארן תר"כ-תר"נ (1860-90) דורך כולל הו"ד, א וועד פון אידן פון האלאנד און דייטשלאנד. געבויט האט מען דאס צו געבן די מעגליכקייט פאר ארימע משפחות צו קענען וואוינען פאר פריי אן-אפצאל פאר א משך פון דריי יאר, אדער פאר א גאר קליינעם חודש'ליכן סכום.

הגאון ר' עזריאל הילדסהיימער זצ"ל האט דאן געפירט דעם כולל, און זעהנדיג דעם שווערן מצב פון אידן אין ירושלים, אסאך פון זיי וואס האבן זיך ממש געטראפן היימלאז, האט ער אויפגעבויט הונדערט דירות כדי צו לעזן דעם פראבלעם. די דירות האט מען צוטיילט אין דריי חלקים, איין דריטל פאר יוצאי הו"ד, איין דריטל פאר יוצאי אונגארן און די איבעריגע פאר ארימע אידן פון אנדערע לענדער. אינעם הויף איז אויך אויסגעגראבן געווארן וואסער קוועלער פאר די איינוואוינער.

אין אלול תרמ"ה (1881) איז פארגעקומען א חנוכת הבית פון די שוהל "בית מאיר ואהל יצחק", וואס האט געדינט די יוצאי דייטשלאנד, עס איז געבויט געווארן דורך הרב מאיר פרנקל אייזמן ז"ל, רב פון וויצנהאוזן, דייטשלאנד. עס האבן זיך באטייליגט אין די מסיבה גדולי ירושלים, בראשם רבי שמואל סאלאנט זצ"ל און דער ראשון לציון חכם-באשי רבי רפאל מאיר פאניז'ל זצ"ל. יעדן נאכט נאך מעריב פלעגן די קינדער פון אלט-שטאט זיך צוזאמקומען אין דעם שוהל צו לערנען. ווי אויך די אידן וואס האבן געדאווענט שחרית ביים כותל, פלעגן דא קומען הערן קריאת התורה, צוליב וואס די טערקן האבן נישט ערלויבט צו ליינען קריאת התורה ביים כותל.

אין דעם הויף פון בתי מחסה איז געווען די לעצטע חצר פאר די שטאט איז געפאלן אין די הענט פון די ירדנ'ער מיליטער ביי די מלחמת השחרור אין תש"ח. פון דא האבן זיי גענומען די מענער אין געפענגעניש, און ארויסגעשיקט די איבעריגע אידן פון שטאט. די געפאלענע לוחמים פון שטאט זענען באגראבן געווארן לעבן דעם חצר, און מען האט זיי שפעטער בשנת תשכ"ז מפנה געווען פון דארט און באערדיגט אין הר הזיתים. די אראבער האבן דאן גענצליך חרוב געמאכט דעם "בית מאיר" שוהל.

ביים הויף שטייט א הערליכן בנין, "בית ראטשילד" וואס איז לכתחילה געבויט געווארן פאר דירות דורך בארון ראטשילד פון פראנקפורט. היינט צוטאגס איז דא דארט די תלמוד תורה און ישיבה "אדרת אליהו" פון די באקאנטע "זילברמן" שיטה.



בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 18

פר' נצבים-וילך

כ"ג אלול תש"פ

September 12, 2020

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### כשהשכינה חזרה לארץ ישראל

ושב וקבצך מכל העמים אשר הפיצך ה' אלוקיך שמה, זהו הענין חבלו של משיח שיהיה סמוך לגאולה עד שרבים מחכמי ישראל אמרו יתי ולא אחמיני', והטעם כי השכינה עמנו בגלות אם על הבנים רטושה לשמרנו, ולעת הגאולה לא ישוב השכינה אתנו בפעם אחת, רק השכינה ישוב מקדם לא"י ואח"כ נשוב אנחנו לשם כי צריך הרבה דברים קודם לקיבוץ גליות, ואי אפשר אם לא השכינה במקומו, וא"כ כשאנו בגולה וה' אין בקרבנו יהיה עלינו צרות מצוקות כי אין כאן מגין וזהו מאמר הקרא ושב, כי מתחילה ישוב ה' לא"י ואח"כ וקבצך ולא יהיה בפעם א'.

(תפארת יהונתן לר' יהונתן איבשיץ, פר' נצבים)

### לדבקה בו... לשבת על האדמה

ואמרו לָשֶׁבֶת עַל וגו', כאלו אמר ולשבת וגו', ודבר זה גם כן הוא מהשגת השלימות, כי ישיבת הארץ היא מצוה כוללת כל התורה, צא ולמד ממאמרם ז"ל (כתובות קיא.) שכל ההולך בה ד' אמות יש לו חלק לעולם הבא שכולו חיים.

(אוה"ח הק', פר' נצבים)

### כל המצות עולין לשם

כי המצוה הזאת... הנה קדושת המצוה הוא מקיף עליו ומסייעו לעשות עוד מצות כמ"ש חכז"ל (אבות ד, ב) מצוה גוררת מצוה... וז"ש (בראשית יד, ה) ויקח אבר' את שרי אשתו וגו' ואת כל רכושם אשר רכשו ואת הנפש אשר עשו בחרן ויצאו ללכת ארצה כנען ויבאו ארצה כנען. הנה הפי' רכוש הוא המצות אשר רכשו וכן הנפש אשר עשו מכח קדושת המצות עד היום, כי כן כתיב צדק לפניו יהלך. לכך כל המצות הלכו עמהם ויצאו ללכת ארצה כנען, כי הכל מעלין לארץ ישראל, כל המצות עולין לשם...

(תפארת שלמה, פר' נצבים)

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**

הרה"ח **הרוצה בעילום שמו** הי"ו

לזכות הבה"ח **דוד יהודה** בן **גיטל רחל** הי"ו

לרגל נישואיו בשעטו"מ, ויזכה לבנות בית נאמן בישראל



עוף מים פלמינגו, גן חיות התנכ"י בירושלים    Credit @ruchyl_photography

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד

ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר

מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק ראשון

**הצרות וחבלי משיח - "קול דודי דופק"** - המשך...

זעה אין ילקוט[125], "רבי יהודה זאגט, אויב אידן טוען נישט תשובה ווערן זיי נישט אויסגעלייזט, און זיי טוען נישט תשובה נאר דורך צער און פלאגעניש, און פון נישט האבן געגוג שפייז, נאר נאך אליהו וועט קומען וועלן זיי תשובה טוהן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[126]," הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא - אט וועל איך אייך שיקן אליהו הנביא", דערנאך שטייט "וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים - און איך וועל צוריקקערן די הארץ פון די עלטערן דורך די קינדער", עכ"ל. זעהן מיר אז עס דארף קודם זיין צווי זאכן, איינס איז די שווערע צרות, און דערנאך דאס קומען פון אליהו הנביא, און ער וועט שוין מעורר זיין זייער הארץ צו תשובה. אבער אן די צרות, וועט אפילו אליהו זיי נישט קענען וועקן צו תשובה. אויף דעם יסוד איז געזאגט געווארן די ווערטער פונעם רמב"ם, אז מען וועט נישט אויסגעלייזט ווערן אן תשובה. אבער די מיטל צוצוקומען צו דעם איז דורך די צווי סיבות, צרות און אליהו הנביא, דערנאך וועט זיין תשובה, און דאן וועט מען ווערן אויסגעלייזט. אבער אליהו וועט קומען נאך איידער זיי וועלן תשובה טוהן, און ער וועט זיי מחזיר זיין למוטב. דאס איז אויך געווען די כוונה פון בעלזער רב הנ"ל, ווען ער האט געזאגט "אז משיח וועט קומען..." דאס מיינט משיח און דער וואס קומט מיט אים, דאס איז אליהו כידוע. אויך זעה דעם אוה"ח הק' אינעם פסוק[127] "בַּצַּר לְךָ - ווען עס וועט דיר ענג זיין, וּמְצָאוּךָ כֹּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה - און עס וועט דיר אנטרעפן די אלע שטראף רייד, בְּאַחֲרִית הַיָּמִים - ביי די סוף פון דעם גלות, וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ - די וועסט זיך צוריק קערן צו דיין באשעפער, וְשָׁמַעְתָּ בְּקֹלוֹ - און די וועסט צוהערן צו זיין קול. כִּי אֵ-ל רַחוּם ה' אֱלֹקֶיךָ - ווייל דיין באשעפער איז איין דערבארעמדיגער ג-ט". שרייבט דארט דער אוה"ח הק', "דער פסוק רעדט איבער דעם צוזאג פון דעם ענדגילטיגן גאולה, ווען דאס ענגשאפט פאר עם ישראל, גייט ארויף אויף דעם זמן הגלות, (די חבלי משיח, וואס די אלע שווערע צרות וועט זיין באחרית הימים), זאגט זיי די תורה צו, אז דער אייבישטער וועט מעורר זיין זייערע הערצער צו תשובה טוהן, דאס מיינט די ווערטער וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ, און געט אונז א טעם פאר דעם צוזאג, כִּי אֵ-ל רַחוּם ה' אֱלֹקֶיךָ לֹא יַרְפְּךָ, ער וועט דיר נישט אפלאזן און וועט מחזק זיין דיין הארץ צו תשובה. קען זיין אז דאס איז די טענה פון מלאך מיכאל וואס ווערט געברענגט אין זוה"ק[128], אז ווען עס קומט אן די אחרית הימים און עס טרעפט אן די אידן די אלע שווערע צייטן, פארוואס טוט דער אייבישטער נישט מעורר זיין זייערע הערצער צו תשובה. איך האב שוין מפרש געווען דעם מאמר אויף אן אנדערע פלאץ. אונזערע אויגן טוען אויסקוקן צום באשעפער, צו עפענען דעם אוצר פון א רוח טהרה, צו עפענען די בלינדע אויגן, און בייגן די הערצער צום אייבירשטען, צו מכיר זיין און דערקענען די זיסקייט און נעימות פון זיין פריינדשאפט", עכ"ל הקדוש. זעהן מיר אז די תורה האט אונז צוגעזאגט אז נאכדעם וואס עס וועט קומען די אלע צרות אויף די אידן, וועט זייער הארץ נתעורר ווערן צו טוהן תשובה און דערנאך וועט זיין די גאולה. מיר זעהט אויס אז דאס התעוררות וועט זיין דורך אליהו הנביא, כמבוא אינעם מדרש ילקוט הנ"ל.

פרעגט זיך אבער נאך אלס די שאלה, אז אין אונזער דור ווען עס האט אונז באמת פאסירט די אלע שווערע זאכן מיט גאר א ברייטן מאס, און אונז זענען באחרית הימים, ביים סוף פון די זעקס טויזענט יאר, און פון דעסט וועגן זעהן מיר נאכאלס נישט קיין רוח טהרה וואס דער אייבישטער זאל אויף אונז ווייזן, אויך זעהן מיר נישט דאס קומען פון אליהו הנביא וואס זאל מעורר זיין אונזערע הערצער צו תשובה, אפילו וואס מיר זענען שוין אלע גרייט דערויף דורך די אלע צרות וואס גייט אויף אונז פאראיבער די לעצטערע צייט, עס איז שוין צולאזט געווארן איעדע אידישע הארץ.

נאר דער תירוץ צו דעם איז, דאס וואס מיר זעהן אין די תוה"ק אין פרשת נצבים[129], "וֶהֱבִיאֲךָ ה' אֱלֹקֶיךָ - דער אייבישטער וועט דיר אריינברענגן, אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר יָרְשׁוּ אֲבֹתֶיךָ - צו דעם לאנד וואס דיינע עלטערן האבן גע'ירש'נט, וִירִשְׁתָּהּ - און די וועסט איר ירש'נן, וכו'. וּמָל ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת לְבָבְךָ - דער אייבישטער וועט פארשניידן דיין הארץ, וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ - און די הארץ פון דיינע קינדער, לְאַהֲבָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ - צו ליב האבן דיין באשעפער, בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ - מיט דיין גאנצן הארץ און גאנצען זעהל, לְמַעַן חַיֶּיךָ - פאר דיין לעבנס וועגן", זעה וואס דער אוה"ח הק' שרייבט אויף דעם פסוק, אז נאך וואס דער אייבישטער האט פארשניטן זיין הארץ צו ליב האבן דעם אייבירשטען מיט'ן גאנצן הארץ און נפש, איז נישטא קיין גרעסערע תשובה פון דעם. דא זעהן מיר אז די תורה האט אנגעוואנדען דאס תשובה טוהן אין אונזער אריינקומען קיין ארץ ישראל קודם, אז אונז זאלען אנהאלטען אין דאס ארבטייל פון אונזערע עלטערן, און דעמאלטס וועט זיין אז דער אייבישטער וועט אויף אונז שיינען מיט א רוח טהרה פון הימל צו צובייגן אונזערע הערצער צו אים. אויב אזוי, ווילאנג מיר געפינען זיך אין א פרעמד לאנד, בארץ נכריה, האלט זיך צוריק די רוח טהרה פון צו קומען אויף אונז, על כן איז עס א ריכטיגע חוב קדוש פאר אונז אלע, זיך צו שטארקן צו קומען לארצינו הקדושה, דורך די סיבות וואס דער רבונו של עולם האט ארומגעדרייט און צוגעשטעלט דורך זיינע שליחים אונז ארויף צוברענגען קיין ארץ ישראל. דאס מיינט דער פסוק מיט דעם " וֶהֱבִיאֲךָ וכו'", דעמאלטס וועט דער אייבישטער מקיים זיין דעם צוזאג אונז צו שיקן פון אויבן א רוח טהרה צו פארשניידן אונזערע הערצער, אונז צוריקצוקערן צו אים בכל לבבינו ובכל נפשינו. אבער ווי לאנג מיר געפינען זיך בארץ העמים, איז נישטא קיין עפענונג פאר די הבטחה, ווייל די טומאה פון די ארץ העמים שוועבט איבער אונז, ווי די גמרא פסק'נט אין מועד קטן[130], די שכינה רוהט נישט אין חוץ לארץ, דאס זעלבע איז מיט דעם רוח טהרה וואס קען נישט קומען אויף אונז. דאס איז אמת און קלאר. מיר זעהט אויס אז דאס איז געווען די כוונה פונעם רמב"ם אין הל' תשובה הנ"ל, אז אין ישראל נגאלין בלא בתשובה, אז אידן וועלן נישט אויסגעלייזט ווערן אן תשובה, ווי די תורה האט שוין מבטיח געווען אז די סוף וועט זיין אז אידן וועלן אלע תשובה טוהן, און זיי וועלן דאן ווערן אויסגעלייזט. ווי דער רמב"ם שרייבט אויפן ערשטען פרק אין סנהדרין[131], אז פאר ביאת המשיח וועט דער אייבישטער

המשך בדף ב'

[125] ילקו"ש ח"ב רמז תקצה

[126] מלאכי ג, כג-כד

[127] דברים ד, ל

[128] זוהר החדש, דברים ד, ל

[129] דברים ל ה

[130] כה ע"א, עי' זוה"ק ח"א דף קמא

[131] משנה ג

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## תשובה שלמה רק בא"י

והיה כי יבאו עליך כל הדברים האלה... והשבת אל לבבך בכל הגוים אשר הדיחך ה' אלקיך שמה (דברים ל, א), ולקמן כתיב ואתה תשוב ושמעת בקול ה' ועשית את כל מצותיו אשר אנכי מצוך היום (שם, ח)... וכעת נראה לומר, **כי בחו"ל אי אפשר לשוב בתשובה גמורה**, כי הרבה מצות שתלוים בארץ, ואינם רק במחשבה ובלב לקיים כשנזכה לכנוס לארץ. והיינו, והשבת אל לבבך בכל הגוים אשר הדיחך ה"א שמה וכו', בצר לך ומצאוך כל הדברים האלה באחרית הימים ושבת עד ה' אלקיך ושמעת בקולו (דברים ד, ל), היינו שימה אל הלב, ומסיים בכל לבבך ולא במעשה, וה' היודע מחשבות מקבל התשובה בלב בלי מעשה. ושב שבותך, וכשנהיה בארץ אז ואתה תשוב תשובה שלימה ועשית את כל מצותיו במעשה ובפועל, כנ"ל נכון.

(כתב סופר, האזינו לב, מג)

## יראת ה'

סתם חוצה לארץ אין חכמה ויראת חטא מצויין בה לישראל, לרוב הצרות ועול הגליות שסובלים שם, אלא אם כן על ידי עמל גדול, וצער גלגול סבל הצרות וההתיאש מהם לעבודת השם, לשרידים אשר ה' קורא. וסתם ארץ ישראל חכמה ויראת חטא מצויין בה, עד שמתוכם משיגים כבוד בוראם, וזוכים ליהנות מזיו השכינה, ועל זו אמרו (כתובות קי"א:) אפילו שפחה שבארץ ישראל מובטחת לה שהיא בת עולם הבא, ועל דרך מה שייעד הנביא באמרו (יואל ג, ב) וגם על העבדים ועל השפחות בימים ההמה אשפוך את רוחי.

(בית הבחיר למאירי, כתובות קי"א ע"א)

## דירה בארץ ישראל

לעולם ידור אדם בארץ ישראל אפילו בעיר שרובה עכו"ם ואל ידור בחוצה לארץ ואפילו בעיר שרובה ישראל שכל היוצא לחוצה לארץ כאילו עובד ע"ז שנאמר כי גרשוני היום מהסתפח בנחלת ה' לאמר לך עבוד אלהים אחרים ובפורעניות הוא אומר ואל אדמת ישראל לא יבאו כשם שאסור לצאת מהארץ לחוצה לארץ כך אסור לצאת מבבל לשאר הארצות שנאמר בבלה יובאו ושמה יהיו.

(רמב"ם פ"ה הלכות מלכים הלכה י"ב)

## ישוב ארץ ישראל

"דעתנו היא, שבזמן כזה, כאשר יש אפשרות לכל יהודי לעלות לארץ ישראל, ויש פה ברוך השם קיבוץ גדול של שלומי אמוני ישראל, ועל אף כל המגרעות יכול כל איש לעבוד כאן את ה' כרצונו וכדרכו, מחויב כל יהודי באשר הוא לקיים מצות ישוב ארץ ישראל בגופו ולעלות הנה - כה נכין את עצמנו בהכנה דרבה לדורו של משיח!"

(אדמו"ר מצאנז קלויזנבורג זצוק"ל, כ"א באדר תשט"ז במעמד הנחת אבן הפינה לקרית צאנז בנתניה)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

צושטעלן די אידישע הערצער, און וועט אין זיי ארייננגעבן א רוח טהרה, און זיי וועלן סומך זיין די זקנים, עיי"ש. דאס איז די בחינה פון 'מילת הלב' וואס עס איז נישטא קיין גרעסערע תשובה פון דעם. כדברי האוה"ח הק הנ"ל. דאס וועט אלעס זיין אין ארץ ישראל, כדברי הרמב"ם אין מס' סנהדרין, און ווי דער חת"ס שרייבט אין זיינע דרשות[132], פון די ווערטער פונעם רמב"ם איז משמע אז נאך פאר ביאת המשיח וועלן זיך אידן פארזאמלען אין ארץ ישראל אן א בית המקדש, און דערנאך וועט משיח קומען וויבאלד זיי האבן שוין תשובה געטוהן. אבער דאס אלעס וועלן זיי זוכה זיין דווקא אויב די אידן וועלן זיך קודם איינזאמלען אין ארץ ישראל, מיט דעם שטומט גוט די ווערטער פונעם רמב"ם. עכ"פ איז משמע פון די אלע, אז עס איז חוב קדוש אויף אונז אלע זיך צוריקצוקערן צו אונזער לאנד, דעמאלטס וועלן מיר דערגרייכן בעזר ה' די אלע גרויסע הבטחות וואס אונזערע הייליגע נביאים האבן אונז פאראויס געזאגט.

אויך וועסטו זעהן אז דאס וואס איך האב געשריבן אז דער אייבישטער וועט שיינען א רוח טהרה אויף אונז דווקא ווען מיר וועלן זיך צוריקקערן און מיר וועלן זיך שוין געפינען אין ארץ ישראל, און נישט צווישן די פעלקער, געפינען מיר אין די ווערטער פון די נביא יחזקאל[133], ווי ער זאגט "וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם מִן הַגּוֹיִם - איך וועל אייך ארויסנעמען פון די פעלקער, וְקִבַּצְתִּי אֶתְכֶם מִכָּל הָאֲרָצוֹת - איך וועל אייך צוזאמנעמען פון די אלע לענדער, וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל אַדְמַתְכֶם - און איך וועל אייך צוריקברענגען צו אייער ערד. וְזָרַקְתִּי עֲלֵיכֶם מַיִם טְהוֹרִים - איך וועל אויף אייך שפריצן די ריינע וואסער, וּטְהַרְתֶּם מִכֹּל טֻמְאוֹתֵיכֶם - און איר וועט טהור ווערן פון אלע אייערע טמאות, וכו'. וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב חָדָשׁ - איך וועל אייך געבן א נייע הארץ, וְרוּחַ חֲדָשָׁה אֶתֵּן בְּקִרְבְּכֶם - און א נייע גייסט וועל איך ארייננגעבן אין אייך, וַהֲסִרֹתִי אֶת לֵב הָאֶבֶן מִבְּשַׂרְכֶם - און איך וועל אפטוהן דאס שטיינערנע הארץ פון אייער לייב, וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב בָּשָׂר - און איך וועל אייך געבן א הארץ פון פלייש. וְאֶת רוּחִי אֶתֵּן בְּקִרְבְּכֶם - מיין גייסט וועל איך אייך ארייננגעבן, וְעָשִׂיתִי - און איך וועל אזוי טוהן, אֵת אֲשֶׁר בְּחֻקַּי תֵּלֵכוּ - אז אין מיינע געזעצן וועט איר גיין, וּמִשְׁפָּטַי תִּשְׁמְרוּ - און מיינע משפטים וועט איר אפהיטן, וַעֲשִׂיתֶם - און איר וועט זיי טוהן. וִישַׁבְתֶּם בָּאָרֶץ - איר וועט זיצן אין דאס לאנד, אֲשֶׁר נָתַתִּי לַאֲבֹתֵיכֶם - וואס איך האב געגעבן פאר אייערע עלטערן, וִהְיִיתֶם לִי לְעָם - און איר וועט זיין צו מיר פאר א פאלק, וְאָנֹכִי אֶהְיֶה לָכֶם לֵאלֹקִים - און איך וועל זיין צו אייך פאר א ג-ט", עכ"ל. זעהן מיר בפירוש אינעם פסוק, אז נאר נאך דעם וואס מיר וועלן זיך צוריקקערן צו אונזער לאנד, דעמאלטס וועלן מיר זוכה זיין אז דער אייבישטער וועט אונז העלפן תשובה טוהן, אים ליב צו האבן און צו דינען מיט אונזער גאנצן הארץ און זעהל. זעה די דרשות פון רבינו החת"ס אויף פר' פרה[134], די גאנצע פרשה אין יחזקאל רעדט פון פאר די גאולה שלימה, ווען מיר זענען נאך אין גלות, ואעפ"כ וועט דער אייבישטער רחמנות האבן אויף אונז נאך די שווערע צרות וואס וועט פאראיבער גיין אויף אונז, אונז צוריק צוברענגען צו אונזער לאנד. דעמאלטס וועט דער אייבישטער שיינען אויף אונז א רוח טהרה, און אונז געבן א נייע הארץ צו היטן זיינע חוקים און משפטים. איך וועל אראפברענגען די ווערטער פון רבינו דארט, אויף דעם פסוק אין יחזקאל[135], "וְאָמְרוּ - און די רייזענדע וועלן זאגן, הָאָרֶץ הַלֵּזוּ הַנְּשַׁמָּה - די דאזיגע פארוואוסטע לאנד, הָיְתָה כְּגַן עֵדֶן- איז געווארן ווי א גן עדן, וְהֶעָרִים הֶחֳרֵבוֹת וְהַנְשַׁמּוֹת וְהַנֶּהֱרָסוֹת - און די חרוב'ע פארוואוסטע און צובראכענע שטעט, בְּצוּרוֹת יָשָׁבוּ - זענען היינט באוואוינט מיט פעסטונגען. וְיָדְעוּ הַגּוֹיִם אֲשֶׁר יִשָּׁאֲרוּ סְבִיבוֹתֵיכֶם - און די פעלקער וואס זענען געבליבן ארום אייך וועלן וויסן, כִּי אֲנִי ה' בָּנִיתִי הַנֶּהֱרָסוֹת - אז איך ג-ט האב פארבויט די צובראכענע, נָטַעְתִּי הַנְּשַׁמָּה - איך האב פארפלאנצט די פארוואוסטע, אֲנִי ה' דִּבַּרְתִּי וְעָשִׂיתִי - איך ג-ט האב עס גערעדט און געטוהן." שרייבט ער אויף דעם, אז דאס לאנד איז ווי גן עדן וואס דאס איז דער גרעסטער תענוג, פונדעסטוועגן קען קיין מענטש נישט זוכה זיין צו דעם נאר דורך יסורים (ווי דער גמרא זאגט[136], ארץ ישראל איז נקנה דוקא דורך יסורים) אזוי אויך יעצט, נאך וואס מיר האבן געליטן די אלע שווערע צרות, וועט אונז דער אייבישטער העלפן, אויב וועט די גאולה שלימה אזוי זיין, וועט דאס נישט זיין אזא שטארקע חידוש, אבער דער אייבישטער איז מיט אונז בתוך הגולה און דאך וועט ער דערהייבן דאס שטאלץ פון זיין פאלק. דאס איז א וואונדערליכע השגחה פונעם אייבירשטען לטובה. דאס מיינט הָאָרֶץ הַלֵּזוּ הַנְּשַׁמָּה הָיְתָה כְּגַן עֵדֶן, נאכן ליידן די אלע צרות האט דער אייבישטער געהאלפן, און מען זיצט אין די שטעט, בשעת הגאולה וועט זיין ווי עס שטייט[137] פְּרָזוֹת תֵּשֵׁב יְרוּשָׁלַםִ - צושפרייט אן א חומה וועט מען וואוינען אין ירושלים, אפילו למעשה איז מען נאך אין גלות, פון דעסטוועגן איז עס אזוי ווי א גן עדן.

המשך בגליון הבא אי"ה

[132] דרשה לכ"ז אלול תק"פ
[133] יחזקאל לו כד-כח
[134] שנת תקס"ח
[135] יחזקאל לו, לה-לו
[136] ברכות ה, ע"א
[137] זכריה ב, ח

לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## שכונת בתי מונקאטש

נחלאות, ירושלים

תלמידים פונעם מונקאטשער רב, דער בעל דרכי תשובה זצ"ל וואס זענען ארויף געקומען וואוינען אין ארץ ישראל, האבן געגרינדעט א כולל מונקאטש בנשיאות רבם זצ"ל. שפעטער ווען דער מנחת אלעזר זצ"ל האט איבערגענומען דאס רבנות בשנת תרע"ד (1913), האט ער געשיקט אין יאר תרע"ה (1914) א משלחת פון חסידים קיין ירושלים צו קויפן א שטיקל לאנד און בויען דערויף די שכונת בתי מונקאטש פאר די אנשי הכולל.

די ערשטע וועלט קריג האט אויסגעבראכן און צושטערט דאס בויען, ערשט אין יאר תר"ץ (1930) ווען דער מנחת אלעזר איז געקומען באזוכען אין ארץ ישראל, דעם גרויסן מקובל, דער סבא קדישא רבי שלמה אליעזר אלפנדרי זצ"ל, האט מען אנגעהויבן מיט די בויען. מונקאטשער רב האט אונטערגעשריבן אויף דעם ספר התקנות פון די שכונה, צווישן אנדערע איז דארט געווען אויסגענומען אז די איינוואוינער מוזן שיקן די קינדער אין א חרדי'שע תלמוד תורה, ווי אויך אז מען מוז לאזן וואקסן בארד און פיאות, און נאך תקנות לגבי דעם דארטיגן מונקאטשער בית המדרש.

דעם באזוך פונעם מנחת אלעזר האט איבערגעלאזט א שטארקן איינדרוק אויף די אידן אין ארץ ישראל, ער האט אין א משך פון צוויי וואכן באזוכט פילע שטעט און מקומות הקדושים.

למעשה האט מען געבויט דריי בנינים וואס שטייט נאך ביז'ן היינטיגן טאג, קלענער פון די אריגינעלע פלענער. אין די שכונה אויף רחוב הנצי"ב שטייט דאס ביהמ"ד "תפארת צבי" אויפן נאמען פונעם בעל דרכי תשובה, הגה"ק רבי צבי הירש שפירא זי"ע.

היינט צוטאגס איז דא א כולל וביהמ"ד "תפארת צבי" מונקאטש אויף רחוב יואל אין מאה שערים און ווערט געפירט דורך כ"ק אדמו"ר ממונקאטש שליט"א.



איינע פון די דריי בנינים פון "בתי מונקאטש"



בית המדרש "תפארת צבי" אין נחלאות

בעזהשי"ת

# בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

גליון מס'
19
ראש השנה
א' תשרי תשפ"א
September 19, 2020

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

# בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

## הכנעת הקליפה ע"י ארץ הקדושה

...כי ידעתי את יצרו אשר הוא עושה היום בטרם אביאנו אל הארץ, רצה לומר כי עושה מצות ה' אפילו במדבר ארץ נחש שרף ועקרב בחינות קליפות והתגברות היצר הרע ואעפ"כ הלך אחרי במדבר, ומכל שכן כשאביאנו אל ארץ הקדושה אשר שם הכנעת הקליפה והיצר הרע, בוודאי יעשו תשובה שלמה...

(בת עין, דרוש לערב ר"ה)

## ראש השנה וארץ ישראל

וזה בחינת ראש השנה. כי כל עבודתנו בימים הקדושים הללו בראש השנה ועשרת ימי תשובה וערב יום הכפורים ויום הכפורים וסכות וארבעה מינים עד שמיני עצרת, הכל הוא כדי לגלות קדשת ארץ ישראל כדי שנזכה לבא לארץ ישראל. שזה עקר קדשת איש הישראלי כמו שאמר רבנו זכרונו לברכה. בעת שהגיד לעמו התורה הנוראה הנ"ל. שאמר אז בזה הלשון: מי שרוצה להיות איש ישראלי, דהינו שילך מדרגא לדרגא אי אפשר כי אם על ידי ארץ ישראל. גם אמר שהעקר כשזוכה אדם לנצח המלחמה לבוא לארץ ישראל כמו שכתוב שם בסוף התורה הנ"ל. וזה לשונו: באלין אשתכח גבר תקיף, הינו כשבא לבחינת ארץ ישראל אזי נקרא גבר תקיף כי קדם שבא לבחינת ארץ ישראל אזי אל יתהלל חוגר כמפתח. אבל אחר כך כשנוצח אז נקרא איש מלחמה, עד כאן לשונו: נמצא שעקר קדשת איש הישראלי ועקר נצחון המלחמה שצריכין לנצח בזה העולם העקר הוא לבוא לארץ ישראל. וזה בחינת עבודתנו בימים הנוראים הקדושים הללו מראש השנה עד שמיני עצרת, כי קדשת ארץ ישראל מתגלה בראש השנה, כמו שכתוב בשבח ארץ ישראל: תמיד עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה עד אחרית שנה שמשם עקר קדשת ארץ ישראל.

(לקוטי הלכות אורח חיים הלכות סעודה ד')

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הרה"ח **הרוצה בעילום שמו** הי"ו
לעילוי נשמת התנא אלקי
**רבי שמעון** בר **יוחאי** זצוק"ל
זכותו הגדול יגן בעדו ובעד משפחתו ברוחניות ובגשמיות



חוף פלמחים
Credit @ruchyl_photography

# אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

## פרק ראשון

**הצרות וחבלי משיח - "קול דודי דופק"** - המשך...

פון דעם קענען מיר פארשטיין און וויסן אז השי"ת איז דער וואס העלפט ארויס די אידן פון אלע צרות, דער וואס נעמט אוועק יגון ואנחה, און צו דערפרייען לטובה צובראכענע מענטשען, עכ"ד הק' פון דעם הייליגן חתם סופר. זעהן מיר אז ער האט געזאגט אז די דברי הנביאים רעדט פון נאך פאר די גאולה, ווען דער אייבישטער וועט אונז ברענגען קיין ארץ ישראל מיט זיין וואונדערליכע השגחה דורך זיינע שלוחים און סיבות וואס וועט מיט אונז פאסירן נאך די שווערע צרות, און עס וועט ווערן פון ארץ ישראל א גן עדן, און ווען מיר וועלן זיך דארט געפונען וועט דער אייבישטער אונז באווייזען א רוח טהרה אז מיר זאלן תשובה טוהן און אים דינען בלב שלום, איז ריכטיג וואס איך האב געשריבן אז דאס עצם זיצן צווישן די פעלקער בארץ העמים איז אויף אונז מעקב און טוט צוריקהאלטען פון מקבל זיין דעם רוח טהרה.

זייער ענליכס האב איך דערנאך געזעהן אין אוה"ח הק'[138], אז נאך די שווערע צרות וועט דער אייבישטער אונז ברענגען קיין ארץ הקדושה, וז"ל אויפן פסוק[139], "וּפָשַׁט אֶת בְּגָדָיו - דער כהן זאל אויסטוהן זיינע קליידער, וְלָבַשׁ בְּגָדִים אֲחֵרִים - און ער זאל אנטוהן אנדערע קליידער, וְהוֹצִיא וכו' - און ארויסטראגן די אש, אֶל מָקוֹם טָהוֹר - צו א ריינעם ארט", זאגט ער אז די ערשטע קליידער איז כדי צו שטראפן די וואס האבן אונז שלעכטס געטוהן, און די פרישע קליידער זענען א בחינה פון להטיב, אונז ארויסצונעמן פון גלות און אונז גוטס טוהן, ווייל מען וועט נישט צוריקהאלטן דעם קיבוץ גליות ביז עס וועט זיך ענדיגן דאס רשעות, נאר תיכף ומיד וועט מען צוזאמנעמען די פארשפרייטע, מען וועט אונז ארויסנעמן פון צווישן די שלעכטע מענטשען און אונז ברענגן צו א מקום טהור וואס דאס איז ארץ ישראל הטהורה, ווייל ארץ העמים איז טמא, איר שטויב און אפילו איר לופט איז טמא, עס איז נישטא קיין אנדערע פלאץ וואס ווערט אנגערופען א מקום טהור נאר ארץ הקדושה". עכ"ל הקדוש. וויבאלד דו זעהסט אז דער אייבישטער וועט אונז ארויסנעמען פון די הענט פון די רשעים נאך פאר ער וועט זיי פארטיליגן, זעהן מיר אז מען רעדט דא נאך פון פאר די גאולה שלימה. ווייל ווען משיח וועט שוין דא זיין וועט מער נישט זיין קיין שלעכטס כידוע[140]. עכ"פ, זעהן מיר אז דער חת"ס און דער אוה"ח הק' האבן געזאגט דאס זעלבע געדאנק, עס איז פשוט אז זיי רעדן פון אונזער דור, זה אמת וברור.

אגב, שטייט דארט אויך אינעם אוה"ח הק' אויפן פסוק[141] "וְהֵרִים אֶת הַדֶּשֶׁן - און ער זאל אויפהייבן די אש", דאס גייט ארויף אויף דאס שלעכטס, די יסורים און פיינונגען וואס מען טוט מיט אונז אין דעם דאזיגן גלות, וואס איז ערגער ווי גלות מצרים, וויבאלד אין גלות מצרים האט מען זיי טאקע געמאכט שווער ארבעטן אבער מען האט זיי געגעבן עסן און קליידונג, זעה וואס חז"ל זאגן אויף דעם פסוק[142] "זָכַרְנוּ אֶת הַדָּגָה וכו' - מיר געדענקן די פיש וואס מיר האבן געהאט אין מצרים", אז די אידן האבן דארט געהאט צו עסן אומזיסט, דא רעדט מען פון גלות ישמעאלים, וואויל איז דער וואס זעהט דאס נישט, ווי מען דערביטערט און דערנידערט דאס לעבן פון אידן, און נישט נאר דאס אז זיי געבען נישט קיין שכר, נאר מען בעהט פון אים פאר נאך, מען באגנב'ט דעם מענטש פון וואס ער האט און מען פארלאנגט דאס וואס ער האט נישט, און מיט דעם ביטערן כוס וועט מען אים אנטרינקן ביז ער וועט שטארבן". עכ"ל הק'. ממש דאס אלעס פאסירט מיט אונז אין די דאזיגע טעג, און נאך מער. עס איז מיר אבער א וואונדער אויף זיינע ווערטער, וואס פון זיי איז משמע אז דאס וואס ער האט גרעסער געמאכט די צרות פון זיין צייט צו די צרות פון גלות מצרים איז אן אייגענע אפשאצונג, אבער עס איז א בפירוש'ע ירושלמי[143], "די שעבוד פון די גליות איז שווערער פון גלות מצרים, ווייל ביי די שעבוד פון די מצרים האט משה רבינו געזעהן די מרכבה אין די בחינה פון א ציגל, ווי עס שטייט אין פסוק[144] "וְתַחַת רַגְלָיו כְּמַעֲשֵׂה לִבְנַת הַסַּפִּיר", און יחזקאל האט געזעהן די מרכבה "כְּמַרְאֵה אֶבֶן סַפִּיר", און א ספיר שטיין איז פיל שטערקער ווי א ציגל". עיי"ש, חז"ל האבן שוין מרגיש געווען אין די שוועריקייטן פון דעם גלות, מער ווי גלות מצרים, ווי דער ירושלמי שרייבט דארט, אז דער רבוש"ע צייכנט זיך אן אויף זיין מרכבה די צרות און יסורים פונעם גלות, אפילו די קלענסטע פון די צרות, די שפלות און דערנידערונג וואס מען טוט מיט אונז, ווערט פארשריבן ביז די מינימאלסטע פרטים, און ער וועט פאדערן דאס אידישע פארשעמונג פון די גוים. אזוי ווערט אויך געברענגט אין מדרש רבה[146], קיין איין זאך וואס מען טוט מיט אונז, וועט נישט פארגעסן ווערן פונעם אייבירשטען.

לאמיר צוריקגיין צו דאס וואס איך האב פון פריער געשריבן, אז די אלע מכות מיט וואס מיר זענען געשלאגן געווארן איז נאר כדי אונז צו דערוועקן אז מיר זאל צוריקגיין לארצינו הקדושה. איך האב געהערט א שיין ווארט פון רבינו איש אלקים, הגה"ק רבי בונים מפשיסחא[147], אויפן פסוק[148] "מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה - צוה אונז, נאך דיר וועלן מיר לויפן", אז ביי א קנין פון א בהמה איז דא צוויי וועגן פון משיכה, ווי אזוי צו מאכן א קנין[149], איינס איז, מען רופט די בהמה צו זיך און זי גייט אים נאך, די צווייטע וועג איז הכישה במקל, מען שלאגט איר מיט א שטעקן און די בהמה לויפט פאראויס. בייביידע פון די אופנים איז מען קונה א בהמה מיט משיכה. נאר די חילוק פון די צוויי איז, אז ביי די ערשטע וועג פון רופען די בהמה, גייט דער בעל הבית פאראויס און די בהמה נאך אים, ביי די צווייטע וועג פון שלאגן מיט א שטעקן, גייט די בהמה פאראויס און דער בעל הבית פון אונטען. וועלכע וועג פון משיכה איז בעסער, אוודאי די וועג פון רופען ווייל עס איז נישטא קיין ווייטאג פאר די בהמה, ווידעראום ביי די צווייטע וועג, טוט עס וויי פאר די בהמה און זי ליידט יסורים. אזוי זענען מיר פארן אייבירשטען מיט דעם ענין פון אונז רופן קיין ארץ ישראל. אויב הערן מיר דאס קול וואס רופט אונז בשם ה' צוריק צוגיין קיין ארץ ישראל, וועט דאס זיין מיט די בחינה פון משיכה דורך רופען און מיר גייען נאך דעם בעל הבית, אן ליידן קיין שום צער און קלעפ, נאר מיר גייען פון אונזער אייגענעם גוטען ווילן אן קיין צווינגערייען, דער

המשך בדף ב'

[138] אור החיים הק' פר' צו
[139] ויקרא ו, ד
[140] ישעיה יא, ט, עי' זוה"ק ח"ב קלח, ועוד
[141] ויקרא ו, ג
[142] במדבר יא, ה
[143] סוכה, פרק לולב וערבה, הלכה ג'
[144] שמות כד, י
[145] יחזקאל א, כו
[146] ויק"ר פרשה כג
[147] רבי שמחה בונים מפשיסחא זצ"ל, נולד תקכ"ה, נפטר י"ב אלול תקפ"ז
[148] שיר השירים א, ד
[149] קידושין כב, ע"ב

הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך: שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**בשבילי הארץ**
ועכנטליכע גליון ארויסצובריינגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## דין ורחמים

על הפסוק כשמך אלקים וגו' (תהלים מ"ח י"א) ראיתי בספר כי שם הוי"ה הוא מדת הרחמים ושם אלקים הוא מדת הדין, אבל שם אלקים הוא בארץ ישראל הוא רחמים, כמו שם הוי"ה בחוץ לארץ. וזהו דמינו אלקים חסדך הוא בקרב היכליך, אבל כשמך אלקים כן תהלתך, ולא יותר הוא על קצוי ארץ בחוץ לארץ, כי שם אין חסד משם, זה רק כשמו כן הוא דין, רק על ידי הצדקה שעושים אזי השם אלקים פועל חסדים, וזהו צדק מלאה ימינך.

(דרש משה, תהלים מ"ח)

## קודם להתפלל על ציון וירושלים

ובפסיקתא דגילי מאוד בת ציון (זכרי' ט) איתא, ונודע בגוים זרעם קרי' בי' זרועם, ומי הוא זרועם הי"ת, שנאמר ה' חננו לך קוינו היה זרועם לבקרים, מה לבקרים שעומדים השכם בבוקר בבקר להתפלל על ציון וירושלים ע"ש. נ"ל היינו רמז להשכמת סליחות שעומדים, וכ' מג"א, שאז הקב"ה שט בעה"ז והוא עת רצון ע"ש, וא"כ בעת רצון הי' לנו לתבוע צרכינו ואין אנו תובעין אלא כבוד ציון וירושלים, והמתפלל על חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחילה (ב"ק צב.), ע"כ זרועם לבקרים כנ"ל שמתפללים בעת רצון על ציון וירושלים, עי"ז אף ישועתינו של עצמינו בעת צרה, והיינו ואני תפלתי לך ה' עת רצון (תהלים סט), בעת רצון באשמורת הבוקר, שהייתי יכול להתפלל עלי, אני מתפלל עליך כביכול, והיינו תפלתי לך ה' ולא לי, ע"כ ענני באמת ישעך לי ג"כ.

(דרשות חת"ס, לפ' נצבים-וילך לפני סליחות תקצ"ז)

## צדיקים בא"י

כל הדר בארץ ישראל נקרא צדיק הגם שאינו צדיק כפי הנראה לעינים, כי אם לא היה צדיק היתה הארץ מקיאו, כמו שאמר הכתוב ותקיא הארץ את יושביה, וכיון שהארץ אינו מקיאו - בהכרח הוא נקרא צדיק, ואף אם הוא בחזקת רשע.

(רבי אברהם אזולאי זצ"ל "חסד לאברהם", מעין ג' נהר ב')

## זכות א"י לחזור בתשובה

מסופר על הגרי"ח זוננפלד שאמר "כתוב ובא לציון גואל ולשבי פשע ביעקב - כמיקודם תהיה הגאולה, ואח"כ יחזרו החוטאים בתשובה, ואני מאמין שכל חלוץ המשתתף בבנין הארץ, תעמוד לו זכות ארץ ישראל שיחזור בתשובה, הלא גם אלה שעלו מבבל בימי עזרא ונחמיה לא היו צדיקים גמורים, כמסופר בספרי הקודש שחיללו את השבתות והמועדים, ובכל זאת נבנה בית המקדש על ידם וחזרו בתשובה"

(איש על החומה)

## עבודת ה' בארץ ישראל

יש לבוא לארץ ישראל כדי לעבוד בה את ה', ולא רק כדי לנשק שם את המזוזה.

(ליקוטי מוהר"ן, כ)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

אייבישטער גייט פאראויס און מיר נאך אים. משא"כ אויב וועלן מיר נישט משים לב זיין זיך צוריקקערן צו אונזער לאנד פון אונזער אייגענעם ווילן, נאר מיר וועלן ווארטן ביז דער שטעקן וועט קומען און אונז שלאגן, דאן וועט די משיכה זיין ווי די בחינה פון משיכה במקל, מיר וועלן ליידן ווייטאגן און יסורים פון דעם שטעקן פון אונזערע פיינט, ביז זיי וועלן אונז צווינגען צו לויפן פאראויס פונעם אייבירשטען צו א"י. דאס זאגן מיר פארן אייבירשטען, "מָשְׁכֵנִי, אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה", זיי אונז קונה מיט דעם קנין פון משיכה, אז עס זאל זיין אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה, מיר זאלן לויפן נאך דיר, ווייל דו האסט אונז גערופן, געב אריין אין אונזער הארץ אז מיר זאלן נאך גיין נאך דיר, צוריקצוגיין קיין א"י דורך דעם רוף וואס מיר הערן פון צדיקי הדור, זיי אונז נישט קונה דורך דעם שטעקן, אז מיר זאלן נישט וועלן צוריק גיין און נאר דאס שטעקן וועט אונז איבערצייגן זיך צו צוריקצוקערן, דעמאלטס וועלן מיר דארפן לויפן פאראויס און דער אייבישטער אונטער אונז, עכ"ד.

איך וועל שטארקן די פריערדיגע ווערטער מיט דעם וואס עס שטייט אין מדרש[150], אז אלע צרות וואס קומען אויף אידן איז ווייל זיי פאדערן נישט ארץ ישראל, אבער נאך קלעפ וועלן זיי שוין לויפן, ווי מיר זעהן היינט צוטאגס, אלע וואלטן געלאפן קיין ארץ ישראל אויב וואלטן זיי ווען נאר געקענט, אויב מען וואלט נאר געלאזט, אפילו די וואס האבן זיך אייביג אנטקעגן געשטעלט די תנועה פון עליה. נאר ליידער איז דאס א בחינה פון הכישה במקל, אויב וואלט מען געהערט דאס רוף פון די צדיקים וואס האבן מעורר געווען אין דעם ענין, וואלטן מיר זיך נאכגעשלעפט נאך זיי אין די בחינה פון "מָשְׁכֵנִי, אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה", מיר וואלטן נישט געדארפט צוקומען צו די אלע הכאות וואס מיר ליידן אין די לעצטע צייטן. מיט דעם קען מען מבאר זיין דאס וואס שטייט אין מדרש[151] "אויב וואלט איר זוכה געווען, וואלט איר געליינט אין די תורה[152], 'תְּבִאֵמוֹ וְתִטָּעֵמוֹ בְּהַר נַחֲלָתְךָ - ער וועט דיר ברייגען און איינפלאנצן אין דעם בארג פון דיין ארבטייל', אבער יעצט אז איר האט נישט זוכה געווען, ליינט איר[153] 'תָּבֹא כָל רָעָתָם לְפָנֶיךָ - עס זאל קומען אלע זייער שלעכטס פאר דיר ה'', ע"כ. דאס מיינט, אויב וואלט איר זוכה געווען וואלט דאס ארויף גיין קיין ארץ ישראל געווען אין די בחינה פון קורא והולכת אחריו, דער בעה"ב רופט און מיר גייען נאך, דאס איז די לשון פון "תְּבִאֵמוֹ", ווי איינער וואס גייט פאראויס און פירט אונז נאך אים, אבער יעצט אז איר האט נישט זוכה געווען, איר האט נישט געוואלט נאכגיין דעם קול פון צדיקים וואס האבן גערופן ארויפצוגיין, מוז דאס זיין אויפן צווייטן וועג, הכישה במקל ורצה לפניו. אזוי איז יעצט, ווען מען ליידט אזויפיל צרות, דאס איז די געשריי פון "תָּבֹא כָל רָעָתָם לְפָנֶיךָ", דורך די צרות וואס איז אנגעקומען צו דיר, לויפסטו פאראויס, לְפָנֶיךָ, פארן אייבירשטען. דער "כפות תמרים[154]" אויפן פסוק[155] "צִיּוֹן הִיא דֹּרֵשׁ אֵין לָהּ - עס איז נישטא ווער עס זאל וועלן ציון", איז ער מפרש, אז די אידן האבן זיך אפגערעדט אויף זייערע צרות, האט זיי דער אייבישטער געשיקט די ווערטער, פארוואס רעדט עטס ענק אפ, קען איך דען אייך נישט העלפן, אבער וואס זאל איך טוהן אז אייערע זינד האט דאס גורם געווען, עס איז נישטא ווער עס זאל וועלן ציון, און זי שרייט פאר מיר אז איר טוט איר נישט געדענקן, איז וויאזוי ווילט איר אז איך זאל אייך אויסלייזן, עכ"ל. זעהן מיר אז אויב וועט אנהייבן צו געדענקן ציון, צו דורש זיין בשלומה, וועלן זיך די צרות אויפהערן.

עס ווערט געברענגט אין תיקוני זוהר חדש אויף דעם פסוק[156], "אֲנִי ה' בְּעִתָּהּ אֲחִישֶׁנָּה - איך ה', אין איר צייט וועל איך מיר צואיילן", און מיר האבן עס איינגעזעצט, אויב איז מען זוכה, אֲחִישֶׁנָּה, וועל איך צואיילן די גאולה, אויב איז מען נישט זוכה, בְּעִתָּהּ בעת ה', וועט עס זיין אין איר צייט. דארף מען פארשטיין וואס מיינט בעת ה', עס איז דא א צייט און עס איז דא א צייט, ווי קהלת[157] זאגט 'עֵת לִבְכּוֹת וְעֵת לִשְׂחוֹק - עס איז דא א צייט פון וויינען, און א צייט צו לאכן'. די סוד פון די ווערטער איז, גלייך ווען עס וועט אנקומען די צייט פון וויינען, א צייט וואס עס וועט זיין ענג פאר אידן, וועט זיין די גאולה, ווי עס שטייט אין פסוק[158] "וְעֵת צָרָה הִיא לְיַעֲקֹב וּמִמֶּנָּה יִוָּשֵׁעַ - עס איז א צייט פון צרה פאר יעקב, און פון דעם וועט זיין די ישועה", פרעגט דער זהר, עס איז דא אזויפיל זמנים פון געוויין, ווען קען מען וויסן דעם צווישנשייד פון די זמנים, נאר דעם זמן פון בכיה, ווי די פסוק איז מרמז[159] "בִּבְכִי יָבֹאוּ - מיט א געוויין וועט איר קומען", מיט א געוויין פון דלות, ארעמקייט, ווי דער גמטרי' פון 'בבכי' איז די זעלבע ווי 'דל'. וויבאלד משה רבינו האט געזעהן יענע צרות, האט פאסירט דעם[160] "וְהִנֵּה נַעַר בֹּכֶה - און דאס קינד האט געוויינט", און וואס שטייט גלייך דערנאך, "וַתַּחְמֹל עָלָיו - זי האט זיך אויף אים דערבארעמט", בפורקנא, מיט אן אויסלייזונג. עכ"ל."

המשך בגליון הבא אי"ה

[150] מדרש תהלים, פרק יז
[151] פתיכתא דאיכה, אות יא
[152] שמות טו, יז
[153] איכה א, כב
[154] בספרו "יום תרועה" על מס' ראש השנה, ל
[155] ירמיהו ל, יז
[156] ישעיהו ס, כב
[157] קהלת ג, ד
[158] ירמיהו ל, ז
[159] ירמיהו לא, ח
[160] שמות ב, ו

**לארכה ולרחבה**

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר שמעון הצדיק

שכונת שמעון הצדיק, ירושלים

שמעון הצדיק איז געווען א כהן גדול באוואוסט מיט דעם טיטל 'צדיק' ווייל פון די אלע כהנים גדולים בזמן בית שני איז ער געווען א צדיק גמור. די גמרא פארציילט אז ער האט מתקן געווען דעם וואסער סיסטעם פונעם בית המקדש.

נאך א מסירה פון די כותיים אז די אידן זענען מורד אין אלכסנדר מוקדון, איז שמעון הצדיק אים ארויס מקבל פנים זיין ווען ער איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל, און ווען דער קיסר האט אים געזעהן האט ער זיך געביקט צום כהן גדול, צו די פארוואונדערונג פון די פארזאמעלטע. האט ער געזאגט אז ער זעהט זיין הייליגן געשטאלט פאר א יעדען זיג אין א מלחמה. אזוי האט ער צוריקגעהאלטן פון די כותיים פון צו חרוב מאכן דעם ביהמ"ק. ווי אויך אז אלכסנדר זאל נישט לייגן זיין סטאטוע אין בית המקדש, אלס שכר, האט ער אים צוגעזאגט אז אלע אינגלעך וואס וועלן געבוירן ווערן צו כהנים יענעם יאר וועט מען א נאמען געבן אלכסנדר.

די גאנצע פערציג יאר וואס שמעון הצדיק האט געדינט אלס כהן גדול, האט פאסירט טעגליכע נסים אין בית המקדש, ביי די נר מערבי, די גורל אין יום כפור, די מערכה אויפן מזבח, שתי הלחם און אין די לחם הפנים (תוספתא מס' סוטה). ער איז געווען די רבי פון אנטיגנוס איש סוכו. לויט דעם רמב"ם איז ער געווען א תלמיד פון עזרא הסופר.

אין פרקי אבות לערנען מיר דעם באקאנטע מאמר, "שמעון הצדיק איז געווען פון די שיירי כנסת הגדולה, ער פלעגט צו זאגן, אויף דריי זאכן שטייט די וועלט, אויף תורה, עבודה און גמילת חסדים".

זיין פטירה איז באשטומט געווארן אויף כ"ט תשרי, באזירט אויף א גמרא (יומא לט.). פון ווען ער איז אוועק האבן די כהנים זיך צוריקגעהאלטן פון ברכת כהנים מיט'ן שם המפורש, זיי האבן מער נישט געפילט ראוי.

די מערה פון שמעון הצדיק איז שוין באוואוסט ביי די רייזענדער פון די פריערדיגע דורות, אזוי פרי ווי ד' תקצ"ה (1235) דורך רבי יעקב השליח. דעם פלאץ האט אפגעקויפט דער ראשל"צ חכם-באשי רבי אברהם אשכנזי ז"ל אין יאר תרל"ו (1876). היינט צוטאגס ווירבעלט דארט מנינים מיט תפילות, מען לערנט דארט א גאנצן טאג, ווי אויך איז דא א מקוה אויפן פלאץ. א חוץ דעם יארצייט קומט מען אין די מאסן ל"ג בעומר, בפרט די וואס האבן א שוועריקייט צו פארן קיין מירון.



קבר שמעון הצדיק

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

גליון מס' 20
האזינו-שובה
ח' תשרי תשפ"א
September 26, 2020

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### בן עולם הבא

כל הדר בא"י וקורא ק"ש שחרית וערבית ומדבר בלשון הקודש הרי הוא בן העוה"ב.

(ספרי פ' האזינו)

### חביבת ארץ ישראל

חביבה ארץ ישראל שבחר בה הקדוש ברוך הוא. אתה מוצא, כשברא העולם, חלק הארצות לשרי האומות ובחר בארץ ישראל. מניין? שכן משה אמר: בְּהַנְחֵל עֶלְיוֹן גּוֹיִם וגו' (דברים לב ח), ובחר לחלקו ישראל, שנאמר: כִּי חֵלֶק ה' עַמּוֹ, יַעֲקֹב חֶבֶל נַחֲלָתוֹ (שם שם ט). אמר הקדוש ברוך הוא: יבואו ישראל שבאו לחלקי, וינחלו את הארץ שבאה לחלקי. לכך כתוב: כי יכרית.

(מדרש תנחומא האזינו אות ח')

### ישוב ארץ ישראל

וכפר אדמתו עמו, שקודם הכפרה היו מתיסרים על חטאם וקללת אלהים רבצה על אדמתם כאלו חטאתיהם על אדמתם. אבל כשיכפר להם יסיר חטאתם גם מן האדמה עד"ה (מיכה ז יט) ישוב ירחמנו, פי' לעת ירחם עלינו אז יכבוש עונותינו שיכניסם למקום אחד ואח"כ ותשליך במצולות ים כל חטאתם שלא ישאר מעונותיהם מאומה לא עליהם ולא על אדמתם... יתכן לפרש שיצוה לישראל להתפלל בשלום מלכי החסד... גם ישתדלו בישוב ארץ ישראל... וכפר מלשון הנחת הדעת כמו אכפרה פניו (בראשית לב כא). אדמתו שמשתדלים בישוב הארץ. עמו ובטובת עמו ישראל.

(מלבי"ם דברים לב)

### א"י מועיל לתשובה

מי שכונתו לשמים באמת שנסע לארץ ישראל כדי לשוב על ידי זה להשם יתברך, בודאי מועיל לו ארץ ישראל מאוד, כי על ידי שנכנס לארץ ישראל על ידי זה לבד נאצל אצלה ונתהפך למהותה

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הרה"ח **חיים מאיר מיללער** הי"ו
מאנסי נ.י.
יברכך ה' מציון, וראה בטוב ירושלים, וראה בנים לבניך



נוף עמק החולה, מיער בריה

Credit @ruchyl_photography

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק ראשון

**הצרות וחבלי משיח - "קול דודי דופק"** - המשך...

זעהן מיר ווי דער זוה"ק איז מבאר ווען עס וועט זיין דעם "בעתה", אז עס וועט זיין א צייט פון געוויין, דאן וועט זיין די גאולה, ווי עס שטייט אין קהלת "עת לבכות". עס איז בלי ספק אז מיר האבן דערגרייכט דעם צייט פון געוויין, מען קען הערן קולות פון געוויין אין יעדן ווינקל פון אידישע הייזער, ווי עס הערשט א שרעקליכן טומעל ר"ל, מען דארף ניטאמאהל רעדן פון אחינו בני ישראל פון פוילן, סלאוואקיע און אנדערע אייראפעישע לענדער. ווייל עס איז באוויסט דעם גרויסן חורבן וואס זיי האבן דארט אנגעדרייט, די הריגות און רציחות, און וויפיל מיני אופנים פון אכזריות אויף יונג און אלט, דאס חורבן פון גרויסע און קליינע קהילות, וואס איז פיל געווען מיט תלמידי חכמים וסופרים, אינגע קינדער פיל געווען מיט תורה און יראת שמים, זיי זענען אלע פארטריבן געווארן צו א וויסטן פלאץ בעירום ובחוסר כל, מיין הארץ וויינט אויף די אומגעקומענע, דארף מען דען צוקומען צו א גרעסערע געוויין ווי דאס? אויך דאס וואס דער זוה"ק זאגט, אז דאס געוויין קומט צוזאמען מיט דחקות און ארעמקייט, איז אויך מקוים געווארן אין די טעג, וואס אידישע געלט גייט לטמיון, ווי פאר די אויגן וואס זעהט דאס צו, וויאזוי זיי האבן בארויבט די אידן אין די גאסן פון סלאוואקיע, אוועקגענומען אלעס וואס האט געהערט צו א איד, קליידער, שטוב געצייג, און אלע כלים וואס א מענטש האט אין א שטוב האבן זיי געגזל'ט, זיי האבן גוזר געווען אז א יעדער גוי וואס זעהט עפעס ביי א איד און ער וויל דאס, קען ער עס פארלאנגען און דער איד מוז אים דאס געבן, אזוי זענען אידן געבליבן בעירום ובחוסר כל, עס איז מקוים געווארן אין אונז דעם פסוק[161], "מִשֹּׁד עֲנִיִּים מֵאַנְקַת אֶבְיוֹנִים - פון דאס רויב און קרעכץ פון די ארעמעלייט, עַתָּה אָקוּם יֹאמַר ה' - וועל איך יעצט אויפשטיין זיי צו העלפן, זאגט דער אייבישטער", אבער מיר האבן נאכנישט זוכה געווען צו דעם. אזוי האבן די רשעים געטוהן מיט אונזערע כלים, און דאס זעלביגע מיט די הייזער און פעלדער, זיי האבן דאס אלעס אוועקגענומען ווען מיר האבן נאך געוואוינט צווישן זיי. דערנאך האט מען אונז געגזל'ט דאס לעבן אויך, מען האט אונז פארטריבן, נישט אז מיר קענען גיין ווי מיר ווילן, נאר צו עפעס א פארשטויסען פלאץ ווי די פארטריבענע גייען אויס פאר הונגער[162], אלעס וואס איך האב דא אויסגערעכנט איז נאר א טראפ פונעם ים פון אכזריות וואס מען טוט פאר אונז ווען מיר זענען אונגאנצען אומשולדיג, נאר דאס איינע פארברעכן אז מיר זענען מזרע אברהם יצחק און יעקב, איז דען דא א גרעסערע ארעמקייט און דחקות ווי דעם? עס איז אין אונז מקוים געווארן דעם מאמר פונעם נביא צפניה[163], "וְהִשְׁאַרְתִּי בְקִרְבֵּךְ - איך וועל איבערלאזן צווישן אייך, עַם עָנִי וָדָל - אן ארעם און פארלאזט פאלק, וְחָסוּ בְּשֵׁם ה' - און זיי וועלן נעמן א שיצונג מיטן אייבירשטען", אויך די ווערטער אין שמואל[164], "וְאֶת עַם עָנִי תּוֹשִׁיעַ - און דאס ארעמע פאלק

וועסטו העלפן", ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר אז ביי די לעצטע גלות וועט זיין ארעמקייט, ר"ל, ווי דער פסוק זאגט "וְהִשְׁאַרְתִּי בְקִרְבֵּךְ עַם עָנִי וָדָל וְחָסוּ בְּשֵׁם ה'", צו מקיים זיין דעם פסוק "וְאֶת עַם עָנִי תּוֹשִׁיעַ". די עשירים וואס וועלן יא זיין וועלן נישט וועלן העלפען, מיט'ן פאלשן אויסרייד אז די שטייערן זענען זייער הויעך, זיי וועלן פשוט באהאלטן זייער געלט אין זייער שטוב. עיי"ש בזוהר, וואס שרייבט אז די אלע וואס וועלן זיין רחמנים, בעלי חסד וועלן נישט דארפן צוקומען צו שווערע צרות פון חבלי משיח, עס וועט זיי זעען געוווג זיך צו רייניגן מיט לוילעך וואסער ווי די בינונים, און זיכער נישט אין הייסע וואסער וואס אין זיי ווערן גערייניגט די רשעים גמורים, אויף זיי זאגט דער פסוק[166], "כָּל דָּבָר אֲשֶׁר יָבֹא בָאֵשׁ - כלים וואס ווערן געוועינטליך אדורך געפירט פייער, תַּעֲבִירוּ בָאֵשׁ - זאלט איר יעצט אדורך פירן אין פייער", עכ"ל. אזוי איז ליידער דעם אמת, עס זענען דא יעצט אסאך עשירים וואס וואלטן געקענט ראטעווען צובראכענע אידישע נפשות, און זיי טוען גארנישט, צום סוף וועט זייער גאנצע געלט פארלוירן גיין און פארשווינדען ווערן אין עשיו הרשע'ס האנט, ווי אונז האבן געזעהן אין סלאוואקיע, ביי זיי איז מקוים געווארן די ווערטער פון דעם זוה"ק, כָּל דָּבָר אֲשֶׁר יָבֹא בָאֵשׁ תַּעֲבִירוּ בָאֵשׁ, אינעם פייער פון גלות.

דא וויל איך אבער אויסדריקן א הכרת הטוב פאר אחב"י פון אמעריקע, ווען נישט די שטיצע פון די דזשוינט, ווען זיי האבן נאך געקענט אהערשיקן הילף פאר די מלחמה אויסבראך, וואלטן מיר אויסגעגאנגן פון הונגער, ווייל ליידער זייט די מלחמה האט דא אויסגעבראכן האט זיך אפגעשטעלט זייער הילף און אסאך אידן ליידן פון שרעקליכע הונגער, און אסאך אידן זענען פון דעם אומגעקומען אין פוילן. זיי ווילן שיקן, זיי זענען גרייט פון זייער זייט, דער אייבישטער זאל דאס זיי געדענקן צום גוטען, און דעם זכות וועלן זיי ניצל ווערן פון אלעם שלעכטס, אויף זיי גייט דער פסוק[167], "בִּצְדָקָה תִּכּוֹנָנִי - מיט צדקה וועט איר זיך גרייטן", ווי אויך זאגן חז"ל[168], "גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה". זעה אין ספר "תפילה למשה" לרבינו[169] "השיב משה", ער ברענגט אראפ א מדרש[170], "לעתיד לבוא וועלן קומען אלע שרי מעלה, און זאגן צום אייבירשטען, "ווי אזוי קענסטו אויסקלויבן צו העלפן נאר די אידן איבער די פעלקער, די גוים זענען עובר די הארבע עבירות גילוי עריות, שפיכות דמים און זיי... וכו', וואס איז די חילוק פון די צוויי? וועט דער אייבישטער בעטן מלאך מיכאל זיי צו ענטפערן, אבער מיכאל וועט בלייבן שטיל, ווי עס שטייט[171] "וּבָעֵת הַהִיא יַעֲמֹד מִיכָאֵל", עמידה מיינט שטילקייט. וועט דער אייבישטער זאגן פאר מיכאל, דו האסט געשוויגן, איך וועל זיי ענטפערן, דאס איז בזכות די צדקה וואס אידן טוען איינע מיט די אנדערע, אזוי שטייט אין פסוק[172], "אֲנִי מְדַבֵּר בִּצְדָקָה - איך רעד וועגן זייער צדקה, רַב לְהוֹשִׁיעַ - זיי זענען ווערט צו ווערן געהאלפן", עכ"ל המדרש. איך בין זיכער אז אויף די אידן אין אמעריקע האט דער אייבישטער מכוון געווען די ווערטער מיט זיין ענטפער "אֲנִי מְדַבֵּר בִּצְדָקָה" און מיט דעם זכות וועלן זיי געהאלפן ווערן און זוכה זיין צו זעהן ישועתן של ישראל, זיי וועלן ניצל ווערן פון די שוועריקייטן פון חבלי משיח, ווי דער זוהר וואס איך האב דערמאנט, אז די וואס זענען בעלי חסד, בעלי רחמים אויף די געקלאפטע און ארעמעלייט, איז גענוג פאר זיי אפצוקומען מיט א שוואכע אפקומעניש, אזוי ווי א

המשך בדף ב'

---

[161] תהלים יב, ו, עי' ישעיהו לג, י
[162] מען האט נאכנישט געוואוסט אלעס
[163] צפניה ג, יב
[164] שמואל ב כב, כח
[165] במדבר יא, ה
[166] במדבר לא, כג
[167] ישעיהו נד, יד
[168] בבא בתרא י, יא
[169] בעל ישמח משה זי"ע
[170] תהלים קו, עי' ילקו"ש ח"ב רמז תקו
[171] דניאל יב, א
[172] ישעיהו סג, א



יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

# בשבילי הארץ

ווענכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

הקדוש. על כן אמרו רבותינו ז"ל אפילו המהלך ד' אמות בארץ ישראל מובטח לו שהוא בן עוה"ב.

(ליקוטי עצות ארץ ישראל אות י"ג)

## התעוררות בכותל המערבי

מעולם לא היה לי בחיי התעוררות כזו כמו שהי' לי בכותל המערבי, והי' לי ב"ה בחיים שלי איפוא להתעורר, הלא הייתי אצל אאמו"ר הגה"ק זצ"ל, הלא הייתי אצל זקיני הגה"ק זצ"ל, התעוררות שהי' לי בכותל המערבי הי' יותר מהתעוררות שהי' לי אצל אא"ז רבי ישראל יעקב זי"ע בעת אמירת כל נדרי בליל יוהכ"פ.

(תפארת משה, הגה"ק רבי אהרן משה מחוסט זצ"ל)

## טומאת ארץ העמים

...וצריך תפילה ובקשה שיעזרנו ה' מטומאת ארץ העמים גושם ואוירם, והנה אחז"ל (מגילה ו.) קסרי וירושלים ישבה שתיהם אל תאמן, חרבה שתיהם אל תאמן, חרבה קסרי וישבה ירושלים, חרבה ירושלים וישבה קסרי תאמן.

(דרשות חת"ס, לפ' נצבים לפני סליחות תקצ"ג)

## מצותה תמיד קיימת

אין עבירה יכולה לכבות מצות ישיבת ארץ ישראל, כיון שמצוה זו של וישבת בה היא תמידיות, כמו שכתב הרמב"ן במנין תרי"ג מצות (מצוה ד'), ישיבת ארץ ישראל כל עת וכל רגע שהאדם בארץ ישראל הוא מקיים המצוה הזאת, אם כן כמו שאין עבירה מכבה תורה מפני שהיא מצוה תמידיות, כך אין עבירה מכבה ישיבת ארץ ישראל שהיא גם כן מצוה תמידיות.

(קדושת הארץ מ' ע"ב)

## למעלה מדרך הטבע

כל מקום שנאמר בתורה ירושת הארץ אינו בגדר נתינת שכר, לנחול ארץ וטובת עוה"ז בעד קיום המצות, רק הוא הבטחה על שכר רוחני שינחלו ארץ הקודש אשר הוא אמצעית אל קיבול מלכותו ובריתו עלינו, ולקיים מצות התורה כי התורה מחכמה נפקת, ואמרו חז"ל שארץ ישראל אוירה מחכים רמזו גם כן לבקש עילאה, וששם השגחת השם יתברך מראשית השנה ועד אחרית השנה, והעם היושב בה ישראל הם מתנהגים ע"פ הנהגה השגת למעלה מן הטבע, ודבוקים בו בעולמות עליונים ארץ וירושלים העליונים.

(דרכי אמונה)

## תשובה ע"י קדושת ארץ ישראל

וכפר אדמתו עמו (לב, מג), על ידי קדושת ארץ ישראל זוכין לסליחות עוונות, בחינת וכפר אדמתו עמו – אדמתו דיקא, שעל ידי אדמתו, בחינת ארץ ישראל, אדמת קודש, על ידי זה נתכפר עמו, כי על ידי זה מעוררין רחמי ה' יתברך שיסתכל לדון כל אחד ברחמיו לפי מקומו שיזכור כי אדמה ועפר אנחנו שירדנו למקום מגושם כל כך.

(ליקוה"ל, חושן משפט, ערב ה,לז)



**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

כלי וואס ווערט גענוצט אין קאלטע וואסער, איז עס גענוג כדי צו כשר'ן דורך ווערן אריבערגעפירט אין קאלטע וואסער. די אידן פון אמעריקע וואס טוען די גרויסע חסדים עד אין לשער, וועלן גרינג אפקומען די חבלי משיח, כדברי זוהר הנ"ל.

אויב וועסטו פרעגן, אז מיר זעהן אז די אידן פון אמעריקע און ענגלאנד זיצן במנוחה, שטיל און בכבוד אזוי ווי פריער, און אפילו א קליינע שוועריקייט פאסירט זיי נישט, און די חבלי משיח דארף דאך פאסירן צו אלע אידן פאר די גאולה, ווי עס שטייט אין דניאל[173], "יִתְבָּרֲרוּ וְיִתְלַבְּנוּ - די חשבונות וועלן ווערן אויסגעקלארט און אויסגעברענט, וְיִצָּרְפוּ רַבִּים - פיל וועלן זיך מיטשטעלן צו וועלן פארשטיין", די צרות וואס האט אונז דערגרייכט איז צו זיי בכלל נישט אנגעקומען, און אפילו א קליינע אפקומעניש האבן זיי אויכנישט.

וועל איך דיר ענטפערן, אז אין אמת'ן די צרה אין וואס מיר געפינען זיך וועט צו זיי אויך אנקומען, אבער נישט אינעם זעלבען מאס ווי ביי אונז, עכ"פ עפעס דערפון וועט צו זיי אויך אנקומען, ווי איך וועל שפעטער מבאר זיין בעזה"י. איך וועל מקדים זיין דברי רבנו מהר"ל מפראג ז"ל, אינעם ספר[174] "גבורות ה'", ווי ער ברענגט אראפ א מדרש[175] אויפן פסוק[176], "וַיּוֹשַׁע ה' בַּיּוֹם הַהוּא - דער אייבישטער האט געהאלפן די אידן אין יענעם טאג", אז דער שר פון מצרים האט מקטרג געווען אויף די אידן, אז גאנצע פיער הונדערט יאר איז נגזר געווארן אויף די אידן און זיי האבן עס נאכנישט צוגעענדיגט. האט דער אייבישטער געבעטן מלאך מיכאל ער זאל אויף דעם ענטפערן, אבער מיכאל האט נישט געוויסט וואס צו זאגן, האט דער אייבישטער געזאגט, איך וועל אויף דעם ענטפערן, איך האב נישט געזאגט דעם צוזאג פון פיער הונדערט יאר 'בארץ מצרים', איך האב געזאגט[177] "בְּאֶרֶץ לֹא לָהֶם - אין א לאנד וואס איז נישט זייערס", און מיר רעכענען פון די געבורט פון יצחק, ע"כ המדרש. דארף מען פארשטיין, פארוואס האט דער מלאך מיכאל דאס נישט געקענט ענטפערן, עס איז דאך בפירוש מרומז אינעם פסוק? איז דער גאון הנ"ל מסביר, ווייל באמת האט קיין שום מלאך נישט געוויסט דאס גלות און גירות וואס אברהם אבינו האט געשפירט, ער איז דאך געווען א גרויסער עושר, מכובד און געשעצט אין די אויגן פון אלעמען, ווי די בני חת האבן אים געזאגט[178] "נְשִׂיא אֱלֹקִים אַתָּה בְּתוֹכֵנוּ - דו ביזט א ג-טליכער פירער צווישן אונז". און אין מדרש[179] שטייט, אז די גוים האבן אים געוואלט אויפנעמען אלס א קעניג און הערשער, ער האט עס אבער נישט געוואלט אננעמען, ער האט זיי געזאגט אז די וועלט דארף נישט זיין הערשאפט און געוועלטיגונג. זעהן מיר אז ער איז געווען זייער חשוב און געשעצט, ווי אזוי קען מען אים אנרופען גר, אדער אז ער איז אין גלות? קיין שום מענטש און אפילו א מלאך האט נישט געוויסט פון זיין אדורכגאנג פון גלות און גירות. נאר השי"ת אליינס האט מרגיש געווען אין זיינע קלענסטע געפילען דקה מן הדקה, וועגן דעם האט מלאך מיכאל נישט געוויסט וואס צו ענטפערן, נאר דער אייבישטער בכבודו ובעצמו, ע"כ דברי מהר"ל. דער גאון מהרי"ם פאדווה אב"ד בריסק[180] אין זיין ספר[181] "נחלי מים", איז מפרש לויט דעם די ווערטער פונעם בעל הגדה, "בָּרוּךְ הוּא, שהקב"ה חִשַּׁב אֶת הַקֵּץ, לַעֲשׂוֹת", נאר דער אייבישטער אליינס האט געקענט מאכן דעם חשבון פון גאולת מצרים און נישט קיין צווייטער, עכ"ד.

עכ"פ זעהן מיר אז עס איז דא עטליכע בחינות פון גלות, וועגן דעם זאג איך אז די אידן וואס וואוינען אין אמעריקע און אין אנדערע לענדער, וואס די זעלבע צרות ממש ווי אונז האט זיי נישט דערגרייכט, אבער אין אנדערע בחינות איז עס צו זיי אויך אנגעקומען, זיי זענען זיך משתתף אין אונזער צער, זיי ווינען צוזאמען מיט אונז, זייער כבוד איז געפאלען צווישן זייערע גוי'שע שכנים, טראכט אריין, בשעת זייערע שכנים ליינען די צייטונגען אדער הערן אין די ראדיו פון די אלע השפלות וואס ווערט געטון מיט אונז דא, ווערן דען זיי נישט מושפל אין די אויגן פון די שכנים? זיי ווערן מיט דעם פארשעמט אין זייערע אויגן, זאגנדיג, 'קוקט וואס מען טוט דארט מיט אייערע ברודער'. ווי אויך זענען די אידן זיך משתתף מיט שטיצע פאר אונז. איז אפילו די צרות וואס זיי האבן איז אויף א גאר קליינעם פארנעם, זענען זיי אויך אריינגערעכנט אין די חבלי משיח, און זענען יוצא זייער חוב דערמיט. מיר זענען זיכער יעצט אין דעם זמן פון גאולה, און מיר דארפן טוהן וואס מיר קענען מיט א התעוררות זיך צוריקצוקערן לארצינו הק', און דער רבוש"ע וועט צוענדיגן לטובה. עס וועט מקוים ווערן די פסוק "ובנ"י יוצאים ביד רמה". אמן כן יאמר ה'.

סליק פרק ראשון, וה' ישמור אותנו כאישון, ונזכה לבנות ציון וירושלים שנקרא "ראשון", ב' לסדר "ובני ישראל יוצאים ביד רמה", שנת גש"ת אל הקודש לפ"ק, פה עיר הבירה בודאפעסט יצ"ו

[173] דניאל יב, י

[174] פרק מז

[175] ילקו"ש ח"א רמז רמ"א

[176] שמות יד, ל

[177] בראשית טו, יג

[178] בראשית כג, ו

[179] ב"ר פר' נח, אות ז

[180] רבי יעקב מאיר פאדווה זצ"ל, נולד תקל"ז, נפטר תרט"ו

[181] דרוש ט לשבת הגדול

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### שכונת מקור ברוך

מרכז ירושלים

די געגנט "מקור ברוך" אין ירושלים איז נתייסד געווארן בשנת תרפ"ט (1929) מיטן פלאן צו בויען שיינע באקוועמע הייזער פאר די פליטים פון די פאגראמען אין חברון און אין אלט-שטאט. די צענטראלע גאס איז רחוב רש"י, און איז לעבן די זכרון משה געגנט.

דעם נאמען פון די שכונה איז באזירט אויפן פסוק אין משלי "יְהִי מְקוֹרְךָ בָרוּךְ", ווי אויך אויפן גרויסן עסקן לטובת די פליטים, הרב ברוך אפשטיין, וואס האט דאן ארויסגעגעבן א ספר 'מקור ברוך' וואס שרייבט וועגן זיין טאטען דער בעל ערוך השולחן זצ"ל.

דורכאויס די מלחמה יארן פון תש"ח איז דאס געגנט געווארן נאכגעלאזט, און באוואוינט פון ארעמע משפחות, אין אין די תש"כ יארן איז עס געווארן א פולע חרדי'שע שכונה.

הארט דערנעבן איז דא צוויי קלענערע געגענטער, איינס איז "רוחמה", עס באשטייט פון צוויי גאסן, רח' דוד ילין און רח' מיכל פינס. עס איז געבויט געווארן אין תרפ"ד (1924). אויך איז דא די "כרם" געגנט, וואס האט אנגעהויבן צו ווערן באזעצט נאך אין יאר תר"נ (1890) דורך גאר ארעמע משפחות, היינט צוטאגס איז עס פארבויט מיט גרויסע שיינע בנינים.

פון די באקאנטע גדולי ישראל וואס האבן אמאהל געוואוינט אין די געגענט פון מקור ברוך, מו"ץ הרב רפאל יונה ראם ז"ל, הרב אליהו ראם ז"ל ראב"ד בית דין צדק אשכנזים פרושים בירושלים, הרב אליעזר יהודה פינקל ז"ל ר"י מיר, הרב שמואל אהרן יודלביץ ז"ל, הרב שך זצ"ל, לב שמחה זצ"ל, הרב חיים גריינימן זצ"ל, ועוד. אויך געפינט זיך דארט די קברי אדמור"י גור, די אמרי אמת און די פני מנחם זצ"ל.

מקור ברוך איז פיל בליעה"ר מיט בתי מדרשים, מוסדות התורה, צווישן זיי ישיבת שפת אמת וואס איז דארט אויפגעשטעלט געווארן אין יאר תש"ה, ישיבת פורת יוסף, ישיבת המקובלים שערי שמים, ישיבת מאור התורה, ביהמ"ד הגדול און ת"ת פון חסידי סקווירא, ועוד.



פראכטיגן ארון קודש פון ביהמ"ד דחסידי סקווירא



אוהל פון די אמרי אמת און די פני מנחם זי"ע

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 21

חג הסוכות

ט"ו תשרי תשפ"א

October 3, 2020

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### סוכת של הקב"ה

ויהי בשלם סוכו ומעונתו בציון (תהלים עו, ג). אמר רבי ברכיה מתחלת ברייתו של עולם עשה הקב"ה סוכה בירושלים כביכול שהיה מתפלל בתוכה ואומר יהי רצון מלפני שיהו בני עושין רצוני כדי שלא אחריב ביתי ומקדשי שנאמר ויהי בשלם סוכו ומעונתו.

(מדרש רבה תהלים ע"ו)

### יו"ט שני של גלויות

בחוץ לארץ אינם יכולים לקבל ההארה ביום אחד של יום טוב כמו שמקבלים בארץ ישראל, אלא שצריך להיות יום שני וכו', כי כל יו"ט הוא המשכה והתגלות קדושה עליונה מלמעלה מהזמן לבחינת הזמן, כמאמר מקדש ישראל והזמנים. ולכן עושים אותם יו"ט על דרך את האור כי טוב וכו'. והנה בארץ ישראל שנאמר בה (דברים י"א י"א) ארץ אשר ה' אלוקיך דורש אותה תמיד יכולים לקבל ביום אחד אותו אור כי טוב.

(רמ"ק בספר אור הנערב)

### במקום אשר יבחר

שבעת ימים תחוג לה' אלקיך במקום אשר יבחר (דברים טז, טו). היינו שיהי' כוונת עבודתכם אך על גלות השכינה שיהי' הקב"ה שב במהרה אל ביתו והיכלו ויהי' מנוחתו כבוד במקום אשר יבחר... שיהי' הישועה במהרה לה' אלקיך במקום אשר יבחר לשוב לביתו, וזהו כמ"ש דוד המלך ע"ה (תהלים קד, לד-לה) אנכי אשמח בה' יתמו חטאים בארץ, לעתיד שיהי' הש"י ב"ה במקום אשר יבחר.

(תפארת שלמה, סוכות)

### משפיע לכל העולם

ואחר היות ארץ ישראל שותה בהשגחה מאתו בלי אמצעות שליח ממזלות השמים, אם כן באמת הגשמים שיורדים שם הם העיקר גשמי רצון

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הרה"ח **הרוצה בעילום שמו** הי"ו
לפרנסה בריווח, להצלחה וישוב טוב בארה"ק
יברכך ה' מציון, וראה בטוב ירושלים, וראה בנים לבניך



ביה"ח, בעיה"ק צפת

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר

מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני
#### הפדות והגאולה

**א.** אין מלכים שטייט[1], "כִּי רָאָה ה' אֶת עֳנִי יִשְׂרָאֵל - ווייל דער אייבישטער האט געזעהן דאס אידישעליידן, מֹרֶה מְאֹד - ערגערט זיך זייער, וְאֶפֶס עָצוּר וְאֶפֶס עָזוּב - עס בלייבט קיינער נישט איבער, וְאֵין עֹזֵר לְיִשְׂרָאֵל - עס איז נישטא ווער עס זאל העלפן די אידן, וְלֹא דִבֶּר ה' לִמְחוֹת אֶת שֵׁם יִשְׂרָאֵל - אבער דער אייבישטער האט נישט געזאגט צו פארמעקן די נאמען פון די אידן, מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם - פון אונטערן הימל, וַיּוֹשִׁיעֵם בְּיַד יָרָבְעָם בֶּן יוֹאָשׁ - נאר ער האט זיי געהאלפן דורך ירבעם בן יואש". די מדרש[2] פרעגט אויף דעם פסוק, "וואס איז די גוטסקייט פון ירבעם דא, אז דורך אים זענען אידן געהאלפן געווארן, ער איז דאך געווען אן עובד עבודה זרה, נאר די סיבה איז, ווייל ער האט נישט מקבל געווען לשון הרע אויף דעם נביא עמוס. אין יענעם צייט איז געווען א דור פון עובדי ע"ז, און דער ראש פונעם דור איז אויך געווען אן עובד ע"ז, פונדעסטוועגן דאך, דאס לאנד וואס איך האב צוגעזאגט פאר אברהם יצחק און יעקב אז איך וועל עס געבן פאר זייערע קינדער, גיב דאס איבער אין זיינע הענט, דער וואס האט נישט מקבל געווען לשון הרע. זאגן חז"ל, אז דאס וואס מען האט נישט איבערגעגעבן פאר יהושע בן נון און פאר דוד מלך ישראל, האט מען אים אים יא געגעבן, שנאמר[3], "הוּא הֵשִׁיב אֶת גְּבוּל יִשְׂרָאֵל - ער האט אראפגעשטעלט דעם גרעניץ פון ארץ ישראל", עכ"ל המדרש. זעהן מיר אז ווען דער רצון ה' איז צו העלפען די אידן ווען זיי זענען אין א שטארקע ענגשאפט, העלפט ער זיי אפילו דורך דעם גרעסטן רשע, ווי א עובד ע"ז, נאר אויב מען טרעפט אין אים א מדה פון אהבה און אחדות, וואס דער יסוד פון דעם איז נישט מקבל צו זיין לשון הרע. און דאס וואס מען האט נישט איבערגעגעבן פאר די גרעסטע צדיקים ווי יהושע בן נון און דוד המלך, האט מען איבער געגעבן דעם ירבעם, אפילו ער איז נישט געווען ריין פון זינד אדער ווערט, זיין דור איז אויך נישט געווען ריין און ווערט צו מקבל זיין די ישועה. ווי מיר זעהן אין מדרש הנ"ל.

מיר זעהט אויס אז דער טעם דערפון איז ווי עס שטייט אין די ספורנו[4] אויפן פסוק,[5] "פְּרֵה וּרְבֵה - זאלסט דיך פרוכטבארן און פארמערן", "זאלסט דיך נישט זארגן אז דיינע קינדער וועלן ווערן פארלענדט דורך די גוים, אפילו ווען די קינדער וועלן זיך נישט פירען ווי עס דארף צו זיין, וויבאלד איך בין א ג-ט וואס דארף נישט קיין אנגעגרייטע סבות, איך וועל טוהן דאס וואס איך האב צוגעזאגט אפילו אן א סיבה". עכ"ל. דאס מיינט אז דער אייבישטער דארף נישט צוקומען צו קיין סיבה, ער וועט נאכאלס טוהן וואס ער דארף, אפילו עס איז נישטא קיין שום סיבה מצד דעם התנהגות פון עם ישראל. איך האב געזעהן אינעם ספר[6] "משפטי יעקב" (ער האט געהאנדעלט מיט מעהל, א תלמיד פון הגאון מרן יצחק אלחנן זצ"ל. זוממער תרצ"ז ווען איך בין געווען אין קובנה האב איך באקומען פון אים דעם וואונדערליכן ספר, ער איז א גאון עולם וואס איז א נהנה מיגיע כפו, וואס מען זעהט נישט צופיהל אין די לענדער, זאל דער זכות פון זיין תורה אויף אים מגין זיין אין די שווערע זמנים), שרייבט ער אין די הקדמה, אויף די ווערטער פונעם נביא[7], "כִּי הֶהָרִים יָמוּשׁוּ - ווייל די גרויסע בערג קענען זיך רוקען, וְהַגְּבָעוֹת תְּמוּטֶנָה - און די בערגלעך קענען זיך צופאלען, וְחַסְדִּי מֵאִתֵּךְ לֹא יָמוּשׁ - אבער מיין גענאד פון דיר וועל איך נישט אפטוהן", וויבאלד די חסד ה' ווענדט זיך נישט אפ אין קיין שום סיבה וואס אן דעם סיבה וועט דער אייבישטער נישט העלפן, אזוי ווי בערג וואס זענען אנגעוואנדען אין דעם ערדליכן אפגרונד, וואס אויב וועט דער ערד געבן א ציטער קענען די בערג איינפאלען, ווי מיר זעהן אין די מציאות נאך אן ערד-ציטערניש, ווייל דאס עקזיסטענץ פון די בערג ווענדן זיך אין א סיבה פון טבע, וואס אויב דער סיבה גיט זיך א שאקל, צופאלן זיי, אבער די חסד ה' צו אידן איז אזא זאך וואס ווענדט זיך נישט אין קיין שום אנדערע סיבה, וועגן דעם איז עס לֹא יָמוּשׁ אויף קיינמאהל, דאס האט געמיינט דער פסוק פון כִּי הֶהָרִים יָמוּשׁוּ וכו'. עכ"ד. דאס שטימט גוט מיט דברי ספורנו הנ"ל.

אזוי אויך שרייבט דער מהר"ל אין זיין ספר[8] "נצח ישראל", "אז די אלע הבטחות וואס דער אייבישטער האט אונז צוגעזאגט דורך די נביאים זענען נישט געוואנדן און נישט געבינדען אין קיין שום תנאי אדער ענין, און אפילו מיר טוען ח"ו נישט זיין רצון, וועט ער זיי טוהן פאר אונז", ער איז דארט מער מאריך אין דעם. ווי דער רמב"ם שרייבט אין דעם אגרת תימן, דער אייבישטער האט אונז מבשר געווען, און אונז געשטארקט מיט דעם אז ער פארמיידט זיך צו פארמאוס'ן פון אונז בכלליות, אפילו מיר וועלן אים דערצערענען און עובר זיין אויף זיינע מצוות, ווייל אזוי שטייט אין ירמיה[9], "כֹּה אָמַר ה' - אזוי זאגט דער אייבישטער, אִם יִמַּדּוּ שָׁמַיִם מִלְמַעְלָה - אויב די הימלען פון אויבן קענען ווערן געמאסטען, וְיֵחָקְרוּ מוֹסְדֵי אֶרֶץ לְמָטָּה - און די טיפענישן פון די ערד פון אונטען קען ווערן געפארשט, גַּם אֲנִי אֶמְאַס בְּכָל זֶרַע יִשְׂרָאֵל - אזוי אויך וועל איך מיך פארמאוס'ן פון די אידישע קינדער, עַל כָּל אֲשֶׁר עָשׂוּ - אויף אלעם וואס זיי האבן געטוהן, נְאֻם ה' - זאגט דער אייבישטער", עכ"ל הק'. דער נועם אלימלך[10] שרייבט אויך אזוי ווי די רמב"ם, "בכללות זענען די אידן צדיקים, ווי דער פסוק זאגט[11] "וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים - דיין פאלק, זענען אלע צדיקים", אויב אזוי אפילו עס זענען דא איינצעלנע וואס זינדיגען אמאהל, אבער דאך בכללות זענען אלע בקדושה, עס איז נישטא קיין שטן, אדער פגע רע ביי זיי חלילה, זייער געשטאלט איז שטענדיג ארייגעקריצט אויבן ביים רבוש"ע", עכ"ל. זעהט אויס אז דאס וואס דער נביא גלייכנט צו כלל ישראל צו דאס מעסטן פון די הימלען, איז מרומז אין די ווערטער פון רבינו "נועם אלימלך", וואס שרייבט אז בכללות זענען אידן גאנץ אן קיין שום פגם. וועגן דעם זאגט דער נביא אז פונקט אזוי ווי מען קען נישט מעסטן די הימלען פון אויבן, אזוי אויך קען מען נישט מעסטן דאס שאץ פון עם ישראל וואס זענען ארייגעקריצט אינעם כסא הכבוד פון אויבן, אזוי אויך קען מען זיי נישט נאכפארשן פון אונטען, ווייל זיי זענען די מוסדי הארץ דא אונטען, אפילו בשעת ח"ו זיי טוהן נישט דעם רצון ה'. וויבאלד עס איז אזוי, קענען מיר זיכער זיין אז השי"ת וועט פארווירקליכן זיינע

המשך בדף ב'

[1] מלכים ב יד, כו
[2] ילקו"ש ח"ב רמז רל"ב
[3] מלכים ב יד, כה
[4] פר' וישלח
[5] בראשית לה, יא
[6] רבי אריה לייב קעסטין זצ"ל מקובנה
[7] ישעיהו נד, י
[8] פרק יא
[9] ירמיה לא, לו
[10] פר' דברים
[11] ישעיהו ס, כא

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

וברכה להרבות פירות. גם ארץ ישראל שותה תחלה על צד הזו כי היא מקבלת מן הברכה עליונה ולכל העולם מן השפע הנשפע מן הברכה ההוא שהם שלוחים להנהיג העולם להשקותו.

(הרשב"א חידושי אגדות - תענית י' ע"א)

## ישוב ארץ ישראל

תדע לך שאתה כל רגע תקיים מצוה בארץ ישראל כמו מי שיושב בסוכה.

(הגאון רבי אפרים פישל הערשקאוויטש זצ"ל, אב"ד האליין ודומ"ץ צאנז קלויזנבורג לנכדו שעלה להשתקע בא"י)

## חצות בארץ ישראל

אין ספק שאין כל חצות לכל מדינות דא"כ כל מעת לעת זימנא הוא למעלה שיהיה עת רצון וברור ופשוט שרגע אחד מן כ"ד שעות הוא לבדו עת רצון למעלה.

וע"כ דחצות שהוא בארץ ישראל הוא רצון למעלה כי למעלה הכל נדון לפי ארץ ישראל, היא הארץ אשר תמיד השגחת ה' בה ועץ חיים למעלה וזה השער לה' להשפיע בו כלל האמצעי והכל נדון לפי ארץ ישראל וכל התורה ומצות הכל בארץ ישראל הם עיקר ושם ה' יקרא על ארץ ישראל.

(רבי יהונתן אייבשיץ, יערות דבש ט"ו)

## ארץ ישראל הגשמי

כוונתי כפשוטו: ארץ ישראל הזאת, עם אלו הבתים. היינו שכל כוונתי כפשוטו, שצריך כל איש ישראל לבוא לארץ ישראל הגשמי הזה, שמיושב באלו הבתים והחצרות העומדים שם, בצפת וטבריה ושארי מקומות ארץ ישראל.

(ימי מוהרנ"ת ח"ב, ב)

## מצוה בכל רגע

בילקוט ישעיה (רמז תע"ו) ציון הר קדשי כשם שחייבין עליה (פי' לדור בה) והיא בנויה, כך חייבין על מחיצתה והיא חריבה. והרמב"ן (מצוה ד') מונה במנין המצות ישיבת ארץ ישראל בזמן הזה מצות עשה מן התורה, ולכן ראוי לכל היושב בארץ ישראל לכוין בכל עת שהוא מקיים מצות עשה זו, ואפילו מאה פעמים ביום ובשמחה.

(בגדי ישע פרק א' זמרת הארץ אות ט"ו)

## ארץ ישראל בתנאי

שלשה דברים נתנו על תנאי, ארץ ישראל, בית המקדש ומלכות בית דוד. ארץ ישראל מנין שנאמר (דברים יא) השמרו לכם פן יפתה לבבכם וגו' וחרה אף ה' בכם, בית המקדש מנין שנאמר (מל"א ט) ואתה אם תלך לפני כאשר הלך דוד אביך וגו' והבית הזה יהי' עליון, ואם לאו (שם) כל עובר עליו ישום ושרק, מלכות בית דוד מנין שנאמר (תהלים קלב) אם ישמרו בניך בריתי וגו' ואם לאו (שם) ופקדתי בשבט פשעם.

(ילקוט מלכים ט)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

רייד וואס ער האט אונז צוגעזאגט אין די תורה, נביאים און כתובים, אז ער וועט אונז אויסלייזן פון דעם ביטערן און לעצטן גלות, אזוי ווי מיר זאגן ראש השנה ביי קידוש און ביים דאווענען, "ודברך אמת וקיים לעד", דער בית יוסף שרייבט[12] אויף דעם, אז די ווערטער גייען ארויף אויף די גאולה אז דער אייבישטער וועט פארווירקליכן זיינע רייד אונז אויסצולייזן בקרוב בב"א.

**ב.** דאס אופן פון גאולה, וויאזוי דאס וועט זיין, צו דורך אפענע נסים אדער א נס וואס איז באהאלטן אין טבע, דאס ווענדט זיך אין אונזערע מעשים און אונזערע הנהגות, אויב וועלן מיר זיך פירן בדרך התורה, מיר וועלן מקיים זיין די מצוות וואס שטייט אין די תורה הק', וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה בריש גלוי, מיט א נס נגלה ומפורסם העכער די טבע, אבער אויב ח"ו וועלן מיר זיין אין די בחינה פון אין עושין רצונו של מקום, מיר טוהן נישט וואס דער אייבישטער וויל, דאן וועט די גאולה זיין דורך א נס וואס איז באהאלטן אין די טבע, עס וועט ווערן געמאכט מיט א השתלשלות פון די טבע. ווי מיר זעהן אין די גמרא[13], "אמר רבי אלכסנדרי, רבי יהושע בן לוי האט געפרעגט, עס שטייט אין פסוק[14], "וַאֲרוּ עִם עֲנָנֵי שְׁמַיָּא כְּבַר אֱנָשׁ אָתֵה - און אט מיט וואלקענעס פון הימל, און א מענטש קומט צו גיין", און עס שטייט[15] "עָנִי וְרֹכֵב עַל חֲמוֹר - אן ארעמאן וואס רייט אויף אן אייזל"? זענען די אידן זוכה, וועט זיין עִם עֲנָנֵי שְׁמַיָּא, מיט די וואלקענעס, וועט מען נישט זוכה זיין, וועט זיין עָנִי וְרֹכֵב עַל חֲמוֹר". עכ"ל הגמרא. דאס מיינט אז אויב וועלן מיר זוכה זיין, וועט דאס זיין א נס מפורסם, אויב נישט, וועט עס זיין מיט טבע, דאס מיינט עָנִי וְרֹכֵב עַל חֲמוֹר, חמור מיינט חמריות פון די טבע, אין א בחינה פון עניות, ארעמקייט אן גדלות, ווי עס שטייט אין אור החיים הק'[16], אויך שרייבט ער אזוי אין פר' בלק[17], אז דאס וואס עס שטייט אין זוה"ק אז די גאולה וועט זיין מיט א נס מפורסם, דאס איז דוקא אויב מען וועט זיין אין א בחינה פון 'זכו', אויב וועט מען אבער נישט זיין אין די מצב פון 'זכו', וועט די גאולה קומען בדרך הטבע (איך האב נישט יעצט דעם ספר פאר מיר צו קענען פונקטליך נאכשרייבן לשונו הק'). אין די הגדה "מראה יחזקאל", האב איך געזעהן דער זוהן פון הגאון בעל שו"ת[18] "שערי צדק", ווי ער שרייבט, "ביי די גאולה העתידה, איז דער עיקר אז עס זאל זיין דורך אפענע נסים, ווי עס שטייט אין פסוק[19] "כִּימֵי צֵאתְךָ" וכו'. אבער עס זענען דא וואס זאגן אז עס וועט זיין דורך א נאטירליכע פיהרונג (עיי"ש ווי ער ברענגט דאס אראפ פון פריערדיגע[20]). קען מען זאגן, אז עס ווענדט זיך צו מען איז זוכה אדער נישט. און דאס וואס קומט בדרך הטבע, קומט נישט אויף איינמאהל, נאר צוביסלעך פון צייט צו צייט, עס טוישט זיך פון איין אויסזעהן צו א צווייטע אויסזעהן. למשל, פלאנצונגען פון פירות אין א בוים, דארף האבן צייט און טוישונגען ביז עס ווערט א פרי. אבער ביי די שטעקן פון אהרן הכהן איז אלעס געווען אין איין רגע, אין די בחינה פון 'זכו - אחישנה'[21], דורך נסים גלויים וואס קומט שנעל, אבער אויב איז מען נישט זוכה, וועט אויך זיין די גאולה, אבער בדרך הטבע, און פאר דעם דארף מען צייט פאר די אלע טוישונגען, דאס מיינט 'לא זכו - בעתה', מען דארף צוקומען צו די השתלשלות פון די טבע". עכ"ד.

ממילא, לויט דעם קען מען פארשטיין וואס חז"ל זאגן אין מדרש שוחר טוב[22], "איין פסוק זאגט[23] "מִגְדּוֹל", און איין פסוק זאגט[24] "מַגְדִּיל", אמר רבי יודן, ווייל די גאולה פון דעם פאלק קומט נישט אן אויף איינמאהל, נאר צוביסלעך, און וואס מיינט 'מַגְדִּיל', אז עס פארגרעסערט זיך מער און מער פאר עם ישראל, ווייל זיי געפונען זיך יעצט אין גרויסע צרות, און אויב וועט די גאולה פאסירן אויף איינמאהל, וועלן זיי נישט קענען דערהאלטן די גרויסע ישועה וואס וועט קומען צוזאמען מיט געפעהרליכע צרות, וועגן דעם קומט עס צוביסלעך, און שטערקערט זיך מער און מער, וועגן דעם איז די גאולה צוגעגליכנט צו די שחר, ווייל עס איז נישטא קיין גרעסערע טינקעלקייט ווי די שעה פאר עס ווערט צופרי, אויב וועט דער זון אויפשיינען אויף איינמאהל, וועלן די באשעפענישן פארברענט ווערן, דערפאר קומט קודם אויף דער עמוד השחר און שיינט אויף, דערנאך קומט צו גיין די זון און באלייכט די וועלט און עס שאדט נישט פאר קיינעם, ווי דער פסוק זאגט[25], "וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם". עכ"ד. די מדרש רעדט פון די גאולה אז עס וועט זיין בדרך הטבע, דארף עס זיין צוביסלעך אז עס זאל נישט שאטען, אזוי ווי דאס אויפשיינען פון די זון, און אין די צייט וואס מיר זענען נישט זוכה, מוז זיין חבלי משיח מיט גרויסע צרות, וואס דאס קען נישט אלעס זיין אויף איינמאהל נאר צוביסלעך, ווי מיר האבן געזעהן אינעם אוה"ח הק' הנ"ל, ווי אויך אין רש"י[26], וזה אמת וברור.

---

[12] או"ח סי' תקפ"ב
[13] סנהדרין צח, ע"ב
[14] דניאל ז, יג
[15] זכריה ט, ט
[16] ויקרא כה, כז, עי' גם בראשית מט, יא
[17] במדבר כד, כז
[18] רבי מנחם מענדל פאנעט זצ"ל
[19] מיכה ז, טו
[20] יעב"ץ בספרו אור החיים, ורבנו סעדיה גאון
[21] סנהדרין צח, ע"א
[22] פרק יח
[23] שמואל ב כב, נא
[24] תהלים יח, נא
[25] סנהדרין צז, ע"ב

לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## קרית ברסלב

צפת

די קהילה 'נחל נובע מקור חכמה' איז געגרונדערט געווארן אין יאר תשכ"ז דורך הצדיק הרב גדלי' אהרן קעניג זצ"ל א תלמיד פון הצדיק ר' אברהם שטערנהארץ זצ"ל. ער האט אויפגעטוהן געוואלדיגע זאכן כדי צו אויפוועקן די תורה'דיגע לעבן אין צפת און אין די גליל בערג.

די ארטיגע מוסדות התורה זענען נתייסד געווארן דורך זיין זוהן הרה"צ ר' אלעזר מרדכי קעניג זצ"ל און געפירט געווארן ביז זיין פטירה בשנת תשע"ט, עס ווערט יעצט געפירט בנשיאות פון זיין ברודער הרה"ג ר' נתן אפרים קעניג שליט"א. די קהילה ציילט בערך פיער הונדערט משפחות בליעה"ר, די צענטער פון די קהילה איז אין קרית ברסלב נאנט צום בית החיים אין צפת. די קריה האט מען אנגעהויבן צו בויען אין תשל"א און אין תשל"ב האבן די ערשטע פינף און זעכציג משפחות זיך דארט אריינגעצויגן.

די קריה האט א הערליכע גרויסע בית הכנסת וואס איז פארטיג געווארן אין יאר תשס"ג און שטייט אונטער דעם אלטען בית הכנסת האר"י. פון דעם ביהמ"ד איז דא א שיינעם נוף צו די בערג פון מירון.

ווי אויך פארמאגט די קריה מקוואות, כוללים, ישיבות, היכל הספרים, א גרויסע תלמוד תורה "מגן אבות", און מיידל-שולע "דרך יהודית", חתונה זאלען, און נאך. ווי אויך באקומען טויזענטער יערליכע אידישע באזוכער און טוריסטען הדרכות און צומאהל זייער ערשטע באגעגעניש מיט א ווארימע תורה וועג פון לעבן.

די הייליגע שטאט צפת האט נאך זוכה געווען צום באזוך פון רבי נחמן מברסלב זצוק"ל, און דערנאך זיין תלמיד רבי נתן זצ"ל, און שפעטער פיל חסידי ברסלב האבן באוואוינט די שטאט, ווי רבי נתן ב"ר נחמן, רבי ישראל קרדונר, רבי סנדר מטירוביץ, רבי שמואל הורביץ, רבי ישראל דוב אודעסער זכר צדיקים לברכה, און נאך.



קרית ברסלב אין צפת



בית הכנסת הגדול דחסידי ברסלב

בעזהשי"ת

# בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 22
**שמיני עצרת**
כ"ב תשרי תשפ"א
October 10, 2020

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### מצות התלוים בארץ

...ובדבר הזה תאריכו ימים על האדמה כו', פי' כי כאשר תעשו התו"מ בדרך הזה להאיר מכם אותיות התורה, אזי ההכרח יהי' שתהיו שרוים בארץ ישראל כדי שתוכלו לקיים גם מצות התלוים בארץ כדי שלא יחסר ממנין תרי"ג מצות, כי בזמן הגלות לא נשאר לנו רק מעט ממנין המצות, ואיך תאירו האותיות בתורה, אם לא רק כאשר תהיו שרוים בארץ כנ"ל.

(תפארת שלמה, לשמחת תורה)

### פירות א"י

והנה שבח א"י זבת חלב ודבש, אם שהוא כפשוטו בלי ספק מכל מקום זה התואר מורה עוד קדושת הארץ ופירותיו כי הם מולידים קדושה בנפש האוכל אותם ומוסיף אהבה ודבקות בה'... ורמז לדבר: זבת חלב ודבש, סופי תיבות אותיות "שבת", כי בכל מאכליה קדושה כמו סעודת שבת.

(חתם סופר, חולין קמב ע"א)

### כל הדר

כל הדר בארץ ישראל דומה וכו' (כתובות ק"י ע"ב), ולכאורה לשון דומה תמוה, דאם כן חס ושלום מעלת חוץ לארץ גדולה מארץ ישראל ותירץ כי הדר בחוץ לארץ אפילו יש בידו תורה ומצות כיון שחסר ממנו מצות ישיבת ארץ ישראל דומה וכו', לפי שחוץ לארץ תחת ידי השרים והמזלות בכח השם יתברך. אבל הדר בארץ ישראל אפילו אין בידו רק מצות ישיבת ארץ ישראל, מכל מקום על כל פנים דומה כמי שיש לו אלוה, כיון שהוא מושגחת בכבודו ובעצמו.

(הפלאה כתובות שם)

### עליה לרגל

אין פירות גינוסר בירושלים, כדי שעולי הרגל לא יאמרו, אילו לא באנו אלא בשביל לאכול מפירות

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הרה"ח **שלום ברוך יהודה לעבאוויטש** הי"ו
לעילוי נשמת ולזכר הצדיק האלוקי
רבי **נחמן** בן **פייגא** זצוק"ל מברסלב זי"ע ועל משפ' ועכ"י
יומא דהילולה י"ח תשרי תקע"א



רחוב יפו, ירושלים עיה"ק Credit @ruchyl_photography

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי יששכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

אזוי אויך זאגט די ירושלמי אין מס' יומא[27] און אין מס' ברכות[28], רבי חייא רבה און רבי שמעון בן חלפתא זענען געגאנגען צוזאמען פארטאגס אויפן וועג אינעם טאל פון ארבל, ווען די עלות השחר האט אנגעהויבן שיינען, האט רבי חייא רבה געזאגט צו רבי שמעון בן חלפתא, אזוי וועט זיין די גאולה של ישראל, צוביסלעך צוביסלעך, ווי מער זי גייט אלס שטערקער ווערט עס. וואס איז די טעם, ווי די פסוק זאגט[29] "כִּי אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ ה' אוֹר לִי - אפילו איך זיץ אין טינקעלקייט, איז דער אייבישטער א ליכטיגקייט צו מיר". אזוי וועט זיין דער אנהייב[30] "וּמָרְדֳּכַי יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ", און נאכדעם[31] "וַיִּקַּח הָמָן אֶת הַלְּבוּשׁ" וכו', און נאכדעם[32] "וַיָּשָׁב מָרְדֳּכַי", און דערנאך[33] "וּמָרְדֳּכַי יָצָא מִלִּפְנֵי הַמֶּלֶךְ", און ערשט דערנאך וועט זיין דעם[34] "לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה", ע"כ. אזוי אויך זעהן מיר אין מדרש רבה אויפן פסוק[35] "מִי זֹאת הַנִּשְׁקָפָה כְּמוֹ שָׁחַר - ווער איז דער וואס קוקט אראפ פון הר הבית, און זעהט אויס ווי דער זון אויפגאנג פונעם מארגן" וכו', אזוי וועט זיין די גאולה של ישראל, עס וועט זיך אנהייבן צוביסלעך, צוביסלעך וכו', עיי"ש. אזוי אויך שטייט אין זוהר[36] אויפן פסוק[37] "שַׁלְּחֵנִי כִּי עָלָה הַשָּׁחַר - שיק מיר אוועק ווייל דער מארגען קומט שוין אויף", רבי יהודה האט געזאגט[38], מִי זֹאת הַנִּשְׁקָפָה כְּמוֹ שָׁחַר - ווער איז דער וואס קוקט אראפ פון הר הבית, און זעהט אויס ווי דער זון אויפגאנג פונעם מארגן, יָפָה כַלְּבָנָה - ער איז שיין ווי די לבנה, בָּרָה כַּחַמָּה - ליכטיג ווי די זוהן, אֲיֻמָּה כַּנִּדְגָּלוֹת - פארכטיג ווי די פילע פענער פון א מיליטער", דעם פסוק האבן מיר שוין אדורך געלערנט, אבער ווער איז דער וואס קוקט אראפ? דאס זענען די אידן, ווייל אין די צייט וואס הקב"ה וועט זיי וועלן ארויסנעמען פון גלות, וועט ער פאר זיי עפענען א דינע עפענונג פון ליכטיגקייט גאר קליין, דערנאך אביסעל א גרעסערע עפענונג פון די פריערדיגע, ביז הקב"ה וועט פאר זיי עפענען די אלע הימלישע טויערן פון אלע פיער זייטן פון די וועלט וכו'. אזוי ווי א מענטש וואס זיצט אין די טונקעלקייט, ער האט שטענדיג געוואוינט אין חשכות, ווען מען וויל אים ליכטיג מאכן, דארף מען אנהייבן מיט א קליינע ליכטיגקייט אזוי ווי א שפיץ פון א נאדעל, און דערנאך אביסל גרעסער פון דעם וכו'. דאס זעלבע איז מיט די אידן, ווי דער פסוק זאגט[39] "מְעַט מְעַט אֲגָרְשֶׁנּוּ - צוביסלעך, צוביסלעך וועל איך זיי פארטרייבן" וכו', אבער מיט די אידן וועט זיין אז זייער ליכטיגקייט וועט זיך צוביסלעך פארמערן, ביז זיי וועלן זיך שטארקן און דער אייבישטער וועט זיי באלייכטען די וועלט, און יעדער וועט פרעגן אויף זיי 'מִי זֹאת הַנִּשְׁקָפָה כְּמוֹ שָׁחַר', שחר מיינט דער פרימארגן, דאס איז די טינקעלקייט הארט פארן אויפשיינען דעם אור פון דערפרי', דאס איז א גאר קליינע ליכטיגקייט, דערנאך וועט זיין 'יָפָה כַלְּבָנָה', ווייל די ליכטיגקייט פון די לבנה איז שטערקער ווי די שוואכע ליכטיגקייט פון שחר, און דערנאך 'בָּרָה כַּחַמָּה' וואס איר ליכטיגקייט איז פיל מער ווי פון די לבנה, און נאכדעם 'אֲיֻמָּה כַּנִּדְגָּלוֹת' וואס מיינט א פולע און שטארקע ליכטיגקייט, קוקט און באטראכט אז ווען דער טאג איז נאך טינקעל, און דאס ליכטיגקייט איז נאך פארדעקט, און דער מארגן וויל אנהייבן צו טאגן, וועט עס אנהייבן צוביסלעך ביז עס וועט דערגרייכן די ריכטיגע ליכטיגקייט, אזוי אויך ווען הקב"ה וועט נתעורר ווערן צו לייכטען אויף כנסת ישראל, וועט זיך עס אנהייבן אזוי ווי די שחר וואס איז נאך טינקעל, דערנאך אביסעל ליכטיגער ווי די לבנה, און דערנאך אזוי ווי די זון, און נאכדעם 'אֲיֻמָּה כַּנִּדְגָּלוֹת', עכ"ל הזוהר הק'.

אינעם פיוט פונעם צווייטען שבת נאך פסח[40], זאגט מען "קץ השלישי לדניאל נעטר - די ענדע פון דעם דריטן גלות איז געווארן אנטפלעקט פאר דניאל, וקץ הרביעי מכל עין נסתר - און דער ענדע פון דעם פערטען גלות איז פון יעדן אויג פארהוילן". אזוי אויך שטייט אין ספרי זוטא[41], עס ווערט געברענגט אין ילקוט[42]. עס רעדט פון די דריטע און פערדע קץ, דעם דריטן קץ איז אויף אזא אופן אז מיר זענען עוסק אין די גאולה מיט די רשות פון די פעלקער, וואס דאס איז אן הכנה פאר די פערדע גאולה וואס איז פארהוילן פון א יעדעם. אזוי זעהן מיר אין זוהר[43], אז די פיר גאולות וועלן זיין אנטקעגן די פיר כוסות פון פסח. ווי אויך אין זוהר פר' ויקהל[44], עיי"ש. און אין מדרש תנחומא[45] שטייט, אז דאס קומט אונז לערנען אז ווען דער אייבישטער וועט זיך אנטפלעקן צו די אידישע קינדער, וועט ער זיך נישט אנטפלעקן אויף איינמאהל, ווייל אויב יא קענען אלע שטארבען, מען וועט נישט קענען אויסהאלטן די טובות, וועגן דעם וועט ער זיך מגלה זיין צוביסלעך. און אין זוהר הק' שטייט[46], ווען כנסת ישראל וועט זיך אומקערן צו איר פלאץ, וועט זיך די שכינה צוריקקערן צו איר פלאץ אין ציון. עיי"ש. זעהן מיר אז קודם דארפן זיך אידישע קינדער צוריקערן צו זייער ארט אין ארץ ישראל, ערשט נאכדעם וועט אויך דער אייבישטער זיך צוריקערן. דער "כלי פז"[47], און דער "בעל שתי ידות", און רבינו בחיי[48] שרייבן אויף דעם פסוק[49] "וַעֲצַת מַלְאָכָיו יַשְׁלִים - די עצה פון זיינע שליחים וועט דער אייבישטער צוענדיגן", אז נישט השי"ת וועט עס אנהייבען, נאר ערשט נאך וואס די אידן וועלן זיך צוריקערן צו זייער לאנד וועט דער אייבישטער עס משלים זיין. דאס מיינט דער פסוק 'וַעֲצַת מַלְאָכָיו' דאס זענען די נאטירליכע סיבות וואס זענען שליחים פונעם אייבירשטען, ווי דער "מנורת המאור" שרייבט אין א דרוש אויף שבועות[50], דעמאלטס וועט דער אייבישטער משלים זיין זייערע פעולות, אזוי ווי מיר זעהן פון די דריי אויבנדערמאנטע מקובלים.

האבן אונזערע חכמים שוין מבאר געווען אין די דערמאנטע פלעצער, נישט אזוי ווי אסאך פון אונז שטעלן זיך פאר און טראכטען אז משיח וועט אנקומען פלוצלינג ווי א פארפלייצענדע טייך, פון טונקעלקייט צו א שטארקע ליכטיגקייט, אלעס אויף איינמאהל. די עליות וועלן זיין צוביסלעך, פון איין מדרגה צו א גרעסערע מדרגה, ווען מען וועט זיך צוגעוואוינען צו איין מדרגה וועט מען ארויפגיין צום קומענדע מדרגה העכער פון די פריערדיגע, ביז מען וועט

המשך בדף ב'

---

[27] פרק ג', הלכה ב
[28] פרק א', הלכה א
[29] מיכה ז, ח
[30] אסתר ב, כא
[31] אסתר ו, יא
[32] אסתר ו, יב
[33] אסתר ח, טו
[34] אסתר ח, טז
[35] שיר השירים ו, י
[36] פר' וישלח
[37] בראשית לב, כו
[38] שיר השירים ו, י
[39] שמות כג, ל
[40] ד"ה שנותינו
[41] במדבר פרק ז, פסוק פד
[42] פר' נשא סי' תשיז
[43] פר' פנחס דף רנב
[44] דף ריז
[45] פר' דברים
[46] פר' בשלח
[47] ישעיה סימן מה
[48] עי' כד הקמח אות נ, נחמו
[49] ישעיה מד, כו
[50] נר שלישי, כלל ד, חלק ה

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

גינוסר דיינו, ונמצאת עלייה שלא לשמה.

(פסחים ח ע"ב)

## פירות גינוסר

כינרת, זו גינוסר, ולמה נקרא שמה כינרת, דמתיקי פירא כקלא דכינרי.

(מגילה ו ע"א)

## שם הנקודה של אמת

ובתחילה העיקר לחזק האמונה שמאוד רבה קדושת הארץ, ולשמוח את עצמו בשמחה זו שהוא יושב שם בארצות החיים, ושם שער השמים, והבא לטהר באמת שם הנקודה של אמת, שמסייעת אותו ואחר שקדושתה רבה, על כן נופל העבודות מהאדם הבא בתחילה לשם, כי זה בבחינת עולם חדש, ועובר עליו עיבור יניקה ומוחין.

(יסוד העבודה מכתבי קודש ל')

## להתגבר על המניעות

אשרינו שהשם יתברך היטיב עמנו מאד שזכינו לקדושת ישראל. ואמר שיש לו שמחה גדולה על שזכה להיות בארץ ישראל. כי כמה מניעות וכמה בלבולים וכמה מחשבות וכמה עכובים וסכסוכים היה לו על ענין הנסיעה לארץ ישראל, ומניעות מחמת ממון. והוא קפץ על כולם וגמר העבודה בשלמות והיה בארץ ישראל.

(שיחות הר"ן י"א)

## שמות הארץ

ארץ ישראל ארבע שמות, ארץ ישראל, ארץ הצבי, ארץ חיים, ארץ קדושה, ר"ת יצח"ק. וזה שאמר השם יתברך ליצחק (תנחומה תולדות פ"ו) אין חוץ לארץ כדאי לך. וסופי תיבות מיל"ה, וזה סוד הכתוב (ישעיה ס' כ"א) ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ, כמבואר בזוהר הקדוש (לך) מאן דאתגזר אית ליה חולקא בהאי ארץ.

(עטרת שלמה)

## ירושלים של מטה

והקב"ה נשבע שלא יבא בירושלים של מעלה עד שיבאו ישראל בעיר שחוברה לה יחדיו ירושלים של מטה. ומלכותו לא תגלה ולא תראה עלינו עד שישובו ישראל לארץ. זהו אומרו: ר' ברכיה אמר אהבה שאהב הקב"ה לישראל ונשבע שלא יבא בירושלים של מעלה ציון אור למושב לו, זהו עיכוב גאולתנו בעוה"ר. מדת הדין מעכבת עד שישובו ישראל לארץ כדי שישוב הקב"ה לירושלים של מעלה.

(כתבי הרב יהודה אלקלעי ח"ב עמ' 469)

## בנין ביהמ"ק

אמר ר' אחא זאת אומרת שביהמ"ק עתיד להבנות קודם למלבות בית דוד דכתיב ודם ענב תשתה חמר.

(ירושלמי פ"ה דמע"ש ה"ב)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

צוקומען צו די גרעסטע מדרגה, דורך דעם וואס מען האט זיך שוין צוגעוואוינט צו די אלע טרעפ פונעם לייטער פון ביז יעצט און צוביסלעך. ווייל די עליה פון איין רגע פון איין עק ביזן צווייטן עק, א חוץ פון דעם אז עס איז ווייט פון די מציאות, וועל אידן נישט קענען אויסהאלטן די פוהל גוטס, פונקט אזוי ווי א קראנקע מענטש וואס היילט זיך פון א שווערע און מסוכנ'דיגע מחלה, קען ער נישט אויפאיינמאהל מקבל זיין צופיל עסן און תענוגים צוליב זיין שוואכקייט, און אזוי ווי א מענטש וואס זיצט אין א טונקעלע שטוב, אויב וועט מען אים פלוצלינג עפענען א שטארקע ליכטיגקייט, וועט ער נישט קענען הנאה האבן פון דעם גרויסן אור, ווי די ירושלמי און די זוה"ק האבן אראפגעברענגט דעם משל. אזוי איז אויך ביי גאולתן של ישראל, וואס וועט קומען נאר במדרגה, און נישט אויף איינמאהל. דער טעם פאר דעם טראכט איך, איז ווי עס שטייט אין מדרש רבה[51], אז דער אייבישטער זאגט, אויב קוק איך מיך אום אויף די מעשים פון די אידן, וועלן זיי קיינמאהל נישט ווערן אויסגעלייזט, אויף וועם קוק איך יא, אויף די אבות הקדושים, עכ"ל. אזוי אויך שרייבט רבינו דער גאון פון ווילנא אין זיין ספר "אבן שלמה"[52], אז די גאולה וועט נישט זיין דורך תשובה, נאר וועגן זכות אבות, ווי מיר זאגן אין שמו"ע "וְזוֹכֵר חַסְדֵי אָבוֹת וּמֵבִיא גוֹאֵל לִבְנֵי בְנֵיהֶם". וויבאלד דורך אונזערע מעשים וועלן מיר נישט זיין ראוי צו די גאולה, וועט עס נישט זיין דורך א נס נגלה, נאר מיט א נס וואס איז מלובש אין טבע, וועגן דעם קען עס נישט קומען אויף איינמאהל נאר צוביסלעך, ווי איך האב שוין פריער געשריבן.

קען זיין וועגן דעם האבן די נביאים אנגערופן משיח צדקינו מיטן נאמען "צמח", ווי עס שטייט[53] "הִנְנִי מֵבִיא אֶת עַבְדִּי צֶמַח", "אִישׁ צֶמַח שְׁמוֹ וּמִתַּחְתָּיו יִצְמָח"[54], "וַהֲקִמֹתִי לְדָוִד צֶמַח צַדִּיק"[55]. אזוי אויך זאגן מיר ביים דאווענען "אֶת צֶמַח דָּוִד עַבְדְּךָ מְהֵרָה תַצְמִיחַ". דאס איז ע"פ דרך ווי דער גאון שרייבט אינעם ספר "עזרת כהנים"[56] בשם די "שלטי גבורים", אז וועגן דעם ווערט זרובבל אנגערופן "צמח"[53] [54], ווייל זיין דערהויבנקייט איז געווען אזוי ווי א שפראצונג פון דער ערד וואס וואקסט ארויס צוביסלעך, אזוי אויך איז זיין התעלות געווארן מער און מער, אבער צוביסלעך ביז עס איז געוואקסן גאר הויעך", עכ"ל. וועגן דעם ווערט אויך משיח אנגערופן 'צמח', ווייל זיינע מעלות, ווי אויך די מעלות פון אידישע קינדער וועלן זיך דערהייבן צוביסלעך מער און מער, אזוי ווי די צמח פון די ערד. זעהן מיר פון דעם אז די גאולה העתידית וועט שפראצען בדרך הטבע, דאס מיינט א נס באהאלטן אין טבע, דארפן מיר צוקומען צו די השתלשלות פון די טבע וואס פאסירט שטייטלעך און נישט אויף איינמאהל. אזוי ווייזט אויך אויס פון וואס איך האב אראפגעברענגט אין פרק א' פונעם מהר"ל און פונעם יעב"ץ, וועגן די טעם פון חבלי משיח, וואס ווייזט אויף דעם חסרון פאר די התגלות פון הוי'. דער יעב"ץ האט אראפגעברענגט זיין ראי' צו דעם פון די גמ' אין מס' תמורה[57], וואס רעדט פון א ביצה 'דכי קא מסרח קא גביל'. דאס מיינט אז ער האט צוגעשטעלט אונזער גאולה צו די טבע פון אן איי וואס איז מסריח פאר עס ווערט פארטיג צו ארויסברענגן דעם אפרוח, אזוי אויך די גאולה וועט קומען בדרך הטבע. זיי מדייק אין די ווערטער, ווייל אלעס וואס איך האב אראפגעברענגט ביז יעצט זענען אמת'ע הקדמות, אלעס פון די ריינע קוועלער פון רבותינו בעלי ש"ס, זוהר, ירושלמי און מדרש. גדולי חכמינו ווי דער מהר"ל און דער יעב"ץ וואס זענען געווען בעלי רוח הקודש.

**ג.** נאכדעם וואס איך האב מבאר געווען אז אונזער גאולה אויף וואס מיר ווארטן ארויס אזוי שטארק, וועט פאסירן צוביסלעך פון מדרגה צו מדרגה, קענען מיר פארשטיין די ווערטער פונעם חת"ס אין די דרשות[58], אז מען פארשטייט פון די ווערטער פונעם רמב"ם[59] אז די אידן וועלן זיך צוזאם זאמלען קודם אין ארץ ישראל פאר ביאת משיח אפילו אן דאס בויען פון א ביהמ"ק. עיי"ש. אזוי אויך האב איך געטראפן אינעם ספר "שבילי אמונה" פונעם אייניקל פון דעם רא"ש[60], ווי ער שרייבט בשם המדרש[61], אז פאר די גאולה וועלן זיך צוזאמנעמען אסאך אידן צו וואוינען אין ארץ ישראל און זיך דארט באזעצן פון די פיר עקן פון די וועלט, און אזוי ווי עס וועלן זיך דארט באזעצן אסאך אידן און זיי וועלן מרבה זיין צו דאווענען בהר הקודש וועט דער אייבישטער צוהערן זייערע תפילות און מקרב זיין די קץ הגאולה, עיי"ש. דער גאון און צדיק רבינו ר' הלל מקאלאמייע אין תשובות[62] "בית הלל" ברענגט אים אראפ, און דורך דעם צופלאמט ער זיך דארט שטארק אין א בריוו צום גאון ר' זלמן שפיצער פון וויען, אז ער זאל רעדן מיט בארון ראטשילד אז ער זאל זיך ארייןלייגען דערין און זאל דאס שטיצן מיט זיין פארמעגן, ווייל צו אזא זאך דארף מען צוקומען צו די אידישע עשירים.

המשך בגליון הבא אי"ה

[51] שמות פר' טו, אות ד
[52] פרק יא, אות ט
[53] זכריה ג, ח
[54] זכריה ו, יב
[55] ירמיהו כג, ה
[56] מדות פרק ג, משנה ח
[57] דף לא, ע"א
[58] דרוש לכ"ז אלול תק"פ
[59] סנהדרין פר' א, משנה ג
[60] רבי מאיר אלדבי זצ"ל, נתיב עשירי פרק א
[61] ילקו"ש ח"ב רמז תתפח, תנחומא פר' נח, יא
[62] סי' לא

לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### הר המנוחות

גבעת שאול, ירושלים

די בית הקברות איז באנייט געווארן בשנת תשי"א ביים צפון-מערב זייט פון גבעת שאול און העכער דעם כביש 1. פון תש"ח האט מען נישט געקענט באגראבן אויפן הר הזיתים, האט מען באגראבן פאר א שטיק צייט אין גבעת רם, אדער אין סנהדרי' און דערנאך אין הר המנוחות.

פיר חברה קדושות זענען דארט אקטיוו, קהילת ירושלים, פרושים, חסידים, און עטליכע ספרדי'שע חברות. א באקאנטע חלקה איז די חלקת הרבנים, ווי טויזענטער אידן זענען פוקד יערליך דעם ציון פונעם בעלזער רב מהר"א זצוק"ל. צווישן אנדערע גדולי ישראל וואס ליגן אין די חלקה זענען, רבי משה פיינשטיין זצ"ל, טשעבינער רב זצ"ל, רבי אהרן קאטלער זצ"ל, טשאבא רב זצ"ל, ועוד.

אויך אן אנדערע חלקת הרבנים וואס דארט ליגן, רבי שלמה וואלבע זצ"ל, הרב נתן מאיר וואכטפויגל זצ"ל, הרב אלישיב זצ"ל, ועוד.

א קליינע טייל פון גדולי ישראל און תורה פערזענליכקייטן וואס ליגן דארט זענען, דער חיד"א זצ"ל, רבי זעליג ראובן בענגיס זצ"ל ראב"ד עדה החרדית, רבי צבי פסח פראנק זצ"ל רבה של ירושלים, רבי עמרם בלוי זצ"ל, בעל הסולם זצ"ל, רבי מנחם זעמבא הי"ד זצ"ל, רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל, רבי מאיר שפירא זצ"ל, רבי יצחק כדורי זצ"ל, הרב עזרא עטיה זצ"ל, בעל ציץ אליעזר זצ"ל, מאטערסדארפער רב זצ"ל, רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל, רבי ישראל אדעסער זצ"ל, רבי יצחק זאב הלוי סולובייטשיק בריסקער רב זצ"ל, פיטסבורגער רבי זצ"ל, נדבורנער רבי זצ"ל, עהרלויער רב זצ"ל, הרב מרדכי אליהו זצ"ל, הרב נתן צבי פינקל ר"י מיר זצ"ל, ר' שלמה קארליבאך זצ"ל, ר' נח וויינבערג זצ"ל פון אש התורה, און נאך פיל אנדערע.

א באקאנטע קבר איז פון די צדיקת "מרים די וועשערקע" ווי אידן זענען געהאלפן געווארן מיט זש"ק נאכן מתפלל זיין דארט.

כהנים ווערן נקבר אפגעטיילט ביים זייט פון די וועגן אז די משפחה זאלן קענען שטיין ביי די זייטן און נישט דארפן אריינגיין אינעם ביה"ח. אויך איז דא פלאץ ווי עס ווערן באגראבן די אומצאליגע קוויטלעך וואס ווערן געלייגט ביים כותל המערבי.

דעם בית החיים איז לעצטענס געווארן פארברייטערט און ענטהאלט היינט צוטאגס איבער הונדערט טויזענט קברים. אויך זענען דא חלקות ווי מען באגראבט בדרך כוכין ווי בזמן הבית, און נאך אנדערע מנהגים.



א קליינע טייל פונעם גיגאנטישען בית החיים

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצובראנגן שבח ארץ ישראל

גליון מס' 23
בראשית
כ"ט תשרי תשפ"א
October 17, 2020

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### ברצונו נתנה לנו ארץ ישראל

בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ. פירש רש"י: מה טעם פתח בבראשית, משום (תהלים קיא ו) כֹּחַ מַעֲשָׂיו הִגִּיד לְעַמּוֹ לָתֵת לָהֶם נַחֲלַת גּוֹיִם. שאם יאמרו אומות העולם לישראל, לסטים אתם שכבשתם ארצות שבעה גוים, הם אומרים להם, כל הארץ של הקב"ה היא, הוא בראה ונתנה לאשר ישר בעיניו, ברצונו נתנה להם, וברצונו נטלה מהם ונתנה לנו.

(רש"י, בראשית א, א)

### נחלת גוים

רש"י מביא הפסוק כֹּחַ מַעֲשָׂיו וגו' ...הכי משמע מן הפסוק כח מעשיו פי' דהוא מעשה בראשית ולכך הגיד לעמו משום שרצה לתת להם נחלת גוים דבשביל אברהם שהבטיחו הקב"ה שיתן לזרעו את ארץ כנען (והירושה היא משכר מצות וחשובה כמצות) וא"כ צריך להודיע שהבריאה הוא כח מעשיו.

(שפתי חכמים, בראשית א, א)

### תחיית מתים בצפת

ואמר לנו רבי שמעון בר יוחאי, שבזמן תחית המתים יקומו כל המתים לתחיה בצפת תובב"א ששם עתיד המלך המשיח להופיע ראשונה, ומשם ילכו כולם יחד לירושלים תובב"א, וילמדו את סודות התורה הקדושה. ובפרט הזה, יש לצפת יתרון על שאר ערי הארץ, כי שוכנת במקום גבוה ואוירה צח ודק.

(ילקוט מעם-לועז בראשית עמוד תשצו)

### ירושלים של מטה חביבה לו יתברך

כי דבר ידוע כי מצינו להקב"ה שבחר לשכון בערפל, וחבב לשכון בתוכנו. ועוד לו שמצינו (תענית ה.) כביכול שנשבע שלא יכנס לירושלים של מעלה עד שיכנס לירושלים של מטה הרי זה

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הרה"ח **הרוצה בעילום שמו** הי"ו
לעילוי נשמת זקינו הגה"צ אב"ד טשאבא-ירושלים
רבי **שרגא שמואל** בן רבי **ברוך יהודה שניצלער** זצוק"ל
יומא דהילולה כ"ז תשרי תש"מ



נמל ים כינרת בטבריה

Credit @ruchyl_photography

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

אין מדרש רבה[63] ווערט געברענגט אזא מעשה, אז אין די צייט פון רבי יהושע בן חנניא האט דער קעניג געגעבן רשות ארויפצוגיין קיין א"י און בויען דעם ביהמ"ק, האט ר"י בן חנניא געשטעלט צוויי גרויסע עשירים וואס זאלן צושטייערן הוצאות פאר דעם. עיי"ש. שרייבט הגה"צ ר' הלל אינעם בריוו, ווער פון עם ה' וועט נישט גליסטען צו נעמען א חלק אין דאס בויען פון ארץ ישראל.

א חשוב'ע רב האט מיר מעורר געווען פון רש"י אויף תהלים[64] וואס ער שרייבט אויף די פסוקים[65] "כִּי אֱלֹקִים יוֹשִׁיעַ צִיּוֹן - דער אייבישטער וועט העלפן ציון, וְיִבְנֶה עָרֵי יְהוּדָה - און אויפבויען די שטעט פון יהודה, וְיָשְׁבוּ שָׁם וִירֵשׁוּהָ - און מען וועט זיך דארט באזעצן און איר ירש'נען. וְזֶרַע עֲבָדָיו יִנְחָלוּהָ - די קינדער פון זיינע קנעכט וועלן איר ארבען, וְאֹהֲבֵי שְׁמוֹ יִשְׁכְּנוּ בָהּ - און די וואס ליבן זיין נאמען וועלן רוהן אין איר". אויך אויפן פסוק[66] "לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד לְהַזְכִּיר", זאגט רש"י, לְהַזְכִּיר איז א לשון פון תפילה. און מדרש תהלים[67] שטייט, "משל צו א קעניג וואס איז געווארן אין כעס אויף זיינע שאף, האט ער צובראכן דעם שטאל, און ארויסגעשיקט דעם פאסטעך מיט די שאף, נאך א שטיק צייט האט ער צוריקגענומען די שאף, צוריק אויפגעבויט דעם שטאל, אבער ער האט נישט געדענקט פון דעם פאסטעך. האט דער פאסטעך געזאגט, די שאף זענען שוין צוריק, די שטאל איז שוין געבויט, אבער פון מיר געדענקט מען גארנישט. אזוי אויך די פסוק 'כִּי אֱלֹקִים יוֹשִׁיעַ צִיּוֹן וגו' וְאֹהֲבֵי שְׁמוֹ יִשְׁכְּנוּ בָהּ' די שטאל איז שוין געבויט, די שאף פארזאמעלט, אבער דער פאסטעך איז נישט דערמאנט, וועגן דעם שטייט 'לְדָוִד לְהַזְכִּיר', עכ"ל. דוד האט מתפלל געווען אז ער זאל אויך זיך צוריקקערן צו זיין פלאץ. זעהן מיר דא קלאר אין רש"י, אז קודם וועלן די אידן צוריק גיין קיין ארץ ישראל און איר אויפבויען, נאך פאר ביאת דוד, ביז דוד וועט בעטן פון השי"ת, אז ער וויל אויך צוריק גיין. דאס איז א ראיה נפלא צו די ווערטער פון רבנו הרמב"ם הנ"ל.

נראה לי אז די טעם איז, ע"פ די ווערטער פון חת"ס[68], ווי ער שרייבט אז די תכלית פון אונזערע שוועריקייטן איז דאס פארשפרייטונג און גלות פון עם ישראל, ווייל אפילו אויב וואלט די ביהמ"ק חרוב געווארן אבער מיר וואלטן געבליבן אין ארץ ישראל, וואלט נישט געווען אזוי געפעהרליך, ווי דער רמב"ם שרייבט[69] אז ווען מען האט געהרג'עט גדליה בן אחיקם, האט זיך פארלאשן דאס אידישע פלאם און מיר זענען בעוה"ר פארטריבן געווארן אין גלות, עיי"ש. איך האב שוין פריער אראפגעברענגט פון חז"ל, זוהר, מדרש און ירושלמי, אז די גאולה וועט זיין צוביסלעך און נישט אויפאיינמאהל, וועגן דעם דארף זיין א קיבות גליות אין ארץ ישראל פאר די ריכטיגע גאולה, כדי קודם זאל מען ארויסגיין פון דעם עיקר שלעכטס, וואס איז דאס פיזור און גלות, צו א מיטעלע שלעכטס וואס איז נאר דאס חורבן ביהמ"ק, אבער די אידן זענען צוריק אויף זייער ארט, און נאכדעם וואס מיר וועלן זיין צוריק פארזאמעלט אין ארץ ישראל, וועט זיין א תקווה און האפענונג צו אונזער גלות ענדע, אזוי ווי דער חת"ס שרייבט, אז נאך די קיבוץ גליות וועט דארט ווערן שלום צווישן זיי און עס וועט זיך אויסלאזן מיט א גוטע ענדע. און דורך די שלום צווישן זיי וועלן זיך די אידן צוריקקערן לגבולם, און די ביהמ"ק וועט צוריק אויפגעבויט ווערן, עס וועט מער נישט זיין די שנאה צווישן זיי ווי עס איז געווען ביים צווייטן ביהמ"ק. עיי"ש ווי ער איז מאריך בדבריו.

איך קען צולייגן צו דבריו הק', און מבאר זיין וויאזוי וועט דאס קיבוץ גליות פארווירקליכט ווערן אין ארץ ישראל אפילו אן בנין ביהמ"ק, און דאס פארוויניגערן דעם פיזור פון גלות. אפילו עס איז נישט מעגליך צוזאם נעמען אלע אידן קיין ארץ ישראל, ביז מיר וועלן זוכה זיין אז די לאנד וועט זיך צושפרייטן ווי די הויט פון א הערש, און אריינעמען אין זיך אלע אידען, ווי חז"ל זאגן[70] אז ארץ ישראל איז צוגעגליכענט צו א הערש כידוע. אוודאי וועלן איבער בלייבן אידן איבער די וועלט ביז ווען משיח וועט קומען צו איינזאמלען אלע איבערגעבליבענע אידן קיין א"י. ווי דער רמב"ן שרייבט[71] אויפן פסוק[72] "נְאֻם ה' אלוקים - אזוי זאגט דער אייבישטער, מְקַבֵּץ נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל - דער וואס זאמעלט איין די פארשטופטע אידן, עוֹד אֲקַבֵּץ עָלָיו - איך וועל אים נאך פארזאמלען, לְנִקְבָּצָיו - צו די וואס זענען שוין פארזאמעלט געווארן". אז קודם וועט מען צוזאם זאמלען אסאך אידן פון דער וועלט אבער נישט א יעדן, און ערשט נאך מלחמת גוג וועט זיין דאס וואס שטייט 'עוֹד אֲקַבֵּץ עָלָיו לְנִקְבָּצָיו', עס וועט זיין דאס צווייטע און ענטגילטיגע צוזאמזאמלונג צו די וואס זענען שוין דארט פארזאמעלט. זעהט אויס, אז דאס אז עס וועט זיין א קיבוץ ישראל אין ירושלים און אין ארץ ישראל, וועט דאס ווערן די צענטער פאר אלע אידן בכלל, אז אפילו די אידן וואס וועלן בלייבן אין גלות, וועט זייער אויגן און הארץ זיין אין ארץ ישראל, זיי וועלן זיין געקניפט און געבינדען מיט זייער גאנצע נשמה צום צענטער וואס וועט זיך גרינדען אין ארץ ישראל, ביז דאס וועט יעדן פאראייניגן צוזאמען מיט די אידן פון גולה, אזוי אז זייער פיזור וועט שוין נישט הייסן א פארשפרייטונג, ווייל מיר וועלן אלע זיין אנגעבונדען מיט דעם מרכז הכללי פון ארץ ישראל. משא"כ יעצט, וואס מיר זענען ווי פארשפרייטע סטאדע, ווי א פארלוירענע שאף צווישן די פעלקער, קיין איינער איז נישט בשתפות מיט א צווייטן איד, עס איז ווי אפגעריסענע אברים וואס וואלגערן זיך ארום אין אלע מקומות אן קיין שום פאראייניגונג מיט'ן פרט, וכל שכן מיט'ן כלל. וועגן דעם, איז דאס ליידער א ריכטיגע פיזור און עס איז גאר ביטער ר"ל, מיר זענען ממש הפקר ווי די פיש אין ים, ווי מיר זעהן אין די לעצטע שווערע יארן, ווי יעדער נידעריגער פארשוין קען אונז טשעפענען, און טוהן מיט אונז וואס זיין הארץ באגערט פון שפלות און רציחות אן א גבול, אן באקומען אן עונש פאר וואס ער טוט מיט אונז, ווייל דער רוצח האט נישט פאר וועם אפצוגעבן א דין וחשבון אויף זיינע שלעכטע מעשים. משא"כ אויב וועלן מיר גרינדען א מרכז כללי, א צענטער פון אידן אין ארץ ישראל, און אונזער רעספעקט וועט זיך הייבן אין די אויגן פון די פעלקער, מיר וועלן ווערן פארעכנט ווי א

המשך בדף ב'

[63] תולדות פר' סד, אות י
[64] פרק ע
[65] תהלים סט, לו-לז
[66] תהלים ע, א
[67] פר' ע
[68] דרשות חת"ס, ח"ג ד"ה והנה בכל
[69] הל' תענית פר' ה, הלכה ב
[70] כתובות קיב ע"א
[71] פי' על שיר השירים, פר' ח, יג
[72] ישעיה נו, ח

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצובריינגען שבח ארץ ישראל


**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

מגיד שחביבה לו של מטה יותר משל מעלה, גם כשנשכיל בטעם בריאת כל העולם נדע כי העיקר הם התחתונים שהם עמו ונחלתו.

(אוה"ח, בראשית א, ה)

## ארץ ישראל חשובה

עיין עטרת זקנים א"ח קס"ז ס"ב אות ד' המוציא לחם מן האר"ץ בורא פרי האדמה יע"ש, והעולה מדבריו ארץ הוא ארץ ישראל חשובה, ואדמה הוא עב ומגושם וכה"א עד לא עשה אר"ץ וחוצות. ואמרו עידה א"י תוציא גלוסקאות.

(תיבת גמא, בראשית)

## בחר בנו

והשי"ת בחר בשבת להיות מתגלה בו הקדושה לעדות הנ"ל בזמן. ובחר בבנ"י להיות מתגלה בהם הקדושה להיות עדות על הנפש. ובא"י ובהמ"ק להיות עדות על המקום. כי נמצא האור בהם. ורק החטאים מעכבים ומחשיכין כדאיתא לתת שכר טוב לצדיקים שמקיימין העולם כו'.

(שפת אמת, בראשית תרמ"ח)

## ארץ ישראל הקדושה

וכן בבחי' מקומות בזה העולם יש גבוה מעל גבוה, היינו בחינת חוצה לארץ מקבל בחינת קדושה מבחינת ארץ ישראל, וגבוה מזה בחינת ירושלים ובחינת מקדש עד בחינת קודש הקדשים, וכל שיש בו יותר בחינת קדושה יש בו יותר בחינת דין וממשיך אור וקדושה לתחתון ממנה. והנה משה רבינו ע"ה התאווה מאוד ליכנס לבחינת א"י לבחינת הקדושה עד בחינת קודש הקדשים כדי להמשיך אור וקדושה מאותן הבחינות על ישראל.

(בת עין, בראשית)

## פירות ארץ ישראל

אמר רבי אבא אין לך קץ מגולה מזה, "ואתם הרי־ישראל ענפכם תשאו ופריכם תתנו לעמי ישראל", פירש רש"י - כשתתן א"י פריה בעין יפה אז יקרב הקץ ואין לך קץ מגולה יותר.

(סנהדרין צ"ח ע"א)

## לקבוע דירה בא"י

ומצוה גדולה על הבנים להשתדל בכל מאדם ובכל נפשם למעבד ניח רוחא לאביהם ולאמם להסיעם לארץ ישראל, כי כבוד זה גדול מאלפי זהב וכסף. וכן איש את אחיו יעזרו ברב עז ותעצומות אם אח בין האחים רוצה לקבע דירתו בארץ ישראל. מה טוב ומה נעים שבת אחים עזרתה לו, כי אחיו בשרו הוא, וכתיב (ישעיה נח ז) "ומבשרך אל תתעלם", וגדול המעשה.

(פלא יועץ י"ב)

## ברכת הארץ

כי ברך יברכך ה' בארץ (דברים טו) מגיד שאין הברכה תלויה אלא בארץ.

(ספרי ראה)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

חשוב'ע פאלק, ווי דער מדרש[73] זאגט אויפן פסוק[74] "הָבוּ לַה' מִשְׁפְּחוֹת עַמִּים - ברענגט צום אייבירשטען, משפחות פון די פעלקער, הָבוּ לַה' כָּבוֹד וָעֹז - ברענגט צום אייבירשטען מיט כבוד און שטארקייט", נישט דורך א בזיון נאר מיט כבוד, עיי"ש. אפילו די אידן וואס וועלן בלייבן אין חו"ל, וועלן נישט בלייבען אויף הפקר אן קיין אחריות. ווער עס וועט וועלן שלעכטס טוהן פאר אידן וועט וויסן אז עס איז דא ווער עס וועט זיך פאר זיי אננעמען און פארלאנגען א דין וחשבון אויף זייערע מעשים, אזוי וועלן זיי ענדערש בלייבן מיט א 'שב ואל תעשה' און גארנישט טוהן. קומט אויס אז דורך דעם פארזאמלונג וואס וועט ווערן אין א"י, וועט גרינגער ווערן אפילו פאר אידן וואס וועלן בלייבן אין חוץ לארץ, זה אמת וברור. אויך וועט דאס גורם זיין א קיבוץ פון די הערצער פון אלע אידן אפילו די וואס זענען בגולה, עס וועט ווערן שלום צווישן אונז, און מיר וועלן דערגרייכן דעם גוטע ענדע און האפענונג, צוצוקומען דורך דעם צו די גאולה שלמה בב"א.

**ד.** נאך קען איך זאגן, אז אויב עס וועט זיין דער רצון הבורא דורך זיינע שלוחים דא אונטען, צו מאכן א קיבוץ ישראל אין א"י, ווי דער אברבנאל שרייבט אינעם ספר[75] "משמיע ישועה", אז "די נס וועט פאסירן דורך די גוים אליין", עכ"ל. אזוי אויך שרייבט מהריב"ח (אין די הקדמה צום עין יעקב), אז השי"ת וועט אריינגעבן אין די הארץ פון די קעניגן צו אנערקענען דעם אמת, עיי"ש. אפילו פאר דאס בויען פון דעם בית המקדש קען נאך ארץ ישראל אריינעמען אין זיך אלע אירע קינדער, אויב זיי וועלן נאר וועלן ארויפגיין, און עס וועט קיינער נישט בלייבן אין די גלות לענדער.

איך וועל מקדים זיין דברי רבינו הרמ"ע מפאנו[76], ווי ער ווערט געפרעגט אויף דעם וואס עס שטייט אין די גמרא[77], אז די חכמים האבן צומאהל גערעדט אין א לשון הבאי, גוזמא'דיגע לשונות. איז שווער, ווייל מיר האבן געלערנט אז אפילו די שמועסען פון חז"ל דארף מען אדורך לערנען, איז וואס איז די לימוד וואס מען קען לערנען פון די גוזמא'דיגע ווערטער? איז די ענטפער אז נישט נאר די חכמים האבן אזוי גערעדט, נאר אויך די תורה אליין, ווי מיר זעהן אין פסוק[78] "עָרִים גְּדֹלֹת וּבְצוּרֹת בַּשָּׁמָיִם - גרויסע שטעט און פעסטונגען אין די הימלען", ווי אויך די נביאים האבן גערעדט אזוי ווען מען האט געזאלבט שלמה המלך[79], "וַתִּבָּקַע הָאָרֶץ בְּקוֹלָם - די ערד האט זיך געשפאלטן מיט זייער קול", רבותינו ז"ל האבן שוין דאס מפרש געווען, אז 'עָרִים גְּדֹלֹת וּבְצוּרֹת בַּשָּׁמָיִם, מיינט פשוט כמשמעו, פעסטונגען אין די הימלען, אז די הימלישע שרים פון די זיבעציג פעלקער גייען נישט אריין אין די לופט פון א"י. אויך קענען מיר זאגן אז די ווערטער 'וַתִּבָּקַע הָאָרֶץ בְּקוֹלָם' אז מיר ווייסן אז א"י קען זיך צוזאמלייגן און איינדרייען אזוי ווי עס שטייט[80] "הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה שֹׁכֵב עָלֶיהָ - די לאנד וואס דו ליגסט אויף איר", און אמאהל צושפרייט זיך די לאנד ווי עס שטייט[81] "וְרָחֲבָה וְנָסְבָה לְמַעְלָה - עס האט זיך געברייטערט און געדרייט אויף ארויף", וועגן דעם ווערט א"י גערופען ארץ הצבי[82], אזוי אויך ביי מלכות שלמה האט זיך די ערד געשפאלטען און זיך דערברייטערט במציאות אויף יענעם צייט, וויבאלד ער איז געווען עתיד צו זיצן על כסא ה'. אזוי אויך זעהן מיר בדברי חז"ל, ווי זיי זענען מבאר אז איבעראל ווי די חכמים האבן גערעדט בלשון הבאי, איז נישטא קיין דברים בטלים אין זייערע ווערטער, עס איז דברים לשבח, די ווערטער "הנה **ברכו את ה'** איז די ראשי תיבות **הבא"י**, איז זיכער אז זייערע שמועסען דארף ווערן אדורך געלערנט בלי ספק, עכ"ד. קען איך צו לייגן צו דבריו הק', אז עס שטייט אין פסוק[83] "ויהי בימי שלמה ישראל כחול הים - אין די טעג פון שלמה זענען די אידן געווען אזויפיל ווי די זאמד פונעם ים בארטן", וועגן דעם האט געמוזט זיין אז ארץ ישראל זאל זיך פארברייטערן צו די לענג און ברייט.

זעהן מיר אז וויבאלד עס האבן זיך פארזאמעלט אידן לרוב, האט זיך די לאנד פארברייטערט אפילו נאך פאר בנין ביהמ"ק, ווייל דאס לאנד קען זיך פארברייטערן און אויך פארקערצערן לפי דעם צורך פונעם זמן. זעה די הגהות ר' יוסף שאול אויף די משנה אין מס' אבות[84], "א מענטש האט זיך נישט אפגערעדט אז ירושלים איז אים ענג געווען", איז די כוונה אז וויבאלד ארץ ישראל איז ארץ הצבי, אז אזוי ווי ווען מען נייט אויף א קלייד פאר א קליין קינד פארנייט מען אריין די עקן, אז ווען דאס קינד וועט אויפוואקסן וועט מען עס קענען ארויסלאזן, אזוי אויך דאס לאנד, אויב די אידן זענען נישט דארט, איז עס קלענער, און דאס איז א סימן אז ארץ ישראל איז שייך פאר די אידן. איז ווען די אידן האבן עולה רגל געווען איז דאס לאנד געווארן פארברייטערט, און דאס איז געווען א גרויסע נס, עכ"ד.

המשך בגליון הבא אי"ה

---

[73] ילקו"ש ח"ב רמז תתלח
[74] תהלים צו, ז
[75] דף כה
[76] רבי מנחם עזרא מפאנו זצ"ל, נולד ש"ח, נפטר ד' אב ש"פ
[77] תמיד כט ע"א
[78] דברים א, כח
[79] מלכים א, א, מ
[80] בראשית כח, יג
[81] יחזקאל מא, ז
[82] דניאל יא, טז, יחזקאל כ, ו, כתובות קיב ע"א
[83] ע"פ מלכים א ד, כ - יְהוּדָה וְיִשְׂרָאֵל רַבִּים כַּחוֹל אֲשֶׁר עַל הַיָּם
[84] פר' ה משנה ח

# לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## עמק החולה

צפון ארץ ישראל

יארן צוריק איז די טאהל געווען פיל מיט קליינע טייכען און זומפען. אין די תש"י יארן האט מען די טייכען און זומפען פארטריקענט און צוגעגרייט די ערד פאר פעלדער. אבער נאכדעם וואס מען האט פארשטאנען אז די טייכן האבן אויסגעפעלט פאר די ארומיגע געגנט, און דאס אויסטריקענען האט פאראורזאכט פיל שאדן, די ערד איז געווארן גאר שטארק אויסגעטריקענט און געשאדט צו די פלאנצונגען, האט מען עס צוריק אנגעפילט אין די תש"נ יארן.

אין די געגנט פון עמק החולה איז דא איין גרויסע שטאט 'קרית שמונה', א מושבה 'יסוד המעלה' און נאך א צוואנציג קלענערע מושבים און קיבוצים.

די טייכן ווערן דערמאנט אין חז"ל אלס 'ימא דחולתא' אדער 'ימא של חילתא'. אויף די מערב זייט איז די טאהל ארומגענומען מיט די בערג הרי נפתלי, און פון די מזרח זייט די בערג פון רמת הגולן, און פון צפון זייט די בערג פון חרמון. די וואסערן פליסען פון די חרמון בערג דורך דעם נחל חרמון, צו די נחל שניר און נחל דן, ביז עס דערגרייכט דעם עמק החולה, און פון דא הייבט זיך אן דעם שפיץ פון נהר הירדן וואס פליסט ווייטער ביז דעם ים כנרת.

עס איז דא דארט נאטוראלע גאז קוועלער, וואס מען קען זעהן לעבן דעם 'אגמון החולה'. ווי אויך זענען דא פילע פרישע וואסער קוועלער אין די געגענט. צווישן זיי איז די קוואל עין זהב, וואס שטעלט צו וואסער צו דעם וואסער פאבריק 'נביעות'.

די טאהל איז פיל מיט טויזענטער ערליי געוואוקסען, ווי אויך בעלי חיים, א חוץ די פיש, דרייען זיך דארט זומפ-קעץ, ווילדע חזירים, צענדליגע מינים פון קריכעדיגע שרצים, פרעש, באפעלא און נאך.

איינע פון די גאר אונטערסאנטע זאכן וואס מען זעהט דארט איז דאס אויסוואנדערונג פון איבער א האלב ביליאן פייגלען פון צענדליגע מיני עופות, וואס ציען זיך אריבער פון אייראפע קיין אפריקע פאר די קאלטע ווינטער טעג, און דערנאך אויף זייער רייזע צוריק. עס ציעט טויזענטער באזוכער און פייגל-מבינים פון די גארער וועלט.

ווען די פייגלעך זענען דארט אין מאסען איז דאס א וואונדערליכע ערשיינונג אין נפלאות הבורא וואס לאזט איבער די באזוכער אין גאר א שטארקע רושם פון "מה רבו מעשיך ה'".



די הערליכע נוף פון די טייך אין עמק החולה

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 24
נח
ו' חשון תשפ"א
October 24, 2020

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגען ארויס די מעלות פון א"י

### אין שר על ארץ ישראל

אשר תחת כל השמי"ם. אפשר השמים שבכאן הכוונה על השרים העליונים, וכל הארצות הם תחת שרים, מה שאין כן ארץ ישראל לא נמסרה תחת יד שר רק הוא לחלק השכינה. וזה יורה בכאן דייקא כל ההרים אשר תחת כל השמי"ם, היינו תחת ידי שרים ממונים, מה שאין כן ארץ הקדושה לא גושמה ביום זעם (יחזקאל כב כד, ב"ר פל"ג ו').

(אגרא דכלה, פר' נח)

### בנין ירושלים

ומה נשבע שהוא בכבודו בונה אותה שנא' (תהלים, קמז) בונה ירושלים ה' נדחי ישראל יכנס, א"ר שמואל בר נחמני מסורת אגדה היא שאין ירושלים נבנית עד שיתכנסו הגליות, ואם יאמר לך אדם שכבר נתקבצו הגליות ולא נבנית ירושלים אל תאמין למה שכך כתיב בונה ירושלים ואחר כך נדחי ישראל יכנס, אמרו ישראל לפני הקדוש ברוך הוא רבש"ע לא כבר נבנית ירושלים וחרבה, אמר להם על ידי עונותיכם חרבה וגליתם מתוכה אבל לעתיד לבא אני בונה אותה ואיני הורס אותה לעולם שנא' (תהלים, קב) כי בנה ה' ציון נראה בכבודו.

(תנחומא, פר' נח)

### הקליפה אינה שולטת בארץ ישראל

יש כיסוי ומסך פרוכת סביב לארץ ישראל שהיא שומרת הגבולים האלו שלא תתפשט הקליפה ומגרש כל זר מתוכה, ואפילו שארץ ישראל חרבה ושממה מפעולות החצונית הזאת שהיא בעל החרבן, עם כל זה אינה שולטת בארץ ישראל אלא החריבה ונתגרשה ועמדה ארץ ישראל אפילו בעת חורבנה נקייה וברה מאין זר בתוכה.

(חסד לאברהם, מעין ג, נהר ג)

### לדרוש בשלומה

ילמוד להשתדל לעשות תיקון לישוב ארץ ישראל, ולקרב התועלת ליושביה, וידרוש בשלומה, ויחזיק ביד יושביה, וכן ישתדל להיות מתושביה.

(בן איש חי, בן יהוידע בבא קמא ל ע"א)

המשך בדף ב'




שער של חצר קבר רשב"י במירון

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

באמת די ווערטער פון די גאונים זענען מפורש אין מדרש רבה[85] אויפן פסוק[86] "כִּי יַרְחִיב ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת גְּבוּלְךָ - ווען דער אייבישטער וועט פארברייטערן דיין גרעניץ", איז אפשר אז הקב"ה וועט פארברייטערן ארץ ישראל? האט רבי יצחק געזאגט, א מענטש ווייסט נישט וואס איז די לענג אדער ברייט פון אן איינגעדרייטע מגילה, אבער אז ער עפנט עס אויף אינגאנצן ווייסט ער וויפול עס איז. אזוי אויך ארץ ישראל, רוב פונעם לאנד זענען פיל מיט בערג און טאלען, ווי דער פסוק זאגט[87] "וְהָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתֶּם עֹבְרִים שָׁמָּה - דאס לאנד וואס איר גייט אריבער דארט, לְרִשְׁתָּהּ - איר צו ירשנ'ען, אֶרֶץ הָרִים וּבְקָעֹת - איז א לאנד פון בערג און טאלען... אֶרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ דֹּרֵשׁ אֹתָהּ תָּמִיד - דאס לאנד וואס דער אייבישטער זיכט איר שטענדיג נאך, עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ וגו' - די אויגן פונעם אייבירשטען איז שטענדיג אויף איר". הקב"ה וועט גלייך מאכן דאס לאנד, פון ווי ווייסן מיר דאס, נאר ווי דער פסוק זאגט[88] "כָּל גֶּיא יִנָּשֵׂא - א יעדע טאהל וועט דערהויבן ווערן, וְכָל הַר וְגִבְעָה יִשְׁפָּלוּ - און א יעדע בארג וועט דערנידערט ווערן, וְהָיָה הֶעָקֹב לְמִישׁוֹר - די געדרייטע וועט גלייך ווערן, וְהָרְכָסִים לְבִקְעָה - און די הויעכן וועלן ווערן ווי טאלן", דעמאלטס וועט מען וויסן ווי גרויס איז די מאס פון ארץ ישראל, עכ"ל. זעהסטו פון דעם אז די ווערטער פון רבותינו הנ"ל זענען נכלל אין די ווערטער פונעם מדרש, אז ווען אידן וועלן וואוינען אין ארץ ישראל וועט מען געוואר ווערן די גרויס, אז עס איז אן א גבול און אן א מאס, אלעס ווענדט זיך לויט די צאהל פון אידן וואס וואוינען דארט, לויט דעם וועט זיך עס צושפרייטן און דערברייטערן בכל עת ובכל זמן. אויב אזוי, דאס אז א"י איז קליין אין די טעג, זאל נישט זיין קיין צוריקהאלט אויף אונזער צוריקקומען, ווייל עס וועט זיך עפענען ווי א מגילה, און זיך פארשפרייטן אין די לענג און די ברייט לפי צורך פון אונזער התישבות, עס וועט נישט זיין ענג פאר די איינוואוינער. זעה אין תשב"ץ[89], אז אויך אין זיין צייט ווען מען איז זיך דארט צוזאמגעקומען אויף שבועות האט פאסירט אזא נס, אויך זעה אין חת"ס[90].

**ה.** לאמיר צוריקגיין צום פריערדיגן ענין, דאס וואס איך האב אויפגעוויזן אז אויב די גאולה וועט געשעהן אין די בחינה פון 'לא זכו', וועט עס געשעהן דורך דרך הטבע, און אלעס וואס פאסירט בדרך הטבע, געשעהנט נישט אויפאיינמאהל, נאר אלעס ווענדט זיך אין צייט, עס טושט זיך צוביסלעך, מענין לענין, ביז עס ענדיגט זיך צו צום גמר הדבר. אזוי דער גאון רבי מענדעלע ז"ל פון דעעש האט מסביר געווען, אז דאס וואס חז"ל האבן געזאגט[91] "לא זכו - בעתה" (אז אויב איז מען נישט זוכה, וועט די גאולה קומען אין איר צייט), דאס מיינט אין איר באשטומטע צייט, ווי אלע ווירקונגען פון די טבע, ביז עס ענדיגט זיך איר נאטירליכע ווירקונג בשלימות.

איך האב מיר יעצט דערמאנט, אז עס איז דא א ראיה צו זיינע ווערטער פון רש"י אויף די גמרא[91] וואס איך שוין פריער אראפגעברענגט, "רבי יהושע בן לוי האט געפרעגט, עס שטייט וועגן די גאולה[92] "בְּעִתָּהּ - אין איר צייט, אֲחִישֶׁנָּה - וועל איך עס צואיילן", נאר אויב איז מען זוכה וועט זיין אֲחִישֶׁנָּה, אויב איז מען נישט זוכה איז בְּעִתָּהּ. זאגט רבי אלכסנדרי, רבי יהושע בן לוי האט געפרעגט, עס שטייט אין פסוק[93], "וַאֲרוּ עִם עֲנָנֵי שְׁמַיָּא כְּבַר אֱנָשׁ אָתֵה - און אט מיט וואלקענעס פון הימל, און א מענטש קומט צו גיין", און עס שטייט[94] "עָנִי וְרֹכֵב עַל חֲמוֹר - אן ארעמאן וואס רייט אויף אן אייזל"? זענען די אידן זוכה, וועט זיין עִם עֲנָנֵי שְׁמַיָּא, מיט די וואלקענעס, ווערט מען נישט זוכה זיין, וועט זיין עָנִי וְרֹכֵב עַל חֲמוֹר". איז רש"י מפרש דארט, "עִם עֲנָנֵי שְׁמַיָּא - מיט שנעלקייט. לא זכו רֹכֵב עַל חֲמוֹר - ווי אן ארעמאן וואס רייט אויף אן אייזל מיט פוילקייט", עיי"ש. אזוי ווי מיר האבן גערעדט, אז אויב איז מען זוכה וועט זיין א נס נגלה און שנעל אויף איינמאהל, וואס דאס מיינט עִם עֲנָנֵי שְׁמַיָּא, דאס ווייזט אויף א כח פון הימל. אבער אז עס וועט זיין לא זכו, דעמאלטס וועט ער קומען מיט די חומריות פון טבע, דאס מיינט רֹכֵב עַל חֲמוֹר, ער וועט קומען מיט עצלות, ווייל אלעס וועט זיך דרייען לויט די השתלשלות פון די צייט וואס וועט זיך טוישן צוביסלעך, לויט די טבע, פון איין ענין צום צווייטן ענין ביז עס וועט זיך ענדיגן. אזוי ווי עס איז געווען אין די צייטן פון עזרא, ווי חז"ל האבן געזאגט, "זיי וואלטן געווען ראוי עס זאל געטוהן ווערן מיט זיי א נס, אבער דער חטא האט גורם געווען אז נישט. דאס מיינט אז אין די טעג פון עזרא, וויבאלד די זינד האט גורם געווען אז זיי זאלן נישט זיין אין די בחינה פון 'זכו', האט זייער גאולה געמוזט זיין באהאלטען אין טבע מיטן רשות פון מלכות פרס, וועגן דעם איז זייער ישועה נישט געקומען אויף איינמאהל נאר צוביסלעך, קודם זענען די אידן ארויף, ערשט נאך אכצען יאר האט מען געבויט דעם בית המקדש, דערנאך האט נחמיה געבויט דעם מויער פון די שטאט. זעהן מיר אז וויבאלד עס איז געקומען זייער ישועה בדרך הטבע, האט עס פאסירט שטייטלעך, זיי זענען נישט געווען ראוי פאר א נס נגלה אויף איינמאהל. אזוי אויך איז ביי די לעצטע גאולה, וואס בעוונותינו הרבים זענען מיר אין א בחינה פון לא זכו, ווי איך האב אראפגעברענגט פון מדרש[95], אז דער אייבישטער האט געזאגט, אויב וועל איך קוקען אויף זייערע מעשים, וועלן זיי קיינמאהל נישט ווערן אויסגעלייזט, ע"כ מוז עס זיין בדרך הטבע, און קומען צוביסלעך.

דאס איז אן ענטפער צו יעדן געשריי פון אדונינו ורבנו, הגאון הקדוש דער בעל מנחת אלעזר[96] זצ"ל פון מונקאטש, אויף דעם ענין פון זיך באשעפטיגען מיט ישוב און בויען פון ארץ ישראל, וואס איך בין אויך געווען פון זיינע נאנטע מענטשען. איך ווייס אז זיין טעם איז געווען ווייל ער האט געוואלט אז אלעס זאל פאסירן מיט נסים און נפלאות, און ווער עס איז עוסק אין דעם איז כופר אין די גאולה וואס וועט זיין בדרך נס, און אלע זיינע ספרים זענען פיל דערמיט[97], וועגן דעם האט ער אזויפיל געשריגן דערוועגן. אבער ער האט מיט זיין גרויסע מדרגה דן געווען די וועלט אין די בחינה פון 'זכה', אזוי ווי ער אליין איז געווען. אבער באמת, די לעצטע דור בעוונותינו הרבים איז אין א בחינה פון 'לא זכו', דערפאר וועט די גאולה קומען בדרך הטבע. ווי איך האב אראפ געברענגט פונעם אוה"ח הק' וואס ער שרייבט

המשך בדף ב'

---

[85] פר' ראה, פר' ד, אות יא
[86] דברים יב כ
[87] דברים יא, יא-יב
[88] ישעיהו מ, ד
[89] חלק ג', סוף סי' רא
[90] יו"ד סי' רלד
[91] סנהדרין צח ע"א
[92] ישעיהו ס, כב
[93] דניאל ז, יג
[94] זכריה ט, ט
[95] שמו"ר פר' טו, אות ד
[96] רבי חיים אלעזר שפירא זצ"ל, נולד תרל"ב, נפטר תרצ"ז
[97] שו"ת מנחת אלעזר חלק ה' סי' יב

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל



בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## בטחון בה' הדר בא"י

כתיב בישעיה (נ"ז י"ג) והחוסה בו ינחל ארץ וירש הר קדשו, הכתוב הזה בא להודיענו כמה גדלה מעלת הבטחון בו יתברך שהיא צריכה לעבודת ה' יותר מכל המידות, ובפרט הדר בארץ ישראל בימים האלה בזמן הזה... וחס ושלום להסיר בטחונו מהשם יתברך, וידע נאמנה כי הכל בידו יתברך.

(שער החצר קט"ו)

## לשון הקודש בארץ הקודש

כי נודע כי לשון הקודש הוא עץ חיים וממקום קדוש יבוא והוא לשון המיוחד לארץ ישראל לשון קודש ארץ קודש והוא לשון עברי.

(יערות דבש ח"א)

## לדרוש בארץ ישראל

ת"ר אין מעברין את השנים אלא ביהודה ואם עברוה בגליל מעוברת, העיר חנניה איש אוני אם עברוה בגליל אינה מעוברת, א"ר יהודה בריה דר"ש בן פזי, מ"ט דחנניה איש אוני אמר קרא (דברים יב)**לשכנו תדרשו ובאת שמה**, כל דרישה שאתה דורש לא יהיו אלא בשכנו של מקום.

(סנהדרין יא)

## לשכון בארץ הקודש

זאת אשיב אל לבי להשיב מפני הכבוד לכל שואל ומבקש לשכון כבוד בארץ הקדושה מודעא רבה לידע ולהודיע את הארץ מה היא. אמרו רבינו ז"ל במדרש שוחר טוב בפסוק רצית ה' את ארצך כו'. הקדוש ברוך הוא הופך ומהפך ומסתכל ונותן עיניו בה עד שתרצה את מעשיה. הנה כמה היפוכים וגלגולים ומארעות עידן ועידנין יחלפו על כל אחד מבאי הארץ עד כי מתדיר ליה בה ורצה את אבניה ואת עפרה יחונן ואוהב חורבות שבארץ ישראל מפלחין שבחוץ לארץ ופת חריבה וכו' וכיוצא בהם. ולא לקלים המרוץ לא יום ולא יומים לא חדש ולא שנה כי אם ברבות השנים עד יעברו ימי הקליטה קולטתו בחיים במקלט ישב עולם לפני אלקים כמה שכתוב איש ואיש יולד בה רצה לומר כל הבא אל הקדש צריך מחדש עיבור ויניקה וקטנות וכו' עד פנים בפנים יראה פני הארץ ונפשו קשורה בנפשה. הנה כי כן מאן דאתי ואייתי תלמודו בידו במה שהורגל כל אחד ואחד לפי מדותיו לא מתדר ליה בתחילה בכאן ממש דעתו מטורפת עליו טרף יטרף באין פנות אל המנוחה ואל הנחלה יעלה שמים ירד תהומות כאני' המטרפת בים ומטריד את אחרים בענייניו ובמעשיו. והנהגותיו הי תורה והי מצוה מה דהוה לא הוה עד ישים תהלה בארץ והשם יתברך מראה לו פנים אז ישקוט וינוח לו והוא דבר שאין לו קצבה וארך הזמן ואיך וכמה ומתי לכל אחד לפי ענייניו ולפי מעשיו ולפי שורש נשמתו.

(פרי הארץ ר' מנחם מנדל מוויטבסק זצ"ל, מכתבים, י"ז)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

אזוי בפירוש[98], אז אויב איז מען נישט זוכה וועט עס זיין בדרך הטבע. און אלעס וואס איך האב אראפ געברענגט פון רבותינו חז"ל, פון מדרש, זוהר, און ירושלמי ווייזט אזוי, אז ער וועט קומען צוביסלעך, אזוי ווי יעדע זאך וואס פאסירט דורך טבע, ווי איך האב שוין קלאר געמאכט פריער באריכות, על כן, איז זיכער אז מיר האבן א חיוב זיך צו אינטערסירן אין די זאך מיט אלע אנשטרענגען פון אונזערע כוחות, ווי איך וועל נאך מבאר זיין ווייטער בארוכות בעזה"י, און דער אייבישטער וועט צוענדיגן פאר אונזער וועגן לטובה, און מיר וועלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"א.

יעצט קען איך מוסיף זיין, אז אויב וואלט רבינו בעל "מנחת אלעזר" געלעבט יעצט מיט אונז, און צוגעזעהן אלס וואס פאסירט מיט אונז, די שרעקליכע גזירות און די הריגות וואס מען טוט מיט אונז ר"ל, וואלט ער אויך מודה געווען אז מיר זאלן פארלאזן די גלות לענדער און מיר זאלן גיין קיין ארץ ישראל וואס די פעלקער פון די וועלט וועלן אונז געבן, און נישט ווארטן ביז משיח וועט אונז רופן. ווייל זעה אין ספר "זית רענן" לרבינו בעל "מגן אברהם"[99] אין ילקוט[100], אויף דאס וואס רבי נתן האט געזאגט אויפן פסוק[101], "לְאֹהֲבַי וּלְשֹׁמְרֵי מִצְוֺתָי - די וואס ליבן און היטן מיינע מצות", דאס מיינט די וואס וואוינען אין ארץ ישראל און געבן איבער זייער זעהל אויף אלע מצות". שרייבט רבינו "מגן אברהם" אויף דעם, "די וואס וואוינען אין ארץ ישראל, וואס דארט איז געווען שווערע גזירות און זיי וואלטן געקענט אנטלויפן קיין חוץ לארץ, פונדעסטוועגן דאך האבן זיי זיך מוסר נפש געווען אויף ישיבת ארץ ישראל און געבליבען. משא"כ דער וואס וואוינט אין חו"ל, אויף א פלאץ ווי עס הערשט שווערע גזירות, איז ער אליין שולדיג אויב ער אנטלויפט נישט צו אן אנדערע מדינה", עכ"ל רבינו בעל "זית רענן". איז יעצט נאך די אלע שווערע גזירות וואס פאסירט מיט אונז דא בארצות הגולה, און מיר קענען ווען אנטלויפן קיין ארץ ישראל וואס די מלכי ארץ האבן אונז געגעבן רשות אריין צו קומען, איז דען נאך דא א הוא-אמינא, א ספק אז רבינו בעל מנחת אלעזר וואלט צו דעם נישט מסכים געווען? ער האט נאר געשריגן פאר זיין צייט, ווען עס האט דא געהערשט מנוחה, און מען האט געקענט ווארטן ביז דער נביא משיח ה' וועט אונז רופן, וזה ברור ואמת. דער רמב"ן שרייבט[102] אויפן פסוק[103] "לְשִׁכְנוֹ תִדְרְשׁוּ - זיין וואוין ארט זאלסטו נאכזוכן", ברענגט דער ספרי, "איך וואלט געוואלט מיינען אז זאלסט ווארטן ביז א נביא וועט דיר זאגן, תלמוד לומר, זאגט אונז די פסוק, לְשִׁכְנוֹ תִדְרְשׁוּ, וּבָאתָ שָׁמָּה, קודם זוך נאך, טרעף און ערשט נאכדעם וועט דיר דער נביא זאגן, אזוי אויך זעהן מיר ביי דוד", עכ"ל הזהב. זעהן מיר אז מיר זענען געווארנט נישט צו ווארטן אז דער נביא זאל אונז קומען זאגן, גייטס ארויף, נאר מיר דארפן ארויפגיין און נאך פארשן און נאכזוכן ביז וויפול מיר קענען, און נאכדעם וועט ער אונז מזכה זיין און אונז שיקן דעם נביא. מיר זענען מחויב צו שתדלן און זיך אנשטרענגען מיט אלע כוחות ביז ווי מיר קענען, ספעציעל אין א עת צרה ווי יעצט. דער "אהבת יונתן" שרייבט[104] אז באחרית הימים וועלן קומען גזירות אויף אידישע קינדער, און דורך דעם וועט זייער הארץ זיך צושטעלן ארויף צו גיין קיין ארץ ישראל, עיי"ש.

דאס איז די לשון פון דעם כוזרי[105], "דער מענטש ווערט באשולדיגט אויב ער ברענגט עס נישט ארויס למעשה הטוב, עס איז נישט גענוג נאר מיט מחשבה צו בענקן לארץ הקדושה, נאר ווען די מעשה און די כונה וועט זיין בשלימות וועט קומען צו זיי א באצאהלונג וכו', מיט די אויפוואכונג און התעוררות פון א מענטש צו ליב האבן דעם הייליגן פלאץ, וועט דאס צופירן דעם ענין צום גרויסן שכר, ווי דער פסוק זאגט[106] "אַתָּה תָקוּם - דו וועסט אויפשטיין, תְּרַחֵם צִיּוֹן - און זיך דערבארעמען אויף ציון, כִּי עֵת לְחֶנְנָהּ - ווייל עס וועט קומען די צייט איר צו באגנאדיגן, כִּי בָא מוֹעֵד - ווייל די ריכטיגע צייט וועט האבן געקומען. כִּי רָצוּ עֲבָדֶיךָ אֶת אֲבָנֶיהָ - ווייל דיינע קנעכט האבן געשעצט אירע שטיינער, וְאֶת עֲפָרָהּ יְחֹנֵנוּ - און געגליכן איר שטויב", די פסוק זאגט אונז, אז ירושלים וועט געבויט ווערן ווען אידן וועלן בענקן און גליסטן צו איר מיט די גרעסטע בענקעניש, ביז זיי וועלן שעצן אירע שטיינער און שטויב", עכ"ד החוקר אלוקי. נאך שרייבט ער דארט[107], נאך דעם וואס ער ברענגט אראפ מאמרי חז"ל וואס רעדט בשבח פון דער וואס וואוינט אין א"י, "אויב לייגסטו נישט דיין האפענונג צו דעם פלאץ, טוסטו פארקערצערן דעם חיוב פון דיין באשעפער, דו זאגסט[108] "רַחֵם עַל צִיּוֹן כִּי הִיא בֵּית חַיֵּינוּ - דערבארעם זיך אויף ציון ווייל דאס איז די הויז פון אונזער לעבן", דו גלייבסט אז די שכינה וועט זיך דארט צוריקקערן, וואלט נאר געווען גערעכט אז אונזערע נפשות היקרות זאלן זיך בענקען אז מיר זאלן זיך שוין צוריקקערן צו איר.

המשך בגליון הבא אי"ה

[98] פר' בלק
[99] רבי אברהם אבלי גומבינר זצ"ל, נולד שצ"ד, נפטר תמ"ד
[100] יתרו, רמז רצב
[101] שמות כ, ה, דברים ה, י
[102] פר' ראה
[103] דברים יב, ה
[104] פר' עקב
[105] בחתימת ספרו
[106] תהלים קב, יד-טו
[107] מאמר שני, אות כג
[108] ברכות הפטרה

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### בתי אונגארן

מאה שערים, ירושלים

די אונגארישע הייזער איז א שכונה פון מאה שערים אין ירושלים. עס איז געגערינדעט געווארן בשנת תרנ"א (1891), דורך הרב שמואל זאוויל שפיצער ז"ל פון די תלמידים פונעם כתב סופר. די שכונה איז געווען א גרויסע צורך אין יענע צייט צוליב דעם געדרענג פון דעם אידישען קווארטל אין אלט-שטאט, וואס רבי שמואל סאלאנט זצ"ל האט דאן באפוילן אז מען זאל קויפן לאנד אינדרויסן פון די חומה און בויען נאך געגנטער. ביים עק פון די שכונה איז דא קליין געסל רחוב שפיצר לזכרו.

עס הייסט בתי אונגארן, ווייל די מטרה פון די הייזער איז געווען לכתחילה פאר ארעמעלייט יוצאי אונגארן. אין תרנ"ח (1898) איז שוין געווען דא פינף און דרייסיג געבויטע בנינים.

פון תש"ח ביז די זעקס-טאגיגע קריג אין תשכ"ז, איז אויף איינע פון די דעכער פון די הייזער איז געווען א מיליטערישער וואך-פונקט, ווי מען האט געקענט אבזערווירן דעם גרעניץ פון ארץ ישראל און ירדן וואס איז געווען גאר נאנט צו די שכונה.

פון די ערשטע מוסדות וואס זענען געגרינדעט געווארן, איז געווען ישיבת חתם סופר פאר די חסידים, און ישיבת כתב סופר פאר די אשכנזים. פארשטייט זיך, מען האט אויך אויפגעשטעלט שוהלן, א תלמוד תורה, מקווה ווי אויך א אויוועז פאר די איינוואוינער, צו קענען דארט האלטן דעם טשולענט ביז שבת צופרי. היינט צוטאגס זענען א גרויס חלק פון די איינוואוינער חסידים פון תולדות אהרן, תולדות אברהם יצחק, סאטמאר און נאך.

אינצווישן דעם שכונה איז דא א גרויסע חצר, ווי עס הערט זיך די פרייליכע שפילעריי פון די ירושלימ'ע קינדערלעך, אויף וואס עס הערשט א תמימות און חן פון דעם ישוב הישן מיט עקשנות. די וועש הענגן אויף די שטריק, און ערב שבת שמעקט פון פריש געוואשענע פאדלאגעס.



דעם חצר דורכאויס דעם יום טוב סוכות



א טייל פונעם הויף אין בתי אונגארן

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

לך לך
י"ג חשון תשפ"א
October 31, 2020
גליון מס'
25

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### א"י סגולה לשינוי מזל

אמר רבי יצחק: ארבעה דברים מקרעין גזר דינו של אדם, ואלו הן: צדקה, צעקה, ושינוי השם, ושינוי מעשה. צעקה דכתיב: "ויצעקו אל ה' בצר להם ממצוקותיהם יוציאם". צדקה דכתיב: "צדקה תציל ממות". שינוי השם, דכתיב: "שרי אשתך לא תקרא את שמה שרי כי שרה שמה וברכתי אותה וגם נתתי ממנה לך בן". שינוי מעשה, דכתיב: "וירא האלהים את מעשיהם". ויש אומרים אף מקום, דכתיב: ויאמר ה' אל אברם לך לך, והדר ואעשך לגוי גדול. **ואידך, ההוא זכותא דארץ ישראל דאהניא ליה.**

(ילקוט שמעוני, פר' לך לך)

### איך לעזוב ארץ מולדתך

ויאמר ה' אל אברם לך לך וגו'... נ"ל שהעתיקו הקב"ה מענין לענין כדרך שמחנכין התינוק, כי אולי יהיה קשה עליו לקבל הכל בבת אחת, ע"כ עשה לו ג' חלוקות והעתיקו אל ענין רביעי, כי מתחלה בקש ממנו לעזוב ארצו וזה שאלה קטנה,יען כי אין לאדם תועלת מארצו יותר מארצות אחרות. כי אם השם והכבוד המדומה שעושין לו במקום שמכירין אותו וזולת זה אין לו שם עזר וסעד מכל אנשי ארצו הרחוקים ובנקל יתפתה לעזבם. ואח"כ כאשר הסיח מלבו כל ארצו אמר פן יהיה נפשו קשורה באנשי תולדתו שיש לו קצת עזר וסעד מהם, כדרך המשפחות שהאחד נכנס בעובי הקורה בעד שאר בשרו. ולא יתנו לזרים מקום למשול בהם, וזה תועלת קצת יותר מהראשון. ואחר שנתפתה גם לזה חשש פן תדבק נפשו בבית אביו שיש לו שם תועלת נוסף על כל אלו והוא תועלת ממון, כי בית והון נחלת אבות. נוסף על שלשה מיני קורבה אלו יש קורבה רביעית, כי אדם קרוב אצל עצמו יותר מכל שלשה מיני קרובים אלו, ע"כ נאמר לך לך לעצמותך כדרך שנאמר לאדם שילך לעבוד את האדמה אשר לוקח משם, ולמעלה פר' (בראשית ג, כג) פרשתי שקאי על הר המוריה כי אדם ממקום כפרתו נברא, ומקורו מן הר המוריה כי משם לוקח עפרו...

(כלי יקר, פר' לך לך)

המשך בדף ב'



עצי תמרים בחצר של אתר עין גדי

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

אונזערע הייליגע אבות האבן שוין געגליסט צו וואוינען אין א"י, ענדערש ווי צו זיין איינוואוינער אין זייערע מקומות, הגם אפילו אין יענע צייטען האט זיך דארט נישט געזעהן די שכינה, עס איז געווען פיל מיט זינד, פון דעסטוועגן דאך האבן זיי נישט געגליסט צו עפעס אנדערש, נאר צו זיין דארט, עכ"ל. זעהן מיר ווי דער איש אלוקי זאגט עס בפירוש, אז אפילו אויב ח"ו ארץ ישראל וועט זיין פיל מיט זינד, איז ענדערש צו וואוינען דארט ווי סיי ערגעץ אנדערש. זאל דאס זיין א מוסר השכל פאר די פרומע פון אונזערע צייטן, וואס רעדן לשון הרע אויף ישיבת ארץ ישראל, און געבן אן א טעם אז עס איז נישט גענוג כשר פאר זיי, וד"ל.

ו. איך האב געטראפן אין א גאר אלטע ספר אויף סדר מועד, וואס איז מיוסד על דרך פרד"ס, און אגדות פון חז"ל אויף מס' ברכות (וויבאלד עס האט געפעלט די ערשטע בלאט, האב איך נישט געקענט וויסן פון וועלכן צדיק דאס איז, אבער אזויפיל איז קלאר געווען אז ער איז געווען א גרויסער מענטש, א מקובל און פון די פריערדיגע קדושים און גאונים), ווי ער שרייבט אז די סיבה פארוואס די גאולה וועט נישט זיין גלייך תיכף ומיד, נאר צוביסלעך, ווייל די גאולה שלימה קען נישט זיין נאר ביז עס וועט זיין א תיקון השלם אין אלע עולמות, און דאס קען מען נאכנישט יעצט, נאר שטייטלעך וועט זיין אן אנהייב פון די גאולה, וואס וועט אונז עפענען די שערי תפילה, און מבטל זיין דעם מחיצת הברזל[109], און אזוי וועט די גאולה אנהייבן צו פאסירן צוביסלעך, דערנאך וועט מען טוהן תשובה שלימה מאהבה. און דורך דעם, וועלן אלע אונזערע תפילות און תשובות פון די פריערדיגע יארן אריינקומען צום גרויסן חשבון, וואס וועט מאכן א גרויסן תיקון, יעדן טאג מער און מער, און דאן וועט זיין די גאולה שלימה, ביז עס וועט מקוים ווערן אין אונז[110] "וָאוֹלֵךְ אֶתְכֶם קוֹמְמִיּוּת - איך וועל אייך פירן מיט א אויפגעהויבן קאפ", עכ"ל. זעהן מיר אז דורך אן אנהייב פון די גאולה צוביסלעך, וועט זיך אפטוהן דעם אייזערנעם פארהאנג וואס איז מפסיק צווישן אונז און אונזער טאטען אין הימל, מיט דעם וועט זיך אונז עפענען די שערי תפילה, און מיר וועלן קענען תשובה טוהן בתשובה שלימה, דעמאלטס וועט מען צוזאמשטעלן און מצרף זיין אלע אונזערע תפילות וואס מיר האבן מתפלל געווען אין גלות, און עס ווערן דער ענדגילטיגער תיקון, און דאן וועט זיין די גאולה שלימה. אבער צו דעם אלעם דארף מען די גאולה זאל קומען צוביסלעך כדי צו מבטל זיין דעם חומת הברזל, עס זאל מער נישט אפטיילן אונז פונעם אייבירשטען.

ז. איך האב געזעהן אין "ספר הברית"[111], ווי ער רעדט זיך זייער אפ אויף דאס אריכות פונעם גלות שוין אזא לאנגע צייט און מען זעהט נאכנישט קיין צייכן לטובה. איז ער דארט מאריך, אז אונזער שולד איז דאס וואס אונזערע תפילות זענען נישט גאנץ מיט'ן אונזין האבן אז קודשא בריך הוא ושכינתיה זאל אויסגעלייזט ווערן פונעם גלות, אונזערע מעשים אין גלות זענען נישט מיט אמונה מיט'ן אונזין האבן צו מתקן זיין די שטאנד פון די שכינה און צו צואיילן די גאולה. ער שרייבט דארט, מיר זאלן נישט האפן צו א מענטש, און נישט צו גרויסע מענטשען אז זיי דורך זייערע זכותים און תפילות וועלן זיי אונז ברענגען דעם גואל, ווייל נאר דער אייבישטער וואס ווייסט הערצער, ער ווייסט ווער איז א גרויסער מענטש, נישט דאס וואס מיר זעהן מיט די אויגן. נאך שרייבט ער דארט, אז אפילו די געדאנק פון ביאת המשיח וואס איז שטענדיג געוואוינט אויף אונזערע ליפן, איז עס נאר אויף אינדרויסן און נישט מיט א גאנצען הארץ, ווייל קודם וויל ער צוענדיגן דאס בנין וואס ער האלט אינמיטן בויען, אדער ער וויל צוענדיגן א משא ומתן, געשעפטן וואס וואס ער האלט אינמיטן פארהאנדלען שוין די לעצטע פיר פינף יאר מיט די הערשאפט אדער רעגירונג, און נאך ענליכע תועלת'ן וואס ער האט אין חו"ל, דאס איז די טעם פון אריכת הגלות. דער עיקר איז, אז א יעדער איד אפילו איינער וואס איז נישט א בעל תורה, אבער ביים טוהן מצות זאל ער נאר אינזין האבן ארויס צונעמען קוב"ה ושכינתיה פון גלות, און דעמאלטס וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה, אן דעם וועט נישט זיין די גאולה, עכ"ד אין קורצן. ער איז דארט מאריך מיט גרויס ווייטאג און יראת שמים, און גרויס התלהבות. הלוואי אז עם ישראל זאל צוהערן זיינע ווערטער, אז א יעדער איינער ביים טוהן א מצוה זאל אונזין האבן אויסצולייזן קוב"ה ושכינתיה פון דעם גלות, און אזוי ווי דער בעל "ספר הברית" האט געזאגט, אז מיר קענען זיך נישט פארלאזן אויף געציילטע גרויסע און באוויסטע מענטשען, ווייל מיר קענען נישט וויסן אויב זיי זענען באמת גרויסע מענטשען ווי עס ווערט געזעהן דורך א מענטשליכע אויג, נאר יעדער עקסטער זאל טוהן און קעמפען פאר די שכינה'ס וועגן מיט מצות און מעשים טובים, דאן וועט משיח קומען און אן דעם וועט ער נישט קומען, ח"ו. אזוי זעהט מען פון זיינע ווערטער דארט, און הלוואי אז מיר זאלן זוכה זיין אז עס זאל אזוי זיין ביי אונז, ווייל דעמאלטס וועלן מיר אלע ווערן פאררעכנט ווי זכאים און אין די מדריגות פון בעלי תשובה גמורים. עס וועט זיין די שטערקסטע בחינה פון 'זכו', די ריכטיגע בחינה פון זכו וְאֲחִישֶׁנָּה, אז מיר זענען זכאים וועט דער אייבישטער צואיילן די גאולה ווי חז"ל האבן אונז געזאגט[112], אונז וועלן ווערן פאררעכנט 'כולו זכאי', וואס דאס וועט פארלאנגען דעם 'אֲחִישֶׁנָּה', דאס צואיילן פון די גאולה.

אבער מיט גרויס הארץ ווייטאג, מוז איך זאגן אויפ'ן פסק פון דעם בעל "ספר הברית" אז 'אויב מיר וועלן דאס נישט טוהן, וועלן מיר נישט ווערן אויסגעלייזט', ח"ו אזוי צו זאגן, דער אייבישטער גלייכט נישט אזוינע ווערטער, הֲלָהֵן תְּשַׂבֵּרְנָה - צו דען וועט איר צו-ווארטן אויף זיי?, הֲלָהֵן תֵּעָגֵנָה - צו דען וועט איר זיך צו-בינדן צו זיי?[113], וועט מען דען ווארטן ביז א יעדער איד וועט אזוי טוהן, ווייל אויב יא, שפארסטו צו דעם טיר פאר די וואס האפן אויף ביאת משיח און עס נעמט אוועק די האפענונג פון אונזער גאולה ח"ו. אונזערע הייליגע ספרים זענען פיל דערמיט, אז אפילו אויב אידן וועלן נישט תשובה טוהן, וועלן זיי נאכאלס אויסגעלייזט ווערן. זעה רבינו בחיי[114], אויך אין ירושלמי[115], און אויך אין רש"י[116], אזוי

המשך בדף ב'

---

[109] ע"פ ברכות לב ע"ב
[110] ויקרא כו, יג
[111] ח"א מאמר ט'
[112] סנהדרין צח ע"א
[113] רות א, יג
[114] פר' בהר כה, מז
[115] פר' א תענית, הלכה א'
[116] סנהדרין צז ע"ב

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצובררענגן שבח ארץ ישראל



בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## תשוקה לעלות לארץ ישראל

וַיִּקַּח תֶּרַח וכו' (בראשית יא לא). הנראה על פי מ"ש בזוהר הק' (ח"א ע"ח ע"א) כי אברהם אבינו הבין בחכמה מעלת כל שר מכל אקלים, וכששקל בשכלו האקלים של ארץ ישראל לא היה יכול להשיג, אזי הבין ששם יש כח עליון על כל וכל השרים תחת ממשלתו, אזי היה חפץ לנסוע לשם בכדי להשיג אמיתות הענין במקומו, אך לא היה יכול ליסע משום כבוד אביו שלא היה באפשר להניחו. על כן נ"ל כי מקודם עשה הש"י עמו נס נסתר, שנתעורר אביו בעצמו ליסע לארץ כנען בלי טעם, כי הש"י פעל כל זה כי הבא לטהר מסייעין לו (יומא ל"ח ע"ב), עד שבא לחרן ונשאר שם אביו ואברהם עמד בתשוקתו, אז נתראה אליו הש"י ופטרו מכיבוד אב וצוהו ליסע.

(אגרא דכלה, פר' נח)

## ושכנתי בתוכם

השכינה נקראת בת עין כידוע ועיקר השכינה הוא בארץ ישראל כמ"ש (יחזקאל מ"ג, ט') ושכנתי בתוכם. ושם הוא עיקר הראיה כמו שנאמר (דברים י"א, י"ב) ארץ אשר עיני ה' אלוקיך בה, ולזה ציווה הקב"ה שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך, ובזה יתורץ כי במה שאמר לאברהם אבינו אשר אראך (בראשית י"ב, א') גילה לו שהוא ארץ ישראל, רצון לומר אל הארץ אשר אראך אותך תמיד שם. כי שם הוא עיקר הראיה האמיתי.

(דברת שלמה, פר' לך לך)

## קדושת הארץ יותר מביהכ"נ בחו"ל

...וזה ראיה שארץ ישראל יש בו קדושה יותר מבית הכנסת מבחוצה לארץ, וממילא הרוצה ליכנס לבחינת ארץ ישראל צריך הזדככות תחילה במידותיו...

(בית עין לך לך)

## עליה רוחנית לארה"ק

במה שכותב אשר מתכונן לעלות לאה"ק ת"ו, ובודאי למותר לעוררו אשר נסיעה כגון זו הנקראת בפי כל בשם עלי' ולארץ הנקראת בפי כל אפילו עמי הארץ בשם ארץ הקדושה, מצריכה הכנה, זאת אומרת, עלי' רוחנית של האדם עוד קודם נסיעתו, והחלטה מתאימה בהנוגע להתנהגות שם, ואם לויזה של בשר ודם מוכרחים בשביל להכנם לאיזה מדינה (או עכ"פ להודעה שאין זקוקים לומה), עאכו"כ שמוכרחת ויזה של בורא העולם ומנהיגו, הוא אשר הבטיח ארץ ישראל לבני אברהם יצחק ויעקב, ואם בהנוגע להנהגה בכלל הדברים אמורים עאכו"כ לאופן הנסיעה שצ"ל מתאימה לדיני והוראת תורתנו הק'.

(אדמו"ר מליובאוויטש זי"ע, אגרות קודש)

## חיבת פירות הארץ

אין כל פגיעה במידת החסידות בהתאוות לאכול מפירותיה המשובחים של הארץ.

(שו"ת תורה לשמה סימן תיח)

אם הבנים שמחה - המשך מדף א'

אויך שרייבט דער גר"א אין ספר "אבן שלמה"[117], ווי אויך אלע גדולי חכמינו ז"ל, ווי איך האב שוין אראפגעברענגט אינעם אנהייב פון דעם פרק.

איך האב געטראפן אז אויף דעם ווייטאגליכן ענין פון אריכת הגלות, רעדט שוין הגאון רבן של ישראל מרן המבי"ט (חבר פונעם בית יוסף), אינעם ספר[118] "בית אלקים". ער וואונדערט זיך זייער, "אויב תפילה בציבור ווערט שטענדיג אויסגעהערט, דארף מען קלאר מאכן דעם ענין פון תפילת ביאת הגואל, וואס מיר דאווענען שוין זייט דעם זמן פונעם חורבן דריי מאהל א טאג און מיר ווערן נאכאלס נישט געהאלפן. וויבאלד די תפילה ווערט געזאגט דריי מאהל א יעדן טאג פון אלע אידישע קינדער איבעראל ווי זיי געפינען זיך, און עס איז נישט מעגליך אז עס זאל נישט געזאגט ווערן מיט כוונה אין כאטש איינע פון די אלע קהילות און דורך צדיקים און ישרים, אויך האבן חז"ל געזאגט[119] 'כל המתאבל על ירושלים - ווער עס קלאגט אויף ירושלים איז זוכה און און זעהט אין איר שמחה', זייער אסאך צדיקים און חסידים האבן שוין געקלאגט און ליידער האבן זיי נישט זוכה געווען צו זעהן אין איר נחמה".

ענטפערט ער, "אז די ענין פון די תפילה איז, אז וויבאלד דאס איז כולל אלע אידן, ווענדט זיך עס נישט אין די כוונות פון נאר א חלק פון די קהילות, נאר עס דארף די כוונות פון רוב עם ישראל, וויבאלד די תפילה איז נוגע איעדן איד, און ווען מען האט אונזין דערביי, דארף מען תשובה טוהן אז מען זאל שוין געהאלפן ווערן, ווי עס שטייט אין פסוק[120] "הַיּוֹם, אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ - נאך היינט, אויב וועט איר צוהערן צו זיין קול", אן דעם תשובה וועט זייער תפילה נישט ווערן נתקבל, אפילו עס וועט ווערן געזאגט מיט כוונה אין איינע פון די טעג דורך רוב אידן. ווייל דאס איז אזוי ווי א גזר דין וואס קומט צוזאמן מיט א שבועה, אז עס וועט נישט פאסירן אפילו צו א ציבור ביז עס וועט אנקומען די זמן פון 'בְּעִתָּהּ', ווי עס שטייט[121] "בְּעִתָּהּ אֲחִישֶׁנָּה", זענען זיי זוכה וועט מען עס צואיילן, איז מען נישט זוכה, וועט עס זיין אין איר צייט[122]. זעהט אויס אז אויף דעם גרויסן ענין פון גאולתן של ישראל, די ענדגילטיגען אויסלייזונג, וואס וועט מער נישט האבן קיין גלות נאכדעם - דארף מען מרבה זיין מיט תפילות פון די פריערדיגע און די לעצטערע דורות, די תפילות פון די פריערדיגע העלפט צו, צו די תפילות פון די לעצטערע. עס איז גרינגער פאר די לעצטערע וואס זענען נענטער צום זמן הגאולה אז זייער תפילה זאל נתקבל ווערן, מער ווי ביי די פריערדיגע, אלס צוויי טעמים. די ערשטע טעם איז, ווייל די וואס זענען ווייט פון די גאולה דארפן פיל מער בעטן און איינרייסן אז זייער תפילות זאל ווערן אנגענומען אויף א ישועה וואס איז ווייט א טויזנט יאר שפעטער, ווי פון די וואס זענען ווייט אינגאנצן פינף הונדערט יאר, און די וואס זענען נישט ווייט פון די גאולה נאר א הונדערט יאר איז גרינגער אז זייער תפילה זאל ווערן נתקבל, און אזוי מיט די וואס זענען נאך נענטער, איז זייער תפילה נאך גרינגער צו ווערן אויסגעהערט. צוגלייך צו איינעם וואס איז ווייט פון זיין לאנד, וועט אים דער וועג נישט אונטערקומען אזוי שנעל ווי דער וואס איז נענטער צום לאנד. די צווייטע טעם איז, אז ווי גרעסער די ווערט פונעם ענין, דארף עס צוקומען צו מער תפילות דור אחר דור כדי די תפילת הגאולה זאל ווערן נתקבל, און ווען עס וועט זיך ענדיגן די סכום פון די תפילות וואס מען דארף, דעמאלטס וועט זיין די ריכטיגע צייט אז עס זאל ווערן אנגענומען, ווייל אין די פריערדיגע זמנים איז עס טאקע נישט געווארן מקובל, אבער יעצט אז עס איז נשלם געווארן דעם ריכטיגן סכום פון וויפיל תפילות די ישועה באדארף, קען עס שוין ווערן אנגענומען, נישט וועגן די לעצטע תפילה אליינס, נאר נאכן מצרף זיין די לעצטערע מיט די פריערדיגע תפילות, און אזוי ווי די לעצטע תפילה וועט נתקבל ווערן וועלן שוין אלע פריערדיגע תפילות אויך ווערן נתקבל, וואס זיי זענען געווען א צוהעלפער פאר די לעצטע תפילות". ער איז דארט נאך מאריך אויף דעם. ער שרייבט אז אויף די דערמאנטע צוויי טעמים, האט ישעיה הנביא מרמז געווען מיט'ן פסוק[123] "דִּרְשׁוּ ה' בְּהִמָּצְאוֹ - זיכט נאך דעם אייבירשטען ווען ער קען געטראפן ווערן, קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב - רוף פארן אייבירשטען ווען ער איז נאנט", עס איז מרמז אויף די צוויי טעמים וואס איך האב פריער געשריבן, בְּהִמָּצְאוֹ ווייזט אויפן צווייטן טעם, אז די אלע פילע תפילות וואס מען האט מתפלל געווען אמאהל אין די פריערדיגע דורות, ווערן יעצט געטראפן ביי די לעצטערע תפילות פון היינט, און די ווערטער קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב, גייט אויף די ערשטע טעם, אז עס איז גרינגער צו מקבל זיין די תפילות פון די לעצטערע דורות פאר די גאולה ווי די תפילות פון די פריערדיגע דורות.

המשך בגליון הבא אי"ה

---

117 פר' יא אות ט

118 שער התפילה, פר' יז

119 תענית ל ע"ב

120 תהלים צה, ז

121 ישעיהו ס, כב

122 סנהדרין צח ע"א

123 ישעיהו נה, ו

## לְאָרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### יבנאל

גליל התחתון, צפון ארץ ישראל

יבנאל איז א מושבה אפאר מינוט פון טבריה, עס איז נתייסד געווארן בשנת תרס"א (1901). עס איז געגרינדעט געווארן דורך ר' יחיאל בערקאוויטש א בעל-בית'שער איד און יליד פון ראמעניע, וואס אין יאר תרנ"ו (1896) האט ער זיך ארויסגעלאזט מיט פינף און צוואנציג משפחות קיין דרום סיריע ווי ער האט אפגעקויפט א שטיק לאנד און געוואלט אויפשטעלן א אידיש'ן ישוב, אבער נאך אסאך צרות פון די אראבער, זענען זיי אלע פון דארט אוועק און שפעטער אויפגעשטעלט דעם שטעטל יבנאל אינעם גליל התחתון, אויף א שטח וואס איז געווען אפגעקויפט דורך בארון ראטשילד.

ארום דעם שטעטל איז דא עטליכע ארכעאלאגישע ערפינדונגן מזמן התלמוד. דעם פלאץ האט בתקופת התלמוד געהייסן כפר-ימא, וואס לויט די ירושלמי איז עס די שטאט יבנאל וואס ווערט דערמאנט אין יהושע (יט, לג) "וְיַבְנְאֵל עַד לַקּוּם", אין איז אינעם חלק פון שבט נפתלי.

די ערשטע איינוואוינער זענען ע"פ רוב געווען יוצאי ראמעניע, און אויך עטליכע פון בולגאריע. מען האט זיך פיל אנגעליטן פון גניבות פון די שכינות'דיגע אראבער, ווי אויך פון די כאלערא מגפה. די ערשטע גרופעס פון שואה איבערלעבער וואס זענען ארויף קיין א"י האט מען דא פלאצירט אין געצעלטען.

היינט צוטאגס וואוינען אין יבנאל אידן פון פילע שיכטען, ספעציעל איז היינט אנזעהנדיג חסידי ברסלב. אין די תש"מ יארן האט הרה"צ מוהרא"ש זצ"ל מייסד געווען קהילת ברסלב, בתוכם א תלמיד תורה, בית חינוך לבנות, ישיבות, כוללים און נאך. אין תשע"ב (2012) האט מען באנייט דעם גרויסן בית המדרש. הרה"צ מהורא"ש זצ"ל איז נפטר געווארן אין תשע"ה (2015) און איז נקבר געווארן אינעם ארטיגן ביה"ח, און ציהט טויזענטער מתפללים ביים ציון, ספעציעל ביום היארצייט י"ז שבט.


דעם שטעטל יבנאל ארומגענומען מיט פעלדער אין בערג


בית הכנסת הגדול של חסידי ברסלב

בעזהשי"ת

# בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

**"וראה"** - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
**"יברכך ה'"** - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 26
וירא
כ' חשון תשפ"א
November 7, 2020

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### ארץ הקדושה אינה סובלת עוברי עברה

בהפוך את הערים אשר ישב בהן לוט. יש לשאול ההפיכה הזאת והמשפט הגדול הזה בסדום למה, כי בודאי אומות היו בעולם שהם רעים וחטאים כמותם ולא היה בהם העונש כל כך, ועוד אברהם שהיה שורש האמונה היה אפשר לו להחזירם בתשובה, והתשובה עולה כל הכל. אבל מפני שהיתה עיר סדום מארץ ישראל על כן היה המשפט הזה גדול כל כך למעלת הארץ הקדושה שאינה סובלת עוברי עברה, והיתה מקיאה אנשי התועבות ההם, ועל כן הקדימה עתה וקאה הגוי הזה משם.

(רבינו בחיי, וירא יט, כט)

### הר המוריה

אל ארץ המוריה. הר המוריה הוא ירושלים, וקרא הקב"ה לכל הארץ מוריה על שם הר המוריה שבתוכו. ומה שנקראת ירושלים הר לפי שהוא מלשון אלך לי אל הר המור והקנמון והבשם הטוב היה גדל שם. וכן דרז"ל קנמון היה גדל בארץ ישראל והעזים וצבאים אוכלים ממנו. ואונקלוס תרגם ארע פולחנא. עשאו מן מורא כי שם עתידין לירא מלפני הש"י ולעבוד לפניו.

(רבינו בחיי, וירא כב, ב)

### ארץ המוריה

והנה נוכל לומר דכל ארץ ישראל נקרא ארץ המוריה, או משום שההוראה יוצא ממנו, דאוירא דארץ ישראל מחכים (ב"ב נ"ח ע"ב), וגם אין סומכין זקנים ואין מעברין שנים וקובעים חדשים בחוץ לארץ (סנהדרין י"ד ע"א), ואף דמפקינן מקרא (ישעיה ב ג) כי מציון תצא תורה וכו', מכל מקום כל ארץ ישראל בכלל כמבואר בפרק הרואה (ברכות דף ס"ג.) בעובדא דחנינא בן אחי ר' יהושע, וכן מבואר ברמב"ם (הל' קיה"ח פ"א ה"ח), אם כן נוכל לומר דכל ארץ ישראל נקרא כך, או משום דכל ארץ ישראל חשוב מאד והוא תחת השי"ת לבדו, ומשם יכול להראות לכל במופת השגחת השי"ת בארץ.

(ישמח משה, פר' וירא ל, א)

המשך בדף ב'



חוף "חמי זוהר", ים המלח

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

נאך שרייבט ער צו פארענטפערן די פריערדיגע קשיא, אז פארוואס איז נישט אנגענומען געווארן די אלע תפילות אויף גאולה פון די אלע דורות, שרייבט ער, "פון דעסטוועגן דאך ווערן יא געהערט די אלע תפילות אויף גאולה, אז דער אייבישטער טוט זיי אויסלייזן און שטעלט זיי אין די אויגן פון די פארפאלגער מיט חסד און כבוד, מיט דעם ווערט אביסל מקויים די הבטחה פון גאולה, אזוי ווי חז"ל זאגן[124] אויף הונא בר נתן וואס מיט אים איז מקויים געווארן דעם פסוק[125] "וְהָיוּ מְלָכִים אֹמְנַיִךְ - קעניגן וועלן דיר שפייזן", עס איז נישטא קיין דור וואס עס מאכט זיך נישט אין זיי א צרה אבער הקב"ה העלפט זיי ארויס און לייזט אויס די אידן פון די פארפאלגער. און אפילו אן קיין צרות, טוט זיי דער אייבישטער אויך אהערשטעלן און באפעסטיגט זיי צווישן די פעלקער צוליב זייערע תפילות אויף דעם ענין פון גאולה, ווייל דער אייבישטער איז משגיח אויף זיי, און נאך פאר זיי רופן צו אים ענטפערט ער שוין, און נאך איידער עס קומט די מכה, שפראצט שוין ארויס די רפואה. אויב אזוי, איז דאס א שטיקל גאולה אין יעדן דור, ווי עס שטייט[126] "וְאַף גַּם זֹאת וגו' - אפילו ווען אידן וועלן זיין אין די לאנד פון זייערע פיינט, וועל איך זיי נישט פארלענדן", עכ"ד הק'.

זעהן מיר אז אויך רבינו פלאגט זיך אויך מיט די זעלבע קשיא פון דעם בעל ספר הברית, פארוואס איז די גלות אזוי לאנג און עס איז נאכנישט אנגענומען געווארן די אלע תפילות אויפן גלות פון די אלע דורות, וואס איז זיכער געדאווענט געווארן דורך גרויסע צדיקים מיט די ריכטיגע כוונות. די ווערטער וואס רבינו שרייבט אין די סוף פון זיינע ווערטער, אז אויב האבן די תפילות נישט געהאלפן פאר די גרויסע גאולה שלימה פונעם גלות, האט עס כאטש געהאלפן אויף א קליינע גאולה, וואס האט אונז אויסגעלייזט ביי די אלע צרות וואס האבן אונז אנגעטראפן אין די אלע דורות, דער אייבישטער האט אונז שטענדיג ארויסגעראטעוועט פון די צרות. קען מען אבער פרעגן אויף דעם לויט דברי רש"י ווי ער שרייבט[127], אז די ברכה פון "גואל ישראל" האט מען מתקן געווען ספעציעל פאר די צרות אין די גלות יארן, און נישט אלס א תפילה פאר די גאולה פון גלות, די תפילות וואס מען האט מתקן געווען פאר דעם גלות זענען "ולירושלים עירך" און "את צמח דוד" וכו'. אויב אזוי, לויט רש"י שטימט נישט די לעצטע תירוץ. אבער לויט די הקדמה אינעם ספר סמ"ג[128] איז משמע, אז ער האלט נישט ווי רש"י, נאר אויך די ברכה פון "גואל ישראל" איז נתייסד געווארן אויפן גלות, עיי"ש. לויט זיינע ווערטער שטימט יא די ווערטער פון רבינו המבי"ט.

זעהן מיר בדברי רבינו, אז דער עיקר תירוץ פאר די קשיא איז, אז לגבי אזא גרויסע ענין ווי דעם, וואס איז נוגע צו גאנץ כלל ישראל, איז נישט גענוג מיט די כוונות פון איינצעלנע קהילות ביי די תפילות, נאר צו דעם דארף מען צוקומען צו די כוונות פון רוב כלל ישראל, וויבאלד דאס איז כולל איעדן איינעם. און אפילו ווען עס וועט שוין יא זיין די כוונות פון רוב עם ישראל, איז אויך נאכנישט גענוג מיט דעם אליין, נאר מען דארף אויך צו דעם תשובה שלימה כדי מען זאל געהאלפן ווערן, ווייל דאס איז א גזר דין וואס קומט צוזאמען מיט א שבועה, וואס העלפט נישט אפילו פאר א ציבור, ביז עס וועט דערגרייכן 'עִתָּהּ' די ריכטיגע צייט, ווי די מאמר חז"ל[129], "לא זכו - אויב מען איז נישט זוכה, בעתה, וועט די גאולה זיין אין איר צייט, נישט צוגעאיילט". נאך שרייבט ער, אז לגבי דאס ענין פון די ענדגילטיגע גאולה וואס האט מער נישט קיין גלות נאכדעם, דארף האבן די אלע תפילות פון די דורות ראשונים און אחרונים, און מיט דעם וואס מען נעמט צוזאם די אלע תפילות פון די אלע דורות וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה, צוליב דעם זענען די תפילות פון די לעצטערע דורות פיל גרינגער ווי די תפילות פון די דורות ראשונים וועגן די צוויי אויבנדערמאנטע טעמים. דאס איז די תוכן פון זיינע ווערטער.

איך וועל מיר נעמען די רשות צו פרעגן אביסל אויף דברי רבינו ז"ל, קודם אויף דאס וואס ער זאגט, אז עס איז נישט גענוג די תפילות און תשובות פון נאר א חלק פון די קהילות, נאר מען דארף צו דעם רוב כלל ישראל, אויף דעם וויל איך פרעגן פון דאס וואס שטייט אין זוהר חדש[130], אז אפילו איין הייפעלע אידן, אויב דאווענען זיי מיט כוונה און תשובה, קענען זיי מעורר זיין די גאולה. אויך דאס וואס ער זאגט, אז צו דעם דארף מען האבן גאר אסאך תפילות, א סכום וואס איז נאר ידוע פארן אייבירשטען, און ווען דער סכום וועט זיך ענדיגן וועט זיין די גאולה, איז אויך שווער צו פארשטיין, ווייל אויב קענען מיר נישט וויסן דעם סכום פון וויפיל תפילות דארף מען צו האבן אז עס זאל הייסן ריבוי תפילות, ווייל אפשר איז דאס אינעם כלל[131] "ליבא לפומא לא גליא" אז מיר ווייסן נישט די זאכן, קען מען דאס אבער ארויסלערנען פון משה רבינו וואס אין אים איז נכלל כלל ישראל[132], ווי ער האט גאר שטארק איינגעריסען מיט תפילות אויף אריינצוקומען קיין ארץ ישראל, און ווען ער וואלט ווען אריין אין ארץ ישראל וואלט קיין גלות קיינמאהל נישט פאסירט, עס וואלט דאן געווען דעם תיקון השלם והנצחי[133], ווי עס איז באוויסט. ער האט מרבה געווען מיט תפילות, ווי חז"ל זאגן[134] אז ער האט געוואלט דאווענען פינף הונדערט און פופצען תפילות, און ווען ער איז אנגעקומען פאר די לעצטע תפילה כדי צו משלים זיין דעם סכום, האט אים דער אייבישטער געזאגט[135] "רַב לָךְ - עס איז דיר גענוג, אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד - רעד נישט מער צו מיר, בַּדָּבָר הַזֶּה - וועגן די זאך", דער אייבישטער האט אים צוריקגעהאלטן פון דאווענען דעם לעצטען תפילה, ווייל דעמאלטס וואלט דער אייבישטער געמוזט אויספירן זיין בקשה. זעהן מיר פון דא אז אז עס איז גענוג פינף הונדערט און פופצען תפילות צו קענען באוויליגן ביים טאטען אין הימל כדי אריינצוגיין קיין ארץ ישראל און דארט צו בלייבן מיט אן אייביגן קיום. ווייל ווי מיר ווייסן אז אויב וואלט משה רבינו אריין קיין ארץ ישראל וואלט דער ביהמ"ק נישט חרוב געווארן. זעהן מיר אז עס איז אונז גענוג א סך הכל פון פינף הונדערט און פופצען תפילות. און אויב זענען מיינע ווערטער גערעכט, זענען לכאורה די תפילות פון

המשך בדף ב'

---

[124] זבחים יט, א
[125] ישעיה מט, כג
[126] ויקרא כו, מד
[127] מגילה יז, ע"ב
[128] חלק מצוות עשה
[129] סנהדרין צח, ע"א
[130] פר' נח
[131] קהלת רבה פר' יב, אות י
[132] זוהר ח"ג
[133] אוה"ח הק' במדבר כ, ח
[134] ילקו"ש ח"א, רמז תתקמ
[135] דברים ג, כו

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## ארץ ישראל וירושלים

כל אינון דאשתארו בארעא קדישא דישראל, דינא דלהון כירושלים וכציון לכל דבר, מלמד דכל א"י בכלל ירושלם היא ממשמע דכתיב וכי תבואו אל הארץ הכל בכלל.

(מדרש הנעלם, פר' וירא)

## בני ארץ ישראל

ולציון יאמר איש ואיש יולד בה וגו' (תהלים פז ה), א"ר מישא אחד הנולד בה ואחד המצפה לראותה, אמר אביי וחד מינייהו עדיף כתרי מנן, אמר רבא וחד מנן כי סליק להתם עדיף כתרי מינייהו, דהא רבי ירמיה דכי הוה הכא לא הוה ידע מאי קאמרי רבנן, כי סליק להתם, קרי לן בבלאי טפשאי.

(כתובות ע"ח ע"א)

## תפילה דרך א"י

כבר אמרו המתפלל בחוץ לארץ צריך שיתפלל דרך ארץ ישראל כדכתיב (מלכים א' ט' ג') והיה עיני ולבי שם. והיינו שיהי' כוונתו שיעבור תפלתו מחוץ לארץ לארץ ישראל, ושם מעלות בית א-ל, כי בחוץ לארץ יטרפוהו חיצונים, והנה כל מצות אינם אלא בארץ ישראל כמו שכתב הרמב"ן (בראשית כ"ו ה'), דלכך לא קיימו האבות התורה בחוץ לארץ.

(יערות דבש)

## ירושלים

נקדים מאי דאיתא בילקוט (שמעוני וירא רמז ק"ב) על פסוק ויקרא אברהם שם המקום ההוא ה' יראה, אברהם קרא אותו יראה ושם בן נח קרא אותו שלם אמר הקב"ה אם אני קורא אותו כך צדיק זה מתרעם אלא הריני קורא אותו כמו שקראוה שניהם ירושלים יראה שלם. ופירש המפרש שם שמלכי צדק קראו שלם לפי שהשיג מסגולת ארץ ישראל כל מעלתה לעניני העוה"ז בלבד כגון הבריאות והחוזק ושופע הברכות וכדומה ולכך קראו שלם לשון שלימות, ואברהם השיג ממעלתה סגולת ההצלחה הנפשיית ולזה קראה יראה לשון יראה שהיא יראת השם והקב"ה קראה בשם שניהם דתרוייהו איתניהו עכ"ל.

ומכאן אנו לומדים שארץ ישראל משפעת כל טוב לפי מעלת בני אדם הדרים בה, והכא נמי אמרינן בכתובות (דף קי"ב ע"א) מה צבי זה אין עורו מחזיק את בשרו אף ארץ ישראל בזמן שיושביה עליה רווחא אין יושביה עליה גמדא, וכן אמרו (ברש"י בראשית כ"ג י"ז) על וקם שדה עפרון תקומה היתה לו וכו', וכן הבטיח הקב"ה לאברהם לך לך וכו' אל הארץ וכו' ושם אעשך וכו' והיה ברכה, דשמע מינה ששם דוקא תהיה לו ברכה ושפע כשיכנס בארץ ישראל אז אותה הארץ תרבה להשפיע טובה ויהיה ניכר בעולם שזה הוא צדיק גמור מהשפע הרבה שמשפעת עתה לכבודו, כמו שעשתה הארץ לשם בן נח.

(זרע שמשון, פר' לך לך)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

די אלע דורות ביז יעצט שוין לאנג אריבער דעם סכום.

אויך דאס וואס ער זאגט אז וויבאלד די גלות איז א גזר דין וואס איז צוזאמען מיט א שבועה, דארף מען דעריבער ווארטען ביז 'בְּעִתָּהּ'. אונז שטייען יעצט אינעם יאר תש"ג פונעם אלף השישי, מיר זענען שוין זיכער יעצט אנגעקומען צום זמן פון 'בְּעִתָּהּ'. לויטן דעת פון רבינו האר"י ז"ל איז זיכער נישט קיין שאלה, ווייל ער זאגט אז דעם זמן פון 'בְּעִתָּהּ' האט זיך אנגעהויבן אינעם יאר של"ה, ווי עס איז מבואר אין ספר זוהר חי[135]. און לויט דעם אוה"ח הק'[136] האט זיך עס אנגעהויבן אין יאר ת"ק, זעה שו"ת חת"ס[137] ווי אויך אין דרשות חת"ס[138], ווי ער שרייבט אויך אז דעם זמן פון משיח האט זיך אנגעהויבן פון שנת ת"ק. אבער לויט אלע דיעות, וויבאלד עס איז שוין אריבער צוויי-דריטעל פונעם אלף השישי, זענען מיר שוין זיכער אינעם זמן פון 'בְּעִתָּהּ'. זעה די מהרש"א[139] ווי ער איז מבאר דאס וואס דוד המלך האט געזאגט[140] "יָמַי כְּצֵל נָטוּי - מיינע טעג זענען געבויגן ווי א שאטן", אז דאס זענען די שאטענס פון פארנאכטס, ער וויל זאגן אז די צייט פון די גאולה איז שוין אנגעקומען, ווי דער פסוק זאגט[141] "וְהָיָה לְעֵת עֶרֶב - ווען עס וועט ווערן פארנאכטס, יִהְיֶה אוֹר - וועט זיין א ליכטיגקייט", דאס מיינט אז ווען אידן וועלן זיין בתכלית השפלות, ווי דער פסוק זאגט[142] "כִּי אָזְלַת יָד - אז די האנט פון זייער שונא האבן זיך אויף זיי צופירט, וְאֶפֶס עָצוּר וְעָזוּב - און קיינער ווערט נישט געהאלפן און געראטעוועט", עיי"ש. אזוי שרייבט דער מהרש"א אין זיינע צייטן, וואס איז געווען ביים ערשטען דריטעל פונעם אלף השישי, האט ער געמוזט מפרש זיין אז 'עֶרֶב' ווייזט אויף די שפלות. אבער אונז וואס מיר לעבן ביים סוף פונעם צווייטן דריטל פונעם אלף השישי, איז די פירוש פון 'עֶרֶב' פשוט פשט ממש, פארנאכטס. זעה דעם פיוט פון שחרית פונעם צווייטן טאג ראש השנה[143], וואס ער זאגט אז נאכן צווייטן דריטל פונעם טאג וועט זיין דאס וואס עס שטייט אין פסוק "וְהָיָה לְעֵת עֶרֶב יִהְיֶה אוֹר", ער רעדט ממש וועגן אונזערע צייטן, ווי מיר שטייען שוין ביים סוף פונעם צווייטן דריטל. אפילו לויט תוספות אין מס' מועד קטן[144], און אויף אינעם ריטב"א דארט, ווי זיי שרייבן אז 'עֶרֶב' מיינט ווען עס איז נאך טאג און נישט נאכט, איז אויך גארנישט ווייל דעם אנדערן פשט אז 'עֶרֶב' מיינט שפלות, פעלט אונז גארנישט פון דעם שפלות אין די יעצטיגע צייטן, מער ווי גענוג, ווי מיר אלע ווייסן. אויב אזוי, איז שוין זיכער כלו כל הקיצין פון דעם זמן 'בְּעִתָּהּ' און נאך אלס איז משיח נישט דא. מוז זיין אז עפעס א סיבה טוט עס צוריקהאלטן, כדברי ספר הברית הנ"ל, מען דארף דאס חוקר זיין, און מיר דארפן פארשטיין וואס טוט צוריקהאלטן די ישועה.

נאך פיל פלאג, האט דער אייבישטער באלויכטען מיינע אויגן צו טרעפן דעם פשט פונעם אריכת הגלות אפילו עס איז שוין אנגעקומען דעם זמן פון 'בְּעִתָּהּ'. הושע הנביא זאגט[145] "אַחַר יָשֻׁבוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל - דערנאך וועלן זיך די אידישע קינדער צוריקקערן, וּבִקְשׁוּ אֶת ה' אֱלֹקֵיהֶם - און נאכזיכען דעם באשעפער זייער ג-ט, וְאֵת דָּוִד מַלְכָּם - און זייער קעניג דוד, וּפָחֲדוּ אֶל ה' - זיי וועלן פארכטן פאר ג-ט, וְאֶל טוּבוֹ - און צו זיין גוטס, בְּאַחֲרִית הַיָּמִים - ביים ענדע פון די טעג", זאגן חז"ל אויף דעם פסוק, "די אידן זענען נישט געגאנגען אין גלות נאר צוליב וואס זיי האבן זיך פארמואס'ט אין די דריי זאכן, מלכות שמים, מלכות דוד און בית המקדש. האט רבי שמעון בן מנסיא געזאגט, מען וועט נישט ווייזן א גוטע סימן פאר אידן ביז ווי לאנג זיי וועלן נישט נאכמאהל בעטן פאר די אלע דריי זאכן, ווי די פסוק זאגט, "אַחַר יָשֻׁבוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּבִקְשׁוּ אֶת ה', דאס מיינט מלכות שמים, וְאֵת דָּוִד מַלְכָּם, מלכות בית דוד, וּפָחֲדוּ אֶל ה' וְאֶל טוּבוֹ, דאס גייט ארויף אויפן בית המקדש, ווי מיר זעהן אין פסוק[146] "הָהָר הַטּוֹב הַזֶּה - דעם גוטן בארג", עכ"ד. אזוי שטייט אויך אין אגדת שמואל[147], רש"י ברענגט אים אראפ[148]. אויך שטייט אין ילקוט, "די אידן זענען נישט פארטריבן געווארן נאר ווייל זיי האבן זיך פארמאוס'ט אין ארץ ישראל, ווי עס שטייט[149] "וַיִּמְאֲסוּ בְּאֶרֶץ חֶמְדָּה - זיי האבן זיך פארמאוס'ט אינעם גוט'ן לאנד". זעהט מיר אויס אז די ילקוט שטימט מיט דברי המדרש שמואל און רש"י, ווייל די אלע דריי זאכן זענען כלול אין ארץ ישראל, וואס מען קען צו זיי צוקומען נאר אין ארץ ישראל, מלכות שמים, איז ווי עס איז באוויסט דעם מאמר חז"ל[150] "כל הדר בארץ ישראל - ווער עס וואוינט אין א"י איז דומה צו איינעם וואס האט א ג-ט", מלכות בית דוד און ביהמ"ק זענען אין ארץ ישראל ממש. לויט דעם קען מען נישט זוכה זיין צו די גאולה נאר אז מען וועט גליסטן און בעטן פאר ארץ ישראל, דעמאלטס וועט מען זוכה זיין צו די דריי פריער דערמאנטע זאכן.

המשך בגליון הבא אי"ה

---

[135] מרבי יצחק אייזיק מקאמרנא זצ"ל
[136] ויקרא ו, ב, במדבר כו, יט
[137] ח"ו, סוף סי' סא
[138] דרוש לפסח תק"ס
[139] תענית טו, ע"א
[140] תהלים קב, יב
[141] זכריה יד, ז
[142] דברים לב, לו
[143] ד"ה אשר מי יעשה כמעשיך
[144] יט, ע"ב
[145] הושע ג, ה
[146] דברים ג, כה
[147] פרק יג, סי' ד
[148] הושע ג, ה
[149] תהלים קו, כד
[150] כתובות קי, ע"ב

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלער, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### דר. וואלך'ס שפיטאל

שכונת שערי צדק, ירושלים

אויף רחוב יפו אין ירושלים, נישט ווייט פון שוק מחנה יהודה שטייט א שיינע פארצייטישע בנין וואס האט אמאהל געדינט אלס דעם שערי צדק שפיטאל, אדער ווי די המון עם האבן עס גערופן דר. וואלך'ס שפיטאל. עס איז געווען די ערשטע אידישע שפיטאל אינדרויסן פון אלט-שטאט.



דר. משה וואלך איז געווען א דייטש-אידישער דאקטאר, פון א חשוב'ע ארטאדאקסישע פאמיליע פון אויסקירכן, דייטשלאנד, ער איז ארויף קיין א"י אין יאר תר"נ (1890) ארויסצוהעלפן די ארעמע אידן פון ירושלים. ער איז געווען גאר א גרויסער בעל צדקה, און אן איבערגעגעבענער דאקטאר, זיך איבערגעגעבן בלב ובנפש צו די קראנקע קונדען. ער איז געווען א מקורב ביי רבי יוסף חיים זאננענפעלד זצ"ל ראב"ד עדה החרדית.

נאכן שאפן גרויסע סכומים געלט האט ער אין יאר תרע"ב (1902) אויפגעשטעלט דעם שערי צדק שפיטאל, א פארגעשריטענעם שפיטאל מיט זעכציג בעטן, ווי ער האט געדינט אלס מנהל און אויך דער הויפט דאקטאר. די בנין איז געווען א חידוש אין יענער צייט, מיט איר פראכטפולער געבוי און אויסשטעל.

ער האט באקומען א אויסצייכענונג פון דעם דייטשן קייזער ווילהעלם דער צווייטער פאר זיינע פילע לייסטונגען לטובת הכלל. ווען די צווייטע קריג האט אויסגעבראכן האט ער געהאלפען אסאך אידן ארויפצוקומען קיין א"י. אין תש"ד (1944) האט ער באקומען אן אויסצייכענונג פון דעם ענגלישן קעניג. אין דעם בנין איז פארגעקומען דאס אפיציעלע אונטערגעבונג פון טערקיי צו די ענגלענדער נאכן ערשטען וועלט קריג.

ער איז נפטר געווארן אינעם עלטער פון ניינציג יאר, בשנת תשי"ז (1957) און נקבר געווארן לעבן שפיטאל, אינעם קליינעם ביה"ח שערי צדק.

די שפיטאל האט זיך מיט די צייט אין יאר תשמ"ח (1980) אריבערגעצויגן קיין בית וגן, ווי ביז היינט דינט דאס ווי א גרויסע פארגעשריטענע שפיטאל אין ירושלים. דעם אלטן שיינעם בנין שטייט היינט צוטאגס ליידיג, עס איז באשטומט געווארן אלס אן היסטארישער בנין און וועט בקרוב ווערן באנוצט אלס א שיינעם האטעל, נאכן אדורך גיין רענאווירונגען.



דעם פארצייטישן בנין פון דר. וואלך'ס שפיטאל

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 27

חיי שרה

כ"ז חשון תשפ"א

November 14, 2020

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### חפצתי לשבת בארץ הזאת

גר ותושב אנכי עמכם - היה המנהג להיות להם בתי קברות איש לבית אבותיו ושדה קבורה אחד יקברו בו כל הגרים והנה אברהם אמר אל בני חת אני גר מארץ אחרת ולא הנחלתי מאבותי בית הקברות בארץ הזאת והנה עתה אני תושב עמכם כי חפצתי לשבת בארץ הזאת ולכן תנו קבר להיות לי לאחזת עולם כאחד מכם.

(רמב"ן, פר' חיי שרה כג, ד)

### קרית ארבע היא חברון

ותמת שרה בקרית ארבע, הודיענו הכתוב כי הצדקת הזאת מתה בא"י ונקברה בא"י, שהרי במיתתה כתיב היא חברון בארץ כנען. ובקבורתה כתיב בסוף הפרשה ואחר כן קבר אברהם את שרה אשתו וגו' היא חברון בארץ כנען. ובא ולמד על זכותה הגדול כי מיתתה וקבורתה היו במקום אשר שם עתיד להיות בית אלהים, ושם שער השמים...

ויתכן לומר עוד בשם קרית ארבע היא חברון היא נקראת חברון על שם שכל הקבור שם נפשו מתחברת למעלה בעיר אלהים עם ד' מחנות שכינה, ולא לחנם חמדוה אבות העולם אלא שמשם זכות הנשמות להתחבר לשרשן שהוא כסא הכבוד וזהו קרית ארבע היא חברון.

(רבינו בחיי, חיי שרה כג, ב)

### עיר הקודש

וזה ויברך את הגמלים מחוץ לעיר. פי' הנשמות הנדחים מחוץ לעיר הקודש גבול הקדושה. כי לכך נקרא ירושלים עיר הקודש מקור מחצב הנשמות למעלה. ע"כ גם אותן הנשמות הבריך ונטע אותם בקדושה אל באר המים. לעת ערב הוא ערב שבת קודש (עיין בזוה"ק דף קפ"א ע"ב) בתפלת המנחה.

(תפארת שלמה, פר' חיי שרה)

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
מרת **רחל שיינדל פריעד** שתחי'
לעילוי נשמת הגר צדק הצדיק
רבי **מיכאל בועז ישראל** בן **אברהם אבינו** זצ"ל
יומא דהילולה כ"א חשון תרכ"א - לא השאיר אחריו זש"ק



קבר של רבי עקיבא והרמח"ל, טבריה

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי יששכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

זעה אין ספר[151] "שוחר טוב", אז די מגפה וואס איז געווען אין די צייט פון דוד המלך איז נאר געווען צוליב דאס וואס זיי האבן נישט געבעטן פאר א בית המקדש, ווי איך האב עס שוין אראפגעברענגט אין די הקדמה. האט דער מדרש געמאכט אויף דעם א קל וחומר, מה דאך אין די זמן פון דוד ווען עס איז נאכנישט געווען א בית המקדש, דאך זענען זיי געשטראפט געווארן פארן נישט בעטן, איז אונז וואס מיר האבן שוין יא געהאט א ביהמ"ק און עס איז חרוב געווארן, על אחת כמה וכמה אז מיר ווערן געשטראפט פארן נישט בעטן דערפאר, וועגן דעם האט מען מתקן געווען צו מתפלל זיין אויף בנין ירושלים דריי מאהל א טאג, עיי"ש.

יעצט בלייבט שטיין די קשיא פון די גדולי עולם הנ"ל, מיר דאווענען דאך שוין אויף דעם אזויפיל יארן, פונעם זמן פון דעם חורבן ביז יעצט, אויב אזוי, איז שוין אין אונז מקויים געווארן דעם פסוק[145] "וּבִקְשׁוּ אֶת ה' אֱלֹקֵיהֶם וְאֵת דָּוִד מַלְכָּם" און פארן בית המקדש, וואס זיי אלע זענען נכלל אין אונזערע טעגליכע תפילות, און פארוואס זענען מיר נאכאלס נישט געהאלפן געווארן, מיר זענען נאכאלס נישט אנגעקומען אל הנחלה ואל המנוחה, אונז זעהן נאכאלס נישט קיין גוטער סימן. רבי שמעון בן מנסיא האט דאך געזאגט, אז מען ווייזט נישט קיין גוטער סימן פאר אידן ביז ווי לאנג זיי בעטן פאר די אלע דריי זאכן[152], למעשה מיר טוען דאס דריי מאהל א טאג, און מען האט אונז נאכנישט געוויזן א סימן, דאס איז לכאורה שווער צו פארשטיין.

נאר דער תירוץ איז אזוי בעזהשי"ת. איך וועל נאר מקדים זיין די גמרא אין מס' נדה,[153] "וואס זאל א מענטש טוהן און ער זאל קלוג ווערן? ער זאל פארמערן מיט זיצן אין ישיבה... האבן חז"ל געזאגט, אסאך האבן אזוי געטוהן אבער עס האט זיי נישט געהאלפן, נאר וואס דען זאל מען טוהן, מען זאל בעטן רחמים פון דעם וואס חכמה איז זיינס, ווי עס שטייט[154] "כִּי ה' יִתֵּן חָכְמָה מִפִּיו - ווייל דער אייבישטער גיט חכמה פון זיין מויל"... וואס טוט מיר דאס לערנען? אז איינס אן די אנדערע איז נישט גענוג. פרעגט די גמרא ווייטער, וואס זאל א מענטש טוהן אז ער זאל ווערן רייך? ער זאל פארמערן מיט האנדלען... האבן חז"ל געזאגט, אסאך האבן אזוי געטוהן אבער עס האט זיי נישט געהאלפן, נאר וואס דען זאל מען טוהן, מען זאל בעטן רחמים פון דעם וואס עשירות איז זיינס, ווי עס שטייט[155] "לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב - צו מיר געהערט דאס זילבער און גאלד"... וואס טוט מיר דאס לערנען? אז איינס אן די אנדערע איז נישט גענוג. פרעגט די גמרא ווייטער, וואס זאל א מענטש טוהן אז ער זאל האבן קינדער זכרים? ענטפערט מען, ער זאל חתונה האבן מיט א פרוי וואס פאסט פאר אים... האבן חז"ל געזאגט, אסאך האבן אזוי געטוהן אבער עס האט זיי נישט געהאלפן, נאר וואס דען זאל מען טוהן, מען זאל בעטן רחמים פון דעם וואס קען געבן קינדער,

ווי עס שטייט[155] "הִנֵּה נַחֲלַת ה' בָּנִים - די נחלה פון ה' איז די קינדער"... וואס טוט מיר דאס לערנען? אז איינס אן די אנדערע איז נישט גענוג", עכ"ל פון די גמרא. זעהן מיר אז ביי די דריי זאכן, וואס דעם מענטש'נס לעבן זענען אנגעוואנדען אין דעם, לאזן אונז חז"ל וויסן אז איינס אן די אנדערע ארבעט נישט. דאס הייסט, אז תפילה אן ארבעטן, אדער ארבעטן אן תפילה וועט נישט העלפן. פון דעם קען מען ארויסלערנען אויף אלע ענינים פון די וועלט, אז איין פעולה העלפט נישט אן די אנדערע, און צו מתפלל זיין אויף א זאך אן דעם וואס מיר זאלן זיך באשעפטיגן דערמיט בכלל, נאר מיט תפילה אליין וועלן מיר עס קיינמאהל נישט קענען דערגרייכן. ווי איך האב געזאגט, אז וויבאלד חז"ל האבן אונז געלאזט וויסן דעם לימוד אויף די דריי וויכטיגע זאכן וואס מען דארף צום לעבן, אז פון דעם זאלסטו דן זיין אויף די אלע אנדערע ענינים, איך האב דאס ארויסגעלערנט פון דעם[157] "בית יוסף", בשם דעם מזרחי, אז די תורה האט מגלה געווען ביי דריי פלעצער אז מען טאר נישט געבן צו עסן פאר א קליין קינד זאכן וואס זענען אסור, און פון דעם קען מען עס ארויסלערנען פאר די גאנצע תורה. ממילא אויך ביי די דברי חז"ל איז אזוי, וואס זיי האבן אונז מגלה געווען ביי די דריי וויכטיגסטע זאכן אין לעבן, אז תפילה אן זיך באשעפטיגן מיט זיי, אדער זיך יא באשעפטיגן מיט זיי אבער אן תפילה, וועט גארנישט העלפן. פון דא לערנען מיר עס ארויס אויף אלע אנדערע זאכן אין לעבן.

ווען איך האב געלערנט די גמרא הנ"ל, וואס זאל א מענטש טוהן צו האבן בנים זכרים, זאל ער חתונה האבן, האב איך מיר דערמאנט א מעשה וואס אן עלטערער איד פון די חסידים פון ר' אליעזר'ל פון קאמארנא ז"ל[158] האט מיר פארציילט. אז דער רבי האט געהאט א משמש, אן עלטערער בחור וואס האט נאך קיינמאהל נישט חתונה געהאט, אויך איז ער נישט געווען ביים גאנצן דעת, אבער ער איז געווען א ירא שמים, מען האט אים גערופען "פרץ גבאי", האט מען אים אמאהל געפרעגט, פרץ, פארוואס האסטו נישט חתונה? האט ער געענטפערט, וואס דארף איך דען חתונה האבן, עס פעלט מיר דא עפעס ביים רבי'ן? האט מען אים געזאגט, א מענטש דארף דאך האבן קינדער, האט ער געזאגט, קינדער, נישט קיין פראבלעם, איך וועל געבן דעם רבי'ן א קוויטל און איך וועל האבן קינדער. ווען מען האט איבער דערציילט די ווערטער פון פרץ פארן רבי'ן, האט ער זיך צושמייכעלט און געזאגט, "א פנים ווער עס פארלאזט זיך אין גאנצען אויפן רבי'ן, האט א פנים ווי פרץ". און דאס איז ממש די ווערטער פון די גמרא הנ"ל, וואס זאל א מענטש טוהן צו האבן זכרים, ער זאל חתונה האבן, און ער לאזט מיר הערן אז מען דארף ביידע, און תפילה אן חתונה האבן איז נישט גענוג, און נישט אזוי ווי פרץ גבאי וואס האט זיך פארלאזט אויף תפילה אליינס, דער רבי וועט שוין דאווענען פאר אים. עכ"פ לערנען מיר ארויס פון די גמרא, אז דער וואס פארלאזט זיך נאר אויף תפילה און ער באשעפטיגט זיך גארנישט אין דעם ענין, האט ער א פנים ווי פרץ גבאי הנ"ל.

איך האב געזעהן אין א ספר פון איינע פון די גדולים (איך קען יעצט נישט אנצייכענען דעם נאמען פונעם ספר, ווייל ווי איך געפון זיך יעצט איז נישטא קיין ספרים, צוליב דעם

המשך בדף ב'

---

[151] פרק יז
[152] ילקו"ש ח"ב, רמז קו
[153] נדה ע, ע"ב
[154] משלי ב, ו
[155] חגי ב, ח
[156] תהלים קכז ג
[157] או"ח סי' שמג
[158] רבי אליעזר צבי סאפרין זצ"ל, נולד תק"צ, נפטר כ"ד אייר, במח"ס דמשק אליעזר על הזוהר



יוצא לאור ע"י מכון: **לְבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## קנין הרוחניות של א"י ע"י ראיה

עוד נ"ל מה שאמר גר ותושב אנכי עמכם, כי הנה בזה שאמר לו השי"ת לך ולזרעך אתן, ר"ל דיש בארץ הנבחרת שני בחינות, כי היא חלק ה' בהארץ, דהיינו בחינה רוחנית אוירא דארץ מחכים (ב"ב קנ"ח ע"ב). ובחינה הגשמית כמו שהיה בחלק ה' עמו. והנה בחינה הרוחנית בראיה בעלמא קנה, כמ"ש באור החיים בפסוק (בראשית יח ב) וירא וירץ לקראתם, שבראיה שראה את המלאכים נתרפא ממכאובו ועמד וירץ לקראתם. והיינו אמרו ית' לאברהם לך לך וגו' אל הארץ אשר אראך (בראשית יב א), ר"ל לא כשאר ארצות אשר בחרב ובחינת נעשה מלחמה אבל בראיה אין תועלת, אבל ארץ כזו אין צריך לחרב וחנית, רק בראיה בעלמא תירש כל טוב שבה. וכן משה היה מתאוה לכנוס לארץ, נאמר (דברים לד א) ויראהו ה' את כל הארץ. על כן אמר גר ותושב אנכי, כי גר מצד גשמיות ותושב מצד רוחניות.

(ישמח משה, חיי שרה ז)

## מארץ כנען לארץ ישראל

וארץ ישראל שענינה השתוקקת לרצון השי"ת שע"ז אמרו ז"ל למה נקרא שמה ארץ שרצתה לעשות רצון קונה וכבר דברנו בזה באריכות, הי' המירוק שלה ביד הכנענים שהי' שטופים בע"ז יותר מכל האומות ואין לך הר וגבעה בא"י שלא עבדו שם האמוריים ע"ז, וי"ל שמטעם זה נקראו כל שבעה אומות כנענים מלשון הכנעה שהי' מכניעים א"ע לע"ז, והם היפוך א"י שתשוקתה תחת רשות השי"י, ושע"כ לא נמסרה לשר כידוע, והם הי' להיפוך הוציאו א"ע מתחת רשות השי"י והכניעו א"ע תחת רשות כוחות חיצונים וע"ז.

(שם משמואל, חיי שרה, יא)

## אלוקי הארץ

ואמר אלהי השמים אשר לקחני מבית אבי ולא אמר אלהי הארץ ולמעלה אמר ואשביעך בה' אלהי השמים ואלהי הארץ לפי שהקב"ה נקרא אלהי ארץ ישראל שנאמר כי לא ידעו משפט אלהי הארץ ולז"א בע"ז אלהי נכר הארץ ולפי שאברהם היה עכשיו בארץ ישראל אמר אלהי הארץ אבל בפסוק אשר לקחני מבית אבי לא אמר בו אלהי הארץ לפי שהיה בחרן או באור כשדים וכך אמרו הדר בחוצה לארץ דומה כמי שאין לו אלוה שנאמר כי גרשוני היום מהסתפח בנחלת ה' לאמר לך עבוד אלהים אחרים.

(תולדות יצחק, חיי שרה כד, ז)

## יצר הרע בא"י

וכן ענין זה ממש לישראל בא"י ונשמתם ותורתם ואלהותם, כי ארץ ישראל הוא עפר קדוש והעם היושב בה עם קדוש, ונשמתם קדושה ותורתם קדושה, ואלהיהם קדוש שהוא השר על ישראל.

(חסד לאברהם, מעין ג, נהר ז)



**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

גלות וואנדערונג, ווי איך בין אנטלאפן פון מיין שטוב), ווי ער איז מבאר דעם פסוק פון דוד המלך[159] "אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה' - איין זאך טו איך בעטן פונעם אייבירשטען, אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ - דאס איינע טוה איך בעטן, שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' - איך וויל קענען זיצן אינעם הויז פונעם אייבירשטען, כָּל יְמֵי חַיַּי - אלע מיינע לעבנ'ס טעג", וואס אלע מפרשים שטעלן זיך דערויף, וואס איז דאס דאפעלטען לשון פון שָׁאַלְתִּי און אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ, ביידע מיינען דאך בעטן. איז דער ספר מבאר, לויט די גמרא אין מס' נדה, אז אויב א מענטש דאווענט אויף א זאך, איז נישט גענוג מיט תפילה אליין, אפילו עס וועט זיין מיט די גרעסטע כוונות, ביז ווילאנג ער וועט נישט עוסק זיין דערין בפועל און טוהן וואס ער דארף, ערשט דעמאלטס וועט די תפילה העלפן אין הימל אז ער זאל באקומען וואס ער דארף. מיר קענען דאס פארשטיין מיט א ביישפיל, איינער וועט בעטן דעם אייבירשטען אז ער וויל זיין א תלמיד חכם אבער ער וועט זיך קיינמאהל נישט אריינזעצן אין א בית המדרש צו לערנען, נאר ער וועט ארומשפאצירן אין די גאסן. אזא מענטש, אפילו ער וועט דאווענען א גאנצען טאג מיט בכיות, וועט ער קיינמאהל נישט דערגרייכן זיין בקשה, וויבאלד ער פון זיין זייט האט גארנישט געטוהן צו דעם. אויב אבער ער וועט זיך טוהן דאס זייניגע, דהיינו ער וועט גיין אין בית המדרש אריין און זיך שטארקן מיט אלע כוחות צו לערנען, און ער וועט אויך דאווענען צו השי"ת אז ער זאל אים עפענען די שערי חכמה, וועט דער אייבישטער אים זיכער ממלא זיין, זיין בקשה. איז די חילוק פון שאלה און בקשה זענען ווי פאלגענד, שאלה - איז א תפילה וואס ער בעט פון הקב"ה וואס זיין הארץ גליסט. בקשה - איז זוכען בפועל און במעשה, איינער וואס זוכט ממש נאך א זאך וואס ער וויל דערגרייכן, ווי עס שטייט אין פסוק[160] "אָקוּמָה נָּא - איך וועל מיר אויפשטעלן, וַאֲסוֹבְבָה בָעִיר - און זיך ארומדרייען אין שטאט, בַּשְּׁוָקִים וּבָרְחֹבוֹת - אין די מארקן און אין די גאסען, אֲבַקְשָׁה אֵת שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי - איך וועל זוכן ווען מיין זעהל האט ליב", ער גייט אין די גאסן און זוכט בפועל צו טרעפן דעם וואס ער האט ליב. און ווי[161] "בַּקֵּשׁ שָׁלוֹם וְרָדְפֵהוּ - ער זוכט שלום און יאגט אים נאך", ער לויפט נאך דעם שלום בפועל ובמעשה, און אז ער וועט נישט זוכן וועט ער נישט טרעפן. דאס האט דוד המלך געזאגט "אַחַת שָׁאַלְתִּי - די זאך פון שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי וואס איך בעט פונעם אייבירשטען, אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ - דאס וועל איך טוהן און נאכזוכן במעשה", איך וועל טוהן פון מיין זייט אלעס וואס ליגט אין מיינע כוחות צו זיין א יושב בבית ה', צו קענען זיצן און לערנען און עוסק זיין אין תורה. נאר מיין שאלה איז צום אייבירשטען אז ער זאל מיר העלפן עס צו קענען אויספירען, און קיין שום מניעה זאל מיר נישט צוריקהאלטן דערפון, ווייל אויב וועל איך נישט טוהן למעשה צו זיצן אין ביהמ"ד, איז מיין תפילה צום אייבירשטען פאלש. דאס איז די משמעות פון דעם דאפעלטען לשון. ע"כ דברי הגאון הנ"ל.

לויט דעם קען מען פארשטיין דעם פסוק הנ"ל[145], "אַחַר יָשֻׁבוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּבִקְשׁוּ אֶת ה' אֱלֹקֵיהֶם וְאֵת דָּוִד מַלְכָּם" - אז זיי זוכן דאס נישט נאר דורך תפילה, נאר בִקְשׁוּ, זיי וועלן עס נאכזוכן מיט די הענט ממש, זיי וועלן זוכן בפועל די וועג ווי אזוי צוריק צו קומען קיין ארץ ישראל, זיי וועלן טוהן פעולות פאר דעם, און זיך נישט פארלאזן נאר אויף תפילה אליין, ווייל איינס אן די אנדערע איז נישט גענוג, מען דארף אויך טוהן למעשה צו דעם, דעמאלטס וועט מען זיי ווייזן א סימן לטובה. דאס האט רבי שמעון בן מנסיא געזאגט, אז מען וועט נישט ווייזן א גוטער סימן ביז ווילאנג מען וועט נישט בעטן דערפאר, ער זאגט נישט 'וישאלו', נאר ער באנוצט זיך מיט דעם ווארט 'ויבקשו', ווייל שאלה ווייזט אויף תפילה אליינס, נאר מען דארף בעטן און נאכזוכן דורך מעשים, מען דארף טוהן פעולות צו דעם אז מיר זאלן קענען צוריק קומען קיין ארץ ישראל, צו מלכות שמים און צו מלכות בית דוד, מיר דארפן עס נאכזוכן און טוהן אלס וואס איז נאר מעגליך אין אונזערע הענט, ווי אויך מתפלל זיין אויף דעם, דעמאלטס וועט דער אייבישטער אונז העלפן און מיר וועלן מצליח זיין. אבער אויב מיר וועלן נישט טוהן אין דעם, נאר מיר וועלן זיך פארלאזן אויף תפילה אליינס, וועלן מיר עס נישט דערגרייכן.

על פי זה, איז פארענטפערט די קשיא, אז וויבאלד מיר האבן נישט עוסק געווען זיך צוריק צו קערן קיין ארצינו הק', וועגן דעם איז נישט געווען א תועלת אין אונזערע תפילות אליין וואס מיר האבן געדאווענט ביז יעצט, וועגן דעם האבן מיר נאכנישט געזעהן א סימן לטובה. אויב אבער וועלן מיר טוהן דאס אונזעריגע מיט פעולות און מעשים, וועט אונז שוין קומען די הילף פון הימל אויך דורך די אלע תפילות וואס מיר האבן געדאווענט אז מיר זאלן צוריק קומען קיין ארץ ישראל, מיט דעם וועלן מיר דערגרייכן דאס וואס מיר ווילן, אריינצוקומען צום נחלה פון אונזערע עלטערן בב"א.

המשך בגליון הבא אי"ה

[159] תהלים כז, ד

[160] שיר השירים ג, ב

[161] תהלים לד, טו

לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### חברון עיה"ק

הר חברון, הרי יהודה

דאס אידישע קווארטל פון חברון האלט אן דעם קשר פון דעם שטאט פון אונזערע אבות און אימהות, פון ווען אברהם אבינו האט זיך באזעצט אין חברון און אפגעקויפט די מערת המכפלה.

ווען די אידן האבן זיך באזעצט אין ארץ ישראל איז חברון געווען די הויפט שטאט פון שבט יהודה. עס האט אויך געדינט אלס דאס קעניגליכע שטאט פון דוד המלך.

בזמן פונעם צווייטן ביהמ"ק האט מען געבויט דעם גרויסן בנין פון מערת המכפלה. אידן האבן שטענדיג געוואוינט אין חברון, באזוכער און רייזענדע האבן קיינמאהל נישט פארגעסן צו מתפלל זיין ביי די אבות. דורכאויס די מיטל-אלטער יארן האבן אידן אין חברון געוואוינט אינעם אידישען קווארטל, ווי דארט האבן זיך אויך שפעטער באזעצט אידן וואס זענען פארטריבן געווארן פון שפאניע. אפילו מען האט נישט אייביג ערלויבט פאר אידן צו באזוכן קברי אבות, און זיי האבן געליטן פון אנדערע גזירות, האט געהערשט א גאנץ רואיגע פארשטענדעניש מיט די אראבישע שכנים.

אין יאר תרפ"ט (1929) האבן ציווילדעטע אראבער אויסגעפירט א שרעקליכן פאגראם אויף די תושבי חברון, עס זענען אומגעקומען 70 אידן און די פארבליבענע פון שטאט זענען געווארן פארטריבן.

אין יאר תש"ח (1948) האט ירדן איינגענומען יהודה און שומרון און חרוב געמאכט רוב אידישע בנינים, שוהל'ן און בתי עלמין, און אידן זענען געווארן פארבאטן פון חברון.

ביי די מלחמת ששת הימים אין תשכ"ז (1967) איז חברון געווארן באפרייט, און צוריק אין אידישע הענט אפילו אן איין שאס. אין תשל"ט (1979) זענען אידן צוריק געקומען און אנגעהויבן באוואוינען דעם אלטען 'בית הדסה' וואס איז געשטאנען חרוב, זיי זענען אויסגעשטאנען אסאך צרות און שוועריגקייטן, אבער צוביסלעך האט זיך די שטאט צוריק אויפגעוועקט און פארברייטערט, מען האט באנייט דעם ביהכ"נ 'אברהם אבינו' וואס די ירדנ'ער האבן גענוצט פאר א שטאל, מיט נאך אידישע בנינים.

היינט צוטאגס ציילט די אידישע קווארטל הונדערטער איינוואוינער, איינגעטיילט אין די פיער געגענטער, אברהם אבינו, חזקיהו, בית הדסה, און אדמות שי. זיי זענען אפגעזונדערט מיט וואך פון די אראבישע שכינות'דיגע חברון, וואס איז צוגעטיילט געווארן צו זיי אין תשנ"ז.


בית הדסה אין דעם אידישען קווארטל פון חברון

צו באקומען דעם גליון יעדן וואך דורך אימייל, שרייבט אייך איין: activepage.co.il/trgister1234

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצובריינגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלִָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"וראה" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"יברכך ה'" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 28

תולדות

ה' כסלו תשפ"א

November 21, 2020

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### ולאום מלאום יאמץ

קסרי וירושלים, אם יאמר לך אדם חרבו שתיהן אל תאמן, ישבו שתיהן אל תאמן, חרבה קסרי וישבה ירושלים חרבה ירושלים וישבה קסרי תאמן, שנאמר (יחזקאל כו, ב) אמלאה החרבה אם מליאה זו חרבה זו אם מליאה זו חרבה זו רב נחמן בר יצחק אמר מהכא (בראשית כה, כג) ולאום מלאום יאמץ.

(מגילה ו ע"א)

### מצות התלויות בארץ

וימצא בשנה ההוא מאה שערים, מאה כורים מאה שערים מאה מנינים, מאה שערים מלמד שהאמידו אותה ועשת מאה כמה שהאמידוה, והלא אין הברכה שורה על דבר שהוא במשקל ובמדה ובמנין מפני מה מדד אותה, מפני המעשרות.

(בראשית רבה סד, ו)

### שלא יטמא בארץ העכו"ם

גור בארץ הזאת. צוה אותו שלא יצא חוצה לארץ. וטעם הדבר לפי שנתקדש בהר המוריה והיה עולה תמימה ועל כן הזהירו שלא יצא מן הארץ הקדושה לעולם ושלא יטמא בארץ העכו"ם.

(רבינו בחיי, תולדות כו, ג)

### הגוים יסכימו

כשם שמצינו ששרו של עשו הסכים על הברכות שנאמר (בראשית לב ל) ויברך אותו שם, כן בזמן הגאולה עתידים מלכי הגוים שיסכימו בברכותינו, הוא שהבטיחנו הנביא (ישעיהו מט כג) והיו מלכים אומניך ושרותיהם מיניקותיך אפים ארץ ישתחוו לך ועפר רגליך ילחכו וידעת כי אני ה' אשר לא יבושו קוי.

(רבינו בחיי, תולדות כח, ו)

### טומאת ארץ העמים

ובעו"ה בארץ טמאה רוב גלגולי רשעים הם בבהמות וצמחים כי ארץ ישראל אין מקבלת כ"כ מסאבא והארץ קאה להם אבל בחוץ לארץ מתדבקים ואם אין אכילתו בגדר קדושה וטהרה

המשך בדף ב'



זיתים, שוק מחנה יהודה, ירושלים

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד

ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר

מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נעענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

אזוי האט אויך רש"י געברענגט[162] לגבי די לויים, אז דער אייבישטער האט געזאגט פאר משה, "עשה אתה שלך, ואני אעשה שלי", דו טוה דיר דאס דייניגע, און איך וועל מיר טוהן דאס מייניגע, עיי"ש. דאס איז א גרויסע כלל צו אלע ענינים, אז קודם דארפן מיר טוהן וואס מיר דארפן, נאכדעם וועט דער אייבישטער טוהן זיינס. דאס שרייבט דער בעל הכוזרי[163], דאס זינד וואס נישט יעדער האט זיך געבענקט צוריקצוקערן קיין ארץ ישראל, האט צוריקגעהאלטן פון די השלמה וואס עס וואלט געקענט זיין ביים בית שני, ווי חז"ל זאגן[164], עס וואלט שוין געקענט זיין די ריכטיגע און ענדגילטיגע גאולה אויב וואלטן אלע מסכים געווען מיטן גאנצן הארץ צוריקצוגיין, אבער די חטא האט גורם געווען אז די צווייטע ביהמ"ק זאל נישט שטיין אויף אייביג, (דער מהרש"א איז מבאר דארט אין מס' יומא, אז דאס איז טאקע געווען די חטא, אז נישט אלע האבן זיך צוריקגעקערט, עיי"ש, ממש ווי די ווערטער פון דברי אלוקי בעל הכוזרי) נאר א קליין חלק זענען צוריקגעגאנגען און רוב זענען געבליבן אין בבל. ווייל א ג-טליכער ענין קען נאר חל זיין לויט וויפיל מען שטעלט זיך צו דערצו, אויב שטעלט ער זיך צו ווייניג איז ווייניג, און אויב מער איז מער, און אויב וואלטן מיר אלע דעמאלטס גרייט געווען אנטקעגן צו גיין אלוקי אבותינו מיט א גאנצען הארץ און פולען ווילן, וואלטן מיר ווען געהאלפן געווארן אזוי ווי אונזערע עלטערן אין מצרים[165].אונזערע ווערטער פון "הַמַּחֲזִיר שְׁכִינָתוֹ לְצִיּוֹן" און "וְהִשְׁתַּחֲווּ לְהַר קָדְשׁוֹ" זענען נישט מער ווי טשיפטשענען פונעם זרזיר פייגל, ווייל מיר טראכטן נישט וואס די ווערטער באדייטן", עכ"ל הזהב. אזוי איז עס ביזן היינטיגן טאג, מיר זאגן מיטן מויל און צינג, אבער אונזער הארץ איז נישט מיט אונז זיך צו דערוועקן דאס בענקשאפט פון אונזער נפש מיטן טוהן פעולות אויף צוריקצוגיין, צו פארמערן דאס צוריקקערונג פון דאס אידישע פאלק און צו מחזק זיין דעם יישוב, נישט קיין וווּנדער אויף די צרות וואס האט אונז דערגרייכט.

**ח.** מען קען ברענגען א קלארע ראיה צו אונזערע פריערדיגע ווערטער, פון דברי חז"ל[166], דער אייבישטער האט געזאגט וועגן יעקב, "דער צדיק קומט צו מיין גאסטהויז, און וועט דא נישט איבערנעכטיגן? האט זיך הר המוריה אויסגעריסן פון פלאץ און געקומען ביז בית אל". דאס מיינט דער פסוק[167] "וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם - און ער האט אנגעטראפן אינעם פלאץ". אויב וועסטו פרעגן, ווען יעקב איז אריבער דעם פלאץ פון דעם בית המקדש, פארוואס האט מען אים נישט אויפגעהאלטן? נאר ער האט דעמאלטס נישט געטראכט צו דאווענען דארט, האט מען אים מן השמים נישט אויפגעהאלטן. איז ער געגאנגען ביז חרן, ווען ער איז אנגעקומען קיין חרן האט ער צו זיך געטראכט, קען דען זיין אז איך בין אריבער דעם פלאץ ווי מיינע עלטערן האבן געדאווענט און איך האב מיר דארט נישט אפגעשטעלט צו דאווענען? האט ער גלייך באשלאסען צוריק צו גיין, ער איז אנגעקומען ביז בית אל, און הר המוריה איז עם אנטקעגן געלאפן", עכ"ד חז"ל שם.

איך האב געזעהן אינעם ספר הקדוש "בית אלוקים" לרבינו המבי"ט[168], ווי ער רעכנט אויס און איז מבאר אלע תפילות וואס ווערט געברענגט אין די תורה וואס אלע צדיקים און צדקניות האבן מתפלל געווען, ווען ער קומט אן צו די תפילה פון יעקב, שרייבט ער, "די תפילה פון יעקב איז ווי עס שטייט אין פסוק "וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם" און פגיעה מיינט תפילה, פון דא לערנט מען ארויס אז יעקב אבינו האט מתקן געווען די תפילה פון מעריב[169]. איז צוליב דעם וואס ער האט נישט אונזין געהאט צו דאווענען, נאר נאכדעם וואס ער האט אריינגעטראכט אז ווי קען זיין אז ער האט דארט נישט געדאווענט, און האט זיך דערנאך צוריקגעקערט צו דאווענען, וועגן דעם האבן חז"ל געזאגט אז מעריב איז א רשות[170]. דאס ענין פון די כוונה פון די תפילה פון יעקב אויף דעם מקום, גייט ארויף אויף דעם לעצטן גלות, ווייל גלות מצרים און די גאולה פון דארט, איז מכח די תפילה פון אברהם אבינו, גלות בבל מיט זיין גאולה, איז מצד די תפילה פון יצחק אבינו, און די יעצטיגע גלות מיט די גרויסע גאולה איז מצד די תפילה פון יעקב אבינו. ווי איך האב געשריבן אינעם בריוו "גאולת עולם" וואס איך האב געשריבן וועגן דעם ענין פון גאולה (עס טוט מיר לייד אז איך האב עס נישט געדריקט). דאס האט יעקב געזאגט, איז דאס מעגליך אז איך בין אריבער דאס פלאץ ווי מיינע עלטערן האבן געדאווענט און איך האב דארט נישט געדאווענט? דאס פלאץ איז בית אל וואס דאס איז ירושלים, און אזוי ווי זיי האבן מתפלל געווען אויף בנין ירושלים און דעם בית המקדש און זייערע תפילות זענען נתקבל געווארן ביים ערשטן און צווייטן בית המקדש, אזוי אויך וויל איך דאווענען פאר דעם לעצטן בית המקדש און בנין ירושלים. וועגן דעם איז זיין תפילה געדאווענט געווארן נאנט צום זון אונטערגאנג, וואס דאס איז א רמז צו דעם לאנגען גלות", עכ"ד הקדושים. זעהן מיר אז די גאנצע סיפור פון יעקב אויף דעם פלאץ ווייזט אויף בנין ארצינו הקדושה און בנין בית המקדש, יעקב האט אויף דעם מתפלל געווען ביים סוף פונעם טאג וואס ווייזט אויפ'ן סוף פונעם גלות, וואס עס איז שוין אנגעקומען איר זמן פון 'בעתה'. פון דעסטוועגן דאך זעהן מיר, אז אויב וואלט יעקב נישט געטראכט פון זיך אפשטעלן צו דאווענען, וואלט מען אים נישט אפגעשטעלט פון הימל, נאר ערשט נאכדעם וואס ער האט געטראכט פון זיך אליין צוריקצוגיין צו דאווענען, און גאר געטוהן א פעולה דערוועגן אז ער איז צוריק פון חרן קיין בית אל, ערשט דעמאלטס איז געקומען הילף מן השמים און די ערד איז אים אנטקעגן געשפרינגען. זעהן מיר קלאר אז פון הימל איז נישט גענוג נאר דעם רצון טוב אליין, נאר מעןווארט אויף א פעולה מיט מעשים צוזאמען מיט אונזער גוטען ווילן.

דאס אלעס איז מרמז אויף אונזערע זמנים, ווי אונז שטייען ביים סוף פונעם גלות, ווי די ווערטער פון מרן הנ"ל, עס איז נישט גענוג נאר אונזער גוטע רצון פון וועלן צוריק גיין לארץ אבותינו און ווארטן אויף א התעוררות פון הימל אליין, נאר מיר דארפן צולייגן אונזער דעת זיך צוריקצוקערן צו

המשך בדף ב'

[162] במדבר ג, טז

[163] מאמר שני, אות כד

[164] יומא ט ע"ב

[165] ברכות ד ע"א

[166] חולין צא ע"ב, רש"י בראשית כח, יז

[167] בראשית כח, יא

[168] שער התפילה פר' יח

[169] ברכות כו ע"ב

[170] ברכות כז ע"ב

הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך: שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: לִבִּי בְּמִזְרָח, ירושלים עיה"ק

# בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל



**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

אז מתדבקים בו נשמת רשעים ונעשה רשע ר"ל.

(יערות דבש א)

## לשכון בארץ

שכון בארץ אשר וגו'. נתכוין לומר סתם לקבל עליו אמרי קדוש אל המקום אשר יאמר אליו הגם שיהיה הפך רצונו, וליטול שכר על הדבר, כי רצה הקב"ה לזכות ידידיו וכן הוא אומר (לעיל יב א) אל הארץ אשר אראך וסמוך הזכירה לו דכתיב (שם ה) ללכת ארצה כנען.

(אור החיים הק', תולדות כו, ב)

## נשמת ארץ ישראל

ויעל משם באר שבע (בראשית כו כג) וירא אליו ד' בלילה ההוא וכו' (בראשית כו כד). צריך להתבונן הלא התגלות הנבואה בלילה היא רק לנביאי אומות העולם, ומי לנו גדול מיצחק אבינו בחיר ד'. וגם מה משמיענו בזה שהיה התגלות הנבואה "בלילה "ההיא דייקא. וי"ל על פי מ"ש בספר חסד לאברהם שבלילה הראשונה בביאת האדם מחוץ לארץ לארץ ישראל, מחליפין תיכף נשמתו ונותנים לו נשמה יותר מעולה. והנה ארץ פלשתים הוא גם כן במדריגות ארץ ישראל, אף על פי כן אינו דומה מעלת ארץ ישראל ממש שמתחלת גבולה מבאר שבע כנודע. וז"ש ויעל משם באר שבע, שגם משם שהוא ממדריגות ארץ ישראל, אף על פי כן היה לו עליה לבאר שבע, ותיכף וירא אליו י"י בלילה הראשונה שבא לגבול ארץ ישראל ממש.

(אגרא דכלה, תולדות)

## הרצון לעלות לארץ ישראל

וכן למשל בענין שאנו עוסקין בו לילך ולנסע לארץ ישראל שהוא עקר נצחון המלחמה כנ"ל. אבל אף על פי כן אם יהיה האדם עקשן אלף פעמים. אם הים עומד לפניו ואין לו ספינה לעבר בו ואין בידו מעות או שאין נמצא ספינה כלל או שהוא שעת מלחמה חס ושלום, וכיוצא. מה יועיל העקשנות שלו, כי בודאי אי אפשר לקפץ לתוך הים, כי לאו כל אדם זוכה שה' יתברך יקרע בשבילו את הים, על כן עקר העקשנות הוא רק ברצון שאיך שהוא על כל פנים לא יחליש את הרצון. ואפלו אם מונעים אותו באלפים ורבבות מניעות שנדמה לו שאי אפשר לשברם בשום אפן, אף על פי כן הוא יעשה את שלו וירצה בכל פעם ברצון חזק יותר, כי החשק והרצון צריך שיהיה כפי המניעה, כמבאר בהתורה ויהי נא פי שנים (בסימן סו). ואם יהיה עקשן בהרצון לבלי להניח את הרצון והכסופים דקדשה בשום אפן אף אם מפילין אותו כמו שמפילין אותו חס ושלום רחמנא לצלן, אזי סוף כל סוף בודאי יעזרו ה' יתברך לשבר ולבטל כל המניעות ויזמין לו כל מה שצריך לנסיעה לארץ ישראל או לשאר דברים שבקדשה ויחזר ויסיעו בכל מיני סיועות.

(ליקוטי הלכות, אורח חיים, הל' ברכות המזון, כ)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

אונזער לאנד, מען דארף עס אנהייבן בפועל ובמעשה אזוי ווי יעקב אבינו האט געטוהן, דעמאלטס וועט אונז צוקומען די סייעתא דשמיא און דאס לאנד וועט אונז אנטקעגן שפרינגען, און השי"ת וועט אונז געבן הצלחה אין אונזערע הענט. אויב אבער וועלן מיר נאר ווארטן אויף נסים און נפלאות אליין, און גארנישט טוהן פון אונזער זייט, האבן מיר פאלש געהאפט. ווייל פון הימל ווארט מען אז מיר זאלן אנהייבן טוהן דערוועגן, ווי עס איז געווען ביי יעקב אבינו ע"ה, דאס האט אונז יעקב אבינו געוויזן מיט זיין תפילה און מיט זיין צוריקגיין צום מקום המקדש, כדי מיר זאלן זיך פון דעם ארויסלערנען און אזוי טוהן, ווייל זיין גאנצע ענין פון דעם תפילה איז מרמז אויף דעם סוף פון דעם גלות, כנ"ל. וזה אמת וברור.

נאך קען מען זאגן א טעם פארוואס הר המוריה איז אים אנטקעגן געשפרינגען ווען ער איז געווען אין בית אל, און נישט ווען ער איז געווען אין חרן. זעה אין מדרש תהלים[171], אויפן פסוק[172] "לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי קֹרַח מִזְמוֹר. רָצִיתָ ה' אַרְצֶךָ - דער אייבישטער וויל דיין לאנד", די בני קרח האבן געזאגט צום באשעפער, ביז ווען וועסטו זאגן[173] "שׁוּבוּ בָּנִים שׁוֹבָבִים - קערט אייך צוריק, פארלוירענע קינדער" און זיי וועלן דיר זאגן, קער זיך צוריק צו אונז קודם, ווי דער פסוק זאגט[174] "שׁוּבָה ה' עַד מָתָי - קער זיך צוריק באשעפער, ביז ווען?", און דו ענטפערסט, ניין, די אידן זאלן קודם. בעטן זיי, דו קער זיך נישט צוריק פאר דיר אליין, און נישט אונז פאר זיך אליין, נאר לאמיר זיך ביידע צוריקקערן צוזאמען, עכ"ל. זעהן מיר ווי די בני קרח האבן פארגליכן צווישן אונז און הקב"ה, אז ביידע זאלן זיך צוריקקערן צוזאמען איינער צום אנדערן, דורך דעם וועט זיין אז דער אייבישטער וועט באוויליגן דאס לאנד, ווי דער פסוק האט אנגעהויבן "רָצִיתָ ה' אַרְצֶךָ", קיינער הייבט נישט אן אליין קודם, נאר אלע צוזאמען אויף איינמאהל. האב איך געזעהן אינעם הייליגן ספר "תפארת הגרשוני", א חבר פון רבנו הש"ך, ווי ער שרייבט אז פונדעסטוועגן דאך ברויכן מיר מאכן די התחלה אין דעם, ווייל אויב וועט דער אייבישטער אנהויבן, קענען מיר נישט מכוון זיין די ריכטיגע רגע צו טוהן צוזאמען פונקטליך מיט'ן אייבירשטען. מה שאין כן אויב וועלן מיר אנהייבן קודם, קען דער אייבישטער יא מכוון זיין צום זעלבן רגע און אנהייבן צוזאמען מיט אונז אויף איינמאהל. ווי מיר זעהן אז בית אל איז געווען אינמיטן דעם וועג פון חרן צו הר המוריה, און אין די זעלבע רגע וואס יעקב האט אנגעהויבן פארלאזן חרן, האט הר המוריה וואס ווייזט אויף די שכינה, אנגעהויבן ארויסצוגיין אנטקעגן אים. זיי זענען ביידע געגאנגען גלייך, טריט ביי טריט, כדי איינער זאל נישט אנקומען פריער ווי דעם צווייטן, ווייל דאס איז געווען די פארגלייכונג פון די בני קרח, וואס זיי האבן געבעטן אז ביידע זאלן גיין צוזאמען. און דאס וואס יעקב האט דאן געטוהן, איז געווען א סימן מיט וואס עס פאסירט אין די יעצטיגע טעג באחרית הימים, ווי איך האב אראפגעברענגט פון רבינו המבי"ט, וועגן דעם האט נישט געקענט פאסירן דאס שפרינגען פון הר המוריה נאר אויף דעם דערמאנטן אופן, און ווען יעקב האט זיך באגעגענט מיט דעם הר המוריה, וואס איז געווען די שכינה, איז דאס געווען ממש אינמיטן דעם וועג אין די שטאט בית אל. קומט אויס, אז דעמאלטס האט פאסירט דאס צוריקקערן איינער צום צווייטן ממש אין די זעלבע רגע, אויף איינמאהל. אזוי זעהט מיר אויס די פשט אין דעם, עס איז הפלא ופלא, און איך דאנק ג-ט וואס האט באלויכטן מיינע אויגן אין דעם ווינדערליכן ענין. עכ"פ, דאס איז אויך א ראיה אז אונז דארפן אנהייבן די השבה, די צוריקקערונג קודם, דעמאלטס וועט השי"ת אונז קומען אנטקעגן, און מיר וועלן זיך צוריקקערן איינער צום אנדערן אויף איינמאהל. מה שאין כן, אויב ח"ו וועלן מיר נישט אזוי טוהן, נאר מיר וועלן ווארטן אויף נסים מן השמים, דאס קען נישט זיין ריכטיג, ווי די תפילה פון די בני קרח האט געבעטן.

זעה אינעם ספר[175] "אהבת יונתן", ווי ער שרייבט, אז דאס אליינס, די פעילה אז מיר קערן זיך צוריק צו ארץ ישראל, דאס אליין איז שוין פאררעכנט ווי א תשובה, דאס איז דער עיקר פון תשובה. ער זאגט דארט, ווען עס וועט אויף זיי די תושבי א"י אריבערגיין פיל צרות, און פון דעסטוועגן דאך וועלן זיי נישט איבערלאזן דעם אייבירשטען און זייער נחלה אין ארץ הקדושה, דאס וועט זיין דער עיקר פון זייער תשובה. ווייל תשובה דארף זיין באותו מקום, ובאותו מעשה, דער עיקר פון זייער זינד בזמן הבית איז געווען אז זיי זענען אראפגעגאנגען קיין מצרים, ווי דער פסוק זאגט[176] "הוֹי הַיֹּרְדִים מִצְרַיִם", און פון דעם איז ארויס געקומען גרויסע חטאים. וועגן דעם וועט זייער תשובה לעתיד זיין אז זיי וועלן נישט פארלאזן ארץ ישראל, עכ"ל. יעצט אין אונזער צייט וואס אפילו די שוואכסטע האבן זיך צוריקגעקערט קיין א"י, און זיי זענען זיך מוסר נפש אויף דעם און זיי ווילן נישט קיין אנדערע לאנד, איז זיכער איז עס ווערט פאררעכנט ווי א תשובה אין די אויגן פון השי"ת.

המשך בגליון הבא אי"ה

[171] שו"ט פר' פה
[172] תהלים פה, א-ב
[173] ירמיהו ג, כב
[174] תהלים צ, יג
[175] הפטרת בלק
[176] ישעיהו לא, א

# לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## קבר עובדיה הנביא

ברעם, גליל העליון

דעם ציון געפינט זיך לעבן דעם אלטן כפר ברעם און ווערט שוין דערמאנט דורך די אור-אלטע רייזענדער ווי רבי שמואל ב"ר שמשון, אור החיים הק' און נאך. זיי רעדן אויך פון זעהן חורבות פון א הערליכע גרויסע שוהל דערנעבן.

עובדיה הנביא איז געווען א גר צדק פון אדום, געלעבט האט ער בזמן בית ראשון און געווען געשטעלט איבער דעם קעניגליכן הויז פון אחאב, און ווען איזבל האט געלאזט אויסהרג'נען די נביאים, האט ער באהאלטען הונדערט נביאים צוטיילט אין צוויי היילן (מלכים א יח, ד), און צוליב דעם זוכה געווען צו נביאות (סנהדרין לט ב). צוגאב צו דעם פאקט אז די תורה זאגט אויף אים "ירא את ה' מאד", איז אים צוגעקומען נבואה אלס שכר פון מדה כנגד מדה (כלי יקר). ער איז געווען א גרויסער עושר און געשפייזט די נביאי ה' מיטן אויסגעבן זיין גאנצע געלט, אז ער האט געמוזט בארגן געלט פון יהורם בן אחאב כדי צו קענען אויסהאלטן די נביאים. (שמו"ר לא, ד)

ספר עובדיה איז די זיבעטער פון די ספרי תרי עשר אין נ"ך. זיינע נביאות רעדן בעיקר איבער די שטראפען וואס וועט קומען צו אדום לעתיד לבא. די סיבה פארוואס דווקא עובדיה דער גר זאל זיין דער וואס וועט נביאות זאגן אויף אדום, זאגן חז"ל, אז דער אייבישטער האט געזאגט "זאל קומען עובדיה וואס האט געוואוינט מיט צוויי רשעים אחאב און איזבל און דאך האט ער זיך נישט געלערנט פון זייערע שלעכטע מעשים, און זיך אפצאהלען פון דעם רשע עשיו וואס האט געוואוינט צווישן צוויי צדיקים יצחק און רבקה, און ער האט זיך נישט אפגעלערנט פון זייערע גוטע מעשים". 

אין ילקוט שמעוני שטייט אז דער אייבישטער האט געזאגט פאר אליפז, איך וועל אויפשטעלן פון דיר א נביא וואס וועט זיך אפצאלען פון דיין טאטענ'ס הויז מיט א נביאה, ווי עס שטייט "חזון עובדיה". (ילקו"ש עובדיה, רמז תתקמט)

אין נ"ך זעהט מען אן אונטערסאנטע מעשה, וויאזוי יהורם איז געקומען נאך די פטירה פון עובדיה, צו אוועקנעמן זיינע צוויי זוהן פאר קנעכט כדי אפצוצאהלן דעם חוב פון עובדיה, אבער אלישע האט געצה'ט זיין פרוי די צדיקת צו אנפילען דעם שטוב מיט געבארגטע כלים און נעמען א קריגל אויל וואס זי האט נאך פארמאגט און אנגיסן דערמיט אלע כלים אין שטוב. עס האט פאסירט א נס און די אויל האט זיך נישט אויפגעהערט צו גיסן ביז ווילאנג אלע כלים זענען פיל געווארן, זי האט דורך פארקויפן די אויל געקענט אפצאלן דעם גאנצען חוב.



ציון עובדיה הנביא

בעזהשי"ת
# בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצובריינגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.
"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 29
**ויצא**
י"ב כסלו תשפ"א
November 28, 2020

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגען ארויס די מעלות פון א"י

### מלאכי אלוקים עולים ויורדים

ודע שכל הדר בחוצה לארץ נמצאים סביבותיו י"א אלפים מלאכים, כדכתיב יפול מצדך אלף ורבבה מימינך, ועולים במדריגת הסולם מצד חוץ כלפי חוץ לארץ והולכין למקומן, ובאותו רגע כשנכנס האדם בתוך אויר הסולם מיד יורדים דרך מדרגות הסולם מכלפי פנים כ"ב אלף מלאכי טהרה כחשבון כ"ב אותיות התורה, ומתלווים עמו עשרים אלף מצדו אחד, וב' אלפים מצדו השנית, ורמז לזה רכב אלהים רבותיים אלפי שנאן, וכל הדר בארץ ישראל נמצאים עמו כ"ב אלף מלאכי טהרה כנזכר.

(חסד לאברהם, מעין ג, נהר ד)

### ארץ ישראל בחינת יראה עלאה

...כי ע"י היראה נכנע האדם ונשפל לפני הבורא ב"ה, רק שבחינת יראה והכנעה שבא להאדם ע"י יראת עונש נקרא חוץ לארץ, ויראת הרוממות יראה עילאה בבושת והכנעה לפניו ית' בגין דאיהו רב ושליט עקרא ושרשא דכל עלמין נקרא בשם ארץ ישראל. גם נקראים הב' בחינות בשם ירושלים לתתא ירושלים לעילא, כמאמר הכתוב (תהלים קכב, ג) ירושלים הבנויה כעיר בחברה לה יחדיו. שירושלים שלמטה מכוון כנגד ירושלים של מעלה, הוא בחינת יראה תתאה ויראה עלאה כנ"ל (וזהו, לא אבא בירושלים של מעלה עד שאבא בירושלים של מטה (תענית ה, א), שאי אפשר להגיע לבחינת יראה עלאה עד שמגיעים תחלה לבחינת יראה תתאה).

(בת עין, ויצא)

המשך בדף ב'




**לקנות דירה בארץ ישראל?**
ניתן לראות את הדברים בהרחבה בספר החדש שיצא עתה לאור בהסכמת גדולי ישראל - 'בית ראובן' המדריך לקנית בית בשמחה ובקלות.
אפשר להשיג הספר
הרב יהודה טאוב 055-6785647
8436092@gmail.com




ים כנרת, גליל העליון

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

דאס וואס זיי זענען נישט מקיים די מצוות התורה, איז צוליב דעם וואס זיי זענען נישט אויפגעוואקסן און אויפגעצויגן געווארן מיט דעם, זיי זענען ווי א קינד וואס איז געפאנגען געווארן צווישן די פעלקער, א תינוק שנשבה, ווי דער רמב"ם שרייבט אין הלכות ממרים[177], אבער דאס עצם עליה אז זיי זענען ארויף קיין ארץ ישראל איז זיכער גערעכנט ווי א תשובה, מיט דעם זענען זיי מקיים די עיקר פון די מצות עשה פון תשובה, ווי דברי רבינו יהונתן הנ"ל.

די מדרש תלפיות[178] ברענגט אראפ דעם זוהר חדש, "דער גרויסער מלאך מיכאל, דער פארזארגער פון עם ישראל זאגט: רבש"ע, ווען וועסטו אויסלייזן די אידן פון גלות אדום, האסט דאך געשריבן אז ווען די אידן וועלן ליידן פיל צרות וועלן זיי אויסגעלייזט ווערן פון גלות. האט דער אייבישטער אים געענטפערט, זאל די ס"מ די פארזארגער פון אדום זיך קומען און קריגן מיט דיר. איז די ס"מ געקומען און געטענה'ט, דו האסט דאך געזאגט אז די אידן וועלן זיין אין גלות ביז ווי לאנג זיי וועלן תשובה טוהן, און יעצט זענען זיי נאך רשעים וכו'. האט הקב"ה געזאגט צו מיכאל, וואלסט קודם געדארפט זעהן די פסוק[179] "וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ - דו זאלסט דיך צוריקקערן צום באשעפער, דיין ג-ט" און ערשט דערנאך שטייט ווייטער[180] "כִּי אֵ-ל רַחוּם - ווייל ג-ט איז א דערבארעמדיגער" וכו'. האט מיכאל געענטפערט, באשעפער פון די וועלט, צו דען אומזיסט רופט מען דיר א-ל רחום, עס מיינט אז דו האסט רחמנות אפילו זיי זענען נישט ווערט דערצו. האט אים דער אייבישטער געזאגט, איך האב שוין געשווארן אז איך וועל זיי נישט אויסלייזן ביז ווי לאנג זיי וועלן תשובה טוהן, אפילו אויב זייער תשובה איז נאר אזוי ווי די שפיץ פון א נאדל, וועל איך זיי עפענען א גרויסן טיר", עכ"ד. זעהן מיר פון דעם אז פארן אייבירשטן איז גענוג פאר די גאולה אפילו אזא תשובה ווי די שפיץ פון א נאדל. און לויט די ווערטער פון הגאון רבינו יהונתן, אז די עיקר תשובה איז דאס צוריקקערן קיין ארץ ישראל, קומט אויס אז די אלע וואס האבן זיך אפגעקערט פון דרכי תורה ומצוות בעוה"ר, טוהן מקיים זיין דעם תשובה וואס דער אייבישטער טוט אויף דעם האפן, א תשובה ווי די שפיץ פון א נאדל, וואס עכ"פ קען זייער צוריקקערן קיין ארץ ישראל ווערן פאררעכנט ווי אזא תשובה, דערנאך וועט הקב"ה זיי עפענען מיט א גרויסן טיר, און בייגן זייער הארץ צו אים, אים ליב צו האבן און דינען מיט'ן גאנצן הארץ. וזה ברור ואמת בעזהש"י. עס וועט זיכער אין זיי מקויים ווערן דורך דעם, מצוה גוררת מצוה[181], אז דער אייבישטער וועט אויפוועקן זייער הארץ לעבודתו וליראתו, ווי איך ברענג אי"ה שפעטער אראפ פון די ווערטער פונעם רמב"ם, אהבת יהונתן און אוה"ח הק'. עכ"פ, וויבאלד זיי טוהן א מצוה מיט דעם, און זייערע מעשים זענען אנגענומען ביים אייבירשטען, ווי איך האב אויפגעוויזן אין די פתיחה פון דעם ספר, און איך וועל עס נאך אויפווייזן אין די קומענדע פרק בעזה"י, איז זיכער אז א יעדער איד איז מחוייב זיי צו העלפן און זיך משתתף זיין מיט זיי אין די פעולה, "שׁוֹמֵר מִצְוָה לֹא יֵדַע דָּבָר רָע"[182], עס וועט פון דעם נישט ארויסקומען קיין שום שלעכטס ח"ו, אדרבה, עס וועט נתגדל און נתקדש ווערן שמיה רבה דורך דעם, וזה אמת וברור. עכ"פ, איך האב ארויס געברענגט פון יעקב אבינו און פון די תפילה פון די בני קרח, און פון מס' נדה, אז אלעס ווענדט זיך מיט וואס וועלן מיר קודם טוהן פון אונזער זייט, דערנאך וועלן מיר קענען טראכטן פון די סייעתא דשמייא וואס וועט דאס אונז צוענדיגן לטובה, כדברי זוהר אין פר' נח[183] (איך האב דאס אראפגעברענגט אין די צווייטע הקדמה), אז ביי בנין שלמה איז אויך אזוי געווען, ער האט קודם אנגעהויבן מיט ארבעט, דערנאך האט מען אים צוגעהאלפן פון הימל אז עס זאל זיך ענדיגן פון זיך אליין, מען האט אבער געווארט אין הימל אויף מעשה ידיו בתחילה. דאס איז אויך די טעם פארוואס אונזער גאולה ווערט אנגערופן מיט די נאמן "צמח", ווי איך האב שוין אראפגעברענגט פריער, צו מרמז זיין אז פונקט ווי א מענטש קען נישט האפן אז תבואה זאל זיך פלוצלינג נעמען וואקסן ביי אים אין פעלד אן דעם וואס ער זאל קודם האבן געארבעט דערויף, צום ביישפיל אקערן, זייען און אנגרייטן דעם פעלד אז עס זאל קענען דארט שפראצן תבואה, אויב וועט ער נישט פלאנצן, אפילו ער וועט דאווענען א גאנצען טאג און נאכט, וועט גארנישט ווערן פון דעם. נאר נאכדעם וואס ער וועט זיך טוהן דאס זייניגע, ער וועט אקערן און זייען, דעמאלטס קען ער דאווענען צום באשעפער אז ער זאל זעהן א ברכה במעשי ידיו. אזוי אויך איז ביי גאולה, נאכדעם וואס מיר וועלן געבן אונזער דעת צוריקצוגיין קיין ארצינו הקדושה, און מיר וועלן אנהויבן טוהן דערוועגן מיט די הענט, וועט דער אייבישטער אונז צוענדיגן לטובה, וזה אמת וברור, ברוך ה' אז דער אייבישטער האט באלויכטן מיינע אויגן מיט דעם.

**ט.** יעצט אין אונזער צייט, וואס עס איז געווארן אן התעוררות זיך צוריק צוקערן קיין ארץ אבותינו, אויך איז מען צוריק געגאנגען בפועל און מען טוט אויף בויען דאס לאנד, איז זיכער מקויים געווארן די נבואה פון הושע "אַחַר יָשֻׁבוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל - נאכדעם וואס די אידן וועלן זיך צוריקקערן, וּבִקְשׁוּ אֶת ה' אֱלֹקֵיהֶם - זיי וועלן נאכזוכען דעם באשעפער זייער ג-ט, וְאֵת דָּוִד מַלְכָּם - און זייער קעניג דוד", בִקְשׁוּ ממש, ווי איך האב שוין פריער מבאר געווען אז די משמעות פון דיווארט "בִקְשׁוּ" איז צו טוהן בפועל ובמעשה ידיהם.

אויב וועסטו וועלן זאגן, אז אין פסוק שטייט "וּבִקְשׁוּ אֶת ה' אֱלֹקֵיהֶם וְאֵת דָּוִד מַלְכָּם", און בעוה"ר איז נישטא קיין זכר אין די בויערס דעם ענין פון זוכען מלכות שמים און דוד המלך, זייער התנהגות ווייזט אויף דעם. אויף דעם וועל איך ענטפערן לויט דאס וואס שטייט אין מדרש שיר השירים[185], "אַל תִּרְאוּנִי שֶׁאֲנִי שְׁחַרְחֹרֶת שֶׁשֱּׁזָפַתְנִי הַשָּׁמֶשׁ", כנסת ישראל זאגט פאר די נביאים, זעה מיר נישט אין מיין שווארצקייט, צו זאגן שלעכטע רייד אויף די אידן, ווייל די פעלקער האבן מיר פארשמירט, די שווארצקייט איז נישט אין מיין פנימיות, נאר די זין וואס מיינט די אומות העולם, האט מיר פארשווארצט, איך בין אויפגעוואקסן צווישן די

המשך בדף ב'

[177] פרק ג, הלכה ג'
[178] ענף גלות מצרים
[179] דברים ד, ל
[180] דברים ד, לא
[181] אבות פרק ד, משנה ב
[182] קהלת ח, ה
[183] זוהר ח"א
[184] הושע ג, ה
[185] פר' א, פסוק ו

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## כיבוש ארץ ישראל

הארץ אשר אתה שוכב עליה וגו' מאי רבותיה, אמר רבי יצחק מלמד שקפלה הקב"ה לכל ארץ ישראל והניחה תחת יעקב אבינו שתהא נוחה ליכבש לבניו.

(חולין צא, ב)

## מקומו של עולם, אורו של עולם

ויפגע במקום וילן שם כי בא השמש. ד"א לכך קראו מקום סתם, לפי שהוא מקומו של עולם, הן מצד ששם אבן שתיה ומשם הושתת העולם, הן מצד שעדיין כל העולם מיוסד עליו כי ממנו יוצא השפע לכל העולם ויעקב הרגיש כי זה יהיה מקום המקדש לפי שראה ששקעה עליו השמש שלא בעונתה, לפי שמקום קדוש זה מכהה גלגל חמה ואינו צריך אל השמש, ואדרבה השמש צריכה אליו כמ"ש רז"ל במד"ר טו.ב) א"ר אבין אתה מוצא מי שמבקש לעשות לו חלונות עושה אותם רחבות מבפנים וצרות מבחוץ כדי שיהיה שואבין האורה מבחוץ, אבל חלונות של בהמ"ק היו רחבות מבחוץ וצרות מבפנים למה שיהא האור יוצא מן המקדש ומאיר לעולם, שנאמר (יחזקאל מג.ב) והארץ האירה מכבודו וכתיב (ירמיה יז.יב) כסא כבוד מרום מראשון מקום מקדשינו.

(כלי יקר, ויצא כח, יא)

## סימן לבניו בגלות

ובמדרש רבה איתא ריב"ל פתר קרא בגליות ויצא יעקב מבאר שבע, הד"א שלח מעל פני ויצאו, וילך חרנה כמד"א כי ה' הוגה ביום חרון אפו, הרי דמפרש חרנה לשון חרון. וכוונת המדרש דמפרש דכל מה שכתוב ביעקב הוא סימן לבניו בגלותם. דגם בהם היו שני דברים הנ"ל. היציאה והגירוש מארץ ישראל, וההגעה לארץ נכריה לא להם. ושניהם הם בהם לתכלית וכדמפרש ויצא יעקב כמד"א שלח מעל פני ויצאו, דמשמעות הכתוב דעיקר כוונת הגלות הוא היציאה מארץ ישראל. וזהו שאמר ויצאו שלא יהיו כאן. והכוונה בזה דארץ ישראל בקדושתה אינה סובלת עליה עוברי עבירה והיא ארץ אשר ה' דורש אותה מראשית שנה עד אחרית שנה וע"כ כשחטאו שלחם ממנה, וזה לא היה לעונש על חטאם דהרי היה יכול להענישם בעודם יושבים עליה רק היה לטובתם דאם היו עונשים באים לא היה להם תקומה חלילה וע"כ שלחם לחו"ל אשר שם גם אם אינם צדיקים יוכלו להתקיים.

(בית הלוי עה"ת, ויצא)

## בארץ ישראל עובדים את ה' באהבה

בארץ ישראל עיקר העבודה היא במדת אהבה, ובחוץ לארץ עיקר העבודה היא במדת היראה. ועפ"ז מתבארים היטב דברי יעקב, שאמר ושבתי בשלום לבית אבי, היינו בשובו לארץ ישראל, אז והי' ה' לי לאלוקים, יעבוד השי"ת במדת אהבה.

(נתיבות שלום, ויצא)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

פעלקער און מיין חיצוניות האט זיך אין זיי אנגעקלעבט, אבער אין מיין פנימיות בין איך ווייס און ריין. עס איז נישט א חידוש אז נאך צוויי טויזנט יאר פון אויפוואקסן צווישן די גוים אז איך האב מיר אפגעלערנט פון זייערע שלעכטע מעשים, ווי עס שטייט אין פסוק[186] "וַיִּתְעָרְבוּ בַגּוֹיִם - זיי האבן זיך געמישט מיט די פעלקער, וַיִּלְמְדוּ מַעֲשֵׂיהֶם - און זיך אפגעלערנט פון זייערע מעשים". אבער די אידישע נפשות, פון די קינדער פון אברהם יצחק און יעקב, זיי זענען ריין אינעווייניג און גליסטען זיך צוריק צוקערן צו זייער מקור, זיי ווייסן נאר נישט דעם וועג וויאזוי זיך צוריק צוקערן צו טהרה, ווייל זיי זענען געוואוינט צו אויפוואקסן צווישן די גוים. עס איז נישט גלייך צו דעם צייט ווען זיי האבן נאך געוואוינט אין זייער לאנד, און זיי האבן געזעהן און פארשטאנען דעם דרך התורה דורך די סנהדרין, יושבי כסאות למשפט[187] התורה והיראה, זיי האבן זיך פארמאוס'ט אין זיי און אין תורת ה' און נישט צוגעהערט צו די קול פון די נביאים, וועגן דעם זענען זיי מחוייב געווארן צו גיין אין גלות. אבער יעצט, אינעם דור פון גלות ווי מען איז געווען פארמישט מיט זיי און געבוירן געווארן צווישן די פעלקער, זיי האבן נישט געזעהן אדער געהערט פון כבוד ה', איז נישט קיין ראי' פון דעם וואס זיי גייען נישט בדרך התורה, אז עס איז זיי מאוס, נאר צוליב וואס זיי זענען פארשווארצט געווארן פון די מעשי הגוים. איך האב שוין אראפגעברענגט פון רבינו המקובל פון קאמארנא, "איך שווער בחיי עולם, אז די אידן זענען כתינוק שנשבה בין העמים, זיי זענען אן אונס און א שוגג אויף אלעמען". באמת דער רמב"ם שרייבט אויך אזוי[188], אויף די וואס זענען אויפגעוואקסן מיט די מנהג פון גוים, אז עס איז א מצוה זיי מקרב צו זיין, ווייל זיי זענען כתינוק שנשבה, אבער זיי זענען מזרע אברהם יצחק ויעקב און עס איז א מצוה זיי ליב צו האבן. על כן, די וואס בויען דאס לאנד זענען זיכער נישט פארמואס'ט אין די אויגן פון השי"ת. זעה דעם מדרש[189] וואס זאגט אויפן פסוק[190] "בֵּית יִשְׂרָאֵל יֹשְׁבִים עַל אַדְמָתָם - די אידן זיצן אויף זייער לאנד, וַיְטַמְּאוּ אוֹתָהּ - און זיי האבן איר מטמא געווען", דער אייבערשטער האט געזאגט, הלואי זאלן מיינע קינדער זיך געפינען אין ארץ ישראל, אפילו זיי זענען איר מטמא", עכ"ל. דאס גייט אויך לויט דעם פשט, אז וויבאלד זיי האבן זיך געזוימט אזוי לאנג צווישן די פעלקער, זענען זיי אזוי ווי די וואס ווייסן נישט די הארבקייט פון דעם איסור און זענען ווי אן אונס אויף אלעם, און עס איז נישט גלייך צו ווען זיי האבן געזינדיגט בזמן הבית.

דאס איז אחוץ פון דעם וואס זיי האבן ליב דאס לאנד, און ווילן נישט אן אנדערס לאנד נאר ארץ אבותינו, זיי זענען זיך מוסר נפש אויף דעם, ווי מיר ווייסן אז אסאך זענען געשטארבן צוליב דעם לאנד, ווי מיר האבן געהערט ווען די אראבער האבן געווילדעוועט, און אסאך פון די אידן האבן זיך אנטקעגן געשטעלט און זענען געשטארבן דורך זיי, האבן פיל פון זיי געזאגט פאר יציאת נשמה מיט דעם לשון, עס איז נישטא קיין בעסער זאך ווי צו שטארבן וועגן אונזער לאנד"[191]. דער חת"ס ברענגט אראפ אין א תשובה[192] די גמרא אין סנהדרין[193] אז א איד וואס ווערט געהרג'עט דורך א גוי, אפילו ער איז געווען א רשע און נידעריג, ווערט ער אנגערופן א קדוש. זיכער די וואס האבן זיך מוסר נפש געווען וועגן אונזער לאנד. זעה אין ספרי זוטא[194], "רבי שמעון זאגט, קום און זעה די ליבשאפט צו ארץ ישראל, ווי שטארק זי איז באליבט, ווייל ווער עס גייט צו א מלחמה לויפט ער אהין, אבער ווען ער קומט אן ווערן זיינע פיס שוואך, אבער די אידן זענען נישט אזוי געווען, ווען זיי זענען אנגעקומען נאנט צו ארץ ישראל האט די פיס זיי געטראגן, און זיי האבן געזאגט איינער צום צווייטן, אויב מיר קומען אריין אין ארץ ישראל און שטארבן גלייך, זענען מיר נישט ווערט אריינצוקומען צום לאנד וואס דער אייבישטער האט באשוואוירן צו אונזערע עלטערן צו געבן פאר אונז", עכ"ל. ממש אזוי האבן געטוהן די קדושים וואס זענען געהרג'עט געווארן ביי די מלחמות מיט די אראבער. איז דען א ספק אז זיי זענען בני עולם הבא?! און כאטש אפילו זיי אליין האבן עס נישט געזעהן, אבער זייער אידישע נפש וואס איז אין זיי האט דאס יא געזעהן, און זי האט געגליסט זיך צוריק צוקערן צו איר מקור. און חז"ל האבן שוין געזאגט "כל הדר בארץ ישראל, ווער עס וואוינט אין א"י איז גלייך ווי ער האט א ג-ט", אפילו ער ווייסט אדער פארשטייט נישט צו בעטן פונעם אייבירשטען מיט'ן מויל, טוט אבער זיין נפש יא מרגיש זיין צו דעם, דאס האבן זיי מרמז געווען מיט די ווארט "דומה", אפילו זיין הנהגה ווייזט נישט אויף דעם. איז וויבאלד מען בעהט פאר א"י, איז דאס אויך אין כלל פון "וּבִקְשׁוּ אֶת ה' אֱלֹקֵיהֶם וכו'" דאס וועט צוברענגען אז עס וועט מקויים ווערן די פסוק[195] "וּמַשְׁתִּי אֶת עֲוֹן הָאָרֶץ בְּיוֹם אֶחָד - איך וועל אפטוהן די זינד פונעם לאנד אין איין טאג".

המשך בגליון הבא אי"ה

[186] תהלים קו, לה
[187] ע"פ תהלים קכב, ה
[188] הל' ממרים פרק ג, הלכה א
[189] ילקו"ש ח"ב, רמז תתרלח
[190] יחזקאל לו, יז
[191] כידוע על יוסף טרומפלדור הי"ד
[192] יו"ד סי' שלג
[193] דף מז ע"א
[194] פר' בהעלותך פר' י, לג
[195] זכריה ג, ט

לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער,
און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## קבר הבת עין

בית העלמין העתיקה, צפת עיה"ק

רבי אברהם דוב בער פון אווריטש זי"ע בעל בת עין, איז געבוירן געווארן אין שנת תק"כ (1760) און חתונה געהאט צו די טאכטער פון רבי נתן נטע מאווריטש א תלמיד פון בעל שם טוב. ער איז געווען א תלמיד פון רבי מנחם נחום מטשערנוביל, בעל מאור עינים, רבי לוי יצחק מבארדיטשוב און פון רבי זושע מאניפולי.

ער איז געווען באקאנט מיט אן אויסערגעווענדליכע אהבה צו ארץ ישראל, און אין יאר תקצ"א (1831) איז ער ארויף קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין צפת און געפירט די קהילה פון חסידים. ער איז געווען גאר נאענט מיט רבי ישראל משקלאוו בעל פאת השלחן.



דער בת עין איז אריבער אסאך צרות פון די אויפשטאנד וואס די אראבער האבן געמאכט אנטקעגן דעם מצרי'שן מושל מוחמד עלי אין יאר תקצ"ד (1834), און די אראבער זענען באפאלן צפת און בארויבט די אידן, אזוי אז ער אליין איז קוים געבליבן מיט זיינע בגדים, ער האט זיך געמוזט אויסבאהאלטן אין א חורבה אינדרויסן פון צפת, ערשט נאך די השתדלות פון רבי ישראל משקלאוו האט ער געקענט צוריק אהיים גיין. ער האט דאן געשריבן א בריוו צו שר משה מונטיפיורי אז ער זאל ארויסהעלפן דעם אידישן ישוב אין צפת.

כ"ד טבת תקצ"ז (1836) איז געשעהן די גרויסע ערד-ציטערניש אין צפת און די ארומיגע געגנטער, אסאך זענען ליידער אומגעקומען. ווען עס האט זיך אנגעהויבן האט דער בת עין געהאלטן אינמיטן דאווענען מנחה האט ער געהייסן די אלע מתפללים זיך ארומלייגן לעבן אים אויף דער ערד, א חלק פון זיין בית המדרש איז איינגעפאלען, און נאר דעם פלאץ ווי אלע זענען געווען פארזאמעלט מיט אים איז געבליבן גאנץ.

אין יאר תר"א (1841) האט אויסגעבראכן א מגפה ר"ל אין צפת און זייער אסאך זענען געשטארבן, דער בת עין האט געזאגט אז ער וועט זיין דער לעצטער קרבן, אזוי איז טאקע געווען. ער איז נפטר געווואר י"ב כסלו און די מגפה האט זיך גענצליך אפגעשטעלט. ער איז נקבר געווארן אויפן אלטן בית עלמין אין צפת. ער האט נישט איבערגעלאזט קיין קינדער.



א שילד אויף די שוהל פון בת עין וואס פארציילט פון דעם נס

בעזהשי"ת

# בִּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 30
**וישלח**
י"ט כסלו תשפ"א
December 5, 2020

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### מלאכי ארץ ישראל

וישלח יעקב מלאכים פירש"י מלאכים ממש ר"ל היינו כיון שבאו לקראתו מלאכים של א"י ללוותו כמו שפירש"י על פסוק ויפגעו בו מלאכי אלהים. לכן המלאכים של חו"ל שהיו אצלו מקודם שלחם לפניו אל עשו. אמנם צריכין להבין איך באו ליעקב מלאכים של א"י שהוא עדיין לא היה בא"י כי עדיין לא הגיע אפילו לסוכות, והנה כבר הרגיש בזה הרמב"ן ותירץ כיון שהחזיק בדרך ללכת לא"י הוה כמו שהגיע כבר לארץ ישראל לכן באו לו מלאכי ארץ ישראל ללוותו בדרך.

(בת עין, וישלח)

### קנין בארץ ישראל

וַיִּקֶן אֶת חֶלְקַת הַשָּׂדֶה אֲשֶׁר נָטָה שָׁם אָהֳלוֹ וְגוֹ' בְּמֵאָה קְשִׂיטָה א"ר יודן בר סימון זה אחד משלשה מקומות שאין או"ה יכולין להונות את ישראל לומר גזולים הן בידכם, ואלו הן מערת המכפלה וביהמ"ק וקבורתו של יוסף, מערת המכפלה דכתיב (בראשית כג) וישמע אברהם אל עפרון וישקול אברהם לעפרון, בית המקדש דכתיב (דברי הימים א כא) ויתן דוד לארנן במקום וגו', וקבורתו של יוסף (בראשית לג) ויקן את חלקת השדה.

(מדרש רבה, וישלח פרשה עט, ז)

### קדושת שבת בארץ ישראל

איש יהודי השרוי בארץ ישראל, קדושת ארץ ישראל חופפת עליו והריהו טובל כולו באויר של קדושה. וזה ענין השלימות שיש בב' מצוות הללו

המשך בדף ב'






שקיעת החמה, שכונת צפון רוממה
Credit @ruchyl_photography

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

דער אלשיך און דער ר"ן[196] האבן שוין געשריבן, אז ווען מען איז מצרף אלע אידן, דער טוט איין מצוה, און דער טוט אן אנדערע מצוה, ווערן אלע דורך דעם אריינגערעכנט אין אלע מצות. עס איז דאך דא אין כלל ישראל אזעלכע מענטשען וואס זענען בעלי השגות, וואס ווייסן און פארשטיין קלאר צו בעטען אויף די אלע דריי בקשות, איז צווישן אלע אידן אויב וועט מען אלע צוזאמשטעלן וועט שוין מקוים ווערן די ווערטער פונעם נביא[184] "אַחַר יָשֻׁבוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּבִקְשׁוּ אֶת ה' אֱלֹקֵיהֶם וכו'". אזוי אויך אויב וועלן אלע צוזאמען טוהן פעולות צו דעם, ווי איך האב שוין פריער מבאר געווען, וועט זיכער קומען הילף מן השמים, אזוי ווי עס איז געווען ביי יעקב אבינו, מיר וועלן זעהן א סימן לטובה ביז מיר וועלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"א. דאס האב איך געוואלט קלאר מאכן און מבאר זיין, אז דער עיקר פון אלעם איז, אז מיר זאלן אלע צוזאמן גליסטן צוריק צוגיין צו אונזער לאנד, און מיר זאלן צו דעם אויך טוהן פעולות מיט וואס מיר קענען נאר, דאן וועט השי"ת צוענדיגן פאר אונז און וועט אונז אהיימברענגען און איינפלאנצען בהר נחלתינו.

זעה דעם רמב"ם[197] ווי ער שרייבט "הקב"ה האט שוין באשטימט שישיבו שופטינו כבראשונה, אז אונזערע שופטים און יועצים זאלן זיך צוריקקערן ווי אין אנהייב, דערנאך וועט עס ווערן אנגערופען עיר הצדק, דאס וועט זיין בלי ספק ווען דער אייבישטער וועט אנגרייטן די הערצער פון מענטשען און פארמערן זייערע זכותים און גליסטענישן צו השם יתברך און די תורה, און זיי וועלן ווערן דערהויבן פאר ביאת משיח, ווי עס איז מבואר אין אסאך פסוקים אין די תורה", עכ"ל הק'. זעהן מיר ווי ער שרייבט אז דער אייבישטער וועט צוגרייטן די הערצער פון אידן נאך פאר משיח וועט קומען, אז זיי זאלן ווילן און גליסטען צו טוהן זיין רצון און מקיים זיין די תורה, און דאס וועט זיין נאכדעם וואס זיי וועלן שוין זיין צוזאמגעזאמעלט אין זייער לאנד, ווי איך האב שוין געהאט אראפגעברענגט פון חת"ס, ווי ער זאגט אז עס איז משמע פון רמב"ם, אז נאך פאר ביאת בן דוד, וועט שוין זיין א קיבוץ ישראל אין ארץ ישראל, און נאכדעם וואס זיי וועלן זיין אין זייער לאנד, וועט דער אייבישטער אריינגעבן אין זייער הארץ א רוח טהרה צו ריניגן זייערע הערצער פון די טומאה פון ארץ העמים, אז זיי זאלן בענקען און משתוקק זיין זיך צו מדבק זיין אינעם באשעפער, צו טוהן זיין ווילן, און מקיים זיין אלעס וואס שטייט אין די תורה, דאס אלעס איז אזוי ווי איך האב אויבן אראפגעברענגט פונעם אוה"ח הק' אז דאס ענין פון מילת הלב וואס די תורה האט גערעדט פון, וועט זיין נאכדעם וואס זיי וועלן זיך צוריק קערן צום הייליגן לאנד. און זיי וועלן זיך משתתף זיין מיט גאנץ כלל ישראל וואס האבן זיך צוריק געקערט זיך צו באזעצען בארץ אחוזתינו, יהי' מי שיהי', אזוי ווי מען האט געטוהן אין די צייטען פון עזרא, און דער אייבישטער וועט דאן טוהן דאס זייניגע, אז ער וועט אנגרייטן די הערצער אים ליב צו האבן, אים צו דינען און טוהן זיין ווילן בלבב שלם.

רבינו החת"ס[198] שרייבט אויפן פסוק[199] "תָּעִיתִי כְּשֶׂה אֹבֵד - איך האב געבלאנדזשעט ווי א פארלוירענעם שאף, בַּקֵּשׁ עַבְדֶּךָ - זוך אויף דיין קנעכט, כִּי מִצְוֹתֶיךָ לֹא שָׁכָחְתִּי - ווייל דיינע מצות האב איך נישט פארגעסן", לויט ווי מיר פסק'נן[200] אז ווען איינער גנב'עט א שעפסל פון א סטאדע און ברענגט איר צוריק, האט ער נישט יוצא געווען די מצות עשה פון 'השבה', ביז ווילאנג ער איז מודיע פאר דעם בעל הבית אז ער האט איר צוריק געברענגט, אפילו אויב די בעל הבית האט ניטאמאהל געוויסט פון די גניבה, איז נישט גענוג סתם צוריק צוקערן די גניבה, נאר מען דארף מודיע זיין דעם בעה"ב. איז רב חסדא מפרש דעם טעם, און רש"י איז עס דארט מפרש, אז וויבאלד ער האט שוין איינמאהל ארויסגעטראגן די בהמה פון שטאהל, איז זי שוין צוגעוואוינט ארויסצוגיין און אז די בעה"ב ווייסט נישט דערפון, וועט ער נישט וויסן איר אפצוהיטען מער ווי די אנדערע בהמות וואס זענען קיינמאהל נישט ארויס פונעם שטאהל. אזוי פסק'נט מען אויך אין שולחן ערוך להלכה[201]. די ירושלמי איז מפרש[202], אז אויב איז דא אינעם סטאדע אן עלטערער באק וואס גייט פאראויס פון די שאף, אדער א פויקער גייט פאראויס און קלאפט וכדו' אזוי אז דער געגנב'עטע שאף דערקענט זיין סטאדע דעמאלטס העלפט אפילו א שוואכע 'השבה', מען דארף נישט מודיע זיין דעם בעה"ב, ווייל אפילו זי האט זיך שוין צוגעוואוינט ארויסצוגיין פון די שטאהל, פונדעסטוועגן דאך וועט זי זיך גרינג צוגעוואוינען צו איר פריערדיגע געוואוינהייט צו בלייבן מיט איר סטאדע דורך די דערמאנטע סימנים. עיי"ש. אזוי אויך דא אפילו די אידן האבן געזינדיגט צוליב דעם שאור שבעיסה (יצר הרע) און שעבוד מלכיות (גלות), און מיר האבן זיך ליידער צוגעוואוינט ארויסצוגיין פון דרכי התורה און מיר בלאנדזשען ארום ווי א פארלוירן שעפסל, פונדעסטוועגן דאך איז חלילה צו זאגן אז עס איז אונז שווער זיך צוריקצוקערן, ווייל "כִּי מִצְוֹתֶיךָ לֹא שָׁכָחְתִּי", און מיט א קליינע רמז וואס מען וועט אונז נאר ווייזן, וועלן מיר שוין געדענקען, און מיר וועלן צוריק גיין צו אונזערע יונגע טעג, זיך קלאמערען צו אונזער הייליגע באשעפער", עכ"ד ודברי אלוקים המה. דאס איז ממש ווי אונזערע ווערטער הנ"ל, אז גרינגערהייט וועלן מיר צוריק גיין צום באשעפער און זיין תורה מיט דעם אז השי"ת וועט אונז נאר אנגרייטן אונזערע הערצער לטובה, כדברי הרמב"ם הנ"ל, אמן כן יאמר ה', נאכדעם וואס מיר וועלן זיך אלע צוריקקערן לארצינו הקדושה.

די גמרא אין ברכות[203] רעדט לגבי די ישעיה הנביא, ווי ער זאגט פאר חזקיה המלך[204] "צַו לְבֵיתֶךָ - לאז וויסן דיין הויזגעזונד, כִּי מֵת אַתָּה - אז דו גייסט שטארבן, וְלֹא תִחְיֶה - און נישט לעבן", דאס מיינט אז דו וועסט שטארבן בעולם הזה און נישט לעבן בעולם הבא. האט אים חזקיה המלך געפרעגט, פארוואס אזוי שטראף? האט ער אים געענטפערט, ווייל דו ביזט נישט עוסק אין פריה ורביה מיט אראפברענגן קינדער אויף די וועלט. האט ער געזאגט, דאס איז צוליב וואס איך האב געזעהן ברוח הקודש אז איך וועל

המשך בדף ב'

---

[196] דרוש א'
[197] פי' המשניות פרק א' סנהדרין, משנה ג'
[198] דרשות חת"ס ח"ג, לימי ספירה
[199] תהלים קיט, קעו
[200] בבא קמא קיח, ע"א
[201] חו"מ סימן שנה, ס' ב
[202] בבא קמא פר' י, הלכה ח'
[203] ברכות י, ע"א
[204] מלכים ב כ, א, ישעיה לח, א

אם הבנים שמחה - המשך מדף א'

האבן נישט עהרליכע קינדער, האט ער אים געענטפערט, וואס האסטו מיט דעם אייבירשטענ'ס דרכים, וואס דער אייבישטער באפעהלט, דאס דארפסטו צו טוהן, און וואס דער אייבישטער וויל, דאס וועט ער טוהן, עיי"ש. אזוי אויך ביי אונז, וויבאלד אלע אידן זענען באפוילן מיט די מצוה פון ארויפגיין קיין ארץ ישראל און בויען ארצינו הקדושה, דארף איעדער איינער זאגן, דאס וואס דער אייבישטער וויל פון מיר וועל איך טוהן, און וואס דער אייבישטער וויל טוהן וועט ער טוהן. פונקט אזוי ווי חזקיה איז נישט פטור געווארן פון די מצוה פון פריה ורביה אלס דאס וואס ער האט געזעהן אז ער וועט האבן נישט עהרליכע קינדער, אזוי אויך קען קיין שום איד נישט זיך פטר'ן פון די מצות עשה פון בויען דאס לאנד אלס די טענה אז ער האט מורא וועגן קינדער וואס זענען נישט עהרליך, ח"ו, ווייל ער טוט דאך דערמיט דעם באפעהל פונעם אייבירשטען. און באמת, ווייסן מיר אז מצוה גוררת מצוה, און די מצוה פון ישוב ארץ ישראל וועט אים בייסטיין צו האבן עהרליכע קינדער, און השי"ת וועט שוין צוגרייטן די הערצער פון אונזער פאלק, ווייל דאס איז גרעסער פון אלע מצות פון די תורה, ווי עס איז מבואר אין ספרי[205]. די תנא דבי אליהו[206] ברענגט אראפ די מעשה פון ישעיה הנביא מיט חזקיה המלך, און ער ענדיגט צו מיט דעם, "וועגן דעם זאל א מענטש חתונה האבן צו האבן קינדער, און ער זאל זיך לערנען פון חזקיה, אז אפילו ער האט געוויסט ברוח קדשו אז ער וועט נישט האבן עהרליכע קינדער, און וועגן דעם האט ער אפגעשטופט די מצוה, און פונדעסטוועגן דאך וואלט ער געווארן געשטראפט בעולם הבא אויב וואלט ער נישט חתונה געהאט", עכ"ל. אזוי אויך ווען עס קומט צו בנין הארץ, דארף מען טוהן אונזער חיוב פארן אייבירשטען, און קיין שום אפשטופעניש און טעמים קען אונז נישט פטר'ן פון דעם חיוב, אויב לאזט מען נאך דערפון וועט מען זיך נישט פטר'ן פון קיין עונש ח"ו, ווי ביי חזקיה.

אזוי שרייבט דער גאון און צדיק, דער גרויסער קנאי, מו"ה רבי עקיבא יוסף ז"ל, בעל "לב העברי", דער איידעם פון הגאון הצדיק רבי הלל פון קאלאמייא, אין זיין ספר "תוספות בן יחיאל", א וואונדערליכען ספר. שרייבט ער דארט[207] אויפן אויפן תנא דבי אליהו וואס זאגט "ברוך המקום ברוך הוא וברוך שמו, וואס דער אייבישטער איז נישט נושא פנים, וועגן דעם אומזיסטען געווען וואס אידן האבן געוויינט ביי די מרגלים, צוליב דעם איז באשטימט געווארן א געוויין פאר דורות", שרייבט ער אויף דעם, "גערעכט, עס איז נישטא קיין שום חכמה, עצה אדער פארשטאנד אנטקעגן דעם אייבירשטען, ווען אלע זייער סברות און חכמות אקעגן ארץ ישראל איז ווי די עצה פון די מרגלים, איז עס בטל ומבוטל. ווייל מיר האבן נישט נאר איין זאך צו טוהן, וואס דאס איז דעם רצון ה' ווי ער האט אונז באפוילן, כִּי בָחַר ה' בְּצִיּוֹן[208], דער אייבישטער האט געוועהלט ציון, טוֹבָה הָאָרֶץ מְאֹד מְאֹד[209], די לאנד איז גאר גוט סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, וְשׁוֹמֵר מִצְוָה לֹא יֵדַע דָּבָר רָע[210], ווער עס היט א מצוה וועט נישט וויסן פון קיין שלעכטס נאכדעם וואס ער איז דארט אריין, אזוי ווי מיין באשעפער האט מיר באפוילן, און דעם באפעהל פון מלך מלכי המלכים וועל איך אפהיטן, וכֹּחַ מַעֲשָׂיו הִגִּיד לְעַמּוֹ לָתֵת לָהֶם נַחֲלַת גּוֹיִם[211], ער וועט געבן דעם כח צו זיין פאלק זיי צו געבן נחלת גוים, זיי מוזן אבער שתדל'ן דערוועגן, ווייל עס איז גרעסער די מעשים און ווערק פון צדיקים מער ווי פון מעשה שמים וארץ[212], ווייל ווען עס ווערט געמאכט דורך דעם בורא עולם דאס איז נישט זייער שיינקייט, נאר מעשה ידינו כוננה עלינו. און די גאנצע סדר פון די גאולה וואס מיר זעהן אין ספר יחזקאל[213] וועט דיר אויפווייזן אז אזוי איז עס, עס זאל ווערן געבענטשט מעשי ידיך", עכ"ל.

זעה אינעם ספר אהבת יונתן[214] אויפן פסוק[215] "וְהָיָה שְׁאֵרִית יַעֲקֹב - די איבערגעבליבענע קינדער פון יעקב וועלן זיין, בְּקֶרֶב עַמִּים רַבִּים - צווישן אסאך פעלקער, כְּטַל מֵאֵת ה' - אזוי ווי טוי פונעם אייבירשטען", ער איז דארט מאריך מיט'ן מבאר זיין דעם פסוק, דער עיקר וואס ער זאגט דארט איז, אז ישעיה איז אונז מבטיח מיט זיין נביאה[216] "וְהֵבִיאוּ אֶת כָּל אֲחֵיכֶם מִכָּל הַגּוֹיִם - זיי וועלן ברענגן אלע אייערע ברידער פון צווישן די פעלקער, מִנְחָה לַה' - אלס א מתנה צום אייבירשטען, בַּסּוּסִים וּבָרֶכֶב - מיט פערד און רייטוועגענער, וּבַצַּבִּים וּבַפְּרָדִים - און וועגענער און אייזלען, וּבַכִּרְכָּרוֹת - און מיט פרייליכע טענץ, עַל הַר קָדְשִׁי יְרוּשָׁלַם - אויף מיין הייליגע בארג, ירושלים, אָמַר ה' - אזוי זאגט דער אייבישטער. וְגַם מֵהֶם - אויך פון זיי, אֶקַּח לַכֹּהֲנִים לַלְוִיִּם - וועל איך נעמען פאר כהנים און לווים, אָמַר ה' - אזוי זאגט דער אייבישטער"...

המשך בגליון הבא אי"ה

[205] פר' ראה, פיסקא כח
[206] פרק ח, אות ג-ד
[207] פרק כט
[208] תהלים קלב, יג
[209] במדבר יד, ז
[210] קהלת ח, י
[211] תהלים קיא, ו
[212] כתובות ה, ע"א
[213] יחזקאל לד-לו
[214] הפטרת בלק
[215] מיכה ה, ו
[216] ישעיהו סו, כ

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

שבת וארץ ישראל, שהקשר של יהודי עמהן אינו בגבול ובמדה, אלא הן מקיפות את כל מציאותו בלי מצרים, וכדאיתא בבית אברהם (עניני סוכות) שאם גם בסוכה יהודי נכנס כולו לתוך הסוכה, הרי כל זה רק בעת שיושב בפנים הסוכה ומדרך המצוה שנכנס ויוצא, אך בשבת נמצא איש יהודי בתוך המצוה כליל, וה"ה בארץ ישראל. וז"ש ויבא יעקב שלם, שהגיע לשלימות ע"י ב' מצוות אלו שענינם שלימות, והם בבחי' נחלה בלי מצרים וגבולות.

(נתיבות שלום, וישלח)

## כל נסיעות לצד ירושלים

ויעקב נסע סכותה וכו', הגם שעדיין לא נקרא סכותה עד אשר עשה הוא שם למקנהו סוכות כמאמר הכתוב אחר כך על כן קרא וגו', קראו סכותה על שם העתיד. ועוד אפשר רמז בזה, כדרך האמור באברהם הלוך ונסוע הנגבה, ופירש רש"י כל נסיעותיו היה לצד ירושלים, כן גם הוא נסע לו לצד ירושלים ובית המקדש הנקרא סוכת דוד הנופלת (עמוס ט, יא).

(באר מים חיים, וישלח)

## עיני ולבי שם כל הימים

אמר הקב"ה אפילו בגלות, מ"מ ושמתם את דברי אלה על לבבכם ותהיו אדוקים בתורה ובמצות ואז אע"פ שהגופו נדו מתוך ארצם הקדושה, מ"מ כל מגמתם לארץ הקדושה ותורה הקדושה כדכתיב והיו עיני ולבי שם כל הימים על כן ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה אשר נשבע ה' לאבותיכם, ואם ביבוי ימים בגלות נהי' דבקים בה' ולא נלמד ממעשיהם אז כבר הגיענו למעלת אברהם יצחק ויעקב הנ"ל, והיינו לתת להם ממש כי כמוהם כמונו, וכן יעקב כל ימי היותו אצל לבן, לא זז עינו וליבו מארץ הקדושה, על כן אמר גרתי כבר, ולא לישב ולדור כ"א לדור בארץ, ועיני ולבי שם בארץ הקדושה כל הימים.

(תורת משה, וישלח)

## ארץ שהיא עצמה ישראל יהדות

החילוק בין הלשון "ארץ ישראל" ללשון "ארץ של בני ישראל", "ארץ של בני ישראל" פירושה ארץ שדרים בה בני ישראל, אבל "ארץ ישראל" פירושה ארץ שהיא עצמה "ישראל" (יהדות), ובלשון הכתוב, "ארץ אשר גו' עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה", היינו, שבארץ זו השגחתו של הקב"ה ("עיני ה' אלקיך") היא באופן מיוחד, והרי הוא והשגחתו אחד.

(אדמו"ר מליובאוויטש זי"ע)

## לא להשתקע בגלות

שקפצה לו הדרך (רש"י), מיד בצאתו לגלות חשקה נפשו לחזור לארץ ישראל, שקפצה לו הדרך, ובזה הכין וסלל דרך לישראל שלא ישתקעו בגלות.

(רבי אברהם מרדכי מגור, ליקוטי יהודה)

טובה הארץ מאד מאד (במדבר יד, ז)

# לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## בית הכנסת צמח צדק-חב"ד

עיר העתיקה, ירושלים עיה"ק

די בנין פון דעם בית הכנסת געפינט זיך אין רחוב חב"ד אין דעם אידישן קווארטל פון אלט-שטאט ירושלים. דער בנין איז געקויפט געווארן אין יאר תרי"ח (1858), און אין יאר תרל"ט (1879) האט מען צוגעבויט צו דעם נאך א שטאק.

דער שד"ר הרב שניאור זלמן שניאורסון ז"ל איז ארויסגעפארן קיין חו"ל צו זאמלען געלט פאר די ארימע חסידי חב"ד פון ירושלים, זייענדיג אין באמבעי, אינדיע האט ער באקומען געלט פון צוויי זייער גרויסע עשירים כדי צו קענען אויפבויען א בית המדרש פאר די קהילה. קודם האט עס געהייסן "כנסת אליהו" אויפן נאמען פונעם נדבן ר' אליהו ששון, און שפעטער אין יאר תרפ"ח (1928) האט מען עס געטוישט אויפן נאמען פון דעם ספר "צמח צדק" פון דעם מיטעלען רבי'ן זצ"ל וואס האט לכתחילה געגרינדעט קהילת חב"ד אין ירושלים נאך אין יאר תר"ה (1845).



אין יאר תרס"ז (1907) איז צוגעקויפט געווארן א דערנעבענדיגן הויף און בנין, און אזוי ארום פארברייטערט דעם חצר. אין יאר תרפ"ט (1929) האט דער פריערדיגער רבי ריי"צ זצ"ל דורך זיין נסיעה אין ארץ ישראל באזוכט דעם ביהמ"ד.

אפילו די ביהמ"ד איז געווען אינעם צענטער פון די שלאכטען ביי די מלחמת תש"ח, איז עס געווען די איינציגסטע בית הכנסת וואס איז נישט חרוב געווארן, אבער אן אראבישע משפחה האט זיך דארט באזעצט. עס איז שפעטער אין יאר תשכ"ח (1968) אויסגעלייזט געווארן דורך דעם ליובאוויטש'ן רבי'ן זצ"ל, און מען האט דאס אויפגעראכטן און צוריק באנייט.

הגאון הרב עדין שטיינזאלץ ז"ל האט דארט משמש געווען אלס רב, און געדאווענט דארט שבת ויו"ט ביז זיין פטירה. ראש חודש אלול תשל"ב (1972) האט מען געגרינדעט דעם כולל אבריכים צמח צדק, די ראשי הכולל זענען הרב יוסף סג"ל שליט"א און הרב חיים שלום דייטש שליט"א.

שוין איבער זעקס ספרי תורה וואס זענען געשריבן געווארן דורך דעם מבצע "ספר-תורה של ילדי ישראל", האט מען דא אריינגעגעבן.



אינעווייניג אינעם בית הכנסת צמח צדק אין אלט-שטאט

בעזהשי"ת

# בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָ‍ִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

**"וראה"** - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

**"יברכך ה'"** - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 31

**וישב-חנוכה**

כ"ו כסלו תשפ"א

December 12, 2020


## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### תשוקה לארץ ישראל

אבל יעקב אבינו להיותו יודע טוב הארץ ההיא במעלות הרוחניות הקדושה אשר בארץ ישראל שעיני ה' אלוקים בה תמיד ובה שער השמים, לא רצה לזוז מן הארץ ההיא, אף שלא היה שם כי אם גר בארץ, וישב במקום הגרוע והפסולת שבה, כי חשקה נפשו בה, וכמאמרם ז"ל (בראשית רבה לט, ח) לעולם ידור אדם אפילו במדברות של ארץ ישראל ולא במטרפולין של חוץ לארץ.

(באר מים חיים, וישב)

### גבוה מכל הבחינות

וזהו ארץ ישראל גבוה מכל הארצות (קידושין סט, ע"א) כי בחינת ארץ ישראל מרמז על עבודות השם בכלות הנפש ממש בלתי מצפה לתשלום גמול על מנת לקבל פרס, והוא הבחינה הגבוה מכל הבחינות.

(בת עין, וישב)

### כיבוד אב בא"י

ע"פ פשוטו י"ל על פי מה שאמרו רז"ל (מגילה יא) בפסוק כשבת המלך אחשורוש (אסתר א, ד), שהפירוש הוא יישוב הדעת, הכי נמי י"ל וישב יעקב מלשון יישוב הדעת, דהנה היה בחוץ לארץ והיה נחסר ממנו מצות ישיבת ארץ ישראל ומצות כיבוד אב, ואחר כך כשבא לארץ ישראל עדיין לא נתיישב דעתו שהיה חסר ממנו מצות כיבוד אב, עד שבא לארץ מגורי אביו והוא בארץ כנען, אז נתיישבה דעתו כי נשלם מאוויו וחפצו שהיה משתוקק במחשבתו אימתי אבא לשמש את אבי בארץ כנען דייקא.

(אגרא דכלה, וישב)

### בנין ירושלים

עשה והצליח. אחת התכונות של משיח בן יוסף הצלחה ע"י עשייה כמו שכתוב ביוסף "כל אשר הוא עושה ה' מצליח בידו" (בראשית לט, ג). ונודע למשגב דבר רבנו: שתי המצוות שהאדם נכנס בהן שלם בכל גופו הן סוכה וארץ ישראל. ורמז נתן לזה בפסוק "ויהי בשלם סכו ומעונתו בציון" והוסיף: סוכה מצוותה תעשה ולא מן העשוי אף ציון כך וכאמור במדרש על הפסוק: ובא לציון

המשך בדף ב'



עיר העתיקה (הר הבית והר צופים), ירושלים

Credit: Yossi Rubinstein

## אם הבנים שמחה


הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד

ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר


מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

איז דער אברבנאל מפרש[216], אז די פסוק גייט ארויף אויף די אנוסים פון שפאניע און פארטוגאל, וואס אפילו זיי זענען פארשוואונקט געווארן צווישן די גוים, לעתיד וועט הקב"ה נעמען אויך פון זיי פאר כהנים און לוויים, ער וועט זיי אריינברענגען תחת כנפי השכינה. אפילו אז די אידן האבן ניטאמאהל קיין התעוררות פון דא למטה בכלל, וויבאלד זיי זענען אויסגעמישט צווישן די גוים און זיי האבן זיך אפגעלערנט פון זייערע מעשים, פונדעסטוועגן דאך וועט זיי דער אייבישטער מעורר זיין מלמעלה, זיי אריינצוגעבן יראה אין זייערע הערצער זיי זאלן אים ליב האבן און פארכטן. די הפרש צווישן טוי און רעגען איז, אז איעדער טראפ וואס פאלט פון אויבן קומט אים אנטקעגן א טראפ וואס איז עולה פון אונטען, ווי דער פסוק זאגט[217] "וְאֵד יַעֲלֶה מִן הָאָרֶץ - און א נעפל וועט ארויפגיין פון דער ערד", וועגן דעם דארף זיין קודם א התעוררות פונעם תהום קודם, מה שאין כן טוי וואס קומט פון באשעפער, איז עס אן קיין התעוררות מלמטה. אויב אזוי, לעתיד וועט זיין ווי דער דוגמה פון טוי, אז דער אייבישטער וועט אריינגעבן א רוח טהרה אין זייערע הערצער, אן קיין התעוררות מלמטה קודם, און דאס זאגט דער נביא[215] "וְהָיָה שְׁאֵרִית יַעֲקֹב בְּקֶרֶב עַמִּים רַבִּים", ער מיינט צו זאגן, אז די אידן וואס זענען פארשווינדען געווארן צווישן די פילע פעלקער און האבן נישט קיין שום התעוררות און אויפוואכונג צו תשובה טוהן פון זיך אליין, ווערן זיי זיין אזוי ווי טוי וואס קומט פון באשעפער אן קיין שום התעוררות מלמטה כלל, עכ"ד. ממש ווי די ווערטער פון רמב"ם הנ"ל, אז דער אייבישטער וועט אנגרייטן און צושטעלן די הערצער פון אידישע קינדער נאך פון פאר משיח וועט קומען, ערשט נאכדעם וואס זיי ווען זיך פארזאמלען אין ארץ ישראל, וועלן זיי גליסטן און בענקן צו טוהן דעם רצון ה', וד"ל.

**י'.** זעה אינעם ספר[218] "גבורות ה'" פונעם מהר"ל, אז ביי גאולת מצרים שטייט צוויי לשונות פון פקידה, ווי דער פסוק זאגט[219] "פָּקֹד פָּקַדְתִּי - געדענקן וועל איך געדענקן", און ביי די גאולה לעתיד לבא וועט מען ווערן אויסגעלייזט מיט א דאפעלטען צדי"ק, ווי דער פסוק זאגט[220] "אִישׁ - עס איז דא א מענטש, צֶמַח שְׁמוֹ - וואס זיין נאמן איז צמח, וּמִתַּחְתָּיו יִצְמָח - און ער וועט אויפשפראצן פון אונטער זיין פלאץ", (ווי עס ווערט געברענגט אין פרקי דרבי אליעזר[221], אז דאפעלטע אותיות רעדן וועגן גאולה, און א דאפעלטען צדי"ק רעדט וועגן די גאולה עתידית, וואס קומט פונעם פסוק "אִישׁ צֶמַח שְׁמוֹ וּמִתַּחְתָּיו יִצְמָח") ווערט דערמאנט אין דעם פסוק צוויי שפראצונגען, אלס כדי עס זאל ארויפברענגן די גאולה, ווייל עס איז נישט מעגליך אז די גאולה וואס איז א 'מעלה עליונה' זאל קומען אויף איינמאהל. איז דער מדרש[222] מבאר די ווערטער פון[223] "דּוֹמֶה דוֹדִי לִצְבִי - מיין פריינט איז גלייך צו א הערש" - אזוי ווי דער הערש באווייזט זיך, דערנאך באהאלט ער זיך, אזוי אויך די גאולה, קודם באווייזט מען זיך און דערנאך באהאלט מען זיך. דאס איז מרמז אויף די צוויי פקידות פון "פָּקֹד פָּקַדְתִּי", וואס האט נישט פאסירט אויף איינמאהל, אזוי אויך לעתיד, וועט די גאולה נישט פאסירן אויף איינמאהל, ווייל א גרויסע זאך קען נאר זיין צוביסלעך, עיי"ש. ב"ה אז איך האב אליין מכוון געווען צו דעם געדאנק, אז צו א גרויסע ענין דארף מען צוגרייטן די וועלט צו דעם פאמעלאך, מען קען עס נישט דערהייבן פלוצלינג אויף איינמאהל, גלייך גאר הויעך, אן א שטייטע הכנה דערצו.

איך האב דאס ארויסגעלערנט פון די ווערטער פונעם רמב"ם אינעם איגרת תימן, ווי ער איז מבאר דעם ענין וואס שטייט ביי מתן תורה[224], "הוֹפִיעַ מֵהַר פָּארָן - דער אייבישטער האט זיך באוויזן פון דעם בארג פָּארָן", זאגט ער, די פשט פון דעם פסוק איז, אז ווען דער אייבישטער האט זיך באוויזן אויף דעם בארג סיני, איז ער נישט אנטפלעקט געווארן אויפן בארג גלייך פון הימל אראפ, אזוי ווי עס פאלען שטיינער פון אויבן, נאר ער האט זיך אנטפלעקט צוביסלעך פון די בערג שפיצען, פון איין בארג צום צווייטן, ביז ער איז אנגעקומען און אראפגענידערט אויפן בארג סיני, זאגט די פסוק[224] "ה' מִסִּינַי בָּא - דער אייבישטער איז געקומען פון סיני, וְזָרַח מִשֵּׂעִיר לָמוֹ - ער האט געשיינט פאר זיי פון שֵׂעִיר, הוֹפִיעַ מֵהַר פָּארָן - ער האט זיך באוויזן פון דעם בארג פָּארָן, וְאָתָה מֵרִבְבֹת קֹדֶשׁ - און געקומען אין א באגלייטונג פון צעהנדליגע טויזענטער הייליגע מלאכים, מִימִינוֹ אֵשׁ דָּת לָמוֹ - און געגעבן דאס פייערדיגע תורה פאר די אידן מיט זיין רעכטע האנט. זעהן מיר אז ביי פָּארָן וואס איז אסאך ווייטער, שרייבט דער פסוק 'הוֹפִיעַ', (ווי דער רמב"ם שרייבט אז די ווארט 'הוֹפִיעַ' איז שייך ביי א ווייטערע פלאץ, אויף דעם האב איך מפרש געווען דאס וואס מיר זאגן שבת ביי די קדושה, "ממקומך מלכינו תופיע", אז אפילו מיט אונזערע מעשים זענען מיר אזוי ווייט פון דיר, דאך בעהטן מיר "תופיע עלינו ברחמים") און שֵׂעִיר וואס איז נעהנטער זאגט דער פסוק 'וְזָרַח', און הר סיני וואס אויף אים האט גערוהט די שכינה, ווי עס שטייט[225] "וַיִּשְׁכֹּן כְּבוֹד ה' עַל הַר סִינַי", זאגט דער פסוק 'מִסִּינַי בָּא'. ווי מיר זעהן ווען דבורה הנביאה האט פארציילט דעם מעמד הר סיני, האט זי געזאגט אז די שכינה האט זיך באוויזן צוביסלעך, פון בארג צו בארג, ווי עס שטייט דארט אין פסוק[226] "ה', בְּצֵאתְךָ מִשֵּׂעִיר - ווען דו ביזט ארויס פון שעיר, בְּצַעְדְּךָ מִשְּׂדֵה אֱדוֹם - ווען דו האסט ארויסגעטרעטן פון די פעלדער פון אדום, אֶרֶץ רָעָשָׁה - די ערד האט זיך געשאקעלט, גַּם שָׁמַיִם נָטָפוּ וגו' - אויך די הימל האט געטראפט", עכ"ל. דערנאך האב איך געטראפן א רש"י ווי ער שרייבט אויך אזוי, אז דאס באווייזן זיך אויפן הר סיני איז געווען צוביסלעך און נישט פלוצלינג, נאר דער אייבישטער האט זיי צוגעגרייט צו דעם שטייטלעך, עיי"ש.

עכ"פ זעהן מיר פון דעם, אז א גאר גרויסע ענין מגודל המעלה, קען זיך נישט באווייזן פלוצלינג אן דעם וואס מען גרייט קודם צו די וועלט דערפאר. אויב אזוי, איז זיכער אז אזא גרויסע ענין ווי די לעצטע גאולה וואס דאס גאנצע בריאת העולם ווענדט זיך אין דעם, ווי חז"ל זאגן[228], עס שטייט נישט[229] "שמח" נאר עס שטייט "יִשְׂמַח" - לעתיד לבא", ווייל עס איז איז זיכער אז די גאולה וועט נישט

המשך בדף ב'

[216] ...

[217] בראשית ב, ו

[218] פרק ל'

[219] שמות ג, טז

[220] זכריה ו, יב

[221] פרק ח'

[222] שיר השירים רבה פר' ב', אות ט

[223] שיר השירים ב, ט

[224] דברים לג, ב

[225] שמות כד, טז

[226] שופטים ה, ד

[227] דברים לב, יא

[228] ויקרא רבה פר' כ, אות ב


יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

גואל. כל זמן שציון אינה בנויה עדיין הגואל לא בא, וכדברי חז"ל (מגילה י"ז) מכיון שירושלים נבנית בן דוד בא, ובמדרש: אין בן דוד בא עד שתהא ירושלים נבנית.

(קול התור א, ז)

## צדקת ארץ-ישראל

ידוע מה שאמרו על אדמו"ר הזקן ואדמו"ר האמצעי (כשם שאמרו על יעקב אבינו ויוסף הצדיק) "כל מה שאירע ליעקב אירע ליוסף", וכשם שגאולת אדמו"ר הזקן, הרי כפי שציין באיגרתו, "עמדה לנו" זכות התעסקותו בישוב (וצדקת) ארץ-ישראל (שהיא מכוונת כנגד "ארצות החיים" ו"שער השמיים" ארץ-ישראל שלמעלה) באמצעות ה"מעמדות" ששיגר לאלו שישבו על התורה ועל העבודה בארץ-הקודש – הרי בדומה לזה היה גם אצל אדמו"ר האמצעי, שהתעסקותו בצדקת ארץ-ישראל עמדה לו וכו'.

(אדמו"ר מלובאוויטש זצ"ל 'שיחות קודש' תשכ"ט)

## תלמידי חכמים שבא"י

וַיֹּאמֶר אֵלֶּה שְׁנֵי בְנֵי הַיִּצְהָר הָעֹמְדִים וגו' (זכריה ד, יד), וּשְׁנַיִם זֵיתִים עָלֶיהָ (זכריה ד, ג), יצהר, אמר רבי יצחק אלו ת"ח שבא"י שנוחין זה לזה בהלכה כשמן זית, ושנים זיתים עליה, אלו ת"ח שבבבל שמרורין זה לזה בהלכה כזית.

(סנהדרין כד ע"א)

## שמן ארץ ישראל

תניא הנודר מן השמן בארץ ישראל מותר בשמן שומשמין ואסור בשמן זית ובבבל אסור בשמן שומשמין ומותר בשמן זית, פירוש רש"י דסתם שמן שלהן של זית.

(נדרים נג ע"א)

## תשוקה לארץ ישראל

והנה את מילין קדישין הללו, זכה אותי השי"ת להדפיס בארה"ק ובעיה"ק ירושלים תו"ב. ויש בזה משום סוף מעשה במחשבה תחלה, כי מחשבתו של כ"ק חותני זצ"ל (רבי ירחמיאל משה מקוז'ניץ זצ"ל) היתה קשורה תמיד בארה"ק, כל פיסת נייר שקבל מא"י היתה שמורה אצלו בקופסה מיוחדת, שקרא אותה הקופסה הקדושה, תשוקתו לעלות לא"י היתה גדולה מאד, וכמעט כל מעותיו חלק להיושבים על אדמת קודש.

(משנת חסידים)

## עיה"ק צפת

צפת רומז לנצח... וכנגד כ"ב אותיות התורה – לרמוז שצפת היא מוצגת ומזומנת להשיג שם סוד עומקה של תורה ויסודותיה, כי אין אויר זך בכל ארץ ישראל כמו אויר צפת, גם נצח בגימטריא קמח וזה סוד אם אין קמח אין תורה. וכן צפת הוא גימטריא תקע לרמוז כי כל הדר בצפת יש לו יתרון על כל שאר ערי ארץ ישראל.

(חסד לאברהם)



**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

קומען אויף איינמאהל, נאר קודם מיט א גרויסע הכנה, און צוביסלעך. קודם האב איך אליין געטראכט אזוי, און דערנאך האב איך עס געטראפן בדברי רבינו החוקר אלוקי הרמב"ם הנ"ל ווי ער שרייבט געַנוי די זאך, אז עס איז נישט מעגליך אז די גאולה וואס איז אזא דערהויבענע ענין במעלה עליונה, צו פאסירען אויף איינמאהל. איך האב שטארק הנאה געהאט פון דעם אז איך האב זוכה געווען צו מכוון זיין לדבריו.

איך זעה אז דעם ענין איז מפורש אין נביא, ווי דער פסוק אין מלאכי זאגט[230], "הִנְנִי שֹׁלֵחַ מַלְאָכִי - אט שיק איך מיין שליח, וּפִנָּה דֶרֶךְ לְפָנָי - ער וועט רייניגן א וועג פאר מיר, וּפִתְאֹם יָבוֹא אֶל הֵיכָלוֹ הָאָדוֹן - און פלוצלינג וועט דער הער קומען צו זיין היכל, אֲשֶׁר אַתֶּם מְבַקְשִׁים - וואס איר טוט אויף דעם בעטן, וּמַלְאַךְ הַבְּרִית - און דער שליח פונעם בונד, אֲשֶׁר אַתֶּם חֲפֵצִים - וואס איר ווילט אזוי שטארק, הִנֵּה בָא - אט קומט ער, אָמַר ה' צְבָאוֹת". דאס מיינט אז נאכדעם וואס מען האט צוגעגרייט און אפגערייניגט דעם וועג פארן אייבירשטען, מיט שטייטע הכנות, כדי צוצוגרייטן די וועלט צו די גאולה שלימה, מיט בנין און ישוב הארץ, און נאכן באקומען רשות פון די פעלקער אויף דעם, צו קענען קומען צו אונזער לאנד און איר אויפשטעלן, און זיי זאלן אונז געבן די פרייהייט צו זיין אין אונזער אייגענע רשות אין אונזער לאנד, און נאכדעם וואס מיר וועלן שוין האבן צוגעגרייט די הכנה פאר די גאולה, ווייל אזוי וועלן מיר צוגרייטן די וועלט צוביסלעך צו די גאולה, דעמאלטס וועט אנטפלעקט ווערן משיח צדקינו, און אונזער הער וואס מיר האפן שוין אזוי לאנג און דער מלאך הברית וואס מיר ווילן, וועט זיך באווייזן. דאס וואס דער פסוק זאגט "וּפִתְאֹם יָבוֹא אֶל הֵיכָלוֹ הָאָדוֹן", אפילו עס איז געווען א הכנה פארדעם, און וויאזוי רופט עס דער פסוק אן 'וּפִתְאֹם'?, האט דער רמב"ם דאס זייער גוט מפרש געווען אינעם איגרת תימן, "זאלסט וויסן אז מיר וועלן נישט וויסן דעם מצב פון משיח פאר ער קומט, אז מען וועט זאגן אויף אים אז ער איז בן פלוני אדער פון די און די משפחה, אבער עס וועט זיך יא באווייזן א מענטש וואס איז נישט געווען גאר באקאנט פון פריער, און מיט די אותיות און מופתים וואס ער וועט באווייזן - דאס וועט זיין די ראיות צו דעם אמת'קייט פון זיין יחוס, ווייל אזוי האט דער אייבישטער געזאגט[220] "הִנֵּה אִישׁ צֶמַח שְׁמוֹ וּמִתַּחְתָּיו יִצְמָח". און ישעיה זאגט אונז אויך אזוי, אז ער וועט באוויזן ווערן אן דעם וואס עס זאל באקאנט זיין זיינע עלטערן און משפחה". עכ"ל פונעם רמב"ם. זעהן מיר אז די ווארט 'פתאום' גייט ארויף אויף משיח אליין, וואס ער וועט נתגלה ווערן פלוצלינג אן דעם וואס מיר זאלן וויסן עפעס וועגן אים קודם. אזוי אויך שרייבט דער חתם סופר[231], און עס איז א חידוש אז ער האט נישט אראפגעברענגט דעם איגרת תימן, ודוק. אבער דאס איז זיכער אז עס וועט פאדערן א הכנה פון אונז פאר זיין קומען, אדרבה, די נביא זאגט "הִנְנִי שֹׁלֵחַ מַלְאָכִי וּפִנָּה דֶרֶךְ לְפָנָי", איז משמע פון דעם אז מען וועט דארפן אנגרייטן דעם וועג פאר משיח קומט, די הכנה איז דאס וואס מיר טוען יעצט, ווי מען גרייט צו דעם לאנד צו זיין ראוי אריין צונעמען אירע קינדער אין איר, ווי איך האב שוין ארויסגעברענגט אין די צווייטע הקדמה בשם רבינו הק' בעל "משנת חסידים". אז ווען מען בויט דאס לאנד, איז דאס א סימן גאולה, כדי איר צו צוגרייטן צו קענען אננעמען די אלע עולים וואס וועלן קומען פון גלות, זיי זענען די וואס בויען דאס לאנד, און די קעניגן וואס געבען רשות פאר דעם, מיט זיי מיינט דער נביא אין די ווערטער "הִנְנִי שֹׁלֵחַ מַלְאָכִי וּפִנָּה דֶרֶךְ לְפָנָי". זעה אין ספר[232] "מנורת המאור" ווי ער זאגט, "יעדער וואס טוט עפעס א זאך, אפילו לפי זיין נאטור, ווערט גערופען 'מלאך', ווי עס שטייט אין פסוק[233] "עֹשֶׂה מַלְאָכָיו רוּחוֹת", עכ"ל. ע"כ, די וואס גרייטן אן און בויען דאס לאנד, זענען שלוחי ה'. זעה אין ספר "גבורות ה'" לרבינו מהר"ל ווי ער שרייבט "עס פאסירט גארנישט במקרה, סתם אזוי, ווי מיר האבן שוין געזאגט אויף אסאך פלעצער, אז מען טאר נישט זאגן אז עפעס אינעם סדר הגאולה איז געווען סתם אזוי, כל שכן די סדר השתלשלות, נאר אלעס איז על פי ה'" עכ"ל. לויט דעם, די אלע וואס די הכנה צו די גאולה פאסירט דורך זיי, זענען מלאכי ה', און אויף זיי זאגט דער פסוק "הִנְנִי שֹׁלֵחַ מַלְאָכִי וּפִנָּה דֶרֶךְ לְפָנָי". און נאכדעם וואס מיר וועלן מאכן א ריכטיגע הכנה, און רוב אידן וועלן זיך צוזאמנעמען אין ארץ ישראל, כדברי רבינו הרמב"ם און רש"י וואס איך האב שוין פריער אראפגעברענגט, אז פאר ביאת משיח וועט זיין א קיבוץ ישראל אין ארץ ישראל, דעמאלטס וועט זיך משיח פלוצלינג באווייזן און נתגלה ווערן אזוי ווי מיר האבן געהאפט די אלע יארן, זעהסטו אז דאס אלעס איז מרומז אין די ווערטער פונעם נביא הנ"ל. ודוק.

המשך בגליון הבא אי"ה

[229] תהלים קמט, ב - יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעֹשָׂיו בְּנֵי צִיּוֹן יָגִילוּ בְמַלְכָּם
[230] מלאכי ג, א
[231] חלק ו' סי' צח, ד"ה הריני נזיר
[232] נר ג', כלל ד', חלק ה', פר' א'
[233] תהלים קד, ד

לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר מתתיהו בן יוחנן כהן גדול

יער בן שמן, מודיעין

ערגעץ אין די געגנד פון כביש 443, לעבן די שטאט מודיעין געפינט זיך אן אור-אלטע בנין וואס מענטשען צייכענען אן אלס דעם קבר פון מתתיהו החשמונאי. וויבאלד אבער עס האט נישט קיין מקור אין קיין שום פריערדיגע ספר אדער אפילו א רייזענדער, איז עס נישט אנגענומען ביים ברייטן ציבור.

אין ספר המכבים (א, יג) ווערט געברענגט אז מתתיהו החשמונאי איז נקבר געווארן אין די שטאט מודיעין, ווי ער איז געבוירן געווארן. דארט איז אויך באגראבן געווארן זיין פרוי, און זייענע קינדער אליעזר, יוחנן, יהודה המכבי און יונתן, וואס זענען אומגעקומען אין די מלחמות. זיין ברודער שמעון האט דארט אויפגעשטעלט א שיינעם מצבה ארומגענומען מארמארענע זיילן.

מתתיהו איז געווען דער וואס האט אנגעפאנגן דעם אויפשטאנד אנטקעגן די גריכישע מלוכה פון אנטיוכוס דער פערטער, און פון אים האט זיך אנגעהויבן די שלשלת פון די חשמונאים. ער האט געשטאמט פון די משמרות יהויריב איינע פון די פיר און צוואנציג משמרות הכהונה.

ווען די גזירות אויף אידישקייט האט זיך אנגעהויבן, האט מתתיהו איבערגעלאזט ירושלים מיט זיינע קינדער און זיך אריבערגעצויגן קיין מודיעין. ווען די יוונים האבן אים געהייסן מקריב זיין א קרבן פאר אן עבודה זרה, פארשטייט זיך אז ער האט אפגעזאגט, און ווען א מתיווני איז צוגעגאנגען און עס געוואלט טוהן אנשטאט, האט ער אים געהרג'עט מיט זיין שווערד, ווי אויך דעם שליח פון אנטיוכוס, דערנאך האט ער צובראכן דעם במה.

ער איז דאן אנטלאפן מיט נאך פיל אידן צו די ארומיגע בערג, ווי דער ספר המכבים באצייכנט דאס "קהל חסידים, גיבורי חיל מישראל, כל המתנדב לתורה", און פון דארט האט זיך צושפרייט דעם אויפשטאנד פון די חשמונאים. א יאר שפעטער איז מתתיהו נפטר געווארן און זיין זון יהודה האט איבערגענומען דעם פירערשאפט פון די שלאכטן. און מכח זייער מסירת נפש צו צוריק נעמען דאס לאנד פון די פרעמדע יוונים און זייערע מיטהעלפער די מתיוונים, איז זיי געלונגען צו צוריק איינעמען דאס לאנד, און חרוב מאכן די אלע געטער, און מטהר זיין דעם בית המקדש.

מען איז נישט קלאר ווי די אלטע שטאט מודיעים געפינט זיך, לכאורה אין די בערג צפון פון ירושלים, אבער היסטאריקער און ארכעאלאגן זוכן נאך ארום, עס זענען דא עטליכע השארות, אבער נישט זייער קראנט.



ביים קבר וואס איז אנגעצייכנט מתתיהו בן יוחנן כהן גדול

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 32
מקץ
ד' טבת תשפ"א
December 19, 2020

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### חנוכת בית המקדש

בחנוך המשכן עשו י"ב ימים יום א' לכל שבט. ואמנם עולי גולה שכבר גלו לחו"ל ועלו לא"י וחד מנייהו כתרי מינן וחד מינן כד אזיל להתם כתרי מנייהו (כתובות עה ע"א), נמצא אחד העולה מחו"ל לא"י נחשב לד' ונמצא יהודה ובנימין ששבו עם עזרא הסופר נחשביה לשמונה ע"כ עשו ח' ימים. ולעתיד לבא י"ב שבטים לכל אחד ד' ימים מ"ח יום נוא מר"ח ניסן עד ח"י אייר שהוא ל"ג בעומר.

(דרשות חת"ס, לחנוכה ופר' מקץ תקפ"ט)

### אמירת הלל בחנוכה

הא חנוכה דלא הכי ולא הכי וקאמר? משום ניסא, פורים דאיכא ניסא לימא (הלל)? אמר רבי יצחק לפי שאין אומרים שירה על נס שבחוצה לארץ. מתקיף לה רב נחמן בר יצחק והרי יציאת מצרים דנס שבחוצה לארץ הוא ואמרינן הלל, כדתניא עד שלא נכנסו ישראל לארץ הוכשרו כל הארצות לומר שירה משנכנסו לארץ לא הוכשרו כל ארצות לומר שירה.

(ערכין י, ב)

### רמז נרות חנוכה לביהמ"ק

ונחל ד' את יהודה חלקו על אדמת הקדש ובחר עוד בירושלים (הפטרת שבת חנוכה, זכריה ב, טז). כבר בארנו עפ"י דברי האריז"ל כי ע"י הדלקת נרות חנוכה מתעורר שם נח"ל, ברמז בר"ת ל"הדליק נ"ר ח"נוכה, וזה ג"כ הרמז בפסוק הזה ונחל ד' את יהודה חלקו על אדמת הקדש ובחר עוד בירושלים, שיהי' כח במצות נ"ח לעתיד ב"ב. וזה שרמזו חכז"ל בגמ' (שבת כא ע"ב) נר חנוכה איש וביתו, איש וביתו רמז לבנין ביהמ"ק במהרה בימינו.

(תפארת שלמה, לחנוכה)

### תפארת ארץ ישראל

מרחיקין את האילן מן העיר עשרים וחמש אמה (בבא בתרא ז). מאי טעמא? אמר עולא - משום נויי העיר (שם כד:). פי' רש"י: דין הרחקת אילן מן העיר הוא תקנה מיוחדת שחכמינו תקנו משום תפארת ארץ ישראל כדי להבטיח

המשך בדף ב'



כפר מסילת ציון, הרי יהודה

Credit: Yossi Rubinstein

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר

מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

**יא.** ווען רבינו מהר"ל אין זיינע וואונדערליכע ספרים, וויל ארויסברענגען א רעיון מופלא כדי צו מעורר זיין דעם מענטש ער זאל צולייגן דעם קאפ און הארץ דערצו, שרייבט ער אזוי[234], "עס איז נישט א ספק אז גרויסע זאכן געשעהן נישט פערצופאל, במקרה, נאר אלעס קומט מיט השגחה פונעם אייבירשטען". ער זאגט דאס איבער אסאך מאהל, עס איז באוויסט צו די וואס זענען באקאנט אין זיינע ספרים הק'. וועגן דעם איז מיר געגאנגען צום הארץ צו נאכפארשן און פארשטיין דעם וואונדערליכע געדאנק, ווייל ווער עס קוקט אריין אין די היסטאריע פון אונזער לעבן אין די גלות יארן, וועט באמערקן אז מיר האבן קיינמאהל נישט געטראפן א רוה ארט פאר אונזערע פיס, אפילו אויב מיר זענען יא געזיצן שטיל אויף איין פלאץ בשלווה, האט עס נישט צו לאנג גענומען, ביז עס האט זיך אנטקעגן אונז געשטארקט די קנאה און שנאה פון די ארומיגע גוי'שע שכנים, עס איז געוואקסן אזוי שטארק ביז זיי האבן פון אונז צוגענומען אלע אונזער געלט און פארמעגענס, און אונז געצווינגען צו פארלאזן דאס לאנד בעירום ובחוסר כל. אזוי האבן מיר געוואנדערט פון איין לאנד צו א צווייטען. אזוי איז שטענדיג געווען מיט אונז דורכאויס דעם גלות, גענוי ווי עס ווערט געטוהן מיט אונז יעצט אין די טעג אין גאנץ אייראפע, מיט א געפעהרליכע אכזריות וואס די מויל ווערט נאר מיעד צו פארציילן און די פעדער ווערט שוואך פון שרייבן. ווי דער רשב"ג האט געזאגט[235] "אויב ווען מיר ווען אפשרייבן די אלע צרות, וועלן מיר נישט קענען ענדיגן". דאס וואס פאסירט מיט אונז היינט איז נישט קיין נייע זאך, נאר עס חזר'ט זיך איבער און איבער (ווי מען זאגט א שפריכווארט "איינע ווידערהאלונג דער געשיכטע")[236]. פונדעסטוועגן דאך איז אונז נישט איינגעפאלן אין די פריערדיגע יארן בשעת מיר האבן געדארפט פארלאזן אונזער וואוינונג, זיך איינצוקויפן א פלאץ און בויען א נייעם ישוב אין אונזער הייליג לאנד, ביז ערשט אין די לעצטע צענדליגע יארן וואס עס האט זיך דערוועקט די געדאנק און תנועה צו קויפן פעלדער און ערד אין ארץ ישראל, זיי צו באפלאנצען און צו בויען דערויף הייזער און גערטנער. און פון די ערד וואס כמעט צוויי טויזענט יאר איז געשטאנען ליידיג פון פירות און האט צו גארנישט מצליח געווען, עס איז געווען פיל מיט ליים און זומפן און עס איז ארויס פון דארט פיל מיני קרענק, איז יעצט געווארן גרייט צו א ישוב, ווי מען קען זיך דארט באזעצן מיט אלע תנאי החיים. פון דאן וואס עס האט זיך דערוועקט די תנועה, אפילו זיי זענען אויסגעשטאנען די אלע מניעות און צוריקהאלטונגען וואס איז געווען צו די פיאנירן פון יעדע זייט און ווינקל, איז ארץ ישראל היינט צוטאגס געווארן א פרוכטבארע לאנד און א פלאץ פון האנדעל. עס איז געווארן א ציל פונקט ווי מענטשען פון אלע עקן וועלט קערן זיך צו איר, עס איז געווארן "יְפֵה נוֹף - א הערליכע פלאץ, מְשׂוֹשׂ כָּל הָאָרֶץ - דאס פרייד פון די גאנצע וועלט"[237]. פארוואס האט מען נישט געטראכט דאס צו טוהן אין די פריערדיגע יארן, פארוואס איז נישט איינגעפאלן בדעת קדמונינו ביי די אלע גירושים וואס האט צו זיי פאסירט, עס איז געווען צווישן זיי גדולי ארץ ווי צום ביישפיל דער אברבנאל וכדו', פארוואס איז זיי נישט איינגעפאלן אזא געדאנק. צו קויפן לאנד אין ארץ ישראל און גרינדן דארט א נייעם ישוב. זעה דעם בריוו פון דעם שר דון יצחק אברבנאל[238] צום גאון און נשיא פון פיסה (עס איז לעצטענס געדריקט געווארן פון דעם כתב יד, וואס האט זיך געפינען אינעם בריטישען מיוזעאם)[239], ווי ער קלאגט זיך אויף דעם ביטערן גורל פון עם ישראל, און ער שרייבט "חשוב'ע שר וגדול, עפן די אויגן און זעה נאר, אז זייט דעם טאג וואס עס איז חרוב געווארן אונזער שטאט און דער בית המקדש איז געווארן פארוויסט, און יהודה איז פארטריבן געווארן פון זיין לאנד, האבן מיר נישט גערוהט אדער בארואיגט, און זיך נישט אפגעשטילט. די אלע וואס יֵלְכוּ בְּמוֹעֲצוֹתֵיהֶם - זיי גייען אין זייערע עצות, אֱדוֹם וְיִשְׁמְעֵאלִים מוֹאָב וְהַגְרִים[240], אויב וועט שוין יא זיין שטיל פאר א טאג צוויי, וועט אונז דערגרייכן א קול פון שרעק, און שלעכטע שמועות וועט אונז דערשרעקן ממזרח ממערב ומצפון ומים, וועגן דאס שארית ישראל וואס ווערן פארטיליגט און ווי מען האט פון זיי געשינדען דאס הויט" עכ"ל אינמיטן פון זיין בריוו. ער האט דאס געשריבן ווען ער איז נאך געווען אין פארטוגאל אין זיין הויעכן מצב אינעם מלכות, פרעגט זיך, פארוואס האט ער נישט געטראכט מיט דעם שר און גאון אן עצה צו טוהן פעולות און קויפן לאנד אין ארץ ישראל און עס בויען פונדאסניי, אז די אנטלאפענע פון די לענדער, די וואס ווערן געטריבן פון איין ארט צום צווייטן, אז זיי זאלן זיך דארט באזעצן, זיי רעדן דארט בכלל נישט פון אזא ביישפיל, האט זיי דען געפעהלט מאטעריאל דערפאר? זיי זענען דאך געשטאנען אויף אזא הויעכן מצב מיט עשירות. פון דעם זמן פון אברבנאל ביז אונזער צייט, האט קיינער אזוינס נישט גע'עצה'ט, עס איז באמת נישט פארשטענדליך. ערשט יעצט נאך אזויפיל יארן אין אונזער גלות, האט זיך דערוועקט דעם רעיון און געדאנק ביי אלע אידן, עס איז אין זיי אריין א רוח חיים מיט פרישע כוחות צו בויען דאס לאנד פונדאסניי, איר אנצוגרייטן אז זי זאל קענען אננעמען אירע קינדער אין איר, מיט בויען הייזער און קויפן פעלדער און עבודת אדמה, גערטנער פעלדער און ביימער, אז עס זאל זיין ראוי זיך דארט צו באזעצן, איז דאס סתם א מקרה, ח"ו?

עס איז אמת אז פאר בערך דריי הונדערט יאר צוריק[241], האט דער שר דון יוסף נשיא[242] וואס איז געווען אינעם הויף פונעם טערקישן סולטאן, אנגעהויבן טוהן דערוועגן, אנצוהייבען א אידישן ישוב אין ארץ ישראל מיט'ן רשות פונעם סולטאן, ער האט אהינגעשיקט ארבעטער און פאכלייט, ער אליין האט דארט באזוכט עטליכע מאהל צו אבזערווירן די ארבעט, אבער עס האט זיך נישט אויסגעארבעט, די אראבער מיט זייער גרויסע קנאה האבן עס נישט אויסגעהאלטען און צושטערט דעם פלאן און עס איז בטל געווארן. אבער אין אונזערע טעג, וואס דאס בויען

המשך בדף ב'

---

[234] גבורות ה' פר' יט, פר' כב ועוד
[235] שבת יג, ע"ב
[236] היסטאריע חזר'ט זיך איבער
[237] תהלים מח, ג
[238] מגדולי חכמי ספרד בזמן הגירוש, וממפרשי התנ"ך, נולד קצ"ז, נפטר רס"ח
[239] עי' ספר העצמים (לונדון תרס"א)
[240] ע"פ תהלים פא, יג, ופרק פג, ז
[241] שכ"ג (1563) ער האט אנגעהויבן בויען א אידישן ישוב אין טבריה
[242] נולד רפ"ח (1524) בפורטוגאל, נפטר של"ט (1579)

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

את היופי החיצוני של הערים בארץ ישראל. (רמב"ן על רש"י הנ"ל) כיון שאמר עולא דמשום נויי העיר הוא, פשיטא ליה שאין תקנה זו אלא בארץ ישראל, אבל בחוץ לארץ אין מן הדין שיעכב, ולא תקנו בה כלום, הלואי שתינוול בפני יושביה.

## ארץ ישראל רשות של הקב"ה

ומצד בחינה זו נאמר שארץ ישראל קדושה ואויר ארץ ישראל קדוש משא"כ ארץ העמים שעפרה טמא ואוירה טמא, והנכנס אליה קרוב מאד להכשל. ולזה כשיצאו האבות לחוץ הוצרכו לכמה נדרים הלא תראה יעקב אמר אם יהיה אלקים עמדי, ביוסף כתיב ויהי י"י את יוסף ופירשו רבותינו ז"ל משל לאדם שהיה נושא וגו', הרי אברהם שנכנס למצרים להתנסות אם יתדבק בקליפות, אמנם בארץ ישראל האדם שמור שרשות ארץ ישראל רשות הקדוש ברוך הוא, ורשות חוצה לארץ רשות החיצונים אויר טמא, ולזה צריך שמירה לצדיקים בח"ל כנזכר.

(חסד לאברהם, מעין ג, נהר ב)

## חמשת המינין

והמוציא וברכת המזון אין מברכין אלא על חמשת המינין שנשתבחה בהן ארץ ישראל שעקר מצות ברכת המזון הוא רק לברכו יתברך על שנתן לנו ארץ ישראל כמו שכתוב ואכלת ושבעת וברכת את ה' אלקיך על הארץ הטובה וכו'. כי עקר קדשת האכילה הוא על ידי ארץ ישראל שהוא בחינת חדוש העולם שלעתיד שעל ידי זה נמשך הנגון שלעתיד שעל ידי זה זוכין שתהיה האכילה בבחינת מזונא דנשמתא כנ"ל שבשביל זה עקר מצות נטילת ידים כנ"ל ועל כן עקר נטילת ידים הוא על חמשת המינין דיקא שחיבין עליהם ברכת המזון שהם שבח ארץ ישראל, כי עקר נטילת ידים להמשיך בחינת ארץ ישראל על ידי מימי הדעת כדי לזכות להנגון הנ"ל כדי שתהיה האכילה בבחינת מזונא דנשמתא כנ"ל.

(ליקוטי הלכות, בציעת הפת, אות ח)

## לשמוח מישוב ארץ ישראל

והא דאמרינן בשלהי כתובות רבי אמי ורבי אסי הוו קיימי משמשא לטולא ומטולא לשמשא, פירוש מחמת חביבותא דארעא דישראל עלייהו, הוו קיימי משמא לטולא ומטולא ומטולא לשמשא, דכי הוו יתבי בשמשא וקא מתחממי מחמת שמשא וקא מצטערי, הוו קיימי לטולא, כי היכי דלימטי להו רוחא מההוא טולא, ומשכחי הנאה מארעא דישראל, וכי הוו יתבי בטולא וקא מצטנני ומצטערי, קיימי ויתבי בשמשא, כי היכי דלשכוח רוחא דשמשא מההוא צינון דמטא להו , ומטיא להו הנאה מארעא דישראל, ומתחדש להו בה שמחה בכולהו עידנא.

(שו"ת הר"י מגאש סי' לט)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

פון דאס לאנד פארגרעסערט זיך פון טאג צו טאג, כן ירבה וכן יפרוץ, אפילו צו די קנאה וואס די אראבער ווייזען, און אלע מניעות און שטערונגען וואס זיי האבן געטוהן דערצו האט גארנישט געהאלפן, און נישט אפגעשטילט די עושה המלאכה פון זייער ארבעט, יעדן טאג ווערט דאס לאנד פארמערט מיט הייזער, פעלדער, ביימער און גערטנער, עס איז זיכער אז דאס איז נישט א דבר פשוט, זיכער נישט א פאסירונג פון א נאטורליכע מקרה.

אבער דער אייבישטער האט באלויכטן מיינע אויגן, און איך האב געטראפן פון הגאון המקובל בעל "משנת חסידים" אין זיין ספר[243] "הון עושר", אויף די משנה[235] "והגליל יחרב מבתים", שרייבט ער "ווען דער אייבישטער האט מיר מזכה געווען אז איך בין ארויף קיין ארץ ישראל, פה צפת תובב"ב, מיינע אויגן האבן דאס געזעהן, עס איז מיר נישט פרעמד געווען ווי אזוי עס איז טאקע אזוי געווען בעוונותינו הרבים, ווייל עס איז פיל געווען מיט חרוב'ע הייזער, אבער דאנקען צו ג-ט, איך פריי מיר זייער, ווייל איך האב געזעהן אין די צוויי יאר וואס איך האב מיר דארט אויפגעהאלטען ווי איעדן טאג האט מען זיי איבערגעבויט, איך זאג אז דאס איז א גוטער סימן צום ביאת גואל ב"ב. ווייל אויב וועט ער קומען ווען די הייזער זענען חרב, וועט נישט זיין ווי צו וואוינען פאר די אלע פארזאמעלטע אידן. אזוי אויך זעהן מיר ביי די ערשטע מאהל וואס די אידן זענען אריין קיין ארץ ישראל, ווי חז"ל האבן געזאגט, "אז דער אייבישטער האט אויפגעהאלטן די אידן אין דעם מדבר פאר פערציג יאר, אז במשך פון די צייט זאל דאס לאנד צוריק גיין ווי אזוי זי איז געווען פריער, די אלע ביימער וואס די אמוריים האבן ארויסגעריסן און די אלע הייזער וואס זיי האבן חרוב געמאכט ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים, ווייל זיי האבן געמיינט אז די אידן קומען תיכף אריין אין ארץ ישראל, האבן זיי געוואלט אז די אידן זאלן אלעס טרעפן אין א חרוב'ן צושטאנד (מדרש רבה פר' בשלח[236], מכילתא שם, און רש"י תהלים מ[237]). און טאקע אזוי ווי דאס לאנד איז צוריק געווארן ווי עס איז פריער געווען זענען די אידן אריין געקומען צום לאנד. אזוי וועט זיין בעזהש"י ווען משיח וועט קומען במהרה בימינו", עכ"ד הקדושים. זעהסטו פון דעם אז נאך איידער משיח וועט קומען דארף זיין אז דאס לאנד זאל אויפגעבויט ווערן מיט הייזער און ביימער, ווייל אן דאס, טוט עס נאר צוריקהאלטן פון אידן ארויפצוקומען קיין ארץ ישראל און איז מעכב די גאולה, ח"ו. און אויב זעהן מיר אז דאס לאנד ווערט געבויט, איז דאס א גוטער סימן אז די גאולה איז נאענט. קוק ווער עס זאגט דאס, איינע פון די גרויסע בעלי מקובלים, אזא קדוש ונורא וואס האט געהאט גילוי אליהו זכור לטוב, און אלעס וואס ער האט געזאגט איז געווען ברוח הקודש. זעה ווער עס האט עדות געזאגט אויף אים, ה"ה רבינו איש אלוקים מצאנז (שו"ת דברי חיים) וואס איך האב אים אראפגעבראכט אינעם צווייטן הקדמה, עיי"ש. ווער אין אונזער דור קען זיך אויף אים קריגען.

אויב אזוי, מיט דעם קענען מיר טרעפען א פשט צו די פריערדיגע שאלה הנ"ל, אז יעצט ווען מיר געפינען זיך ביים סוף פונעם גלות, ווי איך האב שוין וועגן דעם מאריך געווען, און מיר שטייען נאענט צו די גאולה, האט דער אייבישטער אריינגעשיינט אין די הערצער פון אידישע קינדער אז זיי זאלן טראכטען וועגן בויען ארץ ישראל, און עס גרייט מאכן פאר א ישוב, כדי צוצוגרייטן דאס לאנד פאר די עולים, אז זיי זאלן זיך קענען צוזאם נעמען בשעת די גאולה. עכ"פ, דאס בויען פונעם לאנד איז א גוטער סימן פאר די גאולה, און א אתחלתא דגאולה לויט דברי רבינו בעל "משנת חסידים".

איך האב מיר יעצט דערמאנט צו ברענגען א ראיה ברורה לדברי רבינו בעל "משנת חסידים" ז"ל, אז אונזער צוקונפטיגער גאולה ווענדט זיך אין בנין הארץ, אין א מדרש וואס ווערט אראפגעברענגט אין תשובת מהרלב"ח[238], אז ביי צוויי פלעצער זעהן מיר אז א אפענע מ"ם קען זיך פארטוישן מיט א פארמאכטע מ"ם, ווי די ווערטער[239] "לְםַרְבֵּה (לםרבה) הַמִּשְׂרָה - צו דאס פארמערונג פון הערשאפט" שטייט א פארמאכטע מ"ם אינמיטן די ווארט, און אין דעם פסוק[240] "בְּחוֹמֹת יְרוּשָׁלַםִ אֲשֶׁר (המפרוצים) הֵם פְּרוּצִים - אין די מויערען פון ירושלים וואס איז געווארן אויפגעבראכן" שטייט א אפענע מ"ם ביים סוף ווארט, זאגן חז"ל[241], אז דאס קומט מרמז צו זיין אז ווילאנג די חומות פון ירושלים זענען אויפגעבראכן ווי אן אפענע מ"ם, איז אונזער געוועלטיגונג פארמאכט און אוועקגענומען פון אונז בעוונותינו, עכ"ד המדרש. זעהן מיר דערפון אז דאס געוועלטיגונג אויף ארץ ישראל ווענדט זיך מיט'ן אויפבויען פון אונזערע שטעט און ארצינו הקדושה, וד"ל.

המשך בגליון הבא אי"ה

[243] סוף פר' בתרא דסוטה
[235] פרק ט' משנה טו
[236] שמו"ר פר' כ, אות טז
[237] פס' ו
[238] קונטרס הסמיכה, סוף קונטרס ראשון
[239] ישעיהו ט, ו
[240] נחמיה ב, יג
[241] רד"ק, ישעיה ט, ו

## לארבה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר חוני המעגל

חצור הגלילית, גליל העליון

חוני המעגל האט געלעבט אין די צייטן פון די זוגות פון די תנאים, אין די צייט פון שמעון בן שטח און מלכות החשמונאים. אין די משנה ווי אויך אין די גמרא זעהן מיר ספעציעל זיינע כוחות אין תפילה, אז ווען די חכמי הדור האבן געברויכט צו מתפלל זיין פאר רעגען, האט מען זיך געקערט צום צדיק חוני, און ער מיט זיינע תפילות האט געקענט פועל'ן.

גאר באקאנט איז די מעשה ווי ער האט אויסגעקריצט א רינגל אין די ערד, און באשלאסן נישט ארויסצוגיין דערפון ביז ווי לאנג דער אייבישטער וועט צוהערן צו זיינע בקשות (תענית, פרק ג' משנה ח), מער באריכות ווערט די מעשה דערמאנט אין די גמרא מס' תענית (כג, ע"א). דער תנא שמעון בן שטח האט אויף אים געליינט דעם פסוק "ישמח אביך ואמך ותגל יולדתך", אויך זאגט די גמרא אויף אים דעם פסוק "ותגזור ואומר ויקם לך". ער ווערט דערמאנט אין עטליכע פיוטים אלס א סימבאל פון תפילה, ווי צום ביישפיל, "צעקתי הקשב, כצעקת חוני המעגל" (רבינו גרשום, אל באפך תוכיח), און "והעונה בתוך מעגל לחוני, בעת נשבע בשמך רב פעלות" (שמע קולי, רב שרירא גאון).

די גמרא פארציילט די מעשה ווי אזוי חוני איז איינגעשלאפן פאר זיבעציג יאר, זעה באריכות אין די גמרא (תענית כג, ע"א), און אין ירושלמי (מס'



דאס אריינגאנג צום מערה און קבר פון חוני המעגל

תענית פרק ג', הלכה ט') שטייט אז דאס האט פאסירט מיט זיין עלטער זיידע וואס האט אויך געהייסן חוני המעגל און געלעבט ביים ערשטען ביהמ"ק. פון די מעשה קומט זיין באקאנטע מימרא פון "או חברותא או מיתותא", אדער פריינדשאפט אדער דאס טויט. דער מהרש"א שרייבט אז דאס האט פאסירט במציאות. אינעם ספר בניהו בן יהוידע ווערט געברענגט אז די נס האט דאן פאסירט אויך מיט זיין אייזל.

דער רמ"ק שרייבט אז ביי זיין קבר פלעגן די מקובלים פון צפת זיך צוזאם קומען מתפלל זיין. דער שו"ת מהריט"ץ שרייבט אז ווען ער האט געוואוינט אין דעם געגענט, איז אים אוועק א קליין קינד, און ער איז נקבר געווארן לעבן חוני המעגל, אונטער א גרויסן בוים.

דער ראב"ד שרייבט, אויך ווערט אזוי געברענגט אין ספר יוסיפין אז ווען עס איז געווען די קריג צווישן די צוויי ברודער פון די בית חשמונאים אריסטובולוס און הורקנוס, האט איין צד געוואלט אז חוני זאל מתפלל זיין אז זיי זאלן געווינען אין קריג, אבער ער האט זיך נישט געוואלט אריינמישען, האבן זיי אים געהרג'ט.

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 33
ויגש
י"א טבת תשפ"א
December 25, 2020

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### יוסף הצדיק וציון

...ומה שאירע ליוסף טובות אירע לציון טובות ביוסף, "ויהי יוסף יפה תואר ויפה מראה". וציון "יפה נוף משוש כל הארץ" (תהלים מח, ג). ביוסף, "איננו גדול בבית הזה ממני". בציון, "גדול יהיה כבוד הבית הזה" (חגי ב, ט). ביוסף, "ויהי ה' את יוסף". בציון, "והיו עיני ולבי שם" (דברי הימים ב ז, טז). ביוסף, "ויט אליו חסד". ובציון, "זכרתי לך חסד" (ירמיה ב, ב). ביוסף, "ויגלח ויחלף שמלותיו". ובציון, "אם רחץ ה' את צואת בנות ציון" (ישעיה ד, ד). ביוסף, "רק הכסא אגדל ממך". ובציון, "בעת ההיא יקראו לירושלים כסא ה'" (ירמיה ג, יז). ביוסף כתיב: "וילבש אותו בגדי שש". ובציון, "עורי עורי לבשי עזך ציון לבשי בגדי תפארתך" (ישעיה נב, א). ביוסף כתיב: "ואת יהודה שלח לפניו". ובציון, "הנני שולח מלאכי" (מלאכי ג, א).

(מדרש תנחומא, ויגש סי' י)

### תקע בשופר גדול

בברכת תקע שם ירבה בדמע להתפלל על קיבוץ גלויות וקריאת דרור בארץ ישראל שהוא בשופר וכבר נאמר בפייט ששוכני עפר יחכו לקול שופר כי הוא שופר המשמיע חירות.

(יערות דבש א)

### ארץ ישראל הקדושה

חשבתי אין מצב חולין בארץ ישראל דומה לזה שבחוץ לארץ, כי הרי מקודשת היא בעשר קדושות. גם מצאתי במאמרי הק' הללו מאמר מכ"ק אאזמו"ר ר' אהרן מקרלין בעה"מ ספר בית אהרן, שאמר לאחד אשר נסע לארץ הקודש "ארץ ישראל היא בחינת שבת, והגם שבשבת יכול האדם ח"ו ג"כ לחטא, אעפ"כ היא שבת".

(משנת חסידים)

### הכל יוחזר לירושלים

א"ר יוחנן כל שיטה ושיטה שנטלו נכרים מירושלים עתיד הקב"ה להחזירן לה, שנאמר "אתן במדבר ארז שיטה", ואין מדבר אלא ירושלים שנאמר "ציון מדבר הייתה וגו'.

(ר"ה כג, א)

המשך בדף ב'



עמק החולה

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

איך האב מיר אויך דערמאנט, אז די דברי מקובל הנ"ל איז א גמרא מפורשת אין סנהדרין[242]. די גמרא זאגט דארט, "אמר רבי אבא, עס איז נישטא קיין מער קלארע באוויז צו די גאולה ווי דאס וואס די פסוק זאגט[243] "וְאַתֶּם הָרֵי יִשְׂרָאֵל - און איר, בערג פון ארץ ישראל, עַנְפְּכֶם תִּתֵּנוּ - אייערע צווייגען זאלט איר געבן, וּפֶרְיְכֶם תִּשְׂאוּ - און אייערע פרוכט זאלט איר טראגן, לְעַמִּי יִשְׂרָאֵל - פאר מיין פאלק ישראל, כִּי קֵרְבוּ לָבוֹא - ווייל די טעג זענען נאנט צו קומען". איז רש"י מפרש אז דאס מיינט, ווען ארץ ישראל וועט אנהייבן געבען אירע פירות מיט א עין יפה, דעמאלטס וועט נאנט ווערן די ענדע פונעם גלות, און עס איז נישטא קיין מער קלארע קץ ווי דאס", עכ"ל. דאס איז ממש דברי רבינו הק' הנ"ל, אז פאר די גאולה וועט קודם דאס לאנד ווערן אויפגעבויט און די ערד וועט אנהייבען געבן אירע פירות בעין יפה, דאס איז א צייכן און א סימן אויף די נאנטקייט פון די גאולה. נאך האב איך מיר דערמאנט, אז דאס איז אויך א גמרא אין מס' מגילה[244], "פארוואס זאגט מען די ברכה אויף קיבוץ גליות נאך די ברכה פון ברכת השנים? ווייל עס שטייט אין פסוק "וְאַתֶּם הָרֵי יִשְׂרָאֵל עַנְפְּכֶם תִּתֵּנוּ וּפֶרְיְכֶם תִּשְׂאוּ לְעַמִּי יִשְׂרָאֵל כִּי קֵרְבוּ לָבוֹא", זאגט רש"י אז פון דא זעהן מיר אז קיבוץ גליות וועט זיין אין די צייט פון ברכת השנים", עכ"ל. ער וויל זאגן דערמיט, וועגן דעם האבן אנשי כנסת הגדולה מתקן געווען די ברכה פון "תקע בשופר גדול לחרותינו ושא נס לקבץ גליותינו" נאך די ברכה פון ברכת השנים, "ברך עלינו וכו' ואת כל מיני תבואתה לטובה" - ווייל אזוי וועט זיין לעתיד ווען משיח וועט קומען בב"א. די בערג און טאלן וואס זענען געשטאנען פוסט און וויסט די אלע גלות יארן, ווען די גאולה וועט זיין נאנט, וועט זי אנהייבען געבן אירע פירות, דאס וועט זיין די סימן אז די סוף טעג פונעם גלות איז דא. זעהן מיר אז די אנשי כנסת הגדולה וואס זענען געווען די הונדערט און צוואנציג זקנים, און פון זיי איז געווען אסאך נביאים, וואס זיי האבן מתקן געווען די ברכות פון די שמונה עשרה אויף א סדר, ווי די גמרא זאגט דארט אין מס' מגילה - האבן אלע צו דעם רעיון מסכים געווען, אז פאר קיבוץ גליות וועלן די פעלדער און די ערד זיך פרוכטבארן כדי עס זאל ווערן ראוי זיך דארט צו באזעצן, דערנאך וועט זיין די קיבוץ גליות, ממש ווי דברי בעל "משנת חסידים".

יעצט אין די טעג, וואס עס ווערט ממש אזוי געטוהן דורך אסאך פון אונזערע אידישע ברודער וואס האבן זיך געפעדערט ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל, און זיי האבן געבויט שטעט, נחלות, דערפלעך, גערטנער און פעלדער, און גרויס חלקים פון דאס לאנד וואס זענען געווען זומפיגע און ליימיגע ערד וואס האט געקענט ברענגן קרענק, ר"ל, האבן זיי דאס איבערגעדרייט צו א טריקענע ערד און צו א געבענטשע פרוכטבארע ערד, ממש אין א סכנה און מיט מסירות נפש וועגן בויען דאס לאנד, אלס כדי מען זאל זיך קענען באזעצן אין איר. איז דען אפילו שייך אין דעם א ספק אז דאס איז מעשה ה', ווייל דאס איז דאך מורא'דיג, עס איז דא אין דעם א סימן און א צייכן אז אונזער ישועה איז נאנט צו קומען, בלי ספק אז דאס איז אן אתחלתא דגאולה. מיט דעם ווערט מקויים אין אונז דעם מאמר פון רבי שמעון בן מנסיא וואס איך האב אויבן אראפגעברענגט, אז מען ווייזט נישט פאר אידן א סימן טוב, ביז ווי לאנג מען פארלאנגט נישט די דריי זאכן וכו', ווי איך האב שוין דארט מסביר געווען, אז מיר ברויכן זיך משתדל זיין בפועל נאכצוגיין די זאכן און עס איז נישט גענוג נאר בתפילה, און ווען א חלק פון אחינו בני ישראל האבן זיך ממש צוריק געקערט צו אונזער לאנד מיט גרויס מיה, און השתדלות, אפילו מיט די אלע שוועריקייטן וואס האבן זיך אנטקעגן געשטעלט אין זייער וועג, אבער דער אייבישטער האט זיי געבענטשט מיט הצלחה און אריינגעגעבן א ברכה במעשי ידיהם, ביז זיי האבן געקענט אויף בליען דאס לאנד, וואס אזוינס איז שוין נישט געווען זייט דעם זמן פונעם חורבן ביז יעצט. דאס אליין איז גאר א גוטער סימן פאר אונז, אז קרובה ישועה לבא, כדברי רבינו איש אלוקים בעל "משנת חסידים" הנ"ל, דאס איז אמת וברור, מען קען זיך אויף דעם נישט קריגען אחוץ ווער עס איז געשלאגן מיט בלינדהייט און וויל בדווקא פארדרייען דעם גלייכן וועג.

**יב.** איך ווייס מיין קינד, איך ווייס אז דו וועסט פרעגן א גרויסע קשיא אויף די ווערטער, אז אויב איז טאקע אזוי, אז דאס בויען וואס ווערט געטוהן אין ארץ הקדושה איז א סימן און א צייכן אויף דעם קץ וואס איז נאנט צו קומען, און עס איז אן אתחלתא דגאולה, ווי אזוי קען דאס זיין אז רוב בויערס פונעם לאנד זענען ליידער מחללי שבתות און עוברי עבירה ר"ל, כמעט ווי אנדערע גוים בעוה"ר, ווי קען דאס זיין אז דער רבוש"ע זאל מאכן די אתחלתא דגאולה און א אות און סימן דורך זיי, מיר פסק'נען דאך[245] "מגלגלין זכות ע"י זכאי", אז דער אייבישטער שטעלט צו זכותים דורך מענטשען וואס זענען זכאי, ראוי צו דעם?

מיין ליבער קינד, דיין קשיא איז לכאורה זייער שטארק, אבער הער גוט צו צו וואס איך וועל דיר זאגן, זאלסט וויסן אז ווער פארשטייט דען די פארהוילענע דרכים פונעם רבוש"ע, דאס איז אלעס אזוי פונעם בורא עולם, אלעס וואס פאסירט אין די וועלט איז פון אים, זיינע מחשבות זענען טיף, ער דרייט אזוי סיבות אין גלגולים, בינדט אן א פאדעם צו א פאדעם, ביז זיינע גזירות ווערן מקויים דא אינטען בעולם התחתון, ער ווייסט און פארשטייט פארוואס ער האט דווקא געוועלט אין זיי אויף אנצוהייבן דורך זיי דעם אות וסימן און אנהייב פון די גאולה. צו פארשטיין די זאך, וועל איך דיר ווייזן א דוגמא, א בפירוש'ע גמרא אין מס' חולין[246] ביי די עופות טמאים. זאגט די גמרא "רחם - דאס איז א שרקרק פייגל. זאגט רבי יוחנן, פארוואס הייסט דאס פייגל 'רחם', ווייל ווען דאס פייגל קומט אן, קומט רחמים אויף די וועלט, (רש"י איז מפרש, רחמים מיינט רעגן). האט רב ביבי בר אביי געזאגט, און ווי רש"י איז דארט מסביר, אז ווען די פייגל טשיפטשעט זעהט עס אויס ווי עס זאגט 'שרקרק'. זאגט די גמרא ווייטער, מיר האבן בקבלה אז ווען זי וועט זיך זעצן אויף דער ערד און שרייען שרקרק, וועט משיח קומען, ווי דער פסוק זאגט[247] "אֶשְׁרְקָה לָהֶם - איך וועל פייפן מיט

המשך בדף ב'

[242] צח ע"א
[243] יחזקאל לו, ח
[244] יז ע"ב
[245] שבת לב ע"א
[246] סג עא
[247] זכריה י, ח

יוצא לאור ע"י מכון: **לְבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## על ראש שמחתי

תדבק לשוני לחיכי אם לא אזכיר את ירושלים, אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי, שעתיד הקב"ה להחזיר לירושלין כל שמחתה, כעניין שנאמר "ופדויי ה' ישובון ובאו ציון ברינה ושמחת עולם על ראש", וכל המתאבל על ירושלים בעולם הזה ישמח עימה לעתיד לבא, שנאמר שִׂמְחוּ אֶת יְרוּשָׁלַם וְגִילוּ בָהּ כָּל אֹהֲבֶיהָ שִׂישׂוּ אִתָּהּ מָשׂוֹשׂ כָּל הַמִּתְאַבְּלִים עָלֶיהָ (ישעיהו סו י).

(פסיקתא רבתי כ"ח)

## ירושלים של אבנים טובות

כי הא דיתיב רבי יוחנן וקא דריש עתיד הקב"ה להביא אבנים טובות ומרגליות שהם שלשים על שלשים וחוקק בהן עשר על עשרים ומעמידן בשערי ירושלים, לגלג עליו אותו תלמיד השתא כביעתא דציצלא לא משכחינן, כולי האי משכחינן, לימים הפליגה ספינתו בים חזא מלאכי השרת דיתבי וקא מינסרי אבנים טובות ומרגליות שהם ל' על ל' וחקוק בהם עשר ברום עשרים אמר להו הני למאן אמרו ליה שעתיד הקב"ה להעמידן בשערי ירושלים. אתא לקמיה דרבי יוחנן אמר ליה דרוש רבי, לך נאה לדרוש, כאשר אמרת כן ראיתי, אמר לו ריקא, אלמלא לא ראית לא האמנת, מלגלג על דברי חכמים אתה, נתן בו עיניו ונעשה גל של עצמות.

(בבא בתרא עה ע"א)

## ירושלים עתידה להתפשט

זהו תוכן מאמר המדרש "עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות" (וקודם לזה - עתידה ירושלים שתתפשט בכל ארץ ישראל")... אמנם הסדר בזה הוא שתחלה צ"ל "עתידה ירושלים שתתפשט בכל ארץ ישראל". מעלתה המיוחדת של ירושלים היא - כדברי התוס' שכל מי שהיה מגיע לירושלים והי' רואה את הכהנים עוסקים בעבודת ביהמ"ק ואוכלים קדשי קדשים הי' הדבר פועל עליו שלימות היראה ("יראה שלם", שעל שם זה נקראת בשם "ירושלים"), ולאחר שהותו ימים אחדים בירושלים היה לוקח עמו את שלימות היראה וממשיכה בכל ארץ ישראל. וזהו "עתידה ירושלים שתתפשט בכל ארץ ישראל" - שלעת"ל תהי' כל א"י באופן כזה, כך, שהנוסעים מחו"ל לא"י יקחו עמהם בחזרתם מא"י לחו"ל את כל הענינים שהנוסעים מא"י לירושלים היו לוקחים בזמן ביהמ"ק.

(תורת מנחם תשכ"ז, ח"ב)

## ירושלים לעתיד

רשב"ג אומר, עתידה ירושלים שיתקבצו בתוכה כל הגוים וכל הממלכות שנאמר ונקוו אליה כל הגוים לשם ה', ולהלן הוא אומר יקוו המים, מה קיווי האמור להלן לכנס כל מימי בראשת למקום אחד, אף קיווי האמור כאן לקבץ כל הגויים והממלכות לתוכה, שנאמר ונקוו אליה כל הגויים.

(אבות דרבי נתן פרק לה)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

די מויל צו זיי, וַאֲקַבְּצֵם - און איך וועל זיי צוזאמנעמען", עיי"ש. איז רש"י דארט מפרש, " אֶשְׁרְקָה לָהֶם, אזוי ווי די וואס פייפן אלס א סימן אז די וואס זענען פארלוירן אין וועג זאלן קומען צו אים, וַאֲקַבְּצֵם, לעת קץ לעתיד", עכ"ד. ווען איך האב דאס געזעהן, בין איך געשטאנען און געשטוינט אויף די דברי חז"ל, וואס לויט זייערע ווערטער זעהט אויס ווי דער נביא זאגט אונז צו, אז לעת פון די קץ וועט אונז געגעבן ווערן א סימן און א צייכן צו די גאולה דורך א טמא'נע עוף, אזוי זאגט די גמרא בפירוש, "גמירי, דאי יתיב ארעא אתי משיח", דאס טייטשט אז זיי האבן בקבלה אז דער עוף וועט אונז מבשר זיין די בשורה פון גאולה, און ווי רש"י איז דארט מפרש אז דאס איז א סימן פון א בשורה, עיי"ש. זעהן מיר אז די בשורה פון די גאולה וועט אונז לעתיד קומען דורך עופות טמאים. וואס ווערסטו מיין קינד זאגן צו דעם, קענסט אזוי פרעגן גלייך פון אונזער באשעפער, פארוואס טוט ער אזוי צו אונז, אז מען וועט אונז מבשר זיין די גרעסטע בשורה אויף וואס מיר האפן ארויס בכליון עינים מיט אונזער גאנצער נפש, דווקא דורך א טמא'נע פייגל, עס וואלט מער געפאסט אז די בשורה זאל זיין דורך עופות טהורים, צו מגלגל זיין דעם זכות דורך א זכאי און טהור, און נישט דורך א טמא. נאר דער אמת איז ווי איוב האט שוין געזאגט[248], "הַחֵקֶר אֱלוֹקַ תִּמְצָא - צו קענסטו טרעפן דער וואס קען פארשן ג-ט", ווער קען דען נאכפארשן זיין ווערק און פארשטיין זיינע דרכים, נאר דער אייבישטער ווייסט פארוואס מאכט ער דאס שליחות דווקא מיט אזא באשעפניש, וואס מישן מיר זיך אין זיינע באהאלטענע דרכים.

עכ"פ, האב איך דיר געוויזן א דוגמה צו וואס מיר האבן גערעדט, וואס פון דעם וועסטו פארשטיין אז מען קען נישט פרעגן אזוילכע קשיות אויפן אייבירשטענס מעשים, זיינע וועגן זענען העכער ווי אונזערע וועגן, זיינע מחשבות זענען נישט אונזערע מחשבות, דער עיקר איז אז דער אמת איז עדות פאר זיך אליין, און זיי זענען שלוחים פונעם אייבירשטען, און בעסער שטיל זיין און נישט פרעגן די קשיא צום באשעפער, עס איז גענוג פאר א חכם צו פארשטיין מיט א רמז.

אויב ווילסטו, וועל איך דיר ווייזן מיט מער קלארקייט אז די בויערס פונעם לאנד - וואס זענען אין דיינע אויגן ווי רשעי ישראל ח"ו - אז זיי זענען די מבשרי הגאולה, און אויף זיי טוט די גמרא אין מס' חולין הנ"ל מרמז זיין אלס מבשרי הגאולה. ווייל רבינו הקדוש אינעם הייליגן ספר[249] "נועם אלימלך", באטיטעלט די רשעי ישראל מיט די נעמען פון עופות טמאים, ער שרייבט עפ"י קבלה אז זיי זענען די טמא'נע עופות וואס ווערן דערמאנט אין די תורה (זעה אין ספר "בכור שור" אין בבא קמא[250], און אין "תורת חיים" פרק חלק[251], ווי זיי שרייבן אויך אזוי עפ"י קבלה. וויבאלד איך שרייב דא אבער אן קיין ספרים, ווייל איך בין אין גלות פה עיר הבירה, און פארהוילן אין א פארשטעקטן ווינקל אויף א באהאלטענעם פלאץ, קען איך דעריבער נישט אנצייכענען די מקומות אין די ספרים הנ"ל), לויט דעם, איז דאס ענין קלאר מבואר, אז די חכמי הש"ס האבן אונז מגלה געווען אז די סימן פון די גאולה וועט קומען צו אונז דורך עופות טמאים, און די רשעי ישראל זענען די עופות הטמאים לויט די ספרי קבלה, ווי די גמרא זאגט 'גמירי', מיר האבן אזוי בקבלה, און אויף קבלה קען מען גארנישט פרעגן, ווי מיר זעהן אסאך מאהל אין ש"ס[252], "אם הלכה נקבל", אויב איז עס א הלכה וואס מיר האבן מקבל געווען אלס א מסורה, וועלן מיר עס אננעמען, און מען קען נישט פרעגן אויף דעם. דאס איז זייער קלאר צו פארשטיין, איך האף אז דיין דעת וועט זיך בארואיגן מיט דעם, וד"ל.

(אגב, קען מען זאגן אויף דאס וואס די גמרא האט געזאגט "ווען דער פייגל וועט זיך זעצען אויף דער ערד, וועט משיח קומען", וואס דאס איז מרמז דאס וואס עס שטייט אין מדרש רבה[253] אויפן פסוק[254] "וְעָלָה מִן הָאָרֶץ - און זיי וועלן ארויפגיין פונעם לאנד מצרים" - ווען די אידן זענען אויף א ירידה תחתונה דאן זענען זיי עולה, ווי עס שטייט 'וְעָלָה מִן הָאָרֶץ'. זאגט דוד המלך[255], "כִּי שָׁחָה לֶעָפָר נַפְשֵׁנוּ - ווען אונזער זעהל שווימט אויף די שטויב, דָּבְקָה לָאָרֶץ בִּטְנֵנוּ - אונזער בויך האט זיך צוגעקלעבט צו דער ערד... דעמאלטס וועט זיין "קוּמָה עֶזְרָתָה לָּנוּ - דער אייבישטער וועט זיין צו א הילף פאר אונז, וּפְדֵנוּ לְמַעַן חַסְדֶּךָ - און וועט אונז אויסלייזן פאר זיין גענאד'ס וועגן", עכ"ד המדרש. אויף דעם איז די גמרא מרמז, "ווען דער פייגל וועט זיך זעצען אויף דער ערד - דאס הייסט אז די אידן וועלן זיך געפינען אויף די נידעריגסטע שטאפל, דערנידערט ביז דער ערד - דעמאלטס וועט משיח קומען. כן נראה לי).

המשך בגליון הבא אי"ה

[248] איוב יא, ז
[249] פר' ויקרא
[250] דף צב, ע"ב, בסוף ספר "תבואות שור"
[251] לא נמצא שם
[252] יבמות עו, ע"ב ועוד
[253] שמות פר' א, אות י
[254] שמות א, י
[255] תהלים מד, מג-כז

## לארבה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלער, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר רבי אליעזר בן הורקנוס

כפר עלמא, גליל העליון

דעם קבר פון דעם תנא אלוקי רבי אליעזר בן הורקנוס איז אין כפר עלמא, און נישט אין טבריה ווי רוב מיינען. עס ווערט דערמאנט דורך דעם רייזענדער רבי שמואל בן שמשון וואס האט באזוכט דעם קבר פאר אכט הונדערט יאר צוריק, ווי אויך דורך דער רייזענדער יעקב השליח און נאך. ער איז געווען א תלמיד פון רבי יוחנן בן זכאי, און אן איידעם פון רבי שמעון בן גמליאל. ער האט געלעבט ביים זמן פון חורבן בית שני.

סתם רבי אליעזר וואס ווערט דערמאנט אין משנה איז רבי אליעזר בן הורקנוס, ער איז געווען די רבי פון רבי עקיבא. ער האט אנגעהויבן צו לערנען ווען ער איז אלט געווען צוויי און צוואנציג יאר, זיין פאטער איז נישט געווען צופרידן דערפון וואס ער ארבעט מער נישט אין זיינע פעלדער, און אים געוואלט אפזאגן פון זיין פארמעגן דורך א נדר, אבער ווען ער האט געזעהן ווי זיין זון האט גערדרש'נט בדברי תורה פאר אלע גדולי ישראל, האט ער זיך איבערגעבעטן ברבים און אים אוועקגעגעבן זיין גאנצע פארמעגן.

ער איז דער ערשטער תנא וואס ווערט דערמאנט אין משנה, ווי אויך דער לעצטער, זאגן די מפורשים, אז דאס איז צוליב דעם וואס ער איז אייביג דעווען דער ערשטער און לעצטער אין ביהמ"ד. אין פרקי דר"א ווערט געברענגט אז זיין פנים האט געלויכטן, אז לעבן אים האט א


דעם קבר פון רבי אליעזר בן הורקנוס אין עלמא

מענטש האט נישט געקענט וויסן צו עס איז טאג צו נאכט, איז די בעל אדרת מסביר, אז וועגן דעם האט פאסירט די מעשה מיט רבי אליעזר און זיינע חבירים וואס זענען געווען אנגעלעהנט אין בני ברק און פארציילט די נסים פון יציאת מצרים א גאנצע נאכט, און זיי האבן נישט געוויסט אז די נאכט איז שוין פארביי, טאקע צוליב די ליכטיגקייט וואס האט געשיינט פון זיין פנים.

זיין נשמה איז ארויס מיט די ווערטער 'טהור', ווייל ער האט פונקט דאן געענטפערט אויף א שאלה. ער איז נפטר געווארן ערב שבת בין השמשות. די גמרא אין סנהדרין פארציילט ווי רבי עקיבא איז אנטקעגן געקומען די מטה און מספיד געווען "אבי אבי רכב ישראל ופרשיו, איך האב אסאך געלט, אבער איך האב נישט דעם וועקסלער אויף זיי איינצוטוישן", ער האט מרמז געווען צו דעם וואס ער קען אסאך תורה אבער רבי אליעזר איז מער נישטא עס קלאר צו מאכן. די גמרא זאגט אויף רבי אליעזר, אז ער איז גלייך צו א בור סיד שאינו מאבד טיפה - א גריב פארשמירט מיט ליים וואס פארלירט נישט אפילו איין טראפ וואסער".

בעזהשי"ת

# בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"וראה" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"יברכך ה'" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 34

ויחי

י"ח טבת תשפ"א

January 2, 2021

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### יש לו אלקי

...כל הדר בא"י דומה וכו' (כתובות קי ע"ב), נ"ל ששמעתי ממורי זלה"ה כי במקום שאדם חושב במחשבה שם הוא כולו וכו', ודפח"ח. והנה אם הוא דר בחוץ לארץ וחושק וחושב תמיד לארץ ישראל, אז דומה כמי שאין לו אלקי וכו', אבל באמת יש לו, כי מחשבתו תמיד לארץ ישראל, משא"כ כשהוא בארץ ישראל ועושה מעמד ומצב פרנסתו בחו"ל אז מחשבתו תמיד בחוץ לארץ, להביא משם טרף לביתו, אז דומה כמי שיש לו אבל באמת אין לו, כי מחשבתו בחוץ לארץ, וק"ל.

(בן פורת יוסף, פר' ויחי)

### נחם ה' ציון

ויעש לאביו אבל שבעת ימים ולמה עושים שבעה כנגד שבעה ימי המשתה א"ל הקדוש ברוך הוא בעוה"ז נצטערתם עם הצדיק הזה ושמרתם לו אבל שבעת ימים לעולם הבא אני מחזיר אותו האבל לשמחה שנאמר (ירמיה לא) והפכתי אבלם לששון ונחמתים ושמחתים מיגונם כשם שאני מנחם אתכם כך אני מנחם לציון ולכל חרבותיה כענין שנא' (ישעיה נא) כי נחם ה' ציון נחם כל חרבותיה וישם מדברה כעדן וערבתה כגן ה' ששון ושמחה ימצא בה תודה וקול זמרה.

(מדרש רבה, פר' ויחי פרק ק, יג)

### קבורת ארץ ישראל

ולמה האבות תובעין ומחבבין קבורת ארץ ישראל? אמר ר' אלעזר: דברים בגו. אמר רבי חנניה: דברים בגו. אמר ר' יהושע בן לוי: דברים בגו. מהו דברים בגו? כתיב: "אתהלך לפני ה' בארצות החיים" (תהלים קטז, ט). אמרו רז"ל: שני דברים. אמר ר' בשם רבי חלבו: למה האבות מחבבין קבורת ארץ ישראל? שמתי א"י חיין תחילה לימות המשיח ואוכלין שנות המשיח. ורבי חנניה אמר: מי שמת בחוצה לארץ ונקבר שם, שתי מיתות יש בידו, שכך כתיב: "ואתה פשחור וכל אנשי ביתך ילכו בשבי, ובבל תבוא ושם תמות ושם תקבר" (ירמיה כ, ו), הוי, יש בידו שתי מיתות, לפיכך אמר יעקב: "אל נא תקברני במצרים".

(מדרש תנחומא, פר' ויחי, פרק מז, סי' ג)

המשך בדף ב'



מכתש רמון, הנגב

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד

ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר

מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

***יג.*** אבער מיין קינד, א חוץ פון דעם וואס איך האב פריער געשריבן כדי דיר צו בארואיגן אין דיין גרויסע ווינדערונג, אז ווי אזוי קען זיין אז דער אייבישטער זאל אנהייבן די גאולה דורך די וואס זענען עובר אויף זיין רצון, און דורך מענטשען וואס עס דערקענט זיך נישט אין זיי קיין שום לחלוחית פון אידישקייט, ח"ו. האט דער אייבישטער אויפגעלאכטן מיינע אויגן צו זעהן א טעם אין דעם, אפילו לויט אונזער קורצען שכל. איך וועל קודם מקדים זיין א גמרא אין סנהדרין[256] אויפן פסוק[257] "אִם יִתְמַהְמָהּ חַכֵּה לוֹ - אויב פארזוימט ער זיך,ווארט אויף אים", טאמער וועסטו זאגן אז מיר ווארטן טאקע, אבער ער ווארט נישט? שטייט אבער אין פסוק[258] "לָכֵן יְחַכֶּה ה' לַחֲנַנְכֶם - וועגן דעם וועט דער אייבישטער ווארטן זיך צו דערבארעמען אויף אייך, וְלָכֵן יָרוּם לְרַחֶמְכֶם - און וועגן דעם וועט ער זיך אויפהאלטן פון ווייזן רחמנות", (רש"י איז מפרש, 'יְחַכֶּה ה'' דער אייבישטער אליין ווארט און גליסט אז משיח זאל שוין קומען). איז וויבאלד מיר האפן און ער האפט אויך, אויב אזוי צו וואס ווארט מען? נאר דער מידת הדין איז מעכב", עכ"ל פון די גמרא הנצרך לענינינו. זעהסטו פון דעם אז דער אייבישטער ווארט און מיר ווארטן פאר די גאולה, נאר דער מידת הדין שטייט און האלט צוריק.

עס איז מבואר אין די ספרי מקובלים, אז ווען דער אייבישטער וויל טוהן עפעס א גרויסע זאך אין דער וועלט וואס איז נוגע אין די עולמות עליונים ווי אויך צו די תחתונים אויף די ערד, טוט דאס דער אייבישטער ארומנעמען מיט כמה מיני וויקלינגען, אפילו מיט אזעלכע מיטלען וואס זענען נישט נאר נישט שיין, נאר אפשר גאר מאוס, כדי די מקטריגים און דינים זאלן אין דעם נישט דערפילן. אויב וואלט דאס געטוהן געווארן מיט א פאמפע און רעש וואלט דער מקטרג גלייך געקומען צו לויפן צו מקטרג זיין, און דער מידת הדין וואלט מעכב געווען דערויף. דאס שרייבט דער ש"ך[259], "איך האב געהערט בשם הר' יעקב ארי"ז ז"ל, וואס ער האט דאס מקבל געווען פון זיינע רבים, פארוואס דארף מלכות ישראל זיך אנטוויקלן אויף אזא אופן, אז דער וואס זעהט דאס צו, וועט טראכטן אז ח"ו עס איז דא אין דעם א צד פון ממזרות? ווי מיר קענען טראכטן אז די גאנצע השתלשלות פון משיח איז געווען אויף א נישט שיינעם וועג פון פריצות. נאר דער אייבישטער האט אזוי געטוהן, כדי צו ברענגן דעם מלך המשיח מיט א היסח הדעת, אז דער מקטרג זאל נישט קענען מקטרג זיין, ווי עס שטייט אין זוהר. צו דעם האבן חז"ל[260] מרמז געווען אז די דריי זאכן קומען בהיסח הדעת, א שלאנג, א מציאה און משיח. דער אייבישטער האט אזוי געטוהן ווייל דער שטן זאל מסיח דעת זיין טראכטענדיג, אז הערשאפט און משיח קען נישט פאסירן נאר מתוך קדושה און יחוס, און נישט אויף אזא נישט-שיינע וועג", עיי"ש ווי ער איז מאריך אין דעם.

דער הייליגע ספר[261] "מגיד מישרים" שרייבט, "דער מלאך האט מגלה געווען לרבינו הבית יוסף, אז דער טעם פארוואס דוד און מלכא משיחא דארפן ארויסקומען פון רות המואביה, ווייל דורך דעם איז דא א תקיפות, א שטארקייט אנטקעגן די סטרא אחרא", עכ"ל.

אזוי אויך שטייט אינעם ספר הק'[262] "נועם אלימלך", "א יעדע זאך וואס א מענטש וויל צוברעכן זיין כח, דארף ער עס צוברעכן מיט א דוגמה פון די זעלבע מין", עיי"ש. דאס איז ממש די ווערטער פון דעם "מגיד מישרים" הנ"ל. נאך שטייט אינעם "נועם אלימלך"[263] אויפן מדרש[264], "מצאתי דוד עבדי - איך האב געטראפן מיין קנעכט דוד, ווי האט מען אים געפינען? אין סדום", שרייבט ער, "זעהט מיר אויס אז דאס איז על פי דרך וואס ווערט געברענגט אין די ספרי מקובלים, פארוואס האט אברהם אבינו געדארפט קומען פון תרח, אזוי אויך אנדערע הייליגע צדיקים זענען ארויס געקומען דורך די אבות הטומאה? זענען זיי מפרש, אז וויבאלד די מקטריגים החצונים דערזעהן א הייליגע און דערהויבענע נשמה, לאזן זיי נישט צו אז די נשמה זאל אראפקומען אויף דער וועלט, און זיי טוהן וואס זיי קענען נאר כדי איר צו מעכב זיין. וואס טוט דער אייבישטער, ער לייגט אריין די נשמה אין א הויפן פון טומאה, דעמאלטס לאזן זיי איר אפ, דורך דעם קען די נשמה אראפקומען אויף די וועלט, ווייל ווען זיי זעהן אז די נשמה קומט אראפ צו א מקום טמא, טראכטן זיי אז פון דארט קען שוין די נשמה נישט דערהויבן ווערן במעלות קדושים, דערפאר שטערן זיי נישט". עכ"ד הקדושים.

אזוי אויך שטייט אין "אלשיך"[265], און אין "אגרת שמואל"[266], אז עס איז נישט מעגליך אויף א דבר גדול שבקדושה אראפצוקומען אויף די וועלט נאר דורך אן עבירה. עיין שם.

זאלסט וויסן, אז דאס וואס איך האב אראפגעברענגט פון די גדולי המקובלים, אז וויבאלד די אורו של משיח איז גאר הויעך, האט דאס נישט געקענט אראפקומען דא אונטען נאר דורך נישט שיינע פארוויקלינגען, כדי זיך צו פארשטעלן פון די מקטריגים, ווערט מיט דעם פארענטפערט א קשיא וואס רש"י פרעגט[267], אויפן פסוק "וְתָמָר כַּלָּתוֹ - תמר זיין שניר, יָלְדָה לוֹ אֶת פֶּרֶץ וְאֶת זָרַח - האט געבוירן צו אים דעם פרץ און זרח", פרעגט רש"י, "איך ווינדער מיך פארוואס דערמאנט ער דעם גנות פון דעם זיידע פון דוד?", עכ"ל הק'. קען מען פארענטפערן די קשיא, ווייל אין אנהייב ספר[268] שרייבט רבינו ז"ל, אז עזרא האט געשריבן דעם יחוס דורך חגי זכריה און מלאכי, אלס וועגן דעם יחס פון דוד המלך. וועגן דעם איז ער זיי מייחס פון אדם ביז אברהם, און פון אברהם ביז דוד. און וויבאלד די גאנצע יחוס האט ער געשריבן צוליב דוד, האט די פסוק משגיח געווען אויף דעם כבוד פון דוד המלך ביים גאנצן סדר היחוס, ווי רש"י שרייבט דארט אויפן פסוק[269] "בְּנֵי יִצְחָק עֵשָׂו וְיִשְׂרָאֵל", אז צוליב דעם כבוד פון דוד, זאגט די פסוק ישראל און נישט יעקב. יעצט נאך די ווערטער, איז די קשיא פון רש"י פיל גרעסער, פארוואס ברויך די פסוק צו שרייבן "וְתָמָר כַּלָּתוֹ" וכו', וואס פעלט אויס צו דערמאנען דעם גנות פון דעם זיידען פון דוד, עס איז א גרויס וואונדער. דאס איז זיכער אז די קשיא איז אויף די ווארט "כַּלָּתוֹ", ווייל עס וואלט געקענט שטיין פשוט "וְתָמָר יָלְדָה לוֹ אֶת פֶּרֶץ וְאֶת זָרַח". אינגאנצען

המשך בדף ב'

[256] צז ע"ב

[257] חבקוק ב, ג

[258] ישעיהו ל, יח

[259] ספר "שפתי כהן" לרבי מרדכי הכהן, פר' וישב (עי' אוה"ח הק' פר' ויחי)

[260] סנהדרין צז ע"ב

[261] פר' ויגש, מהדורא קמא

[262] פר' וישב

[263] פר' קרח

[264] בראשית רבה פר' נ, אות י

[265] רות

[266] רות, ד"ה "לכן אני אומר"

[267] דברי הימים א ב, ד

[268] דברי הימים א א, א

[269] דברי הימים א א, לד

יוצא לאור ע"י מכון: לִבִּי בְּמִזְרָח, ירושלים עיה"ק

הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך: שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

# בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל


**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## מקושר לארץ ישראל

בפסוק ועשית עמדי חסד ואמת. יובן עפמ"ש חז"ל כי הנפטר בח"ל ובא ליקבר בארץ הוא חטא ע"ש רק יעקב הי' מקושר שם בעודנו במצרים, ז"ש חסד ואמת שידע יוסף כי הוא נקבר שם באמת אע"פ שנפטר כאן כנ"ל.

(שפת אמת, ויחי תרמ"א)

## יין ארץ ישראל

אֹסְרִי לַגֶּפֶן עִירוֹ, נתנבא על ארץ יהודה שתהא מושכת יין כמעיין, איש יהודה יאסור לגפן עיר אחד ויטעננו מגפן אחת ומשורק אחד בן אתון אחד.

(רש"י, ויחי)

## שמן ארץ ישראל

מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ, מאכל הבא מחלקו של אשר יהא שמן, שיהיו זיתים מרובים בחלקו והוא מושך שמן כמעין, וכן ברכו משה וטובל בשמן רגלו כמו ששנינו (במנחות דף פה) פעם א' הוצרכו אנשי לודקיא לשמן וכו'.

(רש"י, ויחי מט, כ)

## אמירת הלל רק על נסים א"י

אין אומרים הלל על נס שבחוצה לארץ, יציאת מצרים דנס שבחוצה לארץ היכי אמרינן שירה, כדתניא עד שלא נכנסו ישראל לארץ הוכשרו כל ארצות לומר שירה משנכנסו ישראל לארץ לא הוכשרו כל הארצות לומר שירה.

(מגילה יד, א)

## מי שדר בה לשם מצוה

אמר ר"א כל הדר בא"י שרוי בלא עון כו' נראה דהיינו דווקא במי שדר בה לשם מצות ישיבת א"י שהיא מקום קדושה וכדי שתגין עליו זכות א"י שלא יבא לידי חטא ואז אף אם לפעמים חטא בא לידו או אפילו עון שהוא מזיד ע"י שתקף עליו יצרו מ"מ מסתמא גורם לו זכות ישיבת א"י שלא לן ועבירה בידו דלאחר שחטא ומצא עצמו עומד במקום קדוש ודאי תוהה על הראשונות ושב ורפא לו מה שאין כן מי שדר שם דרך מקרה או מפני שהוא מקום מולדתו או מפני שבח פירותיה וכיוצא בו ומכל שכן במי שהוא מבעט בה ומזלזל בקדושת הארץ לילך אחר יצרו הרע...

(פני יהושע, כתובות קיא ע"א)

## ירושלים של אבנים טובות

עתיד הקב"ה לייסד את ירושלים בעשרה מיני אבנים טובות, אודם, פטדה, ברקת... עתידה ירושלים להבנות מאבנים טובות ומרגליות, שנאמר, וְשַׂמְתִּי כַּדְכֹד שִׁמְשֹׁתַיִךְ וּשְׁעָרַיִךְ לְאַבְנֵי אֶקְדָּח (ישעיהו נד יב). ואם ישאלך גוי או מין לאמר, אפשר דבר זה שיהיה? אמור לו, כי כבר היה בימי שלמה, שנאמר, וַיִּתֵּן הַמֶּלֶךְ אֶת הַכֶּסֶף בִּירוּשָׁלַם כָּאֲבָנִים (מלכים א י כז).

(פסיקתא דרב כהנא, קלז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

נישט שרייבן וועגן פרץ און זרח איז נישט מעגליך, ווייל דאס איז די עיקר פון דעם יחוס פון דוד המלך און מען קען דאס נישט אויסלאזן, נאר די וואונדער איז געווען אז עס וואלט נישט געדארפט שטיין דיווארט כַּלָּתוֹ, וואס דאס דערמאנט בגנות, דאס איז קלאר די פשט פון רש"י.

דאס וואס איך האב אראפגעברענגט פון די מקובלים, אז מען האט געמוזט באהאלטן דעם געבוירן ווערן פון משיח פארוויקעלט אין א פארשמירטען אופן, ווי די מעשה פון לוט און תמר, אויב אזוי, איז דאס עיקר אראפקומען פון דעם אור פון דוד המלך צו דעם עולם הזה איז טאקע געווען נאר צוליב דעם פאקט אז תמר איז געווען די שניר פון יהודה, וואס אן דעם וואלט זי נישט געבוירן דעם פרץ און זרח, און עס וואלט זיך אויפגעהאלטן דאס געבוירן ווערן פון דוד המלך אויף די וועלט. וויבאלד דעם עיקר צו דעם סדר היחס אינעם פסוק איז אונז צו לאזן וויסן וויאזוי ער איז אראפגעקומען אויף די וועלט, איז די פארציילונג פון כַּלָּתוֹ די וויכטיגסטע חלק פון זיין געבוירן ווערן, וועגן דעם האט דער פסוק נישט חושש געווען אינעם גנות פון דעם ווארט, ווייל ממש דאס איז די עיקר פון דאס געבוירן ווערן פון דוד. נאך מער, מען קען זאגן אז דאס איז בכלל נישט געווען א גנות, ווייל מתוך דעם מעשה גנות איז ארויסגעקומען די שבח דערפון, וויבאלד דעם אור איז גאר שטארק, לעילא ולעילא ביז די הויעכע הימלען, האט מען דאס געמוזט פארשווארצן מיט נישט א שיינעם דעקל. קומט אויס אז דאס איז באמת א שבח גמור, עס איז נישט דא קיין גנות בכלל. און רש"י'ס וואונדער איז גוט פארענטפערט, דאס איז די אמת, ודוק).

זעה אינעם ספר "גבורות ה'" לרבינו מהר"ל מפראג[270], איך וועל דא אראפברענגן לשונו הק'. זיינע הייליגע ווערטער פארשפרייטן ליכטיגקייט אויף דאס וואס ווערט געטוהן יעצט אין אונזער זמן אין ארץ ישראל, הגם עס ווערט געטוהן דורך אזוילכע שוואכע ארבעטער, און מיט פיל גשמיות, פונדעסטוועגן דאך וועלן זיי צוברענגן גרויסע ג-טליכע מדרגות, ח"ו זיי צו שטערן פון זייער ארבעט אדער מרחק זיין, אדרבה, מען דארף זיי מקרב זיין מיט וואס מען קען נאר, מען זאל זיין צו זיי אלס הילף, ווייל דאס איז דער ג-טליכער ווילן אז עס זאל געטוהן ווערן דווקא די וועג, עס איז זיין תכלית און יסוד צו ארויסברענגען פון די ארבעטער אזא ענין נורא ונשגב, וואס איז דער תכלית פון אונזער גרויסער צוקונפט, און די הרמת הקרן פון אונזער הייליגע פאלק וואס אויף איר האבן אלע נביאים הקדושים נביאות געזאגט. דאס שרייבט רבינו ז"ל, "נאך דארפסטו צו פארשטיין... אז די מלכות ישראל הקדושה, וואס האט א פנימית'דיג ג-טליכע מדרגה, זי ווערט ארויסגעשפראצט פון אזא מלכות וואס איז נישט הייליג, ווייל אזוי איז עס ראוי פאר מלכות וואס פארמאגט א ג-טליכע מעלה, א מעלה פנימית. אלעס איז מרומז אינעם פסוק[271] "וָאוֹצִא אֵשׁ מִתּוֹכְךָ - איך וועל ארויסנעמען פייער פון דיר", ווייל דאס ארויסנעמען פון קדושה וואס איז געגליכענט צו פייער, קומט דאס ארויס נאר מתוך דבר חול און אזוי פארברענט עס אלעס. אזוי וועסטו אויך זעהן ווי א פרוכט, ווען עס איז נאכנישט געפארטיגט, ליגט עס אין אן אויסערן שאלאכטס, ביז דער פרוכט איז גענוג גרויס און שטארק פון זיך אליין, דעמאלטס פאלט דער שאלאכטס אוועק דערפון. די זעלבע איז מיט א יעדע זאך וואס האט א מדרגה פנימית, גייט דאס שפעטער ארויס פון זיין פארמאכטקייט און קליפה, וועגן דעם איז משה רבינו ע"ה אויפגעוואקסן אינעם הויז פון פרעה, אז די ג-טליכע און הייליגע מדרגה פון משה רבינו זאל דערנאך קענען ארויסגיין פונעם דבר החמרי, ווייל אויב נישט, וואלט נישט געקענט זיין צו דעם אפגעטיילטן חלק, דעם מדרגה הפנימית. טראכט אריין דערין ווייל דאס איז זייער טיף, דאס איז ידוע צו די וואס פארשטייען צו די אפגעטיילטע זאכן וואס קומען ארויס און ווערן אנטוויקעלט מתוך דברים החומריים. אזוי אויך משיח זיצט אין מדינת אדום", עכ"ד הקדושים.

זעהן מיר אז אלע דברי הגדולים קומען אלע אדורך אין איין וועג, אלעס קומט צו צי די זעלבע געדאנק, און א יעדע גרויסע זאך דארף זיך אנטוויקלען מדברי חול, דערנאך גייט דאס ארויף העכער און העכער, אלס כדי זיך צו באהאלטן פון די מקטריגים, וואס וועט קומען צו זיי דורך היסח הדעת.

איך האב שוין פריער אראפגעברענגט אז אונזער גאולה העתידה וועט קומען צוביסלעך, קודם וועט מען זיך איינזאמלען אין ארץ ישראל, מען וועט מאכן דערפון א ישוב, עס וועט זיין מיט רשות פון די וועלטליכע הערשאפטן, ווי עס איז מבואר אינעם רמב"ן[272], אינעם רד"ק[273], אזוי אויך אין ירושלמי[274], עס ווערט אויך געברענגט אין תוס' יו"ט[275] און אינעם של"ה[276]. (עי' ב"צרור המור"[277]).

המשך בגליון הבא אי"ה

[270] פרק יח
[271] יחזקאל כח, יח
[272] שיר השירים ח, יג
[273] תהלים קמו, ג
[274] מעשר שני פר' ה, הלכה ב
[275] שם ד"ה "ותנאי"
[276] ח"א בית דוד
[277] פר' וישלח, ד"ה "ולכן התחילה"

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר רחל אמנו

בית לחם

די תורה פארציילט אונז אז יעקב אבינו האט באערדיגט די מאמע רחל אויפן וועג קיין אפרת, וואס איז בית לחם. דער רמב"ן שרייבט, "יעצט אז איך האב זוכה געווען צו קומען קיין ירושלים, דאנק איך דעם באשעפער הטוב והמטיב, איך האב געזעהן מיט מיינע אויגן אז פון קבר רחל ביז בית לחם איז נישטא אפילו א מיל".

די מדרש זאגט, פארוואס האט יעקב באגראבען רחל אינמיטן וועג, ווייל ער האט געזעהן מיט רוח הקודש, אז די פארטריבענע אידן וועלן אדורכגיין איר קבר געבינדען אין קייטן, און אז זי וועט דאס זעהן וועט זי בעהטן פאר זיי רחמים. פון דעם האבן אידן אין אלע דורות געוויסט אז דאס פלאץ איז גוט פאר תפילות און בקשות.

אין ספר הישר שטייט אז ווען די ישמעאלים האבן געטראגן יוסף קיין מצרים, איז ער אדורך דעם קבר און ער איז צוגעלאפן און געפאלען אויפן קבר מיט בכיות, און געשריגן "אמי אמי, דו האסט מיר געבוירן, שטיי אויף און זעה דיין קינד". אויך ווייסט יעדער פון דעם פסוק (ירמיהו ל"א) "קוֹל בְּרָמָה נִשְׁמָע נְהִי בְּכִי תַמְרוּרִים רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ מֵאֲנָה לְהִנָּחֵם עַל בָּנֶיהָ כִּי אֵינֶנּוּ" דער אייבישטער זאל שוין צוהערן און אננעמען אירע תפילות און געוויין.

ע"פ מסורה איז די יארצייט י"א חשון, עס



קבר רחל

ווערט דערמאנט אין פילע פריערדיגע ספרים, די מקור צו דעם איז א מדרש ילקוט שמעוני וואס זאגט אז בנימין איז געבוירען דעם טאג, און מיר זעהן אין די תורה אז רחל איז נפטר געווארן דעם זעלבן טאג. אינעם טאג פונעם יארצייט קומען טויזענטער אידן להתפלל על עם ישראל. די באקאנטע בילד פון קבר רחל איז פון דעם בנין וואס דער שר משה מנטפיורי האט געבויט. היינט צוטאגס שטייט דער אלטער בנין אין א נייעם פארמויערטען קאמפלעקס צוליב זיכערהייט פון די ארומיגע געגנט. פאר 19 יאר האט מען נישט געקענט באזוכן קבר רחל, פון תש"ח ביז נאכן מלחמת ששת הימים אין תשכ"ז.

עס איז דא אן אור אלטע סגולה, אז מען דרייט ארום א רויטן בענדל ארום דעם קבר, דערנאך הענגט מען דאס אויף די האנט אדער האלז. עס זענען דא ספעציעלע תפילות ביים קבר רחל וואס זענען פארפאסט געווארן דורך דעם בן איש חי, און הרב פתייה זצ"ל.

די קבר איז אפן פאר באזוכער און מתפללים כמעט 24 שעה א טאג, אחוץ שבת ויו"ט. אין די פריע שעה'ן איז דא א מקוה נאנט צום ציון. ווי אויך איז דארט דא עטליכע כוללים.

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 35
**שמות**
כ"ה טבת תשפ"א
January 9, 2021

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### ירושלים לעתיד לבא

מוצאין אנו עשרה דברים עתיד הקב"ה לחדש לעתיד לבא... השני' מוציא מים חיים מירושלים ומרפא בהם כל שיש לו מחלה שנאמר כל נפש חי' אשר ישרץ אל כל אשר יבא שם נחלים יהיו גו'. השלישית עושה האילנות ליחן פירותיהן בכל חדש וחדש ויהי' אדם אוכל מהם ומתרפא שנאמר שם ועל הנחל יעלה על שפתו מזה ומזה וגו' לחדשיו יבכר כי מדמיו מן המקדש המה יוצאים... החמישי שהוא בונה את ירושלים באבן ספיר שנאמר הנה אנכי מהביץ בפוך אבניך וכתיב שם ושמתי כדכד שמשותיך ואותו אבנים מאירות כשמש ועובדי כוכבים באין ורואין בכבודן של ישראל שנאמר שם והלכו גוים לאורך.

(שמות רבה טו, כא)

### ארץ זבת חלב ודבש

אל ארץ טובה ורחבה אל ארץ זבת חלב ודבש, כ' רמב"ן שלא נשבע להאבות חלב ודבש אך עתה הוסיף להם זה ולפע"ד הי' זה התוס' בזכות משה כי ח'ל'ב' ד'ב'ש' גמטריא משה עם הכולל, ונ"ל הנה על חטא מרע"ה כתי' [חקת סימן כ' פסוק י"ב] לא תביאו את הקהל אל הארץ אשר נתתי להם לבני ישראל הוא ארץ זבת חלב ודבש אבל עבר הירדן שאין מביאים ממנו בכורים מפני שאינו ארץ זבת חלב ודבש הוא מארץ שנשבע לאבותיהם ועל אותו הארץ לא נשבע על כן נכנס משה לארץ סיחון ועוג לארץ ישראל שבעבר הירדן.

(חתם סופר עה"ת, שמות כט)

### יצר הרע בא"י

אמנם אינו דומה חוזק יצר הרע והקליפה שם בחוץ כעין שליטתה בארץ שאין לה כניסה טבעית אלא דרך נקב ופתח, ושם כל עיקר משכנה וקביעותה.

(חסד לאברהם, מעין ג, נהר ה)

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הרה"ח **הרוצה בעילום שמו** הי"ו - מאנסי נ.י.
יה"ר שיפתחו שערי ארץ ישראל לכל עם ישראל
יברכך ה' מציון, וראה בטוב ירושלים, וראה בנים לבניך



בניני מסחר, תל אביב

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

איך האב שוין אראפגעברענגט פון די גמרא אין סנהדרין[278], אז דער אייבישטער וויל און מיר ווילן, נאר די מידת הדין איז מעכב. פון דעם זעהן מיר אז דער שטן שטייט און לאקערט שטענדיג אויף אונז כדי אויפצוהאלטן די גאולה, און ווען מען בויט דאס לאנד להקים שכינה מעפרה איז דאס א הריסה און א ירידה פאר די סטרא אחרא, כידוע. אויב וואלט דאס התחלה פונעם בויען געווען דורך עהרליכע מענטשען חרדים ויראי ה', און עס וואלט קלאר געווען פאר יעדן איינעם אז עס בויט זיך דארט אן עיר ה', לאמיר זיך פארשטעלן בדמיון - אויב די ערשטע אינעם תנועה פון בויען און אויפרישן דאס לאנד וואלטן געווען אונזערע רביים פון בעלז, שינעווע, גור, מונקאטש און אנדער צדיקי הדור, וואלט מען זיך אזוי געקענט באהאלטן פון דעם מידת הדין און פון די סט"א אז מיר קומען מאכן א סוף און אן ענדע און צוברעכן זייער כוחות לעולם ועד? די מידת הדין און די סט"א וואלטן גלייך געכאפט און פארשטאנען וואס די אלע צדיקים ווילן טוהן מיט די תנועה פון בנין הארץ, גלייך וואלט די מידת הדין געקומען צו לויפן מקטרג זיין און עס וואלט געווארן אויפגעהאלטן דורך זיי. אזוי ווי עס איז געווען אין די צייטן פון רבי יהושע בן חנניא, ווי עס איז מבואר אין מדרש רבה[279], אז דער קעניג אין זיינע צייטען האט געגעבן רשות פאר די אידן ארויפצוגיין צו ארץ ישראל און צו בויען ירושלים און דעם בית המקדש, האט רבי יהושע בן חנניא אויסגעוועלט צוויי עשירים צו געבן געלט פאר דעם צוועק און מען האט אנגעהויבן די מלאכה, אבער עס איז צום סוף בטל געווארן וועגן די קנאה פון די גוים, עיי"ש. עס איז זיכער וועגן רבי יהושע בן חנניא איז געווען דער וואס איז געווען עומד בראש פון דעם געדאנק, האט די סט"א דערקענט אין דעם זייער גרויסן מתנגד, האבן זיי מקטרג געווען און מעכב געווען די זאך. קען זיין אז דאס איז אויך געווען דער גורם אין די צייטן פון דון יוסף נשיא וואס איך האב פריער דערמאנט, וואס ער איז געווען א צדיק מפורסם, א גדול הדור בתורה ובצדקות, וועגן דעם האט דער סט"א און איר כת מקטרג געווען אויף אים ביז זיי האבן עס מבטל געווען.

אזוי איז אויך אין אונזער צייט, אויב וואלט די התחלה זיך אנגעהויבן פון צדיקים וואלט דאס נישט געווען בהיסח הדעת פון די מקטרג, און די גאנצע זאך וואלט בטל געווארן, מען וואלט בכלל נישט געקענט אנהייבן, אפילו נאר צו רעדן פון אזא געדאנק פון בנין הארץ, עס וואלט גלייך געווען ווי א נפל, וואס האט נאך דעם זין נישט געזעהן, און דער בורא כל העולמים וואס וויל באמת עס זאל שוין זיין די אתחלתא דגאולה, און די ערשטע תנאי צו גאולה איז צו בויען דאס לאנד, ווי איך האב שוין פריער ערוועהנט, מען זאל עכ"פ מאכן אן התחלה אין דעם, און נאכדעם וואס עס וועט שוין זיין די התחלה וועט די גאולה אנהייבן צו שפראצן און זיך שטארקערן, און די מידת הדין וועט שוין נישט קענען שטערן און דאס מעכב זיין, ווי עס שרייבט דער "בעל העקידה", אז דער עיקר פון א יעדע זאך איז די התחלה, און אויב ווערט די התחלה געמאכט - קען דאס שוין קיינער נישט שטערן (זעה דארט אויפן פסוק "וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ"[280]). על כן, פון דעם עצה העמוקה של גדול העצה (א פארבארגענע עצה פון דעם רבוש"ע וואס איז דער גדול פון די עצות[281]), איז א מענטש אויפגעקומען מיט דעם געדאנק צו קויפן לאנד אין ארץ הקדושה און איר אויפבויען, א מענטש וואס האט נישט געוויסט פון קיין אידישקייט צו זאגן, און זיינע מיטהעלפער זענען געווען מענטשען אין זיין גלייכן, און ווען די מידת הדין און די סט"א זעהט דאס צו, פון וועם קומט דאס, ווער זענען די בויערס - וועט נישט הערשן א פחד ביי זיי בכלל, ווייל זיי וועלן מיינען אז דאס איז פון זייער כת, וואס קענען זיי דען שוין אפטוהן אינעם לאנד, זיי זענען דאך פון אונזערע און זיי זענען נישט דא אונז צו מאכן ענג. אזוי טראכט די מדת הדין און די סט"א, וועגן דעם האלט זיך דאס נישט צוריק, עס איז ווי איך האב אויבן אראפגעברענגט פון רבינו בעל "נועם אלימלך". די התחלה האט זיך שוין אנגעהויבן, זיי זענען שוין נישט בכח עס מבטל צו זיין, עס וועט נאר ווערן שטערקער און שטערקער, דאס איז אלעס געמאכט דורך דעם טיפן עצה פון השי"ת. אזוי ווי דער אור פון משיח ווערט נשתלשל אין דעם זעלבן וועג, ארומגענומען מיט נישט אזוילכע שיינע ארומוויקלינגען, אזוי אויך איז יעצט מיט עקבתא של משיח, וואס איז דעם זמן פון משיח צו קומען, נאר מען דארף צו דעם א הכנה פון בנין הארץ, ווי איך האב שוין פריער געשריבן, מיט דעם דארף מען זיך אויך אויס באהאלטען פון די סט"א, און כדי צו צוברעכן זייערע כוחות באנוצט מען זיך מיט זייערע אייגענע כוחות. וועגן דעם איז אויסגעקליבן געווארן מענטשען ווי זיי, דאס אלעס איז פון די ווינדער פון דער וואס ווייסט אלעס. וזה אמת וברור.

(לויט וואס איך האב געשריבן, קען פארענטפערט ווערן די ווינדער וואס כנסת ישראל האט געפרעגט, ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש שיר השירים[282] אויפן פסוק[283] "דוֹדִי שָׁלַח יָדוֹ מִן הַחֹר - מיין געליבטער האט געשיקט זיין האנט דורך א שפאלט-לעכל", (טייטשט עס דער "מתנות כהונה"[284] "שָׁלַח יָדוֹ מִן הַחֹר - מיר צו טוהן נסים דורך כורש") - האט רבי אבא בר כהנא געזאגט, וואס איז די מעלה פון דעם לאך, עס איז דאך פיל מיט שרצים. נאר אזוי האט כנסת ישראל געזאגט פאר הקב"ה, רבונו של עולם, אלע נסים וואס דו האסט געטוהן מיט מיר דורך כורש, וואלט דען נישט בעסער געווען עס זאל געטוהן ווערן דורך דניאל אדער דורך א צדיק, פונדעסטוועגן דאך - "וּמֵעַי הָמוּ עָלָיו - מיינע געדערעם בענקן זיך צו אים". האט רבי עזריה געזאגט, דער אייבישטער האט געענטפערט, איך האב גוט גוזר געווען, עטס זאגטס "וּמֵעַי הָמוּ עָלָיו", איך האב אויך געזאגט[285] "מֵעַי מֵעַי אוֹחִילָה - מיינע געדערעם (כביכול) האבן געציטערט", עד כאן לשון המדרש.

לכאורה איז דאס באמת א ווינדער, פארוואס האט דער אייבישטער אזוי געפירט אז ירושלים און די ביהמ"ק זאל געבויט ווערן דורך א גוי און נישט דורך א צדיק, אבער לויט וואס איך האב פריער אראפגעברענגט, אז בשעת עס איז דא

המשך בדף ב'

---

[278] צז ע"ב
[279] פר' תולדות פר' סד, אות י
[280] ספר עקידת יצחק, שער המאה
[281] ע"פ ב"ר פר' פד, אות יג
[282] פרשה ה, ג
[283] שיר השירים ה, ד
[284] רבי יששכר בער הכהן כ"ץ זצ"ל, תלמיד של הרמ"ק
[285] ירמיהו ד, יט

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## לאורה של ירושלים

אמר רבי אבון עתיד הקב"ה להעמיד את ירושלים על שלשה הרים גבוהים שניר ותבור וכרמל ולהיות מדליקין בראשן, וכל ספינות הפורשו"ת בים רואות ואין משתברות לפי שיתכנסו הגליות, שנאמר והיה באחרית הימים נכון יהיה הר בית ה' כראש ההרים, והוא בכבודו מאיר לישראל דכתיב לא יבא עוד שמשך וירחך לא יאסף כי ה' יהיה לך לאור עולם, רבי הושעיה בשם רבי אפס עתידה ירושלים ליעשות כמו פסיס לכל אומות העולם והן מהלכין לאורה ומה טעמיה והלכו גוים לאורך.

(מדרש הגדול שמות כז כא)

## תורה וארץ ישראל

וארד להצילו וגו' אל ארץ טובה ורחבה. מה צריך להאריך הכתוב כל כך בשבח העצים והאבנים, ועוד ספור השבח במקום הזה למה, כי העם אשר ברזל באה נפשו והוא מיוסר ביסורין ביד אדונים קשה הלא די לו שמחה וששון שיבשרו אותו בגאולה ואפילו על מנת לצאת אל ארץ תלאובות, אבל הענין כי כל השבחים הללו על שם התורה נאמרו, ארץ טובה ורחבה ארץ של טובה ושל רחבה, טובה שנאמר (משלי ד) כי לקח טוב וגו', רחבה שנאמר (תהלים קיט) רחבה מצותך מאד, וכתיב (איוב יא) ורחבה מני ים, ארץ זבת חלב ודבש שנאמר (שיר ד) דבש וחלב וגו', ואחר כך הזכיר הארץ ממש ששם עקר התורה הזאת, הוא שאמר אל מקום הכנעני, כלומר אתם תירשו מקום הכנעניים כי אינם ראוים לדור במקום משכנות התורה. וכן דרשו רז"ל, (בראשית ב) וזהב הארץ ההיא טוב, אין תורה כתורת ארץ ישראל ואין חכמה כחכמת ארץ ישראל.

(רבינו בחיי, שמות ג, ח)

## שבט לוי בארץ ישראל

כי אם בתורת ה' חפצו, זה שבטו של לוי, שנאמר: "תורת אמת היתה בפיהו ועולה לא נמצא בשפתיו" (מלאכי ב ו). והיה כעץ שתול, ששתלו הקב"ה בארץ ישראל, שכולם נכנסו לארץ.

(מדרש תהלים, א, יג)

## חכמי ירושלים

והנה בעת הרוחה וגאולה, התפשטות הקדושה שולטת, וההיפך בהיפך כי לא נתמלאה צור אלא מחורבנה של ירושלים (מגילה ו' ע"א), ואמלאה החריבה (יחזקאל כו ב), וכשהקדושה שולטת הדעת מתרבה, כי ה' יתן חכמה מפיו וכו' (משלי ב ו), וראיה לדבר חכימי דירושלים המבואר באיכה רבתי (פתיחתא שם).

(ישמח משה, שמות א)

## זיכוך ירושלים של מטה

עתיד הקב"ה להתגלות בירושלים של מטה ולזכך אותה מטינופי העמים.

(זוהר שמות יז, א)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

א קטרוג אויף אידן און דער אייבישטער וויל טוהן א גרויסע ישועה פאר אידן, מוז ער כביכול באהאלטען דעם ענין פון די מקטריגים אז זיי זאלן נישט מקטרג זיין און ער מוז זיי מאכן מסיח דעת זיין פון די טובה וואס ער וויל טוהן. וועגן דעם איז אזוי געשעהן אז ביי דעם דור פון עזרא וואס זיי זענען דאן נישט געווען ראוי צו א נס, ווי די גמרא זאגט אין מס' ברכות[286] אז עס וואלט געדארפט זיין א נס בימי עזרא אבער דער חטא האט גורם געווען. וועגן דעם האט מען געמוזט באהאלטען זייער גאולה פון די מקטריגים, און אויב וואלטן די בויערס געווען גרויסע צדיקים, וואלט דאס געווען אפען פאר די אויגן פון די מקטריגים וואס מען וויל דא טוהן. על כן האט דער אייבישטער אזוי מסבב געווען אז עס זאל געבויט ווערן דורך א גוי, ממילא איז מיט דעם געווען א היסח הדעת פאר די מקטריגים, ווייל זיי האבן געטראכט - אויב כורש בויט דאס, וואס ער איז פון אונזער כת, קען דאס זיכער נישט זיין א בית פון קדושה, וועגן דעם זענען זיי שטיל געבליבן און נישט צוריק געהאלטן פון דאס בויען. אבער נאכדעם וואס די שטאט ירושלים און דער בית המקדש איז שוין געבויט געווארן, האבן זיי שוין נישט געקענט מעכב זיין. נאך קען זיין, אז דאס איז געווען די טעם פון עזרא, וואס ער האט נישט אנגעהויבן צו מחזיר למוטב זיין די אידן וואס זענען ארויף מיט אים תיכף ביים ארויפקומען, נאר ערשט נאך צוואנציג יאר ווען אלעס איז שוין געווען געבויט און פאראכטען, ערשט דעמאלטס האט ער זיך אפגעשטעלט און זיי מטהר געווען און זיי אפגעטיילט פון די נישט אידישע ווייבער, ווי עס ווערט אראפגעברענגט אין נחמיה[287], פארוואס האט ער דאס נישט געטוהן גלייך ווען זיי זענען ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל? דאס איז וועגן דעם דערמאנטען טעם, כדי צו פארהוילן פון די מקטריגים. אויב וואלט ער דאס געטוהן תיכף, וואלט עס קלאר אויסגעזעהן פאר די מקטריגים אז זיי ווילן זיך הייליגן אינעם לאנד און זיי וואלטן גלייך געגאנגן מקטרג זיין און מעכב געווען אינעם בויען. מה שאין כן יעצט, וואס זיי זעהן אז בעלי עבירות זענען ארויפגעגאנגען און נישט נאר דאס, נאר זיי האלטן אן מיט זייערע מעשים - האט די סט"א וכת דיליה נישט מורא געהאט פון זיי, זיי האבן געטראכט, זיי זענען פון אונזערע חברה, דעריבער האבן זיי גארנישט מעכב געווען. אבער נאכדעם וואס אלעס איז שוין געווען געבויט, האט עזרא זיי מפריש געווען פון זייערע שלעכטע מעשים.

דאס האט דער פריער דערמאנטער מדרש געזאגט, דער אייבישטער האט געזאגט "גזר טב אנא" - מיט דעם וואס איך האב גוזר געווען אז די ביהמ"ק זאל געבויט ווערן דורך כורש - מיט דעם האב איך גאר גוזר געווען לטובה, כדי צו פארמיידן א קטרוג, און עטס רעדטס ענק אפ "וּמֵעַי הָמוּ עָלָיו", איך האב אויך געזאגט "מֵעַי מֵעַי אוֹחִילָה" - מיר האט עס אויך וויי געטוהן צו מאכן דעם בנין דורך א גוי, אבער איך האב עס געמוזט טוהן אזוי און נישט דורך א צדיק, וועגן דעם קטרוג. עכ"פ, די מדרש איז א קלארע ראיה צו וואס עס טוט זיך אפ אין אונזערע צייטן, דער אייבישטער ווייסט דעם אמת ווי אזוי ארומצודרייען און מסבב זיין די זאכן, ודוק).

זאלסט וויסן, אז אלעס וואס איך האב געשריבן אויף די בוני הארץ און איך האב זיי באטיטעלט בשם רשעים ח"ו, דאס אלס האב איך געשריבן לויט דעם דעת פון די קנאים וואס באטיטלען זיי אזוי, וויבאלד די בויערס פונעם לאנד ווערן נישט געזעהן אין זייערע אויגן ווי שלוחי דרחמנא ויסודתם בהררי קודש, ווי איך האב שוין אויפגעוויזן מיט אלעס וואס איך האב געשריבן ביז דא. אבער צו מיר אליין זעהן זיי נישט אויס אזוי און איך בין נישט מסכים מיט זיי, ווייל אין מיינע אויגן זענען זיי נישט רשעים נאר זרע אמת, זרע אברהם יצחק ויעקב, זיי זענען אזוי ווי א תינוק שנשבה בין העמים. ווי איך האב שוין פריער אראפגעברענגט, און עס איז א מצוה זיי ליב צו האבן און גאר מקרב זיין, אזוי ווי דער רמב"ם[288] האט געשריבן. קוק און זעה ווי רבינו רבי מענדעלע מרימינוב האט נישט געוואלט אנרופען דעם צווייטן זוהן פון די הגדה מיט דעם נאמן "רשע" נאר אלס "בן השני", זאל דאס זיין פאר א מוסר השכל פאר די אלע וואס מאכן אזוי גרינגערהייט אידן פאר רשעים, און רופן זיי אן מיטן נאמען רשע. ח"ו אזוי צו טוהן, זיי זענען אלע באליבטע קינדער ביים אייבירשטען, דער אייבישטער וועט שיינען אויף זיי א רוח טהרה ממרום צו רייניגן זייערע הערצער און זיי מקרב זיין לעבודתו יתברך, אינעם זכות פון מצות הישוב וואס זיי זענען זיך מוסר נפש דערויף, אמן כן יהי רצון.

המשך בגליון הבא אי"ה

[286] ד, ע"א
[287] עזרא פרק ט, נחמיה פרק יג
[288] הלכות ממרים פ"ג, ה"ג
[289] פר' נשא
[290] תהלים צה, יא
[291] ה, ע"ב

נעמט א חלק אין ארויסגעבן דעם גליון און מזכה זיין אידן וואס ווילן מקיים זיין דעם "כִּי רָצוּ עֲבָדֶיךָ אֶת אֲבָנֶיהָ וְאֶת עֲפָרָהּ יְחֹנֵנוּ" און לעכצן פאר אהבת ארץ הקדושה בדרך התורה.
**א וואך איז $100 - קען זיין לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**

# לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## מודיעין עילית

הרי בנימין

מודיעין עילית איז א שיינע חרדי'שע און תורה'דיגע שטאט נישט ווייט פון די שטאט מודיעין, די גרעסטע שטאט אין יהודה ושומרון מיט קרוב צו 80 טויזנט איינוואוינער כן ירבו. עס איז געגרינדעט געווארן בשנת תש"ן (1990) דורך א גרופע היימישע בויערס פון דעם דערנעבענדן ישוב "מתתיהו", עס איז דערקלערט געווארן אלס שטאט אין תשס"ח (2008).

אינמיטן פון שטאט איז דא אן אור-אלטע בית הכנסת נאך מזמן בית שני, ווי אויך א מקוה און א בית הבד, מען האט דארט געטראפן אלטע כלים און מטבעות, אבער עס איז היינט פארשפארט פאר באזוכער.

אידן פון אלע עהרליכע קרייזן טרעפן דא א שיינעם שטאט געאייגענט פאר בני תורה, עס איז א הערליך בילד צו זעהן צופרי ווי די קינדער שטראמן פון אלע זייטן צו די תלמודי תורה און בתי חינוך, די בחורים און אבריכים צו די ישיבות און כוללים, בליעה"ר. מער פון האלב פון די איינוואוינער זענען אונטער 18 יאר.

די שטאט באשטייט פון 5 געגענטער, קרית ספר, וואס איז צוטיילט אין צוויי חלקים, די מער עלטערע געגנט גבעה הצפונית און גבעה הדרומית. אחוזת בראכפלד, נאות הפסגה, שכונת חפציבה און גרין פארק, דארט איז דא די קריה החסידית פון חסידי בויאן, ווי אויך די קריה וואס הרה"ג ר' מנשה קליין זצ"ל האט אויפגעשטעלט. דער רב פונעם שטאט איז הרב מאיר קסלר שליט"א.

עס איז דא איבער צעהן גרויסע ישיבות, ווי צבש. מיר, כנסת יצחק, כנסת הגדולה, ישועות משה ויזניץ, משך הנחל-ברסלב, ועוד. עטליכע גרויסע סעמינארס פאר מיידלעך. ווי אויך הונדערטער גמ"חים אויף יעדן מין געדאנק צו העלפן א צווייטן. די שטאט שטאלצירט מיט דעם לאזונג פון "תורה וגדולה במקום אחד".



דעם הויפט אריינגאנג צו מודיעין עילית

ביים אריינגאנג פון שטאט איז דא א גרויסע צענטער פון ביזנעסער און אפיסעס, מיט אלע געשעפטן וואס מען דארף. עטליכע גרויסע "הייטעק" ביזנעסער באשעפטיגן דארט הונדערטער ארבעטער פון די שטאט. לעצטענס האט מען אנגעהויבן צו בויען א נייעם וועג אריין אין שטאט גלייך פון כביש 443, כדי צו פארגרינגערן דעם טרעפיק וואס מאכט זיך אפט אויף די יעצטיגע וועגן.

בעזהשי"ת
# בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.
"וראה" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"יברכך ה'" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 36
וארא
ג' שבט תשפ"א
January 16, 2021

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### ירושלים לעתיד

ביום ההוא יהיה על מצלות הסוס קדש לה' מאי מצלות הסוס, אמר ריב"ל עתיד הקב"ה להוסיף על ירושלים עד שהסוס רץ ומציל. פי' רש"י כשיעור מרוצת הסוס עד חצי היום.

(פסחים, נ, א)

### אבותינו הקדושים לעתיד לבא

וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב ואחר כך כתיב והבאתי אתכם אל הארץ אשר נשאתי את ידי לתת אותה לאברהם ליצחק וליעקב. יש להבין למה בתחלה נאמר אל אברהם אל יצחק ואל יעקב ואח"כ לא נאמר אל להפסיק רק לאברהם ליצחק וליעקב ביחד... הנראה מזה כי בכל עת הגלות עדיין א"א להיות האבות יחד רק בביאת משיחנו ב"ב. וזה הרמז כאן כשהוא מדבר בענין גלות מצרים אמר וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב שמלת אל מורה להפסיק ביניהם שא"א להיות' יחד כנ"ל. אבל אח"כ אמר הכ' והבאתי אתכם אל הארץ אשר נשאתי את ידי שזה מורה על הגאולה העתידה ב"ב... ואז יהיו כל האבות יחד ולכן נאמר בזה לאברהם ליצחק וליעקב... וז"ש קול צופיך נשאו קול יחדיו ירננו כו' . צופיך הם האבות והם אך לעתיד יחדיו ירננו בשוב ה' ציון. וכן הכתוב אומר נהרות ימחאו כף יחד הרים ירננו לפני ה' כי בא לשפוט את הארץ. פי' הרים הם האבות כידוע ולעתיד יחד ירננו כי בא לשפוט הארץ כנ"ל.

(תפארת שלמה, וארא)

### תורה וארץ ישראל

מורשה (שמות ו ח). תרין, דין, ואידך תורה צוה לנו משה מורשה (דברים לג ד). תורה וארץ ישראל ירושה הם לנו בלא הפסק, כשם שהגוים אי אפשר להם להתבונן בסודי התורה, כן אין להם נחת בארץ ישראל ואינם מתבוננים בטובה, כענין ושממו עליה אויביכם היושבים בה (ויקרא כו לב), התורה אינה מגלה מסטוריה אלא למהולים, כענין שנאמר בנתינת התורה (שמות יט ה) ועתה אם שמוע וכו' ושמרתם את בריתי והייתם לי סגולה מכל העמים, שהוא בדרך סגולה ביותר מכל העמים להבין מסטורין שלי, כענין שפירשנו

המשך בדף ב'


שדות מרעה ליד באר שבע

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

זעה אין "זית רענן" לרבינו בעל מגן אברהם, אויפן ילקוט[289] וואס שרייבט בפירוש התו"כ אויפן פסוק[290] "אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי בְאַפִּי - וואס איך האב געשוואוירן אין מיין צארן, אִם יְבֹאוּן אֶל מְנוּחָתִי - אויב זיי וועלן קומען צו מיין רוה ארט" - ווען מיין צארן וועט זיך אפטוהן, וועלן זיי צוריקקומען צו מיין רוה ארט, עכ"ל התו"כ. איז ער מפרש דארט, אז דער אייבישטער האט חרטה אויף דעם שבועה ווי עס ווערט געברענגט אין מס' חגיגה[291], און ער זאגט, ווילאנג די צארן שטייט פאר מיר, דאס מיינט דער מקטרג, איז נישט מעגליך אז זי זאלן קומען אל המנוחה. אבער ווען עס וועט זיך אפטוהן דער צארן, יבואון אל המנוחה. זעהן מיר פון דעם אז דער אייבישטער האט געגעבן רשות פארן מקטרג ביז מען וועט זיי מבטל זיין, עכ"ד. איז וויבאלד זיי האבן רשות צו מקטרג זיין, מוז מען זיך אויסבאהאלטן פון זיי, אזוי ווי איך האב געשריבן.

**יד.** נאך א ראיה קען מען ברענגן פון מדרש שיר השירים[292] צו אונזערע ווערטער הנ"ל, אז דער אייבישטער האט אזוי געדרייט די זאך מיט א ספעציעלע כוונה, צו פארמיידן דאס בויען דורך צדיקים גלייך פון אנהייב, כדי צו מונע זיין א קטרוג. "ריש לקיש האט געזאגט, די ביהמ"ק איז געהייליגט געווארן מיט דעם וואס עזרא הסופר איז נישט גלייך ארויפגעגאנגען אין דעם צייט, ווייל אויב יא, וואלט דער שטן מקטרג געווען און געזאגט, ענדערש זאל עזרא משמש זיין מיט די כהונה גדולה און נישט יהושע בן יהוצדק כהן גדול. יהושע בן יהוצדק איז טאקע געווען א כהן גדול א זון פון א כהן גדול, אבער וויבאלד עזרא איז געווען א צדיק, איז יהושע נישט געווען ראוי צו משמש זיין אלס כהן גדול אזוי ווי עזרא. זאגט רבי סימון, עס איז שווער פאר הקב"ה אז א קייט פון יחוס זאל ווערן אויסגעריסן פון איר פלאץ", עד כאן לשון המדרש. איז דער "מתנות כהונה" מפרש די ווערטער, "געלויבט, גוט און הייליג איז דאס געווען פאר דעם ביהמ"ק, אז עזרא הסופר איז נישט ארויפגעגאנגען, ווייל יהושע איז נישט געווען ראוי צו דינען אלס כהן גדול אזוי ווי עזרא וואלט געווען, אפילו עזרא איז געווען מער ראוי ווי יהושע צו די כהונה גדולה, האט דער אייבישטער אזוי געפירט אז עזרא זאל נישט ארויפקומען גלייך, כדי יהושע זאל נישט ווערן אויסגעריסן פון זיין פאסטן", עכ"ד.

לכאורה איז שווער צו פארשטיין, דאס וואס ריש לקיש האט געזאגט אז עס איז געווען א טובה און א קדושה צום ביהמ"ק מיט דעם וואס עזרא איז נישט גלייך ארויפגעקומען, וואס פאר א טובה איז דאס? אדרבה, וואלט נישט געווען א גרעסערע קדושה פאר די ביהמ"ק אויב עזרא וואס ער איז געווען א גרעסערע צדיק פון יהושע בן יהוצדק, וואלט געווען דער כהן גדול? נאך איז שווער מיט דעם וואס דער מדרש זאגט אז אויב עזרא וואלט גלייך ארויפגעקומען, וואלט דער שטן מקטרג געווען אז א אדם גדול און צדיק אזוי ווי עזרא זאל זיין דער כהן גדול. אבער דאס איז דאך נשט געווענליך דער דרך פונעם שטן, צו וועלן א גרעסערע שלימות, אדרבה, זיין מידה איז צו מקלקל זיין און צו פארדארבן עבודת השם.

זעהט אבער אויס אז די כוונה איז געווען, אויב וואלט עזרא יא ארויפגעגאנגען גלייך אין יענע צייט, וואלט דער שטן געקענט אנמאכן און מעורר זיין מחלוקת און פירוד לבבות, וואס דאס איז גורם צו דאס אפטון פון די שכינה פון די אידן און פון בית ה'. דער שטן וואלט געשטעלט מענטשן וואס וואלטן געזאגט אז די כהונה קומט זיך פאר עזרא, ווייל ער איז א גרעסערע צדיק, קיינער חוץ אים איז נישט ראוי צו זיין כהן גדול, און אנדערע וואלטן געטענה'ט אז די כהונה איז שייך צו יהושע, וויבאלד ער איז א כהן גדול בן כהן גדול. עס וואלט פון דעם געווארן חילוקי דעות און א פירוד לבבות, וביני לביני וואלט די שכינה זיך אפגעטון פון דעם ביהמ"ק צוליב די מחלוקת. וועגן דעם, האט דער אייבישטער פארמיטן אז עזרא זאל גלייך ארויפקומען קיין ארץ ישראל, כדי נישט צו געבן א פתחון פה פאר די שטן צו אנדרייען און מקטרג זיין. גוט האט דער מדרש געזאגט, "די ביהמ"ק איז געהייליגט מיט דעם וואס עזרא הסופר איז נישט ארויפגעגאנגען אין דעם צייט", און לויט דעם פירוש פון די "מתנות כהונה" וואס זאגט " געלויבט, גוט און הייליג איז דאס געווען פאר דעם ביהמ"ק". פארשטיי דעם ענין, ווייל דאס איז אמת לפע"ד.

עכ"פ פון דעם קענסטו פארשטיין, אז אסאך מאהל טוט דער אייבישטער צוריקהאלטן דאס ארויפגיין פון צדיקים, כדי צו פארמיידען א קטרוג. וועגן דעם ביי אונזער ענין, וועגן דאס בויען דאס לאנד אין אונזער צייט, קען מען אויך אזוי זאגן, אז דער אייבישטער האט צוריקגעהאלטן דאס ארויפגיין און בויען דורך די צדיקים, כדי צו פארמיידן א קטרוג פון אונז, ווי איך האב שוין פריער געשריבן. השי"ת זאל באלייכטען אונזערע אויגן אז מיר זאלן זעהן דעם אמת.

איך זעה פאר ריכטיג אז איך זאל דא אראפברענגן די ווערטער פון הגאון הצדיק און מקובל, מו"ה עקיבא יוסף שלעזינגער זצ"ל פון זיין ספר אויף תנא דבי אליהו[293], אויף די ווערטער פון דעם תדב"א, "דער אייבישטער האט געזאגט, איך האב קיינמאהל נישט געמאכט קיין נסים פאר יעקב, און אלע זיינע לעבנס טעג איז ער געווען רעכטפארטיג פאר מיר, ווי עס שטייט אין פסוק[294] "וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם - יעקב איז געווען א רעכטפארטיגער מענטש", און ווען דער אייבישטער געדענקט אים, קלאפט ער זיך צוזאם די הענט איינע אויף די צווייטע, און ווי עס שטייט[295] "וַיִּשְׁכֹּן יִשְׂרָאֵל בֶּטַח בָּדָד - די אידן וועלן ריהן פארזיכערט איעדער איינער אליינס, עֵין יַעֲקֹב - אזוי ווי דעם צוזאג וואס יעקב האט זיי געגעבן", עכ"ל. איז ער דאס מפרש אזוי, "פאר יעקב האב איך נישט געמאכט קיין נסים - ווייל ער איז געווען א פאסטוך צו זיינע שאף ביגיעת כפו, און געווען גאנץ אן עבירות, וועגן דעם "וַיָּבֹא יַעֲקֹב שָׁלֵם - יעקב איז געקומען גאנץ[296]... וַיִּקֶן אֶת חֶלְקַת הַשָּׂדֶה - און ער האט דארט געקויפט דעם טייל פעלד[297]". און מיט דעם וועג האט דער אייבישטער אויסגעוועלט אין די אידן, ווי עס שטייט[298] "כִּי יַעֲקֹב בָּחַר לוֹ יָ-הּ - דער אייבישטער האט געוועהלט דעם יעקב פאר זיך, יִשְׂרָאֵל לִסְגֻלָּתוֹ - ישראל פאר זיין פארמעגן", און ווי עס

המשך בדף ב'

---

[289] פר' נשא
[290] תהלים צה, יא
[291] ה, ע"ב
[292] פר' ה', פסוק ה
[293] תנדא"ר פרק ו, בפירושו "תוספות בן יחיאל"
[294] בראשית כה, כז
[295] דברים לג, כח
[296] בראשית לג, יח
[297] בראשית לג, יט
[298] תהלים קלה, ד

יוצא לאור ע"י מכון: **לבי במזרח**, ירושלים עיה"ק

הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך: שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

במקומו, כך ארץ ישראל. ועל כן מל אותם יהושע קודם שנכנסו לארץ (יהושע ה ד), ומישך שייכים להדדי תורה וארץ ישראל, אין תורה כתורת ארץ ישראל (ב"ר פט"ז ד') כי מציון תצא תורה וכו' (ישעיה ב ג). מורשה. תרווייהו מלא ו' אות חיים. תורה עץ חיים היא, וארץ ישראל ארץ החיים.

(אגרא דכלה, וארא)

## מארץ כנען לארץ ישראל

בפסוק וארא כו' וגם הקמותי כו' לתת להם כו'. שמשה רבינו ע"ה שאל למה הרעותה והי' התשובה כי כן הוא סדר שסידר השי"ת כדאיתא בזוה"ק כי מקודם הי' צריך להיות א"י תחת הכנעני ואח"כ לצאת משם. וכמו כן היו בנ"י צריכין מקודם להיות משועבדין לפרעה. אח"כ להכניסם להיות עבדי ה'. וכדאיתא במד' מסעי אמר הקב"ה יכול הייתי לברוא לכם ארץ חדשה כו' רק כח מעשיו הגיד כו'. וכמו כן יכול הי' הקב"ה לבראות בנ"י להיות נקיים כמלאכי השרת. אבל התיקון בעוה"ז צריך להיות כברייתו של עולם מעיקרא חשוכא והדר נהורא. וכ"כ והארץ היתה תהו. אח"כ יהי אור. והכל עדות על הש"י. לכן נשלחו נשמות בנ"י שהגם שיתלבשו באלה הגופות עכ"ז יזכו לגאולה ולהעלות כל אלה המקומות. וכמו שנגאלו בנ"י ממצרים ונזדככו בכור הברזל להיות כסף צרוף כמו כן נזדכך ארץ ישראל להיות נחלת ה'. וכ' ארץ מגוריהם אשר גרו כי האבות הי' תשוקתם להוציא א"י מת"י הכנעני אבל הם היו קדושים מאוד ולא היו יכולין לירד במקומות אפילים כאלו ונתקן ע"י בנ"י.

(שפת אמת, וארא, תרמ"ח)

## אמונה חזק יותר בארץ ישראל

...כי בארץ ישראל שם זכה להתגלות הזאת של הציץ עליו בעל הבירה, שהיא הארץ אשר אראך בה יש בחי' וירא אליו ה'. המקום המסוגל להשיג דרגת האמונה הזאת הוא בארץ ישראל, שבחו"ל לא הי' וירא אליו ה', רק בארץ ישראל היא הארץ אשר אראך, המסוגלת לאמונה בבחי' ראיה, שיש אמונה שאדם מאמין ויש אמונה בחי' ראיה, שזה ברור אצלו כמו שרואים בעיניים. וזה ענין שההבטחה על א"י קשורה עם היותם עם הנבחר, כמו שנאמרו בפרשתינו ב' הדברים כאחד, ולקחתי אתכם לי לעם והבאתי אתכם אל הארץ וגו', לפי שהא בהא תליא ולא יתכן אחד בלא השני. ההצלחה והפריחה של עם ישראל היא רק בארץ ישראל, והשגת האמונה הבהירה בהשי"ת היא רק בארץ ישראל.

(נתיבות שלום, וארא)

## חיבת הארץ

ר' חנינא מתקן מתקליה, פי' רש"י: משוה ומתקן מכשולי העיר מחמת חיבת הארץ, שהיתה חביבה עליו ומחזר שלא יצא שם רע על הדרכים.

(כתובות קיב.)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

שטייט "וַיִּשְׁכֹּן יִשְׂרָאֵל בֶּטַח בָּדָד עֵין יַעֲקֹב אֶל אֶרֶץ וגו'". ביז "כִּי פָדָה ה' אֶת יַעֲקֹב - ווען דער אייבישטער וועט אויסלייזן דעם יעקב[299]" (ער מיינט דערמיט צו זאגן, אז ער וועט טוהן אזוי ווי ביי יעקב וואס איז אלס געווען על פי דרך הטבע, און זיך נישט פארלאזן אויף נסים, אזוי ווי יעקב האט זיך נישט פארלאזט אויף נסים. זעה אין רמב"ן, פר' וישלח[300], אז יעקב האט אלעס געטוהן בדרך הטבע און זיך נישט פארלאזט אויף א נס, און עס איז באקאנט אז מעשי יעקב הם סימן לבניו, אויף דעם צייט וואס יעקב וועט קומען קיין שעירה, עיי"ש). וועגן דעם ווערט יעקב אנגערופן 'איש תם' [זעיר אנפין], ווייל נסים זענען די בחינה פון מוחין דגדלות [חב"ד], מה שאין כן דרך הטבע איז פארשטענדליך מיט די מענטשליכע שכל [זעיר אנפין], וואס אויף דעם דרך איז נישטא אזויפיל קטרוג, ווייל אויב איז עס בדרך הטבע, מיט וואס זענען מיר וויניגער ווי אלע אנדערע פעלקער, ווי מען זאגט נאך פונעם אר"י הק' אינעם פיוט 'דְּבֵה מַלְכָּא בְּגְלוּפִין' אז אין דעם איז באהאלטן הטב"ע, וואס דאס איז בגימטרי' אלקי"ם, ווייל יד אלקים איז מלובש און באהאלטן אין די טבע, און דער בעל הנס דערקענט נישט זיין נס, וועגן דעם איז נישטא קיין שארפע דינים [דִּינִין דְּתָקִיפִין] - ווייל די מדת הדין האט נישט אויף וואס צו מקטרג זיין ווי מיר זעהן עס איז געווען ביי קריעת ים סוף, וואס זיי האבן געטענה'ט 'הללו עובדי עבודה זרה' וכו'[301]. נאכדעם וואס מיר זענען ארויף מיט רשות (די רשות פון די מלכיות), דורך דעם ווערט פארשטאפט די מויל פון די מקטריגים ווייל מיר גייען נישט מיט גדולות, נפלאות און נסים, עס איז אזוי ווי די אידן האבן געבעטן[302] "בַּמְסִלָּה נַעֲלֶה - אין א גלייכן וועג וועלן מיר ארויפגיין...וגו' וְנָתַתִּי מִכְרָם - מיר וועלן צאהלן זייער פרייז, רַק אֵין דָּבָר - עס וועט גארנישט פאסירן, בְּרַגְלַי אֶעֱבֹרָה - לאז מיר נאר אריבערגיין צופיס", אויב ווערט געגעבן רשות פון די מלכי ארץ, וואס פאר א פתחון פה קען שוין דער מקטרג האבן. וועגן דעם, מיט דעם וועג וועט זיין וישכון ישראל - די אידן וועלן רוהן אן אייביגע וואוינונג, 'בֶּטַח בָּדָד עֵין יַעֲקֹב' - ווי עס ווערט דא מפורש פון אליהו ז"ל, וואס די נביאים האבן אויף אים נבואה געזאגט אז ער וועט אונז ווייזן דעם וועג ווי אונז זאלען גיין פאר ביאת משיח, ווי די פסוק זאגט[303] "הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא וגו' - אט שיק איך צו אייך דעם אליהו הנביא". דערפאר איז ער דערוועלט און באשטומט צו זיין דער מורה דרך פאר די וואס זענען מבקשי ה' באמת. וועגן דעם ביי סעודה שלישית וואס דאס איז אנטקעגן יעקב, כדי צו ניצול ווערן פון די חבלי משיח, אויף דעם דרך פון יעקב וואס אלעס איז בדרך הטבע און זיך נישט פארלאזן אויף נסים, זאגן מיר אינעם פיוט[304] 'דְּבֵה מַלְכָּא בְּגְלוּפִין', אז דער אייבישטער איז זיך מלבש אין די טבע, 'קְרִיבוּ לִי' - דערנענטער זיך צו מיר מיין פאלק ישראל, 'חֲזוּ חֵילִי' - זעה מיינע כוחות, אין די וועגן ווי איך גיי אין זיי בדרך הטבע, 'דְּלֵית דִּינִין דְּתָקִיפִין', - וואס אויף דעם וועג איז נישטא קיין מקטריגים און דינים, ווייל אויף נסים איז דא מקטריגים וואס נעמען אוועק די זכותים, אבער אויב איז עס בדרך הטבע, איז נישטא אויף וואס מקטרג צו זיין, מיט וואס זענען מיר דען ערגער ווי כל אומה ולשון, זענען זיי עפעס בעסער ווי מיר? וועגן דעם, 'לְבַר נַטְלִין וְלָא עָאלִין' - זיי וועלן זיך נישט נעמען און נישט ארויפגיין צו מקטרג זיין, 'הֲנֵי כַּלְבִּין דְּחָצִיפִין' - די קליפות די מקטריגים וואס זיי זענען מקטרג אויף אידן, ווייל זייער מויל וועט ווערן פארשלאסן", עכ"ד. זעהסטו דאך, אז די מדה פון יעקב איז געווען זיך נישט צו פארלאזן אויף נסים, נאר אלעס צו טוהן בדרך הטבע, כדי נישט צו געבן אן ארט פאר די מקטריגים צו מקטרג זיין. אויף דעם אופן האט אונז יעקב אבינו געלערנט, אזוי צו מאכן ווען די אידן וועלן זיצן רואיג, 'בֶּטַח בָּדָד', וועט דאן זיין די ברכה פון 'עֵין יַעֲקֹב אֶל אֶרֶץ דָּגָן וְתִירוֹשׁ', דאס הייסט, קודם צו מאכן א ישוב אין ארץ ישראל, און דורך דעם וועט נתקרב ווערן די גאולה, ווייל דעמאלטס וועט די מדת הדין נישט קענען עס צוריקהאלטן פון אונז, און דער אייבישטער וועט טוהן אזוי ווי אונזער ווילן און אונז מזכה זיין מיט די גאולה. דאס איז אמת און קלאר.

המשך בגליון הבא אי"ה

[299] ירמיהו לא, י
[300] פתיחה לפר' וישלח
[301] ילקוט ראובני פר' בשלח
[302] במדבר כ, יט
[303] מלאכי ג, כג
[304] פיוט "אתקינו סעודתא"

**נעמט א חלק אין ארויסגעבן דעם גליון און מזכה זיין אידן וואס ווילן מקיים זיין דעם "כִּי רָצוּ עֲבָדֶיךָ אֶת אֲבָנֶיהָ וְאֶת עֲפָרָהּ יְחֹנֵנוּ" און לעכצן פאר אהבת ארץ הקדושה בדרך התורה.**
**א וואך איז $100 - קען זיין לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**

## לארבה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### הר הארבל

מזרח הגליל התחתון

הר הארבל איז א גרויסע פעלזן בארג לעבן די ים כנרת און נישט ווייט פון די שטאט טבריה אנטקעגן איבער הר ניתאי. יוסיפין פארציילט אז דא איז פארגעקומען שטארקע שלאכטן צווישן די מיליטער פון הורדוס און די חשמונאים, וואס פיל פון זיי האבן זיך אויסבאהאלטן אין די פילע היילן וואס געפינען זיך דא.

אין ילקוט שמעוני ווערט געברענגט אז אויף דעם בארג אין טאהל האבן די שבטים געקעמפט אנטקעגן די איינוואוינער וואס זיי זענען געקומען זיך אננעמען פאר די אנשי שכם.

אין די קינות פון תשעה באב, אינעם פיוט פון איכה ישבה חבצלת השרון, ווערט דערמאנט די כהני ארבל וואס זענען געווען די ניינטע טייל פון די משמרת אין דעם בית המקדש. די גמרא אין ירושלמי (פאה פז ה"ג) פארציילט אונז ווי די פעלדער פון די געגענט האבן ארויסגעגעבן ווייץ און מעהל מיט א גרויסע שפע, אבער ביים חורבן האט כמעט גארנישט געוואקסן, און זייער ערד איז אינגאנצען פארברענט געווארן.

אין מדרש רבה ווערט פארציילט אז רבי חייה רבה און רבי שמעון בן חלפותא זענען געווען שפאצירן אינעם טאל פון ארבל, און זיי האבן געזעהן דאס אויפקום פונעם מארגן שטערן, האבן זיי געזאגט אז אזוי וועט זיין די גאולה, קודם וועט זיך עס אנהייבן אביסעלע און שטייטלעך, דערנאך מער און מער ביז עס וועט אינגאנצן אויפשיינען. אין מדרש שטייט אז פון דא וועט משיח נתגלה ווערן.

די גאר אלטע רייזענדער פארציילן איבער אסאך קברים וואס זענען דא געווען, צווישן זיי די קברים פון ראובן, שמעון און לוי בני יעקב, אבער היינט צוטאגס זעהט מען כמעט נישט דערפון א חוץ חורבות. פון די קברים וואס מען ווייסט, איז דא די קבר פון דינה בת יעקב וואס דער רמב"ן ברענגט אויך אראפ אז זי ליגט דא, שת בן אדם הראשון, נתאי הארבלי, חזקיה ראש הגולה, און רבי זירא. אין די געגענט איז אויך דא די קבר פון יתרו וואס ווערט זייער געהייליגט ביי די דרוזים, און להבדיל אידן.

היינט צוטאגס זעהט מען נאך די חרבות פון צוויי אור-אלטע שוהלן און צוויי ישובים ווי אידן האבן באוואוינט נאך מזמן בית שני. טויזענטער באזוכער קומען דא זיך אנזעטיגן פון דעם ווינדערליכען פאנאראמא און שיינקייט פון ארץ ישראל.


דעם פעלזן בארג הר הארבל (צילום: טל גליק)

צו באקומען דעם גליון יעדן וואך דורך אימייל, שרייבט אייך איין: activepage.co.il/trgister1234

בעזהשי"ת
# בִּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָ͏ִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**
"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 38
**בשלח**
י"ז שבט תשפ"א
January 30, 2021

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### בית של עם ישראל

...כשבאו לארץ ישראל מצאו להם קן שנאמר (תהלים פד, ד) גם צפור מצאה בית וכן דוד אמר (שם קלב, ה) עד אמצא מקום לה' משכנות לאביר יעקב לכך נאמר נפשנו כצפור נמלטה.

(מדרש רבה, בשלח ו)

### לרשת את הארץ

...הנה בכאן מצות ירושת ארץ ישראל הוא מצוה ממנין תרי"ג, והנה הלכו לרשת את הארץ, והנה היו דרך קרוב דרך ארץ פלשתים. אבל נעשה גדר וסייג לדבר לבלתי הלוך דרך ארץ פלשתים פן בראותם מלחמה וכו', הנה הוא גדר וסייג ודקדוקי המצות, ועל ידי זה נעשה להם הארות אור המקיף לשמירה מעולה מן החיצונים. ז"ש ולא נחם "אלקים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא, ואין כאן דקדוק וסייג רק עיקר המצוה, ולא נעשה רק הארת אור פנימי ועדיין יש פחד מהחיצונים, ואמר אלקים פן ינחם וכו' והוא גדר ודקדוק, ויסב אלקים וכו' דרך המדבר ים סוף, דקדוק עצום לילך במדבריות לקיים המצוה כתיקנה בלי מיחוש. ועל כן אמר "ויסב", הסיבן והקיפן באור מקיף לשמירה מעולה מן החיצונים, על ידי זה שהוליכן דרך המדבר ים סוף...

(אגרא דכלה, בשלח, מה)

### אמונה וקדושת ארץ ישראל

ויאמר ה' אל משה מה תצעק אלי וגו' (יד, טו), יש לתמוה, מה שאלה היא זו, מה תצעק אלי, הלא זה כל כחנו לצעוק אל אבינו שבשמים בעת צרה. וי"ל, כי מבואר בגמרא (ברכות ל, ע"א) שכל התפילות עוברות דרך ארץ ישראל, והוא כי בחוץ לארץ האויר מלא מהמקטרגים המעכבים את התפילות. אמנם יש בכח הצדיקים להמשיך קדושת ארץ ישראל בכל מקומות מושבותם. ויתכן שגם בכח האמונה בהשגחת השי"ת אפשר להמשיך קדושת

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י**
מרת **רחל שיינדל פריעד** שתחיי'
לעילוי נשמת אביה
הרה"ח **מרדכי ארי'** בן **רזיאל** ע"ה **מאשקאוויטש**
יומא דהילולא י"ז שבט תשמ"ח



שקיעת החמה, מישוב תקוע בשומרון
© Rolando T. Gonzales Tafur

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

ווי דער רמב"ם שרייבט אז די פסוקים איז געזאגט געווארן וועגן די גאולה העתידה, קען מען יעצט דרש'נען סמוכין. וויבאלד דער נביא האט דאך סומך געווען די נבואה פון די גאולה העתידית צו די נבואה וועגן כורש[329], "הָאֹמֵר לְכוֹרֶשׁ רֹעִי (פירש רש"י אז רועי מיינט "מיין מלך") וְכָל חֶפְצִי יַשְׁלִם וְלֵאמֹר לִירוּשָׁלַ͏ִם תִּבָּנֶה וְהֵיכָל תִּוָּסֵד. [330]כֹּה אָמַר ה' לִמְשִׁיחוֹ לְכוֹרֶשׁ אֲשֶׁר הֶחֱזַקְתִּי בִימִינוֹ", איז משמע פון דעם אז אויך די נבואה פון ישעיה אויף אונזער גאולה וועט זיין אויף דעם אופן, אז קודם וועט ירושלים געבויט ווערן ע"י רשיון המלכות, וואס וועלן אונז געבען רשות צוריקצוגיין קיין א"י און איר אויפבויען, דערנאך צו בויען דעם בית המקדש, און נאך דעם וועט זיך דאס טוישן צו די גאולה אמיתית, ווי חז"ל האבן געזאגט[331], אז באמת וואלט מעגליך געווען אז דורך כורש זאל נשתלשל ווערן די גאולה אמיתית והשלימה, נאר דער חטא האט גורם געווען. אבער פון די יעצטיגע צוריק קערן, וועט זיכער נשתלשל ווערן די גאולה שלימה. אבער פון אנהייב וועט דאס זיין אויף דעם אופן ווי עס איז געווען אין די צייטן פון כורש, וועגן דעם האט דער נביא סומך געווען די פסוקים צוזאמען.

אויפן פסוק[332] "כֹּה אָמַר כֹּרֶשׁ מֶלֶךְ פָּרַס - אזוי האט געזאגט כֹּרֶשׁ דער קעניג פון פרס, כָּל מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ - אלע קעניגרייכן פון די וועלט, נָתַן לִי ה' אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם - האט מיר געגעבן דער באשעפער ג-ט פון די הימלען, וְהוּא פָקַד עָלַי - און ער האט אויף מיר באפוילן, לִבְנוֹת לוֹ בַיִת בִּירוּשָׁלַ͏ִם - אים צו בויען א שטוב אין ירושלים, אֲשֶׁר בִּיהוּדָה - וואס איז אין יהודה". רש"י טייטשט אויף די ווערטער 'פָקַד עָלַי', צוה עלי, ער האט מיר באפוילן דורך ישעיה הנביא, ווי מיר זעהן אין ספר ישעיה, "הָאֹמֵר לְכוֹרֶשׁ רֹעִי... וְלֵאמֹר לִירוּשָׁלַ͏ִם תִּבָּנֶה... כֹּה אָמַר ה' לִמְשִׁיחוֹ לְכוֹרֶשׁ אֲשֶׁר הֶחֱזַקְתִּי בִימִינוֹ", די נבואה איז שוין געזאגט געווארן דורך ישעיה, עכ"ל. די פסוקים רעדן פון בית שני, פארוואס דארף מען דאס סומך זיין צו דאס וואס ישעיה האט נביאות געזאגט וועגן דעם בנין ירושלים פון לעתיד? מוז זיין אונז צו ווייזן אויף דאס וואס חז"ל האבן אונז געזאגט, אז אויך בנין ירושלים פון לעתיד און די בית המקדש, וועט אויך זיין מתחילה אויף דעם זעלבן וועג ווי ביי כורש, אז זי וועט געבויט ווערן ברשות המלכות, און די ווערטער פון[328] "וַעֲצַת מַלְאָכָיו יַשְׁלִים - די עצה פון זיינע שליחים וועט ער צוענדיגן" גייט ארויף אויף די מלכים וואס וועלן געבן רשות צו דעם, ווי איך האב שוין אויבן געשריבן דערוועגן, אז זיי זענען די שליחים-מלאכים אין דעם.

באמת האב איך אזוי געזעהן אינעם ספר "האמונות והדעות" לרבינו סעדיה גאון[333], אז מתחילה וועט ירושלים ווערן געבויט מיט די רשות פון מלכי אדום, און דאס וועט זיין די הכנה צום בית המקדש של מעלה, עיי"ש. אויך דער אברבנאל שרייבט אויפן פסוק[334] "בּוֹנֵה יְרוּשָׁלַ͏ִם ה'", "עס קען גאר זיין אז די גאולה וועט זיין ווען די פעלקער פון די וועלט וועלן מסכים זיין אז ארץ הקדושה זאל זיך צוריק קערן צו די אידן, און ווער עס וועט וועלן וועט ארויפגיין, אזוי ווי עס איז געווען ביי גלות בבל. און נאכדעם, ווען ירושלים עיר הקודש וועט שוין ווערן געבויט, דעמאלטס וועלן אלע צוזאמען ארויפגיין", עכ"ל. אזוי אויך שרייבט דער מלבי"ם[335], ער זאגט דארט אין קורצען, "אז די אידן פון די גליות וועלן זיך אנהייבן פארזאמלען, און זיי וועלן האבן א שטיקל ממשלה און הנהגה. דערנאך וועט זיין א מלכות קבוע וואס איז מלכות בית דוד, וואס נאכדעם וועט דער מלך משיח געוועלטיגן מיט א מלוכה קבועה, און מלכות בית דוד וועט נתגלה ווערן אין מדרגות, קודם וועט זיין נאר א שופט, און דערנאך וועט עס דערהויבן ווערן צוביסלעך ביז עס וועט זיין לה' המלוכה, עכ"ל.

איך האב געטראפן נאך, אין פסיקתא אויפן פסוק[336] "שׂוֹשׂ אָשִׂישׂ", "כנסת ישראל בשעת זיי זענען ארויף פון בבל ביי די ענדע פון די זיבעציג יאר, האבן זיי געברויכט צוקומען צו חסד פון אלע קעניגרייכן". איז ר' אפרים זלמן מרגליות מפרש, "בשעת עס האט זיך געענדיגט די זיבעציג יאר פון בבל, זענען אידן געווען צושפרייט איבער די וועלט, און האבן געדארפט צוקומען צו די מלכי אומות העולם, און זיי האבן נושא חן געווען אין זייערע אויגן". זעהט מיר אויס אז ער האט געדרשנ'ט פונעם קומענדען פסוק[337] "כִּי כָאָרֶץ וכו'... - אזוי ווי די ערד טוט ארויסשפראצן אירע געוויקסן וכו', כֵּן ה' אלוקים יַצְמִיחַ - אזוי אויך וועט דער אייבישטער מאכן ארויסשפראצן, צְדָקָה וּתְהִלָּה - גערעכטיגקייט און לויב, נֶגֶד כָּל הַגּוֹיִם - אנטקעגן אלע פעלקער" - אז די אידן וועלן טרעפן חן אין די אויגן פון די פעלקער. אזוי אויך שטייט אין צפניה[338], "כִּי אֶתֵּן אֶתְכֶם - איך וועל אייך געבן, לְשֵׁם וְלִתְהִלָּה - צו א גוטן נאמן און צו לויב, בְּכֹל עַמֵּי הָאָרֶץ - צווישן אלע פעלקער פון די וועלט, בְּשׁוּבִי אֶת שְׁבוּתֵיכֶם - ווען איך וועל צוריקקערן אייערע צוריק געקערטע", עיי"ש. זעהן מיר אז אויך לעתיד וועט זיך עס ווענדן אין די חן וחסד פון די אומות העולם, און דאס אנהייב וועט מוזען זיין אזוי ווי ביי כורש. עס איז א פלא, אז אלע גדולים הנ"ל, האבן נישט מרגיש געווען אז דאס אלעס איז מרומז אין די נבואה פון ישעיה הנ"ל, ווי איך האב דא געשריבן.

***יז.*** דער רמב"ם שרייבט אין אגרת תימן, "דאס וואס דו האסט דערמאנט וועגן דעם ענין פון קץ... קודם וואס דו דארפסט צו וויסן, אז דער קץ על דרך האמת, איז נישט מעגליך קיינמאהל פאר קיין שום מענטש עס צו וויסן, אזוי ווי דניאל האט דאס מבאר געווען[339], "כִּי סְתֻמִים - ווייל עס איז פארהוילן, וַחֲתֻמִים הַדְּבָרִים - און די זאכן זענען פארזיגעלט, עַד עֵת קֵץ - ביז עס וועט קומען די צייט פון די ענדע". איז ער דארט מאריך, און שרייבט, "קל וחומר, מה דאך די קץ פון גלות מצרים וואס מען האט געוויסט איר ענדע אלס פיער הונדערט יאר, ווי עס שטייט אין פסוק[340], דאך זעהן מיר אז מען האט נישט געוויסט ביז עס איז למעשה געשעהן. ווייל ערשט נאכדעם וואס זיי זענען ארויס, זענען זיי געוואר געווארן אז מען רעכנט פון ווען יצחק איז געבוירן געווארן... כל שכן דאס ענדע פון אונזער לאנגער גלות, וואס די נביאים האבן געציטערט פון איר אריכות, ביז דער נביא האט געזאגט

המשך בדף ב'

---

[331] ברכות ד, ע"א
[332] עזרא א, ב
[333] מאמר שמיני פרק ה'
[334] תהלים קמז, ב
[335] מיכה ד, ח
[336] ישעיהו סא, י
[337] ישעיהו סא, יא
[338] צפניה ג, כ
[339] דניאל יב, ט
[340] בראשית טו, יג

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

ארץ ישראל, כי עיקר חשיבותה הוא, דכתיב בה (דברים יא, יב) ארץ אשר ה' אלוקיך דורש אותה, שניכר בה השגחתו ית"ש, ומי שממשיך עליו אמונה זו הרי ממשיך עליו קדושתה בכל מקום. וזה שאמר מה תצעק אלי, הלא התפילה צריכה לעלות דרך ארץ ישראל, אם כן תמשיך קדושתה לכאן כדי שתועיל לקבלת התפילה, ועל כן דבר אל בני ישראל ויסעו, ובכח האמונה ימשיכו עליהם קדושת ארץ ישראל ותתקבל תפלתם ותפלתך.

(ויגד יעקב, בשלח)

## גאולה מיעקב לישראל

בהפטורה (ישעיה כ"ז ו-ח) הבאים ישרש יעקב יציץ ופרח ישראל וגו', עד ביום קדים (ישעיה כז ח). נ"ל בהקדים האי דכתיב (ישעיה מד כג) כי גאל ה' יעקב ובישראל יתפאר. דקשה גם כן מה דמתחילה נקט שם יעקב ואחר כך ישראל. ותו דקאמר גאל ה' יעקב, ובתריה (ישעיה מז ד) כתיב גואלנו ה' צבאות שמו קדוש ישראל, משמע דבעת הגאולה יקראו בשם ישראל. והנ"ל בזה על פי המבואר ביערות דבש (ח"ב דף י"ד ע"ג ל"ד), כי מתחילה יהיה גאולה וחירות, וכמאמר שמואל אין בין עולם הזה לימות המשיח אלא שיעבוד מלכיות (ברכות ל"ד ע"ב), ועדיין יהיה יצר הרע, ואף על פי כן יהיה צדיקים, וזו אמיתת התשובה על מה שחטאו, אחר כך יעביר רוח הטומאה ויהיה כל היעודים של הנביאים, עד כאן דבריו. ותנא דבי אליהו (פרקי דר"א פמ"ב) שאמר אין ישראל עושין תשובה שלימה עד שנגאלין, מסייע ליה והבן. ולפי זה יהיו שני גאולות, תחילה גשמית ואחר כך רוחנית, והבן. והנה ידוע דמדריגת יעקב קטן ודל (עמוס ז ה), ומדריגת ישראל רבה כי שרית עם אלקים (בראשית לב כט), והמתגבר על יצר הרע שהוא שרו של עשו, נקרא ישראל, והבן. והנה ידוע (ב"ר צ"ד ה') דהקב"ה אינו מיחד שמו על הצדיקים בעולם הזה דאולי יחטא ח"ו, מה שאין כן כשיעביר רוח הטומאה ויהיה קדושת ישראל בעצם ולא יחטאו. ועל פי זה יתבאר מקודם כי גאל ה' יעקב, ואחר כך ובישראל יתפאר כנ"ל, וזה שאמר אחר כך גואלינו, הוא גאולה הרוחניות כנ"ל.

(ישמח משה, בשלח ו')

## ירושלים מלאה עם אבנים טובות

בעולם הזה, אדם חייב לחברו הולכים אצל דיין, פעמים שהוא עושה שלום ביניהם ופעמים שאינו עושה שלום ביניהם, אבל בימות המשיח אדם חייב לחברו, והוא אומר לו בוא ונלך ונדון לפני מלך המשיח. כיון שמגיעים לגבול ירושלים, מוצאין אותו שהוא מלא אבנים טובות ומרגליות, ונוטל אבן טובה אחת ונותנה לו, ואומר לו, כלום אני חייב לך יותר מדמים של זו? והוא אומר לו, המלך יסלח לך, הדא הוא דכתיב: השם גבולך שלום.

(פסיקתא רבתי, א, ג)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

מיט וואונדערונג, "הַלְעוֹלָם תֶּאֱנַף בָּנוּ - צו וועסטו אויף אייביג צערנען אויף אונז, תִּמְשֹׁךְ אַפְּךָ לְדֹר וָדֹר - וועסט אנהאלטן דעם צארן אויף אלע דורות". דער נביא ישעיה זאגט לגבי דעם אריכות פון דעם גלות[342], "וְאֻסְּפוּ אֲסֵפָה - זיי וועלן ווערן פארזאמעלט אין א פארזאמלונג, אַסִּיר עַל בּוֹר - א געבינדענער אין א גריב, וְסֻגְּרוּ עַל מַסְגֵּר - און פארשפארט אין א תפיסה, וּמֵרֹב יָמִים יִפָּקֵדוּ - און די זינד פון פילע יארן וועט ווערן געדענקט". דניאל איז אונז מבאר, דאס פארבארגעניש פון דעם קץ און אז דאס איז אונז באהאלטען און פארהוילן, וועגן דעם האבן אונז די חכמים צוריק געהאלטען פון אויסרעכענען דעם קץ צו ביאת משיח - ווייל דער המון עם וועט געשטרויכלט ווערן דערין, קען זיין זיי וועלן האבן א טעות מיינענדיג אז די קץ איז שוין דא און עס וועט נישט אנקומען. אזוי אויך זאגן חז"ל[343], 'תפח רוחם של מחשבי קצים - א קללה אויף די וואס רעכענען דעם זמן פון קץ', ווייל דאס איז נישט גוט פארן פאלק, וועגן דעם האבן די חכמים מתפלל געווען אויף זיי אז זייערע חשבונות זאלן נישט געלונגען", עכ"ד הק'.

איך טראכט, אז אזוי ווי די קץ איז פארהוילן און מיר האבן נישט קיין קלארקייט דערין, אזוי אויך דעם אופן פון דאס פארווירקליכן פון די גאולה - וויאזוי עס וועט זיך אנהייבן אדער ווי אזוי עס וועט זיך דערקייקלן - איז אויך פארהוילן און באהאלטן פון אונז. ווי דער ר"ן שרייבט אין זיינע דרשות[344], "מיר זעהן ביי די גאולה פון מצרים, אז אין דעם זמן וואס די גאולה האט זיך אנגעהויבן צו פארווירקליכן האט מען זיך ערשט דאן געזעהן אויסגעלייזט, מיט דעם אלעמען וואס מען האט אפען געזעהן מעשים און פעולות אלס די סיבה פון זייערע גאולה, פונדעסטוועגן דאך האבן זיי זיך צוריק געהאלטן פון זיך שטעלן אויף די סיבות, ביז דער אייבישטער האט אנטפלעקט פאר זיי די ענינים פון גאולה. כל שכן אונז, וואס מיר זענען מער בלינד אין דעם אופן פון די גאולה העתידה, וועגן דעם שרייבט דער רמב"ם ז"ל, אז מיר וועלן נישט וויסן ווי אזוי עס וועט זיין ביז עס וועט טאקע זיין", עכ"ל הק'. עכ"פ, מיר האבן נישט א קלארע ידיעה אינעם אופן פון די גאולה ביז זי וועט ממש פאסירן, טאקע אזוי ווי דער רמב"ם האט געשריבן אינעם אגרת תימן.

אויב אזוי, קענען מיר נישט אפשטיפן קיין שום ענין פון צו זאגן אז דאס איז א פונק פון די גאולה, ווייל אפשר איז דאס דער רצון הבורא אז עס זאל דוקא פאסירן אויף אזא אופן. ספעציעל אז חז"ל חכמי אמת האבן אונז געזאגט אז עס וועט אזוי זיין - דהיינו מיט רשות פון די מלכות. קען זיין אז דאס איז מפורש אין די נבואה פון ישעיה, ווי איך האב פריער דערמאנט. איך האב געזעהן אין "ישמח משה"[345], ווי ער איז מבאר דעם פסוק[338], "בְּשׁוּבִי אֶת שְׁבוּתֵיכֶם - ווען איך וועל צוריקקערן אייערע צוריק געקערטע, לְעֵינֵיכֶם - פאר אייער אויגן, אָמַר ה' - זאגט דער אייבישטער" - אז די כוונה איז, באמת שטייט בפירוש דעם אופן פון גאולה ווי אויך דער זמן פון גאולה, נאר אונזערע אויגן זענען פארשטאפט און מיר פארשטייען נישט דעם פשט פון די ווערטער. אבער נאכדעם וואס דער אייבישטער וועט צוריק קערן אונזערע צוריק געקערטע, דעמאלטס וועלן מיר שוין וויסן דעם פירוש אין וואס עס שטייט, עס וועט זיין אפן פאר אונזערע אויגן ווי דער אייבישטער האט אונז געזאגט דעם זמן און אופן פון די גאולה. דאס זאגט דער פסוק "בְּשׁוּבִי אֶת שְׁבוּתֵיכֶם לְעֵינֵיכֶם אָמַר ה'". אפשר נאכדעם וועלן מיר אויך פארשטיין די ווערטער פון ישעיה הנ"ל, אז באמת איז דאס געווען זיין כוונה צו מדמה זיין די גאולה עתידה צו די מעשה פון כורש. עכ"פ, פונקט אזוי ווי מיר קענען נישט זאגן קלאר אז דאס איז עס, אזוי אויך קענען מיר נישט אפשטיפן און זאגן אז עס איז נישט אזוי, נאר מיר דארפן אננעמען אלע מאסנאמען און מיטלען און די ריכטיגע צייט וואס קומט צו אונז, ווייל קען זיין אז טאקע דאס איז די רצון הבורא עס צו מאכן דוקא אויף דעם אופן. און ווער עס וויל דעם אמת - וועט צו מיר מודה זיין אין דעם, ודוק.

המשך בגליון הבא אי"ה

341 תהלים פה, ו
342 ישעיה כד, כב
343 סנהדרין צז, ע"ב
344 סוף דרוש יא
345 ח"א, ד"ה "ובזה"

נעמט א חלק אין ארויסגעבן דעם גליון און מזכה זיין אידן וואס ווילן מקיים זיין דעם
"כִּי רָצוּ עֲבָדֶיךָ אֶת אֲבָנֶיהָ וְאֶת עֲפָרָהּ יְחֹנֵנוּ" און לעכצן פאר אהבת ארץ הקדושה בדרך התורה.
**א וואך איז $100 - קען זיין לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**

לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### חמת גדר

דרום רמת הגולן

חמת גדר איז א אור-אלטן מקום מרחץ וואס ערהאלט פיער הייסע און ביטערע נאטירליכע קוועלער, וואס זענען רייך מיט מינעראלען, ווי אויך איין זיסע קוואל. היינט צוטאגס איז דאס א פאפולערע ארט פאר באזוכער וואס קומען שווימען אין די פילע בעדער און באזוכן די אלטע בנינים און חורבות. איין טאג אין וואך איז דאס צוגעשטעלט פאר חרד'ישע באזוכער.

די בעדער און בתי מרחץ ווערן שוין דערמאנט אין דברי חז"ל, אין ירושלמי (קידושין מ, ב) אז רבי יונתן מיט רבי יהודה נשיאה זענען דארט געווען. צווישן אנדערע זעהן מיר אז אויך רבי יהודה הנשיא, רבי אמי און רבי אסי האבן באזוכט דעם ארט. אין עטליכע פלעצער ווערט דאס וואסער פון חמת גדר צוגעגליכענט צו די וואסער פון חמי טבריה. די גמרא אין סנהדרין (קח, א) רעכנט אויס די וואסער פון חמת גדר אלס איינע פון די קוועלער וואס האבן וואסער איבערגעבליבן פון די מבול. אויך אין מס' שבת (קט, א) ווערט דערמאנט די קוועלער לגבי די הלכה צו מען קען זיך דארט באדן אין שבת.

אין ספר יהושע ווערט עס דערמאנט, "וְעָרֵי, מִבְצָר הַצִּדִּים צֵר, וְחַמַּת רַקַּת וְכִנָּרֶת" (יט, לה), און רבא זאגט אויף דעם (מגילה ו, א) 'חמת זו חמת גדר'. די שטאט חמת איז געווען א פאר-שטאט צו א גרעסערע שטאט גדר, מיר זעהן דאס אין די גמרא (עירובין לו, ב) צו מען האט געמעגט גיין פון איין שטאט צו די אנדערע.

אויף דעם פלאץ געפינען מיר אויך די חורבות פון אן אור-אלטן בית הכנסת נאך פון די זמן פון די תנאים. מען האט דא געטראפן טויזענטער אלטע מטבעות, גלעזערנע און שטיינערנע כלים און שריפטען אויף שטיינער, ספעציעל איז געווען א הערליכע מאלעריי געמאכט פון שטיקלעך שטיינער.


אור אלטע חורבות פון דעם רוימישן בית המרחץ אין חמת גדר

די שטאט האט זיך געטוישט הענט עטליכע מאהל, קודם דורך אנטיוכוס דער דריטער, שפעטער איז עס געווארן איינגענומען דורך די חשמונאים אונטער אלכסנדר ינאי המלך, דערנאך דורך די רוימער אונטער פומפיוס, און נאכדעם צוריק אונטער דעם מלך הורדוס און אזוי ווייטער. עס איז צוריק אונטער אידישע הענט נאך די מלחמת ששת הימים. היינט איז אויך דא דארט א גן החיות פאר איבער 120 תנינים-עליגעטארס.

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָ‍ִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.
"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 39
יתרו
כ"ד שבט תשפ"א
February 6, 2021

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### ישיבה בארץ ישראל

רבי נתן אומר: "לאוהבי ולשומרי מצותי" אלו ישראל, שהם יושבין בארץ ישראל, ונותנין נפשם על המצות.

(מכילתא שמות כ, ה)

### למען יאריכון ימיך... על האדמה

כבד את אביך ...וכבר אמרו שהוקש כבודו לכבוד המקום וכאשר המצוה הזאת היא בתחתונים כן נתן שכרה באריכות ימים בארץ אשר יתן לנו ועל דעת רבותינו (קידושין לט) ענין הכתוב למען יאריכון ימיך ועל האדמה, יבטיח כי במצוה הזאת יהיו כל ימותינו ארוכים כי ימלא השם ימינו בעולם הזה ויהיו ארוכים בעולם הבא שכלו ארוך ותהיה ישיבתינו לעד על האדמה הטובה שיתן לנו ובמשנה תורה (דברים ה טז) פירש למען יאריכון ימיך ולמען ייטב לך על האדמה והנה הם שתי הבטחות.

(רמב"ן שמות כ, יא)

### רמזי הגאולה

עד עת קץ ישוטטו וגו' (דניאל יב, ד), עד בא עת קץ הגאולה הנה רבים ישוטטו בתנועת המחשבה להשכיל אמיתת הקץ ויתרבה הדעת לחקור ביותר וכאומר הנה יחקורו עד עת הקץ ולא ידעו מאומה, אבל בבוא העת אז יופקחו עיני כל להבין רמזי זמן הגאולה.

(מצידת דוד, דניאל יב, ד)

### מוסיף מדריגות

...ועוד שהרבה מצות נצטוו ישראל בארץ מה שלא נצטוו בחוץ לארץ, ומשה רבינו ע"ה לזה היה מתפלל ונכסף בה כמו שמוזכר במס' סוטה (סוף פרק א') א"כ בין תלמיד חכם בין עם הארץ ראוי להשתדל בעלייתה, שאם עם הארץ הוא יוסיף מצוה, וכל שכן אם תלמיד חכם הוא שמוסיף מדריגה.

(תשובת הרשב"ש סי' ג')

### ירושלים לעתיד

א"ר לוי עתידה ירושלים להיות כארץ ישראל וארץ ישראל ככל העולם.

(ילקוט שמעוני ישעיה תקג, פסיקתא רבתי א)

המשך בדף ב'



חצר ביהכ"נ בעיר העתיקה סוסיא

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר

מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

**יח.** אנהייב דעם ווינטער, אין יום ד' פר' וישב אין יאר תש"ג, אין מיינע גלות וואנדערונגען, בין איך פארווארפען געווארן צו ק"ק בעסערמין, ווי איך האב אמאהל געוואוינט. האב איך דארט באזוכט מיין תלמיד חביב (פון מיין יוגנט, ווען איך בין נאך געזיצען אויף קעסט ביי מיין שווער הגאון הצדיק מו"ה יעקב יוסף גינז ז"ל, אב"ד דשם, פלעגן מיר לערנען יעדן טאג א שיעור קבוע אין גמרא תוספות) המופלג בתורה, הגביר המפורסם ותיק וחסיד, מו"ה אביש ראטמאן נ"י, אן אבן יקר אין זיין קהילה, פון די גאר נאנטע פון הרב הגאון הגדול, שר התורה בוצינא קדישא, אור עולם, שר בית הזוהר, בקי אין נגלה און נסתר, כק"ש ר' אהרן ישעיה פיש זצוק"ל אבדק"ק האדעס[346], וואס איז געווען פון די גרויסע תלמידים פון רבינו מקאמארנא ז"ל, וואס ער האט מיר געגעבן סמיכה. איך האב זוכה געווען אים צו קענען און זיך צו מחי' זיין פון די ליכטיגקייט פון זיין תורה אין מיינע יונגע יארן, ווען איך האב נאך דארט געוואוינט. ער פלעגט קומען יעדן יאר פאר א שבת, איינצושטיין צווישן זיינע חסידים און מעריצים. עס איז מיר נישט מעגליך צו ריכטיג פארשטעלן זיין צדקות און תמימות, נאך מער פון דאס גדלות פון זיין תורה, חכמת אדם תאיר פניו, ער איז געווען א חכם עתיק, פארשטאנען און געוויסט צו מבחין זיין בין דבר לדבר, בין אמת לשקר, ממש א אדם גדול בענקים. איך האב אויך געדריקט פון אים א תשובה אין שו"ת "משנה שכיר"[347] וואס איך האב באקומען פון אים בפלפול הלכה אין דעם ענין פון אויב מען מעג ארויסנעמען דאס פעל פון שיך אין שבת, עיי"ש.

האט דער אביש הנ"ל מיר איבערגעזאגט א שמועס וואס ער האט געהערט מפי קדשו, אויף דעם ענין פון דעם תנועת הציונות וואס האט זיך פריש אויפגעוועקט אין יענע צייטן צו ארויפגיין און בויען ארץ ישראל, וואס אסאך פון די גדולי הדור האבן דאס באווארפען מיט שטיינער. האט ער געזאגט, "לאז זיי אפ, ווייל מיר ווייסן נישט דעם אמת ווי אזוי עס וועט זיין די השתלשלות פון די גאולה, ווייל אויף איין פלאץ אין זוהר שטייט[348], אז קודם וועט געבויט ווערן ירושלים און עס וועט זיין קיבוץ גליות, און אויף אן אנדערע פלאץ אין זוהר שטייט[349], אז די גאולה וועט זיין אן קיין שום הילף פון אונז. וועגן דעם, קענען מיר נישט וויסן וואס איז דער רצון פון דעם בורא כל עולמים. און אויב זעהן מיר אז פילע מענטשען ווילן איר אויפבויען, אפילו עס איז דורך סיי וועמען, אפילו דורך די שוואכסטע אידן - ווער קען זיך דערוויייגן און זיך אהערשטעלן זיי צו שטערן פון זייער ארבעט, אפשר איז דאס דער רצון השי"ת עס אויפצובויען דוקא דורך אזוילכע מענטשען, וואס ווייסן מיר אין די דרכים פונעם אייבירשטען, עילת כל העילות וסיבת כל הסיבות וואס ווייסט וויאזוי צו מסבב זיין די זאכען, לאז זיי אפ", עד כאן דבריו הק'. איר זאלט נאר וויסן פון וועם עס קומט די ווערטער, פון א מענטש וואס איז ממש געווען א יחיד במינו אין זיין דור במדינה זו, נגלה, נסתר און חכמה עליונה איז געווען ביי אים איינס. און דאס איז ממש געווען וואס איך האב אויבן געשריבן.

דערנאך האב איך געהערט פון א מגיד אמת, וואס האט געהערט מפה קדושו, איש האלוקים, הגאון הגדול בנגלה ובנסתר, האדמו"ר מוויזניצא[350], מרנא ורבנא כ"ק מרן ר' ישראל, וואס האט דאן געוואוינט אין גראסווארדיין, זצוק"ל, וואס ער האט געזאגט אז ער וויל זיך נישט משתתף זיין צו אסר'ן די ציוניסטען, ווייל ער האלט אז דאס איז א סיבה מן השמים אז עס זאל געבויט ווערן דורך זיי, ווייל די בריונים זענען געווען די וואס האבן חרוב געמאכט אונזער לאנד און אונזער בית המקדש, וועגן דעם זענען זיי די וואס דארפן איר יעצט צוריק אויפבויען, און מיט דעם וועלן זיי מתקן זיין דאס וואס זיי האבן מקלקל געווען, עכ"ד הקדושים. זעה אויבן, אינעם רבינו בחיי וואס איך האב אראפגעברענגט, וואס ער שרייבט אויך כעין זה. יעצט זעה און טראכט אריין, וויאזוי צוויי גרויסע מענטשען ווי די, האבן באטראכט מיט זייערע אויגן די מעשי ידיהם פון די בויערס, און זיי האבן אין דעם דערקענט דעם רצון העליון.

**יט.** עס שטייט אין דניאל[351], "וְאַתָּה דָנִיֵּאל - דו דניאל, סְתֹם הַדְּבָרִים - פארשפאר די ווערטער, וַחֲתֹם הַסֵּפֶר - און פארזיגל דעם ספר, עַד עֵת קֵץ - ביז דעם זמן פון די ענדע, יְשֹׁטְטוּ רַבִּים - וואס דאן וועלן פילע פרובירן צו פארשטיין, וְתִרְבֶּה הַדָּעַת - און עס וועט זיך פארמעהרן דעם דעת", עכ"ל פונעם פסוק. זעה דעם מלבי"ם דארט ווי ער איז מפרש, אז דוקא ביזן זמן פון קץ וועלן די זאכן זיין פארהוילן. "אבער אינעם זמן פון קץ וועט זיך אפטוהן דער ספק, און ווי נענטער עס וועט אנקומען דעם זמן פון קץ וועט דער ספק זיין ווייניגער. ווייל דאס ווייסן מיר[352] אז די גאולה דארף צו קומען פאר דעם אלף השביעי, אויב אזוי איז ביי די פריערדיגע זמנים די וודאי געווען ווייניג, און דער ספק איז געווען מער. אבער ווי מער עס דערנענטערט זיך דעם אלף השביעי, ווערט די וודאי מער און מער און דער ספק ווערט קלענער, מיט דעם ווערט דאס וויסן פארמערט", עכ"ד. איז קלאר פון זיינע ווערטער, אז ביי דעם זמן פון קץ - וועט אפגעטוהן ווערן דעם ספק און עס וועט זיך פארמערן דעם דעת צו וויסן אז דער זמן פון גאולה קומט אט אן. און ער האט דאס געשריבן כאילו ער זאגט דאס פון זיך אליין, אבער איך האב געטראפן ממש ווי זיינע ווערטער אין "כסא המלך" אין תיקוני זוהר[353], שטייט דארט, "הגם דער אייבישטער איז נישט מגלה זיינע סודות, אבער ווען דער זמן וועט זיין נאנט וועט עס נתגלה ווערן לעליונים ותחתונים. און אפילו רוב וועלט וועט וויסן דעם קץ, ווי עס שטייט אין זוהר[354], "ובההוא זמנא אתגלייא-אין יענעם זמן וועט דאס נתגלה ווערן וכו'". עכ"ל. על פי זה האט דער גאון המלבי"ם מכוון געווען לאמת אין זיין פשט הנ"ל.

**כ.** דא איז די ריכטיגע פלאץ צו פארציילן א וואונדערליכע מעשה וואס איך האב געהערט פון מיין פריינט, איש בריתי, ה"ה הגאון המובהק בהוראה, כקש"ת מו"ה ישראל וועלץ שליט"א, דומ"ץ דקהל יראים דפה עיר הבירה. אז בשעת ווען דער מלבי"ם האט געדריקט זיין פירוש אויף ספר דניאל, האבן זיך גדולי הדור אנגעכאפט אויף דעם וואס ער

המשך בדף ב'

---

[346] נפטר תרפ"ח, מח"ס קדושת אהרן
[347] ח"א סי' פו
[348] זוהר ח"א במדרש הנעלם ועוד, שערי זוהר לברכות מט, ע"א, תנחומא פר' נח אות יא
[349] זוהר ח"ג
[350] נולד תר"כ, נפטר תרצ"ו
[351] דניאל יב, ד
[352] ע"ז ט ע"א, זוהר ח"א, ועוד
[353] תיקון כא, אות ד
[354] פר' וירא

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל



**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## ארץ ישראל שלא כדרך הטבע

...וכן כאשר נכנסו לארץ ישראל נבקע הירדן לפניהם בדרך על טבעית, וכל זה מורה על מהותו של עם ישראל שהיא על טבעית, שהרי כמ"כ היו יכולים להכנס לארץ ישראל בדרך הטבע, אלא נכנסו דוקא באופן על טבעי. וכן ארץ ישראל עצמה כל הויתה ומציאותה הם על טבעים, כמד"כ (דברים יא) ארץ אשר ה"א דורש אותה וגו' תמיד עיני ה"א בה, שתמיד ההנהגה באר"י היא על טבעית.

(נתיבות שלום, פר' יתרו)

## הדר בארץ ישראל

נודע מאמר חז"ל (כתובות קי, ע"א) בפסוק (ויקרא כה, לח) לתת לכם את ארץ ארץ כנען להיות לכם לאלקים, שהדר בארץ ישראל אני לו לאלהים וכל הדר בחוצה לארץ כאילו עובד עבודת אלילים וכו' עד כאן. והטעם ידוע על פי מה שמבואר בזוה"ק (לך לך) וזה לשונו, פתח ואמר (קהלת י, יז) אשריך ארץ שמלכך בן חורין וגו' וכתיב אי לך ארץ שמלכך נער וגו' הני קראי קשיין אהדדי ולא קשיין האי דכתיב אשריך ארץ דא ארץ דלעילא וכו', ובגין כך אקרי ארץ החיים ועלה כתיב (דברים יא, יב) ארץ אשר ה' אלקיך דורש אותה תמיד וגו' לא תחסר כל בה דייקא, וכל כך למה משום שמלכך בן חורין דא קודשא בריך הוא וכו', אי לך ארץ שמלכך נער האי ארץ דלתתא דתניא כל שאר ארעי דשאר עמין אומות העולם אתיהיבו לרברבין תריסן דממנן עלייהו וכו' ועל דא כתיב אי לך ארץ שמלכך נער וי לעלמא דמסטרא דא ינקי, וכד ישראל בגלותא ינקין כמאן דיניק מרשותא אחרא וכו' עד כאן. ונראה שעל כן אומות העולם אינם מוזהרים על השיתוף כמו שאיתא (בשולחן ערוך אורח חיים סימן קנ"ו סעיף א' בהג"ה) כי לפי שחלק הקב"ה את אומות העולם מעמו ישראל, ונתן אותן תחת ממשלת השרים צבא השמים, ודוקא חלק ה' עמו, שישראל לבד אינם נתונים תחת רשות שום שר רק חלק י-ה בעצמו, מה שאין כן האומות שכל אחד יש לו שר מלמעלה אשר הוא תחת ממשלתו ועל ידו יורד ההשפעה וכל עניני האומה ההיא כנודע, ועל כן ממילא הם כאילו יונקים מרשותא אחרא כנאמר והם בבחינת עבדים לעבדים, וממילא כמעט כל עניניהם הוא כעין השיתוף, עד שאפילו ישראל שבחוץ לארץ אמרו חז"ל (עבודה זרה ח, ע"א) עובדי עבודה זרה בטהרה הם, והם באמת נתונים תחת רשות הקב"ה רק שיושבים בארץ שתחת השרים, ומכל שכן אומות העולם שהם תחת רשות השרים מכל וכל מעצמיותם ומארצם, על כן אינם מוזהרים על השיתוף, ואינם מוזהרים כי אם שלא יהפכו הקערה על פיה להאמין בעץ ואבן, או אפילו בשרי מעלה לומר כי הם עצמם אלהות כאמור.

(באר מים חיים שמות כ, ב)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

האט אויסגערעכנט אין סוף פון זיין ספר דעם קץ. זיי האבן געשריבן צו אים א בריוו פון תוכחה, וויבאלד חז"ל האבן דאך געזאגט[355] "א קללה אויף די וואס רעכענען דעם קץ", איז וויאזוי קען זיין אז ער האט געטוהן אנטקעגן דבריהם ז"ל, און נאך דאס מפרסם זיין אין דער וועלט. און וויבאלד עס האבן זיך געמעהרט צו אים אזוילכע בריוון פון אלע זייטן, האט ער געדריקט א קול קורא, שרייבנדיג דארט - וויבאלד פילע פרעגען, קען איך נישט ענטפערן פאר יעדן איינעם עקסטער, נאר איך וועל געבן מיין תשובה צו זיי מיט א קול קורא. (דער קול קורא ליגט אינעם מוזעאם פון ק"ק פראג). און דאס איז זיין תשובה: "איך וועל אייך דערציילן, מורי ורבותי, א מעשה וואס האט פאסירט אין די געגנט פון בוקארעסט, וואס האט געהערט אינטער מיין רבנות. אן עושר, וואס האט געהאנדעלט מיט לעדער און געפירט דערמיט גרויסע געשעפטען, ער האט געהאט א בן יחיד וואס האט בר מצוה געהאט, און געזאגט א גוטן און שארפן פשעטל ביי זיין בר מצוה, און כדי צו געבן פאר זיין געליבטען זוהן א נחת רוח פאר זיין פלייסיג לערנען און דעם פשעטל וואס ער האט געזאגט ברבים, וואס ער האט שטארק הנאה געהאט דערפון, האט ער געזאגט פאר זיין זוהן, זאלסט וויסן אז איך פלאן צו מאכן א גרויסע נסיעה צוליב מיינע געשעפטען אינעם מארקעט פון לייפציג, וועל איך דיר מיטנעמען אויף דעם נסיעה אז דו זאלסט הנאה האבן דערפון, אזוי ווי דו האסט מיר מהנה געווען מיט דיין פשעטל. דער זוהן האט זיך זייער געפרייט צו זיין טאטענ'ס ווערטער. די מאמע מיט די משרתים האבן געמאכט די הכנות צום גרויסן נסיעה, וואס אין יענע טעג איז געווען זייער שווער און מסוכן, און געקענט נעמען א דריי פיער וואכן דורך בערג אין טאהלן כמובן. ווען עס איז אנגעקומען דעם זמן צו פארען, די מאן און דער זוהן האבן זיך געזעגנט פון זיין ווייב און מאמע מיט טרערן, און מיט ברכות אז עס זאל חלילה נישט פאסירן קיין שום שלעכטס אויפן וועג, און אז השי"ת זאל זיי העלפן צוריק צוקומען בלי מכשול און אן קיין צרה.

דער טאטע אינעם זוהן האבן זיך געזעצט אויפן וואגן און אנגעהויבן צו פארן אויף דעם לאנגען וועג. נאכן אפארען פאר צוויי שעה, פרעגט דער זוהן פונעם טאטען, טאטע, וויפיל שעה איז נאך דא אנצוקומען קיין לייפציג? ווען דער טאטע האט דאס געהערט פון זיין זוהן, איז ער פיל געווארן מיט צארן און אים אנגעקוקט מיט א זויער פנים, און שטיל געבליבן אן ענטפערנדיג א ווארט. אויך דער זוהן האט געשוויגן און מער נישט געפרעגט אזא שאלה פון זיין טאטע. נאך דריי אדער פיער וואכן פון די נסיעה, האט דער טאטע געפרעגט דעם בעל העגלה, משה, זאג, ווי לאנג נאך נעמט דער וועג צו לייפציג? האט אים דער בעל עגלה געענטפערט, אין נאך א שעה און א האלב אי"ה קומען מיר אריין אין שטאט. ווען דער זוהן האט געהערט די שאלה פונעם טאטען צום בעל העגלה, האט ער אינגאנצען פארוואונדערט געפרעגט פון זיין טאטען, טאטע, איך פארשטיי נישט וואס דא גייט פאר, פארוואס ווען איך האב דיר געפרעגט די שאלה - ווי לאנג נאך איז די וועג קיין לייפציג - האסטו דיך געוועגט אויף מיר און מיר שטרענג אנגעקוקט, און יעצט הער איך אז דו אליינס האסט געפרעגט די זעלבע שאלה?

ענטפערט אים דער טאטע מיט א פנים פון געלעכטער, מיין קינד, האסט נישט געפרעגט מיט חכמה, נישט דעמאלטס און נישט יעצט. דעמאלטס ווען מיר זענען געווען ביים אנהייב פון די נסיעה, מיר זענען אינגאנצען געפארן נאר איינצעלנע שעות, וואלסט געדארפט אליין פארשטיין לויט די אלע הכנות וואס מיר האבן געמאכט פארן וועג, און לויט די בכיות וואס מיר האבן צוזאמגעוויינט ווען מיר האבן זיך געזעגנט פון דיין מאמען, אז פאר א נסיעה פון צוויי שעה טוט מען נישט אזוינס, נאר אודאי איז דאס א לאנגע און שווערע נסיעה. אויב אזוי וואס איז שייך געווען צו פרעגן נאך גאנצע צוויי שעה פארן ווען קומט מען אן קיין לייפציג, פארשטייט זיך אליין פארוואס איך האב געצערנט ווען די האסט דאס געפרעגט. אבער יעצט ווען מיר זענען שוין טאקע ממש לעבן לייפציג, יעצט איז די ריכטיגע צייט צו פרעגן ווען קומט מען אן און ווי לאנג וועט נאך געדויערן דאס וועג. עד כאן המעשה.

רבותי! ממש אזוי האט פאסירט מיט אונז אין דעם לאנגען ביטערן גלות, באלד צוויי טויזענט יאר. אודאי ביים אנהייב פונעם גלות האבן חז"ל אונז געאסר'ט צו אויסרעכענען דעם קץ פונעם גלות, וואס לויט די גרויסע בכיות און די גרויסע הכנות פון דעם גלות וואלט מען אליין געדארפט איינערקענען אז דא רעדט מען נישט פון איין אדער צוויי טעג. ווי מיר ווייסן אז ווען יעקב אבינו האט פאראויסגעזעהן דעם חורבן און גלות, האט ער זיך שטארק דערשראקן און אויפגעציטערט דערפון, ווי עס איז מבואר אין מדרש[356]. וועגן דעם איז דאס נישט א זמן פון טראכטן פון דעם קץ, אדרבה אויב מען האט געזעהן אז דאס וועט געדויערן אזוי לאנג, און ווער וועט דען האבן דעם כח צו אויסהאלטען דאס אלעס. און ווען רבי שמעון בר יוחאי האט געזעהן דעם אריכות הגלות, האט ער געוויינט און געזאגט, "וי דגלותא יתמשך-ווי אויף דעם לאנגען גלות, מי יסבול דא-ווער וועט דאס קענען אויסהאלטען", ווי עס איז מבואר אין זוהר[357]. אבער יעצט, ווען מיר שטייען שוין נאענט צו לייפציג, מעג מען יא און עס איז ראוי צו פרעגן אזוילכע שאלות, ווי לאנג נאך וועט געדויערן דעם וועג קיין לייפציג?". עכ"ד פון זיין תשובה אינעם קול קורא הנ"ל.

המשך בגליון הבא אי"ה

[355] סנהדרין צז, ע"ב

[356] זוהר ח"א

[357] זוהר חדש

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### רבי יצחק

מירון

נאענט צום מערה פון רבי שמעון בר יוחאי אין מירון איז דא א קבר פון רבי יצחק, אין די וועלט איז אנגענומען אז דאס איז די קבר פון דעם תנא רבי יצחק נפחא, ווי עס ווערט אזוי אראפגעברענגט אין ספר "בשם גדולים". אבער רבי חיים וויטאל ברענגט אראפ אין ספר הגלגולים אז דער רבי יצחק נפחא ליגט אין טבריה ביים צפון זייט פונעם מויער.

עס קען זיין אז דא ליגט אן אנדערע תנא רבי יצחק וואס איז געווען פון די חברייא קדישא פון רשב"י, ווי עס ווערט געברענגט אין אודרא זוטא (פרק ז) אז עס איז אויף אים נגזר געווארן מיתה, און רבי שמעון האט אויסגעפועל'ט ער זאל בלייבן לעבן און ער איז נפטר געווארן אין די זעלבע צייט ווי רבי שמעון. רבי חיים וויטאל שרייבט אויף דעם תנא רבי יצחק אז ער ליגט לעבן צפת, ממילא איז מען נישט זיכער ווער איז דער רבי יצחק וואס ליגט לעבן רשב"י.



די גמרא אין סנהדרין (צח ע"א) פארציילט אז רבי יהושע בן לוי איז געווען ביים אריינגאנג צום נערה פון רבי שמעון בן יוחאי און זיין זוהן, האט ער געזאגט "צווי האב איך געזעהן, געהערט האב איך דריי", איז דא וואס האלטן אז דאס איז געווען רבי יצחק וואס איז נקבר ביים פתח המערה.

ווען דער ליובאוויטשער רבי דער ריי"צ זצ"ל איז געווען אין מירון, איז ער אריין צום מערת רבי יצחק, מען האט דערנאך געטראפן זיין שריפט אויפן מצבה ווי ער שרייבט "התלמידים הלומדים במדינת רוסיא וכל ישראל סובלים מחסור בגוף ורוח".

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 40
**משפטים**
ר"ח, א' אדר תשפ"א
February 13, 2021

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגען ארויס די מעלות פון א"י

### ירושלים לעתיד

אמר רבי יוחנן: עתידה ירושלים להעשות מטרפולין לכל המדינות.

(שמות רבה כג, יא)

### ארץ חמדה

ארץ חמדה (ירמיה ג), רבנין אמרי ארץ שנחמדו לה אבות העולם, אברהם שנאמר (בראשית יב, א) לך לך מארצך, יצחק (שם כו, ג) גור בארץ הזאת, יעקב (שם מז, ל) ונשאתני ממצרים, ולמה הם מתחמדים לה, אמר רשב"ל מפני שהם חיים תחלה לימות המשיח. ומהו נחלת צבי (שם), למה הוא מושלה לצבי מה הצבי משאדם מפשיטו אין עורו מחזיק את בשרו כך בשעה שזכו ישראל אין ארץ ישראל מחזקת פירותיה. ד"א מה צבי זה קל לאכול, כך א"י פירותיה קלין לאכול, ורבנין אמרי מה צבי זה רגליו קלין יותר מכל בהמה ומן החיה כך א"י ממהרת לבשל פירותיה יותר מכל הארצות.

(שמות רבה לב, ב)

### ירושלים של אבנים טובות

וְכָל גְּבוּלֵךְ לְאַבְנֵי חֵפֶץ (ישעיהו נד יב), אמר רבי בנימין, עתידין תחומי ירושלים להיות מלאים אבנים טובות ומרגליות, וכל ישראל באים ונוטלים חפציהם מהם, לפי שישראל בעולם הזה מתחמין באבנים ובצרורות, אבל לעתיד לבוא מתחמין באבנים טובות ומרגליות... אמר רבי לוי, עתידין תחומי ירושלים להיות מלאים י"ב מיל על י"ב מיל אבנים טובות ומרגליות.

(ילקוט שמעוני ישעיה תעח)

### עבד ה'

...ומצינו שכן היה למשה שקראו ה' (דברים לד ה) עבד ה' שנתאוה לחיות ליכנס לארץ ישראל לעבוד ה' ולקיים מצותיו (סוטה י"ד א).

(אוה"ח הק', שמות כא)

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הרה"ח **יוסף זאב בראווער** הי"ו - ירושלים עיה"ק
לעילוי נשמת אביו
רבי **ישעיה צבי** בן **אברהם ברוך** ע"ה
יארצייט שבת קודש, ר"ח, א' אדר תשע"ד



חוביות יין, יקב רמת הגולן

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שני

**הפדות והגאולה** - המשך...

**כא.** אין מדרש[358] אויפן פסוק אין איכה[359], "פָּרַשׂ רֶשֶׁת - ער האט אויסגעשפרייט א נעץ, לְרַגְלַי - פאר מיין פיס", רבי אבא בר כהנא זאגט, אם ראית ספסלים מלאים בבליים מונחים בארץ ישראל - אויב דו זעהסט בענק אנגעפילט מיט בבליים ליגען אין ארץ ישראל - האף פאר די פיס-טריט פון משיח. וואס איז די טעם? ווייל עס שטייט אין פסוק "פָּרַשׂ רֶשֶׁת לְרַגְלַי", עכ"ל המדרש. האב איך געזעהן אין תורה תמימה[360], ווי ער שרייבט, "דרש'ן 'פָּרַשׂ' אלס 'פרס' (לויט דעם חילוף זסשר"ץ), און די בבליים זענען די פרסיים (און נישט דוקא זיי, נאר וויבאלד פרס און בבל איז דעמאלטס געווען דעם פלאץ פון זייער גלות), און 'לרגלי' איז מרמז אויף משיח, לויט'ן פסוק[361] "מַה נָּאווּ - ווי שיין וועט זיין, עַל הֶהָרִים - ווען אויף די בערג, רַגְלֵי מְבַשֵּׂר - וועט זיין די פיס-טריט פון דעם מבשר". די מדרש זאגט אונז, ווען דו וועסט זעהן א פארמעהרונג פון די בני גולה גייען ארויף פון בבל קיין ארץ ישראל, וועט דאס זיין א סימן אז דער אייבישטער רעכנט שוין די ענדע פונעם גלות. דער סימן און רמז דערצו איז 'פָּרַשׂ - רֶשֶׁת לְרַגְלַי'. קען אויך זיין, עס איז מרמז צו דעם וואס חז"ל האבן געזאגט אין כתובות[362], 'כל העולה מבבל - ווער עס גייט ארויף פון בבל צו ארץ ישראל איז עובר אויף אן עשה, ווי עס שטייט אין פסוק[363] "הִשְׁבַּעְתִּי אֶתְכֶם - איך באשווער אייך, בְּנוֹת יְרוּשָׁלַםִ - טעכטער פון ירושלים... אִם תָּעִירוּ וְאִם תְּעוֹרְרוּ - אויב איר וועט אויפוועקן און שטערן, אֶת הָאַהֲבָה - דאס ליבשאפט (ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל) עַד שֶׁתֶּחְפָּץ - ביז זי וועט דאס ווילן", דאס מיינט - ביז ווען עס וועט אזוי זיין דער ווילן פון הקב"ה. אויב אזוי, ווען עס וועט ווערן א בכללית'דיג התעוררות ארויפצוגיין, וועט דאס זיין דער צייכן אז עס איז שוין אנגעקומען די באוויליגטע צייט פונעם אייבירשטען. דאס מיינט דער מדרש מיט די ווערטער 'אם ראית ספסלים מלאים בבליים מונחים בארץ ישראל' - דאס מיינט א פארמעהרונג פון די וואס גייען ארויף - איז דאס די ריכטיגע צייט צו האפן פאר די טריט פון משיח, און דאס איז פאר אונז א צייכן אז עס שטייען שוין די פיס-טריט פון דעם מבשר אין ירושלים. מען קען אויך זאגן אז די ווארט 'רֶשֶׁת' קומט פון די לשון ירושה, אז די ירושה קומט שוין אן צו די פיס-טריט פון משיח", עכ"ל.

יעצט אין אונזערע טעג, וואס אין די לעצטערע יארן האבן פילע פון אחינו בני ישראל אנגעהויבן צו שטראמען אין די צעהנדליגע טויזענטער קיין ארץ ישראל פון אלע עקן פון די גלות לענדער, איז דאס זיכער א צייכן און א סימן צו דאס אנהייב פון די גאולה. אזוי אויך די מלחמות וואס זענען געווען אין אונזערע צייטען, פון שנת תרע"ד ווען עס האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט קריג האט מען נאכנישט גערוהט ביז יעצט, עס האט שטענדיג געברענט דא און דארט, ספעציעל יעצט ווען עס האט צוריק אויפגעפלאמט אין א פיל גרעסערע מאס ווי דעמאלטס. די גמרא אין מגילה[364] האט שוין געזאגט, מלחמה - איז א אתחלתא דגאולה. און אין מדרש רבה שטייט[365], "אויב זעהסטו אז לענדער רייצן זיך איינער מיטן אנדערן, האף צו די פיס-טריט פון משיח. פון ווי ווייסן מיר דאס, פון אברהם אבינו, וואס ווען עס איז געווען די מלחמה צווישען די קעניגרייכן, איז דערנאך געווען א גאולה פאר אברהם". עיי"ש (איך האב יעצט נישט דעם מדרש פאר מיר). זעה אין ספר[366] "ברית מנוחה", פון דעם גרויסן בעל מקובל וואס האט געלעבט א הונדערט יאר פאר דעם אר"י ז"ל, וואס דער אר"י הק' האט אויף אים מעיד געווען אז זיין גאנצע קבלה איז רוח הקודש, ווי ער שרייבט, "אויף די זמן פון די גאולה שטייט[367], "וְסִכְסַכְתִּי מִצְרַיִם בְּמִצְרַיִם - איך וועל אנרייצן מצרים זאל זיך קריגן מיט מצרים... עִיר בְּעִיר - א שטאט אנטקעגן א שטאט, מַמְלָכָה בְּמַמְלָכָה - א קעניגרייך אנטקעגן א קעניגרייך", און דערנאך וועט זיין שלום און רואיגקייט, מנוחה און שטילקייט, אז מען וועט נישט קענען צושטעלן די פריערדיגע דורות צו דעם דור פון משיח, נישט דעם דור המדבר און נישט דעם דור פון שלמה המלך ע"ה וכו'. א גרויסע מלחמה וועט זיך ערוועקן אין הימל, אן קיין תכלית פאר יענעם קריג, און אנטקעגן דעם קריג אין הימל וועט זיין א קריג דא אינטען, עליונים ותחתונים, איינער מיט די אנדערע... אלס אז די זאכן זאלן באוויסט ווערן צו אידן, און דורך די פאסירונגען וועלן זיך צוזאם זאמלען די אידן פון די לענדער פון זייערע פיינט, און מלאכי משחיתים וועלן זיי אנטקעגן לויפן און אננעמען כוחות המשחית און זיי וועלן צושפרייטן זייער געוועלטיגונג און זיך שטארקן צו נאר ערגער מאכן דעם גלות, עס וועט זיין א גרויסע צומישעניש, אסאך אידן וועלן זיך פרובירן צו ראטעווען מיט דעם וואס זיי וועלן אראפגיין פון דרך ר"ל, מען וועט זיך מוזען שטארקען מיט תמימות. אזוי איז אויך געווען אין מצרים, דארט זענען אידן געשטאנען פאר א שרעקליכע צרה פון די כוחות המשחית וואס איז אראפגעקומען צו פארדארבען און פארלענדען די אידן. דארט וועלן זיך די אידן שטארקן און בלייבן פעסט מיט זייער אמונה און אנהאלטען מיט די תמימות פון זייערע עלטערן, וועגן דעם הייסט דער פלאץ ווי די אידן האבן גערוהט נאך יציאת נצרים "אֵתָם[368]", און עס שטייט שפעטער, "בֵּין מִגְדֹּל וּבֵין הַיָּם - די אידן זאלן רוען צווישן מגדל אין דעם ים", עס ווערט אנגערופען 'מִגְדֹּל' - ווייל דארט האבן זיך די אידן געשטארקט מיט גבורה, דארט האבן זיי געזעהן די אלע גרויסקייטן וואס וועט קומען אויף זיי. ווי אויך, זייער גרויסקייט האט דערגרייכט צו א פלאץ וואס ווערט אנגערופען "ים החכמה", דאס מיינט דער פסוק, "בֵּין מִגְדֹּל וּבֵין הַיָּם". עכ"ד אין קורצען.

זעהט אויס, אז אויף דאס וואס עס פאסירט היינט אין אונזערע טעג, איז מרמז דער נביא חגי[370], "כִּי כֹה אָמַר ה' צְבָאוֹת - ווייל אזוי האט געזאגט דער באשעפער פון אלע הערשאפטן, עוֹד אַחַת - נאך אזאך וועט זיין, מְעַט הִיא - דאס איז א קליינע זאך, וַאֲנִי מַרְעִישׁ אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ - איך וועל אויפציטערען די הימל און די ערד, וְאֶת הַיָּם וְאֶת הֶחָרָבָה - דאס ים און די טריקעניש. וְהִרְעַשְׁתִּי אֶת כָּל הַגּוֹיִם - איך וועל אויפציטערען אלע פעלקער, וּבָאוּ חֶמְדַּת כָּל הַגּוֹיִם - און עס וועלן דא אנקומען אלע טייערקייטן פון צווישן די פעלקער, וּמִלֵּאתִי אֶת הַבַּיִת הַזֶּה כָּבוֹד - און איך וועל

המשך בדף ב'

[358] איכה רבה, פר' א, אות מא
[359] איכה א, יג
[360] איכה פרק א, אות קמו
[361] ישעיהו נב, ז
[362] כתובות קיא, ע"ב
[363] שיר השירים ב, ז
[364] מגילה יז, ע"ב
[365] ב"ר לך לך פר' מב, אות ד
[366] עמ' ב, צד א
[367] ישעיהו יט, ב
[368] שמות יג, כ
[369] שמות יד, ב
[370] חגי ב, ו-ז

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

אם הבנים שמחה - המשך מדף א'

אנפילען דעם הויז מיט כבוד, אָמַר ה' צְבָאוֹת - אזוי זאגט דער באשעפער פון אלע הערשאפטן". אלעס דאס וואס דער בעל מקובל האט געשריבן אז עס וועט זיין בזמן פון די גאולה, דאס אלעס פאסירט מיט אונז היינט. וועגן דעם איז דאס א גרויסער סימן אז מיר זענען נאענט צו די גאולה. די מלחמה וואס געשעהנט יעצט, דאס צומישעניש וואס איז דא אויף דער וועלט, און די אלע וואס שטראמען קיין ארץ ישראל. פון דעם אלעם קענען מיר זעהן אז מיר שטייען שוין ממש אינטער לייפציג[371], זאל דער אייבישטער שוין צואיילן די ישועה און פדות נפשינו צו אונז במהרה בימינו אמן.

איך האב געענדיגט דעם פרק מיט כ"א אותיות, אלס א גוטער סימן - א"ך טוב לישראל, במהרה בימינו אמן, **היום ד' לסדר משפטים**, פה עיר הבירה בשנת גש"ת אל הקודש בב"א.

## פרק שלישי
### הישוב והבנין

פאר איך בין עוסק בעזה"י אין די מצות עשה פון ישוב און בנין הארץ, וועל איך קודם מקדים זיין מיט א פתיחה

**א.** דאס זאגט דער גאון בעל "עזרת הכהנים" אויף מסכת מדות (אין די הקדמה), "לאמיר צולייגן אונזער הארץ און טראכטן אן עצה און נאכפארשען, קען זיין אז די אלע שווערע געשעהנישן וואס טרעפן אונז אן, מרעין בישין, פגעין בישין און זייער גלייכן, דאס זענען די וואס קלאפן אן ווי א האמער אויפן טיר פונעם טויער פון מיין הארץ, און זיי וועקן אונז אויף פון א נאכגעלאזטע שלאף. און אט דאס זענען די טויש אנשטאט די שטראף רייד פון די נביאים אין די פריערדיגע יארן, ווי חז"ל זאגן אין די ספרים הקדושים - אז די שליחות פון די שטראף רייד וואס איז געווען אמאהל דורך די נביאים ווען נביאה איז נאך געווען פארשפרייט ביי אידן, ווערט אונז היינט צוטאג איבערגעגעבן דורך יסורים און שלעכטע קרענק, עניליכס ווערט געברענגט אין זוה"ק.


תמונת המחבר הגאון
רבי ישכר שלמה טייכטאהל זצ"ל הי"ד

(איך דער שרייבער, דער מחבר פון דעם ספר, האב אזוי געטראפן בפירוש אין מדרש רבה, פרשת וארא, פר' י'[1], דאס זאגט דער מדרש, "דער אייבישטער האט געזאגט צו די נביאים, וואס טראכט איר אויב איר גייט נישט אין מיין שליחות, האב איך דען נישט אן אנדער שליח? "וְיִתְרוֹן אֶרֶץ -די אויבערהאנט פון דער ערד, בַּכֹּל הִיא - איז אין אלעמען[2]", איך טוה מיין שליחות אפילו דורך א שלאנג, אפילו דורך א עגדעס און אפילו דורך א פראש. א ראיה אז עס איז טאקע אזוי, ווען נישט דער בין, וויאזוי וואלט דער אייבישטער זיך אפגערעכנט מיט די אמוריים[3], און ווען נישט דעם פראש וויאזוי וואלט ער זיך אפגעצאלט פון די מצריים, ווי עס שטייט אין פסוק ביי די מכה פון צפרדע[4], "הִנֵּה אָנֹכִי נֹגֵף - אט וועל איך אנגריפן, וכו'" - וואס מיינט 'הִנֵּה אָנֹכִי נֹגֵף' - דער אייבישטער זאגט, איך שטיפ ארויף אויף דיר די מכות, ווי דער פסוק זאגט[5], "וְכִי יִגֹּף שׁוֹר (את) אִישׁ", עכ"ל. זעהסטו דא בפירוש, אז אלע פגעין און מרעין בישין, די אלע צרות זענען א טויש אנשטאט די ווערטער פון די נביאים).

המשך בגליון הבא אי"ה

[371] ע"פ המשל שסיפר לעיל בשם המלבי"ם
[1] אות א-ב
[2] קהלת ה, ח
[3] שמות כג, כח "ושלחתי את הצרעה"
[4] שמות ז, כז
[5] שמות כא, לה

נעמט א חלק אין ארויסגעבן דעם גליון און מזכה זיין אידן וואס ווילן מקיים זיין דעם
"כִּי רָצוּ עֲבָדֶיךָ אֶת אֲבָנֶיהָ וְאֶת עֲפָרָהּ יְחֹנֵנוּ" און לעכצן פאר אהבת ארץ הקדושה בדרך התורה.
**א וואך איז $100 - קען זיין לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**

לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר רבי אברהם אבן עזרא
כבול, גליל

רבי אברהם בן מאיר אבן עזרא איז געבוירען געווארן בשנת ד'תתמ"ט (1089) אין טאדעלא, שפאניע, אינעם תקופה וואס ווערט פארצייכענט אלס די "פיער הונדערט גאלדענע יארן" פון שפאניע.

ער איז געווען פון די גרויסע מפרשי התנ"ך, און אויך געשריבען עטליכע ספרים אויף דקדוק, שרשי המצות, מאטעמאטיק, און נאך. ער איז געווען וועלט באוויסט אין די חכמות פון אסטראנאמיע, מאטעמאטיקע, און אסטרולוגיע. ווי אויך אלס א ווינדערליכע משורר מיט טיפזיניגע פיוטים.

ער האט מחבר געווען דעם קינה "אֲהָהּ יָרַד עֲלֵי סְפָרַד" ווי ער רעכנט אויס און קלאגט אויף די חרבנות פון גאנצע קהילות אין שפאניע און אין צפון אפריקע, וואס זענען חרוב געווארן דורך די מאהרישע מסולמענער אונטער דעם סולטאן אל-מוואחידאן. עטליכע פיוטים זענען שירים פיל מיט בענקשאפט פאר ציון. ווי אויך איז באקאנט דעם שיר ווי ער פארציילט איבער זיין מזל פון נישט האבן קיין פרנסה.

צווישן די פיוטים וואס ווערן נאך געזינגען ביז היינט איז באקאנט, 'צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹקִים לְאֵל חָי וכו', לְךָ אֵלִי תְּשׁוּקָתִי וכו', כִּי אֶשְׁמְרָה שַׁבָּת וכו', דעם קינה אֵשׁ תּוּקַד בְּקִרְבִּי וכו', און נאך.

אין יאר ד'תתק"א (1141) האט ער זיך ארויסגעלאזט אויף א לאנגע רייזע, ער איז אדורכגעפארן רוים, טוניס, מאראקא, אלדזשיריע און נאך לענדער. ווי אויך איז ער געווען אין פראנקרייך, ווי ער האט זיך געטראפן מיט רבינו תם, מיט וועם ער האט דערנאך אנגעהאלטען א בריוון אויסטויש. ער ווערט דערמאנט אין עטליכע תוספות (תענית כ, ע"ב, ר"ה יג, ע"א, קידושין לז, ע"ב). דער ראב"ד שרייבט אויף אים אז ער האט באשאפן א ברי' מיט די כח פון ספר היצירה, און עס געוויזן פארן רבינו תם. רוב פון זיינע ספרים האט ער געשריבן אינטערוועגנס דורכאויס זיינע וואנדערונגען.

ער האט זיך צוריקגעקערט קיין שפאניע אין נפטר געווארן אין קאלהורא, (מאנכע זאגן אז ער איז נפטר געווארן אין רוים, למעשה איז דא אסאך חילוקי דעות אין דעם) ראש חודש, א' אדר ד'תתקכ"ז (1167).

די מסורה זאגט אז ער איז נקבר געווארן אין ארץ ישראל אין דעם שטאט כאבול, אזוי ווערט אויך געברענגט אין ספר הדורות.


www.telechofesh.co.il

צו באקומען דעם גליון יעדן וואך דורך אימייל, שרייבט אייך איין: activepage.co.il/trgister1234

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

### קיבוץ גליות

וירמוז עוד אם כסף תלוה את עמי (שמות כב כד). אם תכסוף ותשתוקק לחבר את עמי המפוזרים בין הגויים, לחברם ולקבצם לארצם, את העני עמך לא תהיה לו כנשה, ר"ל אותו העני אשר הוא עמך בגלות לא תשכח, דהיינו השכינה מדת המלכות שזה יהיה עיקר כוונתך עבור גלות השכינה, וכל מגמתך בגאולה עבור גאולת השכינה, לא תשימון עליו נשך היינו הקליפות, שעל ידי העבירות ח"ו רגליה יורדת וכו' (משלי ה ה), כל זה תראה להתבונן והש"י ירחם ויקרב הגאולה במהרה בימינו אמן.

(אגרא דכלא, משפטים)

### לשים לב לקדושת ירושלים

...בשנת היובל הזאת תשובו איש אל אחוזתו (ויקרא כה, יג)... ירושלים שהוא כללות ארץ ישראל נקראת זא"ת ולוקחה מאיש העליון ודבוק בהקדושה, וכשישים כל אחד (מיושבי א"י) אל לבו גודל קדושתה, ולא יסיח דעתו מזה כלל, אז בוודאי יפול עליו אימה ופחד מהבורא ב"ה, ויעבוד אותו בכל לבבו באמת ובתמים. ואז בוודאי בשומו ללבו בחינת זאת הנ"ל ויעבוד כנ"ל, יקיים בשנת היובל הזאת וכו', פי' בזכות הזא"ת תשובו איש כו'. ואם ח"ו לאר, על זה אמר הכתוב וכי ימכר איש את בתו, בת"ו גמטריא זא"ת היא ארץ ישראל, ימכור לאמ"ה שהיא ישמעאל בן האמה, פירוש כשלא ישים נגד פניו ולבו בחינת זא"ת כנ"ל, אז יתמסר לישמעאל בן האמה, לא תצא כצאת העבדים, פירוש אינה מוציאה אפילו כמו שמוציאים העבדים, פירוש שאר הארצות שנקראים עבדים לא"י.

(בת עין, פר' משפטים)

### גבוה מכל הארצות

אמר הבעל שם טוב, 'ארץ ישראל' רצה לומר אפילו הארציות של ישראל, גבוה מכל הארצות. (קידושין סט ע"ב).

(יטב לב פר' משפטים, ד"ה א"י לא תהיה)

### ארבע אמות בארץ ישראל

כשעלה לארץ הקודש בעל ה'שפע חיים' מצאנז - קלויזנבורג זצ"ל, נכנס לבקר בבית מרן הגרי"ז הלוי מבריסק זצ"ל. במהלך הביקור אמר הרבי כי הנה חז"ל אומרים במסכת כתובות (קיא.) "כל המהלך ארבע אמות בארץ ישראל מובטח לו כי הוא בן עולם הבא". סיבת הדבר ניתן לפרש על דרך הדרוש, כי בארץ ישראל יכולים לפעול בכל ארבע אמות. כל פיסת אדמה טרושה ומגושמת שייך לקיים בה מצוות; פאה, שכחה ולקט. כל הליכה גשמית יכולה להיהפך לרוחנית כשמכוונים לקיים בה מצוה של ארבע אמות חדשות בארץ ישראל.

(לקראת שבת)

בעזהשי"ת

# בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 41

**תרומה - זכור**
ח' אדר תשפ"א
February 20, 2021

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### למה נברא זהב

א"ר שמעון בן לקיש לא היה העולם ראוי להשתמש בזהב. ולמה נברא? בשביל המשכן ובשביל בהמ"ק שנאמר "וזהב הארץ ההיא טוב" כמה דאת אמר (דברים ג, כה) "ההר הטוב הזה והלבנון".

(מדרש רבה, תרומה פר' לה, א)

### אין תורה כתורת ארץ ישראל

ומלקחיה ומחתותיה... היתה מונחת בדרום מפני שרוב החכמה בדרום ונקראת ארץ ישראל ארץ הדרום לפי שהיא מונחת במבחר המקומות באמצע האקלים מז' אקלימים שהעולם נחלק בהם והיא מזוגה יותר מקור וחום ומוכנת לקבל המושכלות, וזהו שדרשו רז"ל (בראשית ב) וזהב הארץ ההיא טוב אין תורה כתורת ארץ ישראל ואין חכמה כחכמת ארץ ישראל ועוד דרשו אוירא דארץ ישראל מחכים.

(רבינו בחיי, תרומה כה, לח)

### קדושת אוירא דארץ ישראל

והענין כי בהיות ישראל על אדמתן היא שמירתן של ישראל אפילו לפרט אחד מן הפרטים, והיינו בהיות השכינה מתלבשת במדריגות קדושות עצמותה למטה עם ישראל, כאמרו כי ה' אלקיך מתהלך בקרב מחניך, והטעם מפני היות אויר ארץ ישראל קדוש בית לשכינה, ובגבול סביב לארץ ישראל קליפה סובבת להגין שלא יכנסו אליה שום רשות מן הרשויות החיצונים, כאוהל מתוח עליה שלא יעבור הגבול ההוא זר, ואוהל זה כתליו וגבוליו עולים כל אויר ארץ ישראל עד כנגד פתח היכל לבנת הספיר הפתוח תמיד לעולם, ולזה נמצאת ארץ ישראל שער השמים ומלאכי אלהים עולים ויורדים בו ממש מארץ ישראל להיכלות ומהיכלות לארץ ישראל, ושכינה נשלפת מלמעלה למטה על בניה עולה ויורדת וחופפת עליהם כל היום, על ידי המסך המבדיל הנזכר.

(חסד לאברהם, מעין ג, נהר ט)

המשך בדף ב'



מצפה שלושת הימים, רכס איתמר, גבעה 777 © Eitan Melet

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין-פתיחה** - המשך...

איך קען עדות זאגן אויף דאס קלארקייט און ווארהייט פון אונזערע דיבורים, לויט די ווערטער פון אונזערע נביאים הקדושים, זעהט נאר ווי אזוי די נביאים הק' האבן מעורר געווען די הערצער פון אונזערע עלטערן ביים אנהייב פונעם בויען דאס צווייטן בית המקדש. בשעת די אידן זענען געזיצען ליידיג און בטל פון בויען דעם ביהמ"ק, צוליב דאס העצעריי פון די שונאים[6], "וּבַטְּלוּ הִמּוֹ בְּאֶדְרָע וְחָיִל - מען האט זיי געשטערט פון זייער ארבעט מיט כח און געוואלד". האבן די נביאים זיי מעורר געווען בשם ה' און זיי געזאגט[7], "הַעֵת לָכֶם - איז דאס די צייט פאר אייך, אַתֶּם לָשֶׁבֶת בְּבָתֵּיכֶם סְפוּנִים - איר זאלט זיצען אין אייערע הייזער, וְהַבַּיִת הַזֶּה חָרֵב - און די דאזיגע הויז (ביהמ"ק) איז ריאונירט?... שִׂימוּ לְבַבְכֶם עַל דַּרְכֵיכֶם - לייגט צו הארץ אויף אייער וועגן, זְרַעְתֶּם הַרְבֵּה - איר האט פיל איינגעזייט, וְהָבֵא מְעָט - אבער אריינגעברענגט ווייניג, אָכוֹל וְאֵין לְשָׂבְעָה וגו' - איר האט געגעסן אבער נישט צו דער זעט... [8]יַעַן מֶה - פארוואס איז דאס? נְאֻם ה' צְבָאוֹת - זאגט דער ג-ט פון אלע הערשאפטן, יַעַן בֵּיתִי - וועגן מיין הויז, אֲשֶׁר הוּא חָרֵב - וואס איז ריאונירט, וְאַתֶּם רָצִים אִישׁ לְבֵיתוֹ - און איר לויפט, יעדער צו זיין שטוב. עַל כֵּן - וועגן דעם, עֲלֵיכֶם - צוליב אייך, כָּלְאוּ שָׁמַיִם מִטָּל - האבן די הימלען אויפגעהערט צו געבן טוי, וְהָאָרֶץ כָּלְאָה יְבוּלָהּ - און דער ערד האלט צוריק איר געוויקס. וָאֶקְרָא חֹרֶב עַל הָאָרֶץ - און איך האב דערקלערט א טריקעניש אויף דאס לאנד", זעה דארט אין רש"י. נאכדעם ווען זיי זענען נתעורר געווארן צו בויען דעם בית המקדש האט דער נביא זיי געזאגט[9], "וְעַתָּה - און יעצט, שִׂימוּ נָא לְבַבְכֶם - לייגט צו הארץ, מִן הַיּוֹם הַזֶּה וָמָעְלָה - פון דעם היינטיגן טאג און פריער, מִטֶּרֶם שׂוּם - נאך פון פאר עס איז געלייגט געווארן, אֶבֶן אֶל אֶבֶן - א שטיין אויף א שטיין, בְּהֵיכַל ה' - אינעם היכל פון ג-ט. מִהְיוֹתָם בָּא - פון ווען זיי זענען געקומען, אֶל עֲרֵמַת עֶשְׂרִים - צו א הויפן וואס וואלט געדארפט זיין צוואנציג חלקים (אבער איר האט נאר געפינען צעהן) וגו'... [10]מִן הַיּוֹם הַזֶּה אֲבָרֵךְ - אבער פון דעם היינטיגן טאג וועל איך דאס בענטשען וגו'" - דער נביא זאגט, זעהט דעם חילוק פון וואס עס וועט זיין און פון וואס עס איז געווען. וועט איר באמערקען, אז אין דעם זכות פון בויען דעם ביהמ"ק זענען די אלע יסורים און צער געווארן נתהפך צו א ברכה. באמת, נישט נאר בגשמיות אליין זענען זיי געווארן געבענטשט, נאר אויך ברוחניות, זיי זענען דעמאלטס אויך דערהויבן געווארן אין הויעכע מדרגות איבערדרייענדיג אלע שלעכטס צו גוטס, ווי עס איז באוויסט[11]. הגם וואס גלייך ביים אנהייב ווען זיי זענען ארויף קיין ארץ ישראל זענען זיי געווען אין גאר א שוואכע מדרגה, ווייל רוב פון חכמי ישראל זענען דאן איבערגעבליבן אין בבל (און איך, דער מחבר פון דעם ספר, וועל צולייגן נאך עפעס צו די ווערטער פון דעם גאון, בעל "עזרת כהנים", אז נישט נאר זענען זיי געווען אין א קליינע מדרגה, ווי דער גאון האט געשריבן, נאר זיי זענען געווען אין גאר א נידעריגע מדרגה, גאר שוואך. ווי דער רד"ק שרייבט אזוי[12], "דער דור וואס איז ארויפגעגאנגען פון בבל, האבן רוב פון זיי אנגעהאלטן אין נישט קיין גוטע מעשים, זיי זענען געווען פארהייראט צו נישט-אידישע פרויען, ווי מיר זעהן טאקע ווי עזרא[13] האט זיי געמוסר'ט אויף דעם, ווי אויך מלאכי, ווי עס שטייט[14] "וּבָעַל בַּת אֵל נֵכָר - און ער האט געלעבט מיט א פרוי וואס דינט פרעמדע געטער". זיי זענען אויך נישט געווען אפגעהיטן פון חילול שבת און און נאך זאכן, ווי מיז זעהן אין ספר עזרא[15]", עכ"ל. ווי דער פסוק זאגט אין עזרא[16], "נִגְּשׁוּ אֵלַי הַשָּׂרִים לֵאמֹר - די הערן האבן גענעהנט צו מיר, אזוי צו זאגן, לֹא נִבְדְּלוּ הָעָם יִשְׂרָאֵל וְהַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם - דאס פאלק ישראל, און די כהנים מיט די לויים האבן זיך נאכנישט אפגעטיילט, מֵעַמֵּי הָאֲרָצוֹת - פון די פעלקער פון די לענדער, כְּתוֹעֲבֹתֵיהֶם לַכְּנַעֲנִי - פון צו טוהן די אומווערדיגקייטן פון דעם כנעני וגו'". איז דער מצודות מפרש, "ער זאגט דא, אז זיי טוען נאך אלס אזוי ווי די מאוסקייטן פון די כנעניים", עיי"ש. זעה אין קידושין[17] אויפן פסוק[18], "וְאֵלֶּה הָעֹלִים מִתֵּל מֶלַח - און די וואס זענען ארויפגעקומען פון תֵּל מֶלַח וכו'... וְלֹא יָכְלוּ לְהַגִּיד בֵּית אֲבוֹתָם - מען האט נישט געקענט זאגן וועגן זייערע עלטערן, וְזַרְעָם - און אויף זייערע קינדער, אִם מִיִּשְׂרָאֵל הֵם - צו זיי זענען פון די אידן". - 'תֵּל מֶלַח', זאגט די גמרא, אז דאס זענען מענטשען וואס זייערע מעשים זענען געווען גלייך ווי מעשה סדום וואס איז געווארן צו א הויפן זאלץ. איז רש"י מפרש, 'מעשי סדום' - אז זיי האבן עובר געווען אויף גילוי עריות, ווי עס שטייט אין פסוק[19] "רָעִים וְחַטָּאִים", שלעכט מיט זייער גוף, און זינדיג מיט זייער געלט", עכ"ל. קענען מיר פון דא זעהן ווי נידעריג זיי זענען געווען. זעה אין ספורנו (שיר השירים) אויפן פסוק[20], "אֶל גִּנַּת אֱגוֹז יָרַדְתִּי" - אז דער אייבישטער האט זיך אפגערעדט צו חגי, זכריה און מלאכי, אויף די אלע וואס זענען איבערגעבליבן אין בבל און זענען נישט ארויף קיין ארץ ישראל, דער אייבישטער האט געזאגט צו זיי, וויבאלד די אנשי מעשה זענען געבליבן אין בבל און נאר די שוואכסטע זענען ארויף, קען ער נישט מאכן רוען די שכינה צווישן זיי, דערפאר בעהט ער צו זיי אז זיי זאלן שתדל'ן צו די אנשי מעשה אז זיי זאלן אויך ארויפקומען קיין ארץ ישראל, דעמאלטס וועט די שכינה רוען צווישן זיי, עיי"ש. זעה אינעם ספר העקרים פון מהר"י אלבו[21], ווי ער שרייבט, "עס זענען נישט ארויפגעגאנגען מיט עזרא נאר גאר א קליינע צאהל, די גדולי ישראל, די חכמים און מיוחסים זענען אלע געבליבן אין בבל", עכ"ל. די לשון פון רש"י[22] איז "רוב פון זיי זענען געבליבן אין בבל", עיי"ש. רוב אין צאהל און רוב אין קוואליטעט). טאקע נאך עטליכע יארן, איז די מצב געווארן איבערגעדרייט און די תורה איז ארויס נאר פון ציון, און אלעס האט זיך געדרייט ארום דעם ביהמ"ק. זעה אין ספר "פרקי היכלות"[23] וועגן די גרויסקייט פון זייערע מדרגות. נאך זעהן מיר אין דברי חז"ל[24], אז די מענטשען פון בית שמש זענען געשטראפט געווארן מיט א גרויסן עונש צוליב דעם וואס זיי האבן נישט פראבירט נאכצוגיין דעם ארון וואס איז געווען געפאנגען ביי די פלשתים פאר זיבן חדשים. ווי עס ווערט געברענגט אין "יפה תואר" הקצר[25], ווי

המשך בדף ב'

[6] עזרא ד, כג
[7] חגי א, ד-ו
[8] חגי א, ט-י
[9] חגי ב, טו-טז
[10] חגי ב, יט
[11] יומא סט, ע"ב
[12] מלאכי א, א
[13] עזרא פרק ט
[14] מלאכי ב, יא
[15] עזרא פרק ט-י, נחמיה פרק יג-יד
[16] עזרא ט, א
[17] ע, ע"א
[18] עזרא ב, נט
[19] בראשית יג, יג
[20] שיר השירים ו, יא
[21] פרק כב, מאמר ג
[21] כתובות כה, ע"ב
[23] פרק כט-לא
[24] סוטה לה, ע"א-ב, במד"ר פר' ה, ט
[25] מד"ר במדבר פר' ה



יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## בנין ירושלים

אמר רבי חנינא בר פפא, בקש הקב"ה לתת את ירושלים במדה, שנאמר "אומר אנה אתה הולך ויאמר אלי למוד את ירושלים לראות כמה רחבה וכמה ארכה", אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה, רבש"ע הרבה כרכים בראת בעולמך של אומות העולם ולא נתת מדת ארכן ומדת רחבן ירושלים ששמך בתוכה ומקדשך בתוכה וצדיקים בתוכה אתה נותן בה מידה, מיד ויאמר אליו רוץ דבר אל הנער הלז פרזות תשב ירושלים, מרוב אדם ובהמה בתוכה. פי' רש"י, פרזות תשב ירושלים - מה פרזות ההלו אין להם שיעור בבניין ישובן אלא כמה שרוצים בונים, אף ירושלים כן.

(בבא בתרא עה, ב)

## לקבע דירתו בירושלים

וגם בערים יבחר אדם באיזה עיר ידור כאשר כתבתי במקום אחר, ובפרט לדור בארץ ישראל, שהרי אמרו (כתובות קי ב) הדר בארץ ישראל דומה כמי שיש לו אלוה וכו', וידוע שירושלים מקדשת מכל ארץ ישראל, ולכן מי שחשקה נפשו וטורח לשכון כבוד בארצנו יבחר לו הטוב, טוב לקבע דירתו בירושלים עיר הקדש, תבנה ותכונן במהרה בימינו, אם לא שחושב שבעיר אחרת יהיה לו יותר ישוב לעבודת השם יתברך, שאז אפלו ישיבת חוצה לארץ טובה מישיבת ארץ ישראל, כי זה כל האדם שיעבד את בוראו עבודה שלמה עבודה תמה ויהיה הוא משכן אל הקדשה, כדכתיב (שמות כה ח) ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם. ופרשו רבותינו ז"ל בתוכו לא נאמר אלא בתוכם.

(פלא יועץ סט, א)

## ועשו לי מקדש

מצוה צ"ו מתרי"ג מצות לבנות בית הבחירה, שנאמר (שמות כה, ח) ועשו לי מקדש. ומשכן אקרי מקדש, ומקדש אקרי משכן.

(של"ה, תורה שבכתב, תרומה, נר מצוה א)

## ירושלים אינה עיר טבעית

ירושלים אינה עיר טבעית כמו שאר עיר רק היא עיר אלהית במעלתה האלהית ולפיכך אמר הכתוב ושמתי כדכד שמשותיך כי כדכד היא אבן יקרה ולפיכך אמר כי לעתיד למעלת ירושלים שתהיה מעלתה יותר אלהית עוד ממה שהיה קודם וראוי שיהיה בניינה לפי מעלתה מאבנים טובות ויקרות.

(נצח ישראל, פרק נא)

## קדושת ארץ ישראל

על קדושת ארץ ישראל אמרו חז"ל: לעולם ימכור אדם קורות ביתו ויקח מנעלים לרגליו. עד כדי כך חשובות הנעליים לאדם. אבל כשבאים לדרוך על אדמת קודש, להתיישב בארץ ישראל - של נעליך כדאי אפילו להיות בלי נעליים ולהתגורר בארץ ישראל.

(פרדס יוסף)

אם הבנים שמחה - המשך מדף א'

ער שרייבט, אז זיי זענען געשטראפט געווארן אז זיי האבן נישט נאכגעזוכט דעם ארון, ווייל זיי זענען געווען די נענסטע צו די שטעט פון די פלשתים מער ווי פון אלע אנדערע אידן. זאגט דארט דער מדרש[26], "דער אייבישטער האט געזאגט, אויב וואלט איין הינדעלע פון זיי געווארן פארלוירן, וואלטן זיי נאכגעגאנגען אסאך טירען כדי איר צו געפינען, און מיין ארון וכו' - איך וועל שוין אויף אים משגיח זיין", ע"כ. דאס אלעס איז נאר געווען וועגן דעם ארון אליין און אן די לוחות, ווי מיר וועלן שפעטער זעהן, כל שכן אויף דעם גאנצען בית המקדש, מיט די לוחות און די אלע כלי קודש, איז זיכער אז מען דארף דאס נאכזיכען און דורש זיין. עיי"ש ווי ער איז אין דעם ווינדערליך מאריך, וויאזוי עס ליגט אויף יעדן איד א חיוב זיך צו משתדל זיין צו קומען קיין ארץ ישראל כדי זוכה צו זיין צו אויפבויען דעם בית המקדש. ער שרייבט, אז דאס איז שוין מרומז אין ששת ימי בראשית, און דאס איז דער עיקר פון בקשת ישראל און זייער האפענונג, כמאמר חז"ל[27] אויף דעם פסוק[28], "וְכֹל שִׂיחַ הַשָּׂדֶה - און יעדע גרעזעלע אין פעלד, טֶרֶם יִהְיֶה בָאָרֶץ - נאכאיידער עס איז געווען אויף דער ערד" - "אלע תפילות פון די אידן איז נאר וועגן דעם בית המקדש - ווען וועט שוין אויפגעבויט ווערן דאס בית המקדש". נאך האבן חז"ל געזאגט[29], אז דער אייבישטער אליינס, נאך פונעם זמן פון אברהם אבינו, און אפילו נאך פון פאר דעם, האט שוין מתפלל געווען אויף דעם בנין בית המקדש. עס ליגט זיכער אויף אלע אידן, צוזאמען ווי איינס דעם חיוב. אדרבה, יעדער איינער איז גלייך אין דעם, עס איז נישט כשר דורך א יחיד, עס איז א מלאכת רבים און אלע זענען אין איר מחיוב, כדברי הרמב"ם (הלכות בחירה[30]) ווי ער שרייבט, "יעדער איז מחיוב איר צו בויען, און צוהעלפן מיט זייער כח און געלט, מענער און פרויען צוגלייך", עיי"ש. ווי מיר זעהן ביי דוד המלך, ווי ער האט איינקאסירט דאס געלט פון אלע שבטי ישראל צו קויפן דעם פלאץ פארן בית המקדש, און עס איז געווען אן הקפדה דערין אז דאס יסוד פונעם בנין זאל זיין דוקא פון אלע אידן צוזאמען. דער עיקר איז די ערד, ווייל וויבאלד די קרקע-ערד איז פון יעדן - ווערט שוין דערנאך די גאנצע בנין נאכגעשלעפט נאך אים, עיי"ש ווי ער איז זייער מאריך דערין. עס איז קלאר פון מדרש, אז מיר אליין וועלן בויען דעם בית המקדש לעתיד. ער שרייבט, אז ער האט דאס פארגעלייגט פאר כבוד קדושת הגאון, הרב הקדוש, בוצינא קדישא חסידא פרישא, אדמו"ר שליט"א, און ער האט אים בפירוש געזאגט, מיט זיין הייליגן מויל, אז מיר אליין וועלן בויען דעם ביהמ"ק, דערנאך ווען עס וועט זיין דער תיקון גמור, דורך ביאת משיח, וועט געבויט ווערן פון זיך אליין מן השמים דעם בנין יחזקאל, עיי"ש אז אזוי האט ער געהערט מפי האדמו"ר מהר"י מראדזין זצוק"ל. עכ"ל הגאון בעל "עזרת כהנים", וואס זיין ספר איז געדריקט געווארן בשנת תרל"ב.

**ב.** דאס וואס איך האב אראפגעברענגט פון האדמו"ר מראדזין ז"ל, אז קודם וועלן מיר בויען דעם ביהמ"ק נאך פאר ביאת משיח, אויף דעם וועל איך שפעטער מער מאריך זיין אין דעם אי"ה, און איך וועל אראפברענגן אז עס שטייט אויך אזוי אינעם ספר "אספקלריא המאירה" אויפן זוהר (פר' שופטים).

עס איז אבער א פלא אויף די אלע גדולים, ווי אזוי האבן זיי נישט געדענקט אז עס איז אזוי געברענגט בפירוש אין תיקוני זוהר (תיקון כא), אז מתחילה וועט די ביהמ"ק געבויט ווערן דורך מענטשן, און נאכדעם וואס עס וועט זיין דער גמר התיקון, וועט עס אראפקומען פון הימל און עס וועט רוען אויפן בנין וואס איז געבויט געווארן דורך מעשי ידינו, אזוי אויך שטייט אין ספר "האמונות והדעות" לרבינו סעדיה גאון[32], אז קודם וועט דאס ביהמ"ק געבויט ווערן מיט'ן רשות פון די מלכיות, און דאס וועט זיין א הכנה צו דעם בנין וואס וועט קומען מן השמים, עיי"ש. אזוי איז אויך אין פסיקתא[33], עיי"ש אינעם ביאור פון הגאון ר' זלמן מרגליות, אזוי איז אויך אין ירושלמי, ווי איך האב שוין פריער אראפגעברענגט.

המשך בגליון הבא אי"ה

[26] ב"ר פר' נד, אות ד
[27] ב"ר פר' יג, אות ב
[28] בראשית ב, ה
[29] ב"ר פר' נו, אות י
[30] פרק א, הלכה יב
[31] שמות כא, לה
[32] מאמר שמיני, פרק ה-ו
[33] פיסקא "קומו אורי"

נעמט א חלק אין ארויסגעבן דעם גליון און מזכה זיין אידן וואס ווילן מקיים זיין דעם
"כִּי רָצוּ עֲבָדֶיךָ אֶת אֲבָנֶיהָ וְאֶת עֲפָרָהּ יְחֹנֵנוּ" און לעכצן פאר אהבת ארץ הקדושה בדרך התורה.
**א וואך איז $100 - קען זיין לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**

לְאָרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ
באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר מרדכי ואסתר

ברעם, גליל העליון

דעם קבר פון מרדכי הצדיק און אסתר המלכה איז א מחלוקה ווי דאס איז, וויבאלד עס ווערט נישט געברענגט אין תנ"ך ווי מען האט זיי באערדיגט. עס איז באקאנט עטליכע מסורות פון רייזענדער פון די מיטל-אלטער יארן אויף דעם פלאץ פון זייער קבורה. די צוויי באקאנסטע פלעצער איז אדער אין האמדאן, איראן, אדער אין דעם ישוב ברעם אינעם גליל העליון אין ארץ ישראל.

דעם גרויסן מאזעלעאום אין האמדאן ווערט געברענגט דורך דעם וועלט רייזענדער רבי בנימין פון טודעלא. לויט די מסורה פון די אידן אין איראן, איז מרדכי און אסתר אנטלאפן קיין האמדאן צוליב דעם וואס עס זענען געווען גוים וואס נאך דעם וואס אחשוורוש איז געשטארבען, האבן זיי געוואלט זיי הרג'ענען אלס נקמה פאר המן'ס טויט. זיי זענען דארט נפטר געווארן בשיבה טובה. יעדן פורים קומען זיך דארט צוזאם טויזענטער אידן און ליינען די מגילה. דעם גרויסן בנין איבער די קברים איז געבויט געווארן אין דעם 16טען יאר הונדערט (1500s).

אין יאר תשע"א האבן טויזענטער איראנער פראטעסטירט אז די איראנער רעגירונג זאל אראפנעמען די ספעציעלע שמירה פון דעם פלאץ, אלס נקמה אויף דעם וואס ביי די נס פורים, האבן אידן אויסגעהרג'ט טויזענטער פרס'ישע גוים פון שושן און פרס.

צווישן די אנדערע פלעצער וואס ווערן דערמאנט, איז די אור-אלטע שטאט שושן, אין איראן, ברעם, צפת, עורבא, און גוש חלב, די לעצטע פיר פלעצער אין ארץ ישראל.

אין יאר ד'תתקע"ה (1215) האט דער רייזענדער רבי מנחם החברוני געשריבן אז לויט די אידישע מסורה האט אסתר המלכה געהייסן איר זוהן כורש איר ארויפצופירן און באערדיגן אין ארץ ישראל, און מען האט איר מקבר געווען אין ברעם. אויך שפעטערדיגע רייזענדער שרייבן דערוועגן און צייכענען אן אז די אידן גייען צום קבר אין רעכטען דארט אפ פייערינגען ביום שושן פורים. למעשה היינט צו-טאגס קומען אידן באזוכען דעם קבר, אפילו די מסורה ווייזט אן נאר אויף קבורת אסתר און נישט אויף מרדכי, איז אבער אנגענומען אז ביידע קברים געפינען זיך דארט.

די קברים זענען ביים ארייננגאנג פון דרום זייט צום ישוב ברעם, נישט ווייט פון די קברים פון מר זוטרא, נחמן קטופא און עובדיה הנביא.



דעם קבר פון מרדכי און אסתר אין ברעם

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצובערענגן שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 42

תצוה - פורים
שושן פורים בחו"ל
ט"ו אדר תשפ"א
February 27, 2021

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### מירושלים יתן קולו

דבר אחר אריה שאג אמרי רבנן בשם רבי הושעיא שאל בלצא את רבי עקיבא אמר לו מהיכן הרעש נעשה אמר לו בשעה שהקדוש ברוך הוא מסתכל בבתי עבודת כוכבים ובעובדיה היאך נתונין בשקט ובשלוה בעולם ורואה ביתו חרב ונתון בידם של עובדי כוכבים כביכול הוא מקנא ושואג ומיד השמים והארץ רועשים שנאמר (יואל ד , טז) "מציון ישאג ומירושלים יתן קולו" וישראל מה היו עושין כביכול הוא מגין עליהם שנאמר "וה' מחסה לעמו".

(שמות רבה, כט, ט)

### יציאה מארץ ישראל

"אשר הגלה וגו'" (פסוק ו). כתב זה שלא תאמר שיצא חוץ לארץ ישראל מדעתו, ודבר זה אינו ראוי לצדיק. ועל זה אמר "אשר הגלה", ולא יצא חוץ לארץ מדעתו. ושלא יקשה כיון שהיה מרדכי מוכן לגאולה באחרונה, אם כן היה ראוי שלא ילך בגולה הוא בעצמו. ועל זה אמר "שהוגלה עם יכניה מלך כו'", ועם יכניה הוגלה החרש והמסגר (מ"ב כד, יד), שכיון שפותחין פיהם הכל נעשו כחרשין, ובשעה שהן סוגרין, שוב אין פותח (גיטין פח.). ולכך הוגלה להיות עם אנשי התורה, ולא היה רוצה לפרוש מן התורה.

(אור חדש, אסתר ב, ו)

### בשבח ארץ ישראל

....ובמה שאמרנו יובן מה שכתבו הפוסקים [עיין ברבינו נסים ריש מגילה בשם הרמב"ן] שהטעם שחלקו במצוה זו בין עיירות לכרכים הוא כדי שיהיה זכרון לארץ ישראל בנס זה. וקשה דמה שבח הוא זה לארץ ישראל אם אדרבא העיירות הם הראשונים שעושים יום י"ד והכרכים הם האחרונים שעושים יום ט"ו, ואיפכא מסתברא. אלא לפי שהנו"ן רומזת על הנפילה והסמ"ך על הסמיכה, כדכתיב [תהלים קמ"ה ט"ו] סומך ה' לכל הנופלים וכתיב [שם כ' ג'] ישלח עזרך מקדש ומציון יסעדך, ונמצא בזה שכח גדול לארץ ישראל שמשם דוקא באה התשועה, ולכן הם עושים היום

המשך בדף ב'



חומת ירושלים, עיר העתיקה

© Moishy Falk

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין-פתיחה** - המשך...

לויט מיין שכל וועל איך מסביר זיין די זאכן, פארוואס דארף דאס אזוי זיין אז קודם וועלן מיר דארפן בויען דעם בית המקדש, און דערנאך וועט אראפקומען פון אויבן א בית המקדש העליון אויף דעם בית המקדש שלמטה, לויט דברי רבינו השל"ה (בדרוש לפר' תצוה[34]), ווי ער שרייבט, "קודם וועל איך מקדים זיין א הקדמה, עס איז באוויסט דאס דביקות וואס דער אייבישטער האט צו אונז און וואס מיר האבן צו אים. און מיר זענען די וואס זענען גורם דעם גרויסן דביקות וואס ער האט צו אונז, דורך דעם התעוררות מלמטה - וואס דאס וועט מעורר זיין א שפע רב מלמעלה. מיט דעם ווערט פארענטפערט דאס וואס רש"י האט געשריבן (פר' משפטים), אויפן פסוק[35] "וְלַהֲבִיאֲךָ - דיר אריינצוברענגען, אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר הֲכִנֹתִי - צו דעם פלאץ וואס איך האב אנגעגרייט", וז"ל, 'מיין פלאץ איז שוין באקאנט אלס פונקט אנטקעגן איבער, און דאס איז איינע פון די פלעצער אין די תורה ווי מיר זעהן אז די בית המקדש שלמעלה איז מכוון אנטקעגן דעם בית המקדש מלמטה'. איז שווער, ווער איז אנגעוואנדען אין וועם, געווענטליך איז דער קלענערער אנגעוואנדען אינעם גרעסערן, וואלט ער געדארפט שרייבן אז דער בית המקדש שלמטה איז מכוון אנטקעגן בית המקדש שלמעלה. נאך איז שווער די רישא צום סיפא, ער הייבט אן זאגן 'כבר מקומו ניכר' - דעם אייבירשטענס פלאץ איז שוין באקאנט - קומט אויס אז דער ביהמ"ק למעלה איז פריער, נאכדעם זאגט ער 'מכוון נגד שלמטה' - פון דעם איז משמע, כאילו דעם ביהמ"ק מלמטה איז געווען קודם, ח"ו. נאר דער ענין איז, דער ביהמ"ק מלמעלה איז פון פריער, האט דער אייבישטער באפוילען צו מאכען א ביהמ"ק שלמטה מיט די סודות פונעם בית המקדש למעלה, וואס דורך די עבודה פונעם ביהמ"ק למטה, וועלן מיר זיין גרייט צו מקבל זיין השפעות פון דעם מקדש שלמעלה. און די דאזיגע השפעה קומט נישט אראפ פון אויבן נאר אויב עס קומט קודם ארויף אן התעוררות פון אן הכנה פון דא אונטן. און לגבי דעם ענין פון דאס אראפנידערען פון די השפעות, איז דער ביהמ"ק למעלה מכוון אנטקעגן דעם ביהמ"ק למטה, ווייל קודם דארף ארויפגיין אן התעוררות פון דא אונטען, דעמאלטס דארף מען זיין גרייט צו מקבל זיין די שפע פון אויבן. דאס איז חז"ל מרמז מיט די הלכה[36], אז אפילו דאס פייער פון מזבח קומט אראפ פון אויבן, צריך להביא מן ההדיוט - מוז מען אבער ברענגען דאס פייער פון דא אונטען, ווייל מיט דעם וואס מיר ברענגן צו דאס פייער מלמטה, איז דאס מעורר דעם אש הרוחני מלמעלה", עכ"ד הקדושים.

זעהן מיר, אז אויב מיר ווילן זוכה זיין צו שפע מלמעלה, דארף קודם קומען אן התעוררות פון אונזער זייט דא אונטען, צוליב דעם האט אונז דער אייבישטער באפוילן צו בויען א בית המקדש למטה. לויט דעם קענען מיר גוט פארשטיין, אז דאס איז זיכער אז פאר דעם גמר התיקון פון ביאת המשיח, וועלן מיר נישט זוכה זיין דורך דעם ביהמ"ק וואס מיר וועלן דא בויען נאר צו די השפעה פון דעם ביהמ"ק מלמעלה, וואס דורך אונזער התעוררות דא למטה וועלן מיר ממשיך זיין רוחניות'דיג השפעות פונעם בית המקדש שלמעלה. אבער ווען מיר וועלן זוכה זיין צום גאנצען תיקון, ערשט דאן וועלן מיר זוכה זיין אז דער בית המקדש פון אויבן וועט אראפקומען און רוען אויפן בית המקדש שלמטה. נישט נאר די השפעות, אזוי ווי עס איז אמאהל געווען ביי די ערשטע און צווייטע בית המקדש, נאר ממש דער בנין אליינס וועט יורד זיין פון אויבן, דאס מיינט אז דער אייבישטער וועט איבערלאזן די עולמות עליונים און מאכן זיין משכן בתחתונים, אויף די אונטערשטע וועלט, וואס דאס איז געווען דער גאנצער תכלית פון דעם וועלט באשאף. אבער צו זוכה זיין דערצו, דארף קודם קומען אן התעוררות מלמטה, ווי עס ווערט געברענגט אינעם ספר השל"ה, אז אזוי ארבעט דאס דביקות וואס דער אייבישטער האט צו אונז, וועגן דעם וועט מוזען זיין אז מיר זאלן דארפן קודם בויען דעם ביהמ"ק שלמטה. אזוי זעהט מיר אויס פארשטענדליך דעם ענין. ועפ"י דברי רבינו השל"ה זענען די זאכן קלאר און אמת, ודו"ק.

**ג.** מיט דעם קען מען אויף פארשטיין, דאס וואס איך האב אויבן אראפגעברענגט פונעם מדרש, אז דער אייבישטער איז מתפלל אויפן בנין בית המקדש. לכאורה צוליב וואס דארף דער אייבישטער מתפלל זיין אויף דעם, עס ווענדט זיך דאך אין אים אראפ צוברענגען דעם ביהמ"ק למטה, ווען ער וויל קען ער דאס טוהן? אבער לויט וואס מיר האבן פריער גערעדט פון, אז אלעס ווענדט זיך אין אונזער התעוררות מלמטה, פארשטייט מען גוט אז דער אייבישטער איז מתפלל, ער בעהט אז מיר זאלן שוין האבן דעם התעוררות, אז מיר זאלן שוין בויען דעם בית המקדש שלמטה, כדי ער זאל דערנאך קענען אראפברענגען דעם ביהמ"ק מלמעלה אויף דעם ביהמ"ק שלמטה. עס איז באוויסט, אז פאר דעם בנין בית המקדש, דארפן זיך די אידן קודם צוזאמנעמען דארט, ווי איך האב שוין אראפגעברענגט פריער פון חז"ל און רמב"ם. אויב אזוי, דאס וואס איך האב אראפגעברענגט בשם דעם "עזרת כהנים", וועגן דעם עונש צוליב וואס מען איז נאכגעלאזט אין דעם ענין פון קיבוץ ישראל אין ארץ ישראל, א יעדע קיבוץ ישראל וואס אידן פארזאמלען זיך אין ארץ ישראל איז זייער חשוב בעיני ה', און מען טאר דאס נישט אוועק מאכן. ווי דער מאמר פונעם נביא[37] "מִי בַז - ווער עס פארשעמט, לְיוֹם קְטַנּוֹת - אלס א קליינעם טאג (צוליב דעם קלענערן געבוי פון דעם צווייטן ביהמ"ק)", טייטשט דער אבן עזרא, ער איז מבזה קלענערע ישועות, ער האלט דאס ווי א קליינע זאך. שטייט ווייטער[38] "וְהָיָה - און עס וועט זיין, כַּאֲשֶׁר הֱיִיתֶם - אזוי ווי איר זענט געווען, קְלָלָה בַּגּוֹיִם - א שעלטונג צווישן די פעלקער, בֵּית יְהוּדָה וּבֵית יִשְׂרָאֵל - די הויז פון יהודה און ישראל, כֵּן אוֹשִׁיעַ אֶתְכֶם - אזוי וועל איך אייך העלפן, וִהְיִיתֶם בְּרָכָה - און איר וועט זיין צו א בענטשונג, אַל תִּירָאוּ - האט נישט קיין מורא, תֶּחֱזַקְנָה יְדֵיכֶם - שטארקט אייך אייערע הענט". שרייבט דארט דער "מצודת דוד", 'אַל תִּירָאוּ' האט נישט קיין מורא פון די וואס פארמינערען דעם כבוד הבית און איר וויכטיגקייט, איר זאלט אייך נאר שטארקן אייער האנט זיך אנצוהאלטן אינעם בנין און איר צוענדיגן, ווי עס שטייט ווייטער "אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר תַּעֲשׂוּ".

המשך בדף ב'

---

[34] של"ה ח"ב
[35] שמות כג, כ
[36] יומא כא, ע"ב
[37] זכריה ד, י
[38] זכריה ח, יג

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

און נאכדעם וואס עס וועט דארט זיין א פארזאמלונג פון אידן און מען וועט בויען דאס לאנד, וועט זיין דער בנין דורך די וואס וועלן געבענטשט ווערן בגופניות וברוחניות, כדברי העזרת הכהנים הנ"ל, ווייל דער אייבישטער וועט אויף דעם משגיח זיין בעין פקיחא. דער נביא זאגט אזוי בפירוש[39], "עַל אֶבֶן אַחַת שִׁבְעָה עֵינָיִם - אויף איין שטיין וועט זיין זיבן אויגן", דאס מיינט אז דער אייבישטער וועט אפהיטן יענעם בנין, "הִנְנִי מְפַתֵּחַ פִּתֻּחָהּ - איך וועל אויפקריצן איר קריצונג, נְאֻם ה' צְבָאוֹת - זאגט דער אייבישטער פון די הערשאפטן", דער אייבישטער אליינס וועט אויסקריצן צורות אויף די שטיינער זיי שיין צו מאכן, דאס מיינט אז דער אייבישטער וועט געבן כח און הילף אויף די ארבעט. שטייט ווייטער, "וּמַשְׁתִּי - איך וועל אפטוהן, אֶת עֲוֹן הָאָרֶץ הַהִיא - דעם זינד פון יענעם לאנד, בְּיוֹם אֶחָד - אין איין טאג", ער זאגט, אויפאיינמאהל וועל איך אראפנעמען דעם זינד פונעם לאנד, ווייל איך וועל אין זיי באנייען א רוח נכון און זיי וועלן מער נישט זינדיגן, מען וועט ביי זיי מער נישט טרעפן קיין זינד", זעה דארט אין די מפרשים. די כוונה פון דעם נביא איז זייער קלאר, אז מען זאל נישט מקטרג זיין אויפן בנין - אז די בויער פונעם לאנד זענען נישט גוט און פיל מיט זינד, און צוליב דעם ווילן זיי זיך נישט משתתף זיין מיט זיי, אויף דעם זאגט דער נביא, אז דער אייבישטער איז מבטיח אז ער וועט אפטוהן און אראפנעמען דאס זינד אין איין טאג, אז פלוצלינג אין איין טאג וועלן זיי זיך טרעפן אז זיי זענען נהפך געווארן לטובה, און מען וועט נישט טרעפן ביי זיי קיין זינד, און א נייע גייסט וועט פליסען אין זייערע הערצער צו טוהן נאר דעם רצון פונעם אייבירשטען. (ווי דאס שפרעך ווערטל, אין איין מארגן, וועט מען זיך אויפוואכן פון שלאף).

זאלסט דיר נישט ווינדערן, ווי אזוי איז דאס מעגליך אז א דור ווי יעצט וואס איז פיל מיט חטאים און עוונות זאלן פלוצלינג גוט מאכן זייערע מעשים? וועגן דעם וועט דאס טאקע זיין מיטן כח פון הקב"ה, וואס וועט באנייען זייער ווילן צו טוהן נאר דעם רצון ה'. אויף דעם קומט דער פריערדערמאנטען צוזאג פון 'וּמַשְׁתִּי אֶת עֲוֹן הָאָרֶץ הַהִיא בְּיוֹם אֶחָד'. נאך מער פון דעם שרייבט דער רשב"ם[40], עס קען אדורכגיין ניין הונדערט יאר וואס מען דערצערנט דעם אייבירשטען, און דער טויזענסטער דור וועט זיין גאנץ, עיי"ש.

נאך וואס דער נביא האט אזוי מבטיח געווען בשם ה', האבן מיר נישט זיך וואס צו קליגן דערויף צו זאגן אז די בויער פונעם לאנד געפעלן אונז נישט, און מיר ווילן נישט זיך משתתף זיין מיט זיי ווייל זיי זענען עובר על רצונו יתברך. זאלסט וויסן, אז דאס איז נאר א אויגן פארבלענדעניש פון דעם ס"ם, ר"ל, זיי וויל צוריק האלטן דעם בויען פון האבן אונזער פולער הסכמה, אדער אז עס זאל זיין רוב וואס טוען די מצוה, ווייל עס איז נישט גלייך ווען נאר א מועט טוט די מצוה צו ווען רוב טוען א מצוה[41]. ווייל מיר דארפן טוהן דאס אונזעריגע, און נישט נאכלאזן דערין, און מיר דארפן זיך משתתף זיין מיט די אלע וואס בויען איר, און דער אייבישטער וועט זיך טוהן דאס זייניגע צו מקיים זיין דעם 'וּמַשְׁתִּי אֶת עֲוֹן הָאָרֶץ הַהִיא בְּיוֹם אֶחָד'. דאס איז אמת און קלאר לאמיתה של תורה. און דער וואס וועט זיך מתרשל זיין אין דעם, קען אריינפאלען אין א עונש גדול ווי איך האב אראפגעברענגט פונעם "עזרת כהנים". דאס איז דער גורם צו די אלע צרות וואס איז יעצט צו אונז אנגעקומען, ווייל מיר האבן מסיח דעת געווען פון ארץ ישראל, וואס דער אויגן פון אונזער באשעפער איז אין איר[42] מעולם עד עולם. נישט נאר דאס, נאר מיר האבן מבזה געווען און בארעדט די וואס טוען איר בויען. ווילאנג מיר וועלן נישט צוריקציען פון דעם געדאנק ח"ו, וועט זיך די צרות נאך שטארקן אויף אונז ח"ו. די אלע צרות וואס האבן אונז באטראפן, דאס זענען אנשטאט די רייד פון די נביאים וואס פלעגן אונז מוסר זאגן, זיי פלעגן אונז מוכיח זיין, און וועקן אונזערע הערצער אז מיר זאלן זיך דערוועקן פון שלאף אז מיר זאלן אנהייבן טראכטן פון זיך צוריקקערן צו ארצינו הקדושה. ווי איך האב אויבן אראפגעברענגט פון מדרש אז די צרות זענען שלוחי ה' אנשטאט די נביאים, און ווי דער "עזרת הכהנים" האט אראפגעברענגט פונעם זוה"ק.

המשך בגליון הבא אי"ה

[39] זכריה ג, ט
[40] פר' ואתחנן, דברים ז, י
[41] תו"כ ויקרא כו, ח
[42] דברים יא, יב

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

השני שהוא נגד הסמ"ך והעיירות עושים יום י"ד שהוא נגד הנו"ן.

(זרע שמשון, אסתר אות טו)

## פירותיו מתוקין

גן עדן, אמר ריש לקיש, אם בארץ ישראל הוא, בית שאן פתחו... פי' רש"י: שפירותיו מתוקין מכל ארץ ישראל.

(עירובין יט ע"א)

## כיסופין לעלות לארץ הקודש

מעשה ובאו תלמידיו של רבי פנחס מקוריץ נ"ע ללמד ארחות חיים ודרכי נפש האדם. אמר להם צאו וראו ארבעה סימנים מבהקים לדעת אם האדם לקה רחמנא לצלן במרה שחרה. האחת שקשה לו להוריד דמעות בבכיה. והשנית שאינו מוצא דרך לעבד הבורא בכל מקרה שעבר. והשלישית שלומד זהר רק לגרס ולצאת ואינו מתענג ומחיה נפשו ברזא דאוריתא. והרביעית שאין נפשו ונשמתו משתוקקת וכוספת לעלות לציון בכל עת ובכל זמן ובכל שעה. הרי לך סימן מבהק שנפל בעצבות ובעמקי מרה שחרה השם יצילנו.

(מדרש פנחס)

## לבטוח רק בה'

אל תבטחו. ע"ד שאמר ירמיה ומהם יסור לבו אלא אם יבטח באדם ישים העיקר האל יתברך שיתן בלב האדם הנדיב בעזרו וכפל הענין במלות שונות שאין לו תשועה שאם לא ברצון האל, אין ביד האדם להושיע חבירו מצרתו כי לה' לבדו התשועה והוא יסובבנה על יד בני אדם המו שסיבב תשועת גלות בבל על ידי כורש, וכן לעתיד יסבב גאולת ישראל על ידי מלכי הגוים שיעיר את רוחם לשלחם כמו שכתוב שהביאו את כל אחיכם מכל הגוים מנחה לה' וזה יהיה לפי שבטחו ישראל בגלותם באל ית' לבדו.

(רד"ק תהלים קמו, ג)

## ירושלים לעתיד

ירושלים תהיה בנויה מכל אבנים טובות ויקרות, ושלוש חומות יקיפוה: אחת של כסף, ואחת של זהב, ואחת של אבן יקרה מאירה בכל מיני צבעונים, וכל חומה וחומה רחבה שש אמות, וחוץ לשלוש חומות אש סביבו. ואלף וארבע מאות ושמונים ושמונה מגדלות של אבן יקרה יסובבוה, ובין כל מגדל ומגדל עשרים ומאה שערים נפתחים בה, ומאה ושלושה עשר אמה אורך השער והוא אבן יקרה אחת. ומאתיים ותשעים ושלושה פתחים מרובעים ישים ברחובותיהם. ואלפיים ושלוש בריכות יהיו בתוכה. ואלף ושמונים וארבע גנות יהיו בכל רהיטי ורהיטי. ואלף בארות ממים חיים ישים בכל פינותיה.

(פסיקתא רבתי, א, ג)

נעמט א חלק אין ארויסגעבן דעם גליון און מזכה זיין אידן וואס ווילן מקיים זיין דעם
"כִּי רָצוּ עֲבָדֶיךָ אֶת אֲבָנֶיהָ וְאֶת עֲפָרָהּ יְחֹנֵנוּ" און לעכצן פאר אהבת ארץ הקדושה בדרך התורה.
**א וואך איז $100 - קען זיין לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**

**לארכה ולרחבה**

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## קבר רבי כרוספדאי התנא

עין ביריה, גליל העליון

דעם קבר איז נתגלה געווארן דורך דעם אר"י הק'. רבי חיים וויטאל שרייבט אין שער הגלגולים אז דער תנא ליגט לעבן צפת אויף א שפיץ בארג, דער הייליגער תנא רבי כרוספדאי ווערט אנגערופען אין זוה"ק 'חמיד ליבא' (זוהר שלח).

רוב רייזענדער און מענטשען האבן אנגענומען אז ער ליגט נישט ווייט פון ביריה, אויף א שפיץ בארג אנטקעגן דעם קבר פון רבי יוסי סאראגוסי, אבער לויט רבי חיים וויטאל זעהט אויס אז דאס קבר איז נענטער צו הר כנען, מזרח צו צפת.

אין ספר שבחי הר"ן ווערט געברענגט, אז ווען רבי נחמן מברסלב זי"ע איז אנגעקומען צו דעם בארג, איז נישט געווען מעגליך ארויפצוגיין מיטן אייזל, איז רבי נחמן אראפגעשפרינגן פונעם אייזל און צוזאמען מיט זיין באגלייטער זענען זיי כמעט געקראכן אויף די הענט און די פיס ביז זיי זענען דארט אנגעקומען.

אין תיקוני זוהר ווערט געברענגט אז שבועות נאכט האט רבי שמעון בר יוחאי געלערנט פון זיין ספר, און דער אייבישטער האט הנאה געהאט דערפון אזוי ווי דעם טאג פון מתן תורה.

אין זוהר ווערט געברענגט אז ווען רבי כרוספדאי איז נפטר געווארן, האבן די חכמים באמערקט אויף זיין פנים ווי טרערן רינען פון זיינע אויגן אבער זיין מויל האט געשמייכעלט. יענעם אוונד האט ער געעפענט די אויגן און געבעטן פאר וואסער, האט ער געזאגט פאר רבי יוחנן און די חכמים אז מארגן וועט ער זיי זאגן וואס ער האט געזעהן אין עולם העליון.

דעם אנדערן טאג האט ער זיי דערציילט, אז מען האט אים דן געווען ביים בית דין של מעלה און מען האט איבערגעקוקט אלע זיינע יארן, און מען האט אים געטראפן גאנץ. און וויבאלד ער פלעגט אייביג מעביר זיין אויף זיינע מדות און נאכגעבן, האט מען אים געלאזט צוריקקומען אויף דער וועלט כדי צו קענען משלים זיין דאס לערנען. די סיבה פארוואס ער האט געוויינט איז געווען ווייל ער האט געזעהן דעם מלאך המוות קומען נעמען זיין נשמה, און ער האט געלאכט ווייל ער האט געזעהן די שכינה לאזט נישט דעם מלאך המוות אים אוועקנעמען.

אויך האט ער פארציילט אז ער האט געהערט אויסרופען אין הימל, וואויל זענען די וואס זענען עוסק אין תורה, וואויל זענען די וואס העלפן אנדערע צו קענען עוסק זיין בתורה, און וואויל פאר די וואס זענען מעביר על מידותם. זי"ע.



דעם קבר פון התנא רבי כרוספדאי

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

גליון מס' 43

כי תשא
כ"ב אדר תשפ"א
March 6, 2021

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### נחלת עולם

ונחלו לעולם. שינחלוה לדורות ואע"פ שיגלו ממנה לא תהיה נחלה לעם אחר כי אם להם לבדם, כענין שכתוב בהבטחת אברהם (בראשית יז, ח) לאחזת עולם, ועוד יכלול ונחלו לעולם שינחלו אותו עולם שהוא מכוון כנגדה, וא"כ יש בכתוב הבטחה בעוה"ז ובעוה"ב.

(רבנו בחיי, שמות לב, יג)

### מעלתו של א"י

וכל הארץ הזאת וגו'. רבו בזה הדרכים ויש מפרשים שהם דברי משה שאמר לפני ה' מה שאמרתי להם וגו', ואפשר לומר כי הוא דברי ה' ופירוש אמרתי לשון מעלה על דרך אומרו (ישעי' ג') אמרו צדיק, וזהו פירוש כל הארץ וגו' אשר רוממתי על כל הארצות אתן וגו', וכן מצינו שאמר הכתוב (דברים י"א י"ב) ארץ אשר וגו' עיני ה' אלהיך וגו', והכוונה בזה להזכיר מעלתם לפניו.

(אור החיים, שמות לב, יג)

### א"י ירושת עולם

ונחלו לעולם (שמות לב, יג). בתורת נחלה דמשמעו שאין לה הפסק. ואפילו בשעה שגולים ממנה הרי היא שלהם אלא שגולים ממנה ולעולם עין ישראל תלוי' לשוב בה. והקב"ה הבטיח ליעקב כל זה כמש"כ בס' בראשית כ"ח ט"ו. וא"כ יש בזה טענה לבטל גזרת כליון שלא תתבטל הנחלה שהיא בטבע הבריאה השייכה לי"ב שבטים. ומה מועיל מה שאני וזרעי לבד יורשים א"י. והרי אין זה נחלה שנבראה הארץ בשביל זה.

(העמק הדבר, שמות לב, יג)

### שבח ארץ ישראל

ראשית בכורי אדמתך. משבעת המינין האמורים בשבח ארצך, ארץ חטה ושערה וגפן וגו' (דברים ח) – ודבש הוא דבש תמרים.

(רש"י, שמות לד, כו)

### לעתיד לבוא

אמר הקדוש ברוך הוא בעולם הזה אני חומה לכם, וכן לעתיד לבוא כשיבנה ציון אני נעשה לה

המשך בדף ב'



עמק בית דגן, שומרון
יחזקאל בלומשטיין ©

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין-פתיחה** - המשך...

אזוי אויך געפינען מיר אין מדרש תנחומא (פר' בהר אות ג'), אויפן ענין פון אלימלך מיט זיינע זוהן, אויפן פסוק[43] "וַיֵּשְׁבוּ שָׁם כְּעֶשֶׂר שָׁנִים - זיי האבן זיך דארט באזעצט פאר צעהן יאר" - די אלע צעהן יאר האט דער אייבישטער זיי געווארענט און געווארט אז זיי זאלן תשובה טוהן און זיך צוריקקערן קיין ארץ ישראל, וויבאלד זיי האבן אבער נישט תשובה געטוהן האט דער אייבישטער זיך קודם אפגערעכנט מיט זייערע בהמות און קעמלען, און אזוי ווי זיי האבן נאך אלס נישט תשובה געטוהן, זענען זיי אליין געשטארבען וכו', עיי"ש. זעהסטו אז די אלע ווארענונגען וואס דער אייבישטער האט זיי געווארענט איז נישט געווען דורך נביאים, מיר זעהן נישט אז מען האט צו זיי געשיקט נביאים, נאר די צרות און געשעהנישן וואס האט מיט זיי פאסירט, דאס זענען געווען אנשטאט די נביאים און דאס האט זיי געברויכט צו וועקן צו טוהן תשובה. און וואס האט געמיינט פאר זיי תשובה? נאר זיך צוריק צוקערן קיין ארץ ישראל. ווי עס איז מפורש אין מדרש. איז וויבאלד זיי האבן נישט תשובה געטוהן מיט דעם, זיי האבן ניטאמאהל דערפילט אז זיי דארפן אויף דעם תשובה טוהן, איז אויף זיי געקומען דער עונש פון פארלירען זייערע פארמעגענס, און דערנאך מיתה ר"ל. נאך שטייט אין מדרש, ביי יעקב אבינו ע"ה, אז ער האט נישט מרגיש געווען צוליב וועלכען חטא ליידט ער זיך אן, און דאס איז אלס געווען ווייל ער האט זיך נישט צוריק געאיילט זיך צוריק צוקערן צו די לאנד פון זיינע עלטערן. עס איז באקאנט[44], אז אלע פאסירונגען וואס האט פאסירט מיט יעקב אבינו זענען סימנים פאר זיינע קינדער באחרית הימים. וועגן דעם, חז"ל האבן אונז געמיינט מיט זייערע ווערטער הנ"ל, אז דאס וואס מיר ווייסן נישט און מיר זענען נישט מרגיש צוליב וואס ליידן מיר אזויפיל, דאס איז אלס ווייל מיר איילען זיך נישט צו זיך צוריק צוקערן לארץ אבותינו.

**ד.** דער רמב"ן שרייבט[45] אויף דאס וואס עס שטייט אין די תוכחה[46], "זֶרַע רַב תּוֹצִיא הַשָּׂדֶה - פיל זאמען וועט דאס פעלד ארויסגעבן, וּמְעַט תֶּאֱסֹף וכו' - אבער ווייניג וועסטו איינזאמלען", די אלע שטראף רייד איז נאר ווען זיי זענען אין לאנד, ווייל אזוי שטייט ווייטער[47] "וְנִסַּחְתֶּם מֵעַל הָאֲדָמָה - איר וועט אויסגעריסן ווערן פון דעם לאנד" וואס דאס מיינט דאס פארטריבן ווערן אין גלות... אבער נאכדעם וואס מיר וועלן שוין זיין אין גלות אין די לענדער פון אונזערע פיינט, וועט אונזער מיה נישט געשאלטען ווערן, נישט אונזערע שאף, נישט אונזערע וויינגערטנער און איילבירטען און נישט אונזערע פלאנצונגען. מיר וועלן זיין אין די גלות לענדער ווי די פעלקער וואס וואוינען דארט, אדער אפילו ווי די גוטע פון צווישן זיי, זיין רחמנות וועט זיין אויף אונז. ווייל מיר האבן א צוזאג פון הקב"ה וואס ער האט אונז געזאגט[48] "וְאַף גַּם זֹאת - טראץ די אלע זאכן, בִּהְיוֹתָם בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם - ווען זיי וועלן זיין אין דעם לאנד פון זייערע פיינט, לֹא מְאַסְתִּים - איך וועל זיך נישט פארמאוס'ן פון זיי, וְלֹא גְעַלְתִּים - און איך וועל זיי נישט אוועקשטיפן, לְכַלֹּתָם - זיי צו פארלענדן, לְהָפֵר בְּרִיתִי אִתָּם - צו פארשטערן דעם בונד וואס איך האב מיט זיי געמאכט, כִּי אֲנִי ה' אֱלֹקֵיהֶם - ווייל איך בין דער באשעפער, אייער ג-ט". איך האב דאס שוין מפרש געווען אין פר' בחקותי[49] דעם סוד פון דעם צוזאג, אז דאס גייט ארויף אויף דעם זמן פון אונזער היינטיגן גלות, עכ"ל.

דער אייבישטער האט אונז צוגעזאגט און געשלאסן מיט אונז א ספעציעלען בונד אויף די צייט וואס מיר וועלן זיך געפינען אין גלות, אז מיר וועלן זיצן רואיג מיט א באקוועמע פרנסה אין די לענדער פון די גוים, אזוי ווי די אנדערע איינוואוינער פון לאנד, און אפשר נאך אזוי ווי די גוטע צווישן זיי. אבער היינט וואס מען האט ביי אונז אוועק גגזל'ט א יעדן רעכט פון לעבן, מען האט פון אונז אוועק גענומען יעדן מצב און שטעלע פון פרנסה, און מען האט אונז צובראכן יעדן מיטל פון פארדינסט, זעהט עס ליידער אויס אז דער אייבישטער האט פון אונז אוועק גענומען דעם דערמאנטען צוזאג הנ"ל, כאילו ווי ער זאגט אונז קלאר, מיין קינד, פון יעצט וויל איך מער נישט אז דו זאלסט דיר אויפהאלטען אין די גלות לענדער, איך טוה אפ מיין האנט פון ענק פון דאס פארזיכערען ענקער זיצן ווייטער אין גלות, נאר שטייט אויף און גייט צוריק צו די שויס פון ענקער מאמע קערט אייך אום צום לאנד פון ענקערע אבות.

זעה אינעם ספר "תועליות הרלב"ג" (בן בתו פונעם רמב"ן, דער של"ה הק' ברענגט אים אראפ אסאך מאהל אין זיין ספר און איז אים זייער משבח) אין פר' לך לך אויפן פסוק[50], "וַיְהִי רָעָב בָּאָרֶץ - עס איז געווען א הונגער אינעם לאנד, וַיֵּרֶד אַבְרָם מִצְרַיְמָה - און אברם האט אראפגענידערט קיין מצרים, לָגוּר שָׁם - דארט צו וואוינען, כִּי כָבֵד הָרָעָב בָּאָרֶץ - ווייל עס איז שווער געווארן דאס הינגער אינעם לאנד", שרייבט ער, מיר זעהן אז אברהם וואס דער אייבישטער האט אים שוין געהאט מבטיח געווען אז ער וועט האבן הצלחה מיט זיין פארמעגן, האט באשלאסן צו אראפגיין קיין מצרים צוליב דעם הינגער וואס איז דאן געווען אין ארץ כנען, ער האט זיך נישט צוריק געהאלטן פון גיין קיין מצרים אפילו דער אייבישטער האט אים באפוילן ער זאל זיך באזעצן אין ארץ כנען. וויל מצות ה' איז נאר כדי צו גוט מאכן פאר דעם מענטש, נישט אז ער זאל לעבן בצער, האט אברהם געוויסט אז יעצט איז דער רצון ה' אז ער זאל זיך אהינציען צו טרעפן זיין עסן. נישט נאר דאס, נאר די כוונה פון אברהם אבינו'ס גיין קיין ארץ כנען איז געווען כדי ער זאל זיין גרייט צו באקומען דעם ג-ט'ליכן שפע, און דאס גייט נישט צוזאמען מיט הינגער און נישט האבן קיין עסן. איז אים געווען בעסער ער זאל גיין קיין מצרים צו טרעפן זיין שפייז ביז עס וועט זיך אויפהערן דאס הינגער, עכ"ד.

זעהן מיר אז אפילו דער אייבישטער האט באפוילן אז אברהם זאל גיין קיין ארץ כנען, פונדעסטוועגן דאך, וויבאלד דער מצב אין לאנד איז דאן געווען שווער און אין מצרים איז געווען גרינגער, האט ער דן געווען פון דעם אז דאס איז יעצט דער רצון ה', ער זאל איבערלאזן ארץ כנען און גיין קיין מצרים, וואס דאס איז טאקע באמת געווען דער רצון הבורא,

המשך בדף ב'

---

[43] רות א, ד
[44] ב"ר פר' ע, אות ו, ועיין ברמב"ן פר וישלח
[45] דברים כח, מב
[46] דברים כח, לח
[47] דברים כח, סג
[48] ויקרא כו, מד
[49] ויקרא כו, טז
[50] בראשית יב, י

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

חומה, שנאמר (זכריה ב, ט) ואני אהיה לה נאם ה' חומת אש סביב ולכבוד אהיה בתוכה, וכן (ישעיה מג, א) קראתי בשמך לי אתה.

(שמות רבה, מ, ד)

## יכוון את לבו

היה עומד בחוץ לארץ יכוין את לבו כנגד ארץ ישראל, שנאמר (מלכים א ח מח) והתפללו אליך דרך ארצם. היה עומד בארץ ישראל יכוין את לבו כנגד ירושלים, שנאמר (מלכים א ח מד) והתפללו אל ה' דרך העיר אשר בחרת. היה עומד בירושלים יכוין את לבו כנגד בית המקדש, שנאמר (דברי הימים ב ו לב) והתפללו אל הבית הזה... נמצאו כל ישראל מכוונין את לבם למקום אחד.

(ברכות ל, ע"א)

## מתי תבנה ותכונן

כי הנה נודע שגם השכינה הקדושה ירדה לגלות עם ישראל וכמאמר חז"ל (מגילה כ"ט.) בכל מקום שגלו ישראל גלתה שכינה עמהם. וענין גלות השכינה הוא גם כן עבור זה שירדה לעמקי הקליפות בכדי להוציא את הנשמות העשוקים שם לבררם ולהעלותם אל הקדושה שעל כן אומרים בקבלת שבת מה תשתוחחי ומה תהמי בך יחסו עניי עמי ונבנתה עיר על תלה כלומר כי הנה הירידה שלך הוא לטובתך ולהנאתך שבך יחסו עניי עמי הם העניים האביונים ניצוצי הקדושה ונשמות העשוקים שמה, שעל ידך יתעלו ויתבררו מעמקי הקליפות ואז ונבנית העיר על תלה, כי אחרי בירורי כל הניצוצין תבנה ותכונן ירושלים כנודע וכמו שאיתא בספרי החכמה.

(באר מים חיים, שמות ל, יב)

## עד שיכלו כל הנשמות שבגוף

...ע"י הנשמות יקויים (שמות כה, ח) ושכנתי בתוכם ותהיה השכינה בישראל, דהיינו לעתיד לימי הגאולה. ועל גילוי השכינה שלעתיד נאמר (ישעיה כה, ט) ואמר ביום ההוא הנה אלהינו זה קוינו לו וגו', ודבר זה תלוי בענין ריבוי השתלשלות הנשמות, ועל דרך שפירש האר"י ז"ל פסוק (שם ס, כב) הקטן יהיה לאלף והצעיר לגוי עצום נאם ה' בעתה אחישנה, וכבר נודע מה שהקשו רבותינו ז"ל (סנהדרין צח, א), אם בעתה דוקא, א"כ מה זה אחישנה. ורבותינו ז"ל פירשו מה שפירשו. והרב ז"ל פירש שרומז למה שאמרו רז"ל (ע"ז ה, א) אין בן דוד בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף, הכוונה כי עתה בגלות לא יש נשמות חדשות על הרוב, ורובא דרובא רק כולם מגולגלים. אבל כשיכלו אלו הנשמות ויבואו נשמות חדשות, אז יהיה הגאולה והתחדשות אור הגנוז ויהיו נשמות חדשות. זהו שאמר הקטן יהיה לאלף וגו', כלומר הש"י אומר אני מפרה ומרבה אותם שיהיו הנולדים הרבה והרבה כדי שיכלו כל הנשמות שבגוף, ואז הוא עת הגאולה. ואומר הקב"ה אני אחישנה, כי הוא יתברך ימהר עת הגאולה...

(של"ה, תורה שבכתב, בראשית, תורה אור נ"ב)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

ווי עס איז מבואר אין מדרש[51], ווייל דער אייבישטער האט אים באפוילן 'לך לך' - גיי און נעם איין דעם וועג פאר דיינע קינדער, און דאס איז א סימן פאר זיינע קינדער לעתיד. עכ"פ, דער אייבישטער האט אים נישט געזאגט בפירוש אז ער זאל אראפנידערן קיין מצרים, נאר פון די סיבות וואס האט זיך אים אזוי אויסגעשטעלט האט ער פארשטאנען פון דעם די כוונה פון דעם בורא.

אזוי איז אויך יעצט אין אונזערע טעג, דער אייבישטער האט אזוי צוגעפירט דאס דריקעניש פון דעם גלות אין די ארצות הגולה, מיט די אלע פארטרייבונגען פון זיי, אז עס איז מער נישט מעגליך צו פארבלייבן דא, לעומת זה האבן זיך אונז געעפענט די טויערן זיך צו קענען צוריק קערן קיין ארץ ירושתינו. פון אונזערע זקנים קענען מיר דאס ארויסלערנען, דהיינו פון אברהם אבינו, און מיט א קל וחומר - מה דאך ביי אים וואס זיין באפעהל אז ער זאל גיין קיין ארץ ישראל איז געקומען פונעם באשעפער, און ער איז שוין אפילו דארט געווען, פונדעסטוועגן דאך צוליב דעם שווערן מצב דארט, האט ער אריינגעטראכט אז עס קען זיין דאס איז דער רצון ה' ער זאל איבערלאזן דאס לאנד און גיין קיין מצרים, ווייל דארט וועט ער טרעפן צו לעבן, אזוי האט ער טאקע געטוהן, ער איז געגאנגען פון ארץ ישראל צו חוץ לארץ. על אחת כמה וכמה מיר, וואס מיר געפינען זיך אין חו"ל און אונזער לעבן דא ווערט אונז אזוי שווער אן נאכלאז, און מען האט געעפענט די שערים און וועגן קיין ארץ ישראל, איז זיכער אז עס וואלט אונז געדארפט גענוג זיין מיט דעם רמז צו וויסן אז דער רצון הבורא איז אז מיר זאלן פארלאזן די גלות לענדער און מיר זאלן צוריק גיין קיין ארץ ישראל. מיט דעם וועלן מיר טוהן אזוי ווי אברהם אבינו ע"ה האט געטוהן, און גאר מיט א העכערע מעלה - ער האט דן געווען פון א שווערע לעבן אין ארץ ישראל צו גיין קיין חו"ל און טאקע אזוי געטוהן, און מיר וועלן גיין פון חו"ל צו ארץ ישראל, וואס דאס וועט זיכער זיין געליבט ביים טאטען אין הימל. וזה אמת וברור לאמיתה של תורה, אן קיין שום שאטן פון א ספק, ח"ו.

**ה.** איך האב געטראפן אינעם הקדמה פונעם ספר "ערך דל" אויף מס' ערכין, פון הגאון החסיד מו"ה מרדכי אליעזר וועבער זצ"ל, וואס ער איז געווען אבדק"ק אדא, פון די גרויסע צאנזער חסידים, צאנזער רב האט אים גערופען פון גרויס ליבשאפט "רב אדא בר אהבה", ער איז ארויף קיין ארץ ישראל אין יאר תרל"ד. איז ער דארט מבאר דעם מאמר חז"ל, דריי גוטע מתנות קומען אן צו א מענטש דורך יסורים, תורה ארץ ישראל און עולם הבא. די גמרא[52] און מדרש[53] ברענגן צו אן עקסטערע פסוק צו יעדן איינע פון די דריי זאכן. פרעגט דער רי"ף אין "עין יעקב", פארוואס דארפן מיר האבן דריי אנדערע פסוקים פאר די דריי זאכען, מען קען דאך די אלע ארויסלערנען פון איין פסוק? ענטפערט הרב הנ"ל, זעהט מיר אויס, עס איז דא סימנים צו די אלע דריי יסורים וואס פון זיי קען א מענטש דערקענען און פארשטיין אז עס איז אצבע אלוקים, און צו וועלכע וועג טוט עס אים נייגן צו גיין, און מיט וועלכע פון די דריי טוט מען אים מרמז זיין זיך צו דערוועקן. אויב פון הימל איז מען אים מעורר צו ארץ הקדושה - ווערן זיינע יסורים שטארק אין דעם פלאץ ווי ער וואוינט און ער פילט אז ער קען מער נישט בלייבן אין דעם לאנד ווי ער געפינט זיך. מען קען טרעפן א ראי' צו דעם פון דברי הרמב"ן על התורה, ווי ער איז מפרש דעם פסוק וואס די גמרא ברענגט אראפ (צו ווייזן אז ארץ ישראל קומט דורך יסורים, ווי עס שטייט[54] "כִּי כַּאֲשֶׁר יְיַסֵּר אִישׁ אֶת בְּנוֹ - ווייל אזוי ווי א מענטש טוט שטראפן זיין קינד, ה' אֱלֹקֶיךָ מְיַסְּרֶךָּ - טוט דער אייבישטער דיך שטראפן", שטייט ווייטער[55] "כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ - ווייל דער אייבישטער דיין ג-ט, מְבִיאֲךָ אֶל אֶרֶץ טוֹבָה - וועט דיר אריינברענגן צום גוטן לאנד", זאגט דארט אויף דעם דער רמב"ן[54]) קודם איז געווען די שוועריקייטן פון דעם מדבר און דעם נסיון פון די מן, אלס אז עס זאל גוט ווערן פארן נפש דעם טוב הארץ און אירע פירות. וועגן דעם שטייט נאכדעם 'כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ מְבִיאֲךָ', עכ"ל הרמב"ן. לערנען מיר פון דעם ארויס, אז מען דארף צו דערקענען פון די תוכן פון די יסורים אז עס טוט אונז ווייזן מיט די פינגער ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל. וועגן דעם ברענגט מען אונז אראפ אין ש"ס דריי עקסטערע פסוקים, אונז צו מאכן פארשטיין די סימני היסורים, צו דערקענען דורך זיי דעם רצון הבורא. דאס מיינט די מאמר חז"ל[56], "קורות ביתו מעידין בו-די באלקענעס פון זיין הויז טוט עדות זאגן אין אים", קורות גייט ארויף אויף פאסירונגען און יסורים, זיי טוען מעיד זיין, אים ווארענען און ווייזן דעם וועג ווי ער זאל גיין, און דארט ווי ער וויל, וועט מען צופירן פון הימל, עכ"ד הגאון החסיד ז"ל, און דאס איז דברי אלוקים חיים אמת.

המשך בגליון הבא אי"ה

[51] ב"ר פרשה מ, אות ו
[52] ברכות ה ע"א
[53] שמו"ר פרשה ה', אות א
[54] דברים ח, ה
[55] דברים ח, ז
[56] תענית יא, ע"א

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר יונה בן אמיתי הנביא

כפר כנה-משהד, גליל העליון

אין ילקוט שמעוני ווערט געברענגט אז ער איז געווען דער "בן הצרפתית" וואס אליהו הנביא האט מחיה מתים געווען (מלכים א' יז, ט). ער איז געווען א תלמיד פון אלישע הנביא און די רבי פון יהוא.

אין זוה"ק ווערט געברענגט אז די אלע גוים וואס זענען געווען מיט יונה הנביא אויפן שיף, האבן זיך מגייר געווען און געווארן גרויסע לייט אין תורה. אין פרקי דרבי אליעזר ווערט געברענגט אז די תפילה "ועל גרי הצדק ועלינו יהמו נא רחמיך" גייט ארויף אויף די גרים וואס האבן זיך מגייר געווען צוליב די וואונדער וואס זיי האבן געזעהן אויפן ים מיט יונה הנביא.

אין ירושלמי (סוכה כב, ב) זעהן מיר אז יונה הנביא האט זוכה געווען צו די נביאה בשעת ער איז געווען ביי שמחת בית השואבה.

אין ספר סדר עולם ווערט געברענגט אז ער האט געלעבט מער פון הונדערט און צוואנציג יאר. אין סדר הדורות ווערט געברענגט אז ער ליגט אין כפר כנה. די קבר איז בערך צוויי ק"מ אנטקעגן איבער דעם כפר כנה אין אן אראבישען דארף "משהד" אויף א בארג, וואס האט געהייסן אין תנ"ך "גת חפר", אין דעם פלאץ איז ער אויך געבוירן געווארן (מלכים ב' יד, כה). זעהט אויס אז די שרייבער האבן ענדערש געשריבן וועגן כפר כנה צוליב וואס דאס איז געווען א גרעסערע דארף און מער באקאנט. עס זענען אויך דא וואס האלטן אז ער איז נקבר געווארן אין קרית ארבע, אדער אין אשדוד, אבער רוב האבן אנגענומען דעם פלאץ אין כפר משהד. די מסולמענער האבן געבויט איבער דעם קבר א מעטשעט (בית תפילה) און היטן דאס פלאץ. דאס ווערט שוין אראפגעברענגט דורך צענדליגער רייזענדער ווי זיי שרייבן אז די אראבער זענען תולה די הצלחה פון זייערע פירות אינעם זכות פונעם נביא.

אין ספר שבילי דירושלים ווערט געברענגט א מעשה, א הער, א שונא ישראל פון כפר כנה וואס האט שטענדיג געזיכט צו שלעכטס טוהן פאר אידן, איז אמאהל אדורך געגאנגען דעם קבר פון יונה הנביא און אט דערזעהט ער פאר זיך א ג-טליכן געשטאלט מיט אן אויסגעשטרעקטן שווערד שטייט פאר אים, ער האט זיך זייער דערשראקן און געבעטן, "מיין האר יונה, פארוואס דערשרעקסטו מיר?" האט ער אים געענטפערט, "איך בין דיר געקומען ווארענען אז דו זאלסט נישט קיין שלעכטס טוהן פאר קיין שום איד". ער האט אנגענומען דעם ווארענונג, און איז אפילו זינט דאן געווארן א גרויסע אוהב ישראל. זי"ע.


דעם מעטשעט איבערן קבר פון יונה הנביא אין משהד

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסגעגעבן שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"וראה" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"יברכך ה'" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולו.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

ויקהל-פקודי

כ"ט אדר תשפ"א

March 13, 2021

גליון מס'

44

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### שריית השכינה

ובהעלות הענן (שמות מ, לו), וכל כך היתה שריית השכינה קבע במשכן שלא היה מסתלק כלל משם עד שהיו ישראל צריכים לנסוע. וזה לא היה בשילה ולא בבית ראשון ולא בבית שני. אבל יותר מזה יהיה בבית שלישי יוב"ב כאמרו ואני אהיה לה חומת אש סביב ולכבוד אהיה בתוכה.

(ספורנו, שמות מ, לו)

### ששון ושמח ימצא בה

וכן דוד אמר (תהלים מח, ג) יפה נוף משוש כל הארץ הר ציון ירכתי צפון קרית מלך רב, יפה נוף משוש כל הארץ. א"ר יוחנן בן אלעזר מעשה היה בפרקמטיוס אחד שהלך לירושלים למכור את שלו הלך וישב שם ולא מכר, אמר זו היא שאומרים עליה משוש כל הארץ. לאחר שעה מכר כל פרקמטיא שלו אמר יפה נוף משוש כל הארץ. א"ר יוחנן כיפה של חשבונות היתה חוץ לירושלים וכל מי שמבקש לחשב הולך לשם. למה? שלא יחשב בירושלים ויצר, לפי שנקראת משוש כל הארץ. וכל השבח הזה למה? שהיא קרית מלך רב. ומשחרבה (ישעיה כד, יא) ערבה השמחה וגלה משוש כל הארץ. מהו ערבה? חשכה קבלה כד"א (בראשית א, ה) ויהי ערב ויהי בקר יום אחד, בעולם הזה. שבת משוש כל הארץ. וכשיבנה הקב"ה את ירושלים הוא מחזר לתוכה את כל השמחה שנאמר (ישעיה נא, ג) כִּי נִחַם ה' צִיּוֹן נִחַם כָּל חָרְבֹתֶיהָ וַיָּשֶׂם מִדְבָּרָהּ כְּעֵדֶן וְעַרְבָתָהּ כְּגַן ה' שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה יִמָּצֵא בָהּ תּוֹדָה וְקוֹל זִמְרָה.

(שמות רבה, נב, ה)

### השראת שכינתו

או יאמר ה' אמר לשכון בערפל (מלכים א' ח יב). דעיקר בנין הבית היה בשביל החורבן והגלות, שאלמלא רושם השראת שכינתו במקום הנבחר, כאמרם (שמו"ר ב' ב') ואף על פי כן לא זזה שכינה מכותל מערבי, ח"ו לא היו יכולים להתקיים, רק על ידי שגם עתה כביכול שורה שם בערפל, זו היא מעמדן ומצבן של ישראל, והבן.

(ישמח משה, פקודי ה')

המשך בדף ב'



סוסיא עתיקה, הרי חברון

© אברהם דוידוביץ

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד

ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר

מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין-פתיחה** - המשך...

יעצט נאך די אלע זאכן, דארפן מיר יעצט נאך באווייזונגען פון הימל, נאך אלעס וואס האט פאסירט מיט אונז אין די דאזיגע צייטן אין די גלות לענדער - אז דער רצון מלכנו מלך מלכי המלכים הקבּ"ה איז אז מיר זאלן זיך צוריק קערן צום הייליגן לאנד? ווײגן דעם האט ער דאס אלעס געטוהן צו אונז, אז עס זאל נישט בלייבן קיין מעגליכקייט צו בלייבן צווישן די פעלקער, דערפאר האט ער אפגעטוהן דעם דערמאנטען הבטחה, ווייל דאס איז דער רצון הבורא אז מיר זאלן נישט בלייבן זיצן אין גלות, נאר מיר זאלן אויפשטיין און זיך שטארקן צוריק צו גיין און באוואוינען אונזער לאנד.

**ו.** יעצט וועסטו קענען פארשטיין וואס עס שטייט געשריבן אין ספר "אהבת יונתן"[57] אויפן פסוק[58] "הִשְׁבַּעְתִּי אֶתְכֶם" - אז כנסת ישראל האט געשריגן מיט א שבועה אז זיי וועלן נישט ארויפגיין קיין ארץ ישראל אפילו די פעלקער וועלן מסכים זיין דערצו, ווייל די קץ פון גלות איז פארהוילן, עיי"ש. אויף די ווערטער האבן זיך סומך געווען אלע די וואס זענען אנטקעגן דעם געוואלדיגן און הייליגן רעיון פון בויען דאס לאנד. אבער לויט וואס איך האב געשריבן ביז יעצט וועסטו פארשטיין אז די ווערטער פונעם "אהבת יונתן" איז טאקע גערעכט ווילאנג עס איז נישטא קיין צייכן פון הימל אז דער אייבישטער וויל אז מיר זאלן איבערלאזן די גלות לענדער, דאס איז אלס ווען עס הערשט א רואיגקייט און מנוחה אין די אידישע וועלט, און די הבטחה פונעם גלות וואס דער רמב"ן האט געשריבן האלט זיך נאך בײ זיי, מען קען נאך זיצן דא מיט מנוחה און פרנסה אזוי ווי עס איז אמאהל געווען, דעמאלטס זענען זיינע ווערטער גערעכט. אבער עס איז נישט אזוי אין אונזער זמן, ווען עס איז מקוים געווארן די ווערטער פונעם נביא[59], "וְהָיָה שְׁאֵרִית יַעֲקֹב בַּגּוֹיִם - די איבערגעבליבענע אידן וועלן זיין צווישן די פעלקער... כְּאַרְיֵה בְּבַהֲמוֹת יַעַר - ווי א לייב בײ די בהמות פונעם וואלד, כִּכְפִיר בְּעֶדְרֵי צֹאן - ווי א לייב בײ די סטאדע שאף, אֲשֶׁר אִם עָבַר - וואס ווען ער גייט דארט פאראיבער, וְרָמַס וְטָרַף - ער צוטרעטה און פארצוקט, וְאֵין מַצִּיל - און עס איז נישטא ווער עס זאל ראטעווען", און פון די צווייטע זייט, געבן אונז די מלכיות רשות אז מיר זאלן זיך צוריק קערן צום הייליגן לאנד, איז דען נאך דא א ספק אין דעם אז דאס איז דער רצון ה' אז מיר זאלן זיך צוריק קערן צו א"י. איך בין זיכער אז אויב וואלט רבינו בעל "אהבת יונתן" געלעבט מיט אונז יעצט אין דעם גלות, און ער וואלט געזעהן אונזער היינטיגע מצב אין דעם ביטערן גלות וואס גייט אויף אונז אריבער, וואלט ער אונז אויך געזאגט; אחינו בני ישראל, עס איז שוין אנגעקומען די צייט אז מיר זאלן ארויפגיין קיין ציון און לאנד פון אונזערע עלטערן, ווייל דאס איז יעצט דער רצון השם, נישט במקרה געשעהנט צו אונז וואס עס געשעהנט צו אונז אין גלות, נאר דאס איז א אצבע אלוקים וואס ווייזט אונז אז

מיר זאלן ארויסגיין פון די גלות לענדער צו ירושת אבותינו.

אזוי אויך וואס דער חת"ס האט געשריבן (בהפטרת שופטים[60]), אז עס האט פאסירט שוין עטליכע מאהל וואס עס וואלט געקענט זיין די גאולה אבער נישט א גאנצע גאולה, אדער אזוי ווי די גאולה פון זמן בית שני, אבער מען וויל דאס נישט, עס איז גוט פאר אידן צו ליידן דעם לענג פונעם גלות, אלס כדאי מען זאל צום סוף האבן די ריכטיגע גאולה שלימה, עכ"ד. ער רעדט אויך נאר ווען עס איז נישטא קיין צייכן פון הימל, און מיר קענען זיצן אין גלות און עוסק זיין בתורה ובמצוות מיט פרנסה און מנוחה, אזוי ווי מיר זעהן פון ספרי רבינו החת"ס, ווי ער שרייבט אז ווײגן דעם זענען די חכמי ישראל נישט ארויף קיין ארץ ישראל, ווייל די גאנצע וועלט איז זיי געווען כדאי, דהיינו זיי האבן דא מנוחה צו קענען זיצן על התורה ועל העבודה, און ווי זיי געפינען זיך איז זייער פלאץ מוקדש פארן אייבערשטען, האבן זיי דא קדושת ארץ ישראל. זעה חידושי חת"ס אין גיטין[61] און אין "ליקוטי חבר בן חיים"[62].

אויך דאס וואס רבינו הקדוש משינאווע ז"ל האט געשריבן אינעם סוף פון זיין ספר "דברי יחזקאל"[63] (איך האב נישט דעם ספר מיט מיר יעצט אז איך זאל עס קענען נאכשרייבן), רעדט ער אויך דארט פון זיינע צייטן ווען מען האט געלעבט במנוחה. אבער עס איז נישט אזוי היינט אין אונזער צייט, וואס מען האט פון אונז וועקגענומען דאס ביסעלע חיות ממש, אויך דער חת"ס, דער בעל "אהבת יונתן" און דער שינאווער רב וועלן היינט מודה זיין, אז יעצט איז א הוראה מן השמים אז מיר זאלן פארלאזן די גלות לענדער, און ארויפגיין צום לאנד אשר ה' אלוקינו דורש אותה, דאס איז יעצט זיין רצון.

אין ירושלמי שטייט[64], אז רב כהנא האט געפרעגט רבי יוחנן, "איינער וואס זיין מאמע פארשעמט אים, אבער די פרוי פון זיין טאטע (שטיף מאמע) איז אים מכבד, צו וועם זאל ער גיין? האט רבי יוחנן געענטפערט, זאל ער גיין צו דעם וואס איז אים מכבד", עכ"ד. (דאס ווערט אראפגעברענגט דורך רש"י אין מס' בבא קמא דף קי"ז, אויך אין ספר סולם בית אל לרבינו יעב"ץ[65]). פאר רב כהנא איז בעסער אויסגעקומען צו זיין אין חוץ לארץ ווי אין ארץ ישראל ווי עס איז מבואר דארט אין ירושלמי, ווײגן דעם האט רבי יוחנן מסכים געווען צו אים אז ער זאל גיין צו חוץ לארץ וואס איז געגליכן צו א שטיף מאמע. דאס איז אויך געווען דעם טעם פון רבותינו בעל "אהבת יונתן", חת"ס און בעל "דברי יחזקאל". אבער יעצט אין אונזער זמן וואס די שטיף מאמע איז אונז נישט מכבד, אדרבה זי איז אונז מבזה, זי האט ארויפגעלייגט דעם אייזערנעם יאך אויף אונזער האלז, וועט א יעדער מודה זיין אז מען זאל גיין צו אונזער מאמע, וואס דאס איז ארץ ישראל.

אזוי האב איך געטראכט און מחלק געווען פון מיר אליינס צווישן דעם זמן פונעם בעל "אהבת יונתן", און דעם חת"ס, וואס עס האט אין זייער צייט געהערשט א מנוחה פאר אידן אין די גלות לענדער, און אונזער זמן וואס עס האט זיך אויף אונז נאר געשטארקט די צרות און גזירות. דערנאך האב איך געזעהן ווי רבינו שרייבט אזוי אליינס אין "אהבת יונתן"[66], "מען קען זאגן, אז לעתיד ווען עס וועט אנקומען דעם זמן

המשך בדף ב'

---

[57] בהפטרת פר' ואתחנן

[58] שיר השירים ב, ז

[59] מיכה ה, ז

[60] תורת משה עה"ת

[61] ד"ה חוץ ממלאכתו

[62] ח"ד, דף כז

[63] רבי יחזקאל האלבערשטאם זצ"ל משינאווע, נולד תקע"ה, נפטר תרנ"ט

[64] ברכות, סוף פרק היה קורא, הלכה ח

[65] סידור בית יעקב

[66] בהפטרת פר' עקב

יוצא לאור ע"י מכון: לִבִּי בְּמִזְרָח, ירושלים עיה"ק

הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך: שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצובריינגען שבח ארץ ישראל

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## הבתים והדירות בא"י

ואחר שגמר התורה אחר־כך בעת השיחה שאלתי אותו מה כונתכם במה שאמרתם שארץ־ישראל היא גדולה כל כך ושזה עקר נצחון המלחמה. וגער בי וענה ואמר כונתי ארץ ישראל הזאת בפשיטות עם אלו הבתים והדירות ואמר בלשון אשכנז בזו הלשון: "אִיךְ מֵיין טַאקֶע דָאס אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל מִיט דִיא שְׁטִיבֶּער מִיט דִיא הַייזֶער". כלומר שכל כונתו במה שהאריך במעלת ארץ־ישראל כונתו כפשוטו על ארץ־ישראל הזאת שבני ישראל נוסעים לשם, שרצונו שכל איש ישראל כל מי שרוצה להיות איש ישראל באמת יסע לארץ־ישראל, ואף־על־פי שיש לו מניעות רבות על־זה, ישבר כל המניעות וילך לשם כי זה עקר נצחון המלחמה כשזוכין לבוא לארץ־ישראל וכו'.

(חיי מוהר"ן ט"ו)

## לדאוג ליופיה

חשוב שגם המועצה וגם התושבים ידאגו כל אחד למה שראוי, ליופיה של ארצנו הקדושה, וכל שכן שמקומנו הוא מקום תורה וזה כבוד התורה. והמשתדלים יתברכו מאדון הברכות. וכ"ש שראוי לשמור על הרכוש הציבורי. כשם שאנו נוהגים לקשט את הסוכה ולדאוג ליופיה, כך ראוי לנו לדאוג לקשט וליפות את ארץ ישראל, שהיא ארץ ה' (הושע ט ג), ובוודאי להיזהר מאוד שלא לכערה. בכל פעם שאדם מתבונן היכן להניח את הפסולת מפני כבודה של ארץ ישראל, הרי הוא מקיים בזה מצווה של קדושת ודרישת ציון (ספר מצוות הארץ כהלכתן פרק א).

(מכתב שכתב הגה"צ רבי דב יפה זצ"ל לתושבי רכסים)

## תחיית המתים בארץ ישראל

דע כי יש מסורת קבלה בידינו שתחית המתים של ארץ ישראל קודם לתחית המתים של חו"ל מ' שנה. אמנם כל מי שנפטר בחו"ל ויש לו ממשפחתו בארץ ישראל שהוא כל כך קרוב לו שחייב באבילתו, בין איש בין אשה, יש כח ביד קרובו שבארץ ישראל להחיות כל קרוביו שבחו"ל [להחיותם] כל החייבים להתאבל עליו, וסוד זה נרמז בפסחים בפרק תמיד נשחט באומרם רבותינו ז"ל עתידין צדיקים שיחיו המתים דכתיב כה אמר ה' עוד ישבו זקנים וזקנות בירושלים ואיש משענתו בידו, וכתיב ושמת משענתי על פני הנער עד כאן, ומה שתלה כח התחיה בזקנה ולא בצדקות, הענין לרמוז לפי שכל הדרים בארץ ישראל נקראים צדיקים כענין דכתיב ועמך כולם צדיקים וכמו שביארנו לעיל, אמנם זאת הסגולה של התחיה צריך שיהיו בני תורה שנקראו זקנים, כאמרו והדרת פני זקן ופי' רבותינו ז"ל זקן זה שקנה חכמה.

(חסד לאברהם, מעין ג, נהר כג)

## חשיבות הארץ

לֹא יסתר אדם את ביתו לעשותו גנה ולא יטע חרבתו גנה שלא יחריבו ארץ ישראל.

(משנה תורה, הלכות שמיטה ויובל יג, ו)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

אם הבנים שמחה - המשך מדף א'

פון עת דודים-דעם זמן פון די גאולה, וועט די מלכות גוזר זיין שווערע גזירות אויף אידן, און אידן וועל זיך נעמען און ארויפגיין וואוינען קיין ארץ ישראל, און אין יענע צייט וועט זיין א עת צרה ליעקב און דער אייבישטער וועט צוהערן זייער געשריי און זיך דערבארעמען אויף זיי, און זיי שיקן משיח, און ער וועט צוריק קערן שבות ציון כבתחילה", עכ"ד. לכאורה איז דאס א אפענע סתירה צו דאס וואס ער האט געשריבן ביי די הפטרה פון פר' ואתחנן, אז אפילו די פעלקער וועלן געבן רשות צו גיין קיין ארץ ישראל - וועט מען נישט מעגן גיין. און דא שרייבט ער, אז צוליב די גזירות וועט מען זיך צוזאמנעמען און ארויפגיין וואוינען. מוז זיין אז ביי זמנים פון גזירות איז אלעס אנדערש. און דאס וואס ער שרייבט אז דער אייבישטער וועט זיך אויך זיי מרחם זיין און פאר זיי שיקן משיח, איז נישט דער פשט אז ער וועט דווקא תיכף שיקן משיח, און אן דעם וועלן זיי נישט גיין, ווייל מען וועט נישט קענען דא פארבלייבן וועגן די גזירות, און נאר צוליב די גזירות וועלן זיי אפמאכן ביי זיך ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל, און אויב וועלן זיי זוכה זיין - וועט משיח צדקינו אוודאי גלייך קומען. אויב ח"ו זיי וועלן נישט זוכה זיין צו דעם, וועלן זיי כאטש באשליסן ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל בכל אופן ביז דעם צייט וואס מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו, און זייער ארויפגיין וועט זיין אן הכנה צו ביאת בן דוד בב"א, ווי איך שוין אויף דעם אויבן מאריך געווען.

עכ"פ, זאגט דא רבינו בפירוש, אז ווען עס וועט זיין די צייט, וועט מען גוזר זיין גזירות אויף אידישע קינדער כדי זיי זאלן זיך נעמען און ארויפגיין קיין ארץ ישראל. אויב אזוי, יעצט ווען עס קומען אויף אונז אזוילכע שלעכטע גזירות, דארף מען זיך מתבונן זיין און אריינטראכטן אין דעם אז עס איז שוין אנגעקומען דעם עת דודים, און א יעדער איד זאל זיך אפמאכן צו ארויפגיין וואוינען קיין א"י, און מער נישט בלייבן אין די לענדער אפילו די פעלקער וועלן זיך בארואיגן. און אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין אז דער אייבישטער וועט זיך אויף אונז מרחם זיין, און אונז גלייך שיקן משיח, און וועט צוריקקערן שבותינו כבתחילה, אמן כן יהי רצון. דאס האב איך געוואלט קלאר מאכן, אז יעצט אין אונזער זמן איז דער חיוב אויף א יעדן איד צו פארלאזן ארץ העמים, און וואוינען אין ארץ ישראל. אזוי האט אויך געשריבן רבינו החת"ס אליין, ווי איך וועל באלד אראפברענגען זיינע ווערטער.

## סליק דברי הפתיחה

**ז.** יעצט וועלן מיר אנהייבן דן זיין אויב אויך יעצט בזמן הגלות איז דא א חיוב און א מצוה צו עוסק זיין אין בנין און אין ישוב הארץ.

עס איז באקאנט מדברי הרמב"ן (ספר המצות[67]), אז דאס איז א מצות עשה מן התורה אויך בזמן הזה צו ירש'נען דאס לאנד - און מיר זאלן דאס נישט איבערלאזן אין די הענט פון די פעלקער. מען זעהט דאס פון דעם פסוק[68], וְהוֹרַשְׁתֶּם אֶת הָאָרֶץ - איר זאלט ירש'נען דאס לאנד, וִישַׁבְתֶּם בָּהּ - און איר זאלט זיך באזעצן אין איר, כִּי לָכֶם נָתַתִּי אֶת הָאָרֶץ - ווייל צו אייך האב איך געגעבן דאס לאנד, לָרֶשֶׁת אֹתָהּ - איר צו ארבען. וְהִתְנַחַלְתֶּם אֶת הָאָרֶץ - און איר זאלט באוואוינען דאס לאנד... עיי"ש, ווי ער איז מאריך אין דעם און ווייזט אויף אז דאס איז א מצוה לדורות. אויב אזוי לויט דעם רמב"ן איז דאס א מצות עשה מן התורה און איינע פון די תרי"ג מצות.

אין ספר "מגילת אסתר" דארט, וויל ער זאגן אז דער מיינונג פון דעם רמב"ם פארוואס ער האט דאס נישט אויסגערעכנט פון איינע פון די תרי"ג מצות - איז ווייל דער רמב"ם האט געהאלטן אז די מצוה איז נישט לדורות, נאר אין דעם זמן ווען דאס בית המקדש איז געשטאנען און די אידן זענען נישט געווען פארטריבן פון זייער לאנד. אבער נאכדעם וואס מען האט זיי פארטריבן איז מער די מצוה נישט שייך פאר אלע דורות ביז ווען משיח וועט קומען. ער ברענגט צו א ראי' צו דעם פון דברי תוספות (כתובות[69]), וואס שרייבט דארט בשם רבינו חיים, אז בזמן הזה איז דאס נישט א מצוה. עכ"ד פונעם ספר "מגילת אסתר".

אבער, אלע מפורשים וואס קומען שפעטער פון דעם תוספות זענען דוחה די ווערטער פון רבינו חיים פון די הלכה. זעה דעם של"ה הק' (אין שער האותיות[70]), ווי ער שרייבט אז דאס איז דברי יחיד, און זיין טעם האט נישט קיין פשט, ע"כ דארף מען זיך נישט רעכענען מיט דעם. אויך דער מהרי"ט (ח"ב, סי' כח) איז מאריך און ווייזט אויף אז די הלכה איז ווי דער רמב"ן הנ"ל. אזוי אויך אלע גדולי הפוסקים[71] וואס זענען געקומען שפעטער פון דעם ספר "מגילת אסתר" הנ"ל, פרעגן אפ זיינע ווערטער, אז עס האט נישט קיין שורש און קיין קיום. און מען דארף נישט אין דעם מאריך זיין.

המשך בגליון הבא אי"ה

[67] מצות עשה ד', השמטת לספר המצות להרמב"ם
[68] במדבר לג, נג-נד
[69] דף קי ע"ב, ד"ה הוא
[70] ח"א, דף עה
[71] עי' פתחי תשובה, שו"ע חלק אבן העזר

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלער, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר יהושע בן נון וכלב בן יפונה

כפר כיפל חארת', שומרון

יהושע בן נון דער מנהיג ישראל נאך משה רבינו האט מחבר געווען די הייליגע תפילות פון עלינו לשבח און על כן נקוה.

יהושע בן נון איז נקבר געווארן אין תמנת חרס (יהושע כד, ל), וואס איז אנגענומען אז דאס איז דעם אראביש'ן דארף כיפל חארת' לעבן דעם אידישן שטאט אריאל אין שומרון. אידן שטראמען אינטער מיליטערישע באגלייטונג צו פוקד זיין דעם ציון געציילטע מאהל אין יאר, ספעציעל ביומא דהילולא כ"ו ניסן. אינעם זעלבן דארף ליגט זיין טאטע נון, און אויך כלב בן יפונה.

דעם קבר פון כלב, רופן די אראבער אן "נבי תול כפל", כפל איז די אראבישע נאמען פאר כלב. זיין יארצייט איז נישט באקאנט, אבער מען איז פוקד דעם קבר דאנערשטאג נאכט פאר שבת פר' שלח און אויך עשרה בטבת.

אין יהושע ווערט דאס ארט דערמאנט אלס תִּמְנַת סֶרַח, און אין שופטים (ב, ט) שטייט תִּמְנַת חֶרֶס, חז"ל האבן עטליכע פשטים פארוואס עס ווערט אנגערופען חרס.

אין ספר "כפתור ופרח" שטייט, "אסאך מענטשען זענען זיך משטתח אויף קבר פון יהושע בן נון, און עס ווערט אזוי אראפגעברענגט דורך די באגלייבטע רייזענדער שוין פאר הונדערטער יארן". דער אור-אלטער רייזענדער רבי פתחי' פון רגנסבורג שרייבט שוין וועגןביידע קברים אין דעם דארף.

לעבן דעם כפר קען מען נאך זעהן פילע טיילן פון אלטע געגאסענע לאווע וואס איז געקומען פון א וואולקאנישע בארג, און דאס שטימט מיט דעם פסוק " וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ בִּגְבוּל נַחֲלָתוֹ, בְּתִמְנַת-סֶרַח אֲשֶׁר בְּהַר אֶפְרָיִם, מִצְּפוֹן, לְהַר גָּעַשׁ", און חז"ל זאגן אז די תושבי המקום זענען געשטראפט געווארן פון א וואלקאנישער אויפרייס, ווייל זיי האבן נישט מספיד געווען יהושע בן נון ווי עס באדארף צו זיין.


דעם קבר פון יהושע בן נון


דעם קבר פון כלב בן יפונה

בעזהשי"ת

# בִּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

ויקרא

ז' ניסן תשפ"א

March 20, 2021

גליון מס' 45

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגען ארויס די מעלות פון א"י

### השכינה אינו זז

הבן יקיר לי, בכל מקום שנאמר לי, אינו זז לעולם לא בעולם הזה ולא לעולם הבא... בארץ ישראל (שמות יט, ה) כי לי כל הארץ, בירושלים (מלכים א יא, לו) העיר אשר בחרתי לי, במלכות בית דוד (שמואל א טז, א) כי ראיתי בבניו לי מלך, במקדש (שמות כה, ח) ועשו לי מקדש... הא בכל מקום שנאמר לי, אינו זז לא לעולם הזה ולא לעולם הבא.

(ויקרא רבה ב)

### יום טוב לבני א"י

וכיוצא בענין זה תמצא בענין קדושת יום ראש השנה אשר מקדמת דנא היו עושה בא"י יום אחד ורק בחו"ל עושים ב' ימים מספק, ולבסוף אחר החרבן תיקן ריב"ז שגם בא"י עושים תמיד בכל השנים שני ימים, ואע"ג דליכא חשש קרבן ואע"ג דהם מקדשים ע"פ הראיה, וחשבון החודש לענין כיפור וסוכות חושבין מיום ראשון, ואע"ג דביו"ט של סוכות וש"ע אינם עושים אלא יום אחד בלבד, עכ"ז ראש השנה עושים שני ימים טובים בכל שנה ושנה, ואע"ג דבא"י בקדם קדמתא לא היו עושה אלא יום אחד בלבד, והטעם כי תיקון שצריך לעשותו עתה בשני הימים למעלה היו הראשונים עושין אותו ביום אחד מחמת גודל קדושת נשמתם, ואין צריך לקיים מצות תקיעת שופר בשני ימים, אמנם אחר החרבן נחלש כחם וצריך להם שני ימים להשלים התיקון, ואע"פ שיושבין בא"י וזכות א"י מסייען עכ"ז בר"ה מחמת תוקף התיקון שצריך לעשות בו לא יספיק יום אחד, **משא"כ בתיקון הנעשה ביו"ט יספיק ליושבי ארץ ישראל לעשותו ביום אחד, ורק לבני חו"ל צריך שני ימים.**

(אמרי בינה, חלק ד, חקרי לב ה')

### זבת חלב ודבש

רמי בר יחזקאל איקלע לבני ברק, חזנהו להנהו עיזי דקאכלן תותי תאיני וקנטיף דובשא מתאיני וחלבא טייף מנייהו ומיערב בהדי הדדי, אמר היינו זבת חלב ודבש. א"ר יעקב בן דוסתאי, מלוד לאונו

המשך בדף ב'



ליד יער לביא, גליל התחתון

שלמה מאיר אייזנמן ©

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד

ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר

מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

אין יאר תרנ"ח, איז געדריקט געווארן א קונטרס אין ווילנא "מצות ישוב ארץ ישראל", פון א גדול פון דווינסק (דינאבורג)[72], א וואונדערליכן חיבור הפלא ופלא. דער גאנצער ספר איז געווידמעט צו נאכגיין און נאכקוקען די ווערטער פונעם ספר "מגילת אסתר", אויב זיינע ווערטער זענען ריכטיג, מיט וויאזוי ער איז מסביר דעם דעת פונעם רמב"ם - פארוואס ער האט נישט אויסגערעכנט די מצוה אלס איינע פון די תרי"ג מצות, ווייל לויט אים איז דאס נישט א מצוה לדורות. איז ער דארט סותר אלע זיינע ווערטער פון אנהייב ביז'ן סוף, מיט ריכטיגע רייד און אמת'ע באווייזן, פון ש"ס און דעם רמב"ם אליין. לויט אים קומט אויס אז אויך דער רמב"ם האט געהאלטן אז עס איז א מצוה מן התורה אויך בזמן הזה, און עס איז א מצוה לדורות. דאס וואס ער האט דאס נישט אויסגערעכנט אלס איינע פון די תרי"ג מצות, איז צוליב דעם וואס עס שטימט נישט מיט די פערצען כללים וואס דער רמב"ם האט אוועקגעשטעלט אלס א יסוד אויף וועלכע פון די מצות פון די תורה זאל ווערן אריינגערעכנט אינעם צאהל פון תרי"ג. עס זענען דא נאך מצות אין די תורה וואס זענען מן התורה, און פונדעסטוועגן דאך ווערן זיי נישט אריינגערעכנט אינעם צאהל, ווייל זיי האבן נישט די פערצן תנאים און שרשים וואס דער רמב"ם האט אוועקגעשטעלט אין דעם, און די מצוה פון ישוב ארץ ישראל איז איינע פון די. עיי"ש, ווי ער איז יורד צו די טיפענישן פון הלכה. עס איז געדריקט געווארן מיט הסכמת גדולי דורו, אלע האבן אויסגעלויבט זיינע ווערטער וואס צילן מיט א מטרה צום אמת. איך דארף נישט אין דעם מאריך זיין, ווייל עטליכע און גרויסע לייט פון פאר מיר האבן שוין אין דעם מאריך געווען און אלע האבן אפגעשטיפט די דברי בעל "מגילת אסתר" הנ"ל.

איך וועל נאר צולייגן צוויי באמערקונגען, איין הערה האב איך געטראפן אינעם קונטרס "מצות ישיבת ארץ ישראל" הנ"ל, און די צווייטע הערה איז א נייע געדאנק, וואס אפילו דער בעל הקונטרס הנ"ל וואס האט אזויפיל דערברייטערט און זיך פארטיעפט אין דעם ענין, האט ער אבער נישט געטראכט פון דעם. זעה אין רמב"ן (סוף ספר המצות[73]), ביי די מצוה פון[74] "אַל תָּצַר אֶת מוֹאָב - זאלסט נישט ענג מאכן דעם מואב", און ביי די בני עמון[75] "אַל תְּצֻרֵם - דו זאלסט זיי נישט ענג מאכן", און ביי שעיר[76] שטייט "אַל תִּתְגָּרוּ בָם - דו זאלסט דיך נישט רייצן אין זיי", וואס דער רמב"ם שרייבט אויף זיי[77] אז זיי זענען א מצוה נאר אויף יענער צייט און נישט פאר אלע דורות. פרעגט דער רמב"ן, "עס שטייט דאך[74] "אַל תָּצַר אֶת מוֹאָב וגו', כִּי לֹא אֶתֵּן לְךָ מֵאַרְצוֹ יְרֻשָּׁה - ווייל איך וועל דיר נישט געבן פון זיין לאנד אלס אן ארבטייל, כִּי לִבְנֵי לוֹט נָתַתִּי אֶת עָר יְרֻשָּׁה - ווייל צו די קינדער פון לוט האב איך געגעבן דעם עָר פאר אן ארבטייל", און עס שטייט[76], "כִּי יְרֻשָּׁה לְעֵשָׂו - ווייל אלס אן ארבטייל צו עשיו, נָתַתִּי אֶת הַר שֵׂעִיר - האב איך געגעבן דעם בארג שֵׂעִיר". און עס איז באקאנט, אז ירושה איז נאר אזאך וואס איז איבערגעגעבן לדורות, ווי מיר געפינען ביי אונזער לאנד[78], "כַּאֲשֶׁר עָשָׂה יִשְׂרָאֵל לְאֶרֶץ יְרֻשָּׁתוֹ - אזוי ווי די אידן האבן געטוהן צום לאנד פון זייער ארבטייל". און דער רמב"ם אליין ברענגט אראפ[77] פון דעם לשון[79] "מוֹרָשָׁה קְהִלַּת יַעֲקֹב" אז דאס איז לדורות, און דער לשון חכמים איז[80] "ירושה אין לה הפסק", אזוי אויך האבן זיי געזאגט[81] "מנוחה - דאס איז שילה, נחלה - דאס איז ירושלים", ווייל דאס איז א בית עולמים. און ביי די ענין פון מעשר האבן חז"ל געדרש'נט "די פסוק האט דאס צוגעגליכנט צו נחלה, אזוי ווי א נחלה האט נישט קיין הפסק, אזוי אויך מעשר האט נישט קיין הפסק". איז וויבאלד ער איז מבאר די טעם פארוואס מען זאל נישט פירן מיט זיי קיין מלחמות, ווייל זיי האבן באקומען די לענדער פאר א ירושה, קומט אויס איז די צוריקהאלט פון זיך קריגן מיט זיי איז אויך לדורות, אז מיר זאלן נישט אוועק גזל'ן זייער נחלה וואס דער אייבישטער האט זיי געמאכט ירש'נען אויף אייביג". זעה דארט ווי דער רמב"ן איז מאריך אין דעם. דער "מגילת אסתר" פארענטפערט דארט די ווערטער פונעם רמב"ם, און שרייבט אז די דברי הרמב"ם איז ריכטיג אז די מצות זענען נאר לשעה, און דאס וואס דער רמב"ן האט געזאגט, אז לכאורה שטייט דאך ביי זיי די לשון פון ירושה וואס איז משמע - לעולם. זאגט ער דארט, זעהט מיר אויס אז לכתחילה האט זיי דער אייבישטער דאס געגעבן לדורות עולם, אבער נאכדעם וואס זיי האבן זיך אויפגעפירט מיט די אידן מיט אכזריות - איז מותר געווארן זייער לאנד און זייערע גופים, און אויף זיי שטייט[82] "לֹא תִדְרֹשׁ שְׁלֹמָם - זאלסט נישט נאכזיכן זייער פרידן", וואס מיט דעם האט מען זיי מתיר געווען דאס וואס מען האט קודם געאסר'ט.

אויב אזוי, ווינדער איך מיר אויף דעם גאון בעל "מגילת אסתר", ווי אזוי קען ער שרייבן אז די מצוה ירושת הארץ "וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ", איז נאר געווען אין די צייטען פון משה, יהושע און דוד, ווילאנג מען איז נאכנישט געווען פארטריבן פון זייער לאנד, אבער נאכדעם וואס מען האט זיי פארטריבן - גייט שוין די מצוה מער נישט אן לדורות, ביז משיח'ס טאג. ווייל אויב אזוי איז יא דא א הפסק, און די לשון 'ירושה' ווייזט אויף אזאך וואס האט נישט קיין הפסק, אזוי ווי די מאמרי חז"ל הנ"ל. מיר געפינען נישט אין די תורה קיין שום רמז, און אין קיין שום פלאץ אז מען לאזט אפ און מען איז מפסיק דעם חיוב וואס מען האט אונז קודם געזאגט פון "וְהוֹרַשְׁתֶּם... וִישַׁבְתֶּם בָּהּ", אז דאס זאל נאר זיין א מצוה לשעה, אזוי ווי מיר זעהן ביי די מצות פון 'אַל תָּצַר' און 'אַל תִּתְגָּרוּ' פון די דערמאנטע פעלקער. ספעציעל אז דער רמב"ם אליין שרייבט אז 'מוֹרָשָׁה קְהִלַּת יַעֲקֹב' איז לדורות, ווייל עס שטייט ביי דעם די לשון פון 'מורשה'. ביי ארץ ישראל שטייט אויך[83] "וְנָתַתִּי אֹתָהּ לָכֶם מוֹרָשָׁה", אויב אזוי איז קלאר אויפגעוויזן אז לויטן רמב"ם וואס האלט אז מורשה מיינט לדורות, איז די זעלבע זאך ביי ארץ ישראל, וואס האט אויך דעם לשון 'מורשה' - דאס מיינט אויך לדורות.

מען קען מיט דעם מפרש זיין די דברי ירושלמי (בבא

המשך בדף ב'

[72] הרב יונה דב בלומברג זצ"ל

[73] מצות לא תעשה לדעת הרמב"ן

[74] דברים ב, ט

[75] שם שם, יט

[76] שם שם, ה

[77] שורש השלישי של מנין המצות

[78] דברים ב, יב

[79] דברים לג, ד

[80] בבא בתרא קכט, ע"ב

[81] מגילה י, ע"א

[82] דברים כג, ז

[83] שמות ו, ח

הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך: שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

# בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

שלשה מילין, פעם אחת קדמתי בנשף והלכתי עד קרסולי בדבש של תאינים.

(כתובות קיא ע"ב)

## במה אידע כי אירשנה

כשאברהם שאל מה', במה אידע כי אירשנה, השיב לו הקב"ה, ידע תדע כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם. מה תשובה היא זאת לשאלה הנ"ל? ההסבר הוא, שאברהם לא פקפק ח"ו בהבטחת ה', אלא פקפק ברצון העם, אולי בהיותם בגולה יתבוללו בין העמים ולא יהיה להם לא רצון ולא חשק לחזור לארצם. במה אידע כי אירשנה - שבני ישראל ירצו לעלות ולכבשה, על זה בא התשובה מאת ה', אל תירא אברם, לזאת כבר אדאג אני, כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם ועבדום וענו אותם, אם ירצו ואם לא ירצו - הם יעלו.

(רבי שמואל מוהליבער)

## קבורה בארץ ישראל

אמרו חכמים כל השוכן בארץ ישראל עונותיו מחולין, שנאמר: "וּבַל יֹאמַר שָׁכֵן חָלִיתִי הָעָם הַיֹּשֵׁב בָּהּ נְשֻׂא עָוֹן" (ישעיהו לג כד), אפילו הלך בה ארבע אמות זוכה לחיי העולם הבא. וכן הקבור בה נתכפר לו, וכאילו המקום שהוא בו מזבח כפרה, שנאמר: "וכפר אדמתו עמו". ובפורענות הוא אומר? "על אדמה טמאה תמות". ואינו דומה קולטתו מחיים לקולטתו אחר מותו. ואעפ"כ גדולי החכמים היו מוליכים מתיהם לשם, צא ולמד מיעקב אבינו ויוסף הצדיק.

(רמב"ם הלכות מלכים פרק ה הלכה יא)

## ירושלים לעתיד

דבר אחר בנות ירושלים אמר רבי יוחנן, עתידה ירושלים להיעשות מטרפולין לכל המדינות ולהמשיך כנהר אליה לכבודה, כמו דאת אמר "אשדוד בנותיה וחצריה, עזה בנותיה וחצריה עד לשע".

(מדרש רבה שיר השירים, פר' א)

## גבוהה מכל ארצות

אמרי כתיב (דברים יז, ח) וקמת ועלית אל המקום מלמד שבית המקדש גבוה מכל ארץ ישראל וארץ ישראל גבוהה מכל ארצות.

(זבחים נד ע"ב)

## ירושלים מלאה עם אבנים טובות

בעולם הזה, אדם חייב לחברו הולכים אצל דיין, פעמים שהוא עושה שלום ביניהם ופעמים שאינו עושה שלום ביניהם, אבל בימות המשיח אדם חייב לחברו, והוא אומר לו בוא ונלך ונדון לפני מלך המשיח. כיון שמגיעים לגבול ירושלים, מוצאין אותו שהוא מלא אבנים טובות ומרגליות, ונוטל אבן טובה אחת ונותנה לו, ואומר לו, כלום אני חייב לך יותר מדמים של זו? והוא אומר לו, המלך יסלח לך, הדא הוא דכתיב: השם גבולך שלום.

(פסיקתא רבתי, א, ג)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

בתרא, פ"ח הלכה ב[84]) אויפן פסוק[83] "וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל הָאָרֶץ וגו', וְנָתַתִּי אֹתָהּ לָכֶם מוֹרָשָׁה". פרעגט זיך דארט, "אויב איז דאס א מתנה פארוואס שטייט ירושה, און אויב איז דאס א ירושה פארוואס שטייט מתנה? נאר וואס דען, אזוי ווי דער אייבישטער האט זיי דאס געגעבן אלס א מתנה, האט ער גלייך דאס זיי איבערגעגעבן נאכאמאהל אלס א ירושה", עכ"ד. מיט וואס מיר האבן פריער גערעדט, קען מען דאס גוט פארשטיין, ווייל אויב וואלט דאס געבליבן נאר אלס א מתנה, וואלט פון דעם נישט משמע געווען אז דאס איז לדורות אן א הפסק, עס וואלט געווען מעגליך נאר פאר א שטיקל זמן, אזוי ווי[80] "ואחריך לפלוני - נאך דיר, גיב די מתנה פאר יענעם". אבער נאכדעם וואס דער אייבישטער האט זיי דאס נאכאמאהל געגעבן אלס א ירושה, איז דאס שוין לדורות בלי הפסק. עכ"פ, לויט דעם איז זייער שווער צו פארשטיין דעם "מגילת אסתר", זיינע ווערטער דארפן שטארק עיון ווייל ער איז זיך אליין סותר זיינע ווערטער. דאס איז א נייע באמערקונג וואס קיין איינע פון די גדולים וואס האבן זיך מפלפל געווען אין דעם, האבן דאס נישט באמערקט.

**ח.** צווייטענס, איך ווינדער מיך אויפן גאון בעל "מגילת אסתר", וואס האלט בדעת רבינו הרמב"ם, אז יעצט בזמן הגלות איז בכלל נישטא א מצוה זיך צו באשעפטיגן מיט ישוב הארץ. נישט נאר אז עס איז נישט א מצוה, נאר עס איז אפילו דא אן איסור אין דעם, ווי ער שרייבט דארט. איך ווינדער מיך אויף זיינע ווערטער. ווי אזוי קען ער אזוי זאגן בדעת רבינו הרמב"ם? קוק און זעה וואס דער רמב"ם שרייבט (ספר המצוות) ביי די מצות עשה פון קידוש החודש (מצוה קנג), אז אונזער חשבון פון די חדשים אין די גלות לענדער איז גארנישט ווערט, נאר מיר פארלאזן זיך אויף די חשבון פון ארץ ישראל, אונזער חשבון איז נאר א גילוי מילתא בעלמא. ער שרייבט אזוי, "איך וועל דיר מוסיף זיין א ביאור, אויב וועט זיך צופירן בדרך משל אז די בני ארץ ישראל וועלן אינגאנצן אויסגעריסן ווערן פון ארץ ישראל, חלילה אז אזוינס זאל פאסירן. ווייל דער אייבישטער האט דאך צוגעזאגט אז ער וועט נישט אויסמעקן דעם צייכן פון אונזער פאלק - און עס וועט דארט נישט זיין קיין בית דין, און אין חוץ לארץ וועט נישט זיין א בית דין וואס איז נסמך געווארן אין ארץ ישראל - וועט אונזערע חשבונות אונז גארנישט העלפען בשום פנים, ווייל מיר וועלן נישט קענען רעכענען חדשים אדער מעבר זיין די יארן אין חו"ל נאר מיט די דערמאנטע תנאים, אזוי ווי מיר האבן מבאר געווען[85] "כִּי מִצִּיּוֹן תֵּצֵא תוֹרָה", עכ"ל הקדוש. איך האב דא מעתיק געווען זיין לשון, ווייל פון דעם קענען מיר משיג זיין וואס זיין דעת איז, ווי ער האלט און רעכנט אלס א גרויסן עיקר דעם עסק פון א ישוב בארץ הקדושה. פון זיינע ווערטער קענען מיר ארויסלערנען ווי עס איז אנגעבינדען דאס לעבן פון אונזער הייליג פאלק צו ישוב ארץ ישראל, אזוי ווייט אז ח"ו אויב וואלט פאסירט אז עס זאל נישט זיין קיין איין איד אין ארץ ישראל - וואלט גארנישט געבליבן פונעם פאלק. אזוי שרייבט דער מפרש אין זיין נאמען, אין פרק ה פון הלכות קידוש החודש הלכה יג, "מיר קענען זאגן, אז אויב וואלט פארלענדט געווארן ח"ו די אידן פון ארץ ישראל, געלויבט איז השם יתברך אויף זיין הבטחה וואס ער האט אונז צוגעזאגט אין אונזער תורה, אז ער וועט נישט פארלענדן אונזער פאלק", עכ"ל. זעהסטו אז אויך ער האט אזוי פארשטאנען בדעת רבינו, אז אויב וועלן אידן נישט וואוינען אין ארץ ישראל, איז דאס חלילה די ענדע פון אונזער פאלק ח"ו. דאס זענען ווערטער וואס זענען מבהיל הרעיון פון יעדן מענטש.

דער טעם דערפון איז לדעתי, ווייל ארץ ישראל איז דאס הארץ פון אונזער פאלק, ווי עס איז מבואר אינעם ספר הקדוש[86] "אור נערב", לרבינו איש אלקים מקורדובירו, ווי איך האב שוין אויבן אראפגעברענגט. דער "חכם צבי" האט שוין געשריבן אין א תשובה[87], אז אן א הארץ קען קיין שום בריה נישט לעבן. ממילא, אויב עס וועט נישט זיין קיין אידן אין ארץ ישראל, איז דאס ווי עס וואלט אפגעטוהן געווארן דאס הארץ און עס איז בטל דאס גאנצע חיות. נאך קען מען מסביר זיין, ע"פ דברי חז"ל אין מדרש תנחומא[88], אז דער אייבישטער זאגט, "די אידן זענען מיין חלק, ווי עס שטייט אין פסוק[89] "כִּי חֵלֶק ה' עַמּוֹ", און ארץ ישראל איז מיין חלק, ווי עס שטייט[90] "אֶרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ דֹּרֵשׁ אֹתָהּ תָּמִיד - דאס לאנד וואס דער אייבישטער דיין ג-ט טוט שטענדיג איר נאכפארשן" - זאל קומען מיין חלק און וואוינען אין מיין חלק". דאס מיינט אז דאס גאנצע התקשרות פון אידן צום אייבירשטען איז דוקא דורך ארץ ישראל וואס איז צוגעפאלען אלס זיין חלק אין די וועלט.

המשך בגליון הבא אי"ה

[84] דף יח, ע"א
[85] ישעיה ב, ג
[86] פרק ה, חלק ד
[87] סי' עד
[88] פר' ראה, אות ח
[89] דברים לב, ט
[90] דברים יא, יב

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר מר זוטרא

כפר ברעם, גליל העליון

דער אמורא מר זוטרא איז געווען פונעם זעקסטען דור פון אמוראים אין בבל, א חבר פון אמימר און רב אשי (מנחות לה, ב), רב יימר בר שלמיא (ברכות נג, ב), און מרימר (ברכות ל, א). ער איז געווען דער ראש ישיבה אין פומבדיתא.

מר זוטרא איז געווען א תלמיד פון רב פפא (יבמות עה, ב, כתובות צא, א), ווי אויך איז ער געווען א מקורב למלכות צוזאמען מיט רב אשי ביים פרס'ישן קעניג אזגוד דער ערשטער. זיין ברודער איז געווען רב אדא סבא.

מר זוטרא האט קובע געווען אז אויב א מענטש איז נישט נזהר אין די בגדים פון זיין חבר, איז ער אויך נחשד אין גניבה, ווי די גמרא פארציילט טאקע אזא מעשה, אז מען האט פון אים געגנבע'ט א בעכער, און נאך וואס ער האט באמערקט ווי איינער ווישט זיך אריין אינעם קלייד פון א חבר, האט ער יענעם חוקר געווען און כך הווא, יענער האט מודה געווען אין זיין פארברעכן און צוריקגעגעבן דעם בעכער..

פאר ער פלעגט גיין שלאפן, האט ער קודם מוחל געווען יעדן וואס האט אים אפשר מצער געווען, פון דעם נעמט זיך די תפילה פון "הרינו מוחל" וואס מאן זאגט פארן שלאפן גיין (מגילה כח, א).

ער האט געזאגט אז די עיקר שכר וואס מען האט פון א יום תענית איז די צדקה וואס מען גיט דעמאלטס (ברכות ו, ב).

רב שרירא גאון שרייבט אז אין דעם טאג פון זיין פטירה איז געווען אן ערד ציטערניש.

דעם קבר אין ברעם ווערט אראפגעברענגט אין סדר הדורות און אויך אין ספר יחוס אבות, ווי אויך אין נאך פריערדיגע ספרים. ער ליגט נישט ווייט פון די קבר פון נחמן קטיפה.



דעם קבר פון דעם אמורא מר זוטרא אין ברעם

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

גליון מס' 46
צו-שבת הגדול
ער"פ י"ד ניסן תשפ"א
March 27, 2021

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָ‍ִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### בכל דור ודור

(שער צח) נאמר כל דור ודור חייב אדם להראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים, כי הנה החובה הזאת חייב אותה המגיד מן הפסוק שהביא ואותנו הוציא משם למען הביא אותנו לתת לנו את הארץ אשר נשבע לאבותינו, וכפי זה תפול החובה הזאת על הדורות שירשו את ארץ ישראל וישבו בה שראוי שכל אחד יראה עצמו כאלו הוא יצא ממצרים לפי שאלו לא יצאו משם לא היה שרים ונכבדים בעלי קרקעות ואדני הארץ. אבל אנחנו בגלותנו שלא ירשנו הארץ ונולדנו בגלות בארצות אויבנו מה החיוב אשר לנו להראות את עצמנו כאלו יצאנו ממצרים, מכח אותה ראיה שהביא ואותנו הוציא משם למען הביא אותנו לתת לנו את הארץ ואיך הוציא מזה, לפיכך אנחנו חייבים להודות.

(זבח פסח - אברבנאל על הגדה של פסח)

### למען הביא אותנו

עיקר הנס ביציאת מצרים הגאולה, שהוא מה שנקנינו לעבדים לו יתברך והכניסנו לקדושתו והנחילנו קדושת ארץ העליונה ותחתונה, ובזה אנחנו ועם היוצאים שוים. ולזה מברכין אשר גאלנו וגאל אבותינו, שהגאולה הוא ענין הקנין וכמש"ל ולא מברכין אשר הוציאנו והוציא את אבותינו כי בגוף היציאה אין לנו שיווי עמהם רק בהגאולה, ומה שאמר כאן (שחייב לראות עצמו כאלו הוא יצא) היינו כיון שעיקר השמחה הגאולה, שהוא הקנין שנעשה מחמת היציאה ובנס הגאולה כולנו שוין, ששמחת היציאה שוה לנו ולדור היוצאים כיון שעיקר השמחה בהגאולה במה שכולנו שוין בו, גם כי היציאה היא סיבת כל הנסים שעושה עמנו. ולזה מביא ראיה מקרא (שנאמר בו ואותנו הוציא משם למען הביא אותנו) הרי שמשתף גם אותנו בנס היציאה כיון שעיקר התכלית היה בהיציאה לתת לנו קדושת הארץ.

(מעשה ניסים על הגדה של פסח)

המשך בדף ב'

איבער 750 אידן באקומען דעם גליון
קחו חלק בעבודת הקודש - א וואך איז $100
לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.



ירושלים עיר העתיקה
יוסף רובינשטיין ©

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

אויך לויט דברי בעל "צרור המור" א שווער פונעם זיידן פון דעם בית יוסף, וואס ער שרייבט[91] אז ארץ ישראל קומט גלייך נאכן אייבירשטען אליין, וועגן דעם זאגט דער פסוק ביי כלב[92] "וַיְמַלֵּא אַחֲרָי - ער האט דערפילט זיין הארץ נאך מיר" - נאך מיר ממש, עיי"ש. על כרחך איז א יעדער קשר פון די אידן מיט הקב"ה דוקא דורך ארץ ישראל. וועגן דעם האבן חז"ל געזאגט[93] "ווער עס וואוינט אין חוץ לארץ איז גלייך ווי דער וואס האט נישט א ג-ט". די רייד זענען קלאר ווייל זיי זענען באפעסטיגט אויף עמודים פון אמת. וועגן דעם איז פארשטענדליך פארוואס ארץ ישראל איז די הארץ פונעם אידישן פאלק, וואס פון דארט איז דער מקור פון זייער חיות. עפי"ז קען מען גוט פארשטיין די ווערטער פון מאור עינינו דער רמב"ם, וואס ער שרייבט אז אלעס פונעם אידישן פאלק איז געבינדען אין ארץ ישראל, אויף אזוי ווייט אז אויב ח"ו וועלן אלע אידן אויסגעריסן ווערן פון ארץ ישראל, וועט דאס זיין ח"ו ווי אן אויסמעקונג פון דאס פאלק, ווייל עס וועט זיין ווי א באשעפעניש אן א הארץ, וואס דאן ווערט בטל דאס גאנצע חיות. ממילא, קען מען פון דעם דן זיין, אז דורך דעם פארשטארקן פונעם ישוב אין ארץ ישראל - וועט זיך שטערקערן דאס הארץ פון די אידן, און עס וועט נאר ווערן מער און מער לעילא ולעילא.

יעצט, נאכדעם וואס דער רמב"ם האט אזוי מגדיל געווען דעם ענין פון ישוב אין ארץ ישראל, ביז ער האט דאס פארגליכן אלס די נשמה פון דאס אידישע פאלק, ווי ער שרייבט אז ח"ו אויב וואלט נישט געווען קיין איין איד אין א"י, וואלטן זיי געווארן אינגאנצען אויסגעמעקט, ווי אזוי קען זיך בכלל אפמאלען אינעם דעת פון א מענטש א בר שכל, אז לויט אים איז נישט דא קיין חיוב בזמן הזה צו עוסק זיין אין דאס באזעצן פונעם לאנד, נישט נאר דאס, נאר עס זאל נאך זיין אן איסור אין דעם אויך.

איך בין צופרידן פון דעם אז איך האב דאס אליין מרגיש געווען, פון ווען איך האב אנגעהויבן צו עוסק זיין אין דעם ענין. יעצט נאכן אנקומען דא אין עיר הבירה[94], האט דער אייבישטער מיר מזמין געווען דעם ספר הפלא ופלא[95] פון א גדול פון דינאבורג (דווינסק), מו"ה יונה דוב בלומבערג, וואס האט געשריבן זיין ספר נאך בשנת תר"ן. דארט פארטיפט ער זיך און פארברייטערט זיך צו אפפרעגן דעם "מגילת אסתר" פון אויף דעם רמב"ן. אלע גאונים פון זיין מדינה האבן באוואונדערט זיינע ווערטער וואס זענען געבינדען צום אמת. האב איך דארט געזעהן אז ער האט מיר מקדים געווען מיט דעם, און שרייבט דארט "וויבאלד די אלע שטריק פון דאס לעבן פון אונזער פאלק איז געקניפט און האלט זיך אן אין ארץ ישראל דוקא, אזוי ווי רבנו דער רמב"ם שרייבט ביי די מצוה פון קידוש החודש[96], "איך וועל דיר מוסיף זיין קלארקייט, אויב קען איך דאס זאגן בדרך משל, אז די אידן וועלן ווערן אויסגעריסן פון ארץ ישראל, חלילה אז דער אייבישטער זאל טוהן אזוינס, ווייל ער האט דאך צוגעזאגט אז ער וועט נישט פארמעקן דאס אידיש פאלק פון אלעם ח"ו - און עס וועט דארט נישט זיין א בי"ד וכו', וועט אונזערע חשבונות פון חדשים אונז גארנישט העלפן אין חו"ל וכו'", דער וואס איז מעיין אין זיינע ווערטער וועט באמערקן אז פון די ווערטער חלילה ביז ח"ו איז בכלל נישט שייך צו דעם ענין וואס ער וויל ארויסברענגען, עס וואלט גענוג געווען אויב ער שרייבט "אויב קען איך דאס זאגן בדרך משל, אז די אידן וועלן ווערן אויסגעריסן פון ארץ ישראל, און עס וועט דארט נישט זיין א בי"ד, וועט אונזערע חשבונות אונז גארנישט העלפן דא אין חו"ל". די ווערטער פון חלילה... איז אזוי ווי אן איינגערינגעלטע מאמר בדברי רבינו, נאר וויבאלד עס איז ארויסגעקומען פון זיין הייליגן פעדער די ווערטער 'אויסגעריסן פון ארץ ישראל' - האט געשפרינגען צוריקצוועגס פון זיינע ווערטער, צוליב די יראת ה' וואס האט געשוועבט אויף דעם צדיק, און ער האט זיך געכאפט מיט א ציטער פון מורא און פחד פונעם אייבירשטען, אזוי ווי איינער וואס דערמאנט א שרעקליכן ענין אדער א שרעקליכע ווארט כדי צוצוקומען צום תכלית וואס ער וויל ארויסברענגען, און תוך כדי דיבור צוהט ער שנעל צוריק און זאגט, ח"ו אז עס זאל אזוי פאסירן. אז מען איז גוט מעיין אין די ווערטער וועט מען זעהן אז אזוי איז אויך דא, א ציטער כאפט אן יעדן מענטש וואס האט א קלארן דעת, צו זעהן ווי אזוי דער רמב"ם האט אויפגעציטערט און זיך דערשראקן צו שרייבן אזוילכע פארכטפולע ווערטער 'אז די אידן וועלן ווערן אויסגעריסן פון ארץ ישראל', אז ער האט שנעל געמוזט אריינשרייבן כמו איינגערינגעלט דעם מאמר 'חלילה וכו' ער וועט נישט פארמעקן דאס אידיש פאלק פון אלעם ח"ו וכו'". מיר קענען זיך נאר פארשטעלן וויאזוי דער רמב"ם האט אנגעכאפט א ציטער, און מיר ווערן בכלל נישט דערשראקן און עס גייט אונז נישט אן בכלל אויב אידן וועלן זיין אין ארץ ישראל אדער נישט ח"ו, ודי לחכימא.

זעהט מען אז דאס געדאנק אז אידן זאלן זיין אויסגעריסן פון ארץ ישראל אין סיי וועלכע זמן, איז אינעם בילד פון רבינו ז"ל פונקט ווי דאס אויסמעקונג פון דאס גאנצען אידישן פאלק ח"ו. אויב אזוי, דער גאנצער פונדאמענט פונעם אידישן פאלק ווענדט זיך נאר אין דעם, אן איר קען מען זיך בכלל נישט פאהרשטעלן אז דאס אידישע פאלק זאל האבן אן עקזיסטענץ אין אלע זמנים. דער גאון הנ"ל האט מיט דעם מפרש געווען די מדרש[97] וואס זאגט, "אין איין פסוק שטייט[98] "כִּי לֹא יִטֹּשׁ ה' אֶת עַמּוֹ בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל - ווייל דער אייבישטער וועט נישט פארלאזן זיין פאלק צוליב זיין גרויסן נאמען" און אן אנדערן פסוק שטייט[99] "כִּי לֹא יִטֹּשׁ ה' עַמּוֹ וְנַחֲלָתוֹ לֹא יַעֲזֹב - ווייל דער אייבישטער וועט נישט פארלאזן זיין פאלק און זיין ארבטייל וועט ער נישט אפלאזן" - נאר דא רעדט דער פסוק פון חו"ל און דא פון ארץ ישראל, אין חו"ל טוט דאס דער אייבישטער צוליב זיין גרויסן נאמען, און אין ארץ ישראל טוט דאס דער אייבישטער צוליב זיין פאלק און זיין נחלה", עכ"ל פונעם מדרש. דאס קומט אויס גוט כדברי הרמב"ם הנ"ל, אז אין ארץ ישראל וועט דער

המשך בדף ב'

---

[91] פר' מטות, ד"ה אח"כ אמר ומקנה
[92] במדבר יד, כד
[93] כתובות קי, ע"ב
[94] בודאפעסט, אונגארן
[95] דעם קונטרס "ישיבת ארץ ישראל" הנ"ל
[96] עשה קנג
[97] רות רבה פרשה ב, יא
[98] שמואל א יב, כב
[99] תהלים צד, יד

הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך: שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לְבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## קדושת ארץ ישראל אפי' בחורבנה

ועל הבית הגדול והקדוש שנקרא שמך עליו. דקי"ל מקריבין אפי' שאין בית ואז"ל אף כשהוא שמם בקדושתו עומד, ואמרו בהגדה דאליהו זכור לטוב מקריב שני תמידין בכל יום בבית המקדש וא"כ שפיר קאמר שנקרא שמך עליו. ובזה נתבאר אצלנו כונת הכתוב ויתרון ארץ בכל היא מלך לשדה נעבד הכוונה ויתרון ארץ ישראל כי כן ארץ הוא א"י כמשז"ל על פ' הנותן מטר על פני ארץ בכל היא כלומר בכל זמן בין בבנינה בין בחרבנה יש יתרון לארץ ישראל ולא תימא שקדושתה ועליונתה הוא בבנינה ובניה, לא כי אלא יש לה יתרון בכל אפילו שוממה. תדע כי מלך הכבוד לשדה גם בהיות הבית המקדש שדה בחרבנו נעבד דאליהו זכור לטוב מקריב בכל יום לפי שקדושת הבית במקומה דמקריבין אע"פ שאין בית. וכן כל ארץ ישראל אף בחרבנה יש לה יתרון. ומצות עשה אחת מתרי"ג מצות לדעת הרמב"ן לדור בארץ ישראל גם בחרבנה וכן מוכח בהדיא בספרי ועיין מ"ש הרשב"ץ בתשוב' ח"ג סימן רפ"ח ע"ש.

(חיד"א, שמחת הרגל על הגדה של פסח)

## ימות משיח

קרב יום אשר הוא לא יום ולא לילה. עש"ה זכרי' (י"ד) והי' יום אחד הוא יודע לה' לא יום ולא לילה והי' לעת ערב יהי' אור ופרש"י לא אור נוגה כאור עוה"ב ולא לילה ולא עת צרה כצרת שיעבוד מלכיות שמקדם שימות משיחנו יהי' ואין בהם שיעבוד. והי' לעת ערב קודם שיגמור אלף שנים יהי' אור הנוגה וכל טוב האמור על ישראל עכ"ל.

(מרבה לספר על הגדה של פסח)

## תבנה חומות ירושלים ואז...

זִבְחֵי אֱלֹהִים רוּחַ נִשְׁבָּרָה לֵב נִשְׁבָּר וְגו' (תהלים נא, יט), ר' אבא בר יודן בשם רב יודא בר רבי סימון משל למלך שהיה מהלך במדבר ובא אוהבו וכבדו בכלכלה אחת של תאנים וחבית אחת של יין א"ל זה כיבוד גדול א"ל אדוני המלך לפי שעה כבדתיך אבל כשאתה נכנס לתוך פלטין שלך אתה רואה כמה אני מכבדך כך אמר הקדוש ברוך הוא לישראל "זאת תורת הָעֹלָה היא הָעֹלָה", אמרו לפניו רבון העולמים לפי שעה הקרבנו לפניך אבל לכשתיטיב ברצונך את ציון תבנה חומות ירושלים אז תחפוץ זבחי צדק עולה וכליל.

(ויקרא רבה ז, ב)

## שלום ירושלים

ולעולם הבא כשיחזיר הקדוש ברוך הוא את הגליות לירושלים, בשלום מחזירן, שנאמר, שאלו שלום ירושלים ישליו אוהביך (תהלים קכב, ו). וכן הוא אומר, הנני נוטה אליה כנהר שלום (ישעיה סו, יב).

(תנחומא פר' צו, ז)

אם הבנים שמחה - המשך מדף א'

אייבישטער נישט אויסרייסן די אידן צוליב זיין פאלק און זיין נחלה, אז זיי זאלן ח"ו נישט ווערן אפגעמעקט דורך דעם וואס עס וועלן זיך נישט געפינען אידן אין ארץ ישראל. ווייל דער עיקר פונעם קיום פון עם ישראל איז דאס אז זיי געפינען זיך אין ארץ ישראל - וועגן דעם וועט דער אייבישטער נישט פארלאזן די אידן פון ארץ ישראל וועגן דאס עקזיסטענץ פון דאס אידישן פאלק אליין, מה שאין כן אין חוץ לארץ, וואס דארט ווענדט זיך עס נישט אינעם עקזיסטענץ און דאס קיום פון עם ישראל, טוט דאס דער אייבישטער נאר צוליב שמו הגדול.

עיי"ש ווי ער פארענטפערט מיט דעם דעם דעת פונעם רמב"ם וואס ער רעכנט נישט אויס די מצוה פון ישוב ארץ ישראל אלס איינע פון די תרי"ג מצות, אפילו וואס לויט אים איז עס מן התורה, דאס איז לויט דעם כלל וואס ער האט אראפגעשטעלט אינעם פערטען שורש אין ספר המצות - נישט אריינצורעכענען מצות וואס זענען אין דעם כולל די גאנצע תורה. אויב אזוי, וויבאלד ישוב ארץ ישראל איז אזא חשוב'ע מצוה ווייל דאס איז כולל אלע מצוות און איז כולל די גאנצע תורה און אלע קביעת המועדים מיט ראשי חדשים און אלע מצוות זענען געוואנדען אין דעם, ווי דער רמב"ם שרייבט דארט אויף דעם[100] 'כִּי מִצִּיּוֹן תֵּצֵא תוֹרָה' (זעה אין אור החיים הק' אין פר' נצבים[101], ווי ער שרייבט אויך אז ישוב ארץ ישראל איז א מצוה וואס איז כולל די גאנצע תורה, עיי"ש), אויך דאס גאנצע חיות פונעם פאלק ווענדט זיך אין דעם - אויב אזוי איז דאס א מצוה כללית און נישט פרטית, וועגן דעם קומט דאס נישט אינעם חשבון פון די מצוות, וואס די חשבון רעכנט נאר אויס מצוות פרטיות. עס איז גלייך צו דאס וואס דער רמב"ן האט געשריבן[102] אויף די מצוה פון "תמים יהיה", פארוואס דער רמב"ם רעכנט דאס נישט אויס אינעם מנין פון די מצות, דאס איז ווייל עס איז א מצוה כוללת און נישט א פרטית. די זעלבע איז ביי די מצות עשה פון ישוב הארץ לויטן רמב"ם וואס ער האט דאס אזוי מגדיל געווען, וכנ"ל, וועגן דעם איז דאס א מצוה כוללת און קומט נישט צו ווערן אויסגערעכנט אינעם חשבון המצוות". עכ"ד וואס איז נוגע צו דעם ענין.

ער איז דארט ווינדערליך מאריך מיט דברים אמתיים, עס איז א מצוה אז א יעדער איד זאל אדורכלערנען זיין ספר בדיוק, זיין אויגן און שכל וועט אויפלייכטען אין די גרויסע מצוה, און זיין הארץ וועט פארשטיין צו מער נישט מזלזל זיין פון היינט און ווייטער אין דעם מצוה פון ישוב ארץ ישראל. דעמאלטס וועט אונז ביישטיין דעם זכות פון ארץ ישראל און אונז ארויסצונעמען פון אונזער ענגשאפט. אזוי ווי איך האב אראפגעברענגט אין די ערשטע הקדמה בשם רבינו הבעל התניא ז"ל. עכ"פ, איך האב זוכה געווען צו מכוון זיין לדעת דעם גדול מיט דעם ראיה נפלא הנ"ל, פון די ווערטער פונעם רמב"ם ביי הלכות קידוש החודש, און איך וועל איבערזאגן מיינע ווערטער - וויאזוי קענען מיר זיך אפילו פארשטעלן און זאגן אזוי ווי דער "מגילת אסתר" הנ"ל אינעם דעת פונעם רמב"ם אז מען זאל זיך יעצט נישט באשעפטיגן מיט ישוב ארץ ישראל און איר אויפבויען, די חיות פון אונזער פאלק איז דאך געוואנדען אין דעם. איך ווינדער מיך!.

**ט.** איך וועל יעצט מוסיף זיין צו מחזק זיין די אויבנדערמאנטע ווערטער, פון דברי רבינו החת"ס (או"ח סי' רג[103]) וואס ער ברענגט אויך אראפ די ווערטער פונעם רמב"ם אין הלכות קידוש החודש הנ"ל, איז ער דארט מבאר, "אויב הלל און זיינע חבירים האבן מקדש געווען אלע חדשים און יארן ביז ביאת הגואל, פונדעסטוועגן דאך וועט דאס גארנישט העלפן נאר אויב אידן וועלן וואוינען אין ארץ ישראל, און לויט זיי זענען זיי מוקדש געווארן לויט די חשבונות פון די לעצטע סמוכים ווי הלל און זיינע חבירים, און פון דארט גייט ארויס די קדושה צו אלע אידן. אבער אויב ח"ו, וואלט בטל געווארן ישוב ארץ ישראל בזמן הזה, וואלט אויך בטל געווארן דעם קידוש, און רוב מצוות וואלטן בטל געווארן, חלילה. וועגן דעם מוזען מיר צוהעלפען זייער ישוב מיט אלע אונזערע אנגעשטרענגטע כוחות", עכ"ל.

המשך בגליון הבא אי"ה

[100] ישעיהו ב, ג
[101] דברים ל, כ ד"ה ואומרו לשבת
[102] מצוה ח' השמטות הרמב"ן לספר המצוות להרמב"ם
[103] תשובות

נעמט א חלק אין ארויסגעבן דעם גליון און מזכה זיין אידן וואס ווילן מקיים זיין דעם
"כִּי רָצוּ עֲבָדֶיךָ אֶת אֲבָנֶיהָ וְאֶת עֲפָרָהּ יְחֹנֵנוּ" און לעכצן פאר אהבת ארץ הקדושה בדרך התורה.
**א וואך איז 100$ - קען זיין לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**

לארצה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## הר הבית

ירושלים

אינעם שטח פון הר הבית איז באשאפן געווארן אדם הראשון, און דא האט ער מקריב געווען דעם ערשטן קרבן, אויך האבן דא קין און הבל מקריב געווען זייערע קרבנות, אזוי אויך נח נאכן מבול. דא האט אברהם אבינו פארבינדן יצחק צו די עקידה.

דא געפינט זיך דער אבן השתיה וואס פון דעם ארט איז באשאפן געווארן די וועלט. און דא איז געשטאנען די ערשטע און צווייטע בתי המקדש, און דא וועט אויפגעבויט ווערן דער בית המקדש השלישי בקרוב בימינו.

אין מדרש הנעלם (פר' ויצא) שטייט אז רבי זירא איז געקומען צו רבי אלעזר בן ערך, האט ער אים געזעהן זיצן און טייכן טרערן גיסן זיך אים פון די אויגן, און וויינט ביטערליך. האט ער געהערט ווי ער קלאגט "הייליגע שטיין וואס האט א קדושה עליונה פון די קדושה פונעם אייבירשטען, וועלן די בני אומות העולם מזלזל זיין אין איר און אויפשטעלן זייערע טומאה הייזער אויף איר, צו מטמא זיין אזא מקום קדוש, און אלע טמאים וועלן אין איר אנרורען, ווי פאר די וועלט אין יענעם זמן, און אויף דעם וויין איך, ווייל אויף דעם שטיין וועלן זיי לייגן א טומאת העמים און די פגרים פון זייערע מתים, ווי פאר די וועלט, ווי פאר יענעם זמן, ווי פאר יענעם דור.

דעם הר הבית איז געווארן פארבויט דורך די קרייצצוגלער מיט זייערע תיפלות, און שפעטער האבן די מסולמענער געבויט דארט זייערע מעטשעטן. און אפילו נאכדעם וואס זיי האבן אייביג געוואוסט אז דאס איז דאס פלאץ פון "בית אל מאקדאס" אלס דאס פלאץ פונעם בית המקדש, האבן זיי שפעטער צוליב פאליטישע אינטרעסן דאס ערקלערט אלס א הייליגן מוסלימענישער ארט און אז עס האט חלילה גארנישט מיט אידן, ר"ל.

נאכן די מלחמת ששת הימים, האט מען דאס ליידער איבערגעגעבן צו די ירדנ'ער אז זיי זאלן דאס איבערנעמען, אויס מורא אז די מסולמענישער וועלט וועט דאס נישט אויסהאלטן. אסאך האט מען זיך אנגעליטן פון די ירדנ'ער וואקף און פאלעסטינער טערארויסטן וואס האבן זיך דארט געפילט באקוועם, זיי דאווענען דארט מיט'ן רוקען צום מעטשעט און דעם פנים צו מעקא. זאל דער אייבישטער העלפן אז עס זאל שוין בטל ווערן די חילול המקום הזה, און עס זאל שוין נתגלה ווערן כבוד ה' אין די גאנצע וועלט און עס זאל זיך אפטוהן די טומאה פון אזא הייליגן פלאץ.

והראינו בבנינה ושמחינו בתיקונה....



דעם הר הבית

בעזהשי"ת

# בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלִָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 47
**שמיני**
כ"ח ניסן תשפ"א
April 10, 2021

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### ירושלים כסא ה'

...אף לעתיד לבא כן שנאמר (ירמיה ג, יז), "בעת ההיא יקראו לירושלים כסא ה' ונקוו אליה כל הגוים". ר' יוחנן סלק למשאל בשלמיה דרבי חנינא ואשכחיה דהוה עסיק בהדין פסוקא "בעת ההיא יקראו לירושלים כסא ה' ונקוו אליה כל הגוים". אמר לו ומחזקת היא אותן? א"ל המקרא אומר (ישעיהו נד, ב-ג) "הרחיבי מקום אהלך...כי ימין ושמאל תפרוצי".

(ויקרא רבה י, ט)

### ירושלים לעתיד

צוֹפֶה פְּנֵי דַמָּשֶׂק, פי' רש"י, פניך צופות פני דמשק, מצפות לבוא שערי ירושלים עד דמשק שעתידה להרחיב עד דמשק.

(שיר השירים ז)

### ירושלים עתידה להתפשט

זהו תוכן מאמר המדרש "עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות" (וקודם לזה - עתידה ירושלים שתתפשט בכל ארץ ישראל")... אמנם הסדר בזה הוא שתחלה צ"ל "עתידה ירושלים שתתפשט בכל ארץ ישראל". מעלתה המיוחדת של ירושלים היא - כדברי התוס' שכל מי שהיה מגיע לירושלים והי' רואה את הכהנים עוסקים בעבודת ביהמ"ק ואוכלים קדשי קדשים הי' הדבר פועל עליו שלימות היראה ("יראה שלם", שעל שם זה נקראת בשם "ירושלים"), ולאחר שהותו ימים אחדים בירושלים היה לוקח עמו את שלימות היראה וממשיכה בכל ארץ ישראל. וזהו "עתידה ירושלים שתתפשט בכל ארץ ישראל" - שלעת"ל תהי' כל א"י באופן כזה, כך, שהנוסעים מחו"ל לא"י יקחו עמהם בחזרתם מא"י לחו"ל את כל הענינים שהנוסעים מא"י לירושלים היו לוקחים בזמן ביהמ"ק.

(תורת מנחם תשכ"ז, ח"ב)

המשך בדף ב'

איבער 750 אידן באקומען דעם גליון
קחו חלק בעבודת הקודש - א וואך איז $100
לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.



פארק עדולם, שפלת יהודה

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

דער גאון "שדי חמד" (מערכת ארץ ישראל[104]) ברענגט אראפ די ווערטער פון חתם סופר, און שרייבט צו אזוי, "דאס וואס דער חת"ס האט געשריבן אז מיר האבן א חוב צו אנהאלטן ישיבת ארץ ישראל, דאס איז נישט צוליב דעם ענין פון מצות ישוב ארץ ישראל, נאר פאר אונזערט וועגן אז מיר זאלן קענען מקיים זיין די תורה. ווייל ווען נישט דאס אז אידן וואוינען דארט, ווערט די תורה אויס, ח"ו, ווי עס איז מבואר בדברי רמב"ם (סוף פרק ה, הל' קידוש החודש)". אזוי אויך שרייבט דער חיד"א אינעם ספר "יוסף אומץ" (סימן יט), "נאך קען מען זאגן, אויף דאס וואס דער רמב"ם שרייבט אין סוף פרק ה' פון קידוש החודש, אז דאס וואס מיר רעכענען אויס ראשי חדשים און ימים טובים אין חוץ לארץ, פארלאזן מיר זיך אויפן חשבון פון די בני ארץ ישראל און אויף דאס וואס זיי באשטימען וכו'. און ווי ער איז מוסיף אינעם ספר המצוות (עשין קנג), אז אויב וואלטן די אידן פון דארט אויסגעריסען געווארן, ח"ו, וואלט אונזער חשבון גארנישט געהאלפן... וועגן דעם איז א גרויסע חיוב אויף אלע בני גולה פון חו"ל, צו משתדל זיין אז עס זאלן שטענדיג זיין אידן אין ארץ ישראל, ווייל אויב נישט, ח"ו, וואלטן די בני גולה גארנישט געהאט פון זייערע ידיעות אויף די ראשי חדשים און ימים טובים", עכ"ל. זעהסטו אז אלע גדולי עולם האבן געשריבן, אז אן דעם וואס אידן וואוינען אין ארץ ישראל אין יעדן צייט, וואלט ח"ו געווען מיט דעם א ביטול תורה. אויב אזוי, איז דער גאון פון ליטא הנ"ל גערעכט, אז די מצוה פון ישוב ארץ ישראל איז א מצוה כוללת און נישט א פרטית. איך האב שוין אויבן אראפגעברענגט, אז אויך דער אור החיים הק' פאררעכענט די מצות עשה פון ישוב ארץ ישראל אלס א מצוה וואס איז כולל אלע מצות אין די תורה. אויב הגאון הנ"ל וואלט דאס געזעהן, וואלט ער זיך זייער געפרייט צו טרעפן א תנא דמסייע לו, איינער וואס האלט אויך אזוי. לויטן פערטן שורש פון די פערצען שרשים וואס דער רמב"ם האט אראפגעלייגט, ווערט א מצוה כוללת נישט אריינגערעכנט אינעם חשבון פון תרי"ג אפילו עס איז א מצוה מן התורה. אויך על פי סברא איז אזוי, ווייל לויטן רמב"ם זענען רוב מצות אנגעהאנגען אין דעם, ווי איך האב שוין דערמאנט. וועגן דעם איז זיכער אז עס איז א חיוב מן התורה צו מחזק זיין אין ישוב ארץ ישראל, אז מיר זאלן קענען מקיים זיין די מצות התורה, דאס איז אמת און קלאר אינעם דעת פונעם רמב"ם, אן קיין שום ספק כלל.

לויט דעם, זענען מיר מחויב צו מחזק זיין דעם ישוב אין ארץ ישראל צוליב דריי טעמים, א) אלס דאס קיום פון דאס אידישע פאלק, וואס אן ארץ ישראל קען מען זיך בכלל נישט פארשטעלן דאס פעסטשטאנד פון אונזער פאלק. ווי דער רמב"ם איז מדייק אין ספר המצוות. איז פארשטענדליך אז ווי מער מיר וועלן מחזק זיין דעם ישוב אין ארץ ישראל, וועט זיך אויך באפעסטיגן דאס קיום פון דאס פאלק איבעראל ווי זיי געפונען זיך.

ב) אלס דאס קיום פון די תורה, ווי עס האבן געשריבן רבותינו הגדולים דער חתם סופר, דער שדי חמד און דער חיד"א אין "אומץ יוסף" הנ"ל. דער חת"ס (יו"ד סי' רלד) ברענגט אויך אראפ דעם דערמאנטען רמב"ם הנ"ל, ער איז דארט מבאר מיט גרויס התלהבות אז עס וואלט ח"ו בטל געווארן די גאנצע תורה, און עס וואלט נישט געבליבן פון דאס אידישן פאלק, עיי"ש.

ג) אלס דעם טעם פון מצות ישוב ארץ ישראל אליין, וואס אויך לויט דעם רמב"ם איז דאס מן התורה, און די סיבה פארוואס ער רעכנט דאס נישט אויס אינעם חשבון פון די תרי"ג מצות איז ווייל דאס איז א מצוה כוללת, כנ"ל. איך האב דערנאך נאכמאהל מעיין געווען אינעם חת"ס (יו"ד סי' רלד), האב איך געזעהן אז ער שרייבט אויך אזוי ווי דער גאון הנ"ל פון די ליטא, ער שרייבט[105], "אויך דער רמב"ם וואס האט נישט אויסגערעכנט ישוב ארץ ישראל אלס א מצות עשה, ווי דער רמב"ן וואס האט דאס יא אויסגערעכנט אינעם מנין המצוות, איז ער אבער מודה גאר שטארק אין די קדושה פון ארץ ישראל בזמן הזה". וועגן דעם האט ער דאס געשריבן אין (מ"ע קנג) ביי קידוש החודש, אז אויב אידן וועלן פארשווינדען פון ארץ ישראל וכו', וועלן אונזערע רעכענונגען גארנישט אויסמאכן וכו'. עיי"ש ווי ער שרייבט, צוליב דעם טעם פסק'ענען מיר[106] אז מיר זענען מקדים די איינוואוינער פון ארץ ישראל, ווייל צו וואוינען דארט איז א מצוה וועגן איר קדושה, און מיר ברויכן צו מקדים זיין די וואס זענען עושה מצוה, עיי"ש. זעהסטו ווי ער שרייבט אז אויך לפי דער רמב"ם איז ישוב ארץ ישראל א מצוה אין אלע זמנים, ווייל קדושת ארץ ישראל איז מימות עולם עד סוף כל העולם, עס האט זיך נישט פארענדערט און וועט זיך נישט פארענדערן, "עס ווענדט זיך בכלל נישט אין קיום המצוות, נאר דאס לאנד אליין איז הייליג". עכ"ד רבינו החת"ס.

זעהן מיר אז אדרבה, אז די חיוב פונעם ישוב נאך דאפעלט שטארק לויטן רמב"ם ווי פון דעם רמב"ן, וואס לויט אים איז דאס אן איינזייטיגע חיוב אלס א מצוה מן התורה, אבער לויט דעם רמב"ם איז דאס שטארק אלס דריי זייטן.

י. עס איז אנגעקומען צו מיר א קאפיע פון א תשובה פונעם "מנחת אלעזר" (חלק ה' בכת"י)[107], ווי ער קריגט זיך דארט אויף דעם "אבני נזר" (ח"ב[108]) וואס האט געהאלטן פון ישוב ארץ ישראל אלס א מצות עשה, עיי"ש באריכות (איך האב נישט דא דעם ספר, איך האב עס ארומגעזוכט דא אין בודאפעסט אבער עס נישט געקענט טרעפן). הגאון הקדוש ממונקאטש זצ"ל ברענגט דארט אראפ אז דער רמב"ם רעכנט דאס נישט אויס אלס א מצוה, אזוי ווי דער ספר "מגילת אסתר" שרייבט אין זיין טעם - אז עס גייט נישט אן לדורות. זעה ווי ער קריגט דארט אויפן אבני נזר וואס קריגט אויפן "מגילת אסתר", אזוי פירט ער אויס דארט אז לויטן רמב"ם איז נישטא בזמן הזה קיין שום מצוה צו מחזיק זיין אין דאס באוואוינען פון ארץ ישראל, עס איז נישט א מצוה לדורות נאר לשעה, עיי"ש.

ווי וואונדערליך זענען זיינע ווערטער, במחילת כבוד גאונו, עס האט נישט קיין שטאנד. ווי איך האב שוין פריער אראפגעברענגט מרבותינו החת"ס, השדי חמד און דער

המשך בדף ב'

---

[104] אסיפת דינים, עמ' תרפ, אות ד
[105] באמצע ד"ה "היוצא מדברינו"
[106] ספרי פר' ראה, פיסקא סג, שו"ע יו"ד סי' רנא, סעי' ג
[107] סי' יב
[108] אבני נזר, יו"ד סי' תנד

הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך: שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## כי שם שער השמים

והנה מי שאינו בא"י פירשו רבותינו ז"ל שדומה כמי שאין לו אלוה, להיות שנשמתו אצולה ממקום הקדוש, ולפי האמת אין כח בקליפה באמיתות לשלוט בו, מפני כי חלק י"י עמו ואינו חלק השרים, ונמצא שאין השר ההוא שולט בו כל עיקר, וגם שכינה אינה שורה עליו מפני שהוא בתוך מצולות ים הקליפה המתלבש באויר ארץ העמים הטמא, שמצדם הוא טמא ומטמא, ונמצא לפי זה שאין לו אלוה, ואין ספק כי נשמתו ורוחו ונפשו וגופו הם מתלבשים בתוך הקליפות והטומאה, בזולת עוד שאין מעשיו ולא תורתו טהורים מפני שהם מתלבשים באויר ארץ העמים הטמא, בזולת כי בעת הפטירה אין הנשמה עולה בטהרה מפני שהיא מתלבשת בקליפה ההיא, בזולת שהיא צריכה להתגלגל ממקום למקום עד בואה אל ארץ ישראל כי שם שער השמים לכניסת הנשמה בגן עדן כדפי' רבותינו ז"ל כי דרך מערת המכפלה כניסת הנשמה לגן עדן של מטה ומשם לגן עדן של מעלה.

(חסד לאברהם, מעין ג, נהר י)

## מניעות לקדושת א"י

וזה בחינת לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך, ופרש רש"י: ולא גלה לו הארץ מיד כדי לחבבה בעיניו וכו', הינו כי מאחר שעקר שלמות ארץ ישראל הוא ששם זוכין להארת הרצון המפלג הנ"ל. על כן לא גלה לו הארץ מיד כדי לחבבה בעיניו כדי שירצה וישתוקק ויתאוה יותר ויותר לבוא לשם. ועל ידי זה דיקא יזכה לבוא לשם ולקבל קדשת ארץ ישראל בשלמות שעקרה הוא הרצון וההשתוקקות לה' יתברך שזהו בחינת כלל כל המניעות שיש לכל אחד לדבר שבקדשה. וכל מה שהדבר שבקדשה גדול ביותר יש לו מניעות יותר. הכל בשביל זה. מחמת שעקר הקדשה לזכות לרצון שהוא עקר התכלית כנ"ל על כן מונעים אותו כל כך כדי שיהיה לו רצון חזק יותר שעל ידי זה יזכה להדבר שבקדשה בשלמות ולקבלו כראוי ברצון טוב ולהשתוקקות נפלא שזה עקר התכלית. כי גם אחר כך כשבאין לארץ ישראל או להדבר שבקדשה צריכין עוד להתגבר ברצונות טובים וכסופין גדולים לה' יתברך כי זה העקר כנ"ל.

(ליקוטי הלכות, הל' בציעת הפת, הלכה א' אות קו)

## סדר הגאולה

ונזכה שיתקבצו כל אחב"י לארה"ק. וכיון שיקובץ נידחי ישראל, מתרוממת קרן צדיקים, וכיון שתתרומם קרן צדיקים, ירושלים נבנית; וכיון שנבנית ירושלים, משיח בן דוד בא ויבנה בית המקדש. גדול יהיה כבוד הבית האחרון, ומלאה כל הארץ דעה, ועלה כבוד ה' לעולם ועד, כן יהי רצון אמן.

(רבי ישראל משקלאוו, בהקדמתו לתקלין חדתין למס' שקלים)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

חיד"א, ווי גרויס איז די חיוב לויטן רמב"ם צו אנהאלטן און מחזק דעם ישוב פון אידן אין ארץ ישראל, וואס אין דעם ווענדט זיך די קיום פון די גאנצע תורה און אונזער פאלק. נישט נאר דאס, נאר אלע גדולי ישראל וואס זענען נאכן צייט פון בעל "מגילת אסתר" האבן דוחה געווען זיינע ווערטער. זעה אויך אין שו"ת "בית יהודה", פון דעם ספרד'ישן חכם מרן ר' יהודה עאייש, ח"ב סי' קכד, (ער איז געווען אינעם זמן פונעם "יד מלאכי", און רבינו בעל "אור החיים" הקדוש, עס איז געדריקט אין זיין ספר עטליכע תשובות אויסטוישונגען מיט זיי), ווי ער שרייבט אז די הלכה איז ווי דער רמב"ן, און ער איז דוחה דברי "מגילת אסתר". אזוי אויך דער גאון ר' יוסף שאול (אין ספר "יוסף דעת" סי' שעב), קריגט אויך אויף דעם "מגילת אסתר", און ווייזט אויף פון עטליכע פלעצער ווי דער רמב"ן, און אזוי ענדיגט ער צו דארט, "ע"כ, עס איז קלאר ווי דער רמב"ן, דער אייבישטער זאל מיר מזכה זיין צו קענען מקיים זיין דעם מצוה", עכ"ד. אזוי אויך דער גאון אין זיין ספר "פאת השלחן", א תלמיד פונעם גר"א[109], פירט אויך אויס די הלכה ווי דער רמב"ן[110]. ווי אויך פריערדיגע גאונים ווי דער מהרי"ט[111], און דער מבי"ט[112], זענען געגאנגען אין די שיטה, און זיי האבן אפגעווארפן דעם תוספות אין כתובות[113], מען דארף נישט אראפברענגען אלע זייערע ווערטער ווייל זיי ווערן שוין מבואר אינעם "פאת השולחן".

אויך דעם מאמר וואס דער "מגילת אסתר" ברענגט אראפ פון רב יהודה אין כתובות[114], "דער וואס גייט ארויף פון בבל קיין ארץ ישראל איז עובר אויף אן עשה", האבן שוין אנגעמערקט אויף דעם גדולי עולם - ווי דער יעב"ץ אין זיין סידור[115], אז דאס איז נאר געווען א סברה אין ש"ס, אבער די גמרא פירט אויס מיט א מסקנה אז דאס גייט ארויף אויף די כלי שרת. אזוי אויך שטייט אינעם אויבנדערמאנטען ספר[116] "קונטרס ישיבת ארץ ישראל" פונעם גאון פון דינאבורג.

עס איז נישטא קיין מקום בכלל לדברי הגאון הק' בעל "מנחת אלעזר" מיט זיין קריגן אויפן "אבני נזר", ער האלט אן אין א דעה יחידית וואס ווערט אפגעפרעגט דורך כמעט אלע גאוני הדור וואס זענען געקומען נאך דעם ספר "מגילת אסתר". פון יעדן פלפול אין דעם תשובה, האט אויך מרגיש געווען דער גאון פון ליטא הנ"ל, און ער ווענדט זיי אלע אפ בטוב טעם ודעת, דא איז נישט די פלאץ צו מאריך זיין אין פלפולים, איך בין נישט דא צו האלטן פלפולים.

אויך דאס וואס ער ברענגט אראפ פונעם תשב"ץ קטן[117], וואס ער שרייבט אויף דעם ענין פון די מצוה פון גיין קיין ארץ ישראל, "ער זאל אבער זיין א פרוש פון היינט און ווייטער, זיין געווארענט פון אלע זונד, און ער זאל מקיים זיין אלע מצוות וואס זענען נהוג אין ארץ ישראל, ווייל אויב זינדיגט ער דארט וועט די שטראף זיין פיל מער וכו', עס איז נישט גלייך דער וואס איז מורד במלכות אינעם פאלאץ צו דער וואס איז מורד אינדרויסן פונעם פאלאץ, דאס מיינט[118] "אֶרֶץ אֹכֶלֶת יוֹשְׁבֶיהָ - א לאנד וואס פארלענדט אירע איינוואוינער" וכו'. און די וואס גייען אהין און פירן זיך אויף מיט קלות ראש, און ווילדעווען ארום, ליין איך אויף זיי דעם פסוק[119] "וַתָּבֹאוּ וַתְּטַמְּאוּ אֶת אַרְצִי - זיי זענען געקומען און מטמא געווען מיין לאנד", און דער פסוק[120] "מִי בִקֵּשׁ זֹאת מִיֶּדְכֶם - ווער האט געבעטן פון אייך, רְמֹס חֲצֵרָי - צו צוברעכן מיין הויף", עכ"ל התשב"ץ. מכח די ווערטער רופט ער אויס אז מען טאר נישט צוהעלפן צו די בויערס פונעם לאנד בזמן הזה מיט קיין שום וועג, ווייל עס איז נישטא אין זיי א רוח חיים פון די הייליגע תורה און אונזער הייליגע אמונה בביאת גואל צדק בב"א. אויך ברענגט ער אראפ די באוויסטע ווערטער פון "אהבת יונתן", און פירט דארט אויס, אז מען זאל זיך מיט זיי נישט משתתף זיין אין קיין שום ענין פון בנין הארץ, און דאס איז די תוכן פון זיינע ווערטער.

איך ווינדער זיך אויף אים ז"ל, דער של"ה הק' (בשער האותיות[121]) ברענגט אראפ דעם רבינו חיים אין תוספות[113], וואס ער שרייבט אז היינט איז נישט א מצוה צו וואוינען אין א"י, ווייל עס זענען דא אסאך מצות התלויות בארץ און אויף זיי קען קומען אסאך עונשים, און מיר קענען זיך נישט באווארענען מיט זיי און זיי ביישטיין. שרייבט דער של"ה אויף אים, "דברי רבינו חיים איז דברי יחיד (עי' מהרי"ט, ח"ב סי' כח, אז דאס איז נישט דברי תוס' נאר פון א תלמיד וואס איז זיך טועה, און איז אים דוחה פון די הלכה, אזוי שרייבן אנדערע אויך), אויך איז נישט מסתבר זיין טעם, וואס אויף דעם ווערט געזאגט די פסוק[122] "צַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם - די ערליכע וועלן גיין אין זיי, וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם - און די וואס זענען פושע וועלן געשטרויכלט ווערן אין זיי", ווייל עס איז זיכער אז דער וואס וואוינט אין א"י און איז נישט מקיים וואס ער דארף מקיים זיין איז ער א פושע, אבער דער וואס איז זיך מקדש און איז יא מקיים וואס ער איז מחויב, וואויל איז אים. און דאס וואס ער זאגט אז מיר קענען נישט זיין געווארענט אין די מצוות - דאס קען איך נישט פארשטיין, פארוואס קען מען נישט זיין געווארענט, ווער האלט דען צוריק, ע"כ זאל מען נישט משגיח זיין אויף זיינע ווערטער", עכ"ל. די ווערטער פונעם של"ה קען אויך ארויפגיין אויף דברי רבינו התשב"ץ הנ"ל.

אויך האב איך שוין אראפגעברענגט אויבן אין די פתיחה פונעם ספר, דברי הגאון הק' ר' יושע'לע קוטנער אין די שו"ת "ישועות מלכו" (יו"ד סי' סו), וואס ער שרייבט אויף די דברי תשב"ץ, בשם דער מהר"ם מרוטנבורג, "דאס וואס דער מהר"ם מרוטנבורג האט חושש געווען, איז דאס געווען צוליב חסרון פרנסה, אויך צוליב די מחלוקה וואס איז דעמאלטס געווען, כידוע אז אין זיין זמן איז געווען דער... משה תיקי, און עס איז דאן נאכאמאהל נתעורר געווארן די מחלוקה וועגן דעם ספר "מורה נבוכים"... אויב אזוי בזמן הזה וואס עס איז נשתנה געווארן בעזה"י לטובה, סיי אלס סכנה פון די וועגן, און סיי מצד הטבע, איז עס אוודאי א גרויסע מצוה", עכ"ל.

המשך בגליון הבא אי"ה

[109] רבי ישראל משקלוב זצ"ל
[110] הלכות א"י, סי' א, סעי' ג
[111] ח"ב סי' כח
[112] ח"א סי' קלט
[113] קי ע"ב, ד"ה הוא
[114] קי ע"ב
[115] בית יעקב דף יג, א, טור ב
[116] מענה יג, אות ד-ה, הערה ז
[117] סי' תקנט
[118] במדבר יג, לב
[119] ירמיהו ב, ז
[120] ישעיהו א, יב
[121] ח"א דף עב, ב
[122] הושע יד, י, בבא בתרא פט, ע"ב

לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר רבי שמעון בן אלעזר

סאג'ור, גליל

רבי שמעון איז געווען א תנא פונעם פינפטען דור תנאים, א תלמיד פון רבי מאיר. דער רמב"ם רעכנט אים אויס אין א פריערדיגן דור. עס זענען דא צוויי אנגענומענע פלעצער ווי ער ליגט, איינס איז לעבן רבי מאיר בעל הנס, און איינס אין דעם דרוזישען כפר סאג'ור. לויטן ריטב"א קומט אויס אז עס זענען געווען צוויי תנאים מיטן זעלבען נאמען.

פון אים שטייט דעם באקאנטען מאמר אויף חינוך ילדים "שמאל דוחה וימין מקרבת", מיט די לינקע האנט זאל מען אפשטיפן, און מיט די רעכטע האנט מקרב זיין.



קבר רבי שמעון בן אלעזר

בעזהשי"ת

# בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלִָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

**"וראה"** - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

**"יברכך ה'"** - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 48

**תזריע-מצורע**

ה' אייר תשפ"א

April 17, 2021

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגען ארויס די מעלות פון א"י

### ארץ שראויה לנתן לישראל

רבי שמעון בן יוחאי פתח (חבקוק ג, ו): עמד וימדד ארץ, מדד הקדוש ברוך הוא כל האמות ולא מצא אמה שהיתה ראויה לקבל את התורה אלא דור המדבר. מדד הקדוש ברוך הוא כל ההרים ולא מצא הר שתנתן בו את התורה אלא סיני. מדד הקדוש ברוך הוא את כל העירות ולא מצא עיר שיבנה בו בית המקדש אלא ירושלים. מדד הקדוש ברוך הוא כל הארצות ולא מצא ארץ שראויה לנתן לישראל אלא ארץ ישראל, הדא הוא דכתיב: עמד וימדד ארץ ראה ויתר וגו'.

(ויקרא רבה, יג)

### תורת ארץ ישראל

וזהב הארץ ההוא טוב, מלמד שאין תורה כתורת ארץ ישראל ואין חכמה כחכמת ארץ ישראל.

(ויקרא רבה, יג)

### נחלת ה' ומקום קדוש

בפסוק כי תבאו אל א"כ כו' ונתתי נגע צרעת כו'. בשורה היא זו ע"ש במד' ובזוה"ק. דהנה איתא אשר אני מביא אתכם שמה שזה המקום הי' מקולקל ביותר. וע"ז משבחין ונתן ארצם לנחלה כל"ח שהוציא הקב"ה המקום מת"י כנען ונעשה נחלת ה' ומקום קדוש. ולכן לפי שהי' מקום טמא ביותר בכל עת שנתעלו אח"כ בנ"י היושבים שמה ולא הי' המקום ראוי לקבל זו הקדושה נצמח בו נגע לטהר את המקום. ולעקור אבנים הטמאים משם.

(שפת אמת, ויקרא, מצורע יד)

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו מוקדש לעילוי נשמת**

מרת **הינדל** (קלויזנר) ע"ה בת הגאון רבי **ישכר שלמה** טייכטאהל זצ"ל שהצילה כל כתביו הק'

נלב"ע שבת הגדול-ערב פסח תשפ"א

**ולעילוי נשמת הקדוש הרה"צ**

הב' **דוד** בן הגאון רבי **ישכר שלמה** טייכטאהל זצ"ל

נלב"ע ב' אייר תש"ג בעמק הבכא, הי"ד

**איבער 750 אידן באקומען דעם גליון**

**קחו חלק בעבודת הקודש - א וואך איז $100**

**לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**



מצפה מאלון מורה

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד

ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר

מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

**יא.** נאך ווינדער איך מיר אויף הגאון הקדוש בעל "מנחת אלעזר" ז"ל, וואס לויט אים איז פשוט אז וויבאלד די בויערס פון היינט פירען זיך נישט בעוה"ר בדרך התורה, טאר מען זיך נישט משתתף זיין מיט זיי בכלל אין קיין שום ענין פון בנין הארץ. זיין סברא איז, אז מיר זאלן ענדערש איבערלאזן דעם לאנד אין זייערע הענט ווי זיי זאלן טוהן דערמיט ווי אזוי זיי ווילן, ווי איידער מיר זאלן זיך באטייליגן מיט זיי מיט אונזער האנט ארבעט און רוח.

איך קען דאס נישט פארשטיין, פארוואס נישט? גאנץ רעכט, אויב וואלט מען געקענט זאגן אז אויב מיר לאזן זיך אינגאנצען אפ פונעם בנין הארץ וועלן זיי דאס אויך אפלאזן - קען מען אפשר זאגן אזוי ווי ער האט געזאגט, אז ענדערש זאל מען זיין בשב ואל תעשה און גארנישט טוהן ווי איידער צו בויען ח"ו בעבירה. (לפי עניית דעתי איז נישט אזא קלארע זאך אפילו דאס צו זאגן, ווייל עס ווייזט אויף אין די גמרא סנהדרין וואס איך האב אראפגעברענגט אין די פתיחה, אז דעם אייבישטער איז גלייך דאס בויען פונעם הייליגן לאנד אפילו בעבירה, ח"ו. אויב אזוי, קען מען דא דן זיין אז אויב וואלט געווען א מעגליכקייט צו מקיים זיין מצות עשה פון ישוב א"י אבער נאר בעבירה, ח"ו, אבער אויב ווארט מען אויף א מצב פון אן א עבירה וואלט עס נישט געבויט געווארן, קען מען דן זיין און זאגן - אז עס איז בעסער עס זאל יא געבויט ווערן, און די עשה פון בנין הארץ וואס איז שקול נגד כל התורה וועט דוחה זיין די עבירה, כמבואר בחז"ל[123]. ספעציעל וואס די גאנצע קיום פון אונזער הייליגע פאלק ווענדט זיך אין ישוב ארץ ישראל, ווי איך האב דאס שוין אראפגעברענגט עטליכע מאהל פון חז"ל פון אסאך פלעצער. און מיר ווייסן פון דעם כלל אין ש"ס[124], אז א עשה גדול וחשוב איז דוחה אן עשה מיט א לא תעשה.) אבער יעצט וואס זיי ציען בכלל נישט צוריק פון זייער ארבעט אפילו אן אונז, אזוי ווי עס איז טאקע געווען, וואס זיי זענען שוין עוסק דערין פילע יארן אפילו אן דאס השתתפות פון די יראים, אויב אזוי, פון ווי ווייסן מיר אז עס איז בעסער זיך אינגאנצען אפשאקלען פון זיי לגמרי. און מיר זאלן אינגאנצען נישט מישן אונזערע כוחות מיט זייער ארבעט, אז עס זאל על כל פנים האבן עפעס א רוח התורה, א רוח הקדושה אינעם מעשה הבנין, ביז וויפיל אונזערע כוחות דערגרייכן אויף זיי צו משפיע זיין. אפשר דורך דאס השתתפות פון די יראים, וועט נאך זיי געלונגען בעזרת השם אויפצוטוהן אז עס זאל זיין לגמרי עפ"י רוח התורה. אבער אז די יראים שטייען אינגאנצען אינדרויסען, און אלעס ווערט איבערגעלאזט אין זייערע הענט אליין, וועט עס זיכער זיין נגד רוח התורה. ווי מיר זעהן אז מעשה רב ווייזט דאס אויף, וואס אזוי ווי די חרדים האבן זיך צוריקגעצויגן פון דעם תנועה פון בויען דאס לאנד פון ווען עס האט זיך דערוועקט די תנועה פון ציונות. האבן זיי זיך ווייטער געטוהן דאס זייערע אפילו אן אונז, קען מען באמת קלאגן אויף דעם נישט תורה'דיגן גייסט, בעוה"ר, וואס הערשט דארט?. וואס האבן די חרדים אויפגעטוהן מיט דעם וואס זיי האבן צוריקגעצויגן פון דעם הייליגן ארבעט, איז דען נישט בעסער זיך יא צו צושטעלן מיט די בויערס, זאל זיין ווער עס איז, כדי אריינצוגעבן זייערע כוחות און גייסט אין דעם הייליגן מפעל?, דאס לאנד וואלט דאן געהאט גאר אן אנדערן געשטאלט, א געשטאלט פון קדושה און א רוח טהרה. מיר ווייסן דאך, אז א אור קטן איז דוחה דעם חושך פון א גרויסן חדר. ע"כ איך פארשטיי בכלל נישט דעם סברא פון הגאון הקדוש הנ"ל.

**יב.** מיינע ברודער, טראכטס נישט אז אלעס וואס איך האב געזאגט צו דוחה זיין די סברא פונעם בעל "מנחת אלעזר", האב איך אויסגעטראכט פון מיין הארץ. עס איז נישט אזוי מיין קינד, זאלסט נאר וויסן אז דאס איז די סברא פון רבינו החת"ס און זיין תלמיד רבינו המהר"ם שיק (שו"ת מהר"ם שיק, או"ח סי' ע), אינעם ביאור פון דברי חז"ל (בבא בתרא, סוף פרק חזקת הבתים[125]), "מיום שחרב ביהמ"ק - פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב געווארן וכו', און פון דעם טאג וואס די מלכות צושפרייט זיך און איז גוזר שווערע גזירות אויף אונז וכו', וואלט מען אויף אונז געדארפט גוזר זיין אז מען זאל מער נישט חתונה האבן און האבן קינדער, ונמצא שזרעו של אברהם אבינו כלה מאליו - וואלט אויסגעקומען אז די קינדער פון אברהם אבינו וואלט פארלענדט געווארן פון זיך אליין. אבער, לאז די אידן צורוה", עיי"ש. דער לשון "ונמצא שזרעו של אברהם אבינו כלה מאליו" איז זייער שווער, עס זעהט אויס כאילו דאס איז געווען די ווילן און רצון פון חז"ל פון יענעם דור, אז די קינדער פון אברהם אבינו זאלן פארלענדט ווערן ח"ו. איז דער חת"ס מסביר לויטן מדרש (פרשת שמות[126]) "ווען פרעה האט גוזר געווען די גזירה פון[127] "כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ - א יעדע זוהן וואס וועט געבוירן ווערן, זאל ווערן אריינגעווארפן אין טייך", איז געגאנגען עמרם און זיך ג'גט פון זיין ווייב. זענען געגאנגען אלע צדיקים און אויך אפג'גט זייערע ווייבער, האט מרים געזאגט צו אים, "דיין גזירה איז שווערער ווי פרעה'ס". זאגט דער חת"ס ז"ל, "דער אייבישטער האט דאך כורת ברית געווען מיט אונזערע עלטערן צו מקיים זיין קינדער נאך זיי, און זיי צו געבען דעם נחלה פון ארץ ישראל. איז אויב וועלן אידן גוזר זיין אויף זיך אליין נישט צו האבן קינדער, און די פריערדיגע דור וועט אוועקגיין אבער א נייע דור וועט נישט אונטערקומען, קען מען חושש זיין אז ח"ו עס וועט פארלענדט ווערן זרעו של אברהם אבינו - וועט דער אייבישטער מוזען תיכף העלפן די אידן און זיי צוריק קערן צו זייער לאנד (וויבאלד עס וועט דאך נישט זיין אן אנדערע דור נאך זיי און עס קען פארלענדט ווערן די קינדער פון אברהם אבינו, און עס וועט נישט בלייבן קיינער מיט וועם דער אייבישטער וועט קענען מקיים זיין דעם צוזאג וואס ער האט געמאכט מיט די אבות. לויט דעם, וועט דער ישועה מוזען זיין תיכף). דאס אלעס איז נאר אויב אלע אידן וועלן אזוי טוהן, אבער אויב וועלן נאר די עהרליכע און די צדיקים אזוי טוהן, אבער די רשעים וועלן יא חתונה האבן - וועט דער אייבישטער נישט מוזען תיכף ומיד ברענגן די ישועה, ווייל די רשעים זענען דאך אויך מזרע אברהם. קען פאסירען אז נאר די צדיקים וועלן ווערן פארלענדט און פארענדיגט,

המשך בדף ב'

[123] ספרי פר' ראה, פיסקא כח

[124] פסחים נט, ע"א ועוד

[125] דף ס ע"ב

[126] שמו"ר פרשה א, אות יז

[127] שמות א, כב

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

אבער די קינדער פון די רשעים וועלן בלייבן און אנגיין. דעמאלטס וועט זיך דאס שלעכטס דאפלען בכפליים (די ישועה וועט נישט זיין, און אויך די צדיקים וועלן זיך ענדיגן און עס וועלן איבערבלייבן נאר די רשעים). דאס איז געווען די כוונה פון די גמרא 'מען וואלט אויף אונז געדארפט גוזר זיין אז מען זאל מער נישט חתונה האבן און האבן קינדער, וואלט אויסגעקומען אז די קינדער פון אברהם אבינו וואלט פארלענדט געווארן פון זיך אליין' - וואס דעמאלטס וואלט דער אייבישטער געמוזט אונז העלפן תיכף ומיד, אבער 'הנח להם לישראל - לאז די אידן צורוה' וכו' - ווייל די רשעים און די קלים וועלן זיך צו אונז נישט צוהערן, און עס וועט בלייבן זרע ישראל נאר דורך זיי, אבער די צדיקים וועלן פעלן אין די וועלט. דאס איז אויך געווען די כוונה פון עמרם ווען ער האט זיך אפגעטיילט פון זיין פרוי, ער האט געוואלט אז אלע זאלן אפגט'ן זייערע ווייבער (און אזוי וועט זיך ענדיגן זרעו של אברהם אבינו), ממילא וועט די גאולה מוזן פאסירן תיכף. אבער, נאר די צדיקים האבן זיך ג'גט, און די איבעריגע פאלק נישט. אויף דעם האט מרים געזאגט, 'דיין גזירה איז שווערער ווי פון פרעה'ס - וויבאלד נאר די צדיקים האבן אזוי געטוהן, און מיט דעם וועט פארלענדט ווערן נאר די קינדער פון די צדיקים, אבער פון די רשעים וועט מען זיך נאר פארמערען. אויב אזוי קומט אויס אז די שלעכטס וועט זיך נאר דאפלען, וועגן דעם האט זי געשריגן 'דיין גזירה איז שווערער ווי פון פרעה'ס'". עד כאן דברי רבינו החת"ס.

פון דעם האט זיין תלמיד דער מהר"ם שיק ארויסגעלערנט, אויף יעדן ענין אינעם אידישען לעבן - אויב די צדיקים וועלן זיך צוריקצוען פון די זאכן וואס האט אין זיי א צורך פארן כלל, אבער די קלים וועלן נישט אזוי טוהן, וועט דעמאלטס די שלעכטס ווערן פולפאכיג שטערקער, כדברי מורו רבינו החת"ס ז"ל, אז די זאך וועט ווערן אויסגעפירט נאר דורך די קלים, ח"ו, וועגן דעם איז בעסער אז די עהרליכע זאלן זיך נישט אפהאלטען דערפון, עיי"ש. זעה אויבן ביי די סוף פון די הסכמות וואס איך האב אראפגעברענגט פונעם חת"ס, אין די חידושים אין נדה, גלייך צו דעם זעלבן ענין.

דאס זעלבע זאך איז לגבי דאס בויען פון ארצינו הקדושה. וואס פון ווען עס האט זיך דערוועקט די תנועה, האבן זיך די יראים און חרדים אנטקעגן געשטעלט און זיך אפגעטוהן פון דעם, האבן די קלי הדעת עס גענומען אין די הענט אריין, און זיך אין דעם געשטארקט מער און מער צו דערגרייכן זייער מטרה אינעם בויען. דער אייבישטער האט זיי געגעבן הצלחה, זיי האבן זיך געפלאגט און געמוהט ביז זיי האבן אויפגעטוהן. און וויבאלד די יראים האבן זיך געשטעלט אין א זייט פון די אלע פעילות, איז וואס איז דער חידוש אז דער בנין ווערט געמאכט דורך די פרייע? עס איז זיכער, אויב מיר וואלטן אלע געווען משותף אין די פעולה תיכף ביים אנהייב, וואלט דארט געהערשט א רוח תורה, א רוח היראה מיט א גרויסע מאס. ממילא, יעצט ווען עס איז שוין אויפגעשטעלט א שיינע ישוב, און עס איז א פועל יוצא פון די קלי דעת - זענען זיי די בעלי בתים אין לאנד, ווייל אלעס איז די פירות פון זייער הארוואניע. און עס איז פארווירקליכט געווארן דברי רבינו החת"ס הנ"ל.

עכ"פ, זעהן מיר, אז די שיטה פון רבינו החת"ס, און פון זיין תלמיד דער מהר"ם שיק ז"ל, איז נישט ווי די שיטה פון הגה"ק בעל "מנחת אלעזר" הנ"ל, די הלכה איז ווי דער חת"ס און דער מהר"ם שיק, אז עס איז אסור פאר די חרדים זיך אפצוטוהן פון די מעשה הבנין, אדרבה עס איז א חוב קדוש אויף איעדן איינעם צוצוהעלפן אין דעם הייליגן ארבעט פון היינט און ווייטער, און פאראייניגן די כוחות אלע צוזאמען, און גיין מיט די ערשטע בויערס האנט ביי האנט אין די געהויבענע פעולה, איך צו פארגרעסערן מער און מער. ווי מיר זעהן אין מדרש "שוחר טוב" (פרק יח), "איין פסוק שטייט[128] "מַגְדִּיל", און אין איין פסוק שטייט[129] "מִגְדּוֹל" - אמר רבי יודן, ווייל די גאולה פון עם ישראל קומט נישט אויף איינמאהל, נאר צוביסלעך ווייז. וואס מיינט "מַגְדִּיל" - עס ווערט פארשטערקערט און פארגרעסערט פאר די אידן". ווען די קלי הדעת וועלן זעהן אז די חרדים זענען זיי נישט מרחק און ווילן זיך משתתף זיין מיט זיי, וועלן זיי אויך נתקרב ווערן צו זיי, און זיי וועלן זיך טוישן פון שלעכט צום גוטן. ווייל סוף כל סוף, זענען זיי אויך מזרע אברהם יצחק און יעקב, זיי זענען איינגעווארצעלט אין קדושה. זעה אין די הקדמה פון דעם ספר תניא, לרבינו בעל השו"ע, ווי ער שרייבט, אז אפילו די ערגסטע ביי אידן זענען אנגעכאפט און איינגעווארצעלט אין די אותיות התורה, און די תורה טוט זיי מקשר זיין צום אייבירשטען, עיי"ש. זייער נפש בענקט זיך, זיך צוריקצוקערן צו איר מקור, אזוי ווי איך האב אויבן געשריבן. דאן וועלן מיר גיין מיט א זיכערקייט אין אונזערע וועגן מיטן ענדיגן דעם בנין, און עס וועט נתקדש ווערן שם שמים דורך אונז.

המשך בגליון הבא אי"ה

128 תהלים יח, נא

129 שמואל ב כב, נא

## לְאַרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר רבי מנחם מענדל מוויטבסק

טבריה, גליל העליון

רבי מענדל'ע פון וויטעבסק זי"ע איז נאך געווען אלס קינד ביים בעשטה"ק, געווען איז ער א תלמיד פונעם מגיד פון מעזריטש און געווען די בעל תוקע ביים מגיד.

די גרויסע תלמידי המגיד ווי רבי אברהם קאליסקער, דער בעל התניא, רבי ברוך פון מעזיבוז און רבי יעקב שמשון פון שפיטיווקא און נאך, האבן זיך צו אים צוגעשטעלט נאכן דעם מגיד'ס פטירה.

אין יאר תקל"ז (1777) איז ער ארויף קיין ארץ ישראל מיט א שיירה פון דריי הונדערט חסידים. פון זיינע בריוון קען מען זעהן ווי ער שטעלט פאר די שווערע יסורים וואס איז זיי באפאלען, ער נעמט אבער אלעס אן מאהבה אלס יסורי ארץ ישראל. ער שרייבט אז זיי האבן אזויפיל געליטן אז אלע עובדי ה' וואס וועלן קומען נאך זיי זענען שוין געפטר'ט געווארן מיט זייערע יסורים, עס איז אונז גענוג געווען די יסורים פאר די אלע וואס ווילן זיך באזעצן בנחלת ה' באמת... (ליקוטי אמרים אגרת א'). נאך אינמיטן וועג איז דערטראנקען געווארן איינע פון די שיפן און איבער דרייסיג מיטפאהרער זענען אומגעקומען, דערנאך זענען זיי אויסגעשטאנען רדיפות, מגיפות און נאך צרות.

אנגעהויבן האט ער אין פקיעין, דערנאך אין צפת, אבער נאך מיטמאכן שווערע צרות פון די אראבער און די טערקן, האט ער זיך אריבערגעצויגן קיין טבריה און אין יאר תקמ"ו (1786) האט ער דארט מייסד געווען א בית הכנסת פאר חסידים, דער בנין שטייט נאך היינט און א טייל ווערט באנוצט דורך כולל אברכים פון חסידי קרלין סטולין. ער האט אסאך געטוהן לטובת חיזוק פון דעם ישוב אין א"י, ווי אויך צו פארבעסערן די באציהונגען צווישן די אשכנזים און ספרדים.

פון זיינע תורות האט מען געדריקט נאך זיין פטירה דעם הייליגן ספר "פרי הארץ", ער האט אויך געזאגט אז נאר די תורות וואס ער האט געזאגט אין ארץ ישראל זאל מען פארשרייבן. ווי דער מאמר חז"ל 'אין תורה כמו תורת ארץ ישראל'.

ער איז נפטר געווארן ראש חודש אייר תקמ"ח (1788) און נטמן געווארן אינעם בית החיים הישן אין טבריה.



דעם קבר פון רבי מנחם מענדל מוויטבסק אין טבריה

בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

### גן וורדים בירושלים

אין ירושלים מטמאה בנגעים. ואין נידונית בעיר הנדחת... ואין עושין בה גנות ופרדסין חוץ מגנות וורדים שהיו שם מימות נביאים הראשונים.

(אבות דרבי נתן לה, ב)

### תורת ארץ ישראל

רבי זירא כי סליק לארעא דישראל יתיב מאה תעניתא דלשתכח גמרא בבלאה מיניה, כי היכי דלא נטרדיה.

(בבא מציעא פה ע"א)

### ללמוד תורה בשבת בארץ ישראל

נפת תטפנה שפתותיך כלה דבש וחלב תחת לשונך. אח"י אפשר לרמוז כי ס"ת דבש וחלב תחת שבת שצריך לעסוק בתודה בשבת וכמשז"ל דכאשר היו נכנסים לארץ אמרה תורה לפני הקב"ה עתה יכנסו ישראל לארצם זה מתעסק בשדהו וזה בכרמו ותורה מה תהא עליה וא"ל הקב"ה נתתי להם יום שבת שיעסקו בתורה. וזה רמז דבש וחלב שהיא התורה תחת לשונך ורמז שבת שהוא חיוב לעסוק בשבת למי שבחול אינו פנוי.

(נחל אשכול מהחיד"א, שיר השירים ד, יא)

### תפלה בארץ ישראל

היות התפלה של ארץ ישראל ראויה ורצויה ומקובלת יותר מפני שאין כל כך מקטרגים, וזה מפני שאין אותם האותיות המתהוות מהפה מתלבשת באויר טמא, ולכן הם רצויות ונעשות תכף עטרה וכותרת לראש מלכו של עולם, מה שאין כן בחו"ל שצריכים להתלבש באויר טמא, ויש כמה חיצונים מקטרגים עליהם עד הכנסתם לארץ ישראל, ואחר, טהרה ונקיון כדי לעלות במקום גבוה.

(חסד לאברהם, מעין ג, נהר י)

### ירושלים עתידה להתפשט

להבין שרשי הדברים הנ"ל הנה ארז"ל עתידה א"י שתתפשט בכל העולם כולו וירושלים תתפשט בכל א"י כו' ולכאורה מאמר זה פלאי, מהו ענין התפשטות זאת שתתפשט כל א"י להיות כל העולם נק' א"י האיך אפשר שיהא כל העולם נק' א"י וגם העיר ירושלים תהיי ככל א"י עכשיו גם זה פלאי, אך הענין הוא שר"ל שיהי' כל העולם כולו בבחי' ומדריגת א"י דעכשיו ובחיי א"י יהי' אז במדריגת ירושלים דעכשיו ונמצא ירושלים דלעתיד יהי' במעלה עליונה יותר וזהו הכוונה באמרם עתידה א"י דעכשיו שתתפשט בחי' מדריגתה בכל העולם כולו וממילא יתעלה אז בחי' ומדריגת א"י להיות בבחי' ירושלים דעכשיו והיינו שאמר עוד דירושלים דעכשיו תתפשט בכל א"י כלומר מה שעכשיו הוא במדריגת ירושלים לא יהי' אז רק בחי' א"י וכל א"י יהי' באותה המדריגה וממילא יהי' בחי' ומדריגת ירושלים דלעתיד במעלה ומדריגה יותר עליונה לפי שיהי' לעתיד בחי' עליות המדריגות כידוע וד"ל ולהבין.

(מאמרי אדמוה"ז תקסח, א)

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבת ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

**אחרי מות-קדושים**
י"ב אייר תשפ"א
April 24, 2021

גליון מס'
49

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגען ארויס די מעלות פון א"י

### ונטעתם כל עץ

ר"י בר סימון פתח (דברים יג) אחרי ה' אלקיכם תלכו. וכי אפשר לבשר ודם להלוך אחרי הקב"ה אותו שכתוב בו (תהלים עז) בים דרכך ושבילך במים רבים ואתה אומר אחרי ה' תלכו ובו תדבקון, וכי אפשר לב"ו לעלות לשמים להדבק בשכינה, אותו שכתוב בו (דברים י) כי ה' אלקיך אש אוכלה וכו' ואתה אומר ובו תדבקון, אלא מתחלת ברייתו של עולם לא נתעסק הקב"ה אלא במטע תחלה הה"ד (בראשית ב) ויטע ה' אלקים גן בעדן. אף אתם כשנכנסין לארץ לא תתעסקו אלא במטע תחלה הה"ד כי תבאו אל הארץ ונטעתם כו'.

(ויקרא רבה, קדושים כ, ה)

### ונטעתם כל עץ

אמר רבי לוי אפלו קנה חצים לא היתה ארץ ישראל חסרה. (קהלת ב, ה): עשיתי לי גנות ופרדסים (דברים ח, ח): ארץ חטה ושערה. (קהלת ב, ה): ונטעתי בהם עץ כל פרי, הדא הוא דכתיב: כי תבאו אל הארץ ונטעתם.

(ויקרא רבה, כה, ד)

### הגפן תתן פריה

אמר לו הקדוש ברוך הוא למשה, אמר להם לישראל, כשתכנסו לארץ, אני מחזיר לכם את כל הטובה, שנאמר: כי ה' אֱלֹקיך מביאך אל ארץ טובה ארץ נחלי מים, ארץ חטה ושעורה וגפן ותאנה ורמון, ארץ אשר לא במסכנות תאכל בה לחם (דברים ח, ז-ט). כיון שבאו לארץ התחילו חוטאין, שנאמר: ותבאו ותטמאו את ארצי (ירמיה ב, ז). ולא היתה עושה פרות כראוי. היו זורעין חטים הרבה וקוצרים מעט, לפי שבטלו הבכורים. אבל לעתיד, אין הקדוש ברוך הוא עושה כן, שנאמר: ועתה לא כימים הראשנים אני (זכריה ח, יא). ונאמר, כי זרע השלום הגפן תתן פריה וגו' (שם פסוק יב).

(מדרש תנחומא, קדושים ז, א)

המשך בדף ב'

**איבער 750 אידן באקומען דעם גליון**
**קחו חלק בעבודת הקודש - א וואך איז $100**
**לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**



מצפה מאלון מורה

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר

מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

זעה אין ספר "נוצר חסד", לרבינו איש אלוקים מקומרנא[130], אין זיין פירוש אין אבות אויפן מאמר[131] "הרחק משכן רע - דערווייטער דיך פון א שלעכטן שכן, ואל תתחבר לרשע - און באהעפט דיר נישט מיט א רשע", זאגט ער דארט, "דער תנא זאגט אונז נישט "הרחק מרשע" אזוי ווי עס שטייט ביי דעם שכן, ער זאגט נאר "אל תתחבר" - דאס מיינט אז מען זאל זיך ח"ו נישט דערווייטערן פונעם רשע, אדרבה עס איז א מצוה אים מקרב צו זיין, ווייל מיט דעם וואס דו ביזט אים מקרב קענסטו אים נאר צושלעפען צו גוטס. זאלסט דיר אבער נאר נישט באהעפטען צו אים, דאס מיינט מיט די פנימיות פון דיין הארץ, אבער אים זיכער נישט דערווייטערן פון דיר, און דו נישט פון אים", עיי"ש. אזוי איז אויך דא ביי אונז.

נעכטען ביום ב' לסדר אמור שנת תש"ג, דא אין עיר הבירה, האב איך באזוכט הגאון הגדול בוצינא קדישא ככש"ת מו"ה דוד מייזלס, אבדק"ק אוהעל, בעה"מ ספר שו"ת "בנין דוד". ער איז דא אינעם שפיטאל ווארוש-מאיאר, ה' ירפאהו ויחלימהו במהרה, זאל ער אינגאנצען געזונט ווערן צו זיין הייליגע ארבעט עד ביאת משיח בב"א. דעם פריערדיגן שבת חול המועד פסח האט מען מיר מכבד געווען צו דרש'נען אינעם שוהל פון חברת הש"ס פון די היזיגע יראים, עס איז דארט געווען א גרויסער עולם. האב איך אויפגעברענגט אינעם דרשה דעם ענין פון בויען אונזער לאנד, אז דאס איז א חוב אויף אונז אלע ספעציעל נאך אלס וואס מיר זענען יעצט פאראיבער, מיר האבן נישט קיין שום אנדערע מעגליכקייט נאר אז אונזער לאנד זאל ווערן פעסט אויפגעבויט און דורך אונז אלע. איך האב גערעדט פון דעם ענין מיט גרויס התלהבות, און אסאך האבן געהאט טענות אויף מיר. די טענות זענען אנגעקומען אויך צו די אויערן פון הגאון הנ"ל, האט ער מיר געזאגט, "באמת, האט זיך ארויס געשטעלט דאס מיר האבן נישט רעכט געהאט מיט דעם וואס מיר האבן זיך צוריק געהאלטען פון תנועת בנין הארץ", עכ"ד הגאון גדול הדור הנ"ל. נאך האט ער געזאגט, אז אסאך פון אחינו בני ישראל וואלטן געראטעוועט געווארן אויב מיר וואלטן זיך אלע באשעפטיגט מיט בנין ארצינו נאך פון דעמאלטס, און מיר וואלטן נישט געהאט קיין חילוקי דעות אין דעם. ער האט שווער געקרעכצט פון טיפן הארץ, ווייל אויך פון זיינע קינדער האבן זיך געפינען אין א שווערן מצב אין סלובקיה.

**יג.** איך וועל זאגן נאך אזאך, אז יעצט ווען אחינו בני ישראל זענען אריינגעפאלען אין דעם שרעקליכן מהומה, וואס די ערד אינטער אונזער פיס צופאלט, די בלוט פון מיליאנען מאחינו בני ישראל אין אייראפע ווערט פארגאסען ווי וואסער, ר"ל, פילע פון זיי זענען געבליבן ווי רייזענדער אויפן דעק פון א שיף אן א צודעק אדער באשיצונג העכער זייערע קעפ און נישט קיין ערד אונטער די פלאך פון זייער פיס, גלייך ווי א איינזאמער שיפל אין כוואליעס פון א ים מיט צרות, זיי ווייסן נישט ווי זיך צו קערן און ווי צי גיין, און צו ווי זיי ווערן געפירט - עס איז פשוט און קלאר אז די הלכה איז נישט ווי די קדושי עליונים וואס זענען געווען אנטקעגן דעם ישוב, נאר די הלכה איז ווי די גדולים וואס זענען יא געווען פאר דעם ישוב און דאס בויען. ווי איך וועל דא נאכזאגן און מקדים זיין די ווערטער פון "קדושת לוי"[132], אן ענין נפלא, אין דעם וואס חז"ל האבן געזאגט אסאך מאהל אין ש"ס[133] אויף אן איבעיא-קשיא וואס מען קען נישט קלאר מאכן, "תיקו", וואס די ראשי תבות דערפון איז, "**ת**שבי **י**תרץ **ק**ושיות **ו**בעיות"[134] (אליהו וועט פארענטפערן די קשיות און שוועריקייטן), "אויפן ערשטן בליק קען מען דערין מדקדק זיין, אז דאס וועט דאך זיין נאכן ביאת הגואל בב"א, פארוואס וועט אליהו זיין דער וואס וועט דאס אלעס פארענטפערן, משה רבינו ע"ה וואס ער האט אונז געגעבן די תורה און מצוות וועט דאך אויפשטיין, פארוואס זאל ער נישט זיין דער וואס וועט פארענטפערן די אלע קשיות וואס מיר האבן אין די תורה הקדושה? נאר דער פשט איז, עס שטייט אין סדר הדורות[135] ביי די פלוגתא פון רש"י און ר"ת ביי די ענין פון תפילין, אז משה רבינו איז געווען אויף די זייט פון רש"י, אבער דער ר"ת האט אויף דעם נישט געקוקט און געזאגט, אז די תורה איז שוין געגעבן געווארן און עס ליגט אין אונזערע הענט צו פסק'נען לויט ווי אונזער שכל פארשטייט אין די הייליגע תורה. לאמיר דאס פארשטיין, מיר וועלן דאס קלאר מאכן בקיצור, ביי די מחלוקה פון בית שמאי און בית הלל זאגן מיר דאך "אלו ואלו דברי אלוקים חיים"[136]. (זעה רש"י אין כתובות דף נז אין דעם ענין[137]). חז"ל וואס זענען געווען נאכן דור פון ב"ש און ב"ה, און האבן פארשטאנען אז די וועלט דארף געפירט ווערן מיט חסד - האבן זיי קובע געווען אז די הלכה איז ווי בית הלל אין א יעדן פלאץ לקולא. ווער קען דאס מבחין זיין אין וועלכע מידה די וועלט דארף געפירט ווערן, אז די הלכה דארף זיין ווי זיי? דער וואס לעבט און איז אויף דער וועלט, דער קען וויסן אין וועלכע מידה די וועלט דארף געפירט ווערן. אבער איינער וואס איז נישט לעבעדיג, ווייסט בכלל נישט מיט וועלכע מידה דארף זיך די וועלט פירן. אליהו הנביא איז דאך חי וקיים און האט נישט טועם געווען א טעם מיתה, און געפינט זיך שטענדיג דא אויף דעם עולם, וועגן דעם וועט ער פושט זיין די קשיות און איבעיות, ווייל ער ווייסט מיט וועלכע מידה דארף זיך די וועלט פירן. מיט דעם קען מען פארשטיין וואס דער ר"ת האט געזאגט צו משה רבינו ע"ה אז ער האט אונז שוין געגעבן די תורה און עס ליגט אין אונזערע הענט צו פסק'נען", עכ"ל רבינו בעל "קדושת לוי". זיין כוונה איז, וויבאלד משה רבינו איז נישט אין דעם וועלט קען ער יעצט נישט מכריע זיין די הלכה, ווי דער וועלט באדארף דאס היינט. די ווערטער זענען ראוי צו א גט'ליכען מענטש ווי אים.

דער אייבישטער האט באלויכטן מיינע אויגן, צו טרעפן גאר עהנליכעס לדברי רבינו אין דעם פון איינע פון די גדולי הפוסקים, וואס יעדן טאג הערט מען פון אים אין יעדן בית מדרש, ה"ה רבינו הגדול מרן משה מבי"ט, א חבר און פון דעם בית דין פונעם בית יוסף. שרייבט ער אין זיין ספר "בית

המשך בדף ב'

[130] רבי יצחק אייזיק מקומרנא זצ"ל, כ"ה שבט תקס"ו - י' אייר תרל"ד
[131] פרק א, משנה ז
[132] ליקוטים
[133] ברכות ח ע"א, שבת ה ע"א ועוד
[134] תוס' יו"ט סוף מס' עדיות
[135] חלק א, דף קד ע"ב
[136] עירובין יג ע"ב
[137] עמ' א ד"ה הא קמ"ל

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצובריינגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## ארץ ישראל מיוחד לשמו יתברך

ותקיא הארץ (ויקרא יח, כה) ...אבל ארץ ישראל אמצעות הישוב היא נחלת ה' מיוחדת לשמו לא נתן עליה מן המלאכים קצין שוטר ומושל בהנחילו אותה לעמו המיחד שמו זרע אוהביו וזהו שאמר (שמות יט ה) והייתם לי סגולה מכל העמים כי לי כל הארץ... וכן שנו בספרא (קדושים יא יד) ולא תקיא הארץ אתכם וגו' ארץ ישראל אינה כשאר ארצות אינה מקיימת עוברי עבירה.

(רמב"ן ויקרא, יח, כה)

## להיות ירא שמים יותר בא"י

וכתב הרמב"ן בפרשת אחרי מות, שהזכיר הכתוב בעריות (ויקרא יח, כה) ותטמא הארץ ואפקוד עונה, אע"פ שהעריות חובת הגוף ואינן תלויות בארץ, מכל מקום עיקר כל המצות ליושבים בארץ ה'. וכן שנו בספרא (קדושים יב, יד) ולא תקיא הארץ אתכם (ויקרא יח, כח), ארץ ישראל אינה כשאר ארצות, אינה מקיימת עוברי עבירה. והנה הכותיים לא היו נענשים בארצם, ובבואם בארץ ה' ועשו שם כמעשיהם הראשונים, שלח בהם האריות הממיתים אותם. לכן כל איש יחרד בבואו אל ארץ ישראל להיות ירא שמים כפלי כפלים ממה שהיה בחוץ לארץ, וידע כי בבית המלך הוא יושב, עד כאן לשונו.

(שני לוחות הברית, שער האותיות, קדושת כלל קומה מ"ח)

## אין ארץ ישראל חסרה כלום

היה רבי מאיר אומר: ממשמע שנאמר "וערלתם ערלתו את פריו" איני יודע שעץ מאכל הוא אלא מה תלמוד לומר "עץ מאכל" להביא עץ שטעם עצו ופריו שוה, ואיזהו זה הפלפלין. ללמדך שהפלפלין חייבין בערלה, וללמדך שאין ארץ ישראל חסרה כלום, שנאמר: "ארץ אשר לא במסכנת תאכל בה לחם לא תחסר כל בה".

(ברכות לו ע"ב)

## ארץ המיוחדת לישראל

ואני אתננה לכם. בשלש מלות אלו יבאר הכתוב כי השם המיוחד יבטיח לתת הארץ המיוחדת לישראל שהם עם מיוחד, זהו שאמר ואני אתננה לכם, כי הארץ ההיא ארצי ואתם עמי ביחוד, לא השלטתי עליכם שום כוכב ומזל גם לא מלאך ושרף כי אתם לחלקי לא לחלקם, ואני לאלהים לכם לא לעו"ג, רק אני להם אלהי האלהים. כך פירש הרמב"ן ז"ל, ואע"פ שאין זה לשונו זאת היא כוונתו.

(רבינו בחיי, ויקרא כ, כד)

## ירושה בלי הפסק

ואמר לכם אתם תירשו את אדמתם (ויקרא כ, כד). כירושה שאין לה הפסק שאפילו בשעה שאין ישראל עליה יודעים שהיא שלהם אלא שגלו ממנה. וכמש"כ בס' שמות ל"ב י"ג. וזהו טעם על שנתן הקב"ה לנו עצה שלא תקיא אותנו הארץ אפילו אנו נכשלים בעריות.

(העמק דבר, ויקרא כ, כד)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

אלוקים"[138] ממש ווי די ווערטער פון רבינו "קדושת לוי", דעם טעם פארוואס אליהו וועט זיין דער וואס וועט פארענטפערן די קשיות און נישט משה רבינו. ממש ווי צוויי נביאים זאגן דעם זעלבן געדאנק, איך וועל אראפברענגען זיין לשון ווארט ביי ווארט, ווייל זיי זענען דברי אלוקים חיים, "אליהו ז"ל וועט געפינען ווערן גאר באוויסט אין יענעם צייט, ווי ער וועט דאן פארענטפערן די קשיות און שוועריקייטן, ער וועט צוריקערן לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם אין אלע זאכען, בפרט אין קבלת התורה. אלע ענינים וואס זענען געווען פארהוילן בעולם הזה, אלעס וועט אנטפלעקט ווערן דורך אליהו הנביא. ווייל די אלע אנדערע נביאים, שופטים און חכמים וואס זענען געווען אין די פריערדיגע דורות, אויך די אבות און שבטים, אלע פון משה רבינו ביז די תחיית המתים, ווען זיי וועלן אויפשטיין - וועלן זיי נישט וויסן פון די עניני עולם הזה וואס עס האט פאסירט נאך וואס זיי זענען אוועק פון די וועלט, זיי האבן זיך געפינען אין גן עדן העליון והתחתון, אפגעשיידט פון אלע עניני עולם הזה הגשמי. אבער, אליהו ז"ל, וואס איז געבליבן לעבן פון די צייטען פון משה רבינו ביז דעם צייט פון יהורם, האט ער געוויסט אלעס וואס האט פאסירט אין זיינע צייטן. נאך זיין הסתלקות בגוף ובנפש איז זיין גוף געלויטערט געווארן אזוי ווי א הימלישער מלאך אדער נאך מער. דער אייבישטער האט אים אנגעגרייט זיך צו שטענדיג טרעפן אין דעם צייט פון צרות ביי אידן זיי צו ראטעווען דורך אים און אין זיין זכות, אין אלע דורות ווען מען דארף אים נאר. ער ווערט אויך אנטפלעקט צו די חכמי ישראל אין יעדן דור, זיי צו מגלה זיין סודות התורה. א חוץ פון דאס וואס עס איז מקובל ביי אונז אז ער געפינט זיך ביי א יעדן מצוות ברית מילה, וואס ער האט מקנא געווען קנאת ה' אויף דעם, מיר גרייטן אן בפועל א שטוהל לכבודו. נישט נאר ביי די זאכען אליין, נאר אויך ביי די עניני העולם וואס זענען פארהוילן און באהאלטען פון מענטשען, אז חז"ל האבן געזאגט[139] "יהא מונח עד שיבוא אליהו" (מען זאל לאזן די חפץ אדער געלט אין איר ספק ביז אליהו וועט קומען), ער פארשטייט און איז משיג אלע עניני עוה"ז, עס איז גארנישט באהאלטען פון זיין חכמה. דאס איז אלס וועגן זיין אריכות ימים אין נבואה, ער ווערט צוגעגליכנט צו משה רבינו מיט עטליכע זאכען וואס חז"ל האבן געזאגט. די השגות האט מען נישט געגעבן אפילו פאר משה רבינו ע"ה, וויבאלד זיין נפש האט זיך אפגעטיילט פון זיין גוף, קען ער נישט משיג זיין עניני עולם הזה. אפילו מלאכים זענען נישט משיג עניני עוה"ז, נאר מיט דאס וואס זיי זענען שלוחים פונעם אייבירשטען צו טוהן אויף דעם וועלט, און איין מלאך טוט נישט צוויי שליחות[140]. אבער אליהו הנביא ז"ל האט דער אייבישטער אים דערהאלטען אין א ריינע גוף און נפש, און אים דערוועלט פון אלע נביאים, ווייל ער האט אין אים געוויסט א גוטע סיבה מער פון אלע אנדערע פאר די השגות... וויבאלד דאס איז אזוי, איז ער גרייט צו וויסן אלע דברים עליונים וואס באנייט זיך בעולם העליון - מצד די קדושה פון זיין נפש, ווי אויך אלע זאכן וואס טוען זיך אפ אויף די וועלט - מצד די ריינקייט פון זיין גוף. ווייל צוליב זיין לויטערקייט, איז דא אין אים ווייניג פון די גשמיות'דיגע כמות און איכות, און איז נישט מרגיש ווי א געווענטליכע מענטש ווען ער פליט ארום אין דער וועלט... און אפילו ער לעבט סיי ווי, ווי איך האב פריער מסביר געווען, דאך וועט ער אויך האבן א שטיקל תחיה, דאס הייסט אז זיין גוף וועט אביסל נתגשם ווערן כדי צו ווערן געזעהן פאר אלע בני הגאולה און תחיה, און ער זאל זיך קענען פירן ווי זיי און פארברענגען מיט זיי, אזוי ווי די אבות, די נביאים און משה רבינו ע"ה בראש, האבן זיך געפירט אין זייערע צייטן. אבער אין די פארהוילענע ידיעות פון עוה"ז וועט ער משיג זיין מער פון יעדן, צוליב זיין לאנגען לעבן אויף דעם וועלט, זיין ארויפגיין מיט א שטורעם צום הימל, און זייט דעמאלטס שוועבט ער ארום בעוה"ז צווישן צדיקים און עהרליכע אידן, און ראטעוועט אידן פון צרות. מיט דעם קען ער משיג זיין איעדן דור, צו וויסן אלעס פון די נידעריגע וועלט, צו קלאר מאכן און מברר זיין אלע ספקות פון די חכמי הדורות, און אלע אנדערע פארהוילענע זאכן. דורך דעם וועט מען קענען לערנען תורה אן קיין שום ספק, ווייל אפילו משה רבינו וואס די תורה איז געגעבן געווארן דורך אים, קען נישט מברר זיין די ספקות התורה, אפילו וואס ביי אים איז אלעס קלאר, די סיבה איז ווייל זיין נשמה איז נפרד פון זיין גוף, יעצט האט אים דער אייבישטער אויפגעלעבט, זיינע רייד זענען ווי ווערטער פונעם הימל, אבער דער פסוק זאגט[141] "לֹא בַשָּׁמַיִם הִוא - די תורה איז נישט אין הימל", און מיר זענען נישט משגיח אויף א בת קול[142]... אבער דאס וואס מיר וועלן אננעמען פון אליהו איז פון איינעם וואס האט שטענדיג געלעבט דא בגוף ובנפש, ווי שוין דערמאנט, ער וועט אונז קענען מברר זיין אלע ספיקות פון די תורה און אירע סודות", עכ"ד.

המשך בגליון הבא אי"ה

[138] שער היסודות פרק ס, בסופו
[139] בבא מציעא ג ע"א
[140] ב"ר פרשה נ, אות ב
[141] דברים ל, יב
[142] בבא מציעא נט ע"ב

**לארכה ולרחבה**

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### מושב גמזו

חבל מודיעין

גמזו איז א רעליגיעזער און עהרליכער מושב לעבן דעם בן שמן וואלד, צווישן מודיעין און לוד. עס איז געגרינדעט געווארן אין שנת תש"י (1950) אויף די חרבות פון אן אראבישן שטעטל ג'ימזו. וואס זיי האבן פארלאזט נאכן מלחמת השחרור אין תש"ח (1948). לכאורה האבן זיי גענוצט דעם נאמען וואס ווערט דערמאנט אין תנ"ך (דברי הימים ב, כח, יח).

די אריגינעלע התישבות אינעם מושב זענען געווען בעיקר פון חסידי סאטמאר און נדבורנה, עולים און פליטים פון אונגארן, שפעטער זענען צוגעקומען עולים פון מאראקא. בשנת תשל"ז (1977) זענען צוגעקומען נאך צוועלף משפחות פון פועלי אגודת ישראל וואס האבן זיך אפגעגעבן מיט פעלדער, ווי עס וואקסן טאמעטאס, מעלאנע און אנדערע ציטראס פרוכט ביימער.

די שטעטל איז נישט ווייט פון כביש 1, כביש 6 און 443, און לעבן דעם כפר דניאל. עס איז בערך א האלבע שעה ווייט פון ירושלים, מודיעין און פון בית שמש.

אין די ארכעאלאגישע גראבונגען לעבן דעם מושב איז געפינען געווארן גאר אלטע חורבות, וואס ווייזט אז דא איז געווען באוואוינט מיט אידן נאך מזמן בית שני, ווי אויך פון די צייטן פון משניות און גמרא.

עס איז דא אן אינטערסאנטע דעה אז אין די געגענט געפינט זיך די מערה און קוואל וואסער פון רבי שמעון בר יוחאי, הגם עס איז אנגענומען אז די מערה איז אין פקיעין אין די גליל. עס איז באזירט וואס אין ספר זוהר שטייט אז רבי שמעון איז אנטלאפן צום מדבר לוד און זיך דארט באהאלטען אין א מערה. אויך ווערט אזוי געברענגט אין מדרש אז די מערה איז געווען דריי מיל פון לוד. עס איז אויך דא א דעה אז דער תנא נחום איש גמזו קומט פון דעם פלאץ.

היינט צוטאגס וואוינען דארט נאענט צו צוויי הונדערט און פופציג משפחות בליעה"ר. דער רב המושב איז הרב ישי ליסנר שליט"א. עס איז דא דארט פינף בתי מדרשים, פאר חסידים, יוצאי תימן, יוצאי עדות המזרח, חב"ד און א בית כנסת מרכזי. די וואס געבען זיך נאך היינט אפ מיט פלאנצונגען, זענען בעיקר מיט איילבירטען, וויין גערטנער, ציטרוס ביימער און נאך.



א טייל פון די הייזער אין מושב גמזו

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

גליון מס' 50

אמור
י"ט אייר תשפ"א
May 1, 2021

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### יציאה מא"י

מעשה בתלמיד אחד של ר' שמעון בן יוחאי שיצא חוצה לארץ, ובא עשיר. והיו התלמידים רואין אותו ומקנאין בו, והיו מבקשים הן לצאת לחוצה לארץ, וידע ר' שמעון, והוציאן לבקעה אחת של פגי מדון , ונתפלל ואמר: בקעה בקעה, מלאי דינרי זהב! התחילה מושכת דינרי זהב לפניהן. אמר להם: אם זהב אתם מבקשים, הרי זהב, טלו לכם. אלא, היו יודעין: כל מי שהוא נוטל עכשיו, חלקו של עולם הבא הוא נוטל, שאין מתן שכר התורה אלא לעולם הבא.

(בבא בתרא, צא ע"א)

### זכות של הבאת העומר

ומאיזה זכות זכו ישראל לירש הארץ, הוי אומר בזכות מצות העמר, דכתיב גביה כי תבאו. לפיכך משה מזהיר את ישראל ואומר להם: כי תבאו אל הארץ וקצרתם את קצירה והבאתם את עמר.

(ויקרא רבה כח, ד)

### קיום המצוות בא"י

למה מת משה בחוצה לארץ, להורות, דבזכותיה יתקיימון מתי מדבר. ואמר אבוי, אמר משה לפני הקדוש ברוך הוא, רבונו של עולם אכנס לארץ לקיימא פקודיך, דהא כתיב (ויקרא כג, י) כי תבאו אל הארץ. (שמות יב, כה) והיה כי תבואו אל הארץ. ותמן הוא קיומא דפיקודיך.

(זוהר חדש, פרשת בראשית תרי"א)

### מעלת א"י

מעלה גדולה יש לארץ ישראל, ומי שיש לו בה חלק, חשוב הוא כחלק עולם הבא.

(אבן עזרא)

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הר"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו
מאנסי, נ.י.
שיזכה לעלות ולהשתקע בארץ הקודש בקרוב מתוך שמחה

**איבער 750 אידן באקומען דעם גליון**
**קחו חלק בעבודת הקודש - א וואך איז $100**
**לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**



אתרא קדישא מירון

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

זעהסטו פון דעם, אז דאס איז געווי די ווערטער וואס רבינו בעל "קדושת לוי" ז"ל האט גערעדט פון, אז וויבאלד אליהו האט נישט געענדיגט לעבן אויף דער וועלט, און ער ווייסט שטענדיג אונזערע ענינים אין יעדן דור, קען ער קובע זיין די הלכה לויטן דור און אין יעדן צייט. משא"כ א צדיק וואס איז שוין נסתלק געווארן פון דעם עולם, און ער ווייסט נישט דעם מצב פונעם דור, קען מער נישט מכריע זיין די הלכה לויט'ן דור. פון דעם קענען מיר זעהן דאס גרויסקייט פון רבינו בעל "קדושת לוי", וואס ער האט זוכה געווען צו מכוון זיין צו מרן המבי"ט, וואס איז געווען בזמן פון דעם ב"י. ער וואלט זיך זייער געפרייט אויב וואלט ער געזעהן זיין ספר הנ"ל, צו טרעפן איינעם וואס זאגט די זעלבע ווי אים.

קומט אויס מדברי רבותינו הנ"ל, אז א צדיק וואס האט געפסק'נט א פסק דין און דערנאך איז ער נסתלק געווארן, און די ענינים און סדר העולם איז פארענדערט געווארן, און לויט דעם מעמד פונעם דור וויאזוי עס איז יעצט איז זייער שווער צו אנהאלטן אין די שיטת הלכה פון דעם צדיק וואס האט מחמיר געווען ווען ער האט נאך געלעבט, אבער אויב וועלן מיר אננעמען די שיטה פון די אנדערע צדיקים, וועט ארויסקומען א טובה פארן דור - דעמאלטס, קומט אויס לויט די צוויי גדולי עולם הנ"ל, אז וויבאלד דער צדיק וואס האט מחמיר געווען איז מער נישט בעוה"ז, און ער ווייסט נישט מער אין די ענינים וואס מען באדארף יעצט אין דער וועלט, ווייל ער געפונט זיך מער נישט מיט אונז, איז די הלכה נישט ווי אים. א"כ, לויט דעם, אין אונזער צייט וואס עס קומט פאר דעם גרויסן טומעל ביי אידן, און מיר האבן מער נישט קיין סיבה צו פארבלייבן אין גולה - איז פשוט אז מיר דארפן נישט חושש זיין לדברי הגדולים וואס האבן זיך ארויסגעשטעלט אנטקעגן דעם ישוב, נאר די הלכה וועט זיין ווי די גדולים וואס זענען יא געווען פאר דעם ישוב, וויבאלד די צייט פארלאנגט דאס. אויב זיי וואלטן ווען געלעבט מיט אונז דא, און צוגעזעהן דעם יעצטיגן מצב, וואלטן זיי אליינס אויך צו דעם מסכים געווען.

**יד.** איך האב שוין געשריבן אין פרק ב', אז די גאנצע טעם פון מרן הגה"ק בעל "מנחת אלעזר" וואס האט זיך קעגנגעשטעלט צום תנועה פון בנין הארץ, ווי מיר זעהן דאס אין אלע זיינע ספרים הק', ווייל לדעתו וועט די לעצטע גאולה קומען בדרך נס און נישט בטבע, און ווער עס ווארט דאס צו זעהן בדרך הטבע איז א כופר בביאת משיח, ח"ו, זיינע ספרים זענען פיל דערמיט. חוץ פון דאס וואס איך האב אראפגעברענגט אינעם פריערדיגן פרק, פון חז"ל אין ש"ס און מדרש, און מדברי האוה"ח הק' און פון אנדערע קדושים, אז דאס איז געוואנדען אין די צוויי בחינות פון גאולה, צו דאס וועט זיין "זכה" אדער ח"ו אין די בחינה פון "לא זכה", וואס אויב וועלן מיר זיין אין א בחינה פון "לא זכה" - איז מוכרח אז ביאת משיח וועט זיין באהאלטען אין טבע, נאך קען איך צולייגן, פון דעם וואס מיר זעהן אז עס האט געהערשט אן איינגעווייקטע שנאה פון די בני ארץ ישראל צו די בני בבל, וועגן דעם פאקט וואס זיי האבן נישט אלע געוואלט ארויפגיין קיין ארץ ישראל מיט עזרא הסופר, און אויב וואלטן זיי יא אלע ארויפגעגאנגען וואלט עס געווען א גאולה נצחית. די שנאה האט זיך געשלעפט און אנגעהאלטען פונעם זמן הבנין ביז נאכן חורבן, זעה תוס' (מנחות דף ק[143]) און דער תוס' יו"ט (שם[144]), אז די ת"ח פון ארץ ישראל האבן פיינט געהאט די בני בבל, וועגן דעם האט מען זיי גערופען בלשון גנאי - בבליים, זיי האבן אויף זיי געזאגט "די בבליים עסן דאס אויף ווען עס איז רוי", דאס איז געווען ווען דער ביהמ"ק איז נאך געשטאנען. נאכן חורבן זעהן מיר אין יומא (דף ט[145]), ריש לקיש האט געזאגט צו רבה בר בר חנה, "אלקא, סנינא לכו (איז רש"י מפרש "סנינא לכו - איך האב פיינט אלע בני בבל ווייל זיי זענען נישט ארויף אין די צייט פון עזרא, און מיט דעם האבן זיי פארמיטן אז די שכינה זאל זיך צוריקקערן צו רוען אינעם בית שני"), ווי עס שטייט אין פסוק[146] "אִם חוֹמָה הִיא - אויב איז זי פעסט ווי א מויער, נִבְנֶה עָלֶיהָ טִירַת כָּסֶף - וועלן מיר אויפבויען א שיינעם פעסטונג (ביהמ"ק) פון זילבער, וְאִם דֶּלֶת הִיא - אויב איז זי שוואך און וואקעלדיג ווי א טיר, נָצוּר עָלֶיהָ לוּחַ אָרֶז - וועלן מיר איר פארשפארען מיט א ברעטל פון טענען ביימער" - אויב וואלט איר אייך אהערגעשטעלט ווי א חומה און צוזאמען ארויפגעגאנגען בימי עזרא, וואלט איר צוגעגליכן געווארן צו זילבער וואס ווערט נישט פארפוילט, און אזוי אויך וואלט געווען די גאולה שלמה. יעצט אבער, וואס איר זענט ארויף ווי טירען, זענט איר געגליכן צו טענען ביימער וואס עס קען יא פארפוילט ווערן". דאס מיינט אז דער בנין וועט חרוב ווערן.

זעה די הקדמה פון סידור יעב"ץ[147], ווי ער איז דארט מפרש די ווערטער פון רבי חייא (פרק הפועלים[148]). "דער מקטרג אנטקעגן די אידישע בבליים וואס זענען נישט ארויפגעגאנגען מיט רשות פון כורש מלך פרס האט אים אויסגעזעהן ווי א פייערדיגער בער. וואלטן זיי ווען ארויפגעגאנגען ווי א חומה אין יענעם צייט - וואלט נישט שולט געווען אין זיי קיין פארפוילטקייט, און עס וואלט געווען די גאולה שלימה... וועגן דעם האט דער מקטרג געקענט מקטרג זיין, ווייל זיי די בבליים זענען געווען די סיבה אז די גלות איז פארלענגערט געווארן", עיי"ש. זעהן מיר אז אויך אין זמן פון רבי חייא, וואס האט געלעבט נאכן חורבן, האט דער מקטרג מקטרג געווען אויף דעם וואס זיי זענען נישט ארויף אלע צוזאמען בזמן וואס מען האט באקומען די רשות פון כורש.

זעה אויך אין מדרש (שיר השירים פר' ח[149]) אינעם פסוק 'אִם חוֹמָה הִיא' - "אויב וואלטן די אידן ארויפגעגאנגען צוזאמען ווי א חומה פון בבל, וואלט די בית המקדש נישט חרוב געווארן צום צווייטן מאהל. רבי זעירא איז ארויסגעגאנגען צום מארקעט עפעס צו קויפן, האט אים דער סוחר געזאגט, דו גייסט נישט אוועק פון דא מיט סיי וואס, ווייל דו ביזט דער בבלי וואס דיינע עלטערן האבן חרוב געמאכט דעם בית המקדש, האט רבי זעירא צוריק געענטפערט, איז דען נישט מיינע עלטערן די זעלבע ווי דיינע? איז ער אריין אין בית המדרש און ער האט געהערט ווי רבי שילה זיצט און דרש'נט, 'אִם חוֹמָה הִיא' - אויב וואלטן די אידן ארויפגעגאנגען צוזאמען פון גלות בבל ווי א חומה,

המשך בדף ב'

---

[143] ע"א ד"ה ששונאין
[144] פרק יא, משנה ז, ד"ה הבבליים
[145] ע"ב
[146] שיר השירים ח, ט
[147] סידור בית יעקב, סולם בית אל, דף יד
[148] בבא מציעא, דף פה ע"ב
[149] פסוק ט, אות ג

**בשבילי הארץ**
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## מנחת העומר רק מא"י

אין מביאין מנחה זו אלא מארץ ישראל שנאמר (ויקרא כג, י) והבאתם את עמר ראשית קצירכם אל הכהן. מצותו לבוא מן הקרוב. לא בא מן הקרוב מביאין אותה מכל מקום מארץ ישראל.

(משנה תורה, הלכות תמידים ומוספין ז, ה)

## ישראל הדר בארץ ישראל

דע כי נשמת ישראל הדרים בחו"ל מעולם דסנדלפון הוא עולם האופנים ויקראו בית יעקב, ויקראו עבדים ונק' עבד עברי שחשבונו שנ"ח שהם אותיות נח"ש, והישראלים הדרים בארץ מי' ספירות דיצירה ויקראו בני ישראל, ויקראו בנים ונקראים בני אל חי. והנה האדם כשהוא בחו"ל היתה לו נפש מעולם האופנים וכשזכה ונכנס לארץ בא לו נפש חדשה מעולם היצירה ומתלבש בתוך הנפש הישנה שהיתה לו, ובלילה הראשונה שישן בארץ יוצאת ב' הנפשות ועולות למעלה, ובחזרה אינה חוזרת אלא החדשה בלבד, ולזה אינה ראויה לעונשין כי לא חטאה, ולזה אמרו רז"ל שמוחלין לו על כל עונותיו.

(חסד לאברהם, מעין ג, נהר יב)

## חומת ירושלים לעתיד לבא

כך אמר הקב"ה, אני וכל פמליא שלי נעשים לה חומה לירושלים לעתיד לבא ואני מצוה לה מלאכים לשמרה, שנאמר על חומותיך ירושלים הפקדתי שומרים. וכי מאחר שהאש מוקף לה מי יכול להיכנס בתוכה, אלא לעתיד לבא צדיקים מהלכים באש כאדם שהוא מהלך בחמה ביום הצינה והיא עריבה אליו.

(פסיקתא רבתי לח)

## עולין לירושלים

א"ר חייא בר יוסף, עתידין צדיקים שמבצבצים ועולין בירושלים, שנאמר ויציצו מעיר כעשב הארץ, ואין עיר אלא ירושלים, שנאמר וגנותי אל העיר הזאת.

(כתובות קיא, ב)

## שערי ירושלים

שערי ירושלים שטבעו בארץ, עתידים לעלות ולהתחדש כל אחד ואחד במקומו... וביום השבת הם נפתחים מאליהם, ויודעים כל העם שבא יום השבת, וכן בראש חודש יהיו ישראל עומדים ורואים את הדלתות נפתחות מאליהן, ויודעים שבאותה שעה עלתה הלבנה ומקדשים את החודש בעליונים.

(ילקוט שמעוני, יחזקאל שפג)

## כוונה בתפילת י"ח

יסמוך גאולה לתפילה בזריזות יתר מאד ויכוין שהוא נֹכח ארץ ישראל וירושלם ובית המקדש ובית קודש הקדשים.

(מורה באצבע מהחיד"א, ג, עט)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

וואלט די בית המקדש נישט חרוב געווארן צום צווייטן מאהל. האט רבי זעירא געזאגט צו זיך, דער עם הארץ האט מיר גוט געלערנט", עכ"ל המדרש.

זעה די תשובות "חות יאיר" (סי' קנב), אז רבי זירא פלעגט אנרופען די בבליים - "בבלאי טפשאי - נארישע בבליים", מכח די ליבשאפט וואס ער האט געהאט צו ארץ ישראל, דאס גייט אויך לויט דעם דערמאנטען געדאנק, עיי"ש.

זעהן מיר פון דעם, אז די שנאה אויף דעם וואס זיי זענען נישט ארויף בימי עזרא, האט זיך געצויגן און אנגעהאלטן מדור לדור, מען האט זיי נישט געקענט מוחל זיין, אויף אזוי ווייט אז אפילו א פשוט'ע עם הארץ האט אים גארנישט געוואלט פארקויפן ווייל ער איז א בן בבל, און ער האט אים געזאגט אז זיינע עלטערן האבן חרוב געמאכט אונזער שטאט און פארוויסט דעם בית המקדש. ווי דער מהרש"א (יומא דף ט[150]) שרייבט אויף דעם מאמר חז"ל, "עס וואלט געדארפט צו זיין אז עס זאל געמאכט ווערן נסים בזמן עזרא, אבער דער חטא האט גורם געווען" - די חטא איז געווען אז זיי זענען נישט ארויפגעגאנגען אלע צוזאמען, עיי"ש.

איז לויט די שיטה פון הגה"ק בעל "מנחת אלעזר", אז די גאולה העתידה וועט קומען דוקא דורך אן אפענעם נס און נישט דורך רשות פון די פעלקער, וואס איז דען געווען די חטא פון די דור פון עזרא, פארוואס האט מען זיי פיינט געהאט מיט אזא לאנגע אנגעהאלטענע שנאה, זיי האבן דאך נישט געוואלט א גאולה דורך כורש, נאר א גאולה דורך דעם באשעפער אליין, און נאר דורך אפענע נסים? נאר מוז זיין, אז מיר האבן זיך נישט צו מישן אין דעם אייבירשטענ'ס וועגן, אפשר איז דער רצון השם געווען אז עס זאל קומען דוקא אויף אזא וועג. אויב אזוי, קען מען דן זיין פון דעם אויך לגבי אונז - אז אויב וועלן די פעלקער אונז געבן א רשות אז מיר זאלן אריינקומען קיין ארץ ישראל, איז דאך דאס דער רצון הבורא, און פון דעם וועט זיך אויסארבעטן דאס וואס וואלט זיך אויסגעארבעט אין די צייט פון כורש, ווען עס וואלט געווען אז אלע צוזאמען וואלטן ארויפגעגאנגען. מיר דארפן נאר זעהן צו דעם, אז אלע זאלן וועלן ארויפגיין צוזאמען, דאן וועלן מיר דערגרייכן דאס חפץ נפשינו עס זאל זיין די גאולה שלמה בעזה"י, דאס איז א ראיה וואס האט נישט קיין ענטפער.

דאס איז אויך געווען די טעם פון רבי יהושע בן חנניה, ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש רבה (פר' תולדות[151]), וואס איך האב שוין אראפגעברענגט אין פרק ב', אז אין זיינע צייטן האט דער מלך געגעבן רשות ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל און בויען דעם ביהמ"ק, און רבי יהושע בן חנניה האט דאס אנגענומען און פארשטאנען אז פון דעם קען נשתלשל ווערן די גאולה שלימה. דאס וואס שטייט אין כתובות (דף קיא[152]), אז איינע פון די שבועות וואס דער אייבישטער האט באשוואוירען כנסת ישראל - 'שלא ירחקו את הקץ', איז רש"י מפרש, "זיי זאלן נישט אוועקשטיפן דעם קץ בעוונם-מיט זייערע זונד". עס איז דא א גירסא 'שלא ידחקו את הקץ', דאס מיינט מען זאל נישט מרבה זיין מיט תחנונים אויף דעם יותר מדי, מער ווי גענוג". (דער חת"ס[153] איז מפרש די כוונה פון רש"י מיט די ווערטער פון 'יותר מדי' - "אזוי ווי יוסף דילי ריינא[154] וכדומה. אבער צו מתפלל זיין איעדן טאג - דאס מוזען מיר". אזוי האב איך אויך געזעהן אין "ישמח משה" החדשים[155], אויף שיר השירים[156], ווי ער איז אויך אזוי מפרש. זיי האבןביידע מכוון געווען די זעלבע זאך). קוק אינעם פיוט פון שחרית פון יום א' של פסח[157], ווי עס שטייט דארט 'רחוק דחוק השבעתי אתכם'. זעהט אויס אז דער פייטן האט אנגענומען ביידע גירסאות אלס אמת, אז אויף ביידע האט מען געשוואוירען. דער פייטן אליינס (שם אות ל) שרייבט דארט ווייטער בפירוש, שלא לדחוק את הקץ, אז דאס מיינט - מען זאל נישט ארויסגיין פאר די צייט ווי די בני אפרים[158], און נישט ווי פירוש רש"י הנ"ל. עכ"פ איז קלאר פון דעם פיוט אז די גירסא 'שלא ירחקו את הקץ', איז אויך אמת. דאס וואס רש"י האט מפרש געווען 'שלא ירחקו בעוונם' - איז לכאורה שווער. אויב מיינט ער דערמיט סתם עוונות, פארוואס דארף מען אויף דעם א נייע שבועה, זיי זענען דאך שוין באשוואוירען אויף דעם נאך מהר סיני?[159] אויך שטייט אין פסוק[160] "לֹא תַעֲשׂוּן כֵּן לַה' אֱלֹקֵיכֶם", זאגט רש"י, "האט רבי ישמעאל געזאגט, קען דיר דען איינפאלען אז אידן זאלן צוברעכן די מזבחות? נאר וואס דען, זיי זאלן נישט טוהן ווי זייערע מעשים און זייער זונד זאל גורם זיין אז די ביהמ"ק זאל חרוב ווערן", עכ"ל. מיר ווייסן פון ירושלמי[161], "א יעדן דור וואס דער ביהמ"ק איז נישט אויפגעבויט געווארן - איז כאילו עס איז דעמאלטס חרוב געווארן". קומט אויס אז מען האט אונז שוין באשווארען אויף דעם. דארף מען פארשטיין פשט אין דעם רש"י.

המשך בגליון הבא אי"ה

[150] ע"ב, ד"ה כחומה
[151] ב"ר פר' סד, אות י
[152] ע"א
[153] ח"ו סי' פו
[154] חי בתקופת גירוש ספרד
[155] על נביאים ומגילות
[156] פרק ב', פסוק ז
[157] ד"ה אור ישע
[158] סנהדרין צב, ע"ב, שמו"ר כ, י
[159] נדרים ח, ע"א
[160] דברים יב, ד
[161] יומא א, הלכה א

**לארכה ולרחבה**

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### מערת רשב"י

פקיעין, גליל העליון

אין די הייל האט זיך אויסבאהאלטען רבי שמעון בר יוחאי מיט זיין זוהן רבי אלעזר פאר גאנצע דרייצן יאר און געלערנט סתרי התורה. עס האט דאן פאסירט א נס און עס איז דארט ארויסגעוואקסען א באקסער בוים און עס האט זיך געעפנט א קוואל מיט פריש וואסער, און אזוי האבן זיי זיך געשפייזט די אלע יארן, ביז אליהו הנביא האט זיי מבשר געווען אז דער קיסר אדרינוס איז געשטארבן און די גזירה אויף זיי איז בטל געווארן. אין מדרש ווערט געברענגט אז שב"ק האט די באקסער בוים ארויסגעגעבן טייטלען בדרך נס.

היינט צוטאגס איז דארט געבויט געווארן שיינע טרעפ כדי צו גרינגער מאכן פאר די באזוכער צו מבקר זיין דעם פלאץ. עס איז באוואקסען מיט גאר א גרויסן באקסער בוים וואס פארדעקט דעם גאנצען פלאץ. די פלאץ איז פארהייליגט אויך דורך די נישט-אידישע איינוואינער, די דרוזים פון פקיעין, זיי צינדען דארט לעכט און דאווענען דארט.

עס ווערט דערמאנט דורך פילע פון די אמאהליגע רייזענדער. דער רייזענדער רבי שמחה מזאלאזיץ שרייבט וועגן זיין רייזע דארט בשנת (1764-5) תקכ"ד-ה, "עס וואוינען אין פקיעין פופציג אידישע בעלי בתים, וואס האבן וויינגערטנער און פעלדער, זיי האבן מכל טוב... דארט איז דא א גרויסער אלטער באקסער בוים וואס גוט שוין נישט קיין פירות, די גוים תושבי המקום האלטן דאס פלאץ הייליג, זיי באנוצען זיך נישט אפילו מיט די אראפגעפאלענע בלעטער. דער בוים איז זייער ברייט, אז אידן זיצן אויף די צווייגן און לערנען דארט דעם ספר הזוהר בחברותא". אויך דער אוה"ח הק' שרייבט "מיר זענען געגאנגען צום כפר פקיעין תוב"ב וואס איז זיכער אזוי ווי צפת און טבריה, דארט איז דער מערה ווי רשב"י האט זיך באהאלטן לעבן דעם באקסער בוים, מיר האבן דארט געלערנט פאר צוויי חדשים סיון און תמוז".

דער מהר"ל שרייבט, "עס איז נישט קיין ספק, אז עס זענען דא פלעצער אין די וועלט וואס האבן א ספעציעלע גט'ליכע קדושה, בפרט די מערה ווי רבי שמעון בן יוחאי האט זיך אויסבאהאלטען איז זייער ראוי צו דעם, עס איז נישט קיין ספק אז אליהו הנביא האט זיך דארט אנטפלעקט צו זיי אסאך מאהל, אזוי אויך יעצט".



אריינגאנג צום מערה פון רשב"י אין פקיעין

בעזהשי"ת

# בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

**בהר-בחקותי**
כ"ו אייר תשפ"א
May 8, 2021

גליון מס'
51

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### כי תבואו

וידבר ה אל משה לאמור כו' כי תבואו כו' ושבתה הארץ שבת לה', והוא שהבטיח הש"י לישראל כשיבואו לארץ ישראל יהי' לבם בנייחא כי ארץ מורה על הלב, וזה ושבתה הארץ שיהי' לבם בנייחא.

(מי השלוח - איזביצא)

### השתוקקות לא"י

ובכל ארץ אחוזתכם כו' דהנה כתיב אתה תקום תרחם ציון כו' כי רצו עבדיך כו' ואת עפרה יחוננו מה טעם הוא זה, ודאי אם מתפללים מסתמא רצו זה. אך הנה כתיב וימאסו בארץ חמדה וישא ידו להם כו' ולזרותם בארצות בשביל שימאסו בארץ חמדה. ע"כ אנו אומרים אתה תקום תרחם כך כי רצו עבדיך כו'. זה י"ל מרומז בפסוק ובכל לשון כלתה לתשועתיך כו' וכן ותכל נפש דוד. ארץ אחוזתכם במה שמשתוקקים על ארץ ישראל ע"י זה גאולה תתנו לארץ.

(דברי אמת, בהר)

### כבוד הארץ הקדושה

סמך שמיטת הארץ לענין של מעלה, להורות לנו, כי כמו שאנו חייבים בכבוד השם יתברך וכבוד הבריות, כן אנו חייבים בכבוד הארץ הקדושה, היא ארץ ישראל אשר תמיד השם יתברך דורש אותה, ועיני ה' בה מראשית השנה ועד אחרית השנה, לפי שהיא נקראת ארץ חפץ וארץ החיים. ולכן אנו חייבים לשקול אלו הג' מיני כבוד. כבוד השי"ת. וכבוד עם ישראל. וכבוד ארץ ישראל. והם כלולים בכבוד השי"ת. ולכן אנו כותבים באות ש' ג' יו"דין, לרמוז שהכל דבר אחד. היו"ד הראשונה יו"ד השם. והיו"ד השנית היא יו"ד ישראל. והיו"ד השלישית היא יו"ד ארץ ישראל שהיא יו"ד ירושלם.

(רבי אברהם ב"ר יעקב סבע, בספרו צרור המור ויקרא, בהר)

המשך בדף ב'

הזמנה לועידת קדושת ציון
התאחדות חרדים דורשי ציון על טהרת הקודש

מיר ווילן דא איינלאדענען אוהבי ציון היקרים צום גרויסן כינוס לכבוד די גרויסע נסים און חסדים פון די זעקס-טעג קריג, און א לויב צו השי"ת אויף באקומען חלקים פון אונזער הייליגן לאנד

דעם קומענדיגן דאנערשטאג, ב' סיון, בשעה 18:30
אינעם זאל פון שירת ירושלים,
רחוב כנפי נשרים 64, ירושלים
פאר מער פרטים, און א הוק-אפ צו אמעריקע,
שרייבט צו kdst.office@gmail.com

איבער 750 אידן באקומען דעם גליון
קחו חלק בעבודת הקודש - א וואך איז $100
לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

נאר זעהט אויס אז די כוונה פון רש"י איז נישט געווען אויף סתם עוונות, נאר אויף דעם עון וואס איז נוגע צום קץ אליין, ווי דער מהרש"א שרייבט[162] בפירוש דברי חז"ל, "די גאולה בימי עזרא וואלט געדארפט צו זיין בדרך נס, נאר דער חטא האט גורם געווען" - דהיינו, די גאולה פון עזרא וואלט ווען געדארפט צו זיין אן אייביגע גאולה, נאר דער חטא האט גורם געווען, די חטא אז זיי זענען נישט אלע צוזאמען ארויפגעגאנגען. אזוי האב איך אראפגעברענגט אין פרק ב' בשם דעם כוזרי וואס האט אויך אזוי געזאגט. וועגן דעם איז דערווייטערט געווארן די ריכטיגע קץ, אויף דעם באציהט זיך די שבועה הנ"ל - שלא ירחקו את הקץ בעוונם, אז אויב מאכט זיך א שעת הכושר ארויפצוגיין ברשות פון די פעלקער, זאל מען אננעמען דעם רשות און אלע זאלן ארויפגיין, כדי עס זאל פון דעם נשתלשל ווערן די גאולה נצחית, מיר זאלן נישט טוהן דאס וואס מיר האבן געטוהן בימי עזרא, וואס מיר האבן מרחק געווען דעם קץ בעוונם, אז מיר זענען נישט אלע ארויפגעגאנגען צוזאמען. מכל שכן, אויב וועלן מיר בכלל נישט אננעמען די מאמענט ח"ו, וועלן מיר מרחק זיין דעם קץ דורך דעם. דאס איז דער אמת'ער פשט בביאור דברי הרש"י הנ"ל.

**טו.** מיט דעם קען איך מפרש זיין דאס וואס מיר זעהן אין דברי הימים[163] ביי דוד המלך ע"ה, ווען ער זאגט פארן אייבירשטען (בשעת ער האט צוזאמגענומען געלט פאר בנין ביהמ"ק) "וְעַתָּה - און יעצט, עַמְּךָ הַנִּמְצְאוּ פֹה - דיין פאלק וואס געפונט זיך יעצט דא, רָאִיתִי בְשִׂמְחָה לְהִתְנַדֶּב לָךְ - האב איך געזעהן אז זיי ווילן מיט שמחה ביישטייערן צו דיר", איז רש"י מפרש, "הַנִּמְצְאוּ פֹה - די וואס געפינען זיך דא, די וואס ווערן אראפגעברענגט אין די פריערדיגע פסוקים[164], "וַיַּקְהֵל דָּוִיד אֶת כָּל שָׂרֵי יִשְׂרָאֵל" וגו', אבער די אידישע עשירים פון יעדן שטאט האבן זיך דארט נישט געפונען, וועגן דעם רבוש"ע איז די נדבה קלענער געווארן, אויב אבער וואלטן אלע אידן געווען דא, וואלט די נדבה געווען פיל מער", עכ"ל. דאס איז געווען א גנאי פאר אונזערע עשירים, וואס האלטן זיך שטענדיג צוריק פון מנדב צו זיין, אפילו אויף אזא גרויסע זאך ווי בנין בית המקדש. אזוי איז ביזן היינטיגן טאג. אויף דעם האט זיך דוד באקלאגט, אויף די עשירי ישראל וואס זענען געבליבן זיצן אין זייערע הייזער און נישט געקומען אנטייל נעמען אין די נדבה, קומט אויס אז נישט אלע אידן האבן גענומען א חלק אין בויען דעם בית המקדש. וועגן דעם האט דער ביהמ"ק נישט געהאט א קיום, און עס איז נישט געווען אין די מצב פון 'ווערן צוגעגליכן צו זילבער וואס ווערט נישט פארפוילט'. אזוי האב איך געטראפן אין תוספתא (עבודה זרה, פרק ה[165]), ווי וויכטיג עס איז די כח פון עלי' אז עס זאל זיין דורך גאנץ כלל ישראל. דאס איז די לשון פון די תוספתא דארט, "מיר זעהן אין פסוק[166], 'כי נתן בידי' את יושבי הארץ וגו' - די מרגלים האבן געזאגט פאר יהושע

אז דער אייבישטער האט אונז איבערגעגעבן אין האנט די איינוואוינער פונעם לאנד' - קענען מיר דען אבער טראכטן אז זיי האבן איינגענומען דאס לאנד נאך פארן אייבירשטען? נאר וואס דען, ווי לאנג די אידן זענען אלע אין ארץ ישראל, קען עס ווערן איינגענומען, אויב אבער זענען זיי נישט אלע דארט קען דאס נישט ווערן איינגענומען", עכ"ל.

**טז.** מיט די בעלי התנועה וואס האבן זיך אין אנהייב דערוועקט ארויפצוגיין לארצינו הקדושה און איר באזעצן, וואס בעוה"ר שטייען אסאך פון זיי מיט א שוואך פיס אין די ראנג פון אונזער הייליגע תורה, כמעט וואס זיי האבן אינגאנצן אפגעהאקט מיט איר. פונדעסטוועגן דאך זעהן מיר אז זיי האבן נישט אויסדערוועלט עפעס אן אנדערע לאנד צו מאכן דארט א ישוב, נאר זיי האבן בוחר געווען בארץ אבותינו, בארץ הקדושה, און זיי זענען זיך מוסר נפש דערויף, ווי דער פאקט האט קלאר אויפגעוויזן אויף דעם אז אסאך פון די קלי הדעת האבן זיך ממש מוסר נפש געווען צו שטארבן וועגן איר, אן א צאהל פון זיי האבן מקריב געווען זייער נפש אויפן מזבח פון אונזער הייליגן לאנד, דער אייבישטער זאל זיי געדענקן לטובה אויף דעם. דאס איז א פלא, לכאורה - וויבאלד זיי האלטן נישט אן ליידער בתורת אלוקינו, וואס האבן זיי מיט ארץ ישראל וואס איז פארהייליגט נאר דורך די קדושת התורה, ווייל דער עיקר פון אונזער תורה איז נאר אין ארץ ישראל, ווי איך האב שוין פריער אראפגעברענגט בשם האיש האלוקי מהר"ם קורדובירו. אויך משה רבינו האט געגליסט אריינצוקומען אין א"י נאר וועגן די קדושת התורה, כידוע די מאמר חז"ל[167]. אויך אברהם אבינו האט געגליסט צו דעם[168], נאר כדי זיך צו קליגן בחכמת התורה, ווי דער מאמר חז"ל[169] 'עס איז נישטא קיין תורה ווי די תורה פון ארץ ישראל'. איז וויבאלד די בעלי התנועה פירן זיך נישט אויף בעוה"ר בתורת ה', וואס האבן זיי מיט ארץ ישראל? דאס איז לכאורה א פלא.

נאר די פשט פון דעם, האב איך געלערנט מדברי האלוקי "מגיד מישרים" (פר' שלח). דער מלאך איז מבאר לרבינו הב"י דעם גאנצן ענין פון דאס שיקן פון די מרגלים אין די צייטען פון משה. דאס שרייבט ער דארט, "אור ליום שבת, כ"ג סיון, ה' עמך גיבור חיל וכו'. מען קען מדייק זיין אין די פרשה, פארוואס שטייט[170] "שְׁלַח לְךָ אֲנָשִׁים - שיק דיר מענטשען", פון דעם זעהט דאך אויס אז דער אייבישטער האט דאס געוואלט און די בקשה איז נישט געקומען מצד די אידן אליין, ווידעראום אין משנה תורה שטייט[171] "וַתִּקְרְבוּן אֵלַי כֻּלְּכֶם וגו' - איר האט אייך אלע דערנענטערט צו מיר (צו בעהטן צו שיקן מרגלים). נאך מער, פארוואס האט משה רבינו ע"ה זיי געדארפט זאגן אז זיי זאלן זעהן[172] "הַשְּׁמֵנָה הִוא אִם רָזָה וגו' -צו דאס לאנד איז פעט אדער אויסגעמאגערט", וואס פון דעם איז משמע אז אויב וואלט עס נישט געווען פעט און נישט גוט וואלטן זיי נישט ארויפגעגאנגען. נאך מער איז שווער, עס קען זיך אויסגעזעהן אז משה רבינו ע"ה האט אריינגעברענגט דעם טעות אין זייער הארץ אז זיי זאלן נישט גלייבן הקב"ה, וואס האט זיי שוין צוגעזאגט[173] "אַעֲלֶה אֶתְכֶם מֵעֳנִי מִצְרַיִם... אל ארץ טובה", און דא זאגט ער גאר 'הַשְּׁמֵנָה הִוא אִם רָזָה'?

אבער עס איז קלאר דאס וואס מען האט מיר געזאגט, און מיט דעם ווערט פארענטפערט אסאך ספיקות וואס

המשך בדף ב'

---

[162] יומא ט, ע"ב, ד"ה כחומה

[163] א, כט, יז

[164] כח, א

[165] הלכה ב

[166] עפ"י יהושע ב, כד

[167] סוטה יד, א

[168] מדרש שוחר טוב פר' א

[169] ב"ר טז, אות ד

[170] במדבר יג, ב

[171] דברים א, כב

[172] במדבר יג, כ

[173] עפ"י שמות ג, י

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

# בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל




**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## זיכוך ע"י א"י

ואוירא דא"י מחכים ויוכל האדם לשלוט ביצרו ולתקן מעשיו וגם הארציות של א"י אינו מגושם כ"כ כמו בשארי ארצות שהיא מקודשת משאר ארצות ושם יזרעו שש שנים לשם קדושה דהיינו רק לקיום גופם שיוכלו לעסוק בתורה ועבודה ולא לשם תאות עוה"ז ולא להרבות הון ובזה מקדשין הארץ ובאה הארץ עי"ז לידי זיכוך יותר.

(מאור ושמש, בהר א')

## חביבת ארץ ישראל

חביבה עלי ארץ ישראל, שקדשתי אותה מכל הארצות שבעולם. תדע לך, כשהיתה ארץ ישראל מתחלקת לשבטים, לא היתה נחלה עוברת משבט לשבט, אלא נחלת כל שבט ושבט בפני עצמו. ...אמר להם הקדוש ברוך הוא לישראל, כשתקרב שנת הגאלה, אני גואל אתכם, שנאמר, כי יום נקם בלבי ושנת גאולי באה (ישעיה סג, ד).

(תנחומא, בהר א, א)

## בעתה אחישנה

רבי יהודה אומר, אם אין ישראל עושין תשובה, אין נגאלין, שנאמר, בשובה ונחת תושעון (ישעיה ל, טו). **רבי שמעון אומר, בין עושין תשובה ובין אין עושין תשובה, כיון שהגיע הקץ, מיד נגאלין, שנאמר, אני ה' בעתה אחישנה** (שם ס, כב). רבי אלעזר אומר, אם אין עושין תשובה מעצמן, הקדוש ברוך הוא מעמיד עליהם מלך רע שגזרותיו קשות כהמן ומשתעבד בהן, ומתוך כך עושין תשובה, שנאמר, כי יבוא כנהר צר, רוח ה' נססה בו (שם נט, יט). באותה שעה, ובא לציון גואל (שם פסוק כ).

(מדרש תנחומא, בחקותי, ג, א)

## האויבים לא ימצאו מנוחה בא"י

והשימותי אני את הארץ, זו מדה טובה, שלא יהיו ישראל אומרים "הואיל וגלינו מארצינו, עכשיו האויבים באים ומוצאים עליה נחת רוח", לכך נאמר, ושממו עליה אויביכם היושבים בה, זו האויבים הבאים אחרי כן, לא ימצאו עליה נחת רוח.

(ספרא, בחקותי ו, ה)

## והארץ אזכור

...ולמה הוא מזכיר זכות אבות ומזכיר זכות הארץ עמהם, אמר ריש לקיש משל למלך שהיו לו שלשה בנים, ושפחה אחת משלו מגדלתן, כל זמן שהיה המלך שואל שלום בניו, היה אומר שאלו לי בשלום המגדלת, כך כל זמן שהקדוש ברוך הוא מזכיר אבות מזכיר הארץ עמהם, הדא הוא דכתיב, וזכרתי את בריתי יעקוב וגו' והארץ אזכור.

(ויקרא רבה לו, ה)

## לא ידח מהם נדח

אילני סרק רומז לאנשים רקים שפל המדריגה הם גם כן יתנו פרים בזמן הגאולה יהי' מלאה הארץ דעה.

(תפארת שלמה, על התורה, בחוקתי ג)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

די מפרשים האבן געפרעגט. דו דארפסט צו וויסן, אז וויבאלד די אידן זענען געפרואווט געווארן מיט עטליכע נסיונות לפני ה', איז אויף זיי נגזר געווארן נישט אריינצוגיין קיין ארץ ישראל. נאר דער אייבישטער ברוב רחמיו וחסדיו האט אריינגעברענגט אין זייער הארץ אז זיי זאלן בעטען צו שיקען מענטשען צו אויסשפיאנירן דאס לאנד, וואס אויב וואלטן זיי גוט אויסגעפירט יענעם שליחות וואלטען זיי אלע יא געקענט אריינקומען קיין א"י אין דעם זכות, ערשט שפעטער וואלט ער זיך אפגעצאהלט צוביסלעך אויף די פריערדיגע זונד. און כדי צו מרמז זיין אז דער אייבישטער האט אזוי אריינגעברענגט דעם געדאנק אין זייער הארץ צו פארלאנגען מרגלים, וועגן דעם שטייט דא נישט אין פסוק אז זיי האבן דאס געבעטען, דא האט משה רבינו געשיקט זייערע נשיאים, די גדולי החכמים צווישן זיי, ווי מיר זעהן יהושע איז איינע פון זיי, זיי זענען אלע געווען די זעלבע דוגמא. האט משה געזאגט צו זיי אז זיי זאלן זעהן צו דאס לאנד איז פעט אדער מאגער... און וויבאלד ער האט דאך געוויסט אז די לאנד איז זיכער פעט און גוט, און שיין באוואקסן - האט ער מיט דעם מרמז געווען אז זיי זאלן נאר דערציילן בשבח פון א"י, אז דורך דעם וועלן זיי גליסטען אריינצוגיין אין א"י, און טאקע זוכה זיין צו דעם. עכ"ל.

קומט אויס לדברי המלאך הק' הנ"ל, וואס זענען דברי אלוקים חיים, אז די אידן פון יענעם דור האבן צוליב זייער זונד נישט געקענט אריינקומען קיין א"י, אבער השי"ת האט פונדעסטוועגן דאך זיי געוואלט אריינברענגען כדי צו קענען מקיים זיין די שבועה וואס ער האט געשוואוירען צו אונזערע עלטערן צו געבן פאר זייערע קינדער דאס לאנד פון זייער נחלה, האט ער וועגן דעם אריינגעברענגט אין זייער הארץ אז זיי זאלן בעטן פון משה צו שיקן די מרגלים. משה רבינו האט מסכים געווען צו דעם, האט ער זיי געשיקט און אויך זיי מרמז געווען אויף וואס צו שפיאנירן, 'הַשְּׁמֵנָה הִוא אִם רָזָה'. וויבאלד ער האט קלאר געוויסט אז דאס לאנד איז באמת גוט און פעט, האט ער זיי מעורר געווען אז ווען זיי קומען צוריק זאלן זיי דערציילן אינעם לויב פון א"י און פון די פעטקייט וואס עס איז דא אינעם לאנד, דורך דעם וועלן זיי דערוועקן דעם חשק און גליסטעניש אין די אידישע הערצער, און אינעם זכות פון דעם חשק און בענקשאפט, זאלן די אידן יא זיין ראוי אריינצוגיין קיין א"י. דאס איז דער תוכן פון רבינו המגיד, בביאור הענין פון די מרגלים.

מען קען פון דעם ארויסלערנען, אז נאר אינעם זכות פון בענקשאפט און גליסטעניש צום לאנד, איז מען שוין ווערט איר צו ירש'נען.

נאך שרייבט דער "מגיד מישרים", וועגן דעם האט משה בוחר געווען נאר אין גדולי תורה און דוקא נישט אין די נשיאים פון דעם חנוכת המזבח, אלס חשש אויב זיי וועלן אדורכפאלן אין זייער שליחות. פונדעסטוועגן דאך האט עס נישט אויפגעטוהן, און אפילו זיי זענען געווען גאר גרויס אין תורה - האבן זיי מועל געווען אין זייער שליחות, ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר הק'[174] און אין של"ה[175] - אלס צוליב אייגענע נגיעות, וואס זיי האבן מורא געהאט און געטראכט, אינעם מדבר זענען זיי טאקע ראוי צו זיין נשיאים, אבער ווען מען וועט אריינגיין קיין א"י וועט מען אויפנעמען אנדערע נשיאים, עיי"ש. זאל דאס זיין ווי א מוסר השכל, אז אפילו איינער וואס איז גאר גרויס אין תורה און צדקות זאל נישט גלייבן אין זיך אליין אויב איז ער זיך מתנגד צום תנועה פון בנין הארץ, וואס ער איז נאר מכוון לשם שמים, ווייל ער איז זיכער נישט גרעסער ווי די נשיאים וואס משה רבינו האט געשיקט, און פונדעסטוועגן זענען זיי אדורכגעפאלען אין זייער שליחות צוליב די אייגענע אינטרעסען. טראכט אריין וועסטו זעהן אז דאס איז דער אמת, וד"ל.

דאך זעהן מיר ווי השי"ת האט אריינגעברענגט אין די הערצער פון אידן צו שיקן מרגלים לטובתן פון די אידן, כדי מעורר צו זיין די בענקשאפט און גליסטעניש לארץ הטובה, און דורך דעם זכות וואלטן זיי יא ראוי געווען אריינצוגיין קיין א"י און איר ירש'נען. לויט דעם קענסטו אויך פארשטיין וואס טוט זיך יעצט, עס איז נישט קיין ספק אז נאר דער אייבישטער וואס טראכט אויף אונז שטענדיג מחשבות טובות, און כדי עס זאל קיינער נישט ווערן פארשטויסן, האט ער אריינגעברענגט אין אידישע הערצער דעם דאזיגן חשק, וואס צוליב זייער זיין געמישט מיט די פעלקער אין דעם לאנגען גלות האבן זיי זיך פון זיי אפגעלערנט זייערע מעשים - אז זיי זאלן גליסטען דווקא לארץ אבותינו און זיך אויף דעם מוסר נפש זיין. דאס אליין מאכט זיי ווערט צו ירש'נען און זיך דארט צו באזעצן, און אוודאי וועט זיין מיט די צייט אז מצוה גוררת מצוה[176], נאכדעם וואס אסאך אידן וועלן זיך דארט באזעצן, וועט דער אייבישטער רייניגן זייערע הערצער און זיי וועלן תשובה טוהן. ווי איך האב שוין אראפגעברענגט פון אוהח"ק, און חת"ס זי"ע ועל כל ישראל.

המשך בגליון הבא אי"ה

[174] ח"ג, דף קנח ד"ה וישלח

[175] ח"ב, פר' שלח ד"ה בענין שלוח

[176] אבות ד, ב

## לאֹרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר שמואל הנביא

רמות

די קבר איז אין א הייל אינטער א בנין אויף א שפיץ בארג אינדרויסן צפון-מעריב פון ירושלים. פון דעם בארג קען מען זעהן גאנץ ירושלים ביז די בערג פון גוש עציון, עס איז טאקע באנוצט געווארן דורך די ירדנ'ער צו אטאקירן די וועגן ארויף קיין ירושלים, ביז עס איז געווארן איינגענומען ביי די זעקס-טאג קריג טאקע אינעם טאג פון יארצייט כ"ח אייר תש"ח.

דער רוב פונעם יעצטיגן בנין האבן די קרייצוגלער געבויט אלס א תיפלה אויפן קבר, שפעטער אונטער דעם קריגס פירער סלאח-אל-דין איז דאס געווארן אן אראבישן מסגד. היינט צוטאגס איז דא א ביהמ"ד אין די מערה מיט אן עקסטערן פלאץ פאר מענער און פרויען צו מתפלל זיין. עס ווערט אנגערופען ביי די אראבער "נבי סמואל" און א חלק פונעם בנין דינט נאכאלס אלס זייער מסגד.

ארום דעם בנין איז דא גאר אינטערסאנטע גראבונגען פון די ארכעאלאגן, זיי האבן געטראפן איבערבלייבענישן נאכן פונעם זמן פון חורבן בית ראשון, די צייטן פון עזרא הסופר, ביז דורכאויס דעם זמן פון די חשמונאים. מען קען דא זעהן הייזער, וואסער ברונעמס, מקוואות, און נאך. דא האט אויך געווערקט א ריזען פאבריק פון כלי חרס פון די צייטען פון נאכן חורבן בית שני, וואס האט אנגעהאלטן פאר עטליכע הונדערט יאר, מען קען נאך זעהן די קאלך אויווענעס.

דעם קבר ווערט דערמאנט דורך די גאר אלטע רייזענדער, ווי רבי שמואל בר' שמשון, רבי עובדיה מברטנורא און נאך. נאך אין באשרייבונגען פון פערצענטען-יאר-הונדערט, ווערט שוין דערמאנט א ביהכ"נ מיט א ווייבער שוהל. רבי יצחק לטיף שרייבט וועגן זיין באזוך אין ה' ש"ה, "איינמאהל האבן די אראבער מער נישט אריינגעלאזט אידן צו מתפלל זיין, איז שמואל הנביא געקומען אין חלום צו דעם אראבער און אים געווארענט "שוין געב צוריק די שליסלען צו די אידן, זיי זענען מיינע קינדער און נישט עטס", ער האט תיכף צוריקגעצויגן. אין יאר ה' ת"צ (1730) האבן די טערקן געבויט דעם טורעם און נאר נאך פיל השתדלות צוריק אריינגעלאזט אידן דאווענען. אידן האבן עטליכע מאהל פרובירט אויפצושטעלן א ישוב אבער צוליב עטליכע סיבות האט זיך עס נישט אויסגעארבעט.

שמואל הנביא איז נפטר געווארן כ"ח אייר, און טויזענטער באזוכער קומען מתפלל זיין על קברו. משה אהרן וכהניו ושמואל בקוראי שמו.



קבר שמואל הנביא

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלִָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

**במדבר**

ד' סיון תשפ"א

May 15, 2021

גליון מס'

52

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### כנפי השכינה

אשר באת לחסות תחת כנפיו (רות ב' י"ב) הוא לבוא אל ארץ ישראל אשר שם כנפיו יתברך מחופפים מכל הארץ אשר חלק בהם לשרי מעלה באופן, כי אף שגם בחוץ לארץ הוא גם כן צל כנפיו, כי בצילו יתברך יחיו ועל פיו יצאו ועל פיו יבואו שרי מעלה, אך לא יקרא תחת כנפיו כי אם בארץ ישראל כמאמר חז"ל ולזה אמר תחת כנפיך.

(אלשיך רות שם)

### יציאה מא"י

וכן היה ר"ש בן יוחאי אומר, אלימלך מחלון וכליון גדולי הדור היו ופרנסי הדור היו, ומפני מה נענשו, מפני שיצאו מארץ לחוצה לארץ שנאמר (רות א, יט) ותהם כל העיר עליהן ותאמרנה הזאת נעמי. מאי הזאת נעמי, א"ר יצחק אמרו חזיתם נעמי שיצאת מארץ לחו"ל מה עלתה לה.

(בבא בתרא, צא ע"א)

### חביבת הארץ

וילך איש. תניא, בא וראה כמה חיבב הקב"ה ביאתה של ארץ ישראל, להלן כתיב (עזרא ב') וישובו לירושלים כל הקהל וגו' סוסיהם גמליהם ופרדיהם, ברם הכא וילך איש – יחידי.

(תורה תמימה, רות א, א)

### תורה בארץ ישראל

הודו לה' קראו בשמו וגו' שירו לו זמרו לו בקשו פניו תמיד. אמר ר' יוסי בר חלפתא לר' ישמעאל בריה - מבקש את לראות פני שכינה בעולם הזה, עסוק בתורה בארץ ישראל, שנאמר דרשו ה' ועוזו בקשו פניו תמיד.

(מדרש תהלים, מזמור קה)

### דעת לחזור לא"י

ותשאר האשה, כי היא לא השתתפה בחטאם והיה דעתה תמיד לחזור לא"י.

(מלבי"ם, רות א, ה)

המשך בדף ב'

**אַחֵינוּ כָּל בֵּית יִשְׂרָאֵל הַנְּתוּנִים בַּצָּרָה וּבַשִּׁבְיָה הָעוֹמְדִים בֵּין בַּיָּם וּבֵין בַּיַּבָּשָׁה הַמָּקוֹם יְרַחֵם עֲלֵיהֶם וְיוֹצִיאֵם מִצָּרָה לִרְוָחָה וּמֵאֲפֵלָה לְאוֹרָה וּמִשִּׁעְבּוּד לִגְאֻלָּה הָשְׁתָּא בַּעֲגָלָא וּבִזְמַן קָרִיב וְאִמְרוּ אָמֵן**

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**

הר"ר **מרדכי ארי' לעבאוויטש** הי"ו

ירושלים עיה"ק

לעילוי נשמת **המ"ה שנפטרו באסון מירון** תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים

**איבער 750 אידן באקומען דעם גליון**

**קחו חלק בעבודת הקודש - א וואך איז $100**

**לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד

ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר

מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

***יז.*** דער רמב"ם אין הלכות תשובה[177] שרייבט, "די אידן וועלן נישט ווערן אויסגעלייזט נאר מיט תשובה, די תורה האט אונז שוין מבטיח געווען אז צום סוף וועלן די אידן תשובה טוהן ביים סוף פון זייער גלות, און תיכף וועלן זיי ווערן אויסגעלייזט", עכ"ד. האב איך געטראכט א ביאור אין די ווערטער פונעם רמב"ם, לויט וואס איך האב געזעהן אינעם ספר[178] "מנחת יהודה", פונעם ספרד'ישן חכם הרב יהודה אלקלעי, א הייליגער תלמיד פון בעל "פלא יועץ" ז"ל (עס איז געדרוקט געווארן אין יאר תר"ג, א הונדערט יאר צוריק, מיט השגחה מן השמים איז עס אנגעקומען צו מיין האנט, ווייל די ספר איז א יקר המציאות, די גאנצע ספר רעדט וועגן גאולתן של ישראל). ברענגט ער אראפ פונעם רמב"ם[179] אז ער שרייבט אז מיט טוהן איין מצוה ריכטיג, כתיקונה - איז מען זוכה לעולם הבא. דאס איז אויך די דעת פונעם רא"ש. דער ר"ן (אין די דרשות, דרוש השישי) ברענגט אראפ דעם דעת הרמב"ם אין דעם, און ער לייגט צו אז די מצוה דארף זיין גאר א חשוב'ע מצוה, עס דארף זיין שקול אנטקעגן אסאך מצוות. איז הרב הנ"ל מוסיף, אז די זעלבע איז אויך לענין תשובה, וואס אויב טוט מען איין מצוה בשלימות - ווערט ער א בעל תשובה גמור. אזוי אויך ברענגט ער אראפ בשם זיין רבי, דער "פלא יועץ", וואס ער זאגט עס נאך[180] פון דעם ג-טליכען מקובל מרן ר' שלום שרעבי. איז אויב זאגט מען אזוי ביי א תשובה פון א יחיד, כל שכן ביי תשובת הרבים - ווען מען נעמט זיך אונטער איין מצוה ווערט מען אנגערופען בעלי תשובה גמורה. לויט דעם האט הרב הנ"ל געשריבן, אז ווען די רבים וועלן טוהן איין מצוה בשלימות - וועלן זיי ווערן אנגערופען בעלי תשובה און זוכה זיין אויסגעלייזט צו ווערן וועגן איר. אזוי האבן חז"ל געזאגט אין פרק ראשון פון קידושין[181], "ווער עס טוט איין מצוה - טוט מען אים גוטס טוהן, און מען איז אים מאריך זיינע יארן, און ער ירש'נט דאס לאנד". און אויב איז דאס אזוי ביי א יחיד, איז זיכער ביי א רבים וואס טוען די מצוה, ווי עס איז באקאנט, עס איז נישט קיין פארגלייך ווען איינצעלנע טוען א מצוה און ווען א רבים טוען א מצוה. ווי עס איז מפורש אין רש"י[182].

ער ברענגט אראפ[183] א רש"י אויפן פסוק[184], "אַחַר יָשֻׁבוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל - נאכדעם וועלן די אידישע קינדער זיך צוריקקערן, וּבִקְשׁוּ אֶת ה' אֱלֹקֵיהֶם - און זיי וועלן אויפזוכן דעם אייבירשטען זייער ג-ט, וְאֵת דָּוִד מַלְכָּם - און זייער קעניג דוד, וּפָחֲדוּ אֶל ה' - און זיי וועלן ציטערן פארן אייבירשטען, וְאֶל טוּבוֹ - און צו זיין גוטסקייט, בְּאַחֲרִית הַיָּמִים - אין די ענדע טעג" איז רש"י מפרש, "נאכן גלות ווען די אידן וועלן זיך צוריקקערן. תנא, מיר האבן געלערנט[185] פון רבי שמעון בר יוחאי, די אידן האבן זיך פארמאוסט אין דריי זאכען, אין מלכות שמים, מלכות בית דוד, און אין בית המקדש. האט רבי שמעון בן מנסיא געזאגט, דער אייבישטער וועט נישט ווייזן א סימן טוב פאר די אידן ביז ווילאנג זיי וועלן נישט בעהטן פאר די זעלבע דריי זאכען, ווי עס שטייט אין פסוק, 'אַחַר יָשֻׁבוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּבִקְשׁוּ אֶת ה' אֱלֹקֵיהֶם' - דאס מיינט מלכות שמים, 'וְאֵת דָּוִד מַלְכָּם' - דאס איז מלכות בית דוד, 'וּפָחֲדוּ אֶל ה' וְאֶל טוּבוֹ' - דאס מיינט דעם ביהמ"ק, ווי עס שטייט אין פסוק[186] 'הָהָר הַטּוֹב הַזֶּה - דעם גוטען בארג דאס איז ירושלים, וְהַלְּבָנוֹן - דאס איז די בית המקדש'", עכ"ל פון רש"י. נאך שרייבט הרב הנ"ל[187], "וויבאלד ער האט געזאגט אז אפילו א סימן טוב וועלן די אידן נישט זעהן ביז זיי וועלן בעהטן פאר די אלע דריי, איז זיכער א גרויסע חיוב צו צולייגן דעם הארץ צו זיי און בעהטן פאר זיי.

'אַחַר יָשֻׁבוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּבִקְשׁוּ אֶת ה' אֱלֹקֵיהֶם' - די ווערטער ווייזט אויף מלכות שמים. עס ווערט געברענגט אין זוה"ק אנהייב פר' כי תצא[188], "דער אייבישטער ווערט נישט אנגערופען קעניג נאר אין ארץ ישראל". עס מיינט צו זאגן, די ערשטע תשובה וואס די אידן דארפן צו טוהן באחרית הימים, איז אז מען זאל בעהטן פאר מלכות שמים, דהיינו ער זאל זיך צוריקקערן קיין ארץ ישראל, כדי מען זאל קענען רופען דעם אייבירשטען מלך. דאס מיינט דער פסוק 'וּבִקְשׁוּ אֶת ה' אֱלֹקֵיהֶם', ווייל דער וואס וואוינט אין חוץ לארץ איז גלייך ווי איינער וואס האט נישט קיין ג-ט[189]. איך האב געהערט מפי קדוש, הרב הגדול מעוז ומגדל, הר"ר יהודה ביבאס נר"ו, אז דאס וואס עס שטייט אין מלאכי[190] "שׁוּבוּ אֵלַי - קערט אייך צוריק צו מיר, וְאָשׁוּבָה אֲלֵיכֶם - און איך וועל מיר צוריקקערן צו אייך" - דאס מיינט צו זאגן, אז די אידן זאלן זיך צוריקקערן אינטערן שאטען פון ארץ ישראל, און נאכדעם וועט דער שכינה ריען צווישן אונז... אזוי ווערט געברענגט אין זוהר פר' שמות[191], "רבי חייא האט געזאגט, די פעלקער פון די וועלט קענען געוועלטיגן אויף אידן נאר אויף איין טאג, וואס איז איין טאג פון הקב"ה, וואס דאס איז טויזענט יאר. ווי עס שטייט אין פסוק[192] "נְתָנַנִי שֹׁמֵמָה - ער האט מיר געלייגט א פארוויסטער, כָּל הַיּוֹם דָּוָה - קראנק דורכאויס דעם טאג" איין טאג און נישט מער. האט רבי יוסי געזאגט, אויב וועלן זיי געוועלטיגן מער פון דעם איז דאס שוין נישט דעם גזירת המלך פונעם אייבירשטען, 'אלא על דלא בעיין למיהדר לקבליה', נאר צוליב דעם וואס מען וויל זיך נישט צוריקקערן און אנטקעגן קומען", עכ"ל הזוהר. די ווארט 'לקבליה' ווייזט אויף דאס צוריקקערן קיין ארץ ישראל, כדברי מהר"י ביבאס נר"ו, ווייל עס שטייט נישט 'למיהדר בתיובתא' ווי דער זוהר שרייבט געווענליך[193] (לקבליה - זיי וועלן זיך צוריקקערן קיין ארץ ישראל וואס דער אייבישטער איז דארט שטענדיג אפילו ווען זי איז חרוב, און זיי וועלן אנטקעגן גיין). דאס זענען דברי הרב חכם הספרדי הנ"ל.

עס איז באוויסט דעם ספרי[194] אז די מצוה פון ישוב ארץ ישראל איז גאר גרויס און שקול ווי די גאנצע תורה. און יעצט אז אזויפיל אידן זענען ארויף קיין ארץ ישראל, און די מצוה איז זיי אנגעקומען שווער מיט א פלאג און מסירת נפש ממש, ווי יעדער ווייסט, און וויבאלד מיט די איין מצוה וואס איז גאר גרויס און חשוב ווערן זיי פארערכנט ווי בעלי תשובה און זוכה צו די גאולה דורך דעם - ווערט מיט דעם

המשך בדף ב'

[177] פרק ז, הלכה ה

[178] כתבי רבי יהודה אלקלעי, ח"א

[179] פיהמ"ש מס' מכות, פרק ג, משנה טז

[180] אלף המגן, פר' כי תבוא

[181] דף לט, ע"ב

[182] בחקותי כו, ח

[183] אות יז

[184] הושע ג, ה

[185] ילקו"ש ח"ב, רמז קו

[186] דברים ג, כה

[187] אות יח

[188] זוהר ח"ג, דף רעו, א

[189] כתובות קי, ע"ב

[190] מלאכי ג, ז

[191] חלק ב, דף יז, א

[192] איכה א, יג

[193] עי' שערי זוהר, סנהדרין צז ע"ב, ד"ה כלו כל הקיצין

[194] פר' ראה, פיסקא כח, דברים יב, כט

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

# בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל


**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## עינא פקיחא לטובה עלינו

אבל השגחתו עלינו היא בחינת השגחה שלמה, בחינת עינא פקיחא וכו' שתמיד עיניו פקוחות לטובה עלינו בבחינת השגחה של ארץ ישראל, שנאמר בה, תמיד עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה וכו'. תמיד דיקא, בחינת עינא פקיחא כנ"ל, ומחמת זה שמסתכל היטב בנו אנו מצטירין בעיניו, כביכול, בבחינת השגחה שלמה כנ"ל.

(ליקוטי הלכות, אורח חיים, הל' שבועות א, ד)

## שרו של ישמעאל

הרחיק את בני ישמעאל מדבקות העליון, ונתן להם חלק למטה בארץ הקדושה בשביל המילה שבהם, ועתידים בני ישמעאל לשלוט על ארץ הקדושה זמן הרבה בשעה שהיא ריקה מכל, כמו שהמילה שלהם היא ריקה בלי שלימות, והם יעכבו את בני ישראל לשוב למקומם עד שישלם הזכות של בני ישמעאל.

(זוה"ק ח"ב דף כג)

## גלות ישמעאל

וקראת את שמו ישמעאל. ולמה נקרא שמו ישמעאל, שעתיד הקב"ה לשמע בקול נאקת העם ממה שעתידין בני ישמעאל לעשות, לפיכך נקרא שמו ישמעאל.

(פרקי דרבי אליעזר פרק לב)

## חכמה ותורה בא"י

עשרה חלקים של חכמה בעולם, תשעה בארץ ישראל ואחד בכל העולם. עשרה חלקים של תורה בעולם, תשעה בארץ ישראל ואחד בכל העולם.

(אסתר רבה א, יז)

## בחר ה' בציון

שבע ארצות בראתי ומכולם לא בחרתי אלא ארץ ישראל שנאמר תמיד עיני ה' אלקיך בה. שבעה ימים בראתי ומכולם לא בחרתי אלא ים כנרת והנחלתיו לשבט נפתלי שנאמר נפתלי שבע רצון ומלא ברכת ה' ים ודרום ירשה.

(מדרש תהילים צב, א)

## תורה בארץ ישראל

אמר רבי יוסי בר חלפתא לרבי ישמעאל בריה אתה מבקש לראות את השכינה בעולם הזה עסוק בתורה בארץ ישראל שנאמר דרשו יי' ועוזו בקשו פניו תמיד. זכרו נפלאותיו אשר עשה. אמר רבי אלעזר כי ביצחק יקרא לך זרע.

(מדרש תהילים קה, א)

## ארץ הקדושה

כי ארץ ישראל היא הארץ הקדושה, אשר הארץ הזאת היא נבדלת, יש בה השכל יותר משאר ארצות, ואם לא כן שהיה לארץ ישראל מעלה זאת, לא היה אוירא דארץ ישראל מחכים ביותר משאר ארצות, ולא היה בארץ ישראל דוקא הנבואה.

(דרך חיים, הקדמה ט)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

גוט אויסגעפירט די דברי הרמב"ם אז אידן וועלן נישט אויסגעלייזט ווערן נאר דורך תשובה, און די תורה האט אונז שוין צוגעזאגט אז דער סוף וועט זיין אז אידן וועלן תשובה טוהן און גלייך ווערן אויסגעלייזט. דאס טייטשט, אז די פאקט אליין וואס זיי זענען משתוקק און גליסטן זיך צוריק צוקערן קיין ארץ ישראל, וואס דאס איז א מצוה גדולה - דאס אליינס איז זייער תשובה. ווי איך האב שוין אראפגעברענגט פון ספר "מנחת יהודה" הנ"ל און הקדוש מהר"י ביבאס, אז מיט דעם איז מען מקיים דעם פסוק 'שׁוּבוּ אֵלַי', ווי עס ווייזט אויס פון זוהר הנ"ל. בזכות דעם וועט מען זוכה זיין צו די גאולה שלימה, בעזר השם. די עצם השתוקקות וואס זיי האבן צו דעם, איז פון די הבטחה פון השי"ת וואס האט אונז צוגעזאגט אז ער וועט מעורר זיין די הערצער צו טוהן תשובה בסוף הגלות. אזוי ווי איך האב אויבן געשריבן אין דעם ענין, אז דער אייבישטער וועט אריינברענגען אין זייערע הערצער א חשק, א גליסטעניש און א בענקשאפט זיך צו וועלן צוריקקערן קיין ארץ ישראל, און דאס איז טאקע זייער תשובה, ווי דער נביא זאגט אין הושע[184] 'אַחַר יָשֻׁבוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּבִקְשׁוּ אֶת ה' אֱלֹקֵיהֶם' - דאס איז מלכות שמים, זיך צוריק צוקערן קיין ארץ ישראל, כדי דער אייבישטער זאל קענען ווערן אנגערופען מלך, ווי איך האב פריער געשריבן, אזוי איז גוט מקוים געווארן די ווערטער פונעם רמב"ם הנ"ל.

**יח.** דאס וואס איך האב געשריבן, אז מיטן מקיים זיין פון איין מצוה קען מען מיט דעם זוכה זיין צו די גאולה, קען מען גוט פארשטיין א מדרש פלא אויפן פסוק[195] "מִנְחָה הִוא - עס איז א מתנה, שְׁלוּחָה לַאדֹנִי - געשיקט צו מיין האר", זאגט דער מדרש "יעקב האט געשיקט צו עשו א נשר, א אדלער", (עי' ילקוט ראובני[196]) די מדרש איז א פלא. נאר קען זיין, מען האט דאך געזאגט פאר רבקה[197] "וְרַב יַעֲבֹד צָעִיר - דער עלטערער וועט דינען דעם אינגערן", תיכף ווען זיי זענען באשאפען געווארן איז שוין באשטימט געווארן אז עשו זאל זיין א עבד פאר יעקב, נאר יצחק האט אים געזאגט ביי זיין ברכה[198] "וְהָיָה כַּאֲשֶׁר תָּרִיד - עס וועט זיין אויב דו וועסט פילן בצער (ווייל אידן צוליב זייער זינד זענען עס נישט ווערט), וּפָרַקְתָּ עֻלּוֹ - וועסטו אפטוהן זיין יאך, מֵעַל צַוָּארֶךָ - פון דיין האלז". מיר ווייסן נישט דעם ענין פון 'תָּרִיד' וויפיל איז דאס, מיר האבן דאך תרי"ג מצות צו מקיים זיין? מען קען עס זאגן אין צוויי וועגן, איינס, אז נאר דוקא אויב וועט יעקב מקיים זיין אלע תרי"ג מצות און עס וועט אים נישט פעלען אפילו איינס פון זיי, דעמאלטס וועט מען מער נישט קענען זאגן 'כַּאֲשֶׁר תָּרִיד', מה שאין כן אויב וועט אים יא פעלן אפילו איין מצוה, וועט יא זיין דעם 'כַּאֲשֶׁר תָּרִיד' וואס וועט פטר'ן עשו פון זיין אונטער דעם יאך פון יעקב, אדרבה דעמאלטס וועט עשו געוועלטיגן אויף יעקב. דאס איז איין וועג. דער צווייטער וועג איז - די גאנצע צייט וואס יעקב וועט מקיים זיין אפילו איין מצוה פון די תרי"ג מצות, אפילו די אנדערע מצות וועט ער נישט מקיים זיין, וועט עס שוין אויך נישט קענען זיין אינעם כלל פון 'כַּאֲשֶׁר תָּרִיד'. לכאורה דאס וואס יעקב האט געשיקט צו עשו, די ווערטער פון[199] "עִם לָבָן גַּרְתִּי - מיט לבן האב איך געוואוינט" - האבן חז"ל אויף דעם געדרש'נט[200] - 'תרי"ג מצות שמרתי - איך האב אפגעהיטן די תרי"ג מצוות', וואס איז לכאורה משמע לויטן ערשטען וועג, אז מען דארף מקיים זיי אלע תרי"ג מצות. האט אבער יעקב זיך געזארגט פאר אידישע קינדער, האט ער אים וועגן דעם געשיקט א נשר, א אדלער, אים צו לאזן וויסן אז ער זאל נישט נעמען א ראיה פון אים אז מען דארף מקיים זיין אלע תרי"ג מצות כדי נישט צו זיין אונטער דעם 'כַּאֲשֶׁר תָּרִיד', עס איז נישט אזוי. ווייל פון א נשר זעהן מיר אז ווילאנג עס איז ביי אונז דא אפילו נאר איין מצוה זענען מיר שוין נישט בכלל פון 'כַּאֲשֶׁר תָּרִיד'. ווי חז"ל זאגן אין חולין (סוגיא דנשר[201]), אז א עוף וואס מיר זעהן מיט איין סימן - איז טהור. פון ווי ווייסן מיר דאס? פון דעם נשר, ווייל פארוואס דארף די תורה עקסטער ארויסשרייבן דעם נשר? נאר אונז צו ווייזן אז עס איז דוקא אזוי ווי א נשר וואס עס האט נישט קיין איין סימן טהור - איז עס טמא, אבער אויב האט דער פייגל אפילו נאר איין סימן טהור - איז עס טהור. עיי"ש אין די סוגיא. אויב אזוי לערנען מיר ארויס פון דעם נשר, אז אפילו מיט איין סימן טהור איז מען טהור, וועגן דעם איז אונז גענוג מיט אפילו איין מצוה כדי נישט צו ווערן אינעם כלל פון 'כַּאֲשֶׁר תָּרִיד'. און דאס וואס איך האב מקיים געווען די אלע תרי"ג מצות, ווייל איך האב געטוהן דאס בעסטע, אבער לגבי דעם ענין פון 'כַּאֲשֶׁר תָּרִיד' איז גענוג אפילו איין מצוה, אז עשו זאל אונז נישט פארקנעכטיגן און משעבד זיין.

המשך בגליון הבא אי"ה

---

[184] [text not visible on page]

[195] בראשית לב, יח

[196] פר' בראשית, עה"פ ויקח מן הבא בידו מנחה

[197] בראשית כה, כג

[198] בראשית כז, מ

[199] בראשית לב, ה

[200] רש"י שם

[201] חולין סא, ע"א-ע"ב

# לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## קבר רמח"ל

טבריה או בכפר יאסיף

לעבן דעם קבר פון רבי עקיבא איז דא די ציון הק' פון דעם הייליגן רמח"ל, רבי משה חיים לוצאטו זצ"ל. דער רמח"ל איז געבוירן געווארן אין יאר תס"ז אין פאדובה, איטאליע און געווען פון די גרעסטע בעלי מקובלים אין זיין צייט, ער האט געשריבן איבער הונדערט חיבורים, וואס ליידער זענען רוב פארלוירן געווארן צוליב די שווערע רדיפות וואס ער איז אויסגעשטאנען.

ער האט געהערט צו א קבוצה פון מקובלים מיטן נאמען "מבקשי ה'", און שפעטער געווארן דער ראש החבורה. ביי די צוואנציג יאר האט ער אנגעהויבן לערנען מיט א מגיד, א מלאך וואס פלעגט קומען לערנען מיט אים. די ידיעה פון דעם האט גורם געווען אז עטליכע גדולי ישראל האבן מורא געהאט פון זיין קבלה לערנען און טיפע חיבורים און אים חושד געווען אז ער געהערט צו די כת פון שבתי צבי. האבן זיי אים געלייגט אין חרם, גערודפ'ט מיט געפעהרליכע רדיפות, פארברענט זיינע ספרים וכדו'.

אין יאר תצ"ה איז ער אריבער קיין אמסטערדאם, דארט האט ער געשריבן זיין ספר "מסילת ישרים", וואס דער גר"א האט געשריבן דערוועגן אז ער האט דאס אדורכגעלערנט טויזענט מאהל, ווי אויך האט ער זיך אויסגעדריקט אויף אים "אור חדש הופיע על פני תבל".

אין שנת תק"ג איז ער ארויפגעפאהרען קיין ארץ ישראל, און געוואוינט פאר צוויי יאר אין עכו, ווי ער איז דארט נפטר געווארן מיט זיין פרוי און קינד ביי א מגפה אין כ"ו אייר אין יאר תק"ד אדער אין יאר תק"ו אין עלטער פון ניין און דרייסיג יאר.

עס איז דא שטארקע דיעות אז ער איז נטמן געווארן אויפן בית החיים אין כפר יאסיף לעבן עכו, זיין קבר דארט איז לעבן די קבר פון רבי משה מלכי וואס איז געווען א שוואגער פון רבי משה חאגיז וואס איז געווען פון די גרעסטע לוחמים אנטקעגן דעם רמח"ל, אבער דער רבי משה מלכי שרייבט אז ער איז געווען זייער אנציגט פון דעם רמח"ל, און ער האט אים מקבר געווען אין ארץ ישראל. די נפטרים פון עכו האט מען דאן געלייגט אין כפר יאסיף וואס ווערט גערעכנט ווי קרקע ארץ ישראל, נישט ווי עכו. למעשה איז אזוי אנגענומען ביים המון עם אז די קבר איז אין טבריה.



קבר הרמח"ל בטבריה



קבר הרמח"ל בכפר יאסיף

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

**נשא**
י"א סיון תשפ"א
May 22, 2021

גליון מס'
53

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### ברכת ה' מציון

ומנין שהברכות יוצאות מציון, שנאמר (תהלים קלג, ג), כטל חרמון שירד על הררי ציון וגו', ואומר (תהלים קכח, ה), יברכך ה' מציון וגו' וראה בטוב ירושלים כל ימי חייך, שיזכו לראות בטוב ירושלים לעתיד לבוא. (תהלים קכח, ו).

(במדבר רבה ח, ט)

### בנין ירושלים - שלמות היראה

ועל־ידי בנין ירושלים, דהינו תקון שלמות היראה שבלב, על־ידי־זה נברא מלאך, שמשפיע נבואה לכלי הנבואה. כי הנבואה באה מבחינת כרובים, בבחינת (במדבר ז, פט), וישמע את הקול מבין שני הכרבים, וכרובים הם אנפי זוטרי (זהר בראשית דף יח), והם נשפעים מן המלאך, בבחינת (בראשית מח, טז), המלאך הגואל־אתי מכל רע יברך את הנערים; שהם אנפי זוטרי, בחינת כרובים.

(ליקוטי מוהר"ן, תנינא א' ו, א)

### מי שדר בארץ ישראל

ודע שכל מי שדר בארץ ישראל נקרא צדיק, גם שאינם צדיקים כפי הנראה, שאם לא היה צדיק היה מקיא אותו הארץ, כדכתיב ותקיא הארץ את יושביה, וכיון שאינה מקיא אותו בודאי נקרא צדיק אף על פי שהוא נראה בחזקת רשע. ודע כי הדר בארץ ישראל והולך לדור במצרים אותה העבירה היא גורמת ששר של רה"ב שימשול עליו, וכל מי שקבל עליו לדור בארץ ישראל כל ימיו ולא לרדת לדור במצרים חשוב עליו כאלו נזהר כל ימיו שהמליכו ביחודו של מקום.

(חסד לאברהם, מעין ג, נהר יב)

### חומת ירושלים לעתיד לבא

ישב רבי ירמיה לפני רבי זירא ואמר: עתיד הקב"ה להוציא נחל מבית קדשי הקדשים ועליו כל מיני מגדים. אמר לו זקן אחד: יישר, וכן אמר רבי יוחנן.

(סנהדרין ק, א)

המשך בדף ב'

**אַחֵינוּ כָּל בֵּית יִשְׂרָאֵל הַנְּתוּנִים בַּצָּרָה וּבַשִּׁבְיָה הָעוֹמְדִים בֵּין בַּיָּם וּבֵין בַּיַּבָּשָׁה הַמָּקוֹם יְרַחֵם עֲלֵיהֶם וְיוֹצִיאֵם מִצָּרָה לִרְוָחָה וּמֵאֲפֵלָה לְאוֹרָה וּמִשִּׁעְבּוּד לִגְאֻלָּה הָשְׁתָּא בַּעֲגָלָא וּבִזְמַן קָרִיב וְאִמְרוּ אָמֵן**

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הר"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו לעילוי נשמת
האברך הרה"ח ר' **מרדכי בנימין** בן הרה"ח ר' **יוחנן** ע"ה
והבחור **מאיר יחיאל** בן הרה"ח ר' **יהודה לייב** ע"ה
שנפטרו באסון ליל-שבועות בקארלין, גבעת זאב
תהא נשמתם צרורה בצרור החיים

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

**יט.** נאך שטייט דארט אינעם ספר[202] "מנחת יהודה", אז די ווערטער פון[184] 'וּבִקְשׁוּ אֶת ה' אֱלֹקֵיהֶם' וואס דער נביא האט געזאגט, איז נישט טייטש אז דאס איז א בקשה נאר דורך תפילה אליין, נאר אזא זאך דארף מען אויך בעטן פון די פעלקער... דער אייבישטער וועט ארייגעבן אין זייער הארץ אז זיי וועלן אויסרופען א פרייהייט כדי מיר זאלן זיך קענען צוריקקערן צו אונזער לאנד און נחלה פון אונזערע עלטערן... מען וועט נישט ווייזן א סימן טוב פאר די אידן ביז ווילאנג זיי וועלן נישט בעהטן און עפענען אן עפענונג ווי דאס שפיץ פון א נאדל, און דער אייבישטער וועט דערנאך עס עפענען ווי דאס עפענונג פון א זאל[203]. אזוי האט אונז די תורה צוגעזאגט[204] "וּבִקַּשְׁתֶּם מִשָּׁם - איר וועט זוכען פון דארט, אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ - דעם באשעפער דיין ג-ט, וּמָצָאתָ - און דו וועסט אים געפונען". אזוי אויך שרייבט דער "יפה תואר"[205], "ביאת משיח איז נישט צוליב קיבוץ גליות, נישט פאר דעם וועט ער קומען, ווי דער אייבישטער זאגט[206] "מְזָרֵה יִשְׂרָאֵל יְקַבְּצֶנּוּ - די פארשפרייטע אידן וועט ער צוזאמנעמען", ווי אויך דעם פסוק[207] "וְנָשָׂא נֵס לַגּוֹיִם - און ער וועט ווייזן א צייכן פאר די פעלקער, וְאָסַף נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל - און ער וועט איינזאמלען די פארשטויסענע אידן", אויך שטייט[208] "וְהֵבִיאוּ אֶת כָּל אֲחֵיכֶם - און זיי וועלן ברענגן אלע אייערע ברודער, מִכָּל הַגּוֹיִם - פון אלע פעלקער, מִנְחָה לַה' - אלס א מתנה צום אייבירשטען" וכו', דער אייבישטער וועט מאכען די אלע זאכען בדרך הטבע" עכ"ל. לויט די יעצטיגע טבע, מיינט דאס צו בעהטן זיך ביי די פעלקער פון די וועלט... דאס האט יעקב אבינו מרמז געווען ווען ער איז צוריק געקומען פון זיין גלות[209] - "וַיִּחַן אֶת פְּנֵי הָעִיר" - זאגן חז"ל[210], "ער האט זיך איינגעבעהטן ביי די חשובים פון די שטאט, ער האט זיי געשיקט מתנות". אזוי אויך שרייבט דער רד"ק אין תהלים[211], "בְּבֶן אָדָם שֶׁאֵין לוֹ תְשׁוּעָה" - נאר צום אייבירשטען אליין געהערט די ישועה און ער שטעלט עס אזוי אויס דורך א מענטש, אזוי ווי ער האט אויסגעשטעלט די ישועה פון גלות בבל דורך כורש, אזוי אויך וועט זיין לעתיד, דער אייבישטער וועט צוברענגען גאולת ישראל דורך די רעגירונגען ווען ער וועט דערוועקן זייער הארץ צוריק צו שיקן די אידן וכו'. ווי אויך זעהן מיר אין שיר השירים רבה[212] "אִתִּי מִלְּבָנוֹן כַּלָּה - ווען איר וועט פארטריבן ווערן פון גלות, וועל איך מיטקומען", אויך שטייט[213] "הָבוּ לַה' מִשְׁפְּחוֹת עַמִּים - ברענגטס צום אייבירשטען די משפחות פון צווישן די פעלקער, הָבוּ לַה' כָּבוֹד וָעֹז - ברענגט צום אייבירשטען כבוד און שטארקייט", זאגט אויף דעם די מדרש[214] "ווען מען וועט זיי ברענגען, זאל מען זיי נישט ברענגן בדרך בזיון, נאר דורך כבוד ועוז". דער אברבנאל שרייבט אין "משמיע ישועה"[215], "וויבאלד ציון וועט ווערן שאקירט אויף דאס זיך צוריקקערן פון אירע קינדער, ווען דעם זאגט דער נביא, אז דאס וועט זיין מיטן כח פון מיין שטארקייט, און דורך די גוים אליין וועט זיין דער נס, ווי דער נביא זאגט אונז[216] "הִנֵּה אֶשָּׂא אֶל גּוֹיִם יָדִי - אט וועל איך אויפהייבן מיין האנט צו די גוים, וְאֶל עַמִּים אָרִים נִסִּי - און צו די פעלקער וועל איך אויפהייבן מיין צייכן", עכ"ל. דאס מיינט דער פסוק[217] "וְהָיוּ מְלָכִים אֹמְנַיִךְ - די קעניגן וועלן זיך אפגעבן מיט דיינע קינדער, וְשָׂרוֹתֵיהֶם מֵינִיקֹתַיִךְ - און די ווייבער פון די הערן וועלן זייגן דיינע קינדער", דאס מיינט - אזוי ווי ביי גאולת מצרים האט דער אייבישטער באפוילן משה[218] "שָׂאֵהוּ בְחֵיקֶךָ - פיהר אים אין דיין ארעמעס, כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיֹּנֵק - אזוי ווי די עלטערן פירן א זייגעדיג קינד", אזוי וועט זיין ביי די לעצטע גאולה אז די קעניגן וועלן זיך זארגן פאר דיר. דאס מיינט - אזוי ווי ביי גאולת מצרים האבן די אידן געצויגן און גערוהט לויטן באפעהל פון באשעפער דורך משה, אזוי אויך ביי די לעצטע גאולה וועלן די אידן זיך ציען עפ"י ה' דורך די קעניגן פון די פעלקער. דאס איז פשט פון 'וְהָיוּ מְלָכִים אֹמְנַיִךְ וְשָׂרוֹתֵיהֶם מֵינִיקֹתַיִךְ'... די פעלקער וועלן מסכים זיין צו דעם, ווייל עס איז נאר יושר להחזיר עטרה לבעליה, צוריק צוגעבן דעם קרוין פאר דעם ריכטיגן בעל הבית, ווי עס ווערט געברענגט אין ויקרא רבה[219]. דאס מיינט דער פסוק צו זאגן[220] "וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם - איך האב אייך געברענגט, אֶל מִדְבַּר הָעַמִּים - צו די מדבר פון די פעלקער" - מדבר איז א לשון פון דיבור, ווי מיר זעהן אין שמות רבה[221] "מִדְבָּר מיינט רעדן, ווי עס שטייט[222] "וּמִדְבָּרֵיךְ נָאוֶה - דיינע רייד איז שיין", ער וויל מיט דעם זאגן - איך וועל אייך צוברענגען צו רעדן מיט די פעלקער וואס איר וועט זיך וואלגערן צווישן זיי, און איר וועט אויסשמועסען מיט זיי וועגן אונזער לאנגען גלות, ווי איך האב געהערט זאגן אז א גרויסער מיניסטער אין אונגארן וואס ווערט גערופען אין זייער שפראך 'פרימאס' יר"ה, ווי ער האט גערעדט מיט חכמה צו די שרים פון די מדינה און זיי געזאגט, "איך האב נאכנישט געהערט און געזעהן אז א פאלק זאל זיין אין תפיסה אכטצען הונדערט יאר ווי דאס געקלאפטע אידיש פאלק, אונטער געווארפען אונטער קעניגן און שרים, און פונדעסטוועגן דאך פירען זיי זיך מענטשליך און רעכטפארטיג". (איך זאג: יעצט אין אונזערע זמנים, זעהן מיר ווי עס איז פארווירקליכט געווארן די ווערטער פון דעם ספרד'ישן חכם הנ"ל ווי ער האט מבאר געווען דעם פסוק 'וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל מִדְבַּר הָעַמִּים' אז דאס איז א לשון פון דיבור, און די פעלקער וועלן דן זיין און אדורכרעדן צווישן זיך וועגן אונז, וויאזוי צו מאכן א סוף צו אונזער גלות, להחזיר עטרה ליושנה און אונז אונז צוריקגעבן אונזער הייליג לאנד. וואס יעצט איז דאס באמת א שאלה אין אלע זייערע פארלימענטען, ווי זיי זוכן וועגן וויאזוי דאס צו ענטשיידן. אינעם צייט ווען דער חכם הנ"ל האט געלעבט פאר איבער הונדערט יאר צוריק, איז בכלל נישט געווען אזוילכע שאלות דיסקוסירט אין די געזעץ הייזער, נאר איין גוטער מיניסטער האט דערציילט בשבח עם ישראל, אז טראץ דעם לאנגען גלות פירען מיר זיך אויף ווי עס באדארף צו זיין. אבער יעצט אין אונזער זמן איז דאס א אפענע שאלה ווי אלע אנדערע וויכטיגע שאלות וואס ווערן אדורך געטוהן אין זייערע געזעץ הייזער, און זיי פרובירן עס צו לעזן אז עס

המשך בדף ב'

---

[202] שם אות יט
[203] שיר השירים רבה פר' ה, ב
[204] דברים ד, כט
[205] ב"ר פר' צח, ט, אגדה יד, ד"ה א"כ למה מלך המשיח בא
[206] ירמיהו לא, ט
[207] ישעיהו יא, יב
[208] ישעיהו סו, כ
[209] בראשית לג, יח
[210] בראשית רבה פר' עט, ו
[211] קמו, ג
[212] ד, ח
[213] תהלים צו, ז
[214] שוחר טוב פר' פז
[215] דף כא, ע"ב
[216] ישעיהו מט, כב
[217] ישעיהו מט, כג
[218] במדבר יא, יב
[219] פר' שמיני, פר' יג, ה
[220] יחזקאל כ, לה
[221] פר' ב, אות ד
[222] שיר השירים ד, ג

**איבער 750 אידן באקומען דעם גליון**
**קחו חלק בעבודת הקודש - א וואך איז $100**
**לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצובערענגן שבח ארץ ישראל

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

זאל אונז גוט זיין. דאס אלעס איז ווי דער אייבישטער פירט צו. עכ"פ פון דעם זעהן מיר אז דער חכם הספרדי הנ"ל, האט מכוון געווען צום אמת מיט זיינע רייד, כמעט א נבואה ליגט אין דעם. פון דעם קענסטו זעהן אז אלעס וואס ער האט געשריבן איז אמת און עס איז דברי אלוקים חיים)... דאס מיינט דער פסוק 'וְשָׂרוֹתֵיהֶם מֵינִיקֹתַיִךְ' - אלע הערן וועלן מסכים זיין און וועלן אונז פיטערן מיט מילך און האניג אינטערן צינג. ווי עס שטייט[223] "וְיָנַקְתְּ חֲלֵב גּוֹיִם - דו וועסט זייגן די מילך פון פעלקער, וְשֹׁד מְלָכִים תִּינָקִי - און בריסטן פון די קעניגן וועסטו זייגן", און ווי עס שטייט[217] "אַפַּיִם אֶרֶץ יִשְׁתַּחֲווּ לָךְ - מיטן פנים צו דער ערד וועלן זיי זיך ביקען צו דיר", דאס מיינט - אז דער אייבישטער וועט דאס אלעס טוהן מיט דרך ארץ און כבוד, ווי די חכמה פון פאליטיק, [217]"וַעֲפַר רַגְלַיִךְ יְלַחֵכוּ - און די שטויב פון דיין פיס וועלן זיי לעקן", דאס מיינט - אז אויך די פעלקער וועלן דיר באגלייטן צום אייבירשטען אין יענע צייט, זיי וועלן קומען קיין ארץ ישראל צו וואוינען און טוהן געשעפטן מיט אהבה און פריינטשאפט. [217]"וְיָדַעַתְּ כִּי אֲנִי ה' - און דו וועסט וויסן אז איך בין דער באשעפער, אֲשֶׁר לֹא יֵבֹשׁוּ קֹוָי - וואס פארשעמט נישט די וואס האפן צו מיר". עכ"ל החכם הנ"ל.

מיין ליבע ליינער, זעה און טראכט אריין מיט דיינע מחשבות אין די ווערטער וואס איך האב דיר דא אראפגעברענגט, פון דעם ספרד'ישן חכם הנ"ל, וואס ער איז געווען א אדם גדול און צדיק, א תלמיד פון דעם גרויסן צדיק מרן בעל "פלא יועץ" וואס זיין ספר איז אנגענומען אין די גאנצע וועלט, און ווי ער ברענגט אראפ פונעם "יפה תואר" וואס איז געווען פון די פריערדיגע גרויסע חכמים, און פון נאך פריערדיגע גדולים - אז דאס צוריק קערן צו אונזער לאנד וועט זיין בדרך ארץ און בדרך הטבע דורך חכמת הפוליטיק מיט דעם וואס עס וועט זיך מאכן א פראבלעם מיט די פעלקער. דאס האט ער געשריבן ווען עס איז נאכנישט געווען קיין שום זכר אין די וועלט און אין די געזעץ הייזער וועגן אזא שאלה, ווי אזוי צו ענטשיידן דעם אידן פראבלעם, ווייל אין זיינע צייטען איז בכלל נאכנישט געווען אזא מדובר. יעצט ווען מיר זענען אנגעקומען צו אזא זמן וואס די אידען-פראגע ווערט אדורכגעטוהן אין אלע פארלימענטען, קענסטו דאס אוועקמאכן אן משים לב זיין צו דעם? מיט געוואלד, דער וואס האט א מח אין קאפ וועט מוזן מודה זיין, אז יעצט איז די צייט און די תקופה וואס אויף דעם האבן אונזערע נביאים נביאות געזאגט אז עס איז אנגעקומען דעם זמן פקידה, דורך די סיבות וואס דער אייבישטער דער עילת כל העילות וסיבת כל הסיבות האט אזוי מסבב געווען און אנגעדרייט.

**כ.** ווי געערכט איז דער מחבר החכם הנ"ל אין די פתיחה פון זיין ספר הנ"ל[224], ווי ער שרייבט אויף דעם ענין פון די גאולה, אז מען זאל נישט אוועק מאכן קיין שום פאסירונגען און זאגן אז עס איז גארנישט. וויבאלד דאס ענין פון גאולה איז גאר באהאלטען, ווי דער מאמר[225] "ליבא לפומא לא גליא" דער אייבישטער אנטפלעגט נישט דאס פארבארגענע צו קיינעם. אזוי אויך חז"ל, וואס האבן געוויסט גאר אסאך, האבן אונז נישט קלאר מפרש געווען נאר מיט רמזים און בדרך משל, ווי דער רמב"ם שרייבט[226] "וועגן דעם זענען די גדולי ישראל מחיוב אנצונעמען יעדן שעת הכושר און טוהן פעולות עס צוצוברענגן צום תכלית. די מצוה געהערט צו זיי, צו רחמנות האבן אויף אונזערע פליטים, און מיט זייער חכמה זאלן זיי פארזאמלען אונזערע צושפרייטע פון די פיר עקן פון די וועלט, און זיין אין דעם מיט איין מיינונג. זיי וועלן זיך צוריקקערן און פארלאנגען דעם אייבירשטען און זייער קעניג דוד, און וואס זיי וועלן טוהן וועט דער אייבישטער זיי געבן הצלחה אין זייערע הענט. דאס וואס זיי וועלן טוהן מיט זייערע הענט וועט זיין געטוהן, צוליב דעם איז "ליבא לפומא לא גליא", ווייל דאס איז איבערגעגעבן צו די מנהיגי און גדולי ישראל אז זיי זאלן טוהן ווי זיי פארשטייען. ער ברענגט צו א פארגלייך צו דעם, פון דעם וואס חז"ל האבן געדרש'נט לגבי די קביעת המועדים, [227]"אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם בְּמוֹעֲדָם - וואס איר וועט אויסרופען אין זייערע זמנים" - אֹתָם אפילו אויב זיי זענען שוגגין און אפילו מזידין"[228], איז דער ראב"ע[229] מסביר, אז די תורה זאגט נישט קלאר ארויס די קביעת הזמנים פון די חדשים, אפילו מען קען צוקומען צו אן איסור כרת אויב מען האט עס נישט ריכטיג באשטומט, ווי צום בייפיל חמץ אין פסח, אדער עסן אין יום כפור, בשעת ביי אנדערע זאכן אין די תורה וואס איז שייך ביי א פריוואטן מענטש און נישט פאר א יעדן פלאץ אדער זמן, איז אלעס קלאר און מבואר מיט די כללים און פרטים. נאר וואס דען, עס איז איבערגעגעבן צום בי"ד אפילו בשוגג אדער במזיד, וועגן דעם איז עס באהאלטן פון אונז, עכ"ד פון ראב"ע.

המשך בגליון הבא אי"ה

[223] ישעיהו ס, טז
[224] מזמור לתודה
[225] קה"ר פר' יב, אות י. מדרש שו"ט פר' ט
[226] הלכות מלכים, פרק יב, הלכה א
[227] ויקרא כג, ד
[228] ראש השנה כה, ע"א

לארבה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל

הר הזיתים, ירושלים

הגאון רבי יוסף חיים זוננפלד זצ"ל האט געדינט אלס דער ערשטער גאב"ד פון עדה החרדית. דעם נאמען חיים האט ער צובאקומען אין די שפעטערע יארן ווען ער איז געווען נישט געזונט.

ער איז געווען א תלמיד פון רבי חיים צבי מאנהיימער זצ"ל און דערנאך ביים כתב סופר, און נאך זיין חתונה ביי רבי אברהם שאג זצ"ל. און יאר תרל"ג איז ער ארויף מיט זיין רבי'ן קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין אלט שטאט.

בשנת תרל"ט (1879) האט ער זיך מצטרף געווען צום "וועד כל הכוללים" וואס האט זיך אפגעגעבן מיט גאולת הארץ, אפצוקויפן לאנד פון די אראבער און בויען דערויף ישובים, ווי צבש. שערי חסד, בית ישראל, בתי אונגארן און נאך. אסאך פון די קנינים איז געגאנגען אויף זיין נאמען וויבאלד ער איז געווען אן עסטרייכישער בירגער האט ער נישט געהאט קיין פראבלעמן פון די טערקן.

ער האט געהאט אויסערגעווענטליכע חיבת הארץ, ווי ער האט זיך אויסגעדרוקט "בעסער צו זיין א פשוט'ער בעל מלאכה אין ארץ ישראל ווי א רב אין חוץ לארץ". אפילו נאנט צו די פרעות פון תר"פ האט ער מקפיד געווען צו גיין צום כותל המערבי דורך שער שכם, צו ווייזן אז מען זאל נישט איבערלאזן קיין איין ווינקל אין ירושלים צוליב פחד פאר די אראבער.

ער האט זיך ארויסגעשטעלט פאר מצות ישוב ארץ ישראל אבער שטארק אנטקעגן דעם תנועת הציונות און פרובירט צו פועלן ביים ירדנ'ער קעניג עבדאללה דער ערשטער אז אידן זאלן זיך גרינג קענען באזעצן אין א"י אן קיין שטער, אבער אן דעם געדאנק פון א פארלאנג פון א מדינה. ער איז אויך געווען פאררעכנט אלס מנהיג רוחני פון אנשי אגודת ישראל אין ארץ ישראל.

אין יאר תרע"ד (1913) האט ער זיך משתתף געווען אין דעם באקאנטען "מסע המושבות" צוזאמען מיט נאך גדולי ישראל, כדי צו משפיע זיין אויף די מענטשען פון די מושבים צו אפהיטן תורה ומצות.

רבי יוסף חיים זוננפלד איז געבוירן אין עסטרייך ו' כסלו תר"ט (1849) און נפטר געווארן י"ט אדר ב' תרצ"ב (1933) אין ירושלים, און נקבר געווארן אויפן הר הזיתים.





קבר רבי יוסף חיים זוננפלד זצ"ל בהר הזיתים

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## ירושלים לעתיד

אמר ריש לקיש עתיד הקב"ה להוסיף על ירושלם אלף טפף גינואות אלף קפל מגדלים אלף ליצוי בירניות אלף ושני שילה טוטפראות וכל אחת ואחת הויא כצפורי בשלוותה תניא א"ר יוסי אני ראיתי צפורי בשלוותה והיו בה מאה ושמונים אלף שווקים של מוכרי ציקי קדירה (יחזקאל מא, ו) והצלעות צלע אל צלע שלש ושלשים פעמים מאי שלש ושלשים פעמים א"ר לוי אמר רב פפי משום ר' יהושע דסכני אם ג' ירושלים הן כל אחת ואחת יש בה שלשים מדורין למעלה אם שלשים ירושלים הן כל אחת ואחת יש בה שלשה מדורין למעלה.

(בבא בתרא עה, ב)

## להקים שכינתא מעפרא

הנה יש בנתינת הצדקה ג"כ חילוק בין א"י לח"ל. מפני היות ח"ל ניזון ע"י שרים. וא"י עיני ה' אלהים בה תמיד, שהיא השכינה בעצמה... מפני היות השכינה בגלות וכפוף לעפרא. אעפ"כ כולם נזונים על ידיה. וכל ענייני השכינה בעצמה היא דרך דלות ושפלות לכן ישראל שפלי' מכל האומות וישראל שבא"י שפלים מישראל שבח"ל. ומאן דמקים שכינתא מעפרא ובפרט במקום שנראה שפלותה יותר. ומעלה אותה מתעלה עמה למעלה למעלה עד א"ס ב"ה וזה נקרא תמכין דאורייתה.

(פרי הארץ, מכתבים א)

## קדושת א"י

ובעו"ה בארץ טמאה רוב גלגולי רשעים הם בבהמות וצמחים כי ארץ ישראל אין מקבלת כ"כ מסאבא והארץ קאה להם אבל בחוץ לארץ מתדבקים.

(יערות דבש א)

## בדרך ה'

ובבקשה לכולכם על הנכתב לעיל שתדריך בניך ובנותיך, ועיקר בדברים רכים בדברי מוסר המתיישב על הלב, ובפרט אם נזכה לבוא לארץ-ישראל, כי שם צריך לילך מאד בדרכי ה', ולכן תרגילם. כי הדיבור והמדות צריך הרגל רב.

(אגרת הגר"א ח')

## שיבת ציון

וכשהן חוזרין שכינה עמהם, שנאמר: ושב ה' אלקיך את שבותך ורחמך (דברים ל, ג), והשיב לא נאמר, אלא ושב.

(שערי אורה, השער הראשון - הספירה העשירית י"ג)

## לאורה של ירושלים

אמר ר' הושעיה עתידה ירושלים לעשות פנס לגוים והם מהלכים לאורה, מה טעם, "והלכו גויים לאורך". וכן הוא אומר "נכון יהיה הר בית ה' בראש הרים... ונהרו אליו כל הגויים", וזה אמר הכתוב "באורך נראה אור".

(ילקוט שמעוני ישעיה תצט)

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוגעבן שבח ארץ ישראל

בהעלותך
ח"י סיון תשפ"א
May 29, 2021

גליון מס'
54

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### משמח ירושלים

כשחרב בית המקדש, נגנזה המנורה. וזו אחד מן חמשה דברים שנגנזו, הארון, והמנורה, והאש, ורוח הקדש, והכרובים. וכשיעור הקדוש ברוך הוא ברחמיו ויבנה ביתו והיכלו, הוא מחזירן למקומן ומשמחן את ירושלים. מנין, שכן כתוב, ישׂשום מדבר וציה ותגל ערבה ותפרח כחבצלת, פרח תפרח ותגל (ישעיה לה, א-ב).

(מדרש תנחומא, בהעלותך ו, א)

### זכרנו את הדגה

קטני אמנה ובעלי הנאה טוענים ואומרים, כי ארץ ישראל דלה ועניה, ואלה דומים לערב רב שעלו עם ישראל ממצרים שאמרו: "זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים חנם וכו'. ועתה נפשנו יבשה אין כל בלתי אל המן עינינו" (במדבר יא, ה-ו). לעומתם אמרו רז"ל מאמר שנון ומחודד: אמר דוד לפני הקב"ה: רבונו של עולם, אפילו יש לי פרקליטין וטרקלין בחוץ לארץ, ואין לי אלא הסף בארץ ישראל – בחרתי הסתופף, וחד אמר: אפילו לא יהיה לי בארץ ישראל אלא סיפוף של חרובין – בחרתי הסתופף, הוי – "ואתן לך ארץ חמדה" (ירמיה ג, יט), ארץ שחמדו לה האבות (תנחומא ראה ה).

(הגיוני עוזיאל, שער טו, אהבת התורה ג, ג)

### ישוב ארץ ישראל

אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן הלוקח עיר בארץ ישראל כופין אותו ליקח לה דרך מארבע רוחותיה משום ישוב ארץ ישראל.

(בבא קמא פ ע"ב)

### קיבוץ גליות

וְנָשָׂא נֵס לַגּוֹיִם וְאָסַף נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל, ר"ל יעורר לב האומות לשלוח את ישראל מן הגולה וכאלו נשא להם נס לרמז על הדבר.

(מצודת דוד, ישעיהו יא, יב)

### היוצא לחו"ל על מנת להחזיר

ודע כי היוצא מארץ ישראל לחו"ל על מנת

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הר"ר **זלמן לייב שטוהל** הי"ו, ברוקלין נ.י.
לרגל נישואי בתו הכלה הבתולה **איטא חיה** שתחי'
עב"ג הבה"ח **דוד גדליה בערנאטה** נ"י
**בזכות זה יזכו להקים בית נאמן בישראל**
ותזכה לעלות עם ב"ב לארץ חמדה טובה ורחבה, לאכול מפריה ולשבוע מטובה, ולברך עליה בקדושה ובטהרה

**איבער 750 אידן באקומען דעם גליון**
**קחו חלק בעבודת הקודש - א וואך איז $100**
**לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

...אזוי אויך דעם גרויסן עיקר פון די גאולה האט מען נישט מפרש געווען פונקטליך וואס מען זאל טוהן. אויך צוליב דעם ווייל דאס איז איבערגעגעבן צו די גדולי ישראל אז זיי זאלן טוהן ווי זיי פארשטייען לויטן פלאץ און לויטן זמן. וועגן דעם שטייט ביי די גאולה און תעניתים[229], "יִהְיֶה לְבֵית יְהוּדָה - עס וועט ווערן פאר אידן... וּלְמֹעֲדִים טוֹבִים - צו שמחה און ימים טובים", אונז צו לאזן וויסן אז די גאולה איז איבערגעגעבן צום בי"ד אזוי ווי דאס באשטימונג פון די ימים טובים. עכ"ד אין די הקדמה דארט.

ממילא פון דעם קענסטו פארשטיין דאס וואס גייט דא פאר, ווער נישט צומישט צו דן זיין אדער צו פסק'נען אז מיר ברויכן גארנישט טוהן אינעם ענין פון גאולה נאר מיר זאלן זיין בשב ואל תעשה, און נארווארטן ביז משיח וועט קומען און ער וועט אונז פירן אויף די פליגלען פון אן אדלער צו אונזער לאנד און אונזער נחלה, אזוי ווי אסאך פון אונז און אפילו רבנים און גדולי תורה טראכטען אזוי און שטעלן זיך אזוי פאר אונזער גאולה, אזוי ווי א גרויסער רב האט אזוי געדרש'נט ברבים - אז מיר טארן גארנישט טוהן אין דעם נושא אפילו ווי דאס בויען און באזעצן דאס לאנד, נאר מיר דארפן ווארטן ביז משיח וועט קומען און וועט פליען מיט אונז אויף א וואלקן און אונז אזוי פירן קיין ארץ ישראל. דאס געשעהנט צוליב דעם וואס ער האט נישט יורד געווען צום טיפקייט פון די הלכה, וואס דאס איז איינע פון די גאר טיפע און פארהוילענע הלכות, ווי איך האב שוין אראפגעברענגט אין די צווייטע הקדמה פון ש"ס און תנא דבי אליהו, און דער וואס פארטיפט זיך נישט אין דעם ענין, האט נישט קיין השגה אין דעם.

איך וועל דיר ברענגן א ראי' צו מיינע רייד פון דעם צדיק און מקובל החכם הספרדי הנ"ל[230] וואס ער שרייבט דערוועגן, "זאלסט נישט מיינען, אז די קץ און די גאולה און ביאת המשיח איז איין זאך, און אלעס וועט פאסירן אין איין טאג און פאסירן אויף איינמאהל. ווייל זיי זענען באמת צוויי זאכן (זעה אינעם אנהייב פונעם ספר[231] ביי די הסכמה פון דעם גאון, קדוש עליון חכם הספרדי, מקובל און ראשון לציון[232] וואס שרייבט די זעלבע זאך), עס איז דא צו יעדן פון זיי א באשטימטען זמן און צייט, ווי מיר זאגן ביי די סליחות[233] "קָרֵב לָנוּ קֵץ הַגְּאֻלָּה", ווייל די אנהייב פון די גאולה איז א קלענערע זאך וואס מען פילט נישט, ווי עס ווערט געברענגט אין ירושלמי[234], "רבי חייא און רבי שמעון ברבי זענען געגאנגען אין דעם פלאץ קריצתא, און זיי האבן דארט געזעהן דאס אויפקימונג פון דעם עלות השחר וואס האט אנגעהויבן באוויזן אירע ליכט שטראלען. האט רבי חייא געזאגט פאר רבי שמעון, אזוי וועט זיין די גאולה פון די אידן, עס וועט זיך אנהייבן גאר צוביסלעך, ווי מער עס גייט, אלס שטערקער

ווערט זי. וואס איז דער טעם? ווי דער פסוק זאגט[235] "כִּי אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ - ווען איך וועל זיצן אין די טינקעל, ה' אוֹר לִי - וועט דער אייבישטער זיין א באלייכטונג פאר מיר". אזוי אויך שטייט אין מס' מגילה[236], "וויבאלד דער גלות וועט ווערן איינגעזאמעלט - וועט מען דן זיין די רשעים (דאס מיינט די רשעים פון די פעלקער וואס האבן שלעכט געטוהן פאר די אידן. דאס איז א ראי' לדברי האור החיים הק' אין פר' צו, וואס איך האב פריער אראפגעברענגט אין פרק ב. אז דער אייבישטער וועט נישט ווארטן מיטן קיבוץ ישראל צו ארץ ישראל ביז ער וועט שטראפען די רשעים וואס האבן שלעכט געטוהן פאר דעם אידישן פאלק אין גלות, ווייל נאך פאר ער וועט זיי שטראפן וועט ער שוין ארויסנעמען די אידן פון זייערע הענט און ברענגן קיין ארץ ישראל, עיי"ש. דאס איז דא א בפירוש'ע גמרא), און וויבאלד עס וועט זיין די שטראף אין די רשעים - וועלן זיך ענדיגן די מינים (דאס מיינט, אז איעדער וועט אנערקענען אינעם השגחה פון השי"ת, דורך דעם וועלן זיך אלע צוריקקערן צום אייבירשטען און גלייבן אין אים, מיט דעם וועט מתוקן ווערן אלע אפיקורסים ביי אידן, ווי איך האב שוין אראפגעברענגט בשם גדולי רבותינו ז"ל, אז אין די קומענדע גאולה בב"א וועלן אפילו די כופרים פון עם ישראל דערגרייכן זייער תיקון, ווי איך האב שוין אין דעם אויבן מאריך געווען), וויבאלד עס וועט זיך ענדיגן די מינים - וועט דערהויבן ווערן די קרן צדיקים. ווי וועט עס דערהויבן ווערן - אין ירושלים, ווי עס שטייט[237] "שַׁאֲלוּ שְׁלוֹם יְרוּשָׁלָםִ". און וויבאלד ירושלים וועט געבויט ווערן - וועט משיח בן דוד קומען. וויבאלד משיח וועט קומען - וועט צוריקקומען תפילה. און וויבאלד תפילה וועט צוריקקומען - וועט צוריקקומען עבודה. וויבאלד עבודה וועט זיין צוריק - וועט דערנאך קומען הודאה". איז דער בעל המאמר מאריך און ער זאגט לגבי די אלע 'וויבאלד'ס' וכו', אז דאס טוט אונז מודיע זיין אז צו יעדע זאך איז דא זיין זמן און פונקטליכע צייט, און דאס ענין פון ביאת משיח איז פון די לעצטערע זאכן פאר תחיית המתים, כנ"ל אז דאס בית המקדש וועט געבויט ווערן פאר מלכות בית דוד (ווי עס איז מבואר אין ירושלמי מס' מעשר שני[238]). וועגן דעם ווערט מלכות בית דוד אנגערופען 'שמש', ווי דער פסוק[239] "וְכִסְאוֹ כַשֶּׁמֶשׁ נֶגְדִּי", ווייל די גאולה איז אזוי ווי די עלות השחר, וואס ווי מער עס גייט אלס שטערקער ווערט עס, און מלכות בית דוד וועט קומען שפעטער אזוי ווי ווען די זין קומט ארויס מיט זיין גאנצן שטארקייט. און דער וואס זאגט אז די אנהייב פון די גאולה וועט זיין דורך משיח בן דוד אזוי ווי די עמי הארצים האפן, איז דאס פונקט ווי איינער זאגט אז פאר דאס מארגן הייבט אן ווייזן אירע שטראלען וועט קודם די זין אויפשיינען, וואס דאס איז דברים בטלים ומבוטלים. דאס גרויסע שלעכטס וואס קומט ארויס פון דעם פארלוירענעם געדאנק איז א רגש'דיגע זאך און דער פאקט וועט אויפווייזן דאס פארקערטע. עס איז א מצוה דאס אויפצוקלערן די עמי הארץ און געלויבט איז דער וואס איז מקדש שמו ברבים. לויט מיר, דער וואס באהאלט דעם ריכטיגן געדאנק איז מחלל שם שמים בסתר, ווייל בעוה"ר האבן אסאך שוואכע מענטשען גערעדט אן קיין שום האפט און זיי האבן געהאפט אויפן יאר ת"ר, און זיי האבן זיך געלאזט הערן מיט נישט ריכטיגע רייד אויפן אייבירשטען און אויף משיח, און דאס

המשך בדף ב'

---

[229] זכריה ח, יט
[230] שם, אות לד
[231] אם הבנים שמחה
[232] הגאון ומקובל חיים דוד חזן ס"ט
[233] פיוט אלוקינו בשמים
[234] ברכות א, הלכה א
[235] מיכה ז, ח
[236] מגילה יז, ע"ב
[237] תהלים קכב, ו
[238] פר' ה, הלכה ב
[239] תהלים פט, לז

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

# בשבילי הארץ

ועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

לחזור במהרה, והניח אשתו ובני ביתו בארץ ישראל, בן אדם כזה לא תתפשט ממנו נפשו אשר מעולם היצירה, אמנם מתלבשת עליו נפש אחרת מעולם העשייה, ולכן חייב לשמור הרגלים והמועדים בחו"ל כמו בזמן שהיה בארץ ישראל הואיל וכוונתו לחזור, וכל זה לטובתו שאם לא היה מתלבש עליו נפש מעולם העשיה כשהיו מתלבשים הקליפות על נפש יצירה תכף ומיד הנפש היצירה היתה מקבלת טומאה מבחוץ, ולכן הקדוש ברוך הוא מרחם ומטיב ומלביש נפש העשייה על נפש היצירה קודם שיתלבשו הקליפות כדי שלא יטמאהו,

(חסד לאברהם, מעין ג, נהר יד)

## השתוקקות

היה לי מכתב (קארט"ל) מדו"ז הרה"ק ר' שלום אליעזר מראצפעט זי"ע שכותב שם "ידעתי בברור שאאמו"ר זי"ע (הרה"ק מצאנז זי"ע) השתוקק כל ימיו לנסוע לארץ ישראל".

(שפע חיים, פר' בהעלותך)

## יציאה מא"י

אסור לצאת מארץ ישראל לחוצה לארץ לעולם. אלא ללמד תורה או לשא אשה או להציל מן העכו"ם. ויחזר לארץ. וכן יוצא הוא לסחורה.

(משנה תורה, הלכות מלכים ומלחמות ה, ט)

## קנין בית בארץ ישראל

מתר לקנות בית בארץ ישראל מן העכו"ם, בשבת, וחותם ומעלה בערכאות... הגה: שלהם, בכתב שלהם; דאינו אסור רק מדרבנן, ומשום ישוב ארץ ישראל לא גזרו.

(אורח חיים שו, יא)

## קינמון בירושלים

אמר רחבה אמר רבי יהודה: עצי ירושלים של קינמון היו, ובשעה שהיו מסיקין מהן, ריחן נודף בכל ארץ ישראל.

(שבת סג ע"א)

## קדושת הארץ ופירותיו

והנה שבח א"י זבת חלב ודבש, אם שהוא כפשוטו בלי ספק מ"מ זה התואר מורה עוד קדושת הארץ ופירותיו כי הם מולידים קדושה בנפש האוכל אותם ומוסיף אהבה ודבקות בה'.

(חת"ס חולין קמב, ע"א)

## פירות א"י

הלא קדושת הארץ הנשפעת בה מקדושת הארץ העליונה היא נשפעת גם בפירותיה שיונקים מקדושת השכינה השוכנת בקרב הארץ, ועל כן ניחא שאנו מכניסין בברכת מעין שלש ונאכל מפריה ונשבע מטובה כי באכילת פירותיה אנו ניזונים מקדושת השכינה ומטהרתה ונשבע מטובתה.

(ב"ח או"ח סימן ר"ח)

טובה הארץ מאד מאד (במדבר יד, ז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

וווינדערליכע האפענונג מיט וואס אונזערע הייליגע עלטערן האבן שטענדיג צו דעם געגליסט און אלע נביאים האבן אויף דעם נבואה געזאגט איז געווארן צו א געלעכטער אין די אויגן פון דעם המון עם, ווי פאר די אויערען וואס האבן דאס געהערט. און ח"ו איז דאס געווארן פאר די מנהיגי העדה ווי א שוגג, ווייל אפילו עס איז דא א ווארענונג פונעם אייבירשטען אז מען זאל גארנישט רעדן וועגן דעם באשטימטען זמן פון גאולה, עס שטייט דאך אבער[240] "עֵת לַעֲשׂוֹת לַה' - אמאהל איז א צייט וואס מען דארף טוהן פארן אייבירשטען, הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ - אפילו עס שטערט דיין תורה", און אויב זעהן מיר אז דער אייבישטער שוינט מער אויף די כבוד פון צדיקים ווי פון זיין אייגענע כבוד[241], איז עס א קל וחומר פאר די צדיקים אז זיי זענען מחויב צו שוינען אויף כבוד ה' מער ווי פון זייער כבוד, און קוקען צו די ליידיגייער וואס רעדן שנעלער ווי דאס הערן. דער אייבישטער זאל זיך מרחם זיין און פארגעבן, ווייל איך האב ביז יעצט גערעדט פון גרויס כעס. און אויב קומט איינער וואס צארענט לשם ה' און מיט דעם פארשטאפט ער די וואס רעדן שקר, אפילו מיט הוילע ווערטער - זאל ער זיין ברוך לה'. אלע אידן זענען באפוילן אויף קידוש ה'[242], אבער עס איז ביי אונז אנגענומען און יעדער ווייסט אז משיח בן יוסף וועט זיין פאר משיח בן דוד, און די גאולה וועט זיך אויך אנהייבן מיט אים, וואס דאס וועט דאן זיין א רעטונג פאר אידן פון די גזירות און שלעכטס וואס וועט קומען... דער אופן פון די דאזיגע גאולה און איר מהות האט דער אייבישטער נישט אנטפלעקט, דער אייבישטער האט אסאך וועגן און דער אייבישטער האט נישט קיין צוריקהאלט ווען עס קומט צו א ישועה, נישט דורך א שווערד אדער מלחמה וועט דער אייבישטער העלפן (נאר דורך זיינע באגלייבטע שלוחים ווי איך האב שוין פריער מבאר געווען אין אות י"ט אז מיר ברויכן בעהטן פאר חסד און דערבארעמונג פון די וועלטליכע רעגירונגען. זעה דארט וואס איך האב אראפגעברענגט אין זיין נאמען דארט). נאר לויט די רייד וועסטו פארשטיין... אז דאס זענען ווערטער וואס קען נישט געשאצט ווערן אין גאלד אדער טייערע גלאז און אלע חפצים קענען זיך מיט דעם נישט פארגלייכן. נאך שטערקער איז דאס מיט די שטארקע פריערדערמאנטע עדות פון דער רד"ק, מהר"י אברבנאל און מהר"ש יפה ז"ל (בעל "יפה מראה" הנ"ל), און לויט די דאזיגע דריי באגלייבטע עדות וועט די זאך באשטעטיגט ווערן, ווייל עס איז אונז נישט פארהוילן די מאמרי רז"ל, זיי האבן געוויסט אז עס איז נישט געזאגט געווארן אויף דעם אנהייב פון די גאולה, וויבאלד איר אנהייב איז א קליינע זאך אזוי ווי דאס עלות השחר (דאס הענגט ער אן אין אונז אז מיר זאלן דאס דערגרייכן דורך די שלוחי השי"ת)", עכ"ד. ער איז נאך מאריך אין דעם ענין גאר ווינדערליך, איך קען נישט אראפברענגן אלעס, ווייל צו דעם וועט מען דארפן אן עקסטערן ספר.

זעהסטו דא א ראי' צו אלעם וואס איך האב פריער געשריבן, נישט ווי דער רב הנ"ל וואס האט געהאלטן א דרשה אז מיר ברויכן גארנישט טוהן נארווארטן ביז ביאת המשיח ווען ער וועט קומען צו פליען אין די לופט מיט פייערדיגע פערד און ער וועט אונז טראגן קיין ארץ ישראל. זעה מיין ברודער, ווי דער חכם המקובל הנ"ל שרייבט אויף דעם דעה אז דאס איז א דעה נפסדת און גאר א חילול ה', און ווער עס שווייגט און באהאלט זיינע ווערטער און איז עס נישט מודיע לרבים אז עס איז נישט אזוי, איז ער מחלל שם שמים בסתר. עס איז א מצוה צו מפרסם זיין ברבים אז מיר זענען מחויב צו טוהן אלס וואס מיר קענען מיט אלע אונזערע כוחות, און בעטען פון די מלכי חסד אז זיי זאלן אונז דאס נאכגעבען, און דער אייבישטער וועט שוין צוענדיגן וועגן אונז לטובה, דער אייבישטער וועט אונז געבן הצלחה אין די הענט. טראכט אריין וועסטו זעהן אז דאס אלעס איז ריכטיג און אמת בעזה"י.

**כא.** איך וועל אויך ברענגען א ראי' פון רבינו הרמב"ם, אז מיר קענען זיך נישט פארלאזן אויף נסים, נאר מיר דארפן טוהן וואס מיר קענען נאר צו טוהן בדרך הטבע, נאכדעם וועט אונז קומען הילף פון הימל, ווי ער שרייבט אין זיין בריוו צו די חכמי מרשילא[243] וועגן די חכמת פון שטערן זעעהר, וואס ער זאגט וועגן דעם. נאכדעם וואס ער שרייבט אז עס איז נישטא אין די ספרים וואס רעדן דערוועגן, און אז דאס האט בכלל נישט קיין חכמה נאר טפשות, און דאס לערנען אין די ספרים איז סתם צו פארברענען די צייט אן קיין שום תועלת, שרייבט ער דארט, "דאס וואס מיר האבן פארלוירן אונזער מלכות און אונזער ביהמ"ק איז חרוב געווארן און די גלות פארלענגערט, מיר האבן דערגרייכט ביז דא וועגן די זינד פון אונזערע עלטערן וואס זיי זענען מער נישט דא, ווייל זיי האבן אסאך געטוהן אין די ספרים פון די שטערן זעעהר און זיך נאכגעשלעפט נאך זיי, עס האט זיך זיי געדאכט אז דאס זענען גרויסע חכמות און עס איז דא אין דעם א תועלת...

המשך בגליון הבא אי"ה

[240] תהלים קיט, קכו

[241] תנחומא פר' תולדות, אות יב

[242] רמב"ם הל' יסודי התורה פרק ה', הלכה א

[243] אגרות ותשובות הרמב"ם

# לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלער, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## נתיבות

דרום

נתיבות איז עמטליך באשטימט געווארן אלס א שטאט אין תש"ס (2000), באזירט אויפן פסוק אין משלי (ח, ב) "בְּרֹאשׁ מְרוֹמִים עֲלֵי דָרֶךְ בֵּית נְתִיבוֹת נִצָּבָה".

געגרינדעט האט זיך עס אין תשט"ז (1956) אלס א צייטווייליגע פלאץ פאר עולים פון צפון אפריקע. אין די ניינציגער יארן איז עס היבש פארגרעסערט געווארן בעיקר מיט עולים פון סאוויעטען פארבאנד און אתיאפיע. עס איז גלייכצייטיג אויך געווארן א שטארקע צענטער פארן חרדי'שן ציבור ספעציעל נאכן עפענען דעם גרויסן "ישיבת הנגב" דורך הגאון ר' יששכר מאיר זצ"ל. גאר באקאנט איז געווען איר תושב דער צדיק און מקובל רבי ישראל אבוחצירא זצוק"ל, דער בבא סאלי, ווי אויך נאך גאר באקאנטע ספרדי'שע גדולי המקובלים. דער קבר פון בבא סאלי ציט איבער א האלב מיליאן אידן להשטטח על קברו דורכ'ן גאנצען יאר און בעיקר אויפן יארצייט ד' שבט.

ווען עס קומען פאר אומרוען מיט עזה, איז נתיבות אינעם ציהל פון די רוצחים צוליב די נאענטקייט צו עזה, און עס איז שווער פאר די איינוואוינער פון די אלע אלארמען און ראקעטען, טראץ דעם בליעט דער ישוב ב"ה.

דער גרויסער מילך פאבריק "טרה" איז אקטיוו אין נתיבות, ווי אויך איז דא א גרויסער צענטער פון מסחר פאר תושבי דרום.

צעהנדליגע שוהלען זענען דא אין נתיבות, צווישן זיי ביהכ"נ "אל ג'ריבה" פאר יוצאי טוניס, "אהבת ישראל" פאר יוצאי מאראקא ע"ש דער בבא סאלי, דעם אלטען שוהל "מקור חיים" ע"ש הגאון ר' חיים חורי זצ"ל, בית חב"ד "בית ישראל" וואס ווערט געפירט דורך דעם שליח הראשי הרב ישר אדרעי שליט"א אן איידעם פון בבא סאלי, חב"ד איז שטארק אקטיוו אין שטאט לטובת יהדות.

די שטאט באשטייט פון איבער 15 שכונות, מיט נאך זעקס אינמיטן בויען און פלאנירן. איבער 100 גני ילדים, און 33 תלמידי תורה און מיידל שולעס בלי עין הרע.



קברו של אותו צדיק דער בבא סאלי זצוק"ל



די שטאט נתיבות

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָ‍ִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

**שלח**
כ"ה סיון תשפ"א
June 5, 2021
גליון מס'
55

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### הכירו בטוב הארץ, אבל לא רצו לכבשה

שלח לך אנשים אל תניח שישלחו הם כמו שאמרו לעשות באמרם נשלחה אנשים לפנינו שמא ישלחו הדיוטות בלתי מכירים שבח הארץ ויספרו בגנותה באופן שיחשבו ישראל על ה' תועה ולא ישובו בתשובה כמו ששבו אחר כך באמרם חטאנו לה' וזה כי המרגלים ששלח משה אף על פי שהרשיעו להניא לב העם מחסרון אמונתם באל שדי מכל מקום הכירו וספרו טובת הארץ באמרם וגם זבת חלב ודבש היא וכן העיד באמרו ויקחו בידם מפרי הארץ ויאמרו טובה הארץ אלא שאמרו שהיה נמנע לכבשה וכאשר הכירו ישראל חטאתם על שלא בטחו בישועת האל יתעלה ונצחונו אחר שעשה עמהם להפליא שכו בתשובה ואמרו חטאנו לה' אנחנו נעלה ונלחמנו (שם שם מא) והתפללו באמרו ותשובו ותבכו לפני ה' אלא שלא קבל האל יתברך תפלתם מפני חלול ה' שעשו שאינו מתכפר אלא במיתה וכמו שהעיד בהם באמרו וביום פקדי ופקדתי וכו'.

(ספורנו, שלח יג, ב)

### תעלות השכינה ועליית עם ישראל

עלה נעלה וירשנו אותה כי יכול נוכל לה. כפל הלשונות יש לפרש בשני פנים דרך א' הוא, שעלה כלפי מעלה אמר כדרך שנאמר (בראשית מו ד) ואנכי אעלך גם עלה. שפירשו רז"ל גם עלה קאי על השכינה (מכילתא בשלח פר' ג) ואגבה יעלה גם הוא, כך פירושו כאן, עלה אי אתם מודים לי בעלה שהשכינה תעלה לבית מלונה כי הארץ ההיא מלון לשכינה מימות עולם כארז"ל (חולין צא:) צדיק זה בא לבית מלוני, וכשם שהשכינה תעלה כך אגבה נעלה גם אנו הדבקים בה', כי יכול.

(כלי יקר, שלח יג, ל)

### פירות הארץ וישוב ארץ ישראל

טובה הארץ וגו'. נתכוונו לסתור דברי המרגלים שאמרו ארץ אוכלת וגו', ואמרו טובה מאד מאד בין בענין פירותיה בין ביישובה.

(אוה"ח הק', שלח יד, ז)

### כל חיים והטוב נמשך מא"י

ויאמרו אל כל עדת בני ישראל וגו' טובה הארץ מאוד מאוד. כלומר ידענו בבירור כי ח"ו אין רע נמצא בה, אדרבה היא הטובה שבטובות, חסדי דוד הנאמנים וחלילה לומר עליה אוכלת יושביה. אדרבה נותנת חיים ושלום וכל טוב להיושבים בה בקדושה כי הלא היא נקראת ארץ החיים. שכל החיים והטוב נמשך משם.

(באר מים חיים, שלח יד, ז)

המשך בדף ב'

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

...זיי האבן נישט עוסק געווען אין זיך לערנען ווי אזוי מלחמה צו האלטען און נישט וויאזוי איינצונעמען לענדער, זיי האבן געמיינט אז זייערע דמיונות וועט זיי העלפען, וועגן דעם האבן זיי די נביאים אנגערופען סכלים ואוילים, ווייל דאס זענען זיי געווען, נעריש, צוליב וואס זיי זענען נאכגעאנגען דעם וויסטעניש פון די שטערן זעהער וואס האט זיי נישט געהאלפן אדער געראטעוועט", עכ"ל הק'.

זעהן מיר ווי אדונינו הרמב"ם האט באשולדיגט אונזערע עלטערן אויפן חורבן פון אונזער לאנד און בית המקדש, אויף דאס וואס זיי האבן נישט עוסק געווען אין לערנען צו פירן מלחמות און איינעמען לענדער, נאר זיי האבן פארבלענד זייערע טעג מיט וויסטענישן און פוסטענישן און זיך נאך פארלאזט אויף דעם. פארוואס באשולדיגט ער זיי נישט מיט וואס זיי האבן נישט עוסק געווען אין תורה און עבודה ווי עס וואלט געדארפט צו זיין? מוז זיין אז דאס אליין איז נישט גענוג, ווי מיר זעהן אין רמב"ן אין עטליכע פלעצער (בפירושו על התורה[244]) אז מען זאל זיך נישט פארלאזן אויף נסים, נאר מען דארף טוהן אלעס וואס מען קען נאר על פי טבע, דאן וועט קומען הילף פון הימל. אזוי אויך שרייבט דער רשב"א אין א תשובה (סי' תיט). ווי דער מדרש איז מפרש (פר' פיקודי[245]), אויפן פסוק[246] "אִם ה' לֹא יִבְנֶה בַיִת - אויב דער אייבישטער בויט נישט דאס הויז, שָׁוְא עָמְלוּ בוֹנָיו בּוֹ - מיט פאלשקייט האבן זיך געפלאגט די וואס האבן אים געבויט" - אז די כוונה איז נישט אז א מענטש זאל גארנישט טוהן דערוועגן נאר ער זאל זיך פארלאזן אז דער אייבישטער אליין וועט עס שוין בויען, נאר די כוונה איז, אז בשעת ווען דער מענטש ארבעט און פלאגט זיך מיט דעם בויען, זאל ער זיך נישט פארלאזן נאר אויף זיין האנט ארבעט אליין - ווייל דעמאלטס איז פאלש זיין פלאג - נאר ער זאל זיך פארלאזן אויף הילף מן השמים אז דאס וועט אים צוהעלפן. דאס איז מדויק אינעם פסוק 'שָׁוְא עָמְלוּ בוֹנָיו בּוֹ' - דהיינו, עס איז דא איינער וואס פלאגט זיך און בויט, נאר ער טאר זיך נישט פארלאזן אויף זיין פלאג אליין, נאר ער זאל לייגן זיין בטחון אויפן אייבירשטען.

באמת איז מבואר אין ירושלמי[347], אז ביים בית שני האט מען עוסק געווען אין תורה און מצוות, און נישט וועגן עס האט זיי געפעלט דעם זכות פון תורה און מצוות איז דאס לאנד און ביהמ"ק חרוב געווארן. מוז זיין ווי דער רמב"ם האט געשריבן, אז זיי האבן זיך פארלאזט אויף הוילע און וויסטע זאכען און זיי האבן נישט עוסק געווען אין נאטירליכע זאכן וואס האט אויסגעפעלט צו אנהאלטן דאס לאנד, ווי צו לערנען מידת המלחמה און איינעמען לענדער - דאס האט גורם געווען אז מיר האבן פארלוירן דאס לאנד און חורבן בית המקדש. אויך שרייבט דער רמב"ם, "אז דאס איז אויך די סיבה פון אונזער לאנגער גלות און דאס פארשלעפעניש ביז היינט", עס איז נישט קיין ספק אז ער מיינט נישט צו זאגן אז יעצט אין גלות וואלטן מיר ווען אויך געדארפט לערנען ווי אזוי מלחמה צו האלטן און אייננעמען לענדער, ווייל דאס זענען מיר נישט ביכולת צוליב אונזער שוואכקייט מיט דעם וואס מיר זענען צושפרייט צווישען די אלע פעלקער, דאס קען נאר זיין שייך אויב מיר וואלטען געווען אלע צוזאמען אין אונזער לאנד. ווי אויך זענען מיר באשוואוירען אויף דעם - שלא נעלה בחומה[248], אז מיר זאלן נישט ארויפגיין ווי א מויער (איינעמען מיט א מיליטער). עס איז קלאר אז זיין כוונה מיט דעם איז, אז מיר ברויכן זיך באניצען מיט נאטירליכע מיטלען וואס קומט אונז אונטער די הענט. ווי צום ביישפיל צו בעהטן פון די קעניגרייכן אז זיי זאלן טוהן מיט אונז א חסד און גרינגער מאכן דאס גלות פון אונז, און איינעמען דאס לאנד דורך קויפן מיט געלד (ווי דער גאון הצדיק מו"ה צבי הירש קאלישער ז"ל האט מאריך געווען אין זיין ספר "דרישת ציון", נאך גאונים האבן אין דעם מאריך געווען און געברענגט א ראי' פון ירושלמי מו"ק פ"ב הלכה ד', אז ווען מען קויפט לאנד אין א"י פון די גוים איז דאס אזוי ווי כיבוש הארץ, און דאס איז א מצוה אויף אונז עס אויסצולייזן פון זייערע הענט, ווי דער ריב"ש האט אויך געשריבן אין סי' קא, און ווי איך האב שוין אויבן אראפגעברענגט אין די הסכמה. זעה באריכות אינעם קונטרס "ישיבת ארץ ישראל" פונעם גרויסן גאון מו"ה יונה דוב בלומבערג מק"ק דווינסק, עס איז געדריקט געווארן אין ווילנא אין יאר תרנ"ח[249]), און נאך עהנליכע נאטירליכע השתדלות'ן, און זיך נישט פארלאזן אויף נסים. ערשט דעמאלטס וועט קומען הילף מן השמים, און ער וועט אונז צוריק ברענגן צו אונזער לאנד און מאכן א סוף צו אונזער גלות. אבער אן דעם וואס מיר זאלן טוהן אין דעם סיי וואס, דאן וועט אויף אונז ארויפגיין די ווערטער פון רבינו הרמב"ם ווי ער שרייבט "דאס איז די סיבה פון אונזער לאנגער גלות און דאס פארשלעפעניש ביז היינט", דאס הייסט - אז מיר קענען נאר זיך באשולדיגען אויפן לאנגן גלות, דאס וואס מיר זענען יעצט הפקר ווי די פיש פון ים, און יעדער איינער קען טוהן מיט אונז וואס זיין הארץ באגעהרט, און אונזער בלוט גיסט זיך ווי וואסער בעוה"ר. דער אייבישטער זאל אריינגעבן אין אונזערע הערצער צו איינערקענען דעם אמת, און דערוועקן דאס הארץ פון אלע אידן צו גליסטן און זיך צוריקקערן צו די שויס פון אונזער מאמע, און מיר זאלן טוהן פעולות אין דעם. עס זאל געעפענט ווערן די אויגן פון די בלינדע וואס דער ס"מ ר"ל, פארבלענדט זייערע אויגן מיט פאלשע טענות וואס האבן נישט קיין שורש און עיקר, אדרבה אין חז"ל איז קלאר פונקט פארקערט פון זייערע ווערטער.

**כב.** דער גאון און מקובל, איש האלוקים מו"ה דוד לידא האט געשריבן אין זיין ספר[250] "עיר מקלט", אויפן פסוק[251] "וְהָאָרֶץ לֹא תִמָּכֵר - דאס לאנד זאל נישט פארקויפט ווערן, לִצְמִתֻת - אויף אן אייביגע פארקויפונג", שרייבט ער "מוהרמ"ש האט געשריבן, אז אין דאס אויסלייזונג פון אונזער לאנד, ווענדט זיך אונזער גאולה, און מיט איר אונטערטעניגקייט ווענדט זיך אונזער אונטערטעניגקייט", עכ"ל. אויך דער רמב"ן[252] ברענגט אראפ דעם ירושלמי[253], אז עס ליגט אויף

המשך בדף ב'

244 ויקרא כז, יז, במדבר א, מה. יג, ב
245 תנחומא, פיקודי אות ח.
246 תהלים קכז, א
347 פרק א' יומא, הלכה א
248 כתובות קיא, ע"א
249 מענה ט
250 דף לח א, מצוה שלד
251 ויקרא כה, כג
252 ספר המצוות מצוה רכז, חלק לא תעשה
253 דמאי, פרק ה', הלכה ט

**איבער 750 אידן באקומען דעם גליון**
**קחו חלק בעבודת הקודש - א וואך איז $100**
**לעילוי נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לבי במזרח**, ירושלים עיה"ק

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## יש טוב ויש טובה מאד

טובה הארץ מאד מאד. לא באו לשבח הארץ כמה היא זבת חלב ודבש שהרי ראו בעיניהם וכל המרגלים העידו כי כן הוא. וא"כ לא היה להם לומר אלא אם חפץ בנו ה' ונתנה לנו אל תיראו את עם הארץ וגו'... אלא העלו כי ארץ טובה כמוה אינו בעולם כלל. ואם כי יש הרבה ארצות טובות בעולם ואולי עוד יותר מא"י. אבל כל טוב תמידי מלבד שאין הרגש בטובה. עוד כרוך רע הנהגה לרגל הטוב. כי לפתח תענוגים חטאת רובץ. ואין לך רע יותר מזה.

(העמק הדבר, שלח יד, ז)

## טוב בנפש וטוב בגוף

הארץ אשר עברנו בה לתור אותה טובה הארץ מאד מאד אם חפץ בנו ה' והביא אותנו אל הארץ הזאת ונתנה לנו ארץ אשר היא זבת חלב ודבש. י"ל למה חזרו ואמרו ארץ אשר היא זבת חלב ודבש והלא כבר עשו הקדמה בתחלה ואמרו טובה הארץ מאד מאד. ועוד דהול"ל זאת מקודם טובה הארץ מאד מאד והיא זבת חלב ודבש. ויובן בס"ד לפרש דהנה ידוע שאין רבוי אחר רבוי אלא למעט וכאן אמרו טובה הארץ מאד מאד והוי רבוי אחר רבוי ולכן א"ל שאל תחשבו שרבוי יתר הוא ובא למעט אלא מה שכפלנו הרבוי הוא הא' על הנוגע לנפש והב' על הנוגע לגוף דמה שנוגע לנפש הוא דאם אנחנו נכנסים לא"י אנחנו בטוחים בזה שאנחנו מוכשרים וצדיקים לפניו ית' על שחפץ בנו לקיים עמנו הבטחת הארץ וזהו אם חפץ בנו ה' הנה זה ניכר לנו אם הביא אותנו אל הארץ ונתנה לנו וזה הרבוי שמצד הנפש שתשמח הנפש בזה והרבוי שמצד הגוף הוא שבאמת היא ארץ זבת חלב ודבש שהגוף יתענג וישמח בה הרבה ולכן אמרנו ב"פ מאד ואין כאן רבוי יתר כדי שיבא למעט.

(אדרת אליהו, שלח יד, ח)

## שבח א"י

וחברון שבע שנים נבנתה, להודיעך שבחה של ארץ ישראל, שהפסלת שלה משבח הרבה יותר מן המשבח של מצרים, שבשעה שיצאו ונחלו בני נח את העולם אחר המבול, הם בנו עירות תחלה, ולא במקום השבח אלא במקום הפסלת של ארץ ישראל, וצען מצרים היא הטובה שבארץ מצרים, וזו קדמה לה שבע שנים.

(במדבר רבה, שלח טז, יג)

## ק"ו מדיבת הארץ

וימותו האנשים מוציאי דבת הארץ רעה במגפה לפני ה' והלא דברים ק"ו ומה ארץ שאין לה לא פה לדבר ולא פנים ולא בשת בקש הקב"ה עלבונה מן המרגלים המדבר דברים כנגד חבירו ומבייש אותו על אכ"ו שיבקש הקב"ה עלבונו.

(אבות דרבי נתן ט, ב)



אם הבנים שמחה - המשך מדף א'

אונז א חיוב אז מיר זאלן נישט פארקויפן און איבערלאזן אונזער לאנד ביי די גוים, און ער ענדיגט צו זיינע ווערטער, "וואס מיר זעהן פון דעם, אז דאס איז א צוריקהאלט אז מיר זאלן נישט פארקויפן דאס לאנד פאר די גוים און עס נישט איבערלאזן ביי זיי. דער ענין איז, פונקט ווי מיר זענען באפוילן אויף אונזערע גופים וואס זענען פארקויפט צו גוים - אז מיר דארפן זיי ארויסשלעפן פון דארט, און דער פסוק איז מפרש דעם טעם[254], "כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים - ווייל נאר צו מיר זענען די אידישע קינדער קנעכט", אזוי אויך האט מען אונז באווארענט מיט אונזער נחלה, און מיר טארן דאס נישט לאזן ביי זייער האנט, און ער גיט אונז דעם זעלבן טעם וואס ער דערמאנט ביי אונזערע גופות, ווייל דאס לאנד איז דעם אייבירשטענס... ער וויל דארט נישט באזעצן קיינעם אויסער אונז... און צו אונז וועט זי זיך צוריקקערן", עכ"ל הק' פונעם רמב"ן. (אין "דרישת ציון" איז ער מבאר, אז דער עיקר כיבוש, איינעמען פון דאס לאנד איז יעצט דורך קויפן מיט געלט, אזוי ווי תוס' אין קידושין דף כו[255], עיי"ש).

מיט די פריערדערמאנטע ווערטער פונעם רמב"ן, קען מען גוט פארשטיין דעם "עיר מקלט" הנ"ל, וואס שרייבט אז אונזער גאולה ווענדט זיך אין גאולת הארץ, און אין איר שיעבוד ווענדט זיך אונזער שיעבוד. ווייל לכאורה, דארף מען פארשטיין מיט וואס איז איינס געוואנדן מיטן צווייטן? אבער יעצט איז עס גאר פארשטאנדיג - ווי דער רמב"ן האט שוין געשריבן, אז דער אייבישטער איז מקפיד אז מיר זאלן נישט לאזן דאס לאנד ביי די גוים, אזוי ווי מיר זענען באפוילן געווארן מיט אידישע גופים וואס מיר דארפן אויסלייזן פון די גוים. יעצט אבער אויב מיר געבען זיך נישט אפ מיט גאולת הארץ, קומט אן עונש מידה כנגד מידה אז אויך אונזערע גופים איז משועבד אין זייערע הענט. אויב אבער ווען מיר זיך משתדל זיין ארויסצושלעפן לאנד פון זייערע הענט, וועלן מיר אין דעם זכות זוכה זיין אז אויך אונזערע גופים וועט ארויסגיין לחירות פון זייערע הענט. דאס איז א טעם אמת און קלאר בעזה"י.

**כג.** אט האב איך געפינען נאך א ראי' פון ש"ס, אז מיט ישוב ארץ ישראל - דאס מיינט, מיטן אויסלייזן דאס לאנד פון זייערע הענט און דאס זיך באשעפטיגן מיט איר בויען און באזעצן - ווענדט זיך אונזער גאולה העתידה בעזה"י. אין מס' תענית[256] האבן מיר געלערנט, "וויאזוי איז די סדר פון די תעניתים וכו', מען האט זיך געשטעלט דאווענען וכו', און מען האט געזאגט פיער און צוואנציג ברכות, אכצען ברכות וואס מען זאגט איעדן טאג און מען לייגט צו צי דעם נאך זעקס, ואלו הן וכו'. און מען זאגט זייער חתימה - אויף די ערשטע ברכה זאגט מען: ווער עס האט געענטפערט פאר אברהם אבינו בהר המוריה ער זאל אייך ענטפערן... ברוך אתה ה' גואל ישראל. אויף די צווייטע זאגט מען: ווער עס האט געענטפערט פאר אונזערע עלטערן ביים ים סוף ער זאל אייך ענטפערן... בא"י זוכר הנשכחות. אויף די דריטע זאגט מען: ווער עס האט געענטפערט פאר יהושע אין גלגל ער זאל אייך ענטפערן... בא"י שומע תרועה. אויף די פערטע זאגט מען: ווער עס האט געענטפערט פאר שמואל אין מצפה ער זאל אייך ענטפערן... בא"י שומע צעקה. אויף די פינפטע זאגט מען: ווער עס האט געענטפערט פאר אליהו אויפן הר הכרמל ער זאל אייך ענטפערן... בא"י שומע תפילה. אויף די זעקסטע זאגט מען: ווער עס האט געענטפערט פאר יונה פון די געדערם פונעם פיש ער זאל אייך ענטפערן... בא"י העונה בעת צרה. אויף די זיבעטע ברכה זאגט מען: ווער עס האט געענטפערט פאר דוד און זיין זוהן שלמה אין ירושלים ער זאל אייך ענטפערן... בא"י המרחם על הארץ - וואס דערבארעמט זיך אויפן לאנד. (רש"י[257], תוס'[258] און דער מהרש"א[259] דארט אויפן פלאץ זענען מפרש דעם ברכה - "בא"י המרחם על הארץ", אז זיי האבן דא מתפלל געווען אויף ישוב ארץ ישראל, ווי עס איז מבואר אינעם מזמור[260] "תפילה לעני", וואס איז נתייסד געווארן אלס א תפילה פאר די בני הגלות און א תפילה צו מקרב זיין די גאולה. זעה דארט אינעם מהרש"א, ווי ער איז מבאר דעם גאנצן פרק "תפילה לעני" אז דאס רעדט פון די צרות הגלות און פון די גאולה). אין דף יז (ע"א) ביי די ברכה פון "על השביעית הוא אומר, מי שענה את דוד" פרעגט גמרא, "דער נביא יונה איז דאך געווען נאך די צייטן פון דוד און שלמה, וואס איז דער טעם אז מען האט קודם געזאגט די ברכה פון יונה?" ענטפערט די גמרא, "ווייל מען האט געוואלט צוענדיגן די ברכה מיט 'מרחם על הארץ'. אין נאמען פון סמכוס האט מען געזאגט, ברוך משפיל הרמים", עכ"ל הש"ס. רש"י איז דארט מפרש, אז לויט סמכוס האט מען געזאגט 'ברוך משפיל הרמים' - געלויבט איז דער אייבישטער וואס דערנידערט די שטאלצע' אנשטאט 'מרחם על הארץ', עיי"ש.

המשך בגליון הבא אי"ה

254 ויקרא כה, נה
255 ע"א, ד"ה אמר
256 פרק ב' דף טו, ע"א
257 שם, ד"ה ושלמה
258 שם דף טז ע"ב, ד"ה ברוך
259 שם דף טו ע"א, ד"ה בא"י מרחם
260 תהלים קב

לארבעה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## מערת המכפלה

חברון

מערת המכפלה איז ווי אונזערע אבות און אמהות זענען נקבר געווארן, אברהם און שרה, יצחק און רבקה, יעקב און לאה, אין זוהר שטייט אז דארט איז נקבר געווארן אדם הראשון און חוה און אז דער פלאץ איז נאענט צום טויער פון גן עדן. עס איז ארויסגעברענגט זייער קלאר אין פר' חיי שרה ווי אזוי אברהם אבינו האט אפגעקויפט דעם פלאץ פון די בני חת ווי עס שטייט "וְיִתֶּן לִי אֶת מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה אֲשֶׁר לוֹ" (בראשית כג, ט).

דעם גרויסן בנין וואס איז העכער די מערה איז געבויט געווארן דורך דעם מלך הורדוס. אין זוהר שטייט אז ווען די מרגלים זענען געקומען שפיאנירן ארץ ישראל, איז כלב בן יפונה געגאנגען מתפלל זיין ביי די אבות אז ער זאל ניצול ווערן פון די עצת המרגלים, ער האט טאקע זוכה געווען צו באקומען חברון וועגן דעם. איינע פון די טעמים פארוואס עס הייסט מכפלה, איז צוליב די מערה איז א הייל העכער א הייל, ווי עס איז טאקע אזוי אנדעקט געווארן ביי ארכעאלאגישע אינטערזיכונגען. ווען די קרייצוגלער האבן געוועלטיגט אין א"י האבן זיי דארט געבויט א תיפלה, און שפעטער האבן די אראבער עס געטוישט צו א מסגד און געבויט די טורעמעס.

במשך זיבן הונדערט יאר זענען אידן געווען פארבאטען צו דאווענען אין די מערה, זיי האבן נאר געמעגט דאווענען אינדרויסען ביז די זיבעטע טרעפ. ביז אין יאר תשכ"ז ביי די מלחמת ששת הימים וואס פון דאן האבן אידן צוריק געקענט דאווענען אינעם בנין.

לעת עתה איז אזוי איינגעטיילט אז די חלקים פון אברהם און שרה, יעקב און לאה, איז פאר אידן, און די חלק העכער קבר יצחק און רבקה איז פאר די מסולמענער, א חוץ בערך צעהן טעג פונעם יאר.

למעשה זענען די חלקים מיט די גרויסע מצבות נישט ממש העכער די קברים, עס איז נאר אזוי איינגעטיילט געווארן דורך די מסולמענער, ווי עס ווערט געברענגט פון דעם רייזענדער רבי בנימין פון טודעלא וואס האט דארט באזוכט איבער טויזנט יאר צוריק. פאר געלט האט מען דעמאלטס אריינגעלאזט מתפלל זיין אין די מערה ממש און צינדען דארט ליכט. דער רמב"ם האט דארט באזוכט אין יאר ד' תתקכ"ו (1166). דריי הונדערט יאר שפעטער האט דארט באזוכט רבי עובדיה מברטנורה.



מערת המכפלה אין חברון

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָ͏ִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

**קרח**
ב' תמוז תשפ"א
June 12, 2021
גליון מס' 56

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### טעם של ארץ ישראל

הצדיק הקדוש מו"ה ברוך זצוקללה"ה שלח להה"צ הקדוש מוהר"ר מנחם מענדיל מוויטפסק זצלה"ה שישלח לו הטעם של ארץ ישראל. ושלח לו על ידי שליח דברים האלו, דהנה כתיב בפרשת שלח (יד, ז) טובה הארץ מאד מאד, ובמסכת אבות אמרו (פ"ד מ"ד) מאד מאד הוי שפל רוח, והענין כי כל מה שהאדם משיג ביותר שפלות עצמו אזי יוכל לראות יותר מעלות ארץ ישראל, ולכן אם תקיים מאד מאד הוי שפל רוח, אזי תוכל לראות אשר טובה הארץ מאד מאד, עד כאן תוכן דבריו הקדושים.

(בוצינא דנהורא)

### עיקר האמת הוא בארץ ישראל

ועל כן עקר הדינים הם ממחין וסמוכין בארץ ישראל דיקא, כי עקר תקון התפלה הוא בארץ ישראל, כמו שמבאר שם במאמר הנ"ל. כי שם בארץ ישראל עקר האמת שהוא תקון התפלה בחינת צהר תעשה לתבה הנ"ל שמאיר ומציל מן מימי המבול שהם החשך המסבב, חס ושלום, כי ארץ ישראל היא ארץ לא גשמה ביום זעם (יחזקאל כב), כי בארץ ישראל לא היה המבול, כמו שאמרו רבותינו זכרונם לברכה. כי שם עקר האמת שהוא בחינת יעקב, כמו שכתב רבנו זכרונו לברכה במאמר "ואכלתם אכול ושבוע" (סימן מז), עין שם.

(ליקוטי הלכות, חוש"מ, הלכות דינים ב, י"ב)

### מריבה בארץ הקודש

שמעתי מהחסיד ר' נחום יפה ע"ה ששמע מזקנו ר' הירשל'ה מטבריא נכד הבעש"ט זצ"ל, שפעם אחת היה זקנו אצל האדמו"ר מרוזין זצלל"ה, ואמר לו שיספר לו מה שנשמע בטבריא. והתחיל לספר לו הרבה דברים, והוא הוסיף לדרוש ממנו שיספר עוד, עד שלבסוף סיפר לו שבאחת מבתי כנסיות היתה מריבה בין שני חייטים. ואמר על זה האדמו"ר מרוזין שלחדשות אלו היתה כוונתו לשמוע. תדעו שמחלוקת אפילו בין שני אנשים פשוטים בארץ הקודש, עושה רושם בעולמות העליונים הרבה יותר מאשר היתה מריבה זו בין אנשים גדולים מאד בחוץ לארץ.

(תפארת ישראל)

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הר"ר **מרדכי ארי' לעבאוויטש** הי"ו
ירושלים עיה"ק, לעילוי נשמת **"רבי חיים מירושלים"**
הרה"ח ר' **חיים ברוך יהודה** בן **דוד צבי** ז"ל דאסקאל
נפטר ביציאת שב"ק כ"ה סיון תשע"ד

**איבער 750 אידן באקומען דעם גליון**
**קחו חלק בעבודת הקודש - א וואך איז $100**
**לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

דער מהרש"א שטעלט זיך דארט[261] אויף די קשיא - וואס איז די טעם וואס מען האט מקדים געווען די ברכה פון יונה הנביא צו די ברכה פון דוד ושלמה - פארוואס פרעגט נישט די גמרא די זעלבע קשיא וועגן די ברכה פון אליהו הנביא, וואס די מעשה פון אליהו און די נביאי הבעל איז אויך געווען נאך דעם זמן פון דוד ושלמה. גאנץ רעכט לויט דער וואס זאגט אז אליהו הנביא איז געווען פנחס[262], איז פארשטענדליך. אבער לויט עטליכע מדרשים[263] זעהן מיר אז אליהו איז נישט א כהן, ווי עס שטייט אין תוספות[264]. אויב אזוי, איז שווער פארוואס פרעגט נישט די גמרא די זעלבע קשיא פון אליהו הנביא? פארענטפערט ער, אז דאס וואס מען מאכט קודם די ברכה וועגן אליהו איז גוט, ווייל מען איז מרמז אז אליהו וועט קומען פאר משיח בן דוד, עכ"ד. זעהן מיר אז די אלע תפילות ביים סדר תענית זענען מסודר געווארן לויט דעם סדר פון ביאת משיח צדקנו בב"א. מיט דעם קען איך גוט פארשטיין די תירוץ וואס די גמרא ענטפערט אויף די קשיא "יונה איז דאך געווען נאך דוד ושלמה, וואס איז די טעם אז מען פעדערט קודם די ברכה פון יונה? ענטפערט די גמרא, ווייל מען האט געוואלט צוענדיגן מיט די ברכה ברוך מרחם על הארץ". לכאורה איז שווער, פארוואס מאכט דער תנא פון די משנה אזא עיקר פון דאס ענדיגן מיט 'ברוך המרחם על הארץ', אזוי ווייט אז צוליב דעם האט מען משנה געווען דעם סדר פונעם זמן, מקדים צו זיין דאס שפעטערדיגע און צו שפעטיגן די פריערדיגע? אבער לויט וואס מיר האבן פריער גערעדט, אז מען האט דא מרמז געווען וועגן דעם ענין פון ביאת משיח, איז אלעס פארשטענדליך. עס איז מיט א ספעציעלע כוונה אז מען האט געחתמ'עט די ברכה מיט 'ברוך המרחם על הארץ', ווייל עס רעדט זיך פון ישוב ארץ ישראל וואס דוד און שלמה האבן מתפלל געווען איבער איר, ווי איך האב אראפגעברענגט פון רש"י און תוספות, און דער מהרש"א. נישט נאר זיי האבן מתפלל געווען אויף דעם, נאר זיי האבן אויך עוסק געווען אין איר בויען און באזעצען. און דאס וואס די גמרא רעדט פון זייער תפילה, איז כדי צו ווייזן דאס וואס איך האב שוין אראפגעברענגט אין פרק ב' פון די גמרא אין מס' נדה, אז איינע אן די צווייטע - זיך עוסק זיין דערין אבער אן תפילה - וועט נישט העלפן. זיי האבן טאקע עוסק געווען און אויך מתפלל געווען אויף ישוב הארץ, וועגן דעם האט מען דווקא געחתמ'עט מיט די ברכה, צו ווייזן אז אלעס גייט נאך די חתימה.

דאס איז די עיקר פון ביאת משיח צדקנו, צו עוסק זיין אין ישוב ארץ ישראל, אזוי ווי דוד ושלמה, מיט דעם וועט מען מקרב זיין ביאת המשיח. כדברי המקובל האלוקי, בעל "משנת חסידים", וואס איך האב אויבן אראפגעברענגט (פרק ב') אז דער אייבישטער ווארט צו מיט ביאת משיח ביז דאס לאנד וועט קודם געבויט ווערן. וועגן דעם איז געווען א קפידא ביי חז"ל צו חותם זיין די ברכה מיט 'מרחם על הארץ', אז אויב מיר וועלן זיך דערבארעמען אויפן לאנד דורך איר אויסבויען, און מיר וועל עוסק זיין מיט אלע אונזערע כוחות איר צו באזעצען, און אויך מתפלל זיין אויף דעם, אזוי ווי דוד און שלמה וואס האבן געטוהן ביידע, וועלן מיר מיט דעם מקרב זיין ביאת משיח בב"א. מיט דעם ווייזן מיר פארן אייבירשטען אז מיר האפן און גליסטען צו אונזער הייליג לאנד, מיט דעם וועלן מיר מקרב זיין די צייט אונז אויסצולייזן פון דעם ביטערן גלות. ווי רבינו מהרש"א[265] שרייבט אינעם ביאור פון דעם פסוק "תפלה לעני" הנ"ל[266], "אַתָּה תָקוּם - דו וועסט אויפשטיין, תְּרַחֵם צִיּוֹן - דו וועסט ווייזן רחמנות אויף ציון, כִּי עֵת לְחֶנְנָהּ - אז עס איז שוין די צייט איר צו שוינען, כִּי בָא מוֹעֵד - ווייל די באשטימטע צייט וועט האבן געקומען. כִּי רָצוּ עֲבָדֶיךָ אֶת אֲבָנֶיהָ - ווען דיינע קנעכט וועלן באוויליגען אירע שטיינער, וְאֶת עֲפָרָהּ יְחֹנֵנוּ - און שעצן איר שטויב", שרייבט ער, כִּי בָא מוֹעֵד עס איז שוין די צייט וואס דניאל האט געזאגט עד עת מועד - ביז דעם באשטימטען צייט[267]... ווייל יעצט אין דעם ביטערן גלות ווילן שוין דיינע קנעכט אירע שטיינער, און זיי פארמערן צו שעצן איר שטויב, נישט אזוי ווי דער דור המדבר וואס האט זיך פארמאוס'ט אין איר - און צוליב דעם איז נגזר געווארן אויף זיי דעם גלות (אבער יעצט אז זיי זענען שוין געשטראפט געווארן מיטן גלות, האבן זיי שוין צוריק אנגעהויבן גליסטן איר לאנד. ממילא, זענען זיי שוין ווערט אז דו זאלסט דיך מרחם זיין אויף זיי)", עכ"ד הקדושים. איך מיין אז מען קען צולייגן א ביאור אויף די ווערטער פונעם מהרש"א, פארוואס רעדט דער פסוק דווקא פון די שטיינער און שטויב, עס וואלט געווען גענוג צו שטיין וועגן דעם לאנד 'כי רצו עבדיך את ארצה'? אבער עס איז קלאר, אז מען קומט אונז דא ווייזן - אז דווקא אויף אירע שטיינער און שטויב וואס זיי זענען חלקים מיט וואס מען בויט מיט זיי א הויז און א מויער. אונז צו צייגן, אז ווען די בני הגלות וועלן גליסטן צו בויען דאס לאנד, מיט דעם וועלן זיי באוויליגט ווערן פארן אייבירשטען. דאס איז קלאר און ליכטיג ווי די זון, אז מיט אט דעם זכות וועלן זיי זוכה זיין צו מקרב זיין דעם עת מועד וואס דניאל האט אונז פארגעזאגט בב"א.

לויט דעם קען מען זאגן, אז דאס וואס די גמרא ברענגט אראפ די ברייתא פון סומכוס, אז לויט אים האט מען געדארפט צו ענדיגן די ברכה מיט 'ברוך משפיל הרמים', וואס רש"י איז מפרש אז ער קריגט זיך אויפן תנא קמא וואס האט געהאלטן אז מען איז חותם מיט 'ברוך המרחם על הארץ', אן די פירוש פון רש"י וואלט איך געטראכט, אז סומכוס קריגט זיך נישט אויפן תנא קמא, ער קומט נאר מוסיף זיין און צולייגן צו די משנה, און לויט אים, וואלט מען געדארפט ענדיגן מיט ביידע 'ברוך מרחם על הארץ ומשפיל הרמים' (ווי מיר געפינען אזוי אין אנדערע פלעצער אין ש"ס, ווי מיר זאגן "הלכך נימרו תרוויהו - וועגן דעם וועלן מיר זאגן ביידע", זעה אין מגילה און אין ברכות[268]). זיין כוונה מיט די דאזיגע הוספה איז אויך כדי מרמז צו זיין אויף אונזער גאולה בב"א, אז אויב וועלן מיר זיך מרחם זיין אויפן לאנד איר צו

המשך בדף ב'

---

261 דף יז ע"א, ד"ה מכדי

262 בבא מציעא קיד ע"ב, רש"י שם, ילקו"ש ריש פר' פנחס, עי' בשערי זוהר לבבא מציעא שם

263 ב"ר פר' עא, אות יב. שם פר' צט, אות יב. שמו"ר פר' מ, אות ד ועוד

264 בבא מציעא, פרק המקבל קיד ע"ב, ד"ה אמר

265 תענית טו ע"א, ד"ה בא"י מרחם

266 תהלים קב, יד-טו

267 דניאל ח, יט. יב, ז ועוד

268 מגילה כא ע"ב, ברכות יא ע"ב, סוטה מ ע"א, ובגליון הש"ס שם

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## ארץ ישראל מביאה לדביקות בה'

...וחטא המרגלים שדיברו סרה בארץ ישראל היה ג"כ פגם בדביקות ישראל בהשי"ת, כי ארץ ישראל היא מקום הדביקות בה', כמאחז"ל (כתובות קי, ע"ב) כל הדר בארץ ישראל דומה כמי שיש לו אלו' וכל הדר בחוצה לארץ דומה כמי שאין לו אלו'. קדושת ארץ ישראל מסוגלת להביא את ישראל לדביקות בהשי"ת, וע"כ היא נקראת ארץ חמדה שהיא מביאה לדביקות בה'. והמרגלים שמאסו בארץ חמדה היה זה פגם גדול ועמוק מאד שמאסו בארץ הקדושה המביאה לדביקות בה'.

(נתיבות שלום, קרח)

## בזכות חברון

וכל אתין אלין (בקץ הגאולה) בארעא דישראל יהון, בגין דתמן חברון דאבהן תמן קבורים. (כל הנסים שבקץ הגאולה יהיו בארץ ישראל, בשביל שבה חברון, אשר האבות קבורים שם).

(תיקוני זוהר ת' י"ג, כח. עם פירוש מתוק מדבש)

## א"י כולה ע"י יסורין

הרי ראינו כמה אנשים זוכים לתורה בלי יסורין וכן לא"י וכן לעה"ב יש קונה עולמו בשעה א', לזה אמר שאפשר שיזכה האדם לחלק מה מהתורה בלי יסורין וכן לדור בארץ ישראל וישיג דירה וחלק מה בארץ ישראל וכן חלק לעה"ב. אמנם אם ירצה לזכות בכל התורה, כך היא דרכה של תורה לסבול יסורין ואז ישיג כל ידיעת התורה ולא חלק ממנה, וכן להשיג כל ארץ ישראל להיותה שלנו כלה, וכל חיי העה"ב ולא שעה אחת של קורת רוח, צריך על ידי יסורין... וכן א"י כשזכינו לכל שיהיה ירושלים שלנו מכל, וכל היה שלנו היה על ידי יסורין דכתיב "וידע" וכתיב בתריה "כי ה' אלקיך מביאך ואכלת ושבעת וברכת את ה' אלקיך על הארץ הטובה אשר נתן לך".

(יד יוסף, פר' שמות, יוסף בן חיים צרפתי)

## כיסופין לארץ ישראל

גם הקרובים והרחוקים אשר חוצה לה, ראוי להם שיהיו נכספים ותאבים אליה, כי כשם שבחר בהם כך בחר בארץ ישראל ויחד אותה להם, ואין נקראין גוי אחד אלא עמה, שכך פירש רשב"י על מקרא שכתוב (דברי הימים א יז, כא) ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ... וממנו (אברהם אבינו) נלמד לדורות אנחנו יוצאי חלציו להיות נכספים כמוהו אף-על-פי שיושביה בצער, על מנת כך נהיה שמחין ביסורין.

(רבי אלעזר אזכרי בעל "ספר החרדים", פרק נט)

## קרבן אחד

בשם הרה"ק מרוזין זצ"ל זיע"א: רבש"ע תן להקריב קרבן תמיד אחד על הר הבית ויהיה עי"ז התעוררות בעולם, ואז יעשו תשובה, והיינו השיבנו ה' אליך (איכה ה, כא) ועי"ז ונשובה.

(כנסת ישראל)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

אויפבויען, דאן וועט די זכות פון ישוב ארץ ישראל אונז העלפן מיטן דערנידערן די שטאלצע, די אלע וואס שטעלן זיך אנטקעגן אונז - אפילו אויב זיי וועלן זיין הויעך ווי טענען ביימער, זייער הייעך און ברייטקייט ווי די גרויסע סאסנע ביימער - וועלן זיי אלע דערנידערט און אונטערגעהאקט ווערן פאר אונז, ווייל דער אייבישטער איז מיט אונז. ווי רבנו יעב"ץ שרייבט[269] "אלע חפצי שמים וואס ווערן געטוהן מיט א גאנץ הארץ, זענען מצליח, אזוי ווי דער פסוק זאגט ביי יחזקיה[270] "וּבְכָל מַעֲשֶׂה - און אין יעדע ארבעט, אֲשֶׁר הֵחֵל בַּעֲבוֹדַת בֵּית הָאֱלֹקִים - וואס מען האט אנגעהויבן ביים בויען דעם הויז פון ג-ט... בְּכָל לְבָבוֹ עָשָׂה - ער האט דאס געטוהן מיטן גאנצען הארץ, וְהִצְלִיחַ - און ער וועט מצליח זיין", אזוי וועט אויך זיין ביי אונז. דאס האט סומכוס געמיינט מיט זיין הוספה, אז דער אייבישטער וועט דערנידערען די שטאלצע וואס ווילן דאס צוריקהאלטען פון אונז, ומעשה ידינו כוננה עלינו, אמן כן יאמר ה' בב"א. זעהסטו בפירוש אז מיטן זכות פון ישוב ארץ ישראל - טוען מיר נאר מקרב זיין די גאולה.

**כד.** נאך שרייבט דער מהרש"א[271] אויף דאס וואס די גמרא זאגט דארט ביי די מצוה פון שמחת חתן וכלה, "רב נחמן בר יצחק האט געזאגט, אז עס איז ווי ער וואלט אויפגעבויט איינע פון די חרבות פון ירושלים, ווי עס שטייט אין פסוק[272] "כִּי אָשִׁיב - ווען איך וועל צוריקקערן, אֶת שְׁבוּת הָאָרֶץ - די געפאנגענע פונעם לאנד, כְּבָרִאשֹׁנָה - ווי אין אנהייב, אָמַר ה' - אזוי זאגט דער אייבישטער". שרייבט דארט דער מהרש"א (חידושי אגדות), "דאס מיינט מען דאס באפעסטיגן און דאס באזעצן פון ארץ ישראל". דאס הייסט, אז אויב באפעסטיגט מען און מען באזעצט דאס לאנד, דעמאלטס וועט דער אייבישטער זאגן אז ער וועט צוריקקערן די געפאנגענע פונעם לאנד אזוי ווי אין אנהייב.

**כה.** די זכות פון די אבות וועט אונז נישט ביישטיין נאר אויב מיר וועלן ליעב האבן דאס לאנד, ווי איך וועל דאס איבערצייגן בעזה"י. איך וועל קודם מקדים זיין די מדרש[273], "פארוואס דערמאנט מען דעם זכות פונעם לאנד צוזאמען מיטן זכות פון אונזערע אבות? זאגט ריש לקיש, עס איז ווי א משל צו א קעניג וואס האט דריי זוהן, און זיין שפחה האט זיי אויפגעצויגען. שטענדיג ווען דער קעניג האט זיך נאכגעפרעגט אויף זיינע קינדער וואס זיי טוען, האט ער געזאגט, פרעג דיר נאך אינעם פרידן פון זייער אויפציעהר. אזוי אויך, יעדעס מאהל וואס דער אייבישטער דערמאנט די אבות דערמאנט ער דאס לאנד צוזאמען מיט זיי, ווי דער פסוק זאגט[274] "וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב וכו' וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר", עכ"ד המדרש.

מען קען מבאר זיין דעם מדרש לויט די ווערטער פונעם רמב"ן[275], אויף די תפילה פון משה רבנו אויף עם ישראל וועגן די זינד פון די מרגלים, ווי ער איז מתפלל " וְעַתָּה יִגְדַּל נָא כֹּחַ אֲדֹנָי וכו', סְלַח נָא לַעֲוֹן הָעָם הַזֶּה כְּגֹדֶל חַסְדֶּךָ וכו', וַיֹּאמֶר ה' סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ". שרייבט דער רמב"ן, "ער האט נישט דערמאנט נוצר חסד לאלפים, ווייל ער האט יעצט נישט מתפלל געווען וועגן זכות אבות, ער האט בכלל נישט דערמאנט ביי די תפילה וועגן אברהם יצחק און יעקב. דער טעם איז, ווייל דאס לאנד האט מען געגעבן צו די אבות און פון זיי האט מען עס גע'ירש'נט, און דא האבן זיי מורד געווען אין זייערע אבות און נישט געוואלט זייער מתנה וואס די אבות האבן אזוי שטארק געוועלט אין דעם. וויאזוי קען ער דא זאגן 'די האסט צו זיי געשוואוירען, אז דאס גאנצע לאנד וועסטו געבן פאר זייערע קינדער' און די אידן קומען דא און זאגן, מיר ווילן נישט די מתנה", עכ"ל הק'. איך האב שוין אויבן אראפגעברענגט א מדרש תנחומא[276] אויף דאס וואס ירמי' הנביא האט געזאגט[277] "וְאֶתֶּן לָךְ אֶרֶץ חֶמְדָּה - און איך וועל אייך געבען דאס פארגליסטע לאנד" - "דאס לאנד וואס אונזערע אבות האבן שטענדיג געגליסט, אברהם האט צו איר געגליסט, יצחק האט צו איר געגליסט, יעקב האט צו איר געגליסט", און ווי איך האב דארט אראפגעבראכט ראיות פון פסוקים אויף דעם. יעצט קען מען זאגן, דאס מיינט דער פסוק און מדרש, די תורה איז מגלה אז דווקא ווען וועט דער אייבישטער דערמאנען זכות אבות, אויב מיר וועלן זיך האלטן צו זייער מידה פון גליסטען און ליעבען דאס לאנד, אזוי ווי זיי האבן געגליסט - דאן וועט דער אייבישטער אונז גדענקען דעם זכות אבות. דאס זאגט דער פסוק, 'וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב וכו' אבער נאר בתנאי 'וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר' - ווי אזוי איז ענקער ליבשאפט צום לאנד. דאס מיינט דער מדרש, "אייביג ווען דער אייבישטער דערמאנט די אבות, דערמאנט ער דאס לאנד צוזאמען מיט זיי", דאס איז ברור און אמת, לויט וויפול מיר האבן ליעב דאס הייליג לאנד, וועט זיך די זכות אבות פארשטערקערן אויף אונז.

המשך בגליון הבא אי"ה

[269] סולם בית אל, אות ב
[270] דברי הימים ב לא, כא
[271] ברכות ו ע"ב, ד"ה עובר בחמשה קולות
[272] ירמיהו לג, יא
[273] ויק"ר בחקותי פר' לו, אות ה
[274] ויקרא כו, מב
[275] במדבר, פר' שלח יד, יז, טו-כ
[276] פר' ראה, אות ח
[277] ירמיהו ג, יט

לארבה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר החזן יוסף ראזענבלאט

הר הזיתים, ירושלים

יאסעלע ראזענבלאט, דער וועלט'ס חזן איז געבוירן געווארן אין יאר תרמ"ב (1882) אין רוסלאנד. נאך אלס קליין קינד איז ער ארומגעפארן מיט זיין פאטער החזן ר' רפאל שלום צו מיטהעלפן אין זיין דאווענען. זיי פלעגן ארומפארן די אייראפעישע שטעט ווי סאדיגור, טשערנאוויץ, לעמבערג, וויען, און נאך זיין חתונה קיין מונקאטש און דערנאך פרעשבורג.

אין יאר תרס"ה (1906) איז געווען זיין ערשטע רעקארדירונג אויף א פאנאגראף. נאכן זיין אין האמבורג און דערנאך ענגלאנד פאר א קורצע צייט, האט ער זיך אריבערגעצויגן אין יאר תרע"ב (1912) קיין אמעריקע. ער איז געווען די חזן פון "אוהב צדק" אין הארלעם פאר פופצען יאר. דערנאך פאר צוויי יאר אין "אנשי ספרד" אין בארא פארק. דורכאויס דעם ערשטען וועלט קריג איז ער ארומגעפארן איבער אמעריקאנע שטעט צו האלטען קאנצערטען, כדי צו שיקען דאס געלט פאר די געליטענע אידן אין אייראפע. חוץ מזה האט ער זייער אסאך צדקה געטיילט.

אסאך פארציילונגען גייען ארום וועגן זיין מסירת נפש אויף אידישקייט, ספעציעל אין דעם קאלטן גלות אמעריקע, ווי עס איז אין זיינע צייטן געהערשט א שרעקליכע ירידה אין שמירת תורה ומצוות, ער האט אסאך געלט אנגעוואוירען צוליב זיין עהרליכקייט אבער ער האט נישט נאכגעלאזט.

נאכן ארומפארען איבער די גארער וועלט מיט גרויסע אויפנאמען, איז ער פאר פסח אין יאר תרצ"ג (1933) געפארען קיין ארץ ישראל און געגאסן פון גרויס הערצה פון די מאסען. כ"ה סיון תרצ"ג איז ער נפטר געווארן אין ירושלים אלט זייענדיג גאנצע 51 יאר. טויזענטער מענטשען האבן אים באגלייט ביז הר הזיתים. יוסעלע האט איבערגעלאזט איבער 600 קאמפאזיציעס, רוב זענען תפילות און א חלק אידישע לידער. זיי זענען פאררעכנט אלס קלאסישע ניגונים וואס ווערן נאכגעזינגען ביזן היינטיגן טאג.




די פלאקאטן וואס רופען צו די לווי' אין ירושלים




קבר החזן יוסף ראזענבלאט בהר הזיתים

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 57

**חקת**

ט' תמוז תשפ"א

June 19, 2021

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### לעתיד לבא

אמר הקב"ה למשה לך אמור להם כשתכנסו לארץ [ישראל] אני מחזיר לכם כל טובה שבעולם, שנאמר כי ה' אלהיך מביאך אל ארץ טובה וגו', ארץ חטה ושעורה וגו', ארץ אשר לא במסכנות וגו' (דברים ח ז ח ט) וכיון שבאו ישראל לארץ התחילו חוטאין, שנאמר ותבואו ותטמאו את ארצי (ירמי' ב' ז'), התחילו זורעים ולא היתה עושה זרע, וזורעים הרבה ומביאים מעט... ולעתיד לבוא אינו כן, שנאמר ועתה לא כימים הראשונים וגו' כי זרע השלום הגפן תתן פריה וגו' (שם שם יא יב):

(מדרש אגדה, ויקרא יט, כג, א)

### רבי בארץ ישראל

והנה שמעתי ממורי זלה"ה ביאור מה שאמרו חכמינו ז"ל (בתיקונים שבזוהר חדש דק"ד ע"ב) כל רב בבבל וכל רבי בארץ ישראל, כי בחינת חכמה ובינה נתפשט בכל העולם, והוא ר"ב, ר' ראשית חכמה ב' בינה, וכל ענייני ומעשה עולם הזה הכל הוא זיווגים ויחודים רק שלא יש שם. נביעו הוא אות יוד, ועם נביעו מאין סוף שהו אות י נקרא רבי, והוא בארץ ישראל ודפח"ח, עכ"ל.

(תולדות יעקב יוסף, פ' חקת דקנ"ו)

### ארץ הקדושה בלי סטרא אחרא

דבר וגו' בבואכם וגו' אשר אני מביא וגו' (במדבר טו, יח). צריך לדעת הצגת הסימן הזה אשר אני מביא אתכם על מה הוא בא. והכל יודעין כי הוא המביא אותם שמה. ויבואר על פי המבואר בזוה"ק (לך לך צ"ה:) וזה לשונו: פתח ואמר (קהלת י', י"ז) אשריך ארץ שמלכך בן חורין וגו' וכתיב (שם שם, ט"ז) אי לך ארץ שמלכך נער וגו' הני קראי קשיין וכו' האי דכתיב אשריך ארץ וגו' ובגין כך איקרי ארץ החיים ועלה כתיב (דברים י"א, י"ב) ארץ אשר ה' אלהיך דורש אותה תמיד וכו' משום שמלכך בן חורין דא קודשא בריך הוא וכו' אי לך ארץ שמלכך נער וכו' דתניא כל שאר ארעי דשאר עמין עכו"ם אתיהבו לרברבין תריסין דממנן עלייהו וי לעלמא דמסטרא דא ינקי וכד ישראל בגלותא ינקין כמאן דיניק מרשותא אחרא וכו' עד כאן. הראת לדעת בזה כי מכלל לאו אתה שומע הן. אם וי לעלמא דמסטרא דא ינקי בשאר ארצות כמאן דיניק

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הר"ר **שלום ברוך יהודה לעבאוויטש** הי"ו
ירושלים עיה"ק, לזכר נשמת אדמו"ר מליובאוויטש, הצדיק
רבי **מנחם מענדל** בן רבי **לוי יצחק** זצוק"ל שניאורסאהן
ג' תמוז תשנ"ד זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל

**איבער 750 אידן באקומען דעם גליון**
**קחו חלק בעבודת הקודש - א וואך איז $100**
**לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

**כו.** אין ספר "אוצרות יוסף" פון הגאון רבן של ישראל, מרן ר' יוסף ענגיל זצ"ל[278] (דאס איז איינע פון די ספרי קבלה וואס ער האט מחבר געווען, ביז היינט האט מען נאכנישט געדריקט פון אים אויף חכמת הנסתר א חוץ דעם ספר, די אנדערע זענען נאכאלס אין כתב יד. דער ספר איז מבהיל כל רעיון, אויף די גרויסקייט פון זיין חכמה אין חכמת האמת, אזוי ווי ער איז געווען א עילוי און א גאון עולם אין נגלה, אזוי אויך איז ער געווען אין נסתר), ברענגט ער דארט אין מאמר דוד (אות ד), דעם מדרש הנ"ל, און ער איז מבאר - מיר ווייסן אז דער יחוד מלכות מיט תפארת ווערן גערעכנט אלס דעם יחוד פון מלכות מיט די דריי מידות פון חסד גבורה און תפארת, ווייל תפארת איז כולל די אלע דריי. דאס זעהט מען אין מדרש, וואס ווילאנג דער אייבישטער דערמאנט די דריי אבות, דערמאנט ער מיט זיי דאס לאנד. און מיר ווייסן אז דאס לאנד איז די בחינה פון מלכות, לויט דעם וועסטו פארשטיין אז דאס דערמאנונג פון ארץ ישראל מיט די אבות איז דער סוד יחוד פון מלכות צוזאמען מיט חסד גבורה און תפארת, וואס זיי ווייזן אויף די דריי אבות אברהם יצחק און יעקב. דאס איז דער טעם פונעם פסוק[279] "אֵ-ל אֱלֹקִים ה' דִּבֶּר וַיִּקְרָא אָרֶץ" וכו', די שמות 'אֵ-ל אֱלֹקִים ה'' זענען לויטן סדר פון חסד גבורה תפארת. און די דריי טוען זיך פאראייניגן מיטן לאנד, ווי שוין געזאגט.

וועסט זעהן אן אינטערסאנטע זאך, אזוי ווי מיר זעהן אין דעם מדרש הנ"ל אז שטענדיג ווען דער אייבישטער דערמאנט די אבות, דערמאנט ער דעם לאנד מיט זיי, עהנליכס וועסטו טרעפען אין די צוואה פון רבי אליעזר הגדול[280], ווי ער שרייבט, "לייג תפילת ערבית אלס דער חשוב'סטער פון אלע תפילות, ווייל יעקב אבינו האט דאס מתקן געווען[281], און די תורה האט אים געשטעלט אנהייב פון די אבות, ווי דער פסוק זאגט[282] "וְהִנֵּה ה' נִצָּב עָלָיו וַיֹּאמַר אֲנִי ה' אֱלֹקֵי אַבְרָהָם אָבִיךָ וֵאלֹקֵי יִצְחָק הָאָרֶץ", עכ"ל. לכאורה דאס ווארט 'הָאָרֶץ' וואס רבי אליעזר הגדול ברענגט דא אראפ, האט נישט קיין פשט[282]. דער פוהלע לשון פונעם פסוק אין פר' ויצא איז אזוי, "וְהִנֵּה ה' נִצָּב עָלָיו - און אט שטייט דער אייבישטער לעבן אים, וַיֹּאמַר - און ער האט אים געזאגט, אֲנִי ה' אֱלֹקֵי אַבְרָהָם אָבִיךָ - איך בין דער אייבישטער דער ג-ט פון דיין טאטע אברהם, וֵאלֹקֵי יִצְחָק - און דער ג-ט פון יצחק, הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה שֹׁכֵב עָלֶיהָ - דאס לאנד וואס דו ליגסט אויף איר, לְךָ אֶתְּנֶנָּה - צו דיר וועל איך עס געבן, וּלְזַרְעֶךָ - און צו דיינע קינדער", וועגן דעם שטייט דאס ווארט 'הָאָרֶץ' נאך די אבות. אבער פארן ענין וואס רבי אליעזר הגדול איז עוסק דערין, האט בכלל נישט אויסגעפעהלט צו שרייבן דאס ווארט, אויב אזוי פארוואס האט ער אראפגעברענגט דא דעם ווארט? מוז זיין, אזוי ווי חז"ל האבן געזאגט, אז אין יעדן פלאץ ווי די אבות ווערן דערמאנט, ווערט אויך דערמאנט די לאנד צוזאמען מיט זיי, דאס איז אלס דעם סוד יחוד פון מלכות מיט די דריי אבות, וועגן דעם אויך דא, ביי די דערמאנונגען פון די אבות - וואס 'וְהִנֵּה ה' נִצָּב עָלָיו' - גייט ארויף אויף יעקב, 'אֱלֹקֵי אַבְרָהָם אָבִיךָ' - דאס איז אברהם, 'וֵאלֹקֵי יִצְחָק' - דאס איז יצחק - זאגט מען תיכף נאכדעם דאס ווארט 'הָאָרֶץ' וכו', די כוונה פונעם פסוק איז צו סומך זיין דאס דערמאנונג פונעם לאנד צו די אבות. אזוי האט אויך מכוון געווען דער תנא רבי אליעזר הגדול, אז ער האט נישט געוואלט אפטיילן דעם יחוד אפילו מיט סתם ווערטער, וועגן דעם האט רבי אליעזר געדארפט אראפברענגען דעם פסוק פון 'וְהִנֵּה ה' נִצָּב עָלָיו וַיֹּאמַר אֲנִי ה' אֱלֹקֵי אַבְרָהָם אָבִיךָ וֵאלֹקֵי יִצְחָק'. און צוליב דעם האט ער אויך דערמאנט דעם ווארט 'הָאָרֶץ' גלייך נאכדעם, כדי נישט אפצוטיילן מיט זיינע ווערטער דעם הייליגן יחוד וואס איז דא מרומז אינעם פסוק, און עס איז פארשטענדליך פאר דעם וואס פארשטייט. עכ"ד גאון עולם, רבן של כל בני הגולה הנ"ל.

פון דעם קענסטו זעהן און פארשטיין דאס גרויסע התקשרות און אנגעבינדענקייט פון די אבות צו ארץ ישראל, אזוי ווייט אז אפילו מיט פשוט'ע ווערטער איז אויך אן ענין נישט מפריד צו זיין צווישן זיי. אויף דעם האט די תורה מקפיד געווען, ווי אויך דער תנא רבי אליעזר הגדול. וועגן דעם זאלסטו פארשטיין פון דעם, אז דאס וואס איך האב געשריבן אינעם ביאור פונעם מדרש, לויט די ווערטער פונעם רמב"ן הנ"ל, אז מיר קענען נישט דערמאנען דעם זכות אבות אן דעם וואס מיר זאלן אויך ליעב האבן דאס לאנד, אזוי ווי זיי האבן ליעב געהאט און געגליסט צום לאנד, וואס דאס איז אמת אויך עפ"י חכמת הנסתר. וויבאלד דאס לאנד און די אבות זענען געבינדען איין אין די אנדערע, און נאר דורךביידע צוזאמען וועט געמאכט ווערן דער ריכטיגער יחוד, אויב אזוי ווי אזוי קענען מיר מעורר זיין זכות אבות אויף אונז אויב מיר האבן נישט א ליעבשאפט צו ארץ ישראל אין אונזער הארץ, וויבאלד די אבות מיטן לאנד זענען ווי צוויי פריינט וואס קענען נישט ווערן אפגעטיילט. וועגן דעם ברויכן מיר ליעב צו האבן אונזער לאנד מיט אלע אונזערע כוחות, מיט מחשבה, דיבור און מעשה, און דאס וועט שוין ממילא מעורר זיין אויף אונז דעם זכות פון אונזערע עלטערן, וואס זיי זענען אזוילכע מושגים וואס זענען געבינדען איינע אין די אנדערע.

לויט דעם וועסטו אויך פארשטיין, אז די גאולה איז געוואנדען נאר אינעם ליעבשאפט מיט וואס מיר ליעבן אונזער הייליג לאנד. און לויט די ליעבשאפט וואס מיר האבן צו איר, אזוי וועט די גאולה אונז דערגרייכן. זעה אינעם ספר[283] "אבן שלמה", לרבנו הגאון מווילנא ז"ל, ווי ער שרייבט אז די קומענדע גאולה איז נישט געוואנדען אין אונזער תשובה, עס וועט זיין נאר צוליב דעם זכות אבות. ווי מיר זאגן דריי מאהל איעדן טאג[284] "וְזוֹכֵר חַסְדֵי אָבוֹת וּמֵבִיא גוֹאֵל לִבְנֵי בְנֵיהֶם", זעהן מיר אז דאס ווענדט זיך אין זכות אבות. און דער זכות אבות איז געוואנדען לויט וויפול מיר טוהן ליעב האבן דאס לאנד. אויב אזוי, האב איך גוט געזאגט אז אלעס ווענדט זיך אין חיבת הארץ. זאל השי"ת עס אריינברענגען אין אונזער הארץ, אז מיר זאלן איבערגעבן אונזער הארץ און אונזער

המשך בדף ב'

---

[278] נולד תרי"ט, נפטר בוויען בתר"פ. ראב"ד בעיר קראקא

[279] תהלים נ, א

[280] נקראת גם "אורחות חיים", סי' ד

[281] ברכות כו, ב

[282] בראשית כח, יג

[283] פרק יא, אות ט

[284] ברכת אבות, תפילת שמונה עשרה

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לְבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

מרשותא אחרא. ודאי אשרי לעלמא היונקים מארץ החיים ארעא קדישא שעיני ה' אלהיך לבה ומלכך בן חורין דא קודשא בריך הוא.

(באר מים חיים, במדבר טו, יח)

## כי שם עיקר הניגון

ועל כן נסמך לזה פרשת חלה שהוא בחינת ביאת ארץ ישראל, כמו שכתוב (במדבר טו, יח), "בבואכם אל הארץ וכו'" שנתחייבו תכף בכניסתם לארץ ישראל, כמו שפרש רש"י שם, כי עקר הנגון הנ"ל נמשך על-ידי בחינת ארץ ישראל כנ"ל, שהוא תקון המאכל והמזון להכניע מזונא דגופא וכו' כנ"ל, שזהו בחינת חלה לתקן המאכל לתקן חטא אדם הראשון שחטא באכילה והגביר בחינת מזונא דגופא והתקון על-ידי חלה שחיבין בכניסתן לארץ ישראל דיקא שמשם הנגון הנ"ל.

(ליקוטי הלכות, אורח חיים, הלכות ציצית ה' כט, א)

## אוירה דארץ ישראל

מדוע לא ביקש משה רבינו מהמרגלים, לבחון את אווירה של ארץ ישראלי מקשה ה"לב שמחה", והוא מפרק: כי הרי את הכוח המיוחד באויר דארץ ישראל, היה זה משה רבינו בעצמו שהחדיר, כמאמרו של המהרש"א, שבראייתו את הארץ, כנאמר: "שא נא עיניך וראה", גרם שאוירה יחכים לעד.

(אור זרוע לצדיק ח"ב)

## ע"י בטחון זוכים לא"י

שכיון שהכח להכנס לארץ ישראל הוא ע"י מדת הבטחון, וכמאמר הזוה"ק שמכח בטח בה' זוכים לשכן ארץ, לכך הי' רצון השי"ת לנשאם ולהגביה את מדרגת בטחונם בה' קודם כניסתם לארץ ישראל, כדי שמכח זה יוכלו לרשת את הארץ.

(נתיבות שלום, פר' חוקת)

## בהר ציון תהיה פליטה

שמעתי מאיש מהימן ששמע מהגה"ק רבן של ישראל בעל ה'חפץ חיים' זצוק"ל: כל איש ואשה אשר מח להם בקדקדם, ישתדלו לנסוע לארץ ישראל ולקנות שם בית ואחוזה, כי העיר ברלין ושאר כרכי חו"ל יחרבו, וארץ ישראל תמלט.

(נתיבת הקדש עה"ת ומועדים, עמ' קסא)

## ארץ הקודש, עם הקדוש

אני מתכוון לעובדה שההצהרה היהודית והקשר היהודי אל הארץ המוכרת בכל העולם בתור ארץ הקודש – קדושה שנובעת מן התורה – מבוססים על התורה והם קיימים מאז הברית שהקב"ה כרת עם אברהם אבינו שבה הוא הבטיח "לזרעך נתתי את הארץ הזאת" (בראשית טו, יח). ומכך נובע ישירות שכדי שההצהרה הזו תהיה מוכרת בעיני אומות העולם, נחוץ שהיהודים בעצמם יתנהגו בהתאם לאותה ברית על-ידי שהם יראו שהם באמת עם קדוש.

(ממכתב שכתב הרבי מליובאוויטש זי"ע, תשל"ד)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

נפש אויף קדושת ארצינו און איר פעסט אויפבויען, פארן אייבירשטען'ס כבוד וועגן, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"א.

**כז.** אין מדרש רבה[285] (פר' מסעי) ווערט געברענגט, "דער אייבישטער האט געזאגט, ארץ ישראל איז ביי מיר געליבט מער ווי אלעם. פארוואס? ווייל איך האב איר אויסגעוועהלט... דיר צו לאזן וויסן אז עס איז נישטא א שטערקערע ליבשאפט ווי ארץ ישראל. האט דער אייבישטער געזאגט צו משה, דאס לאנד איז טאקע באליבט פאר מיר, ווי עס שטייט אין פסוק[286] "אֶרֶץ - דאס לאנד, אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ - וואס דער אייבישטער דיין ג-ט, דֹּרֵשׁ אֹתָהּ תָּמִיד - פרעגט זיך שטענדיג נאך אויף איר", און די אידן זענען באליבט פאר מיר, ווי עס שטייט אין פסוק[287] "כִּי מֵאַהֲבַת ה' אֶתְכֶם - ווייל פון ליבשאפט וואס דער אייבישטער האט צו אייך". זאגט דער אייבישטער, איך וועל אריינברענגען די אידן וואס זענען באליבט פאר מיר צו ארץ ישראל וואס איז באליבט פאר מיר, ווי עס שטייט אין פסוק[288] "כִּי אַתֶּם בָּאִים - דאס איר וועט אריינקומען, אֶל הָאָרֶץ כְּנָעַן - צום לאנד פון כנען", עכ"ל. דער מהר"ל האט שוין פיהל מאריך געווען אין זיינע ספרים[289], אז דאס ליבשאפט וואס דער אייבישטער האט צו אידישע קינדער איז נישט געוואנדען אין קיין שום זאך, סיי צו מען טוט זיין רצון און סיי צו מען טוט נישט זיין רצון, ח"ו, קיינמאהל וועט זיך זיין ליבשאפט נישט אפטוהן פון זיי. אזוי אויך שרייבט בפירוש רבנו הרמב"ם אין זיין איגרת תימן, אויך רבנו בעל "נועם אלימלך" אין פר' דברים. אויב אזוי, קומט אויס לויט דעם, אז דער אייבישטער וויל אייביג אז זיינע באליבטע קינדער זאלען אריינגיין צום לאנד, ווייל זיי זענען שטענדיג באליבט ביי אים. נאר אויב זענען זיי גוט - וועלן זיי אריינגיין מיט אפענע נסים, און אויב ח"ו זענען זיי נישט ווערט - וועט דאס אריינגיין זיין דורך נאטירליכע מיטלען, ווי איך האב שוין אויבן מאריך געווען אין פרק ב', דאס איז זייער קלאר.

**כח.** נאך שטייט דארט אין מדרש[290], אויפן פסוק[291] "זֹאת הָאָרֶץ - דאס איז דאס לאנד, אֲשֶׁר תִּפֹּל לָכֶם - וואס וועט צופאלען צו אייך, בְּנַחֲלָה - אלס אן ארבטייל" - וואס מיינט די ווארט 'לָכֶם' - לָכֶם צו 'אייך' איז דאס לאנד ראוי. עס איז א משל צו א קעניג וואס ער האט געהאט קנעכט און דינסטן, און ער האט פארהייראט זיינע קנעכט מיט דינסטן פון אן אנדערן יחוס, און זיינע דינסטן האט ער פארהייראט צו קנעכט פון אן אנדערן יחוס. שטעלט זיך דער קעניג אפ און טראכט, די קנעכט זענען דאך מיינע, די דינסטן זענען אויך מיינע, איז אפשר גאר בעסער אז איך זאל פארהייראטן מיינע קנעכט צו מיינע דינסטן, מיינע צו מיינע אייגענע. אזוי אויך האט כביכול דער אייבישטער געטראכט, דאס לאנד איז מיינע, ווי עס שטייט[292] "לַה' הָאָרֶץ", אויך שטייט[293] "כִּי לִי הָאָרֶץ", און די אידן זענען מיינע ווי די פסוק זאגט[294] "כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים" - איז בעסער איך זאל לאזן ירש'נן מיין לאנד צו מיין קנעכט, מיינס צו מיינס, וועגן דעם שטייט 'זֹאת הָאָרֶץ אֲשֶׁר תִּפֹּל לָכֶם בְּנַחֲלָה'", עכ"ד המדרש.

פרעגט זיך א קשיא - וואס האט אויסגעפעלט אז חז"ל זאל דארפן צוקומען צו דעם משל, ער וואלט געקענט זאגן סתם, ביי ארץ ישראל שטייט 'לִי', און ביי אידן שטייט 'לִי' וכו'. אויך איז שווער, פארוואס ברענגט דער מדרש צו דעם פסוק פון "כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים", זיי וואלטן געדארפט צוברענגען דעם פסוק וואס שטייט ביי מתן תורה[295] "וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי" וכו', פארוואס דערמאנט ער דא דעם פסוק וואס רעדט פון די אידן בשעת זיי זענען אין די בחינה פון קנעכט?

מען קען דאס מפרש זיין, אז פארן מדרש איז שווער געווען, פארוואס שטייט, 'אֲשֶׁר תִּפֹּל לָכֶם בְּנַחֲלָה', ווי דער פסוק באציעט דעם ווארט נחלה צום לאנד, אז זי וועט פון זיך אליין צופאלען צו אייך. עס וואלט ענדערש געדארפט שטיין "ואת הארץ אשר תנחלו - דאס לאנד וואס איר וועט ירש'נען", וואס דאס ווייזט אז די נחלה קומט מצד די אידן און נישט מצד דאס לאנד? וועגן דעם ברענגט ער צו דעם דערמאנטען משל דאס אלס צו פארענטפערן. וואס אויב וואלט דאס געווען א קעניג וואס האט קינדער, איז אוודאי וואלט אים קיינמאהל נישט איינגעפאלן צו חתונה מאכען זיינע קינדער צו סתם קנעכט אדער דינסטן, ער וואלט זיי פארהייראט צו זייערס א גלייכן. אבער זיינע קנעכט און דינסטן וואלט ער בכלל נישט מקפיד געווען פון זיי צו חתונה מאכן מיט סתם אנדערע קנעכט און דינסטן. ער האט זיך נאר נאכדעם בארעכנט, אז אפילו זיינע קנעכט און דינסטן איז אויך בעסער צו נעמען פאר זיי פון די אייגענע און נישט סתם פון די וועלט אריין.

המשך בגליון הבא אי"ה

[285] במדבר רבה, פר' כג, אות ז
[286] דברים יא, יב
[287] דברים ז, ח
[288] במדבר לד, ב
[289] נצח ישראל, פרק יא
[290] במדבר רבה, פר' כג, אות יא
[291] במדבר לד, ב
[292] תהילים כד, א
[293] ויקרא כה, כג
[294] ויקרא כה, נה
[295] שמות יט, ו

**לארכה ולרחבה**

באשריבן שטעט, דערפלער, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### הר הצופים

ירושלים

הר הצופים באשטייט פון עטליכע בערג - אריינגערעכנט הר הזיתים - אין ירושלים וואס פון דארט קען מען זעהן עטליכע חלקים פון ירושלים, ווי אויך מדבר יהודה און ים המלח. עס איז 826 מעטער העכער דעם ים-פלאך און 100 מעטער העכער אלט-שטאט. פאר די אידן וואס זענען געקומען פון צפון עולה רגל זיין איז דאס געווען די ערשטע בארג פון ווי זיי האבן געקענט כאפן א בליק אויפן הערליכען פאנאראמא פון ירושלים עיה"ק און דעם בית המקדש.

די משנה אין פסחים (פרק ג, ח) אז אויב האט איינער האט פארגעסן און בטעות מיטגענומען מיט זיך א שטיקל קרבן פסח און ער האלט שוין ביי דעם בארג, דארף ער זיך שוין מער נישט צוריקקערען צום הר הבית. די גמרא אין מס' מכות (כד:) פארציילט ווי די חכמי ישראל, וויבאלד זיי האבן דערגרייכט דעם בארג און געזעהן דעם חרוב'ן ביהמ"ק, האבן זיי צוריסען זייערע קליידער און געקלאגט. יוסיפין צייכנט אן דעם בארג, ווי די אידן זענען דא אנטקעגן געקומען אלכסנדר מוקדון, אים מקבל פנים זיין. אויך שרייבט יוסיפין אז אויף דעם בארג האבן די רוימער געהאט זייער באזע פון ווי זיי האבן אנגעהויבן דאס באלאגערונג פון ירושלים ביים גרויסן רעוואלט פון בר כוכבא.

אין יאר תרפ"ה (1925) האט דארט זיך געעפנט דער העברעישער אוניווערזיטעט, אינעם גארטן האט מען געטראפן דעם קבר פון נקנור וואס האט געשיקט די טויערען צום ביהמ"ק. און אין תרצ"ח (1938) האט זיך דא געעפנט די גרויסע שפיטאל הדסה מיט 300 בעטען. נאכן מלחמת השחרור איז געבליבן די אפמאך אז די געגענט פונעם שפיטאל וועט בלייבן אונטער אידישע הענט מיטן רשות פון ברענגען סופלייס פארן שפיטאל צוויי מאהל א וואך, עס האט אבער שווער אזוי אנגעהאלטן, ביז די מלחמה פון ששת הימים וואס דאן איז מזרח ירושלים איז געווארן פאראייניגט מיט מערב ירושלים.

אין יאר תשס"ג (2003) האט מען געענדיגט בויען א טונעל וואס שנייט אדורך הר הצופים ביז כביש 1 אויפן וועג צו מעלה אדומים און צו ים המלח.



דער אוניווערזיטעט אויפן הר הצופים און דעם טונעל אריינגאנג

בעזהשי"ת

# בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלִָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

**בלק**
ט"ז תמוז תשפ"א
June 26, 2021

גליון מס'
58

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### קדושת ארץ ישראל

לזה כוונו חז"ל (ברכות ו ע"א) אין תפילתו של אדם נשמעת אלא בביהכ"נ, כי זאת ידוע שבתי כנסיות יש בהם מבחינת קדושת א"י כמאמר חז"ל (מגילה כט ע"א) עתידין כל בתי כנסיות שילכו לארץ ישראל מחמת שיש בהם מבחינת קדושת ארץ ישראל ולעתיד יתקבצו לשורשם ולזה ילכו לא"י ומחמת זה אין תפלתו של אדם נשמעת בחוצה לארץ אלא בביהכ"נ, שמחמת קדושתה יכול להיות הדיבור בשלמות כמו בארץ ישראל.

(בת עין, בלק)

### לשבר המניעות ולבא לארץ ישראל

...כשרוצה לבא לארץ ישראל שהוא כלליות הקדשה, שאזי מתגברים כנגדו המניעות בלי שעור. ואם לא היה הקדוש ברוך הוא עוזרו לא היה אפשר לו לשבר המניעות ולבא להצדיק או לארץ ישראל. אך ה' יתברך עוזרו ומסיעו בכל פעם, והסיוע הוא ששולח עליו הארה וקדשה מהצדיק בעצמו או מארץ ישראל בעצמו, ועל ידי ההארה הזאת יש לו כח לשבר המניעות ולבא לארץ ישראל ולהצדיק האמת. וזה בחינת מה שפירש רש"י על פסוק "וְאֶשֶׁד הַנְּחָלִים אֲשֶׁר נָטָה לְשֶׁבֶת עָר" (במדבר כא, טו), שכיון שרצו ישראל לכנס לארץ חרד ההר של ארץ ישראל ובא לקראתם כחתן לקראת כלה וכו', שמחמת שרצו לכנס לארץ ישראל, בא קדשת ארץ ישראל לקראתם וסיעה אותם להכניע האמורי והאמות שהם בחינת המונעים מארץ ישראל. ואז מחמת שרצו כל ישראל לכנס לארץ ישראל נתעוררה קדשת ארץ ישראל ויצאה לקראתם בהארה גדולה כל כך עד שגם בגשמיות נתקרב ההר ובא לקראתם כמו שפירש רש"י שם.

(ליקוטי הלכות ברכת הריח ד, אות יח)

### צפת עיה"ק

וכמו כן צפ"ת בגי' תק"ע, לרמוז שכל הדר בעיר צפ"ת יש לו יתרון על כל שאר ערי ארץ ישראל, שהנפטר שם בעבור שהוא מקום גבוה ואוירו זך יותר מכל שאר ערי ארץ ישראל, במהרה נפשו שט ופורח במערת המכפלה לעבור לגן עדן התחתון.

(חסד לאברהם, מעין ג, נהר יג)

המשך בדף ב'



זריחת השמש ממעלה אדומים, מדבר יהודה

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

אויף דעם זאגט זיך ריכטיג דאסווארט "מוטב", דאס הייסט אז אפילו אן דעם איז אויך גוט, איז דאס אבער נאך בעסער. מיר ווייסן שוין פון דעם מאמר חז"ל[296], אז ווען מיר טוהן דעם רצון הבורא זענען מיר ווי קינדער פארן אייבירשטען, און ווען ח"ו מיר טוהן נישט זיין רצון זענען מיר ווי קנעכט. לויט דעם שטימט אלעס גאר גוט. ווייל דאס איז זיכער אז ווען אידן טוהן דעם רצון הבורא און פירען זיך עהרליך און כראוי, און ווערן גערעכנט ווי בנים למקום - דעמאלטס וואלט נישט געווען קיין שום הוא אמינא אז דאס לאנד זאל נישט גיין צו זיי, ווייל דעמאלטס איז דער שידוך ענבי הגפן בענבי הגפן[297].אבער אויב ח"ו טוט מען נישט דעם רצון הבורא און מיר זענען דאן פאררעכנט ווי קנעכט - וואלט מען אפשר געקענט טראכטען, וויבאלד די אידן זענען נאר ווי קנעכט, קען אפשר דער אייבישטער אנשדכ'נען דאס לאנד פאר סתם אנדערע עבדים, די פעלקער פון די וועלט. וועגן דעם ברענגט דער מדרש דעם דערמאנטען משל, אז אפילו בשעת די אידן זענען אין א בחינה ווי קנעכט, דאס הייסט אז זיי טוהן נישט דעם רצון השם - איז נאכאלס בעסער צוזאמברענגען מיין לאנד מיט מיינע קנעכט. לויט דעם קומט גוט אויס דעם משל וואס עס איז אונז מרמז אז אפילו ווען אידן וועלן זיין אין די בחינה פון קנעכט, ווייל זיי טוהן נישט דעם רצון השם, ח"ו - אפילו אין אזא צייט וויל נאך דער אייבישטער משדך זיין ארץ ישראל מיט עם ישראל. וועגן דעם איז דער מדרש מדייק און ברענגט צו דעם פסוק[294] "כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים" - מרמז צו זיין אויף דעם, אויף דעם זמן וואס זיי זענען אין די בחינה פון עבדים. און ער ברענגט נישט אראפ דעם פסוק פון מתן תורה, וואס דאן רעדט זיך ווען מען הערט יא צו אין זיין קול, ווי עס שטייט דארט[298] "וְעַתָּה אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמְעוּ - און יעצט אויב הערן וועט איר צוהערן, בְּקֹלִי - אין מיין קול". עס שטימט אויך גוט מיט דעם פסוק[291] "אֲשֶׁר תִּפֹּל לָכֶם בְּנַחֲלָה" און עס שטייט נישט "אשר תנחלו", וואס דעמאלטס וואלט דאס געמיינט "אשר תנחלו" - וואס איר וועט ירש'נען, דאס מיינט, פון זיך אליין וואלט איר ראוי געווען צו דעם, עס איז טאקע שייך דעם ענין פון נחלה פאר די אידן, דאס איז אבער נאר דוקא בזמן זיי טוהן דעם רצון השם. וועגן דעם שרייבט דער תורה "אֲשֶׁר תִּפֹּל לָכֶם" - אז דאס לאנד וועט צופאלען צו אייך מצד דאס ווילן פונעם לאנד און נישט מצד דאס עהרליכקייט פון אייערע מעשים, נאר צוליב דאס וואס די לאנד זאגט: עס איז מוטב - בעסער דאס לאנד זאל צופאלען צו אייך ווי צו אנדערע קנעכט, ווי דער משל הנ"ל. אלעס קומט אויס גוט אינעם פירוש פון דברי המדרש הנ"ל, דאס זענען דברים מתוקים בס"ד.

על כל פנים, עס איז מבואר אין חז"ל און אין די תורה, אז דער רצון הבורא איז שטענדיג אז אידן זאלן וואוינען אין אונזער הייליג לאנד, אפילו אויב ח"ו זענען זיי אין די בחינה פון 'אין עושין רצונו של מקום' און זיי זענען נישט ראוי דערצו מצד זייער אייגענעם זכות.

איך האב דערנאך אזוי געטראפן בפירוש אין מדרש איכה[299], אויפן פסוק[300] "זָכוֹר תִּזְכּוֹר", אז דער אייבישטער האט געזאגט: "הלואי זאלן מיינע קינדער זיך געפונען מיט מיר, כאטש אפילו זיי דערצערענען מיך, ווי עס שטייט אין פסוק[301] "מִי יִתְּנֵנִי בַמִּדְבָּר - ווער קען מיר געבן אינעם מדבר, מְלוֹן אֹרְחִים - א רייזענדער'ס גאסט הויז" - האט דער אייבישטער געזאגט: הלואי זאלן מיינע קינדער זיך געפונען מיט מיר אזוי ווי זיי זענען געווען אינעם מדבר וואס זיי האבן דעמאלטס געקלאגט אויף מיר", ודוק.

**כט.** נאך שטייט דארט אין מדרש[394], אויפן פסוק[302] "בֵּית יִשְׂרָאֵל יֹשְׁבִים עַל אַדְמָתָם - דאס אידישע פאלק זיצט אין זייער לאנד, וַיְטַמְּאוּ אוֹתָהּ - און זיי האבן איר מטמא געווען" - דער אייבישטער האט געזאגט: הלואי זאלן מיינע קינדער זיך געפונען מיט מיר אין ארץ ישראל אע"פ זיי זענען איר מטמא", עכ"ל. די מדרש איז זייער וואונדערליך, וויאזוי קען זיין אז דער אייבישטער האפט אויף דעם - אז זיינע קינדער זאלן זיין מיט אים אין ארץ ישראל אפילו זיי וועלן איר מטמא זיין - דאס לאנד וועט דאך זיי נישט דילדן בשעת זיי וועלן איר מטמא זיין, ווי דער פסוק זאגט[303] "וְלֹא תָקִיא הָאָרֶץ אֶתְכֶם - און דאס לאנד זאל אייך נישט אויסשפייען, בְּטַמַּאֲכֶם אֹתָהּ - ווען איר וועט איר מטמא זיין", דאס איז א גרויסע פלא. קודם האב איך געטראכט אז אפשר איז די הלכה נישט ווי דער מדרש צוליב דעם גרויסן וואונדער. אבער נאכדעם האב איך געפונען אין א פריערדיגן ספר "כפתור ופרח"[304] ווי ער ברענגט צו דעם מדרש. זעהסטו פון דעם אז איינער פון די בעלי תוספות ברענגט דאס אראפ און ער איז מסכים צו די דברי המדרש הנ"ל. ווי עס איז באוויסט אז דער בעל "כפתור ופרח" איז געווען איינע פון די בעלי תוספות. זעה אויך תשובות רבנו בצלאל אשכנזי, בעל "שיטה מקובצת" ווי ער באטיטעלט אים מיטן נאמען 'חכם וחסיד', עיי"ש.

דער אייבישטער האט מיר באלויכטען די אויגן אפצוטוהן דעם וואונדער הנ"ל וואס איך האב געהאט, און צו פארשטיין אונזערע חכמי אמת רבותינו בעלי מדרש הנ"ל (ווי דער רמב"ם איז געוואוינט צו שרייבן אזוי אין זיינע בריוון, שטענדיג ווען ער דערמאנט דברי חז"ל באטיטעלט ער זיי מיט דעם לשון "חכמי אמת רבותינו ז"ל". ער זאגט דערמיט, אז זיי זענען חכמי אמת, אלע זייערע רייד זענען הונדערט פראצענט אמת, ווי ער איז אין דעם מאריך אין זיין הקדמה צו סדר זרעים, ווייל אלע זייערע רייד זענען געזאגט געווארן מיט א ג-טליכען כח וואס אין דעם איז נישטא קיין טעות בכלל, עס איז נישט מיט מענטשליכע כוחות וואס אין זיי קען אריינפאלען א טעות. מיט דעם שטייען אונזערע חכמים ז"ל גרעסער ווי די חכמי אומות העולם. קוק דארט אריין, און דיין הארץ וועט אויפלאמען ביז ווי ווייט מען דארף גלייבן אין דברי חז"ל. זעה ווער איז דער וואס איז דאס מעיד אויף די וואהרהייט פון דברי חז"ל, דאס איז דאך דער אדם גדול, אדונינו הרמב"ם, וואס האט אנגעפוהלט די גאנצע וועלט מיט זיין לויב, ווי מיר האבן געזעהן פאר עטליכע יאר צוריק

המשך בדף ב'

---

[296] בבא בתרא י, ע"א, קידושין לו, ע"א
[297] עפ"י פסחים מט, ע"א
[298] שמות יט, ה
[299] איכ"ר פר' יג, אות ז
[300] איכה ג, כ
[301] ירמיהו ט, א
[302] יחזקאל לו, יז
[303] ויקרא יח, כח
[304] פרק י

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: לֵבִּי בְּמִזְרָח, ירושלים עיה"ק

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## א"י ראוי' למי שמושל על הגוף

רק כאשר הראש מושל על הגוף והגוף טפל להראש ומתבטל אליו ונחשב כולו ראשיי - ראוי לו הישיבה בארץ ישראל, ומה שאין כן אם חלילה הוא להיפוך - תאוות הגוף מושלים על השכל שבראש ומתבטל הראש אליהם והוא כולו גופניי, והגוף אינו מארץ ישראל, ממילא אינו שייך לארץ ישראל... וזהו 'ואותנו הוציא משם', היינו היציאה אשר בנו - היינו משילת הצורה והראש על החומר, זהו 'למען הביא אותנו לתת לנו את הארץ' כו', כי מפאת זה אנחנו ראוים לארץ ישראל מצד הראש שמארץ ישראל וככל הנ"ל, ודו"ק.

(אוצרות יוסף דרוש ב פיסקא א, ד, ט)

## לגלות לארץ הקודש

וארץ כנען מיחדת לאלהי ישראל, והמעשים לא ישלמו כי אם בה, והרבה ממצות ישראל בטלות ממי שאינו דר בארץ ישראל, והלב והנפש אינם טהורים וזכים כי אם במקום שיודעים בו שהוא מיחד לאלהים, ואלו היה זה בדמיון ובמשל, כל שכן שהוא אמת כאשר קדם באורו. ותתעורר התשוקה אליו ותטהר הנפש בו, כל שכן מי שהולך אליו ממקום רחוק, וכל שכן למי שקדמו לו עונות, והוא מבקש כפרת האלהים, ואי אפשר לו בקרבנות אשר היו קבועים לכל עון ועון מזדון ושגגה, ויסמך על מה שאמרו רבותינו: "גלות מכפרת עון", כל שכן אם יהיה הגלות למקום רצוי.

(ספר הכוזרי, ה)

## קנין ארץ ישראל

ה"סבא קדישא" רבי יעקב אריה מראדזימין (יו"ד ח"י תמוז) ירש מרבו הרה"ק הרבי רבי בונם מפשיסחא את חיבתו לארץ ישראל, כידוע שהרבי רבי בונם אמר פעם במסיבת חסידיו "תמיהני על שאין משה מונטיפיורי משתדל לקנות את ארץ ישראל מידי התוגר, נענה אחד מבני החבורה ואמר: רבינו, ומה נעשה בה אם יקנה את ארץ ישראל, והלא לא נפקדנו מלפני שמו יתברך לשוב אליה, השיב הרבי רבי בונם: אל תאמרו כך, תצא הארץ מידיהם של הגויים ותבוא לידיהם של ישראל, והישועה קרובה לבוא.

(שיח שרפי קודש ח"ה דף ה')

## ברכת השנים בא"י

ומה ראו לומר קיבוץ גליות לאחר ברכת השנים דכתיב (יחזקאל לו, ח) ואתם הרי ישראל ענפכם תתנו ופריכם תשאו לעמי ישראל כי קרבו לבוא. פירוש רש"י: ופריכם תשאו לעמי ישראל כי קרבו לבא - אלמא קיבוץ גליות בעת ברכת השנים היא.

(מגילה יז ע"ב)

## יציאה מארץ ישראל

הרבי ר' ברוך ממעזיבוז היה רגיל להתרעם על איש מארץ הקודשה שיוצא לחוץ לארץ.

(בוצינא דנהורא)



אם הבנים שמחה - המשך מדף א'

וואס עס איז דאן געווען אכט הונדערט יאר צו זיין געבארטס טאג[304], ווען אלע חכמי האומות האבן געפייערט זיין יום הולדת אלס אן אנערקענונג אויף זיין גרויס חכמה. און דער גרויסער מענטש רעדט מיט אזא יראת הכבוד אויף דברי חז"ל, און ער איז מעיד אויף די אמת און זייער וואהרהייט, אז עס איז בכלל נישטא וואס צו מסתפק זיין אין זיי. געדענק און פארגעס דאס נישט און עס זאל זיך נישט אפטוהן פון דיינע אויגן), אז עס וועט אונז בכלל נישט שווער זיין אויף דעם מדרש הנ"ל.

איך וועל מקדים זיין דא ווערטער פון רבנו ה"אור החיים" הק'[305], וואס ער ברענגט דארט ארויס גאר א וואונדערליכע ענין, באמת נישט איעדער מענטש קען דאס ארויסברענגען, נאר אזא הייליגע מענטש ווי אים, וואס ער איז מעיד אויף זיך אליין אין די הקדמה פון זיין ספר "פרי תואר" אז ער האט נישט מחדש געווען א זאך אין די תורה ביז ווילאנג ער מיט זיין נפש האבן ערשט זיך מקשר געווען אינעם אייבירשטען דעם נותן התורה, עיי"ש עס וועט אויף דיר פאלן א פחד מגודל קדושתו ז"ל. ער זאגט דארט אז נישט אלע חטאים זענען גורם אז דאס לאנד זאל אויסשפייען די אידן פון דארט, נאר איין חטא דוקא האט עס גורם געווען, וואס ווען זיי האבן געטוהן דעם דאזיגן חטא, האט דאס לאנד זיי אויסגעשפיגן. און וויבאלד די תורה הקדושה האט אויסבאהאלטען און נישט מגלה געווען קלאר וועלכע חטא דאס איז געווען, זענען מיר אסור צו טוהן די אלע חטאים. מען קען נישט זאגן אז יענער חטא ווערט בטול מיטן רוב, דאס איז נישט אזוי, וויבאלד עס איז איינע צווישן זיי - איז דאס קבוע (עקזיסטירט אין זיין פלאץ), און מיר ווייסן אז איעדע זאך וואס איז קבוע, כמחצה על מחצה דמי[306] (איז גלייך ווי האלב אויף האלב) און איז אסור מן התורה, אזוי ווי די הלכה איז ביי איעדן קבוע וואס איז מן התורה. (זאג איך דער מחבר, אז פון דא האסטו א ראי' צו די שיטה פונעם ב"ח אין יו"ד סי' קי, אז א קבוע וואס איז נישט דערקענבאר איז אויך מן התורה). מען קען נישט זאגן, אז אויב מען טיילט דאס אפ פון דעם קבוע איז דאס מותר, אלס דעם טעם פון כל דפריש מרובא פריש[306] (יעדע זאך וואס ווערט אפגעטיילט, איז אפגעטיילט געווארן פונעם רוב), דאס איז נישט אזוי, ווייל דא איז אונז דא תרי"ג מצות און ער קומט און איז עובר אויף איינע פון זיי, איז ער ווי א לוקח מן הקבוע (ער נעמט דאס פון דעם קבוע), וואס האט אויך דעם דין ווי א קבוע. צוליב דעם האט מען אונז געאסר'ט צו טוהן אפילו איין זאך פון די מעשי הגוים, וואס דאס קען גורם זיין אז דאס לאנד זאל אונז אויסשפייען, אלס דעם ענין פון 'כל קבוע כמחצה על מחצה דמי'. דאס זענען זיינע ווערטער ז"ל, דאס איז דברי אלקים און פאסט פאר אים צו זאגן, ודוק.

ביים דין פון 'לקח מן הקבוע שהוא כקבוע' (ער נעמט דאס אוועק פון דעם קבוע, האט דאס אויך דעם דין ווי א קבוע), איז מבואר אין די פוסקים אז דאס איז דוקא ווען עס איז גענומען געווארן דורך א מענטש א בר דעת, וואס ווייסט פון דעם ענין און פארשטייט דעם ספק וואס ליגט אין דעם קבוע - דעמאלטס ווערט אויף דעם נאכגעשלעפט דאס קביעות, אפילו מען האט דאס אפגעטיילט פונעם אריגינעלען פלאץ. אבער אויב האט דאס אוועקגענומען פון דארט א אדם שוטה, איינער וואס איז נישט קיין בר דעת, איז פשוט פאר אלע פוסקים אז עס האט יא דעם דין ווי "פריש" (אפגעטיילט), און עס ווערט בטול ברוב און איז מותר.

לויט דעם הקדמה וועט אונז ליכטיג ווערן דברי חז"ל אינעם דערמאנטען מדרש כאור בהיר, אן קיין שום וואונדער אדער קשיא אויף זייערע רייד. ווייל דאס איז זיכער אז בשעת אידן זענען געזיצן אין זייער לאנד, און מיר האבן דאן געהאט די סנהדרין גדולה וקטנה, און אין יעדן שטאט איז געזעצן א בי"ד, ווי מיר זעהן אין סנהדרין[308] אז זיי האבן געפסק'נט און געלערנט מיט די אידן, אלע אידן זענען אויפגעוואקסען ברוח התורה און געקענט די דינים און די משפטים פון די תורה, און דעמאלטס אויב האט איינער עובר געווען אויף מצות השם - האט ער געוויסט און אנערקענט אין דעם לאו וואס ער האט עובר געווען מיטן אפטוהן זיין עבירה, עס איז געווען אויף אים דער דין פון "לקח מן הקבוע" (גענומען פון דעם עקזיסטירנדען פלאץ). אבער נאכדעם וואס זיי זענען פארטריבן געווארן אין גלות און צושפרייט געווארן צווישן די פעלקער, ווי מיר האבן נישט קיין וועגווייזער און נישט קיין נביא, ווי דער פסוק זאגט[309] "וַיִּתְעָרְבוּ בַגּוֹיִם - זיי האבן זיך געמישט מיט די גוים, וַיִּלְמְדוּ מַעֲשֵׂיהֶם - און זיך אפגעלערנט פון זייערע מעשים", און בעוה"ר איז צו רוב פון אחינו בני ישראל נישטא אין דעם גלות א ריכטיגע אנערקענונג אין די אפשאץ פון מצות התורה.

המשך בגליון הבא אי"ה

[304] שנת תרצ"ה
[305] פר' אחרי, ויקרא יח, כד
[306] כתובות טו, ע"א
[307] במדבר לד, ב
[308] טז, ע"ב
[309] תהלים קו, לה

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### הר גריזים

דרום לעיר שכם, שומרון

דעם בארג הר גריזים איז די בארג ווי ביים אריינקומען קיין א"י האט דער אייבישטער כורת ברית געווען מיט עם ישראל אז זיי זאלן היטן די מצות און געגעבן פאר זיי די אלע ברכות (דברים יא, כט) וְנָתַתָּה אֶת הַבְּרָכָה עַל הַר גְּרִזִים. עס שטייט פונקט אנטקעגן איבער דעם הר עיבל. גלייך אונטען צופיסענס פונעם בארג ליגט דעם אור-אלטען שטאט שכם. דא האט יותם בן גדעון געמוסר'ט די שלעכטע מענטשען פון שכם (שופטים ט, ז).

די היינטיגע שומרונים קומען דארט דריי מאהל א יאר עולה רגל זיין, און האלטן דאס בארג אלס א מקום קדוש, זיי זענען דארט מקריב דעם קרבן פסח. דא איז געווען דעם ביהמ"ק פון די כותים וואס זייער פירער סנבלט האט געבויט נאכמאכענדיג דעם אויסזעהן פון דעם גרויסן ביהמ"ק אין ירושלים און דער מלך חשמונאי יוחנן הורקנוס, אן אייניקל פון מתתיהו כהן גדול, האט עס חרוב געמאכט. (נחמיה יג, כח)

די ירושלמי (סוטה ז, הל' ג) פרעגט צו דאס איז די ריכטיגע בארג גריזים און עיבל. לויט די ירושלמי זענען די בערג אינעם עמק הירדן. עס זענען דא שיטות אז הר כביר איז די ריכטיגע הר גריזים, און הר עיבל איז די זעלבע ווי דאס וואס ווייזט היינט. מען האט למעשה געטראפן א גרויסן מזבח אויפן בארג עיבל וואס קען זיין איז דאס וואס יהושע האט געבויט (יהושע ח, ל). דעם פלאץ פונעם מזבח איז פארשפארט פאר באזוכער צוליב זיכערהייט.

ארכעאלאגן האבן דארט געטראפן גאר גרויסע שטעט נאך מזמן הבית, וואס פלעגט האבן צעהנדליגע טויזענטער איינוואוינער, מען האט דא געטראפן זיבעצן טויזענט גאלדענע און זילבערנע מטבעות, כלים פון חרס, שטיין, קופער און גאלד. ווי אויך איבערבלייבענישען פון די צייטן פון די ביזאנטישע-רוימער, ספעציעל גרויסע שטיינערנע טרעפ.

אויפן שפיץ בארג איז דא מצפה יוסף, ווי באזוכער קענען זעהן די שטאט שכם מיטן קבר פון יוסף הצדיק, ווי עס איז שווער היינט צוצוקומען. אין יאר תשמ"ג (1983) האט מען געגרינדעט דעם עהרליכן אידישן ישוב הר ברכה אויפן בארג.



הר עיבל (רעכטע בארג), הר גריזים (לינקע זייט), און שכם צופיסענס

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 59
**פנחס**
כ"ג תמוז תשפ"א
July 3, 2021

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### חיבת הארץ

למשפחת מנשה בן יוסף. למה נאמר? והלא כבר נאמר בן מנשה, אלא לומר לך, יוסף חבב את הארץ, שנאמר "והעלתם את עצמתי" וגו' (בראשית נ) ובנותיו חבבו את הארץ, שנאמר תנה לנו אחזה.

(רש"י במדבר כז, א)

### אהבת ארץ ישראל

למשפחות מנשה בן יוסף ר"ל כי חצי מטה מנשה לקחו נחלתם בעבר הירדן כי לא חבבו את א"י, ובעבר הירדן בקל היו משיגים נחלה... רק שהם היה מחצי מנשה שהי' מתיחס ליוסף באהבת א"י שלכן השביע את אחיו שיוליכו עצמותיו לשם, ורצו נחלה דוקא בא"י.

(מלבי"ם במדבר כז, א)

### הנשים רצו לכנס לארץ ישראל

ותקרבנה בנות צלפחד (במדבר כז, א), אותו הדור היו הנשים גודרות מה שהאנשים פורצים... וכן במרגלים שהוציאו דבה (במדבר יד, לו) וישבו וילינו עליו את כל העדה, ועליהם נגזרה גזרה, שאמרו (במדבר יג, לא) לא נוכל לעלות, אבל הנשים לא היו עמהם בעצה, שכתוב למעלה מן הפרשה (במדבר כו, סה) כי אמר ה' להם מות ימתו במדבר ולא נותר מהם איש כי אם כלב בן יפנה, איש ולא אשה, על מה שלא רצו לכנס לארץ, **אבל הנשים קרבו לבקש נחלה בארץ**, לכך נכתבה פרשה זו סמוך למיתת דור המדבר, שמשם פרצו האנשים וגדרו הנשים.

(במדבר רבה, כא, י)

### הנשים חיבבו ארץ ישראל

שם (במ"ר פכ"א י') ותקרבנה בנות צלפחד (במדבר כז א). אותו הדור היו הנשים גודרות וכו'. בא לתרץ ותקרבנ"ה, דלא הוה ליה למימר רק ויאמר"ו בנות צלפחד ואמר ותקרבנ"ה. רצ"ל הנשים הקריבו מה שהאנשים ריחקו, היינו ארץ ישראל שהאנשים ריחקו והנשים חיבבו אותה והקריבו.

(אגרא דכלה, פנחס, יח)

המשך בדף ב'



זריחת השמש מישוב אביתר, שומרון

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

און אויך די וואס זענען נתחנך געווארן און אויפגעוואקסען אין די גוישע בתי חינוך, וואס עס איז פון זיי אוועקגעגאנגען איעדע צייכן און פייכטקייט פון די תורה, אויך איז דא אזוינע לענדער און געגענטער וואס זיי האבען פולשטענדיג פארגעסן די וועגן פון די תורה, בעוה"ר. עס איז פשוט אז די אלע האבן דעם דין פון תינוק שנשבה בין העכו"ם, ווי עס שטייט אין רמב"ם[310], און ווי דער מקובל האלקי מרנא ר' אייזיקל מקאמרנא איז מאריך אין דעם און איז מלמד זכות אויף זיי, ווי איך האב עס שוין אראפגעברענגט אין פרק א. די מענטשען ווערן גערעכנט ווי א שוטה און טיפש וואס האבן נישט דעם דעת, וואס לגבי דעם פריער-דערמאנטען דין פון 'לקח מן הקבוע' האבן זיי דעם דין ווי "פרוש". אזוי אויך פארן יעצטיגן ענין, די מענטשען האבן דעם דין פון "פרוש" אויף זיי, 'וכל דפריש, מרובא פריש'. וועגן דעם, ווערט דער דאזיגער מצוה בטיל ברוב מיט די אנדערע תרי"ג מצות התורה, און ביי דעם איז נישטא דעם דין פון 'אשר תקיא אותם הארץ' אז די לאנד וועט זיי אויסשפייען, ווי דער חידוש פון רבינו האוה"ח הק' - אז ווען נישט דעם דין פון קבוע וואלט בטל געווארן די עבירה וואס קען גורם זיין אז דאס לאנד זאל זיי אויסשפייען, אין א רוב פון תרי"ג מצות. פארשטייט זיך לגבי די מענטשען וואס ביי זיי ווערט בטל דעם דין פון קבוע צוליב דעם דערמאנטען טעם, איז דא נישט שייך דעם דין פון הקאה בכלל, לויט דעם האבן חז"ל גוט געזאגט אין מדרש אינעם נאמען פונעם אייבירשטען, אז ער גליסט אז זיינע קינדער זאלן זיין מיט אים אין ארץ ישראל אע"פ זיי זענען איר מטמא, ח"ו. ווייל דער מדרש רעדט פון דעם זמן פון גלות, וואס זיינע קינדער זענען צושפרייט אין גלות צווישן די פעלקער, ווי עס איז בטל געווארן פון זיי די הכרה פון תורה און אירע מצות, ווי די גמרא זאגט אין חגיגה[311] "אזוי ווי די אידן זענען פארטריבן געווארן פון זייער פלאץ - איז נישטא קיין גרעסערע ביטול תורה פון דעם". אין דעם אופן, אפילו אויב די אידן וועלן זיין אין ארץ ישראל און טוהן ח"ו כמעשה הגוים - וועט נישט שייך זיין אויף זיי דעם דין פון הקאה, ווייל מיט דעם וואס זיי נעמען אוועק א מצוה איז עס נישט א לקיחה מדעת, און זיי האבן די הלכה ווי "פירש" וואס ווערט בטל ברוב. אויב אזוי איז ממילא נישטא דא די דין פון הקאה אז די לאנד ברויך זיי אויסצושפייען, אפילו זיי זענען איר מטמא ח"ו, די לאנד האט זיי דאך ליב, וויבאלד זיי טוהן דאס אן אנערקענונג און אן דעת, די לאנד האפט אוןווארט ביז עס וועט זיך אין זיי פארמערען דאס דעת צו אנערקענען דאס שאצונג פון אונזער הייליגע תורה, דורכדעם וואס דער אייבישטער וועט זיי משפיע זיין א רוח טהרה פון אויבן, און אפטוהן דעם שטיינערנעם הארץ פון זיי[312], ווי איך האב שוין אויבן מאריך געווען, אז נאכדעם וואס די אידן וועלן זיך פארזאמלען אין ארץ ישראל, וועט דער אייבישטער דערוועקן די אידישע הערצער אים צו דינען מיט גאנצע הערצער, און שיינען אויף זיי א רוח טהרה, דעמאלטס וועט זיין דאס פארשניידונג פונעם הארץ וואס דער אייבישטער האט אונז צוגעזאגט אין די תורה[313] "וּמָל ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת לְבָבְךָ" וכו', דאן וועט אפילו פון זיי פוהל ווערן דאס לאנד מיט דעה, זיי וועלן מקיים זיין די תורה און אירע מצוות בעזה"י. יעצט שטימט די מדרש הנ"ל זייער גוט, עס איז שוין גארנישט שווער, טראכט אריין וועסטו זעהן אז דאס איז אן אמת'ער ענין לדעתי, ב"ה אז דער אייבישטער האט מיר באלויכטען די אויגן אין דעם.

פרעג מיר נישט אפ, אז אויב אזוי פארוואס האט דאס לאנד אויסגעשפיגן די גוים, וואס זיי האבן אויך נישט קיין דעת און הכרה, וואלט לכאורה אויך ביי זיי געדארפט געזאגט ווערן די דין פון "פריש" און בטל ברוב. אויף דעם וועל איך דיר ענטפערן עטליכע תשובות. איינס - עס איז באוויסט פון די פוסקים אחרונים[314] אז ביי גוים איז נישט שייך די הלכה פון ביטול ברוב, איז דערפאר 'מרובא פריש' אויך נישט שייך ביי זיי. צוויי - ביי גוים איז[315] 'אזהרתן זו מיתתן' (א ווארענונג פאר זיי, איז זייער טויט), אויך דא ביי דעם האט מען נישט מקיל געווען פאר זיי. דריי - זעה אין ילקוט (סוף קדושים[316]) אינעם פסוק[317] "הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי מֵבִיא אֶתְכֶם שָׁמָּה - דאס לאנד וואס איך ברענג אייך דארט אריין, לָשֶׁבֶת בָּהּ - זיך צו באזעצען אין איר" - איך ברענג אייך דארט נישט אריין, נאר אלס'ן תנאי איר צו ירש'נען און זיך צו באזעצען אין איר, נישט ווי די כנעניים וואס זענען דארט געווען נאר די שומרים פונעם פלאץ... אזוי אויך שטייט דארט ווייטער[318] "וַאֲנִי אֶתְּנֶנָּה לָכֶם - איך וועל איר געבען צו אייך, לָרֶשֶׁת אֹתָהּ - איר צו ירש'נען" - עס וועט קומען א צייט לעתיד וואס איך וועל איר געבן צו אייך פאר אן אייביגע ירושה. אויב וועט איר זאגן: וויאזוי קענען מיר דאס באקומען, עס האט דאך געהערט צו אנדערע. וועל איך אייך זאגן איז עס דען נישט אייערע? דאס איז דאך פון דעם חלק פון שם און איר זענט קינדער פון שם און זיי זענען קינדער פון חם, וואס האבן זיי צו זיכען דא, זיי האבן עס נאר געהיטען ביז ווילאנג איר וועט עס קומען אפנעמען", עכ"ד המדרש. קומט אויס אז וויבאלד דאס לאנד איז נישט זייערס, איז פאר א פיל קלענערע סיבה האט זיי דאס לאנד אויסגעשפיגען. קומט אלעס אויס גוט און עס איז מער נישט שווער.

ידיד נפשי, הרב הגאון מו"ה ישראל וועלץ נ"י, דער דיין פון קהילת היראים דא אין בודאפעסט, האט מיר געזאגט, אז עס איז דא א קלארע ראי' צו דעם מדרש הנ"ל פונעם פסוק[319] "הַשֹּׁכֵן אִתָּם - דער אייבישטער וואס רוהט מיט זיי, בְּתוֹךְ טֻמְאֹתָם - צווישן זייער טומאה". זעהסטו בפירוש אז דער אייבישטער וויל רועהן מיט זיי אפילו בשעת זיי זענען ח"ו מטמא דאס לאנד, עכ"ד. אבער מען מוז נאכאלס צוקומען צום אויבנדערמאנטען געדאנק פון דעם חילוק צווישן דעם וואס איז מטמא מדעת אדער משלא מדעת. ווייל אויב נישט, איז שווער צו פארשטיין דעם פסוק אליין, וויאזוי קען דער אייבישטער רועהן מיט זיי צווישן זייער טומאה, דאס לאנד וועט דאך זיי אויסשפייען? על כרחך מוז זיין אזוי ווי איך האב דאס מחלק געווען.

המשך בדף ב'

[310] הל' ממרים, פרק ג, הלכה ג
[311] דף ה, ע"ב
[312] עפ"י יחזקאל לו, כו
[313] דברים ל, ו
[314] שדה חמד ח"ב, עמ' 11 אות כ
[315] סנהדרין נח, ע"ב
[316] ח"א רמז תרכו
[317] ויקרא כ, כב
[318] ויקרא כ, כד
[319] ויקרא טז, טז

יוצא לאור ע"י מכון: לֵבִּי בְמִזְרָח, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל


בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## ראיית הארץ

ויאמר ה' אליו זאת הארץ. ר' עקיבא אומר: מגיד הכתוב, שהראהו המקום למשה את כל חדרי ארץ ישראל, כשלחן ערוך, שנא' ויראהו ה' את הארץ.

(ספרי במדבר, קלו, א)

## עפר ארץ ישראל

בחדר הטהרה של ה"ישמח ישראל" היו מונחים הרבה שקיות עם עפר ארץ ישראל לשים בקברי הנפטרים, ובעת ההלויה של ה"ישמח ישראל" מחמת הדוחק והצפיפות שכחו לקחת לקבר מעפר ארץ ישראל, מסע ההלויה יצא ב -3 אחה"צ ועד שהגיעו לבית החיים היה כבר 7 בערב. בקושי יכלו להעביר את המטה לקבר מחמת הצפיפות, רבי חיים ברוך הי"ד היה זה ששם את הגוף הטהור בקבר, וכשנזכר שאין לו עפר ארץ ישראל צעק "ארץ ישראל ערד". אי אפשר היה לזוז מחמת הדוחק והצפיפות אבל חשבו שיעבירו מפה לפה את ההודעה וישלחו מחדר הטהרה שקית עפר מיד ליד, בינתיים כשעומדים כך בחושך ומחכים נדחף פתאום לעבר רבי חיים ברוך איש אחד מהעומדים סביב לקבר, נתן לו שקית ואמר לו: "קח עפר מקבר האור החיים הקדוש". הוא לקח את השקית הוציא ממנה חופן עפר, שם איפה שצריך ואת היתר השאיר אצלו בתוך המעיל. אחד כך צעק: "איפה היהודי שנתן לי את שקית העפר", אף אחד לא ענה ולא ידע. ואי אפשר היה שהלה הלך משם מפני שאי אפשר היה לזוז מהמקום מחמת הצפיפות. רבי חיים ברוך לקח את השקית אתו לטושין, וכשאמו נפטרה בשנת תרפ"א שם בקברה חופן מהשקית, וכשאביו נפטר בשנת תרפ"ב שם גם בקברו חופן מהשקית, וכשרבינו בעל "תפארת שמואל" ד"ע נפטר בתרפ"ד שמו מאותו עפר בקברו של בעל "תפארת שמואל" זי"ע.

(כרמינו גליון י"ד)

## אהבת ארץ ישראל

ובהערת בני אדם והתעורותם אל אהבת המקום ההוא הקדוש ינחץ הענין המיחל, שכר גדול וגמול רב, כמו שנאמר: "אתה תקום תרחם ציון כי עת לחננה כי בא מועד", כי רצו עבדיך את אבניה ואת עפרה יחננו". – רצונו לומר כי ירושלים אמנם תבנה כשיכספו בני ישראל לה תכלית הכסף עד שיחוננו אבניה ועפרה.

(ספר הכוזרי, ה)

## דירת ארעי בא"י

ודע כי העולה מחו"ל לארץ ישראל לדירת ארעי, כשמגיע לארץ ישראל לסולם מצד חוץ מתפשטין מעליו כל הקליפות ואין נכנס בארץ אלא בנפשו מעולם העשיה, אבל לא יתנו לו נפש מעולם היצירה כי אין כוונתו לדור בארץ, ולכן חייב לעשות מועדים ורגלים כמו בחו"ל.

(חסד לאברהם, מעין ג, נהר יד)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)



אם הבנים שמחה - המשך מדף א'

עס קען זיין, אז צו דעם חילוק געגוי' האט דער מקובל בעל "חסד לאברהם" מכוון געווען, וואס איך האב אים אראפגעבראכט אין די פתיחה, אז אפילו געזינטע ח"ו וואס פירען זיך נישט אויף עהרליך - טאר מען אין זיי נישט מזלזל זיין, ווייל וויבאלד דאס לאנד שפייט זיי נישט אויס איז פון דעם א ראי' אז זיי זענען צדיקים. אזוי ווי איך האב געשריבן, אז וויבאלד דאס וואס זיי טוהן ווערט געטוהן אן דעת - ווערט עס כמעט נישט גערעכנט פאר זיי ווי א זינד, ווייל זיי זענען אנוסים אויף אלעם, ווייל זיי זענען נישט אויפגעוואקסען אויף א רוח התורה, ווי דער הייליגער קאמארנער ז"ל האט געשריבען.

נאך קען מען זאגען, עפ"י דברי הרמב"ם (הל' תשובה[320]), אז דער אייבישטער וועגט נישט די זכותים פון א מענטש לויט אונזער דעת, נאר לויט דעם דעת ה', און נאר דער אייבישטער ווייסט ווי אזוי צו שוקל זיין איין זכות וואס קען איבערוועגן אסאך שלעכטס. יעצט, די וואס זענען עוסק אין ישוב ארץ הקדושה, וואס דאס איז שקול נגד כל התורה כולה, ווי עס איז מבואר אין ספרי (פר' ראה[321]), קען אפילו זיין אז דעם זכות קען מכריע זיין אסאך עבירות. נישט נאר דאס, נאר דאס קומט אויס אסאך מאהל מיט מסירת נפש ממש, עס איז נישט גלייך צו דעם צייט וואס זיי זענען געזעצן רואיג אין זייער לאנד און זיי האבן שלעכטס געטוהן ווי די מעשה הגוים, דאן האט דער חטא מקטרג געווען אויף זיי ביז דאס לאנד האט זיי טאקע אויסגעשפיגען. אבער יעצט ווען דאס לאנד איז בידי טמאים, און זיי זענען זיך מוסר נפש אויף איר, איר אויסצולייזן פון זיי און איר אויפבויען, ווערט דאס פאר זיי גערעכנט ווי א גרויסע זכות, ביז עס טוט איבערוואגן די חטאים וואס זיי טוהן אין איר, חוץ פון דעם וואס עס איז אן א דעת ווי איך האב געשריבן. דאס לאנד האט זיי ליב און טוט האפען אויף זיי, און זאגט: עס איז בעסער אז איך זאל מיט זיי חתונה האבן ווי איך זאל חתונה האבן מיט עבדים און שפחות פון דער וועלט. ווי איך האב אראפגעברענגט אין נאמען פונעם מדרש. דאס איז אמת לדעתי.

איך מוז דא אבער מודיע זיין, אז אלעס וואס איך האב דא געשריבען איז נאר מעורר צו זיין א זכות אויף זיי, און נישט ח"ו מסכים צו זיין צו וואס זיי טוהן, איך האב נאר מגלה דעת געווען אז מען טאר זיי נישט מרחק זיין וועגן דעם טעם הנ"ל. אבער איך האף צו דעם צייט וואס א רוח טהרה וועט ארייגשיינען אין זייערע הערצער, ליב צו האבן דעם אייבירשטען בכל לבבם ובכל נפשם, אמן כן יהי רצון.

**ל.** איך האב שוין אויפגעוויזן אינעם פתיחה פון דעם ספר, אז דאס בויען פונעם לאנד איז זייער הגון און באוויליגט ביים אייבירשטען, זאל זיין דורך וועם עס זאל נאר זיין, דער עיקר איז עס זאל מער און מער געבויט ווערן אז עס זאל שוין זיין ראוי זיך צו באזעצען אין איר. האב איך יעצט געטראכט צוצולייגן נאך א ראי' צו דעם פון מדרש רבה (פר' ויצא[322]), "רבי יוסי בר חנינא האט געזאגט: עס זענען דא פיער מידות ביי נעמען - עס זענען דא אזוילכע וואס זייערע נעמען זענען שיין און זייערע מעשים זענען שיין, עס זענען דא אזוילכע וואס זייערע נעמען זענען מאוס און זייערע מעשים זענען מאוס, עס זענען דא וואס זייערע נעמען זענען מאוס און זייערע מעשים זענען שיין, און עס זענען דא אזוילכע וואס זייערע נעמען זענען שיין און זייערע מעשים זענען מאוס וכו'. די וואס זייערע נעמען זענען מאוס און זייערע מעשים זענען שיין - דאס זענען די אידען פון גלות: בני בקבוק, בני חקופה, בני חרחור[323], און זיי האבן זוכה געווען ארויפצוגיין און בויען דעם ביהמ"ק". די זעלבע דברי המדרש ווערט נאכאמאהל איבערגעלערנט אין פר' שלח[324], "די וואס זייערע נעמען זענען מאוס און זייערע מעשים זענען שיין - דאס זענען די אידען וואס זענען ארויף פון גלות: בני ברקוס, בני סיסרא, בני תמח[325]". אין עזרא שטייט[326] "וְאֵלֶּה הָעֹלִים מִתֵּל מֶלַח תֵּל חַרְשָׁא כְּרוּב אַדָּן" שטייט דארט ווייטער אין פסוק "וְלֹא יָכְלוּ לְהַגִּיד - מען האט נישט געקענט זאגן, בֵּית אֲבוֹתָם וְזַרְעָם - אויף זייערע עלטערן און זייערע קינדער, אִם מִיִּשְׂרָאֵל הֵם - אויב זיי זענען פון אידן". איז רש"י דארט מפרש: "ווייל זיי האבן פארלוירן זייער יחוס און זיי האבן נישט געוויסט אויב זיי שטאמען פון אידן", עכ"ל. זעהסטו פון דא אז רבותינו בעלי המדרש האבן געזאגט אויף די עולה הגולה אין די צייטען פון עזרא, אז זייערע נעמען זענען מאוס און זייערע מעשים זענען שיין. זייערע נעמען איז מאוס - ווייל זיי האבן געהאט גוי'שע נעמען, ווי מיר ווייסן אז סיסרא איז א נאמען פון א גוי, מען קען פון דעם פארשטיין אז די אנדערע נעמען זענען אויך נעמען פון גוים, וועגן דעם זענען זייערע נעמען געווען מאוס. און זייער אסאך פון זיי זענען געווען אין אזא נידעריגע מצב ביז מען האט ניטאמאהל געקענט זאגן אויף זיי בכלל צו זיי זענען מזרע ישראל, ווי עס איז מפורש אינעם פסוק הנ"ל.


המשך בגליון הבא אי"ה


---

[320] פרק ג, הלכה ב

[321] פיסקא כח, דברים יב, כט

[322] ב"ר פרשה עא, אות ג

[323] עזרא ב, נא, נחמיה ז, נג

[324] במד"ר פרשה טז, אות י

[325] עזרא ב, נג, נחמיה ז, נה

[326] עזרא ב, נט, נחמיה ז, סא

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### מושב יסודות

מרכז הארץ

יסודות איז א חרדי'שער מושב נישט ווייט פון אשדוד וואס איז נתייסד געווארן אלס א קיבוץ אין תש"ו (1946) דורך חברי פועלי אגודת ישראל, שואה איבערלעבער פון דייטשלאנד, אונגארן, פראנקרייך און האלאנד. פאר צוויי יאר האבן זיי זיך קודם געלערנט פעלד ארבעט אין דעם מושב חפץ חיים, און אין ווינטער פון תש"י (1949) האבן זיי זיך אפיציעל אריינגעצויגן צום שטח.

אין יאר תשי"ג (1953) האט פאסירט א טראגעדיע, א פייער אינעם קאך האט ליידער פארברענט דריי אידישע מיידלעך איבערלעבער פונעם ביטערן קריג.

בעיקר באשעפטיגט מען זיך דארט מיט הינער און שאף שטאלען, ירקות פלאנצונגען, און טרויבען, ווי אויך מעלקען קיען, ווי עס ווערט דארט פראדעצירט איבער 3 און א האלב מיליאן ליטער מילך א יאר. אויך איז דא דארט א גרויסע פאבריק ווי מען פראדעצירט חלקים פאר עיר קאנדישענס.

די מושב איז אויסגעשטעלט אין דריי רינגלעך, אינעם צענטער איז דא דער בית המדרש, און ארום דעם די הייזער און דערנאך די פאבריקען.

היינט צוטאגס וואוינען אינעם מושב איבער הונדערט חרדי'שע משפחות, מיט א גרויסע תלמוד תורה און א בית יעקב, צו ווי עס קומען תלמידים און תלמידות פון די ארומיגע שטעטלעך. אויך איז דארט דא א ישיבה קטנה בראשות הרב יהודה כהן שליט"א, און א גרויסע באקאנטע ספרדי'שע ישיבה אויפן ליטווישען דרך "משכן ידידיה" בראשות הרב יהודה זיאת שליט"א.

דער מרא דאתרא פונעם מושב איז הרה"ג ר' יעקב חיים קליין שליט"א, א זוהן פונעם פריערדיגן רב המושב הגה"צ ר' דוד בנציון קליין זצ"ל.

לעצטענס האט מען אנגעהויבען ארבעט צו פארברייטערן דעם ישוב מיט נאך נייע גאסען און דירות. כדי צו ווערן אנגענומען אלס אן איינוואוינער, דארף מען אדורכגיין א וועד הקליטה.






די בית המדרש אין מושב יסודות

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

גליון מס' 60
מטות-מסעי
ר"ח, א' אב תשפ"א
July 10, 2021

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגען ארויס די מעלות פון א"י

### קיבוץ ישראל

**ויסעו מהר שפר ויחנו בחרדה**, היינו בכל דבר שאדם מסופק האיך רצון ה' נוטה, אז העצה היעוצה לו שיגדיר א"ע מהמעשה, וזה ויחנו בחרדה, כי ע"י חרדה שיהי' לאדם, טוב לו לחנות ולהיות שב ואל תעשה כמו עתה שנשבעו שלא ידחקו את הקץ (כתובות קיא), ויסעו מחרדה ויחנו במקהלות, היינו בעת שהשי"ת יחפוץ לקבץ אותנו, **אז יתן תקופות בלבם שלא יחרדו, הלואי שתהיה בקרוב בימינו.**

(מי השלוח, פר' מסעי)

### תשוקה לא"י מעורר הגאולה

...אכן הנה זה מרמז על מעלת קדושת ארץ ישראל וירושלים תובב"א. כי הנה צריך כל איש להשתוקק בכל לבבו על א"י וקדושתה כמ"ש שאלו שלום ירושלים ציון דורש אין לה מכלל דבעי דרישה וענין התשוקה היא מועלת בעצמה על הגאולה העתידה ב"ב.

...מכ"ש שצריך לקרוע לבב איש לצעוק ע"ז אל הקב"ה לעורר רחמי' על הארץ ועל קיבוץ גליות לתוכה בשמחה במהרה. והנה ההתעוררת הלזה של תשוקת הארץ כשתהיה באמת מעומק הלב שיאדיב באמת בנפשו על כבוד ארץ הקדושה הנה בזה מעורר למעלה הרחמי' והרצון על הגאולה במהרה כמ"ש שאלו שלום ירושלים עי"כ ישליו אוהביך ב"ב. וכן מצינו זה בבני יוסף שמכח תשוקתם לא"י עד שהרע בעיניהם שתסוב נחלה כמו שאמרו...

...אך הנה כמו שבארנו כי **הדור ההוא אשר יתנו עיניהם ולבבם לשאול ע"ז והם ידאבו על חורבן הארץ וירושלים כנ"ל ועל ידי תשוקתם ודאבון נפשם על הארץ הנה יתעוררו הגאולה והם יהיו הדור האחרון קודם הגאולה כנ"ל** והוא שכתוב ופחדו אל ה' ואל טובו באחרית הימים כו' ע"ש ברש"י. והבן.

(תפארת שלמה, פר' מסעי)

### לדור בא"י

אמרו למלך המשיח היכן אתה מבקש לדור, אמר אף דא צריכה שאלה, על ציון הר קדשי.

(מדרש שמואל י"ט)

המשך בדף ב'



גליל העליון

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

מען קען אויך דערקענען דאס ארעמע מצב פון זייערע רוחניות דורך די גוי'שע נעמען וואס ווערט דערמאנט אינעם פסוק. איך וועל דאס מסביר זיין פון אונזער לעבן, וואס מיר לעבן דא אין גלות. איך וועל קודם מקדים זיין דברי הרא"ש אין מס' גיטין[327], ווי ער שרייבט, אז עס איז שוין אזוי איינגעפירט אין גלות, אז חוץ דעם הייליגן נאמען וואס א איד באקומט, האט ער נאך א גוי'שע נאמען וואס ער באנוצט זיך מיט דעם ווען ער איז בקשר מיט די גוים, צום ביישפיל ביי געשעפטן מיט זיי וכדומה, ווען ער האט מיט זיי שייכות, עיי"ש. אבער ווען ער איז צווישן אידן, באנוצט ער זיך נאר מיט דעם הייליגן נאמען, און כל שכן ווען עס קומט צו א דבר שבקדושה, ווי עולה זיין לתורה אין בית הכנסת, שמחות תורה ביי די הקפות, אדער ביי א סעודת מצוה, אזוי צו א יעדע דבר שבקדושה רופט מען אים אויס נאר מיטן הייליגן נאמען, און זיין גוי'שען נאמען וועט דארט קיינמאהל נישט דערמאנט ווערן. אדרבה עס וועט נאר זיין א חרפה פאר אים אויב מען וועט אים אזוי רופען צווישן אידן, מכל שכן אויב איז ער אין געגנווארט פון א צדיק אדער ביים צדיק הדור, וואס אויב וועט מען אים דארט רופן ביים גוי'שען נאמען וועט דאס זיין גאר א גרויסע בושה. לאמיר זיך פארשטעלן - אויב דער צדיק רבן של ישראל, ווי דער צדיק פון בעלז, אדער איינע פון די אנדערע צדיקי הדור, וואלט געמאכט אן אסיפה לצורך אן ענין וואס איז נוגע פאר כלל ישראל, און ווערט אנגעפירט דורך דעם צדיק אליין. און יעדער פון די פארזאמעלטע ברויך צו צוגיין צום צדיק כדי אים צו זאגן זיין נאמען, אז ער זאל וויסן ווער זענען די וואס זענען זיך משתתף מיט אים. ווען יעדער באזונדער גייט צו און מען פרעגט אים פאר זיין נאמען, וועט יעדער ענטפערן, איך בין שמעון בן משה, איך בין יעקב בן לוי וכדו'. אויב וועט אבער פאסירן, אויב איינער וועט ענטפערן אויף די שאלה, וואס איז דיין נאמען? און ער וועט ענטפערן "הער ראבינער, איך בין פראנץ היינריך אדאלף", וכדו' פון די גוי'שע נעמען, דאס וואלט געווען א געלעכטער און צו שפאט צווישן די פארזאמעלטע. ווייל ווען מען שטייט פאר דעם צדיק הדור הייסט מען נישט פראנץ, נישט היינריך, אויך נישט אדאלף, נאר משה, שמעון, אדער אברהם וכדו' פון די אידישע נעמען. אזוי איז דער סדר ביי אידן וואס זענען אויפגעוואקסען אין עהרליכע פלעצער, זיי ווייסן אז צווישן אידן ווערט מען נישט גערופען נאר מיטן אידישן נאמען, מכל שכן פאר א צדיק מפורסם - עס וואלט אים געווען א בושה זיך דארט צו דערמאנען מיט א גוי'שען נאמען. אבער אויב קומט איינער וואס ער איז נתגדל געווארן אין די פלעצער ווי עס איז דארט פארגעסן געווארן דאס אידישקייט ר"ל, ער איז דארט אויפגעוואקסען אינגאנצען מיט א גוי'שע גייסט, ווי אין בוהמיה, מורביה[328] וכדו' די ערטער וואס עס איז שוין פון לאנג דארט פארגעסן געווארן דאס אידישן חינוך, א מענטש פון דארט ווייסט בכלל נישט פון א אידישן נאמען, ער ווייסט נאר פון זיין גוי'שען נאמען. אויב אזא מענטש איז צווישן די וואס קומען זיך פאהרשטעלן פארן צדיק הדור, ווען מען פרעגט ביי זיי דעם נאמען זייערן, און ווען עס וועט אנקומען זיין רייע צו זאגען זיין נאמען פארן בעלזא רב, און דער רבי וועט אים פרעגן, וואס איז דיין נאמען? וועט ער ענטפערן לפי תומו, רבי, מיין נאמען איז פראנץ, אדער אדולף וכדו'. אויב וואלטן די ארומיגע געלאכט פון אים, און דער רבי אליין וואלט אפשר אויך געגעבן א קליין שמייכל, וואלט אבער דער תמימות'דיגער מענטש נישט פארשטאנען אדער געוויסט וואס איז דאס געלעכטער, ער האט דאך נאר געזאגט זיין נאמען פארן רב'ן, צוליב וואס לאכט מען? וואס פאר א זינד בין איך שוין באגאנגען? עכ"פ, זעהן מיר פון דעם אז זיך פאהרשטעלן מיט א גוי'שען נאמען פאר א צדיק הדור ווען ער פרעגט אויפן נאמען, אויב איז דאס מיט זיין תמימות, ווייזט דאס אויף זיין שוואכן מצב הרוחני, אז עס איז גאר שוואך. אזוי איז ממש געווען ביי די עולי הגולה בזמן בית שני, ווי דער פסוק זאגט[329] "וְאֵלֶּה בְּנֵי הַמְּדִינָה - די זענען די מענטשען פונעם לאנד, הָעֹלִים מִשְּׁבִי הַגּוֹלָה - וואס זענען ארויפגעקומען פון די געפאנגענע פון גלות, וכו'... אֲשֶׁר בָּאוּ עִם זְרֻבָּבֶל - וואס זענען ארויפגעקומען מיט זרובבל, יֵשׁוּעַ נְחֶמְיָה שְׂרָיָה רְעֵלָיָה מָרְדֳּכַי בִּלְשָׁן" וכו'. זיי זענען געווען די צדיקי הדור וואס יעדער האט זיך פארזאמעלט אונטער זייער פאן ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל. זיי זענען געווען די וואס האבן געפרעגט פון יעדן איינעם פאר זייער נאמען, כדי זיי אויפצוצייכענען אויפן ליסטע, צו וויסן די נעמען פון די וואס זענען ארויף מיט זיי צוזאמען. און עס איז זיכער אז יעדער האט זיי געגעבן דעם אידישן נאמען וואס זיי האבן געהאט, און נישט די גוי'שע נעמען, עס וואלט זיי נישט געווען קיין כבוד זיך צו באניצען מיט דעם גוי'שען נאמען פאר די צדיקים. אבער עס איז אויך געווען צווישן זיי אזוילכע מענטשען וואס זענען געווען אויף אזא נידעריגן רוחניות'דיגן שטאפל, ביז זיי האבן ניטאמאהל פארשטאנען אז עס איז נישט א כבוד פאר זיי זיך צו באנוצען מיט גוי'שע נעמען פארן צדיק. איז יעצט ווען מען פרעגט אים, וואס איז דיין נאמען? ענטפערט ער, בַּרְקוֹס, סִיסְרָא, תָמַח וכדו'. ער האט זיך בכלל נישט געשעהמט פון די צדיקים מיט אזא נאמען. ווייל זיי זענען געווען אזוי איינגעטינקען און אויסגעמישט צווישן די גוים אז זיי האבן נישט געוויסט און בכלל נישט געהאט א מושג פון א אידישן לעבן. וועגן דעם ענדיגט דארט צו דער פסוק[326], "וְלֹא יָכְלוּ לְהַגִּיד בֵּית אֲבוֹתָם וְזַרְעָם אִם מִיִּשְׂרָאֵל הֵם", און ווי רש"י שרייבט, אז זיי האבן פארלוירן זייער יחוס און נישט געוויסט אויב זיי שטאמען פון אידן. זעהט אויס בפשטות, אז דער פסוק וויל אונז מרמז זיין אויף דאס וואס איך האב געשריבן, ווי אזוי קען זיין אז מען שעמט זיך נישט צו קומען מיט גוי'שע נעמען פאר די צדיקי הדור? אויף דעם ענטפערט דער פסוק, אז זיי האבן זיך אזוי געמישט צווישן די גוים, אז זיי האבן נישט געוויסט אויב זיי זענען מזרע ישראל, זיי האבן בכלל נישט פארשטאנען אז דאס וועט נישט זיין א כבוד, דאס איז אמת וברור אינעם ביאור פונעם פסוק בעזה"י. עכ"פ, האב איך גוט געשריבן, אז דאס אליינס אז מען קען זיך פאהרשטעלן פאר די צדיקי הדור מיט א גוי'שע נאמען, דאס אליין טוט מעיד זיין אויפן

המשך בדף ב'

---

[327] פרק א, סי' י
[328] היינט צוטאגס טשעכיי
[329] עזרא ב, א-ב

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל


**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## חיבת הארץ ואהבת ישראל

אמר הקדוש ברוך הוא חביבה עלי ארץ ישראל יותר מן הכל למה שאני תרתי אותה וכה"א (יחזקאל כ, ו) "ביום ההוא נשאתי ידי להם וגו' ארץ אשר תרתי להם זבת חלב ודבש צבי היא לכל הארצות" וכה"א (ירמיה ג, יט) "ואתן לך ארץ חמדה נחלת צבי צבאות גוים"... להודיעך שאין חביבה כא"י א"ל הקב"ה למשה הן הארץ חביבה עלי שנאמר (דברים יא, יב): "ארץ אשר ה' אלהיך דורש אותה תמיד" וישראל חביבין עלי שנאמר (שם ז, ח) "כי מאהבת ה' אתכם" אמר הקדוש ברוך הוא אני אכניס את ישראל שהן חביבין עלי לארץ שחביבה עלי שנאמר כי "אתם באים אל ארץ כנען".

(במדבר רבה פרק כג, אות ז)

## מצות עשה של ישיבת הארץ

**והורשתם את הארץ וישבתם בה כי לכם נתתי את הארץ לרשת אתה.** על דעתי זו מצות עשה היא יצוה אותם שישבו בארץ ויירשו אותה כי הוא נתנה להם ולא ימאסו בנחלת ה', ואלו יעלה על דעתם ללכת ולכבוש ארץ שנער או ארץ אשור וזולתן ולהתישב שם יעברו על מצות ה'. ומה שהפליגו רבותינו (כתובות קי) במצות הישיבה בארץ ישראל ושאסור לצאת ממנה וידונו כמורדת האשה שאינה רוצה לעלות עם בעלה לארץ ישראל וכן האיש בכאן נצטווינו במצוה הזו, כי הכתוב הזה היא מצות עשה ויחזיר המצוה הזו במקומות רבים באו ורשו את הארץ (דברים א, ח) אבל רש"י פירש (במדבר לג, נג) והורשתם את הארץ והורשתם אותה מיושביה אז וישבתם בה תוכלו להתקיים בה ואם לאו לא תוכלו להתקיים בה ומה שפירשנו הוא העיקר.

(רמב"ן, במדבר לג, נג)

## והורשתם את הארץ

והורשתם את וגו' וישבתם וגו'. רש"י ז"ל פירש שהמצוה היא והורשתם אבל וישבתם הוא הבטחה, ורמב"ן ז"ל פירש שהמצוה היא וישבתם ומכאן סמכו לומר (כתובות קי.) הכל מעלין לארץ ישראל... ונראה פשט הכתוב כדברי רש"י ממה שגמר אומר כי לכם וגו' לרשת אותה, ואם הישיבה היא המצוה היה לו לתלות בעיקר המצוה ולומר כי לכם וגו' לשבת בה.

(אוה"ח הק', במדבר לג, נג)

## קנין הארץ

ועדיין ראוי הי' להיות סדר הפסוק וישבתם בארץ וירשתם אותה כי לכם וגו'. אלא למדנו עוד דבעינן שידעו בשעת ישיבה שקונין בזה ולא ישיבה בעלמא. והוי כדאי' ביבמות דנ"ב בעודר בנכסי הגר וכסבור שלו היא לא קני. וה"נ אי ישבו שלא לשם ירושה לא קנו. אלא והורשתם את הארץ וישבתם בה.

(העמק הדבר, במדבר לג, נג)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

שפלות הדור פון די עולי בית שני. פונדעסטוועגן דאך, אויף אזוילכע מענטשען האבן חז"ל מעיד געווען אין מדרש, אז אפילו זייערע נעמען זענען מאוס, זענען אבער זייערע מעשים שיין פארן אייבירשטען.

יעדער וואס זעהט די דברי חז"ל הנ"ל וועט זיך זייער וואונדערן, וויאזוי קען מען זאגן אויף אזוילכע מענטשען אז זייערע מעשים זענען שיין, עס איז דאך באקאנט אז די עולה גולה אין די צייט פון עזרא האבן געהאט גאר שלעכטע מעשים און זענען געווען זייער זינדיג. זעה אין רד"ק (אנהויב מלאכי[330]), ווי ער שרייבט, "דער דור וואס איז ארויף פון בבל, האבן רוב פון זיי אנגעהאלטן אין נישט גוטע מעשים, זיי זענען געווען פארהייראט צו גוי'שע ווייבער, ווי מיר זעהן אז עזרא האט זיי געמוסר'ט אויף דעם, אויך מלאכי האט זיי אויף דעם געמוסר'ט ווי ער האט געזאגט[331] "וּבָעַל בַּת אֵל נֵכָר", ווי אויך מיט חילול שבת זענען זיי נישט געווען געווארענט און אין נאך זאכען, ווי עס שטייט אין ספר עזרא", עכ"ל. דער פסוק שרייבט דאס ארויס קלאר (עזרא ט[332]), "נִגְּשׁוּ אֵלַי הַשָּׂרִים לֵאמֹר - די הערן האבן געוועהנט צו מיר אזוי צו זאגן, לֹא נִבְדְּלוּ הָעָם - דאס פאלק האט זיך נישט אפגעשיידט, יִשְׂרָאֵל וְהַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם - די ישראל, די כהנים מיט די לוים, מֵעַמֵּי הָאֲרָצוֹת - פון די פעלקער פון די לענדער, כְּתוֹעֲבֹתֵיהֶם לַכְּנַעֲנִי - זיי האלטן אן מיט די אומווערדיגקייטן פון די כנעניים וכו' (דער מצודות איז מפרש, דאס מיינט אז זיי טוען נאכאלס ווי די תועבות פון די כנעניים) וְיַד הַשָּׂרִים וְהַסְּגָנִים - און די האנט פון די הערן און זייערע אונטער-הערן, הָיְתָה בַּמַּעַל הַזֶּה רִאשׁוֹנָה - זענען געווען פארמישט אין דעם די ערשטע" (איז דער מצודות מפרש, פון זיי האט זיך דאס איבעריגע פאלק געלערנט). אין נחמי' שטייט[333] "וְלֹא שָׁבוּ מִמַּעַלְלֵיהֶם הָרָעִים - זיי האבן זיך נישט אפגעקערט פון זייערע שלעכטע מעשים". אין עזרא שטייט[334] "הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתֶּם בָּאִים לְרִשְׁתָּהּ - דאס לאנד וואס איר קומט איר ירש'נען, אֶרֶץ נִדָּה הִיא - זי איז א פארשטויסענע לאנד, בְּנִדַּת עַמֵּי הָאֲרָצוֹת - מיט דאס אפשטויסעניש פון די פעלקער פון די לענדער, בְּתוֹעֲבֹתֵיהֶם - וועגן זייערע אומווערדיגקייטן, אֲשֶׁר מִלְאוּהָ מִפֶּה אֶל פֶּה בְּטֻמְאָתָם - וואס זיי האבן אנגעפילט פון איין עק ביזן צווייטן עק מיט זייער טומאה". און אין נחמי' שטייט[335] "וָאָרִיבָה אֵת חֹרֵי יְהוּדָה - איך האב מיך געקריגט מיט די שטאלצע לייט פון יהודה, וָאֹמְרָה לָהֶם - און איך האב געזאגט צו זיי, מָה הַדָּבָר הָרָע הַזֶּה אֲשֶׁר אַתֶּם עֹשִׂים - וואס איז דאס, די שלעכטע זאך וואס איר טוט, וּמְחַלְּלִים אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת - און איר טוט פארשוועכן דעם שבת... הֲלוֹא כֹה עָשׂוּ אֲבֹתֵיכֶם - האט דאס אייערע עלטערן דען נישט געטוהן, וַיָּבֵא אֱלֹקֵינוּ עָלֵינוּ - און אונזער באשעפער האט אויף אונז געברענגט, אֵת כָּל הָרָעָה הַזֹּאת - די אלע שלעכטס, וְעַל הָעִיר הַזֹּאת - און אויף דעם שטאט, וְאַתֶּם מוֹסִיפִים חָרוֹן עַל יִשְׂרָאֵל - און איר טוט יעצט צולייגן א צארן אויף אידן, לְחַלֵּל אֶת הַשַּׁבָּת - מיטן מחלל זיין דעם שבת!". זעה אויך אין מס' קידושין[336], ווי חז"ל טוען דרש'נען אויפן פסוק וואס איך האב אויבן אראפגעברענגט[337] "וְאֵלֶּה הָעוֹלִים - און די זענען וואס זענען ארויפגעקומען, מִתֵּל מֶלַח - פון תל מלח" - אז זייערע מעשים זענען געווען גלייך צו די מעשה סדום וואס האט זיך איבערגעקערט צו א הויפן זאלץ, ווייל זיי זענען געווען זינדיג און שלעכט פארן אייבירשטען מיט גזל און עריות (עיי"ש רש"י). זעה אויך אין ספורנו (שיר השירים) אינעם פסוק[338] "אֶל גִּנַּת אֱגוֹז יָרַדְתִּי", אז דער אייבישטער רעדט זיך אפ אויף די צדיקים און אנשי מעשה וואס זענען געבליבן אין בבל, פארוואס זענען זיי נישט ארויף מיט די עולי בבל קיין ארץ ישראל, ווייל עס איז דארט נישטא צו ווען דער שכינה זאל רוען צווישן זיי, עיי"ש. און נאך אלעמען, ווי אזוי קען מען זאגן אויף די עולים כאילו זייערע מעשים זענען געווען שיין און נאר די נעמען זענען געווען מאוס, אזוי ווייט אז חז"ל האט זיי גענומען אלס א דוגמא "עס איז דא אזוילכע וואס זייערע נעמען זענען מאוס און זייערע מעשים זענען שיין - דאס זענען די עולי הגולה", און ווי אזוי קען מען זאגן אויפן דור פון די עליה, וואס זיי זענען געווען א דור פיל מיט שלעכטע מעשים, אז זייערע מעשים זענען גאר שיין, ווי ליגט זייער שיינקייט? דאס איז א גאר שטארקע פליאה, הפלא ופלא!

מוז זיין, אז מיר מוזן זאגן, אז די שיינקייט זייערע איז געווען - אין די מעשה עליה אליין, און אין דעם מעשה הבנין וואס זיי האבן געבויט דאס לאנד און נאכדעם דעם בית המקדש, מיט דעם איז דאס געווען זייער שיינקייט, און עס איז געווען זייער באוויליגט ביים אייבירשטען, אפילו וואס אן דעם האבן זיי עובר געווען כמעט אויף די גאנצע תורה, ר"ל, פונדעסטוועגן דאך, מיט דעם איז זייער מעשה געווען שיין פארן אייבירשטען.

המשך בגליון הבא אי"ה

[330] מלאכי א, א
[331] שם ב, יא
[332] פסוק א-ב
[333] ט, לה
[334] ט, יא
[335] יג, יז-יח
[336] ע, ע"א
[337] נחמיה ז, סא
[338] שיר השירים ו, יא

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### יריחו

דרום בקעת הירדן

דער אור-אלטער שטאט יריחו איז 250 מעטער אינטערן ים-פלאך, וואס דאס מאכט דעם שטאט אלס די נידעריגסטע באוואוינטע שטאט אין די וועלט. לעת עתה איז עס אונטער דעם פאלעסטינער הערשאפט, ווי אידן קענען מער נישט אריינקומען.

רש"י הק' זאגט (ברכות מג ע"א) אז די נאמען יריחו איז צוליב דעם פיינעם ריח וואס איז געקומען פון די אלע בשמים וואס זענען דארט געוואקסן. עס רעגנט דארט כמעט נישט איבערן יאר, רוב וואסער נעמט מען פון צוויי קוועלער פון די געגענט.

יריחו איז געווען די ערשטע שטאט וואס די אידן האבן איינגענומען ביים אריינקומען קיין ארץ ישראל. דאס איינעמען איז פארגעקומען בדרך נס נאך דעם וואס מען האט אהינגעשיקט מרגלים. יהושע בן נון האט געשאלטען דער וואס וועט צוריקבויען דעם שטאט (יהושע ו, כו) ווי עס האט טאקע שפעטער פאסירט אין די תקופה פון אחאב (מלכים א, טז, לד), למעשה וויבאלד עס איז שוין געווען צוריק אויפגעבויט, האט מען זיך ווידער דארט באזעצט.


א טייל פון די אור-אלטע חומה

אין יאר תרל"ב (1872) האט די טערקישע רעגירונג געוואלט פארקויפן צוויי דריטל פונעם שטאט, און א אידישע גרופע "חברה לקניית אדמת יריחו" האט עס אפגעקויפט, און עס געוואלט נעמען "פתח תקווה". אבער אזוי ווי דער סולטאן האט עס געהערט, האט ער אנגעבאטן מער געלט און עס גענומען צו זיין רשות. דורכאויס יענע תקופה ביז תרצ"ט (1938) האבן דארט נאך געוואוינט אידן. עס איז געווארן איינגענומען ביי די מלחמת ששת הימים, און אין יאר תשנ"ד (1994) איז דאס געווען די ערשטע שטאט וואס איז אריבער צו די פאלעסטינער נאך דעם אסלוי אפמאך. ביי די צווייטע אינטיפאדא האבן די רוצחים פארברענט דעם גאר אלטען אידישן בית הכנסת פון יריחו.

אינדרויסן פון שטאט איז דא די קוואל "מעיין אלישע", ווי עס ווערט דערציילט אז די וואסער איז געווארן זייער ביטער און אלישע האט עס אויסגעהיילט בדרך נס (מלכים ב, ב, יט-כב).


הייזער אין די שטאט יריחו

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצובערענגן שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 61
דברים
ח' אב תשפ"א
July 17, 2021

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### שלשה ירושות

לתת להם ולזרעם אחריהם. דרשו רז"ל לתת להם אלו עולי מצרים, ולזרעם אלו עולי בבל, אחריהם לימות המשיח, כן דרשו באלה הדברים רבה. ונראה שהוצרכו לדרוש כן ממה שמצינו שלשה פסוקים ובכל אחד ואחד מוסיף והולך, והוא שכתוב (דברים יא, כא) למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה אשר נשבע ה' לאבותיכם לתת להם כימי השמים על הארץ, ובסוף והיה עקב (שם) כתיב לתת להם ולזרעם אחריהם ארץ זבת חלב ודבש, וכאן הזכיר לתת להם ולזרעם אחריהם, ולכך דרשו שלשה ירושות.

(רבינו בחיי, דברים א, ח)

### כח הבטחון להשיג ארץ ישראל

ראה נתתי לפניכם את הארץ באו ורשו את הארץ וכו' י"ל והלא עדיין הם במדבר ולא נכנסו ואיך אומר להם ראה נתתי לפניכם והם רחוקים ממנה ונ"ל בס"ד דגדול כח הבטחון שעל ידו ישיג האדם את חפצו אע"פ שהוא רחוק ממנו למאד על כן ישראל בעודם במדבר אם יציירו בדעתם שכבר נתן הקב"ה הארץ לפניהם אשר מגודל בטחונם בהשי"ת יחשבו כאלו המבוקש הגיע לידם בזה יהיו זוכים להשיגו ולבא לידם באמת וז"ש ראה נתתי לפניכם את הארץ עיצה טובה קמ"ל כדי לדחות בזה הקטרוגים שתראה בדעתך כאלו כבר נתתי לפניכם את הארץ ובזכות הבטחון הזה אז בואו ורשו את הארץ אשר נשבע ה' לאבותכם לתת להם ולזרעם אך בתנאי שילכו אחריהם כלומר אחרי מנהג אבותם כמש"ה ויתן להם ארצות גוים וכו' בעבור ישמרו חוקיו ותורותיו ינצורו.

(בן איש חי, דרשות, דברים ה')

### אין מנוחה אלא ארץ ישראל

ר' יהודה אומר: אלו זכו ישראל - לג' ימים היו נכנסים לארץ, שנאמר (במדבר י) וארון ברית ה' נוסע לפניהם דרך ג' ימים לתור להם מנוחה, ואין מנוחה אלא ארץ ישראל, שנא' (דברים יב) כי לא באתם עד עתה אל המנוחה ואל הנחלה אשר ה' אלהיך נותן לך.

(ספרי, דברים ב, ב)

המשך בדף ב'



הכנרת בטבריה, מול הרי הגולן

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

וועגן דעם אליין זענען זיי ווערט געווען צו ווערן אנגערופען שיין, און זיי צו נוצען פאר א דוגמא ארויסצוברענגען "יש ששמותיהם כעורים - עס זענען דא אזוילכע וואס זייערע נעמען זענען מאוס, אבער מעשיהם נאים - זייערע מעשים זענען שיין". אפשר וועגן וואס עס שטייט אין ספרי[339], אז די מצוה פון ישוב ארץ ישראל איז אזוי גרויס, אז עס וועגט ווי די גאנצע תורה. יעצט נאכדעם וואס זיי האבן אין דעם עוסק געווען, האט עס זייער שטארק מכריע געווען דעם זכות. ביז מען האט אויף זיי געקענט זאגן אז זייערע מעשים זענען שיין, ווי איך האב פריער געשריבן. עכ"פ, מיר זעהן ווי שטארק עס איז באליבט ביים אויבערשטען דאס בנין פון דעם הייליגן לאנד, זאל זיין ווער עס זאל נאר זיין, אפילו פון די גאר שוואכע אידן, ח"ו, ביז זיי זענען אנגערופען געווארן אויף דעם אליין "מעשיהם נאים". דאס איז א ראי' וואס האט נישט קיין תשובה אויף דעם. זעה אין רש"י (שיר השירים) אויפן פסוק[340] "יָפָה אַתְּ רַעְיָתִי - שיין ביזטו מיין פריינט, כְּתִרְצָה - ווען די ביזט באוויליגט פאר מיר מיט דיינע מעשים, נָאוָה כִּירוּשָׁלָם - שיין ווי אמאהל אין ירושלים" וואס ער איז דאס מפרש, אז דאס גייט ארויף אויף די בוני ירושלים און בית המקדש אין די צייטען פון עזרא. דאס טייטשט, אז דער אייבישטער אליין האט אנגערופען די עולי הגולה מיט דעם נאמען" יָפָה ונאים". אויב אזוי, זענען חז"ל גערעכט געווען מיט דעם וואס זיי האבן געשריבן אויף די עולי הגולה אז זייערע מעשים זענען שיין, ווייל צוליב זייער ארויפגיין און בויען, מיט דעם אליין - זענען זיי שוין ראוי געווען צו ווערן אנגערופען נאים. אויך זעהן מיר ביי עזרא[341] אז ערשט צוואנציג יאר נאכן בויען, האט ער זיך גענומען זיי צו דערווייטערן פון די נישט אידישע ווייבער, ער האט געשריגן, זיך געריסן דאס האר פון קאפ און פארפירט, ער האט געטוהן וואס ער האט געטוהן, ביז עס איז אים געלונגען זיי צו מטהר זיין און זיי ריינינגן פון זייערע הארבע עבירות. אבער אין אנהייב בשעת זיי זענען ארויפגעגאנגען, האט ער גארנישט געטוהן דערוועגן, ער האט נאר צוזאמגענומען און פארזאמעלט יעדער וואס איז געקומען, יהי' מי שיהי', ער האט נישט נאכגעפרעגט אויף זייערע מעשים, ווי אויך האט ער גוט געוויסט וועגן זייערע שלעכטע מעשים, פונדעסטוועגן דאך האט ער זיי נישט מרחק געווען און ער האט זיי אויפגענומען מיט ביידע הענט. וויבאלד ער האט געוויסט אז דאס בויען און באזעצן פונעם לאנד דארף צוקומען צו אסאך מענטשען, און ווי מער מענטשען וועלן זיך משתתף זיין דערמיט, וועט זיך עס מער אפצאלען. און אפשר האט ער געוויסט מיט רוח הקודש, אז זייערע מעשים זענען שיין און באוויליגט ביים אייבירשטען, וועגן דעם האט ער זיך נישט נאכגעפרעגט אויף די מעשים פון די וואס זענען געקומען העלפן.*

*[342]די גמרא זאגט אין מס' עבודה זרה[343], "תא חזו - קום און זעה, מה בין גנבי בבל - וואס איז די חילוק צווישן די גנבים פון בבל, לליסטים דארץ ישראל - און די רויבער פון ארץ ישראל", זעה דארט פירוש רש"י. דער גאון רבינו שלמה קלוגער ז"ל שרייבט דארט אין זיין ספר "עבודת עבודה" אויפן פסוק[344] "וּלְצִיּוֹן יֵאָמַר אִישׁ וְאִישׁ יֻלַּד בָּהּ וְהוּא יְכוֹנְנֶהָ עֶלְיוֹן", ברענגט ער דארט ארויס א חילוק צווישן חוץ לארץ און ארץ ישראל. אין ארץ ישראל - אפילו די רשעים וואס זענען דארט, ווערט פון זיי אויך נמשך א טובה און א הנאה פארן אייבירשטען. מיט דעם איז ער מפרש דעם פסוק הנ"ל, אז דוד המלך זאגט דא דעם דערמאנטען חילוק, [345]"נִכְבָּדוֹת מְדֻבָּר בָּךְ -די שענסטע זאכן ווערן גערעדט פון דיר, עִיר הָאֱלֹקִים סֶלָה - פון דעם ג-טליכען שטאט", ווייל אין חו"ל ווערט פארן אייבירשטען נישט גערעכנט נאר די וואס קענען אים. אבער די וואס קענען אים נישט און זיי זענען רשעים, האט ער נישט פון זיי קיין כבוד און הנאה. דאס מיינט ער צו זאגן מיט דעם חילוק פון חו"ל און א"י - ווי עס שטייט דארט ווייטער[346] "אַזְכִּיר רַהַב וּבָבֶל - איך דערמאן רהב און בבל נאר, לְיֹדְעָי - צו די וואס קענען מיר", די וואס קענען מיר און ווייסן פון מיר, פאר זיי וועל איך גדענקען זייער פלאץ. "הִנֵּה פְלֶשֶׁת וְצוֹר עִם כּוּשׁ - אט זענען די פעלקער פלשת, צור און כוש", זיי זענען נישט חשוב אין מיינע אויגן נאר מכח "זֶה יֻלַּד שָׁם - ער איז דארט געבוירן" - דאס מיינט אז נאר דער וואס קען מיר, דער איז יֻלַּד שָׁם דארט ווי זיין פלאץ איז, אבער דער וואס קען מיר נישט, זענען זייערע פלעצער גערעכנט פאר מיר ווי גארנישט מיט נישט. אבער "וּלְצִיּוֹן יֵאָמַר - אבער אויף ציון קען געזאגט ווערן, אִישׁ וְאִישׁ - א יעדער איינער" - סיי א צדיק און סיי א רשע, פאר ביידע פון זיי איז זייער פלאץ חשוב פאר מיר, ווייל זיי ביידע זענען דארט געבוירן. פון דא האבן מיר א סימן, שעתיד הקב"ה איר מחדש צו זיין א צווייטע מאהל אזוי ווי אמאהל. אויב מיר זעהן אז אויך יעצט ווען מיר געפינען זיך אין גלות און ארץ ישראל שטייט חרוב, און דאך זענען די רשעים פון ארץ ישראל און די רשעים פון חו"ל נישט גלייך, פון דעם ווייזט אויס, אז די קדושה איז נאכאלס דא אינעם לאנד און איר קדושה איז פון איר נישט אוועקגעגאנגען. פון דעם ווייזט זיך אויס אז דאס לאנד איז עתיד צו באנייט ווערן דאס צווייטע מאהל ווי אין אנהייב. דאס מיינט דער פסוק "וּלְצִיּוֹן יֵאָמַר אִישׁ וְאִישׁ יֻלַּד בָּהּ" - סיי דער צדיק און סיי דער רשע, פון זיי אלע ווערט דערקענט כבודו יתברך, אז זיי זענען געבוירן געווארן אין ארץ ישראל, און זיי זענען נישט גלייך צו די רשעים פון חוץ לארץ, און דאס וועט זיין א סימן "וְהוּא יְכוֹנְנֶהָ עֶלְיוֹן" דער אייבישטער וועט זי פעסטשטעלן פון דאס ניי און די קדושה פון איר וועט קיינמאהל נישט אוועקגיין לגמרי. עד כאן דבריו הקדושים. דאס איז א ראי' צו וואס איך האב געשריבן אז מען טאר נישט מזלזל זיין אין די בויערס, ח"ו, ווייל דער אייבישטער באליבט זיך אויך פון זיי, און זייערע מעשים זענען וויליג ביים אייבירשטען, זיי וועלן נתעלה ווערן מיט א שלימות עליונה, אמן כן יהי רצון.

ווער קען היינט זיך אופשטעלן אין אונזערע צייטן און באטיטלען די עולים פון אונזערע זמנים מיטן נאמען "כעורים - פארמאוס'טע" אדער ח"ו אלס "רשעים", און באשמוצען זייערע מעשים מיט דאס וואס זיי האבן געבויט און אויפגעבליהט דאס לאנד מיט מסירת נפש ממש, און רעדן

המשך בדף ב'

[339] פר' ראה, פיסקה כח
[340] שיר השירים ו, ד
[341] פרק ט
[342] המחבר הוסיף זה כהוספה
[343] דף כו, ע"א
[344] תהלים פז, ה
[345] תהלים פז, ג
[346] תהלים פז, ד

יוצא לאור ע"י מכון: לבי במזרח, ירושלים עיה"ק

הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך: שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

# בשבילי הארץ

ועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## שבח ארץ ישראל

צידנים יקראו לחרמון וגו'. ובמקום אחר הוא אומר (דברים ד) "ועד הר שיאן הוא חרמון", הרי לו ארבעה שמות, למה הצרכו לכתב? להגיד שבח ארץ ישראל – שהיו ארבע מלכיות מתפארות בכך, זו אומרת על שמי יקרא, וזו אומרת על שמי יקרא.

(רש"י, דברים ג, ט)

## כטל חרמון

צידונים יקראו לחרמון שריון. דהוא הר מבורך מאד עד שנמשל ברכת הר ציון בו כדכתיב כטל חרמון שיורד על הררי ציון כי שם צוה ה' את הברכה. וכתיב על כן אזכרך מארץ ירדן וחרמונים מהר מצער וסיבת ברכתו הוא השלג שעליו תמיד ושלג טוב לפירות ומש"ה קראו הצידונים בלשונם בשם שמורה בלה"ק שריון. וכת"י דמסרי פירי מרוב שומן. ושניר הוא שלג המשביע את האדמה.

(העמק הדבר, דברים ג, ט)

## חיבת הארץ

צידונים יקראו לחרמון שריון (דברים ג, ט), תנא שניר ושריון מהרי ארץ ישראל מלמד שכל אחד ואחד מאומות העולם הלך ובנה לו כרך גדול לעצמו והעלה לו על שם הרי ארץ ישראל ללמדך שאפילו הרי ארץ ישראל חביבין על האומות העולם.

(חולין ס, ע"ב)

## קיבוץ גליות

בְּטֶרֶם תָּחִיל יָלָדָה בְּטֶרֶם יָבוֹא חֵבֶל לָהּ וְהִמְלִיטָה זָכָר (ישעיהו סו, ז), נבא כי זמן רב לפני ביאת הגואל יתקבצו אנשים מועטים מבני הגולה ויקבעו דירתם בירושלים, ואחר שנים רבות שישבו שמה יבואו להם החבלי יולדה שהיא מלחמות גוג ומגוג ואז יתחיל הקיבוץ הגדול הכללי, אומר "בטרם תחיל ילדה" כבר יהיה לעיר ירושלים לידה קטנה בטרם תחיל, ולא לבד בטרם תחיל כי גם "בטרם יבא חבל לה", שלא תהיה עוד העת כלל שיבא חבל לה שהם חבלי יולדה שהוא שנים רבות לפני זמן הגאולה, "כבר המליטה זכר", כי עדן לא ילדה רבתי עם רק מתי מספר שיקבעו דירה שמה, לכן מצייר שילדה רק זכר אחד, ר"ל אנשים מתי מספר.

(מלבי"ם ישעי' סו, ז)

## פירות ארץ ישראל

בגמרא הקשו למה נתאווה משה ליכנס לארץ ישראל וכי לאכול מפריה הוא צריך. וקשה הלא חזינן דאנשי כנה"ג קבעו ברכה מעין ג' בקשה על זה ונאכל מפריה ונשבע מטובה, אך באמת דבר גדול הוא שפירות ארץ ישראל מסוגלים ליראה כמו דאיתא במדרש, רק לגבי משה מילתא זוטרתא הוא היראה כנודע, ע"כ הקשו שפיר בגמרא וכי לאכול מפריה הוא צריך דייקא.

(עירין קדישין, בין המצרים)

אם הבנים שמחה - המשך מדף א'

אויף זיי מיט בזיון. וואס זיי האבן מיט דעם מקיים געווען, אפילו אן זייער וויסן דעם גרויסן מצות עשה פון[347] "וִירִשְׁתָּהּ וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ", מיט די אלע תיקונים וואס איז ביי דעם שייך, בנגלה ובנסתר. ווי איך האב שוין אויפגעוויזן אין די פתיחה פון דעם ספר, (זעה דארט וואס איך האב אראפגעברענגט בשם מהר"ם חאגיז און "חסד לאברהם" וועגן דעם עונש פון די וואס רעדן אויף די וואס וואוינען אין ארץ ישראל). מיט א פולען מויל זאג איך, אז זייערע מעשים זענען שיין פארן אייבערשטען און זייער שכר איז זייער גרויס, הלואי מיין חלק זאל זיין מיט זיי אין דעם. מען דארף נאר בעטן פון זיי אז פון היינט און ווייטער זאלן זיי גיין בדרך ה', בדכי התורה והיראה, אלעס זאל געטוהן ווערן מיטן רוח התורה און לויטן באפעהל פון די גדולי הדור און די חכמי התורה. דאס וועלן מיר דערגרייכן בעזה"י, אויב מיר וועלן זיי מקרב זיין מיט אהבה און ליבשאפט און כבוד צו זיי, ווי דער כלל איז, דברי חכמים בנחת - ישמעו[348], נישט מיט קיין רעש און נישט מיט שרייען קולות אויף זיי, זיי וועלן דעמאלטס זיך אונטערווארפן צום רוח התורה והיראה, און מיר וועלן זיי קענען מטהר זיין, אזוי ווי עס איז געווען דורך עזרא, זיי צו מקרב זיין צו די תורה הקדושה, נאכדעם וואס זיי האבן געזעהן אז ער האט זיי מקרב געווען און זיי נישט מרחק געווען פון זיך. דאס איז אמת וברור פאר יעדן וואס וויל נאר זעהן דעם אמת.

זעה רש"י אויפן פסוק[349] "הַדּוּדָאִים נָתְנוּ רֵיחַ - די קערבלעך מיט פייגן געבן ארויס א גיטן ריח", שרייבט ער, די קערבלעך פון די פייגן, די גוטע מיט די שלעכטע, ווי דער פסוק[350] "הִרְאַנִי ה' - דער אייבישטער האט מיר געוויזן, וְהִנֵּה שְׁנֵי דּוּדָאֵי תְאֵנִים - און אט צוויי קערבלעך פון פייגן", איין קארב איז פון גוטע פייגן, און איין קארב איז פון זייער שלעכטע פייגן - דאס זענען די פושעי ישראל, יעצט געבן ביידע פון זיי ארויס דעם ריח - זיי אלע זוכען דיין פנים", עכ"ל. דאס אלעס איז מרמז אויף די עליה און בויען פון דעם בית שני, אזוי אויך איז דאס שייך אויף דאס עליה און בויען פון אונזערע צייטן.

נאך א ראי' צו אונזערע ווערטער, פון וואס איך האב אויבן אראפגעברענגט (אות יד) אז עס איז געווען אן איינגעבאקענע שנאה פון די בני ארץ ישראל צו די בני הגולה צוליב דאס וואס זיי זענען נישט ארויפגעגאנגען אין די צייטן פון עזרא. לכאורה וואס איז די סיבה אז מען האט זיי פיינט געהאט, אפשר איז דאס געווען צוליב וואס רוב פון די עולים זענען נישט געווען עהרליכע מענטשען, נאר פארקערט גאר נידעריג און גרויסע חוטאים, ווי מיר זעהן אין קידושין[351] וואס איך האב שוין פריער אראפגעברענגט, וועגן דעם האבן זיי זיך נישט געוואלט משתתף זיין מיט זיי. מוז זיין אז למעשה האבן זיי נישט גוט געטוהן מיט דעם, ווייל וויבאלד זיי זענען נישט ארויפגעגאנגען האבן זיי גורם געווען אז עס זאל נישט זיין די גאולה שלימה, און אויב וואלטן זיי יא ארויפגעגאנגען וואלטן זיי פארמערט קדושה און טהרה ביי אלע אידן, אז אויך די שוואכערע וואלטן בעסער געווארן, און אלעס וואלט געווען בשלימות. אזוי אויך איז דאס אלס שייך אין אונזערע זמנים, וואס אויב וואלטן אלע זיך משתתף געווען אין דעם וואלט דאס קדושת הארץ געווען בשלימות, ווי איך האב אויבן אראפגעברענגט פון חתם סופר און פון מהר"ם שיק, אזוי האט אויך געשריבן רבינו הקדוש מגור שליט"א, ווי איך וועל אי"ה שפעטער אראפברענגען.

**לא.** דער נביא האט געזאגט[352] "הָרִימִי בַכֹּחַ קוֹלֵךְ - הייב אויף דיין קול מיט כח, מְבַשֶּׂרֶת יְרוּשָׁלִָם דער וואס איז מבשר פאר ירושלים, וכו', אִמְרִי לְעָרֵי יְהוּדָה - זאג פאר די שטעט פון יהודה, הִנֵּה אֱלֹקֵיכֶם - אט איז אייער ג-ט", עכ"ל הפסוק. די ווערטער פון "אִמְרִי לְעָרֵי יְהוּדָה הִנֵּה אֱלֹקֵיכֶם" איז בכלל נישט פארשטענדליך, עס פעלט עפעס פונעם פסוק, עס איז משמע כאילו ער וויל זאגן עפעס אן ענין וואס ג-ט וויל טוהן צו די שטעט פון יהודה. אויך די ווערטער "הִנֵּה" וויזט אויף א נייע זאך וואס ווערט דא מחודש, ווי מיר ווייסן פון די כללים פון די ווערטער, אבער צום סוף ענדיגט זיך דער פסוק און איז נישט מסביר וואס.

איך וועל מבאר זיין דעם פסוק מיט א דבר נכון ואמת בעזה"י, איך וועל אבער קודם מקדים זיין דברי רבינו ה"אור החיים" אינעם באקאנטען פסוק[353] "וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם". ווי ער איז מבאר עפ"י דברי הרמב"ם[354] לגבי די זיבן נעמען וואס מען טאר נישט אויסמעקען, פסק'נט ער דארט איעדע נאמען וואס איז א טפל צום אייבירשטענ'ס נאמען פון פאראויס - מעג מען אפמעקן, אויב איז עס נאך דעם שם - ווי צום ביישפיל "ך" פון "אלוקיך", "כם" פון "אלוקיכם" - טאר מען נישט אויסמעקן, זיי זענען אזוי ווי די אנדערע אותיות פונעם שם, דער שם טוט זיי הייליגן. עכ"ד הרמב"ם.

המשך בגליון הבא אי"ה

[347] רמב"ן, הוספות לספר המצות לרמב"ם, עשה ד
[348] עפ"י קהלת ט, יז
[349] שיר השירים ז, יד
[350] ירמיהו כד, א
[351] דף ע, ע"א
[352] ישעיהו מ, ט
[353] דברים ד, ד
[354] פרק ו, הלכות יסודי התורה, הלכה ג

# לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## ימין משה, משכנות שאננים

ירושלים

ימין משה איז א שכונה וואס איז געגרינדעט געווארן אין יאר תרנ"א (1891) נאנט צו דעם שכונה משכנות שאננים וואס דער שר משה מונטיפיורי האט אויפגעשטעלט, און עס הייסט טאקע נאך אים. דורכאויס מלחמת השחרור איז דאס שכונה געווארן פארלאזט פון אירע איינוואוינער, אבער נאכדעם איז דאס געווארן באזעצט מיט עולים פון טערקיי און קורדיסטאן, אבער נאך מלחמת ששת הימים איז דאס געווארן פארוואנדעלט אין א טייערע שיינע געגענט.

די קרקע פון משכנות שאננים איז געקויפט געווארן מיט געלט פון דעם אמעריקאנער אידישען פילאנטראפ יהודה טורא פון ראוד איילענד. שפעטער האט משה מונטיפיורי וואס איז אויך געווען געשטעלט צו זיין דער אפיטרופוס פון טורא'ס נדבה, משלים געווען מיט די געלט אפצוקויפן דעם באדן. דער עיקר פון די שכונה איז געווען אז אידן זאלן זיך ארויסציען פון אלט-שטאט וואס איז דאן געווען זייער אנגעשטיפט. אין יאר תר"כ (1860) האט מונטיפיורי קובע געווען אז אין די הייזער זאלן וואוינען "אנשים בעלי מידות טובות. תלמידי חכמים המקדישים את רוב זמנם ללימוד התורה ומוקירים את הטובה לגור במקום נהדר בבית יפה מבלי לשלם שכר דירה".

דעם נאמען איז געווען באזירט אויפן פסוק "וְיָשַׁב עַמִּי בִּנְוֵה שָׁלוֹם וּבְמִשְׁכְּנוֹת מִבְטַחִים וּבִמְנוּחֹת שַׁאֲנַנּוֹת" (ישעיהו לב, יח). ימין משה איז באזירט אויף "מוֹלִיךְ לִימִין מֹשֶׁה זְרוֹעַ תִּפְאַרְתּוֹ בּוֹקֵעַ מַיִם מִפְּנֵיהֶם לַעֲשׂוֹת לוֹ שֵׁם עוֹלָם" (ישעיהו סג, יב).

מונטיפיורי האט דארט אויפגעבויט א מיהל צו מאהלן ווייץ פאר מעהל צוצושטעלן פרנסה פאר די איינוואוינער, ווי אויך צוצושטעלן ביליגע מעהל פאר די ארעמעלייט. ער האט אפילו צוגעשטעלט א מומחא פון ענגלאנד וואס זאל פירען דעם מיהל.

לעבן משכנות שאננים איז געווען א ליידיגע שטח וואס דער יורש פון מונטיפיורי האט געוואלט פארדינגען, אבער די ארעמעלייט האבן געטענה'ט אז דאס איז מוקדש פאר עניי ארץ ישראל און זיך ארייגעצויגן אהין מיט געצעהלטען, למעשה איז געבליבן אז מען האט פאר זיי אויפגעשטעלט אנדערע געגנטער, וואס איז היינט אין נחלאות, ירושלים, אויך האט מען עטליכע משפחות געשיקט וואוינען קיין מאה שערים.


א הויז אין ימין משה

אין דעם בנין פון דעם מיהל קען מען זעהן א נאכגעבויטען וואגען פון משה מונטיפיורי, דער אריגינאלע איז געווארן פארברענט אין תשמ"ו (1986).

בעזהשי"ת
# בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.
"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

**ואתחנן**
ט"ו אב תשפ"א
July 24, 2021
גליון מס' 62

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### מחלוקת מונע להכנס לא"י

כי עקר העכוב מה שאין הצדיקים אמתיים יכולים להכניס את ישראל לארץ ישראל הוא מחמת קלקול הצבור והעקר על-ידי המחלקת.

(ליקוטי הלכות, אורח חיים, הל' קריאת התורה ו, לד, א)

### פירות ארץ ישראל

אף על גב דאמרינן וכי משה לאכול מפריה ולשבוע מטובה היה צריך, אנו וודאי צריכים להם כי פירות ארץ ישראל מוסיפים כח וחכמה.

(המור וקציעה, או"ח סימן ר"ח)

### מנהיג ישראל בארץ הקדושה

פרשה הראשונה ואתחנן אל ה' בעת ההיא וכו' (דברים ג, כג), מדבר מענין מתנות ארץ ישראל ושהיא מתנה טובה נגלית ונסתרת, כי היא מכוונת נגד ארץ ישראל שלמעלה, ובכל אחד מהם יש מעלות מעלות זה על גבי זה כדתנן (כלים א, ו) עשר קדושות הם בארץ ישראל כו'. ומשה רבינו ע"ה היה סובר שאף בארץ סיחון ועוג יש בה קצת מקדושת ארץ ישראל כאשר נבאר, ומעלת המנהיג את ישראל לארץ הקדושה גדול מאוד, וזהו ענין שררת ישראל ומנהיגיהם. לא כהאומות ששררותם מצד גופם וכוחם, אבל שררת ישראל של מנהיגים היא מעין מלכותא דרקיעא... וזה היה ענין תאות משה רבינו ע"ה להיות מנהיג לארץ ישראל, כי אז יוסיף עוד רוח ה' עליו, ורצה להשלים את עצמו ביותר הן במעשיות הן במושכלות במעשיות.

(שני לוחות הברית, תורה שבכתב, ואתחנן, תורה אור כ)

### כניסה לא"י

עוד י"ל, על פי הגמרא מסכת סוטה (יד.) וכי לאכול מפריה הוא צריך. ועל זה תירץ הגמרא כדי לקיים למצות התלויות בארץ, קשה הלא המצות אינם נוהגין רק אחר כיבוש, וזה כבר נגזר שלא יראה בכיבוש, כמו שמבואר מהרא"ם פרשת חקת שהבאתי. והיינו (דברים ג, כג) ואתחנן למה (תנחומא ואתחנן, ד), וכי לאכול מפריה הוא צריך. ועל זה משני כדי שיכנס לארץ, דהכניסה בעצמה מצוה, והבן.

(ישמח משה, ואתחנן ב, ט)

המשך בדף ב'



כרמים בצור הדסה

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

דאס האט ער געמיינט ביים זאגן דעם מאמר "הַדְּבֵקִים בַּה'" - דער פירוש איז, וויבאלד דער שם המיוחד איז פון הוי"ה ב"ה, וואס ביי דעם שם קען זיך קיין אות נישט באהעפטן צום סוף פונעם שם נאר פון אנהייב, ווי לה' אדער בה', און די צוגעלייגטע אותיות האבן נישט קיין קדושה און מען מעג זיי אויסמעקן, אויב אזוי, וועט דער דביקות פון די אידן זיין צום אייבירשטען אויף אזוי וועג וואס דער שם איז זיי נישט מקדש. וועגן דעם ענדיגט ער צו "אֱלֹקֵיכֶם" - וואס דער פירוש איז, דער דביקות וואס איר זענט דבוק אין ה' איז נישט אזוי ווי די אותיות פון אנהייב, נאר אזוי ווי די אותיות פון נאכן שם, די "כם" פון "אֱלֹקֵיכֶם", וואס זיי זענען הייליג פונקט ווי די אנדערע אותיות פון דעם שם. נאך שרייבט ער דארט, די סיבה פארוואס דער פסוק שרייבט אויך "בַּה'" און נישט "אֱלֹקֵיכֶם" אליין, כדי צו ווייזן אז די דביקות פון עם ישראל איז אינעם שם המיוחד אליינס. עיי"ש, ווייל זיינע ווערטער זענען אמת און וואונדערליך, ודברי אלוקים חיים. וואס מיר זעהן דא פון די ווערטער פון בעל" אור החיים", אז דער שם" אֱלֹקֵיכֶם" ווייזט אויף דביקות ישראל אינעם שם הקדוש, וואס איז א טפל צום שם אבער עס איז געהייליגט ווי דער שם אליין.

איך האב געזעהן א וואונדערליכע זאך אינעם ספר הק' "צרור המור", פון דער שווער פונעם זיידען פון רבינו "בית יוסף" מרן ר' אברהם סבא, וואס איז געווען פון די פארטריבענע פון שפאניע, ווי ער שרייבט[355], אז קדושת ארץ ישראל קומט תיכף נאך הקב"ה אליינס. קודם איז דער באשעפער, און תיכף דערנאך קומט ארץ ישראל. דאס האט דער פסוק געזאגט לגבי כלב בן יפונה[356], "יַעַן אֲשֶׁר מִלֵּא אַחֲרֵי - ווייל ער האט ערפילט נאך מיר" - דאס הייסט ממש נאך מיר, ווייל ארץ ישראל איז נאך הקב"ה, עיי"ש. קומט אויס אז ארץ ישראל איז ווי דער טפל נאכען שם, קומט אויס איז זי געהייליגט אזוי ווי די אותיות פונעם שם אליין, אזוי ווי דער "כם" פון "אֱלֹקֵיכֶם". לויט דעם פארשטייט מען גוט די כוונה פון דעם נביא וואס ער זאגט[352] "אִמְרִי לְעָרֵי יְהוּדָה הִנֵּה אֱלֹקֵיכֶם", אז דאס טאקע זאלט איר לאזן וויסן צו די שטעט פון יהודה, אז זיי זענען ממש ווי דער שם פון אֱלֹקֵיכֶם, אזוי ווי די אותיות וואס זענען א טפל נאכען שם זענען זיי פונקט ווי די אותיות פון דעם שם אליינס און זיי ווערן געהייליגט מיט דעם קדושת השם, אזוי אויך איז מיט די ערי יהודה וואס זיי זענען אויך א טפל נאכען שם, וועגן דעם זענען זיי אֱלֹקֵיכֶם ממש. דאס איז דער חידוש וואס דער נביא וויל אונז דא לאזן הערן מיטן מאמר הנ"ל, צוליב דעם באנוצט ער זיך דא מיט דעם לשון "הִנֵּה". עס איז בכלל נישט א נישט-געפארטיגטע פסוק, ווייל דאס אליינס קומט ער אונז לאזן הערן אז די שטעט פון יהודה זענען הייליג ווי "אֱלֹקֵיכֶם". דער פירוש איז, נפלא און אמת, ב"ה וואס ער האט מיר באלויכטן די אויגן אין דעם.

און דאס וואס דער נביא זאגט "עָרֵי יְהוּדָה" און נישט סתם "ארץ ישראל", זעהט אויס אז דער עיקר חביבות צו ארץ ישראל איז כדי די אידן זאלן זיך דארט באזעצן און דארט וואוינען, ווי חז"ל זאגן אין מדרש תנחומא[357] "באליבט איז ארץ ישראל וואס דער אייבישטער האט אין איר געוועהלט, מיר זעהן אז ווען דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט, האט ער איינגעטיילט די לענדער צו די שרי האומות און ער האט זיך אויסגעוועהלט ארץ ישראל... און ער האט אויסגעוועהלט פאר זיין חלק דאס אידישע פאלק, ווי עס שטייט אין פסוק[358] "כִּי חֵלֶק ה' עַמּוֹ - ווייל דעם אייבישטענ'ס חלק איז זיין פאלק, יַעֲקֹב חֶבֶל נַחֲלָתוֹ - יעקב איז די מאס פון זיין ארבטייל" - זאגט דער אייבישטער: זאלן קומען די אידן וואס זענען מיין חלק און ירש'נען דאס לאנד וואס איז מיין חלק". זעה דארט אין מדרש[359], צוליב דעם טעם האט דער אייבישטער אויפגעהאלטן די אידן אין דעם מדבר פאר פערציג יאר, ווייל די פעלקער, ווען זיי האבן געהערט אז די אידן גייען אריינקומען קיין ארץ ישראל - האבן זיי אלעס חרוב און וויסט געמאכט, דער אייבישטער האט אבער געוואלט אז די אידן זאלן אריינקומען צום לאנד ווען זי איז אויפגעבויט מיט הייזער, פעלדער ביימער און גערטנער. ערשט נאכדעם וואס זיי האבן אלעס צוריקגעשטעלט און אלעס פאררעכטן, האט דער אייבישטער געזאגט פאר משה אז מען קען זיי שוין אריינברענגען, עיי"ש. זעהסטו אז די גאנצע ליבשאפט פון ארץ ישראל ביים אייבירשטען איז ווען זי איז ראוי אז די אידן זאלן זיך דארט באזעצן, אבער נישט ווען זי שטייט פארוויסט אן די מעגליכקייט זיך דארט צו באזעצן. קומט אויס, אז ווען זי שטייט וויסט אן דאס בויען - איז זי נישט ראוי צו ווערן דעם טפל נאכען אייבירשטען, און אויב איז זי נישט ראוי פאר זיין דעם טפל - טוט דער שם איר נישט הייליגן. ווי דער ט"ז האט געפסק'נט[360], אז ווען איינער שרייבט אותיות וואס האט נישט קיין משמעות צום שם, איז דער שם זיי נישט מקדש, עיי"ש. אזוי אויך מיט ארץ ישראל, ווען זי איז וויסט אן איינוואוינערס איז זי נישט ראוי צו ווערן נטפלת להקב"ה, און דאן קען זי נישט ווערן געהייליגט מיט קדושת אֱלֹקֵיכֶם. וועגן דעם האט דער נביא געזאגט, "אִמְרִי לְעָרֵי יְהוּדָה", דווקא צו די שטעט פון יהודה - דאס מיינט אויפגעבויטע שטעט וואס זענען ראוי צו ווערן באוואוינט. ווי מיר זעהן ביי די בני גד און בני ראובן וואס האבן געזאגט[361] "נִבְנֶה... וְעָרִים לְטַפֵּנוּ", ווייל דעם נאמען "עָרִים" ווייזט אז דאס איז ראוי פאר וואוינען, דעמאלטס זענען זיי ראוי צו זיין נטפלות צום אייבירשטען, דאן וועט דער אייבישטער זיי באמת הייליגן מיט קדושת השם. וועגן דעם זאגט דער נביא "אִמְרִי לְעָרֵי יְהוּדָה הִנֵּה אֱלֹקֵיכֶם" - ווען זיי זענען ראוי צו ווערן באוואוינט, דעמאלטס זענען זיי בקדושת אלקיכם.

לויט אונזערע ווערטער הנ"ל, קען מען אויך פארשטיין דעם מדרש רבה[362], "רבי יהודה בר סימון האט געזאגט[363]: "אַחֲרֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם תֵּלֵכוּ - נאך דעם אייבירשטען אייער ג-ט זאלט איר גיין", איז דען מעגליך פאר א בשר ודם צו גיין נאך דעם אייבירשטען וכו'? נאר ביים אנהייב פון בריאת העולם האט דער אייבישטער זיך נאר באשעפטיגט מיט איינפלאנצען, ווי דער פסוק זאגט[364] "וַיִּטַּע ה' אֱלֹקִים גַּן בְּעֵדֶן - דער אייבישטער האט איינגעפלאנצט א גארטן אין עדן". אזוי אויך ווען איר וועט אריינקומען אינעם לאנד, זאלט איר

המשך בדף ב'

[355] פר' מטות ד"ה אח"כ אמר ומקנה וכו'
[356] דברים א, לו
[357] פר' ראה, אות ח
[358] דברים לב, אות ט
[359] שם אות ז
[360] יו"ד סי' רעו, ס"ק ה
[361] במדבר לב, טז
[362] פר' קדושים, ויקרא רבה פר' כה, אות ג
[363] דברים יג, ה
[364] בראשית ב, ח

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

# בשבילי הארץ

ועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## ירושלים מסוגלת לתורה

בעת ההיא. שנחלק הנחלה לב"ג וב"ר. וראה כי ההכרח להשריש בישראל כח התלמוד והעסק בה כמו שביארנו שזה היה שורש הגלות והגלות גורם ההכרח לתלמוד. ורצה משה רבינו שיהיה זה הפעולה בא"י שמסוגל יותר מעה"י ואין חכמה כחכמת א"י וכמש"כ לעיל. וביחוד ירושלים אשר היא מסוגלת לצאת תורה ממנה. וביחוד מקום בהמ"ק בהר ה' יראה . וביקש לבא לשם להרביץ תורה.

(העמק דבר, דברים ג, כג)

## להשיג השגות

אעברה נא ואראה את הארץ וכו', ואז אוכל לסבול ההשגה הגדולה הזאת שאני משיג כעת, מה שאין כן בהיותי בחוץ לארץ כי אין חכמה כחכמת ארץ ישראל (ב"ר טז, ד).

(אגרא דכלה, ואתחנן א)

## אור קדושת ארץ ישראל

אעברה נא ואראה את הארץ הטובה. איתא בגמ' (סוטה יד.) וכי לאכול מפריה הוא צריך או לשבוע מטובה הוא צריך, אלא כך אמר משה הרבה מצות נצטוו ישראל ואין מתקיימין אלא בארץ ישראל וכו'. היינו שעיקר כוונתו היה שיהיה לו אור קדושת ארץ ישראל, כדאיתא בגמ' (כתובות קי:) כל הדר בארץ ישראל דומה כמי שיש לו אלוה וכו' כדאיתא בזה"ק (יתרו עט.) ומשה לא קאמר אלקיך אלא לאינון דהוו זמינין למיעאל לארעא קדישא ולקבלא אפי שכינתא ומה דלא אמר אלקינו משום דהא משה לא זכה למיעאל לארעא וכו' וזה שאיתא בגמ' (ברכות מח:) משה תקן לישראל ברכת הזן וכו' יהושע תקן להם ברכת הארץ, ובברכת הזן כתיב לשון נסתר ובטובו הגדול וכו' וברכת הארץ שתקן יהושע הוא בלשון נוכח, לפי שהדר בארץ ישראל דומה כמי שיש לו אלוה, כי בארץ ישראל מפורש שהשי"ת נמצא בכל פרט אף בעניני עולם הזה.

(מי השלוח, חלק ב, ספר דברים, ואתחנן ג)

## ארץ העברים

א"ר לוי אמר לפניו רבש"ע עצמותיו של יוסף נכנסו לארץ ואני איני נכנס לארץ אמר לו הקב"ה מי שהודה בארצו נקבר בארצו ומי שלא הודה בארצו אינו נקבר בארצו. יוסף הודה בארצו מנין גבירתו אומרת (בראשית לט, יד): "ראו הביא לנו איש עברי וגו'" ולא כפר אלא (שם מ, טו) "גנב גנבתי מארץ העברים" נקבר בארצו מנין שנאמר (יהושע כד, לב): "ואת עצמות יוסף אשר העלו מארץ מצרים קברו בשכם" את שלא הודית בארצך אין אתה נקבר בארצך כיצד בנות יתרו אומרות (שמות ב, יט): "איש מצרי הצילנו מיד הרועים" והוא שומע ושותק לפיכך לא נקבר בארצו.

(דברים רבה, פרשה ב, ח)

אם הבנים שמחה - המשך מדף א'

זיך נישט באשעפטיגן מיט גארנישט נאר קודם אנהייבן מיט פלאנצען, ווי דער פסוק זאגט[365] "וְכִי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ - ווען איר וועט אריינקומען אין לאנד, וּנְטַעְתֶּם - זאלט איר איינפלאנצען", עכ"ד המדרש. די ווערטער פונעם מדרש קען מען פארשטיין אויך בפשטות, אז די כונה פון "אַחֲרֵי ה' תֵּלֵכוּ" - זיך צוגלייכן צום אייבירשטען מיט מעשים, אזוי ווי ער האט אנגעהויבן קודם מיט פלאנצונגען, אזוי אויך ווען מיר קומען אריין קיין א"י, זאל אונזערע מעשים קודם באשטיין פון זיך באשעפטיגן מיט פלאנצען דאס לאנד. אבער לויט פון וואס מיר האבן פריער גערעדט, קען דא ליגן נאך א כוונה אין זייערע ווערטער ז"ל, אינעם פסוק "אַחֲרֵי ה' תֵּלֵכוּ" וואס חז"ל האבן עס געדרש'נט וועגן ביאת הארץ און איר איינפלאנצען, וואס זיי האבן דאס ארויסגעלערנט פונעם פסוק אליין. איך האב שוין אראפגעברענגט פריער פון דעם מקובל בעל "צרור המור" אז ארץ ישראל איז תיכף נאך דעם אייבירשטען אליין. אויב אזוי, דאס מיינט דער פסוק דא "אַחֲרֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם תֵּלֵכוּ" - דאס הייסט, איר זאלט גיין קיין ארץ ישראל וואס זי איז נאך דעם אייבירשטען, און איר זאלט איר אויפבויען, אז זי זאל זיין ראוי צו געהייליגט ווערן מיט דעם קדושת "אֱלֹקֵיכֶם". דאס וועט זיין דורך דעם וואס תיכף ווען איר וועט דארט אריינקומען וועט איר זיך קודם באשעפטיגן מיט פלאנצען, איר צו אויפבויען און אהערשטעלן אז זי זאל זיין גרייט מען זאל זיך דארט באזעצן, און מען זאל אהין אריינזעצן די אידישע קינדער, דעמאלטס וועט זי זיין ראוי צו ווערן ווי א טפל צו די קדושת השם און זיין אין די בחינה פון "אֱלֹקֵיכֶם". דאס געדאנק איז זיס ווי האניג, עס לייכט מיט א קלארע ליכטיגקייט בס"ד.

וואס מיר נעמען ארויס פון די ווערטער הנ"ל, אז ווען א איד קומט צו אונזער הייליגן לאנד און באארבעט די הייליגע ערד מיטן פלאנצען ביימער, פלאנצונגען און בויט הייזער, וכדו' פון די זאכען וואס זענען וויכטיג פאר יישוב הארץ, ווערט דאס לאנד געהייליגט דורך אים מיטן הייליגקייט פון קדושת השם הקדוש, אפילו ער האט דאס בכלל נישט אינזין געהאט. ווי דער ש"ך[366] פסק'נט, אז א יעדע שם אפילו עס איז נישט געשריבן געווארן מיט כוונה - טאר מען נישט אויסמעקן, עיי"ש. אויך האבן אלע גדולי האחרונים אזוי אנגענומען להלכה אין זייערע תשובות[367]. אזוי אויך דא, איז ער זיכער מיט די קדושת ארץ ישראל, וואס ווערט נטפל נאכן אייבירשטען, און ווערט נתקדש בקדושת השם. דאס אלעס ווערט געטוהן ממילא, אפילו אן קיין שום כוונה. און ווער עס בויט איר איז מקיים מיט דעם די פסוק "אַחֲרֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם תֵּלֵכוּ... וּבוֹ תִדְבָּקוּן - און אין אים וועט איר זיך באהעפטן" כמשמעו וכמדרשו הנ"ל. דאס אלעס איז ברור און אמת לאמיתה של תורה בעזה"י.

זעהט איר, אז דאס אלעס איז מרומז אין תהלים, אינעם פסוק[368] "אַתָּה תָקוּם - דו וועסט אויפשטיין, תְּרַחֵם צִיּוֹן - דו וועסט זיך דערבארעמען אויף ציון, כִּי עֵת לְחֶנְנָהּ - ווייל עס וועט זיין די צייט איר צו וועלן, כִּי בָא מוֹעֵד - ווייל דער צייט וועט אנקומען. כִּי רָצוּ עֲבָדֶיךָ אֶת אֲבָנֶיהָ - ווייל דיינע קנעכט האבן געשעצט אירע שטיינער, וְאֶת עֲפָרָהּ יְחֹנֵנוּ - און געוואלט איר שטויב. וְיִירְאוּ גוֹיִם אֶת שֵׁם ה' - און די פעלקער וועלן פארכטען דעם נאמען פונעם אייבירשטען, וְכָל מַלְכֵי הָאָרֶץ - און אלע קעניגן פון די וועלט, אֶת כְּבוֹדֶךָ - וועלן מורא האבן פון דיין כבוד", דער מהרש"א אין מס' תענית[369] איז מבאר דעם פסוק, אז דורך דעם וואס מען גליסט און בענקט נאך אירע שטיינער און שטויב, איז מען מקרב די צייט פון די גאולה. די כונה צו דעם איז, אז מען בויט און מען באזעצט איר, אויף דעם איז דער פסוק מסיים "וְיִירְאוּ גוֹיִם אֶת **שֵׁם** ה'" - דאס הייסט, אז דורך דעם בנין ווערט דאס לאנד געהייליגט מיטן קדושת השם בשם ה'. און אלע פעלקער פון די וועלט וועלן זעהן כבוד ה' אויף איר, אלעס איז צוליב אז דאס לאנד זאל נתקדש ווערן בקדושת השם, אמן כן יהי רצון.

**לב.** כדי צו געבן אן השגה פון די גרויסקייט פון דעם חיוב און מצוה וואס מיר האבן ביים ארבעטען מיט די ערד פון ארצינו הקדושה, וואס שטייט כמעט העכער פון אלעם, וועל איך דא אראפברענגען לשון רבינו איש אלוקים, מרן ה"חתם סופר", וואס זיינע פסקים און מאמרים ווערן געהערט יעדן טאג אין אלע בתי מדרשים איבער די וועלט. זאגט ער[370] אויף די גמרא, "מיר האבן פריער געלערנט, א אתרוג כושי (שווארצע) איז פסול. פרעגט די גמרא, מיר האבן דאך געלערנט אין א ברייתא אז א אתרוג כושי איז כשר, און אויב איז עס נאר גלייך צו א אתרוג כושי איז עס פסול? ענטפערט אביי, אז ווען אונזער משנה רעדט פון א אתרוג כושי, מיינט עס אן אתרוג וואס איז גלייך צו א כושי, וועגן דעם שטייט אז עס איז פסול. רבא זאגט, עס איז נישט א קשיא, דא רעדט מען פאר אונז, און דא רעדט מען פון זיי. עיי"ש אין פירוש רש"י.

המשך בגליון הבא אי"ה

[365] ויקרא יט, כג

[366] יו"ד סי' רעו, ס"ק יב

[367] יו"ד סי' רעו, ס"ק ט ובנו"כ

[368] תהלים קב, יד-טז

[369] דף טו, ע"א, ד"ה ברוך אתה ה' מרחם

[370] חידושי חת"ס, סוכה דף לו, ד"ה דומה לכושי

## לְאָרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### מושב בית מאיר

מטה יהודה

בית מאיר איז א רעליגיעזער מושב אין די בערג פון יער הקדושים, צפון פון בית שמש. דער מושב איז געגרינדעט געווארן דורך די מזרחי אין יאר תש"י (1950), א חלק דערפון איז געווארן געקויפט דורך קק"ל אונטער די השפעה פון הרב מאיר בר-אילן, דער מושב הייסט טאקע נאך אים. די ערשטע איינוואוינער זענען געווען בעיקר עולים פון אונגארן און ראמעניע.

תשרי תשי"ד (1953) איז פארגעקומען די הנחת אבן הפינה פאר דעם בית הכנסת פונעם מושב. זיי זענען געווען פון די ערשטע ישובים צו באקומען עלעקטער נאך אין יאר תשט"ז (1955).

דא איז אדורך געלאפן די בורמע וועג וואס האט געניצט צו לופערן עסן מיט געווער קיין ירושלים בשעת דעם מלחמת השחרור אין תש"ח.

אינעם מושב וואוינען היינט צוטאגס באלד 200 משפחות וואס ארבעטן בעיקר אין די געגענט פון ירושלים, און א טייל פון די תושבים באשעפטיגן זיך מיט פעלדער און הינער שטאלען וכדו'.

אנהייב ווינטער תשע"ז (2016) האט אויסגעבראכן א פייער ביים אריינגאנג פון מושב, די איינוואוינער האט מען געמוזט עוואקוּאירן אינמיטן די נאכט. עטליכע הייזער און מאגאזינען זענען אינגאנצען פארברענט געווארן ל"ע.

דער רב אין די ערשטע יארן איז געווען הרב מרדכי דווידוביץ. די יעצטיגע רב המושב איז הרב יהודה יקותיאל ויזנר.

עס געפינען זיך דא עטליכע ישיבות און מוסדות החינוך, איינע פון זיי, רמות שפירא וואס טוט אויף פאר יהדות פון די יוגנט אין ארץ ישראל, ספעציעל פאר די פרייע יוגנט. זיי האבן אויך א "מוזיאון בית החלוץ הדתי" וואס שטעלט פאר דאס לעבן פון די ערשטע רעליגיעזע פארמערס און בויערס פונעם לאנד, מען קען זעהן זייערע פארצייטישע כלים, טראקטארן, און א איבערגעבויטע דוגמא פון א הייזקע פון תש"ד אין די גליל.

שבת נאכמיטאג קען מען דא זעהן שפאצירען חרדי'שע אידן מיט די משפחות, עס איז באקאנט פאר א שיין און רואיגע מושב ווי צו דינגען א צימער פאר א רואיגן שבת און וואקאציע.

אן אונטערסאנטע הייזקע צו באזוכען איז "מחסן של סבא", ווי א איד האט אנגעזאמעלט טויזענטער חפצים און כלים מיט וואס אונזערע זיידעס און באבעס האבן זיך באנוצט דערמיט טאג טעגליך. יעצט איז דאס אלעס אנטיקן און דער בעה"ב איז מסביר וואס זיי זענען פאר די יונגע נייגעריגע באזוכער.



דאס שטעטעלע בית מאיר

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלִָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 63
עקב
כ"ב אב תשפ"א
July 31, 2021

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### חיבת ארץ ישראל

אמר משה לישראל... לא חיבב הקב"ה מכל הארצות אלא א"י שנאמר (דברים יא) הארץ אשר ה' אלקיך דורש אותה, הרי אתם נכנסים לתוכה על מנת הדרישה שנאמר (תהלים קה) ויתן להם ארצות גוים בעבור ישמרו חוקיו ותורותיו.

(ספרי עקב)

### לאכול מפריה

אמר להם הקדוש ברוך הוא לישראל הכנסתי אתכם אל ארץ טובה ורחבה לארץ זבת חלב ודבש לאכל מפריה ולשבוע מטובה ולברך שמי עליה.

(ספרי דברים, פר' עקב, פיסקא מג)

### השתוקקות

...וז"ש אתה החלות להראות את עבדך אעברה נא, הוא לשון העברה בעלמא ואראה את הארץ, ואין בקשתי להיות ראש ומנהיג של ישראל, רק כונתי ואראה את הארץ (ר"ל על סגולת תועלת ארץ ישראל, כמאמרם ז"ל בב"ב דף קנ"ח (ע"ב) אוירא דארץ ישראל מחכים, ובמדרש רבה פרשת בראשית פרשה י"ו (ב"ר פט"ז ד') אין תורה כתורת ארץ ישראל, כמ"ש וזהב הארץ ההיא טוב (בראשית ב יב), וכמ"ש הארץ הטובה.

(מגלה עמוקות, א, אופן א)

### ד' אמות בארץ ישראל

ברש"י מצות קלות שהאדם דש בעקביו, י"ל הכונה עפ"י דברי חז"ל ההולך ד' אמות בארץ ישראל מובטח לו שהוא בן עוה"ב, והיינו מצוה קלה שאדם דש בעקביו ע"י הליכה, ויוכל לבא עי"ז להשגת קדושה, כידוע מצדיקים הקודמים שהשליכו נפשם מנגד לזכות להלך בארץ ישראל, ושמעתי בשם הרה"ק מגור זי"ע שצוה לבניו, להשתדל תמיד בהליכת ד' אמות חדשים בארץ ישראל.

(תפוחי חיים פ' עקב)

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הר"ר **מרדכי ארי' לעבאוויטש** הי"ו
ירושלים עיה"ק, להצלחה בכל ענינים, ברוחניות ובגשמיות,
ליישוב טוב ומוצלחת בארה"ק עב"ג צדק



נוף מאלון מורה

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר

מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

**לב.** כדי צו געבן אן השגה פון די גרויסקייט פון דעם חיוב און מצוה וואס מיר האבן ביים ארבעטן מיט די ערד פון ארצינו הקדושה, וואס שטייט כמעט העכער פון אלעם, וועל איך דא אראפברענגען לשון רבינו איש אלוקים, מרן ה"חתם סופר", וואס זיינע פסקים און מאמרים ווערן געהערט יעדן טאג אין אלע בתי מדרשים איבער די וועלט. זאגט ער[371] אויף די גמרא, "מיר האבן פריער געלערנט, א אתרוג כושי (שווארצע) איז פסול. פרעגט די גמרא, מיר האבן דאך געלערנט אין א ברייתא אז א אתרוג כושי איז כשר, און אויב איז עס נאר גלייך צו א אתרוג כושי איז עס פסול? ענטפערט אביי, אז ווען אונזער משנה רעדט פון א אתרוג כושי, מיינט עס אן אתרוג וואס איז גלייך צו א כושי, וועגן דעם שטייט אז עס איז פסול. רבא זאגט, עס איז נישט א קשיא, דא רעדט מען פאר אונז, און דא רעדט מען פון זיי. עיי"ש אין פירוש רש"י. שרייבט דער חתם סופר, "איך האב געהערט ממורי ורבי הפלא"ה זצ"ל[372], ביי די מחלוקה פון רשב"י און רבי ישמעאל אין מס' ברכות[373] (רשב"י האלט אז אויב וועט א מענטש אקערן בשעת דעם זמן פון אקערן און זייען בשעת דעם זמן פון זייען, תורה מה תהא עליה, וואס וועט זיין מיט די תורה לערנען? נאר וואס דען, ער זאל זיך זעצן לערנען און זיין מלאכה זאל געטוהן ווערן דורך א צווייטן. רבי ישמעאל האלט, מען זאל זיך פירן כמנהג דרך ארץ און אקערן ביים זמן פון אקערן און אזוי ווייטער, ווי דער פסוק זאגט[374] "וְאָסַפְתָּ דְגָנֶךָ - זאלסט איינזאמלן דיין תבואה, וכו'", און ווען מען ארבעט נישט זאל מען דעמאלטס לערנען. זאגט דארט די גמרא, אסאך האבן געטוהן ווי רשב"י ולא עלתה בידם, עס האט זיך זיי נישט אויסגעארבעט, און די וואס האבן געטוהן ווי רבי ישמעאל איז עס זיי יא געלונגען), פירט מען דארט אויס, אסאך האבן געטוהן ווי רשב"י און עס האט זיך זיי נישט אויסגעארבעט. האט ער ז"ל געזאגט, אז די כוונה איז, אז דאס וואס זיי האבן געטוהן ווי רשב"י מיינט, זיי האבן פרובירט נאכמאכן רשב"י אבער נישט די זעלבע בחינה ווי רשב"י ממש, ווייל דאס איז זיכער אז ווער עס האט די כוונה לשם שמים, וואס דער אייבישטער איז בוחן זיינע מחשבות און ווייסט זיינע באהאלטענע פלענער - וועט אים זיכער געלונגען. זיי אבער האבן געטוהן ווי רשב"י, אבער עס איז נאר געווען נאכגעמאכט, אבער נישט בעצם פון זיינע תכונות, במילא וועגן דעם איז עס זיי נישט געלונגען. האט ער געזאגט אז דאס וואס עס שטייט אין די משנה "אתרוג הכושי" ווייזט אויף א צדיק וואס איז משונה מיט זיינע מעשים, אזוי ווי דער כושי איז משונה פון מענטשען מיט זיין טינקעלע הויט, דעמאלטס איז ער כשר. אויב אבער איז ער נאר "דומה לכושי", ער גלייכט זיך נאר צו צו רבי שמעון בר יוחאי, ער מאכט נאר נאך און נישט מיט די זעלבע תכונות ווי דעם צדיק, איז ער פסול, דאס מיינט לא עלתה בידם, עס איז זיי נישט געלונגען. עד כאן דברי הרב. פון דא אין ווייטער איז צוגעלייגטע ווערטער פון זיין קליינע תלמיד ווי מיר. האב איך געטראכט צו זאגן, אז רבי ישמעאל האט נישט געזאגט דעם פסוק "וְאָסַפְתָּ דְגָנֶךָ" נאר אין ארץ ישראל און ווען רוב אידן וואוינען דארט, ווייל בארבעטן דאס ערד איז אליין א מצוה אלס ישוב ארץ ישראל און ארויסצוברענגען אירע הייליגע פירות. אויף דעם האט די תורה באפוילן "וְאָסַפְתָּ דְגָנֶךָ", ווי מיר זעהן אויך אז בועז האט אויסגעארבעט די שייער פון גערשטן ביינאכט צוליב די מצוה[375]. פונקט ווי דו ווערסט נישט זאגן 'איך קען נישט לייגן תפילין ווייל איך בין עוסק בתורה', אזוי אויך קען מען נישט זאגן 'איך וועל נישט איינזאמלן מיין תבואה ווייל איך בין עוסק בתורה'. עס איז אויך אפשר, אז אלע אנדערע ארבעט וואס האט צו טוהן מיט ישוב הארץ איז אויך בכלל פון די מצוה. אבער יעצט ווען מיר זענען צושפרייט, בעוה"ר צווישן די אומות העולם איז ווי מער מען איז פארנומען מיט דעם ישוב העולם, ווערט א גרעסערער חורבן[376] - ביי דעם וועט רבי ישמעאל מודה זיין צו רשב"י (אז מען זאל נישט עוסק זיין בישוב העולם נאר אין תורה). אויף דעם פארלאזן מיר זיך אויף רבי נהוראי אין סוף מס' קידושין[377], "איך לאז איבער אלע ארבעט און באשעפטיגונג פון דער וועלט און איך וועל נישט לערנען מיט מיין קינד, נאר תורה", דאס איז נאר אין חו"ל כנ"ל. דאס האט רבא מחדש געווען ביי דעם ענין פון "אתרוג הכושי", אפילו א כושי ממש, דהיינו רשב"י מיט זיינע חברים ווענדט זיך עס פון ווי מען רעדט, "הא לן והא להו" - פאר די בני בבל (חו"ל) - איז עס כשר (צו טוהן ווי רשב"י, נישט עוסק צו זיין בישוב העולם נאר מיט לערנען תורה), אבער פאר די בני ארץ ישראל - איז עס פסול, ווייל עס דארף צו זיין ישוב ארץ ישראל דורך אידן", עכ"ל הקדושים.

די ווערטער זענען מבהיל הרעיון, ווי ווייט רבינו האט טייער געהאלטען די ארבעט פאר ישוב הארץ, ביז ער האט געפסק'נט אז אין ארץ ישראל זאל מען נישט טוהן ווי רבי נהוראי און ווי רשב"י וחבריו נאר צו לערנען תורה און אפלאזן די ערד, נאר דער חיוב איז צו טוהן ווי רבי ישמעאל, עוסק צו זיין אין ישוב הארץ ווייל דאס אליין איז א מצוה. ער האט עס צוגעגליכן צו דעם - פונקט ווי דו ווערסט נישט זאגן 'איך קען נישט לייגן תפילין ווייל איך בין עוסק בתורה', אזוי אויך קען מען נישט זאגן 'איך וועל נישט איינזאמלן מיין תבואה ווייל איך בין עוסק בתורה'. און אזוי אויך אלע אנדערע ארבעט און פאך וואס העלפט צו צום ישוב, גייט אריין אין דעם מצוה. אזוי האט געפסק'נט דער ראש הפוסקים, פון די גדולי פוסקים האחרונים רבינו ה"חתם סופר", וואס זיינע פסקים זענען אנגענומען כמשה מפי הגבורה, און ווער וועט זיך אהערשטעלן, ווער קען דא מזלזל זיין אין אזא זאך וואס רבינו החת"ס האט אזוי מעריך געווען און געשעצט, ביז ער האט פארגליכן עבודת האדמה אין ארץ ישראל צו די מצוה פון תפילין וואס א איד לייגט איעדן טאג, אן די מצות עשה פון תפילין איז מען נישט גערעכנט ווי א בר ישראל כלל, דער איז פון די יורדים ואינם עולים, ווי עס איז מבואר אין ראש השנה[378]. ע"כ א בושה זאל פארדעקן די פנים פון די וואס זענען מזלזל אין די מצות עשה פון ישוב הארץ מיט פאלשע טענות און אפפרעגערייען. זייערע ווערטער זענען בטלים ומבוטלים אנטקעגן דברי רבנו החת"ס ז"ל, מען דארף בכלל נישט משגיח זיין אין זיי כלל וכלל.

המשך בדף ב'

---

371 חידושי חת"ס, סוכה ד"ה דומה לכושי
372 רבי פנחס הלוי איש הורוויץ זצ"ל
373 ברכות לה, ע"ב
374 דברים יא, יד
375 עפ"י רות ג, ב
376 תשובות חת"ס יו"ד סי' קלח, של"ה סוף הל' סוכה, ח"ב
377 קידושין פב, ע"א
378 ראש השנה יז, ע"א

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## יפה נוף

כי ה' אלקיך מביאך אל ארץ טובה (דברים ח, ז). אוירה טוב, יפה נוף, אקלים מזוג, משוש כל הארץ, היפך מ"ש המרגלים שהוציאו דבה רעה ומה היא הרעה ארץ אכלת יושביה אוירה רעה.

(אדרת אליהו, דברים ח)

## הארץ הטובה אשר נתן לך

ואכלת ושבעת וברכת את ה' אלקיך על הארץ הטובה אשר נתן לך נ"ל בס"ד הכונה תרתי למעליותא, האחד היא הארץ הטובה ועוד אשר נתן לך דוקא ולא נתן לאחרים כמותה כי יש מרגלית יקרת הערך מצד עצמה ואם לא נמצא אחרת כמוה אצל הזולת תתעלה ותוסיף יקר וכבוד לבעלה עשר ידות יותר וכן הענין בארץ הקדושה.

(בן איש חי, דרשות, עקב כא)

## דרישת ארץ ישראל

ארץ אשר ה' אלקיך דורש אותה. רבי אומר, וכי אותה בלבד הוא דורש? והלא כל הארצות הוא דורש, שנאמר (איוב לח) להמטיר על ארץ לא איש, מדבר לא אדם בו, ומה ת"ל "ארץ ה' אלקיך דורש אותה? כביכול אין דורש אלא אותה, ובשכר דרישה שהוא דורשה דורש כל הארצות עמה.

(ספרי דברים, מ, אות א)

## אשריהם יושבי ארץ ישראל

רצית ה' ארצך. זה שאמר הכתוב (דברים יא יב) ארץ אשר ה' אלקיך דורש אותה. הקב"ה הופך ומהפך ומסתכל ונותן עיניו בה עד שתרצה מעשיה להקב"ה והמצוות שנצטוו ישראל עליהן אם הוציאו את המעשרות ועשו את השמיטים וכל המצוות שנצטוו בהן אותה שעה היא מרצה מעשיה להקב"ה... מי נושא עונם, הארץ אשר הם יושבים עליה שנאמר (ישעיה לג כד) העם היושב בה נשוא עון. הרי החיים. מנין אף המתים שנאמר (דברים לב מג) וכפר אדמתו עמו. מי מכפר על עמו אדמתו. אשריהם יושבי ארץ ישראל שאין להם לא חטא ולא עוון לא בחיים ולא במתים.

(מדרש תהילים פה, א)

## בין לטובה ובין לרע

הן לטב והן לביש קב"ה שליט עלה (על א"י) לטב בגין דלא אתמסרא תחות שאר ממנן כו', לביש בגין דלא יחדון אינון לשלטאה עלה. (הקב"ה שולט על הארץ הן לטוב והן לרע, לטוב, כי לא נתמסרה הארץ תחת ממונה אחר, ולרע, שלא ישמחו הסט"א לשלוט עליה).

(זוה"ק ח"א סא. עם פירוש מתוק מדבש)

## קדושת פירות ארץ ישראל

מראשית השנה ועד אחרית שנה וגו', על כן גדול מאד קדושת ארץ ישראל ופירותיה ותבואתה, וצריכים אנחנו לאכול מפירותיה בכוונה שלמה לה', ויתקדש גם האוכל על ידם.

(בת עין, בחוקתי יא)



**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

**לג.** אין מדרש רבה שטייט[379], רבי יהודה בר סימון האט געזאגט, אין פסוק שטייט[380] "אַחֲרֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם תֵּלֵכוּ - נאך דעם אייבירשטען אייער ג-ט זאלט איר גיין, וּבוֹ תִדְבָּקוּן - און אין אים זאלט איר זיך באהעפטען" - פרעגט זיך, איז דען מעגליך פאר א בשר ודם נאכגיין נאכען באשעפער וכו'? נאר וואס דען, פון אנהייב ביים וועלט באשאף האט זיך דער אייבישטער נישט באשעפטיגט נאר מיט פלאנצען, ווי דער פסוק זאגט[381] "וַיִּטַּע ה' אֱלֹקִים - דער אייבישטער האט געפלאנצט, גַּן בְּעֵדֶן - א גארטן אין עדן", אזוי אויך אייך, ווען איר קומט אריין אין לאנד, זאלט איר זיך נישט באשעפטיגען נאר מיט פלאנצען, ווי דער פסוק זאגט[382] "וְכִי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ - ווען איר וועט אריינקומען אין לאנד, וּנְטַעְתֶּם - זאלט איר פלאנצן"... שטייט דארט ווייטער אויפן פסוק[383], "מִי שָׁת בַּטֻּחוֹת חָכְמָה - ווער גיט חכמה אין דעם בַּטֻּחוֹת" - וואס מיינט בַּטֻּחוֹת - בטויא (דער מתנות כהונה איז מפרש אז דאס מיינט א מין פייגל), "מִי נָתַן לַשֶּׂכְוִי בִינָה - ווער גיט צום שֶׂכְוִי פארשטאנד" - שֶׂכְוִי מיינט א האן. האט רבי לוי געזאגט, אין אראביע רופט מען א תרנגולת שֶׂכְוִי. א הינדל, ווען די אפרוחים זענען נאך גאר אינג, נעמט זי זיי צוזאם און לייגט זיי אונטער איר פליגל און ווארעמט זיי אן, און זי וואלגערט זיך ארום אין די מיסט צו זיכן עסן פאר זיי, און ווען זיי ווערן גרעסער, אויב איינע פון זיי וויל זיך דערנעהנטערן צו איר, וועט זי קלאפן מיט איר שנויבל אין זיין קאפ און וועט אים זאגן, גיי אליין און זיך ביי די מיסט. אזוי איז געווען ווען די אידן זענען געווען אין די מדבר פערציג יאר, האט דער מן צו זיי גענידערט, די קוואל וואסער איז צו זיי ארויפגעקומען, דער שליו האט זיך ביי זיי געפינען, די ענני הכבוד האט זיי ארומגענומען, דער וואלקען זויל איז זיי געגאנגען פון פאראויס. אבער וויבאלד די אידן זענען אריינגעקומען אין לאנד, האט משה צו זיי געזאגט, א יעדער פון אייך זאל זיך נעמען דעם גראב אייזן אויף די אקסלען, און זיך שטעלן און פלאנצען פלאנצונגען, ווי עס שטייט אין פסוק "כִּי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ וּנְטַעְתֶּם", עכ"ל המדרש.

זעהסטו פון דא אז משה רבנו האט באפוילן די אידן, אז בשעת זיי וועלן אריינקומען קיין ארץ ישראל זאל זייער ערשטע זאך זיין צו עוסק זיין אין פלאנצונגען, יעדער זאל שלעפן אויף זיינע אקסלען גראב אייזענעס צו גראבען און פלאנצען. זעה רש"י אויפן פסוק[384] "עַל כֵּן לֹא הָיָה לְלֵוִי - ווען דעם איז נישט געווען צו לוי, חֵלֶק וְנַחֲלָה עִם אֶחָיו - א חלק און א ארבטייל מיט זיינע ברודער, ה' הוּא נַחֲלָתוֹ - דער אייבישטער איז זיין נחלה", איז רש"י מפרש "וויבאלד זיי זענען געווארן אפגעטיילט צו די עבודת המזבח, און זיי האבן נישט די צייט צו אקערן און זייען". איז דער "שפתי חכמים" מפרש, אז רש"י'ס כוונה איז, נישט ווייל באארבעטן די ערד איז א בזיון פאר די משרתי עליון, נאר וויבאלד זיי האבן נישט די צייט צו באשעפטיגן זיך מיט דעם, עיי"ש.

אין מדרש תנחומא[385] ווערט געברענגט, אויפן פסוק[382] "כִּי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ וּנְטַעְתֶּם" - הקב"ה האט געזאגט פאר די אידן, אפילו ווען איר וועט איר טרעפן אנגעפילט מיט כל טוב, זאלט איר נישט זאגן איך בלייב זיצן און נישט פלאנצען, נאר איר זאלט זיין געווארענט מיט איר פלאנצען, ווי עס שטייט דארט אין פסוק "וּנְטַעְתֶּם - איר זאלט פלאנצען, כָּל עֵץ מַאֲכָל - א יעדע בוים פון עסן", אזוי ווי ווען איר זענט אריין אין ארץ ישראל און געטראפן פלאנצונגען וואס אנדערע האבן געפלאנצט, אזוי אויך זאלט איר פלאנצען פאר אייערע קינדער. אז א מענטש זאל נישט זאגן, איך בין שוין אלט, וויפול יאר לעב איך דען, וואס עפעס זאל איך מיר פלאגען צו פלאנצען פאר אנדערע וכו', וועגן דעם זאל א מענטש זיך נישט מבטל זיין פון פלאנצען, נאר אזוי ווי ער האט געטראפן גרייטע פלאנצונגען, אזוי זאל ער פארמערן מיט פלאנצונגען, אפילו ער איז א זקן. זאגט דער אייבישטער פאר די אידן, לערנטס ענק פון מיר, וואס כביכול האב איך געדארפט די פלאנצונגען ווי עס שטייט אין פסוק[381] "וַיִּטַּע ה' אֱלֹקִים גַּן בְּעֵדֶן מִקֶּדֶם", עכ"ל.

אין מדרש רבה[386] זאגט מען אויפן פסוק[387] "אַל תֵּרֵד מִצְרָיְמָה - נידער נישט אראפ קיין מצרים, שְׁכֹן בָּאָרֶץ - וואוין אינעם לאנד" - מאך דיין וואוינונג אין ארץ ישראל, זאלסט פלאנצען, זאלסט זייען, זאלסט שטעלן דיביימער אויף די ריכטיגע פלעצער. אזוי אויך ווערט געברענגט אין תנחומא[388], אויפן פסוק וואס דוד המלך האט געזאגט[389] "בְּטַח בַּה' - פארזיכער דיר אויפן באשעפער, וַעֲשֵׂה טוֹב - און טוה גוטס, שכן ארץ, וואוין אינעם לאנד, ורעה אמונה - און פאשע מיט אמונה" - שְׁכָן אֶרֶץ - מאך דיין וואוינארט אינעם לאנד, זיי און פלאנץ... וּרְעֵה אֱמוּנָה - און פאשע די אמונה פון אונזערע אבות".

המשך בגליון הבא אי"ה

[379] ויק"ר קדושים, פר' כה, אות ג
[380] דברים יג, ה
[381] בראשית ב, ח
[382] ויקרא יט, כג
[383] איוב לח, לו
[384] דברים י, ט
[385] קדושים, פר' כה, אות ח
[386] בראשית רבה פר' סד, אות ג
[387] בראשית כו, ב
[388] פר' ראה אות יא
[389] תהלים לז, ג

**לארכה ולרחבה**

באשריבן שטעט, דערפלער, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## מושב יַעֲרָה

גליל העליון, צפון מערב

יערה איז א מושב אינעם גליל העליון, מערב זייט פון ארץ ישראל און נאנט צום שטאט שלומי, פיר קילאמעטער פון דעם לבנון גרעניץ. דער נאמען באציהט זיך צו די פילע וועלדער אין דעם ארומיגען געגנט.

דער מושב איז געגרינדעט געווארן אין יאר תש"י (1950) דורך עולים פון תימן. אין זומער פון תשי"ב (1952) האט די אריגינעלע איינוואוינער פארלאזט דעם פלאץ און עס זענען אנשטאט אריינגעקומען עולים פון צפון אפריקע ווי אויך באדואינער אראבער פון די גליל אומגעגענט. שפעטער זענען צוגעקומען עולים פון ענגלאנד און אמעריקע.

אין יאר תשס"ו (2006) ביי די צווייטע לבנון מלחמה האט דער יישוב אסאך געליטן פון באמבאדירונגען פון חיזבאללא.

אין יערה געפינט זיך אן אלטער פאליציי בנין נאך פון די ענגלישע מאנדאט, דערנאך האט דאס געדינט פאר א באזע פון די משמר הגבול. היינט צוטאגס שטייט דאס פארלאזט.

די צאל איינוואוינער ציילט זיך איבער 750 איינוואוינער בליעה"ר. א גרויס חלק פון די איינוואוינער ארבעטן אין די ארומיגע פעלדער, און ארבעט ביי די צענדליגער הינער שטאלען אינעם יישוב, ווי אויך מיט פארדינגען צימערן פאר טוריסטען און באזוכער. א טייל פון די תושבים זענען שתומ"צ. ספעציעל אין די זומער וואכן זעהן זיך אן אסאך חרדי'שע משפחות פון איבערן לאנד וואס קומען זיך אפרוען.

עס איז דא א שיינעם בית הכנסת מיט טעגליכע מנינים, א מקווה טהרה. דער רב המושב איז הרה"ג ר' שלמה אפרים דנינו שליט"א. צוויי מילכיגע מהדרין רעסטאראנען אינעם מושב שטייט אונטער דעם רב'ס השגחה. די עהרליכע קינדער פארן קיין שלומי צו לערנען אין די דארטיגע מוסדות התורה.


דער מושב "יערה"


דער אלטער פאראלאזטער פאליציי בנין

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצובריינגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"וראה" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"יברכך ה'" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

שופטים

ו' אלול תשפ"א

August 14, 2021

גליון מס'

65

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### ירושת הארץ

צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף לְמַעַן תִּחְיֶה וְיָרַשְׁתָּ אֶת הָאָרֶץ, תצטרך לזה יותר בארץ כי חסרון זה ימנע הירושה בה כאמרו בעון בצעו קצפתי.

(ספורנו, דברים טז, יח)

### דורש צדק זוכה לארץ ישראל

וירשת את הארץ (דברים טז, יח). באשר הארץ מסוגלת להלין בה צדק ע"כ דורש צדק זוכה אליה ביותר.

(העמק דבר, דברים טז, יח)

### ירושת עולם

אם צדק צדק תרדוף אחר ב"ד כשר שימוחו בשרים אז וירשתה את הארץ אשר אני נותן לך במתנה שיש לה הפסק אותו תירש ירושת עולם אם תרדוף צדק היינו דיינים כשרים המוחין בשרים ואמנם יען כתיב ונתתי אותה לכם מורשה ודרשינן מורישין ואינן יורשין נמצא לשון ירושה הוא לרעה ח"ו ע"כ אמר כאן למען תחי' וירשתה ולא המתים יורשים חיים אלא תירש ירושת עולם.

(חתם סופר, דברים טז, יח)

### ציון במשפט תפדה

צדק צדק תרדוף (דברים טז כ). יש לפרש על פי מה שאמרו רז"ל (סנהדרין צ"ח ע"א) אין משיח בן דוד בא עד שיכלו השופטים הרעים, ומינוי הדיינים הכשרים מקרב הגאולה ציון במשפט תפדה (ישעיה א כז).

(אגרא דכלה, שופטים יח)

### בנין הארץ

כי יכרית ה' אלהיך (דברים יט, א) בזכות שאתה מיחד את השם. נותן לך את ארצם וירשתם. כל מקום שאתה רוצה לבנות בנה.

(מדרש לקח טוב, דברים יט, א)

### שלום ירושלים

חביב הוא השלום שנתנו הקב"ה לציון שנאמר (תהלים קכב, ו): "שאלו שלום ירושלים"... ד"א גדול השלום שאין הקב"ה מבשר את ירושלים

המשך בדף ב'



ראש הנקרה, ים התיכון

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד

ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר

מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

איך האב געזעהן אין "הון עשיר" ווי ער איז מפרש, אז די סיבה איז געווען כדי צו אפפרעגן די וואס זעהן צו די שמחה אין ביהמ"ק, און זיי זאלן נישט זאגן אז די סוף פון די שמחה וועט זיין א טרויער, והא ראי' - אז דער ערשטער בית המקדש איז חרוב געווארן. דאס איז די סיבה וואס מיר זאגן "אבותינו" וכו' - וועגן דעם וואס אונזערע עלטערן האבן געזינדיגט איז עס חרוב געווארן, אבער "אנו לי-ה עינינו" און מיט דעם וועט זיין א קיום צו מעשה ידינו, עכ"ד המקובל אין "הון עשיר" הנ"ל, עיי"ש. אזוי אויך מיר, אויב וועלן מיר מתקן אונזערע מעשים לויט דעם פריער דערמאנטען אופן, האבן מיר נישט וואס מורא צו האבן אז דער סוף פון די שמחה, וועט ח"ו זיין א טרויער. ווייל אנו לי-ה עינינו - אונזערע אויגן זענען צום באשעפער, צו טוהן אלעס ברוח התורה, דאן איז ממילא[407] "וִיהִי נֹעַם ה' אֱלֹקֵינוּ עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ", און ווי דער מקובל איש אלוקי מהר"ם גבאי האט מפרש געווען, סוף פון זיין ספר "עבודת הקודש" אין דעם פסוק - אז אויב הייבן מיר אן מיט מעשה ידינו, אפילו מיר קענען עס נישט טוהן בשלימות, דאך זאל חל זיין אויף אונזערע האנט ארבעט דאס ג-טליכע נעימות, און ער זאל משלים זיין אונזערע ווערק אז עס זאל זיין מיט א גאנצע שלימות, ממילא וועט זיין זיין א קיום און א גוטע סוף.

דאס וואס איך האב אויבן מעורר געווען אויף אונזערע רבי'ס בעלי המדרש, וואס זיי האבן גדרש'נט אויף דעם פסוק "כִּי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ" צוויי קעגנזייטיגע דרשות, קודם - אז די אידן זאלן עוסק זיין מיט פלאנצען די ערד און גראבינגען, און דערנאך - אז זיי זאלן עוסק זיין בתורה, איך האב אויבן מבאר געווען אזביידע פשטים זענען ריכטיג, אויף דעם אופן ווי איך האב געזאגט, האב איך יעצט געזעהן ווי רבינו "אור החיים" הקדוש אין דעם פסוק הנ"ל שרייבט, "כִּי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ וּנְטַעְתֶּם כָּל עֵץ מַאֲכָל" - עס ווערט דא געזאגט דריי מצוות, א. ביאת הארץ, ווי חז"ל האבן געזאגט[408] "הכל מעלין לארץ ישראל - אלעס גייט ארויף קיין א"י". ב. צו פלאנצען איעדע פרוכט בוים אלס שבח פונעם לאנד. ג. צו אנהאלטן די הלכה פון די יארן פון ערלה. נאך קען מען מרמז זיין ווען דער פסוק זאגט "כִּי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ" (ער איז מפרש די ה"א הידועה) - די כוונה זאל נישט זיין צו דערפילן דעם אפעטיט, נאר די כוונה פון אריינקומען אל הארץ (הידועה) זאל זיין צו גליסטן און ליב האבן דאס הייליג לאנד וואס דער אייבישטער האט אין איר געוועלט דעם הר ה'. און ער זאגט אונז, די כוונה פון די ווערטער איז נישט סתם אפצווארפען די מניעה פון השתדלות צו ישוב הארץ, נאר "וּנְטַעְתֶּם-איר זאלט פלאנצן" וגו', זעהסטו אז פון דעם וואס די פסוק זאגט "אֶל הָאָרֶץ" אז דאס איז אין די בחינה פון די תכלית פון די מחשבה אז דאס זאל זיין צו דערהייבן די מעלת הארץ, און נישט להנאת הגוף. (זיין כוונה אין דעם איז מבואר, אז אין אמת'ן איז די עיקר מצוה אין השתדלות פאר ישוב הארץ מיט פלאנצונגען און בויען. אויף דעם קומט דער לשון "וּנְטַעְתֶּם", וואס דער פסוק זאגט אונז מיט א לשון מוחלט - ווייל דאס איז דער עיקר פון די מצוה. מען דארף נאר זעהן אז מען זאל עס נישט טוהן נאר להנאת הגוף, נאר צו מעלה זיין דאס הייליג לאנד מיט פארשטאנד. ממילא, דער וואס האט נישט די השגות, זאל ער זיכער נישט אפלאזן פון עוסק זיין אין מצות ישוב הארץ אפילו בדרך פשטות, אזוי ווי די אנדערע מצות אין די תורה וואס א אדפ פשוט קען זיי טוהן בפשטות און די תיקונים ווערן געטוהן פון זיך אליין, כידוע). אפשר קען זיין, אז דער פסוק איז מרמז מיט די ווערטער "עֵץ מַאֲכָל" - אויף די בני תורה, וואס זיי ווערן אויך אנגערופען נטעים (פלאנצונגען), ווי רבי יוסי האט געזאגט[409], איך האב געפלאנצט פינף טענענביימער (זוהן). זיי ווערן אויך אנגערופען 'עץ', ווי עס שטייט[410] "כִּימֵי הָעֵץ - אזוי ווי די טעג פון דעם בוים, יְמֵי עַמִּי - איז די טעג פון מיין פאלק", אזוי אויך דרש'נט מען אין זוהר[411] אינעם פסוק[412] "לֹא תַשְׁחִית אֶת עֵצָהּ - איר זאלט נישט פארדארבן אירע ביימער", אז מען רעדט דא פון א מענטש א בן תורה. האט דער אייבישטער באפוילן, אז דער עיקר פון אריינקומען קיין ארץ ישראל צו פלאנצען אין איר אן עץ מאכל, וואס זיי זענען די בני תורה, ווייל די לופט פון ארץ ישראל מאכט קליג און רייניגט דעם נפש[413]. עיי"ש ווי ער איז מאריך אין דעם.

זעהסטו פון דא, ווי רבינו בעל "אור החיים" הקדוש, דרש'נט אליין פון דעם פסוק אויף די צוויי דערמאנטע ענינים - א. אויף דאס באשעפטיגן זיך מיט פלאנצונגען. ב. אויף לימוד התורה. עס איז מיר א חידוש אז ער האט נישט געברענגט אלס א ראי' צו דעם פון רבותינו בעלי המדרש, וואס זיי האבן אויך גדרש'נט דעם פסוק אויף די צוויי אופנים. אין אמת'ן זענען די צוויי טעמים איינס, ווי איך האב אויבן מבאר געווען אז מען דארף שטעלן מענטשען אויף ביידע פון זיי. זעה אויך רבינו החת"ס[414] ווי ער איז אויך מעורר צו מחזק זיין ישוב ארץ ישראל, ודוק.

**לד.** עס איז אנגעקומען צו מיר דעם קונטרס "אוסף מכתבים" לרבנו מגור שליט"א[415], האב איך געזעהן דארט שטיין אזוי, "דאס איז מיין דעת באמת, אז די מצוה פון ישוב ארץ ישראל וואס מיר זענען דערמיט באפוילן געווארן אין אונזער הייליגע תורה, איז נישט געוואנדען פאר א ספעציפישן זמן, נאר אין די יכולת און אין די מעגליכקייט. וועגן דעם, דארף מען אויך יעצט זיך באנוצען מיט די מעגליכקייטן פון וואס איז יעצט מעגליך, און ארבעטן מיט'ן גאנצן שטארקייט. ווייל מיט דאס מעהרהייט פון חרדי'שע עולים קיין ארץ ישראל וועט זייער השפעה דארט פארגרעסערט ווערן, און דאס וועט גורם זיין שמירת קדושת הארץ", עכ"ד. ער זאגט דאס איבער דארט, "דורך דעם וועט פארגרעסערט ווערן די השפעה פון יהדות החרדית, און דאס ישוב פון ארץ הקודש וועט געגרינדעט ווערן ברוח התורה הקדושה הכתובה און די מסורה", עכ"ל הקדוש.

האסטו דא דעם דעת איש אלוקים מגור שליט"א, אז די מצוה פון בויען און ישוב פון אונזער הייליגע לאנד איז נישט געבינדען צו קיין שום זמן. נאר אין די מעגליכקייטן און די יכולת אליין. (זיין כוונה מיט דעם איז זיכער געווען,

המשך בדף ב'

---

[407] תהלים צ, יז

[408] משנה כתובות פרק יג, משנה יא

[409] שבת קיח ע"ב

[410] ישעיהו סה, כב

[411] חלק ג, דף רב ע"א

[412] דברים כ, יט

[413] בבא בתרא קנח ע"ב

[414] שו"ת או"ח סי' רג

[415] האמרי אמת, רבי אברהם מרדכי אלטר זצ"ל

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

**בשבילי הארץ**
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

שיהיו נגאלים אלא בשלום שנאמר (ישעיה נב, ז): "משמיע שלום וגו'"... ד"א חביב הוא השלום שאין הקב"ה מנחם את ירושלים אלא בשלום מנין שנאמר (ישעיה סו, יב): "הנני נוטה אליה כנהר שלום".

(מדרש רבה, שופטים טו)

## א"י לתיקון הנפש

ועקר הליכת ארץ ישראל היא לתקון הנפש, והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה כמו שנתנה, והנשמה תהלל י-ה, כי קדשת המקום והמנוחה מטרדות הזמן הוא סיוע גדול לענין זה. הנה כי כן, מי שיזכה לילך שם קדוש יהיה, פרוש יהיה. ואף אם הרחיב ה' את גבולו, לא יתענג בדשן נפשו, רק חיי צער יחיה, ובדרכי התשובה יתנהג, ובכל דרכי החסידות. ומי שאינו בקי, ילך אצל חכם וילמדנו, ינחנו במעגלי צדק והיה צדק אזור מתניו, ויהא מצטמק ויפה לו, ויוציא מגופו ויכין לנפשו. ויזהר בכל עז לקים מצוות התלויות בארץ בכל נפשו ובכל מאדו, כי זה כל פרי ישיבת ארץ ישראל.

(פלא יועץ יב)

## וירשת אתם וישבת בארצם

...ארץ ישראל אינה קנויה לישראל אלא בזכות ישיבתם בה, וכמאמרם ז"ל: "כי יכרית ה' אלקיך את הגוים אשר אתה בא שמה לרשת אותם מפניך, וירשת אתם וישבת בארצם" (דברים יב, כט) – עשה מצוה אחת האמורה בענין שבשכרה יכרית ה' אלקיך את הגוים. אשר אנכי מביא אתכם שמה – בשכר שתבא ותירש (ספרי ראה פ' כח), מכלל הן אתה שומע לאו, שאם לא תבוא לא תירש. ועוד הוסיפו ואמרו: "וירשת אותם וישבת בארצם" – ישיבת ארץ ישראל שקולה כנגד כל המצות שבתורה (שם שם). לזה מכוונים דבריהם ז"ל בתלמודין: כל הדר בארץ ישראל – דומה כמי שיש לו אלוק, וכל הדר בחו"ל – דומה כמי שאין לו אלוק, שנאמר: "לתת לכם את ארץ כנען להיות לכם לאלקים" (ויקרא כה, ל), וכל שאינו דר בארץ ישראל אין לו אלוק? אלא לומר לך, כל הדר בחו"ל כאילו עובד עכו"ם, וכן בדוד הוא אומר: "כי גרשוני היום מהסתפח בנחלת ה' לאמר: לך עבוד אלהים אחרים" וכו' (שמואל א, כו, יט) (כתובות קי, ב).

(הגיוני עוזיאל, שער טו, אהבת התורה ג, ג)

## הליכה בארץ ישראל

אציין עובדא מהרה"ק ר' אהרן זי"ע מבעלזא כשהגיע בשנות המלחמה והשואה לארץ ישראל, ערך את שלחנו הטהור בירושלים בבתי ורשא, ובחוץ מסביב לבית המדרש הצטופפו קהל גדול שלא יכלו להכנס לבית המדרש, כשיצא משם הרה"ק זי"ע היה קשה לפלס לפניו הדרך, לכן חשבו להוציאו על כסא, כשנישא ע"י משמשיו, ברם הוא סירב ואמר שרוצה ללכת ברגליו כדי לקיים הליכה בארץ ישראל כפי שאמרו חז"ל.

(אדמו"ר מביאלא- פשיסחא זצוק"ל "ברכת צבי")

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

צו אפוועדן דעם דעת פון "מגילת אסתר" וואס איך האב אויבן אראפגעברענגט, ווי ער איז תולה די מצוה אין זמן פון ביאת המשיח און נישט אינעם זמן פון גלות. אזוי האב איך אויך געפונען אין "יוסף דעת", לרבינו הגאון ר' יוסף שאול, סי' שע"ב, ווי ער קריגט זיך אויך אויף דעם "מגילת אסתר" אין דעם, און ער ווייזט אויף פון עטליכע פלעצער ווי דער רמב"ן, אז די מצוה איז נישט געוואנדען אין א זמן נאר אין די מעגליכקייטן, ער ענדיגט אזוי צו זיינע ווערטער, "על כן איז קלאר ווי דער רמב"ן, און דער אייבישטער זאל מיר מזכה זיין צו קענען מקיים זיין די דאזיגע מצוה", עכ"ל. אזוי איז אויך דער דעת פון דעם "חרדים" אין פרק א' מצוות עשה התלויות בארץ ישראל[416], ווי ער שרייבט "עס איז א מצוה עשה מן התורה צו וואוינען אין ארץ ישראל, ווי עס שטייט אין פסוק[417] "וִירִשְׁתָּהּ וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ", האבן חז"ל געזאגט[418] אז די מצוה איז שקול אנטקעגן אלע מצות פון די תורה, און דאס איז איינע פון די תרי"ג מצות לויטן רמב"ן און די רשב"ץ", עכ"ל. אזוי האט אויך געפסק'נט דער מהר"ם שיק, חלק יו"ד סי' רכ"ה. אזוי האט אויך געשריבן דער מהרש"ם, ח"א סי' ח"י. ער ברענגט אראפ פון תשובות מהר"ם, סי' קצ"ט, אז עס איז נישט קיין חילוק צווישן זמן הזה און דעם זמן הבית, יעצט איז אויך שייך די מצוה. קוק אינעם ספר הקדוש[419] "אזור אליהו", פון הק' בעל "שבט מוסר", אז אפילו ווען זי איז חרוב איז דא די מצוה פון ישיבת ארץ ישראל. אזוי שטייט אינעם הייליגן ספר "אספקלריא המאירה", פר' ויצא[420], עס ווערט געברענגט אין ניצוצי אורות אינעם זוהר פון פר' ויצא[421], "פון דא איז משמע, אז אפילו ווען זי איז חרוב איז אסור צו ארויסגיין פון ארץ ישראל צו חו"ל, ווייל אין די צייט פון יעקב איז נאכנישט געווען קיין בית המקדש", עיי"ש. איך האב שוין אויבן געשריבן, אז אויך לויטן רמב"ם איז ישוב ארץ ישראל מן התורה, און די סיבה פארוואס ער האט דאס נישט אויסגערעכנט אין די תרי"ג מצות - איז ווייל דאס איז כולל די גאנצע תורה, וועגן דעם איז דאס נישט אויסגערעכנט אינעם צאהל פון די תרי"ג מצות. יעצט האב איך געפונען פון רבינו ה"אור החיים" הקדוש, אין סוף פר' נצבים[422], ווי ער שרייבט "ישיבת ארץ ישראל - איז א מצוה וואס איז כוללת די גאנצע תורה", עיי"ש ודוק). עס איז א חיוב פאר א יעדן איד זיך צו באנוצען מיט יעדן מעגליכקייט וואס קומט אים אונטער אין יעדע צייט און אין יעדע שעה, מיטן גאנצן כח און שטארקייט. זיין דעת איז אויך מיט דעם, אז מיט די מעהרהייט פון עולים חרדים צו ארץ ישראל, ווערט דארט זייער השפעה גרעסער און דאס יהדות ווערט שטערקער, אזוי וועט דער ישוב געפעסטיגט ווערן ברוח התורה הכתובה והמסורה, און דאס וועט גורם זיין קדושת הארץ.

איך האב א קלארע ראי' לדברי רבינו שליט"א, אז אויף א פלאץ ווי עס איז פארמערט געווארן אנשים יראי ה', זענען זיי משפיעים אויף זייער סביבה אפילו זיי טוהן קיין שום פעולה צו דעם, ווייל זייער השפעה אויף אנדערע קומט ממילא און פון זיך אליין, פון די ווערטער פון דעם רמב"ן[423] ווי ער פרעגט, "פארוואס געפונען מיר ביי אברהם און יצחק אז איבעראל ווי זיי זענען אנגעקומען האבן זיי גערופן אין די גאסן בשם ה', ווי עס שטייט[424] "וַיִּקְרָא שָׁם בְּשֵׁם ה'", ביי יעקב זעהן מיר נישט אז ער האט אזוי געטוהן? ענטפערט ער, אז אברהם און יצחק זענען געווען ווייניג אין צאהל און א קליינע גרופע, און זייער עבודת השם איז נישט געווען דערקענבאר צו זייער ארומיגע סביבה, וועגן דעם איז געווען וויכטיג פאר זיי צו רופן בקול גדול. מה שאין כן ביי יעקב, וואס ער האט געהאט צוועלף געהייראטע זוהן און זיי האבן געהאט קינדער, זענען זיי שוין געווען א גרויסע גרופע מיט פיהל מענטשען - האט ער שוין נישט געדארפט רופן אין די גאסן, ווייל זייערע מעשים זענען שוין געווען דערקענבאר פארן דור, צו מושך זיין זייערע הערצער לאבינו שבשמים, עכ"ד.


האמרי אמת זצ"ל

זעהסטו דא בפירוש דברי רבינו מגור, אז מיט די מעהרהייט פון חרידים - קומט מיט די השפעה אויף אנדערע פון זיך אליינס, כדברי רבינו הרמב"ן. עס איז א חידוש אז ער האט נישט צוגעברענגט אלס א ראי' צו זיינע רייד פון דעם רמב"ן הנ"ל. עכ"פ, דער רבי פון גור איז זייער גערעכט אין דעם, אז דער עיקר איז מיר זאלן זעהן אז וואס מער חרדים זאלן ארויפגיין קיין ארץ ישראל, דאן וועט נתגדל ווערן די קדושה אין לאנד, מיטן אייבירשטענס הילף.

המשך בגליון הבא אי"ה

[416] סעי' טו
[417] דברים יז, יד. דברים כו, א
[418] ספרי פר' ראה, פיסקא כח
[419] סי' קצד
[420] דף כא ע"ב, ד"ה עמ' שנ"ה
[421] זוהר ח"א, דף קנג, אות ב
[422] דברים ל, כ
[423] פר' לך לך, בראשית יב, יח
[424] בראשית כא, לג. בראשית יב, ח

**לארכה ולרחבה**

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## יער יתיר

דרום הר חברון

יער יתיר איז דער גרעסטער געפלאנצטער וואלד אין ארץ ישראל וואס איז געווארן איינגעפלאנצט דורך מענטשען, א טייל דערפון אין א מדבר. עס איז צווישן 400 און 850 מעטער העכערן ים-פלאך. עס געפונט זיך דרום פון די הרי חברון און ביים ברעג פון מדבר הנגב.

דער וואלד פארמאגט איבער פיר מיליאן ביימער מיט א שטח פון פערציג טויזענט דונאם, ווי אויך אסאך ווייך גערטנער און פעלדער פון איילבירטן, פייגן און באקסער. צווישן די חיות וואס דרייען זיך דא זענען די שאקאלען, פוקסן, הערשן, קארקאלן (ווילדע קעץ), מדבר האזן, הייענעס, וועלף און ווילדע חזירים און נאך. צווישן די ניינצען מינים פייגלעך אינעם וואלד זענען נאכט-פויגל (ינשוף), אדלער, פאלקאנען, רויב פויגלען, ערד-פייגל און נאך.

די ערשטע ביימער זענען געפלאנצט געווארן אין תשכ"ד (1964) דורך קק"ל. דער וואלד ווערט גערופן אויפן נאמען פון איינע פון די שטעט פון די לווים, ווי עס שטייט אין פסוק "וְלִבְנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן נָתְנוּ אֶת עִיר מִקְלַט... וְאֶת יַתִּר וְאֶת מִגְרָשֶׁהָ" (ספר יהושע, כא, יג-יד).


די וואלד יתיר
צילום: אלבטרוס

עס זענען דא אין די געגנט עטליכע אונטערסאנטע ארכעאלאגישע ערפינדונגען פון אור אלטע אידישע שטעט מזמן התנ"ך, ווי חורבת יתיר, און פון תקופת בית שני, ווי חורבת ענים ווי עס פלעגט זיין א גרויסע אידישע דארף, מיט א זכר פון א שיינע אור-אלטע בית הכנסת. מען האט אויך געטראפן עטליכע וויין פרעסען און נאך אינסטאלאציעס פון פארמערס פון יענע זמנים.

אויך איז דא א מענטשען געמאכטע טייך, "מאגר יתיר" כדי צו העלפן די ווייך גערטנער און פעלדער דורכאויס די הייסע זומער טעג.


די אור אלטע ביהכנ"ס פון חרבת נעים

בעזהשי"ת
# בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**
"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

**כי תצא**
י"ג אלול תשפ"א
August 21, 2021
גליון מס'
66

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### להזהר מלטמא את הארץ

ולא תטמא את אדמתך... כי היא ארץ אשר נקרא שמו עליה ואין לגרום לה טומאה, ואמר עוד שמ"ש ולא תטמא את אדמתך היא אזהרה מיוחדת על א"י, חוץ ממה שמוזהרים בח"ל.

(מלבי"ם, פר' תצא כא, כג)

### פנימיות העולם

בכל דבר יש חיצוניות ופנימיות, וארץ ישראל הוא פנימיות העולם וחו"ל היא חיצונית העולם, וכן בתורה יש חיצוניות התורה ופנימיות התורה, וע"כ כל פנימיות התורה נתגלה (בתורה) בא"י, דהיינו על ס' הזהר ותיקונים וכל כתבי האר"י זלה"ה.

(נופת צופים, סז. מרבי פנחס מקוריץ זצ"ל)

### הקשר בין העם לארצו

...בשעה שעמדו ישראל להכנס לארץ ישראל אשר כח הקדושה כ"כ גדול בה, זה לעומת זה התרכזו בה כוחות הסטרא אחרא החזקים ביותר, וזה היה כח שבעת עממין שנתלבשו בהם כחות הסטרא אחרא באופן חזק מאד כדי להלחם עם ישראל ולמנוע בעדם מלהכנס לארץ ישראל להתיישב בה ולבנותה. ולשם כך היו צריכים את האנשים הגדולים ביותר ראשי בני ישראל שהם בכחם ישברו את כח הסטרא אחרא, וגם נתעברו בהם נשמות י"ב שבטי י-ה, לפי שהיו צריכים לשלוח את כחות הקדושה הגדולים ביותר כדי לשבר את כחות הטומאה ששכנו בארץ ישראל, וכו' עיי"ש.

(מאור עינים, פר' תצא)

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הר"ר **יעקב שווארץ** הי"ו
לעילו נשמת זקינו הגאון רבי **ישכר שלמה** בן רבי **יצחק טייכטהאל** זצ"ל הי"ד, בעל השו"ת משנה שכיר
ולרגל שמחת הבר מצוה של בנו הבה"ח **משה יודא** נ"י
יה"ר שיעלה יעלה על דרך התורה והמצות לרוב נחת של הוריו
ולהצלחה בכל עניינים, ברוחניות ובגשמיות


הר הטייסים, הרי יהודה

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

**לה.** אין זוממער פון יאר תש"ג, האב איך פארברענגט אפאר וואכן אין די שטאט בעקעשטשאבא מיט מיין פאמיליע, האב איך דארט געטראפן ידיד נפשי נאך פון מיינע אינגע יארן, הרב הגאון מו"ה נתן צבי בריסק שליט"א, אבדק"ק נאדיסאלאנטא (און איידעם פון הגאון בעל "בית נפתלי" וואס איז געווען א זוהן פון הגאון בעל "קול אריה" ז"ל). האט ער מיר געוויזן אינעם ספר הקדוש "אך פרי תבואה", לרבנו הקדוש מליסקא זצ"ל אין פר' ויחי[425], ווי ער ברענגט נאך אין נאמען פון "נחל קדומים", אז "ארץ ישראל" איז בגמטרי' "תת לב". דאס מיינט אז ווען אלע אידן וועלן צולייגן הארץ צו וואוינען אין ארץ ישראל - וועט משיח צדקנו קומען, עכ"ל.

איך וועל ברענגען א ראי' צו די דאזיגע דברי רבותינו הקדושים, וואס זיי האבן געשריבן, אז מיטן געבן הארץ זיך צוריק צוקערן קיין ארץ ישראל וועלנדט זיך אונזער גאולה, פון דאס וואס איך האב אויבן אראפגעברענגט (פרק ב') פון די גמרא אין פרק "גיד הנשה" און פון רש"י על התורה, אויף וואס חז"ל האבן געפרעגט אויף יעקב אבינו "אויב האט ער נישט געטראכט צוריק צוגיין, זאל מען פון הימל אים צוריק האלטען?". חז"ל האבן שוין אויף דעם געשריבן[426], אז די געשעעניש הנ"ל פון יעקב, איז א סימן פון אונזערע לעצטע גאולה אויף וואס מיר האפן אויף דעם יעדן טאג. און ווייבאלד ער האט אפגעמאכט צוריק צוגיין, און טאקע אנגעהויבן צוריקגיין - איז אים געשעהן די נס. אזוי אויך מיר, אז נאר מיטן משים לב זיין צו וואוינען אין ארץ ישראל און טאקע צוריק צוגיין קיין ארץ ישראל וועלנדט זיך אונזער גאולה, און דאן וועט צו אונז פאסירן נסים ווי ביי יעקב אבינו ע"ה.

מיט דעם קען מען אויך מבאר זיין דעם פסוק אין יחזקאל[427], "וְאַתָּה בֶן אָדָם - און דו מענטש, כֹּה אָמַר ה' - אזוי האט דער אייבישטער געזאגט, לְאַדְמַת יִשְׂרָאֵל קֵץ - צו די לאנד פון ישראל איז דא אן ענדע, בָּא הַקֵּץ עַל אַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ - עס וועט אנקומען די ענדע אויף די פיר עקן פון די וועלט. עַתָּה הַקֵּץ עָלַיִךְ - יעצט ליגט די ענדע אויף דיר", עכ"ל. דער פשט אין דעם פסוק איז פארשטענדליך פון זיך אליין לויט דעם דערמאנטען ענין, אז ווען אידן וועלן משתדל זיין צו מאכן דעם ענדע צו דעם לאנד פון די אידן, איר אויסצולייזן פון די טמאים, ווי איך האב אויבן אראפגעברענגט פון שו"ת הריב"ש[428], און בשם דעם רמב"ן אינעם פסוק[429] "וּגְאֻלָּה תִּתְּנוּ לָאָרֶץ - אן אויסלייזונג זאלט איר געבן פארן לאנד", אז איר זאלט צוגעבן אייער הארץ זיך צוריק קערן צו איר און איר אויסלייזן - דעמאלסט וועט קומען דעם קץ פאר די אידן אין פאר אלע פיר עקן פון די וועלט. ממילא, קומט יעצט אויס לויט דעם, "הַקֵּץ עָלַיִךְ" - דאס מיינט אז די קץ-ענדע איז אין דיינע הענט, און ווען איר וועט משים לב זיין דערצו, וועט איר אים דערגרייכן, און מען וועט דיר צוהעלפן מן השמים. דער עיקר איז געווענדן אין דאס צולייגן הארץ פון אלע אידן אין דעם, דאס איז זייער קלאר.

נאך האט מיר ידיד נפשי הרב הנ"ל געזאגט, אין נאמען פון זיין טאטען הגאון הצדיק מו"ה יהושע, אבדק"ק טיסאדאדא זצ"ל (איך האב געדענקט דעם צדיק אין מיינע קינדערישע יארן, ער איז געווען מפורסם אין די וועלט אלס א צדיק נפלא, בעל מעשים טובים, פולע מענטשען האבן געשטראמט צו אים לדרוש את אלקים מיט זייערע בקשות), וואס ער איז געווען א תלמיד פון מרן הקדוש מליסקא, און ער האט געהערט מפי קדשו, אז ער האט געשיקט געלט קיין ארץ ישראל זיך צו איינקויפן א נחלה אין א פעלד. און ער האט אויך געזאגט, אז א יעדער איד איז מחויב זיך משתדל צו זיין אז אונזער הייליג לאנד זאל ווערן באזעצט מיט אידן, און איר אויך פארבויען מיט הייזער און באפלאנצען מיט פעלדער און ווייַן גערטנער, עכ"ד.

איך הק' קען צולייגן צו דעם, פון א רש"י אויפן פסוק[430] "וּבָא לְצִיּוֹן גּוֹאֵל - דער אויסליזער וועט קומען קיין ציון", שרייבט ער "ווי לאנג ציון שטייט חרוב - איז דער גואל נאכנישט געקומען", עכ"ל. ווען דעם ליגט אויף אונז א פלכט צו אויפבויען אונזער לאנד, כדי מקרב צו זיין אונזער גאולה. ווי איך האב שוין אראפגעברענגט אויבן בשם הקדוש המקובל בעל "הון עשיר", אז אונזער גאולה איז געוואנדן אינעם בויען פונעם לאנד. ווי מיר זעהן יעצט איז דאס אויך א בפירוש'ע רש"י.

**לו.** די ירושלמי (סוף פרק היה קורא[431]), רופט אן ארץ ישראל אלס "אם של ישראל" - די מאמע פון די אידן. אזוי זעהן מיר אויך אין ירושלמי (סוף כתובות, מועד קטן פרק ג' הלכה א) "הניח חיק אמו (ארץ ישראל) - ער האט איבערגעלאזט די שויס פון די מאמע, וחיבק חיק נכריה (חו"ל) - און אנשטאט ארום געהאלזט די פרעמדע מאמע". און די ארצות הגולה ווערט אנגערופן" איתת אבוה", וואס מיר רופן א שטיעף מאמע.

איך טראכט אז דער טעם דערפון איז, לויט וואס איך האב געזעהן אינעם ספר "אוצרות יוסף"[432] פון הגאון רבן של כל בני הגולה, מרן ר' יוסף ענגיל ז"ל בשם די מקובלים, אז ארץ ישראל איז די בחינה פון מלכות, און מלכות איז די בחינה פון אם לישראל. ווי די מקובלים האבן מבאר געווען[433] דעם פסוק[434] "וּבְפִשְׁעֵיכֶם - מיט אייערע זינד, שֻׁלְּחָה אִמְּכֶם - האט איר פארשיקט אייער מוטער" - דאס גייט ארויף אויף די שכינה, ווי חז"ל האבן געזאגט[435] "קום און זעה ווי באליבט די אידן זענען ביים אייבירשטען, אז איבעראל ווי זיי ווערן פארטריבן - איז די שכינה דארט מיט זיי". עס איז באקאנט, אז די שכינה ווייזט אויף מלכות און מלכות איז אם לישראל, וועגן דעם זאגט דער פסוק "וּבְפִשְׁעֵיכֶם שֻׁלְּחָה אִמְּכֶם", עכ"ד המקובלים. לויט דעם, איז גאר פארשטענדליך דער טעם פארוואס די ירושלמי איז מכנה ארץ ישראל אלס די מאמע פון עם ישראל. דאס איז די אמת בטעם הירושלמי.

לויט דעם ירושלמי האב איך מבאר געווען דעם מדרש[436] אויפן פסוק[437] "בָּנֶיךָ וּבְנֹתֶיךָ - דיינע זוהן און דיינע טעכטער, נְתֻנִים לְעַם אַחֵר - וועלן איבערגעגעבן ווערן פאר אן אנדערע

המשך בדף ב'

[425] ד"ה עוד כתב
[426] ב"ר פרשה סח, אות יח. פרשה ע, אות א
[427] פרק ז, ב-ג
[428] סי' קא
[429] ויקרא כה, כד
[430] ישעיה נט, כ
[431] פרק ב, הלכה ח
[432] מאמר הלבנה אות ו, יב
[433] זוה"ק ח"א דף כז ע"ב. ח"ג דף רנג ע"ב
[434] ישעיה נ, א
[435] מגילה כט ע"א
[436] עי' ברכות נו ע"א. יבמות סג ע"ב
[437] דברים כח, לב



יוצא לאור ע"י מכון: **לְבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

פאלק" - לְעַם אַחֵר מיינט אשת האב, די שטיעף מאמע. דאס הייסט אז דיינע זוהן און טעכטער וועלן ווערן איבערגעגעבן צו די ארצות הגולה וואס איז גערעכנט צו אונז ווי א שטיעף מאמע, זיי וועלן זיין איבערגעגעבן צו איר מיטן הארץ און נפש און אינעם פרעמדן גייסט וואס איז אין איר, ביז די ארצות הגולה וועלן ווערן אינגאנצן געטוישט צו אן אנדערע מאמע, זיי וועלן אינגאנצען מסיח דעת זיין פונעם לאנד וואס איז זייער אמת'דיגער מאמע. שטייט דארט ווייטער "וְעֵינֶיךָ רֹאוֹת וְכָלוֹת אֲלֵיהֶם - דיינע אויגן וועלן זעהן און אויסגיין פאר זיי, כָּל הַיּוֹם - א יעדן טאג" - צו זעהן ווי זיי וואקסן אויף, וואס צוליב דעם האט מען זיי איבערגעגעבן אין די האנט פון די פרעמדע מאמע, ווי דו האסט זיי געגעבן א חינוך פון די פרעמדע מאמע און זיי אויפגעצויגן אונטערן גייסט פון די פרעמדע מאמע, זייער גאנצע ציל און מטרה וועט זיין צו באארבעטען די ארצות הגולה. ווי דער מאמר פון שלמה המלך אין שיר השירים[438], "שָׂמֻנִי - מען האט מיר געשטעלט, נֹטֵרָה אֶת הַכְּרָמִים - צו היטן די וויינגערטנער", זאגט אויף דעם דער מדרש[439] - עס מיינט די וויינגערטנער פון די פעלקער, "כַּרְמִי שֶׁלִּי - אבער מיין אייגענע וויינגארטן דאס מיינט הקב"ה, לֹא נָטָרְתִּי - האב איך נישט אפגעהיטן". וואס וועט אבער זיין דער סוף פון דעם? - ווי דער פסוק זאגט ווייטער[437] "וְאֵין לְאֵל יָדֶךָ - און דיינע הענט וועט זיין אן כח" - עס וועט גארנישט איבערבלייבן פון אלע דיינע טרחות וואס דו האסט זיך מטריח געווען וועגן דעם שטיעף מאמע, די ארצות הגולה, עס וועט גארנישט בלייבן דערפון, ווייל אלעס וועט מען פון דיר צונעמען און דו וועסט בלייבן בעירום ובחוסר כל, ווי מיר זעהן דאס בעוה"ר מיט אונזערע אויגן, וואס עס ווערט מיט אונז געטוהן אין די לענדער פון אייראפע. על כן, זאל יעדער איד וויסן אז פון היינט און ווייטער זאלסטו נישט זוכען קיין רוה-ארט נאר ביי דיין עכטער מאמע, וואס דאס איז ארץ ישראל. קיינער קען אונז יעצט נישט טרייסטן, נאך די אלע צרות וואס איז אויף אונז פאראיבער, און נאך די אלע צער וואס אונזער שטיעף מאמע האט אונז אפגעטוהן, וואס זי איז די ארצות הגולה, נאר אונזער אמת'דיגע מאמע וואס זי איז ארץ ישראל - נאר זי וועט אונז קענען טרייסטען. ווי דער נביא זאגט[440] "כְּאִישׁ - ווי א מענטש, אֲשֶׁר אִמּוֹ תְּנַחֲמֶנּוּ - וואס זיין מאמע טוט אים טרייסטן, כֵּן אָנֹכִי אֲנַחֶמְכֶם - אזוי וועל איך אייך טרייסטן, וּבִירוּשָׁלַםִ תְּנֻחָמוּ - און מיט ירושלים וועט איר זיך טרייסטן", דאס הייסט, אז נאר ביי אונזער אמת'ע מאמע, אונזער ריכטיגע מאמע (א"י) וועלן מיר טרעפען א טרייסט. דאס האט דער נביא דא געזאגט "וּבִירוּשָׁלַםִ" וואס דאס רעכנט אריין גאנץ ארץ ישראל (ווי איך האב שוין דערמאנט אין די ערשטע הקדמה בשם דעם זוהר), "תְּנֻחָמוּ" נאר זי וועט אונז טרייסטן. מיר זאלן נישט געבן נאך א מעגליכקייט פאר אונזער שטיעף מאמע וואס איז די ארצות הגולה אז מיר זאלן נאך בלייבן ביי איר. וויפול געלט האבן אונזערע עלטערן און אור עלטערן משקיע געווען אין איר, אויך די קינדער נאך זיי, זיי האבן אונז געבויט פאלאצען און זאלען, מיט אלע מיני גרויסע שיינע שטיבער, ווייל יעדער האט געטראכט און געזאגט: "דאס איז מיין רוה-ארט ביז אייביג, דא וועל איך בלייבן זיצן ווייל איך גליסט איר"[441], זיי האבן אינגאנצען מסיח דעת געווען פון די ריכטיגע מאמע, פון ארץ ישראל.

זעה ווי רבנו השל"ה (סוף מס' סוכה[442]), און דער חת"ס (יו"ד סי' קלח), ווי זיי באקלאגן זיך זייער אויף די וואס האבן זיך אינגאנצען אריינגעטוהן אין חוץ לארץ, דורך דעם וואס זיי בויען זיך הייזער און פאלאצען, און זייער גאנצער גאלד און זילבער טוען זיי משקיע זיין אין פארמעגענס אין חוץ לארץ צו פארגרעסערן און דערברייטערן די גרעניצן פון די שטיעף מאמע. זיי גדענקען נישט אויפצושטעלן די גבול פון די אלמנה, דעם גרעניץ פון אונזער מאמע די צדיקת וואס וויינט און קלאגט אויף אונז, עס גייט זיי בכלל נישט ארויף אויפן דעת זיך צו באשעפטיגן מיט איר אין סיי וועלכע עסק לטובתה. ווייל זייער גאנצער ווילן איז געווען נאר אז זיי זאלן האבן פרנסה בכבוד, ער זאל קענען זוכה זיין צו בויען א גרויס הויז און א חצר מיט שיינע אויסגעהאקטע שטיינער, עס זאל קענען בלייבן שטיין יארן לאנג, און זיינע קינדער און קינד'ס קינדער וואס וועלן געבוירן ווערן בארץ נכריה, זאלן עס קענען ירש'נען, ער זאל קענען זעהן די קינדער און מאריך ימים זיין אין דעם גלות. אזוי האבן מיר פארלוירן הונדערטער און טויזענטער יארן אין גלות, אונזער גאנצער כח און בלוט האבן מיר געגעבן פאר אונזער שטיעף מאמע. יעצט האבן מיר זוכה געווען צו באקומען פון איר אן הכרת התודה אויף אונזער אלע טרחות וואס מיר האבן זיך מטריח געווען וועגן איר - זי האט גענומען איר שטעקן און אונז געשלאגן מיט אכזריות'דיגע קלעפ אן רחמנות און אן דערבארעמונג, זי האט אונז צובייילט אין אונזער גאנצער גוף פון קאפ ביז פיס.

המשך בגליון הבא אי"ה

438 שיר השירים א, ו

439 ילקו"ש ח"ב רמז תתקפב

440 ישעיהו סו, יג

441 עפ"י תהלים קלב, יד

442 של"ה ח"ב דף עח ע"ב, טור א בסוף

**לְאָרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ**

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### הר הטייסים

הרי יהודה

הר הטייסים (פילאטען) איז א בארג אין די הרי ירושלים, עס איז 796 מעטער העכער דעם ים-פלאך. עס איז לעבן דעם כביש 395 וואס גייט פון עין כרם ביז אשתאול, צווישן דעם מושב רמת רזיאל און איתנים. עס איז א נאטירליכע רעזערוו פון כמעט 500 דונאם, פיל מיט אור-אלטעביימער.

אויפן שפיץ בארג איז דא אן אויפגעשטעלטער זכרון פאר די געפאלענע סאלדאטען הי"ד פון די חיל האוויר, עס איז אהערגעשטעלט געווארן א שטיק צייט נאכן מלחמת השחרור. מיט א מאטאר פון א "נורסמאן" פליגער וואס האט געקראכט אין זוממער תש"ח אינמיטן די מלחמה אינעם דערנעבענדיגן איתנים געגנט.

דער פליגער איז געווען פארמישט אינעם שלאכט העכער דעם כפר בית מחסיר, וואס איז היינט דער מושב בית מאיר. דער פליגער האט געפירט די צוויי פילאטען יריב שיינבוים, דניאל בוקשטיין. א פאטאגראפירער שלמה כהן, און נאך דריי ספעציאליסטן שלמה רוטשטיין, יצחק שקלנביץ און צבי שוסטרמן. זיי זענען אלע אומגעקומען אויפן ארט ר"ל. עס איז נישט קלאר ביז היינט די סיבה פארוואס עס האט געקראכט.

די אראבער האבן באהאלטען די גופים אין א ברונעם אין א נאנטען דארף, מען האט זיי דערנאך געטראפן און זיי זענען געקומען לקבורת ישראל אין דעם פרומען מושב קרית ענבים.

היינט צו טאגס איז דא אויפן בארג זיילן מיט אויסגעקריצטע נעמען פון די אלע לופט-קריגס געפאלענע, פון אלע מלחמות און קאמפיינען.

דער בארג האט שיינע און שטילע שטעגן און וועגן ווי מען קען שפאצירען און זיך אנזעטיגן פון די שיינקייט פון די ארומיגע בערג און טאלען. מען קען זעהן פולע שטעט און געגענטער ווי צום ביישפיל ביתר, נווה דניאל, און נאך. מען קען זיך דא אנטרעפן אין די נאכמיטאג שעה'ן מיט משפחות און קינדערלעך וואס ווילן טרעפן א שטילע פלאץ און אביסל מנוחה אין די ווינדער פון נאטור.

אין די לעצטע פאר טעג ווען עס איז פארגעקומען ר"ל איינע פון די גרעסטע וואלד פייערן אין די בערג, זענען א גרויס חלק פון די געוואוקסען אויפן בארג אפגעברענט געווארן.



איינע פון די שיינע ווינקלען פונעם בארג ווי מען קען זעהן דעם נוף



# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצובריינגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## לדבר רק בטוב הארץ

פעם אחת הגיע אחד האדמורי"ם שגר בתל אביב לבקר בקודש וראה איך שמרן מהר"א זי"ע יושב בביתו עם הטיליפ והיה חם מאוד, נענה ואמר למרן זי"ע, ס'איז זייער הייס אין דרויסען, [מאוד חם בחוץ], אמר לו מרן זי"ע במתק לשונו: אל תגידו כך, ס'איז אביס'ל ווארימלעך אינדרויסען, וצריכים זאת בגלל הפירות, כאשר יצא האדמו"ר נענה מרן זי"ע ואמר: אסור לדבר על ארץ ישראל, המרגלים דיברו על ארץ ישראל.

(בקדושתו של אהרן עמ' תכט)

## תחיית המתים בארץ ישראל

דע כי יש מסורת קבלה בידינו שתחית המתים של ארץ ישראל קודם לתחית המתים של חו"ל מ' שנה. אמנם כל מי שנפטר בחו"ל ויש לו ממשפחתו בארץ ישראל שהוא כל כך קרוב לו שחייב באבילתו, בין איש בין אשה, יש כח ביד קרובו שבארץ ישראל להחיות כל קרוביו שבחו"ל [להחיותם] כל החייבים להתאבל עליו, וסוד זה נרמז בפסחים בפרק תמיד נשחט באומרם רבותינו ז"ל עתידין צדיקים שיחיו המתים דכתיב כה אמר ה' עוד ישבו זקנים וזקנות בירושלים ואיש משענתו בידו, וכתיב ושמת משענתי על פני הנער עד כאן, ומה שתלה כח התחיה בזקנה ולא בצדקות, הענין לרמוז לפי שכל הדרים בארץ ישראל נקראים צדיקים כענין דכתיב ועמך כולם צדיקים וכמו שביארנו לעיל, אמנם זאת הסגולה של התחיה צריך שיהיו בני תורה שנקראו זקנים, כאמרו והדרת פני זקן ופי' רבותינו ז"ל זקן זה שקנה חכמה.

(חסד לאברהם, מעין ג, נהר כג)

## התנהגות בארץ הקודש

וידוע כי החוטא בארץ ישראל ענשו כפול מהחוטא בחוץ לארץ, כי היכל ה, הוא. על כן כל בעל נפש יחוס על נפשו, ולילה כיום יהיה דבק בה, ובתורתו, אל יתן דמי לו, וכפר עליו מאשר חטא על הנפש (במדבר ו יא) כל ימי חייו, כי עת לחננה, ולהתרחק מן הבטלה הרחק מאד, רק קדוש יהיה גדל "פרע" חובת גברא כי רבה. הכלל הוא יום כפורים ממש יהיה להם כל הימים אשר הם חיים על האדמה, מורא שמים יהיה חופף עליהם, וגדול כחה של תפלה במקום ההוא ארץ חפץ. וכבר יש להם תפלות נוראות שמתפללים על כל בני הגולה, ומפיהם אנו חיים. וכל אחד יתפלל על קרוביו לפי צחות לשונו, ויתפלל על בנין בית המקדש, על קבוץ גליות, ושיגאלנו האל יתברך שמו גאלה שלמה במהרה בימינו אמן. (וכבר אני עני סדרתי תפלה, וסמכתיה בבית תפלותי) וצריך היושב בארץ ישראל להיות שמח תדיר במצותו התדירה, וכל היסורין יקלו בעיניו באהבתו אותה.

(פלא יועץ, ארץ ישראל יב)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

בעזהשי"ת
# בשבילי הארץ
ווענכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָ‍ִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**
"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

**כי תבא**
כ' אלול תשפ"א
August 28, 2021
גליון מס'
67

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### לשמוח בישוב א"י

והיה כי תבא אל הארץ. אמר והיה לשון שמחה, להעיר שאין לשמוח אלא בישיבת הארץ על דרך אומרו (תהילים קכו, ב) אז ימלא שחוק פינו וגו'.

(אוה"ח, דברים כו, א)

### מצות ישוב א"י

...והוא אומרו וירשתה... ישיבת הארץ, שהיא מצוה בפני עצמה כמו שמצינו כמה הפליגו רבותינו ז"ל (כתובות קיא ע"א) במצות ישיבת הארץ.

(אוה"ח, דברים כו, א)

### מצות ישוב א"י

וישבת בה. שמצוה לישב בה.

(אדרת אליהו, דברים כו, א)

### מצות ישוב א"י

וזה לשון ספר חרידים, מצות עשה מן התורה לדור בארץ ישראל, שנאמר (דברים כו, א) וירשתה וישבת בה. ואמרו רז"ל בספרי (ראה כח) שמצוה זו שקולה כנגד כל המצות התורה. ואמרו (כתובות קי, ב) כל היוצא מארץ ישראל כו' יהיה בעיניך כעובד אלילים, שנאמר (ש"א כו, יט) כי גרשוני היום מהסתפח בנחלת ה' לאמר לך עבוד אלהים אחרים. ואיתא במסכת בתרא (צא, א), אמר רשב"י דאלימלך ומחלון וכליון נענשו מפני שיצאו מארץ ישראל למואב, שנאמר (רות א, יט) ותהום כל העיר עליהם ותאמרנה הזאת נעמי. אמר רבי יצחק, אמרו חזיתם נעמי שיצאת מארץ ישראל למואב מה עלתה לה.

(שני לוחות הברית, שער האותיות, קדושת כלל קומה מ"א)

### תשובה בא"י יותר ניקל

אבל אוירא דארץ ישראל מחכים (ב"ב קנח ע"ב), ואין תורה כתורת ארץ ישראל (ב"ר טז, ד), והעם היושב בה נשוא עון (ישעיה לג, כד), וכפר אדמתו עמו (דברים לב, מג), כמו שדרשו חז"ל (כתובות קיא ע"א), ואינו תחת שר רק עיני ד' אלקיך בה (דברים יא, יב), על כן עשיית התשובה שם בנקל, כמו שפירשתי במדרש (שמו"ר מג, ד) מיד נתעטף בטליתו כו'.

(ישמח משה, כי תבא)

המשך בדף ב'


טחנת קמח, שכונת ימין משה, ירושלים

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

אויך האט זי אונז פארטריבן, אוועקגענומען אונזער געלט פון אונזער הענט, און אונז געצווינגען ארויסצוגיין פון איר שטוב בעירום ובחוסר כל. אזויפיל מאחינו בני ישראל, צעהנדליגע טויזענטער זענען געשטארבען דורך איר מיט מיתות משונות. דאס זענען די ווערק פון אונזער שטיעף מאמע. דארפן מיר יעצט ווייטער איר געבן אונזער טראסט, אז מיר זאלן זיך צוריק קערן צו איר נאכאמאהל? פון ווי ווייסן מיר אויף זיכער אז נאך עטליכע צעהנדליגע יארען וועט זי עס נישט טוהן מיט אונז נאכאמאהל? ווי אונז זעהן באמת אין די היסטאריע פון אונזער פאלק, אז אזוילכע מעשים האט מען מיט אונז געטוהן יעדע שטיק צייט. און ביז היינט האבן מיר זיך נישט געלערנט פון די פארגאנגענהייט, פון דאס אלעס וואס איז פאראיבער אויף אונז דורך די אלע תקופות, אז מיר זאלן מער נישט געבן אונזער טראסט צו די שטיעף מאמע, די ארצות הגולה. וועגן דעם מיינע ברודער און שוועסטער, מער נישט! מער נישט! מיר זאלן זיך נישט נרכאמאהל צוריק קערן צו אונזער שטיעף מאמע נאר מיר זאלן זיך אלע אויפהייבן און ארויפגיין צו אונזער אמת'ע מאמע, און קומען צו איר מיט אלע אונזערע כוחות מעתה ועד עולם, אויפצובויען אירע חומות און פאררעכטען אירע חורבות, חזק ונתחזק, לאמיר זיך אלע שטארקן וועגן אונזער פאלק און וועגן די שטעט פון אונזער באשעפער, און דער גוטער באשעפער וועט מיט אונז טוהן אן אות לטובה וואס אונזערע שונאים וועלן זעהן און בלייבן פארשעמט.

**לז.** חז"ל זאגן אין מדרש (ווערט געברענגט אין "קול יעקב")[443], "פונעם טאג וואס די בית המקדש איז חרוב געווארן, איז נגזר געווארן אויף תלמידי חכמים אז זיי זאלן לערנען מתוך צער, מתוך דחקות און טירוף הדעת, כדי זיי זאלן מתפלל זיין אויף משיח", עכ"ל. איך האב פארשטאנען דעם מדרש לויט וואס איך האב געהערט פון מיין שוואגער, הרב הגאון בנש"ק, מו"ה משה קליין שליט"א, רב ופועל צדק בק"ק גראסווארדיין יע"א, אז ווען דער גאון ר' מאיר שפירא ז"ל, אבדק"ק לובלין איז ארומגעפארן און אונגארן צו פארהאנדלען מיט די גדולי און מנהיגי הדור וועגן דעם ענין פון ישוב און בנין הארץ, וואס ווי באקאנט זענען זיי געווען מתנגדים צו דעם. נאך אלע זיינע טענות און באווייזונגען איז אים נישט געלונגען צו פועל'ן ביי זיי אז זיי זאל מסכים זיין צו דעם. איין שבת איז ער געווען ביי א רבי און א מנהיג הדור פון די מדינה, האט ער געזעהן ביי אים אז זיין מנהג איז געווען צו עסן ביי שלש סעודות צוויי מאהל פיש, פאר אנצינדען די לעכט און מאכן אנצינדען די לעכט. די פיש פון פארן אנצינדען די לעכט האט מען דארט גערופן - פינסטערע פיש, און די פון נאכן אנצינדען די לעכט - ליכטיגע פיש. האט דער לובלינ'ער רב אים געזאגט, יעצט פארשטיי איך שוין פארוואס איר שטעלט זיך אנטקעגן צו די עליה און בנין הארץ, ווייל ווי לאנג איר עסט ליכטיגע פיש - דארפט איר נישט ארץ ישראל. אבער בעוה"ר רוב פון כלל ישראל עסן נישט גארנישט נאר פינסטערע פיש, און איר ווייסט נישט בצערן של ישראל. עכ"ד.

ממילא, יעצט נאך וואס עס האט מיט אונז פאסירט דא אין די מלוכות אייראפע, ווען מיר האבן אלע געגעסן פינסטערע פיש, איז זיכער אז מיר דארפן אלע מסכים זיין צו דעם, און דאס וואס מען טרעפט נאך דא אין די מדינה אין אונגארן, פריוואטע מענטשען ספעציעל ביי רבנים וואס זענען זיך מתנגד צו דעסף דאס איז נאר ווייל זיי האבן נאכנישט טועם געווען דעם טעם וואס רוב כלל ישראל איז טועם, זאל זיי דער אייבישטער מציל זיין דערפון, וד"ל. דאס טוט דער מדרש הנ"ל מיינען - "כדי זיי זאלן מתפלל זיין אויף משיח".

**לח.** עס שטייט אין "אגרא דפרקא" פון הגאון קדוש ישראל, מרנא צבי אלימלך זצ"ל[444] (אות קח), "איך האב געהערט פון א צדיק, א גרויסע מעלה איז דא אין ישיבת ארץ ישראל, ווייל ווען א מענטש גייט ארויס פאר א שטיק צייט פון ארץ ישראל, און דערנאך קערט ער זיך צוריק צו באזעצן אין ארץ ישראל, טוט דער מענטש אין איר טועם זיין א גרעסערע קדושה ביים צווייטן מאהל ווי ביים ערשטן מאהל. לויט מיין מיינונג האט ער דאס געלערנט פון אברהם אבינו, וואס די גאנצע עיקר פון זיינע מדרגות און דערהויבענקייט איז געווען ערשט ביי זיין צווייטע מאהל - "וַיַּעַל אַבְרָם מִמִּצְרַיִם - אברהם איז ארויפגעגאנגן פון מצרים"[445], עכ"ל הקדוש.

איך לייג צו לדברי רבינו. דער" חרדים"[446] ברענגט אראפ א מדרש, אז דער אייבישטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו אז דאס ערשטע מאהל וואס ער גייט קיין ארץ ישראל זאל ער איר זעהן און זיך צוריק קערן. ערשט נאך וואס ער איז צוריק געקומען, האט ער אים נישט געגעבן קיין רשות צוריק צוגיין צו ארץ ישראל נאר ערשט נאך פינף יאר. און די פינף יאר האט ער געגליסט צוריק צוגיין. און ער האט געזאגט דעם פסוק[447] "מִי יִתֶּן לִי אֵבֶר כַּיּוֹנָה - וואלט איך ווען געהאט פליגלען ווי א טויב, אָעוּפָה וְאֶשְׁכֹּנָה - וואלט איך געפלויגן און גערוהט. הִנֵּה אַרְחִיק נְדֹד - אט וואלט איך געוואנדערט ווייט אוועק, אָלִין בַּמִּדְבָּר סֶלָה - איך וואלט גענעכטיגט אין די וויסטעניש פאר אייביג" - "עס איז בעסער צו נעכטיגן אין די מדבריות פון ארץ ישראל און נישט צו נעכטיגן אין די פאלאצען פון חו"ל"[448]. און פאר ער איז אריין אין לאנד, האט ער נישט אזוי געגליסט, אבער נאכדעם וואס ער איז שוין דארט געווען דאס ערשטע מאהל, און געזעהן דורך די נבואה דאס שיינקייט און טייערקייט פון קדושת הארץ, האט ער זיך שוין גאר שטארק געבענקט. מיר זיינע אייניקלעך זאלן דאס ארויסלערנען פון אים לדורות, זיך צו בענקן אזוי ווי אים", עכ"ל. דאס איז א קלארע ראיה צו די קבלה וואס ער האט געהערט פון דעם צדיק הנ"ל, אז ביים צווייטן מאהל פילט מען א גרעסערע קדושה ווי ביים ערשטען מאהל.

לויט זיינע הייליגע רייד, וואלט מען אפשר געקענט געבן א טעם צום פסק פון רמב"ם (הל' בית הבחירה[449]) ביים ענין פון קדושת ארץ ישראל לגבי שמיטה און מעשר, אז ביים חורבן בית ראשון איז די קדושה בטל געווארן און מיר זענען געפטר'ט געווארן מן התורה פון שמיטה און מעשר. אבער די קדושה פון עזרא ביים צווייטן בית המקדש איז נישט בטל

המשך בדף ב'

---

[443] תנדא"ז פרק ד, אות ד. ילקו"ש ח"א רמז שצא

[444] בעל בני יששכר

[445] בראשית יג, א

[446] עמ' קצו

[447] תהלים נה, ז-ח

[448] ב"ר פר' לט, אות ח

[449] פרק ו, הלכה טז

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל




**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## פירות של א"י

לכן צוה הקב"ה להביא בכורים משבעת המינים שנשתבחה בהן ארץ ישראל דייקא (ספרי כי תבוא א), היינו כי אלו הפירות של ארץ ישראל שנגדלו בקדושה הם בקל יותר לאכלם בבחי' קדושה בחינת טעם עצו ופריו שוה כנ"ל, אבל פירות שגדלו בחוצה לארץ יותר קשה לאכלם בבחינת קדושה, אבל פירות של א"י יכול לאכלם בבחי' קדושה ולהגיע לבחי' יומין עילאין כנ"ל.

(בת עין, כי תבא)

## תורה וארץ ישראל חד הוא

וזה כל עבודתנו בכל ימינו אשר אנו חיים על האדמה להעלות כל צירוף וצירוף ואות ואות מאור הקדושה אשר בארץ התחתונה הלז, אל שורשה אשר בארץ החיים שכינה תתאה (כי עשי"ה גימטריא שכינה כנודע) כי האותיות הללו מתאוים לחזור למקום מחצבתם מקום אשר נלקחו משם, וכל מקור יקו למקורו. וכל עיקר בריאת העולם היה בשביל זה לדבק כל דבר בשורשו. ואז שוש תשיש ותגל העקרה בקיבוץ בניה לתוכה בשמחה. והיא נתעלת ויושבת בחיק אביה ואם הבנים שמחה. ושם חזרת כל דבר למקור שורשו כי משם נלקחו כאמור.

(באר מים חיים, דברים כו, א)

## כבוש ארץ ישראל

והנה עיקר כבוש ארץ ישראל הוא בזכות התחלת רצון ישראל ללכת ללחום עמים רבים ועצומים בעזר שמו יתברך, בזה המה מנצחים את כל מלכי כנען, וכן איתא בספרי כ"פ בשכר שתירש תשב, בשכר שתכבוש תירש, כי בהתחלת החפץ מישראל לכבוש במצותו ובהבטחם עליו לבדו הוא ההולך לפניהם לכבוש, והנה אם יפחדו ולא יבטחו בד' אז לא יצליחו נגד הגוים הרבים ועצומים מהם, לכן כדי לבטל מהם הפחד מהענקים, לחם משה את סיחון ועוג גדולי הענקים, והראן אשר ברצות ד' כקש נדף המה... וכן במלחמת היצר העיקר כי יהיה התעוררות לתשובה מהאדם, ואחרי זה הסיוע מהשי"ת כי יישר לפניו.

(משך חכמה, פר' כי תבא)

## בית בחו"ל בשכירה

פרט בארץ העמים אם אפשר לו לאדם לדור בישוב על ידי שכירות יותר טוב שלא יבנה בתים כלל ולא יקבע דירה בארץ טמאה, וזה מורה על אמונת הגאלה וצפית הישועה מיום ליום.

(פלא יועץ, בנין ל)

## השתוקקות לא"י

מי שמשתוקק לארץ־ישראל, על־ידי זה מעורר השתוקקות אצל אביו ואמו, הינו נשמותיהם, ובאים לארץ־ישראל, והקדוש־ברוך־הוא בא עמם ומצפים ומשתוקקים אליו.

(ספר המדות, ארץ ישראל ה)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

געווארן, אפילו היינט וואס א"י איז געווארן אוועקגענומען פון אונז, איז דאס לאנד נאך אלס אין איר קדושה און איז ווייטער מחויב מיט שמיטה און מעשר מן התורה, עיי"ש. לויט די אויבנדערמאנטע ווערטער שטימט דאס זייער גוט, ווייל ביי די צווייטע עליה האט די קדושה זיך אנגעכאפט מיט א פילערע שטארקייט מער ווי ביים ערשטען מאהל, אזוי אז מער האט זי זיך נישט געטוישט און פון איר קיינמאהל מער נישט אוועק געגאנגען. אפילו די קדושה איז נישט געווען אזוי בשלימות ווי ביי די ערשטע, ווי מיר ווייסן אז עס האט דאן געפעהלט פינף זאכן[450], און דאס איז געווען צוליב דעם וואס נישט אלע אידן זענען ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל[451]. אבער דאס וואס האט יא געכאפט, איז שטארק געכאפט געווארן מער ווי ביי די ערשטע.

איך וועל געבן א פשוט'ע טעם צו דעם קבלה פון דעם צדיק הנ"ל, פארוואס פילט מען דעם טעם לשבח ביים צווייטן מאהל מער ווי ביי די ערשטע מאהל. לאמיר זיך פארשטעלן, פון אזא איינעם וואס איז גאר שטארק אנגעקניפט מיט זיין מאמע, וואס האט אים אויפגעצויגן און זיך מטפל געווען מיט אים, ער איז נישט אוועק פון די מאמע'ס שויס אפילו פאר א רגע - אזא איינער קען נישט ריכטיג אפשאצן די גוטסקייט וואס זי טוט מיט אים. אבער אויב וועט ער ווערן אוועקגענומען פון איר וועגן סיי וואס פאר א סיבה, און ער דארף צוקומען צו א שטיעף מאמע פאר א שטיק צייט, און ער וועט דארט טועם זיין וואס דאס מיינט א שטיעף מאמע, ער וועט זעהן און באמערקן אז אלעס וואס זי טוט אים צו העלפן איז נאר מיט א שוואכע האנט, און קומט פון איר אן א ווילן און בדוחק, נאר למראית עין אבער אן הארץ, און נאך מער ווען ער שפירט די קלעפ פון איר שטעקן, וואס קומט מיט אן אויסגעגאסענע שנאה אויף אים - דעמאלטס, ווען ער וועט צוריק קומען צו די מאמע'ס שויס וועט ער שוין וויסן און פארשטיין צו מעריך זיין און שעצן וואס זיין מאמע טוט פאר אים, און ער וועט מיט א פולען מויל זאגן דאס וואס דוד המלך ע"ה האט געזאגט[452], "אִם לֹא שִׁוִּיתִי וְדוֹמַמְתִּי נַפְשִׁי - איך האב אפגעשטעלט און שטיל געמאכט מיין נפש, כְּגָמֻל עֲלֵי אִמּוֹ - אזוי ווי א זייגעדיג קינד ביי זיין מאמע, כַּגָּמֻל עָלַי נַפְשִׁי - אזוי איז מיין נפש אויף מיר", ער וועט פילען אז זיין מאמע'ס נפש איז געבינדען בנפשו, עס וועט אים זיין זיסער א מאגערן שטיקל ברויט וואס זיין מאמע וועט אים געבן, מער ווי די געבראטענע פליישן וואס ער וואלט באקומען פון זיין שטיעף מאמע. יעצט, נאכדעם וואס איך האב שוין ארויסגעברענגט אז חו"ל איז די בחינה פון א שטיעף מאמע, און ארץ ישראל איז די אמת'ע מאמע, וועלן מיר גרינגער פארשטיין פארוואס שפירט מען א בעסערן טעם לשבח ווען מען קומט צוריק קיין ארץ ישראל צום צווייטן מאהל, ווי פון דער וואס איז פון איר קיינמאהל נישט אוועקגעגאנגען.

זעה אין ירושלמי (סנהדרין פרק ב, הלכה ד[453]), וואס דרש'נט אויפן פסוק הנ"ל וואס דוד האט געזאגט, "אִם לֹא שִׁוִּיתִי וכו' - כדין ינוקה דנחית ממעי אמיה - אזוי ווי דאס קינד וואס איז יורד פון די מאמעס בויך, אזוי פילט מיין נפש מיט מיר". דאס טייטשט, אזוי שפירט מען אין ארץ ישראל "דנחית ממעי אמו", וואס ארץ ישראל איז זיין מאמע, און ער איז יורד פון איר, עיי"ש.

אזוי איז מיט אונז היינט, מיר האבן טועם געווען דעם טעם פון אונזער שטיעף מאמע אין די גלות לענדער, אויף א גאר גרויסן פארנעם מער ווי געווען, דורך דעם ביטערן בעכער וואס מען האט אונז פארגעלייגט אין די לעצטע צייט אין גאנץ אייראפע, מיר האבן אויסגעקוועטשט און געטרינקען פון איר זאץ - עס איז נישט קיין ספק, אז א יעדער איד וועט זיך דערוועקן פון זיין שלאף, און עס זאל זיך אין אים שטארקן די ווילן און די בענקעניש נאך זיין ריכטיגע און אמת'ע מאמע, וואס איז ארצינו הקדושה, און ער וועט מער נישט וועלן בלייבן דא אין גולה, אפילו מען וועט אים געבן אלע וועלט פארמעגנס. ער זאל זיך שטארקן מיטן גאנצן כח, מיט זיין גאנצן נפש, הארץ און געלט, זיך צוריק צוקערן צום מאמע'ס שויס, ביי די ערשטע געלעגנהייט וואס עס מאכט זיך נאר, ער זאל זאגן פאר זיך אליין דאס וואס אברהם אבינו האט געזאגט ווען ער האט געגליסט זיך צוריק צוקערן קיין ארץ ישראל, ווי איך האב אויבן דערמאנט דעם מדרש[448] "עס איז בעסער צו נעכטיגן אין די מדבריות פון ארץ ישראל און נישט צו נעכטיגן אין די פאלאצען פון חו"ל". זעה אין מדרש משלי אינעם פסוק[454] "טוֹב פַּת חֲרֵבָה - עס איז בעסער א טריקען שטיקל ברויט, וְשַׁלְוָה בָהּ - און רואיגקייט אין איר" - האט רבי יוחנן געזאגט, דאס איז ארץ ישראל, אז אפילו א מענטש עסט דארט יעדן טאג א טריקן שטיקל ברויט מיט זאלץ און וואוינט אין ארץ ישראל, איז ער מובטח אז ער איז א בן עו"ה, "מִבַּיִת מָלֵא זִבְחֵי רִיב - פון א הויז וואס איז פוהל מיט צולאזטע מאלצייטן" - דאס איז חו"ל וואס איז פוהל מיט גזל און רויבעריי", עיי"ש.

המשך בגליון הבא אי"ה

[450] יומא כא, ע"ב
[451] יומא ט,
[452] תהלים קלא, ב
[453] דף ט, ע"א
[454] משלי יז, א

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר התנא רבי יהודה בר אלעאי

גליל העליון

רבי יהודה בר אלעאי וואס ווערט גערופן בדרך כלל רבי יהודה, איז געווען א תנא אינעם פערטן דור פון די תנאים. פון די גרויסע תלמידים פון רבי עקיבא, ווי אויך רבי טרפון און רבי ישמעאל. הונדערטער מאמרים ווערן אראפגעברענגט אין זיין נאמען אין ששה סדרי משנה.

ער האט געוואוינט אין די שטאט אושה אין די גליל. ער איז געווען איינע פון די פינף תלמידים וואס האבן באקומען סמיכה פון רבי יהודה בן בבא, וואס איז אומגעקומען צוליב דעם דורך די רוימער.

די רוימער האבן אים באטיטעלט מיטן נאמען "ראש המדברים בכל מקום" צוליב דאס וואס ער האט משבח געווען די רוימישע געוועלטיגער ביי די באקאנטע וויכוח מיט רבי יוסי און רבי שמעון בר יוחאי. ער האט געדינט אלס מורה הוראה אינעם הויז פון דעם נשיא.

ער פלעגט צו זאגן "לעולם תהא דעתו של האדם מעורבת עם הבריות" און געהאלטן אז מען דארף משלב זיין לימוד תורה עם ארבעטן און אז א טאטע דארף אויסלערנען א פאך פאר א קינד. ער איז געווען א גרויסער ארעמאן אבער קיינמאהל נישט אויסגענוצט זיין שטעלע אין די רעגירונג פאר אייגענע הנאות.

ווען אין די גמרא ווערט דערמאנט א חסיד, מיינט דאס אדער רבי יהודה בר אלעאי אדער רבי יהודה בן בבא. אויב ווערט דערמאנט א מאמר אין ספרא אן א נאמען מיינט דאס רבי יהודה בר אלעאי.

רבי אלעזר אזכרי, בעל "חרדים" פארציילט ווי אליהו הנביא האט זיך מגלה געווען צו רבי יוסף סרגוסי מחכמי צפת אויפן וועג צום קבר.

עס ווערט שוין דערמאנט אלס א מקום תפילה נאך פון רייזענדער פון איבער ניין הונדערט יאר צוריק. לויט די מקורות ווערט אנגעצייכנט אז ער איז נקבר אויף דעם פלאץ צווישן עין זיתים און צפת צוזאמען מיט זיינע תלמידים. עס זענען דא חילוקי דעות אין דעם אבער מיר ווייסן פון די חכמי צפת ווי רבי שלמה אלקבץ, דער רמ"ק און דער אר"י הק' און נאך פלעגן קומען צו דעם קבר צו לערנען תורה. טויזענטער אידן זענען טאג טעגליך פוקד דעם ציון הק'.

עס איז היינט אנגענומען אז דער פלאץ איז א סגולה פאר פרנסה. אויך איז דא אזוילכע וואס פירן זיך צו ארומגיין דעם קבר זיבן מאהל אלס א סגולה לפרנסה.




דאס בנין איבערן קבר פון התנא רבי יהודה בר אלעאי

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 68

**נצבים**

כ"ז אלול תשפ"א

September 4, 2021

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### מצות ישוב ארץ ישראל

ואומרו לשבת על וגו'. כאילו אמר ולשבת וגו', ודבר זה גם כן הוא מהשגת השלימות, כי ישיבת הארץ היא מצוה כוללת כל התורה, צא ולמד ממאמרם ז"ל (כתובות קיא.) שכל ההולך בה ארבע אמות יש לו חלק לעולם הבא שכולו חיים.

(אור החיים הק', דברים ל, כ)

### קיבוץ גליות

וקבצך מכל העמים. אחר שישוב עיקר הגולה מן הגוים. ישוב ה' לקבץ מן העמים אשר הפיצך ה' שמה מעט מעט. וכ"כ הרמב"ן בפי' על שה"ש עה"פ האלף לך שלמה. שמתחלה יהי' קצת קבוץ גליות ע"י רשיון המלכיות ואח"כ יוסיף ה' ידו שנית כדכתיב ושב וקבצך וגו'.

(העמק הדבר, נצבים ל, ג)

### יסורין של א"י ממעטין העונות

ויסורין של ארץ ישראל, הן מן הישמעאלים, הן מן החלאים, מזבח כפרה הם, כדבר שנאמר (ישעיה לג, כד) ובל יאמר שכן חליתי העם היושב בה נשוא עון. וזה רמז ג"כ בפסוק זה (דברים כו, א) בסופי תיבות והיה כי תבוא אל הארץ אשר ה' אלהיך נותן לך נחלה, נכ"ה והוא מלשון (חולין פ"י מ"ג) מנכה לו מן הדמים, וכדפירש רש"י בפסוק (במדבר כב, ו) אולי אוכל נכה בו, ופירוש הענין שעל ידי הצרות שבארץ ישראל מתנכים ומתמעטים העונות, והעם היושב בה נשוא עון. וכתיב (דברים לב, מג) וכפר אדמתו עמו. ודוקא בעונות קלים, ששבים ומתחרטים עליהם ויסורין אלו ממרקין, ובעת מותו של אדם הולך נכוחו לגן עדן.

(שני לוחות הברית, שער האותיות, קדושת כלל קומה מ"ו)

### תשובה בארץ ישראל

ודע כי ארץ ישראל אינה מכפרת מהעבירות הנעשות בה אלא השגגות לבד, אבל העוונות הנעשות בה אינם נמחלים אלא על ידי יסורים, או למי שהוא עובר על פשע, והפשעים הנעשים בארץ אין להם סליחה אלא על ידי תשובה ותלמוד תורה.

(חסד לאברהם, מעין ג, נהר יב)

המשך בדף ב'



חוף ראש הנקרה, ים התיכון

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר

מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

**לט.** יעצט ווען איך שרייב די ווערטער, ווען מיר שטייען נאך אין די שווערקייטן פונעם גלות, מיר זענען ארומגענומען מיט פחדים און צומישעניש פון אלע זייטן, קען מען הערן ביי אונז אידן פון א יעדן ווינקל און זייט, גערעדערייען און ווילן פון זיך צוריק קערן צו אונזער לאנד צו אויפבויען דעם חומת העיר, און צו דערהייבן אונזער הייליגן לאנד פון די איר שטויב. מען קען אבער מורא האבן, אז נאכדעם וואס די גזירות וועלן זיך בעזה"י אפשטילן און די ארצות הגולה וועט צוריקגיין ווי פריער, ווי עס איז מבואר אין מס' דרך ארץ זוטא (פרק השלום), "איין גזירה גייט און איין גזירה קומט און באנייט זיך אויף די אידן, אבער די אידן וועלן שטענדיג בלייבן שטיין פעסט, זיי וועלן נישט ווערן פארלאזט און נישט פארלענדט, ווי עס שטייט אין פסוק[455] "כִּי אֲנִי ה' לֹא שָׁנִיתִי - ווייל איך ה' האב מיך נישט פארענדערט, וְאַתֶּם בְּנֵי יַעֲקֹב לֹא כְלִיתֶם - און איר בני יעקב וועלן נישט פארלענדט ווערן". למעשה ווערן די גזירות בטל, עס וועט ווערן נאכדעם א צייט פון מנוחה און שטילקייט פאר אידן - און זיי וועלן זיך צוריק קערן צום פריערדיגן מצב און פארבלייבן דא אין גולה. ווער רעדט נאך אויב זיי וועלן דא טרעפן עפעס א גוט געשעפט און א גוטע פרנסה, דאן וועלן זיי זיך נאכאמאהל טרייסטן מיט פארשידענע תירוצים אבי זיך אנקניפן פון דאס ניי די קשרים מיט די שטיעף מאמע, און נאכאמאהל ווידערשפעניגן אין ארץ ישראל, זייער עכטע מאמע. אויף אזא אופן זיך איינצורעדן אז יעצט גייט די שטיעף מאמע שוין גוט זיין צו זיי. און ווייטער וועלן זיי אריינפאלן אין זייער אלטן חסרון, צו מסיח דעת זיין פון ארץ ישראל. אזוי ווי איך האב געהערט פון ידיד נפשי, הרב הגאון הצדיק, מו"ה ישראל דוד מרגליות שלעזינגער שליט"א, וואס איז געווען אב"ד דק"ק בסאלנאק, יעצט איז ער רב אין די בית המדרש פון חסידים "לינת הצדק" אין די שטאט בודאפעסט, אינעם ביאור פון די מסורה וואס וועט געברענגט פונעם "בעל הטורים" (פר' וארא[456]), "וַיֶּחְדְּלוּ הַקֹּלֹת - די קולות האבן זיך אויפגעהערט - ויחדלו לבנות העיר". דאס מיינט, ווי לאנג מען האט געהערט די קולות און געשרייען פון די אלע שווערע גזירות, ר"ל, האט א יעדער איד געפלאמט מיט זיין הארץ צו וועלן בויען דעם עיר הקודש, אבער אזוי ווי די קולות האבן אויפגעהערט און די גזירות האבן אפגעשטילט, דעמאלטס האט מען אויך אויפגעהערט צו וועלן בויען דעם שטאט, נאר מען איז צוריק צום פריערדיגן שטאנדפונקט און מען האט זיך פארליבט מיטן מצב אין גלות ווי אמאהל. עכ"ד.

אויף דעם זאג איך, אז מען דארף ווארענען און דערמאנען אחינו בני ישראל פון דעם דור, אז אויף זיי איז אריבער די שווערע תקופה פון וואס מיר האבן געלערנט אין די משנה (סנהדרין פרק ז, משנה ד), "דער וואס וואוינט מיט א בהמה - דארפן ביידע, סיי דער מענטש און סיי די בהמה ווערן פארשטיינערט. פרעגט זיך דארט, אויב דער מענטש האט געזינדיגט וואס איז עס דער זינד פון די בהמה? נאר וויבאלד דער מענטש איז געשטרויכעלט געווארן דורך די בהמה, דערפאר זאגט דער פסוק אז עס קומט די בהמה סקילה. נאך א פשט, אז די בהמה זאל נישט גיין אין גאס און מענטשען וועלן זאגן, אט איז די בהמה וואס פלוני איז איז פארשטיינערט געווארן צוליב איר", עכ"ל המשנה. און אזוי פסק'נען מיר אין ש"ס[457], אין רמב"ם[458], אז א שווערד וואס איז גענוצט געווארן פאר א חיוב מיתה - איז אסור הנאה צו האבן דערפון, אפילו עס איז דערמיט געטוהן געווארן א מצוה פון[459] "וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ - זאלסט אויסרייניגן דאס שלעכטס פון דיר", פונדעסטוועגן דאך, וויבאלד א מענטש איז געהרג'עט געווארן דערמיט - איז עס אסור בהנאה. און נאך מער אויב די הריגה איז געווען אן עבירה, איז עס זיכער אסור בהנאה. זעהן מיר אז די תורה זאגט אונז, א זאך וואס א מענטש איז געשטרויכעלט געווארן דורך דעם - דארף מען פארשטיינערן און עס איז אסור בהנאה. אדער צוליב ווען די בהמה וועט גיין אין גאס, זאלן מענטשען נישט קענען זאגן, דאס איז די בהמה וואס צוליב איר איז א מענטש געהרג'עט געווארן. יעצט אין די לענדער, וואס עס איז אין זיי אנגעקומען די אלע גרויסע שטרויכלונגען ווי די געשעהנישן וואס פאסירן אין די היינטיגע טעג, איז פאר אונז אסור צו הנאה האבן פון זיי. בכלל, וויאזוי קענען מיר נאך אריבער גיין אין די לענדער און זאגן, אין דעם פלאץ זענען געהרג'עט געווארן, פארברענט, פארכאפט און בארויבט געווארן יענער אין יענער, ווייל עס איז נישטא א משפחה ביי אידן ווי עס איז נישט געכאפט געווארן איינע פון זיי אונטער זייערע נעגל, א טאטע, א ברודער, א זון אדער טאכטער, הונדערטער, טויזענטער אדער צעהנדליגע טויזענטער, ווי די וועלט ווייסט שוין דערפון. ווי אזוי קען מען יעצט אפילו קוקען אויף די ערטער, ווער איז דער מענטש וואס האט נאר אביסל א ריינע געפיל, און ער זאל זיך נאך קענען פארנעמען מיט די פלעצער, ווי מען האט אונז באגאסען מיט שאנד און מיט שפאט און אונז אפגעטוהן אזוינע גרויסע צרות וואס מיר האבן נאכנישט געהערט אזוינס דורך אלע אונזערע היסטאריע טעג וואס מיר זענען פאראיבער ביז היינט. אזוינס דארף אונז וועקן און דערמאנען די איבערגעבליבענע פליטים פון די לענדער.

אויך איז באוויסט, אז אויף א פלאץ ווי א מענטש איז געהרג'עט אדער געשעדיגט געווארן, בלייבט דארט איבער א צייכן און עס הערשט דארט א רוח רע וואס לאקערט פאר נאך מענטשען. זעה אין ילקוט (פר' מסעי[460]) אויפן פסוק[461], "כִּי הַדָּם הוּא יַחֲנִיף אֶת הָאָרֶץ - ווייל דאס בלוט טוט פארדארבן מאכן דאס לאנד" - "זאגט רבי יאשיה, אז דאסווארט יַחֲנִיף איז א צוזאמשטעל פון די ווערטער יחו"ן א"ף על הארץ", עיי"ש. זעהסטו בפירוש אז אויף א פלאץ ווי עס איז פארגאסן געווארן בלוט - רוהט א צארן אויף דעם פלאץ, ר"ל. דאס איז די טעם פון די משנה הנ"ל, אז א זאך וואס עס איז דורך דעם געשעהן א שטרויכלונג פאר א מענטש, זאגט דער פסוק מען זאל עס פארשטיינערן און עס איז אסור בהנאה. וויפיל טויזענטער און צעהנדליגע טויזענטער אזוילכע שלעכטע רוחות זענען געבליבן אין

המשך בדף ב'

---

[455] מלאכי ג, ו

[456] שמות ט, לג

[457] סנהדרין מה, ע"ב

[458] הל' סנהדרין פרק טו, הלכה ט

[459] דברים יג, ו. יז, ז ועוד

[460] ילקו"ש ח"א, רמז תשפח

[461] במדבר לה, לג

יוצא לאור ע"י מכון: **לְבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

# בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## ארץ ישראל כלפי חו"ל

וזאת היא מעלת ארץ ישראל, והוא סוד הכתוב שנאמר בענין המטר (איוב ה) הנותן מטר על פני ארץ ושולח מים על פני חוצות, למדך הכתוב כי עקר השגחה בארץ ומשם מתפשטת לשאר מקומות העולם, ולכך אמר בארץ, הנותן, כלומר הוא בעצמו אבל בשאר מקומות שקראו חצות אמר ושולח, ע"י שליח, ומה שקראן חוצות יורה על פנימיות מעלת הארץ, כלומר שהן חוץ מפלטרין של מלך, ודוד ע"ה קראן אהלי רשע, הוא שאמר (תהלים פד) בחרתי הסתופף בבית אלהי מדור באהלי רשע, כלומר בחרתי ישיבת הסף מדור בחוצה לארץ שהם אהלי רשע, וכנגד ירושלים שהיא עיקר הצדק קרא לשאר ארצות אהלי רשע.

(רבינו בחיי, דברים לא, טו)

## מהו ארץ ישראל

הרבי ר' ברוך ממעזיבוז אמר לאחד שבא לקבל ברכת פרידה לנסוע לארץ ישראל, אתם צריכים לדעת מהו ארץ ישראל. כמו שאתם פה בהתעוררות ביום ראש השנה, כך צריך להיות שם כל השנה, כמו שנאמר (דברים יא, יב) אשר עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה.

(בוצינא דנהורא)

## אוירא דארץ ישראל

מי שיודע מארץ־ישראל, שטעם באמת טעם ארץ־ישראל, הוא יכול להכיר באחר, אם היה אצל צדיק [אמתי] על ראש־השנה אם לאו. כי מי שזוכה להיות אצל צדיק אמתי על ראש־השנה, אזי בכל מקום שהאיש הזה מסתכל, נעשה אותו האויר בחינת אוירא דארץ־ישראל, ועל־כן מי שיודע מטעם ארץ־ישראל, כל אחד כפי ערכו, הוא מחיב להרגיש ארץ־ישראל, כשפוגע ומתועד יחד עם זה האיש, שהיה אצל צדיק אמתי על ראש־השנה, כי על־ידו נעשה האויר בבחינת ארץ־ישראל כנ"ל.

(ספר המדות, ארץ ישראל ח"ב, ז)

## קיבוץ גליות

וזהו (תהילים קה, יא), "לאמר לך אתן את ארץ כנען חבל נחלתכם" כי עקר קבוץ כל הנדחים הוא לארץ ישראל ולירושלים, כמו שכתוב (דברים ל, ד), "אם יהיה נדחך בקצה השמים משם יקבצך וכו' והביאך אל הארץ הטובה וכו'" וכן אנו מבקשים בכל יום, "וקבצנו יחד מארבע כנפות הארץ לארצנו" והעקר לירושלים שכל בנינה מבחינת רבוי הבתים הנ"ל, שלשם מתכנסים כל הנדחים בבחינת (תהילים קמז, ב) בונה ירושלים ה' נדחי ישראל יכנס...

(ליקוטי הלכות, אורח חיים, הלכות ציצית ו, ו)

**איבער 750 אידן באקומען דעם גליון**
**קחו חלק בעבודת הקודש - א וואך איז $100**
לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

די לענדער, ווי אונזערע ברודער זענען געשעדיגט און געשטרויכעלט געווארן אין די טעג. לויט דעם מדרש הנ"ל, זענען די אלע לענדער פוהל מיט א חרון אף צוליב די אלע בלוט פארגיסענישן אין די צעהנדליגע טויזענטער. ווי אזוי קענען מיר בלייבן דא. דאס איז געווען די טעם פון אונזערע עלטערן אין גלות שפאניע[462], וואס האבן גוזר געווען אז מען זאל זיך דארט קיינמאהל צוריק קערן, אפילו נאכדעם וואס עס איז שוין דארט שטיל געווארן פון די גזירות[463].

על כן, א מענטש זאל זיך נישט בלינד מאכן די אויגן, און זיך נישט איבעררעדן אין זיין הארץ, אין עפעס א גוט געשעפט וואס וועט אים דא ברענגן פרנסה, ווייל ער וועט נישט זעהן אין דעם קיין סימן ברכה, ווייל א רוח רע רוהט דארט אוןווארט אים צום סוף צו טוהן שלעכטס, ח"ו. איך האב דאס שוין לאנג געזאגט, אויף אייניצעלנע מענטשען וואס זענען געבליבן וואוינען אויף א פלאץ ווי עס איז אמאהל געווען א גירוש פאר אידן און כמעט אלע אידן פון דארט זענען געווארן פארטריבן, נאר געציילטע פריוואטע מענטשן זענען דארטן געבליבן דורך פראטעקציע און געלד אפצאהל, און זיך דארט איינגעהאנדעלט לויטן פינאנציעלען מצב אסאך געלט און גרויסע פארמעגענעס, אדער די וואס האבן געדינט ווי קריג-סוחרים צו איינהאנדלען אסאך געלט, און זיי האבן פארגעסן דעם תכלית וואס דער אייבישטער האט אויף דעם מכוון געווען מיט די מכות וואס ער האט אונז געשיקט - צו דערוועקן די אידישע הערצער צו פארלאזן די ארצות הגולה, און צו גליסטן און בענקן זיך צוריק צוקערן צו אחוזת אבותינו, ווי איך האב שוין אויבן אויפגעוויזן פון מדרשי חז"ל, אז דאס איז די תכלית פון די אלע צרות וואס קומען אויף אונז אין די זמנים. זיי פארגעסן אבער פון דעם, זיי פעטן זיך אן פון צו פארשטיין דעם ענין. זיי זענען אזוי אריינגעטוהן אין זאמלען געלט דורך די גרויסע געשעפטן וואס קומט זיי אונטער צוליב דעם אום-איינגעארדענטע מצב וואס ווערט געמאכט אין אזוינע צופלויגענע זמנים. האב איך אויף זיי געזאגט, אז עס וועט זיי גארנישט בלייבן דערפון, נאר א רוח רע. איך האב אראפגעברענגט פון מדרש רבה (פר' בא פר' יג)[464] לגבי די מכה פון די היישעריקן, ווי דער מדרש זאגט, "וואס מיינט דאס[465] "לֹא נִשְׁאַר אַרְבֶּה אֶחָד - עס איז נישט געבליבן קיין איין היישעריק"? האט רבי יוחנן געזאגט, וויבאלד די היישעריקן זענען אנגעקומען האבן זיך די מצריים געפרייט. זיי האבן געזאגט, לאמיר זיי איינזאמלען און אנפילן מיט זיי די פעסער. האט דער אייבישטער געזאגט, רשעים, עטס פרייטס ענק מיט די מכה וואס איך האב געברענגט? גלייך שטייט[465] "וַיַּהֲפֹךְ ה' רוּחַ יָם - דער אייבישטער האט צוריקגעדרייט א ווינט פון מערב זייט, חָזָק מְאֹד - זייער שטארק, וַיִּשָּׂא אֶת הָאַרְבֶּה - און אוועקגעפירט דעם היישעריק-אנפאל". דאס מיינט 'לֹא נִשְׁאַר אַרְבֶּה אֶחָד' - אפילו דאס וואס איז שוין געלעגן אין זייערע טעפ אדער געזאלצן אין זייערע פעסער זענען אויך אוועקגעפלויגן פון דארט", עכ"ל. אזוי איז אויך מיט די מענטשען. זיי פרייען זיך מיט דעם פינאנציעלע מצב וואס מאכט זיך דורך די צרות וואס פאסירט אין אונזערע זמנים, אבי צו זאמלען געלט, אויך צו זיי זאגט דער אייבישטער, עטס פרייטס ענק מיט די מכות וואס איך האב אויף אייך געברענגט? איך זאג אייך צו אז עס וועט אייך גארנישט בלייבן דערפון אין אייערע הענט, אלעס וועט דער ווינט אפטראגן, אזוי וועט זיין מיטן סוחר נאך די מלחמה ווען אפשטילן. נאר דאס וועט זיין דער תכלית פון די צרות וואס מיר האבן געהאט - נאר איבערצולאזן די ארצות הגולה, און מיר זאלן ארויפגיין צו די ערי ציון און זיך אין איר באזעצן, דעמאלטס וועלן מיר האבן הצלחה און מיר וועלן דערגרייכן שטילקייט און אייביגע מנוחה, דאס איז דער רצון השם, ווי איך האב שוין אויבן מאריך געווען מיט ראיות און אויפווייזונגען.

א מענטש זאל זיך נישט דאכטן צו זיך אליין און זאגן, אמת אז נאכדעם וואס די מלחמה וועט אפשטילן און די מדינות וועלן צוריק גיין ווי עס איז געווען בעפאר, וועלן אין די אייראפעאישע לענדער בלייבן ווייניג געציילטע פון אחינו בני ישראל, ווייל בעוה"ר רוב המון פון אונזערע אידישע ברודער זענען פארטיליגט געווארן אין די מלחמה, אבער פאר די איבערגעבליבענע אידן וועלן האבן גוטע געשעפטן צווישן די גוים, זיי וועלן נישט מורא האבן פון קנאה וואס די גוים וועלן האבן אויף זיי, ווייל קנאה - געשעהנט דאך נאר ווען עס איז דא אסאך אידן, אבער ווען זיי זענען ווינציג אין צאהל, אביסעלע דא און אביסעלע דארט, דאס וועט נישט מאכן א קנאה צווישן זייערע גוי'שע שכנים. איך בין נישט חושד קיין שום איד אז ער וועט דאס זאגן אדער טראכטן. קודם וועל איך זאגן, ווער האט אים געשטעלט פאר א יורש, צו ירש'נען רוב המון פון די אידן וואס זענען אומגעקומען על קידוש השם?

המשך בגליון הבא אי"ה

[462] נאך דעם גירוש פון רנ"ב

[463] שו"ת מבי"ט ח"א סי' שז, ושו"ת קול מבשר ח"א סוף סי' יג

[464] אות ז

[465] שמות י, יט

## לארכה ולרחבה
באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## קבר רבי שמואל סלאנט
הר הזיתים, ירושלים

רבי שמואל איז געבוירן געווארן ב' שבט תקע"ו (1816), אין ווילקוניק. אלס קינד האט ער געלערנט ביי זיין פאטער רבי צבי הירש אב"ד ווולריסא. ער האט געלערנט ביי רבי צבי ברוידא אין סלאנט, און דערנאך אין וואלאזין. ער איז געווארן אן איידעם פון הרב יוסף זונדל פון סלאנט.

אין יאר תקצ"ט (1839) האט ער זיך ארויסגעלאזט קיין ארץ ישראל, אויפן וועג האט ער זיך אויפגעהאלטן עטליכע חדשים אין דמשק, סוריא. דארט האט ער זיך באקענט מיט דעם שר משה מונטיפיורי, און געווארן מיט אים זייער באפריינדעט.

אין אדר תר"א (1841) איז ער אויפגענומען געווארן אלס מורה-הוראה ביים בי"ד פון די אשכנזים אין ירושלים אונטער זיין שווער. ער האט געהאט דעם בי"ד שטיבל אין דעם חורבת רבי יהודה החסיד, אויך האט ער דארט געוואוינט אין א קליינעם פענסטער-לאזע דירה.

צווישן די יארן פון תר"ח-תרי"א (1848-1851) איז ער ארומגעפארן אלס שד"ר אין די ליטע און פוילן צו זאמלען געלט פאר די תושבי ירושלים, ער האט דערנאך מייסד געווען "כולל ווילנא". אין יאר תר"כ (1860) איז ער געפארן אלס שד"ר קיין דייטשלאנד, האלאנד און ענגלאנד און געשאפט געלט אויך צו איבערבויען דעם חורבה שוהל. זיין צדקה האט ער צוטיילט גלייך צווישן די אשכנזים און ספרדים.

אין תרכ"ו (1865) ווען זיין שווער איז נפטר געווארן, איז ער אויפגענומען געווארן אלס ממלא מקום און אלע קהילה ענינים האט זיך געפירט דורך אים. אין יאר תרל"ח (1878) ווען רבי מאיר אויערבאך זצ"ל איז נפטר געווארן האט מען אים געשטעלט אלס ראב"ד. יארן שפעטער האט מען אים ממנה געווען אלס רב ראשון לציון פון ירושלים. ער איז געווען א גאון עולם, א פוסק מובהק און בקי נפלא בכל חדרי התורה.

רבי שמואל איז באקאנט געווען אלס א חכם נפלא און עס זענען באקאנט אומצאהליגע מעשיות פון זיין חכמה און פקחות. ער איז אויך געווען פון די מייסדים פון דעם ביקור חולים שפיטאל און מיט זיינע מוסטערהאפטע מידות, האט ער געלעבט בשלום מיט אלע קרייזן.

רבי שמואל זצוק"ל האט פארלוירן די ראיה אין די עלטערע יארן. ער איז נפטר געווארן אין עלטער פון 93 יאר אלט, כ"ט אב תרס"ט (1909) און נטמן געווארן אויפן הר הזיתים.



צורת הגאון רבי שמואל סלאנט זצ"ל




דער קבר אויפן הר הזיתים

צו באקומען דעם גליון יעדן וואך דורך אימייל, שרייבט אייך איין: activepage.co.il/trgister1234

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצובריינגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָ‍ִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 70

האזינו
י"ב תשרי תשפ"ב
September 18, 2021

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### ה' בחר בארץ ישראל

חביבה ארץ ישראל שבחר בה הקדוש ברוך הוא. אתה מוצא, כשברא העולם, חלק הארצות לשרי האמות ובחר בארץ ישראל. מנין, שכן משה אמר, בהנחל עליון גוים וגו' (שם לב, ח), ובחר לחלקו ישראל, שנאמר, כי חלק ה' עמו, יעקב חבל נחלתו (שם פסוק ט). אמר הקדוש ברוך הוא, יבאו ישראל שבאו לחלקי, וינחלו את הארץ שבאה לחלקי.

(מדרש תנחומא, ראה ח, א)

### קדושת ארץ ישראל

וכפר אדמתו עמו. פירוש אדמתו ועמו. ובמדרש וכפר אדמתו על עמו. ובסוף כתובות דרשו רז"ל וכפר אדמתו עמו, כל הקבור בארץ ישראל כאלו קבור תחת המזבח, כתיב הכא וכפר אדמתו עמו, וכתיב התם (שמות כ) מזבח אדמה תעשה לי. וזה היה מסוד יצירת האדם שבראו יתברך ממקום כפרתו, שכן כתיב בו (בראשית ב) עפר מן האדמה, וזהו מעלת הארץ שהיא פלטין של מלך ונקראת ארץ ה' ונחלת ה', וכל שהוא חוצה לה נקראת בלשון הכתוב תוצאות ואהלי רשע, ובלשון רז"ל ארץ העמים, והנה היא טמאה ומטמאת מצד עפרה ואוירה, וכן אמרו בפרק קמא דגטין, ארץ העמים גזרו בה טומאה על גושה ועל אוירה.

(רבינו בחיי, דברים לב, מג)

### א"י גבוהה מכל הארצות

ירכיבהו על במתי ארץ - זו ארץ ישראל, שהיא גבוהה מכל הארצות, כענין שנ' עלה נעלה וירשנו אותה, ויעלו ויתורו את הארץ, ויעלו בנגב.

(ספרי דברים שטז)

### קבורה בא"י

אמר רב ענן כל הקבור בארץ ישראל כאילו קבור תחת המזבח כתיב הכא (שמות כ, כד) מזבח אדמה תעשה לי וכתיב התם (דברים לב, מג) וכפר אדמתו עמו.

(כתובות קיא ע"א)

### שלום ירושלים

בנין ירושלים תלוי בשלום.

(ספר המדות, שלום ז)

המשך בדף ב'



ביהכ"נ העתיקה, חובת ענים ביער יתיר

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

איך האב מיר דערמאנט פון א מעשה וואס איך האב געהערט. א דארפ'ס מאן איז אמאהל אריינגעקומען צו איינע פון די צדיקי הדור, בעטן אז דער רבי זאל פאר אים מתפלל זיין ער זאל האבן פרנסה, און איבערגעגעבן א קוויטל. דער רבי האט אים געבענטשט אז ער זאל האבן ברכה און הצלחה. ענטפערט אים דער דארפ'ס מאן, ניין רבי! א ברכה ברויך איך נישט, נאר הצלחה אליין. דער רבי האט נישט פארשטאנען וואס ער מיינט דערמיט, און פרעגט אים, פארוואס ווילסטו נישט די ברכה? ענטפערט דער דארפ'ס מאן, רבי, איך האב א ווערטסהויז, פון די מענטשען וואס מאכן א ברכה האב איך נישט קיין פרנסה, נאר די וואס מאכן נישט א ברכה זאלען מיר געבן פרנסה. דאס טייטשט, אז אזוי האט דער דארפ'ס איד מחליט געווען, אז די מקור פון זיין פרנסה איז דווקא דורך זיינע גוי'שע שכנים, זיין וועג פון לעבן און זיין לעבנ'ס גאנג האט אים אינגאנצען דערווייטערט פון האבן א קשר מיט זיינע אידישע ברודער.

אזוי ווי מיר זעהן מיט דעם דארפ'ס איד בפרטות, אזוי איז אויך מיט אונזער פאלק, בעוה"ר. מען האט זיך ליידער אזוי שטארק צוגעוואוינט במשך די אלע גלות יארן צו יונק זיין פון א פרעמדע מאמע, ביז מען הייבט אן טראכטן אז עס איז פשוט נישט מעגליך קיין אנדערע וועג. אויף דעם קלאגט השי"ת ווען זי זאגט צום אידישן פאלק, וויפיל יארן האסטו דיך צוגעוואוינט אין דעם און דו עקלסט דיך גארנישט אין איר. דער אייבישטער בעהט פון אונז, ביז ער צווינגט עס ארויף אויף אונז דורך געשעהנישן אין דער וועלט, וואס אויב מיר עקלען זיך נישט אין די פעלקער, וועלן זיי זיך עקלען פון אונז, ביז עס וועט זיך פון אונז אפטוהן אונזער גאנג פון די ארצות הגולה, וואס מיר האבן זיך דערמיט צוגעוואוינט דורך זיין בקשר מיט די פעלקער פאר אזויפיל יארען. און עס וועט אונז ענדערש אויסלערנען צו לעבן פארבינדען און צוזאמען מיט אונזערע אייגענע אידישע ברודער, אן די קנאה, שנאה און אונטער גראבענישן, אין אונזער לאנד און אחוזת נחלתינו, אמן כן יאמר ה'.

**מא.** נאך וועל איך דיר זאגן, ברודער, זעה עס פאר דיין פנים און באקען זיך מיט אונזער היסטאריע במשך אונזערע גלות יארען. ווייל עס איז אייביג אזוי געווען, נאך שווערע תקופות זענען געקומען גרינגע און רואיגערע תקופות. אבער די פרייע יארן האבן נישט אנגעהאלטען נאר עטליכע צעהנדליגע יארן, דערנאך האט זיך צוריק אנגעהויבן די שווערע יארן. אזוי איז שטענדיג געווען די גורל מיט אידן דורכאויס דעם גלות וואנדערונג. וועגן דעם, לייג נישט דיין טראסט און דיין פארזיכערונג צו דעם צייטווייליגן שמייכעל וואס באווייזט זיך צו דיר נאך די אלע שווערע טעג, ווייל עס וועט נישט אנהאלטען צו לאנג, נאר לייג ענדערש דיין האפענונג און הארץ זיך צוריק צוקערן צו דיין מאמע'ס הויז - דארט ביי איר און אונטער אירע פליגלען וועסטו טרעפן אן אייביגע און שטענדיגע רואיגקייט בעזה"י. אויב וואלטן אונזערע עלטערן פון דעם פריערדיגן דור אדער פון נאך פריער אזוי געטוהן, ווען די גאוני הדורות האבן אויף דעם מעורר געווען אין יאר תרכ"ד[480], וואלטן מיר, זייערע קינדער נישט צוגעקומען צו די יעצטיגע שרעקליכע צרות, וואס האט אונז דערגרייכט אין די לעצטע תקופה. אבער אונזערע עלטערן האבן זיך אינגאנצען מבטל געווען. וואס איך מיין דערמיט צו זאגן - אז זיי האבן נישט אויסגענוצט זייער פערזענליכקייט צו שתדלן ביי די מלכי האומות צו באקומען דעם רשות צו קענען לעבן אן אייגענעם לעבן פאר זיך אין דאס לאנד פון אונזערע עלטערן, זיי האבן זיך באגענוגענט צו לעבן אין די ארצות הגולה מיט דעם טעפל געקאכטע לינדזען וואס זיי האבן באקומען דורך א געשעפט און א גוטע פרנסה, אבי צו קענען בלייבן זיצן ביים טאפ פלייש[481]. מיט דעם האבן זיי יוצא געווען און זייער ווילן און גליסטן האט זיך דא געענדיגט, מער האבן זיי שוין נישט געהאט קיין עסק מיט ארץ ישראל און בכלל מיטן אידישן פאלק. דאס איז געווען די שיטה פון אונזערע עלטערן אין גלות אין די אלע דורות, וועגן דעם זענען מיר זייערע קינדער אנגעקומען צו ווי מיר זענען אנגעקומען.

דאס איז דער געדאנק אין די קינה פון ירמיה הנביא[482], "אֲבֹתֵינוּ חָטְאוּ וְאֵינָם - אונזערע עלטערן האבן געזינדיגט און זיי זענען מער נישט דא, וַאֲנַחְנוּ עֲוֹנֹתֵיהֶם סָבָלְנוּ - אבער אונז האבן געליטן וועגן זייערע זינד". די כוונה איז, אז מיט דעם האבן זיי געזינדיגט - מיט דאס וואס זיי האבן זיך צוריק געהאלטן פון בעטן און משתדל זיין צו קענען לעבן פאר זיך אין זייער הייליג לאנד אזוי ווי אלע פעלקער, זיי האבן זיך געמאכט ווי גלייך זיי זענען נישט דא אין דעם וועלט בכלל, ווי גלייך זיי זענען נישט אן אייגנארטיגן פאלק וואס עס קומט זיך איר צו וואוינען אין איר אייגן לאנד, נאר זיי האבן זיך באגענוגענט צו זיין אן עקסטערע ראד צווישן די פעלקער. און וואס איז ארויס געקומען פון דאס אלעס? אז מיר ליידן וועגן זייערע זינד, וואס מיר ליידן יעצט דערוועגן, און מיר האבן דערגרייכט וואס עס האט אונז דערגרייכט.

וועגן דעם, מיינע ברודער! מיינע פריינט! לאמיר זעהן צו דעם, אז אויך מיר אליין זאלן נישט אריינפאלן אין דעם זעלבן חטא פון די דורות פאר אונז, אז אויך אונזערע קינדער נאך אונז זאלן נישט וויינען נאך אונז און קלאגן מיט די זעלבע קינה הנ"ל "אֲבֹתֵינוּ חָטְאוּ 'וְאֵינָם' וַאֲנַחְנוּ עֲוֹנֹתֵיהֶם סָבָלְנוּ". צוליב דעם, האבן מיר יעצט נישט קיין אנדערע עצה, נאר צו משתדל זיין מיט אלע אונזערע כוחות זיך צוריק צוקערן צו אונזער הייליגן לאנד, אלע צוזאמען, און דאן וועלן מיר משיג זיין א גאנצע ברכה פונעם אייבירשטען, אונז, אונזערע קינדער און קינד'ס קינדער עד סוף כל הדורות, און פון דעם וועט נשתלשל ווערן ביאת בן דוד בב"א.

**מב.** מיט דעם בין איך מפרש די מסורה, עס שטייט פיר מאהל "הלוך" - "הָלוֹךְ וְנָסוֹעַ"[483], "הָלוֹךְ וְחָסוֹר"[484], "הָלוֹךְ וָשׁוֹב"[485], "הָלוֹךְ וְגָדֵל"[486]. די פשט איז, אויב זענען מיר זיך מסתפק מיט'ן זיין ווייטער א "הָלוֹךְ וְנָסוֹעַ" צו ווייטער וואנדערן אין גלות אזוי ווי ביז היינט, דעמאלטס איז דער

המשך בדף ב'

---

[480] זעה די הסכמות
[481] עפ"י שמות טז, ג
[482] איכה ה, ז
[483] בראשית יב, ט
[484] בראשית ח, ה
[485] בראשית ח, ג
[486] בראשית כו, יג

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

# בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## תרומה מכל הארצות

זו שכרו של הארץ שעמד הקב"ה בתוכה וברא את כל הארצות והפריש את א"י תרומה מכל הארצות והפריש את ירושלים תרומה מכל א"י והפריש את מקום ב"ה תרומה מכל ירושלים וכן ברא הקב"ה את כל העמים כולן והפריש את ישראל תרומה מכל העמים ומישראל הפריש תרומה את שבט לוי ומשבט לוי הפריש תרומה את אהרן הכהן ובניו וקידשו ומשחו וכבדו בבגדי כהונה ובציץ ובאורים ותומים שהוא יעמוד לפני הקב"ה ומכפר על ישראל בכל שנה ושנה והביא את ישראל שהם תרומה מכל העמים לא"י שהוא תרומה מכל הארצות והביא את שבט הלוי שהפריש תרומה מכל ישראל לירושלים שהפריש תרומה מכל א"י והביא את בני אהרן שהפריש תרומה משבט לוי לבית המקדש שהפריש תרומה מכל ירושלים לעמוד לשרת לפני הקדוש ברוך הוא ולעשות רצונו שנאמר (חבקוק ג, ו) עמד וימודד ארץ ראה ויתר גוים ויתפוצצו הררי עד שחו גבעות עולם הליכות עולם לו.

(תנא דבי אליהו זוטא, סדר אליהו זוטא ב)

## מעלת ארץ ישראל

טוב פת חרבה ושלוה בה, מבית מלא זבחי ריב (משלי יז, א) - אמר רבי יוחנן, זו ארץ ישראל, שאפילו אוכל אדם פת ומלח ודר בתוכה, מובטח לו שהוא בן העולם הבא. מבית מלא זבחי ריב - זו חוצה לארץ, שהיא מלאה חמסים וגזילות. אמר רבי יוחנן, כל המהלך ארבע אמות בארץ ישראל, מובטח לו שהוא בן העולם הבא. אמר רבי לוי, כל הדר בארץ ישראל אפילו שעה אחת ומת בתוכה, מובטח לו שהוא בן העולם הבא. מאי טעמא? וכיפר אדמתו עמו (דברים לב, מג). אמר רבי נחמיה, ארץ ישראל היא מכפרת על עוונות מתיה. אמר רבי זבידא, כל הצדיקים שמתו בחוצה לארץ, מה אתה עושה להם? אלא, הוי אומר, שארץ ישראל מכפרת על מתיה, אבל הצדיקים שבחוצה לארץ עתיד הקב"ה לצוות למלאכי השרת, והם מביאים אותם במחילות מחוצה לארץ לארץ ישראל, ושם מתכפר להם, שנאמר וטהרתים על אדמתם וגו'. אמר רבי אבהו, תאמר אף רשעים שבארץ ישראל מתכפר להם? תלמוד לומר, ויינערו רשעים ממנה (איוב לח, יג), להיכן הוא מנערן? אמר רבי לוי, מן הארץ לחוצה לארץ.

(מדרש משלי יז)

## שלום ירושלים

מי יודע אם יזכה להיות מאלה שיכניסו אותם לארץ ישראל בשוב ה' את שבות עמו. אך מי שיהיה שם קודם לכן, יש לו תקוה שלא יגרשוהו.

(מתוך שיחת ה"חפץ חיים", החפץ חיים חייו ופעלו)

**איבער 750 אידן באקומען דעם גליון**

**קחו חלק בעבודת הקודש - א וואך איז $100**

**לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

רעזולטאט, אז מיר וועלן זיין "הָלוֹךְ וְחָסוֹר", ווייל דער גלות וועט נאר פאראורזאכן אז עס זאל אונז שטענדיג פעלען, ווי אלע ווייסן. און ליידער האבן מיר דאס אלע געזעהן מיט אונזערע אויגן ווי ווייט דער שווערער גלות האט פון אונז געמאכט פעלען, און די שווערע תקופה וואס האט פאסירט צו אונז אין די טעג, בעוה"ר. מה שאין כן, אויב וועלן מיר זיין ווי "הָלוֹךְ וָשׁוֹב" מיר וועלן זיך קערן קיין ארצינו הקדושה, דעמאלטס וועלן מיר זיין "הָלוֹךְ וְגָדֵל", אונזער הייליג פאלק וועט זיך גרעסערן סיי אין צאהל און סיי אין קוואליטעט, אין רוחניות און גשמיות. און עס וועט נתקדש ווערן שם שמים דורך אונז, ווייל אויב דאס פאלק וואקסט און בליהט איז דאס אויך גוט פאר זיין הייליגן נאמען יתברך ויתעלה, ווי עס איז מבואר אין תורה[487], נביאים[488] און כתובים[489] אין אומצאהליגע פסוקים. דאס איז אמת און קלאר בס"ד.

**מג.** נאך זאלסטו וויסן ברודער מיינער, דאס וואס עס שטייט אין די תורה[490] "זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בַּדֶּרֶךְ - געדענק דאס וואס עמלק האט צו דיר געטוהן אויפן וועג, בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם - ווען איר זענט ארויס פון מצרים. אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ - וואס ער האט דיר אנגעגריפן אויפן וועג, וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ - און אטאקירט די אלע לעצטע און שוואכערע פון אונטער דיר, וְאַתָּה עָיֵף וְיָגֵעַ - און דו ביזט געווען מיד און אויסגעמוטשעט, וְלֹא יָרֵא אֱלֹקִים - און ער האט זיך נישט געפארכט פון ג-ט. וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ - און עס וועט זיין ווען דער אייבישטער דיין ג-ט וועט דיר געבן מנוחה, מִכָּל אֹיְבֶיךָ מִסָּבִיב - פון אלע דיינע פיינט פון ארום דיר, בָּאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ - אינעם לאנד וואס דער אייבישטער דיין ג-ט, נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה לְרִשְׁתָּהּ - גיט פאר דיר אלס אן ארבטייל איר צו ירש'נען, תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק - זאלסטו אפמעקן דאס געדענקעניש פון עמלק, מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם - פון אונטערן הימל, לֹא תִּשְׁכָּח - דו זאלסט דאס נישט פארגעסן", עכ"ל פונעם פסוק.

איך וועל דאס מפרש זיין לויט אונזער ענין און לויט אונזער שווערע גלות וואס האט אונז פאסירט אין די טעג. עס ווערט געברענגט אין מדרש רבה[491], אז די ווארט "מצרים" ווייזט נישט דווקא אויף גלות מצרים אליין, נאר א יעדע צרה וואס פאסירט מיט אונז במשך פון אונזער גלות ווערט באטיטעלט מיטן נאמען "מצרים", פונעם לשון 'מצר-ים', עיי"ש. אונז זעהן יעצט אין אונזערע טעג, אז ווען א איד איז אין א צרה, ר"ל, און ער וויל טוהן עפעס שריט כדי זיך ארויסצוהעלפן און ארויסגיין פון דעם צרה וואס האט אים אנגעטראפן, קומט אן עפעס אן עמלק און פארשפארט אים דעם וועג און לאזט אים גארנישט טוהן. זעה דער מהרש"א (תענית טו, ע"א[492]), ווי ער איז מפרש די פסוקים וואס דוד המלך האט געזאגט[493] "דָּמִיתִי לִקְאַת מִדְבָּר - איך בין געגליכן צו דעם פייגל קְאַת פונעם מדבר, הָיִיתִי כְּכוֹס חֳרָבוֹת - איך בין געווארן אזוי ווי דאס פייגל כוֹס אין די חרבות"... [494]"כָּל הַיּוֹם חֵרְפוּנִי אוֹיְבָי - א גאנצן טאג שענדן מיר מיינע פיינט", דוד המלך פארציילט דא די אלע פלאגענישן וואס וועט דערגרייכן די אידן אין גלות, עס זענען דא אזוינע עופות וואס הייסן "כוֹס" און "קְאַת", זייער וואוינונג איז אין מדבר און אין חורבות, פלעצער ווי עס געפינען זיך דארט נישט קיין מענטשען. און ווען זיי האבן א צרה, שרייען זיי פאר הילף, אבער קיינער הערט זיי נישט. אזוי אויך אונז אין גלות, ווען מען טוט מיט אונז א רויבעריי אדער אן עוולה, שרייען מיר פאר הילף אבער קיינער הערט אונז נישט צו. און ווען מיר גייען צו די שרי משפט זיך צו באקלאגן צו זיי וועגן דעם רויב וואס מען האט מיט אונז געטוהן, איז נישט נאר גענוג אז זיי געבן אונז נישט קיין הילף, זיי פארשעמען אונז נאך און געבן אונז נאך צו א שטראף. דאס האט דא דער פסוק געזאגט "דָּמִיתִי לִקְאַת מִדְבָּר" - איך בין גלייך צו דעם קְאַת פייגל אינעם מדבר און צו דעם כוֹס פייגל אין די חורבות אן דעם וואס איינער זאל הערן מיין געשריי, און נישט נאר דאס, נאר "חֵרְפוּנִי אוֹיְבָי" מיינע פיינד שענדן מיר נאך אויף דעם, עיי"ש. אזוי באמת זעהן מיר מיט אונזערע אויגן, אין די יעצטיגע צרות וואס מיר גייען אריבער.

דאס זאגט אונז דער פסוק "זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם". די כוונה איז, אז בשעת דו פאלסט אריין אין א צרה און דו ווילסט דערפון ארויסגיין, קומט אן אן עמלק און קלאפט דיר אן אין וועג, ער האלט דיר אפ דעם וועג און לאזט דיר גארנישט טוהן, וועגן דעם בלייבסטו אינעם צרה. אויך געדענק די אלע אכזריות וואס ער האט מיט דיר געטוהן - "וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ" - ער האט נישט געשוינט מיט זיין אכזריות וואס ער האט אלס געטוהן מיט די שוואכע און קראנקע.

המשך בגליון הבא אי"ה

[487] במדבר יד, יג-יט ועוד
[488] יחזקאל לו ועוד
[489] תהלים ב: עט ועוד
[490] דברים כה, יז-יט
[491] ויקרא רבה פרשה יג, אות ד
[492] ד"ה בא"י מרחם וכו'
[493] תהלים קב, ז
[494] תהלים קב ט

## לאָרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### קבר התנא אלוקי רבי עקיבא

טבריה

דער הייליגער תנא רבי עקיבא בן יוסף איז געווען פון דעם דריטן דור תנאים. די גמרא פארציילט אונז אז קודם איז ער געווען אן עם הארץ און א פאסטעך ביי כלבא שבוע. כלבא שבוע'ס טאכטער רחל האט חתונה געהאט מיט אים ווייל זי האט אנערקענט זיינע גוטע מידות און עהרליכקייט, זי האט אבער דערוועגן אנגעוואוירן איר ירושה, ווייל איר טאטע איז נישט געווען צופרידן פונעם שידוך. אבער די צדיקת רחל האט אים צוגעברענגט אז ער זאל זיך זעצן לערנען תורה. ער האט אנגעהויבן לערנען ביי די פערציג און געפארן לערנען ביי רבי אליעזר בן הורקנוס, רבי יהושע בן חנניה און נחום איש גם זו פאר גאנצע 12 יאר, פון דעם איז געווארן נאך 12 יאר און ווען ער איז אהיימגעקומען, האט ער געהאט 24,000 תלמידים. ער האט זיין גאנצע תורה פארדאנקט אין דעם זכות פונעם צדיקת רחל, און איר געקויפט א גאלדענע תכשיט אויסגעקריצט דערויף דעם שטאט ירושלים.

זיין וואוינארט איז געווען אין בני ברק און לוד. ער פלעגט אויף אלס זאגן "כָּל דְּעָבִיד רַחְמָנָא לְטַב עָבִיד, אלעס וואס דער אייבישטער טוט, איז לטובה". אויך איז ער באקאנט מיטן מאמר "ואהבת לרעך כמוך, זהו כלל גדול בתורה". אויך מיט דעם מאמר "אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים".

צווישן פסח און שבועות זענען אלע תלמידים אויסגעשטארבן פון א מגפה, ער האט נישט אויפגעגעבן און געלערנט מיט נייע תלמידים, בעיקר מיט רבי מאיר, רבי יהודה, רבי שמעון בר יוחאי, רבי יוסי, און רבי אלעזר בן שמוע.

ער איז געווען פון די גרויסע שטיצער פון דעם בר כוכבא אויפשטאנד. ווען די רוימער האבן גוזר געווען אז מען טאר נישט לערנען תורה, האט זיך רבי עקיבא מוסר נפש געווען און פארגעלערנט תורה ברבים. מען האט אים געכאפט און ער איז פארמשפט געווארן צום טויט, אויך אלס איינע פון די עשרה הרוגי המלכות. ער איז אומגעקומען ערב יום כפור (לפי ילקוט שמעוני) אין יאר ד' תתפ"ד אין עלטער פון 120 יאר דורך א מיתה משונה און אויסגעהויעכט זיין הייליגע נשמה ווען ער האט געהאלטן ביי "אחד". עס איז דאן ארויס א בת קול, "וואויל איז דיר רבי עקיבא, דו ביזט אנגעגרייט צו חיי עולם הבא". דער בן איש חי שרייבט אז ער איז נפטר געווארן אין יום כפור. דעם קבר ווערט דערמאנט דורך אלע אור-אלטע רייזנדער. אויפן זעלבן בארג ליגן די 24,000 תלמידים.



דעם בנין אויף די מערה פון רבי עקיבא

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 69

וילך

ה' תשרי תשפ"א

September 11, 2021

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגען ארויס די מעלות פון א"י

### כניסה לא"י

רבי זירא כי הוה סליק לא"י לא אשכח מברא למעבר נקט במצרא וקעבר אמר ליה ההוא צדוקי עמא פזיזא דקדמיתו פומייכו לאודנייכו אכתי בפזיזותייכו קיימיתו אמר ליה דוכתא דמשה ואהרן לא זכו לה אנא מי יימר דזכינא לה.

(כתובות קיב, א)

### תועלת של מקום הנבחר

כל הימים וגו'. התועלת של הקריאה במקום הנבחר אינו מגיע אלא כ"ז שהמה בא"י. ולא כשהם בחו"ל.

(העמק הדבר, דברים לא, יג)

### פרנסה בארץ ישראל

ועם כל זה, זאת עצתי שלא תצא חוץ לארץ לבקש מזונך, כי אם שכון בארץ הקדושה ובטח בה' ועשה טוב, כי לא יגעל בך ה' מלהטיב לך שם. וזהו יצו ה' אתך כו' בארץ אשר ה' אלקיך נותן לך (דברים כח, ח), והסר מלבך דבר שקר לומר כי יותר יבורך גבר בחוץ לארץ, כי הלא שא נא קל וחומר ואמור, ומה אם בחוץ לארץ שיהודי הדר בה דומה כמי שאין לו אלוקי מתפרנס איש ישראל, מה גם עתה בארצו יתברך אשר בה ה' אלקיו עמו שיפרנסהו בה אם יבטח בו. וזהו אומרו יצו ה' אתך את הברכה, לומר הלא ודאי הוא כי יצו ה' אתך, כלומר בהיותו אתך את הברכה וכו', והיכן הוא אתך הלא הוא בארץ אשר ה' אלקיך נותן לך.

(תורת משה, אלשי"ך, דברים כח)

### אמונה וארץ ישראל

ודע, שארך אפים תלוי בארץ־ישראל, כי שם זוכים לבחינת ארך אפים. כי ארץ־ישראל הוא בחינת אמונה, כמו שכתוב (תהילים לז, ג), שכן ארץ ורעה אמונה, וכמו שאמרו רבותינו זכרונם לברכה (כתובות קי, ע"ב), כל הדר בארץ ישראל דומה כמי שיש לו אלוק. נמצא שארץ־ישראל הוא בחינת אמונה, ועל־ידי אמונה זוכין לבחינת אריכת אפים כנ"ל, דהינו שלא יוכל לבלבלו שום מונע ובלבול מעבודתו כנ"ל.

(ליקוטי מוהר"ן, קנה, ג)

המשך בדף ב'



עיר דוד, מחומות עיר העתיקה

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד

ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובעל"מ שו"ת משנה שכיר

מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

ווער איז דער מענטש וואס האט א הארץ זיך צו ווילן בויען אויף אידיש פארגאסן בלוט, און נאך מאכן דערפון א תועלת פאר זיך? וואס טראכט ער, די גאנצע רעזולטאט פון דאס פארגאסענע אידיש בלוט איז נאר כדי ער זאל דערנאך בויען א הויז אויפן בלוט, און זיך דערהייבן אויף דעם? עס איז נישט אזוי! עס איז נישט אזוי! דער תכלית פון דאס אידיש בלוט וואס איז פארגאסן געווארן, איז ווי עס איז מבואר אין מדרש שוחר טוב (פרק יז[466]), וואס איך האב שוין עטליכע מאהל אראפגעברענגט, עס איז אלס נאר כדי די אידן זאלן ווילן ארויפגיין קיין ארץ ישראל, ווי עס שטייט דארט לגבי די וואס זענען געשטארבן ביי די מגפה אין די צייט פון דוד המלך - אז זיי זאלן בעטן פאר בנין בית המקדש, און טאקע תיכף נאך די מגפה איז דוד געגאנגען צו אֲרַוְנָה און געקויפט דעם פלאץ צו בויען דארט דעם בית המקדש[467]. קומט אויס, אז מיט דעם האט ער מתקן געווען די נשמות פון די געפאלענע ביי די מגפה, ווייל זיי האבן גורם געווען צו צואיילן דאס קויפן פונעם פלאץ. אזוי אויך אין אונזערע טעג, אויב ווילן מיר אלע זיך אויפהייבן און ארויפגיין קיין ציון, ווילן מיר מיט דעם מתקן זיין די אלע נשמות בני ישראל וואס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם, ווייל זיי האבן מיט זייער נפשות גורם געווען אז מיר זאלן זיך צוריק קערן קיין ארץ אבותינו. אויב ווילן מיר זוכה זיין צו א גרויסן קיבוץ פון אידן אין ארץ ישראל, און דער אייבישטער וועט צופירן אונזערע הערצער אים ליעב צו האבן און צו דינען מיט א גאנץ הארץ, ווי איך האב שוין אויבן אראפגעברענגט פון רבינו הרמב"ם, אז נאך פאר ביאת משיח וועט שוין זיין א גרויסע קיבוץ אין ארץ ישראל, און דער אייבישטער וועט צופירן זייער הארץ מיט א רוח טהרה אז זיי זאלן זיך צוריק קערן צו אים באמת און מיט א לב שלם, דאן ווילן מיר גלייך זוכה זיין צו תחיית המתים פון די אלע וואס זענען פארטיליגט און געהרג'ט געווארן דורכן גלות. און זיי ווילן די ערשטע אויפשטיין, ווי עס איז מבואר אין ריטב"א[468], אזוי ווערט אויך געברענגט אין "עקרי הד"ט"[469] בשם תשובת הרדב"ז[470], עס איז א חידוש אז ער האט נישט געזעהן ווי דער ריטב"א שרייבט אויך אזוי. קומט אויס, מיט דעם וואס מיר ווילן איבערלאזן די גלות לענדער און מיר ווילן זיך צוריק קערן קיין ארץ ישראל, א חוץ פון דעם וואס איך האב געשריבן אז מיר ווילן מיט דעם מתקן זיין די נשמות פון אחינו בני ישראל וואס זענען געהרג'ט געווארן און געפאלען דא אין גלות, מיט דעם וואס זיי האבן גורם געווען אז מיר זאלן זיך צוריק קערן צו אחוזת אבותינו, ווילן מיר אויך מקרב זיין זייער תחיית המתים. אויב אזוי, איז נישט אומזיסט געווען זייער קדושה וואס זיי האבן דערמיט מקדש געווען שם שמים דורכן אומקומען אין גלות.

עס איז אויך באוויסט פון דעם אר"י הק' דער טעם פון די עשרה הרוגי מלכות, אז עס איז געווען כדי צו אפשוואכן די

כח פון די קליפות דורך דעם וואס זיי זענען אומגעקומען אויף קידוש השם. אזוי אויך מיט די קדושים פון אונזערע זמנים, וואס עס איז באקאנט אז דאס פארשטארקערונג פון די קליפות טוט אונז צוריקהאלטן פון זיך צוריק קערן צו אונזער הייליג לאנד, און דורך דעם קידוש השם וואס איז געהייליגט געווארן דורך דאס אומקומען פון די צעהנדליגע טויזנטער אידן, ווילן די קליפות אפשוואכן און עס וועט זיך עפענען דעם טויער אונז אריינצוברענגען צו ארצינו הקדושה. אויף דעם האט דער נביא אונז געזאגט[471], "פָּתְחוּ נִפְתְּחוּ שַׁעֲרֵי אַרְצֵךְ". דאס אלעס קענען מיר משיג זיין, נאר אויב מיר ווילן פארשטיין און וויסן דעם תכלית פון די יסורים וואס קומען אויף אונז, ווי איך האב אויבן אראפגעברענגט בשם דעם גאון בעל "ערך דל", אז פון די יסורים קען מען דערקענען וואס איז דער רצון הבורא - און אויב לויט דעם מצב אין חו"ל ווערט שווער דארט צו וואוינען, דאן ווייסן מיר אז דער רצון הבורא איז, מיר זאלן איבערלאזן די גלות לענדער און זיך צוריק קערן צו ארץ אבותינו. מיט דעם ווילן מיר מתקן זיין אונזער נפש און נפשות אחינו בני ישראל וואס ווערן פארלוירן בעוה"ר אינעם טומעל פונעם גלות, און מיט דעם ווילן מיר דערגרייכן דעם ריכטיגן תכלית פונעם בורא עולם. אויב אבער ווילן מיר דאס נישט טוהן, ח"ו, נאר מיר ווילן זיך לאזן איבעררעדן אונזערע הערצער פונעם יצר הרע ווייטער צו פארבלייבן דא אין גולה, איז נישט נאר דאס אז מיר זינדיגן מיט דעם קעגן דעם רצון הבורא, מיר ווילן אויך זיין שולדיג אויף דאס פארגאסן אידיש בלוט אומזיסט אן קיין תועלת. וועגן דעם בעהט איך אייך מיינע ברודער און פריינט, לאמיר ערנסט נעמען דאס וואס איך האב דא געשריבן, און דורך דעם וועט דער רבוש"ע נאר געלויבט ווערן דורך אונז דא אונטען און אויבן, אכי"ר.

פונקט האב איך היינט געליינט אין די טאגליכע צייטונג, ווי זיי ברענגען נאך פון דעם חכם טוב, דער גרויסער אדון רוזוועלט, דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען, אמעריקע, אז ער האט געזאגט, עס איז נישט גענוג אז נאך די מלחמה זאל אלעס צוריקגיין צו די גוטע צייטן ווי פאר די מלחמה, נאר די מענטשהייט ערווארט אז דאס צוקונפט נאך דעם שרעקליכן קריג, זאל אונז צוברענגען גאר גוטע און בעסערע צייטן, עכ"ד. וואס זאלן מיר אידן זאגן, נאך די אלע קרבנות וואס מיר האבן געברענגט, דארפן מיר זיך לאזן איבערבעטן נאר מיט די צייט וואס איז אויף אונז פאראיבער? וד"ל.

אין **פר' וילך** שטייט[472], "וְחָרָה אַפִּי בוֹ בַיּוֹם הַהוּא - מיין צארן וועט אויפפלאמען אין יענעם טאג, וַעֲזַבְתִּים - און איך וועל זיי פארלאזן, וְהִסְתַּרְתִּי פָנַי מֵהֶם - און איך וועל פארהוילן מיין פנים פון זיי, וְהָיָה לֶאֱכֹל - און זיי ווילן ווערן א פארציקעניש, וּמְצָאֻהוּ רָעוֹת רַבּוֹת וְצָרוֹת - און עס וועט זיי אנטרעפן אסאך שלעכטס און צרות, וְאָמַר בַּיּוֹם הַהוּא - און ער וועט זאגן יענעם טאג, הֲלֹא עַל כִּי אֵין אֱלֹקַי בְּקִרְבִּי - איז דאס נישט ווייל מיין ג-ט איז נישט אין מיר, מְצָאוּנִי הָרָעוֹת הָאֵלֶּה - וואס צוליב דעם האט מיר אנגעטראפן די אלע שלעכטס. וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא - איך וועל אבער שטארק פארהוילן מיין פנים אין יענעם טאג, עַל כָּל הָרָעָה אֲשֶׁר עָשָׂה - צוליב די אלע שלעכטס וואס ער האט געטוהן". פרעגן די

המשך בדף ב'

---

[466] אות ד

[467] שמואל ב כד, יח. דברי הימים א, כא

[468] תענית ל, ע"ב

[469] להרב דניאל טיראני, דף קכא ע"ב, אות סו

[470] ח"ב סי' תרלט

[471] נחום ג, יג

[472] דברים לא, יז-יח

יוצא לאור ע"י מכון: **לְבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך: שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצובררענגן שבח ארץ ישראל

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## אוירה של ירושלים

נכבדות מדובר (תהלים פז, ג). ביושבים בך או פירושו מעלות נכבדות מדובר בך שאת מעולה על כל הארצות בהרבה דברים כי בישוב נחלק לשבעה חלקים ובחלק האמצעי היא ירושלי' והיא באמצע היישוב לפיכך אוירה טוב וממוסך מכל האוירים לבריאות הגוף ולחכמה כמו שאמר במזמור מ"ח יפה נוף משוש כל הארץ.

(רד"ק על תהלים, פז, ג)

## לנקות א"י

בנוסח עלינו לשבח שניתקן במלכיות. ואיתא כי יהושע תיקנו. והיינו שבתחלה נכנסו לארץ ישראל ברצון האמת להעביר גלולים כו' וכדי לתקן עולם כו'. כי אם הי' מתקיים כמצות ה' שלא להניח מהז' אומות והי' ניתקן א"י כראוי בידינו ממילא הי' טובה לכל העולם. אך אח"כ חטאנו והשארנו מהם וזה הי' גרם כל הגלות ולכן מוכרחים אנו עכשיו לעבור במקומות שאר האומות ומבקשין תן פחדך כו'. ויעשו כולם אגודה אחת. וכאשר יהי' הגאולה לעתיד בוודאי יהי' מתוקן כל זה ובכח זה אנו שבין בתשובה על החטא שהשארנו מהם. עכ"ז מעוררין ג"כ זכות מחשבה טובה הראשונה שהי' לנו להעביר גלולים כו' וממילא בטוחים אנו להיות טוב אחרית דבר מראשיתו.

(שפת אמת, ראש השנה תרמ"ד)

## צפית לישועה

זה מעקרי הדת, והיא אחת מן השאלות ששואלין ליום הדין: צפית לישועה (שבת לא א, סנהדרין ה א)... וכן שלא יבנה בתים רבים חזקים ועליות מרוחים בציורים ופטורי צצים בארץ נכריה, כי מי שהוא נכון לבו בטוח יושב ומצפה מדי יום ביומו כי קרוב יום ה' שיקבץ נדחיו ונקומה ונעלה אל הר ה' מקום מקדשנו, ולא יקבע דירתו דירה נאה בארץ הטמאה.

(פלא יועץ, גאולה מב)

## פירות ארץ ישראל

סיפר כ"ק אדמו"ר מקרעטשניף סיגעט זצוק"ל:

האדמו"ר מבעלזא (מהר"א) זי"ע התאכסן אצלי בדירה בירושלים, ואז הגיעו לבקרו כל הרבנים של ירושלים, גם האדמו"ר מסאטמאר בא אז, ואת כל אחד כיבד עם ליקר בננות, ואמר לכל אחד "זהו משקה חשוב, הוא עשוי מפירות ארץ ישראל". וסיפר לי יהודי אחד, תלמיד קלויזנבורג, שהלך פעם עם האדמו"ר מקלויזנבורג אל הרבי מבעלזא, והרבי מבעלזא כבדו עם ליקר בננה ואמר לו "זהו הליקר הכי טוב".

(בקדושתו של אהרן עמ' רלו)

**איבער 750 אידן באקומען דעם גליון**
**קחו חלק בעבודת הקודש - א וואך איז $100**
**לעילוי נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצוות.**

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

אם הבנים שמחה - המשך מדף א'

מפרשים[473] - וויבאלד די אידן זענען זיך מתוודה געווען אויף זייערע זינד, אנערקענענדיג אז דער אייבישטער געפינט זיך נישט צווישן זיי צוליב דעם האט זיי אנגעטראפן די אלע שלעכטס, פארוואס זאל נאך דער אייבישטער צערענען, און נאך דאפלען די הסתרה פון זיי, ווי עס שטייט "וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר" וכו'? האב איך געזעהן אין ספר "יד יוסף" פון דעם חכם ר' יוסף צרפתי ז"ל[474], וואס האט געלעבט אין די יארן שע"ז, ווי ער זאגט א שיין ווארט אויף דעם, מיר זעהן דאך אז אויך פרעה האט תשובה געטוהן און געזאגט[475] "ה' הַצַּדִּיק וַאֲנִי וְעַמִּי הָרְשָׁעִים", אבער זיין תשובה האט נישט לאנג אנגעהאלטן, נאר ווילאנג ער האט געכאפט מכות, אבער אזוי ווי די מכה האט נאכגעלאזט איז ער צוריק צום אלטן פרעה ביז ער האט געמוזט כאפן נאך מכות, נאך און נאך. אזוי אויך איז מיט אונז, אויב אונזער תשובה איז נאר "בַּיּוֹם הַהוּא" דוקא, ווען די צרה שוועבט נאך אויף אונז, און ווען די צרה גייט אוועק וועט מען זיך גלייך צוריק קערן צום אלטען - איז די תשובה נישט קיין תשובה, אדרבה עס פארמערט נאך דעם חרון אף ה', ח"ו. דאס מיינט דער פסוק "וְאָמַר בַּיּוֹם הַהוּא", דוקא 'בַּיּוֹם הַהוּא' - נאר דאן ווען ער געפינט זיך אין א צרה טוט ער זיך מתוודה זיין און זאגט "עַל כִּי אֵין אֱלֹקַי בְּקִרְבִּי מְצָאוּנִי הָרָעוֹת הָאֵלֶּה". אבער ווען די צרה גייט אריבער וועט ער דאס שוין נישט געדענקען און זיך צוריק קערן צום אלטען, וועגן דעם זאגט די תורה ווייטער "וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי" וכו', עכ"ד. די זעלבע דא, אויב ווען די צרות וועלן פאראיבער וועלן מיר פארגעסן אלעס וואס איז אריבער אויף אונז, און מיר וועלן פארגעסן וואס מיר האבן צו געזאגט זיך צוריק צוקערן לארץ מולדתינו, מיר וועלן זיך לאזן איבערבעטן דא איבער צובלייבן - וועט דער חרון אף זיך שטערקערן אויף אונז מיט א דאפעלטען הסתרה, כנ"ל. קוק וואס איך האב אויבן געשריבן דערוועגן אין סוף פר' שלישי ביי די השמטה. זאל דער אייבישטער אריינגעבן אין אונזער הארץ אז מיר זאלן זיך צוריק קערן צו אים מיט אן אמת און א ריינע הארץ, און אים דינען מיט א לב שלם אין ארץ ישראל בב"א.

**מ.** עס שטייט אין מדרש[476], "רבי שמלאי האט געזאגט, וואס מיינט דער פסוק[477] "עַד מָתַי פְּתָיִם תְּאֵהֲבוּ פֶתִי - נערנים, ביז ווילאנג וועט איר ליב האבן נערישקייטן"? דער אייבישטער האט געזאגט, די וועלט פירט זיך, אויב א מענטש עסט א מאוס'ע זאך פאר צוויי אדער דריי טעג, צום סוף עקלט ער זיך פון דעם. אבער איר, עס איז שוין פילע יארן וואס איר דינט פרעמדע אפגעטטער וואס אויף איר שטייט[478] "צֵא תֹּאמַר לוֹ - דו וועסט אים זאגן, גיי ארויס" - דו וועסט אים אנרופען 'צואה', אבער אייער נפש עקלט זיך נאכאלס נישט דערפון", עכ"ל.

קענען מיר זעהן קלאר בעזה"י, אז דאס וואס דער מדרש האט געזאגט, אז דער אייבישטער קלאגט פאר די אידן - "וויפיל יארן דינט איר די פרעמדע געטטער און אייער נפש עקלט זיך נאכנישט" - רעדט מען נישט דא ממש אפגעטטער, נאר די כוונה איז ווי עס איז מבואר אין פר' ואתחנן[479], "וְהֵפִיץ ה' אֶתְכֶם בָּעַמִּים - דער אייבישטער וועט אייך צושפרייטן צווישן די פעלקער... וַעֲבַדְתֶּם שָׁם אֱלֹהִים - און איר וועט דארט דינען די געטטער, מַעֲשֵׂה יְדֵי אָדָם - האנטווערק פון מענטשען", איז רש"י מפרש, 'וַעֲבַדְתֶּם שָׁם אֱלֹהִים' - כתרגומו - ווי דער תרגום טייטשט. (דער "שפתי חכמים" איז דארט מפרש - אז רש"י איז שווער געווען, ווייל דער אייבישטער וועט פארשפרייטן די אידן צווישן די פעלקער, וועגן דעם, ח"ו וועלן זיי דינען פרעמדע אפגעטטער? וועגן דעם זאגט רש"י - כתרגומו). און דער תרגום טייטשט, 'וְתִפְלְחוּן תַּמָּן לְעַמְמַיָּא פָּלְחֵי טָעֲוָתָא', (איר וועט דינען די וואס דינען ע"ז, דאס וועט זיין גלייך ווי איר דינט זיי אליין) עיי"ש. לויט דעם איז קלאר, אז דאס איז די כוונה, אז דער אייבישטער מוסר'ט די אידן - שוין אזויפיל יאר וואס איר זענט צווישן די פעלקער און איר זענט קנעכט פאר זיי און אייער נפש עקלט זיך ניטאמאהל פון זיי, אזוי לעבן פון פארברענגן צווישן זיי און זיי דינען, וואלט ווען געדארפט מאוס זיין פאר אייך ווי צואה, צֵא תֹּאמַר לוֹ, דו זאלסט דיך צוריק קערן און גליסטן צוריק צוגיין צו דיין טאטענ'ס הויז און די לאנד פון דיינע עלטערן, לעבן צווישן דיר און דיין פאלק, מיט דיין משפחה ביי די מאמעס שויס. אויף דעם ווארט דער אייבישטער פון אונז, אויף דעם באקלאגט ער זיך אויף אונז, אויף אונזער שפל הרוח וואס הערשט ביי אונז, אז דאס אידישע פאלק מאוס'ט זיך נאכנישט מיטן לעבן צווישן די גוים מיט וואס מיר האבן זיך שוין ליידער צוגעוואוינט. נישט נאר עס וואלט געדארפט זיין אין זיינע אויגן ווי צואה, באדעקט ער נאך מיט האניג.

המשך בגליון הבא אי"ה

[473] רמב"ן, ספורנו, אוה"ח ועוד
[474] תסו
[475] שמות ט, כז
[476] ילקו"ש ח"ב רמז תתקצח
[477] משלי א, כב
[478] ישעיהו ל, כב
[479] דברים ד, כז-כח

לארצה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## אלקנה אבי של שמואל הנביא

בין צפת למירון, גליל העליון

אלקנה דער טאטע פון שמואל הנביא איז געווען פון די גדולי הדור ביים סוף תקופה פון די שופטים. דער פסוק רופט אים "ויבוא איש אלקים אל עלי" (שמואל א, ב) זאגט רש"י אז דאס איז אלקנה. ער האט געשטאמט פון אביאסף בן קרח פון שבט לוי, וואס האט תשובה געטוהן ביי די מחלוקה פון קרח און נישט איינגעזונקען.

אלקנה איז געווען חתונה געהאט צו חנה און פנינה, חנה האט נישט געהאט קיין קינדער און דורך אירע תפילות און תחנונים ביים משכן שילה און מיט א ברכה פון עלי הכהן, איז זי געהאלפן געווארן מיט איר זון שמואל, וואס זי האט מקדיש געווען צום אייבירשטען. פון אירע תפילות סיי דאס געבעהט, ווי אויך פון אירע לויב און דאנק ווערטער לערנען חז"ל ארויס די הלכות פון תפילה, ווי אזוי מען דארף צו דאווענען (ברכות לא).

אלקנה האט אסאך מעורר געווען די אידן צו עולה רגל זיין צום משכן אין שילה, וואס איז דאן נישט געווען איינגעפירט ביי די מאסן. אויפן וועג קיין שילה פלעגט ער נעכטיגן אין די גאסן, און ווען מענטשען האבן זיך אינטערסירט ווי ער גייט, האט ער גערעדט צו זיי ווארעמע רייד ביז זיי האבן באשלאסן מיטצוגיין מיט אים (אליהו רבה, ח-ט). האט דער אייבישטער געזאגט, אלקנה, דו האסט מכריע געווען עם ישראל לכף זכות, זיי מחנך געווען מיט מצוות - איך וועל דיר געבן א קינד וואס וועט אויך מכריע זיין עם ישראל לכף זכות און זיי איינלערנען מיט מצוות (ילקו"ש שמואל א, עז).

די ציון געפינט זיך נאנט צום ישוב כדיתא, נישט ווייט פון מירון, אויפן וועג צו צפת. אויפן זעלבן פלאץ געפינט זיך אויך דער קבר פון דעם אמורא רבי בנאה. רבי חיים וויטאל דער תלמיד פון דעם אר"י הק' שרייבט אויף דעם "עס איז א גרויסער בארג, און אויפן שפיץ איז דא אסאך פעלזן שטיינער, און אינצווישן איז דא א טאהל, דארט איז דא א פתח פון א מערה, גיי דארט אראפ און וועסט טרעפן דעם קבר פון אלקנה די טאטע פון שמואל און דעם אמורא רבי בנאה". נישט ווייט פון דא געפינט זיך די קבר פון רבי כרוספדאי, ווי אויך דעם מערה פון די אידרא.

עס זענען דא אנדערע וואס האבן געהאלטן אז אלקנה ליגט צוזאמען אין די זעלבע מערה פון זיין זון שמואל הנביא אין כפר "נבי סמואל" לעבן ירושלים.



די מערה מיטן בנין אויף דעם

צו באקומען דעם גליון יעדן וואך דורך אימייל, שרייבט אייך איין: activepage.co.il/trgister1234

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 77
תולדות
ב' כסלו תשפ"ב
November 6, 2021


## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### קדושת ארץ ישראל

והנה יצחק נתקדש בקדושת ארץ ישראל ונתברך במאוד בארץ ישראל כי נזרע בקדושה, על כן היא חלקו. ובעשו כתיב וילך עשו אל ארץ, כי ארץ ישראל קאה ענייני עריות כמו שכתוב בפרשת עריות (ויקרא יח, כח. כ, כב). ויצחק אדרבא נתדבק בקדושת הארץ ואסור לצאת חוצה מפני קדושתו, וזה הדבר הראה הקב"ה לכל העולם במה שהשפיע על יצחק בארץ ישראל וברכו במאוד ובודאי הוא מצד קדושתו.

(שני לוחות הברית, תורה שבכתב, תולדות, תורה אור י"ט)

### ירושלים לעתיד לבא

ויחפרו עבדי יצחק בנחל וימצאו שם באר מים חיים (בראשית כו, יט), וכתיב "והיה ביום ההוא יצאו מים חיים בירושלים", הוא הבאר שעתיד לעלות בירושלים ולהשקות את כל סביבותיה.

(פרקי דרבי אלעזר, לה)

### ברכת טל השמים

מטל השמים, זו ציון, שנאמר (תהלים קלג, ג), כטל חרמון שירד על הררי ציון.

(בראשית רבה, סו)

### ברכה לקיבוץ גליות

וכי מאחר שברכו הקב"ה ואמו אביו למה חזר וברכו שנאמר ויקרא יצחק אל יעקב אלא שראה יצחק שעתידין בניו להגלות בין אומות העולם א"ל בוא ואברכך ברכה של גליות שיחזור ויקבצך.

(ילקוט שמעוני עה"ת, קטז)

### ברכה לקיבוץ גליות

ובזכות מה ישראל זוכין לכל הכבוד הזה בזכות ישיבה של ארץ ישראל שהיו יושבין ומצטערין בין האומות בעולם הזה וכן אתה מוצא באבות העולם אין סוף על מה שנצטערו על קבורת ארץ ישראל.

(פסיקתא רבתי א, א)

המשך בדף ב'


**איבער 2200 אידן באקומען דעם גליון**
**קחו חלק בעבודת הקודש - א וואך איז $100**
**לעילו נשמת, לרפואת אדער סיי וועלכע זכות, ותזכו למצות.**




הירח והכנרת

## אם הבנים שמחה


הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר


מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

*[566]אין א דרשה וואס איך געהאלטן דא אין ביהכ"נ "לינת הצדק", האב איך מבאר געווען דאס וואס דוד המלך ע"ה האט געזאגט אין תהלים[567] "הֵיטִיבָה בִרְצוֹנְךָ אֶת צִיּוֹן - טוה גוטס מיט דיין גוטן ווילן מיט ציון, תִּבְנֶה חוֹמוֹת יְרוּשָׁלָםִ - בוי אויף די מויערן פון ירושלים. אָז תַּחְפֹּץ - דאן וועסטו ווען, זִבְחֵי צֶדֶק - די קרבנות פון די רעכטפארטיגע, עוֹלָה וְכָלִיל - פון א קרבן עולה און גאנץ פארברענטע קרבנות, אָז יַעֲלוּ עַל מִזְבַּחֲךָ פָרִים - דעמאלטס וועלן שטירן ארויפגיין אויף דיין מזבח". איז שווער, די גמרא זאגט דאך אין מס' שבועות אז ביים אייבירשטען איז נישטא קיין ספעציעלע חשיבות מיט גרויסע קרבנות, איינער גיט מער, איינער גיט ווייניגער, דער עיקר איז מען זאל מכוון זיין דאס הארץ צום באשעפער, אויב אזוי וואס איז די פשט מיט "אָז יַעֲלוּ עַל מִזְבַּחֲךָ פָרִים", וואס זעהט אויס כאילו איינער וויל געבן שוחד ח"ו, כביכול מיט גרויסע קרבנות ווי שטירן? איך וועל קודם מקדים זיין דברי רבנו הק' מלובלין זצ"ל[569] אויפן פסוק[570] "בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ - מיט דעם זאל אהרן אריינקומען צום הייליגקייט, בְּפַר בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת - מיט א אינגע רינד פאר א קרבן חטאת", עס איז באוויסט, אז אין די עבודה פונעם כהן גדול אין קודש הקדשים איז געווען געוואנדן דאס קיום פונעם גאנצן אידישן פאלק. אויב האט ער ריכטיג געטוהן זיין עבודה - איז דאס גוט גערעכנט געווארן און זיי האבן מצליח געווען אין אלעמען. אבער אויב ח"ו, איז זיין עבודה געווען מיט א פגם און א פסול - איז דאס ליידער געווען א ירידה פאר אידן. וועגן דעם, האט דער שטן און זיין כת געלאקערט אויפן כהן כדי אריינצוווארפן עפעס א פגם אין זיין עבודה, דער כהן גדול איז געווען געצווינגן זיך אנצוגארטלען מיט א שווערד אויף זיינע לענדן, און שטארקן א מיליטער צו קענען באזיגן די סטרא אחרא אז זיי זאלן נישט קענען גורם זיין קיין שום שאדן אין זיין ארבעט. צו דעם האט ער באדארפט צו האבן א גרויסע שטארקייט. עס איז באוויסט אז דער גיבור פון בהמות איז דער פר בן בקר, דאס זאגט דער פסוק "בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ בְּפַר בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת", צו באזיגן דעם[571] "לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ", דעם חטאת וואס רוהט ביים טויער גרייט צו מכשיל זיין דעם צדיק אין זיין עבודה. וועגן דעם האט אהרן געמוזט אריינקומען צום קודש הקדשים מיט דעם שטארקייט פונעם פר בן בקר וואס ווייזט אויף א שטארקע גבורה, כדי צו באזיגן דעם סט"א אז זיי זאלן אים נישט קענען מכשיל זיין. עכ"ד.

איך האב שוין ארויסגעברענגט אינעם ספר, אז אייביג ווען עס האט זיך געמאכט אז מענטשן וואס האבן זיך אריינגעלייגט צו ארבעטן, צו דערהייבן ציון פון איר שטויב און אויפצובויען דאס לאנד, האבן זיי געטראפן א התנגדות צו דעם, אסאך אפהאלטונגען האט מען זיי געשטעלט אין וועג. אבער דער ריכטיגער מענטש דארף זיך שטארקן זיין הארץ, ווי דער גאון פון קוטנא האט געשריבן, "זיין הארץ זאל נישט איינפאלן, און ער זאל זיך נישט שרעקן פון די דברי מתנגדים ווייל זייערע רייד קומט נישט פון קליגשאפט", עס איז נאר מעשה שטן, ווי דער גאון האלוקי פון גריידיטץ ז"ל האט געשריבן. דאס האט דוד המלך ע"ה געזאגט, "הֵיטִיבָה בִרְצוֹנְךָ אֶת צִיּוֹן תִּבְנֶה חוֹמוֹת יְרוּשָׁלָםִ" - דאס מיינט, ווען עס וועט עולה זיין ברצון ה' אויפצובויען ציון און ירושלים און וועט מיט דעם מעורר זיין מענטשען אז זיי זאלן צולייגן הארץ דערויף, אבער אנטקעגן דעם וועט דער שטן אויפשטעלן קעגנער און אפהאלטונגען אין דעם - "אָז תַּחְפֹּץ" - דאן וועט דער אייבישטער ווילן, "זִבְחֵי צֶדֶק עוֹלָה וְכָלִיל" - אזוי ווי א קרבן עולה וואס גייט אינגאנצן ארויף אויפן מזבח, אזוי וועט אויך זיין וויכטיג אז די מענטשן וואס ארבעטן פארן בויען דאס לאנד זאלן געבן זייער גאנצע כח און נפש פאר די ארבעט, זיי זאלן זיך איבערגעבן צו איר אזוי ווי א קרבן עולה וכליל. "אָז יַעֲלוּ עַל מִזְבַּחֲךָ פָרִים" - מיט די שטארקייט פון די פרים זאלן זיי זיך צושטעלן צו די עבודה, צו באזיגן אלע צוריקהאלטערס און די וואס שטערן זיי אין די עבודת הקודש, וואס איז חשוב בעיני ה' ווי א מזבח, דעמאלטס וועט עס זיי גערעכנט ווערן ווי א קרבן עולה וכליל. ודוק.

**נב.** איך האב געזעהן אינעם ספר "שמרו משפט" תנינא פון הגאון המקובל ר' עקיבה יוסף ז"ל, בעל "לב העברי", ווי ער פארציילט וואס האט מיט אים פאסירט בשעת ער האט עוסק געווען אין ישוב א"י, "ווען איך האב עוסק געווען אינעם ענין פון ישוב ארץ ישראל, צו קענען טרעפן א פלאץ אין ארץ ישראל פאר א געגענט צו באוואוינען, בין איך אדורך אין די גבולות פון ארץ ישראל, אזוי בין איך מיר אמאהל געריטן אויף אן אייזל פון 'צאנן' (א נאמען פון א פלאץ) אויפן וועג קיין ירושלים תובב"א, ווען איך בין אריבער אין די נחלה פון בנימין, האט מיין הארץ געשטורעמט אין מיר אזוי טראכטענדיג, עס האט זיך מיר ווי געדאכט ווי א זקן מיט א שיינע הדרת פנים קומט מיר אנטקעגן און זאגט מיר, דו ווילסט מאכן א ישוב אין ארץ ישראל פאר פושעים, שקצים, פרוצים מיט בריונים? איך האב מיר דערשראקן און איך האב אים אנגעקוקט מיט א טיפן בליק, און איך האב אים געזאגט, דאכט זיך מיר אז דו ביזט דער שר פון אדום, מיטן באקאנטן נאמען, קודם ביזטו געווען א מלך זקן וכסיל, יעצט איז מער נישטא קיין מלך אין פראנקרייך, ביזטו געבליבן נאר א זקן און א כסיל, און עס שטייט אין פסוק[572] "אַל תַּעַן כְּסִיל כְּאִוַּלְתּוֹ - ענטפער נישט דעם נער לויט זיין נערישקייט", און איך האב מיר ווייטער געריטן אויף מיין וועג מיט א זינגעדיגן געזאנג". (זעה ווי ער שרייבט דארט, אז ער האט מחבר געווען א זמר צו אנפלאמן זיין הארץ פאר די הייליגע ווערק פון ישוב ארץ ישראל אז ער זאל נישט פאלן ביי זיך פון די רודפים וואס מאכן אים ענג, פון די רשעים און פון די וואס מאכן זיך הייליג, עיי"ש).

דאס איז אזוי ווי איך האב אויבן געשריבן, אויף די טענת פון די חסידים דא אין אונגארן מיט די קליינע דעות, וואס האבן מיר געזאגט, אז וועגן דעם איז געווען דער צארן אויף די אידן פון סלאוואקיע און פון פוילן, ווייל זיי האבן זיך באשעפטיגט מיט בנין ישוב הארץ, און די איינוואוינער פון

המשך בדף ב'

566 נכתב כהגה מאת המחבר על הנ"ל
567 תהלים נא, כ-כא
568 שבועות טו, ע"א
569 רבי יעקב יצחק ה"חוזה מלובלין" בספרו "זכרון זאת" פר' אחרי
570 ויקרא טז, ג
571 בראשית ד, ז
572 משלי כו, ד

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## בנין עולם

ויקרא שם הבאר עשק האריך בענין הבארות יש אומרים לרמוז לעתיד, כי באר מים חיים ירמוז לבית המקדש הראשון שנאמר מקור מים חיים את ה' וקראו עשק שהתעשקו עמנו ועשו מחלוקות ומלחמות עד שהחריבוהו. והשני קרא שטנה הוא הבית השני שכתוב בו ובמלכות אחשורוש כתבו שטנה על יושבי יהודה וירושלים וכל ימיו היה לנו לשטן עד שגלינו ממנו. והג' קרא רחובות הוא הבית העתיד שיעשה בלי ריב והש"י ירחיב גבולנו שנאמר בו וכי ירחיב ה' אלהיך את גבולך שהוא לעתיד ופרינו בארץ שכל העמים יעבדוהו שכם אחד. ונאמר עוד שבעשק ושטנה לא הזכיר שם ה' לפי ששתי בתים הראשונים נבנו על ידי בני אדם והם שלמה וכורש ולכן נחרבו, אבל בהמ"ק הג' יבנה על ידי הקב"ה וכמו שהקב"ה חי לעד כן יהיה קיים לעד ולא יחרב עוד, ולז"א בו הרחיב ה' לנו הזכיר בו שם ה', וזהו שאמר דוד אם ה' לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו, הוא על שתי מקדשות הראשונים ועל הג' אמר מכון לשבתך פעלת ה' מקדש ה' כוננו ידיך ואחר שה' יבנה בית המקדש ה' ימלוך לעולם ועד לא יחרב עוד.

(תולדות יצחק, תולדות כו, כ)

## א"י תחת ממשלתו יתברך

גור בארץ הזאת ואהיה עמך (בראשית כו, ג). כשאתה תגור בארץ הזאת אז אני בעצמי אהיה עמך שהארץ הזאת תחת ממשלתי מה שאין כן בארצות שניתנו תחת השרים, וחלילה לך לבוא תחת שום שר (ועיין בילקוט ראובני ותמצא שם קרוב לדברינו הנאמרים) ועל כן ואברכך אני בעצמי ותהיה הברכה מידי ממש לא על ידי שום שר וממונה... כי לך ולזרעך אתן את כל הארצות האל. כי לפי שהארץ הזאת הוא חלקי לבד שאין לשרים חלק בה וגם חלק ה' עמו שישראל אינם ניתנין תחת שום שר כי יעקב חבל נחלתו ועל כן אתה וזרעך תירשו את הארץ ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל.

(באר מים חיים, בראשית כו, ג)

## הכל יחזור לירושלים

א"ר יוחנן כל שיטה ושיטה שנטלו נכרים מירושלים עתיד הקב"ה להחזירן לה שנאמר (ישעיהו מא, יט) אתן במדבר ארז שטה ואין מדבר אלא ירושלים שנאמר (ישעיהו סד, ט) ציון מדבר היתה וגו'.

(ראש השנה כג, ע"א)

## ישוב ארץ ישראל

...קמה מצוות ישוב ארץ ישראל ששקולה כנגד כל מצוות שבתורה למקומה, ומצוה על כל איש לסייע בכל יכולתו לקיים מצוה זו. ואם ייתן השי"ת ויתרחב הדבר ויגדל ויפרח כשושנה - אז בטח הוא עניין העומד ברומו של עולם.

(מתוך מכתב רבי מאיר שמחה הכהן מדווינסק)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

אונגארן זענען גרעטעוועט געווארן ווייל זיי האבן זיך פון דעם צוריקגעהאלטן. ווי פאר די אויערן וואס הערן דאס צו, ווי פאר דעם דור וואס איז אזוי פארטיפוש'ט געווארן און זיי זענען אויפגעוואקסן און נתחנך געווארן מיט אזא פאלשן חינוך ווי דעם, ארויסצוברענגען אזא פארדרייטן דערקלערונג אויף טויזענטער און צעהנדליגער טויזענטער אידן, וואס זענען געהרג'ט געווארן אויף קידוש ה'. ווי אויך צו דערנידערן דעם שאץ פון די מצוה פון ישוב ארץ ישראל, וואס חז"ל[573] האבן דאס דערהויבן און פארגליכענט צו די גאנצע תורה. אויף דעם קען מען גארנישט ענטפערן, נאר דעם מאמר פון דעם חכם מכל האדם "אַל תַּעַן כְּסִיל כְּאִוַּלְתּוֹ", דער אייבישטער זאל זיי מוחל זיין.

**נג.** אין דעם זוממער, שנת תש"ג ווען איך האב דא געוואוינט אין עיר הבירה, איז געווען זייער הייס חוץ מדרך הטבע. בין איך געווען פאר עטליכע וואכן אין א שפיטאל ארטה' וואס הייסט ווארוש מאיאר צו שעפן פרישע לופט, עס איז אויף א בארג מיט לויטערע און ריינע לופט. און אויף שבת פר' ראה האבן מיר מענטשען געבעטן אז איך זאל זאגן עטליכע ווערטער מעניני דיומא, וויבאלד מען האט דאן געבענטשט ראש חודש אלול, און אויך פון ענינים פון חבלי משיח וואס מיר זענען פאראיבער אין די לעצטערע צייטן. קודם האב איך מיר אפגעזאגט מיטן גאנצן שטארקייט און האב עס נישט געוואלט אננעמען, אבער עס איז געווען צווישן זיי צוויי תלמידי חכמים בנן של קדושים, און זיי האבן מיר גאר שטארק געבעטן אז איך זאל נישט אפזאגן, ביז איך האב שוין טאקע מער נישט געקענט אפזאגן. פאר איך האב מיר אויפגעשטעלט רעדן האבן די צוויי תלמידי חכמים הנ"ל מיר געבעטן אז איך זאל נישט רעדן פון ישוב ארץ ישראל. האב איך געזאגט פאר איינע פון די צוויי ת"ח, וואס ער איז באמת געווען א גדול בתורה און געזעצן אלס א דיין אין א גרויסע שטאט, א חסיד און צדיק תמים, מיט חסידות און תמימות, גייט מיט א גאנץ הארץ בבית ובחוץ. האב איך אים געזאגט, איך ווייס אז נאר צוליב תמימות האט ער מיר געבעטן אז איך זאל נישט דערמאנען פון ארץ ישראל אין מיין דרשה*, אבער איך וואלט געוואלט זיך מפלפל זיין מיט אים, צו זעהן צו ער איז גערעכט מיט דעם אז ער וויל נישט הערן פון א דורש ברבים אויפן ענין פון חיבת הארץ און דאס גרויסע חיוב וואס מיר האבן אויף דעם. ווייל אזוי האט ער מיר געזאגט, אז אויב גיי איך פון דעם רעדן ביי די דרשה, וועט ער נישט קומען הערן. איך האב אים געזאגט, אז איך וועל אים ברענגען א ראיה אז דאס אויגן פארבלענדעניש איז גאר פון די ס"ם, ר"ל. ווער איז נאך אזוי גרויס ווי רבנו בעל[574] "צמח ה' לצבי", וואס איז געווען פון די גדולי התלמידים פון רבנו ר' בער זצ"ל, אן איש קדוש ונורא, וואס מען קען דערקענען זיין גדלות און מדרגות פון זיין הייליגן ספר הנ"ל. שרייבט ער (פר' וארא) אינעם פסוק[575] "הֵן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁמְעוּ אֵלַי - די אידישע קינדער הערן מיך נישט צו, וְאֵיךְ יִשְׁמָעֵנִי פַּרְעֹה - ווי אזוי וועט פרעה מיר אויסהערן", איז שווער, די אידישע קינדער האבן נישט געהערט צוליב דעם קוצר רוח, און די ביטערע שווערע ארבעט, אבער פרעה וואס האט נישט געהאט די שוועריקייטן, קען ער דאך יא צוהערן? קען מען דאס מפרש זיין, אז לכאורה האט די שליחות צו די אידישע קינדער נישט אויסגעפעלט, אוודאי האבן זיי געוואלט אז דער אייבישטער זאל זיי אויסלייזן, פארוואס האט מען צו זיי בכלל געדארפט שיקן משה? נאר דער ענין איז, עס שטייט[576] "דְבָרִי אֲשֶׁר יֵצֵא מִפִּי - מיינע רייד וואס קומט ארויס פון מיין מויל, לֹא יָשׁוּב אֵלַי רֵיקָם - וועט נישט צוריק קומען צו מיר ליידיג", און דער רמב"ן האט שוין געשריבן (פר' לך לך[577]), אז א יעדע גזירה לטובה וואס איז ארויס מפי הקב"ה, דארף מען מאכן צו דעם א עהנליכע פעולה אז עס זאל קענען מקויים ווערן אן קיין שטער, פון סיי וועלכע צד וואס וויל דאס פארמיידן. עס איז איז געווען קלאר און באוויסט פארן אייבירשטן, אז פרעה גייט נישט צוהערן צו זיינע ווערטער, און דאן וואלט דעם אייבירשטענ'ס רייד צוריק געקומען ליידיג. וועגן דעם האט דער אייבישטער אזוי געטוהן און באפוילן משה צו קודם מבשר זיין און רעדן צו די אידישע קינדער דברי הגאולה, און די אידן וועלן זיכער צוהערן צו דאס וואס משה וועט זיי זאגן, און מיט דעם צוהערן וועלן זיי מאכן א עהנליכע פעולה אז צום סוף וועט פרעה אויך צוהערן, משה האט דאס פארשטאנען פארוואס מען האט אים קודם געשיקט צו בני ישראל, וועגן דעם האט ער זיך געווינדערט אז אויב די אידן האבן למעשה נישט אויסגעהערט צום עהנליכע פעולה, ווי אזוי וועט פרעה יא אויסהערן?" עכ"ד.

המשך בגליון הבא אי"ה

[573] ספרי פר' ראה, פיסקא כח, לדברים יב, כט
[574] רבי צבי הירש פילוב מלעלוב, בעמ"ס אבני חפץ
[575] שמות ו, יב
[576] ישעיהו נה, יא
[577] בראשית יב, ו

לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## באר של אברהם אבינו

באר שבע

ביים עק פון דעם נחל באר שבע, ביים ארייינגאנג פונעם אלט-שטאט פון באר שבע, געפינט זיך אן אור אלטער ברונעם וואס ווערט אנגערופען ביי די אראבער "וואדי איבראהים" אדער ביי אידן אלס "באר של אברהם".

אין די פריערדיגע דורות, לויט די פילע רייזענדער פלעגן זיי שילדערן ווי אזוי די סוחרים און באדואינער רוען זיך אפ ביים ברונעם און שעפן פון איר ריינע קוואל וואסער זיך צו דערכאפן דאס הארץ, אדער אנצוטרינקן די בהמות און קעמלען און זיך אפקילן פונעם הייסן זון וואס באקט און ברענט אין דעם הייסן נגב.

באמת ווייזט מען נישט פאר זיכער אז דאס איז עס, נאר קען זיין וויבאלד דוירכאויס די לאנגע היסטאריע האט מען דעם ברונעם צוגעשטעלט צו אברהם אבינו. די ארכעאלאגן עדווארד ראבינסאהן און הענרי טריסטראם האבן פאר איבער הונדערט יאר צוריק ענדעקט סימנים אין די שטיינער פונעם ברונעם וואס ווייזט אז עס איז שוין געווען אין באנוץ איבער טויזענט יאר צוריק, ווי אויך אראבישע ווערטער אריינגעקריצט אין א שטיין פונעם יאר ד' תתע"ב (1112).

דער ברונעם איז טיף 13.5 מעטער, אויף א ברייט פון 3.75 מעטער, און די ווענט זענען באדעקט מיט שטיינער, דאס עפענונג איז היינט פארשפארט מיט גראטעס צוליב זיכערהייט. נאענט צו דעם איז דא נאך א ברונעם וואס ווייזט אז עס איז פון א שפעטערע צייט.

אין יאר תשע"ג (2013) האט מען דא אויפגעשטעלט א שיינעם מוזעאם אינעם פארעם פון א גרויסן געצעלט, מיט א שיינעם דוירכגאנג וואס דער גאנצער אינהאלט פארציילט די באזוכער וועגן אברהם אבינו, זיינע וואנדערונגען פון אור כשדים ביז ארץ ישראל, און די אלע פלעצער ווי ער האט אלס געוואוינט און פארשטייט זיך וועגן דעם ברונעם.


דעם ברונעם אינעם הויף פונעם מוזעאם


דעם בנין פון באר אברהם אין באר שבע

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָ‍ִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

**וישלח**
ט"ז כסלו תשפ"ב
November 20, 2021
גליון מס' 79

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### שלווה האמיתית אלא בארץ האבות

וישמע את דברי בני לבן לאמר, לקח יעקב את כל אשר לאבינו ומאשר לאבינו עשה את כל הכבוד הזה וכו', ויאמר ה' אל יעקב, שוב אל ארץ אבותיך ולמולדתך ואהיה עמך (בראשית לא, א-ג). הנה מעשה אבות סימן לבנים, כאשר יוטב מצבו של יעקב בין האומות אזי מתקנאים בו ומתגרים בו, כי אינם סובלים שלוותו והצלחתו, וכי כן העושר והשלווה האמיתית אינם אפשרים אלא בארץ האבות אשר עיני ה' דורש אותה תמיד. וזהו שאמר וישמע את דברי בני לבן וכו' ומאשר לאבינו עשה את כל הכבוד הזה, כי לא סבלו הצלחתו והיה להם צרות עין, ועל כן אמר לו הקב"ה שוב אל ארץ אבותיך, כי זהו הפתרון היחידי. וה' השוכן בציון יגאלנו בגאולה שלמה במהרה בימינו אמן, ופדוי ה' ישובין ובאו לציון ברנה, כיה"ר.

(חשב סופר, ויצא)

### מלאכי ארץ ישראל

מהו מחנים, שתי מחנות שבשעה שהלך יעקב לארם נהרים היו מלאכי א"י משמרין אותו ומלוין אותו כיון שהגיעו לח"ל נסתלקו וירדו אחרים ונתלוו לו, כיון שחזר מן לבן היו אותן מלאכים שנמסרו לו מלוין אותו עד ארץ ישראל, כשהרגישו מלאכי ארץ ישראל שיעקב בא, יצאו לקראתו להתלוות לו שנאמר ויפגעו בו מלאכי אלהים.

(מדרש תנחומא, וישלח ג)

### מעשר בארץ ישראל

המעשר מסגל לעשירות דוקא בארץ־ישראל.

(ספר המדות, ממון ח"א, לג)

### גודל זכות ישיבת הארץ

ויירא כו'... עוד שנית, נסתפק אם בבא עשו להמיתו ימצאו זכיות לעשו להעזר. והפכן ביעקב, כענין ישיבת הארץ וכבד הוריו מאז יצא יעקב חרנה.

(אלשיך, בראשית לב, ח)

המשך בדף ב'

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הרה"ח **הרוצה בעילום שמו** הי"ו - ירושלים עיה"ק
יברכך ה' מציון, וראה בטוב ירושלים, וראה בנים לבניך
בזכות זה יזכה להצלחה ולפרנסה בריווח, לישוב טוב בארה"ק



הנוף מרמות גבעת זאב החדשה

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

נאך האב איך אים געזאגט, דאס וואס איך האב געזעהן אין א ספר (יעצט אז איך שרייב אן ספרים, קען איך נישט אנצייכענען אין וועלכע ספר), וואס ברענגט אראפ אז רבינו הקדוש שר שלום מבעלז ז"ל, זכרו יגן עלינו ועל כל ישראל, האט אנגעפרעגט אין א חלום פון רבנו בעל "נועם אלימלך" ז"ל, זי"ע ועכי"י, אינעם פסוק אין פר' בשלח[590], "מַה תִּצְעַק אֵלָי - פארוואס שרייסטו צו מיר, דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל - רעד צו די אידישע קינדער, וְיִסָּעוּ - און זיי זאלן זיך ווייטער ציען", וואס פאר א שאלה איז דאס "מַה תִּצְעַק אֵלָי", די אידן זענען דאך דעמאלטס געווען אין א גרויסע צרה, די ים אין פארנט, די מצריים פון אונטען און שלענג מיט עקדעסן פון די זייטען, וואס דען האט משה געקענט טוהן אויב נישט שרייען צום אייבירשטען ער זאל זיי העלפן? האט דער רבי, רבי אלימלך געענטפערט לויט א מעשה (ווערט אויך געברענגט אין ספר[591] "תפארת יונתן" אין פר' לך לך), איינמאהל איז א קעניגן אנגעקומען צום זמן פון געבוירן א קינד, און ווען די כישוף מאכער וואס האבן פיינט געהאט דעם מלך זענען פון דעם געוואר געווארן, האבן זיי מיט זייער כישוף געמאכט אז זי זאל נישט קענען געבוירן. עס איז געווען א גרויסע קלאג אינעם קעניג'ס הויז, ווייל זי האט געזוימט מיטן געבוירן פאר עטליכע טעג. איז דארט געווען א חכם, האט ער גע'עצה'ט פארן קעניג אז מען זאל אויסרופן אין זיין גאנצן קעניגרייך אז די מלכה האט שוין געבוירן א געזונט אינגעל. ממילא אז די כישוף מאכער וועלן דאס הערן וועלן זיי זעהן אז זייער כישוף האט נישט געהאלפן, וועלן זיי זיך פון דעם אפלאזן. און אזוי ווי דאס כישוף וועט זיך ענדיגן, וועט די מלכה קענען געבוירן דאס קינד. אזוי האט דער קעניג טאקע געטוהן, און ער האט מצליח געווען. ביז דא איז די מעשה. אזוי איז אויך געווען ביי יציאת מצרים, ווען די אידן זענען אנגעקומען צום ים סוף און געדארפט צוקומען צום גרויסע נס פון קריעת ים סוף, איז ווי באקאנט[592] ערוועקט געווארן א גרויסע קטרוג אויף זיי, און דאס האט אפגעהאלטן דעם נס. וועגן דעם, ווען משה רבנו האט געשריגן צום אייבירשטען, האט אים דער אייבישטער געענטפערט ער זאל נישט שרייען. אדרבה, דורך זיין שרייען וועלן די מקטריגים וויסן אז עס איז נאכנישט אויבן באשטומט געווארן זייער רעטונג, און זיי וועלן נאך מער מקטרג זיין. וועגן דעם איז בעסער ער זאל שווייגן און מער נישט שרייען, נאר ענדערש רעד צו די אידישע קינדער אז זיי זאלן ווייטער גיין, ווען די מקטריגים וועלן זעהן אז משה רבנו האט באפוילן די אידן צו גיין ווייטער אריין אין ים, וועלן זיי פארשטיין אז עס איז שוין באשטומט געווארן דעם נס פון קריעת ים סוף, וועלן זיי אויפהערן מקטרג זיין, אזוי וועט גלייך באמת קענען זיין דעם קריעת ים סוף. ביז דא איז די תשובה פון רבנו בעל "נועם אלימלך" לרבנו שר שלום פון בעלז אינעם חלום.

אזוי איז אויך אין אונזערע טעג, ווען מיר האבן שוין דערגרייכט צום זמן פון געבוירן, עס איז אבער נישטא דעם כח צום געבוירן צוליב די אלע מקטריגים וואס שטייען אויף אונז צוריקצוהאלטן פון אונז די גאולה. וועגן דעם, דער עצה צו דעם איז אזוי ווי דער רבי ר' אלימלך האט געזאגט, דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ, זיי זאלן זיך ציען קיין ארץ ישראל, און אינגאנצן פארגעסן פון די ארצות הגולה, דאן וועלן די מקטריגים פארשטיין אז עס איז שוין אזוי באשטומט געווארן פון אויבן, ממילא וועלן זיי אויפהערן צו מקטרג זיין. דעמאלטס וועט באמת זיין די ריכטיגע גאולה אן קיין שום צוריקהאלט. אזוי האט אונז דער רבי ר' אלימלך ז"ל אנגעוויזן. יעצט, וויאזוי שעמען זיך נישט די געהייליגטע צו זאגן אז עס איז אסור צו רעדן ברבים צו ארויפגיין קיין ארץ ישראל, און אויב איז דא איינער וואס רעדט יא, טאר מען נישט הערן זיינע דרשות? איך ווינדער זיך! עס איז הפלא ופלא! וואס קען מען אויף דעם זאגן, נאר דאס איז אן אויגן פארבלענדעניש פונעם ס"מ, רחמנא ליצלן, וואס וויל צוריקהאלטן די גאולה מיטן גאנצן שטארקייט, ווייל ער ווייסט אז דאס דערנענטערן פון די גאולה איז זיין סוף, ווי איך האב אויבן אראפ געברענגט פון צדיקים.

אזוי האב איך געטענה'ט פאר מיין ידיד און פריינט הנ"ל, וואס ער איז באמת א צדיק תמים, און נאר גערעדט אזוי בתמימות. ער האט מיר נישט געקענט ענטפערן, און שטיל געבליבן פאר א שטיק צייט. נאכדעם האט ער מיר געזאגט, אז מיינע ראיות זענען טאקע גערעכט און אמת, ער האט זיך נאר קיינמאהל נישט אפגעגעבן מיט די שאלות צו נאכגיין די זאך, ער איז נאר נאכגעגאנגען מיט א תמימות נאך עטליכע צדיקי הדור וואס האבן זיך אנטקעגן געשטעלט צו דעם. אויף דעם האב איך אים געזאגט דאס וואס איך האב אויבן אראפגעברענגט (ביים סוף פונעם צווייטן הקדמה), פון רבנו מהר"ם שיק, ווי ער איז מבאר דעם פסוק[593], "וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי בֶּאֱמוּנָה וְיָדַעַתְּ אֶת ה'", אויב זאגט מען דיר א זאך וואס מיר טרעפן בדברי חז"ל פונקט פארקערט ווי ער האט געזאגט, דארף מען אים נישט גלייבן און מען טאר נישט נאכגיין נאך זיין דעת. דערנאך האב איך אויך אזוי געטראפן אינעם ספר הקדוש[594] "סור מרע", פון רבנו הקדוש מזידיטשוב ז"ל זי"ע. איך האב שוין אויבן אראפגעברענגט פון מדרש, אז נאר משה רבנו האט גאר נישט אונזין געהאט זיך נאר די געברויכן פון עם ישראל, ער האט אינגאנצן מפקיר געווען זיינע אייגענע געברויכן פאר עם ישראל. אבער יהושע איז שוין געווען אין א צווייטע מדרגה, ווי ער האט שוין יא געלייגט זיין אייגענע צורך פאר די געברויכן פון עם ישראל. אויב אזוי, אונז אין דעם לעצטן דור, וואס קענען שוין מיר זאגן? ווי איך האב אראפגעברענגט אינעם צווייטען הקדמה פון ירושלמי[595], ווי אזוי די דורות פאלן פון דעם דור פון דעם טאטן צו דעם דור פונעם זוהן, כל שכן פונעם דור פון יהושע ביז אונזער דור. און אויב דעם דור פון די מרגלים זענען געווען צדיקים, האבן ארויסגעברענגט שלעכטע רייד אויף ארץ ישראל צוליב זייערע אייגענע נגיעות, נאך פיל מער איז עס אזוי אין אונזער דור.

איך האב געזאגט אינעם פשט פונעם פסוק וואס משה האט געזאגט[596] "וְלֹא אֲבִיתֶם לַעֲלֹת - איר האט נישט

המשך בדף ב'

---

[590] שמות יד, טו
[591] לרבי יונתן אייבשיץ
[592] זהר ח"ב, קע ע"ב. ילקוט ראובני פר' בשלח
[593] הושע ב, כב
[594] סור מרע ועשה טוב, חלק "עשה טוב"
[595] גיטין פרק ו
[596] דברים א, כו

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצובריינגען שבח ארץ ישראל



**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

## כח ישיבת ארץ ישראל

אמר כל השנים הללו יושב בארץ ישראל, תאמר שהוא בא עלי מכח ישיבת ארץ ישראל. כל השנים הללו הוא יושב ומכבד את הוריו, תאמר שהוא בא עלי מכח כבוד אב ואם.

(בראשית רבה, עו, ב)

## זכות ארץ ישראל

ויירא יעקב. ירא היה שיועיל לעשו זכות שכבד אב ואם והוא לא קיים כבר עברו עשרים שנה. אי נמי שיועיל לו זכות ארץ ישראל והוא היה בחוצה לארץ.

(דעת זקנים, בראשית לב, ח)

## מלאכי א"י לבטל המניעות

וישלח יעקב מלאכים ממש (בראשית לב, ד)... ויש מפרשים דקשה לו למה באו מלאכי ארץ [ישראל] לחוצה לארץ נגדו (רש"י פסוק א), והרי עדיין רחוק מארץ ישראל, ובאו מלאכים של ארץ ישראל נגדו, ותירץ 'מלאכים ממש', רוצה לומר מאותן מלאכים של ארץ ישראל נטל מלאכים לשלוח אל עשו אחיו, מפני כי עשו היה רוצה למנוע אותו שלא יבא לארץ שנתן לו אביו, ועל מלאכים של ארץ [ישראל] לעשות שליחותו אל עשו, כדי שלא יבא לו מניעה מלבא אל הארץ.

(גור אריה, וישלח ג)

## הגאולה העתידית כאילת השחר

קימעא קימעא, לדעת מראש כי אתחלתא דגאולה באה קימעא קימעא מעט מעט, עפ"י חז"ל (ירושלמי ברכות) כך היא גאולתן של ישראל קימעא קימעא באה, כאילת השחר, כי אשב בחשך ה' אור לי הולך ואור עד נכון היום. לכן כל פעולה של האתחלתא יש להתחיל אפילו במעט עפ"י הכתוב אחד מעיר ושנים ממשפחה. כלל גדול הוא עפ"י רבנו שכל הדברים שעתידים לבוא בשלמות הגאולה מתחילים קימעא קימעא גם באתחלתא, וכן בנין ירושלים, להתחיל אפילו מאבן אחת. עפ"י הכתוב הנני יסד בציון אבן, אבן בחן. כי האבן הזאת היא למבחן להוכיח את הרצון לבנות ירושלם ולהרחיב מקום אהלה וה' יסייע בידינו. גם בסוד "ואתנהלה לאטי" (בראשית לג, יד).

(קול התור, א, כב)

## חלק בארץ ישראל

חלקת השדה (בראשית לג, יט). חלק בשדה והזכיר זה הכתוב להודיע כי מעלה גדולה יש לארץ ישראל. מי שיש לו בה חלק חשוב הוא כחלק עולם הבא.

(אבן עזרא, בראשית לג, יט)

## דירה בארץ ישראל

כל הדר בארץ ישראל דומה כמי שיש לו אלוק, וכל הדר בחו"ל דומה כמי שאין לו אלוק.

(כתובות קי, ע"ב)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

געוואלט ארויפגיין, וַתַּמְרוּ אֶת פִּי ה' אֱלֹקֵיכֶם - און איר האט ווידערגעשפעניגט אין דעם באפעהל פון דעם אייבירשטען ענקער ג-ט" - ער האט געמיינט דערמיט צו זאגן, "וְלֹא אֲבִיתֶם לַעֲלֹת" איר האט נישט געוואלט ארויפגיין צוליב אייערע אייגענע נגיעות, "וַתַּמְרוּ אֶת פִּי ה'" פונעם לשון פון 'טוישן', ווי[597] "לֹא יַחֲלִיפֶנּוּ וְלֹא יָמִיר אֹתוֹ", און פונעם לשון "מר שחוטה" וואס אין מס' חולין[598] זעהן מיר אז דאס איז די טייטש פון 'טוישן'. איר האט פארטוישט דעם באפעהל פון ה', די מצות פונעם אייבירשטען וואס איר טוט - פון א מצוה האט איר געמאכט אן עבירה און פון אן עבירה האט איר געמאכט א מצוה, דאס הייסט - פון די מצוה פון ישוב הארץ וואס איז לויט אלע פוסקים א גאר גרויסע מצוה, ווי איך האב שוין אויבן מאריך געווען - מאכט איר דערפון אן עבירה, אז מען טאר דערפון ניטאמאהל רעדן ברבים, און ווער עס לייגט א הארץ אויף איר, טוט מען זיי רודפ'ן עד חרמה. און פון די עבירה - דאס מיינט, דער וואס לאזט זיך אפ דערפון און דערווייטערט זיך פון דעם מצוה, ער וויל זיך נישט משתתף זיין אין איר, נישט צו העלפן נישט בגוף און נישט מיט געלט, וואס דאס איז באמת א געפעהרליכע עבירה, ווי עס איז באוויסט די מאמרי חז"ל - פון דעם מאכט איר א מצוה. דאס זאגט דא דער פסוק, נישט גענוג אז איר האט נישט געוואלט ארויפגיין, נאר "וַתַּמְרוּ אֶת פִּי ה'" - איר האט פארטוישט דברי אלוקים חיים, איר מאכט פון א מצוה אן עבירה און פון אן עבירה א מצוה. און וואס זיי זאגן מיט זייער אנטשולדיגונג, אז די סיבה פארוואס זיי זענען אנטקעגן דעם איז וויבאלד די בויער זענען נישט עהרליכע מענטשען, איך האב שוין אויף דעם מאריך געווען אז דאס אנטשולדיגונג איז נישט גענוג. ווי איך האב אויך אראפגעברענגט פון די גמרא אין ברכות[599], דער נביא האט געזאגט פאר חזקיהו המלך "וואס דו דארפסט צו טוהן, טוה, וואס האסטו מיט די אייבירשטענ'ס וועגן?", ווי אויך איז מצוה גוררת מצוה[600]. אויך דברי הקדושים פון גור און פון עיר הקודש ירושלים יצ"ו, אז אויב וועלן רוב פון די חרדים זיך משתתף זיין דערין, וועט דורך דעם שטערקער ווערן דאס קדושת הארץ, ווי איך האב מאריך געווען אויבן, מען דארף דא נישט איבערחזר'ן די אלע ווערטער. דאס איז דער אמת, אלע זייערע טענות זענען דברים בטלים, מצד האמת האט דאס נישט קיין קיום בכלל. זאל דער אייבישטער אריינגעבן אין די הערצער פון אלע אידישע קינדער צו איינערקענען דעם אמת, און עס מקבל זיין פון ווער עס זאגט עס, אמן כן יהי רצון.

**נד.** אין זוממער פון יאר תש"ג, מאנטאג פר' עקב, בין איך געגאנגען צוזאמען מיין גוטער פריינט, הגאון המפורסם מובהק בהוראה, כמו"ה ישראל וועלץ שליט"א, דיינא רבה פון קהילת היראים פון דאהי, צו מקבל זיין פני רבנו צדיק הדור מבעלז שליט"א, ה"ה מרנא ורבנא, איש אלוקים קדוש כ"ק מרן ר' אהרלע[601], דער אייבישטער זאל אים העלפן, זיין קרוין זאל אים שטענדיג שיינען אויף דעם וואס ער האט גערוהט אין אונזער הויפט שטאט נאך די די אלע שווערע פאסירונגען און געפעהרליכע סכנות וואס איז אריבער אויף אים בעון הדור. דער אייבישטער האט אויף אים רחמנות געהאט, און ער איז געראטעוועט געווארן און אנטרינען געווארן פונעם פייער פון גזירת פולין, און אהער געקומען. פאר מיר זענען אריין לפני ולפנים, האבן מיר מקבל פנים געווען זיין אינגערע ברודער הגאון הקדוש ר' מאטעלע אבדק"ק בילגורייא שליט"א, וועם איך האב נאך געקענט פון די פריערדיגע יארן, פון מיינע אינגע יארן ווען עס איז נאך געווען שלווה און מנוחה פאר די ערשטע וועלט קריעג, ווען מיין מנהג איז געווען צו וויילן דארט בצל קדושת מרן הקודש קדשים רבנא ר' ישכר בער זצ"ל, זי"ע ועכי"א, אין די חדשים פון אלול און תשרי, אויך פון די צייטן וואס זיי האבן געוויילט אין ראצפערט דורך די ערשטע וועלט מלחמה. דער הייליגער גאון האט געשמועסט מיט אונז איבער זאכן העומדים על הפרק, איבער דעם געפעהרליכן מצב פון אחינו בני ישראל אין פוילען, וואס ער האט אלס צוגעזעהן מיט די אייגענע אויגן וואס דארט פאסירט, און וואס האט זיך אלס אפגעטוהן מיט אים, און ווי אזוי דער אייבישטער האט אים געראטעוועט מיט נסים און וואונדער. פון איין ענין צום צווייטן זענען מיר אנגעקומען צום נושא פון ארץ ישראל. און הרב ר' ישראל הנ"ל, האט אים געזאגט אז איך בין אין דעם עוסק און מחבר א ספר אויף דעם. האט ער געזאגט, אז הרב הקדוש רבן של ישראל איש אלוקי, דער מגיד אדמו"ר מטריסק זצ"ל[602], שרייבט אין זיין הייליגן ספר "מגן אברהם" אין פר' וארא[603], אז די גאולה העתידה וועט זיין על פי דרך הטבע. ממילא דארף מען זיך גרייטן מיט וואס מען קען נאר עס צו טוהן בדרך הטבע, און דער אייבישטער וועט שוין צוענדיגן פאר אונז לטובה.

המשך בגליון הבא אי"ה

[597] ויקרא כז, י

[598] חולין צד, ע"א

[599] ברכות י, ע"א

[600] אבות פרק ד, משנה א

[601] אדמו"ר מבעלז זצוק"ל, נולד תר"מ

[602] רבי אברהם מטריסק, נולד תקס"ו, נפטר תרמ"ט

[603] ד"ה ולקחתי אתכם

לארבה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## קבר דינה בת יעקב

הר הארבל, גליל העליון

דער רמב"ן שרייבט (בראשית לד, יב), איר קבורה איז באוויסט ביז היינט בקבלה, דאס איז אין ארבל צוזאמען מיט דעם קבר פון ניתאי הארבלי, זי איז ארויפגעברענגט געווארן לקבורה דורך איר ברודער שמעון, אדער שפעטער דורך די אידן וואס האבן ארויפגעברענגט די עצמות פון אלע שבטים.

דער מבי"ט שרייבט (בית אלקים, שער היסודות פרק מח) זי ליגט לעבן אירע ברודער שמעון און לוי אינעם דארף ארבל, וואס איז א שעה וועג פון טבריה, און אן אלטער הדס בוים איז העכער איר קבר ביז היינט.

זי איז געבוירן געווארן צו לאה אלס די זיבעטע קינד צו יעקב אבינו, נאך זבולון, ווי די תורה זאגט "וְאַחַר יָלְדָה בַּת וַתִּקְרָא אֶת שְׁמָהּ דִּינָה" (בראשית ל, כא), דער אבן עזרא ברענגט, אז זי איז געווען א צווילונג מיט זבולון. זי איז אויך אראפ קיין מצרים מיט יעקב (בראשית מו, טו).

לויט איין מדרש, זעהן מיר אז איר טאכטער אסנת האט שפעטער חתונה געהאט מיט יוסף הצדיק, און געווען די מאמע פון מנשה מיט אפרים.

די קבר איז נישט ווייט פון דעם אור-אלטן בית הכנסת, לעבן דעם קבר פון רבי זירא, מען קען צוקומען צום קבר נאר צופיס.



קבר דינה בת יעקב

די מסורה גיט אן אז אויף דעם בארג געפינען זיך די קברים פון שת בן אדם וחוה, ראובן, שמעון און לוי בני יעקב, דער נשיא פון די סנהדרין נתאי הארבלי, און דער אמורא רבי זירא, און חזקיה ראש הגולה.

די אלטע רייזענדער ווי יעקב בן נתנאל הכהן, שמואל בן שמשון, מנחם החברוני און אויך רבי יעקב השליח פארציילן איבער דעם פלאץ און שטעלן פאר ווער עס ליגט דא.

א תלמיד פונעם רמב"ן שרייבט אין ספר "תוצאות ארץ ישראל", נאנט צו ארבל, געפינען זיך דריי שבטים מיט דינה זייער שוועסטער, לעבן ציון וואקסט א שיינע הדס, מען טאר נישט פון דעם גארנישט אראפנעמען. לעבן דעם איז דא נאך א צדיק און עס גייט אריבער א קוואל וואסער, מען זאגט אז דאס איז שת בן אדם הראשון.



הר הארבל

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָ͏ִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

**וישב**
כ"ג כסלו תשפ"ב
November 27, 2021

גליון מס'
80

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגען ארויס די מעלות פון א"י

### לבחור בא"י

וישב יעקב בארץ מגורי אביו כי אמר שאלופי עשו ישבו בארץ אחוזתם כלומר הארץ שלקחו להם לאחוזת עולם אבל יעקב ישב גר כאביו בארץ לא להם אלא לכנען והכונה להגיד **כי הם בוחרים לגור בארץ הנבחרת** ושנתקיים בהם כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם (בראשית ט"ו:י"ג) ולא בעשו כי ביעקב לבדו יקרא להם זרע.

(רמב"ן, בראשית לז, א)

### עבודת ה' בארץ הקודש

מיד שבא אל בית אביו בארץ כנען להיותו מקום מוכן לעבוד את י"י משני צדדים אם מצד ששם גר אביו אברהם ואביו יצחק ואם מצד הארץ עצמה שהיא ארץ כנען הארץ הקדושה אשר בחר י"י בה ולא רצה להשתדל עוד בקניני העולם ולהרבות מקנהו **רק להתישב שמה ולהתבודד בחכמתו** כמעשה אביו... להיות זה בארץ כנען ארץ אשר י"י דורש אות' ושעל זה היה נדרו ושבתי בשלו' אל בית אבי והיה י"י לי לאלקים כלומר שכאשר ישוב לבית אביו לא יתעסק עוד בעניני העולם כי אם בעבודת אלקיו.

(אברבנאל, בראשית לז, א)

### א"י מוכן לקדושה ולהשגחת ה'

כי יעקב התיישב בקביעות א] מצד שהיא ארץ מגורי אביו והיה אצלו כארצו ומולדתו ובית אביו, ב] מצד שהיא ארץ כנען, המוכנת לקדושה ולהשגחת ה'.

(מלבי"ם, בראשית לז, א)

המשך בדף ב'

איר טראכט פון מאכן עליה? איר זענט נישט קלאר ווי אזוי עס מסדר צו זיין?
רעדט דאס אדורך מיט היימישע אינגעלייט וואס האבן דאס שוין אויסגעפירט און זענען גרייט אייך צו העלפן.
Call/text/WhatsApp +1-347-351-5761
or Email to info@aliyahsupport.com

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**
הרה"ח **שלמה ענגל** הי"ו - ירושלים עיה"ק
לזכות כל העולים לארצינו הקדושה, שיהי' להם ישוב טוב, פרנסה בריווח והצלחה בכל ענינים. יברכם ה' מציון!



הר המנוחות, גבעת שאול, ירושלים

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק שלישי

**הישוב והבנין** - המשך...

עס טוט מיר זייער וויי, אז איך האב נישט דעם ספר הנ"ל ביי מיר, צו זעהן אינעווייניג זיינע הייליגע ווערטער. עס איז מיר אבער באגלייבט דאס עדות'שאפט פון הרב הקדוש הנ"ל. נאך מער איז אויף מיר באליעבט די ווערטער פונעם ספר פון דעם דעם איש הקדוש הנ"ל, ווייל איך בין א תלמיד מובהק פון רבנו הקדוש בעל "תשובת יד שלום" (וואס איז געווען מגדולי היחוס, אן אייניקל און תלמיד פון רבנו בעל "אמרי נועם" מדזיקוב, ווי אויך אן איידעם פון הקדוש ר' משה'לע מראזוועדעוו), און דער גאון רבן של ישראל בעל "יד שלום" הנ"ל וואס איז געווען אדמו"ר מזאבנא, איז געווען פון די טריסקער חסידים, ער פלעגט פארן צו אים פאר אסאך יארן צו שעפן פון זיין קוואל. קומט אויס אז איך בין א תלמיד פון א תלמיד פון רבנו מטריסק. געלויבט איז דער באשעפער פארן מיך צוטרעפן א גואל וואס גייט אויך אין מיין שיטה, אזא אדם גדול ווי דער מגיד פון טריסק ז"ל.

כדי צו געבן פאר אייך א מושג פון די גרויסקייט פון רבנו מטריסק הנ"ל, וועל איך מיר דא נישט צוריקהאלטן פון פארשטעלן וואס אונזערע אויערן האבן געהערט ביי יענעם שמועס, פון פה קדשו פון הרב ר' מאטעלע הנ"ל, וואס ער האט געהערט פון זיין פאטער רבן של ישראל, ר' ישכר בער ז"ל, פון די גרויסקייט פונעם טריסקער מגיד ז"ל. ווען הרב המגיד מטריסק איז אמאהל געווען אין קראקא, איז געקומען א פרוי און געבעהטן די גבאים איר אריינצולאזן צום רבין. נאך פולע שוועריקייטן איז איר געלונגען אריינצוגיין צום מגיד ז"ל. ווען זי איז אריין האט זי אים געזאגט, רבי, איך בין א בעלת חוב פארן רבין, איך בין שולדיג עטליכע הונדערט רובל. ווייל יארן צוריק ווען דער רבי איז דא געווען, איך האב דאן נאכנישט געהאט קיין קינדער, בין איך געקומען צום רבין און געבעטן פאר א ברכה אז איך זאל געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא. דער רבי האט מיר דאן געהייסן געבן א סכום פון געלט, און וויבאלד איך האב דעמאלטס נישט געהאט די גאנצע סכום געלט ביי מיר, בין איך שולדיג געבליבן די רעשטע. איך האב זייט דעמאלטס נישט געהאט די ריכטיגע מעגליכקייט ווען צוריק צוצאהלן מיין חוב, ווייל די וועג פון דאנעט ביז טריסק איז זייער ווייט, און עס האט זיך מיר נישט געמאכט צו טרעפן א באגלייבטער מענטש מיט וועם איך זאל שיקן די געלט. יעצט אבער אז איך האב געהערט אז דער רבי איז דא, בין איך אליין געקומען צו אפצאהלן דעם חוב פארן רבין, ווייל די תפילות האבן געהאלפן, דער אייבישטער האט מיר געהאלפן מיט וואוילע און געזונטע קינדער, זרע ברך ה' מיט תורה און גדולה. זי האט איבערגעגעבן דאס געלט פארן רבין, דער רבי האט עס אנגענומען בסבר פנים יפות און אריינגעלייגט אין קעשענע, און די פרוי איז אוועקגעגאנגען. די גבאים וואס האבן דאס צוגעזעהן, האבן עס אויסגעשמועסט צווישן זיך, וויבאלד זיי האבן געוויסט אז זייער רבי דער מגיד איז נאכקיינמאהל נישט געווען אין קראקא, דאס מאהל איז געווען זיין ערשטע מאהל פון אהינקומען. די פרוי האט זיכער געמאכט א טעות און פשוט אויפגעטוישט דעם מגיד מיט אן אנדערן מגיד. קען זיין אז אין איר זכרון איז געלעגן אז זי איז געווען ביי א מגיד, נישט געדענקענדיג צו דאס איז געווען דער טריסקער מגיד, אדער דער קאזניצער מגיד אדער אן אנדערער מגיד? יעדער מגיד איז גלייך אין אירע אויגן. עכ"פ, דאס איז קלאר אז דער טריסקער מגיד איז עס זיכער נישט געווען, ווייל יעצט איז זיין ערשטע מאהל פון קומען קיין קראקא. אויב אזוי, קומט זיך נישט די געלט פארן רבין, ווי אזוי האט ער עס געקענט אננעמען פון איר, ווען זי האט פשוט געוואלט אפצאהלן איר חוב, ער איז דאך נישט איר בעל חוב? אפילו א פשוט'ער גלאטער בעל הבית וואלט עס נישט געטוהן. אזוי האבן די גבאים געשמועסט צווישן זיך (עס איז באקאנט וואס מען זאגט אויף גבאים וואס זענען משמש צדיקים, אז א יעדער גבאי האט א ניצוץ פון גחזי). דער צדיק המגיד מטריסק האט מרגיש געווען וואס זיי האבן גערעדט צווישן זיך, האט ער זיי געזאגט, איך וועל אייך דערציילן א מעשה וואס האט פאסירט צום בעל שם טוב ז"ל. אין זיינע צייטן איז געווען צוויי אינגעלייט תלמידי חכמים, וואס האבן זיך מפרנס געווען מיט גרויס שוועריקייטן, זיי פלעגן צוזאמען גיין נאך געלט, און זיך אזוי ארומגעוואלגערט פון פלאץ צו פלאץ. איינמאהל האט איינער געזאגט צום צווייטן, גיב א קוק, מיר מוטשען און פלאגן זיך א גאנצען טאג, און מיר פארדינען קוים א ביסעלע. איך האב א גוטע עצה וויאזוי צוצוקומען צו א בכבוד'יגע, און א גוטע גרינגע פרנסה. פרעגט אים דער חבר, ווי אזוי!? אוודאי בין איך מסכים דערצו, הלוואי עס זאל זיין ווי דו זאגסט. אבער שנעל זאג מיר דיין גוטע עצה, איך בין גאר נייגעריג עס צו הערן. האט ער אים געענטפערט, דו ווייסט דאך פון דעם בעל שם טוב וואס איז באוויסט געווארן איבער דער וועלט, די גאנצע וועלט ציטערט פאר זייןווארט. איז מיין עצה, אז איינע פון אונז צוויי זאלן זיך אהערשטעלן ווי א בעל שם, און דער צווייטער וועט זיין די גבאי. מיר וועלן פארשרייבן א בריוו צו איעדן פלאץ פאר מיר וועלן דארט אנקומען אז רבנו הבעל שם וועט קומען אין דעם און דעם טאג צו באזוכען, און די איינוואוינער זאלן צוגרייטן א מקום חשוב פאר זיין קומען לפי כבודו. אזוי וועט זיין נאמען באוויסט ווערן פארן אנקומען, מען וועט זיך פארזאמלען פון אלע ארומיגע פלעצער, און די קוויטלעך און פדיונות וועלן אריינגיסן צו אונז מיט א גרויסע שפע. אזוי וועלן מיר צוקומען צו א גרויסע הצלחה. אזוי האט דער חבר גע'עצה'ט און דער צוויטער האט צו דעם גערן מסכים געווען, און אזוי האבן זיי טאקע געטוהן, זיי זענען גרויס געווארן און שיין מצליח געווען. ווייל דער פאלשער בעש"ט האט אויך געמאכט מופתים. יעדעס מאהל ווען איינער האט זיך צו אים געוואנדן מיט די שווערע בקשות, ווי צום ביישפיל א מקשה לילד, אדער א שווערע חולה, אדער א איד וואס איז געווען אין תפיסה און ער האט זיי געבענטשט - זענען די אידן געהאלפן געווארן בדבר ישועה ורחמים. עס איז געווען גאר ווינדערליך. איינמאהל, ווען זיי זענען געזיצן אליין, האבן זיי געשמועסט צווישן זיך ווי אינטערסאנט דאס איז אין זייערע אויגן, ווייל זייער הארץ האט דאך געוויסט דעם אמת אז ער איז נישט קיין אמת'ער בעל שם, ער פעלשט גאר ארום, ווי אזוי קען דאס זיין אז ער מאכט אזוינע מופתים, אפשר איז דאס מצד די סטרא

המשך בדף ב'

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לְבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

וישב, כ"ג כסלו תשפ"ב - גליון מס' 80 - November 27, 2021

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

בשבילי הלקט - המשך מדף א'

## א"י מוכשרת לטהרה

בארץ כנען. עוד טעם בשביל שהוא ארץ כנען. **ויש בזה מצות ישוב א"י** ומוכשרת יותר לטהרות הקודש יותר מבכל הארצות.

(העמק דבר, בראשית לז, א)

## רק בא"י חשובה ישיבה

ת"ר לעולם יחזור אדם וידור בא"י. אפי' בעיר שרובו גוים. ואל ידור בחוצה לארץ. אפילו בעיר שרובה ישראל. שכל הדר בא"י מעלה עליו הכתוב כאילו קיבל עליו עול שמים. שנאמר לתת לכם את ארץ כנען להיות לכם לאלהים (ויקרא כה לח). א"ר אלעזר כל הדר בא"י שרוי בלא עון. שנאמר העם היושב בה נשוא עון (ישעי' לג כד). לכך נאמר וישב יעקב. מלמד שכל אותן השנים שהיה בחוץ לארץ לא היתה חשובה ישיבה.

(מדרש לקח טוב, בראשית לז, א)

## קדושת המקום

וישב יעקב בארץ מגורי אביו בארץ כנען: י"ל בזה כי ידוע במקום שיש השראת השכינה שם אף שאח"כ נסתלק נשאר רושם הקדושה לעולם והוא שאמר הכתוב וישב יעקב בארץ מגורי אביו היינו באותו ארץ שהיה אביו עשה שם יחודים וזהו מגורי לשון אסיפה ויחוד כמו מגורה מליאה פירות נקרא ע"ש ששם נאסף ביחד התבואה אל מקום אחד והוא שרימז כאן על היחודים קדושים שעשה באותו מקום ובוודאי נשאר שם רשימא קדיש' ולכך ישב יעקב שם כי המקו' גורם מצוה גוררת מצוה וקדושה גוררת קדושה וכמו שכתבו אנשי אמת יראי ה' על פסוק ובמושב לצים לא ישב כי המקו' גורם ח"ו ע"ש וכ"ש במקום שהיה קדושה שהיא תופסת מקומה כי מדה טובה מרובה וגורר תחנה ובקשה ותפלה ויחוד והדבר הזה הוא נוהג תמיד בכל אדם ובכל זמן.

(דגל מחנה אפרים, וישב א)

## ארץ החיים

אל בני אבל שאולה ולא כתיב על בני כ"א אל בני כי אמת אמר שירד אלא למצרים והגלות נקרא קבר כדכתיב בגאולה בפתחי את קברותיכם עמי וכתיב משאול אפדם וממות אגאלם ויעקב היה מצטער ומתאבל על שהוצרך לילך מארץ לחוצה לארץ ואמר אמותה הפעם אחרי ראותי פניך כי עודך חי כי בארץ ישראל יש חיים כפולים ארץ ישראל גופא היא ארץ החיים משא"כ בח"ל נחשבים כמתים הנ"ל.

(חתם סופר עה"ת, וישב)

## עקבות דמשיחא

עקבות משיחא – בשביל שני דברים נקראים עקבות, בשביל שבאים קימעא קימעא ובשביל שכל סגולות הגאולה באות בדרך עקיבין היינו עקיפין, בדרך של סחור סחור כדי שלא יתאחזו בהם קליפות הטומאה.

(קול התור, ב, קד)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)

אם הבנים שמחה - המשך מדף א'

אחרא, ר"ל. זיי האבן אנגעהויבן צו האבן א שטארקע חרטה אויף די גאנצע מעשה, זיי זענען דאך געווען יראי חטא. האבן זיי אנגעהויבן צו טראכטן און רעדן, היות מיר האבן אליין געזעהן אז מעשה שטן מצליח און מיר קענען באווייזן מופתים אפילו מיר זענען נישט אין די מדרגה, אפשר איז אויך דער אמת'ער בעש"ט די זעלבע, זיינע כוחות זענען נישט מער פון אונזערע, ער איז אויך אזוי מיט כוחות פון די סט"א, ח"ו. אזוי האבן זיי געשמועסט און געטראכט צווישן זיך, זיי האבן מסכים געווען צו אפשטעלן זייערע מעשים און אנשטאט דעם וועלן זיי פארן צום אמת'ן בעש"ט און דערגיין זיין אמת'ער מהות. ווען זיי זענען אנגעקומען צו אים, נאך איידער זיי האבן גערעדט אפילו איין ווארט, האט דער בעש"ט זיי געזאגט, איך ווייס אלסדונג וואס איר האט געטוהן, ווען נישט דאס אז איך האב געשוינט אייערע בני בית וואלט איך מיט אייך געטוהן וואס מען האט געדארפט צו טוהן, און דאס וואס איר האט באוויזן צו מאכן מופתים, איז אלס געווען מיין כח. ווייל איך בין געקומען אויף דער וועלט צו מחזק זיין די אמונה ביי די המון עם, וועגן דעם האט דער אייבישטער מיר געגעבן אין האנט א כח צו מאכן מופתים, ווייל נאר דורך די מופתים וואס מען מאכט וועט די אמונה זיך שטארקן ביי די המון עם (זאגט דער מחבר: זעה אין "מגיד מישרים"[604], ווי דער מלאך האט געזאגט פאר מרן דעם בית יוסף, אז דער אייבישטער וועט אים געבן דעם זכות פון מאכן מופתים כדי די המון עם זאל גלייבן אין ה'). יעצט אז איר האט אייך אהערגעשטעלט ווי א בעל שם, און געטיילט ברכות און ישועות צו אידן, אויב וואלטן די ברכות נישט מקויים געווארן וואלט דורך דעם געשעהן א גרויסע חילול השם, און די אמונה ביי אידן וואלט שוואך געווארן, ווייל זיי וואלטן נישט געוויסט אז איר זענט נישט דעם עכטן בעש"ט. וועגן דעם האב איך צוגעטיילט פון מיינע כוחות צו אייך, אז אייערע ברכות זאלן מקויים ווערן און דעם אייבירשטענ'ס נאמען זאל געהייליגט ווערן דורך אייך, אפילו איר זענט נישט ראוי צו דעם. אזוי האט דער בעש"ט גערעדט צו די אינגעלייט הנ"ל. אזוי איז אויך געווען די מעשה ביי מיר. יארן צוריק איז דא געקומען א פאלשער מענטש וואס האט זיך גערופען טריסקער מגיד, און ער האט געגעבן די פרוי א ברכה אז זי זאל געבענטשט ווערן מיט קינדער פאר א סכום פון עטליכע הונדערט רובל. אבער כדי עס זאל נישט ארויסקומען א חילול ה' דערפון, האב איך אים איבערגעגעבן פון מיינע כוחות און זיין ברכה איז מקויים געווארן. קומט אויס, אז איר ישועה איז געקומען דורך מיינע כוחות, און באמת קומט זיך דער חוב צו מיר. ביז דא איז די מעשה וואס הרה"ק ר' מאטעלע האט פארציילט, וואס ער האט געהערט מפי קדשו פון זיין טאטע רבן של ישראל ז"ל.

גיב א קוק, ווער נאך ווי אזא אדם גדול ווי רבנו הקדוש איש אלוקים, מרנא ורבנא ר' ישכר דוב מבעלז ז"ל זי"ע ועל כל ישראל, וואס יעדער איינער אין זיין דור האט אים מכתיר געווען אלס צדיק הדור, זאגט עדות אז דער מגיד מטריסק האט געהאט די מדרגת פון בעש"ט ז"ל. דאס איז אויך נישט א חידוש, ער איז דאך געווען א דריטער דור פון רבנו הבעש"ט ז"ל, ער איז געווען א זוהן פון רבנו ר' מאטעלע מטשרנוביל, א זוהן פון רבנו בעל "מאור עינים" וואס איז געווען א תלמיד פון בעש"ט. זעהט איר דעם דעת פון דעם אדם גדול און ריז, אין זיין ספר, אז די אנהייב פון די קומענדע גאולה וועט זיין בדרך הטבע. ווער אין אונזער דור קען באשליסן צו מחליט זיין אנדערש ווי אים. א חוץ פון דעם וואס אזוי איז אויך דער דעת פון די גדולי ראשונים, קדושי עליונים, די פריערדיגע און שפעטערדיגע וואס איך האב שוין אויבן אראפגעברענגט. געלויבט איז דער באשעפער וואס האט מיר צוגעפירט און מיר דערוועקט צו אנהאלטן אין דעם שיטה, נאכדעם וואס איך האב מעיין געווען בעומק ההלכה, ווי איך האב געשריבן אין די צווייטע הקדמה. בלי ספק, אז די זכות פון מיין הייליגע רבי בעל[605] "יד שלום", וואס איך האב אים עהרליך באדינט (ער האט מיר געגומען צו לערנען מט זיין זוהן, היניק וחכים וואס איז געווען א חתן מיט די טאכטער פון מרן בעל "קדושת יו"ט" ז"ל מסיגעט. איך בין דאן געווען זיבעצען יאר אלט, איך בין געווען ביי אים אינדערהיים א לאנגע צייט, און געווען סמוך לשולחנו דורכאויס די צייט וואס איך בין דארט געווען, און ער האט מיר זייער ליעב געהאט, ער האט מיר געפיטערט מיט תורה און חסידות), איז מיר בייגעשטאנען צו איינערקענען דעם אמת. ווי איך האב אויבן דערמאנט, אז מורי ז"ל איז געווען א תלמיד פון הרב המגיד מטריסק ז"ל. ווען ער איז אלט געווען זיבעצען יאר, איז ער געווארן אב"ד פון ק"ק ראקוב אין מדינת רוסיש-פולין[606], ער איז געווען וועלט בארימט אלס אן עילוי מפורסם, און די שטאט ראקוב האט אים אויפגענומען אלס רב אפילו ער איז נאך געווען גאר אינג.

המשך בגליון הבא אי"ה

[604] פתיחה בספר "אזהרות ותיקונים וסייגים"

[605] הרב שלום דוד אונגאר

[606] א חלק פון פולין וואס איז געווען אונטער די הערשאפט פון רוסלאנד, פון שנת תקע"ה (1815) ביז תרע"ז (1917)

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקודשים אין ארץ ישראל

### מבוא דותן

מרכז, צפון שומרון

דער יישוב מבוא דותן געפינט זיך צווישן די שטאט באקה אל גרביה און די פאלעסטינער שטח פון ג'נין. עס איז געגרינדעט געווארן אין יאר תשל"ז (1977) און באשטעטיגט געווארן אלס א יישוב אין זוממער תשל"ט (1979).

דורכאויס דעם צווייטן אינטיפאדא האבן די איינוואוינער פיל געליטן פון די שכינות'דיגע רוצחים, עטליכע פון די תושבים זענען אומגעקומען אויפן וועג צום און פון דעם יישוב, הי"ד. צוליב דעם האט מען אין תשס"ה (2005) געבויט א נייע וועג וואס מיידט אויס די פאלעסטינער.

א טייל פון די איינוואוינער זענען געוועזענע תלמידים פון ישיבת הגולן. אין יאר תשע"ו (2016) האט מען אויסגעברייטערט דעם יישוב מיט א שכונה "נופי דותן", און אין יאר תש"פ (2020) האט מען באשטעטיגט אן אויסברייטערונג פאר נאך פופציג הייזער.

אין די אומגעגנט, געפינט זיך עטליכע היסטארישע ארכעאלאגישע פלעצער, ווי צום ביישפיל "תל דותן", וואס רבי אשתורי בן ר' משה הפרחי האט אידענטיפיצירט אלס דעם שטאט "דותן" וואס ווערט דערמאנט אין תנ"ך, "וַיֹּאמֶר הָאִישׁ נָסְעוּ מִזֶּה כִּי שָׁמַעְתִּי אֹמְרִים נֵלְכָה דֹּתָיְנָה, וַיֵּלֶךְ יוֹסֵף אַחַר אֶחָיו וַיִּמְצָאֵם בְּדֹתָן" (וישב לז, יז), אויך זעהט מען אז אלישע הנביא האט דא געוואוינט פאר א שטיק צייט (מלכים ב, ו).



בור יוסף אין "תל דותן"

אין "תל דותן" האט מען געטראפן אסאך כלים וואס האט אנטהאלטן תבואה, ווי אויך איז דא לעבן דעם אן אור אלטע גרוב וואס איז טיעף 20 מעטער, די אראבער רופען עס "ביר אל חפירה", עס איז דא אזוילכע וואס רופען עס "בור יוסף", און גלייבן אז דא האבן די שבטים ארייַנגעווארפן יוסף'ן אין גריב אריין.

נישט ווייט געפונט זיך "תל מחפר" וואס קען זיין איז "חפר" פון תנ"ך. 2 ק"מ פון דא געפינט זיך אויך איבערבלייבענישן פון די אור אלטע שטאט "ארובות" און לויט עטליכע מיינונגען אויך "נרבתא" וואס איז חרוב געווארן דורך דעם רוימישן גענעראל קאסטיוס גאלוס ביים אויפשטאנד פון בר כוכבא.



מבוא דותן

בעזהשי"ת

# בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

**פר' נשא**
פר' בהעלותך באה"ק
י"ד סיון תש"פ
June 6, 2020

גליון מס'
4

## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### מצות ישוב ארץ ישראל

"מצוה ד' שנצטוינו לרשת הארץ אשר נתן ה' יתעלה לאבותינו לאברהם ליצחק וליעקב ולא נעזבה כו' או לשממה, והוא אמרו להם והורשתם את הארץ וישבתם בה כי לכם נתתי את הארץ לרשת אותה כו' כו'. ואומר אני, כי המצוה שהחכמים מפליגים בה והוא דירת ארץ ישראל עד שאמרו: כל היוצא ממנה ודר בחו"ל כאלו עובד ע"ז, וזולת זה הפלגות גדולות שאמרו בה, הכל ממצות עשה הוא שנצטוינו לרשת הארץ לשבת בה; א"כ היא מ"ע לדורות מתחייב כל אחד ממנו ואפילו בזמן גלות כידוע בתלמוד במקומות הרבה. ולשון ספרי, מעשה בריב"ב ורמב"ח ור"ח בן אחי ר' יהושע ור"י שהיו יוצאים חוץ לארץ והגיעו לפלטיא וזכרו את א"י וזקפו את עיניהם וזלגו דמעותיהם וקרעו בגדיהם וקראו המקרא הזה, וירשת וישבת בה ושמרת לעשות, ואמרו ישיבת א"י שקולה כנגד כל המצות.

(רמב"ן, מצוה ד')

### דירה בארץ ישראל

לעולם ידור אדם בא"י אפילו בעיר שרובה עו"ג, ואל ידור בחו"ל אפילו בעיר שרובה ישראל, שכל הדר בא"י דומה כמי שיש לו אלוקי, וכל הדר בחו"ל דומה כמי שאין לו אלוקי.

(כתובות ק"י ע"ב)

### דומה כמי שיש לו אלוקי (כתובות ק"י ע"ב)

לשון דבריהם מורה דהדר בא"י הוא רק דומה כמי שיש לו אלוקי אבל באמת אין לו, והדר בחו"ל הוא רק דומה כמי שאין לו אלוקי אבל באמת יש לו אלוקי, וא"כ עדיף חו"ל מא"י, אבל כוונה כך הוא, דבאמת המקבל עליו עול תורה ועול מצות יש לו אלוקי, והפורק ממנו עול תורה ומצות אין לו, אמנם מעלת א"י גדולה כל כך שכל הדר בה אפילו אין בידו לא תורה ולא מצות כבר דומה כמי שיש לו אלוקי, וכל הדר בחו"ל אפילו מקבל עליו

המשך בדף ב'



נוף מכפר ליפתא - צפון ירושלים

Credit @ruchyl_photography

**הגליון נתרם ע"י ידידינו,**
הר"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו, מונסי נ.י.
לזכות משפחתו שיזכו לעלות ולקיים מצות ישוב ארץ ישראל מתוך הרחבת הדעת ופרנסה בניקל.
יברכך ה' מציון, וראה בטוב ירושלים, וראה בנים לבניך

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### הקדמה שניה - המשך...

אין רש"י[26] ווערט געברענגט "אמר רבי שמעון בן מנסיא, מען ווייזט נישט א גוטע סימן פאר אידן ביז זיי וועלן פארלאנגען און בעטן מלכות שמים, מלכות בית דוד און בנין בית המקדש, שנאמר אחר ישובו בני ישראל ובקשו את ה' אלוקיהם ואת דוד מלכם וכו'". און אין די כלל פון אונזער בקשה זיך צוריקצוקערן קיין ארץ ישראל ליגט די אלע דריי זאכען - "[27]דכל הדר בא"י דומה כמי שיש לו אלוקי, אויך בנין בית המקדש וועט זיין ווען מיר וועלן זיך איינזאמלען דארט בעזהשי"ת, כמבואר במגילה[28], און נאכדעם וועט זיין ביאת משיח וואס איז מלכות בית דוד. און דער עיקר איז, אז **קודם דארפן מיר זיך משתדל זיין זיך צוריקצוקערן קיין ארץ ישראל**, דעמאלטס וועלן מיר דערגרייכן בעזהשי"ת אלע דריי.



תמונת המחבר הגאון רבי ישכר שלמה טייכטאהל זצ"ל הי"ד

אין תוספתא[29] שטייט אויף דעם פסוק[30] "ונטעתים בארץ הזאת באמת" - אינם עליה, אין נטועין לפני באמת לא בכל לבי ולא בכל נפשי, עכ"ל. דאס איז א פלא, אז דער אייבישטער זאגט אז ווען אידן זענען נישט אין ארץ ישראל זענען זיי נישט דבוק בלב ובנפש, וממילא זאל עס אונז נישט וואונדערן אין אונזערע אויגן וואס עס ווערט מיט אונז געטוהן בזמן הזה, ועל מיעוט השגחתו עלינו, ווי באלד מיר זענען נישט דבוק בכל לבו ובכל נפשו ווען מיר זענען בארץ העמים, ווען מיר וועלן זיך משתדל זיין זיך צוריקצוקערן צו איר, וועלן מיר גלייך ווערן דבוק אין אים בכל לבו ובכל נפשו. כמבואר בכוזרי[31] די טעם פארוואס די שכינה האט שורה געווען אויף יחזקאל, אפילו חז"ל האבן געזאגט אז די שכינה איז נישט שורה בחו"ל[32], ווייל וויבאלד ער האט נבואות געזאגט וועגן ארץ ישראל - רוהט די שכינה אויך אין חו"ל.

אזוי אויך שטייט אין ספר "החיים" לרבינו אחי מהר"ל מפראג[33], אפילו אונז ווייסן אז מתי חו"ל שטייען נישט אויף לעתיד נאר מיט די צער פון גלגול מחילות, פון דעסטוועגן ווער עס איז זיך אבער משתדל ארויפצוגיין צו ארץ ישראל אבער ער איז געשטארבן אין חו"ל - איז דאס כאילו ער איז אין ארץ ישראל און וועט ניצול ווערן פון דעם צער, און וועט אויפשטיין בקומה זקופה ווי גלייך ער געפינט זיך אין ארץ ישראל. אזוי אויך שטייט אינעם ספר "בית אלוקים" לרבינו המבי"ט[34], ושניהם לדבר אחד נתכוונו. אז ווער עס טראכט און האפט ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל, איז דאס גערעכנט כאילו ער איז שוין אין ארץ ישראל. אויב אזוי איז פשוט, אז אויב מיר וועלן נותן דעת זיין זיך צוריק צוקערן לארצינו הקדושה, וועלן מיר תיכף זיין דבוק בו יתברך בכל לבו ובכל נפשו, און זיין השגחה וועט זיין אויף אונז בשלימות נפשו יתברך, צו משגיח זיין אויף אונז בעין פקוחה וואס דרימעלט נישט און ווערט נישט מיד אונז צו ראטעווען פון אונזערע פיינט ולהצליח במעשה ידינו. ונעלה לציון ברנה, ובני ישראל יוצאים ביד רמה פון דעם גלות הגוף און גלות הנפש, און עס זאל זיך באנייען אונזער בענקשאפט און גליסטעניש לעבדו עבודה שלמה מיט מקיים זיין די תורה און מצוות ככתוב בתורתו הקדושה. און דער עיקר, אז דער אייבישטער זאל אונז אויסווארטן אז מיר זאלן גליסטען און בענקען פון אונז אליין זיך צו באזעצן אין אונזער לאנד, און נישט צו ווארטן ביז ער וועט אונז ברענגען צו איר. וועגן דעם זאגט אונז דער פסוק[30] "ונטעתים בארץ הזאת באמת" - דאס מיינט, אז אונז פון אונזער אייגענע ווילן זאלען מיר גליסטען און משתדל זיין צו דעם באמת מיט אלע אונזערע כוחות, און דעמאלטס וועט דאס דער אייבישטער צוענדיגען פאר אונז לטובה. אזוי אויך שטייט אין זוה"ק[35] לגבי בנין שלמה, אפילו עס ווערט געבויט פון זיך אליין, פון דעסטוועגן דאך ווארט דער אייבישטער אויף מעשי ידינו תחילה און דערנאך וועט דער אייבישטער צוענדיגען דעם בנין. אזוי דארף זיין ביי אונז לענין ישוב ארץ ישראל, אז אונז זאלן זיך משתדל זיין מיט אלע אונזערע כוחות ביז ווי ידינו מגעת, און דאן וועט דער אייבישטער צוענדיגען אונזערע מעשים, ויהי נועם ה' עלינו לכוננה עלינו להצליח במעשי ידינו.

איך האב געפונען אין דברי הימים א'[36], ביי דוד המלך ווי ער איז זיך מייעץ מיט די אידן, שטייט אין פסוק "ויאמר דוד לכל קהל ישראל, אם עליכם טוב ומן ה' אלוקינו נפרצה, נשלחה על אחינו הנשארים בכל ארצות ישראל" עיי"ש. קען מען מדקדק זיין, פארוואס האט דוד מקדים געווען די אידן פאר דעם אייבירשטען, און ער זאגט "אם עליכם טוב ומן ה' אלוקינו נפרצה", עיין סוף ידים[37] אז מען טאר נישט אזוי טוהן. אך נראה לי, זעה רש"י אויפן פלאץ ווי ער שרייבט, אז דוד האט זיי געזאגט "עטס האטס ענק שוין עוסק געווען מיט אייערע פריוואטע געשעפטן, פון יעצט און ווייטער זייט אייך עוסק בכבוד אלוקים". די עצה איז געווען צו טוהן בכבוד אלוקים, צוריק צו קערן דעם ארון צו ירושלים, וועגן דעם האט דוד נישט אנגעהויבן בשם אלוקים נאר בשם ישראל דווקא כדי זיי אויפצוועקן, ווייל ווען עס איז נוגע בכבוד שמים איז גלייך אז די התעוררות זאל קומען לכתחילה פון זיי ולא מלמעלה, דערנאך וועט קומען הילף פון הימל, וועגן דעם האט ער אנגעהויבן "אם עליכם טוב" - דווקא עליכם תחילה - דאן וועט מען מסכים זיין צו ענק מן ה' אלוקיכם.

דאס לערנט אונז, אז צו איעדער דבר ה' דארף זיך די מעשה אנהויבן פונעם מענטש, דערנאך וועט קומען הילף מן השמים. אזוי שרייבט הגאון עיר וקדיש הרב דומה למלאך ה' צבאות כקש"ת מו"ה אליהו אבדק"ק גריידיטץ[38], "אויך בשכל האנושי איז דאס מעשה פון אויסלייזן דאס לאנד אן התחלה פון אונז, ושוב יגמור ה'. מען דארף זעהן די גרויסקייט פון דעם תכלית דערין, די קליפה איז זיך גובר אויך ביי גאר גרויסע צדיקים צו מבטל זיין הטוב הזה, די גאנצע כח פון די קליפה איז תלוי אינעם גלות, און בביטול הגלות וועט דאס אויך ווערן בטל, כמאמר הגמ' בסוכה", עכ"ל

המשך בדף ב'

[26] הושע ג, ה
[27] כתובות קי, ע"ב
[28] מגילה יז ע"ב, יח ע"א
[29] מס' ע"ז, פרק ה' הלכה ד'
[30] ירמיה לב, מא
[31] ח"ב סי' י"ד
[32] מו"ק כה, ע"א
[33] ספר גאולה וישועה, פרק א
[34] שער היסודות, פרק נה
[35] נח, ח"א
[36] פרק יג, א-ב
[37] פרק ד', מ"ח
[38] תלמיד הגאון רע"א זצ"ל, נולד י"א אב תקנ"ו, נפטר כ"ד תשרי תרל"ה

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

יוצא לאור ע"י מכון: **לִבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

הקדוש. הא לך דברי קדוש ישראל הנ"ל, וואס דער גאון[39] בעל" נפש חיה" איז אים מתאר בשם עיר וקדיש הרב הדומה למלאך ה' צבאות, וואס זאגט בפירוש - אז דאס וואס עס זענען דא צדיקים וואס זענען זיך מתנגד צו דעם איז צוליב די קליפה איז זיך גובר אין זיי צו מבטל זיין פון אונז את הדבר הגדול הזה, וואס הקב"ה גליסט צו דעם בכל עת ובכל שעה, אז מיר זאלן זיך בענקן לשוב לאחוזת אבותינו, ווי איך וועל שפעטער אראפברענגען מדברי חז"ל באריכות מיט קלארע ראיות, אז דאס איז א חיוב לכל איש ישראל להשתדל בזה לשוב לארצנו הקדושה, און מיט דעם וועלן מיר צוברענגען די גאולה השלמה במהרה בימינו אמן.

איך וויל דא מודיע זיין אז מיינע ווערטער זענען געוואנדן צום איד וואס וויל וויסן דעם אמת לאמיתו בדרך ויכוח ומשא ומתן של הלכה, ווייל אויך דעם ענין פון קץ איז א דבר הלכה, אזוי ווי חז"ל דרש'נען אין מס' שבת[40] און אין תנא דבי אליהו[41], "דבר ה' - זו הלכה, דבר ה' - זו קץ", האבן זיי געזאגט אויף דעם, אז אויך דאס וואס איז נוגע לקץ איז כדבר הלכה וואס דארף אויף דעם א ויכוח חכמים, אזוי ווי עס שרייבט הגה"צ ר' עקיבא יוסף שלעזינגער[42] פון ירושלים בפירושו הנפלא בתנא דבי אליהו[41], די הלכה פון קץ איז נישט ווייניגער ווי אנדערע הלכות אין די תורה וואס די חכמים האבן זיך מתווכח געווען אין זיי מיט הוכחות פון אונזער הייליגע תורה ווי אזוי זיך אומצוגיין אין דעם, פארוואס זאל די הלכה פון בנין הארץ זיין ווייניגער ווי די אנדערע הלכות אין די תורה. די הלכה איז נוגע לכבוד ה' ולכבוד אונזער הייליגע פאלק און ארצינו הקדושה, וזה בונה וזה סותר ביז אלעס ווערט נתברר, וה' יתברך יתעלה בכך, כמבואר בתשובות מבי"ט[43]. דארט שרייבט דער מבי"ט אז אויך דער וואס איז סותר דארף ברענגען ראיות און נישט אפפרעגן מיט פיטומי מילי דעלמא און אן ראיות. וזה לשון רבינו מהריב"ל[44] בתשובות מבי"ט הנ"ל, "א יעדער חכם וואס וויל אפפרעגן אויף א פסק פון א חכם וואס האט שוין מאריך געווען צו בארעכטיגן זיינע ווערטער, קען מען נישט סתם אפווענדן אויף דעם פסק נאר אויב ער איז אויך מברר זיינע ווערטער מיט ריכטיגע טענות, אבער בפיטומי מילי דעלמא, צו סתם זאגן אז די הלכה איז נישט אזוי, אין שומעין לו", עכ"ל. עיי"ש בארוכות. ע"כ ווער עס איז משוחד מעיקרא אין די זאך, וועט שוין נישט זעהן דעם אמת און וועט שוין נישט צו הערן לדברינו, צו דעם וועט נישט העלפן קיין שום ראיות אין די וועלט, ווייל זיי זענען געשלאגן מיט בלינדקייט, מוכים בסנוורים, און די נגיעה וואס זיי האבן וועט זיי בלינד מאכן די אויגן אפילו מיט ווערטער קלאר ווי די זון, ווער איז נאך געווען אזוי גרויס ווי די מרגלים וואס דער פסוק האט מעיד געווען אויף זיי שאנשים כשרים היו[45], ואעפ"כ וויבאלד זיי האבן געהאט די נגיעה פון די נשיאות באהאלטן אין זיי, כמבואר בזוה"ק[46] ובשל"ה[47] בארוכות, זיי האבן מורה געהאט אז אויב מען וועט אריינגיין אין ארץ ישראל וועלן זיי פארלירן זייער נשיאות, וועגן דעם מאסו בארץ חמדה און נאכגעשלעפט אנדערע מיט זיי ביז זיי האבן אונז גורם געווען דעם ביטערן גלות, כמבואר בחז"ל, יהושע און כלב האבן זיך אנגעהויבן זיך מתוכח זיין מיט זיי און זיי אויפווייזן אז משה אמת ותורתו אמת, זיי האבן געזאגט "עלה נעלה"[48], זיי האבן מאריך געווען מיט טענות און הוכחות ווי רש"י ז"ל ברענגט דארט צו, ואעפ"כ האבן זייערע טענות גארנישט אויפגעטוהן זיי צו באזיגן, ווייל די מרגלים זענען געווען משוחד מיט די נגיעה שהיתה טמונה בלבם, אזוי איז אויך אין אונזערע צייטן, אפילו רבנים, רביים און חסידים - דער האט א גוטע רבנות, דער האט א גוטע אדמורו"ת, דער האט א גוטע געשעפט אדער פאבריק, א גוטע פאסטן מיט גוט געהאלט, אז זיי האבן מורא - אויב זיי וועלן גיין קיין ארץ ישראל וועט זייער מצב שוואך ווערן, כעין זה שטייט אין ספר הברית[49], ווי ער רעדט זיך אפ על אריכות הגלות, עיי"ש. מענטשען זענען משוחד דורך די באהאלטענע נגיעה ביז זיי אליין ווייסן נישט אז די נגיעה רעדט פון זייער הארץ, אזוי ווי איך האב אראפגעברענגט בשם רבינו הקדוש איש אלקים ר' ישעיה מושקאט מפראגה[50] אין מיין ספר "משנה שכיר", אין מיין הספד אויף הגאון ר' מאיר שפירא אבדק"ק לובלין[51], אז רוב מאהל טוט זיך א מענטש פארנארען און מיינט אז זיינע מעשים זענען לשם שמים, באמת ווערט דאס געפירט דורך די נגיעה וואס איז טיף טיף באהאלטן בלבו, ער אליינס ווייזט נישט און מיינט אז אלעס וואס ער טוט איז לשם שמים. ער ברענגט א ראיה פון די מעשה פון אברהם מיט אליעזר. עיין בספר "דברי חיים" לחנוכה, ווי ער שרייבט דארט אז א מענטש זעהט נאר וואס ער וויל זעהן, וועגן דעם ווער עס איז משוחד פון סיי וועלכע זאך - איז בטל פון אים דעם כח ההכרעה צו משפט'ן דעם אמת, און דאס איז די טעם אז די תורה האט געאסר'ט א שופט צו נעמן שוחד, עיי"ש בארוכה.

המשך בגליון הבא אי"ה

[39] נולד תקפ"ב, נפטר ל' סיון תרמ"ט
[40] קלח, ע"ב
[41] פרק ט"ז, אות יא
[42] תלמיד כתב סופר, מחנה חיים ומהר"ם שיק, מח"ס לב העברי, נולד ה' כסליו תקצ"ח, נפטר א' אייר תרפ"ב, מייסד עיר פתח תקווה
[43] סי' קי"ו
[44] רבי יוסף בן לב זצ"ל, נולד רס"ה, נפטר ש"מ
[45] במדבר יג, ג - עיין רש"י
[46] ח"ג, דף קנח ע"א
[47] ח"ב, תורה שבכתב, פר' שלח
[48] במדבר יג, ל
[49] ח"א מאמר ט'
[50] פרבר העיר וורשה
[51] נולד תרמ"ג, נפטר ז' חשון תרצ"ד, ר"י חכמי לובלין, ומייסד "דף היומי"

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### ראשון לציון

צפון שפלת יהודה, חוף הים

ביום ט"ו אב תרמ"ג איז די שטאט געגרינדעט געווארן אלס א מושב מיט זיבעצן משפחות פון די מייסדים, און באשטעטיגט געווארן אלס שטאט אין יאר תש"י. היינט צוטאגס איז עס באוויסט אלס איינע פון די באוואוינסטע שטעט אין ארץ ישראל. די נאמען פון די שטאט איז באזירט אויף דעם פסוק "רִאשׁוֹן לְצִיּוֹן הִנֵּה הִנָּם, וְלִירוּשָׁלַם מְבַשֵּׂר אֶתֵּן" (ישעיהו מא, כ"ז). עס איז נישט אנגעקומען גרינג די התישבות פונעם מושב, אסאך שוועריקייטן איז אריבער אויף די ערשטע איינוואוינער ביז בארון ראטשילד האט געשיקט הילף און אויך זיי געהאלפן מיט פלאנצען וויינגערטנער צו פראדעצירן די כרמל וויין ווי אויך צו גראבן און טרעפן וואסער קוועלער.

אין יאר תרמ"ה האבן זיי געבויט א הערליכן בית המדרש, די טערקן האבן נישט געגליכן דאס בויען פון א ביהמ"ד האט מען דאס פארשטעלט כאילו מען בויט א מחסן פאר פעלד כלים.

אין יאר תרצ"ז איז אנגעקומען הרב חיים שאול ברוק זצ"ל א חסיד חב"ד און געדינט אלס רב פון דעם מושב ביז תשכ"ה.

אין יאר תש"ח האבן מצרי'שע פליגער באמבאדירט די שטאט און עס זענען אומגעקומען 25 אידן ר"ל, און פאראורזאכט אסאך פארוואונדעטע.

בשנת תשכ"ג איז ארויפגעקומען פון אמעריקע הצדיק אדמו"ר מקאליב זצ"ל און מייסד געווען אין צפון ראשון לציון קרית קאליב, און אין יאר תשכ"ו האט ער אויפגעשטעלט א הערליכן ביהמ"ד מיט א מקוה, און געוואוינט דארט ביז תש"מ, היינט צוטאגס איז דער בנין באנוצט דורך ישיבת תומכי תמימים חב"ד. יעדן מיטוואך ווערט דארט פארגעלערנט פאר לאקאלע חרדי'שע אידן א שיעור דורך כ"ק אדמו"ר מחוסט שליט"א פון ירושלים.

לעת עתה איז דא אין שטאט עטליכע חשוב'ע רבנים און תלמידי חכמים וואס זיכן צו באפעסטיגן דעם יהדות און תורה צווישן די באפעלקערונג. איבער צוואנציג בתי חב"ד איז צושפרייט אין שטאט, ווי אויך א ת"ת מיט איבער 300 קינדער, דער רב פון קהילת חב"ד איז הרב מרדכי צבי דוברבסקי שליט"א.

די ישיבת "כנסת מאיר" פארנעמט א חשוב'ע ארט אין חינוך הבנים אין שטאט. אויך איז דא א עהרליכע קהילה ליוצאי אטיופיה. פון תש"ל, איז דער רב הראשי פון ראשון לציון הגאון הרב יהודה דוד וולפא שליט"א, אן אייניקל פון רבי בן ציון יאדלר ז"ל.



**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

עול תורה ומצות ובאמת יש לו אלוקי עכ"ז דומה כמי שאין לו אלוקי.

(הפלאה)

### ישוב ארץ ישראל

ישרה אדם בא"י אפי' בעיר שרובה עכו"ם ולא בחו"ל אפילו בעיר שכולה ישראל, מלמד שישיבת א"י שקולה כנגד כל מצות שבתורה.

(תוספתא, ע"ז פרק ה')

### ישוב ארץ ישראל

הקונה שדה בסוריא כקונה בפרוארי ירושלים, למאי הילכתא, אמר ר"ח לאמר שכותבין עליו אונו ואפילו בשבת, בשבת ס"ד, כדאמר רבא, אומר לכותי ועושה, ה"נ אומר לכותי ועושה, ואע"ג דאמירה לנכרי שבות, משום ישוב א"י לא גזרו ביה רבנן.

(גיטין ד"ח ע"ב)

### נטיעת עצים בא"י

מתחלת בריתו של עולם לא נתעסק הקב"ה אלא במטע תחלה, אף אתם כשתכנסו לארץ לא תתעסקו אלא במטע תחלה, הה"ד כי תבואו אל הארץ ונטעתם כל עץ מאכל.

(מ"ר ויקרא פרשה כ"ה)

### קנין קרקע בא"י

מצות ישוב ארץ ישראל נוהגת בנשים כבאנשים, אבל מצווה זו אינה מתקיימת בישיבה לבדה, כי אם גם כן בקנין קרקע בארץ ישראל. כמפורש בפסוק "וירשתם אותה וישבתם בה", שצריך ירושה וישיבה ויש צורך בשניהם עבור קיום המצווה.

(שו"ת המרחשת ח"א סי' כב אות ז)

### שהחיינו והגיענו

...וברוך ה' אלהי ישראל שהחינו והגיענו לזה כי נתעוררה התנועה בכל עמנו להשתדל בענין הקדוש של ישוב ארץ ישראל, ארץ אבות אבותינו הקדושה ולבנין חרבותיה. ורוב תודות לה' על מה שזכינו בדורנו לראות זה בעינינו.

(מתוך מכתב של הגאון רבי יצחק אלחנן ספעקטאר זצ"ל)

### אהבת הארץ

...כך עלה ברצון ה' לעשות ישוב ע"י ישראל בארצנו הקדושה. ועלינו להעיר ולהפיח רוח אהבת הארץ ולמלא אחר רצון ה' בכל אופן שיזדמן לפנינו, אם בפעולה חומרית, בעבודת האדמה או בחרשת המעשה או במסחר, אם בפעולה רוחנית היינו הדפסת ספרים מועילים לענין הנשגב, ואין לנו לחשוב מחשבות כי ראוי היה הדבר הגדול הזה באופנים אחרים כאשר מצויר בדעות בני האדם... כי באמת אין לחוות דעה את ה', וכאשר אמר ע"י ישעיה הנביא "כי לא מחשבותי מחשבותיכם ולא דרכיכם דרכי".

(מתוך מכתב של נצי"ב זצ"ל)

בעזהשי"ת

# בשבילי הארץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

**יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.**

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 3

**חג השבועות**

ו' סיון תש"פ

May 29, 2020


## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### מגילת רות

במס' ברכות (ז:) מאי רות שזכתה ויצא ממנה דוד שריוהו להקב"ה בשירות ותשבחות. נ"ל דקשי' לי' כיון דכל המגילה נכתבה משום יחוס דהע"ה הו"ל לקרותה מגילת דוד ולא על הגיורת מגילת רות... וע"ז עבר אלימלך שיצא מארץ הקדושה אל ארץ מואב ולא רצה לקבל עבודת ה' בקדושה יותר מרוב כל, ע"כ נתקיים בו כל המבטל מעושר סופו לבטל מעוני ברעב וצמא ועירום וחוסר כל - וההיפך, **רות עזבה עמה ומולדתה לעבוד ה' בארץ הקודש**, יצא ממנה דוד שריוהו להקב"ה שירות ותשבחות בעת צער, בברחו מפני אבשלום בנו, בברחו מפני שאול במערה, יענך ה' ביום צרה, בשנותו את טעמו לפני אבימלך, על הכל שיר ותשבחות וסופו קיים התורה מעושר, ע"כ נקראת המגילה רות.

(דרשות חתם סופר על מגילת רות, שנת תקצ"ו)

### וַתָּקָם הִיא וְכַלֹּתֶיהָ וַתָּשָׁב מִשְּׂדֵי מוֹאָב כִּי שָׁמְעָה בִּשְׂדֵה מוֹאָב כִּי פָקַד יְהוָה אֶת עַמּוֹ לָתֵת לָהֶם לָחֶם (רות א, ו)

מתחילה קמה שלא לשמה רק "כי פקד ה' עמו לתת להם לחם" יתן לו ה' כן, כמש"כ רמב"ן (ויקרא יח ד), וחי בהם כל אחד חיותו שהוא רוצה, וע"כ לקחה גם ב' כלותיה עמה, ושוב מתוך שלא לשמה באתה לשמה "**ותלכנה בדרך" לא משום לחם כי אם "לשוב אל ארץ יהודה"** אפי' ברעבון וצמאון, אז חשבה שיתן ה' לה חיות האמת ואינה בטוחה בפרנסה וחשבה שכלותיה לא יסבלו את זה, ע"כ אמרה שובנה בנותי.

(דרשות חתם סופר על מגילת רות, שנת תקצ"ו)

### המהלך ד' אמות

אמר רבי יוחנן כל המהלך ד' אמות בא"י מובטח לו שהוא בן עולם הבא (כתובות קי"א ע"א), ולכאורה מאי כולה האי על הולך מעט בא"י יהיה

המשך בדף ב'



רוממה עילית - צפון ירושלים

Credit @ruchyl_photography


**הגליון לכבוד חג שבועות נתרם ע"י ידידינו,**

הר"ר **בנציון שלום ראוז** הי"ו, ירושלים עיה"ק

נכד מח"ס משנה שכיר ואם הבנים שמחה זצוק"ל

לע"נ מרן **הבעל שם טוב הקדוש**

רבי **ישראל** בן רבי **אליעזר** זצוק"ל

יברכך ה' מציון, וראה בטוב ירושלים, וראה בנים לבניך


## אם הבנים שמחה


הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד

ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר

מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר


---

### הקדמה שניה

עס רעדט זיך מיט א צובראכענעם גייסט, על שבר בת עמי וואס פאסירט מיט אונז אין די דאזיגע טעג, וואס דער גלות שטארקט זיך און עס ווערט אונז ווי א תפיסה און א הויז פון געפענגעניש ווי אלע צרות איז דא אין דעם, ווי עס שטייט אין פסוק[1] "אשר למות למות ואשר לחרב לחרב ואשר לרעב לרעב ואשר לשבי לשבי", און די ווערטער וואס ווערן דערמאהנט שפעטער אין פסוק איז שווערער ווי די פריערדיגע, כמבואר בבבא בתרא[2], דבשבי כולהו איתנייהו ביה, ועיי"ש ברש"י, ונגדע כל קרן ישראל, ומימיהם של ישראל איז נאך נישט געווען א צרה ווי יעצט.

תמונת המחבר הגאון רבי ישכר שלמה טייכטאהל זצ"ל הי"ד

אמת, עס איז שוין געווען שווערע תקופות פאר אידן, אבער די אלע פלעצער זענען געווען אנדערש, און עס האט זיך שטענדיג געמאכט פאר אונזערע עלטערן א פליטה אין אן אנדערען פלאץ. אבער אויף אזא ברייטען און צושפרייטען פארנעם ווי עס איז יעצט, אין אלע לענדער פון אייראפע וואס איז פון יארן לאנג געווען די צענטער פון אידנטוהם, און אלע אונזערע גדולים און חכמים זענען פון איר ארויס אין די לעצטע הונדערטער יארן, און יעצט איז אלעס פארוויסט, וערו ערו עד היסוד בה[3], און קיין מקום פליטה איז נישטא, ווייל אלע לענדער אין די וועלט האבן פארשפארט די טויערן פאר אונז, זיי זענען פארשפארט און פארשלאסן ואין יוצא ואין בא - אזוינס איז נאכנישט געווען א חוץ אין די זמנים פון המן הרשע, וואס איז אויך געווען א גזירה כללית אויף די גאנצע הייליגע פאלק, ווען מען האט פאר זיי פארשפארט אלע שערי המדינות, כמבואר במדרש[4].

וכעת, אז עס האט אונז דערגרייכט טעג שאין בהם חפץ[5], מיין מח איז טרוד פון צרות הדור אז איך קען זיך נישט אריינטוהן בעומק הלכות אזוי ווי איך בין געוואוינט פון אמאהל, כי צריכא שמעתא צילותא[6]. ווי אויך, צוליב דעם שטורעם פונעם גלות וואס האט אונז אנגעגרופען איז בטל געווארן די ישיבה פון מיין בית המדרש, ווייל אין דעם טאג וואס עס האט אויסגעבראכן די פרעות, ווען זיי האבן געריבט און צושטערט כל הקודש, זענען די תלמידים בני הישיבה פארטריבן געווארן פון חדר הורתם, און איך בין פארבליבען אליין פארטיעפט אין מיינע מחשבות אויף חורבן ישראל און די חורבן פון די קהילות וואס פאסירט אין אונזערע טעג, על מה עשה ה' ככה, ומה חרי האף הגדול הזה[7], האב איך אפגעמאכט צו חוקר זיין און פארשען אין די פאסירונגען פון די לעבנס-טעג פון אונזער פאלק, וואס ליגט שוין אין דעם שרעקליכן גריב פון גלות, און השמדות בארצות העמים שוין באלד צוויי טויזענט יאר. איך פלעג קיינמאהל נישט עוסק זיין אין די שאלות, ווייל שטענדיג פון מיין יוגנט אן בין איך געווען שתול בבית אלקים, איך בין געווען באהאלטען בד' אמות של הלכה, און ה' יתברך האט מיר מזכה געווען ללמוד וללמד, צו מחבר צו זיין חיבורים וואס זענען נתקבל געווארן אין די וועלט און גדולי הדור האבן דאס משבח געווען ב"ה (זעה די הסכמות פון גדולי הדור אויף מיין ספר "משנה שכיר", און אין די בריוו פון רבינו איש אלקים מאסטרובצה[8], שנדפס בספרי "טוב יגאל"), איך האב מיר קיינמאהל נישט גענומען די צייט זיך אריינצוטוהן אין ענינים וואס זענען נוגע לשאלת החיים פון אונזער הייליגען פאלק, ווייל דאס איז א מצוה וואס קען געטוהן ווערן דורך אנדערע, ואז נאמר "כל חפציך לא ישוו בה"[9]. און מען קען נישט מבטל זיין תורה דערוועגן, כמבואר במס' מועד קטן[10] און אזוי אויך ווערט געפסקנ'ט אין יו"ד[11]. אבער יעצט אין די גרויסע הפיכה, ווען עס איז נישט מעגליך זיך מצמצם זיין די מח אין די הוויות פון אביי און רבא און אין טיפע הלכות, ווי אויך אז מיינע תלמידים זענען פארטריבען געווארן פון מיר, איך האב נישט מיט וועם צו פארברענגען און אדורך טוהן משא ומתן בהלכה, איז נתעורר געווארן ביי מיר די שאלה וואס עס שטייט אין דניאל "עד מתי קץ הפלאות"[12], אונז שטייען שוין יעצט נאנט צום ערב יום השישי, און עס שטייט אין פסוק "והי' לעת ערב יהי' אור"[13] פאר עס ווערט פארנאכט וועט זיין אור, עיי"ש ברש"י, אז פאר עס וועט זיך ענדיגן די טויזענט יאר וועט זיין אור הנוגה, זעה אויך אין פיוט פון שחרית דעם צווייטן טאג ראש השנה[14] ווי ער געט א שיעור צו דעם, "כשהחמה נוטה במעריב שתי ידות שעה מכהה אורים, כן עד שלא יבוא הערב יצמח אור לישרים, והי' לעת ערב יהי' אור להדורים", עכ"ל. דאכט זיך מיר אז מיר זענען שוין אנגעקומען צו דעם שיעור (שפעטער האב איך געטראפן בפירוש "תוס' בן יחיאל" על התנא דבי אליהו[15], ווי ער שרייבט אז מיר האבן שוין דערגרייכט דעם שיעור) און משיח איז נאך אלץ נישט געקומען, על כרחך אז עס איז דא א מניעה וואס טוט פון אונז צוריק האלטן די גאולה, ליגט אויף אונז א חיוב זיך צו מתבונן זיין אין דעם צו וויסן און צו דערקענען די מניעה וואס טוט פון אונז מעכב זיין די ישועה פון דעם ביטערען גלות, כדי איר אוועקנעמען פון אונז און אויסגלייכען דעם וועג פאר משיח צדקנו, שיבא במהרה בימינו לחלצינו ממיצר ולאוקמא שכינה מעפרה, האב איך עס מיר גענומען צום הארצען צו דורש וחוקר זיין אין די מקצוע עד ידי כהה מגעת, בעזר החונן לאדם דעת.

איך האב מיר דערמאנט אין א מאמר חז"ל וואס ווערט געברענגט אין ראשית חכמה, פרק הדינין[16], וז"ל "ווער עס איז א הגון און א ירא חטא זאל זיך נישט מונע זיין פון צו זיין פארנומען מיט די געברויכען פון אידישע קינדער, צוצושטיין צו זייער הילף אין אלע וועגן, און טראגן אויף זיך זייער עול און סובל זיין אין זייער טרחה, און ווער עס טוט אזוי איז מקיים די וועלט, שנאמר, "מלך במשפט יעמיד ארץ וגו'"[17], אבער איינער וואס איז זיך מונע צו טראגן די משא און גודר זיין בפרצות, און מאכט זיך אזוי ווי תרומה פרושה מן העיסה,

המשך בדף ב'

[1] ירמיה טו, ב

[2] בבא בתרא ח, ע"ב

[3] תהלים קלז, ז

[4] אסת"ר פרשה ז

[5] ע"פ קהלת יב, א

[6] מגילה כח, ע"ב

[7] ע"פ דברים כט, כג

[8] רבי מאיר יחיאל הלוי זצ"ל, נולד תר"י- נפטר י"ט אדר תרפ"ח. וז"ל על המחבר "מסיק שמעתא אליבא דהלכתא בחריפות ובבקיאות"

[9] משלי ג, טו

[10] מועד קטן, ט ע"ב

[11] סי' רמ"ו סעי' יח

[12] דניאל יב, ו

[13] זכריה יד, ז

[14] ד"ה "אשר מי יעשה כמעשיך"

[15] פרק ב', פסוק ז

[16] דף רנ"ז ע"א

[17] משלי כט, ד

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגן שבח ארץ ישראל

**בשבילי הלקט** - המשך מדף א'

בטוח, אבל לפי הנזכר יש לומר דבאמת הכוונה היא על תחילת ביאתו לארץ ישראל, דנחדש לו רוח חדשה והיא כמו בחינה חדשה וכקטן שנולד דמי ועונותיו נמחלין לו, על כרחו הוא בטוח לעולם הבא.

(נחלה לישראל ח"ב כת"י)

## כל רצועה שבארץ ישראל

כל עיר ועיר וכל מקום מארץ ישראל הקדושה, הוא רומז לעולמות עליונים הקדושים. וכל רצועה שבארץ ישראל מרמזת לארץ חפץ חיים, ארץ הקודש סוד המלוכה הקדושה.

(אוהב ישראל, פר' בהר)

## כיבוד אב ואם

בכלל כיבוד אב ואם להשתדל בכל עוז לזכות נפשם לשלחם לארץ ישראל, ואפילו אם קשה עליו פרידתם והוצאתם, הכל כאין נגד הנחת רוח שעושה להם בזכותו את נפשם ובזה יתרצה על אשר חטא כנגדם.

(פלא יועץ, ערך כיבוד אב)

## נשמה חדשה

כשזוכה לכנוס לארץ ישראל בא אליו נפש חדש מיצירה, ומתלבש בנפש הישנה שלו, ובלילה הראשונה שישן בארץ ישראל יוצאים ב' הנפשות ועולים למעלה, ובחזרה אינה חוזרת כי אם החדשה.

(חסד לאברהם, פרק ד' ק"ח)

## הכל מעלין

אדם שהוא בארץ ישראל אפילו שהוא בקטנות יכול להתעלות בה, ע"י שיתדבק בהעשר קדושת שבה. כי אפילו עבד שברח מחו"ל לא"י, הקדושה שבה קולטתו, שאסור להחזירו אל האדון לחו"ל. והכל מעלין לא"י אפילו מנוה היפה לנוה הרעה, ואפילו לעיר שרובה עכו"ם, וכל זה הוא אם יודע שהוא בהיכל המלך.

(בגדי ישע, זמרת הארץ)

## מוסיף מדריגות

...ועוד שהרבה מצות נצטוו ישראל בארץ מה שלא נצטוו בחוץ לארץ, ומשה רבינו ע"ה לזה היה מתפלל ונכסף בה כמו שמוזכר במס' סוטה (סוף פרק א') א"כ בין תלמיד חכם בין עם הארץ ראוי להשתדל בעלייתה, שאם עם הארץ הוא יוסיף מצוה, וכל שכן אם תלמיד חכם הוא שמוסיף מדריגה.

(תשובת הרשב"ש סי' ג')

## המספר בשבחה

אשרי האיש המליץ טוב ומדבר בשבחה של ארץ ישראל, ונחשב כאילו מספר בשבחו של מקום, שהרי עתידה ירושלים לקרוא בשם ה' דכתיב (יחזקאל מ"ח, ל"ה) ושם העיר מיום ה' שמה, אל תקרא ה' שמה, אלא ה' שמה.

(קדושת הארץ ט' ע"א)

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

מאכט ער חרוב די וועלט, שנאמר, "ואיש תרומות יהרסנו"[17], מעשה ברבי אבהו, ווען עס איז געקומען די צייט ער זאל נסתלק ווערן פון די וועלט, זענען אים געקומען באזוכן די חכמי ישראל, האבן זיי געזעהן אז רבי אבהו וויינט, האבן זיי אים געפרעגט, פארוואס וויינסטו, אלע דיינע טעג האסטו זיך מייגע געווען בתורה, האסט אויפגעשטעלט אזויפיל תלמידים, נישט נאר דאס, נאר די האסט נאך א מידה יתרה אין דיר, אז די האסט זיך קיינמאהל נישט באשעפטיגט מיט דין תורות, האט ער זיי געענטפערט, דאס איז טאקע די סיבה פון מיין וויינען, ווייל איך האב נישט נושא געווען במשא פון אידישע קינדער, איך האב מקיים געווען דעם פסוק "ואיש תרומות יהרסנו", עכ"ל חז"ל. וואס ער האט ארויס געברענגט איז, אז ער האט זיך נישט אפגעגעבן מיט צרכיהן של ישראל, אזוי ווי תרומה וואס איז מופרש פון אנדערע ווייץ. זעהן מיר אז חז"ל האבן מחייב געווען זיך צו מתבונן זיין אינעם מצב פון עם ישראל, זיך מטפל צו זיין מיט זייערע געברויכן, און זיי האבן דאס מחייב געווען אפילו אין די צייטען ווען אלעס איז כתיקונם, און אלעס לויפט נאטירלעך, און שלום ושלווה איז שורר אויף די וועלט, על אחת כמה וכמה, אז דער חיוב ליגט אויף א יעדן איד זיך צו מתבונן זיין אויפן מצב פונעם אידישען פאלק, אין אזוילכע יארן ווי יעצט ווען עס איז נשפל ונגדע כל קרן ישראל[18], און זיי וואלגערן זיך אויף דער ערד, זיי זענען געווארן צו שאנד און צו שפאט און הפקר ווי די פיש אינעם ים, סיי מיט זייער נפש און סיי מיט זייער געלט, על אחת כמה וכמה איז דא א חיוב כפול ומכופל אויף יעדן איד זיך מטפל זיין בצרכיהן של ישראל, זיך צו אינטערסירען אין זייערע ענינים און צו העלפען כלל ישראל מיט וואס פאר א כוחות ער קען נאר העלפען, מיט עצות און לערנען בהשכל ודעת, מיט וואס דער אייבישטער וועט זיי חונן דעת זיין זיי צו באלייכטען דעם וועג ווי צו גיין, ארויסצוגיין פון די צרה ווי זיי זענען אנגעקומען. עיין בספר "תומר דבורה" לרבינו מהר"ם קורדובירו[19] וואס ער שרייבט אז מען דארף טראכטען פון טוהן טובות פאר כלל ישראל וואס איז גוט פאר זיי, עיי"ש. אויך זעה אינעם ספר[20] "יערות דבש" אויף די ברכה פון "השיבה שופטינו", וועגן דעם חיוב וואס ליגט אויף מנהיגים צו טראכטען טובות פאר כלל ישראל, און אלע צרות וואס קומען אויף אידן איז צוליב נישט גוטע מנהיגים, עיי"ש שהאריך בזה. דאס האט מיר קלאר געמאכט צו חוקר זיין דעם ענין פון התעכבות הגאולה און דאס אויפהאלטען פון דעם גלות, און צו מחבר זיין דעם חיבור און לאזן הערן מיין דעת ברבים, אויסצולערנען עצה ודעת פאר עם ישראל וואס צו טוהן כדי צו מקרב זיין די גאולה העתידה במהרה בימינו, דאס האב איך מיר מקבל געווען אלס א נדר בעת צרה אזוי ווי איך האב שוין מבאר געווען אין די ערשטע הקדמה.

וויבאלד מען טאר נישט פארשפעטיגן צו מקיים זיין א נדר וואס מען האט געמאכט בעת צרה, כמבואר במד"ר[21] ביי יעקב אבינו, וועגן דעם האב איך אנגעהויבן צו ארבעטן דערויף גלייך ווי איך האב אנגעטראפן אביסעל מנוחה פון ווען איך בין אנגעקומען דא אין עיר הבירה[22], צו מחבר זיין דעם ספר וואס איך האב צוגעזאגט, וואס זאל רעדן וועגן דאס בויען פון ארצינו הקדושה, איר צו דערהייבען מערמות עפרה, און צו מעורר זיין אהבה וחיבה אין די הערצער פון אחינו בית ישראל בכלל כל אומתינו הקדושה פון די גרויסע ביז די קליינע, זיך צו בענקן און **צו משתדל זיין זיך צוריקצוקערן צו אונזער לאנד ארץ אבותינו און נישט צו פארבלייבן דא בארצות הגלות**, כמבואר במד"ר (פר' לך לך)[23] "מוטב ללון במדבריות של ארץ ישראל ולא ללון בפלטריות של חוץ לארץ", בעסער צו נעכטיגן אין די מדבריות פון ארץ ישראל ווי צו נעכטיגן אין די פאלאצן פון חוץ לארץ. און די אלע מכות וואס אונז ווערן געשלאגן אין גלות, איז נאר כדי אונז מעורר זיין אז מיר זאלן זיך צוריקערן לארצינו הקדושה. כמבואר במדרש" שוחר טוב" (פרק יז)[24] ביי דוד המלך בשעת א מגפה, ווי דער אייבישטער האט אים געשיקט גד הנביא, שנאמר "ויבא גד אל דוד ויאמר לו עלה והקם לה' מזבח"[25] - א משל צו איינעם וואס האט געשלאגן זיין זוהן און די זוהן האט נישט געוויסט פארוואס מען שלאגט אים, האט אים זיין טאטע געענטפערט, גיי טוה דאס וואס איך האב דיר באפוילן שוין אפאר טעג צוריק און די האסט עס נאכנישט געטוהן. אזוי אויך די אלע וואס זענען נפטר געווארן ביי די מגפה, איז דאס נאר געווען ווייל זיי האבן נישט געפאדערט בנין בית המקדש, איז דאך דאס א קל וחומר, אויב די עונש איז געווען אזוי שטארק מיט אזוילכע וואס עס איז נישט געבויט געווארן אין זייער זמן, און עס איז נישט חרוב געווארן אין זייער זמן, אלס ווייל זיי האבן נישט תובע געווען בבנינה, איז אונז וואס דער בית המקדש איז יא חרוב געווארן בימינו... און אונז קלאג מיר נישט און אונז בעטן נישט, על אחת כמה וכמה.

המשך בגליון הבא אי"ה

[18] עפ"י איכה ב, ג
[19] פרק ז
[20] חלק א
[21] בראשית רבא, פר' וישלח, פר' פא אות א-ב
[22] בודאפעסט, אונגארן
[23] בראשית רבא, פר' לט אות ח
[24] תהלים יז, ד"ה "תפלה"
[25] שמואל ב כד, יח

לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## קבר דוד המלך

הר ציון, ירושלים

לויט די אנגענומענע מסורה געפינט זיך די קבר פון דוד המלך אויף הר ציון, אינדרויסן פון אלט שטאט נאנט צום גרויסן פעסטונג וואס איז באקאנט אלס מגדל דוד. די עלטסטע באריכטן פון רייזענדער וואס ווייזן אן אויף דעם פלאץ איז פון בערך טויזענט יאר צוריק. די מסורה פארציילט אויך אז אויף דעם פלאץ האט דוד המלך געלייגט דעם ארון אלקים ביז זיין זוהן שלמה האט געבויט דעם בית המקדש.

אין די זעלבע מערה ליגען אויך די מלכים, שלמה המלך, רחבעם, אביה, אסא, יהושפט, יורם, אחזיה, יואש, יהוידע הכהן, אמציה, עוזיה, יותם, אחז און יחזקיהו, ווי מיר זעהן אין תנ"ך.

עס איז דא סמנים אז אויף דעם פלאץ איז געווען א גאר אלטע שוהל, לכאורה פון די זמן פון די רוימער, שפעטער האבן די נוצרים געבויט דערויף א קירכע, און דערנאך אין יאר רי"ב (1452) האבן די מוסלעמער דאס געטוישט פאר א מעטשעט, און נישט צוגעלאזט קיין אידן. אלס אן אויסנאם האט מען געלאזט שר משה מנטיופורי באזוכען דעם קבר אין יאר תרנ"ג (1893). פון יאר תש"ח ווען די ירדנ'ער האבן נישט צו געלאזט אידן צו באזוכן דעם כותל המערבי, זענען אידן געקומען פוקד זיין דעם ציון פון דוד המלך, ווי אויך פלעגט מען דאווענען אויפן דאך ווי מען האט געקענט זעהן דעם מקום המקדש.

אין די מסעות פון רבי בנימין פון טודלה, שרייבט ער וועגן דעם קבר און פארציילט "אז צוויי מענטשען זענען אריין אין די מערה, און עס איז ארויסגעקומען א ווילדען שטורעם ווינט פונעם הייל און זיי געהרג'ט". עס איז דא אזוילכע וואס האלטען אז די מקום איז נאר א עפענונג צו א הייל וואס פירט דורך א טונעל צו די מערת הקבר אין נחל קדרון. אויך איז דא א שיטה אז קבר דוד געפינט זיך לעבן די מי השילוח נישט ווייט פון שער האשפות, און אז די אנגענומענע פלאץ אויף הר ציון איז פון שפעטערדיגע מלכים. אויך האלטן פוהל מענטשען אז די מקום הקבר איז אין א שפיל-פעלד אינדרויסן פונעם יעצטיגן פלאץ.

יוסיפין שרייבט אז יוחנן הורקנוס האט ארויסגענומען פון די מערה דרייסיג טויזנעט שטיקער זילבער כדי צו משחד זיין אנטיוכוס דעם זיבעטן אז ער זאל נישט באלאגערן ירושלים.

וואס איז זיכער, אז א פלאץ ווי אידן גיסן זיך אויס די הערצער מיט נאסע בלעטער פון תהלים, איז נישט א פשוט פלאץ. די תפילות זאלן נתקבל ווערן בזכות דוד מלך ישראל חי וקים.



Credit: Yossi Rubinstein

בעזהשי"ת

בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.

"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.

(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 2

**פר' במדבר**

כ"ח אייר תש"פ

May 22, 2020

# על פרשת השבוע

**לִבְנֵי נַפְתָּלִי אֲחִירַע בֶּן עֵינָן** (במדבר א, טו)

[ולמה נקרא כך, אלא] שהיתה ארצו שמנה לתבואה, כמו שנאמר "ותרעינה באחו" (בראשית מא, ב) ואומר "בין אחים יפריא" (הושע יג, טו). "רע" הוא לשון רצון כדמתרגמינן 'רצון' - רעוא. זה היה שבט נפתלי, שהיתה ארצו מוציאה פרות כרצון בעליה, וכן משה רבנו עליו השלום אמר "נפתלי שבע רצון" (דברים לג, כג) [ולמה נקרא שמו] בן עינן, [אלא לפי] שהיו ענני משקים ארצו וגם מעינות מים רבים היו בארצו, ועל זה אמר "ומלא ברכת ה'" (שם) וכמו שנאמר "מברכת ה' ארצו" (שם יג).

(מדרש אגדה)

**וְנִקְבְּצוּ בְּנֵי יְהוּדָה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל יַחְדָּו וְשָׂמוּ לָהֶם רֹאשׁ אֶחָד וְעָלוּ מִן הָאָרֶץ כִּי גָדוֹל יוֹם יִזְרְעֶאל**

(הושע ב, ב - הפטורה)

ונקבצו, ואח"כ באחרית הימים יתקבצו המפוזרים בין בני יהודה שגלו בחורבן בית ראשון ע"י נבוכדנצר שלא שבו כולם בימי עזרא, ובין בני ישראל שהם עשרת השבטים שגלו ע"י מלך אשור, כולם יתקבצו ממקומות פזוריהם ויהיו יחדו לעם אחד, וגם ישימו להם ראש אחד שהוא משיח בן יוסף שהוא יהיה לראש עליהם תחלה (כמ"ש ביחזקאל ס' ל"ז), ועלו מן הארץ יעלו מכלל כדור הארץ שהם נפוצים בו לא"י, כי גדול יום יזרעאל שאז שם הבן הראשון שנקרא יזרעאל להורות על משפט ה' בם יתקיים באופן אחר כמ"ש (בפסוק כ"ה) וזרעתיה לי בארץ, שיקרא בשם יזרעאל מענין זריעה, **שהגלות יהיה דומה כזורע גרעיני תבואה בעומק האדמה ונדמה לו שהגרעינים נרקבו ונבלה ואח"כ יציצו ויצמחו ויוציאו פרי תבואה כפלי כפלים**, כן יציצו מן הגולים שנזרעו בארצות שבים עם רב כחול הים אשר לא יספר עם הגרים הנלוים עליהם כמ"ש חז"ל, ויום יזרעאל היינו יום שתתגלה הזריעה הזאת שזרע אלהים בארץ וישא אלומותיו, יום זה יהיה גדול מאד מצד הנסים והגדולות שיעשה ה' ביום ההוא לעיני כל הגוים.

(מלבי"ם - הפטורה של השבוע)



כותל המערבי - ביום חורף

Credit @ruchyl_photography

**הגליון של שבוע זו נתנדב ע"י ידידינו**

הר"ר **יואל לעבאוויטש** הי"ו, סאפערן, ניו יארק

לז"נ הצדיק האוהב ישראל וארצו

רבנו **שלמה** בן **נפתלי** זצוק"ל קארליבאך

יוצא לאור ע"י מכון: **לְבִּי בְּמִזְרָח**, ירושלים עיה"ק

# אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד

ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר

מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

## הקדמה ראשונה - המשך...

איז מיר איינגעפאלען, אז דאס בעצם איז געווען די נדר פון יעקב אבינו ע"ה בעת צרתו, אז ער וועט זיך אומקערן קיין ארץ ישראל און מרבה זיין בכבודה, און לייגן אלע געשעפטן בטובת ישוב ארץ ישראל. מיט דעם האט ער געוואלט מעורר זיין אויף זיך דעם זכות פון ארץ ישראל בעת צרתו, לחלצו ממיצר. דאס האט ער געזאגט אין זיין נדר "ושבתי בשלום לבית אבי והי' ה' לי לאלקים[10]". די עצם ווערטער פון "ושבתי בשלום לבית אבי" דאס איז געווען די נדר, און לויט דעם איז פארענטפערט די קשיא פון די מפרשים[17], וויאזוי קען זיין אז יעקב אבינו זאל לייגן א תנאי אין די ווערטער, מיט וואס יעקב האט געזאגט "והי' ה' לי לאלקים", אבער לויט וואס מיר האבן פריער ערוועהנט, קומט אויס זייער גוט, ווי עס איז ידוע די מאמר חז"ל ד"כל הדר בארץ ישראל דומה כמי שיש לו אלוקי, וכל הדר בחו"ל דומה כמי שאין לו אלוקי[18]", און דאס האט יעקב געזאגט "ושבתי בשלום לבית אבי והי' ה' לי לאלקים" - דהיינו, **ער וועט זיך צוריקקערן קיין ארץ ישראל און דאן וועט דער אייבישטער זיין צו אים א ג-ט**, און דאס אליינס איז געווען די נדר - אז ער וועט זיך צוריקקערן קיין ארץ ישראל.

דערנאך האב איך אזוי געפינען אין מדרש תנחומא[19] בפירוש, ער שרייבט דארט אז יעקב האט געגליסט צו ארץ ישראל, שנאמר "ושבתי בשלום לבית אבי" עיי"ש. און אזוי אויך האב איך געפינען אין זוהר[20] ווי ער שרייבט "דבר אחר, ושבתי בשלום אל בית אבי - דתמן הוא ארעא קדישא, תמן אשתלים. והי' ה' לי לאלקים" עכ"ל הקדוש (איך וועל מיר צוריקקערן צו מיין טאטענ'ס הויז וואס דארט איז ארץ הקדושה, דארט וועל איך מיך משלים זיין). דאס איז ממש די זעלבע ווערטער וואס איך האב געטראכט צו מיר אליין אין די פשט פון דעם נדר פון יעקב אבינו, און איך האב זוכה געווען צו מכוון זיין לתנא אלוקי רשב"י, ושישו מעי אז איך האב זוכה געווען דערצו.

ווען איך האב איבערגעזאגט די ווערטער צו ידיד נפשי, הרה"ג המובהק בהוראה מו"ה ישראל וועלץ שליט"א, דומ"ץ דפה קהילת יראים[21], האט ער מיר געוויזן א תוספתא אין מס' עבודה זרה[22], אז דארט שטייט אויך אזוי ווי אין זוהר, וז"ל, "יעקב אבינו זאגט 'ושבתי בשלום לבית אבי' און עס איז נישט גענוג געווען נאר צו זאגן אלס נדר "והי' ה' לי לאלקים", אזוי ווי עס שטייט אויך אין פסוק "לתת לכם את ארץ כנען להיות לכם לאלקים[23]", אז איינס ווענדט זיך אין די אנדערע, ווי לאנג איר זענט אין ארץ כנען - הריני לכם אלוקי, זענט איר נישט אין ארץ כנען - איני לכם לאלוקי", עכ"ל. זעהן מיר אז אויך אין תוספתא איז מפורש אז דאס איז טאקע געווען די כוונה פון יעקב אבינו ווען ער האט געמאכט דעם נדר, און ב"ה שכיוונתי לדברי חז"ל, אז יעקב האט מיט דעם נדר אינזין געהאט זיך צוריקצוקערן קיין ארץ ישראל.

עכ"פ, זעהן מיר פון דעם אז אויך יעקב אבינו האט געמאכט א נדר און מתפלל געווען צום אייבירשטען אז די זכות פון ארץ ישראל זאל אים בייסטיין, לחלצו ממיצר.

מיט דעם קענען מיר אויך פארשטיין דברי המדרש[24] אין פר' וישלח, אינעם פסוק "ויירא יעקב מאד[25]" און יעקב האט זיך זייער געפארכט פון עשיו - "אמר: די אלע יארן איז עשיו געזיצן אין ארץ ישראל, קען זיין אז ער וועט מלחמה האלטן מיט מיר מיט דעם כח פון ישיבת ארץ ישראל", עיי"ש. דאס איז לכאורה א גרויסע פלא, אבער מיט וואס מיר האבן פריער גערעדט איז עס זייער פארשטענדליך, וויבאלד די גאנצע תפילה פון יעקב אבינו איז געווען אז די זכות פון ארץ ישראל זאל אויף אים מגין זיין דורך דעם וואס ער וויל זיך צו איר צוריקקערן, האט ער גוט מורא געהאט, וויבאלד בשעת ער אליין זיצט אין ארץ ישראל נאר במחשבה, איז אבער דער רשע דארט בפועל ממש, אפשר וועט די זכות פון דעם רשע זיין גרעסער פון זיין אייגן זכות, וועגן דעם האט ער מורא געהאט.

עכ"פ וועסטו זעהן, אז אויך יעקב אבינו אליין האט געמאכט א נדר זיך צוריק צו קערן קיין ארץ ישראל, און איר באוואוינען און אין דעם זכות זאל עס אים בייסטיין. ממילא - לערנען מיר זיך אפ פון אים און אזוי אויך וועלן מיר יעצט טוהן, בשעת מיר געפונען זיך אין א צרה, צו מאכן א נדר **זיך צוריקצוקערן קיין ארץ ישראל און זיך משתדל זיין בהרמת קרנה**, און דעמאלטס וועט אונז גערעכנט ווערן דעם זכות פון ישוב ארץ ישראל לחלצינו ממיצר בב"א. און דאס איז אויך וואס עס שטייט אין מדרש[26], "נטל הקב"ה שיחתן של אבות ועשאן מפתח לגאולה של בנים" - דער אייבישטער האט גענומען די שמועסן פון די אבות און זיי געמאכט פאר א שליסל צו די גאולה פון זייערע קינדער, עיי"ש במדרש בפסוק "וידר יעקב" וכו'. דהיינו, אז מיר זאלן מאכן דעם זעלבן נדר אזוי ווי די נדר פון יעקב אבינו זיך צוריקצוקערן קיין ארץ ישראל, און דעמאלטס וועט אונז בייסטיין די זכות פון ארץ ישראל.

"מיין ספר זאל ווירקן אי"ה אויף די הערצער פון אחינו בני ישראל שבגולה, זיך צו פארמיאוס'ן פון יעצט בארץ העמים, און זיך צוריקקערן צו גליסטען דעם ארץ חמדה וואס מיר האבן געירשנ'ט פון אונזערע עלטערן"

שאקירענדיג האב איך געטראפן אין ספר הק' "דברי אמת" לרבנו איש אלקים מלובלין ז"ל, בפרשת ויצא, אז די גאנצע נדר פון יעקב אבינו איז געווען וועגן יעצט בזמן של עקבתא דמשיחא, כדי מיר זאל זיך אומקערן בשלום צום הייליגן לאנד וואס איז דעם טאטענ'ס הויז, און דאס מיינט די פסוק וואס שטייט ווייטער "וישא יעקב רגליו[27]" - וואס

המשך בדף ב'

---

[17] רש"י, רמב"ן, ספורנו, אוה"ח הק' ועוד

[18] כתובות קי, ב

[19] פר' ראה, אות ח

[20] ח"א דף קנ, ב - פר' ויצא

[21] ראב"ד קהלת בודאפעסט ביז די קריג, נפטר בירושלים ז' חשון תשל"ד

[22] פרק ה', הלכה ב'

[23] ויקרא כה, לח

[24] בראשית רבא, פרשה עו, אות ב

[25] בראשית לב, ח

[26] בראשית רבא, פרשה ע, אות ו

[27] בראשית כט, א

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

**אם הבנים שמחה** - המשך מדף א'

דאס גייט ארויף אויף די זמן פון עקבתא דמשיחא, וואס ווערט אנגערופען אין זהר[28] "רגלין", עיי"ש. אזוי אויך שטייט אין ספר "בית אלקים[29]" להגה"ק המבי"ט ז"ל[30].

זעהן מיר אז לויט דברי רבותינו, אז די גאנצע נדר פון יעקב אבינו דרייט זיך ארום אונז, וואס צו טוהן יעצט באחרית הימים כדי צו מקרב זיין די גאולה, און וויבאלד איך האב שוין אראפגעברענגט בשם דעם זוהר און תוספתא, אז יעקב האט געמאכט דעם נדר בעת צרה צוריק צו גיין קיין ארץ ישראל, דאס טוט ער דאך אונז וויזן וואס צו טוהן יעצט בעקבתא דמשיחא, און נאר דאס וועט אונז העלפען פון די גרויסע צרה אין וואס מיר געפונען זיך יעצט. און דאס איז אמת און קלאר לאמיתה של תורה. און זעה רש"י[31] אז בזמן ווען א מענטש איז אין א צרה און ער מאכט א נדר צום אייבירשטען, זאל ער דערמאנען יעקב אבינו וואס פון אים האבן מיר דאס ארויסגעלערנט, און אזוי אויך זעהן מיר אין מדרש[32], "חיינו שאנו עושין זאת על דעת יעקב אבינו", עיי"ש. און איך טוה מיין נדר געננוי ווי יעקב אבינו, צו מעורר זיין אין די זכות פון ישוב ארץ ישראל, ע"כ בודאי שתעמוד לנו זכות ארץ ישראל אזוי ווי עס איז צוגעשטאנען צו יעקב אבינו, און איך וועל מקיים זיין מיין נדר בשלימות. **און מיין ספר זאל ווירקן אי"ה אויף די הערצער פון אחינו בני ישראל שבגולה, זיך צו פארמיאוס'ן פון יעצט בארץ העמים, און זיך צוריקקערן און צו גליסטען דעם ארץ חמדה וואס מיר האבן געירשנ'ט פון אונזערע עלטערן**, און אין דעם זכות זאלן מיר געהאלפען ווערן בישועה שלמה בב"א.

דעם הקדמה האב איך געשריבן ביום ו' אב בשנת "אל **תש"ב** פני משיחך[33]" לפ"ק, אין די צייט ווען איך מיט מיין בני בית זענען געווען אין א גרויסע סכנה און מיר זענען געראטעוועט געווארן ממש מיט א וואונדערליכע נס[34]. און איך האב נישט קיין ספק אין מיין הארץ אז נאר די זכות פון ארץ ישראל איז אונז בייגעשטאנען, וויבאלד איך האב געמאכט דעם גרויסן נדר צום אייבירשטען צו נאכזוכן אין איר זכות ווען דער אייבישטער וועט מיר גרינגער מאכן, אזוי ווי די נדר פון יעקב אבינו הנ"ל, ווייל די זכות פון ארץ ישראל איז גרויס און טוט אונז שטענדיג דערבר־ייטערן פון ענגשאפט און אונז לויז מאכן פון דערדרוקעניש. און זעה בהקדמת ספר דרשות לרבנו החת"ס[35], אויף דעם פסוק[36] "ושמעת ישראל ושמרת לעשות וגו' - און די זאלסט הערן, ישראל, און די זאלסט אפהיטן צו טוהן וגו', כאשר דבר ה' אלקי אבתיך לך ארץ זבת חלב ודבש - אז דער אייבישטער זאל גוטס טוהן צו דיר מיט דעם וואס ער וועט דיר געבן ארץ זבת חלב ודבש", איז ער מפרש אז די פסוק דארף א הבנה, אז אין די אלע פרשיות ווי דער פסוק זאגט איבער די אלע תוכחות דערמאנט ער ארץ ישראל אין יעדן פרט ופרט, און דאס איז א וואונדערליכע סגולה, **ווייל צו דערמאנען דאס הייליג לאנד טוט אריינברענגען און מוליד זיין א קדושה אין די הארץ פון דער וואס הערט דאס**, אזוי ווי מיר זעהן ביי טומאה "לא ישמע על פיך[37]", און ווי די גמרא זאגט "כל האומר רחב רחב[38]", אזוי אויך איז די היפוך ביי קדושה ווען מען דערמאנט דאס הייליג לאנד און הייליגע אידן, זאגט דער אייבישטער אז אזוי שטארק זאלן זיך די אידישע קינדער הייליגן, אז אויב זיי וועלן נאר הערן דעם נאמען "ישראל" - וועט ער אפהיטען און טוהן מצות ה'. דאס איז די פשט פון דעם פסוק "ושמעת ישראל" - אויב דו וועסט הערן דעם שם "ישראל" - ושמרת לעשות, וועסטו טוהן און אפהיטן די מצות דורך דערמאנען דעם שם ישראל. און ער איז מסיים "כאשר דבר ה' אלקי אבתיך לך ארץ זבת חלב ודבש" אזוי ווי דער אייבישטער דערמאנט דיר אין יעדן ענין נאכאמאהל און נאכאמאהל וועגן ארץ ישראל, וואס איז זבת חלב ודבש, כדי אז דורך יעדן דערמאנונג וועט צו דיר צוקומען נאך קדושה וועגן איר. עכ"ל הקדוש.

זעהן מיר אז די תורה האט בכוונה פארמערט צו דערמאנען ארץ ישראל אסאך מאהל אן א צאהל, כדי מיט דעם דערמאנונג זאל צו אונז פארמערט ווערן קדושה. ווייל איר כח איז אזוי שטארק, אם כן, איז נישט קיין ווינדער אז איר כח וועט זיך שטארקן אונז צו ראטעווען פון אונזערע צרות א יעדעס מאהל וואס מיר וועלן איר דערמאנען אויף אונזער ליפען, לאמיר גליסטען אין אונזער הארץ זיך צוריקקערן צו איר און זיך אין איר באזעצן אזוי ווי אמאהל. אמן כן יאמר ה' בב"א.

המשך בגליון הבא אי"ה

[28] ח"א דף עב, ב

[29] שער התפילה, פרק יז

[30] רבי משה מטראני זצ"ל, מגדולי הפוסקים חבר בי"ד של הבית יוסף, נפטר שמ"ה

[31] דברי הימים א, פרק כט, י

[32] בראשית רבה פרשה ע', אות א

[33] תהלים קלב, י

[34] די אויסזידלונג פון די סלאוואקישע אידן אין די זוממער פון תש"ב. דער מחבר האט זיך באהאלטן מיט נאך אידן פאר צוויי יאר, אין א בוידעם פון א בית המדרש אין פישטיאן

[35] חתם סופר זצ"ל, רבה של פרעשבורג, נולד ז' תשרי תקכ"ג - נפטר כ"ה תשרי ת"ר

[36] דברים ו, ג

[37] שמות כג, יג

[38] מגילה טו, א

## לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

### גונן-קטמון

דרום ירושלים

די ישוב אין דרום ירושלים האט זיך געגרונדעט אביסל מער ווי הונדערט יאר צוריק אלס אן אראבישע-קריסטליכע געגנט, דורכאויס די מלחמת השחרור אין יאר תש"ח זענען רוב איינוואוינער אנטלאפן פון דארט, און נאך די קריג איז עס געווארן א אידישע געגנט.

אין חודש ניסן פון יענעם יאר איז דארט פארגעקומען שווערע שלאכטן פון די פלמ"ח קרעפטן וואס האבן פרובירט צו פארזיכערן און באשיצן די געגנט פון אראבישע אטאקעס.

רוב פון די נייע אידישע איינוואוינער זענען געווען פליטים פון דעם אידישן קווארטל אין אלט שטאט, וואס זענען פארטריבן געווארן דורך די ירדנ'ער. די פליטים האבן גלייך מייסד געווען צוויי שוהל'ן, "פליטי תש"ח" און "צעקת הדל". פון די רבנים וואס האבן זיך באזעצט אין קטמון, איז געווען הרה"ג ר' ישראל זאב מינצבערג ז"ל, מלפנים אב"ד רובע היהודי בעיר העתיקה און מו"ץ, ער האט דארט מייסד געווען די באקאנטע קטמון "שטיבלאך".

די רב השכונה איז געווען הרה"ג דב בער אליעזרוב ז"ל, חבר בד"ץ חב"ד. נאך שוהל'ן האבן זיך געעפנט און נאך גדולי ישראל און רבנים האבן זיך דארט באזעצט, צווישן זיי, חכם המקובל יצחק אלפייה ז"ל, הרב משה גבאי ז"ל, הצדיק ר' אברהם שטרנהרץ ז"ל און הצדיק ר' שמואל שפירא ז"ל ממנהיגי חסידי ברסלב אין א"י, הרה"ג ר' יצחק זאב גולדברג-יאדלר ז"ל וואס האט מקים געווען דעם "ביהכ"נ הגר"א" פאר די פליטים פון די ימין משה געגנט. במשך די צייט האט זיך דארט געעפנט א סאטמאר ביהמ"ד ווי הרה"ג ר' יחזקאל ראטה שליט"א איז געווען רב, און דערנאך הגה"ח רבי חיים אליהו שטרנברג ז"ל. אויך האט זיך געגרינדעט די "בית הכנסת הכללי" לעבן די משגב לדך שפיטאל תחת נשיאות הרה"ג יהושע סג"ל דייטש ז"ל.

הצדיק מהר"א מבעלזא זצוק"ל פלעגט דארט וויילן אין די זומער טעג ביז נאך די ימים נוראים.

אין יאר תשי"ג האט זיך געגרינדעט די ישיבת ערלוי, דורך אדמו"ר מערלוי הרה"ג ר' יוחנן סופר זצ"ל, א פינפטען דור פון חתם סופר. די ביהמ"ד און ישיבה שטייט נאך היינט לשם ולתפארת פון די גאנצע געגנט, באגלייט מיט צענדליגע משפחות מחסידי ערלוי.

מען פארציילט אז רבי יוסף חיים זוננענפעלד זצ"ל איז אמאהל אדורך די גאסן פון קטמון מיט א באגלייטער, און אראבער האבן געווארפן שטיינער, האט ער זיך דעמאלטס אויסגעדריקט "דא וועט נאך זיין א שיינע אידישע געגנט".



צו באקומען דעם גליון יעדן וואך דורך אימייל, שרייבט אייך איין: eepurl.com/g2902j

בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

# בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלת פון א"י

### ארץ ישראל בלי קליפה

בהיותו במדבר יהודה (תהילים ס"ג, א') שבחוץ לארץ במדבר הוא מקום קליפה גמורה, משא"כ בארץ ישראל אף במדבר אין הקליפה שורה, וזהו אף במדבר שורה עלי הקדושה.

(דרש משה, תהילים שם)

### קדושת שבת וקדושת ארץ ישראל

הנה אמרו כל הדר בארץ ישראל וכו' (כתובות ק"י ע"ב) ונראה דהכונה היא על דרך המבואר אצלינו כמה פעמים שקדושת שבת קודש וקדושת ארץ ישראל אחד הם, ואיש המשכיל צריך לראות ולהסתכל שיזכה לקדושת שבת קודש ולקדושת ארץ ישראל, ואי אפשר לבוא לקדושת שבת קודש בחינת ארץ ישראל בחינת מלכות, אלא על ידי שפלות באמת, כי שבת היא אותיות בשת המורה שפלות, כי על ידי הבושה נופל עליו הכנעה ושפלות, ועל כן הוצרכו ישראל מקום בואם לארץ ישראל להתעכב במדבר המורה שפלות כמאמרם ז"ל (במדבר רבה א' ז') משים עצמו כמדבר וכשיש לאדם בחינת שפלות שהוא בחינת מדבר, אחר כך בא האדם לבחינת שדה, ואחר כך בא לבחינת בית שהמה רומזין לנפש רוח ונשמה ואזי זוכה לקדושת ארץ ישראל בחינת שבת קודש בחינת מלכות ונקרא דר בארץ ישראל, וזה הדר בארץ ישראל, ודי למבין.

(אהבת שלום, פרשת שלח)

### תשוקה אליה

שיר המעלות שמחתי באומרים לי בית ה' נלך (תהלים קכ"א א') תשוקה גדולה בוערת בלב חובבי ארץ הקודש בחוץ לארץ. כי אמונה גדולה שגורה בפי כל מאמין שכל חוץ לארץ ניזון מתמצית השפעות ארץ הקודש ת"ו, וכל הישועות באות דרך שער השמים אשר פתוח בארה"ק.

(ערך דל)

### ק"ש בארץ ישראל

א"ר שמעון בן יוחאי... מדד הקב"ה את כל העיירות ולא מצא עיר שראויה שיבנה בית המקדש בה, אלא ירושלים... מדד הקב"ה בכל הארצות ולא מצא ארץ שראויה לינתן לישראל, אלא ארץ ישראל, שנאמר: עָמַד וַיְמֹדֶד אֶרֶץ רָאָה וַיַּתֵּר גּוֹיִם. (חבקוק ג. ו').

(ילקוט שמעוני ס' תקס"ג)

### חזרה לארץ ישראל

שמעתי בשם צדיק אחד שביותר יש מעלה בישיבת ארץ ישראל כשחוזר מארץ ישראל לפי שעה לחוץ לארץ, ואחר כך חוזר לשבת בארץ טועם האדם בה קדושה יתירה בפעם השניה יותר מבראשונה, והוא לדעתי נלמד מאברהם אבינו עליו השלום שכל עיקר מדריגתו ועליתו היה בפעם השניה יותר מבראשונה, ויעל אברהם ממצרים (בראשית י"ג א') נ"ל.

(אגרא דפרקא אות ק"ח)

### המתעסק בבנינה

אמר רבי יוחנן מפני מה זכה עמרי למלכות, מפני שהוסיף כרך אחד בארץ ישראל, שנאמר (מלכים א' ט"ז-כ"ד) ויקן את ההר שומרון מאת שמר בככרים כסף ויבן את ההר, ויקרא שם העיר אשר בנה על שם שמר, אדוני ההר שומרון.

(סנהדרין ק"ב ע"ב)

### מזונותיה קודם

ארץ אשר לא במסכנות תאכל בה לחם לא תחסר כל בה (דברים ח' ט') האי דנאמר בפרשת ארץ ישראל בה, דבכל העולם שליחיו של הקב"ה וארץ ישראל אין בה שלוחים אלא השכינה לבדה והיא נזונית קודם לכל העולם, וזה דנאמר בה בה שני פעמים דרק לאחר שמתפללים בארץ ישראל, מגיע השפע לעולם וכן מזונותיה דוקא קודמים לכל העולם.

(ע"פ פירוש הזהר, זוה"ק וירא ק"ח ע"ב)

**טובה הארץ מאד מאד** (במדבר יד, ז)